פּנקס
פֿון דער
קהילה

פּנקס
פון דער
קהילה
אין
בוענאָס איירעס

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

בוענאָס־איירעס
ה׳תשכ״ג — 1963

פנקס

של

הקהילה דבואנוס איירס

תשט״ז - תשכ״ב

פנקס

פון דער

קהילה אין בוענאָס איירעס

תשט"ז - תשכ"ב

צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט פון
יצחק יאַנאַסאָוויטש

ביי דער נאָענטער מיטאַרבעט פון
זלמן וואַסערצוג, פּראָפ' לאַזאַראָ שאַלמאַן און אינזש' א. א. פישער

אַרויסגעגעבן פון דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט
ביי דער קהילה אין בוענאָס־איירעס

סעקרעטאַר:
משה האָניק

שער־בלאַט געצייכנט פון
י. ראָסנער־מירסקי

רעדאַקציע־קאָמיסיע:

ד״ר טוביה קאַמענשטיין
אליעזר פרידמאַן
אָשר גראָקאָפ
משה האָניק
אברהם מיטלבערג
אינזש׳ אָסקאַר גלאַזערמאַן
שלמה ציטרין

אינהאַלט

אַ וואָרט צו לייענער — 9
ד״ר טוביה קאַמענשיין: אַן אַריינבליק אין אונדזער פּראָבלעמאַטיק (הקדמה) — 11

.1

די קהילה — אירע פּראָבלעמען און אירע אַקטיוויטעטן

אליעזר פרידמאַן: דריי גרונט־פּרינציפּן פון אונדזער אַקטיוויטעט — 17
אשר גראָקאָפּ: אַ פּראָבלעם וואָס געפינט זיך נאָך אַלץ אויף אונדזער סדר־היום — 25
יצחק יאַנאַסאָוויטש: דער סטאַטוטן־רעפאָרם און די דעמאָקראַטיזאַציע פון דער קהילה 29
א. א. פישער: די יידישע פּאַרטייען אין בוענאָס־איירעס — 49
משה האַניק: דער זין פון אונדזער גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן המשך — 69
משה קויפמאַן: די טעטיקייט פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה — 74
לייב גאָלד: אַ ישוב אין גראַנגל — 135
בערל קאָברינסקי: די אַנטוויקלונג פון אונדזער שול־וועזן אין משך פון די לעצטע 6 יאָר 141
שרה פישער: אונדזערע קינדער־גערטנער אין די לעצטע פינף יאָר — 167
מאיר בערלסאָן: דער לערער־סעמינאַר אינטערנאַט אין מאָזעסוויל — 173
ד״ר דוד רויזין: די דערנענטערונג פון דער יידישער יוגנט צום יידישן לעבן — 185
פינף יאָר טעטיקייט פון יוגנט־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה — 188
א. א. פישער: איבערבליק איבער פיר קהילה־דעפּאַרטאַמענטן: 1) סאָציאַלע הילף 2) אָן־פּראָצענטיקע הלוואות פאַר מיטגלידער; 3) סובסידיעס פאַר עולים און קיבוצים; 4) די חברה־קדישא אָפּטיילונג — 202
דוד קולאַקאָווסקי: די בוררות־קאָמיסיע ביי דער קהילה — אַ מאָראַליזירנדיקער פאַקטאָר אין אונדזער לעבן — 226
א. א. פישער: די אַרבעט פון דער בוררות־קאָמיסיע — 232
ב. שטולבאַך: די קהילה און אירע טעטיקייטן אויפן רעליגיעזן געביט — 236
דער אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע פאָרשונגען ביי דער קהילה — 246
דער חתונה־רעגיסטער ביי דער קהילה פון בוענאָס־איירעס — 248
די וואָס זענען געשטאַנען בראש און האָבן אָנגעפירט מיט דער קהילה — 263
צוזאַמענשטעל פון די קהילה־פאַרוואַלטונגען פון יאָר 1954 ביז 1957 — 272
רשימה פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, קאָמיסיע־מיטגלידער און מיטגלידער פון די קאָנסולטיווע ראַטן אין די צוויי פעריאָדן: 1957־1960 און 1960־1963 — 273
וועד החינוך המרכזי אין די יאָרן 1957־1960 און 1960־1963 — 280
אייניקע דאַטן פון אונדזער קהלשן לעבן — 281

.2

די טעטיקייט פון וועד הקהילות

זלמן וואַסערצוג: **צען יאָר עקזיסטענץ פון וועד הקהילות** — 287

פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע (רעפעראַטן און באַריכטן אויפן 5טן צוזאַמענפאָר פון וועד הקהילות):

ד״ר ט. קאַמענשיין: **אונדזער ישוב אין ליכט פון זיינע 100 יאָר עקזיסטענץ** — 315
אליעזר פרידמאַן: **אַ וואָרט פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר** — 318
מאַרק טורקאָוו: **פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַספּעקטן פון די קהילות** — 321
ד״ר אברהם זאַלצמאַן: **די פונקציע פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן** — 323
הרב יעקב פינק: **רעליגיעזע ענינים** — 325
חיים פינקעלשטיין: **אונדזער קולטור און דערציִונגס־פּאָליטיק** — 326

פראָפ׳ לאַזאַראָ שאַלמאַן: דער נייער דור — — — — — — — — — — — — — 328
זלמן וואַסערצוג: אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן פון די קהילות — — — — — — — — — 331
מ. יאַגופסקי: דער ספרדישער בייטראָג צום קהילה־לעבן — — — — — — — — — — 339
ד״ר בכור איסאַיעוו: פּראָבלעמען פון די ספרדישע קהילות — — — — — — — — — — 341
אינזש׳ אַלפרעדאָ אַבולאַפיאַ: די ספרדים אין אַרגענטינע — — — — — — — — — — 342

סימפּאָזיום אויף דער טעמע: „פּערספּעקטיוון פאַרן ייִדישן לעבן
אין אַרגענטינע״, מיטן אָנטייל פון:

ד״ר ט. קאַמענעשיין — 343
ד״ר נתן לערנער — 344
אינזש׳ שלום ראָזענבערג: — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 345
שלמה סוסקאָוויטש, — 347
ד״ר לעאָן דוכאָווני, — 348
מאיר בערעלסאָן: ייִדיש שול־וועזן אין דער פּראָווינץ אין די לעצטע 5 יאָר — — — — 350

.3

אונדזער ישוב ביים אַריינטרעטן אין צווייטן יאָרהונדערט פון זיין עקזיסטענץ

פאַליק לערנער: די פייערונגען פון 100 יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע — — — — — 379
י. צודיקער: „דאיא״ — די פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון אַרגענטינער ייִדנטום — — 402
משה שענדעריי: דער ישוב אין אַרגענטינע און זיינע פאַרבינדונגען מיט דער ייִדי־
שער וועלט — 419
י. י. לערמאַן: ייִדישע קאָנגרעגאַציע פון אַרגענטינע — — — — — — — — — — — 430
משה פריידע: אונדזערע אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער הילף — — — — — — — — — 440
אברהם גאַבים: דער איצטיקער צושטאַנד פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע — — — — 455
משה פריידע: דער ייִדישער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוויזם אין אַרגענטינע — — — — — 467
ד״ר ל. זשיטניצקי: דער ייִדישער אָנטייל אין דער אַרגענטינער קולטור, קונסט און
וויסנשאַפט — 477
פאַליק לערנער: דער בייטראָג פון דער קהילה צום אויפבוי פון בתי־עם — — — — — 513
ייִדיש טעאַטער אין אַרגענטינע — — — — — — — — — — — — — — — — — 522
טעטיקייט פון אַרגענטינער ייִוואָ פאַר די לעצטע זעקס יאָר — — — — — — — — — 533
נ. קריטשמאַר: דער שרייבער־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג״ — — — — — — — — — — 538
ב. פּיק: דער אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס — — 544
רשימה פון ביכער און אויסגאַבעס דערשינענע אין די יאָרן 1956־1962 — — — — — 552
ייִדישע צייטונגען און צייטשריפטן אין די יאָרן 1956־1962 — — — — — — — — — 564

.4

ייִדישע שרייבער פון אויסלאַנד וועגן אונדזער ישוב

אפרים אויערבאַך: פאַרשידן זיינען די וועגן — — — — — — — — — — — — — — — 569
אהרן אַלפּערין: די אַלט־נייע ייִדישע פעסטונג וואָס איז אָפּגעהיטן געוואָרן אין אַרגענטינע 573
שלמה ביקל: די ייִדישע אַרגענטינע — — — — — — — — — — — — — — — — — 576
יצחק באַשעוויס: די קהילה אין בוענאָס־איירעס איז אַן איבעראַשונג — — — — — — 583
יעקב גלאַטשטיין: ישוב אַרגענטינע — — — — — — — — — — — — — — — — — 585
חיים גראַדע: ווי איך זע דעם ישוב אין אַרגענטינע — — — — — — — — — — — — 589
ד״ר חיים שאָשקעס: אַ פּאָר ווערטער „ממעמקים״ — — — — — — — — — — — — 596
בצלאל שערמאַן: ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע — — — — — — — — — — — — — — 599
מרדכי שטריגלער: מיט מער אינטערעס — — — — — — — — — — — — — — — — 611

.5

שפּאַנישע אָפּטיילונג

דאָס זוכצעטל פון דער שפּאַנישער אָפּטיילונג — זע זייט — — — — — — — — — — 710

תוכן

דבר לקורא — 9
ד״ר טוביה קמנשיין: **עיון בפרובלמטיקה שלנו** (הקדמה) — — — — — — — — — — — — 11

.1

הקהילה ופעולותיה

אליעזר פרידמן: **שלשה עיקרים יסודיים בפעולותנו** — — — — — — — — — — — — 17
אשר גרוקופ: **בעיה קיימת ושרירה על סדר יומנו** — — — — — — — — — — — — 25
יצחק ינוסוביץ: **שינוי התקנון והדימוקרטיזציה של קהילתנו** — — — — — — — — — 29
א. א. פישר: **המפלגות היהודיות בבואנוס־איירס** — — — — — — — — — — — — — 49
משה הוניק: **משמעות ההמשך הרוחני והחברתי** — — — — — — — — — — — — — 69
משה קויפמאן: **פעולות המחלקה לתרבות על יד הקהילה** — — — — — — — — — — 74
לייב גולד: **לבטיו של ישוב** — 135
דוב קוברינסקי: **התפתחות בתי ספרנו במשך שש השנים האחרונות** — — — — — — — — 141
שרה פישר: **גני הילדים בחמש השנים האחרונות** — — — — — — — — — — — — — 167
מאיר ברלסון: **הפנימיה של בתי הספר למורים במוזסויל** — — — — — — — — — — 173
ד״ר רוד רויזין: **שובו הנוער היהודי לחיים היהודיים** — — — — — — — — — — — 185
פעולות של מחלקת הנוער על יד הקהילה, במשך חמש שנים האחרונות — — — — — 188
א. א. פישר: **סקירה על ארבע מחלקות בקהילה: 1) עזרה סוציאלית; 2) הלוואות לחברי הקהילה; 3) תמיכות לעולים וחלוצים; 4) חברה קדישא** — — — — — — — — — — 202
דוד קולקובסקי: **ועד הבוררות ע״י קהילה — גורם מחנך בחיים שלנו** — — — — — — — 226
א. א. פישר: **פעולת ועדת הבוררות** — — — — — — — — — — — — — — — — — 232
ב. שטולבך: **פעולות הקהילה בשטח הדתי** — — — — — — — — — — — — — — — 236
המחלקה למחקר סוציאלי על ידי הקהילה — — — — — — — — — — — — — — — 246
פנקס רשימת החתונות על יד הקהילה דבואנוס־איירס — — — — — — — — — — — 248
ראשי הקהילה וחברי הנהלתה — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 263
הרכב ועדות ע״י הנהלת הקהילה משנת 1954 עד 1957 — — — — — — — — — — — 272
רשימת חברי הנהלת הקהילה, ועדות שונות, וחברי המועצה במשך שתי התקופות: 1957־1960 ו׳1960־1963 — — — — — — — — — — — — — — — — — 273
ועד החינוך המרכזי בשנות 1957־1960 ו׳1960־1963 — — — — — — — — — — — — 280
פרטים שונים מחיינו הקהילתיים — — — — — — — — — — — — — — — — — — 281

.2

פעולות וועד הקהילות

זלמן ווסרצוג: **עשר שנות קיומו של וועד הקהילות** — — — — — — — — — — — — — 287

בעיות החיים היהודיים בארגנטינה (הרצאות ודו״חים בכינוס החמישי של ועד הקהילות):

ד״ר ט. קמנשיין: **ישובנו לאור 100 שנות קיום** — — — — — — — — — — — — — — 315
אליעזר פרידמן: **דבר מהמזכיר הכללי** — — — — — — — — — — — — — — — — 318
מארק טורקוב: **המצב הפוליטי והחברתי של הקהילות** — — — — — — — — — — — 321
ד״ר אברהם זלצמן: **תפקידי הוועדות האיזוריות** — — — — — — — — — — — — — 323
הרב יעקב פינק: **ענינים דתיים** — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 325
חיים פינקלשטיין: **הפוליטיקה התרבותית והחינוכית שלנו** — — — — — — — — — — 326
פרופ׳ ל. שלמן: **הדור החדש** — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 328
זלמן ווסרצוג: **בעיות ארגוניות של הקהילות** — — — — — — — — — — — — — — 331

מ. יגובסקי: **תרומת הספרדים לחיים הקהילתיים** — — — — 339
אינזש׳ אלפרידו אבולעפיה: **הספרדים בארגנטינה** — — — — 342

סימפוזיון על הנושא: „סיכויי החיים היהודיים בארגנטינה״, בהשתתפות:

ד״ר טוביה קמנשיין — — — — 343
ד״ר נתן לרנר — — — — 344
אינזש׳ שלום רוזנברג — — — — 345
שלמה סוסקוביץ — — — — 347
ד״ר לעאָן דוכבנה — — — — 348
מאיר ברלסון: **בתי ספר היהודיים בערי השדה במשך 5 שנים האחרונות** — — — — 350

3.

ישובנו בסף כניסתו למאה השניה לקיומו

פליק לרנר: **חגיגות להזדמנות 100 שנות קיום של חיים יהודיים בארגנטינה** — — — — 379
י. צודיקר: **דאיא — הנציגות הפוליטית של יהדות ארגנטינה** — — — — 402
משה שנדריי: **הישוב בארגנטינה וקשריו עם העולם היהודי** — — — — 419
י. י. לרמן: **הקונגרגציה היהודית בארגנטינה** — — — — 430
משה פריידע: **מוסדנו לעזרה סוציאלית** — — — — 440
אברהם גבים: **המצב האקטואלי של הקולוניזציה היהודית** — — — — 455
משה פריידע: **מוסדות האשראי בארגנטינה** — — — — 467
ז״ר ל. זשיטניצקי: **ההשתתפות היהודית בתרבות האומנות והמדע הארגנטינאים** — — — — 477
פליק לרנר: **תרומת הקהילה להקמת בתי־עם** — — — — 513
תיאטרון יהודי בארגנטינה — — — — 522
פעולות הייווא הארגנטינאי במשך שש השנים האחרונות — — — — 533
נ. קריטשמר: **אגודת הסופרים „ה. ד. נומברג״** — — — — 538
ב. פיק: **הסניף הארגנטינאי של „הקונגרס היהודי התרבותי העולמי״** — — — — 544
רשימת ספרים והוצאות שיצאו לאור בשנות 1956־1962 — — — — 552
עתונים יהודיים, שבועונים, ירחונים וכו׳ במשך שנות 1956־1962 — — — — 564

4.

סופרים יהודיים מחוץ לארגנטינה על ישובנו

אפרים אוירבך: **שונות הן הדרכים** — — — — 569
אהרן אלפרין: **המצודה העתיקה־חדשה שנשמרה בארגנטינה** — — — — 573
שלמה ביקל: **ארגנטינה היהודית** — — — — 576
יצחק באַשעווים: **הקהילה בבואנוס־איירס מפתיעה** — — — — 583
יעקב גלטשטיין: **ישוב ארגנטינה** — — — — 585
חיים גראַדע: **כיצד אני רואה את הישוב הארגנטינאי** — — — — 589
ד״ר חיים שושקס: **כמה דברים „ממעמקים״** — — — — 596
בצלאל שרמן: **חיים יהודים בארגנטינה** — — — — 599
מרדכי שטריגלר: **ביתר התעניינות** — — — — 611

המחלקה הספרדית

ראה דף — — — — 710

אַ וואָרט פריִערוויס צום לייענער

מיטן אַרויסגעגעבן דעם דאָזיקן „פנקס" זיינען מיר אויסן צו באַנייען אַ ווערטפולע אַרבעט וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק דורך דעם קולטור־דעפאַרטאַמענט ביי דער קהילה אין בוענאָס־איירעס: מיר מיינען דאָ דאָס אַרויסגעבן די קהילה־יאָרביכער אויף דעם אופן ווי זיי זיינען דערשינען אין די יאָרן תשי"ד און תשט"ו. מחמת דעם וואָס דאָס יערלעכע דערשיינען פון די דאָזיקע זאַמלביכער איז צוליב פאַרשיידענע סיבות איבערגעריסן געוואָרן נאָכן אַרויסגעבן דאָס „יאָרבוך תשט"ו", האָבן מיר אין דעם איצטיקן זאַמלבוך זיך באַמיט אָפצושפיגלען די טעטיקייט און די אַנטוויקלונג פון דער קהילה מאז ועד הנה, דאָס הייסט: פון יאָר תשט"ז ביז דעם יאָר תשכ"ג.

פאַרשיידענע אַרבעטן וואָס גייען אַריין אין דעם „פנקס" וועלן דעם לייענער דערציילן וועגן די וויכטיקע ענדערונגען וואָס זיינען אין משך פון די דאָזיקע יאָרן פאָרגעקומען אין אונדזער קהילה־לעבן. דער יסוד פון די דאָזיקע אַלע ענדערונגען איז דער געביטענער סטאַטוט פון דער קהילה וואָס האָט איינגעפירט אַלגעמיינע פראָפאָרציאָנעלע וואַלן פון די קהילה־אינסטאַנצן. דער באַריכט פון די קהילה־טעטיקייטן הייבט זיך, בכן, אָן פון דעם מאָמענט ווען ס'איז געוויילט געוואָרן די ערשטע פאַרוואַלטונג אויף דער באַזע פון דעם נייעם רעפאָרמירטן סטאַטוט און ער ענדיקט זיך מיטן אָפשלוס פון דעם ערשטן האַלב־יאָר תשכ"ג, דאָס הייסט: פינף חדשים איידער די צווייטע פאַרוואַלטונג, געוויילט אויף דער זעלביקער באַזע, פאַרענדיקט איר קאַדענץ.

דאָך וועט דער לייענער אין אייניקע באַריכט־אַרבעטן זיך אָנטרעפן אויף דאַטן פון פריִערדיקע יאָרן — דאָרט ווּ די פריִערדיקע דאַטן העלפן בולטער אַרויסברענגען דאָס בילד און דעם מהות פון די טעטיקייטן אין דעם באַריכט־פעריאָד.

דער „פנקס" איז לכתחילה פלאַנירט געוואָרן בעיקר ווי אַ זאַמלבוך וואָס זאָל זיין געווידמעט די אַקטיוויטעטן פון דער קהילה־אינסטיטוציע. אין לויף פון די צוגרייטונגען האָבן מיר אָבער איינגעזען, אַז אונדזער קהילה־לעבן וועט נישט קענען גענוג פאַרשטאַנען ווערן אויב מיר וועלן נישט, כאָטש אויף אַ קאַרגן אופן, סקיצירן דאָס בילד פון אונדזער ישוב־לעבן. הערפאַר האָבן מיר צו דער אָפטיילונג פון דער קהילה און ועד הקהילות צוגעגעבן די אָפטיילונג וועגן אונדזער ישוב וואָס איז אין דעם דאָזיקן פעריאָד איבערגעטרעטן די שוועל פון זיין ערשטער הונדערט־יעריקייט. קיינער דאַרף אָבער אין דער דאָזיקער אָפטיילונג נישט זוכן דאָס פולע אויסשעפנדיקע בילד פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אונדזער ישוב. דאָ זיינען נאָר באַהאַנדלט געוואָרן די וויכטיקסטע אַספעקטן פון דעם דאָזיקן לעבן און דערצו אויף אַ גענוג סינטעטישן אופן.

אויך אין דער דאָזיקער, דריטער, אָפטיילונג האָבן מיר, אין תוך גענומען, זיך געהאַלטן אין די באַריכט־ראַמען פון די יאָרן תשט"ז ביז תשכ"ג. מיר האָבן אויסגעמיטן די ווייטערע געשיכטלעכע פאַרגאַנגענהייט, ווייל מיר האָבן בעיקר געוואָלט געבן די מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון אונדזער אַקאָרשטיקער פאַרגאַנגענהייט. ס'איז אוממעגלעך געווען אויסצומיידן געוויסע איבערחזרונגען, ווייל ס'איז אומ־

מעגלעך געווען אַז דער שרייבער וואָס דערציילט וועגן דער טעטיקייט פֿון וועד הקהילות זאָל נישט דערמאָנען די אַרבעט אויפֿן שול־געביט אין דער פּראָווינץ, כאָטש דער דאָזיקער אַרבעט איז געווידמעט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. דאָס זעלביקע האָט אויך געמוזט געשען אין די אַרבעטן וועגן דער קולטור־טעטיקייט פֿון דער קהילה ווּ מיר וועלן זיך אָנטרעפֿן אויף פֿאַקטן וואָס ווערן דערמאָנט אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן דער יוגנט־טעטיקייט. און אַזוי אויך אין אַ ריי אַנדערע אַרבעטן וואָס זייערע מחברים זיינען גאָרנישט צופֿעליק אַריבער זייער אָנגעצייכנטע גרענעץ, מחמת די שותּפֿותדיקע גרענעצן צווישן איין קהילה־טעטיקייט און אַ צווייטער זיינען אָפּט זייער פֿליסיקע.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון פֿון דעם, אַז דאָ און דאָרט זיינען מעגלעך אַריינגעפֿאַלן טעותים און אומפּינקטלעכקייטן. אין אַזאַ גרויסער קאָלעקטיווער אַרבעט זיינען זיי אומפֿאַרמיידלעך, כאָטש מיר האָבן זיך געגעבן די מי זיי, אויף וויפֿל ס'איז נאָר מעגלעך, צו פֿאַרמיידן. פֿאַר דעם וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן צו פֿאַרמיידן בעטן מיר פֿריִערווייס אַנטשולדיקונג ביים לייענער.

לסוף ווילן מיר באַמערקן אַז אַ ריי מחברים האָבן אין זייערע אַרבעטן פֿאַרן „פּנקס" אויסגענוצט די מאַטעריאַלן פֿון פּרעסע־אַרכיוו ביים קולטור־דעפּאַרטאַמענט פֿון דער קהילה.

די רעדאַקציע

ד"ר טוביה קאַמענשיין

אַן אַריינבליק אין אונדזער פּראָבלעמאַטיק

(הקדמה)

עס איז שוין אַן אָנגענומענע מיינונג, אַז אונדזער ישוב באַמיט זיך צו זיין אין אַ סך אַספּעקטן דער המשך פון דעם נוסח מזרח-אייראָפּע. מיטן אַרויסגעבן דעם דאָזיקן פּנקס באַנייט די קהילה, נאָך אַן איבעררייס פון אייניקע יאָרן, אירע אַלמאַנאַכן, וואָס זייער ציל איז אָפּצושפּיגלען אונדזער קהילה-לעבן און זי באַנייט אַזוי אַרום די טראַדיציע פון די אַמאָליקע אומגעקומענע קהילות, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסגעבן זאַמלונגען מיט מאַטעריאַלן פון היסטאָרישן ווערט.

זינט עס איז דערשינען די לעצטע קהילה-אויסגאַבע זיינען שוין פאַרביי 7 יאָר. 7 יאָר איז אַ מינימאַלער צייט-אָפּשניט פאַר אַ ישוב, אָבער וואָס שייך אונדזער ייִדיש לעבן און אונדזער פּראָבלעמאַטיק אין לאַטיין-אַמעריקע, זיינען די לעצטע יאָרן באמת רעוואָלוציאָנערע אויף אַ סך געביטן.

די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון די לענדער אין וועלכע מיר לעבן זיינען פאַר אונדז ייִדן אויף דעם קאָנטינענט קיינמאָל נישט געווען פרעמד. מיר האָבן געלערנט פון אונדזער אַלטער געשיכטע אַז פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען פון די אַרומיקע פעלקער האָבן אויך אַ דירעקטע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון אונדזערע ישובים. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָבן די סתירות, סאָציאַלע קאָנפליקטן, דערהויפּט די פּאָליטישע אומסטאַביליטעט אויף דעם טייל פון דער וועלט, זיך אַזוי פאַרשאַרפט, אַז אונדזערע קהילות, וואָס געפינען זיך אין געראַנגל-פּראָצעס פון אינערלעכער קריסטאַליזאַציע און קאָנסאָלידאַציע, האָבן זיך דערזען פּנים אל פּנים מיט אַ דערשיינונג וואָס אַ סך האָבן געגלייבט אַז זי איז שוין פרעמד פאַר דער ערד פון פרייהייט.

אין די לעצטע יאָרן האָט דער קלאַסישער ציוניסטישער דיאַגנאָז און אַנאַליז פון ייִדישער גלות-ווירקלעכקייט געפונען זיין פולע אָנווענדונג ביי אונדז דאָ. דער פאַקט צווינגט אונדז צו אַן ערנסטן ישוב-הדעת וואָס וועט זיך דאַרפן אויסווירקן אין אונדזער צוקונפטיקער אַקטיוויטעט. עס איז מיין כוונה אין דעם אַריינפיר-וואָרט אונטערצושטרייכן אַ פּאָר עיקר-אַספּעקטן פון אונדזער לעבן.

אויב מען דענקט אַז עס איז פאַראַן אַן אייגנאַרטיקייט אין אונדזער ישוב לגבי אַנדערע גרויסע ייִדישע מרכזים אין דער וועלט, ווי צפון-אַמעריקע, ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך, האַלטן מיר אָבער אַז עס איז נאָך פריצייטיק צו רעדן וועגן אַ ספּעציעלן נוסח. אונדזער אייגנאַרטיקייט שטאַמט פון דעם פאַקט וואָס אין אונדזער קריסטאַליזירונגס-פּראָצעס פאַרנעמט נאָך דער נוסח מזרח-אייראָפּע דעם הויפּט-פּלאַץ און דאָס שטאַמט פון דעם פאַקט, וואָס דער רוב מנין ובנין פון היינטיקן ישוב איז צוזאַמענגעשטעלט פון דער גרויסער אימיגראַציע-כוואַליע וואָס איז געקומען צו די ברעגן פון לאַ-פּלאַטאַ-טייך אין דעם פּעריאָד פון סוף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה ביזן אויסברוך פון דער צווייטער.

די גרויסע אימיגראַציע איז דער יסוד פון אונדזער היינטיקן געזעלשאַפטלעכן

לעבן. דער אַמאָליקער גלאַנץ פון די קאָמערציעלע האַנדלס-קאָאָפּעראַטיוועס מיט די „קוענטעניקעס", שפּעטער די פאַרשיידענע גרעמיאַלע אָרגאַניזאַציעס, בענק, קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוועס, ציוניסטישע פּאַרטייען, קולטור-געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן באַקומען זייער גראַוויטאַציע אויף ייִדישע מאַסן מיט דעם אָנקום פון דעם שטראָם; די וועלטלעכע באַוועגונגען, דער שול-וועזן, — זיי אַלע זיינען אַ דירעקטער פּועל-יוצא פון דער תקופה.

דאָס קליינע פּויליש-ייִדישע שטעטל, מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן, איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי בוענאָס-איירעס, וווּ דער ייִדישער אימיגראַנט האָט אָנגעהויבן דעם געראַנגל פאַר פרנסה און פאַר דערגרייכן אַ העכערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּאָזיציע, ווי די וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיין אַמאָליקער היים. די צוויי באַגערן האָבן שטאַרק משפיע געווען אויף דעם אויסזען פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט.

די גרויסע ראָל וואָס די קאָלאָניסטישע עמיגראַציע האָט געשפּילט אין אונדזער ישוב איז נישט צו דיסקוטירן. דער דור פון די קאָלאָניסטן, פון 1890 ביז 1914 איז אָבער כמעט שוין פאַרשוואונדן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו. ער האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, אָבער אָן אַ ממשותדיקן המשך, ווייל זיינע זין און טעכטער וועלכע וואָלטן היינט געדאַרפט זיין דער הויפּט-שיכט פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער פירערשאַפט, איז אַ חוץ אַ קליינעם פּראָצענט ייִדישע פּראָפעסיאָנאַלן, פרעמד צו דעם ייִדישן אַקטיוון לעבן. אַ סך פון זיי זיינען אַבסאָרבירט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער קולטור פון לאַנד. אייניקע האָבן זיך אויסגעווירקט אין דעם פּאָליטישן לעבן, אָבער דער גרויסער רוב, ספּעציעל פּראָפעסיאָנאַלן און אוניווערזיטאַריער, זיינען געבליבן אַפּאַטיש צו דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט.

דערפאַר זעען מיר היינט, אַז דער רוב עסקנים אין פאַרצווייגטן שול-וועזן, אין די עקאָנאָמישע, קולטורעלע און אין די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, ווי אויך אין די ציוניסטישע ריכטונגען זיינען פון דעם אימיגראַנטישן דור, וועלכער איז געקומען נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה און אפילו די קינדער פון אָט דעם דור זיינען פּראָפּאָרציאָנעל אַ סך מער פאַרטראָטן אין ייִדישן לעבן ווי די קינדער פון די קאָלאָניסטן.

ס'איז וויכטיק די דאָזיקע ווירקלעכקייט גרינטלעך צו אַנאַליזירן, בכדי צו פאַרשטיין געוויסע פּראָצעסן און צו באַנעמען געוויסע פּראָבלעמען פאַר וועלכע אונדזער ישוב שטייט היינט.

וואָס איז דער הויפּט-יסוד פון ייִדישקייט אין אונדזער ישוב? וואָס איז דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין אונדזער געראַנגל פאַר קיום? איז עס דאָס רעליגיעזע געפיל ווי אין דער אַמאָליקער אַלטער היים? דער טראַדיציאָנעלער סענטימענט, ווי אין צפון-אַמעריקע, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער? אָדער איז עס דער קולטורעל-אויטאָנאָמיסטישער און וועלטלעך-פאָלקסטימלעכער דראַנג, צוזאַמענגעפּאָרט מיט דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, אַז מיר געהערן צו אַ פאָלק וואָס שטייט אין קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלער באַפרייונג אויף דער באַזע פון דער ציוניסטישער וויזיע?

איך גלייב, אַז מיר קענען נאָך נישט געבן קיין קלאָרן ענטפער. אונדזער ישוב איז נאָך צו יונג, אַז ער זאָל שוין האָבן אַן אייגענעם, אייגנאַרטיקן פּרצוף. דער ספּרדישער סעקטאָר, וועלכער איז כמעט אַ 20 פּראָצענט פון ישוב, איז בלויז פאָרמעל רעליגיעז, אָבער אין זיין יוגנט מערקן זיך ערנסטע וועלטלעך-נאַציאָנאַלע געפילן. די צענטראַל-אייראָפּעיִשע ייִדן וועלכע זיינען אַ 10 פּראָצענט פון ישוב, זיינען נאָך כמעט אַזוי ווי זיי זיינען געווען אין בערלין, פראַנקפורט, צי ווין: ליבעראַל-רעליגיעז און אַסימילאַטאָריש, אָבער אין אייניקע קרייזן זייערע מערקט זיך אַ סימפּאַטיע צום נאַציאָנאַלן געדאַנקען-גאַנג.

דער גרויסער מזרח־אייראָפעיִשער טייל פון ישוב, וועלכער איז פריִער מיט אייניקע צענדליק יאָר געווען אין זיין מערהייט קולטורעל־וועלטלעך, נישט רעליגיעז און אַנטי־ציוניסטיש, האָט דורכגעמאַכט אַ מעטאַמאָרפאָזע צו נאַציאָנאַלע סענטימענטן און ציוניזם, צו טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, אָנהאַלטנדיק זיין פאָלקסטימלעכן שטייגער. דאָס צענטראַלע פראָבלעם פון אונדזער ישוב וועט זיין און איז שוין איצט: מיט וואָס פילן מיר אָן די נשמה פון יונגן ייִד? עס איז נישט נאָר אַ פראָבלעם צו וויסן פאַרוואָס מען איז אַ ייִד, נאָר אויך ווי אַזוי צו זיין אַ ייִד? איז מעגלעך אַ ווידערגעבורט פון טראַדיציאָנאַליזם ביי די קומענדיקע דורות וועט דער הויפט־פאַקטאָר זיין דער נאַציאָנאַלער סענטימענט, אָדער די צוציִונגס־קראַפט פון ישראל?...

די אַלגעמיין־ספעציפישע, סאָציאַל־פאָליטישע פראָבלעמען פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער ווירקן אויך שטאַרק אויף דער גייסטיקער און פאָליטישער פאָרמאַציע פון אונדזער יוגנט, דאָ טרעפן מיר זיך אָן אויף פאַקטאָרן וועלכע זיינען נישט פאַראַן אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער. דערפאַר מערקט זיך ביי אונדז אַ גרעסערע נטיה פון דער יוגנט צו נאַציאָנאַל־סאָציאַלע אידעאַלן.

דער עסקן וועלכער איז געווען און איז נאָך היינט דער כוח דורך וועלכן עס דרייט זיך דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן, גייט אַריין אין אַ פעריאָד פון ערנסטן קריזיס. עלטער, מידקייט, עקאָנאָמישע אַספעקטן שוואַכן אָפ דאָס עסקנות און עס שטעלט זיך דערום די פראַגע: צי וועלן מיר האָבן אין אַ דור אַרום דעם אייגנאַרטיקן טיפ עסקן פון איצט?, מערקט זיך ביי די קינדער פון דעם עסקנים־דור אַ נייגונג פאַרצוזעצן דעם וועג פון די עלטערן?, אין דער הינזיכט איז די פערספעקטיוו אַ פעסימיסטישע. דאָס פראָבלעם ווערט נאָך מער פאַרשאַרפט דורך דעם וואָס דער אַקטיווער אידעאַליסטישער עסקן האָט נישט דערמעגלעכט עס זאָל זיך איינשטעלן יענער שיכט פון הי־געבוירענער אינטעליגענץ וואָס זאָל ווערן דער קוואַל פון עסקנים־פונקציאָנערן.

עס מערקט זיך אַ גערעאַנגל אויפן קולטורעלן און חינוך־געביט, פון איין זייט גייט דער גערעאַנגל אָנצוהאַלטן די מזרח־אייראָפעיִשע פאָלקסטימלעכקייט, און פון דער צווייטער זייט, גייט אָן דער פראָצעס פון צופאַסן זיך צו די אייגנשאַפטן פון די נייע און קומענדיקע דורות, וואָס צוליב זיי ווערן אָנגעווענדט נייע וועגן און מעטאָדן. אַ דריטע טענדענץ גלייבט אין דער מעגלעכקייט פון דער געגאַרטער סינטעזע וועלכע זאָל באַשטיין פון דער קערנדיקער טראַדיציאָנעלער פאָלקס־ייִדישקייט, צוזאַמענגעגאָסן מיט וועלטלעך־נאַציאָנאַלע באַנייטע ווערטן.

די קהילה וועלכע איז געווען און איז אין לעבן פון פאָלק במשך דורות דער גרויסער אינסטרומענט פון ייִדישער גייסטיקער זעלבשטענדיקייט, גייט ווייטער אויף איר קלאַסישן וועג מיט אָפענע אויגן בכדי צו זען אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום איר און אויך אין איר, אין דער פערמאַנענץ פון גערעאַנגל און קאַמף פאַר ייִדישקייט.

דער פנקס וועט זיכער דינען פאַר די עסקנים און פאַר פאָרשערס, שרייבערס און געלערנטע ווי אַ מקור פון וויסן וועגן דעם לעבן און שאַפן פון איינעם פון די גרויסע ייִדישע צענטערס אין אונדזער צייט.

די קהילה־פאַרוואַלטונג ביים דערשיינען פון „פנקס"



עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: דוד שפּיגל, דוד קלימאָווסקי, ד״ר דוד רויזין, משה האָניק, אליעזר פרידמאַן, ד״ר טוביה קאַמענשטיין, אשר גראַקאָף,
דוד קולאַקאָווסקי, שמואל גלאַזערמאַן, אַנטאָניאָ קליין, קדיש ווייס, משה פישמאַן ע״ה.

עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: משה קאַפּלאַן, ישראל קאַרפּעס, יוסף מענדל גליקסמאַן, לעאָן ראַבינאָוויטש, דוד רעזניק, לייב גאָלד, פּעליפּע
לאָי, ישראל גרינבוים, מאיר פּרענגלער, שמאי טראַכטער, מאיר זעליגמאַן, מאַנפרעדאָ אנספּאַטש און דער געוו׳ קהילה־אַנגעשטעלטער ש. שעכמאַן ע״ה.
(עס פּעלט: ש. ציטרין).

I

פּראָבלעמען און אַקטיוויטעטן פון דער קהילה
אין די יאָרן 1957־1963

אליעזר פרידמאַן

די דריי גרונט־פּרינציפּן פון אונדזער אַקטיוויטעט

ווען מען פרעגט מיך וואָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר דער טעטיקייט פון די צוויי קהילה־פאַרוואַלטונגען וועלכע זיינען געוויילט געוואָרן נאָכן סטאַטוטן־רעפאָרם, אויפן סמך פון פראָפאָרציאָנעלע וואַלן, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר זייער אָנשטרענגונג איז דער כסדרדיקער געראַנגל צו שטעלן די קהילה־אינסטיטוציע אין דינסט פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט, פון אַלע אירע סעקטאָרן און פון אַלע אירע שיכטן. אויף דעם געביט, מעג איך זאָגן, האָט די אָנפירונג פון דער קהילה זיך לגמרי נישט גערעכנט דערמיט אויב אַ געוויסער סעקטאָר האָט אַ גרעסערע, צי אַ קלענערע פאַרטרעטערשאַפט אין דער פאַרוואַלטונג, אָדער ער האָט אין דער קהילה־לייטונג קיין שום פאַרטרעטערשאַפט נישט. עס איז טאַקע אמת, אַז די וואָס פירן איצט אָן מיט דער קהילה זיינען מענטשן וועלכע האָבן לאַנגע יאָרן געזעלשאַפטלעך געקעמפט פאַר דער העגעמאָניע פון פאָליטיש־פאַרטייאישע באַוועגונגען אין אונדזער לעבן. אָבער ווען דער דאָזיקער קאַמף איז געוווּנען געוואָרן, האָבן די אָנפירנדיקע פאַרטיי־פאָרשטייער אין דער קהילה, אויף איין רגע נישט געטראַכט, אַז די קהילה קען זיין עפּעס אַנדערש ווי אַ כלל ישראלדיקע אינסטיטוציע אין פולן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט. און ווער עס וועט אויפמערקזאַם לייענען און שטודירן די פאַרשיידענע אַרבעטן אין דעם „פנקס”, וואָס שפּיגלען אָפּ די באַזונדערע געביטן פון דער קהילה־טעטיקייט, וועט זיך אין דעם גאַנץ גרינג איבערצייגן.

מיר האָבן איבערגענומען די אָנפירונג פון דער קהילה אין אַ מאָמענט ווען אונדזער ישוב האָט פאַרענדיקט זיינע ערשטע הונדערט יאָר עקזיסטענץ און איז אַריינגעטראָטן אין די צווייטע הונדערט יאָר פון זיין לעבן. מיר האָבן די דאָזיקע היסטאָרישע געשעעניש געפייערט נישט בלויז פאָרמעל, נאָר מיר האָבן פון איר געצויגן געוויסע שלוסן. הונדערט יאָר איז אין דער יידישער געשיכטע נישט קיין גרויסער צייט־אָפּשניט, אָבער פאַר אַ ישוב אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז עס אַ בכבודיקע עלטער, וואָס צווינגט זיך אומצוקוקן אויף צוריק. גלייכצייטיק האָט אָבער דאָס אַריבערשפּרייזן די שוועל פון די צווייטע הונדערט יאָר אונדז נאָך מער געצווונגען צו קוקן פאָרויס און צו זאָרגן וועגן דער צוקונפט. אָט די צוויי מאָמענטן — דאָס צוריקקוקן צו דער פאַרגאַנגענהייט און דאָס פאָרויסקוקן אין דער צוקונפט — האָט זיך כסדר געפילט אין אונדזער אַרבעט און ווען איך וועל שפּעטער אויסרעכענען אַ ריי נייע איניציאַטיוועס וועלכע מיר האָבן רעאַליזירט, וועט דאָס געזאָגטע ווערן זייער בולט און קלאָר.

איידער איך קום צו דערמאָנען די דאָזיקע רעאַליזירטע איניציאַטיוועס, וויל איך בלויז באַמערקן, אַז וואַרשיינלעך גאָר אַ קליינער טייל פון אונדזערע מיטגלידער גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון וועגן דעם ריזיקן פאַרנעם פון דעם ראָד וואָס באַוועגט טאָג־טעגלעך די קהילה־אַרבעט. אין דער אמתן שטעלט די קהילה היינט צו טאָג מיט זיך פאָר אַ געוואַלדיק קאָמפּליצירטן מעכאַניזם וואָס פאָדערט אומגעהויערע וואַכזאַמקייט און ענערגיע, כדי אַלע אירע באַשטאַנד־טיילן זאָלן פונקציאָנירן האַרמאָניש און דערפילן זייערע אויפגאַבן הן פאַר דעם יחיד־מיטגליד, הן פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. און דאָ איז כדאַי צו געדענקען, אַז די קהילה האָט צו דערפילן אויפגאַבן נישט בלויז פאַר דער געזעלשאַפט אַלס גאַנצע, נאָר אויך פאַר די טויזנטער יחידים־מיטגלידער, וואָס קומען באַרעכטיקט צו דער קהילה ווי צו אַן אינסטיטוציע וועלכע דאַרף ענטפערן אויף זייערע אינדיווידועלע פּראָבלעמען און נויטן. אַלע אונדזערע אויפטוען פאַר דער

געזעלשאַפטלעכקייט וואָלטן נישט געווען גענוג ווען מיר זאָלן אין דער מינדסטער מאָס גרינגשעצן דעם יחיד־מיטגליד, אָדער ווען מיר זאָלן נישט באַציִען זיך מיט דער געהעריקער אחריות צו זיינע פראָבלעמען וואָס ער ברענגט צו אונדז ווי צו דער אינסטיטוציע פון וועלכער ער דערוואַרט אַ פאַרשיידנאַרטיקע לייזונג. נעמענדיק אין אַכט, אַז אין זייער פיל פאַלן קענען די דאָזיקע פראָבלעמען נישט דערליידיקט ווערן אויף אַ פאָרמעלן רוטין־וועג דורך דער באַאַמטנשאַפט, נאָר זיי מוזן געבראַכט ווערן אויפן טיש פון דער פאַרוואַלטונג, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי קאָמפּליצירט און ווי אָנגעשטרענגט עס איז די אַרבעט פון דער לייטונג אין ווו שטאַרק זי מוז האַלטן דאָס גלייכגעוויכט ביים פאַרנעמען זיך מיט די ענינים פון כלל און פון פרט.

גענעראַל־סעקרעטאַר, אליעזר פרידמאַן, געזעגנט דעם שרייבער ד״ר שלמה ביקל.

די איינגעשטעלטע טעכניק פון אונדזער אינסטיטוציאָנעלער סטרוקטור ברענגט צו דעם, אַז דעם סעקרעטאַרס טיש זאָל תמיד זיין דער צום מערסטן באַלאַגערטסטער מיט כלערליי ענינים פון גרויסן ביז קליינעם כאַראַקטער. פון אָננעמען אַ באַשלוס ביז רעאַליזירן אַ באַשלוס איז אַ היפּשער מהלך און אַ שטיק פון דעם דאָזיקן מהלך פירט דורך דעם סעקרעטאַרס טיש וועגן וועלכן עס פאַסט זיך דאָ צו זאָגן, אַז ער געפינט זיך אין דער לאַגע פון ידו בכל, ויד כל בו... די דאָזיקע פאַרצווייגטע אַרבעט פון קאָנטראָל, פון באַטראַכטן יעדע געשאַפענע דילעמע, פון קאָאָרדינירן, פון אינטערווענירן און פון ענטפערן אויף כלערליי אינטערווענצן, וואָלט געוויס נישט מעגלעך געווען דורכצופירן אָן דער האַרמאָנישער און געטרייער צוזאַמענאַרבעט פון דער גאַנצער פאַרוואַלטונג און פון אַלע דעפּאַרטאַמענט־מיטגלידער און דעפּאַרטאַמענט־אָנפירער, וועלכע גיבן אָפּ זייער צייט און זייער ענערגיע לטובת די אינטערעסן פון דער קהילה און איר מיטגלידערשאַפט.

ווי פריִער דערמאָנט, זיינען אין משך פון די לעצטע 7 יאָר רעאַליזירט געוואָרן אַ ריי נייע און וויכטיקע איניציאַטיוועס, וואָס אייניקע פון זיי זיינען געווען, לויט זייער כאַראַקטער, בלויז איינמאָליקע און אַנדערע זיינען פאַרבליבן ווי פּערמאַנענטע פונקציעס אין דער ראַם פון דער קהילה־אַקטיוויטעט. וועגן אייניקע פון די דאָזיקע איניציאַטיוועס רעדט זיך אין די אַרבעטן וועלכע שפּיגלען אָפּ די באַזונדערע געביטן פון דער קהילה־טעטיקייט. וועגן אַנדערע איז נישט דערמאָנט געוואָרן, ווייל זיי געהערן, אַזוי צו זאָגן, דער קהילה־לייטונג אַלס גאַנצע און נישט די באַזונדערע דעפּאַרטאַמענטן. סיי־ווי האַלט איך פאַר נייטיק זיי צו באַטאָנען ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם וואָס איז פריִער געזאָגט געוואָרן. דערביי וויל איך אָבער באַמערקן אַז דאָס איז נאָר אַ קליינער טייל פון די רעאַליזירטע איניציאַטיוועס וועלכע גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון „נייע”.

איך וועל אָנהייבן מיט דער גרינדונג פון דער ישיבה פאַר רבנים. דאָס איז, לויט מיין איינזען, די וויכטיקסטע און סאַמע חשובסטע פון די רעאַליזירטע איניציאַטיוועס, וואָס קען משפּיע זיין אויף דעם גייסטיקן לעבן פון אונדזער ישוב. עס רעדט זיך דאָ וועגן דער גרינדונג פון אַ ישיבה פאַר דער אויסבילדונג פון רבנים און גייסטיקע מנהיגים פאַר אונדזער ישוב, און עווענטועל אויך פאַר די אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער ישובים.

די הויפּט־מעלה פון אויסבילדן אייגענע רבנים — פאַראַלעל צו די אייגענע לערערס — איז דאָס וואָס זיי זיינען געבוירן אין אונדזער סביבה, פאַרוואָרצלט אין דער לאָקאַלער שפּראַך און קולטור. ווי אַזעלכע וועט זיי גרינג זיין צו באַקומען אַ קאָנטאַקט מיט אונדזער יוגנט און צו האָבן אויף איר אַ השפּעה.

די ישיבה האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אין יולי 1961, מיט אַ צוואַנציק תלמידים, און היינט איז זי שוין אין צווייטן יאָר עקזיסטענץ. ביז צום פאַרלאָזן אונדזער ישוב, אין נאָוועמבער 1962, האָט אָנגעפירט מיט דער ישיבה הרב יעקב פינק, רב הראשי פון ראַבינאַט. איצט שטייט די קהילה פאַר דער פּראָבלעם צו קריגן פאַר איר אַ פּאַסיקן מנהל.

אין דער ישיבה איז אויך איינגעפירט געוואָרן אַ קורס פאַר לערנען שחיטה, כדי אַזוי אַרום צו לייזן דעם גרויסן מאַנגל אין כלי־קודש אין אונדזער ישוב.

ביי דער ישיבה איז געשאַפן געוואָרן אַ קוראַטאָריום, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט דער קהילה און העלפט טראָגן דעם עול פאַר איר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג.

לאָמיר איבערגיין צום בנין פאַרן לערער־סעמינאַר. דער גרונטשטיין פאַרן בנין פונעם לערער־סעמינאַר איז געלייגט געוואָרן דורך דער פריִערדיקער פאַרוואַלטונג, קורץ פאַר דעם, איידער מיר האָבן איבערגענומען די אַמטן. דאָס מיינט, אַז אַ חוץ אַלע אַנדערע התחייבותן האָבן מיר אויך איבערגענומען די פליכט צו בויען דעם דאָזיקן בנין. די אַרבעט איז נאָך נישט פאַרענדיקט, ווייל זי פאָדערט אין אונדזערע באַדינגונגען אַ סך יאָרן. מיר האָבן זיך אָבער באַמיט צו רעאַליזירן אַ ווייטערדיקן, וויכטיקן עטאַפּ אין דער דאָזיקער איניציאַטיוו־פאַרווירקלעכונג און מיט נישט ווינציק מי און אָנשטרענגונג איז אונדז געלונגען, במשך דעם לעצטן פּעריאָד, אויפצושטעלן דעם בעטאָנענעם סקעלעט פון דער געביידע. נעמענדיק אין אַכט די אומגעהויערע פאַרפליכטונגען און די פינאַנציעלע ענגשאַפט פון דער קהילה, איז קלאָר, אַז דאָס איז אונדז נישט גרינג אָנגעקומען.

אויף די ביז איצטיקע אַרבעטן אַרום דעם געפּלאַנטן בנין, צוזאַמען מיטן פּלאַץ, איז שוין אינוועסטירט געוואָרן די סומע פון עטלעכע צוואַנציק מיליאָן פּעזעס. ס׳איז אונדזער האָפענונג און ווונטש, אַז די קומענדיקע פאַרוואַלטונג זאָל באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם דאָזיקן בנין, וועלכער איז אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט. דער דאָזיקער מאָנומענטאַלער בנין וועט זיין אַן עליה נישט נאָר פאַרן לערער־סעמינאַר, נאָר פאַרן גאַנצן קולטורעלן לעבן פון ישוב, וואָס וועט דורך אים באַקומען אַ קולטור־הויז פון ערשטער מדרגה, מיט אַ טעאַטער־זאַל, לייען־זאַל און ביבליאָטעק אַריינגערעכנט.

מען דאַרף דאָ דערמאָנען דעם לערער־סעמינאַר אין מאָזעסוויל. אָפּשאַצנדיק דעם גרויסן אויפטו פון גרינדן דעם לערער־סעמינאַר אין מאָזעסוויל, דורך דער פריִערדיקער פאַרוואַלטונג, זוי אַ פּרווו צו לייזן דעם מאַנגל אין געשולטע לערערס פאַר דער פּראָווינץ, זיינען נישט געקאָרגט געוואָרן קיין מי און מיטלען ווייטער צו אַנטוויקלען דעם לערער־אינסטיטוט, וועמענס בודזשעט עס ווערט אינגאַנצן געדעקט דורך דער בוענאָס איירעסער קהילה.

באַערונג פאַר די 50־יאָריקע מיטגלידער פון דער קהילה, אין יאָר 1961.
עס רעדט דער געוועזענער וויצע־פּרעזידענט פון דער חברה קדישא י. אַזריצקי.

עס איז נישט נאָר געזאָרגט געוואָרן פאַר דער אינערלעכער אַנטוויקלונג און אויסברייטערונג פונעם סעמינאַר, נאָר עס איז אויך געפירט געוואָרן אַן אַקציע איבער דער פּראָווינץ און אויך אין די שכנותדיקע ישובים, צו ווערבירן נייע תלמידים פאַרן מאָזעסווילער סעמינאַר. ס'איז געווען די שטרעבונג פון דער פאַרוואַלטונג צו פאַרוואַנדלען מאָזעסוויל אין אַ רעטונגס־פּונקט, אין אַן עיר־מקלט פאַר דער יוגנט, דער עיקר פאַר דער יוגנט פון די קליינע ישובים.

מיטן אויסברייטערן דעם קרייז פון די תלמידים, איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט צו פאַרגרעסערן דעם אינטערנאַט. פאַר דעם צוועק איז איינגעקויפט געוואָרן אַ הויז בשכנות פונעם סעמינאַר, וואָס איז רעסטאַווירט און צוגעפּאַסט געוואָרן פאַר אַן אינטערנאַט.

אויפן קויף פונעם הויז, מיטן איבערבוי און געהעריקער אויסמעבלירונג, איז אויסגעגעבן געוואָרן אַנדערטהאַלבן מיליאָן פּעזאָס. אויף איינשטעלן דעם ערשטן אינטערנאַט איז געמאַכט געוואָרן אַ הוצאה פון אַ מיליאָן מיט 300 טויזנט פּעזאָס.

כדי צו באַקומען אַ באַגריף מיט וויפיל פּיעטעט די איצטיקע און די פאַריקע פאַרוואַלטונגען האָבן זיך באַצויגן צום מאָזעסווילער לערער־סעמינאַר און וויפיל האָפענונגען עס איז אויף

אים געלייגט געוואָרן, איז גענוג צו זאָגן, אַז פאַר די יאָרן וואָס דער לערער־סעמינאַר עקזיסטירט איז פאַר אים אויסגעגעבן געוואָרן די באַדייטנדיקע סומע פון 17.900.000 פעזעס.

אַ גרויסע פאַרגיטיקונג פאַר די געמאַכטע אָנשטרענגונגען איז געווען דער ערשטער אַרויסלאָז פון גראַדויִרטע לערערס אין יאָר 1961. דאָס איז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג פאַר די עסקנים און פאַר גאַנץ מאָזעסוויל, וועלכע האָבן דורכן לערער־סעמינאַר באַנייט די אַמאָל־קע טראַדיציע פון „ירושלים ד׳ארגנטינה”. די יונגע גראַדויִרטע לערערס פון מאָזעסוויל האָבן דערמעגלעכט צו עפענען נייע שולן אין אַ צאָל פראָווינץ־ישובים, ווו מען האָט זיך אין זיי גענייטיקט.

אַ נייער און וויכטיקער איינפיר, וואָס גיט זייער גוטע רעזולטאַטן, איז דער רעגיסטער פאַר חתונה־פאָרלעך, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן ביים ראַבינאַט. דער צוועק פון דעם איינפיר איז געווען, אַריינצוברענגען סדר אין דעם דאָזיקן וויכטיקן געביט און וואָס זאָל אויך זיין אַ רעזיסטענץ קעגן געמישטע חתונות.

ווי ביי יעדן נייעם איינפיר, איז אויך דאָ לכתחילה געווען אַ ווידערשטאַנד מצד אַ ריי טעמפלען און בתי־כנסיות. מיט דער צייט אָבער, אַ דאַנק דער געהעריקער אויפקלערונג, איז דער דאָזיקער איינפיר אָנערקענט געוואָרן און היינט צו טאָג האָבן מיר אַלעמענס מיטאַרבעט און אָנערקענונג. עס ווערן איצט געמאַכט די נייטיקע צוגרייטונגען אויסצוברייטערן דעם רעגיסטער און אים איינפירן אין אַלע קהילות פון אינערן פון לאַנד, דורך דעם ועד הקהילות. דער דאָזיקער רעגיסטער פון חתונות וועט זיין מיט דער צייט אַן אויטענטישער מאַטעריאַל פאַר סאָציאַלער פאָרשונג, ווי דאָס באַווייזט די ערשטע פאָרשונג פון דעם מין, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע פאָרשונגען.

פאַר די לעצטע צוויי יאָר זינט עס איז איינגעשטעלט געוואָרן דער חתונה־רעגיסטער, זענען דורכגעגאַנגען אונדזער קהילה העכער טויזנט פאָרלעך. עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ שיינער מנהג: דורכצופירן איינמאָל אין דער וואָך — דינסטיק — אַ פייערלעכן צערעמאָניאַל פאַר די יונגע פאָרלעך, ערב זייער חתונה. ביי דער געלעגנהייט ווערט זיי אויסגעטיילט פאַסיקע ביכער־מתנות, ווי אויך די ברכה פון ראַבינאַט און פון דער קהילה, צום אָנהייב פון זייער משפחה־לעבן.

און נאָך אַ וויכטיקער איינפיר אין פאַרבינדונג מיט די יונגע פאָרלעך: זיי ווערן אויטאָמאַטיש איינגעשלאָסן ווי מיטגלידער פון דער קהילה, און ממילא פון דעם ייִדישן ציבור־לעבן. די לעצטע צוויי יאָר האָט די קהילה אַזוי אַרום אַריינבאַקומען הונדערטער נייע מיטגלידער־משפחות.

אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע פאָרשונגען. — אַן ערשט־ראַנגיקער איינפיר און אויפטו איז זיכער דאָס איינשטעלן דעם אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע פאָרשונגען און סטאַטיסטיק. דאָס איז אַ שטאַרק פאַרנאַכלעסיקטער געביט, און די קהילה האָט גענומען אויף זיך די פיאָנערישע אַרבעט. נאָך פיל חדשים פון צוגרייטונגען, האָט דער אינסטיטוט אָנגעהויבן זיינע פונקציעס אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1962.

די דאָזיקע איניציאַטיוו איז אַרויסגעקומען פון דעם ערשטן וויסנשאַפטלעכן קאָנגרעס וועגן אונדזער ישוב, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין אָקטאָבער 1961 דורך דער קהילה צוזאַמען מיטן „מכון ליהדות זמננו” ביי דעם העברעיִשן אוניווערזיטעט. די קאָנפערענץ, וואָס האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ סך אינטערעס אין אונדזער ישוב, מיט פאָזיטיווע און קעגנערישע אָפשאַצונגען, איז געווען די שטויסקראַפט אָנצוהייבן צו טאָן עפעס פאָזיטיווס פאַר דער פאָרשונג פון אונדזער ישוב.

דער אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער פאָרשונג האָט שוין אָנגעהויבן זיין נאָרמאַלע אַרבעט. עס איז צוגעצויגן געוואָרן אַ גרופע יונגע, ספעציאַליזירטע אוניווערזיטאַריער, מיט פאַרשטענדעניש פאַר דער דאָזיקער וויכטיקער אויפגאַבע. די ערשטע פאָרש־אַרבעט באַזירט זיך אויף די חתונות וואָס זענען פאָרגעקומען די לעצטע צוויי יאָר אין דער הויפטשטאָט. ווי מאַטעריאַל פאַר דער דאָזיקער אַרבעט איז אויסגענוצט געוואָרן דער רעגיסטער פאַר חתונות ביים ראַבינאַט.

די דאַטן און פאַקטן וועלכע אַנטפּלעקן זיך אין דעם דאָזיקן רעגיסטער פון אָן ערך טויזנט חתונות זענען ביז גאָר אינטערעסאַנט און באַלערנדיק.

דער אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע פאָרשונגען גרייט איצט צו ווייטערדיקע פאַרשידענע אַרבעטן וועגן דעם ייִדישן לעבן פון אונדזער ישוב. עס איז דורכגעפירט געוואָרן די לעצטע וואָכן אַ צענז פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין קילמעס. עס ווערט אָרגאַניזירט אַ צענז וועגן ייִדישע לערער אין אַרגענטינע. עס ווערט אויך שטודירט דער צענז, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער קהילה פון טוקומאַן וועגן דעם דאָרטיקן ישוב.

מיר האָפן, אַז דורך די אַרבעטן פון דעם פאָרש־אינסטיטוט וועלן באַלויכטן ווערן פיל אַספּעקטן פון אונדזער ישוב, וואָס וועלן פירן בעסער צו דערקענען אונדזער לעבן.

די דערעפענונג פון דער ישיבה גבוה. פון רעכטס צו לינקס: הרב פינק, אַמב׳ יוסף אבידר, י. גאָלדשמיט ע״ה, ד. קלימאָווסקי, ד״ר ס. קאַמענשיין (רעדט), אלימלך גוטקין.

איצט איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער איניציאַטיוו וועגן אַ דערנענטערונג צווישן די געמיינדעס. די קהילה ווי אַ צענטראַלע אינסטיטוציע פון ישוב, באַציט זיך מיט פאַרשטענדעניש צו די עקזיסטירנדיקע אַנדערע געמיינדעס און זוכט אויפריכטיק זייער פריינדשאַפט און מיטאַרבעט.

כדי דאָס צו דערגרייכן און צו שאַפן די נייטיקע אַטמאָספער פאַר אַזאַ צוזאַמענאַרבעט, איז איינגעשטעלט געוואָרן ווי אַ פּערמאַנענטער מנהג, דורכצופירן צו דער געלעגנהייט פון אונדזער ראש־השנה אַ חברישן אָוונט־ברויט אין דעם קהילה־הויז, צו וועלכן עס ווערן פאַרבעטן די אָנפירנדיקע עסקנים און גייסטיקע מנהיגים פון די פאַרשידענע געמיינדעס.

די ערשטע מסיבה פון דעם מין איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1961 — צו ראש־השנה תשכ״ב — און איז שוין פאַרבליבן ווי אַ פּערמאַנענטער איינפיר. ביי אַ פריינטלעכן טיש פון שבת אחים האָבן זיך פאַרזאַמלט די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער מיט זייערע פרויען, צוזאַמען

מיט אָנגעזעענע עסקנים פון די ספרדישע קהילות, פון דער צענטראַל־אייראָפּעישער געמיינדע און פון די צוויי גרויסע טעמפּלען.

ביי דער מסיבה זענען געקומען צום וואָרט פאָרשטייער פון די פּאַרטראָטענע געמיינדעס, מיט לויב פאַר דער איניציאַטיוו. זיי האָבן געבראַכט צום אויסדרוק זייער גרייטקייט צו אַרבעטן פאַר אַ דערנענטערונג פון די עקזיסטירנדיקע געמיינדעס און פאַר אונדזערע געמיינזאַמע צילן.

די בר־מצוה־פייערונגען פון דער מדינה. — מיט פרייד איז אויפגענומען געוואָרן די איניציאַטיווע, וואָס איז געקומען פון מדינת־ישראל צו פייערן די בר־מצוה פון אונדזערע קינדער, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר פונעם אויפקום פון דער מדינה. צוויי פייערונגען אַזעלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן אין קהילה־זאַל און זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פריידיקן יום־טוב פאַר פיל הונדערטער קינדער, יינגלעך און מיידלעך. דאָס איז אויך געווען אַ טיפע, עמאָציאָנעלע איבערלעבונג פאַר הונדערטער משפחות.

אין די דאָזיקע צענטראַלע פייערונגען האָבן זיך באַטייליקט, ווי ספּעציעל־איינגעלאַדענע, דער אַמבאַסאַדאָר פון דער מדינה אין אַרגענטינע, גענעראַל יוסף אבידר, זיין פרוי, די שריפטשטעלערן ימימה טשערנאָוויץ־אבידר, ווי אויך דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אורוגוויי, יצחק הרכבי. זייער באַטייליקונג האָט צוגעגעבן די פייערונגען חשיבות.

אַחוץ די צוויי קינדער, געבוירענע אינעם טאָג פון דער מדינה, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן דורך דער קהילה קיין מדינת־ישראל, ווי געסט פון דער רעגירונג, צו באַטייליקן זיך אין דעם יום־העצמאות, האָבן פינף קינדער זוכה בגורל געווען עס זאָלן געמאַכט ווערן מצד דער קהילה דעפּאָזיטן פון 50 דאָלאַר פאַר יעדן איינעם פון זיי, אויף זייערע נעמען, אין „בנק לאומי ישראל”. דעם צאָלרייכן קינדער־עולם פון שטאָט און פון פּראָווינץ זענען צעטיילט געוואָרן ספּעציעלע קינסטלערישע דיפּלאָמען און מתנות.

אַ ווייטערדיקע איניציאַטיוו איז די באַערונג פאַר די ערשטע מיטגלידער פון דער חברה קדישא. — די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט געהאַלטן פאַר איר פליכט אויסצודריקן איר דאַנקבאַרקייט די ערשטע מיטגלידער פון דער חברה־קדישא, וועלכע האָבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק זיך אָנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער כלל־אינסטיטוציעס, וואָס איז מיט דער צייט טראַנספאָרמירט געוואָרן אין דער קהילה פון בוענאָס־איירעס.

די עפנטלעכע באַערונג וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין נאָוועמבער 1961, האָט צונויפגעבראַכט אַ גרויסן עולם, צווישן זיי אויך אַזעלכע וואָס האָבן אַמאָל פאַרנומען אָנפירנדיקע אַמטן אין דער חברה־קדישא און אין אַנדערע אינסטיטוציעס. מיט דער דאָזיקער באַערונג האָט די קהילה געטאָן גערעכטיקייט צו די ראשונים פון אונדזער געזעלשאַפטלעך יידיש לעבן, וועלכע זענען אַזוי אַרום אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער פאַרגעסנקייט.

אַזאַ באַערונג איז אויך דורכגעפירט געוואָרן צום צווייטן מאָל אין נאָוועמבער 1962, און זי וועט שוין פאַרבלייבן ווי אַ פערמאַנענטער יאָרלעכער איינפיר.

די ד״ר א. מבשן־פרעמיע. — די קהילה האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן אויף דער איניציאַטיוו פון דער „דאַיאַ” צו באַערן דעם אָנדענק פון געוו׳ ראש הקהל, געוו׳ פּרעזידענט פון דער „דאַיאַ”, וויכטיקן אינטעלעקטואַל און פאַרדינסטפולן עסקן, דורך אויסטיילן יעדעס יאָר אַ פּרעמיע אויף זיין נאָמען פאַר וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע ווערק. די קהילה האָט אויף דעם צוועק אַסיגנירט אַ מיליאָן פּעזעס פאַר פּרעמיעס וואָס וועלן אויסגעטיילט ווערן אין משך פון צען יאָר. די אויפזיכט איבער דער פּרעמיע־פאַרטיילונג איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אינסטיטוט פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפ׳ ב. הוסאַי. ביז איצט זענען שוין אויסגעטיילט געוואָרן דריי פּרעמיעס. אַזוי אַרום האָט די קהילה מיטן דעקן די מאַטעריעלע באַזע מעגלעך געמאַכט צו רעאַליזירן די דאָזיקע וויכטיקע איניציאַטיוו.

איך וויל אויך פאַרצייכענען אונדזער אָנטייל אין אַ ריי אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן. — ס׳איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אונדזער קהילה האָט זיך באַטייליקט אין דעם לעצטן פּעריאָד אין איניקע וויכטיקע אַל־יידישע קאָנגרעסן, ווי למשל: די קליימס־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק,

דער חינוך־קאָנגרעס אין ירושלים און די לעצטע אסיפה פון לאַטיין־אַמעריקאַנער ישובים אין סאַן פאַולאָ. אויף די אַלע דערמאָנטע קאָנגרעסן איז אונדזער קהילה געווען ווירדיק פאַרטראָטן דורך אירע דירעקטע דעלעגאַטן. עס איז דאָ אויפן אָרט צו באַטאָנען, אַז די באַטייליקונג אין אַזעלכע קאָנגרעסן איז פון יעדן שטאַנדפונקט וויכטיק.

אין סאַן פאַולאָ האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן, אַז אַלע דעלעגאַטן פון די אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער ישובים, קוקן אויף אונדזער קהילה און ועד הקהילות ווי אויף אַ מוסטער. זיי האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אונדזערע דערגרייכונגען און זיי ווילן אָרגאַניזירן זייער קהילה־לעבן, נעמענדיק אונדזער ישוב אַלס ביישפּיל. זיי בעטן אונדזער מיטהילף בכדי צו אָרגאַניזירן זייערע ישובים.

צווישן די וויכטיקע באַשלוסן וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אין סאַן פאַולאָ, איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ קאָנפעדעראַציע פון אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער קהילות. דאָס אָרגאַניזירן די קאָנפעדעראַציע איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אונדזער קהילה, ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר אונדזער ישוב.

און אויפן סוף לאָמיר דערמאָנען די אויסבעסערונגען אויף די בית־עלמינס. — אחוץ אַלע אַנדערע געביטן פון אונדזער לעבן, איז אויך געשאָנקען געוואָרן גרויס אויפמערקזאַמקייט די בית־עלמינס. ס׳זענען קודם־כל געפלאַסטערט געוואָרן נייע וועגן אויפן בית־עולם פון בערעסאַטעגי. אַ גאָר באַדייטנדיקער סכום פון אַרבעט און מיטלען איז נייטיק געווען צו אינוועסטירן אין דעם בית־עולם פון טאַבלאַדאַ. ס׳איז געזאָרגט געוואָרן צו פאַרבעסערן די באַדינגונגען פאַר די מאַסן־יידן וואָס קומען דאָרט אַהין בעת אַ לוויה, אָדער אויף קבר־אָבות. עס זענען געפלאַסטערט געוואָרן נייע וועגן, ס׳איז געלייגט געוואָרן אַ נייער דאַך און קופּאָל אויפן בנין, ווי אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אַ וואַסער־טורעם. די אַלע אַרבעטן צוזאַמען האָבן באַטראָפן אַ סומע פון פיר מיליאָן פעזעס.

גאָר אַ וויכטיקע איניציאַטיוו וואָס איז אויך פאַרבונדן מיט גאָר־גרויסע התחייבותן — פאַר העכער 30 מיליאָן — שטעלט מיט זיך פאָר דער קויף פון אַ שטיק פעלד וואָס גרענעצט זיך מיט טאַבלאַדאַ. מיט דעם דאָזיקן קויף ווערט פאַרגרעסערט דער באָדן־רעזערוו פון יענעם בית־עולם מיט קרוב 10 העקטאַר לאַנד.

דער דאָזיקער קויף, וואָס איז פאָרמאַליזירט געוואָרן דעם 14טן נאָוועמבער 1962, איז בלי שום ספק אַ וויכטיקע געשעעניש אין דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער קהילה וואָס וועט ערשט שפּעטער קענען אָפּגעשאַצט ווערן אין איר פולן באַדייט.

ביי דער געלעגנהייט דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די אויסבעסערונגען וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין דעם הויז פון דער „קאָטשעריאַ״, אויף צו באַזאָרגן דאָס הויז מיט די מינימאַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר די וואָס קומען דאָרט אַהין אין אַ מאָמענט פון פיינלעכע איבערלעבונגען. די דאָזיקע אַרבעטן האָבן געפאָדערט אַ הוצאה פון צוויי מיליאָן פעזעס.

במשך דעם לעצטן פעריאָד זענען אויך פאַרריכט געוואָרן די אַלטע עגלות און עס זענען איינגעקויפט געוואָרן נייע. אויך אויף דעם צוועק איז פאַרווענדט געוואָרן די סומע פון העכער פיר מיליאָן פעזעס.

מען וואָלט געקענט אויסרעכענען נאָך אַ סך, אַ סך אַנדערע זאַכן וואָס זענען געטאָן און אויפגעטאָן געוואָרן במשך דער צייט. אָבער מיין אויפגאַבע איז דאָ נישט אָפּצוגעבן קיין באַריכט פון אונדזער פאַרצווייגטער טעטיקייט. איך האָב בלויז געוואָלט אילוסטרירן מיט עטלעכע פאַקטן די כלל־ישראלדיקע אַרבעט פון דער קהילה, איר געדענקען דעם נעכטן און איר זאָרגן פאַר דעם מאָרגן, ווי אויך די שטרעבונג מיט איר אַקטיוויטעט כסדר צו דינען סיי דער גאַנצער געזעלשאַפט און סיי דעם אינדיווידועלן מיטגליד.

די דאָזיקע גרונט־פּרינציפּן פון אונדזער אַקטיוויטעט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אַלע אונדזערע דערגרייכונגען.

אשר גראָקאָפּ

אַ פּראָבלעם וואָס געפינט זיך נאָך אַלץ אויף אונדזער סדר היום

ווען מיר בלעטערן די יאָרביכער וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן, ווערט פאַר אונדז קלאָר, ווי אַזוי די חברה־קדישא איז שטופנווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן, דורך די אויפגאַבן און פליכטן וואָס זי האָט דורכגעפירט, אין אַ קהילה.

דער באַשלוס צו פּראָקלאַמירן די חברה־קדישא אין אַ קהילה איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן דעם 31סטן מאַרץ 1949 אויף אַ ספּעציעלער פייערלעכער זיצונג.

אַלס ערשטער וויצע־פּרעזידענט האָב איך געהאַט דאָס גליק אָנטייל צו נעמען אין דער זיצונג און מיטצוהעלפן אין דער רעאַליזירונג פון דעם באַשלוס.

דער ענין בודזשעט איז ביי דער פּראָקלאַמירונג פון דער קהילה געווען איינער פון די הויפּט־פּונקטן.

אין פערטן פּונקט פון דער פּראָקלאַמירונגס־דעקלאַראַציע זאָגט זיך: די פאַרוואַלטונג באַשטימט איינשטימיק צו באַשטעטיקן די פּראָיעקטן און דערקלערט אַלס קאָנסטיטואירט די קהילה פון בוענאָס־איירעס און אומגעגנט מיט אַלע אירע פונקציעס און הצטרכותן. באַאויפטראָגט די אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע צו שאַפן אַ פאָנד וואָס זאָל גערופן ווערן קהילה־פאָנד; רעווידירן די ביז־איצטיקע הכנסות אין שיין פון די אַקטועלע אומשטענדן, כדי די קהילה זאָל קענען דערפילן אירע פונקציעס מיט דער ברייטקייט און פאַרנעם וואָס די באַדערפענישן פון דער קהילה פאָדערן.

איצט, 13 יאָר שפּעטער, באַאומרויִקט אונדז ווידער די זעלבע בודזשעט־פּראַגע.

מיר האָבן אַ הוצאה־בודזשעט פון אַ מאָדערנער אָרגאַניזירטער קהילה מיט די הכנסות פון אַ חברה־קדישא.

די קהילה שטיצט כמעט אַלע אינסטיטוציעס אין שטאָט. זי גיט אַכטונג אויף זייער גוטן צושטאַנד און זאָרגט פאַר זייער קיום.

דער וועד־הקהילות זאָרגט, לויט זיינע מעגלעכקייטן, פאַר אַלע קהילות אין אַלע ישובים פון לאַנד.

ווען מיר בלעטערן די יאָרביכער, אָדער ווען מיר אַנאַליזירן אַ פּשוטן יערלעכן באַלאַנס פון די לעצטע יאָרן פון אונדזער קהילה, באַקומט זיך אַ ברייט־פאַרנעמיק בילד פון אונדזער אַרבעט. יעדע אָפּטיילונג פון דער קהילה איז אַליין אַ גאַנצע אינסטיטוציע, ווי למשל:

סאָציאַלע הילף,

קולטור־קאָמיסיע מיטן „חודש פון יידישן בוך“,

יוגנט און עליה און אַלע אָפּצווייגונגען,

רעליגיעזע ענינים,

אַרביטראַזש־קאָמיסיע,

גמילות־חסדים און קאָנסטרוקטיווע הילף,

די פאַרצווייגטע חינוך־אַרבעט,

דער לערער־סעמינאַר אין שטאָט און אין מאָזעסוויל,

די מיטל־שולעס און מדרשה,

דער וועד־החינוך המרכזי פאַר שטאָט און פּראָווינץ,

דער וועד־הקהילות און נאָך פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, גרעסערע און קלענערע.

יעדע אָפּטיילונג פאָדערט און פאַרשלינגט גרויסע בודזשעטן. די אַרבעט ווערט געטאָן מיט פאַרנעם, ווי עס פּאַסט היינטיקע צייטן פאַר אַן אָרגאַניזירטער קהילה וואָס שטייט מיטן פּנים צו אַלע פראַגן וואָס זיינען נוגע דעם ייִדישן לעבן אין לאַנד און מיטן האַרצן צו מדינת־ישראל מיט אַלע אירע פּראָבלעמען און פאָדערונגען.

חנוכה־פייערונג פון דער קהילה אין זאַל „אָפּערא״. יאָר 1961.
אויבן: פון רעכטס אויף לינקס: מ. יונגערמאַן, ד״ר ס. קאַמענשטיין, אַמב׳ יוסף אבידר, אשר גראַקאָפּ און משה האַניק. אינטן: דער עולם אין זאַל.

ווען מיר מאַכן אַן אַנאַליז פון די בודזשעטן, זעען מיר דעם פאַרנעם פון אונדזער קהילה־אַרבעט.

די אויסגאַבן פונעם יאָר 1961 זיינען געווען —.122.902.683 פּעזאָס.
עס זיינען אויסגעגעבן געוואָרן:

אין דער רובריק געהאַלטן און אַלגעמיינע הוצאות — —	39 %	47.421.840
חינוך־סובסידיעס אין אַלע אָפּטיילונגען — — — — —	42 %	51.094.478
אַלגעמיינע סובסידיעס — — — — — — — — — —	19 %	24.386.338
	100 %	122.902.656

דער טייל געהאַלטן און אַלגעמיינע הוצאות ווערט צעטיילט אויף פאָלגנדיקן אופן:

געהאַלטן אין אַלגעמיין	17 %	20.230.210
אַלגעמיינע הוצאות	17 %	20.552.307
פראָצענטער און שטייערן	1 %	1.141.874
פובליקאַציעס	1 %	1.271.928
פאַרשיידענע אויסגאַבן און אַמאָרטיזאַציעס	3 %	4.215.521
	39 %	47.411.841

מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג באַטראַכטן די ביכער אויף דער אויסשטעלונג אין יאָר 1961.
פון רעכטס אויף לינקס: א. גראָקאָפּ, א. פרידמאַן, ד״ר ט. קאַמענשיין, מ. האַניק, י. גרינבוים.

חינוך־אויסגאַבן ווערן צעטיילט אויף פאָלגנדיקן אופן:

סובסידיעס פאַר שולעס און מיטל־שולעס	27 %	32.882.637
סובסידיעס פאַר בוי פון שולעס	4 %	5.016.300
געהאַלטן און אַלג. הוצאות פון וועד־החינוך	3 %	3.463.319
לערער־סעמינאַר פון פאַסטעור	6 %	6.941.249
לערער־סעמינאַר פון מאָזעסוויל און אינטערנאַט	2 %	2.790.971
	42 %	51.094.476

אַלגעמיינע סובסידיעס ווערן צעטיילט אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן:

חודשלעכע סובסידיעס צו אינסטיטוציעס — — — — — —	3 %	4.043.502
סאָציאַלע הילף — — — — — — — — — — — — —	5 %	6.212.242
רעליגיעזע אָפּטיילונג — — — — — — — — — — —	2 %	2.607.746
יוגנט און עליה — — — — — — — — — — — — —	4 %	4.898.791
קולטור־קאָמיסיע און חודש פון ייִדישן בוך — — — — —	3 %	4.169.074
וועד הקהילות — — — — — — — — — — — — — —	2 %	2.456.003
		24.366.158

די הכנסות פון דער קהילה אין יאָר 1961 זיינען:

מיטגליד־אָפּצאָל — — — — — — — — — — — — —	9 %	11.222.050
פון פאַרשיידענע איינקונפטן — — — — — — — —	4 %	4.312.644
פון די בית־עלמינס אין אַלגעמיין — — — — — — —	87%	107.440.191
		122.974.885

די טאַבעלעס פון ציפערן ווייזן אונדז די פאַרשיידנאַרטיקע ברייטע אַרבעט פון דער קהילה. זיי ווייזן אָבער אויך, אַז ס׳איז פאַראַן איין פונקט וועלכער באַזאָרגט די אָנפירער פון דער קהילה — דאָס איז דער נישט־אָפיציעלער דעפיציט.

דאָס איז אַ דעפיציט פון צוגעזאָגטע סובסידיעס צו שול־אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, אָדער אַנדערע געזעלשאַפטן, וואָס איז מער־ווייניקער דער באַטרעף פון 5 חדשים.

דעריבער שטעלן מיר ווידער, ווי מיט 13 יאָר צוריק ביים פּראָקלאַמירן די קהילה, די בודזשעט־פראַגע מיטן גאַנצן ערנסט צום דעת־הקהל און מיר זאָגן:

עס מוז געשאַפן ווערן דער פּראָיעקטירטער קהילה־פאָנד, אָדער אַ קאַמפּיין פאַר געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן, כדי די קהילה זאָל האָבן נייע קוואַלן פון איינקונפטן, מער זיכערע און רעגולערע, כדי מיט די איינקונפטן צו באַפרייען די קהילה פון די שווערע דעפיציטן וואָס האַמעווען די אַרבעט און ממילא שוואַכן זיי אָפּ די זיכערקייט פון די אינסטיטוציעס וואָס זיינען אָפּהענגיק פון דער קהילה.

מיט די דאָזיקע איינקונפטן וועט מען קענען נעמען דורכפירן די איניציאַטיוועס, נייע אָדער אַלטע, וואָס ליגן אין די שופלאַדן און וואַרטן אויף בודזשעט.

* * *

יצחק יאַנאַסאוויטש

דער סטאַטוטן־רעפאָרם און די דעמאָקראַטיזאַציע פון דער קהילה

— 1 —

יענער געדענקלעכער מאָמענט, ווען די חברה קדישא אין בוענאָס־איירעס איז פראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ קהילה איז בלי שום ספק געווען היסטאָריש פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַרגענטינער יידנטום און ער טאָר דעריבער נישט אונטערגעשאַצט ווערן דורך קיינעם. אמת איז, אַז די פראָקלאַמירונג גופא האָט — איבערהויפט אין די ערשטע צייטן — נישט איבערגעאַנדערשט דעם כאַראַקטער פון דער אינסטיטוציע און האָט אויך — אויפן ערשטן מאָמענט — נישט אַריינגעבראַכט קיין דורכויס־נייע מעטאָדן אין איר אַרבעט. פונדעסטוועגן מעג מען אָן מורא פאַר גוזמא זאָגן, אַז די דאָזיקע פראָקלאַמירונג איז געווען אַן אַקט פון רעוואָלוציאָנערישקייט, ווייל מען דאַרף געדענקען, אַז דער וויכטיקסטער אויפטו פון יעדער גוטער און גערעכטער רעוואָלוציע זענען נישט די ענדערונגען וואָס זי אַליין ברענגט מיט זיך, נאָר דאָס וואָס זי סאַנקציאָנירט די פריערדיקע ענדערונגען וואָס זענען אַ פועל־יוצא פון אַ לאַנגער עוואָלוציע. אַזוי, למשל, זאָגט דער גרויסער יידישער דענקער מאַרטין בובער, אין זיין ווערק „נתיבות באוטופיה”, אַז אַ פאָזיטיווע רעוואָלוציע קומט נישט שאַפן קיין נייע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען, נאָר זי קומט געזעצלעך מאַכן, און דורך דעם געבן מעגלעכקייטן פאַר זייער אַנטוויקלונג, די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען און אינהאַלטן וואָס די עוואָלוציע האָט זיי שוין אַריינגעפירט אין לעבן. אין ליכט פון דעם דאָזיקן גרויסן אמת איז די פראָקלאַמירונג וועגן וועלכער מיר רעדן געווען — פון שטאַנדפונקט פון אונדזער ישוב־געשיכטע — אַ וויכטיקער רעוואָלוציאָנערער אויפטו.

כדי דאָס געזאָגטע זאָל אונדז קלאָרער ווערן דאַרפן מיר זיך דערמאָנען די ווערטער פון דעם דאָזיקן מאַן וואָס אים איז אויסגעפאַלן דער כבוד צו רעאַליזירן די מעטאַמאָרפאָזע דורך וועלכער די חברה־קדישא איז אָנגערופן געוואָרן קהילה. אין זיין מאָטיווירונג פון דעם דאָזיקן באַשלוס האָט ער קורץ און געפאַסט באַטאָנט: „די חברה קדישא ווערט אָנגערופן קהילה, ווייל אין תוך גענומען דערפילט זי שוין לאַנג די דאָזיקע פונקציעס וואָס אַ קהילה דאַרף דערפילן”. דאָ האָבן מיר די קאָנסטאַנץ, אַז די חברה קדישא איז לויט איר פונקציאָנעלן כאַראַקטער שוין לאַנג אַ סך מער ווי אַ חברה קדישא און דאָס הייסט, אַז אומאָפיציעל איז זי שוין לאַנג אַ קהילה. און ריכטיק: וואָרעם סיי די עוואָלוציע פון אונדזער ישוב, סיי די אַנטוויקלונג פון דער געגעבענער אינסטיטוציע האָבן שוין לאַנג געשאַפן נייע עקזיסטענץ־פאָרמען און נייע טעטיקייט־אינהאַלטן וועלכע האָבן נאָר געוואַרט אויף דעם מאָמענט פון זייער געזעצלעכער אָנערקענונג, כדי ווייטער פאָרצוזעצן דעם וועג פון נאָרמאַלן אויפשטייג. דאָס אָנרופן די אַלטע חברה קדישא מיטן נייעם נאָמען קהילה איז דעריבער נישט געווען בלויז קיין פאָרמעלער שינוי השם, נאָר ער איז געווען אַן אַקט פון אָפיציאַליזירן דאָס וואָס האָט שוין אומאָפיציעל סיי ווי עקזיסטירט

און איז דערביי דורך איר אומאָפיציעלער לאַגע געהאַמעוועט געוואָרן אין דעם ווייטערדיקן פאָרויסגאַנג.

בילדלעך זיך אויסגעדריקט, וואָלט זיך דאָ געפּאַסט צו זאָגן, אַז מיטן באַשלוס אָנצורופן די חברה קדישא מיטן נאָמען קהילה, האָט מען נישט אָנגעטאָן קיין גרויס היטל אויף אַ קליינעם קאָפּ, נאָר מען האָט, פאַרקערט, דעם אויסגעוואַקסענעם קאָפּ פון אונדזער ישוב באַפרייט פון דער ענגשאַפּט אינעם קליינעם היטל. אַוודאי קען עמעץ פרעגן: ווער און וואָס וואָלט דען געשטערט דער חברה קדישא ווייטער צו טאָן קהילה־אַרבעט אונטער איר דאָזיקן נאָמען? דער אמת איז אָבער, ווי מיר האָבן עס שוין פריִער באַטאָנט, אַז דאָ איז געגאַנגען פיל מער ווי אין בלויזן נאָמען און ווען מען טראַכט זיך אַריין טיפער זעט מען, אַז אָן דעם דאָזיקן מאָמענט פון נאָמען־איבערבייט וואָלט שפּעטער נישט מעגלעך געווען דער ווייטערדיקער רעוואָלוציאָנערער שריט פון סטאַטוטן־רעפאָרם. דאָס ווייזט אונדז, אַז די רעאַליזירער פון יענעם אַקט דורך וועלכן די חברה־קדישא האָט זיך אָפיציעל טראַנספאָרמירט אין אַ קהילה, האָבן נישט בלויז געהאַט דעם געהעריקן חוש פאַר דערווירקלעכקייט אין זייער צייט, נאָר זיי האָבן אויך געהאַט די נייטיקע וויזיע פאַר דער צוקונפט און פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער ישוב.

א טייל פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אין די יאָרן 1957—1960. פון רעכטס אויף לינקס: גענעראַל־סעקרעטאַר צבי פיינגערש, ראש־הקהל אלימלך גוסקין, קאַסיר אלתר הירש, 1טער וויצע־פאַרזיצער ד״ר ב. לערנער, 2טער וויצע־פאַרזיצער א. וועג, ראובן פעפערמאַן פאַרוו׳־מיטגל׳, משה באַראַדיטש פאַרוו׳־מיטגל׳.

עס איז דערביי נישט נייטיק ערשט צו זאָגן, אַז הגם דעם דאָזיקן היסטאָרישן אַקט האָבן דורכגעפירט יחידים, און זייער פאַרדינסט דאַרף דאָ נישט געמינערט ווערן, איז אָבער דער אַקט גופא געווען דאָס ווערק פון אונדזער גאַנץ געזעלשאַפטלעך לעבן, וואָס האָט זיך געצייטיקט און גערייפט אין משך פון די הונדערטער יאָר פון אונדזער ישובדיקער עקסיסטענץ. די אַנט־

וויקלונג פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט האָט טריט ביי טריט געשפּאַנט פאָרויס און זי האָט די חברה קדישא אויך געשטויסן אויף דעם דאָזיקן פאָרויסיקן וועג. אַלע ווייסן, אַז פון דעם ערשטן באַשלוס צו סובסידירן פון דעם עודף פון די חברה קדישא־געלטער אַ יידישע שול ביז צו די שפּעטערדיקע סובסידיעס פאַר אונדזער שול־וועזן איז פאַראַן אַ מהלך פון יאָרן, אין וועלכע עס זענען אויפגעקומען צענדליקער און הונדערטער געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און קערפּערשאַפטן. נישט אַלע גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון אַז דאָס מערקווירדיקסטע אין דער דאָזיקער זאַך איז, וואָס צוגלייך מיט דעם וווקס פון די כלערליי געזעלשאַפטלעכע מוסדות אינעם ישוב, איז אויך געוואַקסן די שטרעבונג צו זען אין דער חברה־קדישא אַ צענטראַליזירנדיקע אינסטיטוציע. און דווקא אָט די שטרעבונג, וואָס מערקט זיך ערשט איצט אין דעם גרויסן צפון־אַמעריקע, איז ביי אונדז געוואָרן דער כח וואָס האָט די חברה־קדישא פאַרוואַנדלט אין אַ קהילה. פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט־די שטרעבונג וואָס האָט אונדז אַזוי בולט אונטערגעשיידט פון דעם צפון־אַמעריקאַנער ישוב? פאַראַן אַזעלכע וואָס ענטפערן, אַז דאָ האָט געשפּילט אַ ראָל דער פאַקט וואָס די חברה־קדישא איז בכח געווען אויסצוטיילן סובסידיעס די שטענדיק־באַדאַרפנדיקע ניי־אַנטשטאַנענע אינסטיטוציעס און מען קען אין אַ געוויסן זין נישט לייקענען, אַז אָט די סובסידיע־פאַרטיילונג האָט וואָס אַמאָל מער געשטעלט די חברה־קדישא אין צענטער פון געזעלשאַפטלעכן אינטערעס און האָט איר פאַרשאַפן וואָס אַמאָל מער מאַכט און אויטאָריטעט. פונדעסטוועגן מעגן מיר שטאַרק מסופק זיין צי אָט די דורכויס־מאַטעריאַליסטישע דערקלערונג דערקלערט טאַקע עפּעס. דער אמת איז, אַז געשטויסן די חברה־קדישא אויפן וועג פון אַ צענטראַליזירנדיקער קהילה האָט אַ פאַקטאָר וואָס מען קען אים אפשר מיט די הענט נישט אָנטאַפּן, ווייל ער באַשטייט פון דעם רוחניותדיקן געוועב אין וועלכן ס'זענען פאַראַן: 1) פעדעם פון נאָסטאַלגיע צו דער אַלטער היים; 2) פעדעם פון אַ בענשאַפטלעכער לעכצעניש צו אַ נייער נאַציאָנאַלער לעבנס־פאָרעם און 3) פעדעם פון אַ באַוווסטזיין, אָדער אפשר אַן אונטערבאַוווסטזיין וועגן דער נייטיקייט אויפצושטעלן אַן אינסטאַנץ וואָס זאָל צוזאַמענשמעלצן דאָס יידישע לעבן און עס אָפּהיטן פון די געפאַרן וואָס ליגן אין יעדער צעברעקלונג. בכל אופן איז קלאָר, אַז ראַציאָנעל איז די קשיא זייער שווער צו פאַרענטפערן און וויפל מען זאָל זיך נישט פרווון מיט שכלדיקע השערות, וועט מען אָבער פאָרט נישט קענען זיך אַרויסדרייען פון דעם ביסעלע מיסטיק וואָס ליגט אין יסוד פון אונדזער גאַנצער פאָלקישער געשיכטע, מאז ועד הנה.

— 2 —

נעמען מיר אָן דעם געדאַנק, אַז דאָס אָנרופן די חברה־קדישא מיטן נאָמען קהילה איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער און היסטאָרישער אַקט, מוזן מיר אָבער דאָך פעסטשטעלן, אַז אויך נאָך דעם דאָזיקן אַקט איז די חברה קדישא נאָך אַלץ נישט געוואָרן קיין אמתע קהילה. און זי איז דאָס נישט געוואָרן, מחמת דעם פשוטן טעם וואָס נישט די פונקציעס אַליין זענען דעצידירנדיק ביים באַשטימען דעם כאַראַקטער פון אַ וואָסער עס איז אינסטיטוציע, נאָר עס איז פיל מער דעצידירנדיק דער אופן ווי אַזוי די דאָזיקע פונקציעס ווערן דורכגעפירט און דער גייסט וואָס סטימולירט זיי. אַוודאי האָט די חברה־קדישא, ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, אויסגעפירט קהילה־פונקציעס און שוין גאָר געוויס האָט אַזעלכע פונקציעס אויסגעפירט די ניי־גערופענע קהלה, אָבער אום כדי צו ווערן אַן אמתע קהילה האָט דער אינסטיטוציע נאָך געפעלט דער דאָזיקער אַטריבוט וואָס האָט גרויס־געמאַכט אירע עלטערע שוועסטער־אינסטיטוציעס אין אייראָפּע, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן פון פאַרן חורבן. דאָס מיינט: עס האָט איר געפעלט דער דאָזיקער דעמאָקראַטישער גייסט וואָס זאָל פון דעם אַנשטאַלט מאַכן אַ מוסד פון פאָלק פאַרן פאָלק, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: אַן אינסטיטוציע וואָס זאָל האָבן דאָס מאָראַלישע רעכט אויף אַן אמת צו רעדן אין נאָמען פון אירע מיטגלידער און דורך דעם — אין נאָמען פון גאַנצן ישוב.

די נייע קהילה האָט, ווי מיר ווייסן, איבערגענומען פון דער אַלטער חברה קדישא, אַ חוץ אַנדערע זאַכן, איר פעסטגעשטעלטע וואַל־אָרדינאַציע וועלכע איז שוין געווען אַנאַכראָניש אַפילו פאַר אַ חברה־קדישא און מכל־שכן נאָך פאַר אַ קהילה. אין זיין אַרבעט „די פאַרטייען אין היגן ישוב" (געדרוקט אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך) האָט קאָלעגע א. א. פישער געניי אָנגעוויזן וואָס עס זענען געווען די פעלערן פון דער אַלטער וואַל־אָרדינאַציע און ער האָט אויך געשילדערט די רעזולטאַטן פון אָט־דעם אָפגעלעבטן וואַל־סיסטעם. פון די דאָזיקע רעזולטאַטן איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע דאָס וואָס די וואַלן האָבן זייער זעלטן אָפגעשפיגלט דעם אמתן דעת־הקהל. מחמת זיי האָבן דעם וויילער אַוועקגעשטעלט פאַר דער ברירה צו שטימען פאַר וואַל־בלאָקן און נישט פאַר באַזונדערע אידעישע, אָדער פאָליטישע ריכטונגען און גרופירונגען. היות דאָס האָט נישט אַנטשפּראָכן דער אידעישער און פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון היגן מאַסן־מענטש האָט דאָס במילא געמוזט ווירקן אין אַ נעגאַטיווער ריכטונג אויף דער וואַל־באַטייליקונג פון די מיטגלידער און דערפאַר איז אָפט געשען, אַז פון 35 טויזנט קהילה־מיטגלידער האָבן זיך אין די וואַלן טיילמאָל באַטייליקט בלויז 10 טויזנט און אַזאַ וואַל־באַטייליקונג האָט זיכער נישט געקענט געבן דער אינסטיטוציע דאָס געפיל, אַז זי רעדט אין נאָמען פון איר גאַנצער מיטגלידערשאַפט.

אַ טייל פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אין די יאָרן 1957—1960. פון רעכטס אויף לינקס: א. ווילנער רעכענונג־איבערזעער, ל. ראַבינאָוויטש פאַרוו׳־מיטגל׳, י. ווענגראָוויער פאַרוו׳־מיטגל׳, י. בערענשטיין פאַרוו.־מיטגל׳, ב זשעלאַזני פאַרוו׳־מיטגל׳, מ. ראָזענבערג פאַרוו׳־מיטגל׳, י. זאַנג 2טער פראָ־סעקרעטאַר, ד״ר ד. רויזין אַקטן־סעקרעטאַר.

עס איז כדאי צו דערמאָנען נאָך עטלעכע נעגאַטיווע מאָמענטן פון דער אַלטער וואַל־אָרדינאַציע. קאָלעגע א. א. פישער דערמאָנט אין זיין ציטירטער אַרבעט, אַז דער סיסטעם פון מערהייט און מינדערהייט־וואַלן האָט אָפטמאָל געבראַכט דערצו, אַז אַ ליסטע מיט אַ קליינער מערהייט זאָל זיגן און די אַנדערע ליסטע מיט אַ קליינער מינדערהייט זאָל לחלוטין בלייבן אָן

אַ זייט פון קהילה־רודער. ווען עס זענען געגאַנגען אין וואַל־פאַרמעסט דריי ליסטעס איז געשען נאָך אַ גרעסערער פאַראַדאָקס: די זיגערישע ליסטע וואָס האָט איבערגענומען די קהילה־לייטונג איז פאַקטיש געווען אַ מינדערהייט אַנטקעגן די אַנדערע צוויי ליסטעס וואָס האָבן פאַרשפּילט און דאָס האָט באַטייט, אַז דער רוב מיטגלידער פון דער אינסטיטוציע האָט געמוזט זאָגן וועגן דער קהילה דעם באַרימטן פסוק: „אין לנו חלק ונחלה״. טאָמער איז דאָס אַליין ווייניק, איז אָבער נאָך פיל ערגער געווען אַן אַנדערע אומשטאַנד. היינו? כדי דער נאַציאָנאַלער לאַגער זאָל זיך פאַרזיכערן די מערהייט האָט ער געמוזט שאַפן אַ וואַל־בלאָק וואָס איז באַשטאַנען פון צדדים וועלכע זענען אידעיִש און פאָליטיש געווען פון זיך זייער ווייט. און ער האָט געמוזט שאַפן אַזאַ בלאָק, וואָרעם על־פי־רוב איז תמיד געהאָנגען איבערן ישוב די געפאַר, אַז די יעווסעקעס זאָלן מיט זייער בלינדער געהאָרכזאַמקייט און טעמפער דיסציפלין אָנציִען אַ קליינע מערהייט און דאַן זאָלן זיי ווערן די פולע באַלעבאַטים פון דער קהילה. כדי צו פאַרמיידן די דאָזיקע געפאַר האָט דער נאַציאָנאַלער צד נישט געטאָרט דערלאָזן צו קיין כוחות־צעברעקלונג און האָט געמוזט קאָמבינירן אַ וואַל־קאָאַליציע אין וועלכער עס זענען טיילמאָל אַריין ווי אין קרילאָווס באַרימטן משל: אַ ראַק, אַ שוואַן און אַ העכט. אַזאַ מעכאַנישער צונויפשטעל פון דער וואַל־ליסטע האָט געהאַט זיינע מעלות, אָבער דערביי האָט ער זייער שלעכט געווירקט אויפן דורכשניטלעכן וויילער, ווייל אין אַזאַ ברייטער צונויפגעסטריגעוועטער קאַנדידאַטן־רשימה האָט דער וויילער תמיד געפונען אַזעלכע נעמען פאַר וועלכע ער האָט בפירוש נישט געוואָלט שטימען, און אַבי ער האָט נאָר געהאַט די באַרויִקנדיקע אילוזיע, אַז „די קאָמוניסטן וועלן סיי ווי נישט געווינען״, איז ער שוין נישט געגאַנגען צו די וואַלן און זיין פאַסיוויטעט וואָאַס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער וואַל־ליסטע איז געפאַלן ווי אַ שאָטן אויף דער קהילה.

חוץ לזה האָט די נויטווענדיקייט אויפצושטעלן אַ וואָס ברייטערע וואַל־קאָאַליציע געבראַכט פאַרשידענע, פון אַ דעמאָקראַטישן שטאַנדפונקט, אומגעווונטשענע מאָמענטן. קיין שום פאַרטיי האָט דעמאָלט נישט געקענט, נישט איר אייגענעם כוח, נישט דעם כוח פון צד שכנגד און דערפאַר האָט זיך טאַקע באַקומען, אַז ביים מאָנטירן דעם וואַל־בלאָק האָט אַ פאַקטיש קלענערע פאַרטיי געפאָדערט פאַר זיך די וויכטיקסטע קהילה־אַמטן, שטיצנדיק זיך אויפן כח פון חזקה. אַז אין ייִדישן לעבן האָט זיך עפעס געביטן, האָבן די דאָזיקע פאַרטייען און גרופעס נישט געוואָלט אָנערקענען און ביי יעדן מאָמענט, ווען מען האָט געפרווט עפעס צו בייטן אין דעם חזקה־איינשטעל, האָבן זיי געדראָאָט צו פאַרלאָזן די קאָאַליציע און צו מאַכן שבת פאַר זיך, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע גרופעס, וואָס זענען אויך נישט געווען באַגייסטערט פון וועלכער עס איז ענדערונג. אַזעלכעס איז טאַקע אָפטמאָל געשען און דעמאָלט האָבן מיר ביי די קהילה־וואַלן האָט דריי ליסטעס: 1) די ליסטע פון דער מערהייט פון די ציוניסטישע פאַרטייען; 2) די ליסטע פון די תמיד־אַגרעסיווע און ענג־געשלאָסענע יעווסעקעס וואָס האָבן נאָך דעמאָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ כוח אין ישוב, און 3) די ליסטע פון די אַזוי־גערופענע אומפאַרטייִשע צו וועלכע עס האָט זיך אָפט פאַראייניקט איין אומצופרידענע ציוניסטישע פאַרטיי, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מען באַעוולהט זי ביים פאַרטיילן די אַמטן אין דער קהילה־לייטונג. היות מען האָט תמיד מורא געהאַט פאַר דעם זיג פון דער יעווסעקישער ליסטע האָט מען געמוזט איינגיין אויף אַ סך פשרות ביים אָנהאַלטן די אייניקייט פון דעם נאַציאָנאַלן לאַגער. אַזוי אַרום האָט מען ערשטנס, בלא יודעים געמוזט אונטערהאַלטן גרופעס און ריכטונגען וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן זייער השפעה; צווייטנס, האָט מען געמוזט אין יעדער וואַל־ליסטע אַריינשטעלן פערזאָנען וועלכע האָבן שוין פאַקטיש קיינעם נישט רעפרעזענטירט; דריטנס, האָט מען געמוזט אָנהאַלטן די פאַנאַנדערטיילונג פון די אַמטן אין דער קהילה־לייטונג אויף אַזאַ אופן וואָס האָט שוין לאַנג נישט אַנטשפראָכן דעם ווילן פון דעם רוב וויילער. די נייע קהילה האָט זיך דעריבער געפלאָנטערט אין די נעצן פון דעם אַלטן חברה קדישא־סטאַטוט און ווי לאַנג דער דאָזיקער סטאַטוט האָט דעצידירט ביים וויכטיקסטן מאָמענט פון קהילה־לעבן, האָט מען נישט געטאָרט באַהויפטן, אַז די קהילה שפיגלט־אָפ דעם ווילן פון פאָלק און אַז זי רעדט טאַקע אין נאָמען פון דעם רוב פון אירע מיטגלידער

בכדי צו פאַרענדיקן מיט דעם קאַפּיטל איז כדאי צוצוגעבן: שוין דער בלויזער פאַקט וואָס די פאַרטיילונג פון די אַמטן אין דער לייטונג פון דער קהילה איז באַשטימט געוואָרן אין די חדרי־חדרים פון די מאַנטירערס פון דער וואַל־קאָאַליציע און איז נישט דעצידירט געוואָרן דורך דעם ווילער ביים שטים־קאַסטן, האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויף דעם ליכט פון דער קהילה־אינסטיטוציע און ווען מען קוקט אויף דעם דאָזיקן שאָטן פון שטאַנדפונקט פון דעמאָקראַטיע און פון דעם שטאַנדפונקט פון די דערגרייכונגען וואָס זענען אויסגעקעמפט געוואָרן דורך דער היסטאָרישער עוואָלוציע פון די ייִדישע אויטאָנאָמע קהילה־פאַרוואַלטונגען אין אייראָפּע. פאַרשטייט מען שוין פאַרוואָס מיר האָבן געזאָגט, אַז עס האָט ערשטע געמוזט קומען אַ צווייטער רעוואָלוציאָנערער שריט, כדי די קהילה אין בוענאָס־איירעס זאָל טאַקע ווערן אַן אמתע קהילה.

אַ טייל פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אין די יאָרן 1957־1960. פון רעכטס אויף לינקס: חיים פעפער פאַרוו׳־מיטגל, מאיר טאָקער פאַרוו׳־מיטגל׳, ד״ר דוד מאַבאַקמאַן פאַרזיצער פון ועד החינוך, דוד שפּיגל רעכענונג־איבערזעער, ש. אנספאַך רעכענונג־איבערזעער.

פונקט ווי דאָס אָנרופן די חברה קדישא מיטן נאָמען קהילה איז געווען אַ פועל־יוצא פון דער אַנטוויקלונג וואָס די אינסטיטוציע גופא האָט דורכגעמאַכט, איז אויך דער סטאַטוטן־רעפאָרם געווען אַ קאָנסעקווענץ פון דער עוואָלוציע וואָס דאָס ייִדישע לעבן אין אַרגענטינע האָט דורכגעמאַכט. דאָס ענדערן די דאָזיקע סטאַטוטן, וואָלט קיינמאָל נישט פאַרגעקומען ווען צופריער וואָלטן נישט פאַרגעקומען אַ ריי זייער וויכטיקע געשעענישן וואָס האָבן אַרויסגערופן די נייטיקייט פון דעם דאָזיקן רעפאָרם און האָבן אים טאַקע רעאַליזירט.

אַלע זאָגן עדות, אַז מיט וואָסערע 30־35 יאָר צוריק האָבן די פאַרטייען געשפּילט אַ קליינע ראָל אין דעם לעבן פון ישוב. מען דאַרף אָבער זיין זייער פאַרזיכטיק ביים ציטירן די דאָזיקע

פעסטשטעלונג, ווייל אַז מען זאָל זי גוט אַריינטראַכטן וועט מען זען, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי גרינג אויסצומעסטן וועלכע ראָל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן עס איז קליין און וועלכע עס איז גרויס. פאַקטיש ווייזן מיר, אַז עס זענען פאַראַן קליינע אידעיִשע גרופּירונגען וואָס טראָץ זייער אומפּאָפּולאַריטעט שפּילן זיי דאָך אַ גרויסע ראָל אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און ביישפּילן וואָלט מען דאָ געקענט ברענגען אַ סך. חוץ דעם קען מען, ווען עס גייט וועגן ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע, אַפּילו נישט זאָגן, אַז געוויסע פּאַרטייען זענען דאָ נישט געווען גענוג פּאָפּולער און אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע מאַסן־אָנהענגערשאַפט. די זאַך איז אָבער וואָס זייער אַ לאַנגע צייט (ווי דאָס באַמערקט ריכטיק חבר א. א. פישער אין זיין דערמאָנטער אַרבעט) האָבן די היגע פּאַרטייען נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס פאַר דער דאָזיקער טעטיקייט אין וועלכער דער היגער מאַסן־ייִד איז געווען דורכויס פאַראינטערעסירט. זיי זענען געווען פּאַרטייען וואָס זייערע פּראָגראַמען האָבן בעיקר אין זין געהאַט דעם „דאָרט" און נישט דעם "דאָ". די ציוניסטן — דעם ארץ־ישראלדיקן „דאָרט" און להבדיל די קאָמוניסטן — דעם סאָוויעט־רוסלענדישן „דאָרט". די אַרבעט פאַרן היגן ישוב האָט מען דערפאַר איבערגעלאָזט די אַזוי־גערופענע אומפּאַרטייִשע ייִדן, די ייִדן פון די כלערליי קאָמיטעטן. צווישן די דאָזיקע ייִדן האָבן זיך אָבער תמיד געפונען אויך פּאַרטייִשע ייִדן, נישט מער — אַזוי ווי די היגע פּאַרטייען האָבן נישט געהאַט דעם כוח פון דיסציפּלין וואָס אין דער אַלטער היים, האָט זיך דעריבער באַקומען, אַז אויך דער פּאַרטייִשער ייִד האָט זיך געפינען אין צוויי רשותן, אין דעם רשות פון זיין פּאַרטיי, ביים אַרבעטן פאַרן „דאָרט" און אין רשות פון אומפּאַרטייִשקייט ביים טעטיק זיין פאַרן „דאָ".

אָבער אַפּילו דורך אָט־דער נישט־דיסציפּלינירטער מאַסע פון פּאַרטיי־לייט אין אומפּאַרטייִשן רשות האָבן די היגע פּאָליטישע פּאַרטייען געווירקט אויפן לעבן אין ישוב און הגם די דאָזיקע ווירקונג איז נישט געווען קיין אָפענע און דירעקטע האָט זי אָבער אָנגעהאַלטן און ביסלעכווייז משפּיע געווען די געזעלשאַפטן און אירע אינסטיטוציעס. פּאַרטיי־מענטשן וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די אומפּאַרטייִשע קאָמיטעטן, ווען אַפּילו זיי זענען נישט געשיקט געוואָרן דורך זייערע פּאַרטייען און האָבן פאַר די פּאַרטייען נישט געדאַרפט אָפּגעבן קיין דין וחשבון, האָבן זיי אָבער פּאָרט אַריינגעבראַכט אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט טענער און נוסחאות וואָס זענען געווען פון אַ העכערער געזעלשאַפטלעכער קוואַליפיקאַציע. ווי פריי דער פּאַרטיי־מענטש האָט נישט געזאָלט זיין אין דעם רשות פון אומפּאַרטייִשקייט האָט ער דאָך פון זיין פּאַרטיי געבראַכט מיט זיך געוויסע פּרינציפּיעלע איינשטעלונגען און אידעיִשע קריטעריעס, וואָס האָבן נישט פאַרפליכטעט דעם סתם־עסקן. דערביי האָבן די דאָזיקע פּאַרטיי־מענטשן תמיד געשטיצט אַזעלכע איניציאַטיוועס און פאָרשלאָגן וואָס האָבן דערנענטערט די פּאַרטייען צו די אינסטיטוציעס ווו זיי האָבן געווירקט און דאָס האָט זיך דערהויפּט געלאָזט מערקן אויפן באָדן פון דער חברה קדישא. ביסלעכווייז האָבן די פּאַרטייען דורך זייערע אומאָפיציעלע פאָרשטייער ברייטער געעפנט די חברה־קדישא־טויערן פאַר זייער אַריינגאַנג אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע און ווען אין צענטער פון היגן לעבן האָט זיך אַרויסגערוקט דאָס שולוועזן און בכלל די זאָרג וועגן חינוך, און ווען די דאָזיקע זאָרג און טעטיקייט האָט אויסגעשולט אַ טיפּ פּאַרטייִשע עסקנים מיט אַן אָריענטאַציע אויף דאָיקער מאַסן־אַרבעט, איז ממילא געקומען דער דראַנג צו פאַרנעמען אַ דעצידירנדיק אָרט אין דער חברה־קדישא־לייטונג, און עס איז דערנאָך אַנטשטאַנען דער פאַרמעסט וועגן דעם דאָזיקן אָרט. אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון פּאַרטייִשן איבערנעמען די דאָזיקע אינסטיטוציע וואָס איז געוואָרן צענטראַל אין אונדזער ישוב און האָט אין גאַנג פון איר אַנטוויקלונג וואָס אַמאָל מער געקריגן די אַמביציע צו זיין דער צענטראַליזירנדיקער כוח אינעם ישוב.

דער סטאַטוטן־רעפאָרם וועגן וועלכן מיר רעדן, איז דעריבער געווען דער אָפּשלוס פון אַן אַנטוויקלונג וואָס דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אונדזער ישוב האָט דורכגעמאַכט. געבויט אין אַ געוויסער מאָס, צוליב די באַדינגונגען אין אַן אימיגראַציע־לאַנד, כאַאָטיש און פאָרמלאָז,

האָט דאָס דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע לעבן צום ערשט געשראָקן די פּאַרטייִשע מענטשן וועלכע האָבן אינסטינקטיוו זיך געקלאַמערט אין די שמאָלע דלת אמות פון זייער קרייז, כדי נישט דערטרינקען צו ווערן אין דעם ברייטן פלוס פון אַן עסקנות וואָס האָט אין בעסטן פאַל נאָר געטראָגן אַ פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער און אין ערגערן פאַל — אַ כאַראַקטער פון גבאות, אָן אידעיִשן האָריזאָנט און אָן די נאָרמירנדיקע פאַרבאָטן פון פּרינציפּן. בהדרגה איז אָבער דאָס לעבן אַליין אַריין אין געווירבל פון אידעאָלאָגישע קאַמפן און די אָפּהיטער פון די אידעאָלאָגיעס זענען אַריין אין די אינסטיטוציעס געשאַפענע דורכן לעבן. דער אָנגעצייכנטער קרייז וואָס די פּאַרטייען האָבן געמאַכט אַרום זיך, כדי די אַלטע עסקנות זאָל אויף זיי קיין שליטה נישט האָבן, איז ביסלעכווייז אויפגעבראָכן געוואָרן און אין דער מאָס ווי די מאַסע האָט זיך דערנענטערט צו די אידעאָלאָגישע

די פייערונג לכבוד דעם בר מצוה־יאָר פון מדינת־ישראל (1961). פון רעכטס אויף לינקס: ד״ר ש. ביקל, ד״ר ס. קאָמענשיין, ישראל־אַמב׳ יוסף אבידר, י. דרורי, מ. האַניק, י. ברמור.

ריכטונגען, האָבן די דאָזיקע ריכטונגען גענומען אַנטקעגן גיין די מאַסן. געווירקט האָבן דאָ פאַרשטייט זיך, קודם־כל די טראַנסצעדענטאַלע געשעענישן אין יידישן לעבן מחוץ אונדזער ישוב, וועלכע האָבן דעם „דאָרט״ אַ סך נענטער געמאַכט צו דעם „דאָ״ און דערפאַר זעען מיר טאַקע, אַז דער מאָמענט ווען די פּאַרטייען גייען אַריין מיט ביידע פיס אין היגן ציבור־לעבן פאַלט זיך צונויף מיטן מאָמענט ווען דאָרט אין אייראָפּע און שפּעטער אין ארץ־ישראל, הייבן זיך אָן אָפּצושפּילן געשעענישן וואָס זייער אָפּהילך פאַרכאַפּט די ברייטע יידישע גאַס און דערנענטערט די דאָזיקע גאַס צו די אידעאָלאָגיעס וואָס די פּאַרטייען פאַרטיידיקן.

דאָס מערקווירדיקסטע אין דער דאָזיקער עוואָלוציע איז אָבער דער פאַקט וואָס דווקא די פּאַרטייען וועלכע האָבן זיך לכתחילה אויסגעהיטן פון אַ צו־נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער בריי־

טער מאַסע, ווערן שפעטער די דאָזיקע וואָס שטויסן דערצו, אַז וואָס ברייטערע מאַסן זאָלן אָנטיילנעמען און זאָגן זייער וואָרט אין די דעצידירנדיקע מאָמענטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. די אידעיִשע אַריסטאָקראַטן הייבן אָן פאַראינטערעסירט צו ווערן אין אַ וואָס פולערער געזעלשאַפטלעכער דעמאָקראַטיע. צום טייל איז דאָס אַן אויסדרוק פון זייער אידעאָלאָגישן איינשטעל און צום טייל נעמט זיך דאָס מחמת דעם אינערלעכן פאַרמעסט צווישן די פאַרטייען גופא. אַ פאַרמעסט וואָס טראָגט שוין איצט אַ סך מער ממשותדיקע פאָרמען און ווערט שוין נישט דעצידירט בלויז דורך טעאָרעטישע דיסקוסיעס, נאָר דורך דעם פראַקטישן מעכאַניזם פון וואַל־אַקט. אַזוי אַרום רייפט פאַמעלעך אָן דער געדאַנק, אַז מען דאַרף בייטן די אַלטע סטאַטוטן פון דער חברה קדישא וואָס זייער וואַל־אָרדינאַציע גיט נישט קיין סטימול דער ברייטער מיטגלידערשאַפט זיך צו באַטייליקן אין די יאָר־יערלעכע וואַלן, מחמת די סיבות וואָס מיר האָבן פריִער דערמאָנט. און טאַקע דעמאָלט ווען די אַלטע חברה קדישא איז שוין טראַנספאָרמירט אין אַ קהילה ווערט דער דאָזיקער געדאַנק צייטיק און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פרוכט פון דער רעאַליטעט.

— 4 —

אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע שטערונגען האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער סטאַטוטן־רעפאָרם זאָל באַשטעטיקט ווערן ערשט דורך דער פאַרוואַלטונג וואָס איז געווילט געוואָרן אין יאָר 1955. די שקלא וטריאס אין דער קאָמיסיע וואָס איז געשאַפן געוואָרן כדי צוצוגרייטן דעם פראָיעקט פון די נייע סטאַטוטן, האָבן געדויערט היפש לאַנג און זיי האָבן זיך פאַרצויגן מחמת אינערלעכע דינגעניש צווישן די פאַרטייען, וואָס אייניקע פון זיי האָבן געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז דאָס איינפירן פראָפאָרציאָנעלע וואַלן וועט אַ סוף מאַכן צו דעם אַלטן חזקה־סיסטעם פון וועלכן זיי זענען ביז איצט באַגינסטיקט געוואָרן. צום גליק האָט זיך אָבער דעמאָלט די קהילה־ליטונג, אין איר מערהייט און אין אירע וויכטיקסטע פאָזיציעס, שוין געפינען אין די הענט פון פאַרטיי־פאָרשטייער און דאָס האָט געהאַט די מעלה וואָס אַפילו די וואָס זענען נישט געווען אָנטציקט פון דעם נייעם וואַל־סיסטעם, האָבן אויך נישט געקענט קעגן אים אַרויסטרעטן מחמת פרינציפיעלע טעמים און זיי האָבן העכסטנס נאָר געקענט דעם ענין אָפשלעפן, אָבער נישט אַראָפנעמען פון סדר־היום. אַזוי אַרום איז געשען, אַז די נייע סטאַטוטן זענען סוף־כל־סוף אָנועקגעשיקט געוואָרן צו באַשטעטיקן דער מלוכהשער מאַכט און ווען זיי זענען באַשטעטיקט געוואָרן האָט מען זיך מיט זיי געמוזט נעמען רעכענען און אַריינפירן אין לעבן.

געוויס איז דאָס פאָזיטיווע פון די נייע סטאַטוטן נישט בלויז דאָס וואָס זיי האָבן איינגעפירט אַ נייע וואַל־אָרדינאַציע. ס׳איז גענוג, למשל, צו דערמאָנען, אַז אין די נייע סטאַטוטן געפינט זיך אַ פונקט דורך וועלכן די רעגירונג פון לאַנד אָנערקענט דאָס רעכט פון דער קהילה צו שטיין אין פאַרבינדונג, אין נאָמען פון ישוב, מיט די אָרגאַניזאַציעס פון וועלט־יידנטום און צו טאָן הילפס־אַרבעט לטובת מדינת־ישראל, כדי צו פאַרשטיין ווי וויכטיק אַזאַ פאָרמעלע אָנערקענונג מצד די מאַכט־אינסטאַנצן איז פאַר דער דאָזיקער צענטראַלער אינסטיטוציע און אויך וואָס אַזעלכע גאַראַנטירטע רעכט באַדייטן פאַר אונדזער גאַנצער קאָלעקטיוויטעט. מען וואָלט דאָ אפשר געדאַרפט דערמאָנען נאָך אַ סך אַזעלכע פונקטן, כדי זיך איבערצוצייגן אויף וויפל מיט די דאָזיקע נייע סטאַטוטן איז אויף אַ שטילן, כמעט קאָנצעלאַרישן אופן, דערגרייכט געוואָרן דאָס פאַר וועלכן דורות יידישע עמאַנציפאַציע־קעמפער האָבן זיך געשלאָגן אין די אַלטע היים־לענדער. פאַרשטייט זיך, אַז אין הסכם מיט די נייע באַדינגונגען האָבן די סטאַטוטן־פראָיעקטירער נישט געזוכט און נישט געקענט זוכן ביי דער מאַכט די באַשטעטיקונג פון יענעם געזעץ וואָס האָט די קהילות אין מזרח־איראָפּע געגעבן זייער גרויסן כח, דאָס מיינט: די געצוווּנגענע אָנגעהעריקייט פון יעדן יידישן יחיד אין דער קהילה. אין דעם פאַל האָט די בוענאָס איירעסער קהילה געמוזט צאָלן דעם זעלביקן פרייז פאַר דער עמאַנציפאַציע וואָס עס האָבן

געצאָלט אַלע ייִדישע קהילות אין דער נייער וועלט און אין די נייע צייטן. אָבער ניט געקוקט אויף דעם האָט דער נייער סטאַטוט פּאָרט פאַרגעזעצלעכט די ברייטסטע אויטאָנאָמיע פאַרן ייִדישן לעבן און האָט אין אַ געוויסער מאָס לעגאַליזירט דאָס וואָס דער גרויסער ייִדישער היסטאָריקער און דענקער שמעון דובנאָוו, הי״ד, האָט געחלומט צו זען פאַרווירקלעכט ווי אַ פאָרבאַדינג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון ייִדישן וועלט־פאָלק.

די אַלע פּאָזיטיווע זייטן פון דעם נייעם קהילה־סיסטעם האָבן זיך אָבער ניט אַזוי שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן ווי דער נייער וואַל־סיסטעם. אין דעם נייעם וואַל־סיסטעם האָט מען בחוש דערזען דאָס רעוואָלוציאָנערע פון די סטאַטוטן. מיט איינמאָל זענען אַרויס אין פאַרמעסט 10 וואַל־ליסטעס און די דאָזיקע 10 וואַל־ליסטעס האָבן טאַקע מאָביליזירט צום שטים־



די קהילה־פייערונג פון יום־העצמאות אין יאָר 1962. פאַרגעקומען אין זאַל „אָפּעראַ״.

קאַסטן אַזאַ וויילערשאַפט וואָס איז ביז איצט געווען אַ פאַנטאַזיע. עס האָט אויפגעהערט דער סיסטעם פון קאָאַליציעס. עס האָט אויפגעהערט די פּראַקטיק פון חדרי־חדרים־קאָמבינאַציעס וועגן דער פאַרטיילונג פון די קהילה־אַמטן. די פאַרטייען האָבן זיך געשטעלט צום משפט פונעם וויילער און דאַן זענען געשען איבעראַשנדיקע זאַכן: די אומפאַרטייִשע וועלכע האָבן געהאַלטן אַז זיי זענען דער גרעסטער כוח פונעם ישוב זענען אַפילו צו די וואַלן ניט דערגאַנגען. געוויסע ציוניסטישע פאַרטייען מיט זכותים פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן דורך אָט די וואַלן געמוזט זיך געזעגענען מיט דער אַמאָליקער גלאָריע און מיט דעם רעכט אויף חזקה. אָבער די גרעסטע מפּלה האָבן דערביי געהאַט די קאָמוניסטן וועלכע האָבן תמיד געטענהט, אַז זיי זענען ניט אַנדערש נאָר אַ דריטל פונעם ישוב. דאָ, ביי די ערשטע פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, האָבן

זיי זיך, צו אַלעמענס שטוינונג, אַרויסגעוויזן ווי אַ פאַרטיי וואָס איז שוין לאַנג אַריין אין דער פאַזע פון איר אייגענער ליקווידאַציע און שפילט נישט מער קיין שום ראָל אין אונדזער געזעלשאַפט. דרך־אגב דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז די דאָזיקע עפנטלעכע אַנטפלעקונג האָט די קאָמוניסטן געטאָן די גרעסטע רעה, וואָרים, אויב זיי האָבן זיך ביז איצט נאָך געהאַלטן אין אונדזער ישוב איז עס געווען מיטן כח פון זייער סוגעסטיווער פראָפאַגאַנדע, אַז זיי זענען דער הויפט־כוח אין דער געזעלשאַפט. די ערשטע פראָפאָרציאָנעלע וואַלן אויפן סמך פון די ניי־רעפאָרמירטע סטאַטוטן האָבן, בכן, באַוויזן, אַז אַ סך קעניגן און פרינצן זענען געבעך נאַקעט און טאַקע די מורא, אַז מען זאָל זיי נישט זען אין זייער אַנטפלעקטער נאַקעטקייט האָט צום מערסטן געווירקט אויף די יעווסעקעס, אַז זיי זאָלן בעת די קומענדיקע וואַלן מער נישט ריזיקירן און נישט אַרויסשטעלן קיין אייגענע קאַנדידאַטן־ליסטע.

דער דאָזיקער מאָמענט ווערט דאָ ספעציעל אונטערגעשטראָכן, ווייל ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די מורא פאַר די קאָמוניסטן, וואָס האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פסיכאָז האָט אייניקע געדינט ווי אַ מאָטיוו קעגן דעם סטאַטוטן־רעפאָרם. געווען אַזעלכע מנהיגים און זשורנאַליסטישע וואָרטזאָגער וואָס האָבן געשראָקן, אַז ביים אָפטרעטן פון דעם אַלטן מערהייט און מינדערהייט־סיסטעם און ביים פראַקטיצירן דעם נייעם פראָפאָרציאָנעלן וואַל־סיסטעם, וועט מען עפענען די קהילה־טויערן פאַר די קאָמוניסטישע פאָרשטייער און זיי אַזוי אַרום געבן די מעגלעכקייט צו טאָן זייער דעסטרוקטיווע אַרבעט פון אינעווייניק. דער פחד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר אומבאַגרינדעט, וואָרים אין דעם פרט האָבן זיך אַלע פאַרטייען געאייניקט, אַז מען טאָר די קאָמוניסטן נישט אַריינלאָזן אין דער קהילה־לייטונג און וויבאַלד דער וועג צו דער קהילה־לייטונג איז פאַר זיי פאַרמאַכט געוואָרן, האָט קיינעם שוין נישט געקענט אַרן אויב זיי וועלן בלייבן ווי אַ טומלערישע אָפאָזיציע אין דעם קהילה־ראַט. אין אַ געוויסן זין האָט דאָס אויך אָנגעצייכנט זייער ווייטערדיקן באַרג־אַראָפ וועג אין אונדזער ישוב, ווייל זייערע דעמאַגאָגישע אַרויסטרעטונגען אויפן קהילה־ראַט זענען נישט געבליבן אומפאַרענטפערט און דאָס דעמאַסקירן זיי אויף אַזאַ עפנטלעכן אופן האָט אין רעזולטאַט געבראַכט דערצו, אַז זייערע נאָכלויפער זאָלן זיך פון זיי וואָס גיכער אָפטרייסלען.

די פראָפאָרציאָנעלע וואַלן האָבן געגעבן דעם ענטפער אויף דער פראַגע „ווער איז ווער“ אין אונדזער ישוב. מען האָט אין דעם פרט אויפגעהערט בלאָנדזשען אין דער פינצטער און לעבן מיט דער אינערציע פון פאַרגאַנגענע צייטן. די דאָזיקע וואַלן האָבן אויך מאָביליזירט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע און זיי האָבן די קהילה־אינסטיטוציע אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון מאַסן־אינטערעס. טויזנטער יידן האָבן דורך אָט־דעם אַקט געקריגן דאָס באַוווסטזיין, אַז די קהילה איז טאַקע אַ קהילה און נישט קיין מתים־שטיבל. טויזנטער ייִדן האָבן דערפאַר געקריגן חשק צו זאָגן זייער וואָרט ווער עס זאָלן זיין זייערע פאָרשטייער אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע. דער קהילה־באַוווסטזיין האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין אַזעלכע ווינקלען ווו מען האָט וועגן דעם דאָזיקן אַנשטאַלט פריִער געהאַט אַ גאַנץ פאַרנעפלטע פאָרשטעלונג. און ס׳איז געקומען דאָס וואָס האָט ביז איצט דער קהילה געפעלט: דאָס באַרעכטיקטע געפיל, אַז זי רעדט אין נאָמען פון אירע מיטגלידער און אין נאָמען פון ישוב.

וויל דאָס זאָגן, אַז די ביז־איצטיקע צוויי מאָל דורכגעפירטע פראָפאָרציאָנעלע וואַלן זענען שוין דער העכסטער שפיץ פון דעמאָקראַטישער דערגרייכונג און דעמאָקראַטישן גייסט? אַזאַ באַהויפטונג וואָלט געווען נישט ריכטיק. מען דאַרף קודם־כל שטרעבן, אַז אין די וואַלן זאָלן זיך באַטייליקן נאָך אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער. וואָס מער באַטייליקטע אין די וואַלן אַלץ קלאָרער און בולטער וועט זיין דער שפיגל פון דעת־הקהל און אַלץ מער סימן וועט עס זיין אַז די קהילה איז דער צענטער פון ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן אינטערעס. מען קען זיך אויך ווינטשן, אַז די פאַרטייען וואָס גייען מיט ליסטעס צו די וואַלן זאָלן מיט מער אייפער אָפהיטן זייער אידעאָלאָגישן פרצוף־פנים און אויף דער הייסער מינוט נישט איינגיין אויף קיין טאַק־

טישע פשרות צוליב שטים־קאָסטן. געװיס װײס יעדער, אַז אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן קען מען זיך נישט שטענדיק האַלטן ביי דעם יקוב הדין את ההר, קען מען נישט תמיד זיך פּרינציפּיעל אויסגעהאַלטן אויף אַלע הונדערט פּראָצענט און מען מוז אָפּט מאָל אײַנגײן אויף פשרות. און נישט אומזיסט האַלט דער דײַטשער סאָציאָלאָג געאָרג זימעל, אַז פּשרה איז אײנע פון די גרעסטע דערפינדונגען אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. אָבער אַלע װײסן אַז דער װעג פון פשרה איז זײער אַ גליטשיקער און אין לעצטן סך־הכל איז ער אויך אַ נישט לוינבאַרער, װאָרים דער באַרג־אַראָפּגאַנג פון געװיסע בירגערלעכע עסקנים־קאָמיטעטן און פּאַרטײען איז



ישראל־טענץ אויסגעפירט דורך אַ גרופּע יוגנטלעכע אונטער דער אָנפירונג פון מתיהו גלאַזמאַן, אויף דער עצמאות־פײַערונג אין זאַל „אָפּעראַ״, אײַנגעאָרדנט דורך דער קהילה.

דאָך געקומען װי אַ פּועל־יוצא פון דעם װאָס זײער פּאָליטיק האָט זיך נישט באַזירט אויף קײן שום פּרינציפּן, נאָר האָט זיך באַזירט אויף מאָמענטאַלע אינטערעסן, װעלכע האָבן דיקטירט די סאַמע אויסטערלישסטע פשרות. דעריבער זאָגן מיר, אַז װען די פּאַרטײען װעלן געדענקען דעם דאָזיקן אמת, װעלן זײ זיכער נישט אונטערזעגן די צװײַג אויף װעלכער זײ זיצן און זײ װעלן די דעמאָקראַטיע אין אונדזער ישוב נאָך מער פאַרטיפן אין זײער אײגענעם אינטערעס.

װען די חברה קדישא איז אָנגערופן געװאָרן קהילה האָט זיך לפנים װײניק װאָס געביטן אין דער אינסטיטוציע און אַרום דער אינסטיטוציע און עס האָט געמחט דורכגײן אַ שטיקל

צייט, כדי עס זאָלן אָנזעעוודיק ווערן די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער וויכטיקער היסטאָרישער ענדערונג. אַנדערש איז דאָס אָבער געשען נאָך דעם סטאַטוטן־רעפאָרם, און קאָנקרעט, נאָך די ערשטע וואלן לויט דעם נייעם וואל־סיסטעם. אויף וויפל דער ערשטער וואַל־אַקט לויטן פּראָפּאָרציאָנעלן סיסטעם האָט אויפגערודערט דעם ישוב און האָט בפועל־ממש געוויזן, אַז עס איז געשען אַ וויכטיקער שינוי אין לעבן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, אויף אַזויפיל האָט די ניי־געוויילטע קהילה־לייטונג, באַלד אין די ערשטע טעג נאָכן איבערנעמען דעם רודער, ממש רעוואָלוציאָניזירט די מעטאָדן פון דער קהילה־טעטיקייט און געגעבן דער קהילה־אַקטיוויטעט אַ נייע ווענדונג און אַ נייעם כאַראַקטער. דאָ האָט אַפילו דער סקעפּטיקער שוין נישט געקענט זאָגן, אַז ס׳איז די זעלביקע יענטע נאָר אין אַן אַנדערן שלייער, וואָרים פאַר יעדן איינעם איז געוואָרן קלאָר, אַז די קהילה איז אַרויף אויף נייע וועגן, אויף די וועגן פון אַן אמתער קהילה.

בר־מצוה יאָר פון מדינת ישראל
קהילה פון בוענאס איירעס

צוויי בר מצוה־קינדער ווערן געשיקט אויף אַ רייזע קיין ישראל

לייענט מען איצט דאָס וואָס פאַראַנטוואָרטלעכע זשורנאַליסטן האָבן געשריבן אין יענעם מאָמענט ווען ס׳איז געקומען צו דער מאַכט די נייע פאַרוואַלטונג אויפן יסוד פון די ערשטע פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, זעט מען וואָס פאַר אַ רושם די דאָזיקע ענדערונג האָט געמאַכט. עפּעס אַ גאַנץ נייע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספערע האָט זיך גענומען פילן אין קהילה־בנין. אַ נייער אימפּעט פון אַקטיוויטעט האָט פאַרכאַפּט די אַלע נאָענט־שטייענדיקע צו דער קהילה־אינסטיטוציע און האָט זיך איבערגעגעבן אויך אין די ווייטערע קרייזן. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע איניציאַטיוועס, נייע פאַרמעסטן און נייע באַשלוסן. און דאָס וויכטיקסטע: מען האָט דערפילט, אַז הינטער די אַלע איניציאַטיוועס, פאַרמעסטן און באַשלוסן שטייט נישט בלויז דער ווילן זיך אַרויסצווייזן מיט אַקטיוויטעט מצד דעם, אָדער יענעם פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, נאָר עס שטייט הינטער זיי אַן אויסגעחלומטער ציל וואָס האָט איצט געקריגן מעגלעכקייטן דער־

גרייכט צו ווערן. די אידעישע וויזיע פון אַ ייִדישער קהילה און אירע אויפגאַבעס פאַרן ייִדישן לעבן וואָס זענען ביז איצט געווען בלויז בבחינת אגדה זענען געוואָרן קאָנקרעטע הלכה און די פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער הלכה האָט סיי אונדזערע היימישע וואָרטזאָגער, סיי די וואָס זענען צו אונדז געקומען פון אויסלאַנד, אויסגעזען ווי אַ שטיק לעגענדאַרע אגדה.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די ערשטע שריט פון דער נייער קהילה־פאַרוואַלטונג פון יאָר 1957 איז דאָס וואָס זי האָט אייפעריק גענומען פאַרווירקלעכן יענע אידעאָלאָגישע הנחות וועלכע זענען דורך געוויסע פּראַקטישע עסקנים באַטראַכט געוואָרן ווי הוילע בטלנות. היות אין ליכט פון די דאָזיקע הנחות איז דעמאָקראַטיע אָן ערשטראַנגיקער פאַקטאָר פאַר דער ווייטערדיקער



גענעראַל־סעקרעטאַר אליעזר פרידמאַן פאַרטיילט דיפּלאָמען די קינדער וואָס זענען געוואָרן בר־מצוה, צוזאַמען מיט מדינת־ישראל. יאָר 1961.

אַרבעט פון דער לייטונג, ווערט קודם־כל דורכגעפירט דער פּרינציפּ, אַז אַלע פּאַרטייען וואָס זענען געגאַנגען צו די וואַלן, אַ חוץ די קאָמוניסטן, זאָלן האָבן זייער אָרט און זייער השפּעה אין דער נייער קהילה־פירונג. דאָס איז טאַקע אַ קאָאַליציע, אָבער נישט כדי איין צד זאָל זיך שאַפן אַ מערהייט, נאָר כדי אַלע צדדים זאָלן זיין באַטייליקט אין דער פירונג פון דער אינסטיטוציע. דערביי ווערן אַלע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דער קהילה אַריינגעצויגן אויף אַ דירעקטן אופן אין דעם פּראָצעס פון די אַלערליי פונקציעס וואָס דער קהילה קומט אויס דורכצופירן, אויף אַזאַ אופן, אַז די אָנפירערשאַפט פון די אַלטע און פון די ניי־אַנטשטאַנענע דעפּאַרטאַמענטן ווערט איבערגעגעבן די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג און דאָס באַדייט פאַקטיש, אַז יעדע פּאַרטיי האָט דורך איר פאַרשטייער אַ באַשטימטע פונקציע אין דער פאַרצווייגטער אַקטיוויטעט פון דער קהילה.

גרויס אין זייער איינדרוק זענען געווען די ערשטע עפנטלעכע זיצונגען פון קהילה־ראָט.

וואָס האָבן דעם בועגאָס־איירעסער ייִד, דעם געקומענעם פון מזרח־אייראָפּע, דערמאָנט די בעסטע צייטן פון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין דער אַלטער היים. דער קהילה־זאַל ווערט דאָס אָרט פון אינטערעס פאַרן מיטגליד און ווען ער דערמאָנט זיך די אַמאָליקע אַנאַכראָנישע אַזוי־גערופענע אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונגען, מוז ער מיט סאַטיספאַקציע פעסטשטעלן, אַז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אונדזער ישוב איז נישט נאָר בעסער, נאָר אויך שענער געוואָרן. די זיצונגען פון קהילה־ראַט ווערן פאַרוואַנדלט אין אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע דיסקוסיעס, אין פּרינציפּיעלע, געזעלשאַפטלעכע דעבאַטן, אָבער גלייכצייטיק ווערן די פּראַקטישע באַשלוסן דורכגעפירט אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן. נישט אומזיסט קריגן

ר-מצוה יאָר פון מדינת ישראל
קהילה פון בוענאָס איירעס

די פייערונג לכבוד די בר מצווה־קינדער אין יום־העצמאות, מיטן אָנטייל פון די ישראל־אַמבאַסאַדאָרן יוסף אבידר און יצחק הרכבי.

די זיצונגען פון ראַט די באַצייכענונגען „דער ייִדישער פּאַרלאַמענט פון אונדזער ישוב”. אַפילו אין דער אויסערלעכער אויסשטאַטונג פונעם זאַל איז פאַראַן עפּעס פון אַ פּאַרלאַמענט און דער פּאַרלאַמענטאַריזם איז געוויס פאַראַן אין דעם גייסט און אין די מעטאָדן מיט וועלכע די דאָזיקע אסיפות ווערן געפירט.

צום באַדויערן האָט דער קהילה־ראַט נישט באַוויזן צו פאַרנעמען דאָס אָרט וואָס אים איז באַשטימט געוואָרן און דערפאַר איז דער גלאַנץ פון זיינע ערשטע זיצונגען מיט דער צייט פאַרטונקלט געוואָרן. די פּראָיעקטירער פון די נייע סטאַטוטן האָבן זיכער גוט געמיינט מיטן שאַפן דעם ראַט פון דער קהילה. זיי האָבן אָבער נישט גענוי אָנגעצייכנט זיינע פונקציעס און נישט געזאָרגט דערפאַר, אַז זיינע זיצונגען זאָלן האָבן מער קאָנקרעטן אינהאַלט. און לאָמיר דאָ צוגעבן, אַז דווקא דער פאַקט וואָס די עקזעקוטיווע מאַכט פון דער קהילה אַרבעט האַרמאָניש און דעמאָקראַטיש, דווקא דער מאָמענט נעמט צו די אַטראַקטיווקייט פון דעם קאָנסול־

טיוון קהילה־אָרגאַן — דעם ראַט. אַוודאי מיינען מיר נישט, אַז דער קהילה־ראַט דאַרף זיין אַ טעאַטער־ספּעקטאַקל פאַר נייגעריקע צושויער וואָס האָבן ליב אַ ביסל מחלוקה און מיר האַלטן גאָרנישט, אַז די אויפגאַבע פון אַ דעמאָקראַטישער קהילה איז צו באַזאָרגן אירע מיטגלידער מיט אָפּאָזיציע־פאַרשטעלונגען, אָבער פון דער צווייטער זייט איז אויך קלאָר, אַז עס קענען געפינען ווערן אויפגאַבן פאַר דעם קהילה־ראַט, און דווקא נישט פון ספּעקטאַקולערן מין, וואָס זאָלן דער דאָזיקער אינסטאַנץ געבן לעבן און אינהאַלט לטובת דער קהילה און לטובת אונדזער געזעלשאַפטלעך זיין אינעם ישוב.

די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה מיט די בר מצוה־קינדער וואָס האָבן געוווּנען די רייזע קיין ישראל.
פון רעכטס אויף לינקס: ד. קולאַקאָווסקי, א. גראַקאָפ, מ. אבידע, ד״ר ס. קאַמענשיין, א. פרידמאַן,
ד״ר ש. ביקל, מ. האַניק.. עס שטייען די צוויי קינדער, די זוכה בגורל.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם נייעם גייסט פון דער קהילה נאָך די ערשטע פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן איז געווען דער באַשלוס און די דורכפירונג פון די עפנטלעכע זיצונגען פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. דורך די דאָזיקע עפנטלעכע זיצונגען איז די אַקטיוויטעט פון דער קהילה אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי הינטער אַ גלאָז און עס האָבן במילא אויפגעהערט די אַלע שושקערייען אויפן אויער וואָס זענען אַזוי באַקאַנט געווען אין די אַמאָליקע צייטן ווען וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין דער קהילה האָט מען זיך דערציילט ביי די קאַפע־טישלעך מיט סודותדיקע מינעס. די אַלע וואָס געדענקען נאָך יענע צייטן ווען אַ ייִדישער זשורנאַליסט פלעגט אָנהייבן זיין מאמר מיט די ווערטער: „פון גוט־אינפאָרמירטע קרייזן גיט מען אונדז איבער. אַז די קהילה־פאַרוואַלטונג קלייבט זיך צו טאָן דאָס און דאָס״, האָבן געמוזט דערפילן די וויכטיקייט פון די

אָפענע זיצונגען און דאָס נישט בלויז דערפאַר ווייל אַזוי אַרום האָט דער ייִדישער פען־מענטש אויפגעהערט צו זיין אָפּהענגיק אין זיין אינפאָרמאַציע און אין זיין אורטייל פון „גוט־אינפאָרמירטע קוועלן״ וועלכע האָבן אָפטמאָל אינפאָרמירט דאָס וואָס איז געווען גוט פאַר זיי, נאָר בעיקר דערפאַר ווייל אָט די אָפענע זיצונגען האָבן געשטימט מיט דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ וואָס איז די באַזע פאַר יעדער פרייער געזעלשאַפט און זיי האָבן עדות געזאָגט, אַז אויך אין דעם פּרט איז די קהילה אין בוענאָס איירעס אַרויף אויף דעם וועג וועלכן עס האָט שוין געהאַט אויסגעפּלאַסטערט דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום.

אין אַן אַרבעט וועגן דער קולטור־אַקטיוויטעט פון דער קהילה פון חבר משה קויפמאַן (געדרוקט אין דעם זאַמלבוך) ווערט גענוי און בפּרטיותדיק אָנגעוויזן וועלכע שינויִים עס זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין דער טעטיקייט אויפן קולטור־געביט באַלד נאָך דעם ווי די לייטונג וואָס איז געקומען צו דער מאַכט אויפן יסוד פון די פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, האָט איבערגענומען דעם קהילה־רודער. לאַקאָניש קען דער דאָזיקער אָנזעעוודיקער שינוי פאָרמולירט ווערן מיט די ווערטער „די קהילה דאַרף נישט בלויז סובסידירן קולטור־אַרבעט, נאָר זי דאַרף אַליין טאָן קולטור־אַרבעט״. דאָס איז געווען די באַזע פאַר שפּעטערדיקע גרויסצוגיקע אונטערנעמונגען וועלכע האָבן מאָמענטנווייז פאַסצינירט דעם גאַנצן ישוב און דאָס איז אויך געווען דער פונדאַמענט פאַר דער ווייטערדיקער קאָנסטרוקציע פון קולטור־טעטיקייט דורך וועלכער די קהילה איז געוואָרן דער קולטור־אַקטיוויסט נומער איינס אינעם ישוב.

און פּונקט ווי די ערשטע לייטונג, געוויילט דורך די פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן אין יאָר 1957, האָט געלייגט אַ נייעם חותם אויף דער טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע, אַזוי האָט אויך די צווייטע לייטונג, געוויילט אויפן זעלביקן סמך אין יאָר 1960, דעם דאָזיקן חותם געגעבן נייע פאָרמען און נייע קאָנטורן. דערביי קומט דאָ צום אויסדרוק דאָס וואָס ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט: כאָטש די געזעלשאַפטלעכע כוחות בייטן זיך כמעט נישט אין דעם נייעם פאַרוואַלטונגס־צוזאַמענשטעל, ברענגט דאָך די ענדערונג פון די מענטשן אַריין אין דער אַרבעט נייע נוסחאות און אַ נייעם סטיל. איבעריקנס שטייט יעדע קומענדיקע פאַרוואַלטונג אין דער קהילה פאַר דעם פּראָבלעם פון פאַרטיפערן דאָס אָנגעהויבענע דורך אַ פריִערדיקער פאַרוואַלטונג און פאַר פאַרענטפערן נייע פּראָבלעמען וואָס די צייט ברענגט אַרויס.

מען מוז אָבער זאָגן, אַז דאָס וואָס האָט געגעבן הצלחה סיי דער ערשטער, סיי דער צווייטער פאַרוואַלטונג, געוויילטע דורך פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, איז דער אידעיִשער איינשטעל, אַז די קהילה איז נישט בלויז קיין אינסטיטוציע וואָס איז אַ צוועק פאַר זיך אַליין, נאָר אַז די קהילה איז אַן אינסטרומענט פאַרן ווייטערדיקן אויפהאַלט און פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון ייִדישן לעבן. דערהויפּט טראָגט אַזאַ אינסטיטוציע ווי די קהילה אויף זיך אַ גרויסע אחריות אין דעם בין־הזמנים־צושטאַנד וועלכן מיר לעבן איבער און דאָס באַדייט, אַז די קהילה מוז זאָרגן נישט בלויז פאַר דעם היינט פון אונדזער ישוב, נייערט אויך פאַר זיין מאָרגן און פאַר זיין איבערמאָרגן.

ס׳איז נאַטירלעך איבעריק צו זאָגן, אַז אין ליכט פון דעם דאָזיקן באַוווּסטזיין דאַרף מען זען די גאַנצע חינוך־אַקטיוויטעט וואָס האָט פאַרכאַפּט אַזויפיל שטחים פון היגן עפנטלעכן לעבן. וואָרים אייגנטלעך איז דאָך די גאַנצע מי אַרום דער דערציִונג פון די יונגע דורות אַן אויסדרוק פון אָט דער זאָרג פאַרן מאָרגן פון אונדזער עקזיסטענץ און דאָס זאָגט קלאָר און בולט, אַז ווען די דאָזיקע זאָרג וואָלט נישט באַשעפטיקט אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט וואָלטן בשום אופן ואופן נישט מעגלעך געווען די דערגרייכונגען וואָס זענען ניכר אין אונדזער שול־

וועזן. די נייע קהילה־לייטונגען האָבן אָבער אין דער דאָזיקער מי אַריינגעטראָגן צוויי זייער וויכטיקע מאָמענטן: ערשטנס האָבן זיי דורך פיל איניציאַטיוועס אַריינגעבראַכט פּלאַנמעסיקייט אין דער בוי־באַוועגונג פון די שולן. אויף וויפל דאָס איז, פאַרשטייט זיך, מעגלעך געווען אין די באַדינגונגען אין וועלכע אונדזער שול־וועזן האָט זיך געפונען; צווייטנס, האָבן זיי געשטויסן דעם ועד־החינוך צו קאָנטראָל און קאָאָרדינאַציע פון שול־וועזן — אויך, נאַטירלעך, אין די ראַמען פון מעגלעכקייטן וואָס די באַדינגונגען האָבן דערלויבט. בכלל גענומען מעג מען זאָגן, אַז דער וויכטיקסטער פאַרדינסט פון די קהילה־לייטונגען איז דאָס וואָס זיי האָבן דורך די פאַרוואַלטונגען פון ועד החינוך געשאַפן דאָס באַוווסטזיין, אַז ס׳איז פאַראַן אַ צענטראַלע אינסטאַנץ פאַר דערציִונגס־פּראָבלעמען און דערציִונגס־טעטיקייטן אין אונדזער ישוב. כאָטש מיר אַלע ווייסן זייער גוט, אַז דער דאָזיקער צענטראַלער אָרגאַניזם ווערט אָפט געפּענטעט דורך זיין דעמאָקראַטישקייט און דורך דעם וואָס ער וויל נישט רעגירן מיט צירקולאַרן. די דאָזיקע „שוואַכקייט" פון יעדער דעמאָקראַטישער אינסטיטוציע, ווי פון דער דעמאָקראַטיע בכלל, דאַרף אונדז אָבער נישט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש. ווייל דאָס איז אַזאַ סאָרט „שוואַכקייט" וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ווייטערער פּערספּעקטיוו אין אַ גרויסן כוח.

זאָרגנדיק פאַרן מאָרגן פון אונדזער עקזיסטענץ האָט די קהילה וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער גענומען אַקצענטירן איר אַרבעט אויף דעם יוגנט־געביט. אין דעם פּרט זענען געווען התחלה־פּרווון וועלכע האָבן נישט אויסגעמיטן בלאָנדזשענישן, וואָס האָבן גורם געווען פּאָלעמישע צווישנרופן. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז די אַרבעט אויף דעם דאָזיקן געביט איז די סאַמע שווערסטע, ווייל זי האָט נישט פאַר זיך קיין שום מוסטערן וואָס וואָלטן געקענט גענומען ווערן ווי ביישפּילן. אויף וויפל אין אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע געביטן האָבן זיך אָנגעזאַמלט געוויסע דערפאַרונגען פון וועלכע מען האָט געקענט לערנען סיי דאָס פּאָזיטיווע, סיי דאָס נעגאַטיווע, איז די אַרבעט צווישן דער ייִדישער יוגנט געווען אין בראשית־צושטאַנד און דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה האָט דערפאַר געמוזט אַליין אויסטרעטן פאַר זיך וועגן אויף וועלכע צו פירן די יוגנט־טעטיקייט צום געווונטשטן ציל.

ביי אַזאַ לאַגע זענען פאַרשטענדלעך די קהילה־בלאָנדזשענישן אויף דעם טעטיקייטס־שטח און ס׳איז אויך פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע בלאָנדזשענישן וועלן נאָך אפשר האָבן אַן אָרט אין דער קהילה־אַרבעט. פונדעסטוועגן איז קלאָר, אַז דער פונדאַמענט פאַר דער דאָזיקער אַקטיוויטעט איז פאָרט אָוועקגעלייגט געוואָרן און מיר מעגן אויפנעמען מיט צופרידנקייט דעם פאַקט וואָס דער קהילה איז געלונגען סיי צו קאָאָרדינירן אויף אַ באַשטימטן געביט די אַקטיוויטעטן פון די יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס, סיי צו פאַראינטערעסירן מיט ייִדישער פאָרש־אַרבעט אַ ריי יונגע ייִדישע אינטעלעקטואַלן. די פּראָבלעמען זענען, פאַרשטייט זיך, ווייט פון צו זיין געלייזט, כאָטש אויף אַ העלפט, אָדער אויב מען זאָגט, אַז אין דער מענטשלעכער געשיכטע איז די וויכטיקסטע אַנטדעקונג געווען דאָס ראָד, באַשטייט דער וויכטיקסטער אויפטו פון דער קהילה דערין וואָס זי האָט דאָס ראָד פון דער יוגנט־באַוועגונג געלאָזט אין גאַנג.

אוודאי דאַרף מען דאָ דערמאָנען די פאַרבינדונגען מיט דער גרויסער ייִדישער וועלט וואָס זענען איינגעשטעלט געוואָרן דורך דער קהילה, נישט בלויז דורך דעם וואָס יעדער גאַסט פון וויכטיקן קאַליבער וואָס קומט פון אויסלאַנד באַזוכט און ווערט אויפגענומען דורך דער קהילה, נאָר אויך דורך דעם וואָס די קהילה גופא האָט געקריגן אַ נאָמען אין דער ברייטער ייִדישער וועלט און האָט אונדזער ישוב פעסטער אַרויפגעשטעלט אויף דער לאַנדקאַרטע פון וועלט־ייִדנטום. דערמאָנען דאַרף מען דאָ אויך די ראָל וואָס די קהילה שפּילט ווי דער אַרביטער אין היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן און ווי די אינסטאַנץ וואָס איר אַנוועזנהייט באַשיינט אַלע וויכטיקסטע אונטערנעמונגען וואָס קומען פאָר אויף די פעלדער פון אונדזער ציבורדיקער דינאַמיק. וועגן דער ראָל וואָס די קהילה אין בוענאָס־איירעס האָט געשפּילט און שפּילט נאָך איצט אין דער פאַרפעסטיקונג פון ועד הקהילות, איז אָפגערעדט. די קהילה אין בוענאָס־איירעס איז

נישט בלויז קיין וועגווייזער, זי איז אויך אַ וועג־בויער פאַר דעם גאַנצן ייִדישן לעבן אין דער אַרגענטינער רעפּובליק.

און דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן דורך דעם וואָס די חברה־קדישא אין בוענאָס־איירעס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קהילה און די קהילה איז געשטאַלט און געשטאַלטיקט געוואָרן דורך דעם נייעם גייסט פון דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און דורך די וויזיעס פון דעם אַלט־נייעם ייִדישן לעבנס־דראַנג. נאָך דעם ווי די חברה־קדישא איז געוואָרן אַ קהילה האָט דער סטאַטוטן־רעפאָרם זי אַרויפגעפירט אויף דעם דרך־המלך אויף וועלכן זי גייט און וועט נאָך לאַנג־לאַנג דאַרפן גיין צו דער ייִדישער אייביקייט.





דער דעקאָראטיווער אַריינגאַנג צו דער ביכער־אויסשטעלונג אין שלום־עליכם־יאָר.

א. א. פישער

די ייִדישע פאַרטייען אין בוענאָס-איירעס

און זייער ווירקונג אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן

— א. —

בכדי צו קענען ווי געהעריק פאַרשטיין און אָפּשאַצן די ווענדונג און פאַרוואַנדלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם לעבן פון די היגע ייִדישע פאַרטייען אין משך פון די לעצטע זעקס־זיבן יאָר, מוז מען קודם־כל וואַרפן כאָטש אַ שנעלן און אויבנאויפיקן בליק אויף זייער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג אין משך פון העכער זעכציק יאָר. עס גייט דאָ נישט אין שרייבן אַ סיסטעמאַטישע און מער־ווייניקער אויסשעפּנדיקע געשיכטע פונעם ייִדישן פאַרטיי־לעבן אין אַרגענטינע בכלל און אין בוענאָס־איירעס בפרט, — דאָס וועט ערשט דאַרפן אַ מאָל געטאָן ווערן — אָבער אַלגעמיינע שטריכן פון אונדזער היגן פאַרטיי־לעבן אין פאַרלויף פון די יאָרן, מוזן דאָ דאָך סקיצירט ווערן אַלס אַריינפיר צו אָט־דער אַרבעט וועגן דעם היינטיקן מצב און דער איצטיקער כאַראַקטעריסטיק פון די היגע ייִדישע פאַרטייען.

ווי עס ווייזט אויס, פאַלט צוזאַמען די אַנטשטייונג פון אַ ציוניסטישער באַוועגונג אין אַרגענטינע מיטן סאַמע אָנהייב פון דער ייִקאַ־קאָלאָניזאַציע דאָ אין לאַנד. צווישן די גאָר ערשטע קאָלאָניסטן וואָס זיינען געקומען זיך באַזעצן אויפן היגן באָדן, זיינען שוין באַשיימפּערלעך געווען חובבי־ציון, וועלכע האָבן זיך נישט גאָר לאַנג נאָך זייער אָנקומען אַהער אָרגאַניזירט אין אַ געוויסער מאָס. מיר איז אויסגעקומען צו זען, בשעת איך האָב מיך באַטייליקט אין דער צוגרייטונג פון דער ערשטער גרויסער אויסשטעלונג פונעם היגן ייִוואָ־אָפּטייל אין יאָר 1938, אַ קבלה אויף אַ געוויסן געלט־סכום, וואָס איז פון דאַנען איבערגעשיקט געוואָרן צום ד״ר הערצל פּערזענלעך אין די גאָר ערשטע יאָרן נאָכן אַנטשטיין פונעם פּאָליטישן ציוניזם — דאָס איז אַ באַווייז פאַרן פריִער געזאָגטן. און נאָך אַ באַווייז: שוין אינעם צווייטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס אין באַזעל האָט זיך באַטייליקט אַ דירעקטער דעלעגאַט פון אַרגענטינע און זיינער אַ בריוו פון דאָרטן האָט אויך פיגורירט אויף דער פריִער דערמאָנטער אויסשטעלונג. דאָס באַווייזט קלאָר, אַז עס האָט שוין דעמאָלט דאָ־הי געמוזט עקסיסטירן אַ קערפּערשאַפט, וועלכע האָט געשיקט דעם דעלעגאַט.

אין אַ גאָר קורצער צייט אַרום, ביים סאַמע אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין די יאָרן פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילחמה, פון דער גרויסער פּאָגראָמען־כוואַליע אין בעסאַראַביע און אוקראַיִנע און פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, האָט אָנגעהויבן צו שטראָמען קיין אַרגענטינע אַ מאַסן־אימיגראַציע פון מערסטנטייל יונגע מענטשן, נישט נאָר אַ קאָלאָניסטישע, נאָר אויך אַ שטאָטישע. צווישן יענע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען אין אַ גרויסער צאָל אַנטלאָפן פון דאַרפן גיין אויף דער מילחמה, פון די רדיפות אויף ייִדן, אָדער פון די גייעגן פון דער מאַכט נאָך רעוואָלוציאָנערן, איז געווען אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט פון באַוווּסטזיניקע און אינטעליגענטע מענטשן, וועלכע זיינען שוין אין די אַלטע היימען מעבר־לים געווען טעטיק אין די ציוניסטישע פאַרטייען, אָדער אין „בונד״. דער רוב פון יענע מענטשן איז געווען אומפאַרהיראַט און זיי האָבן זיך געפילט גאַנץ עלנט און איינזאַם אין דער נייער סביבה. איז דעריבער געווען נאַטירלעך זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן און אויסלעבן אין קולטור־פאַראיינען מיט ביבליאָ־

טעקן, וואָס יעדע איינע האָט געהאַט אַ געוויסע אידעיִשע אָריענטירונג, אָדער גאָר דירעקט אין פּאָליטישע קרייזן און פּאַרטייען. מיר איז אויסגעקומען צו הערן פון אַ סך עלטערע היגע תושבים, וועלכע האָבן אַליין מיטגעלעבט יענע צייט, שילדערונגען פון דעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן אין בוענאָס־איירעס, וואָס האָט געשטורעמט און געברויזט כמעט פונקט אַזוי אינטענסיוו ווי אין די שטעט און שטעטלעך, פון וואַנען מען איז ערשט נישט לאַנג געהאַט אַרויסגעפאָרן און ווו מען האָט געהאַט געענוג צייט זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע זאַכן. פונקט ווי דאָרטן, האָט מען אויך דאָ גאָר אָפט אָרגאַניזירט רעפעראַטן, דיסקוסיעס, קעסטל־אָוונטן און אַז״וו. אויף פּאָליטישע און קולטורעלע טעמעס און דאָס אַלץ האָט זיך געוויינטלעך אויסגעוויקלט היפּש לײדנשאַפטלעך און טעמפּעראַמענטפול.

די קהילה־פאַרוואַלטונג נעמט אויף די פּאַרלאַמענטאַרישע דעלעגאַציע פון מדינת־ישראל, בראש מיט מאיר ארגוב, וואָס האָט באַזוכט אַרגענטינע אין יאָר 1957.

ביז צו אַט־דער נאָר־וואָס דערמאָנטער צייט, איז די איינציקע פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס אין בוענאָס־איירעס געווען די בירגערלעכע אַלגעמיין־ציוניסטישע, וועלכע איז אויך געווען די דאָמינירנדיקע אין משך פון צענדלינגער יאָרן נאָך דעם. זי האָט דעמאָלט פאַרמאָגט זייער איבערגעגעבענע, אינטעליגענטע און פעיִקע פירערס, ווי, למשל, י. יאָסעלעוויטש, נ. געזאַנג, ש. ליבעשוץ, מ. ראָזאָווסקי, י. קאַפּלאַן א״אנד., וועלכע האָבן באַוויזן זי צו אַנטוויקלען און איר צו פאַרשאַפן גרויס פּרעסטיזש אין גאָר ברייטע קרייזן. זי האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ זייער גוטע צייטשריפט אונטערן נאָמען „די יידישע האָפענונג״, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם פריִער־דערמאָנטן יאָסעלעוויטש (בן־יוסף), וואָס האָט זיך געהאַט אַנטפּלעקט אַלס אַ גאָר פיינער זשורנאַליסט. די פּראַקטישע אויפטוען סיי פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל, סיי אויף אַנדערע געביטן, זיינען אין יענע צייטן געווען קליינע אומעטום און מכל־שכן אין אַרגענטינע. אָבער דאָך זיינען די ציוניסטן שוין דעמאָלט געווען אַ וויכטיקער טייל פונעם היגן ישוב.

אָרום די יאָרן 1906/7, אַלזאָ כמעט גלייכצייטיק ווי אין אייראָפּע, איז אויפגעקומען אין בוענאָס־איירעס אויך די פּאַרטיי פּועלי־ציון און זי האָט באַלד נאָך איר גרינדונג אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַ גאַנץ וויכטיקע פּאָזיציע. אויסער אַנדערע פּערזאָנען, וואָס זיינען שפּעטער אַוועקגעפאָרן אָדער פאַרגעסן געוואָרן, האָבן זיך דעמאָלט גערעכנט צווישן אירע מיטגלידער און טוערס אַזעלכע יונגע מענטשן, ווי, למשל, פּ. קאַץ, י. העלפמאַן און נ. וויטאַל, וועלכע זיינען שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס וויכטיקע בעלעטריסטן, זשורנאַליסטן און עסקנים. אַלס באַווייז פון דער דעמאָלטיקער וויכטיקייט פון די אַרגענטינער פּועלי־ציון קען אויך דינען דער פאַקט, וואָס געציילטע עטלעכע יאָרן נאָך זייער אויפקום האָט זיי באַזוכט לעאָן כאַזאַנאָוויטש (כתריאל), איינער פון די באַקאַנטע מנהיגים פון דער וועלט־באַוועגונג פּועלי־ציון אין יענע יאָרן. זיין באַזוך אין אַרגענטינע האָט באַקומען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט דערפאַר, ווייל ער איז געווען איינער פון די ערשטע, אויב נישט טאַקע גאָר דער ערשטער, פון די וואָס האָבן

קהילה־אויפנאַמע לכבוד דעם ישראל־מיניסטער אבן אבן (יאָר 1960). פון רעכט אויף לינקס: א. פרידמאַן, געוו׳ ישראל־אַמב׳ א. לבבי, ד״ר ט. קאַמענשיין, צ. פיינגערש, א. גוטקין, אבא אבן, מ. לעווין, ד״ר ד. רויזין, מ. יונגערמאַן, ד. שפּיגעל און הרב גליקסבערג.

שאַרף קריטיקירט די מעטאָדן און די אַדמיניסטראַציע פון דער יִקאַ־קאָלאָניזאַציע. צוליב דעם הפּנים האָט אים עמיצער פון די פאַראינטערעסירטע פאַרקלאָגט פאַר דער מאַכט פונעם לאַנד, אַז ער איז אַ געפערלעכער רעוואָלוציאָנער, און מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון דאַנען לערך צוויי יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מילחמה. אויך די פּועלי־ציון האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ גאַנץ פיינע צייטשריפט מיטן נאָמען „ברויט און ערע״.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך אָנגעהויבן צו זיין טעטיק אויף דער בוענאָס־איירעסער יידישער גאַס דער „בונד״, אָבער נישט אַלס זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי, נאָר אַלס סעקציע פון דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אויב איך בין זיך נישט טועה. די בונדיסטן האָבן אָבער אַנטוויקלט אַ גאַנץ לעבעדיקע און ענערגישע זעלבשטענדיקע אַרבעט, גרינדנדיק יידישע קולטור־פאַראיינען און ביבליאָטעקן פאַר די „גרינע״, נאָר־וואָס אָנגעקומענע יונגע מענטשן, וועלכע זיינען געווען אָדער דאָ געוואָרן אַרבעטער. פון זייערע אָנפירערס איז שפּע־

טער באַקאַנט געוואָרן אַלס זשורנאַליסט און עסקן פּ. וואַלד, וועלכער איז במשך די אומרוען פון „סעמאַנאַ טראַכיקאַ״ פון יאָר 1919 אַרעסטירט און געפייניקט געוואָרן, ווייל עמיצער האָט אים אָנגעקלאָגט אַלס פרעזידענט־קאַנדידאַט פון אַ געפלאַנטער לינקער רעוואָלוציאָנערער לאַנד־רעגירונג. אויך די בונדיסטן האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ גוטע צייטשריפט מיטן נאָמען „דער אַוואַנגאַרד״.

אויך די ייִדישע אַנאַרכיסטן האָבן דעמאָלט פאַרנומען אַ פלאַץ אין היגן ייִדישן לעבן, און אַ ייִדישער אַנאַרכיסט האָט דעמאָלט אין אַן אַטענטאַט אומגעבראַכט דעם פאָליציי־שעף.

מיטן גאַנג פון די יאָרן, זיינען אויפן געביט פונעם ייִדישן פאַרטיי־לעבן אין אַרגענטינע פאָרגעקומען די זעלביקע אַנטוויקלונגען וואָס אין אַנדערע תפוצות. פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך צוערשט אָפגעשפאָלטן אין יאָר 1918 די ייִנגערע עלעמענטן, וועלכע האָבן געשאַפן אַן אייגענע מער ליבעראַלע פאַרטיי מיטן נאָמען „צעירי־ציון״, וואָס האָט עקסיסטירט אַ שטיק צייט זעלבשטענדיק, האָט זיך שפעטער פאַראייניקט מיט די רעכטע פועלי־ציון, זיך ווידער אָפגעטיילט פון זיי און סוף־כל־סוף זיך נאָך אַ מאָל פאַראייניקט מיט זיי אין איין פאַרטיי מיטן נאָמען פועלי־ציון — התאחדות. דערנאָך האָבן זיך אָפגעטיילט פון די אַלגעמיינע ציוניסטן די מער רעכטע און נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן און האָבן געבילדעט די רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי. צו דער צאָל פון די ציוניסטישע פאַרטייען אין אַרגענטינע איז שפעטער צוגעקומען די מיזרחי־הפועל המיזרחי און אויך זי האָט אָפגעצויגן מענטשן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. גאַנץ צולעצט איז אַוועק פון אָט־דער עלטסטער פאַרטיי, אָרגאַניזירט אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אַ באַדייטנדיקע גרופע, צווישן וועלכער עס האָבן פיגורירט גאַנץ וויכטיקע אינטעלעקטועלע כוחות, און זי האָט זיך קאָנסטיטויִרט אַלס ליבעראַלע ציוניסטישע פאַרטיי.

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה, נאָך זייער פינפטער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין, האָבן זיך די פועלי־ציון אויך אין אַרגענטינע געשפאָלטן אין רעכטע און לינקע, אָבער אַ גרויסער טייל פון די מענטשן פון ביידע סעקטאָרן איז אַריבער צו די ייִדישע קאָמוניסטן, וועלכע זיינען אין יענער צייט אויפגעקומען מיט אימפעט און שטורעם און האָבן גלייך פאַרנומען אַ וויכטיקע פאָזיציע אין דעם ייִדישן ישוב. אַזוי אַרום זיינען ביידע צווייגן פון די פועלי־ציון שטאַרק אָפגעשוואַכט געוואָרן און עס האָט געדויערט אַ היפשע צאָל יאָרן ביז זיי זיינען געקומען צו זיך פון אָט־דעם קלאַפ. די רעכטע האָבן זיך פאַמעלעך געשטאַרקט, אונטער דער אָנפירונג פון מ. רעגאַלסקי און י. גלאַזמאַן, קודם דורך דער גרינדונג פון די ליגעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, וועלכע האָבן דורכגעפירט די קאַמפיינען פאַרן פא״פ (פאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד). ווי מען האָט דעם פאָנד גערופן אויף ייִדיש, אָדער פאַר קפא״י (קופת פועלי ארץ־ישראל), ווי מען האָט דעם פאָנד גערופן אויף עברית, דערנאָך דורך דער פאַראייניקונג מיט די צעירי־ציון און נאָך שפעטער דורך דער גרינדונג פון דער פרויען פיאָנערן־אָרגאַניזאַציע און דער אויסברייטערונג פון דער אייגענער יוגנט־באַוועגונג, וואָס האָט עטלעכע מאָל געביטן איר נאָמען. די לינקע פועלי־ציון האָבן געזוכט שטאַרקונג, אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר י. קאָווענסקי און אַנדערע, קודם־כל אין זייערע טעטיקייטן פאַרן שולוועזן, וועלכע זיי האָבן פיל פאַרשטאַרקט מיטן אָנקומען אין לאַנד אַריין פון ח. פינקלשטיין, און דערנאָך אויך אין קולטור־אַרבעט אויף ייִדיש.

אויסער די ביז איצט שוין דערמאָנטע ציוניסטישע פאַרטייען, זיינען נאָך צוגעקומען צו דער מחנה צוויי זייער וויכטיקע כוחות: די „וויצאָ״ און דער „השומר־הצעיר״. די גאַנץ צאָלרייכע און טיכטיקע ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע „וויצאָ״ באַלאַנגט נישט פאָרמעל צו קיין שום פאַרטיי און איז אויך נישט קיין פאַרטיי פאַר זיך אַליין, אָבער זי האָט גאַנץ מאַרקאַנטע סימפאַטיעס פאַרן בירגערלעכן ציוניזם. זי אַרבעט פאַר ארץ־ישראל סיי דורך קרן־קימת און קרן־היסוד, סיי דורך אייגענע געלט־זאַמלונגען. אויסער דעם פירט זי אָן אַ ייִדישע קולטור־אַרבעט אויף שפאַניש, דער עיקר צווישן אירע יוגנטלעכע עלעמענטן. דער „השומר־הצעיר״ איז לכתחילה געווען אין אַרגענטינע די ערשטע חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אָבער מיט דער צייט,

זוען די אין אירע רייען דערצויגענע יוגנטלעכע זיינען נישט אַלע עולה געווען און דאָך זיינען פיל פון זיי געבליבן טריי די אידייען פון דער באַוועגונג, האָבן זיי אויך געגרינדעט אַ פּאַרטיי, וועלכע גייט אין די וועגן אָדער אידענטיפיצירט זיך טאַקע מיט דער מפ״ם אין מדינת־ישראל.

אויך דער „בונד“ האָט אין פאַרלויף פון די יאָרן פאַרשטאַרקט זיינע פּאָזיציעס דורך טעטיקייטן פאַרן חינוך, דורך קולטור־אַרבעט אויף ייִדיש און דורכן אויפבוי פון עטלעכע אייגענע אָרגאַניזאַציעס, אָבער זייער שטאַרק אויסגעוואַקסן איז ער דאָך נישט. די קאָמוניסטן זיינען אין זכות פונעם ראַטנפאַרבאַנד ראַפּטום געהאַט אויסגעוואַקסן צו אַן אַנזעעוודיקן גורם אינערהאַלב פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אונדזער היגן ישוב און אין משך פון וואָסערע דריי צענדלינג יאָרן האָבן זיי מער־ווייניקער אָנגעהאַלטן זייערע פּאָזיציעס. צוליב באַקאַנטע סיבות, אויף וועלכע עס איז נישט נויטיק זיך דאָ אָפּצושטעלן, איז דער ייִדישער קאָמוניזם אין די גאָר לעצטע יאָרן כמעט אין גאַנצן אַראָפּ פון דער מדרגה און האָט שוין איצט כמעט מער קיין שום השפּעה נישט אויפן היגן ייִדישן לעבן.

די אויפנאַמע לכבוד אבא אבן (יאָר 1960).

פון רעכטס אויף לינקס: ישראל־אַמב׳ א. לבבי, צבי פיינגערש, אלימלך גוטקין, אבא אבן, אלתר הירש.

וועגן דער נומערישער גרויס פון אונדזערע היגע ייִדישע פּאַרטייען און וועגן זייער השפּעה אויף דער געזעלשאַפט, ווייסט מען כמעט גאָר נישט אויף זיכער, ווייל די פּאַראינטערעסירטע האַלטן עס באַשיימפּערלעך פאַר אַ מין „שטאַט־געהיימעניש“, וועגן וועלכן מען רעדט און מען שרייבט גאָר נישט. אין יענע יאָרן, ווען עס פלעגן פאָרקומען וואַלן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן, האָט מען נאָך בנוגע די ציוניסטישע פּאַרטייען געקענט עפּעס אַרויסדרינגען אויפן סמך פונעם שקלים־פאַרקויף און פונעם רעזולטאַט פון די וואַלן גופא. אין משך פון די לעצטע זעקס־זיבן יאָר, זינט די פּאַרטייען גייען מיט אייגענע ליסטעס צו די וואַלן פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה, קען מען ווידער עפּעס אָפּלערנען וועגן זייער איינפלוס אויף אַ געוויסער פּעריפעריע, אָבער אַלץ נישט וועגן זייער נומערישער גרויס.

ביז צוריק מיט וואָסערע 25 יאָר האָבן די היגע ייִדישע פּאַרטייען אַלס גאַנצע געאַרבעט כמעט אויסשליסלעך פאַרן ייִדישן אויסלאַנד. די ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן קודם־כּל פּראָפּאַגאַנדירט זייערע אידעאַלן וועגן דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, זיך באַמיט צו געווינען וואָס מער אָנהענגער, און אויסער דעם אויך געזאַמלט געלט, וועלכע מער און וועלכע ווייניקער, פאַרן קרן־קימת און קרן־היסוד, פאַרן פּאַ״פּ און פאַר אַ גאַנצער ריי אַנדערע מער־ווייניקער וויכטיקע פאָנדן לטובת זייערע ענגערע פּאַרטיי־אַרבעטן און ארץ־ישראל. אָט די זאַמלונגען האָבן זיך דעמאָלט געהאַלטן אין איין מערן און שטערן איינע די אַנדערע, און בכדי עפּעס צו דערגרייכן, האָבן זיך געפּאָדערט מצד די פּאַרטייען גרויסע אָנשטרענגונגען און אַ פאַרשווענדונג פון פיל ענערגיע. דער „בונד" האָט דעמאָלט געאַרבעט פאַר די ייִדישע וועלטלעכע שולן אין פּוילן, פאַר דער צענטראַלע פונעם ייִוואָ אין ווילנע און פאַר דעם לאָקאַלן קולטור־לעבן אויף ייִדיש. די ייִדישע קאָמוניסטן האָבן דעמאָלט געאַרבעט, מיט דער הילף פון אַן אייגענער אָרגאַניזאַציע

אויפנאַמע אין דער קהילה לכבוד הרב ש. גורן, הויפּט־רב פון דער ישראל־אַרמיי (1959).

אונטערן נאָמען „פּראָקאָר", פאַר דער קאָלאָניזאַציע צוערשט אין קרים, שפּעטער אין ביראָבידזשאַן און נאָך שפּעטער פאַר „אַ ווירדיקער מתנה" פון שטיוול, דאַכט זיך, פאַרן ראַטנפאַרבאַנד. וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָבן געקענט האָבן פאַר דער ריזיקער סאָוועטישער מדינה די געלט־בייטראָגן פון די אַרגענטינער ייִדישע קאָמוניסטן, איז דאָך איבעריק דאָ צו דערקלערן. דער גאַנצער ענין איז ממש געווען קאָמיש, אָבער די ראַטנמאַכט האָט אים דאָך טאָלערירט, ווייל ער איז פאַר איר געווען נוצלעך פונעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן און פּאָליטישן שטאַנדפּונקט.

אין יענע צייטן האָבן זיך די היגע ייִדישע פּאַרטייען אַלס גאַנצע לחלוטין נישט באַטייליקט אין דעם אויפבוי און אין דער אַנטוויקלונג פונעם לאָקאַלן ייִדישן לעבן מיט זיינע קהלשע, קולטורעלע, רעליגיעזע, פילאַנטראָפּישע, מעדיצינישע, קאָאָפּעראַטיווע און פינאַנסיעלע אינסטיטוציעס. זיי האָבן אָט־די זייער וויכטיקע טעטיקייטן איבערגעלאָזט פאַר „קאָמיטעטן" פון סתם ווילע פאָלקס־ייִדן, וועלכע האָבן זעלטן געהאַט עפּעס אַ שייכות, אָדער זיינען געווען אָנגע־

שלאָסן צו איינער פון די פּאַרטייען. למען האמת דאַרף מען אָבער דאָ פאַרצייכענען, אַז יחידים פּאַרטיי־מענטשן האָבן זיך פון אָנהייב אָן און אין משך פון דער גאַנצער צייט יאָ באַטייליקט אין אַ נישט גאָר גרויסער מאָס אין אַלע לאָקאַלע אַרבעטן. אפשר האָבן אויך זייערע פּאַרטייען דאָס גאַנץ גערן געזען, אָבער איך ווייס נישט פון דעם, אַז צווישן אַזעלכע יחידים פּאַרטייישע עסקנים זאָל האָבן געווען עמיצער פון די ערשטע פיגורן, פון די הויפּט־מנהיגים פון די היגע פּאַרטייען.

צוליב וואָס און פאַרוואָס האָבן זיך אונדזערע היגע פּאַרטייען אַזוי אינדיפערענט באַצויגן צום לאָקאַלן ייִדישן לעבן? האָט דאָך ד״ר הערצל אָנגעזאָגט די ציוניסטן צו דעראָבערן די קהילות, דאָס מיינט צו זאָגן, צו דאָמינירן דאָס לאָקאַלע ייִדישע לעבן. האָבן דאָך ביידע צווייגן פון די פּועלי־ציון אויפגעשריבן אויף זייערע פענער „קעגנוואַרט־אַרבעט״, אָדער טעטיקייט אין

אויפנאַמע פאַר צבי לוריע און יצחק לעווי פון מדינת ישראל.

גלות. אַז דער „בונד״, די פּאַרטיי פון דאָיִקייט, האָט געדאַרפט העלפן בויען און אַנטוויקלען דעם היגן ישוב. דאָס איז דאָך, דאַכט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך. אויך די ייִדישע קאָמוניסטן וואָלטן דאָס געווען געדאַרפט טאָן, זאָל זיין כאָטש צוליב מאַכט־ און פּרעסטיזש־מאָטיוון, ווי זיי האָבן דאָס שפּעטער געטאָן, אויך דאָס זעט אויס צו זיין גענוג קלאָר. פאַרוואָס־זשע האָבן אָט־די אַלע פּאַרטייען זיך געפירט אַזוי ווי זיי האָבן זיך געפירט אין משך פון אַזוי פיל יאָרן, ביז ממש צו דער לעצטער צייט? — דאָס קען מען דערקלערן בלויז אויף אַזאַ אופן: אונדזערע פּאַרטייען זיינען, יעדע פאַר זיך און אַפילו אַלע אינאיינעם, שטענדיק געווען אַ מיעוט פונעם היגן ישוב און די באַגרענעצטע צאָל פון זייערע עסקנים האָט געטראָגן אויף זיך די אַחריות פאַר אידעאַלן און טעטיקייטן פון וועלט־באַטייט, פאַר וועלכע קיינער וואָלט אָבער דאָך נישט געווען געטאָן גאָר נישט אויב זיי אַליין וואָלטן עס נישט געטאָן. אויסער דעם איז דער היגער ישוב באַטראַכט געוואָרן פאַר לעצטן קאַטאַסטראָפאַלן חורבן, ווי אַ קליינער מינדערוויכטיקער טייל פון אונדזער וועלט־פאָלק, וועמענס אַנטוויקלונג און אַפילו קיום, האָט אפשר געקענט אויסזען צו זיין פון אַ

קליינער באַדייטונג אין די אויגן פון די וויכטיקערע היגע פּאַרטיי־פירערס, וועלכע האָבן זיך באַשיימפּערלעך באַטראַכט פאַר אַ מין אַריסטאָקראַטן צווישן די היגע ייִדן. אויב עס האָט זיך ביי עמיצן פון זיי געלאָזט באַמערקן אַפילו אַ ביטול־באַציִונג צום לאָקאַלן לעבן און זיינע בויערס, האָט זי וואַרשיינלעך אויך געשטאַמט פון אָט־דעם מקור.

— ב —

ערשט צוריק מיט 25־30 יאָר לערך האָבן די בוענאָס־איירעסער ייִדישע פּאַרטייען זיך אָנגעהויבן צו באַטייליקן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב אינעם לאָקאַלן לעבן אונדזערן. צוערשט איז דאָס געשען אויפן געביט פונעם חינוך דורך דער גרינדונג פון אַלץ מער נייע שולן און דורכן בויען פון גרויסאַרטיקע שול־בנינים. די פּיאָנערן און טאָן־געבער אויף דעם געביט זיינען געווען די לינקע פּועלי־ציון מיט זייער גרויסער שלום־עליכם שולע אין וויזשא קרעספּאָ און אַנדערע ענלעכע. דערנאָך האָבן עסקנים פון די רעכטע פּועלי־ציון, מיט דער הילף פון בירגערלעכע ציוניסטן און סתם נאַציאָנאַלע ייִדן, אויפגעבויט די צענטראַלע ח. נ. ביאַליק־שולע אין וויזשא קרעספּאָ און אַ גאַנצע ריי שולן מיט דעם זעלבן נאָמען און העברעיִש־ייִדישן לערן־פּראָגראַם, אין אַ ריי שטאָט־טיילן און פאָרשטעט. די אַלגעמיינע ציונים האָבן געשאַפן די ריין־העברעיִשע נחמן געזאַנג־שולע אינעם געגנט פון „אָנסע" און די בונדיסטן האָבן אין דעם זעלבן געגנט אויפגעבויט די י. ל. פּרץ־שולע מיט אַ ייִדיש־העברעיִשן לערן־פּראָגראַם. אויך אַ גאַנצע נעץ פון תל־אביב־שולן, וועמענס לערן־פּראָגראַמען זיינען ענלעך צו יענע פון די ביאַליק־שולן, זיינען גרעסטנטייל געגרינדעט און געבויט געוואָרן דורך רעכטע פּועלי־ציון און ציוניסטן בכלל.

150 AÑOS DE LA REVOLUCION DE MAYO
אין ארגענטינע

די קהילה נעמט אויף ד״ר ישראל גאָלדשטיין. פון רעכטס אויף לינקס: עסקריבאַנאָ מאָלער, דר״א גרינבערג, ש. גלאַזערמאַן, ד״ר י. גאָלדשטיין, ד״ר ס. קאַמענשטיין, א. גוסקין, הרב פינק.

די קאָמוניסטן האָבן אויך אויפגעבויט די גרעסערע זשיטלאָווסקי־שולע און עטלעכע אַנדערע קלענערע שולן מיט לערן־פּראָגראַמען אין זייער גייסט. די קאָמוניסטן האָבן אויך, מיט געלטער פון סתם־ייִדן, דעמאָלט אויסגעבויט דעם „איפּט" (ייִדישער פאָלקס־טעאַטער), וועלכער איז לעצטנס אין גאַנצן אַריבער צו שפּאַניש. אייניקע פּאַרטייען, למשל, דער בונד, די רעכטע און לינקע פּועלי־ציון, די קאָמוניסטן און ראַציאָנאַליסטן (וועלכע זיינען ספק אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע, ספק אַן אַנאַרכיסטישע גרופּע) האָבן אויך אויפגעשטעלט אייגענע מער־ווייניקער טעטיקע פּאַרלאַגן. די צענטראַלע קולטור־אינסטיטוציעס, ווי ייִוואָ און צענטראַלע ביבליאָטעק און אַרכיוו, דער קולטור־קאָנגרעס, ביידע מיט זייערע פּאַרלאַגן, און לעצטנס אויך דער נאַציאָנאַלער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער, שטיצן זיך אויך אין אַ גרויסער מאָס אויף די ייִדישע פּאַרטייען. אין די גאָר לעצטע יאָרן האָבן כמעט אַלע אונדזערע פּאַרטייען געגרינדעט און אַנטוויקלט גמילת־חסדים־קאַסעס און קליינע בענקלעך, וועלכע האַלטן זיך אין איין מערן און זיי וואַקסן גאַנץ גוט. די פּאַרטייען אַליין, אָדער די אינסטיטוציעס אַרום די פּאַרטייען, געפינען אָפט מאָל אין אָט די קליינע פינאַנציעלע אַנשטאַלטן אַ גאַנץ וויכטיקע הילף און שטיצע.

ד״ר יעקב צור אויף אַן אויפנאַמע אין דער קהילה (יאָר 1960). פון רעכטס אויף לינקס: מ. בערמאַן, י. ברמור, א. פרידמאַן, יעקב צור, הרב פינק, ד״ר ט. קאַמענשטיין, א. קליין, ד. קולאַקאָווסקי.

אָט די גרויסע אַנטוויקלונג איז פאָרגעקומען אין אונדזער ישוב אַדאַנק די ייִדישע פּאַרטייען, דער עיקר זינט דעם אָנהייב פונעם צווייטן וועלט־קריג לערך און אַדאַנק איר האָבן די פּערמאַנענט אָרגאַניזירטע פּאַרטיי־כוחות געוווּנען דאָמינירנדיקע און אָריענטירנדיקע פּאָזיציעס און השפּעות אויף אונדזער גאַנצן היגן ייִדישן לעבן, וועלכעס האַלט אין איין וואַקסן און שטייגן און פאַרנעמט אויך אַן אַלץ מער חשובן פּלאַץ צווישן די ייִדישע ישובים איבער דער גאַנצער וועלט.

וואָס מער אונדזערע היגע פאַרטייען האָבן געבויט אינסטיטוציעס פאַרן לאָקאַלן לעבן, איז אַלץ גרעסער געוואָרן זייער אינטערעס פאַר דער אַמאָליקער חברה קדישא, וועלכע איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער קהילה פון בוענאָס-איירעס. דאָס איז נישט געווען קיין סתם טעאָרעטישער אָדער פלאַטאָנישער אינטערעס, ווייל ער איז אַרויסגערופן, דיקטירט און אַלץ מער פאַרגרעסערט געוואָרן דורך ממשותדיקע פּראַקטישע געזעלשאַפטלעכע און פינאַנציעלע מאָטיוון. דאָס אויסהאַלטן פון די שולן און אַנדערע אינסטיטוציעס און דאָס אויסבויען פון שיינע, אָפט מאָל ממש מאָנומענטאַלע בנינים פאַר זיי, האָט געפאָדערט גאָר גרויסע געלט-מיטלען. היפשע טיילן פון זיי זיינען געשאַפן געוואָרן דורך די ספּעציעלע פאַרוואַלטונגען און בוי-קאָמיסיעס פון יעדער אינסטיטוציע באַזונדער. אָבער וואָס גרעסער עס זיינען געוואָרן די השגות און גרויסאַרטיקער דער פאַרנעם, איז עס געוואָרן אַלץ שווערער פאַר די רעלאַטיוו באַגרענעצטע מעגלעכקייטן און כוחות פון די באַזונדערע קאָמיטעטן פון די פאַרטייען און אַלערליי קרייזן, צו באַפרידיקן די וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע באַדערפעניש. די איינציקע אינסטיטוציע פון וועלכער מ'האָט געקענט דערוואַרטן סובסידיעס, ווייל זי איז געווען די גרעסטע וואָס שייך די צאָל מיטגלידער און זי האָט געקענט באַקומען גאַנץ באַדייטנדיקע הכנסות, איז געווען די אַמאָליקע חברה קדישא, די איצטיקע קהילה פון בוענאָס-איירעס. האָט מען זיך אָנגעהויבן באַמיען צו באַקומען דאָרטן אַ דירעקטע דעה. די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון די ענינים האָט געפאָדערט, אַז אַט די באַמיונגען זאָלן ווערן אַלץ שטאַרקער און ענערגישער און אַלס קאָנסעקווענץ פון דעם זאָלן די פאַרטייען באַקומען אין דער קהילה אַלץ מער דירעקטע פאַרטרעטער זייערע און אַלץ גרעסערע מאַכט און השפעות.

ווען די פאַרטייען אונדזערע האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיי דאַרפן גיין אין דער פאַרוואַלטונג פון דער חברה קדישא, שפּעטער קהילה, איז זיי געווען שווער און אַ מאָל טאַקע אוממעגלעך אַריינצוברענגען אַהין זייערע דירעקטע פאַרטרעטער און זיי האָבן אָפט מאָל געמוזט זיך באַגנוגענען מיט אומדירעקטע פאַרטרעטער, וועלכע זיי פלעגן באַקומען מיט דער הילף פון קאָמבינאַציעס און שפּיצלעך. דאָס איז געווינטלעך פאָרגעקומען אַזוי: האָט איינע פון די פאַרטייען געהאַט עמעצן פון אירע מער-ווייניקער אָנגעזעענע מיטגלידער אין איינער פון די צוויי קאָאָפּעראַטיוועס פון קוענטעניקעס, אין אַ גרעסערן לאַנדסלייט-פאַראיין, אין איינער פון די בענק אָדער אין אַן אַנדערער אינסטיטוציע פון אַזאַ מין, האָט ער אינאיינעם מיט דער פאַרטיי אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען מען זאָל אים פון דער באַטרעפנדיקער אינסטיטוציע אַרויסשטעלן אַלס קאַנדידאַט אין די קהילה-וואַלן. איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה, איז ער שוין אינעווייניק געווען טעטיק לטובת זיין פאַרטיי און לויט אירע שטילע אָנווייזונגען. ס'האָט טאַקע געדויערט, אָבער דאָך האָבן די פאַרטייען וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרנומען אין דער קהילה זייער חשובע פּאָזיציעס און שפּעטער אויך די הויפּט-אַמטן.

אין משך פון צענדליגער יאָרן האָט די היגע חברה קדישא, און אַפילו נאָך דעמאָלט ווען זי איז שוין פאַקטיש געווען די קהילה פון בוענאָס-איירעס, געהאַט אַ גאָר מאָדנעם וואַל-סטאַטוט, וועלכער איז גאָר נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ גרויסער, דעמאָקראַטישער, פאָלקסטימלעכער יידישער אינסטיטוציע. יעדעס יאָר פלעגן פאָרקומען וואַלן, אין וועלכע עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ האַלבע פאַרוואַלטונג מיט אַן אַבסאָלוטער מערהייט פון שטימען. די מינדערהייט, וועלכע האָט אָפט מאָל געצויגן נישט קיין סך ווייניקער שטימען פון דער מערהייט, איז געבליבן אין גאַנצן אָן אַ השפעה אויף דער לייטונג פון דער אינסטיטוציע. אַזוי איז עס געווען אין בעסטן פאַל, ווען צו די וואַלן זיינען געגאַנגען בלויז צוויי ליסטעס. ווען עס זיינען אָבער געגאַנגען דריי קאַנדידאַטן-ליסטעס, למשל, האָט זיך גאַנץ לייכט געקענט מאַכן, אַז צוויי פון זיי זאָלן אינאיינעם באַקומען מער שטימען פון דער דריטער, וועלכע האָט געוווּנען די וואַלן. דעמאָלט איז אויסגעקומען, אַז אַ פאַקטישע מינדערהייט האָט באַקומען אין די הענט אַריין די גאַנצע לייטונג פון דער אינסטיטוציע און די מערהייט האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו האָבן די מינדסטע השפעה אויף איר.

יעדעס יאָר נאָך די וואַלן פלעגן פאָרקומען גענעראַל־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס זיינען פראָקלאַמירט געוואָרן די אויסגעקליבענע לייטונגען און אויסער דעם זיינען אָפט מאָל אָנגענומען געוואָרן לעבנסוויכטיקע באַשלוסן פאַר דער אינסטיטוציע. אויך אויסעראָרדנטלעכע גענעראַל־פאַרזאַמלונגען זיינען גערופן געוואָרן, שטענדיק ווען דאָס איז נייטיק געווען. זיינען אָבער געווען גרויסע צרות מיט אָט די תמיד אויסערגעוויינלעך טומלדיקע פאַרזאַמלונגען, וועלכע האָבן נישט איין מאָל פאַרדינצט דעם נאָמען פון חרפּהדיקע, ווייל אַפילו דעמאָלט ווען די קהילה האָט שוין פאַרמאָגט עטלעכע צענדלינג טויזנט מיטגלידער, פלעגן צו די גענעראַל־פאַרזאַמלונגען קומען בלויז עטלעכע הונדערט פון זיי, ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן אַרום טויזנט און בלויז אין גאָר אויסערגעוויינלעכע פאַלן עטוואָס מער. ריכטיק איבערציילן די שטימען לויט די אויפגעהויבענע הענט, ווי עס האָט זיך דעמאָלט געפירט, איז געווען פאַקטיש אוממעגלעך —

אויפנאַמע פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג פאַרן ישראל־מיניסטער יוסף אלמוני (דער פערטער פון לינקס).

האָט זיך באַקומען, אַז וויטאַלע באַשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך אומבאַדייטנדיקע מינדערהייטן, לויט אַ פולשטענדיק אומטויגלעכער אָפּשטימונגס־פּראָצעדור. ווען די פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען אַ שטיקל שליטה אויף דער קהילה, האָבן זיי גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער גילטנדיקער וואַל־סיסטעם דאַרף אומבאַדינגט וואָס פריִער רעפאָרמירט ווערן און מען האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן און דיסקוטירן וועגן דעם ווי אַזוי דאָס דאַרף געמאַכט ווערן. ווען עס האָבן זיך שוין געהאַט אַרויסגעשיילט און אויסגעפורעמט די צוגעפּאַסטע געדאַנקען און פּראָיעקטן פאַר דער סטאַטוטן־רעפאָרם, האָט מען באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע זאָל אויסאַרבעטן און דעפיניטיוו רעדאַגירן די פאָרשלאַגן פאַר דער סטאַטוטן־רעפאָרם. אָט די אויסבעסערונג פון די סטאַטוטן און זייער צופּאַסונג צו מאָדערנע דעמאָקראַטישע נאָרמעס, איז בלי־ספק אַ באַדייטנדיק פאַרדינסט פון אונדזערע היגע פּאַרטייען.

פאַר דער סטאַטוטן־רעפאָרם האָבן זיך די לייטונגען פון דער קהילה רעקרוטירט גרעסטנטייל מחוץ פון די אַלערליי פּאַרטייען און זייערע פּעריפעריעס. עסקנים פון די גרעסטע אינסטיטוציעס, למשל, פונעם יידישן שפּיטאָל, פון מושב זקנים — בית יתומים, פון די קאָאָפּעראַטיווע פון קוענטעניקעס, פון די בענק, פון די גרעסערע לאַנדסמאַנשאַפטן אאַז״וו פלעגן אויסזוכן פאַרמעגלעכע מענטשן מיט פּרעסטיזש, וואָס זענען געווען מרוצה צו קאַנדידירן אַלס פּרעזידענט, סעקרעטאַר, אָדער קאַסיר און אויסער דעם בייצוטראָגן געוויסע געלט־סכומים אויף צו באַצאָלן דעם גרעסטן טייל פון די פּראָפּאַגאַנדע־הוצאות. אַרום אָט די הויפּט־קאַנדידאַטן האָט מען שוין נאָך לאַנגע דינגענישן צונויפגעשטעלט די קאַנדידאַטן־ליסטעס אויף די איבעריקע אמטן מיט מענטשן פון די אייגענע אינסטיטוציעס. נאַטירלעך האָט מען קאָמבינירט און קאַלקולירט אויף אַזאַ אופן מען זאָל האָבן אַ וואַרשיינלעכקייט צו באַקומען וואָס מער שטימען. אויף אָנצופירן אָט די וואַל־אַקציעס האָט מען באַשטימט ספּעציעלע קאָמיטעטן, וועלכע זיינען געווינלעך באַצייכנט געוואָרן מיט קאָלירן, אָדער מיט קאָמבינאַציעס פון מער ווי איין קאָליר. די פּראָפּאַגאַנדע טעטיקייטן זיינען אָנגעפירט געוואָרן, אין משך פון צוויי־דריי מאָנאַטן פאַר די וואַלן, געוויינטלעך טומלדיק און נישט זייער אָפּגעהיט און דזשענטעלמעניש כלפּי די קעגנער, דורך אַנאָנסן אין די צייטונגען, דורך פאַרזאַמלונגען און דורך קערמעשלעך און באַנקעטן.

הערצל־אויסשטעלונג אין דער קהילה (יאָר 1960).

מענטשן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, יחידים־מיטגלידער פון דער שורה, האָבן זיך שוין צוריק מיט צענדלינגער יאָרן באַטייליקט אין די פאַרוואַלטונגען פון דער חברה קדישא, שפּעטער קהילה, און נישט איין מאָל האָבן זיי דאָרטן פאַרנומען אַפילו די העכסטע אמטן. ווען אויך די איבעריקע פּאַרטייען האָבן איינגעזען, אַז זיי דאַרפן גיין אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג, האָבן דאָס געטאָן אַלס ערשטע, צוריק מיט העכער צוואַנציק יאָר, דווקא די צעירי־ציון, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט נאָך נישט געהאַט פאַראייניקט דעפיניטיוו מיט די רעכטע פּועלי־ציון. זייערע מענטשן אין דער קהילה האָבן באַלד פון אָנהייב געהאַט אָנצוווייזן אויף וויכטיקע אויפטוען.

ווייל זיי זיינען געווען צווישן די ערשטע איניציאַטאָרן און גרינדער פונעם ועד־החינוך און פונעבן לערער־סעמינאַר, צוויי אומבאַדינגט נייטיקע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען נישט לאַנג נאָך דעם אין גאַנצן אַריבערגעגאַנגען אונטער דער יוריסדיקציע פון דער קהילה. חברים פון די צעירי־ציון זיינען דעמאָלט טאַקע געווען די ערשטע פאָרזיצערס פונעם ועד־החינוך. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען אין די פאַרוואַלטונגען פון דער קהילה אויך אַריינגעטראָטן מענטשן פון די רעכטע און לינקע פועלי־ציון און נאָך שפּעטער אויך פון אַנדערע פּאַרטייען. אָט אַזוי האָבן אונדזערע היגע ייִדישע פּאַרטייען פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן אַלץ מער און מער אַריינצודרינגען אין דער לייטונג פון דער קהילה און ווען זיי האָבן סוף־כל־סוף אויפגעהערט צו ריוואַליזירן צווישן זיך און האָבן זיך פאַראייניקט אין איין וואַל־ליסטע, צו די לעצטע וואַלן לויטן אַלטן סטאַטוט, האָבן זיי געוווּנען די גאַנצע פאַרוואַלטונג מיט אַ גאָר גרויסער מערהייט. יענע וואַלן פונעם 30סטן אָקטאָבער 1955 זיינען געווען דעצידירנדיק פאַר דער פּאָזיציע פון אונדזערע היגע פּאַרטייען אינערהאַלב פונעם בוענאָס־איירעסער ייִדישן לעבן אין די קומענדיקע יאָרן. דעריבער דאַרף מען וועגן זיי רעדן אַ ביסל מער באריכות.

צו די וואַלן פונעם יאָר 1955 האָבן זיך צוגעשטעלט פאָלגנדיקע דריי ליסטעס:

ליסטע נר׳ 1. צונויפגעשטעלט דורך אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, אָנגעשלאָסענע אינעם ציוניסטישן צענטראַל־ראַט, אינאיינעם מיט אַ ריי לאַנדסמאַנשאַפטן, שול־פאַרוואַלטונגען, אַזוי געדופענע גרעמיאַלע אָרגאַניזאַציעס און אַנדערע גרויסע אינסטיטוציעס. איר פּרעזידענט־קאַנדידאַט איז געווען דער ציוניסטישער מנהיג און אינטעלעקטואַל ד״ר אַברהם מיבשן ז״ל.

ליסטע נר׳ 2. צוזאַמענגעשטעלט דורך די ייִדישע קאָמוניסטן און זייערע מיטלויפערס און סימפּאַטיזירער, סיי יחידים, סיי אינסטיטוציעס. זייער פּרעזידענט־קאַנדידאַט איז געווען דער וועטעראַן־זשורנאַליסט פּיניע קאַץ. דאַכט זיך, אַז צום ערשטן מאָל האָט אַ זשורנאַליסט קאַנדידירט אויף אַן אַמט אין דער קהילה, דערצו נאָך אויף אַזאַ וויכטיקן.

ליסטע נר׳ 3. צוזאַמענגעשטעלט דורך די בירגערלעכע סעקטאָרן, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין צוזאַמען מיט דער ליסטע נר׳ 1, נאָר זיי האָבן געפּרוּווט זייער מזל באַזונדער. זייער פּרעזידענט־קאַנדידאַט איז געווען ד״ר ניקאָלאַס ראַפּאַפּאָרט ז״ל, אַ געבוירענער אין די ייִדישע קאָלאָניעס, דער דירעקטאָר פונעם ייִדישן שפּיטאָל, אַ שרייבער און באַקאַנטער אינטעלעקטואַל. אָט־די ליסטע איז געווען דער לעצטער פּרוּוו פון די נישט־פּאַרטייאישע אָנצוהאַלטן זייער פריִערדיקן מעמד אין דער קהילה־לייטונג. ווי די אָפּשטימונג האָט באַוויזן, האָט זיך זיי דאָס נישט איינגעגעבן, נישט קוקנדיק אויף זייער שטאַרקן פּרעזידענט־קאַנדידאַט.

פון לערך 27.000 וואַל־באַרעכטיקטע מיטגלידער פון דער קהילה האָבן אין יענע וואַלן אָפּגעגעבן זייערע שטימען 16.526, דאָס הייסט עטוואָס מער פון 61 %. אין פאַרגלייך מיט די וואַלן פון דעם פריִערדיקן יאָר, האָבן דאָס מאָל געשטימט 4635 מיטגלידער מער, וואָס עס באַווייזט די גרויסע פאַראינטערעסירונג מיט די דאָזיקע וואַלן. דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג איז געווען פאָלגנדיקער:

ליסטע נר׳ 1	האָט געצויגן	10.172	שטימען,	אָדער 61,82	פּראָצענט
ליסטע נר׳ 2	„	4.638	„	„ 28,18	„
ליסטע נר׳ 3	„	1.648	„	„ 10,—	„

אין יענע וואַלן האָט זיך פון די פּאַרטייען בלויז דער „בונד" נישט באַטייליקט. אַ גאַנץ קליינע צאָל שטימען איז אַנולירט געוואָרן. ווי מען זעט, האָט די ליסטע נר׳ 1 פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע נאַציאָנאַלע אומפּאַרטייאישע קרייזן געזיגט מיט אַ גרויסע מערהייט. אָבער די צאָל שטימען וואָס עס האָט באַקומען די קאָמוניסטישע ליסטע, האָט וואָרענענדיק באַוויזן, אַז אָט־דער סעקטאָר האָט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע וואָג אינערהאַלב פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט פון בוענאָס־איירעס. דער רעזולטאַט פון אָט־די וואַלן באַווייזט

אויך קלאָר, אַז די פּאַרטייען זיינען געוואָרן אַ דאָמינירנדיקער כוח אין אונדזער היגן ייִדישן לעבן און זיי ווילן זיך שוין מער נישט נאָכשלעפּן נאָך אַנדערע, ווי פריער. דאָס איז בפירוש געווען אַ שינוי פון ערשטקלאַסיקער באַדייטונג ביי אונדז.

— ג —

די לייטונג פון דער קהילה, וועלכע איז אויסגעקליבן געוואָרן אין יאָר 1955 האָט סוף־כל־סוף דורכגעזעצט דעם באַשלוס וועגן דער אַזוי נויטיקער סטאַטוטן־רעפאָרעם פון דער קהילה. דאָס איז דער ערשטער וויכטיקער אויפטו, וועלכער איז צו פאַרדאַנקען אונדזערע היגע פאַרטייען און זייער נייער קהילה־טעטיקייט. אַט־די רעפאָרעם האָט געהאַט דעם ציל אָפּצושאַפן אַלטע פעלערן און איינצופירן אויסבעסערונגען, דערמעגלעכנדיק אַזוי אַרום אַ פרייערע און צוועקמעסיקערע אַנטוויקלונג פון אונדזער קהילה, אַ זאַך וואָס זי האָט טאַקע דערגרייכט אין אַ גאַר גרויסער מאָס. אַט־די סטאַטוטן־רעפאָרעם האָט ממש געעפנט נייע וועגן אין האָריזאָנטן פאַר אונדזער קהילה־לעבן און מ׳קען נאָך איצט גאָר נישט פאָרויסזען ווי ווייט זי וועט דערפירן די אַנטוויקלונג זיינע אין דער צוקונפט.

פראַגמענט פון דער
הערצל־אויסשטעלונג
אין דער קהילה.

אין וואָס־זשע באַשטייט אַט־די סטאַטוטן־רעפאָרעם? — אָט דאָס טאַקע ווילן מיר זיך באַמיען צו סקיצירן בקיצור. די ענדערונגען אין שייכות מיט דער וואַל־אָרדענונג זיינען ממש פונדאַמענטאַלע. אַנשטאָט די וואַלן וואָס גיבן די גאַנצע מאַכט צו אַ מאַיאָריטעט, וועלכע איז דאָס אָפט מאָל אפילו נישט, און וואָס קומען פאָר יעדעס יאָר — ווערן איינגעפירט געהיימע פראָפאָרציאָנעלע וואַלן איין מאָל אין דריי יאָר, וואָס גיבן אַ מעגלעכקייט צו האָבן אַ פאַרטרעטונג

אין דער לייטונג צו אַלע כוחות וואָס באַטייליקן זיך אין די וואַלן, לויט דער פּראָפּאָרץ פון די שטימען וואָס זיי באַקומען. יעדעס מאָל ווערט אויסגעקליבן אַ נייע פאַרוואַלטונג אין איר גאַנצן צוזאַמענשטעל. די זעלבע מענטשן קענען אויסגעקליבן ווערן אין דער פאַרוואַלטונג איין פּעריאָד נאָכן אַנדערן. בלויז די גאָר העכסטע אַמטן מוזן באַזעצט ווערן יעדעס מאָל דורך נייע מענטשן. די ליסטעס פון די וואַלן באַשטייען פון 120 קאַנדידאַטן און דאָס דערלויבט נישט קיין גאָר קלײנע גרופּקעס זיך צו פּרעזענטירן, אויסמיידנדיק אַזוי אַרום די צעברעקלונג פון כוחות.

די גענעראַל־פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען שטענדיק געווען פּיקטיווע צוליב דער קלײנער באַטייליקונג פון די מיטגלידער אין זיי, ווערן אָפּגעשאַפט און אָנשטאָט זיי ווערט אויסגעקליבן אַ ראַט פון 90 מיטגלידער, אַזאַ מין קלײנער פּאַרלאַמענט. אָט־דער ראַט קלייבט אויס פון זיין מיט די פאַרוואַלטונג, וועלכע איז פאַקטיש די אויספיר־מאַכט, און דערנאָך ווערט ער ווידער דערגאַנצט, ביז צו דער צאָל פון 90, מיט די איבעריקע אויסגעקליבענע מיטגלידער. דער ראַט האַלט־אָפּ סעסיעס ווייניקסטנס צוויי מאָל דורכן יאָר, בכדי אויסצוהערן באַריכטן וועגן אָפּגעטוענע אַרבעטן און זיי צו דיסקוטירן, בכדי צו באַהאַנדלען און אָננעמען וויכטיקע באַשלוסן אאז״וו. אין די סעסיעס באַטייליקן זיך נאַטירלעך די פאַרוואַלטונגען. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין אַ פאַרזאַמלונג פון וואָסערע 120 מענטשן, וועלכע פאַרטרעטן די מיטגלידערשאַפט פון דער קהילה, איז גיכער מעגלעך רויִק, זאַכלעך און אין אָרדענונג צו באַהאַנדלען און צו באַשליסן וועגן וויכטיקע ענינים.

שוין אויפן סמך פון אָט־דעם רעפאָרמירטן סטאַטוט זיינען פאָרגעקומען די וואַלן פונעם 14טן אַפּריל 1957, אין וועלכע עס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן 17.818 שטימען, ד״ה מיט 1.292 שטימען מער ווי אין די פריִקע וואַלן. אַזוי ווי דאָס מאָל זיינען געווען, הפנים צוליב דער גרעסערער פאַראינטערעסירונג מיט די וואַלן, לערך 38.000 גוטשטייענדיקע מיט זייערע מיטגליד־אָפּצאָלן וואַל־באַרעכטיקטע מיטגלידער, הייסט עס אַז עס האָבן געשטימט לערך 47 % פון די באַרעכטיקטע מיטגלידער. עס האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן צען ליסטעס און די פאָלגנדיקע אויפשטעלונג גיט אָן וויפל שטימען און ראַטמענער יעדע פון זיי האָט באַקומען:

ליסטע נר׳ 1 — פּועלי־ציון (רעכטע)־התאחדות — — 6.004 שטימען — 30 ראַטמענער
„ נר׳ 2 — השומר הצעיר — — — — — — 764 „ — 4 „
„ נר׳ 3 — ציוניסטן־ רעוויזיאָניסטן — — — 604 „ — 3 „
„ נר׳ 4 — צענטראַל־אייראָפּעיִשע ייִדן — — 925 „ — 5 „
„ נר׳ 5 — פאָלקס־דעמאָקראַטן (קאָמוניסטן) — 2.311 „ — 12 „
„ נר׳ 6 — ליבעראַלע ציוניסטן — — — — 863 „ — 4 „
„ נר׳ 7 — „בונד״ — — — — — — — — 555 „ — 3 „
„ נר׳ 8 — אחדות העבודה־פּועלי־ציון (לינקע) 2.490 „ — 13 „
„ נר׳ 9 — ציוניסטישע פעדעראַציע — — — — 2.108 „ — 11 „
„ נר׳ 10 — מיזרחי־הפּועל המיזרחי — — — — - 1.080 „ — 5 „

ווי מען זעט, האָט די ליסטע נר׳ 1 באַקומען לערך 34 % שטימען. נאָך איר זיינען געקומען נאָך צוויי ליסטעס, מער־ווייניקער גלייך שטאַרקע, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט באַקומען צווישן 12% און 14% שטימען. נאָך אָט־די דריי ליסטעס איז געווען די נר׳ 5, די קאָמוניסטישע, וועלכע האָט דאָס מאָל באַקומען אַ העלפט שטימען ווי אין די פריִערדיקע וואַלן און עס איז, אויפן סמך פון דעם געוואָרן קלאָר, אַז אָט־די עקסטרעמיסטישע פאַרטיי געפינט זיך אין אַ מצב פון שטאַרקער ירידה. די איבעריקע פינף קלײנע פאַרטייען האָבן אינאיינעם אָנגעצויגן היפּש ווייניקער שטימען פון די רעכטע פּועלי־ציון אַליין, און דאָס האָט געמיינט צו זאָגן, אַז זיי זיינען נישט בכוח אַליין פיל אויפצוטאָן. ווען עס איז געקומען צו דער ערשטער סעסיע פונעם קהילה־ראַט, אויף וועלכער מען האָט געדאַרפט אויסקלייבן די פאַרוואַלטונג פון דער אינסטיטוציע, האָבן זיך אַלע ראַטמענער פון די איבעריקע ניין פאַרטייען געאייניקט מען זאָל

נישט אַריינגענומען אין דער פאַרוואַלטונג אַפילו קיין איין פאַרטרעטער פון די דעספרעסטיזשירטע קאָמוניסטן, ווייל זיי וואָלטן דאָרטן געווען א מין פרעמדער קערפּער, וועלכער וואָלט בלויז געמאַכט אָבסטרוקציעס און געשטערט אין דער אַרבעט. אויסער דעם איז אויך געווען אָפּגעמאַכט בהסכם כולם ווי אַזוי יושרדיק צו פאַרטיילן די אַמטן אין דער פאַרוואַלטונג אויף אַזאַ אופן, אַז די גרעסערע פּאַרטייען זאָלן באַקומען מער־ווייניקער דאָס וואָס עס קומט זיי פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער צאָל געצויגענע שטימען און גלייכצייטיק זאָל נישט פאַרבלייבן אַפילו קיין איין ליסטע, וואָס זאָל נישט האָבן כאָטש איין רעפּרעזענטאַנט אין דער קהילה־לייטונג. אַט־דער אופן פון האַנדלען איז געווען זייער אַ טרעפלעכער, ווייל מיט זיין הילף זיינען אויסגעמיטן געוואָרן פאַרדראָסן און עס איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט אין משך פונעם גאַנצן פּעריאָד צווישן אַלע סעקטאָרן. בלויז אין ראַט האָבן די קאָמוניסטן געהאַט אַ געלעגנהייט צו מאַכן אומנוצלעכע אָבסטרוקציעס.

RETORNAMOS A LA TIERRA PROMETIDA
BAJO EL SIGNO DEL TRABAJO

ציוניסטישע עסקנים אויף דער הערצל־אויסשטעלונג אין דער קהילה, אין די ראַמען פון די פייערונגען „100 יאָר הערצל״. פון רעכטס אויף לינקס: מ. אבידע, נעכע שיין, י. בר־יהודה, מ. דיין, א. גוטקין, ד״ר ס. קאַמענשטיין, אינזש׳ ראַדזשיכאָווסקי, מ. האַניק, ישראל־אַמב׳ ד״ר אריה לבבי.

זיינען די רעזולטאַטן פון אַט די ערשטע קהילה־וואַלן לויטן רעפאָרמירטן סטאַטוט געווען בלויז צופעליקע, אָדער האָבן זיי אָפּגעשפּיגלט די פאַקטישע לאַגע און די רעאַלע כוחות־פאַרהעלטעניש אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם יידישן בוענאָס־איירעס? דעם ענטפער אויף דעם קענען געבן די צווייטע קהילה־וואַלן לויטן נייעם סטאַטוט, וועלכע זיינען פאָרגעקומען דעם 24סטן אַפּריל 1960. צו אַט־די וואַלן זיינען געגאַנגען בלויז ניין ליסטעס, ווייל די פאָלקס־דעמאָקראַטן (קאָמוניסטן) האָבן זיך נישט פּרעזענטירט. עס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַלע ליסטעס אינאיינעם 16.377 שטימען, ד״ה מיט 1.441 שטימען ווייניקער ווי מיט דריי יאָר צוריק. די הויפּט־סיבה פון אַט־דער פאַרמינערונג פון שטימען, איז מיסתמא געווען די פאַרקלענערונג פונעם וואַל־ענטוזיאַזם צוליבן פעלן פון די קאָמוניסטן אינעם וואַל־קאַמף, אָבער עס זיינען מעגלעך געווען אויך נאָך אַנדערע סיבות. אַט זיינען די פּרטימדיקע רעזולטאַטן פון די וואַלן פונעם 24סטן אַפּריל 1960:

ליסטע נר׳ 1	אחדות העבודה־פועלי־ציון (לינקע)	2.889 שטימען	16 ראַטמענער
„ נר׳ 2	ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן	564 „	3 „
„ נר׳ 3	„בונד"	615 „	4 „
„ נר׳ 4	השומר הצעיר	897 „	5 „
„ נר׳ 5	ליבעראַלע ציוניסטן	1.658 „	9 „
„ נר׳ 6	ציוניסטישע פעדעראַציע	1.619 „	9 „
„ נר׳ 7	פועלי־ציון (רעכטע)־התאַחדות	6.036 „	33 „
„ נר׳ 8	צענטראַל־אייראָפּעיִשע ייִדן	891 „	5 „
„ נר׳ 9	מיזרחי־הפועל המיזרחי	1.155 „	6 „

לחיים אין קהילה לכבוד דעם 75סטן געבוירנטאָג פון דוד בן־גוריון. פון רעכטס אויף לינקס: ת. פינקעלשטיין, יוסף אבידר, ד״ר ס. קאַמענשיין, ימימה טשערנאָוויץ־אבידר, ד״ר י. גאָלדענבערג, פּראָפּ׳ דוכאָווני, מ. האַניק און מ. טורקאָוו.

אָט־די רעזולטאַטן פון די וואַלן באַשטעטיקן, אַז אונדזערע היגע פּאַרטייען זיינען טאַקע בלי־ספק די דאָמינירנדיקע כוחות אינעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון בוענאָס־איירעס און זייערע פּאָזיציעס און השפעות זיינען מער־וויינקער סטאַבילע און אומפאַרענדערלעכע. אויב עס זיינען פאָרגעקומען לפי־ערך קליינע ענדערונגען, זיינען זיי נישט קיין צופעליקע, נאָר זיי דאַרפן צוגעשריבן ווערן צום פאַקט וואָס די קאָמוניסטן זיינען נישט געגאַנגען צו די וואַלן. דער־ריבער וואַרשיינלעך האָבן די לינקע פועלי־ציון און דער השומר־הצעיר באַקומען 399 און 133 שטימען מער רעספּעקטיוו, ווייל זיי זיינען דאָך די אידעאָלאָגיש אמנאָענטסטן שטייענדיקע צו די אָוועקגייער פון קאָמוניזם.

די פּאַרטיי פועלי־ציון־התאחדות האָט אויך ווייטער אָנגעהאַלטן איר אומצווייפלהאַפט דאָמינירנדיקע פּאָזיציע און זי נאָך עטוואָס פאַרבעסערט. די רעליגיעזע פּאַרטיי און דער

„בונד“ האָבן אויך עטוואָס פאַרבעסערט זייער לאַגע. דאַקעגן האָבן די דייטשע ייִדן און די רעוויזיאָניסטן פאַרלוירן יעדער איינער אַ ביסל שטימען. אַ מאָדנע דערשיינונג איז פאָרגעקומען ביי די בירגערלעכע ציוניסטן און עס איז שווער צו דערקלערן פאַרוואָס זי איז פאָרגעקומען. אין די וואַלן פונעם יאָר 1957 האָבן די ליבעראַלע ציוניסטן באַקומען 863 שטימען און די ציוניסטישע פעדעראַציע 2.108, ד״ה אַז אינאיינעם האָבן זיי באַקומען 2.971 שטימען. אין די לעצטע וואַלן האָבן באַקומען די זעלבע פּאַרטייען 1.658 און 1.619 שטימען, אַלזאָ צוזאַמען 3.277 שטימען. דאָס וויל זאָגן, אַז דער לאַגער פון די בירגערלעכע ציוניסטן אַלס גאַנצער האָט אויך געהאַט אַ צוואוקס פון 306 שטימען. אָבער דער פאַקט וואָס די שטימען זיינען דאָס מאָל פאַרטיילט געוואָרן אין צוויי כמעט גלייכע העלפטן, האָט שטאַרק באַגינציקט די ליבעראַלע ציוניסטן, וועלכע האָבן איצט באַקומען 795 שטימען מער ווי אין די פאָריקע וואַלן, וואָס עס באַדייט כמעט אַ פאַרטאָפּלונג פון די שטימען. אין אַלגעמיינע שטריכן האָבן אָט־די אַלע שינויים געהאַט אַ מינדערוויכטיקע השפעה אויף דעם צוזאַמענשטעל פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, אין וועלכער יעדע פּאַרטיי האָט געהאַט ווייניקסטנס איין פאַרטרעטער. אויך אין איצטיקן פּעריאָד אַרבעט די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה זייער האַרמאָניש און אָן רייבונגען.

דאָס וואָס אונדזערע היגע ייִדישע פּאַרטייען האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אינעם בוענאָס־איירעסער קהילה־לעבן און זיי האָבן גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער קהילה, דאָס האָט בשום אופן נישט פאַרמינערט זייער אינטערעס פאַר אַנדערע געביטן און אויך נישט פאַרקלענערט זייערע פריערדיקע אַנדערע טעטיקייטן. די ציוניסטישע פּאַרטייען באַטייליקן זיך אַזוי ווי פריִער, אָדער נאָך פיל ענערגישער, אין די פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע אַקציעס פאַר מדינת־ישראל, אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע אַרבעטן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אין די טעטיקייטן פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. זיי זיינען אַזוי אַרום אויך איצט, ווי שטענדיק, די פאַראַנטוואָרטלעכע און דירעקטיווע כוחות אינעם פאַראייניקטן־קאַמפּיין, אינעם באָנאָס־קאַמפּיין, אינעם קרן־קימת־לישראל, אין די אָרגאַניזאַציעס פאַר קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס אין מדינת־ישראל אאז״וו. כאָטש עס זיינען לעצטנס צו אָט־די אַלע טעטיקייטן צוגעצויגן געוואָרן אויך פיל ברייטערע קרייזן פון נישט־אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע ייִדן, נאַטירלעך זיינען אונדזערע ציוניסטישע פּאַרטייען אויך די עלעמענטן וואָס שטעלן צוזאַמען די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע און באַטייליקן זיך אין די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אַ חוץ דעם האָבן זיי לעצטנס אויך פאַרשטאַרקט אין אַלגעמיין די חינוך־ און קולטור־אַרבעטן וואָס זיי פירן דורך דירעקט אויפן אייגענעם חשבון. זינט די פּאַרטייען אונדזערע פירן אָן מיט דער קהילה, האָבן זיי אויך אַנטוויקלט אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב אַלע זייערע טעטיקייטן.

אַ דאַנק דעם נייעם שוווּנג און פאַרנעם וועלכן אונדזערע פּאַרטייען האָבן אַריינגעבראַכט אין דער קהילה און וועלכע האָבן געמאַכט אונדזער אָרטיק ייִדיש לעבן אינטענסיווער און שענער, האָט אונדזער היגער ישוב אַלס גאַנצער און אויך אַלע זיינע פּאַרטייען, אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, געוווּנען אַ סך פּרעסטיזש און ער איז זייער שטאַרק באַקאַנט געוואָרן אין דער ייִדישער וועלט. איז נישט קיין חידוש וואָס אין אַלע תפוצות איז לעצטנס אויפגעקומען, ביי מנהיגים און עסקנים קודם־כל, אָבער אויך ביי קרובים און אפילו סתם טוריסטן, דער ווילן און אינטערעס צו באַזוכן בוענאָס־איירעס און זיך צו באַקענען מיט איר ייִדישן ישוב. זיינען טאַקע אינעם אַרכיוו פון פּרעסע־אויסשניטן ביי דער בוענאָס־איירעסער קהילה אין משך פון די לעצטע פינף יאָר, וועלכע מיר האָבן גענומען אין באַטראַכט, פאַרצייכנט לערך הונדערט געסט און באַזוכערס יערלעך, מענטשן מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער באַדייטונג, יעדער איינער אויף עפּעס אַ געביט פונעם ייִדישן לעבן. דאָס זיינען געוויינטלעך מנהיגים פון די וועלט־אינסטאַנצן און פּאַרטייען און אויך שליחים פון די אַלערליי אָפּטיילונגען און פאָנדן; שרייבערס און זשורנאַליסטן; רעזשיסאָרן, שוישפּילערס, זינגערס און טענצערס; אַלערליי ספּעציעלע עמיסאַרן פון מדינת־ישראל, לערערס און כל־המינים אַנדערע געסט. אָט־די אַלע באַזוכערס קומען פון אומע־

טום ווו ייִדן וווינען, אָבער קודם־כל פון די לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער, פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון מדינת־ישראל. וועגן פּריוואַטע באַזוכן פון קרובים און טוריסטן רעדן מיר דאָ נישט, אָבער אויך אַזעלכע קומען נישט זעלטן פאָר און זיי האַלטן זיך באַשיימפּערלעך אין איין פאַרמערן.

בכדי צו געבן אַ שטיקל באַגריף וועגן דער חשיבות וואָס עס ווערט צוגעשריבן אונדזער ישוב אין דער ייִדישער וועלט, וועלן מיר ווייטער אונטן אויסרעכענען בלויז עטלעכע פון די חשובסטע פּאָליטישע ייִדישע פיגורן, וועלכע האָבן אונדז באַזוכט אין משך פון די לעצטע פינף יאָר.

אין יאָר 1957 זיינען דאָ געווען: ד״ר יוסף סערלין (געוועזענער מיניסטער פון ישראל און כנסת־דעפּוטאַט, אַלגעמיינער־ציוניסט); זלמן שזר (געוועזענער מיניסטער פון ישראל, לייטער פון דער חינוך־אָפּטיילונג פון דער ייִדישער אַגענץ, מנהיג פון מפא״י); ד״ר נחום גאָלדמאַן (פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט״אָרגאַניזאַציע און פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, אַלגעמיינער ליבעראַלער ציוניסט); פינחס ספיר — האַנדלס־ און אינדוסטריע־מיניסטער פון ישראל, פירער פון מפא״י; אַ כנסת־דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון די דעפּוטאַטן: מאיר אַרגוב (מפא״י), שמחה בבה (אַלגעמיינער־ציוניסט), מ. גרינבערג (מיזרחי־הפועל המיזרחי), יזהר הררי (פּראָגרעסיווער ציוניסט), בנימין מינץ (פועלי אַגודת ישראל), נחום ניר (אַחדות העבודה), און מ. ליאור (סעקרעטאַר פון דער כנסת־פּרעזידענץ).

דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר פון פאַראייניקטן קאַמפּיין אין דער קהילה (1959).

אין יאָר 1958 האָבן אונדז באַזוכט: י. אַרטוסקי (בונדישער פירער פון ישראל); ראָוז האַלפּערין (געוועזענע פּרעזידענטין פון „הדסה״ און פּרעזידענטין פון וועלט־פאַרבאַנד פון ליבעראַלע ציוניסטן); ד״ר ישראל גאָלדשטיין (פירער פון ליבעראַלע ציוניסטן און פּרעזידענט פון וועלט־דירעקטאָריום פונעם קרן־היסוד); ריכטער לויִס לעווענטאַל (אַלגעמיינער־ציוניסט); הרב א. י. געלמאַן און ד״ר משה קורץ (פירער פון מיזרחי־הפועל המיזרחי); ד״ר יוחנן באַדער (רעוויזיאָניסטישער כנסת־דעפּוטאַט); ד״ר עמנואל ניומאַן (פּרעזידענט פון דער אַלגעמיינער ציוניס־

סישער אָרגאַניזאַציע אין נאָרד־אַמעריקע); ד״ר שמשון יוניטשמאַן (רעוויזיאָניסטישער כנסת־דעפּוטאַט); ישראל בר יהודה (אינערן־מיניסטער פון ישראל, אַחדות העבודה).

אין יאָר 1959 זיינען ביי אונדז געווען: ד״ר יוסף סערלין (געוועזענער מיניסטער פון ישראל, אַלגעמיינער־ציוניסט, כנסת־דעפּוטאַט); אליהו דאָבקין (קרן־היסוד פּרעזידענט און פירער פון מפּ״ם); ד״ר נחום גאָלדמאַן; פּינחס ספּיר; גאָלדע מאיר (אויסערן־מיניסטער פון ישראל, מפּא״י); ד״ר יוסף בורג (געוועזענער מיניסטער פון ישראל, כנסת־דעפּוטאַט פון מיזרחי־הפּועל המיזרחי); קאָלאָנעל הרב שלמה גורן (הויפּט־רב פון צה״ל); פרוי רבקה זיף (פּרעזידענטין פון וועלט־עקזעקוטיוו „וויצאָ״); יוסף קלאָרמאַן (רעוויזיאָניסטישער וויצע־פּרעזידענט פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט); צבי לוריאַ (הויכער פונקציאָנאַר פון דער סוכנות, השומר הצעיר).

אין יאָר 1960 זיינען דאָ געווען צו גאַסט: ד״ר נחום גאָלדמאַן; אַברהם האַרצפעלד (כנסת־דעפּוטאַט, פירער פון מפּא״י); אבא אבן (מיניסטער פון ישראל, מנהיג פון מפּא״י); ס. נוטקעוויטש (עסקן פון „בונד״ אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן); מנחם געלערטער (הויכער פונקציאָנאַר פון סוכנות, עסקן פון מפּא״י); פּינחס ספּיר; הרב יצחק מאיר לעווין (געוועזענער מיניסטער פון ישראל און כנסת־דעפּוטאַט, מנהיג פון אַגודת־ישראל).

אין יאָר 1961 האָבן אונדז באַזוכט: ד״ר מ. ל. פּערלצווייג (פּאָליטישער דירעקטאָר פון יידישן וועלט־קאָנגרעס); יעקב זרובבל (וועטעראַן־מנהיג פון אַחדות העבודה־פּועלי־ציון [לינקע]); פּראָפ׳ אַרטור לערמער (בונדישער פירער פון קאַנאַדע); זלמן שזר (מנהיג פון מפּא״י); ד״ר יוסף שוואַרץ (דירעקטאָר פונעם באָנאָס־קאַמפּיין אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן); אליהו דאָבקין (מפּא״י).

אין יאָר 1962 האָבן דאָ געווילט: ריכטער טשאַרלז ראָזענבאַום און ריטשמאָנד פּראָסקאָווער פון נאָרד־אַמעריקע, פּ. האָלאַנדער, דער פּאָרזיצער פון דער קהילה אין שטאָקהאָלם, דער זשורנאַליסט ח. לאַזדייסקי פון מעקסיקע, פּראָפ׳ ערנסט חיין, ד״ר ישראל גאָלדשטיין, ישראל־מיניסטער יוסף אלמוגי, ד״ר יעקב צור, לייבל קאַץ פון נאָרד־אַמעריקע, אפרים בריח, יוסף שאַפּיראָ, ישראל הדר (פון ישראל), ראַפאַל ריבאַ (פון פּאַריז) און אַ ריי אַנדערע חשובע געסט.

ווי מען זעט, זיינען אונדזערע היגע יידישע פּאַרטייען, אין די לעצטע געציילטע עטלעכע יאָרן אַרויס אויף אַ ברייטן שליאַך פון אויפטוען און דערגרייכונגען און זיי האָבן גוטע פּערספּעקטיוון וואָס ווייטער צו פאַרנעמען אַלץ וויכטיקערע און בכבודיקערע פּאָזיציעס, סיי אינעם אַרגענטינער ישוב, סיי אינעם וועלט־יידנטום. דאָס איז אָבער גערעדט געוואָרן נאָר אויב זיי וועלן אויסמיידן צווישן זיך איבערגעטריבענע שטרייטן און קאַמפן און וועלן פאַרשטיין, ווי ביז איצט, מיטצואַרבעטן האַרמאָניש איינע מיט דער אַנדערער לטובת הכלל. אין דעם פּאַל וועט זייער טעטיקייט זיין מזל־ברכהדיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער ישוב.

משה האָניק

דער זין פון אונדזער גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן המשך

דער שרייבער משה קויפמאַן האָט אין זיין פאַרנעמיקער און וואָגיקער אַרבעט וועגן דער קולטור־טעטיקייט פון דער קהילה, אַנטפלעקט אַ דעטאַלירט בילד פון קהלישער אַקטיוויטעט אויפן געביט פון ממשיך זיין אונדזערע אַלטע גייסטיקע טראַדיציעס אויפן באָדן פון נייעם לעבן. ער האָט אויך גרינטלעך באַלויכטן די אידעיִשע ריכט־ליניע פון די קהילה־עסקנים ביים דורכפירן די דאָזיקע אַרבעט און אָנגעוויזן אויף איר סאַמע עיקר — אויף דעם, אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ סינטעז פון אַלט און ניי, פון טראַדיציע און וועלטלעכקייט, פון געראַנגל פאַר אַן אויטאָנאָם געזעלשאַפטלעך לעבן דאָ ווו מיר געפינען זיך און פון קאַמף פאַר די ציוניסטישע אידעאַלן וואָס בינדן אונדז צו צו מדינת־ישראל. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז די קולטור־אַרבעט פון דער קהילה איז געפירט געוואָרן אין פולן גייסט פון אינטעגראַלער יידישקייט און דערין ליגט דער סוד פון איר דערפאָלג און פון איר אָנזען אין היגן ישוב, ווי אויך אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

ווי דער סעקרעטאַר פון קולטור־דעפאַרטאַמענט ביי דער קהילה, וועלכער האָט דירעקט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער גאַנצער אַרבעט, וויל איך דאָ מאַכן בלויז אייניקע באַמערקונגען אויפן סמך פון דער דערפאַרונג וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון די דריי יאָר, זייט 1960 ביז 1963, ווייל איך מיין, אַז די דאָזיקע דערפאַרונג וועט קענען ברענגען נוצן די נאָכקומענדיקע אָנפירער פון דער קולטור־דעפאַרטאַמענט, פונקט ווי די דערפאַרונג פון די פריִערדיקע האָט געבראַכט נוצן אונדזער טעטיקייט.

דאָס יידישע לעבן, פונקט ווי דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן, שטייט נישט אויף איין אָרט. פאַר אַ קאָלעקטיוויטעט וואָס וויל איינהיטן איר דורותדיקע גייסט־ירושה און דערביי זיין כסדר שעפעריש, ברענגט דאָס די שאַרפסטע פראָבלעמען. עס האָט נישט קיין שום שוועריקייטן און קיין שום פראָבלעמען דער וואָס האָט נישט קיין נעכטן און לעבט בלויז מיטן היינט, אַנדערש געזאָגט: דער וואָס זאָרגט בלויז פאַר קיום און נישט פאַר המשך. דאָס דאָזיקע פאָלק וואָס וויל אָבער נישט בלויז עקזיסטירן, נאָר וויל אין זיין עקזיסטענץ אויך מיטטראָגן די אַלטע גייסטיקע ווערטן, דאָס פאָלק וואָס וויל נישט לעבן בלויז מיטן היינט, נאָר וויל אויך איינהאַלטן אין זיין זכרון דעם נעכטן — דאָס־אָ פאָלק האָט נישט קיין לייכטע אויפגאַבע און קיין גרינגן וועג און עס מוז שטענדיק שטיין אויף דער וואַך כדי די לאַסט פון זיין נעכטיקער ירושה זאָל עס נישט אַראָפּשלאָגן פון דעם וועג פון היינט און אַזוי אויך פאַרקערט.

איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, אַז ווען מען רעדט וועגן נייע וועגן און נייע מעטאָדן אין דער קולטור־אַרבעט דאַרף מען נישט מיינען, אַז דאָס דאַרף געטאָן ווערן בלויז דערפאַר ווייל די יוגנט פאַרלאַנגט עס. אַוודאי שטויסט אונדז הויפּטזעכלעך די זאָרג פאַר דער יוגנט צו פרווון נייע מיטלען און נייע מעטאָדן פון קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אָבער עס איז כדאי, אַז מען זאָל דאָס וויסן: ווען מען נעמט נישט אין אַכט די צייט און די געענדערטע באַדינגונגען פון לעבן ווירקט דאָס פאַטאַל אויך אויף דער קולטור־אַרבעט צווישן די עלטערע. אויך דער על־

סערער עמיגראַנטן־דור בייט זיך כסדר אין לויף פון לעבן און אויך מיט אים מוז די קולטור־אַרבעט, ווי בכלל די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, מיטגיין אין אין אַ געוויסער מאָס זיך צופּאַסן צו זיינע געענדערטע לעבנס־באַדינגונגען. ווייל מען האָט דאָס דאָזיקע אין אַ געוויסער צייט נישט גענומען אין אַכט און מען האָט אין דער קולטור־טעטיקייט זיך געהאַלטן ביי סטאַטישע מעטאָדן פון פאַר 20־30 יאָר צוריק, זענען אויך גאָר אַ גרויסע צאָל עלטערע ייִדן, ייִדן פון עמיגראַנטן־דור, אַרויסגעפאַלן פון דער קולטור־ספערע און האָבן אויפגעהערט צו זיין אַקטיווע קולטור־קאָנסומענטן. עס איז אַ פאַקט, אַז דער דורכשניטלעכער מאַסן־מענטש קען צוגעוווינט ווערן צו אַן אינטענסיוו געזעלשאַפטלעך קולטור־לעבן און ער קען פון דעם דאָזיקן לעבן אָפּגעוווינט ווערן.

סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט עפנט דעם חודש פון ייִדישן בוך ביי דער פייערונג אין זאַל „אָפּעראַ״.
פון רעכטס אויף לינקס: ד. קולאַקאָווסקי, ש. גלאַזערמאַן, א. גראַבאָפּ, א. פרידמאַן, ד״ר ס. קאַצענשטיין,
מרדכי שטריגלער, כשאַרני.

אַלס ביישפּיל וועל איך ברענגען דעם פאַקט פון אונדזערע אונטערנעמונגען. ס׳איז קלאָר, אַז אונדזערע גרויסע אונטערנעמונגען אין זאַל פון דער קהילה, אָדער אין זאַל פון אַ טעאַטער, זענען תמיד דורכגעגאַנגען מיט אַ סך דערפאָלג. שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע אונטערנעמונגען ווען עס איז אַרויסגעטראָטן אַ גאַסט פון אויסלאַנד, פון ישראל, אָדער וואָס איז געווידמעט אַן אַלגעמיינער יום־טוב־דאַטע אין ייִדישן לעבן. אַזעלכע אימפּרעזעס האָבן תמיד צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל ייִדן, כן ירבו, און די גרעסטע טעאַטער־זאַלן זענען אָפט געווען צו קליין די אַלעמען אַריינצונעמען. אָבער ווען מיר האָבן געטאָן אונדזער קולטור־אַרבעט האָבן מיר נישט בלויז אין זין געהאַט דעם דערפאָלג פון אָט די אויסנעמלעכע אימפּרעזעס. נאָר מיר האָבן שטאַרק אין זין געהאַט דעם דערפאָלג פון אונדזערע געוויינלעכע אונטערנעמונגען אין די פּעריפעריעס פון שטאָט און אין גרויס בוענאָס־איירעס. וואָרים מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז אמתע קולטור־

אַרבעט קען נישט געמאָסטן ווערן דורך דעם אויסערגעווייגלעכן, נאָר דווקא דורך דעם געווינלעכן, דורך דעם טאָג־טעגלעכן. האָבן זיך דאָך אונדזערע אבות געגרויסט דערמיט וואָס נישט נאָר זייערע גרויסע און שיינע שילן זענען געווען געפּאַקט און איבערגעפּולט, נאָר אויך דערמיט וואָס אין יעדן קלענסטן און פאַרוואָרפנסטן בית־המדרשל זענען יידן געזעסן און געלערנט.

ווען מיר האָבן זיך גענומען צוקוקן צו די זונטיק־פרימאָרגן־קורסן אין די געגנטן פון שטאָט, האָבן מיר דערזען, אַז זייער באַזוך קען אונדז נישט צופרידן שטעלן און דאָס האָט אונדז אַלאַרמירט אויף דער געפאַר. אַז אין די געגנטן לעשט זיך דער אינטערעס צום ייִדישן קולטור־וואָרט. דאָס האָט אונדז באַאומרויִקט צוליב אַ סך טעמים און מיר האָבן צוויי מאָל זיך צונויפגעטראָפן מיט די געגנט־עסקנים, כדי זיך דורכצורעדן וועגן דער לאַגע. מיר האָבן זיך אויך צוזאַמענגעטראָפן מיט די שרייבער און לעקטאָרן כדי געמיינזאַם צו געפינען אַ תרופה צו דער דאָזיקער געפאַר. און דאָס איז געווען אַ נוצלעכע זאַך, ווייל פון אונדזער דורכשמועסן זיך איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ גרויסן חלק אין דער שולד פון געפאַלענעם קולטור־אינטערעס אין די געגנטן טראָגט דער אויבן־דערמאָנטער פאַקט פון נישט נעמען אין אַכט די געביטענע לעבנס־באַדינגונגען פון דעם עלטערן יידן. קאָנקרעט וויל איך דאָ אָנווייזן, אַז אויב אין די אַמאָליקע צייטן איז דער זונטיק־פרימאָרגן געווען די סאַמע בעסטע צייט אויף איינצואָרדענען קולטורעלע מסיבות, רעפעראַטן, וכדומה, האָט זיך דאָס אָבער מיט דער צייט געביטן צוליב אַ רייע סיבות וואָס דאָ איז נישט דאָס פּלאַץ זיי אויסצורעכענען. קלאָר איז דערפאַר, אַז אויב מען וויל ווייטער אָנהאַלטן דעם גרויסן מאַסיוו פון די יידן וואָס וווינען אין די געגנטן אין דער ייִדישער קולטור־ספערע, דאַרף מען זיך צופּאַסן צו די נייע לעבנס־פאַרהעלטענישן און מען דאַרף די קולטור־מסיבות

ביים דערעפענען די ביכער־אויסשטעלונג אין יאָר 1957.

איינאָרדענען אין אַזאַ צייט וואָס איז פאַר זיי מער באַקוועם. ווען מיר האָבן דאָס געטאָן האָט זיך דער באַזוך אויף די אונטערנעמונגען שטאַרק געהויבן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע יידן, וואָס מען האָט זיי ביי געוויסע זונטיק־פרימאָרגנס שוין מער נישט געזען, זענען אין אַן אַנדער, מער באַקוועמער צייט פאַר זיי, יאָ געקומען און מיט באַנייטן אינטערעס זיך איינגעשלאָסן אין דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זייער געגנט.

צום באַדויערן האָבן מיר זיך דאָ אָנגעשטאָפּן אויף אַ שוועריקייט וואָס מיר האָבן ביז איצט זי נישט געקענט באַזייטיקן. דער גרעסטער טייל פונעם עולם וואָלט איצט צום גערנסטן געקומען אויף אונטערנעמונגען וואָס ווערן איינגעאָרדנט פרייטיק צו נאַכטס און נישט שבת אַ גאַנצן טאָג. די קהילה האָט אירע באַרעכטיקטע מאָטיוון פאַר אָט דער תקנה. פון דעסטוועגן, מיין איך, אַז עס וועט להבא מוזן געפינען ווערן אַן אויסוועג ווי אַזוי איינצואָרדענען פרייטיק צו נאַכטיקע אימפּרעזעס אין דער פאָרם פון אַן עונג־שבת, ביי וועלכן עס זאָל אָפּגעהיטן ווערן די שבתדיקע אַטמאָספערע און נעבן דעם רעפעראַט, אָדער קינסטלערישן אויפטריט זאָל אויך קומען צום אויסדרוק דאָס טראַדיציאָנעל־שבתדיקע. די קהילה האָלט זיך אָבער ביי אַ תקנה לויט וועלכער זי אָרדנט נישט איין קיין שום אימפּרעזעס, נישט פרייטיק צו

דערעפענונג פון חודש פון יידישן בוך אין יאָר 1957.
פון רעכטס אויף לינקס: ד״ר ר. נאָזיק, ד״ר א. מבשן ע״ה, צ. פייגעס, מ. סורקאָוו.

דאָ האָב איך נאָר געברענגט אין ביישפּיל וואָס ווייזט ווי אַזוי מען מוז זיך אויך אין דער קולטור־אַרבעט צווישן דעם עלטערן דור שטאַרק רעכענען מיט דער צייט און מיט דעם לויף פונעם לעבן. אַזעלכע ביישפּילן וואָלטן געקענט געבראַכט ווערן אַ סך. דאָס וואָס ס׳איז נוגע דער צייט פון די אונטערנעמונגען איז פאַרשטענדלעך. און אפשר נאָך מער, נוגע דעם אינהאַלט פון די אונטערנעמונגען. מען טאָר נישט אונטערשעצן דעם קולטור־געשמאַק פון די יידן אין די

געגנטן און אַוודאי טאָר מען נישט גרינגשעצן זייער באַוווסטזיניקייט, ווייל דאָס איז זיך נוקם און ברענגט צו פאַטאַלע רעזולטאַטן פאַר דער קולטור־אַרבעט.

כאָטש די אַרבעט צווישן דער יוגנט פירט די קהילה דורך אַ באַזונדערן יוגנט־דעפאַרטאַמענט, דאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צוזאַמענאַרבעט פון דעם דערמאָנטן דעפאַרטאַמענט מיט דעם קולטור־דעפאַרטאַמענט איז אומגעהייער וויכטיק און נוצלעך. אַ דאַנק אַ גאַנצער ריי מסיבות האָט דער קולטור־דעפאַרטאַמענט באַוויזן אַריינצוציִען אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער ספערע יונגע טאַטעס און יונגע מאַמעס, וועלכע זענען שוין צו אַלט אויף צו אונטערליגן דעם יוגנט־דעפאַרטאַמענט, אָבער זענען נאָך גענוג יונג כדי נישט אַריינגערעכנט צו ווערן אין דער קאַטעגאָריע פון עלטערע מענטשן. די דערפאַרונג האָט דעריבער געוויזן, אַז קיין שטרענגע פאַנאַנדערגרענעצונג צווישן קולטור־דעפאַרטאַמענט און דעם יוגנט־דעפאַרטאַמענט קען נישט און דאַרף נישט זיין. ביידע דאַרפן אַרבעטן אין אַ געוויסער קאָאָרדינאַציע, ווייל ביידע אַרבעטן דאָך פאַר דעם זעלביקן ציל.

געוויסע פייערונגען פון טראַדיציאָנעלע יום־טובים, אָדער נאַציאָנאַלע געדענק־דאַטעס וואָס דער קולטור־דעפאַרטאַמענט האָט איינגעאָרדנט האָבן טאַקע צוגעצויגן אַ ריזיקן עולם יוגנטלעכע און פון אַ פסיכאָלאָגישן שטאַנדפונקט איז געווען זייער וויכטיק וואָס זיי האָבן אין זעלביקן זאַל, אויף דער זעלביקער אונטערנעמונג, זיך געטראָפן מיט זייערע עלטערן, ווי בכלל מיטן עלטערן דור. די דערפאַרונג זאָגט אונדז, אַז יעדער שריט וואָס איז עלול אָפצושאַפן די באַריערעס צווישן דעם עלטערן און דעם יונגערן דור איז געוואַלטיק וויכטיק און ער פאַרזיכערט דעם אַריינטריט פון אונדזער יוגנט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן וואָס דער עלטערער עסקן איז אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט ממשיך צו זיין.

ביים איבערנעמען די פונקציע אַלס סעקרעטאַר פון קולטור־דעפאַרטאַמענט האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ רייכער טראַדיציע וואָס ס'האָט איינגעשטעלט דער פריִערדיקער קולטור־דעפאַרטאַמענט מיט דעם סעקרעטאַר אברהם מיטלבערג. עס זענען געלעגן פאַר אונדז אָפן אַ סך אויסגעטרעטענע וועגן און אַ סך אויסגעפרווטע אויפטוען. מיר האָבן זיך באַמיט ממשיך צו זיין דאָס פריִערדיקע און דערביי אונטערצונעמען נייע איניציאַטיוון. אונדזער לאָזונג איז געזען: פאַרפעסטיקן די דערגרייכונגען פון די וואָס האָבן געפירט די קולטור־אַרבעט פאַר אונדז און דערביי אויסטרעטן נייע וועגן וועלכע קענען אונדז דערפירן צו אונדזער ציל. מיר ווילן האָפן, אַז די וואָס וועלן קומען נאָך אונדז וועלן אויך נישט דאַרפן אָנהייבן פון דאָס ניי, נאָר זיי וועלן זיך געפינען אויף אַ שטאַפל פון וועלכן זיי וועלן קענען שטייגן העכער און העכער, ווייל דאָס איז דער אמתער זין פון אונדזער קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן המשך.



משה קויפמאַן

די טעטיקייט פון קולטור דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה

איבערבליק און אָפּשאַצונג

אַלע ווייסן, אַז כאָטש דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה פאַרנעמט ווייט נישט די גרעסטע פּאָזיציע אין קהלשן בודזשעט, איז ער אָבער דער דאָזיקער וואָס גיט דער קהילה־אינסטיטוציע דעם הילכיקסטן רעזאָנאַנס און פאַרשאַפט איר די ברייטסטע פּאָפּולאַריטעט אין היגן און אין אַלוועלטלעכן יידישן לעבן.

די טעטיקייט פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט איז סיי לויט דער פאָרם, סיי לויטן אינהאַלט, אַ גייסטיקער אָפּשפּאָר פון די דערפאַרונגען פון אַ פּאָר אימיגראַנטן־דורות, וואָס האָבן עקספּערימענטירט אויף פאַרשיידענע שטחים און אופנים און זיך צוריקגעקערט צום פאָלקסטימלעכן שורש פון אַ כלל־ישראלדיקער קולטור־אַרבעט; אַ קולטור־אַרבעט וואָס באַטאָנט פּונקט אַזוי אַ יידיש־טראַדיציאָנעלן יום־טוב, ווי אַן אַניווערסאַר פון אַ יידישן מנהיג און שריפטשטעלער, אַ היסטאָרישע דאַטע, ווי אַ יובילייַ פון אַ הײנטצייטיקער פּערזענלעכקייט, אַ קולטור־געשעעניש אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַ ליטעראַרישע דערשיינונג פון אונדזערע איצטיקע טעג.

דאָס אַלץ און אַ סך מער, לויטן פאַרמעסט און די אַספּיראַציעס, גייט אַריין אין גבול פון דער כלל־ישראלדיקער קולטור־אַרבעט פון דער קהילה. אַ סך קינסטלעכע גרענעצן און באַגרענעצונגען זיינען דורך דעם אָפּגעווישט געוואָרן, און דער עולם האָט פאַר זיך דערזען אַ סך אַ ברייטערע וועלט פון יידישן גייסט, ווי עס האָט ווען עס איז און ערגעץ־ווו, געוויזן איין געזעלשאַפטלעכער קולטור־אָרגאַניזם. אין דער אמתן, וואָלט קיין מאָל נישט געקומען צו דעם וואָס עס איז, ווען די קולטור־אַרבעט פון דער קהילה, וואָלט נישט אויסגעפירט דעם רצון פון גאַנצן כלל: — צו שאַפן אַ גאַנצקייט אין דער כאַראַקטעריסטישער צעריסנקייט פון יידן אַרום יעדן ענין, וואָס גייט אַרויס פון דער וואָכעדיקער און טאָג־טעגלעכער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. עס וועט דעריבער נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז דאָס סאַמע אייגנאַרטיקסטע פון אונדזער לעבן, וואָס איז אַמגאָענטסטן צו אַן אייגענעם נוסח, איז די קולטור־אַרבעט וואָס ווערט אָנגעפירט דורכן קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה.

עס גייט דאָ נישט אינעם נוצן קלינגענדיקע סופּערלאַטיוון פאַר דער גרויסצוגיקער נאַציאָנאַלער טעטיקייט פון דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט. פון דעסטוועגן, וואָלט געווען אַ יושר צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן די קולטור־איניציאַטיוועס פון די בעסטע און דערהויבנסטע קולטור־עסקנים, וואָס זיינען פאַרט געבליבן אָנגעוויזן אויף אַן ענגן קרייז, אַפילו אין דעם גרעסטן גלאַנץ־פעריאָד, און דעם נאַציאָנאַלן, כלל־ישראלדיקן נוסח פון דער קהילה, וואָס האָט איינגעפירט די סיסטעמאַטישע קולטור־זמנים און פאַרוואַנדלט דעם באַגריף „קולטור־גאַסט״ ממש אין אַן אינסטיטוציע; האָט אַרויסגעפירט דאָס יידישע וואָרט אין די גרויסע טעאַטער־זאַלן און האָט אויפגעוועקט אַ נויטווענדיקייט פאַר דעם דאָזיקן וואָרט ביים ברייטן עולם פון אונדזער ישוב. חוץ דעם אַראָפּברענגען קולטור־געסט, האָט די קהילה איינגעשפּאַנט אַלע קולטור־מענטשן, שליחים, שרייבער, קינסטלער, מנהיגים און גייסט־מענטשן, אַז זיי זאָלן דורך דער קהילה־טריבונע קומען

אין קאָנטאַקט מיט די אַרגענטינער יידן. אַ דאַנק דער טעטיקייט פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט איז בוענאָס־איירעס געוואָרן אַ וויכטיקער אַדרעס אין דער ברייטער יידישער וועלט, און דאָס יידישע אַרגענטינע — אַ פּלאַץ פון יידיש־נאַציאָנאַלער גראַוויטאַציע.

ווען מיר גייען צוריק אויף די שפּורן פון דער עוואָלוציע — פון חברה־קדישא צו קהילה — שטויסן מיר זיך אָן אויפן סאַמע באַגין פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. די בולטע סימנים פון דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונג לאָזן זיך אָבער אָנטאַפּן ממש מיט דער האַנט מיטן מאָמענט ווען עס ווערן געענדערט די קהילה־סטאַטוטן און ס׳ווערט אויסגעוויילט די ערשטע פאַרוואַלטונג, אויפן יסוד פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. די נייע סטאַטוטן זיינען אָנערקענט געוואָרן דורך דער רעגירונג דעם 2טן מאַי 1956, און אויף מאָרגן האָט די קהילה פאַררופן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ וועגן דער דאָזיקער געשעעניש. די צייט האָט נאָך דעם באַוויזן אַז די וואָס האָבן עס געטאָן זיינען געשטאַנען ביי דער וויג פון אַ נייער ווירקלעכקייט אין דער יידישער אַרגענטינע. דעם 30סטן מאַרץ 1957 זיינען אָפיציאַליזירט געוואָרן די וואַל־ליסטעס און דעם 14טן אַפּריל 1957 זיינען פאָרגעקומען די פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. די נייע פאַרוואַלטונג, צוזאַמענגעשטעלט פון די פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע ריכטונגען אויף דער היגער יידישער גאַס, מיט אלימלך גוטקין, פּרעזידענט, צבי פיינגערש, גענעראַל־סעקרעטאַר, אלתר הירש, קאַסיר, און אברהם מיטלבערג, סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט, האָט איבערגענומען די אַמטן דעם 15טן מאַי פון זעלביקן יאָר און זי איז געווען דער אמתער רעפּרעזענטאַטיווער אויסדרוק פון ישוב, פון זיינע גייסטיקע בענקשאַפטן און באַגערן.

דער דעקאָראַטיווער אַריינגאַנג צו דער אויסשטעלונג פון יידישן בוך אין יאָר 1958,
אונטערן צייכן פון צען יאָר מדינת ישראל.

שוין דעם 20סטן מאַי 1957, 5 טעג נאָכן איבערנעמען די אַמטן, האָט די נייע קהילה־לייטונג באַשטימט ספּעציעלע סובווענצן פאַרן ייִדישן טעאַטער, כדי צו דערמעגלעכן אַז אַלע ייִדן זאָלן זען די פאָרשטעלונגען. דעם 4טן יוני ווערט באַשטימט אַ ביישטייערונג פאַר א. צייטלינס „אסתרקע״ אין מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער און דעם 17טן יולי פאַר „בלאָנדזשענדיקע שטערן״. די פאַרוואַלטונגס־זיצונג פון 9טן דעצעמבער 1957 באַשטימט אַ סומע פון 950.000 אַרג. פּעזעס פאַרן חודש פון ייִדישן בוך, איינקויף פון ווערק ביי היגע מחברים, זונטיק־קורסן אין קהילה־זאַל און געגנטן, סובווענץ פאַרן ייִדישן טעאַטער, סובסידיעס פאַר ייִדישע מאָלערס און סטיפּענדיעס פאַר סטודענטן.

הודש פון ייִדישן בוך אין יאָר 1958. לערער, שרייבער און קהילה־עסקנים ביי די טישן פון ביכער. דער זעקסטער פון לינקס — דער שרייבער־גאַסט, אפרים אויערבאַך.

זאָל דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן אַז מיר נעמען דאָ אַרויס די דאָזיקע ציפער נאָר לדוגמא, ווייל דאָס איז געווען די אָנפאַנגס־פאַזע פון דער נייער אָריענטאַציע. די דאָזיקע רעלאַטיווע סומע איז שטאַרק אויסגעוואַקסן מיט דער צייט. אָגב איז כדאי צו באַמערקן, אַז די קהילה מיט איר קולטור־טעטיקייט, איז אַ גרויסע הילף פאַר די היגע פאַרלאַגן און מחברים, זיי פאַרנעמען זייער אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ ביים ביכער־איינקויף און זיי ווערן פאַרשפּרייט מיט גרויס דערפאָלג זוויך אויפן חשבון פון אַ 50־פּראָצענטיקער הנחה, וואָס איז נאָך דעם איינגעפירט געוואָרן אין דעם ביכער־חודש.

אויף דער פאַרוואַלטונגס־זיצונג פון 26סטן דעצעמבער 1957 הערן מיר שוין אַז: „די קהילה דאַרף נישט בלויז סובסידירן, נאָר אויך אַליין טאָן קולטור־אַרבעט״. און שפּעטער זעען מיר ווי מ׳בלייבט נישט ביים רעדן און ביים אָננעמען באַשלוסן, נאָר עס ווערט אויך געטאָן.

אויף דער זיצונג פון 1טן יאַנואַר 1958 הערן מיר שוין אַ פּאָזיטיוון סך־הכל פון דער קהילה טעטיקייט פון פאַרגאַנגענעם יאָר. מער ווי 50 פּראָצענט פון דער הכנסה איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף קולטור און חינוך און דער גענעראַל־סעקרעטאַר צבי פיינגערש שטרייכט אונטער:

„די הוצאות ווייזן, אַז מיר זיינען אַ קהילה און די הכנסות, אַז מיר זיינען אַ חברה־קדישא". אויף דער זיצונג פון 19טן מאַרץ 1958 ווערט אָנגענומען אַ בודזשעט פון אַריבער 41 מיליאָן פּעזעס פאַרן לויפנדיקן יאָר. עס ווערט באַשטימט אַראָפּצוברענגען דעם ערשטן קולטור־גאַסט, מרדכי שטריגלער און צונויפרופן אַ פייערלעכע סעסיע פון קהילה־ראַט לכבוד דעם 10טן אַניווערסאַר פון מדינת־ישראל. די זיצונג פון 21סטן מאַי באַשטימט, אַז די קהילה דאַרף זיך פאַרנעמען מיט די פּראָבלעמען פון דער יוגנט און חינוך. דעם 25סטן יוני ווערן ווידער אַ מאָל באַהאַנדלט טעאַטער־ און יוגנט־פּראָבלעמען און נאָך דעם מיינונגס־אויסטויש און דעבאַטע וועגן יידיש־טעאַטער, ווי אַ וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר פון אונדזער ישוב, ווערן אָנגענומען וויכטיקע באַשלוסן פון סובווענצן און עס ווערט געצייכנט אַ וועג צום יינגערן דור, וואָס דאַרף געווונען ווערן פאַרן



ד"ר משה מערקין שליסט מיט אַ לעקציע דעם קולטור־זמן אין יאָר 1958.
רעכטס: א. מיטעלבערג; לינקס: א. גוטקין.

אָרגאַניזירטן קהילה־לעבן. פון דער דאָזיקער הנחה וויקלט זיך אויס די ערשטע מיטאַרבעט פון דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט און די יוגנט־דעפּאַרטאַמענטן אין די ווייטערדיקע יאָרן. היינט צו טאָג שטייט די קהילה מיטביידע פיס אַריינגעטאָן אין דער דאָזיקער גרויסער נאַציאָנאַלער אָנשטרענגונג און עס שאַפט זיך ביסלעכווייז דער וויטאַלער גייסטיקער דרייעק פון דער קהילה־טעטיקייט: חינוך, קולטור און יוגנט־אַרבעט.

אויף דער זיצונג פון 29סטן אָקטאָבער 1958 ווערן געמאַכט די צוגרייטונגען צו פייערן דעם 100סטן אַניווערסאַר פון יידישן ישוב אין אַרגענטינע און עס ווערט ווידער אַ מאָל דיסקוטירט די אַרבעט פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט, און וואָס פאַר אַ יידיש טעאַטער עס דאַרף געשטיצט ווערן. דעם 26סטן דעצעמבער ווערט אויף דער פאַרוואַלטונגס־זיצונג ווידער אַ מאָל גערעדט וועגן שרייבער־געסט און וועגן שלום עליכם־יאָר. אין זעלביקן פּעריאָד ווערט באַשלאָסן צו

שטיצן דעם יידישן ווערטער־בוך, וואס דערשיינט אין ניו־יארק; א שטיצע פאר די פארשטע־לונגען אין טעאטער „סאלעיל״ (שמעון פינקעלס גאסטראלן) מיט 25 און 50־פראצענטיקע הנחות אויף די בילעטן; א סובווענץ פארן געזעגענונגס־איפטריט פון חזן משה קוסעוויצקי אין פאסא־טעמפל. פאר קולטור־הצטרכותן (קורסן, ביכער־איינקויף א״אנד.) ווערט באשטימט 883,011.10 פעזעס.

אויף דער פארוואלטונגס־זיצונג פון 4טן מארץ 1959 ווערט געמאלדן וועגן יעקב גלאט־שטיינס אנקום צו דערעפענען דעם קולטור־זמן. דער קאסיר אלתר הירש דערקלערט אז דער בודזשעט פארן לויפנדיקן יאר איז פארויסגעזען אויף 69 מיליאן פעזעס. דער באַרג־ארויף פון דער אנטוויקלונג פון אונדזער קהילה איז כסדר פיל מיט שטרויכלונגען פון פינאנציעלע שווע־ריקייטן, דאס צוימט אבער נישט די קולטור, יוגנט און חינוך־ארבעט. ווייל וועגן דאזיקן פונקט איז תמיד פאראן אן איינשטימיקייט צווישן אלע פארוואלטונגס־מיטגלידער. אויף דער זיצונג פון 24סטן יוני ווערט באשטימט צו סובסידירן א וויכטיקע פארשונגס־ארבעט פון א יידישן היסטאריקער. דעם 15טן יולי ווערט אנגענומען צו שטיצן מיט 25 טויזנט פעזעס די שלום עליכם־אויסשטעלונג פון די „צווישא״־שולעס, און 35 טויזנט פעזעס א חודש פארן טעאטער „מיטרע״, און 510,129.18 פארן חודש פון יידישן בוך. דעם 26סטן אויגוסט ווערן אויף דער פארוואלטונגס־זיצונג באהאנדלט די צוגרייטונגען צום ביכער־חודש. מיט א מיינונגס־אויסטויש וועגן דעם אופן צו פאראינטערעסירן דער יוגנט מיט דעם חודש פון יידישן בוך, און דער נויטיקייט ארויסצו־געבן א קהילה־בולעטין, אבער עס ווערט דערביי אונטערגעשטראכן, אז נישט אלע גוטע ווונטשן קענען פארווירקלעכט ווערן צוליב די פינאנציעלע שוועריקייטן. דעם 9טן סעפטעמבער פארנעמט זיך די פארוואלטונגס־זיצונג מיט די פייערונגען פון די וויכטיקע דאטעס פון 100 יאר פון היגן יידישן ישוב און 70 יאר יידישע קאלאניזאציע און עס ווערן ווידער א מאל באהאנדלט פראגן פון ביכער־חודש. אויף דער זיצונג פון 25סטן סעפטעמבער 1959 ווערט באשטימט, אז חיים

ביים אריינגאנג צו דער ביכער־אויסשטעלונג אין שלום־עליכם־יאר.

גראַדע וועט זיין דער קולטור־גאַסט צו דער דערעפענונג פון ביכער־חודש און עס ווערט באַשטימט די דאַטע.

א וויכטיקער קולטור־אָפּשפּאָר און א סימן־מובהק פון דעם באַרג־אַרויף־גאַנג אין דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון היגן קהילה־לעבן זיינען אָן שום ספק די צוויי יאָר ביכער תשי״ד (1953־54) פון איבער 500 זייטן גרויסן פאָרמאַט, און תשט״ו (1954־55) פון קרוב 600 זייטן. אין ערשטן ווערט אָנגעוויזן אויפן שער־בלאַט „אַרויסגעגעבן פון דער ייִדישער קהילה אין בועגאָס־איירעס״. אין צווייטן יאָר־בוך פיגורירט שוין דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה ווי דער אַרויסגעבער.ביידע ביכער זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון אברהם מיטלבערג, מיט דער רעדאַקציאָנעלער מיטאַרבעט פון מרדכי בערנשטיין און חיים בראַקאַזש, הילע געצייכנט פון יעקב גראַנאַט.

געוו׳ ישראל־אַמבאַסאַדאָר אריה לבבי אויף דער ביכער־אויסשטעלונג (יאָר 1959).

אין יאָר 1960 ווערט נאָך מער באַפעסטיקט די דעמאָקראַטישע, פּראָפּאָרציאָנעלע און רעפּרעזענטאַטיווע סטרוקטור פון דער קהילה. דעם 24סטן אַפּריל ווערן דורכגעפירט וואַלן. דעם 10טן מאַי אויף דער לעצטער פאַרוואַלטונגס־זיצונג ווערט פּראָקלאַמירט די נייע פאַרוואַלטונג, מיטן ראש־הקהל: ד״ר טוביה קאַמענשיין, גענעראַל־סעקרעטאַר: אליעזר פרידמאַן, קאַסיר: אָשר גראָקאָפּ און סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט: משה האָניק.

דעם 31סטן מאַי 1960 קומט פאָר די ערשטע זיצונג פון דער נייער פאַרוואַלטונג. דער באַטרעף פאַרן חודש פון ייִדישן בוך, זונטיק־קורסן, כאָר, סטיפּענדיעס, רעדנערס און אַנדערע וואַקסט אויס ביז 2,409,440.15 פּעזעס. אויף דער זיצונג פון 9טן יוני ווערן באַשטימט צוויי פּרעמיעס פאַר אַרבעטן לכבוד 100 יאָר ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע און 150 יאָר פון דער מאַי־רעוואָלוציע.

אויף דער זיצונג פון 3טן אויגוסט ווערט באַשטעטיקט דער אָנקום פון חיים גראַדע און באַשטימט די דאַטע פון 15טן סעפּטעמבער פאַרן אָנהייבן דעם ביכער־חודש. דעם 2טן נאָוועמ־

בער 1960 באַזאָרגט זיך שוין די קהילה־פאַרוואַלטונג מיטן קולטור־גאַסט פאַרן קומענדיקן זמן. עס ווערט געמאָלדן אויף דער פאַרוואַלטונגס־זיצונג אַז ד״ר שלמה ביקל וועט זיין דער קולטור־גאַסט פון דער קהילה פאַרן יאָר 1961.

דער ביכער־חודש — חברה קדישא — קהילה, אָדער דער גייסטיקער מהות פון אַרגענטינער יידן

דער איבערגאַנג פון דער אַלטמאָדישער חברה־קדישא צו אַ מאָדערנער קהילה אין אַרגענטינע, איז נישט קיין שאַפונג פון איינציקע מנהיגים, אָדער מאָדערניזירער און רעפאָרמאַטאָרס, הגם יחידישע אַקטיוויטעט און יחידישע וויזיע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער דאָזיקער עוואָלוציע. דער דאָזיקער איבערגאַנג איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס אין היגן יידישן לעבן. די חברה־קדישא איז דאָ אפשר בכוונה געגרינדעט געוואָרן לויטן אַלטפּרענקישן באַגריף פון יידישן שטעטל־לעבן, אָבער זי האָט גלייך אָנגעהויבן גיין דעם וועג וואָס איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט, מחמת בודזשעטאַר איז נאָך אונדזער מאָדערנע קהילה אָנגעוויזן אויף די חברה־קדישא־הכנסות. דער דאָזיקער איבערגאַנג־פּראָצעס האַלט נאָך אָן אין אונדזערע טעג און די טיפסטע שטרעבונג איז דאָס איבערצוגעבן די נייע יינגערע דורות. ווייל דאָס איז אַ לאַנגער פּראָצעס און אַן עוואָלוציע פון אַ נייער יידישער תפוצה, וואָס האָט אָקאָרשט אָפּגעצייכנט דעם ערשטן יאָרהונדערט יידיש לעבן.

לחיים לכבוד דער דערעפענונג פון חודש פון יידישן בוך אין יאָר 1959.

די קולטור־אַרבעט פון דער קהילה איז איינע פון די פולבלוטיקסטע אויסדרוקן פון דער דאָזיקער עוואָלוציע, וואָס ציט איר יחוס פון לאַנגע יאָרן. דער חודש פון יידישן בוך האָט זיך אָנגעהויבן אין 1947 מיט אַ 25־פּראָצענטיקער הנחה אויף די ביכער, אָבער דער ווילן פון אַ

ברייטער פאָלקס־אַרבעט פאַר דער ייִדישער קולטור, האָט געדרימלט אַ סך יאָרן, ביי די בעסטע מענטשן פון אונדזער ישוב, וואָס האָבן געשטרעבט אַרויסצופירן די ייִדישע קולטור־אַרבעט פון דער קלייזלדיקער ענגשאַפט. די קהילה איז נישט געווען די איינציקע פּלאַטפאָרמע פאַר אַזעלכע עקספּערימענטן און פּרוּוון, זי איז נאָר געווען די געלונגענסטע, וואָס האָט זיך אָנגענומען, ווייל זי איז אויך אָן שום צווייפל געווען די באַרופנסטע פּלאַטפאָרמע פאַרן דאָזיקן ציל, לויט דער אייגנאַרטיקייט און גייסטיקער סטרוקטור פון ייִדישן אַרגענטינע.

די סטאַטיסטישע ציפערן פון די ערשטע פאָר יאָר אָנטפּלעקן פאַר אונדז דעם שווערן באַרג־אַרויף און די לאַנגזאַמע עוואָלוציע פון דעם וואָס איז היינט צו טאָג איינע פון די שענסטע גייסטיקע דערגרייכונגען פון ייִדישן אַרגענטינע און וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוסטער מיט אַ שם אין דער ברייטער ייִדישער וועלט — דער חודש פון ייִדישן בוך.

דער פאַרשטייער פון דער מוניציפּאַליטעט ד״ר אַרמאַנדאָ קאָקאַ, רעדט בעתן אַקט פון אָנרופן דעם סקווער מיט שלום־עליכם־נאָמען.

אין די ערשטע פאָר יאָר זיינען נאָך נישט אויפגענומען געוואָרן די ציפערן פון דער צאָל קונים און מיר האָבן נאָר דעם אַלגעמיינעם באַטרעף פון פאַרקויף מיט אַ הנחה פון 25 פּראָצענט:

יאָר 1947 — — — — — — — — — 14,917 פּעזעס
„ 1948 — — — — — — — — — 8,274 „
„ 1950 — — — — — — — — — 21,751 „
„ 1951 — — — — — — — — — 22,339 „

די שוועריקייט פון די ערשטע טריט באַרג־אַרויף אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדזערע אויגן שוין מיט דעם אַליין, וואָס אין 1948 איז אַפילו פאַראַן אַ היפּשער באַרג־אַראָפּ קעגן די ציפערן

פון דעם ערשטן יאָר און די לאַנגזאַמע עוואָלוציע זעט מען פון דעם אַז כאָטש מען האָט איבערגעשפרונגען אַ יאָר צווישן 1948 און 1950, און די ציפער איז מער ווי פאַרטאָפלט געוואָרן, איז אָבער דער אונטערשייד צווישן 1950־51 אַ גאַנץ קנאַפער, אַגב קענען מיר קיין סך נישט לערנען פון די ציפערן, מחמת עס ווערן נישט אָנגעגעבן נישט די צאָל קונים און נישט די צאָל פאַרקויפטע עקזעמפלאַרן. דער באַטרעף אַליין איז אין אינפלאַציע־יאָרן אַ קנאַפער בעל־מוסמך.

נישט קוקנדיק אויפן שווערן אָנהייב און דער לאַנגזאַמער עוואָלוציע, האָט זיך נישט אָפגעשטעלט דער דאָזיקער איבערגאַנגס־פראָצעס, וואָס האָט זיך אויסגערייפט נישט נאָר ביי דעם קהילה־אָנפירונג נאָר אויך ביים ברייטן עולם. ייִדישע ביכער זייַנען נישט קיין רעשטלעך שניט־סחורה, וואָס זייַנען פאַרקויפלעך בלויז דערפאַר ווייל עס איז אַ מציאה און די סיבה פון אַ פאַרגרעסערטן אינטערעס, קען בשום אופן נישט זיין די 25 פראָצענט הנחה אויף די פרייזן. אין די ווייטערדיקע פינף יאָר ווערן שוין אין די סטאַטיסטישע ציפערן אָנגעגעבן אויך די צאָל פאַרקויפטע עקזעמפלאַרן און די צאָל קונים צוזאַמען מיטן באַטרעף:



אַ פראַגמענט פון דער שלום־עליכם־אויסשטעלונג אין „צישאַ", אין שייכות מיט „100־יאָר שלום־עליכם" אין „25 יאָר צישאַ".

פאַרקויפטע עקזעמפלאַרן		באַטרעף	קונים
יאָר 1952	1,083	71,185	870
„ 1953	2,660	93,756	1,019
„ 1954	3,015	121,569.75	1,182
„ 1955	4,133	159,633.85	1,356
„ 1956	4,346	226,831.25	1,555

פון די דאָזיקע ציפערן קענען מיר נאָכפאָלגן דעם ווייטערדיקן באַרג־אַרויף פון אַ קולטור־עקספּערימענט, וואָס איז דער העכסטער אויסדרוק פון וואָלונטאַרישער עסקנות און אָרגאַניזאַציאָנעלן אָנשטרענג אין אַזאַ גרויסשטאָטישן ייִדישן ישוב, ווי בוענאָס־איירעס מיט איר אויסערגעוויינלעך צעשפּרייטער פּעריפעריע און הינטערשטעליקן טראַנספּאָרט. ייִדישע מענטשן פֿון גרויס בוענאָס־איירעס דאַרפן באמת האָבן אַ טיפן אינטערעס צו קומען אין די סוף־וואָך טעג און נאָך מער אין די מיטנוואָכעדיקע אָוונטן צו דעם ביכער־יריד אין דעם קהילה־בנין, און מיר זעען אַז די צאָל פון די וואָס האָבן דאָס געטאָן איז געשטיגן פֿון יאָר צו יאָר, לאַנגזאַם און מעטאַדיש, ווייל עס זיינען דאָרט נישט בלויז פאַרקויפט געוואָרן ביכער, נאָר עס איז אויך געשאַפן געוואָרן די וואַרעמע אַטמאָספער פון אַ מין מאָדערנעם בית־המדרש, וואָס איז די גרעסטע צוציִונגס־קראַפט פאַר אַ ייִדישן מענטשן אין זיין גרויער טאָג־טעגלעכער וואָכעדיקייט און אָפּגעריסנקייט פון גייסטיקע ענינים.



סיום פון די שלום־עליכם־פייערונגען.
עס רעדט: מאַרק טורקאָוו. עס זיצן: א. מיטלבערג, י. יאַנאָסאָוויטש, מ. שענדעריי.

אַ גרויסן שריט פאָרויס, איז געמאַכט געוואָרן מיטן איינפירן אַ 50־פּראָצענטיקע הנחה אויף ביכער פון היגע פאַרלאַגן (וואָס איז חל אויף ביכער ביז 400 פּעזעס) און 25 פּראָצענט אויף אויסלענדישע ביכער. מיר זעען עס פון די ציפערן אין די ווייטערדיקע דריי יאָר:

פאַרקויפטע עקזעמפּלאַרן	באַטרעף	קונים
יאָר 1957 — — — — 12,027	532,425.75	3,775
„ 1958 — — — — 12,835	645,746.75	3,832
„ 1959 — — — — 15,093	1,296,209.70	4,413

דער ערשטער איבערגאַנג פון יאָר 1956 צו 1957 ווייזט אַן אונטערשייד פון פאַרקויפטע ביכער פון 4,346 ביז 12,027, כמעט דריי מאָל אַזוי פיל און איבער צוויי מאָל אַזוי פיל קונים,

פון 1,555 אויף 3,775; דער ווייטערדיקער באַרג־אַרויף איז ווידער אַ מאָל אַ לאַנגזאַמער און מעטאָדישער.

פאַרן יאָר 1956 האָבן מיר שוין ווי ס׳איז פריִער צו זען, נישט בלויז די גלאָבאַלע ציפערן, ווי אין די פריִערדיקע יאָרן, נאָר עס ווערן שוין אָנגעגעבן אויך די לשונות פון די ביכער. די צאָל ספרים און אויך דעם קולטור־אָפּצווייג פון די ווערק. מיר קענען פון די דאָזיקע ציפערן נאָכפאָלגן די אָריענטאַציע פון דער קולטור־טעטיקייט אויך אויפן נייעם דור, וואָס איז אפשר איינער פון די שווערסטע און ריזיקאַלישסטע פּאַרמעסטן. צום ערשטן מאָל באַווייזן זיך פאַר אונדז קאָנקרעטע ציפערן פון פאַרקויפטע ביכער אויף שפּאַניש פון ייִדישן אינהאַלט און אויף עברית. די קונים און קאָנסומענטן פון די שפּאַנישע ביכער, זיינען אָן שום ספק די יוגנט. זיי זיינען אויך לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן די הויפּט־אָפּנעמער פון די ביכער אין עברית. און אפשר אויך טיילוויז פון ספרים.

אין 1956 זיינען אויף די 4,346 עקזעמפּלאַרן פאַרקויפט געוואָרן 250 ספרים און 609 ביכער אין עברית. ייִדישע ביכער זיינען פאַרקויפט געוואָרן 2,012 לויט דער פונאַנדערטיילונג:

בעלעטריסטיק	1,040
חורבן ליטעראַטור	161
קולטור־היסטאָרישע	635
קינדער־ליטעראַטור	176

די 1,466 פאַרקויפטע ביכער אין שפּאַניש פון זעלבן יאָר טיילן זיך:

בעלעטריסטיק	791
חורבן ליטעראַטור	88
קולטור־היסטאָרישע	518
קינדער ליטעראַטור	69

אין 1957 מיט דער פאַרגרעסערטער הנחה אויף היגע ביכער, ווייזט די איינטיילונג פון די 12,027 פאַרקויפטע עקזעמפּלאַרן אויף אַ בולטער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל שפּאַנישע ביכער, אין דער צייט, וואָס די צאָל ספרים האַלטן אויף די פּאָזיציעס מיט אַ שטייגנדיקער טענדענץ: ספרים — 345; ביכער אין עברית — 720; ייִדישע ביכער — 4395; שפּאַנישע — 6,537.

אין 1958 זיינען אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 12,835 ביכער פאַרקויפט געוואָרן 464 ספרים און 587 ביכער אין עברית; ביכער אין ייִדיש — 5,084; אין שפּאַניש — 6,700. די איינטיילונג פון די ייִדישע ביכער לויט די קולטור־אָפּצווייגן זיינען:

בעלעטריסטיק	2,966
חורבן ליטעראַטור	472
קולטור־היסטאָרישע	1,296
קינדער ליטעראַטור	350

די שפּאַנישע ביכער טיילן זיך אין:

בעלעטריסטיק	3,625
קולטור־היסטאָרישע	2,652
חורבן ליטעראַטור	423

די פונאַנדערטיילונג פון דער אַלגעמיינער צאָל — 15,093 פאַרקויפטע ביכער אין 1959, גייט אין דער זעלבער ריכטונג: ספרים — 638, עברית — 1,155, יידיש — 5,621, שפּאַניש — 7,678.

די פונאַנדערטיילונג פון די ייִדישע ביכער איז:

בעלעטריסטיק — — — — — — — — — — — 3,839
חורבן ליטעראַטור — — — — — — — — — — 410
קולטור־היסטאָרישע — — — — — — — — 1,372

די שפּאַנישע ביכער טיילן זיך איין:

בעלעטריסטיק — — — — — — — — — — — 4,563
קולטור־היסטאָרישע — — — — — — — — 2,556
חורבן ליטעראַטור — — — — — — — — 559

דער לעצטער יאָר פון דער פעסטגעשטעלטער סטאַטיסטיק, לויטן יאָר־בוך פון קהילה־אַרכיוו — 1960, ווייזט אָן די זעלבע טענדענץ פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַרקויפטע ביכער — 17,035 זיינען 170 ספרים, און 1327 אין עברית; די צאָל שפּאַנישע — 9,994; יידישע — 5,004.

מיר נעמען אָן, אַז די הויפּט־קאָנסומענטן פון די שפּאַנישע ביכער זיינען די יוגנט, אָן שום ספק זיינען זיי עס אויך, אין אַ גרויסער מאָס פון עברית. די איינטיילונג פון די שפּאַנישע ביכער איז:

בעלעטריסטיק — — — — — — — — — — — 6,261
קולטור־היסטאָרישע — — — — — — — — 3,186
חורבן ליטעראַטור — — — — — — — — — — 547

די ביכער אין עברית ווערן אָנגעגעבן אין זייער אַלגעמיינער צאָל. בכלל קען מען נישט מעסטן לויט די ציפערן פון די ביכער דעם גייסטיקן אומרו און די אָריענטאַציע פון דער יוגנט, פּונקט ווי מען קען פון דעם נישט זיין אין גאַנצן זיכער, אַז אַלע קונים זיינען טאַקע געווען בפועל ממש די יוגנטלעכע גופא, אָדער פאַר מאַנכע פון זיי האָבן עס באַצאָלט די עלטערן. אונדזערע היגע קינדער ווערן איבערהויפּט צופיל פאַרזאָרגט מיט כל גוטס דורכן עלטערן פּיאָנערן־דור, און די קהילה גופא, ווי דער אָרגאַניזירטער אויסדרוק פון ישוב, האָט די לעצטע יאָרן געמוזט ווערן אַ גייסטיקער קהלשער טאַטע פון דער יוגנט, וואָס ווערט אויסרינען צווישן די פינגער, אויב מען וועט נישט טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך און אַפילו דאָס אוממעגלעכע זיי צו דערהאַלטן ביים ייִדישן לעבן. אויב עס איז אָבער גלייכצייטיק אַ פריידיקער אָנזאָג דער פאַרקויף פון 9,994 שפּאַנישע ביכער פון ייִדישן סך־הכל, ווערט אָבער אַ ביסל אומעטיקלעך פון דער צאָל ייִדישע ביכער — 5.004, וואָס זיינען איינגעטיילט:

בעלעטריסטיק — — — — — — — — — — — 3,286
חורבן ליטעראַטור — — — — — — — — — — 160
קולטור־היסטאָרישע — — — — — — — — 1,558

עס איז אָבער פאַראַן אַ באַרעכטיקטע סיבה פאַר דער קליינער צאָל פאַרקויפטע ביכער אין ייִדיש. די היגע ביכער, וואָס זיינען צוגענגלעך אין פּרייז, ווערן גאַנץ אַקטיוו פאַרשפּרייט דורך די פאַרלאַגן גופא און די אויסלענדישע זיינען נישט צוגענגלעך צוליב די הויכע פּרייזן, ספּעציעל די וואָס קומען פון נאָרד־אַמעריקע און זיי זיינען טאַקע מיט גאָלד (דאָלאַרן) צוגלייך.

כאראַקטעריסטיש פאַר דער כלל־ישראלדיקער קולטור־אַרבעט פון דער קהילה זיינען די 170 פאַרקויפטע ספרים, וואָס זיינען אויך אַ טייערער אַרטיקל וואָס איז ממש נישט בנמצא מחמת דאַ־הי דרוקן זיך נישט קיין ספרים און וועגן די אויסלענדישע ביכער האָבן מיר שוין באַמערקט. די אַלגעמיינע צאָל פאַרקויפטע עקזעמפּלאַרן אין 1960 איז — 17.035; קונים — 5.063 און דער אַלגעמיינער באַטרעף — 2.057.726 פּעזעס. אין 1961 זיינען צום ערשטן מאָל איינגעפירט געוואָרן קיאָסקן צו פאַרקויפן מיט אַ הנחה יידישע מוזיק־פּלאַטן, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז זיי וועלן שוין בלייבן אַ שטענדיקער באַשטאַנדטייל פון ביכער־חודש.

יעקב גלאַטשטיין געזעגנט זיך מיט דער קהילה־פאַרוואַלטונג בעת אַ פייערלעכער מסיבה.

דער ביכער־חודש ווי אַן אייגנאַרטיקע יידישע קולטור־אינסטיטוציע

אויף אַפּצושאַצן אין זיין גאַנצן פאַרנעם און באַדייט דעם ביכער־חודש און זיין גייסטיקע ווירקונג אויפן ישוב, וואָלט מען געדאַרפט האָבן אין זינען, אַז הינטער די ציפערן פון די פאַרקויפטע ביכער איז פאַראַן עפּעס מער ווי אַ געוויינלעכער ביכער־ירידה. דער פאַרהעלטנישמעסיק קליינער קהילה־זאַל און דער פאַיע, ווערט במשך פון דאָזיקן פּעריאָד פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדערנעם בית־המדרש און קולטור־ווינקל, ווו מען קומט הערן אַ יידיש וואָרט, אַ יידיש ליד, אַ קאָנצערט און מען קומט אויך סתם אַזוי, ווייל די אויסערלעכע דעקאָרירונג פון זאַל פון דער אויסשטעלונג איז אַ מאָדערנע ווערסיע פון יידישער פּאַקן־טרעגעריי. און עס ווערט דורך דעם אין קהילה־בנין רעסטאַוורירט אויף אַ מאָדערנעם און געשמאַקפולן אופן דאָס אַלטע און אייביקע פון יידישן סטיל און נוסח. אַ שלל יידישע ענערגיע, גייסטיקע בענקשאַפטן און חלומות ווערן אַריינגעלייגט אין דער דאָזיקער ביכער־אויסשטעלונג, וואָס ווערט באַגלייט במשך פון אַ פולן חודש פון קולטור־אימפּרעזעס פון יידישן אינהאַלט. אַ גרויסע גייסטיקע עשירות ליגט אין דאָזיקן קאָלעקטיוון קולטור־אָנשטרענג. סיי די קולטור־געסט פון דער גרעסטער קאַטעגאָריע

ווי אונדזערע לאָקאַלע כּוחות קומען אין קאָנטאַקט מיטן ברייטן עולם פון דער קהילה־טריבונע, און מען פאַרזעט נישט דערביי קיין שום שיכט אין ייִדישן לעבן און אַלע קולטור־נויטווענדיקייטן פון עלטערן און ייִנגערן דור.

די ווירקונג פון ביכער־חודש האָט אויך אָנגעשלאָגן אין די ווייטע פּראָווינץ־ישובים. דורכן וועד־הקהילות זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַ גאַנצע ריי לאָקאַלע ביכער־אויסשטעלונגען אין גרעסערע און קלענערע פּונקטן. די דאָזיקע טענדענץ שטאַרקט זיך פאַר די לעצטע יאָרן, און הלוואי וואָלטן נאָר געווען אַזוי פיל מעגלעכקייטן, וויפל בעלנים עס זיינען פאַראַן אויף איינצואָרדענען ביי זיך אויפן פּלאַץ לאָקאַלע ביכער־אויסשטעלונגען.

דער דעקאָראַטיווער אַריינגאַנג צו דער ביכער־אויסשטעלונג אין הערצל־יאָר (1960).

דער ביכער־חודש פון דער קהילה איז עפּעס מער ווי אַן אָנשטרענגונג צו פאַרשפּרייטן אַ ביסל מער ייִדישע ביכער. ער איז דער לעבעדיקער נערוו פון קולטור־זמן פון דער קהילה, וואָס גיט אויך אימפּולס פאַרן לעבעדיקן ייִדישן וואָרט אויף די זונטיק־קורסן אין קהילה־זאַל, אין צענטער און אין די געגנטן און פאָרשטעט פון גרויס בוענאָס־איירעס. עס איז נישט בלויז אַ סטימול פאַרן ברייטן עולם, נאָר אויך פאַר די עסקנים, און דער קהילה־אָנפירונג גופא. אָן דעם ביכער־חודש, וואָלט נישט געווען קיין כּוח און קיין השגה פאַר אַזאַ גרויסצוגיקן קולטור־פאַרמעסט.

זינט 1953 איז צוזאַמען מיט די פאַרקויפטע ביכער, אָנגעגעבן די צאָל באַזוכער אויפן ביכער־חודש, וואָס שפּיגלען־אָפּ אויף זייער אופן די קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונג פון גאַנג באַרג־אַרויף:

1953 — — — — — — — — — 5,259 באַזוכער
1954 — — — — — — — — — 5,053 ״
1955 — — — — — — — — — 4,376 ״
1956 — — — — — — — — — 5,968 ״

אין יאָר 1957 זיינען שוין אָנגעגעבן באַזוכער אַן ערך — 12,000, אין 1958 אַן ערך פון 13.500, אין די ווייטערדיקע יאָרן ווערט נישט אָנגעגעבן די צאָל באַזוכער, ווייל אין די אָוונטן פון ביכער־חודש ווערן ממש צעשפּאַרט די ווענט פון דעם קליינעם זאַל און פאָיע, וואָס איז איבערגעפולט און רוישט ווי אַ בינשטאָק.

דער עולם קויפט ביכער אין ספרים. חודש פון ייִדישן בוך אין יאָר 1960.

קולטור־פּראָגראַמען ביים „חודש פון ייִדישן בוך״ אין די יאָרן 62־1956

אין די אַמאָליקע צייטן האָט מען זיך ביי ייִדן נישט באַגנוגנט מיטן לערנען ביהידות. דאָס איז געווען דער קנין פון לומדים — אינדיווידואַליסטן. דער גרויסער פאַרדינסט איז געווען נישט אַזוי דאָס לערנען אַליין, נאָר מרביץ תורה ברבים צו זיין; לערנען בציבור און שאַפן דאָס וואָס מיר וואָלטן היינט באַצייכנט ווי אַ געזעלשאַפטלעכן אַמביענט אַרום דעם תורה־לערנען. דאָס לערנען אין בית־המדרש בין מינחה למעריב ביי מתנגדים און ביי די חסידישע טישן, די וואַנדערנדיקע מגידים, זיינען פאַקטיש געווען די וועגווייזער פון דער היינטיקער קולטור־טעטיקייט. עס איז שוין דאָ אָנגעוויזן, אַז די ייִדיש־וועלטלעכע קולטור, וואָס האָט זיך געהאַט צופיל אָפּגעקערט פון טראַדיציע, האָט זיך גאָר גיך אַרומגעזען אויפן טעות. די עפנטלעכע קולטור־טעטיקייט פון דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה איז אין דער הינזיכט שוין געקומען מיט אַ פּאַרטיקער און אויסגעשטאַנענער אָריענטאַציע, און דאָס וואָס מען האָט נישט געדאַרפט בלאָנדזשען האָט געבראַכט קפיצת־הדרך צו דעם דערפאָלג.

כראָנאָלאָגיש הייבן מיר אָן מיטן קולטור־זמן פון 1956, מיטן דערעפענען דעם „חודש פון יידישן בוך", וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 9טן אויגוסט אין קהילה־זאַל מיט די אַרויסטריטן פון סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט אַברהם פּאָליאַקאָוו און ראש־הקהל ד״ר אַברהם מיבשן ז״ל. יעקב באָטאָשאַנסקי האָט רעפערירט א. ד. ט. „דער מצב פון דער יידישער ליטעראַטור היינט צו טאָג". די טאָג־צייטונגען און די יידישע אויסגאַבעס פון הי און אויסלאַנד זיינען פול מיט אָפּהאַנדלונגען — עס איז פּונקט אויסגעפאַלן דער 10טער יאָר פון פונעם חודש פון יידישן בוך. דעם קינסטלערישן טייל האָט אויסגעפירט מיט געזאַנגס־נומערן יעקב פעלער, פּיאַנאָ באַגלייטונג: יאַשאַ גאַלפּערין.

דעם 12טן אויגוסט טרעט אַרויס פּראָפ' שדמי א. ד. ט. „העברעיִשע אויפשריפטן דערציילן" (אַרכעאָלאָגיע אין ישראל) און מיט געזאַנג־נומערן — ציפּורה וואַלדמאַן, פּיאַנאָ־באַגלייטונג — מ. סארין, אַריינפיר — ד״ר ר. ש. נאָוויק, וויצע־פּרעזידענט פון דער קהילה. דעם 15טן אויגוסט טרעט אַרויס ד״ר בערל פרימער, וואָס געפינט זיך דעמאָלט אין לאַנד אין שליחות פון איחוד־עולמי, פּועלי־ציון, מפא״י, א. ד. ט. „העברעיִש און יידיש אין ישראל, מיט געזאַנג־נומערן — ברוך גראַבאָווסקי, פּיאַנאָ־באַגלייטונג — יאַשאַ גאַלפּערין, און אַריינפיר־וואָרט פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד משה האַניק. דעם 19טן אויגוסט טרעט אַרויס ד״ר טוביה קאַמענשיין א. ד. ט. “A. D. Gordon – Un profeta moderno” און ישראל גוטמאַן אויף דער זעלבער טעמע אין יידיש: „א. ד. גאָרדאָן, צו זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג". דעם אַריינפיר־וואָרט צום גאָרדאָן־אַקט האָלט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קהילה אינזש. נחמן ראַדזיכאָווסקי. דעם 22סטן אויגוסט טרעט אַרויס פּראָפ' שאלמאַן א. ד. ט. “Literatura Judía en Castellano y Literatura Judía en Idish” און משה שענדעריי א. ד. ט. „דער חינוך און זיין השפּעה אויף דער וועלט־ליטעראַטור". דעם אַריינפיר־וואָרט האָלט דער פאַרוואַלטונג־מיטגליד ברוך ישמח.

דעם 26סטן אויגוסט ווערט דורכגעפירט אַ העברעיִשער פרימאָרגן. מנשה דובשני טרעט אַרויס א. ד. ט. „איזהו הספר הטוב?". דעם קינסטלערישן טייל פירט אויס דער קוואַרטעט „כינור", מיט פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון יאַשאַ גאַלפּערין און אַריינפיר־וואָרט פון ראש־הקהל ד״ר א. מיבשן ז״ל. דעם 29סטן טרעט אַרויס ד״ר מאַטעאָ גאָלדשטיין א. ד. ט. “Problemas legislativas en Israel” און חיים פינקעלשטיין א.ד.ט. „דער יידישער לערער אין דער נייסטער יידישער ליטעראַטור", מיטן אַריינפיר־וואָרט פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד משה גאָראַדיטש.

דעם 1טן סעפּטעמבער האָט אויפגעטרעטן דאָס „יונג יידיש טעאַטער" ביים קולטור־קאָנגרעס מיט די איינאַקטערס: „דער בער" פון א. טשעכאָוו, „מיין ווייב מאַכט קראַנק דעם דאָקטער" פון טונקעלער, אונטער דער רעזשי פון יוסף מאַורער און געזאַנג און רעציטאַציע פון משה אייכבוים און שמואל מיאַדאָווניק, פּיאַנאָ־באַגלייטונג — רבקה גוטריימאַן. דעם 2טן סעפּטעמבער איז אַרויסגעטראָטן שמואל ראָזשאַנסקי א. ד. ט. „100 יאָר ד״ר שלמה עטינגער", רעציטאַציעס — זלמן הירשפעלד, אַריינפיר־וואָרט — פאַרוואַלטונג־מיטגליד יואל וויינערמאַן.

לויט די אויסגערעכנטע קולטור־אימפּרעזעס במשך פון צוויי חדשים וואָס נעמען אַרום כמעט אַלע יידיש־גייסטיקע אינטערעסן, געהאַלטן אין יידיש, שפּאַניש און עברית, קען מען זען אַז די קהילה שטייט אין איר קולטור־אַרבעט מיטן פּנים צו אַלע מעגלעכע יידישע שיכטן, עלטערע און יינגערע. וועגן סיום פון ביכער־חודש פון 1956 איז כדאי אָפּצושטעלן זיך, מחמת דער דעמאָלטיקער ישראל־אַמבאַסאַדאָר ד״ר אריה קובאָווי האָט אין זיין פּאָרטראַג „וווּנדן פון אַ פריינד" באַרירט געזעלשאַפטלעכע תוך־פּראָבלעמען פון אונדזער ישוב, וואָס האָבן געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין אונדזערע היגע אויסגאַבעס. עס זיינען אויפן אָוונט אַרויסגעטראָטן דער סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט אברהם פּאָליאַקאָוו, און דער ראש־הקהל ד״ר א. מבשן ז״ל, און יהודית מאַרעצקאַ מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט, באַגלייט אויף פּיאַנאָ פון יאַשאַ גאַלפּערין. דער סיום איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 9טן סעפּטעמבער און די דערעפענונג דעם 9טן אויגוסט. אַ פולער חודש איז דער פאַרהעלטנישמעסיק באַשיידענער זאַל פון דער קהילה געווען אַן אמתער

יריד, פאַרנאַכט — די ביכער־אויסשטעלונג, און נאָך דעם — די קולטור־אימפּרעזעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פאַרשיידנאַרטיקייט און ברייטן קולטור־האָריזאָנט.

דאָס קולטור־פּראָגראַם פונעם ביכער־חודש פאַרן יאָר 1957, האָט זיך אָנגעהויבן דעם 28סטן אויגוסט. אויפן דערעפענונגס־אָוונט זיינען אַרויסגעטראָטן ד״ר ר. ש. נאָזשיק, סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט און דער ראש־הקהל ד״ר א. מיבשן ז״ל. דעם פאָרטראַג „דאָס יידישע בוך און דער יידישער לייענער״ האָט געהאַלטן מאַרק טורקאָוו. און מיט געזאַנג־נומערן איז אַרויסגעטראָטן יהודית מאַרעצקאַ, מיט פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון יאַשאַ גאַלפּערין. זונטיק דעם 1טן איז דורכגעפירט געוואָרן אַ העברעיִשער פרימאָרגן מיט אַ פאָרטראַג פון פּראָפ׳ שדמי „על חומותיך ירושלים״, געזאַנג פון קוואַרטעט „כינור״, פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון יאַשאַ גאַלפּערין און אַריינפיר־וואָרט פון ד״ר ר. ש. נאָזשיק. מיטוואָך דעם 4טן סעפּטעמבער איז אַרויסגעטראָטן ש. ראָזשאַנסקי א. ד. ט. „קולטור־פּאָזיציעס אין פאַרשיידענע ישובים״ (פון אַ רייזע איבער די לענדער), געזאַנג — יעקב פעלער, פּיאַנאָ־באַגלייטונג — יאַשאַ גאַלפּערין, דערעפענונג־וואָרט פון מ. יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט. זונטיק דעם 8טן סעפּטעמבער — אַ רעפעראַט פון משה שענדעריי „די טראַגישסטע יידישע ספרים״ (צווייהונדערט יאָר נאָכן וויכוח אין קאַמעניעץ), רעציטאַל פון מאָריס שוואַרץ, דערעפענונג — ראובן פעפּערמאַן, פּראָ־סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט. זונטיק דעם 13 סעפּטעמבער, פאָרטראַג פון משה שטיינבערג־שריג „דער עם־הספר צוריק צום ספר״, מיט געזאַנג פון רבקה קליניצקאַ. פּיאַנאָ־באַגלייטונג — לעאָן וויינער, דערעפענונג — זלמן הירשפעלד, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט. מיט־



דערעפענונג פון חודש פון יידישן בוך אין יאָר 1960.

וואָך דעם 18טן סעפטעמבער טרעט אַרויס ד״ר מיבשן ז״ל מיט אַ פאָרטראַג: „דער אייביקער בונד מיט ישראל״ (100 יאָר פרע־ציוניסטישע עליות), רעציטאַל — זלמן הירשפעלד, דערעפענונג — ד״ר ב. לערנער, וויצע־פרעזידענט פון דער קהילה. זונטיק דעם 22סטן סעפטעמבער, רעפעראַט פון יעקב באָטאָשאַנסקי: „די בעסטע 24 ייִדישע ביכער״, רעציטאַל פון יוסף בולאָוו, דערעפענונג — יקותיאל בערנשטיין, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

דעם סיום פון ביכער־חודש פאַרן יאָר 1957 איז דורכגעפירט געוואָרן מאָנטיק דעם 30סטן סעפטעמבער מיטן אַרויסטריט פון סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט ד״ר ר. ש. נאָוויק און ראש־הקהל ד״ר אַברהם מיבשן ז״ל, און דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קהילה צבי סיינגערש. דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר ד״ר אַריה ל. קובאָווי האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג א. ד. ט. „גייסט און סענטימענט אין דער ייִדישער אַרגענטינע״, און סאַראַ גאָרבי מיט דער פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון יאַשאַ גאַלפערין איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט. ווידער זעען מיר פאַר זיך אַ גאַנץ פיינעם באַלאַנס פון איבער אַ חודש, וואָס צייכנט זיך אויס מיט די אַרויסטריט; פון באַרימטע בינע־קינסטלערס — גאַסט־שפּילער און מיט לאָקאַלע כוחות.

דאָס קולטור־פּראָגראַם פון ביכער־חודש פאַרן יאָר 1958 איז געווען ספּעציעל מזלדיק, ווייל עס איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן באַזוך פון אַ גרויסן קולטור־גאַסט, דעם באַרימטן דיכטער אפרים אויערבאַך (די קולטור־געסט ווערט געווידמעט אַ ספּעציעלער קאַפּיטל. דאָ ווערט בלויז דערמאָנט זייער מיטווירקונג אין די ראַמען פונעם קולטור־פּראָגראַם פון דעם חודש פון ייִדישן בוך), וועלכער האָט דעם 4טן סעפּטעמבער דערעפנט דעם ביכער־חודש מיט זיין רעפעראַט „ספר און בוך״. זונטיק דעם 7טן סעפּטעמבער איז אַרויסגעטראָטן יעקב באָטאָשאַנסקי מיטן פאָרטראַג „פון אגדה ביז הלכה אין אונדזער נייער ליטעראַטור״, מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט פון יהודית מאַרעצקאַ. מיטוואָך דעם 10טן סעפּטעמבער איז אַרויסגעטראָטן דער ישראל־רעזשיסאָר משה הלוי אד״ט: „די ייִדישע שרייבער אויף דער העברעיִשער בינע״, מיט אַ רעציטאַל פון דער ישראל־קינסטלערין לאה דגנית. זונטיק דעם 14טן סעפּטעמבער איז אַרויסגעטראָטן משה שענדעריי מיטן פאָרטראַג „אַ בוך וועגן 100 יאָר ייִדיש לעבן אין זיד־אַמעריקע״, מיט אַ רעציטאַל פון קאַטאַלינאַ לעווינטאַן. מיטוואָך דעם 14טן איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ העברעיִשער אָוונט, חיים נבון האָט רעפערירט א. ד. ט. „המאון הרוחני של מדינת־ישראל״, און ברוך גראַבאָווסקי איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט, אונטער פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון יאַשאַ גאַלפערין.

זונטיק דעם 21סטן איז אויפגעטראָטן דער קולטור־גאַסט אפרים אויערבאַך מיט אַ פאָרטראַג א. ד. ט. „ישראל און די תפוצות״, און רבקה קליניצקאַ, פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון לעאָן וויינער, מיט געזאַנג־נומערן. דעם 25סטן סעפּטעמבער האָט יצחק הרכבי (איצט ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אורוגוויי) געהאַלטן אַ רעפעראַט א. ד. ט. „גייסטיקע פּראָצעסן אין ישראל״, און זלמן הירשפעלד איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ וואָרט־רעציטאַל. זונטיק דעם 28סטן האָט דער ישראל־גאַסט ד״ר ראובן בן־שם געהאַלטן אַ רעפעראַט א. ד. ט. „די אַנטוויקלונג פון ייִדישן פאָלקסכאַראַקטער״, מיט אַ וואָרט־רעציטאַל פון יוסף מאורער. זונטיק דעם 5טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער סיום. עס זיינען אַרויסגעטראָטן אַברהם מיטלבערג — סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט, צבי פיינגערש — גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קהילה, און דער ראש־הקהל אלימלך גוטקין. מאַרק טורקאָוו האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג: „דאָס בוך און דער לייענער״. דער קוואַרטעט „כינור״, מיט דער פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון יאַשאַ גאַלפערין, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט.

דער חודש פון ייִדישן בוך פאַרן יאָר 1959, ווי דער גאַנצער קולטור־זמן, איז געווען אונטערן צייכן פון שלום־עליכם־יאָר, וואָס האָט זיך אין אונדזער היגן פאָלקסטימלעכן ישוב שטאַרק אָנגעזען און מען קען זאָגן, אַז דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט איז געווען דער הויפּט־מיטווירקער פאַר דעם.

דער חודש האָט זיך דערעפנט דעם 30סטן סעפּטעמבער מיט אַ רעפעראַט פון משה שענ־

דעריי א. ד. ט. „בוך און ספר", און מיטן אויפטריט פון „הזמיר"־כאָר ביי דער קהילה. דעם 5טן אָקטאָבער איז אַרויסגעטראָטן ש. ראָזשאַנסקי מיט אַ פּאָרטראַג „קאָלאָניסטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור" (אין זעלבן יאָר איז אויסגעפאַלן דער 70־יאָריקער יובל פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, אַ דעלעגאַציע פון דער קהילה האָט זיך באַטייליקט אין די פייערונגען אין מאָזעסוויל און אין צענטראַלן יובליי־אָוונט אין אַ גרויסן טעאַטער־זאַל), מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט פון סאַראַ גאָרבי. דעם 5טן אָקטאָבער איז אַרויסגעטראָטן יעקב באָטאָשאַנסקי אויף דער שלום־עליכם טעמע: „אַ פאַרגלייך צווישן טוביה דער מילכיקער און מנחם־מענדל", מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט פון יהודית מארעצקאַ. דעם 14טן אָקטאָבער האָט ד"ר ל. זשיטניצקי געהאַלטן אַ רעפעראַט א. ד. ט. „דאָס ייִדישע פאָלקס־ליד", מיט געזאַנג־אילוסטראַציעס פון רבקה קליניצקאַ. דעם 19טן אָקטאָבער איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ העברעיִשן אָוונט, מיט אַ

אַן אויפשריפט אין זאַל פון דער אייכשטעלונג פון יידישן בוך.

רעפעראַט פון אליהו אראל א. ד. ט. „העתינות העברית בחיי עמנו", מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון קוואַרטעט „כינור", אָנגעפירט פון יאַשאַ גאַלפערין. דעם 22סטן אָקטאָבער איז אַרויסגעטראָטן פּראָפ' ל. שאַלמאַן אויף שפּאַניש מיט אַ רעפעראַט: „די טעמע פון ליבע אין דער ייִדישער ליטעראַטור", און אַ געזאַנג־קאָנצערט פון דינה גוטקין אין אַ קולטור־אימפּרעזע געווידמעט דער יוגנט. דעם 26סטן אָקטאָבער איז ד"ר משה מערקין אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט א. ד. ט. „חסידיזם, זיין אַנטשטייונג און זיין אָפּשפּיגלונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור", און דאָס „יונג טעאַטער" ביים קולטור־קאָנגרעס האָט פאָרגעשטעלט דעם איינאַקטער „מזל־טוב". דער סיום פון ביכער־חודש פון יאָר 1959 איז פאָרגעקומען דעם 2טן נאָוועמבער מיט דער באַטייליקונג פון אַברהם מיטלבערג, סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט, ראש־

הקהל אלימלך גוטקין, גענעראַל־סעקרעטאַר צבי פייגנגערש און קאַסיר אלתר הירש. מאַרק טורקאָוו איז אַרויסגעטראָטן מיטן פאָרטראַג: „דאָס ייִדישע בוך אין גאָר דער וועלט", און דער „הזמיר"־כאָר, אונטער דער אָנפירונג פון בערנאַרד פייער, האָט אויפגעפירט דעם קינסטלערישן טייל פון אָוונט.

דער חודש פון ייִדישן בוך פאַרן יאָר 1960 האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסן קולטור־גאַסט — דער דיכטער און פּראָזאַיִקער חיים גראַדע. אויף דער דערעפענונג אין קהילה־זאַל פון ביכער־חודש דעם 15טן סעפּטעמבער, איז דער חשובער גאַסט אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט: „ח. נ. ביאַליק". דעם 18טן אָקטאָבער האָט שוין חיים גראַדע אַרויסגעטראָטן אין גרויסן טעאַטער „אַסטראַל" מיט זיין צווייטן פאָרטראַג: „נוסח מיזרח־אייראָפּע". דעם 25סטן סעפּטעמבער האָט משה שענדעריי געהאַלטן אַ רעפעראַט א. ד. ט. „דורך אַ דערנער־שטעג צו ברייטע וועגן" (100 יאָר קיום פון ישוב). אין 1960 איז אויסגעפאַלן דער 100־יאָריקער יובילייַ פון ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע; די קהילה און קולטור־דעפּאַרטאַמענט האָבן אָרגאַניזירט אַ גאַנצע רייַ פייערונגען, און עס איז אויפגעטראָטן דער נאַציאָנאַל־ייִדישער פאָלקס־טעאַטער. דעם 27סטן סעפּטעמבער איז אויפגעטראָטן חיים פינקלשטיין א. ד. ט. „דער וועקער פון ייִדישן און מענטשלעכן געוויסן" (45טער יאָרצייט פון י. ל. פּרץ), מיט אַ קינסטלערישן פּראָגראַם פון טעאַטער „אַרטעאַ". דעם 29סטן סעפּטעמבער איז חיים גראַדע אַרויסגעטראָטן אין טעאַטער „סאָלעיל" מיטן רעפעראַט: „שבת און וואָך אין דער ייִדישער ליטעראַטור". דעם 2טן אָקטאָבער (אין קהילה־זאַל) האָט יעקב באָטאָשאַנסקי רעפערירט א. ד. ט. „אין יענער בלויער ווייט" (אָפּשאַצונגען און פּערזענלעכע זיכרונות וועגן שמעון פרוג). דעם קינסטלערישן טייל האָבן אויסגעפירט רבקה קליניצקאַ און לעאָן וויינער. דעם 3טן אָקטאָבער איז חיים גראַדע אַרויסגעטראָטן אין טעאַטער „אַסטראַל" מיט זיין רעפעראַט: "מתנגדים און מוסרניקעס" (די ליטווישע ישיבות). דעם 9טן אָקטאָבער איז אַרויסגעטראָטן ד"ר לעאָן דוכאָוונע א. ד. ט. „די פּערזענלעכקייט פון שמעון דובנאָוו" (שפּאַניש). דעם קינסטלערישן טייל האָט אויסגעפירט לודמילאַ טירער. דעם 11טן אָקטאָבער האָט מאַרק טורקאָוו געהאַלטן אַ פאָרטראַג א. ד. ט. „נחום סאָקאָלאָוו, דער מנהיג און דענקער" (צו זיין 100סטן געבורטסטאָג), און זלמן הירשפעלד איז אויפגעטראָטן מיט אַ וואָרט־רעציטאַל. דעם 14טן אָקטאָבער איז ש. ראָזשאַנסקי אַרויסגעטראָטן מיטן פאָרטראַג „דוד פּינסקי, דריי דורות, דריי וועלטן".

דעם 17טן אָקטאָבער האָט חיים גראַדע געהאַלטן אין טעאַטער „אַסטראַל" זיין געזעגענונגס־רעפעראַט: „מיינע באַגעגענישן אין רוסלאַנד מיט סאָוועטישע שרייבערס". דעם 17טן אָקטאָבער איז אין קהילה־זאַל פאָרגעקומען דער סיום פון ביכער־חודש. מרדכי בערנשטיין איז אַרויסגעטראָטן א. ד. ט. „פאַרברענטע פּאַרמעטן — שוועבנדיקע אותיות" (די מאַרטיראָלאָגיע פון ייִדישן ספר), די קינסטלערישע טייל האָט אויסגעפירט זלמן הירשפעלד.

דער ביכער־חודש אין יאָר 1961 האָט זיך אָנגעהויבן דינסטיק דעם 5טן סעפּטעמבער, מיט דערעפענונגס־ווערטער פון משה האָניק, סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט, ראש־הקהל ד"ר טוביה קאַמענשיין, אַ פאָרטראַג פון ימימה טשערנאָוויץ־אבידר א. ד. ט. „מאָמענטן אין דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור", און אַ געזאַנג־קאָנצערט פון סידאָר בעלאַרסקי. אַרום טויזנט מענטשן האָבן אָנטייל גענומען אין דעם אָוונט, און אין די ערשטע טעג האָט דער ביכער־פאַרקויף באַטראָפן 150,000 פּעזעס.

דאָנערשטיק דעם 7טן סעפּטעמבער איז אַרויסגעטראָטן יעקב באָטאָשאַנסקי מיטן פאַרטראַג: „נחום סאָקאָלאָוו — דער פּיליזייטיקער היסטאָריקער, בעלעטריסט, זשורנאַליסט און דיפּלאָמאַט", מיט רעציטאַציעס פון יוסף מאָורער און אָנפירונג פון מ. יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

דאָנערשטיק דעם 14טן סעפּטעמבער האָט מרדכי בערנשטיין רעפערירט אד"ט: „קהילה־תקנות וועגן ייִדישן ספר", מיט געזאַנג נומערן פון קליניצקאַ־וויינער און אָנפירונג פון חנא גאַרבער, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

חיים גראַדע האַלט איינע פון זיינע לעקציעס אין טעאַטער „אַסטראַל״.

דער עולם אין זאַל בעת חיים גראַדע האָט פאַרענדיקט אַ לעקציע.

זונטיק דעם 17טן סעפטעמבער האָט יצחק יאַנאָסאָוויטש געהאַלטן זיין רעפעראַט: „דער מוסר־השכל פון דער ייִדישער שרייבער־טראַגעדיע אין רוסלאַנד״, מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון זלמן הירשפעלד און אָנפירונג פון שלמה ציטרין, מיטגליד פון קולטור־דעפאַרטאַמענט.

מאָנטיק דעם 18טן סעפטעמבער — אַ העברעיִשער אָוונט מיט אַ רעפעראַט פון אַברהם פעסקין: „ספר יונה״, און מיטן אויפטריט פון דער העברעיִשער טעאַטער־גרופע פון נח״ת אין אַן איינאַקטער פון אפרים קישון, רעזשי זלמן הירשפעלד.

דאָנערשטיק דעם 21סטן — חיים פינקלשטיין, אד״ט: „פראָבלעמאַטיק פון דער היינטצייטיקער ליטעראַטור״. אויפטריט (ייִדיש) פון „ארטעא״, אָנפירונג פון אַברהם מיטלבערג, מיטגליד פון קולטור־דעפאַרטאַמענט.

זונטיק דעם 24סטן, שמואל ראָזשאַנסקי וועגן „ה. לייוויק — דאָס געוויסן פון דער ייִדישער ליטעראַטור״. אויפטריט פון נאַציאָנאַל־ייִדישן קונסט־טעאַטער, אָנפירונג — ישראל קאַרפעס, מיטגליד פון קולטור־דעפאַרטאַמענט.

דאָנערשטיק דעם 28סטן — פראָפ׳ לאַזאַראָ שאַלמאַן (שפאַניש) אד״ט: “Sarmiento y su Concepto de Judaísmo” אויפטריט פון קוואַרטעט „כינור״ אונטער דער לייטונג פון יאַשאַ גאַלפערין, אָנפירונג מיטן אָוונט ד״ר דויד רויזין, מיטגליד פון קולטור־דעפאַרטאַמענט.

זונטיק דעם 1טן אָקטאָבער — אַ העברעיִשער פרימאָרגן מיט אַ פאָרטראַג פון ישראל־אַמבאַסאַדאָר געוו. יוסף אבידר אד״ט: „פרשיות בהגנה״, מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט פון גראַבאָווסקי־לערער און אָנפירונג פון ראש־הקהל ד״ר טוביה קאַמענשיין.

דינסטיק דעם 3טן אָקטאָבער — אויפטריט פון נאַציאָנאַלן ייִדישן פאָלקס־טעאַטער מיט דריי איינאַקטערס פון ישראל טייגערס „באָיקאָט, דער „שידוך״ פון ש. איזבאַן, און „גנבים״ פון א. קאַרפינאָוויטש, רעזשי דויד ליכט.

מיטוואָך דעם 4טן אָקטאָבער — מאיר עדעלבוים וועגן „שמחת־תורה״, אויפטריט פון „הזמיר״־כאָר מיט דער באַטייליקונג פון חזן אַברהם ראָזענמאַכער.

דאָנערשטיק דעם 5טן אָקטאָבער — משה שענדעריי אד״ט: „דער דריטער אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פון ייִדישן וויסן אין ירושלים״, מיטן אויפטריט פון טעאַטער „אַברהם גאָלדפאַדען״, רעזשי מאַקס בערלינער. אָנפירונג פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד ישראל גרינבוים.

זונטיק דעם 3טן אָקטאָבער — סיום פון ביכער־חודש אין טעאַטער „נאַסיאָנאַל״, מיט דער באַטייליקונג פון משה האָניק, סעקרעטאַר פון קולטור־דעפאַרטאַמענט, ראש־הקהל טוביה קאַמענשיין, קאַסיר אָשר גראָקאָף, אַ פאָרטראַג פון בצלאל שערמאַן און אויפטריט פון די „הזמיר״־כאָרן פון בוענאָס־איירעס און ראָזאַריאָ, אונטער דער אָנפירונג פון די דיריגענטן ב. פייער און א. ליין.

לויט די ציפערן, וואָס עס האָט אָנגעגעבן אויפן סיום דער סעקרעטאַר פון קולטור־דעפאַרטאַמענט, איז דער באַטרעף פונעם פאַרקויף ביים ביכער־חודש פאַרן יאָר 1961 געווען: 2,130,776 פעזעס מיט 16,200 פאַרקויפטע ביכער, 1000 מוזיק־פלאַטן אויפן באַטרעף פון260,000 פעזעס, צווישן זיי: ייִדישע ביכער 4,000; העברעיִשע 2,200 און שפאַנישע מיט אַ ייִדישן אינהאַלט און טעמע 10.000, די אַלגעמיינע צאָל קונים — 5,400.

דער חודש פון ייִדישן בוך אין 1962, מיט דער קולטור־גאַסטשאַפט פון מרדכי שטריגלער (צום צווייטן מאָל), איז פאַקטיש געווען אַן איבער־חודש פון גאַנצע 42 טעג, איז אַריינגעפאַלן אין אַ אומרויִק־געשפאַנטער צייט און האָט זיך — אפשר טאַקע דערפאַר — אויסגעצייכנט סיי מיטן רוב־עם, סיי מיטן הויכן ניוואָ. מוצאי שבת, דעם 15טן סעפטעמבער, 19.30 אַזייגער, האָט זיך דערעפנט די אויסשטעלונג און ביכער־פאַרקויף און זונטיק, דעם 16טן איז אין טעאַטער „אָפעראַ״ פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג מיט אַ פאָרטראַג פון מרדכי שטריגלער, אד״ט „מיטן ייִדישן ספר איבערן גאַנג פון דורות״, מיט אַן אַריינפיר פון סעקרעטאַר פון קול־

טור־דעפּאַרטאַמענט, משה האַניק, אַן אַרויסטריט פון ראש־הקהל ד״ר טוביה קאַמענשיין און אויפטריט פון כאָר „הזמיר״.

דאָנערשטיק, דעם 2טן סעפּטעמבער: אַ פאָרטראַג פון משה שענדעריי, אד״ט „פון העברעיש צו ייִדיש און צוריק״, אָנפירונג פון אָוונט — שמואל גלאַזערמאַן, וויצע־פּרעזידענט פון דער קהילה; זונטיק, דעם 23סטן, אין קהילה־זאַל: יעקב באָטאָשאַנסקי, אד״ט „דער דיכטער, וואָס האָט זיך פאַרבענקט נאָך ייִדישקייט״ (דוד איינהאָרן, צו זיין 75סטן יובילעאום). אָנפירונג מיטן פרימאָרגן — דוד קולאָקאָווסקי, פּראָ־קאַסיר פון דער קהילה; מאָנטיק, דעם 24סטן איז מרדכי שטריגלער אַרויסגעטראָטן אין טעאַטער „סאָלעיל״ מיט אַ פאָרטראַג אד״ט „דער ייִד אויפן גרויסן וועלט־יאַריד ביי וויליאַם שעקספּיר״. אָנפירונג מיטן אָוונט — מאַניע יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

סיום פון קולטור־זמן אין יאָר 1960. אויף דער בינע דער „הזמיר״־כאָר. רעכטס אין ווינקל: מ. האַניק און ד״ר ל. זשיטניצקי. לינקס: דיר ב. פּייער.

מאָנטיק, דעם 1טן אָקטאָבער, אין טעאַטער „סאָלעיל״: דער פאָרטראַג פון מרדכי שטריגלער, אד״ט „דוד בן־גוריון — זיין פערזענלעכקייט און געדאַנקענגאַנג״, אָנפירונג מיטן אָוונט — אַברהם מיטלבערג, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

דאָנערשטיק, דעם 4טן אָקטאָבער, אין קהילה־זאַל: מאַרק טורקאָוו, אד״ט „ייִדישע קונסט און ייִדישע קינסטלער״, מיטן אַן אויפטריט פון קליניצקאָ־ווינער. אָנפירונג מיטן אָוונט — שלמה ציטרין, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט; דינסטיק, דעם 9טן: שמואל ראָזשאַנסקי, אד״ט „די היים און דאָס לאַנד פון מאָסקווער „היימלאַנד״, קינסטלערישער אַרויסטריט פון זלמן הירשפעלד. אָנפירונג מיטן אָוונט — ישראל גרינבוים, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

דאָנערשטיק, דעם 11טן אָקטאָבער: העברעיִשער אָוונט, מיט אַ פאָרטראַג פון אריה שובל, קולטור־אַטאַשע ביי דער ישראל־אַמבאַסאַדע, אַד״ט „תחית השפה העברית“, געזאַנג־קאָנצערט פון גראַבאָווסקי־לערער, אָנפירונג — לייב גאָלד, פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון דער קהילה; מאָנטיק, דעם 15טן: חיים פינקלשטיין, אַד״ט „רוים און ירושלים — דער מחבר און זיין ווערק“. מיטן אויפטריט פון נאַציאָנאַלן ייִדישן פאָלקס־טעאַטער און אָנפירונג מיטן אָוונט — ישראל קאָרפעס, מיטגליד פון קולטור־דעפאַרטאַמענט.

דאָנערשטיק, דעם 18טן: משה שענדעריי, אַד״ט „פון ייִדיש צו העברעיִש און צוריק“, אָנפירונג מיטן אָוונט שמואל גלאַזערמאַן, וויצע־פרעזידענט פון דער קהילה; מאָנטיק, דעם 22סטן, אין טעאַטער „סאָלעיל“ — דער רעפעראַט פון מרדכי שטריגלער, אַד״ט „ר׳ נחמן בראַסלאַווער — פאָעט, דענקער און רבי“, אָנפירונג מיטן אָוונט — ישראל גרינבוים, מיטגליד פון קולטור־דעפאַרטאַמענט; מאָנטיק, דעם 29סטן אין טעאַטער „אַסטראַל“, דער סיום־אָוונט פון ביכער־חודש, מיט אַ פאָרטראַג פון מרדכי שטריגלער, אַד״ט „דאָס ייִדישע פאָלק אין דער געשיכטע און די היינטיקע ווירקלעכקייט“, מיט אַ דערעפענונגס און סך־הכל־וואָרט פון משה האָניק, סעקרעטאַר פון קולטור־דעפאַרטאַמענט און אַן אַרויסטריט פון כאָר „הזמיר“, אונטער דער לייטונג פון בערנאַרד פייער.

די קולטור־זמנים פון דער קהילה פאַר די יאָרן 1956־62

אין אַמאָליקן שטעטלדיקן לעבן זיינען ייִדן געווען אָנגעוויזן מיט זייער פרנסה אויפן מאַרק־טאָג. גאָר שטאַרק פלעגן זיי אויסקוקן די אויגן אויפן יאָר־מאַרק. מיט תורה זיינען זיי ברוך־השם געווען באַזאָרגט ביי זיך אין דער היים, און אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר; פון דעסטוועגן פלעגט זיך אויך דער וועד ארבע הארצות צוזאַמענקומען אין די יאָרמערק, ווייל ייִדן פלעגן קומען פון די ווייטסטע מרחקים אויף צו דערהאַלטן דאָס חיות. אין די היגע לעבנס־תנאים האָבן ייִדן צוביסלעך זייער פרנסה בכל יום ויום, אָבער אויף צו דערהאַלטן די נשמה מוזן זיי אָנקומען צו די מאַרק־טעג פון ייִדישקייט, וואָס הייבן זיך אָן מיטן קולטור־זמן פון דער קהילה און קומען צו זייער הויך־סעזאָן אין דעם חודש פון ייִדישן בוך, וואָס איז דער קולטור־יאָרמאַרק פון ייִדישן אַרגענטינע.

דער קולטור־זמן פאַרן יאָר 1956 האָט זיך אָנגעהויבן מיט די זונטיק־פרימאָרגנס אין דער קהילה. דעם 29סטן אַפריל איז אַרויסגעטראָטן פראָפ׳ דוכאָוונע אַד״ט: „די קולטור אין מדינת־ישראל“, מיט אַ פראָגראַם פון דער גרופע ישראל־קינסטלער, אַריינפיר־ווערטער: אַברהם פאָליאַקאָוו. סעקרעטאַר פון קולטור־דעפאַרטאַמענט, און ראש־הקהל ד״ר א. מיבשן ז״ל. דעם 6טן מאַי האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג שמואל ראָזשאַנסקי אַד״ט: „י. דיגענזאָן, די מאַמע צווישן אונדזערע קלאַסיקער“, מיט רעציטאַציעס פון דויד זאַבלודאָווסקי און אַריינפיר־וואָרט פון וויצע־פאָרזיצער ד״ר ר. ש. נאָוויק. דעם 13טן מאַי איז אַרויסגעטראָטן יוסף רויזען אַד״ט: „שבועות — דער יום־טוב פון קבלת־התורה“, רעציטאַציעס — זלמן הירשפעלד, אַריינפיר־וואָרט פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד יואל וויינערמאַן. דעם 20סטן מאַי איז אַרויסגעטראָטן ד״ר מ. גאָלדשטיין א. ד. ט.: “La Independencia Argentina con la Trayectoria” מיטן אויפטריט פון טריאָ גאַלפערין און אַריינפיר־וואָרט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קהילה אינזש. נחמן ראָדזיכאָווסקי. דעם 27סטן מאַי טרעט אַרויס ד״ר ציון כ. אימאַטש אַד״ט: “La Grandeza y Decadencia del Sefardismo” און ד״ר א. מיבשן ז״ל אַד״ט: „די שפאַנישע באַלאַדע“, אַריינפיר־וואָרט — ד״ר ר. ש. נאָוויק, וויצע־פאָרזיצער פון דער קהילה.

דעם 3טן יוני טרעטן אויף: מאַרק טורקאָוו מיטן פאָרטראַג „נחום סאָקאָלאָוו און זיין סביבה“, און משה שענדעריי — „אויף דער גרענעץ פון תקופות“. אַריינפיר — משה האָניק, פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון דער קהילה. דעם 10טן יוני — ד״ר פאַוועלוקעס אַד״ט: „דער ייִדישער דאָקטער

און דער ייִדישער חולה", און ג. סאַפּאָזשניקאָוו — „מוטער־קאָמפּלעקס אין שלום אַש'ס שאַפּונג", אַריינפיר — ד"ר ר. ש. גאָוויק.

דעם 17טן יוני —- א העברעיִשער פּרימאָרגן מיטן אַריינפיר־וואָרט פון ראש־הקהל ד"ר א. מיבשן ז"ל, אַרויסטריט פון א. טורניאַנסקי, פּרעזידענט פון הסתדרות עברית; אַ פּאָרטראַג פון ד"ר משה גיל אד"ט: „ש. עגנון ויצירותיו", און געזאַנג פון ל. היניטש. דעם 1טן יולי טרעט אַרויס מ. קאַכעל אד"ט: „די ישראלדיקע מוזיק און מחיק אין ישראל". פידל־קאָנצערט — צבי צייטלין און אַריינפיר פון גענעראַל־סעקרעטאַר אינזש. נחמן ראַדזיכאָווסקי. דעם 8טן יולי טרעט אַרויס באַלעסלאַוו לעווין אד"ט: "Julio Popper y su contribución al progreso del país" און א. יערוזאַלימסקי: „מדינת ישראל צווישן מיזרח און מערב", אַריינפיר־וואָרט — פאַרוואַלטונג־מיטגליד ברוך ישמח. דעם 15טן יולי טרעט אַרויס ד"ר בערל פרימער אד"ט: „דאָס גייסטיקע און קולטורעלע לעבן אין ישראל", אַריינפיר־וואָרט — פאַרוואַלטונג־מיטגליד משה גאַראַדיטש. דעם 22סטן יולי האַלט אַ רעפעראַט פּראָפ' אַרטור לערמער וועגן „קולטור־פּלוראַליזם און ייִדישער אויטאָנאָמיזם", מיט אַן אַריינפיר פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד יוסף גראַדזיצקי ע"ה. דעם 29סטן יולי טרעט אַרויס הרב אַביגדור ציפּערשטיין וועגן „רש"י אלס מפרש התורה", מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון ד"ר א. מבשן ז"ל.

סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט, משה האַניק, דערעפנט דעם קולטור־זמן אין טעאַטער „אַכטראַל" (1961).
דער דריטער פון לינקס: ד"ר ש. ביקל.

נאָך דעם קולטור־„יאָרמאַרק" פון ביכער־חודש, הייבן זיך אָן צוריק די געוויינטלעכע „מאַרקטעג" פון קולטור־זמן. דעם 16טן סעפּטעמבער טרעטן אַרויס: מרדכי דיין מיט אייניקע באַטראַכטונגען אין שייכות מיטן נייעם יאָר, און י. ל. גרוזמאַן ע"ה מיט „ייִדיש לעבן אין אַמערי־

קע״ און אַן אַריינפיר פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד ה. האָלענבערג. דעם 23סטן סעפטעמבער איז אַרויסגעטראָטן יעקב זרובבל אד״ט: „דער רוף פון אונדזער צייט״, מיטן אַריינפיר־וואָרט פון פראָ־סעקרעטאַר אליעזר ראָזענבלום. דעם 30סטן סעפטעמבער האָט ע. רעלגיס געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן „א. ל. זיסו, דער מאַרטירער פון רומעניש ייִדנטום״, און ד״ר יואל זינגער ע״ה איז אַרויסגעטראָטן אד״ט: „אַ ייִדישער דאָקטער פאָרט קיין ישראל״, מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון ראש־הקהל ד״ר מיבשן ז״ל. דעם 7טן אָקטאָבער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ העברעיִשער פרימאָרגן מיט אַן אַריינפיר פון וויצע־פּרעזידענט ד״ר ר. ש. נאָוויק; ח. רעסקא האָט גערעדט וועגן „אַחד־העם המחנך״, און פּ. קאַרפּ: „אַחד־העם, אישיותו ומשניתו״, מיט פאָרלעזונגען פון זלמן הירשפעלד. דעם 14טן אָקטאָבער זיינען אַרויסגעטראָטן: ב. טענענבוים אד״ט „דער כנעביזם און אונדזער יוגנט״, און יוסף רויזען — „קידוש־השם אַמאָל און היינט״, מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד ב. דענענמאַרק. דעם 21סטן אָקטאָבער האָט משה שענדעריי גערעדט וועגן „הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין ענגלאַנד״, מיט געזאַנג־נומערן — רבקה קליניצקאַ און אַריינפיר פון ראש־הקהל ד״ר א. מיבשן ז״ל. דעם 4טן נאָוועמבער האָט זיך געשלאָסן דער קולטור־זמן מיטן אַריינפיר־וואָרט פון סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט אַברהם פאַליאַקאָוו, אַרויסטריט פון גענעראַל־סעקרעטאַר אינזש. נחמן ראַדזיכאָווסקי, פאָרטראַג פון אפרים אלני אד״ט: „אַראַבער אין מדינת־ישראל״, און געזאַנג־נומערן פון קאַרלאָס פעלער.

ד״ר שלמה ביקל דערעפנט דעם קולטור־זמן אין יאָר 1961.

דער קולטור־זמן פון 1957 האָט זיך אָנגעהויבן דעם 24סטן מאַי מיטן רעפעראַט פון יעקב באָטאָשאַנסקי: „יהואש, דיכטער און תנ״ך־איבערזעצער״, מיט אַריינפיר־ווערטער פון ד״ר ב.

לערנער און ד״ר ר. ש. נאָוויק. דעם 31סטן מאַי האָט גערעדט הרב אַביגדור ציפערשטיין וועגן „שבועות, דער אייביקער מעמד סיני״, מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון ד״ר א. מיבשן ז״ל. דעם 4טן יוני — אַ פאַרטראַג פון גאַטאַן שאַפראַן: „ייִדיש לעבן אין אַמעריקע״. דעם 3טן יוני איז אַרויסגעטראָטן משה מערקין אד״ט: „די וועגן פון ייִדישן רענעסאַנס״, מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט פון סאַראַ גאַרבי. דעם 21סטן יוני איז אַרויסגעטראָטן אידוב כהן מיטן רעפעראַט: „דער פינף־יאָר־פלאַן פאַר ישראל און די תפוצות״. דעם 25סטן יוני — מ. שענדעריי מיטן פאָרטראַג: „סך־הכל פון אַ רייזע איבער ישראל, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן״. און געזאַנג פון רבקה קליניצקי. דעם 3טן יולי האָט גערעדט פראָפ׳ שדמי וועגן „ים־המלח — דער ים פון לעבן״, און ד״ר מ. וואָדאָוואָז: „יונג און אַלט אין ישראל״. דעם 9טן יולי — אַ העברעיִשער פרימאָרגן, מיטן פאָרטראַג פון ד״ר מ. גיל: „יצירתו של דוד שמעוני״. דעם 19טן יולי האָבן רעפערירט: א. שוואַרץ וועגן „כאַראַקטער־שטריכן פון ייִדישן לעבן אין אורוגוויי״, און יואל גאַק: „אַנ־סקי און זיין שאַפונג „דער דיבוק״. דעם 23סטן יולי זיינען אַרויסגעטראָטן מ.שטיינבערג און מ.טורקאָוו וועגן העריצל־ביאַליק, מיט רעציטאַציעס פון ז. הירשפעלד. דעם 2טן אויגוסט איז אַרויסגעטראָטן ג. סאַפאָזשניקאָוו מיט אַ פאָרטראַג: „שלום אַש׳ס שליחות אין דער ייִדישער ליטעראַטור״, מיט רעציטאַציעס פון זלמן הירשפעלד. דעם 9טן אויגוסט האָט ד״ר ל. זשיטניצקי גערעדט וועגן „ישראל אין ליכט און שאָטן״, און דאָס „אַרטעאַ״־טעאַטער איז אויפגעטראָגן מיט איינאַקטערס. דעם 16טן אויגוסט האָבן גערעדט: ד״ר ראַפּאַפּאָרט ע״ה — „ד״ר ירחי — דער לעגענדאַרישער דאָקטער״, און ש. ראָזשאַנסקי — „מ. אַלפערסאָן — פיאָנער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און איר געשיכטע״. דעם 30סטן אויגוסט איז אַרויסגעטראָטן פראָפ׳ שדמי אד״ט: „על חומותיך ישראל״, מיט אַ קאָנצערט פון קוואַרטעט „כינור״, אונטער דער לייטונג פון פראָפ׳ ל. האַלפערין.

פון 28סטן אויגוסט ביזן 22סטן סעפּטעמבער איז אָנגעגאַנגען דער חודש פון ייִדישן בוך. דעם 22סטן אָקטאָבער זיינען אַרויסגעטראָטן ד״ר ר. ש. נאָוויק און ד״ר פּאָזועלוקעס וועגן פראַגן פון סאָציאַלער הילף. דעם 8טן אויגוסט — אַ קאָנצערט־פרימאָרגן, שאַפונגען פון י. ענגעל מיטן טריאָ קלאַצמאַן און ראַקעל סירקין. דעם 25סטן אויגוסט איז אַרויסגעטראָטן יצחק באַשעוויס[*] אד״ט: „גאָט־זוכער ביי ייִדן און נישט־ייִדן אין דער היינטיקער וועלט״. דעם 1טן נאָוועמבער — אַ העברעיִשער פרימאָרגן מיטן פאָרטראַג פון ד. חומסקי: „נפתלי הערץ אימבער — משורר התקווה״, און רעציטאַל פון ז. הירשפעלד. דעם 29סטן דעצעמבער איז געפייערט געוואָרן דער 25סטער יובילייִ פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, מיטן אָנטייל פון ד״ר מ. גאָלדמאַן און מ. טורקאָוו, אַריינפיר פון ד״ר רויזין, קאָנצערט פון ברוך גראַבאָווסקי, באַגלייט פון י. גאָלפערין.

דער קולטור־זמן פאַרן יאָר 1958 האָט זיך אויסגעצייכנט מיטן באַזוך פון מרדכי שטריגלער און איז דערעפנט געוואָרן דעם 3טן אַפּריל אין טעאַטער „סאָלעיל״. דער ראש־הקהל אלימלך גוטקין און סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט אַברהם מיטלבערג האָבן געהאַלטן די אַריינפיר־ווערטער, יעקב באָטאָשאַנסקי — דאָס קבלת־פנים־וואָרט און מרדכי שטריגלער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרטראַג אד״ט: „דער משיחיזם־באַוועגונג ביי ייִדן אין ליכט פון מדינת־ישראל״. דעם 10טן אַפּריל איז מרדכי שטריגלער אַרויסגעטראָטן אין טעאַטער „אַסטראַל״ מיט זיין צווייטן רעפעראַט אד״ט: „מדינת־ישראל און די ייִדישע צעשפּרייטקייט״. דעם דריטן רעפעראַט אד״ט: „ייִדישע ווערטן״ האָט מרדכי שטריגלער געהאַלטן דעם 17טן אַפּריל אין קהילה־זאַל, און וועגן „די מוסר־באַוועגונג ביי ייִדן״ דעם 24סטן אַפּריל אין טעאַטער „אַסטראַל״. אויך זיין געזעגענונגס־אָוונט דעם 5טן מאַי אין טעאַטער „אַסטראַל״, איז מרדכי שטריגלער אַרויסגעטראָטן מיטן רעפעראַט „אונדזער וועג צו דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור״.

---

[*] יצחק באַשעוויס באַזוכט אַרגענטינע ווי דער גאַסט פון „די פרעסע״ און שרייבער־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג״, און אַרויסגעטראָטן אין טעאַטער „סאָלעיל״ מיטן רעפעראַט „צי קען דאָס ייִדישע פאָלק בלייבן דער עם־הספר״.

זונטיק דעם 11טן מאַי האָבן זיך אָנגעהויבן די קולטור־פּרימאָרגנס אין דער קהילה, מיט מאַרק סורקאָווס אַ רעפעראַט „רייכקייט און אָרעמקייט אין די ייִדישע ישובים פון דרום־אַמעריקע”, און „לשון און כתב” (שפּאַניש) פון מרדכי הערבסט. דעם 14טן מאַי איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט דער ישראל־רעזשיסאָר משה הלוי אד”ט: „תנ”ך און טעאַטער”. דעם 30סטן מאַי האָבן רעפערירט: י. ל. גרוזמאַן ע”ה וועגן „ייִדישע קולטור־פּראָבלעמען אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט”, און י. רעלגיס (שפּאַניש) — „די אייביקע ווערטן פון ייִדנטום”. דעם 6טן יוני האָבן גערעדט: משה שענדעריי וועגן „דער ייִדישער ישוב וואָס האָט געפורעמט די וועלט”, און שלום ראָזענבערג (שפּאַניש) — „דער תנ”ך אין גאַנג פון דורות”. דעם 13טן יוני — אַ קאָנצערט פון י. סטוטשעווסקיס שאַפונגען, אונטער דער לייטונג פון יאַשאַ גאַלפּערין. דעם 19טן יוני — אַ מאַרק וואַרשאַווסקי־פּרימאָרגן מיטן רעפעראַט „פון פּריפּעטשיק ביז ציון” פון ש. ראָזשאַנסקי, און געזאַנג פון רבקה קליניצקאַ, פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון לעאָן וויינער. דעם 22סטן מאַי איז אַרויסגעטראָטן דער באַרימטער ישראל־אַקטיאָר שמעון פינקעל (גאַסטראָלירט אין טעאַטער „סאָלעיל”, געשפּילט ייִדיש), אד”ט: „התיאטרון העברי בישראל”. דעם 25סטן יוני איז אַרויסגעטראָטן י. אַרטוסקי (געווען אין אַרגענטינע ווי דער שליח פון קאָאָרדינירער־קאָמיטעט פונעם „בונד”), מיטן פאָרטראַג „דאָס פּראָבלעם פון מיזוג־גלויות אין ישראל”. דעם 27סטן יוני האָט בערטאַ שענדעריי רעפערירט אין שפּאַניש וועגן „פאַרגעסענע שטעט אין דער ייִדישער געשיכטע”, און קלמן קאָנסטאַנטינער — „אַ שפּאַציר איבער תל־אביב”. דעם 11טן יולי איז אַרויסגעטראָטן שמעון פינקעל מיט אַ ייִדיש־העברעיִשן רעציטאַל. דעם 24סטן יוני — רעפעראַט פון ד”ר א. ראָזענפעלד: „חכמת החיים ביי ייִדן”.



דער אַריינגאַנג צו דער ביכער־אויסשטעלונג אין יאָר 1961.

דעם 18טן יולי — אַ קולטור־פרימאָרגן געווידמעט דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, מיטן אָנטייל פון ד״ר ש. קרעבס און פּראָפ׳ ד״ר משה ראַכמילעוויטש. דעם 22סטן יולי — רעפעראַט פון ד״ר א. ראָזענפעלד — „ישראל והמאורעות האחרונים במזרח הקרוב״. דעם 29סטן יולי — פאָרטראַג פון ד״ר רפאל מאהלער אד״ט: „די אידעיִשע ירושה פון חסידות״. דעם 1טן אויגוסט — רעפעראַט פון נחה שיין: „באַגעגעניש צווישן מיזרח און מערב אין ישראל״, מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט פון לייבעלע כיניטש. דעם 8טן אויגוסט האָט בנימין געבינער, סעקרעטאַר פון ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג גערעדט וועגן: „דער וועג און אויסזיכטן אין דער ייִדישער געמיינדע פון אַמעריקע״. דעם 15טן אויגוסט איז פאָרגעקומען אַ רעציטאַל־אָוונט פון מאַלווינאַ ראַפּעל, קאָנפערענסיע — זלמן הירשפעלד. דעם 17טן אויגוסט האָט חיים פינקעלשטיין געהאַלטן אַ רעפעראַט אד״ט: „דאָס ייִדישע לעבן אויף נייע וועגן״. און דער יוגנט־קאָנפערענציסט ד״ר בנימין פרידמאַן (שפּאַניש) — „דער פּאָליטישער מאָמענט אין די נביאות פון ישעיהו און ירמיהו״. דעם 28סטן אויגוסט איז אַרויסגעטראָטן ד״ר אַברהם יהושע העשל אד״ט: „דער קאָצקער רבי״.

צווישן דעם 3טן סעפּטעמבער און 2טן אָקטאָבער איז אָנגעגאַנגען דער „חודש פון ייִדישן בוך״. דעם 17טן אָקטאָבער — אַ רעפעראַט פון שימחה סנה: „איציק מאַנגערס שניידערישער תנ״ך״, מיט פאָרלעזונגען פון זלמן הירשפעלד. דעם 24סטן — אַ פאָרטראַג פון יצחק איסאַקסאָן — „דער תנ״ך און די העברעיִשע שפּראַך און זייער השפעה אויף די וועלט־לשונות״, מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט פון סימע קאַפּלאַן. דעם 31סטן אָקטאָבער טרעט אַרויס אַהרן האַלפּערין מיטן פאָרטראַג „פאַרנדיק איבער דער ייִדישער וועלט״, מיט אַ סצענישער אויפפירונג פון „אַרטעאַ״. דעם 21סטן נאָוועמבער — רעפעראַט פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו: „די פּסיכישע פיזיאָגנאָמיע פון דער ייִדישער פּערזענלעכקייט״ מיט דאָראַ ווינדלער און יעקב דענקער אין געזאַנג־רעציטאַציעס. דעם 28סטן נאָוועמבער — רעפעראַט פון קלמן קאָנסטאַנטינער: „די אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פונעם ישראל־טעאַטער״, מיט רעציטאַציעס פון דויד זאַבלודאָוסקי. דעם 8טן דעצעמבער — געזאַנג־קאָנצערט פון דער ישראלדיקער קינסטלערין רות מימון. דעם 5טן דעצעמבער — רעפעראַט פון ש. ראָזשאַנסקי: „פינף גליקלעכע עפּאָכעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור״, מיט געזאַנג פון רות מימון. דעם 9טן דעצעמבער טרעט אַרויס מרדכי סורקיס, אינטענדענט פון כפר־סבא, מיטן פאָרטראַג: „די פּאָליטישע און זיכערקייט־לאַגע אין ישראל״, מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט פון רות מימון.

דעם 14טן דעצעמבער — דער סיום פון קולטור־זמן 1958, מיטן אַרויסטריט פון אַברהם מיטלבערג, סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט, אלימלך גוטקין, ראש־הקהל. אַ רעפעראַט פון ד״ר משה מערקין אד״ט: „די דראַמע באָריס פּאַסטערנאַק — אַלגעמיינע און מענטשלעכע אַספּעקטן״, און אַ געזאַנג־קאָנצערט פון קהילה־כאָר „הזמיר״, אונטער דער לייטונג פון בערנאַרד פּייער.

צו דעם קולטור־זמן פון 1958 האָט זיך די קהילה פאַרזאָרגט מיט אַ גרויסן גאַסט, דעם באַרימטן ייִדישן דיכטער יעקב גלאַטשטיין. עס איז אויסגעפאַלן דאָס שלום־עליכם־יאָר, וואָס האָט זיך זייער שטאַרק אָנגעזען אין ייִדישן אַרגענטינע. שוין דעם 19טן יאַנואַר האָט דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט זיך מקדים געווען מיט אַ לייוויק־אַקאַדעמיע. אברהם מיטלבערג האָט געהאַלטן דאָס אַריינפיר־וואָרט. יעקב באָטאָשאַנסקי איז אַרויסגעטראָטן מיטן רעפעראַט „די הויפּט־יסודות פון ה. לייוויקס שאַפן״; א. זאַק האָט פאָרגעלייענט און רבקה קליניצקאַ, באַגלייט פון ל. זיינער, האָט געזונגען לייוויקס לידער.

דער קולטור־זמן האָט זיך דערעפנט מיט יעקב גלאַטשטיינס רעפעראַט „די ירושה פון שלום־עליכם״ (לכבוד דעם שלום־עליכם־יאָר) אין טעאַטער „אַסטראַל״, דעם 20סטן אַפּריל. נאָך דעם צווייטן רעפעראַט פון יעקב גלאַטשטיין, אד״ט: „מיטן פּנים צום צווייטן יאָרצענדלינג פון מדינת־ישראל״ אין גרויסן טעאַטער־זאַל, האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַקטישער קולטור־זמן אין דער קהילה מיט גלאַטשטיינס דריטן רעפעראַט: „ווער איז אַ ייִד?״. דעם 2טן מאַי און

דעם 8טן מאַי איז יעקב גלאַטשטיין אויפגעטראָטן מיט זיין לעצטן רעפעראַט: „די שליחות פון ייִדישן שרייבער היינט צו טאָג”. דעם 15טן מאַי איז פאָרגעקומען אַ העברעיִשער פרימאָרגן, מיטן פאָרטראַג פון ד״ר א. ראָזענפעלד: „לקראת העשור השני של מדינת־ישראל”, מיט דעקלאַמאַציעס פון ז. הירשפעלד. דעם 29סטן מאַי: ד״ר ב. איסאַיעוו (שפּאַניש) וועגן „פּסיכאָאַנאַליז פון שלום־עליכמס דראַמאַטישע ווערק”, און יוסף רויזען — „אהבת־ישראל ביי שלום־עליכם”, אַריינפיר־וואָרט פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד א. א. וועג. דעם 5טן יוני — ש. ראָזשאַנסקי וועגן „שלום־עליכמס געלעכטער און טרערן אין ייִדישן לעבן”, רעציטאַציעס — אסתרל פליישמאַן, אַריינפיר־וואָרט — פאַרוואַלטונג־מיטגליד מלך מאָרגנשטערן. דעם 11טן יוני — י. באַטאָשאַנסקיס פאָרטראַג: „דער מענטש וואָס האָט געלאַכט” (100 יאָר שלום־עליכם), מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון י. דענקער און ד. ווינדלער, און אַריינפיר פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד מאַניע יונגערמאַן. דעם 19טן יוני — ד״ר ב. פרידמאַן (שפּאַניש): „וועגן אַנטיסעמיטן און אַנטיסעמיטיזם אין אַלטערטום”, און מ. טורקאָוו: „די ייִדישע וועלט־פּאָליטיק אויף נייע וועגן”, אַריינפיר־וואָרט פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד ג. זשעלאַזני. דעם 26סטן יוני טרעט אַרויס ד״ר טוביה קאַמענשיין מיטן פאָרטראַג: „ישראל אין קאַמף און אויפבוי” (איינדרוקן פון אַ לעצטן באַזוך), מיטן אַריינפיר־וואָרט פון פאַרוואַלטונג־מיטגליד משה גאָראַדיטש. דעם 3טן יולי — ד״ר ל. ליאַטשאָ (שפּאַניש): „אַנאַלאָגיעס און אונטערשיידן צווישן גלות און ארץ־ישראל”, און ד״ר ל. זשיטניצקי: „פרויען־טיפּן ביי שלום־עליכם”, אַריינפיר־וואָרט — ז. הירשפעלד. דעם 8טן יולי — ד״ר ה. שאָשקעס אד״ט: „ישראל־פריינדשאַפט מיט די לענדער פון אַפריקע און אַזיע”, אַריינפיר־וואָרט — אלימלך גוטקין.

בעת דער דערעפענונג פון חודש פון ייִדישן בוך אין יאָר 1961.

דעם 10טן יולי איז פאָרגעקומען אַ העברעיִשער פרימאָרגן. ד״ר אַברהם מיבשן ז״ל האָט

גערעדט וועגן „ביובלה של תל־אביב״, און חיים קריינער — „בעיות החינוך״. דעם 17טן יולי — חיים פינקלשטיין אד״ט: „מיטן פנים צום יידישן קינד״. דעם 24סטן האָבן גערעדט פינחס קאָרפּ וועגן „ביאַליק, דער נאַציאָנאַלער דיכטער״, און מרדכי הערבסט (שפּאַניש): „ביאַליק, דער דיכטער און מענטש״. דעם 26סטן יולי איז אַרויסגעטראָטן דער קהילה־כאָר „הזמיר״ אונטער דער לייטונג פון ב. פייער, מיט אַן אריינפיר־וואָרט פון יעקב באָטאָשאַנסקי, געווידמעט הערצל־ביאַליק. דעם 31סטן יולי — אַ פּרק־פּרימאָרגן מיט אַ פאָרטראַג פון גרשון סאַפּאָזשניקאָוו אד״ט: „דער משוגענער בטלן״, און רעציטאַציעס פון זלמן הירשפעלד. דעם 5טן אויגוסט האָט משה שענדעריי גערעדט וועגן „דער מצב און די פּערספּעקטיוון פון די יידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע״. דעם 7טן אויגוסט — אינזש. א. א. פישער אד״ט: „שלום־עליכם — דער נס פון דער ניסימדיקער יידיש־ליטעראַטור״, מיט רעציטאַציעס פון יוסף מאָירער. דעם 14טן אויגוסט — חיים קלמר אד״ט: „תורת הנפש בספרי המקרא״. דעם 21סטן אויגוסט האָבן גערעדט: י. ל. גרוזמאַן וועגן „פון מאָזעסוויל ביז ירושלים״, און אינזש. כאַטע איסאַקסאָן (שפּאַניש): „דער אומקער צו אונדזערע קוואַלן״. דעם 28סטן אויגוסט — אַ רעפעראַט פון ד״ר משה מערקין: „שלום־עליכם און די האַלב־פאַרגעסענע שלום אַש און זלמן שניאור״, מיט געזאַנגנומערן פון סאַראַ גאַרבי. דעם 4טן סעפּטעמבער — שימחה סנה אד״ט: „דאָס בוך פון יידישער גבורה״, מיטן קינסטלערישן טייל פון אסתר ראַפּעל. דעם 10טן סעפּטעמבער האָט גערעדט מאַרק טורקאָוו וועגן „אייראָפּע צווישן מילחמה און שלום״. דעם 11טן סעפּטעמבער — ד״ר בנימין פרידמאַן וועגן „מיסטיקער און געלערנטע אין יידישן רענעסאַנס״, און י. איסאַקסאָן — „יידישע חכמה, הומאָר בכלל, הומאָר פון שלום־עליכם״.

דערעפענונג פון חודש פון יידישן בוך אין יאָר 1961. ימימה טשערנאָוויץ האַלט אַ לעקציע וועגן דער ליטעראַטור אין ישראל.

פון 30סטן סעפּטעמבער ביזן 2טן נאָוועמבער איז אָנגעגאַנגען דער „חודש פון יידישן בוך״.

דעם 13טן נאָוועמבער — אַ קאָנצערט פון מאָדערנער ייִדישער קאַמער־מוזיק, אויסגעפירט פון טריאָ קלאַצמאַן. דעם 20סטן — אַ העברעיִשער רעפעראַט פון משה שענדעריי אד״ט: „הכפר והעיר ביהדות ארגנטינה״, מיטן קינסטלערישן אויפטריט פון „מקהלת המכון ללמודי היהדות״. דעם 27סטן נאָוועמבער — אַ רעפעראַט פון א. מיטלבערג אד״ט: „טעאַטער אַלס קונסט־פּאַקטאָר״, און „שלום־בית״ פון י. ל. פּרץ, „מנחם־מענדל און שיינע־שיינדל״ פון שלום־עליכם, אויפגעפירט פון דויד טשעכאָווסקי מיט פריידל לאַנדאַן, נפתלי לעוו און רבקה רינעק. דעם 6טן דעצעמבער איז פאָרגעקומען דער סיום פון קולטור־זמן מיט אַ רעפעראַט פון שמואל ראָזשאַנסקי: „דאָס ייִדישע בוענאָס־איירעס מיט 35 יאָר צוריק און היינט״, מיטן אויפטריט פון קהילה־כאָר „הזמיר״.

דער קולטור־זמן פון 1960 איז אויסגעפאַלן צום 100סטן געבורטסיאָר פון ד״ר הערצל. הגם דער גרויסער קולטור־גאַסט פון דער קהילה חיים גראַדע איז געקומען ערשט ביים „חודש פון ייִדישן בוך״, האָט דאָס מזל צוגעשפּילט מיט אַ שרייבערישן גאַסט ווי יהודה עלבערג (געקומען אַהער אין פאַרבינדונג מיטן קולטור־קאָנגרעס) און אַנדערע וואָס האָבן געווײלט ביי אונדז אין לאַנד און אַרויסגעטראָטן אויף דער קהילה־טריבונע. דער קולטור־זמן האָט זיך דערעפנט דעם 13טן מאַי מיטן אָנטייל פון ראש־הקהל אלימלך גוטקין, סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט אַברהם מיטלבערג, אַ הערצל־רעפעראַט פון משה שענדעריי און אַן אויפטריט פון „הזמיר״־כאָר אונטער דער לייטונג פון ב. פּייער. דעם 20סטן מאַי — ד״ר ג. לערנער (שפּאַניש) וועגן „150 יאָר פון דער מאַי־רעוואָלוציע״, מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט פון ב. גראַבאָווסקי. דעם 3טן יוני — ב. דובדבני אד״ט: „וואָס דערוואַרט די וועלט פון ישראל?״. דעם 10טן און דעם 17טן יוני — רעפעראַטן פון חיים שאָשקעס: „וועגן ייִדן און ייִדישקייט אין ראַטנפאַרבאַנד״, און „מיט אַן אויטאָמאָביל איבער פּוילישע שטעטלעך״. דעם 21סטן יוני — קאָנצערט פון בען באָנוס און מינאַ בערן (גאַסטראָלירט אין בוענאָס־איירעס). דעם 24סטן יוני — ג. סאַפּאָזשניקאָוס רעפעראַט אד״ט: „י. ל. פּרץ — דער דיכטער פון דער ייִדישער פאָלקס־נשמה״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון ז. הירשפעלד.

דעם 1טן יולי — אַ העברעיִשער פרימאָרגן מיט ד״ר הר־אבן וועגן „הרצל, מאה שנים להולדתו״, און מ. לביא: „החברה הלאומית מימי האמנציפציה״. דעם 18טן יולי — אַ רעפעראַט פון ס. נוטקעוויטש (שליח פון בונדישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט) וועגן „באָריס פּאַסטערנאַק — זיין לעבן, שאַפן און ירושה״. דעם 21סטן יולי — יעקב באָטאָשאַנסקי אד״ט: „ווין און ירושלים״ (הערצל, דער קינסטלער און וויזיאָנער), מיט געזאַנג פון „הזמיר״־כאָר אונטער דער לייטונג פון ב. פּייער. דעם 22סטן יולי (געווידמעט דער יוגנט) — ד״ר יצחק גאָלדענבערג (שפּאַניש) אד״ט: „דאָס אָרט פון הערצלען אין דער ייִדישער געשיכטע״, געזאַנג־קאָנצערט — נאָרמאַ לערער, מיט פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון יאַשאַ גאַלפּערין.

דעם 29סטן יולי און דעם 3טן און 5טן אויגוסט — דריי לעקציעס פון יהודה עלבערג אד״ט: „ייִדישע עטיק און קיום פון פאָלק״, „תורה שבעל־פּה״, און „פּסיכאָלאָגיע און ייִדישע און קריסטלעכע עטיק״. דעם 10טן אויגוסט — הרב פרידמאַן מיטן רעפעראַט: „די נבואישע געשטאַלט אַמאָל און היינט״. דעם 11טן אויגוסט — ד״ר בר־ניר אד״ט: „דער צווייטער דור אין ישראל״. דעם 12טן אויגוסט — געזאַנג־קאָנצערט פון ייִדיש־אַמעריקאַנישן זינגער שמאי שטערנבערג. דעם 19טן אויגוסט — אַ פאָרטראַג פון הרב יעקב פינק: „ישראל בעל־שם־טוב״ (200 יאָר נאָך זיין פּטירה). דעם 9טן סעפּטעמבער, אין טעאַטער „בוענאָס־איירעס״ — רעפעראַט פון משה רון: „ישראל היינט צו טאָג״, מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון יעקב באָטאָשאַנסקי אד״ט: „די פילשפּראַכיקע פּרעסע אין ישראל״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון זלמן הירשפעלד.

פון דעם 15טן סעפּטעמבער ביזן 17טן אָקטאָבער — דער „חודש פון ייִדישן בוך״. דעם 21סטן אָקטאָבער — פאָרטראַג פון ד״ר משה ווײלער אד״ט: „דער אמת וועגן ייִדן אין אַפריקע״. דעם 11טן נאָוועמבער — קאָנצערט פון ייִדישער קאַמער־מוזיק אונטער דער לייטונג פון פּראָפ׳ ל. קלאַצמאַן. דעם 18טן נאָוועמבער — יצחק איסאַקסאָן אד״ט: „הלשון העברית והשפעתה על

לשונות העמים״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון זלמן הירשפעלד. דעם 24סטן נאָוועמבער — דער סיום פון קולטור־זמן, געווידמעט דעם יידישן פאָלקס־ליד, מיטן רעפעראַט: „אונדזער פאָלקס־ליד״ פון ד״ר ל. זשיטניצקי און קינסטלערישן אָנטייל פון „הזמיר״־כאָר אונטער דער לייטונג פון ב. פייער. דעם 15טן דעצעמבער — א חנוכה־אָוונט מיט אַ פּאָרטראַג פון מ. שענדעריי, מיטן אָנטייל פון אהרן גוטמאַן און געזאַנג־קאָנצערט פון „הזמיר״־כאָר.

דער קולטור־זמן פון 1961 האָט זיך אָנגעהויבן מיטן קולטור־גאַסט ד״ר שלמה ביקל, א ליטעראַטור־קריטיקער און עסייסט.

דעם 2טן מאַרץ האָט דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט דורכגעפירט א פּורים־פייערונג אין קהילה־זאַל, אָנגעפירט פון מאַניע יונגערמאַן, מיט א פּאָרטראַג פון משה שענדעריי. זלמן הירשפעלד איז ארויסגעטראָטן מיט מגילה־פאָרלעזונגען און רעציטאַציעס, און עס האָבן אָנטייל גענומען דער חזן אברהם ראָזענמאַכער.

דער באַרימטער זינגער סידאָר בעלאַרסקי אויף דער דערעפענונג פון חודש פון יידישן בוך אין יאָר 1961.

דעם 15טן מאַרץ איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט ד״ר טוביה קאַמענשטיין אד״ס: „יידן און יידישע פּראָבלעמען אויף דער וועלט״. דעם 23סטן מאַרץ איז אָנגעקומען דער קולטור־גאַסט ד״ר שלמה ביקל.

מאָנטיק דעם 27סטן מאַרץ איז אין טעאַטער „אַסטראַל״ דערעפנט געוואָרן דער קולטור־זמן פון 1961 אונטער דער פאָרזיץ פון סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט משה האַניק, באַגריסונג־וואָרט פון ראש־הקהל ד״ר טוביה קאַמענשטיין, א געזאַנג־קאָנצערט פון „הזמיר״־כאָר אונטער דער אָנפירונג פון בערנאַרד פייער. ד״ר שלמה ביקל איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין ערשטן רעפעראַט: „דער מלך, דער פילאָסאָף, דער קינסטלער״ (דער ריזשינער, דער קאָצקער, דער בראַסלאַווער). דעם 28סטן מאַרץ איז אַרויסגעטראָטן מיט א פּאָרטראַג דער רעזשיסאָר יוסף

שיין אין קהילה־זאַל. מאָנטיק דעם 3טן אַפריל איז דער קולטור־גאַסט ד״ר שלמה ביקל אַרויסגעטראָגן אין קהילה־זאַל מיט אַ פאָרטראַג אד״ט: „ארץ־ישראל, חוץ־לארץ און גלות״. אָנגעפירט מיטן אָוונט האָט דער מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט אברהם מיטלבערג. זונטיק דעם 9טן אַפּריל איז ד״ר שלמה ביקל אַרויסגעטראָטן אין קהילה־זאַל מיט זיין דריטן רעפעראַט: „נקמה, ליבע, פחד״ (יידישע געשטאַלטן אין דער וועלט־ליטעראַטור). דעם 10טן מאַי געזעגנט זיך דער קולט:ר־גאַסט ד״ר שלמה ביקל.

דעם 29סטן מאַי האָט זיך אָנגעהויבן דער תנ״ך־שיעור פון יוסף רויזען אַלע דינסטיק און דאָנערשטיק אין קהילה־בנין. דאָנערשטיק דעם 18טן יוני האָבן זיך דערעפנט די קורסן פון יידישער געשיכטע אויף שפּאַניש פאַר דער יוגנט, וואָס דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט צוזאַמען מיטן יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָבן אָרגאַניזירט, אויסגעשטעלט אויף צוויי יאָר, מיט דער ערשטער לעקציע פון ד״ר ל. דוכאָוונע: „אַריינפיר אין דער יידישער געשיכטע״, מיט אַריינפירווערטער פון ראש־הקהל ד״ר טוביה קאָמענשיין און פונעם דירעקטאָר פון יוגנט־דעפּאַרטאַמענט פּראָפ׳ ל. שאַלמאַן.

דינסטיק, דעם 6טן יוני האָט דער סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט משה האַניק, פאַררופן אויף אַ באַראַטונג די קולטור־טוער פון די געגנטן אין שייכות מיט די זונטיק־קורסן און זייער בעסערער און צוועקמעסיקער אָרגאַניזירונג.

דעם 28סטן מאַי הויבן זיך אָן די זונטיק־קורסן אין דער קהילה, מיטן פאָרטראַג פון משה שענדעריי: „די קולטור־אַקס ניו־יאָרק—ירושלים״. אין די געגנטן טרעטן אַרויס: י. באָטאָשאַנסקי אד״ט: „די גמרא זאָגט״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון קליניצקאַ־ווינער; שמואל ראָזשאַנסקי אד״ט: „די העלדישע פרווי ביי דויד פינסקי״, מיט דער קינסטלערישער מיטווירקונג פון ל. טיערער; מרדכי בערנשטיין מיטן פאָרטראַג: „אליהו הנביאס געשטאַלט אין יידישן פאָלקסלעבן״, מיט געזאַנג־נומערן פון חיים לעווין; דויד אייזן אד״ט: „יידישע דערציִונג אַלס יסוד פון קיום האומה״, מיט רעציטאַציעס פון דויד זאַבלודאָווסקי.

דעם 4טן יוני — די פייערלעכע דערעפענונג פון די תנ״ך־לעקציעס און „שיר של יום בישראל״ מיט אַ פאָרטראַג פון הרב פינק, אַריינפיר צום תנ״ך פון יוסף רויזען, אָנפירונג פון קולטור־פרימאָרגן — ישראל גרינבוים, פאַרוואַלטונג־מיטגליד. אין די געגנטן — דב קאָברינסקי אד״ט: „עלטערן און קינדער״, מיטן קינסטלערישן אויפטריט פון יוסף מאָורער; צבי בראָנשטיין וועגן „חינוך ביי יידן אַמאָל און היינט״, מיט אַ קינסטלערישער פראָגראַם — דענקער־ווינדלער; מרדכי בערנשטיין וועגן „אליהו הנביאס געשטאַלט״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון זלמן הירשפעלד; מרדכי הערבסט אד״ט: „פון פסח ביז שבועות״, מיט געזאַנג פון מאַקס פורמאַנסקי.

דעם 11טן יוני דער פאָרטראַג פון יוסף שיין „טעאַטער אין ישראל״; אין די געגנטן: ד״ר ל. זשיטניצקי וועגן „יידישער ווידערשטאַנד אין דורות פון דער געשיכטע״; יעקב באָטאָשאַנסקי אד״ט: „די גמרא זאָגט״ (אַ פּאָפּולערע דערקלערונג וועגן תלמוד); מרדכי בערנשטיין — „דער טויזנט־יאָריקער פאַרמעסט צווישן ספרד און אַשכנז״; רעציטאַציעס: אסתרל פליישמאַן.

זונטיק דעם 18טן יוני טרעט אַרויס אין קהילה־זאַל יעקב זרובבל וועגן „ישראל — מדינה און פאָלק״ און אין די געגנטן: משה שענדעריי וועגן „אונדזער אָרט אין אַלוועלטלעכן יידנטום״, געזאַנג חיים לעווין; שלום ראָזענבערג אד״ט: „זוכנדיק די עשרת השבטים״ (פון שומרון און יהודה ביז די יידישע אינדיאַנער), מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון דענקער־ווינדלער; פאַליק לערנער אד״ט: „פנים אל פנים מיט ישראל״, מיט דער קינסטלערישער מיטווירקונג פון זשעני פאַסטערנאַק.

זונטיק דעם 25סטן יוני איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט פּראָפ׳ ארטור לערמער אד״ט „פעסימיזם און אָפּטימיזם אין יידישן לעבן״, מיט אַ דערעפענונגס־וואָרט פון מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט חנא גאַרבער; אין די געגנטן: יעקב באָטאָשאַנסקי — „די גמרא זאָגט״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון קליניצקאַ־ווינער; מרדכי הערבסט — „די תורה און לימוד־התורה״,

מיטן אַנטייל פון דענקער־ווינדלער; פּינחס קאַרפּ — „וווהין גייט דער יידישער ישוב אין אַרגענטינע?״, מיט געזאַנג פון חיים לעווין; דויד איזען — „חינוך ביי יידן אַמאָל און היינט״, שלום ראָזענבערג — „זוכנדיק די עשרת השבטים״, מיט דעם קינסטלערישן אַנטייל פון די ברידער האַלפּערין; שמואל ראָזשאַנסקי — „די העלדישע פרוי ביי דויד פּינסקי״, מיטן קינסטלערישן אַנטייל פון זלמן הירשפעלד ־ אסתר ראַפּעל.

זונטיק דעם 2טן יולי איז אויפגעטראָטן אין קהילה־זאַל יצחק יאַנאַסאָוויטש מיטן פאָרטראָג „חורבן און גאולה־מאָטיוון ביי פּרצן״, מיט אַן אריינפיר־וואָרט פון חנא גאַרבער — מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט; אין די געגנטן: זלמן וואַסערצוג — „מדינת ישראל אין איר בר־מיצווה־יאָר״, מיט געזאַנג פון זשעני פּאַסטערנאַק; משה שענדעריי — „פיר מתנות דער וועלט״, מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון דענקער־ווינדלער; אריה סאַפּראַן — “Viñetas, de Israel” מיט געזאַנג פון חיים לעווין.

אַמב׳ יוסף אַבידר האַלט אַ פאָרטראָג אויף אַן אימפּרעזע אין די ראַמען פון חודש פון יידישן בוך.

זונטיק דעם 9טן יולי אין קהילה־זאַל: יעקב באָטאָשאַנסקי מיט אַ פאָרטראָג „הערצל־ביאַליק״, מיט דער קינסטלערישער מיטווירקונג פון אסתר ראַפּעל; און אין די געגנטן: משה שענדעריי מיטן פאָרטראָג „משיחים און משיחיזם״, מיטן קינסטלערישן אַנטייל פון יוסף מאָורער.

זונטיק דעם 15טן יולי אין קהילה־זאַל: אַ וואָרט־קאָנצערט פון נתן קלינגער; אין די געגנטן: י. איסאַקסאָן וועגן „הערצל דער חוזה פון ווין״, מיטן אַנטייל פון די ברידער האַלפּערין: ש. וואסערמאַן וועגן „ביאַליק דעם ווולקאַן פון דער העברעישער פּאָעזיע״, מיט רעציטאַציעס פון אסתרל פליישמאַן; פּינחס קאַרפּ אד״ט: „ביאַליק אין ליכט פון דער היינטיקער צייט״, מיטן אַנטייל פון קליניצקאַ־ווײַנער; יעקב באָטאָשאַנסקי וועגן „הערצל־ביאַליק״, מיט דער קינסטלע־

רישער מיטווירקונג פון זשעני פאַסטערנאַק; ש. ראָזענבערג אד״ט: „זוכנדיק די עשרת השבטים״, מיטן אויפטריט פון מ. בערלינער.

זונטיק דעם 23סטן יולי: יוסף רויזען וועגן „תשעה באָב — חורבן און גאולה״, מיט דער מיטווירקונג פון זלמן הירשפעלד און אַריינפיר־וואָרט פון ישראל גרינבוים.

זונטיק דעם 30סטן יולי: אין קהילה־זאַל שמואל ראָזשאַנסקי אד״ט „די העלדישע פרוי ביי דויד פּינסקי״, מיט דער אָנפירונג פון חנא גאַרבער; אין די געגנטן: היים פינקלשטיין וועגן „וויזיאָנערן פון נאַציאָנאַלן און גייסטיקן רענעסאַנס״ (הערצל־ביאַליק), מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון יוסף מאַורער; פאַליק לערנער אד״ט „פנים אל פנים מיט ישראל״, מיט געזאַנג פון חיים לעווין; יוסף בורשטיין וועגן „נביאים און געשטאַלטן״, מיט געזאַנג פון יצחק יאַקובאָוויטש.

פאַרקויף פון יידישע דיסקאָס (פּלאַטן) אויף דער אויסשטעלונג פון יידישן בוך.

זונטיק דעם 6טן אויגוסט אין קהילה־זאַל: דער פאָרטראָג פון אברהם פעסקין אד״ט „די טעזע פון בן־גוריון וועגן יציאת־מצרים״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון „נאַציאָנאַלן פאָלקס־טעאַטער״ מיט דער אָנפירונג פון ישראל קאַרפעס, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט; אין די געגנטן: יוסף רויזען אד״ט „דער עטישער אימפּעראַטיוו פון תלמוד״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון יוסף מאַורער; זלמן וואַסערצוג וועגן „מדינת ישראל אין איר בר־מיצווה־יאָר״, מיטן קינסטלערישן אויפטריט פון דענקער־ווינדלער; מ. בערנשטיין וועגן „אליהו הנביא־געשטאַלט אין יידישן פאָלקסלעבן״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון קליניצקאַ־ווײַנער; יעקב באָטאָשאַנסקי אד״ט „די גמרא זאָגט״, מיטן אויפטריט פון מ. בערלינער.

זונטיק דעם 13טן אויגוסט אין קהילה־זאַל: אַ פאָרטראָג פון מרדכי בערנשטיין אד״ט „יידיש — די גייסטיקע בריק פון אַ טויזנט־יאָריקער תקופה״, מיטן אויפטריט פון קליניצקאַ־

וויינער און אָנפירונג פון חנא גאַרבער; אין די געגנטן: י. באָטאָשאַנסקי אד״ט „די גמרא זאָגט״, מיטן אויפטריט פון „הזמיר״־כאָר; פינחס קאָרפ אד״ט „ווהין גייט אונדזער ישוב״, מיטן אָנטייל פון אסתרל פליישמאַן.

זונטיק דעם 20סטן אויגוסט אין קהילה־זאַל: י. איסאַקסאָן וועגן „יהדות — קולטור און ארומיקע וועלט״, מיטן קינסטלערישן אויפטריט פון יוסף מאַורער און אָנפירונג פון ישראל גרינבוים; אין די געגנטן: אויפטריט פון „הזמיר״־כאָר; יוסף בורשטיין אד״ט „נביאים אין געשטאַלטן״, מיטן אויפטריט פון זלמן הירשפעלד; י. באָטאָשאַנסקי „די גמרא זאָגט״, מיטן אויפטריט פון ד. זאַבלודאָווסקי.

חודש פון יידישן בוך, יאָר 1961. יוגנטלעכע קויפן ביכער און כפרים.

צווישן דעם 5טן סעפטעמבער און 8טן אָקטאָבער איז צושטאַנד געקומען דער ביכער־חודש מיטן קולטור־פראָגראַם אין קהילה־זאַל, אָבער דער קולטור־זמן און די זונטיק־קורסן אין די געגנטן זיינען אָנגעגאַנגען.

זונטיק דעם 3טן סעפטעמבער זיינען אין די געגנטן ארויסגעטראָטן: אברהם פעסקין „וועגן ציוניזם אויפן שיידוועג״; שמואל ראָזשאַנסקי וועגן „קאָלאָניסטן אין דער יידישער ליטעראַטור״, מיטן אויפטריט פון מאַקס בערלינער; יעקב באָטאָשאַנסקי — „די גמרא זאָגט״, פאָרזעצונג פון ערשטן רעפעראַט, מיטן אויפטריט פון זשעני פאַסטערנאַק; שניאור וואַסערמאַן וועגן „ביאַליק און זיינע שאַפונגען״, מיט געזאַנג פון חיים לעווין; אברהם פלאָטקין אד״ט „דער בייטראָג פון יידנטום צו דער קאָלאָניזאַציע״.

זונטיק דעם 17טן סעפטעמבער, משה שענדעריי וועגן „ערנסטע און פריידיקע טעג״, מיטן

אָנטייל פון זשעני פאַסטערנאַק; י. באָטאָשאַנסקי „די גמרא זאָגט" (פאָרזעצונג), מיטן אויפטריט פון יוסף מאַורער.

זונטיק דעם 15טן אָקטאָבער, נאָכן סיום פון ביכער־חודש, גייט אָן דער קולטור־זמן אין קהילה־זאַל מיטן אויפטריט פון בצלאל שערמאַן אין זיין רעפּעראַט „אַלט און ניי אין יידישן לעבן", מיט דער אָנפירונג פון חנא גאַרבער; אין די געגנטן: שלום ראָזענבערג אד"ט „זוכנדיק די עשרת השבטים", מיטן אויפטריט פון אסתר פליישמאַן; משה שענדעריי וועגן „אונדזער אָרט אין אַלוועלטלעכן יידנטום".

זונטיק דעם 22סטן אָקטאָבער טרעט אַרויס בצלאל שערמאַן וועגן „מדינת־ישראל אין דער היינטיקער ווירקלעכקייט", מיטן קינסטלערישן אויפטריט פון „נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־טעאַטער" און אַנפירונג פון ישראל קאַרפעס, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט; אין די געגנטן:

בצלאל שערמאַן האַלט אַ לעקציע אויפן שלוס פון חודש פון יידישן בוך אין יאָר 1961.

שלום ראָזענבערג אד"ט „דער תנ"ך — אַ בוך, אַ זייגער און אַ מאַפּע", מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון זלמן הירשפעלד; משה שענדעריי וועגן „אונדזער אָרט אין אַלוועלטלעכן יידנטום", מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון זשעני פאַסטערנאַק; יעקב באָטאָשאַנסקי אד"ט „די גמרא זאָגט", מיטן אָנטייל פון דענקער־ווינדלער; יצחק איסאַקסאָן וועגן „הומאָר בכלל, הומאָר ביי יידן און דער הומאָר ביי שלום־עליכם", מיטן אָנטייל פון יוסף מאַורער.

זונטיק דעם 29סטן אָקטאָבער איז אין קהילה־זאַל אַרויסגעטראָטן יצחק רימון וועגן „קיבוץ גלויות און מיזוג גלויות אין מדינת־ישראל", מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון זלמן הירשפעלד און אָנפירונג פון פּראָ־קאַסיר דוויד קולאַקאָווסקי; אין די געגנטן: חיים פינקלשטיין וועגן „פּראָבלעמען פון דער היינטצייטיקער ליטעראַטור", מיטן אויפטריט פון דענקער־ווינדלער; משה

שענדעריי וועגן „אונדזער אָרט אין אַלוועלטלעכן ייִדנטום". מיטן אויפטריט פון קליניצקאַ־וויינער; און אַ געגנט־אויפטריט פון קהילה־כאָר „הזמיר".

מאָנטיק דעם 30סטן אָקטאָבער טרעט אַרויס בצלאל שערמאַן אין קהילה מיט אַ פאָרטראָג וועגן „ייִדן און קאָמוניזם". מיט דער אָנפירונג פון קאַסיר אשר גראָקאָף. און עס קומט פאָר־זיין לעקציע־ציקל: דינסטיק דעם 31סטן אד"ט „דער אינעווייניקסטער שמעלצטאָפּ פון דעם אַמעריקאַנישן ייִדישן קיבוץ"; דאָנערשטיק דעם 2טן נאָוועמבער — „דאָס גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע פנים פון דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום"; שבת דעם 4טן נאָוועמבער — „דער ייִד און זיין שכן".

חנוכה־פייערונג פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה אין זאַל „אַפּראַ", יאָר 1961.
בערנאַרד פייער דיריגירט מיטן כאָר און אָרקעסטער.

זונטיק דעם 5טן נאָוועמבער אין טעאַטער „נאַציאָנאַל" אַ פייערונג פון 75־יאָריקן יובילײ פון מנהיג הדור דוד בן־גוריון מיט דער באַטייליקונג פון בצלאל שערמאַן. קינסטלערישן אָנטייל פון קוואַרטעט „כינור" אונטער דער אָנפירונג פון יאַשאַ גאַלפּערין, מיט דער אויפפירונג פון ש. איזבאַנס איינאַקטער „קאָנקורענטן", דורך דעם „נאַציאָנאַל־ייִדישן פאָלקס־טעאַטער". און אָנפירונג פון ראש־הקהל ד"ר טוביה קאַמענשטיין; און אין די געגנטן: יוסף רויזען אד"ט „די־וויזיע פון אונדזערע נביאים"; און משה שענדעריי וועגן „רונד־קרייזן אין דער ייִדישער געשיכטע".

זונטיק דעם 12טן נאָוועמבער אין קהילה־זאַל: אַ קאָנצערט פון ייִדישער קאַמער־מוזיק, אונטער דער לייטונג און אַריינפיר־וואָרט פון לייזער קלאַצמאַן. אין די געגנטן: משה שענדעריי וועגן „פיר מתנות דער וועלט".

דאָנערשטיק דעם 23סטן נאָוועמבער איז אַרויסגעטראָטן אין קהילה־זאַל הערש מענדל שטאָקפיש אד״ט „מדינת־ישראל אין אָנבליק פון וועלט־קריזיס״, מיט רעציטאַציעס פון אסתרל פליישמאַן, אונטער דער אָנפירונג פון פאַרוואַלטונגס־מיטגליד שלמה ציטרין.

דעם 30סטן נאָוועמבער האָט יצחק רימון געהאַלטן אַ פאָרטראָג: „דער אייכמאַן־פּראָצעס אין די אויגן פון אַ ישראל־קאָרעספּאָנדענט״, מיט דער קינסטלערישער מיטווירקונג פון ב. גראַבאָווסקי ־ לערער, און אָנפירונג פון משה האָניק — סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

זונטיק דעם 2טן דעצעמבער — אַ גרויסע חנוכה־פייערונג אין טעאַטער „אָפּעראַ״, מיט דערעפענונג־וואָרט פון ראש־הקהל ד״ר טוביה קאַמענשיין; פאָרטראָג פון ישראל־אַמבאַסאַדאָר געג׳ יוסף אבידר; אויפטריט פון „הזמיר״־כאָר און אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון בערנאַרד פייער; עליזה קאשי מיט חנוכה־לידער, אָנפירונג מיט דער פייערונג מאַניע יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

צום שלוס פון קולטור־זמן איז דער „הזמיר״־כאָר אַרויסגעטראָטן מיט אַ קאָנצערט אין „בני־ברית״; אויף אַ מסיבה לכבוד דעם קהילה־כאָר צום אָפּשלוס פון זיינע דריי יאָר טעטיקייט איז אַרויסגעטראָטן מיטן אַן אָפּשאַצונגס־וואָרט דער סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט, משה האָניק.

די ערשטע סימנים פון קולטור־זמן 1962 האָבן זיך באַוויזן שוין דעם 28סטן פעברואַר, ווען דער קהילה־כאָר „הזמיר״ האָט אָנגעהויבן די פּראָבן און צוגרייטונגען. אין דער צווייטער העלפט פון חודש מאַרץ, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן נאָטיצן און אַרטיקלען אין די היגע ייִדישע אויסגאַבן, ווי די באַגינען־קלעפּ פון הילצערנעם האַמער אין די לאָדנס פון אַמאָליקן שטעטל: — צייט אויפצושטיין צו עבודת הבורא.

דעם 8טן אַפּריל איז אין „טעאַטער בוענאָס איירעס״ פייערלעך דערעפנט געוואָרן דער קולטור־זמן מיטן היימישן גאַסט יצחק הרכבי (איצט ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אורוגוויי), וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיטן פאָרטראַג: „ארץ־ישראל און גלות — צווישן סטאַגנאַציע און באַנייטער יצירה״; סאַראַ גאָרבי מיט אַ געקליבענעם פּראָגראַם פון ייִדישע און העברעיִשע לידער; דער „הזמיר״־כאָר אונטער דער לייטונג פון בערנאַרד פייער מיט אַ נייעם רעפּערטואַר, מיט פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון רחל פייער און קאָמענטאַרן פון פּר׳ ראָק. אָנגעפירט מיטן אָוונט, האָט דער סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט משה האָניק און דער ראש־הקהל, ד״ר טוביה קאַמענשיין האָט געהאַלטן דאָס אַריינפיר־וואָרט. עס איז געקומען אַ טויזנט־קעפּיקער עולם.

דעם 10טן אַפּריל האָט דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט פאַרופן אַ פאַרזאַמלונג פון געגנט־עסקנים וועגן דער בעסערער אָרגאַניזאַציע פון די זונטיק־קורסן; דעם 23סטן איז די דאָזיקע באַראַטונג פאָרגעזעצט געוואָרן. עס זענען אָנגענומען געוואָרן אַ גאַנצע רייע פּראַקטישע ענדערונגען און עס איז דורכגעפירט געוואָרן אין די זעלבע טעג אַ באַראַטונג פון לעקטאָרן אין דער היים פון סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט, משה האָניק.

מיטוואָך, דעם 2טן מאַי, זענען באַנייט געוואָרן די קורסן פון ייִדישער געשיכטע (אויף שפּאַניש) פאַר דער יוגנט, אָרגאַניזירט צוזאַמען מיטן יוגנט־דעפּאַרטאַמענט. די דערעפענונגס־לעקציע מיט אַן אַריינפיר צום שטודיום פון דער ייִדישער געשיכטע פון מיטלאַלטער האָט געהאַלטן דער קולטור־אַטאַשע פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע, אריה שובל. די לעקציעס מיט פאַרשידענע לעקטאָרן זענען געפירט געוואָרן אַלע מיטוואָך.

זונטיק, דעם 15טן אַפּריל איז אַרויסגעטראָטן אין קהילה־זאַל דער באַקאַנטער ישראל־דיכטער אריה שמרי — גאַסט פון דער אַרגענטינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — מיט אַ פאָרטראַג, אד״ט „ניגון און געשטאַלטן פון איציק מאַנגערס פּאָעזיע״; דער נאַציאָנאַלער ייִדישער קונסט־טעאַטער האָט אויפגעפירט „נחת פון קינדער״ פון י. ל. פּרץ, מיטן אָנטייל פון נפתלי לעוו, פריידל לאָנדאָן, פייגעלע ליבערמאַן און א. שערעשעווסקי. אָנגעפירט מיט דער קולטור־אימפּרעזע האָט אלימלך גוטקין, פּרעזידענט פון דער אַרגענטינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די זונטיק־קורסן אין די געגנטן פון קולטור־זמן 1962, האָבן זיך אָנגעהויבן זונטיק דעם 15טן אַפּריל. שמואל ראָזשאַנסקי איז אַרויסגעטראָטן אין בית־עם אין שול ח. נ. ביאַליק פון דעוואָטאָ, אד״ט „די ערשטע גרויסע יידישע קאָמעדיע מיט 100 יאָר צוריק״ (סערקעלע פון שלמה עטינגער, אין 1862), מיטן קינסטלערישן אויפטריט פון קליניצקא־ווינער.

זונטיק, דעם 22סטן אַפּריל — אַ פרימאָרגן מיט אַ פסח־פּראָגראַם, אַ פאָרטראַג פון יעקב באָטאָשאַנסקי, דער „הזמיר״־כאָר, אונטער דער לייטונג פון בערנאַרד פייער אין דער קינדער־כאָר פון שול „מדינת־ישראל״ אונטער דער אָנפירונג פון רחל פייער, מיט פסח־לידער. פאָרזיץ פון דער אימפּרעזע — מאַניע יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אורוגוויי, יצחק הרכבי, האַלט אַ לעקציע ביי דער דערעפענונג פון קולטור־זמן אין יאָר 1962.

זונטיק דעם 6טן מאַי, אין קהילה־זאַל, אַ „בוקר עברי״, אָרגאַניזירט פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט, צוזאַמען מיט דער „הסתדרות עברית בארגנטינה״ מיט אַ פאָרטראַג פון אריה שמרי אד״ט „ארץ ישראל אין שפּיגל פון דער העברעישער ליטעראַטור״, מיט אַ וואָרט פון דעם ראש־הקהל, ד״ר טוביה קאַמענשיין; קינסטלערישער אויפטריט פון ברוך גראַבאָווסקי; אָנפירונג פון פרימאָרגן — צבי בראָנשטיין, פאָרזיצער פון הסתדרות עברית.

זונטיק דעם 6טן מאַי, 18.30 אַזייגער איז אַרויסגעטראָטן אין בית־עם „מדינת ישראל״ (פלאָרעסטאַ) אריה שמרי אד״ט „דער פלמחישער דור אין ליד און פּראָזע״. מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון קליניצקא־ווינער און ווערטער פון סעקרעטאַר און מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט משה האָניק און אברהם מיטלבערג; אין דער הרצליה־שול (פּאַטערנאַל) איז 18 אַז. אַרויסגעטראָטן יוסף רויזען אד״ט „עקיבא און די העלדן־עפּאָפּיי פון ל״ג בעומר״. מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון נאַציאָנאַלן יידישן קונסט־טעאַטער אין „נחת פון קינדער״ אין

אָנפירונג פון חנאָ גאַרבער, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט. אין רינגעלבלום־צענטער (וויזשאַ קרעספּאָ) איז 10 אַז. אַרויסגעטראָטן שלום ראָזנבערג אד״ט „באַפרייאונגס־מלחמה אין דער ייִדישער געשיכטע״, מיטן קינסטלערישן אויפטריט פון אסתר פליישמאַן און אָנפירונג פון שלמה ציטרין, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

דאָנערשטיק דעם 10טן מאַי זענען דערעפנט געוואָרן די תנ״ך־קורסן פון יוסף רויזען, וואָס ווערן אָנגעפירט יעדן דינסטיק און דאָנערשטיק; פאָרזיצער פונעם אָוונט — חנא גאַרבער, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

זונטיק דעם 20סטן מאַי, אין קהילה־זאַל, מאַרק טורקאָוו אד״ט „פּראָבלעמען פון ייִדישן לעבן אין לאַטיין־אַמעריקע״; געזאַנגס־קאָנצערט פון נאָרמאַ לערער; אָנפירונג מיטן פרימאָרגן — משה האָניק.

אין „רינגלבלום־צענטער״, וויזשאַ קרעספּאָ: יעקב באָטאָשאַנסקי וועגן „100 יאָר מאָריס ראָזנפעלד״; קינסטלערישער אַרויסטריט — יוסף מאַורער; „שפּרינצאַק־שול״, פּאַרקע טשאַקאַבוקאָ: שלום ראָזנבערג וועגן „באַפרייאונגס־מלחמות אין דער ייִדישער געשיכטע״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון זלמן הירשפעלד; „תל־אביב־שול״, בולאָן: מרדכי הערבסט וועגן „יום העצמאות״, מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון די ברידער האַלפערן; בית־עם און שול ח. נ. ביאַליק, דעוואָטאָ: דערעפענונג פון די חינוך־קורסן, פּנחס ערליך — „דער מהות פון תנ״ך״ און שמואל גאַניאַנסקי וועגן „אמונה און וועלט־באַשאַף״; בית־עם און שול „מדינת־ישראל״ פלאָרעסטאַ, מוצאי שבת, דעם 19טן 19.30 אַז.: יעקב באָטאָשאַנסקי וועגן „יום העצמאות״, און קינסטלערישער אויפטריט פון דענקער־ווינדלער.

דינסטיק, דעם 22סטן מאַי, אין קהילה־זאַל: אַ ל״ג־בעומר אָוונט מיט אַ פאָרטראַג פון ד״ר מכאל גורן, אד״ט „אין די פוסטריט פון דער ייִדישער געשיכטע״, אַ קינסטלערישער אויפטריט פון דאָראָ ווינדלער; אָנפירונג: מאַניע יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

זונטיק דעם 27סטן מאַי: שמואל ראָזשאַנסקי, אד״ט „100 יאָר ייִדישע צייטונגען, פון רוסלאַנד צו דער וועלט״, קינסטלערישער אָנטייל פון קליניצקאַ־ווינער, אָנפירונג פון פרימאָרגן — ישראל גרינבוים, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

זונטיק, דעם 28סטן מאַי: בית־עם און ביאַליק־שול דעוואָטאָ: משה שענדעריי „ייִדישקייט ווי אַ לעבנסוועג״, קינסטלערישער אויפטריט — אסתרל פליישמאַן; תל־אביב שול נומ׳ 5, וויזשאַ לינטש, 18 אַז.: יוסף רויזען וועגן „ר׳ עקיבא און די העלדן־עפּאָכע פון ל״ג־בעומר״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון זשעני פּאַסטערנאַק; חיים ווייצמאַן שול, ווי לוגאַנאָ: ש. וואָסערמאַן וועגן „יום העצמאות״, מיט געזאַנג־נומערן פון חיים לעווין; מוצאי שבת, אין „משה רובין״־שול, קאָנסטיטוסיאָן: פּנחס קאַרפּ וועגן „יום העצמאות״, קינסטלערישער אויפטריט פון מאַקס פורמאַנסקי.

זונטיק, דעם 3טן יוני: גרשון סאַפּאָזשניקאָוו וועגן „ווערק פון באַשעוויס אין שיין פון פּסיכאָאַנאַליז״, מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון יוסף מאַורער; אָנפירונג פון פרימאָרגן — חנאָ גאַרבער, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטעמנט.

זונטיק, דעם 3טן יוני, אין „רינגלבלום־וואַרשע צענטער״: ד״ר ל. זשיטניצקי, אד״ט „דער פערטער יאָרצייט פון מ. געבירטיק״, קינסטלערישער אויפטריט פון זלמן הירשפעלד; בית־עם און שול ח. נ. ביאַליק (דעוואָטאָ), קרייז פון תנ״ך־לימוד, מיט אַ לעקציע פון גרשון חסיד, אד״ט „פון געצנדינסט ביז מאָנאָטעיִזם״.

זונטיק דעם 10טן יולי: אַ שבועות פייערונג מיט אַ פאָרטראַג פון משה שענדעריי, די פּיעסע „שבועות־שפּיל״ אין דער אויפפירונג פון די תלמידים פון שלום עליכם שול, מיט דער רעזשי פון מאַקס בערלינער, פּיאַנאָ־באַגלייטונג — שרה אַלטער, אָנפירונג פון פרימאָרגן — מאַניע יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

זונטיק, דעם 10טן יוני — בית־עם און שול ח. נ. ביאַליק (דעוואָטאָ): מרדכי הערבסט וועגן „שבועות״, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון דוד זאַבלודאָווסקי; „וואָלפסאָן־שול״ (בעלגראַנאָ): שלום

ראָזנבערג, מיט געזאַנג פון חיים לעווין; ביאַליק־שול (מאָטאַדעראָס), 18 אַז.: צבי בראָנשטיין וועגן „שבועות־מאָטיוון אין דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור”, מיט געזאַנג פון זשעני פאַסטערנאַק; תל־אביב שול (וויזשאַ לינטש): דוד אייזן וועגן „שבועות”, מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון אסתר פליישמאַן; „באַראָן הירש־שול” (אַלמאַגראָ): יוסף רויזען אד”ט „פון פסח ביז שבועות”, קינסטלערישער אויפטריט פון דענקער־ווינדלער; בית־עם און שול „מדינת ישראל” (פלאָרעסטאַ) 18 אַז.: מ. שטיינבערג־שריג וועגן דערציִונגס־פּראָבלעמען”; געזאַנג — פון רחל ציפּריס.

זונטיק, דעם 17טן יוני: יעקב באָטאָשאַנסקי, וועגן „20 יאָר זינט דער פּטירה פון געבירטיק”, קינסטלערישער אויפטריט פון דענקער־ווינדלער. אָנפירונג פון פרימאָרגן — מאיר פרענגלער, פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קהילה.

הערנדיק די לעקציע פון אַמבי הרכבי בעת דער דערעפענונג פון קולטור־זמן (יאָר 1962).

זונטיק, דעם 17טן יוני, רינגעלבלום־וואַרשע צענטער (וו. קרעספאָ): ד”ר פעדראָ בלאַט, אד”ט „קראַנקייטן ביי ייִדן” און חנא גאַרבער וועגן „רפואות ביי ייִדן” (האָמעאָפּאַטיע און פאַרייִנגערונגס־מיטלען); בית־עם און שול ח. נ. ביאַליק (דעוואָטאָ), קרייז פון לימוד התנ”ך: שמואל גאַניאַנסקי, אד”ט: „ווער איז אַ ייִד”, מיט דעבאַטן.

זונטיק, דעם 24סטן יוני: ד”ר יצחק שלמה סיגאַל, אד”ט „נייע ווינטן אין רעליגיעזן דענקען”, מיט אַ געזאַנגס־אויפטריט פון רחל ציפּריס. אָנפירער פון פרימאָרגן — דויד קולאָקאָווסקי, פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קהילה.

זונטיק, דעם 24סטן יוני — בית־עם און ביאַליק־שול (דעוואָטאָ): יוסף בירשטיין וועגן „שבת, דער סימבאָל פון פרייהייט”, מיטן קינסטלערישן אָנטייל פון מאַקס בערלינער; תל־אביב

שול (וו. לינטש): פאַליק לערנער אד״ט „ישראל אַ יידישער פענצטער צו דער וועלט״. קינסטלערישער אויפטריט פון ברידער האַלפּערין.

מיטוואָך, דעם 27סטן יולי, אין קהילה־זאַל, אַ פאָרטראַג פון מיכאל גרייווער וועגן „מדינת ישראל און איר געראַנגל פאַר עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט״, מיט אַ קונסט־פּראָגראַם פון עלווירא באַטשקאָווסקאַ, סימאָן נוסבוים און מאַקס נויפעלד. אָנפירונג מיטן אָוונט — חנא גארבער, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

זונטיק, דעם 8טן יולי, אין קהילה־זאַל: ד״ר בעדראָ בלאַט, אד״ט: “Conceptos de Salud y Enfermedad” און חנאָ גאַרבער וועגן „די וועלט פון רפואות און דער יידישער בייטראָג״, מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון קליניצקא־ווינער.

זונטיק דעם 8טן יולי, רינגעלבלום־וואַרשע צענטער (וו. קרעספּאָ): יוסף רויזען, אד״ט „דאָס געזאַנג פון דער צוקונפט״, מיטן קינסטלערישן אויפטריט פון חיים לעווין; בית־עם און שול ח. נ. ביאַליק (דעוואָטאָ): פּנחס קאָרפּ וועגן „קולטור און דערציִונג אין די גלות־לענדער״, געזאַנג — זשעני פאַסטערנאַק; תל־אביב שול (וו. לינטש), 18 אַז.: יעקב באַטאָשאַנסקי וועגן „מרדכי געבירטיק״.

זונטיק, דעם 15טן יולי, אין קהילה־זאַל: אַ פאָרטראַג פון ישראל־גאַסט, כנסת־דעפּוטאַט חיים לאַנדוי, אד״ט „מדינת־ישראל און דרום־אַמעריקע״ (רייזע־איינדרוקן) און „תזמורת הדי ציון״, מיטן ערשטן אַרויסטריט. אָנפירונג פון פרימאָרגן — מאַניע יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

זונטיק, דעם 15טן יולי, אין בית־עם און שול „מדינת־ישראל״ (פלאָרעסטאַ): חיים פינקעלשטיין, אד״ט „יידן אין דער וועלט און די וועלט פון יידן״, מיטן אַן אויפטריט פון „הזמיר״־כאָר, אונטער דער לייטונג פון בערנאַרד פּייער.

זונטיק, דעם 22סטן יולי, אין קהילה־זאַל: אַ הערצל־ביאַליק אַקאַדעמיע פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט און אַרג׳ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; מנחם געלערטער וועגן הערצל און אברהם פעסקין וועגן ביאַליק. אָנפירונג מיטן פרימאָרגן — אָשר גראָקאָפּ, קאַסיר פון דער קהילה.

זונטיק, דעם 22סטן יולי, בית־יעקב־שול (לאַנוס): דער ישראל־גאַסט יעקב גאָלנער וועגן „הערצל ביאַליק״, מיט אַ געזאַנגס־קאָנצערט פון רחל ציפּריס; רינגעלבלום־וואַרשע צענטער: אברהם זאַק, אד״ט „ווען פּרץ איז געוואָרן לעגענדע״, קינסטלערישער אויפטריט פון זלמן הירשפעלד; תל־אביב שול (וויזשאַ לינטש), 18 אַז.; מרדכי הערבסט, אד״ט „תורה און לימוד התורה״, מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון דוד זאַבלודאָווסקי; ביאַליק־שול (אַוועזשאַנעדאַ), 20.30 אַז.: אברהם פעסקין וועגן „הערצל־ביאַליק״, קינסטלערישער אויפטריט — קליניצקאַ־ווינער; בית־עם און ביאַליק־שול (דעוואָטאָ): אַ ביאַליק־אַקט מיט פאָרטראַגן פון שמואל גאַניאַנסקי און חיים יעלין.

זונטיק, דעם 29סטן יולי — אָנשלוס פון דער קהילה צום 100־יאָריקן יובל פון דער יידישער קאָנגרעגאַציע אין אַרגענטינע, מיט ווערטער פון ראש־הקהל ד״ר ט. קאַמענשיין, פּרעזידענט פון דער קאָנגרעגאַציע — אַדאָלפאָ וייל, פאָרטראַג פון משה שענדערײ, קינסטלערישער אויפטריט פון „הזמיר״ און זלמן הירשפעלד.

זונטיק, דעם 29סטן, בית־עם און ביאַליק־שול (דעוואָטאָ): יוסף רויזען וועגן די „דריי וואָכן פון מאָנונג און דערמאָנונג״, מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון מאַקס פורמאַנסקי; תל־אביב שול (וו. לינטש): שלום ראָזענבערג וועגן „הערצל־ביאַליק״, געזאַנג פון חיים לעווין.

דעם 5טן אויגוסט: פייערונג פון 100 יאָר מאָריס ראָזענפעלד, מיט אַ פאָרטראַג פון יצחק יאַנאַסאָוויטש, אד״ט „מאָריס ראָזענפעלד, זיין ליד און זיין דור״, קינסטלערישער אויפטריט פון קליניצקאַ־ווינער, אָנפירונג פון פרימאָרגן — אליעזר פרידמאַן, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קהילה.

5טן אויגוסט אין „רינגעלבלום־צענטער״ (וו. קרעספּאָ): יעקב פּילץ און ישראל אָטיקער וועגן „הערצל־ביאַליק״; בית־עם און ביאַליק־שול (דעוואָטאָ): דעבאַטע אָנגעפירט פון ברוך

ראָכלעװסקי און שמואל גאָניאַנסקי, אד״ט „פּאָרװאָס איז דאָס ייִדישע פאָלק נישט אונטערגעגאַנגען אין גלות?״.

מיטװאָך, דעם 8טן אויגוסט, אין קהילה־זאַל: אַ תשעה־באב אָװנט — פאָרטראַג פון משה שענדעריי אד״ט „דורך חורבן און גלות״, זלמן הירשפעלד: קינות און אָרויסטריט פון כאָר „הזמיר״.

זונטיק, דעם 12טן אויגוסט, רינגעלבלום־װאַרשע צענטער (װיזשאָ קרעספּאָ); יעקב פילץ און שניאור װאַסערמאַן װעגן „הערצל ביאַליק״, קינסטלערישער אויפטריט — זלמן הירשפעלד; „ציטלין־שול״ (װו. אורקיסאָ): מרדכי הערבסט װעגן „תורה און לימוד התורה״, געזאַנג פון רחל ציפּריס; הרצליה שול״ (פּאַטערנאַל), 18 אַז.: ד״ר ל. זשיטניצקי. אד״ט: „די ייִדן און די װעלט סיטואַציע״, געזאַנג — מאַקס פורמאַנסקי; בית־עם און ביאַליק־שול (דעװאָטאָ): גרשון סאַפּאָזשניקאָװ, אד״ט „די פּערזענלעכקייט פון יצחק באַשעװיס״, געזאַנג פון חיים לעווין; אין ראַמאָס מעכיאַ, 18 אַז.: אויפטריט פון „הזמיר״־כאָר אונטער דער לייטונג פון ב. פּייער.

זונטיק, דעם 19טן אויגוסט, אין קהילה־זאַל: אברהם פּעסקין, אד״ט „די ייִדן־פראַגע אין סאָװעטישן רעזשים״. אָנפירונג מיטן פרימאָרגן — ישראל גרינבוים, פאַרװאַלטונגס־מיטגליד פון דער קהילה.

זונטיק, דעם 19טן אויגוסט, תל־אביב שול (װו. לינטש): ד״ר ל. זשיטניצקי אד״ט „די ייִדן אין דער װעלט און די װעלט פון ייִדן״ מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון מאַקס בערלינער.

דעם 23סטן אויגוסט אין קהילה־זאַל: פאָרטראַג פון ראַפאַל ריבאַ, אד״ט „ייִדיש לעבן היינט צו טאָג אין פראַנקרייך״, אָנפירונג מיטן אָװנט — שלמה ציטרין, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט; מוצאי שבת, דעם 25סטן: ד״ר חיים שאָשקעס, אד״ט „אַ לעצטער גרוס פון ייִדן אין רוסלאַנד״, אָנפירונג — בועז כמיעל, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט; זונטיק, דעם 26סטן אויגוסט: מנחם געלערטער, אד״ט „דריי רעװאָלוציאָנערע דערשיינונגען אין ייִדישן לעבן״. אָנפירונג מיטן פרימאָרגן — אלימלך גוטקין, פרעזידענט פון דער אַרג׳ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מיט אַ געזאַנגס־קאָנצערט פון רחל ציפּריס.

זונטיק, דעם 26סטן אויגוסט, רינגעלבלום־װאַרשע צענטער (װו. קרעספּאָ): משה שענדעריי, אד״ט „דער האַלב־פאַרגעסענער שלום אַש״.

זונטיק, דעם 2טן סעפּטעמבער, אין טעאַטער „נאַסיאָנאַל״: אַ פאָרטראַג פון נחמן תמיר־מירסקי, אד״ט „אתה בחרתנו אָדער אַ מדינה װי אַלע מדינות?״, מיט אַ רעציטאַל פון בערטאָ זינגערמאַן. אָנפירונג פון פרימאָרגן — מאַניע יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

זונטיק, דעם 9טן סעפּטעמבער, אין דער װייצמאַן־שול (פלאָרעס): יוסף רויזען װעגן „דער חודש אלול און די ימים נוראים״, מיט אַ קינסטלערישן אויפטריט פון אסתרל פליישמאַן; בית עם און שול ח. נ. ביאַליק (דעװאָטאָ): יעקב באָטאָשאַנסקי, אד״ט „דער דיכטער, װאָס האָט זיך פאַרבענקט נאָך ייִדישקייט און ייִדן״; ביאַליק־שול (סאַן פערנאַנדאָ): אויפטריט פון „הזמיר״־כאָר.

דעם 15טן סעפּטעמבער האָט זיך דערעפנט דער חודש פון ייִדישן בוך, מיט אַ באַזונדער קולטור־פּראָגראַם במשך פון 42 טעג. דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט האָט, אויסער דעם, דורכגעפירט צוזאַמען מיטן ועד החינוך אין זיצונגס־זאַל פון דער קהילה צװיי לעקציעס פון מרדכי שטריגלער װעגן מהר״ל פון פּראָג, פאַר פּראָפעסאָרן, לערער און סטודענטן, מיט אַ דערעפענונגס־װאָרט פון משה שריג־שטיינבערג, דירעקטאָר פון ועד החינוך און זונטיק, דעם 21סטן, מוצאי שמחת תורה: אַ סוכות פאָרטראַג פון אברהם פּעסקין, מיטן אָנטייל פון די תלמידים פון דער צענטראַלער ביאַליק־שול, דעם חזן אברהם ראָזענמאַכער און אָנפירונג פון מאַניע יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

מיטװאָך, דעם 7טן נאָװעמבער — שוין נאָכן סיום פון ביכער־חודש — אין קהילה: אַ פאָרטראַג פון בן־ציון ראָזין, אד״ט „פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַספּעקטן פון מדינת־ישראל״,

מיט אַ געזאַנג־קאָנצערט פון רחל ציפריס. אָנפירונג פון אָוונט — מאַניע יונגערמאַן, מיטגליד פון קולטור־דעפאַרטאַמענט; דינסטיק, דעם 13טן נאָוועמבער — אַ פאָרטראַג פון אהרן חרסינה, אד"ט „נייע פאָרמען פון קאָלאָניזאַציע אין ישראל"; זונטיק, דעם 11טן נאָוועמבער: אַ פרימאָרגן פון קאַמער־מוזיק, אונטער דער אָנפירונג פון לאַזאַר קלאַצמאַן און זיין אַריינפירוואָרט, אד"ט „ייִדישע מעלאָדיעס און טעמאַטיק ביי וועלט־באַרימטע קאָמפאָזיטאָרן". אָנפירונג — שמואל גלאַזערמאַן, וויצע־פרעזידענט פון דער קהילה; זונטיק דעם 18טן נאָוועמבער: אַ העברעיִשער פרימאָרגן פון קולטור־דעפאַרטאַמענט, צוזאַמען מיט דער הסתדרות העברית: אַ פאָרטראַג פון אברהם פעסקין, אד"ט „די ישראל־יוגנט אין דער אָפשפיגלונג פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור". אָנפירונג — יוסף גירשפעלד, פאָרזיצער פון הסתדרות העברית; זונטיק, דעם 25סטן נאָוועמבער: פאָרטראַג פון בערל פרימער, אד"ט „קולטור און קונסט פון מדינת־ישראל". אָנפירונג מיטן פרימאָרגן — מאַניע יונגערמאַן.

זונטיק, דעם 2טן דעצעמבער, אין טעאַטער „סאָלעיִל": סיום־פרימאָרגן פון קולטור־זמן, מיטן אָנטייל פון „הזמיר"־כאָר, אונטער דער לייטונג פון בערנאַרד פייער; „הזמיר" פון ראָזאַריאָ, אָנגעפירט פון וויקטאָר לייזן און קינדער־כאָר פון שול און בית־עם „מדינת ישראל", אָנגעפירט פון רחל פייער. פאָרזיץ און סך־הכל־וואָרט פון משה האַניק, סעקרעטאַר פון קולטור־דעפאַרטאַמענט ביי דער קהילה.

די קהילה-קורסן אין די געגנטן און גרויס-בוענאָס-איירעס אין 1956-60

די קהילה־קורסן אין די געגנטן און אין דער פעריפעריע פון גרויס־בוענאָס־איירעס, קענען נאָך דעם חודש פון ייִדישן בוך און דעם קולטור־זמן אין ייִדישן שטאָט־צענטער פאַררעכנט ווערן צו די לאָקאַלע אייגנאַרטיקייטן פון היגן ישוב. אין 1956 זיינען דורכגעפירט געוואָרן 23 קולטור־אימפרעזעס אין 3 פונקטן פון גרויס־בוענאָס־איירעס און אין 5 שטאָט־געגנטן. אין 1957 איז די צאָל געשטיגן ביז 34, אין אַכט שטאָט־געגנטן און דריי פונקטן פון גרויס־בוענאָס־איירעס. אין 1958 — 39 קולטור־אימפרעזעס, אין זעקס שטאָט־געגנטן און פיר פונקטן פון גרויס־בוענאָס־איירעס. 1959 איז אַ יאָר פון גרויסער עקספאַנסיע פאַר דעם דאָזיקן מין קולטור־טעטיקייט פון דער קהילה, וואָס דערגרייכט צו 119 קולטור־אימפרעזעס אין 13 שטאָט־געגנטן און 12 פונקטן פון גרויס־בוענאָס־איירעס, וואָס שפאַרן אָן צו אַזאַ ווייטן מהלך פון דער הויפטשטאָט, ווי לאָמאַס דע סאַמאָראַ, סאַן פערנאַנדאָ, בולאָן, גאָוולאַנד (הכשרה „בערל קאָצענעלסאָן"), ווייל אַזעלכע פונקטן ווי לאַנוס, אַוועזשאַנעדאַ און פלאָרידאַ באַגעגענען מיר שוין אין די ערשטע יאָרן. אין 1960 זיינען פאָרגעקומען 76 קולטור־אימפרעזעס אין 15 שטאָט־געגנטן און 7 פונקטן פון גרויס־בוענאָס־איירעס.

די וואַנדלונגען אין די ציפערן זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן היגן ייִדישן לעבן, וואָס האַלט זיך נאָך כסדר אין פאָרמירן, געשטאַלטיקן און איבערגרופירן. נייע ייִדישע ישובים אין גרויס־בוענאָס־איירעס קומען אויף, פאַרפעסטיקן זיך און זוכן אַ ביסל גייסטיקע עקספאַנסיע. אין 1960 באַמערקן מיר צוויי נייע פונקטן אין גרויס־בוענאָס־איירעס: מאָראָן און קאַסעראָס. דאַקעגן ראַנגלען זיך אַנדערע פונקטן פון גרויס בוענאָס־איירעס און אַפילו פון דער הויפטשטאָט פאַרן אויפהאַלטן זייערע קולטור־פאָזיציעס און די אַמאָליקע דערגרייכונגען. פאַראַן פונקטן, וואָס האָבן מיט אַ פאָר צענדלינג יאָר צוריק געשפילט אַ גרויסע ראָל אין לאָקאַלן ייִדישן לעבן, און היינט הערט מען פון זיי כמעט נישט, און פאַרקערט — עס קומען אויף נייע און עס צייטיקן אַרום זיי אַפילו יוגנט־צענטערס. די בתי־עם און שולעס שפילן דערביי אַ גרויסע ראָל, און פאַרשטייט זיך, אַז הינטער דעם איז אויך פאַראַן אַן עקאָנאָמישער הינטערגרונט. אַמאָליקע ייִדישע פאַכן, בראַנזשעס און קליינהאַנדל־צווייגן זיינען איצט אין דעקאַדענץ, און די נייע אויפגעקומענע שאַפן אַן איבערגרופירונג נישט נאָר אין דעם מענטשן־עלעמענט, וואָס

שעפט חיונה פון זיי, נאָר אויך אין דער איינוווינערשאַפט און קאָנצענטראַציע אין די באַשטימטע געגנטן, ווו די דאָזיקע עקאָנאָמיע־אָפּצווייגן פלעגן זיך אויסוויקלען.

כדי זיך נישט אויסצושטעלן אויף דער ריזיקע, אַז די דאָזיקע אַרבעט זאָל האָבן דאָס פּנים פון אַ טעלעפאָן־בוך, ווערן דאָ נישט אויסגערעכנט די טעמעס פון די קורסן און פון געגנטן אין גרויס בוענאָס־איירעס. עס וועט זיין גענוג אָנצומערקן, אַז צווישן די פּראָגראַמען פיגורירן די בעסטע רעדנער און קינסטלערישע כוחות און די טעמעס זיינען פּאַראַלעלע מיטן קולטור־זמן און ביכער־חודש פון דער קהילה, וואָס וויקלען זיך אויס — הוץ זעלטענע אויסנאַמען — אין רעלאַטיוו גאַנץ באַשיידענעם קהילה־זאַל און ביז צו טויזנטער צוהערער אויף די פאַרשיידענע זונטיק־פרימאַרגנס, קולטור־אָוונטן און ביכער־אויסשטעלונגען, במשך פון די לאַנגע חדשים פון

ישראל־אַמבאַסאַדאָר יוסף אבידר אין זיין פרוי די שרייבערין ימימה טשערנאָוויץ, צוזאַמען מיט דער קהילה־פאַרוואַלטונג, אויף דער אויסשטעלונג פון יידישן בוך אין יאָר 1962.

קולטור־זמן. לעצטנס האָט דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן ספּעציעלע קולטור־אימפּרעזעס לכבוד די יידישע ימים־טובים, וואָס זיינען סיי טראַדיציאָנעל, סיי וועלטלעך צוגעפּאַסט צו דער צייט און האָבן זייער אַ גוטן אויפנעם פון דעם ברייטן עולם.

קולטור-געסט פון דער קהילה און געסט בכלל

די קהילה באַמיט זיך כסדר צו האָבן דעם באַזוך פון גרויסע יידישע שרייבערס אין צוזאַמענהאַנג מיטן קולטור־סעזאָן און ביכער־חודש. קולטור־געסט איז אַן אַלטע טראַדיציע פון יידישן אַרגענטינע, זינט פּרץ הירשביין, ה. ד. נאָמבערג, לאַצקי בערטאָלדי א״אנד. זיינען געקומען צו די היגע ברעגן. זייער השפעה האָט געלאָזט טיפע שפּורן אויפן היגן ישוב און האָט אויך

געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער ברייטער ייִדישער וועלט. שפעטער האָבן ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס זיך באַמיט אַראָפּצוברענגען אַהער אויף אַ באַזוך באַרימטע ייִדישע שרייבערס, ווי די געזעלשאַפט פאַר ייִדיש־וועלטלעכע שולן — שמואל ניגער, און דער שרייבער־פאַראיין — י. אָפּאַטאָשו און אַברהם סוצקעווער. אין די לעצטע יאָרן האָט דאָס, ווי אַלע אַנדערע גרויסע זאַכן פון ישוב, גענומען אויף זיך די קהילה מיטן אַראָפּברענגען קולטור־געסט אין צוזאַמענהאַנג מיטן „חודש פאַרן ייִדישן בוך" און קולטור־סעזאָן. אַ דאַנק דער דאָזיקער אָנשטרענגונג האָבן דאָ געווירקט יעדער איינער מיט זיין וואָרט און אייגנאַרטיקן קולטור־באַגאַזש: אפרים אויערבאַך, מרדכי שטריגלער, יעקב גלאַטשטיין, חיים גראַדע, ד״ר שלמה ביקל און מרדכי שטריגלער צום צווייטן מאָל, במשך פון די יאָרן 1958־62. אָבער אַפילו די וואָס זיינען נישט געווען קיין דירעקטע קולטור־געסט פון דער קהילה, האָבן אויף אַן אָנגעזעענעם אופן מיטגעווירקט, בעת זייערע באַזוכן ביי אונדז אין לאַנד. אין 1957 איז יצחק באַשעוויס אַרויסגעטראָטן אויף דער קהילה־טריבונע אין פאַרלויף פון ביכער־חודש, נישט קוקנדיק אויף דער קורצער צייט פון זיין באַזוך. אין 1960 האָט מיטגעווירקט יהודה עלבערג בעתן קולטור־זמן נישט נאָר אין קהילה־זאַל פון צענטער, נאָר אַפילו ביי די זונטיק־קורסן אין די געגנטן. דער קולטור־זמן פון דער קהילה האָט צוזאַמענגעבראַכט אויף דער כלל־ישראלדיקער טריבונע פון קהילה־זאַל נישט בלויז שרייבער־געסט, נאָר יעדן איינעם, וואָס איז אָנגעקומען אַהער פון ישראל און פון די תפוצות מיט אַ חשיבות־דיקן וואָרט, אָדער שליחות, פון די שליחים פון בונדישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט ביז פּראָפ׳ אַברהם יהושע העשל. פון די באַרימטע בינע־קינסטלער גאַסטראָלאָרן, ווי מאָריס שוואַרץ, יוסף בולאָוו און שמעון פינקעל, און דער ישראל־רעזשיסאָר משה הלוי ביז די פאַרשיידענע זינגער און קינסטלער פון ישראל און דער גרויסער ייִדישער וועלט.

די אַרויסטריטן פון אַזעלכע ייִדישע שרייבערס און קולטור־מענטשן, וואָס סימבאָליזירן גרויסע ייִדישע אויפטרייסלונגען און טראַגעדיעס אין ייִדישן לעבן, ווי מרדכי שטריגלער און חיים גראַדע. דאָס דערהויבענע דיכטעריש־ראַפינירטע וואָרט פון יעקב גלאַטשטיין, די ווירקונג פון אַזאַ פיינעם דיכטער ווי אפרים אויערבאַך, פון אַזאַ עסייִסט און קולטור־מענטש ווי ד״ר שלמה ביקל — דאָס אַלץ האָט אָן שום ספק געלאָזט טיפע שפורן אויפן היגן ייִד, וואָס נערט זיך מיט די זאַפטן פון ייִדישן־לשון און ציט זיין גייסטיקע יניקה פון אונדזער מיזרח־אייראָפּעיִשער קולטור־טראַדיציע.

די ספעציעלע קולטור־געסט פון דער קהילה, די שליחים פון פאַרטייען און ריכטונגען, די געסט און סתם־באַזוכער פון ישוב, קינסטלער־גאַסטראָליאָרן, זינגער און אַרטיסטן און באַרימטע חזנים — אַלץ וואָס עס פאַרמאָגט דאָס ייִדישע וועלט־פאָלק, אַלץ וואָס באַוועגט זיך אין אונדזער גייסטיקן לעבן פון ישוב צו ישוב, קאָנטינענט צו קאָנטינענט, פון מדינה צו די תפוצות, און צוריקוועגס, איז דורך דער קהילה און איר קולטור־דעפאַרטאַמענט געקומען אין קאָנטאַקט מיטן ישוב און יעדערער לויט זיין מאָס און פאַרנעם האָט געווירקט און משפיע געווען פאַר אונדזער גייסטיקן לעבן.

צו די אָפיציעלע קולטור־געסט פון דער קהילה אין 1958 — מרדכי שטריגלער און אפרים אויערבאַך — קען מען צוגעבן אַנדערע, וואָס זיינען דאָ געווען אויף אַ באַזוך, ווי דער היסטאָריקער ד״ר רפאל מאַהלער און דער רומעניש־ייִדישער שרייבער עוגען רעלגיס, י. אַרטוסקי־אייכנבוים פון בונדישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און פּראָפ׳ אברהם יהושע העשל, דער באַוווסטער פובליציסט אהרן אַלפערן און דער אַרבעטער־טוער בנימין געבינער פון ניו־יאָרק.

דאָס יאָר 1959 איז געווען איבערגעלאָדן מיט גרויסע יובילייען און היסטאָרישע דאַטעס. יעקב גלאַטשטיין האָט דערעפנט דעם קולטור־זמן מיט זיין שלום־עליכם־רעפעראַט. אונדזערע קולטור־געסט האָבן נישט נאָר געווירקט מיט זייער וואָרט דורך רעפעראַטן, נאָר זיי זיינען במשך פון זייער גאַסטשאַפט געווען מיטבאַטייליקטע אין אונדזער לעבן (האָבן באַזוכט אינסטיטוציעס און ספעציעל — די שולעס). מרדכי שטריגלער, יעקב גלאַטשטיין און ד״ר ביקל זיינען אַרויסגעטראָטן אויף דעם צענטראַלן אזכרה־אַקט נאָך די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ, און

חיים גראַדע האָט אין 1960 אָנטייל גענומען אין דער אזכרה ביים מאָנומענט פון די קדושים אויפן בית־עולם פון טאַבלאַדאַ, אָרגאַניזירט פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע.

פונקט ווי פריִער מרדכי שטריגלער און יעקב גלאַטשטיין, האָט חיים גראַדע במשך זיין באַזוך געלאָזט טיפע שפורן אין געמיט פון ברייטן עולם און צונויפגעבראַכט מאַסן צוהערער. יהודה עלבערג האָט געבראַכט אָריגינעלע געדאַנקען וועגן מהות פון יידישקייט, ד״ר חיים שאַשקעס — גרוסן פון ייִדן אין דער ווייטער וועלט. צו דעם באַזוך פון סערגיי נוטקעוויטש, פון בונדישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, דאַרף צוגערעכנט ווערן די צוויי באַזוכן פון פּראָפּ׳ אַרטור לערמער. פּראָפּ׳ משה דייווים איז געקומען אין אַ וויכטיקער שליחות. משה רון — אין שליחות פון דער ישראל־רעגירונג, און אַלע אַנדערע וואָס זיינען געווען אין אַרגענטינע און אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן געקומען צום אויסדרוק דורך דער קהילה־טריבונע.

אין 1961 האָט דער קולטור־גאַסט ד״ר שלמה ביקל געבראַכט זיין אייגנאַרטיקן טאָן אין זיינע גוט־דורכגעטראַכטע און גייסטרייכע לעקציעס וועגן דער יידישער און אוניווערסאַלער קולטור. בצלאל שערמאַן האָט שטאַרק פּאַראינטערעסירט מיט זיין שטרענג־וויסנשאַפטלעכער דיסציפּלין און האָט אַריינגעבראַכט אַ ביסל אומרו וועגן אונדזער לעבן אָן חשבון און אָן חוש פאַר סטאַטיסטיק און געשיכטע, וואָס ער האָט נישט געקענט תופס זיין ווי אַ סאָציאָלאָג. יעקב זרובבל, וואָס האָט שוין עטלעכע מאָל באַזוכט אונדזער ישוב, איז אויך דאָס מאָל געווען דער גאַסט פון דער קהילה־טריבונע. חוץ אים זיינען געווען נאָך געסט, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן פאַרן עולם אויף דער קהילה־טריבונע.

אין יאָר 1962 האָבן מיר דאָ געהאַט מרדכי שטריגלערן צום צווייטן מאָל. עס האָט דאָ אויך געווילט אין שליחות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דער אייגנאַרטיקער ישראל־דיכטער אריה שמרי און אין שליחות פון „בונד״ — ראַפאַל ריבאַ פון פּאַריז.

עס האָבן מיטגעווירקט פאַר די קולטור־זמנים געסט און שליחים, וואָס זיינען אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אויך געווען די קולטור־אורחים פון דער קהילה, ווי בערל פרימער, יוסף שיין, ד״ר ראובן בן־שם, ד״ר א. ראָזענפעלד, ד״ר הר־אבן, ב. דובדבני, דויד בר־ניר, ד״ר משה ווילער, א. פעסקין, הרב טוביה פרידמאַן, יצחק הרכבי, אידוב כהן, די קינסטלער בען באַנוס און מינאַ בערן, רות מימון, שמאי שטיינבערג און אַ סך אַנדערע.

דער קולטור-דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה און דאָס שלום-עליכם-יאָר אין אַרגענטינע

איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון אונדזער קהילה־לעבן איז געווען די פייערונג פון שלום־עליכם־יאָר אין אַרגענטינע, נישט בלויז מיט זיינע גראַנדיעזע און צאָלרייכע פייערונגען, נאָר מיטן גרויסן פאַרמעסט פון אַן אמתער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען אַבסאָלוט דעם גאַנצן ישוב, און איז אַרויס פון דעם ענגן גבול פון דער ריין־ייִדישער סביבה. דאָס שלום־עליכם־יאָר האָט זיך פאַקטיש אָנגעהויבן דעם 8טן יאַנואַר 1959 אויף דער ערשטער באַראַטונג אין דער קהילה, ביים שאַפן דעם נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן שלום־עליכם־קאָמיטעט. און איז דערגאַנגען צו זיין הויכפּונקט דעם 2טן מאַרץ 1960, ווען די בוענאָס־איירעסער מוניציפּאַליטעט האָט באַערט שלום־עליכמען מיטן אָנרופן אַ סקווער אין שטאָט־צענטער אויף זיין נאָמען (דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק די באַמיִונגען פון דער ״דאיא״). אין דאָזיקן טאָג האָט די מוניציפּאַלע ראַדיאָ געגעבן אַ ספּעציעלע אוידיציע און אין די פאַרנאַכט־שעהען איז אויפן סקווער צווישן די גאַסן קאָרדאָבאַ, גאַסקאָן און לאַוואַזשע, מיט אַ גרויסאַרטיקער צערעמאָניע אויפגעדעקט געוואָרן דער טאָוול „פּלאַסאָלעטאַ שלום־עליכם״, אָרדענאַנץ 15.732, דעקרעט 366-60 — 12/1/60. אויף דער ראַדיאָ איז אַרויסגעטראָטן פּראָפּ׳ ל. שאַלמאַן און ס׳האָט געזונגען פּערעלע שעכטער. די צערעמאָניע אויפן סקווער האָט דערעפנט דער פאָרשטייער פון דער „דאיאַ״ ה״

שורמאַן. אין נאָמען פון דער מוניציפּאַליטעט איז אַרויסגעטראָטן דער קולטור־סעקרעטאַר ד״ר אַלדאָ אַרמאַנדאָ קאָקאָ און דער פּרעזידענט פון דער „דאַיאַ״ ד״ר אברהם מיבשן ז״ל, האָט געבראַכט דאָס וואָרט פון אַרגענטינער ייִדישן ישוב אין ליכטיקן אָנדענק פון שלום־עליכם.

דער שלום־עליכם־קאָמיטעט, געשאַפן אויף דער איניציאַטיוו פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון דער קהילה, איז אָנגעפירט געוואָרן פון א. מיטלבערג (קהילה) פאָרזיצער, יעקב באָטאָשאַנסקי (שרייבער־פאַראיין), ערשטער וויצע־פאָרזיצער; ד״ר ל. זשיטניצקי (ייִווא), צווייטער וויצע־פאָרזיצער; יצחק יאַנאָסאָוויטש (קולטור־קאָנגרעס), סעקרעטאַר; לייב גאָלד (וועד־החינוך), צווייטער סעקרעטאַר; פּרעזידיום־מיטגלידער: יוסף מאורער (אַקטיאָרן־פאַראיין), יעקב גראַבאָווסקי (ח. נ. ביאַליק־שולע), ד״ר יונה קאָוועגסקי (צווישאָ), יוסף האָרן (געזעלשאַפט פאַר ייִדיש־וועלטלעכע שולעס).



אויבן אין ווינקל: מרדכי שטריגלער בעת זיין לעקציע אין טעאַטער־זאַל „אַסטראַל״.
אונטן: דער עולם אין זאַל.

אַ דאַנק דעם גוט אָרגאַניזירטן טעכנישן אַפּאַראַט פון דער קהילה, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַנט סיי דורך דער אַרבעט פון זיינע אָנגעשטעלטע, ווי דורכן דעקן די פינאַנסיעלע הוצאות פון אַזאַ פאָלקס־אַקציע, האָט דער דאָזיקער ברייטער קאָמיטעט באַקומען דעם באַלדיקן אָנשלוס פון 45 אינסטיטוציעס, פּאַרטייען, לאַנדסמאַנשאַפטן, קולטור־אינסטיטוציעס, צייטונגען, פּעריאָדישע אויסגאַבעס, פאַרלאַגן און שולעס און זיך נאָך דעם אויסגעשפּרייט אין אַזאַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעשפּאַרט אין די ווייטסטע ווינקלען פון בוענאָס־איירעס, דער פּעריפעריע און פּראָווינץ, ווי עס איז זעלטן געזען געוואָרן אין אונדזער ישוב, בפרט ביי אויסגעברייטערטע קאָמיטעטן, וווּ אַלע שליסן זיך אָן בכבוד גדול און קיינער טוט נישט.

דאָס קינסטלערישע שלום־עליכם־בילד, אויסגעפּאַרטיקט דורך א. מירסקי, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורכן קאָמיטעט, דעקאָרירט נאָך ביז היינט צו טאָג די ווענט פון די אינסטי־

טוציעס און פּריוואַטע היימען. דער וועד־החינוך האָט געזאָרגט פאַר דעם אַז דער שלום־עליכם־יאָר זאָל זיין ווירקנדיק אין די פאָלקס־ און מיטלשולעס און קינדער־גערטנער. דעם 2טן מאַרץ — אין שלום־עליכמס געבורטסטאָג — זיינען ביידע היגע טאָג־צייטונגען דערשינען מיט שלום־עליכם אויפלאַגעס און עס איז געווידמעט געוואָרן דער דאָזיקער דאַטע די דערעפענונג פונעם קולטור־סעזאָן פון דער קהילה.

דעם אריינפיר־אָוונט צום שלום־עליכם־יאָר האָט דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט ביי דער קהילה דורכגעפירט דעם 2טן מאַרץ 1959. אַברהם מיטלבערג האָט דערעפנט די פראָקלאַמירונג, יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט געלייענט די דעקלאַראַציע פון קאָמיטעט וועגן שלום־עליכם־יאָר, יעקב באָטאָשאַנסקי און משה שענדעריי זיינען ארויסגעטראָטן מיט פאָרטראָגן, יוסף מאָורער, אסתר פליישמאַן און רבקה קליניצקאַ, מיט פיאַנאָ־באַגלייטונג פון לעאָן ווינער — זיינען אויפגעטראָטן מיט וואָרט און ליד.

דעם 20סטן אַפּריל, האָבן קרוב צוויי טויזנט יידן אָנגעפילט דעם טעאַטער „אַסטראַל“. דער קולטור־גאַסט יעקב גלאַטשטיין איז ארויסגעטראָטן מיט זיין פאָרטראַג „די ירושה פון שלום־עליכם“. עס איז געווען אַן אָוונט פון דערהויבונג און אַן אויטענטישע מאַניפעסטאַציע פאַר דער יידישער פאָלקס־קולטור און דער גייסטיקער אַחדות פון אונדזער ישוב. עס זיינען אַרויסגעטראָטן מיט ווערטער: דער ראש־הקהל אלימלך גוטקין, דער סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט אַברהם מיטלבערג, און יצחק יאַנאַסאָוויטש מיט אַן אָפּשאַצונג־וואָרט וועגן קולטור־גאַסט יעקב גלאַטשטיין.

נאָכן דאָזיקן אָנפאַנג פון קולטור־זמן זיינען געקומען די זונטיק־לעקציעס אין קהילה־זאַל (ביז דעם חודש פון יידישן בוך) מיט זיינע שלום־עליכם־פאָרטראָגן צווישן מאַי און סעפּטעמבער. דעם 26סטן מאַרץ האָבן זיך אָנגעהויבן די שלום־עליכם־פאָרטראָגן אויף די זונטיק־קורסן אין די זעקס געגנטן און ווייטערדיקע 21 במשך פון קולטור־זמן — סך־הכל 36 שלום־עליכם־פאָרטראָגן (אַחוץ דעם חודש פון יידישן בוך). אונדזערע בעסטע לעקטאָרן האָבן אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער קולטור־אימפּרעזע. יעקב באָטאָשאַנסקי האָט זיינע פאָרטראָגן „דער מענטש וואָס האָט געלאַכט“ און „וועגן שלום־עליכמען“ געהאַלטן אין קהילה־זאַל און אין אַכט געגנט־קורסן; ד״ר משה מערקין — פינף; שמואל ראָזשאַנסקי — פיר; עס זיינען אַרויסגעטראָטן צווישן אַנדערע — ד״ר ל. זשיטניצקי, ד״ר ב. איסאַיעוו (שפּאַניש) און יוסף רויזען. „דער חודש פון יידישן בוך“ איז געווען דעקאָרירט מיט דער שלום־עליכם געשטאַלט ביים אַריינגאַנג און יעקב באָטאָשאַנסקי האָט דעם ניינטן אָקטאָבער דאָרט געהאַלטן זיין שלום־עליכם־פאָרטראַג „אַ פאַרגלייך צווישן טוביה דער מילכיקער און מנחם־מענדל“ אין די ראַמען פון לעקציע־ציקל פונעם ביכער־חודש. די קהילה האָט אויף דער בקשה פון שלום־עליכם־קאָמיטעט איינגעאָרדנט פיר ראַדיאָ־אוידיציעס אין די זונטיק־טעג מיט אַן אויפפירונג פון „טוביה דער מילכיקער“, רעזשיסירט פון יוסף מאָורער און מיטן אָנטייל פון בעלאַ אריעל, פאַולינאַ טאַכמאַן, שרשנה זאַנד, יוסף מאָורער, דויד קאַפּלאַן, דויד לעדערמאַן, מאַקס קלאָס און חיים לעווין, וואָס איז דערעפנט געוואָרן מיט אַ וואָרט פון ראש־הקהל אלימלך גוטקין.

אין פּראָווינץ זיינען דורכן וועד־הקהילות איינגעאָרדנט געוואָרן שלום־עליכם־פייערונגען מיט דער הויפּט־באַטייליקונג פון יעקב גלאַטשטיין, יעקב באָטאָשאַנסקי, שמואל ראָזשאַנסקי און ד״ר משה מערקין אין אַכט וויכטיקע פונקטן; אין אַנדערע אַכט פונקטן זיינען ארויסגעטראָטן יוסף ליבערמאַן און ברוך טענענבוים; אין פינף פונקטן זיינען אויפגעטראָטן מיט שלום־עליכם־פאָרטראָגן דאָס קינסטלער־פּאָרל דאָראַ ווינדלער - יעקב דענקער; און אין עלף פונקטן (איינשליסלעך אַסונסיאָן — פּאַראַגוויי) די אַרטיסטן יעקב לעוו און יצחק ליכטנשטיין. חוץ דעם זיינען אין אַ סך גרויסע און קלענערע פונקטן איינגעאָרדנט געוואָרן שלום־עליכם־פייערונגען מיט אָרטיקע אינטעלעקטועלע און קינסטלערישע קרעפטן.

דער סיום פון שלום־עליכם־יאָר איז פאָרגעקומען אַ פּאָר שעה נאָכן דערעפענען דעם שלום־עליכם־סקווער (דעם 2טן מאַרץ 1960) אין קהילה־זאַל מיט אַ קורצן סך־הכל־וואָרט פון

אברהם מיטלבערג, פּאַרזיצער פון שלום־עליכם־קאָמיטעט; דער סעקרעטאַר יצחק יאַנאָסאָוויטש האָט אין זיין באַריכט־רעדע געזאָגט „דער קאָמיטעט האָט באַוויזן צו שאַפן אַ שלום־עליכם־באַוועגונג. איבער הונדערט געזעלשאַפטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן און אַקטיוו באַטייליקט. די קהילה אַליין האָט דורכגעפירט 36 לעקציעס, דער וועד־הקהילות — לעקציעס אין 40 פּונקטן און נאָך 40 אָרגאַניזאַציעס האָבן דורכגעפירט שלום־עליכם־פייערונגען. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אויסשטעלונגען, קאָנקורסן, ראַדיאָ־אוידיציעס, אַקטיאָרן און ליבהאָבער האָבן געשפּילט שלום־עליכם־ווערק״.

עס זיינען נאָך דעם אַרויסגעטראָטן תלמידים פון „ח. נ. ביאַליק־שול״, „י. ל. פּרץ־שול״ אין צענטער און „שלום־עליכם־שולן״. אַ שלום־עליכם־פּלאַט, וואָס איז גראַווירט געוואָרן ניין חדשים פאַרן טויט פון גרויסן פאָלקס־שרייבער, האָט געלאָזט הערן זיין לעבעדיקע שטים און די שלוס־ווערטער האָבן געהאַלטן מאַרק טורקאָוו און משה שענדעריי.

אָנזעעוודיק זיינען געווען די אויפטועון פון ועד החינוך המרכזי, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל דידאַקטישע מאַטעריאַלן, און האָט איינגעאָרדנט אַ שול־קאָנקורס פון שלום־עליכם־פאַרשטעלונגען מיטן אָנטייל פון 16 שולן, וואָס האָבן אויפגעפירט אַכט איינאַקטערס און עס זיינען אויסגעטיילט געוואָרן דריי פּרעמיעס. אַ ראַדיאָ־קאָנקורס פון קאָמפּאָזיציעס וועגן שלום־עליכם און זיינע ווערק. דאָס שלום־עליכם־יאָר איז אַריינגעפירט געוואָרן אין קינדער־גאָרטן און געלאָזט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק ביי די פּיצעלעך קינדער, וואָס וועט אפשר ביי אייניקע פון זיי פאַרבלייבן אויפן גאַנצן לעבן.

צווישן די גרעסערע שול־פּאַרמעסטן פון שלום־עליכם־יאָר קומט די בכורה דער צווישאָ מיט איר גראַנדיעזער שלום־עליכם־אויסשטעלונג צווישן 11טן און 19טן יולי 1959; די צענטראַלע ביאַליק־שול האָט איינגעאָרדנט אַ גאַנצע ריי מסיבות און האָט געווידמעט שלום־עליכם אַ גרויסן טייל פון דעם סוף שול־יאָר־פאַרשטעלונג. די פּרץ־שול אין צענטער האָט אַ חוץ אַלע אינערלעכע שול־איניציאַטיוון דורכגעפירט אַ גרויסן שלום־עליכם־פרימאָרגן אין טעאַטער „סאָלעיל״ זונטיק דעם 29סטן אויגוסט 1959. די מיטל־שול־תלמידים האָבן אויפגעפירט „קאַסרילעווקער רעסטאָראַנען״.

די „העבראַיקאַ״ האָט דורכגעפירט צוויי גרויסע שלום־עליכם־אַקאַדעמיעס; דער שרייבער־פאַראיין ה. ד. נאָמבערג האָט איינגעאָרדנט אַ שלום־עליכם־אַקאַדעמיע; דער קולטור־קאָנגרעס האָט זיינע יערלעכע קאָנקורסן פאַר מיטלשולן און אָנהייבשולן אין אַרגענטינע געווידמעט דער שלום־עליכם־טעמאַטיק און אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן העפט מיט די פּרעמירטע אַרבעטן. דער ייִוואָ האָט געווידמעט דעם גאַנצן קולטור־זמן דעם שלום־עליכם־יאָר און איינגעאָרדנט אַן אויסגעצייכנטע שלום־עליכם־אויסשטעלונג און האָט פּראָקלאַמירט אַ קאָנקורס פאַר יוגנטלעכע אויף שלום־עליכם־טעמעס, האָט אַרויסגעגעבן אַן אויסגאַבע א״נ שלום־עליכם אין בילד, האָט איינגעאָרדנט צוויי שלום־עליכם־אימפּרעזעס און ניין שבת־פאַרנאַכטיקע אוידיטאָריעס מיט שלום־עליכם־לעקציעס און קינסטלערישע אויפטריטן.

ייִדישע אינסטיטוציעס פון אַלע מינים: קולטורעלע, לאַנדווירטשאַפטלעכע, פאַך און בראַנזשע־קערפּערשאַפטן, יוגנט און פרויען־גרופּירונגען, אוניווערסיטאַריער און דייטש־רעדנדיקע ייִדן האָבן איינגעאָרדנט שלום־עליכם־אימפּרעזעס.

דאָס ייִדישע טעאַטער האָט בייגעטראָגן זיין טייל. „מיטרע״ האָט אָנגעהויבן דעם סעזאָן מיט „צעזייט און צעשפּרייט״, רעזשי יוסף מאַורער, פּראָלאָג און עפּילאָג פון יעקב באָטאָשאַנסקי און „צוויי הונדערט טויזנט״ מיט מאַקס פּערלמאַן און גיטאַ גאַלינאַ; „דוד ליכטס טעאַטער״ האָט אויפגעפירט דעם שלום־עליכם־ספּעקטאַקל „מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט״; „אַרטעאַ״ האָט זיך פּרעזענטירט מיט „מענטשן״ און „אַ זעקס און זעכציק אין צווייען״, רעזשי פון מאַקס בערלינער; דער אַקטיאָרן־פאַראיין האָט אויך זיין יערלעכער אונטערנעמונג געשטעלט די פּיעסע „שווער צו זיין אַ ייִד״, רעזשי פון מאַקס קלאָס.

די קהילה האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע אויסגאַבע וועגן שלום־עליכם־יאָר אין

אַרגענטינע, רעדאַקטירט פון יצחק יאַנאַסאָוויטש אין אריינפיר־וואָרט פון אברהם מיטלבערג, מיט אַלע וויכטיקע מאַטעריאַלן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די פייערונגען.

דאָס הערצל־יאָר און די אַנדערע דאַטעס, אַניווערסאַרן און יובּילייען אין 1960

דאָס פייערן יובּילייען, אַניווערסאַרן און היסטאָרישע דאַטעס אין יידישן לעבן, וואָס האָבן סיי אַ נאַציאָנאַלע ווי אַ קולטור־אויפקלערערישע באַדייטונג, איז איינע פון די אַלטע און אייסגעפּרוּווטע אינסטרומענטן פון דער יידישער גייסטיקייט זינט די אוראַלטע צייטן. אַלץ באַזירט זיך ביי אונדז אויפן פאָלקס־זיכרון פון „מעשי אבות ירשו בנים”, אַן קאָנטינויִטעט וואָלט אפשר



אַ בליק אינעם זאַל פון דער ביכער־אויסשטעלונג אין יאָר 1962.

נישט געהאַט קיין זין אונדזער גאַנצע יידיש־נאַציאָנאַלע קולטור־אַרבעט. די צרה איז אָבער, וואָס אין געוויסע צייטן איז דער פאָלקס־זיכרון געווען אַפּט מאָל אַן איינזייטיקער. וועלטלעכע יידן — מיט אַ קאַרגע פּאָר צענדלינג יאָר צוריק — וואָלטן נישט געמאַכט קיין וועזן פון אַ יובּיליי פון ישראל בעל־שם־טוב ז״ל, פּונקט ווי שאַרפע יידישיסטן וואָלטן זיך נישט צופיל דערמאָנט וועגן פייערן די יאָרצייט־דאַטע פון ח. נ. ביאַליק. דובּנאָוו וואָלט געווען אַן ענין פאַר נישט־ציוניסטן און ד״ר הערצל — אַ דאַטע פאַר אויסגעשפּראָכענע ציוניסטן.

דעריבּער איז אין אָנפאַנג פון דער דאָזיקער אַרבעט געזאָגט געוואָרן אַז אין דער כלל־ישראלדיקער קולטור־אַרבעט פון דער קהילה איז אָפּגעשאַפן געוואָרן דער איבּל „וואָס פאַר אַ קולטור־טרעגער אַזאַ קולטור”. דאָס יאָר 1960 איז געווען דער בעסטער סימן מובהק פאַר דער

דאָזיקער הנחה, פונקט ווי דער גורל אַליין מיט זיין היסטאָרישן קאַלענדאַר פון יידישע דאַטעס וואָלט אַוועקגעשטעלט דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה פאַר אַ נסיון און געוואָלט זען צי ער וועט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען.

אין 1960 איז אויסגעפאַלן די הונדערטיעריקייט פון ד״ר הערצלס געבורט. דער אַרגענטינער יידישער ישוב, וואָס איז יידיש נאַציאָנאַל אין זיין אַבסאָלוטער מערהייט און ציוניסטיש און פּראָ־ישראלדיק געשטימט, נישט בלויז אין פּאַרטייאיש, נאָר אויך אין פאָלקסטימלעכן זין פון וואָרט, האָט פּונקט ווי אין 1959 מיטן שלום־עליכם־יאָר פּראָקלאַמירט אַ „הערצל־יאָר". די קהילה און דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט זיינען געווען די ריכטיקע אויספירער פון דעם בפירושן פאָלקס־רצון און האָט אין דאָזיקן יאָר אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע בראָשור אין שפּאַניש און יידיש מיט די וויכטיקסטע אויסצוגן פון הערצלס אויטאָביאָגראַפיע, ביאָגראַפישע דאַטן און בילדער. דעם 6טן נאָוועמבער איז מיט אַן איינדרוקפולער צערעמאָניע אויפגעדעקט געוואָרן אַ הערצל־ביוסט אין פּאָיע פון קהילה־בנין. דער חודש פון יידישן בוך איז אין 1960 געווען דעקאָרירט מיט דער הערצל־געשטאַלט אויף דעם היסטאָרישן קאָנגרעס אין באַזעל, צוזאַמען מיט די ראשונים פון פּאָליטישן ציוניזם. די דעקאָרירונג האָט סימבאָליש פאָרגעשטעלט, סיי דעם הערצל־געדאַנק און אידייע און סיי זייער פּראַקטישע פאַרווירקלעכונג מיטן אויפקום פון מדינת ישראל.

דער קולטור־זמן פון 1960 איז דערעפנט געוואָרן דעם 13טן מאַי מיט אַ הערצל־פאָרטראָג פון מ. שענדעריי, מיטן אָנטייל פון ראש־הקהל אלימלך גוטקין, סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט אברהם מיטלבערג און אויפטריט פון „הזמיר"־כאָר אָנגעפירט פון ב. פייער; מיט ספּעציעלע רעפעראַטן וועגן ד״ר הערצל במשך פון קולטור־זמן אין קהילה און אין די געגנטן, און בעת ד׳עם ביכער־חודש, זיינען אַרויסגעטראָטן די בעסטע לאָקאַלע רעדנער. יעקב באָטאָשאַנסקי מיט „ווין און ירושלים" (הערצל דער קינסטלער און וויזיאָנער) און „הערצל צו זיין 100־יאָריקן געבוירנטאָג"; ש. ראָזשאַנסקי: „ד״ר הערצל, זיין פאָרגייער און זיין קאָנקורענט"; ד״ר הר־אבן (אויף עברית): „הרצל מאה שנים להולדתו"; ד״ר יצחק גאָלדבערג (שפּאַניש): „דאָס אָרט פון הערצלען אין דער יידישער געשיכטע". דעם 15טן יולי זיינען אין איין זונטיק געהאַלטן געוואָרן ניין הערצל־פאָרטראָגן אין די געגנטן מיטן אָנטייל פון די בעסטע היגע לעקטאָרן. דאָס הערצל־יאָר איז געווען נישט בלויז אַ מאַניפעסטאַציע פון יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק, נאָר אויך אַן אויסדרוק פון דעם קולטור־ניוואָ פון אונדזער ישוב, און אַ באַווייז אַז דער געזעלשאַפטלעכער דופק פּולסירט שטאַרק אין די אָדערן פון אונדזערע יידישע מענטשן, וואָס הייבן זיך אויף אין אַ זונטיקדיקן ווינטערדיקן פרימאָרגן צו הערן אַ יידיש וואָרט ביי זיך אין געגנט, אָדער פאָרן צו אין יידישן צענטער אין קהילה־זאַל.

פונקט ווי דער קולטור־זמן האָט זיך דערעפנט אונטערן צייכן פון הערצלס הונדערט־יאָריקן געבורט, אַזוי האָט זיך דער ביכער־חודש אָנגעהויבן מיטן אָנדענק צום 25־יאָריקן אַניווערסאַר נאָך ביאַליקס פטירה. דעם 15טן סעפּטעמבער 1960 מיטן ביאַליק־פאָרטראַג פון דעם קולטור־גאַסט חיים גראַדע, אויף דער דערעפענונג פון ביכער־חודש אין קהילה־זאַל.

אין זעלביקן יאָר איז אויסגעפאַלן די הונדערטיעריקייט פון שמעון פרוג, וואָס ווערט אפשר אין אַ סך יידישע ישובים פון די תפוצות נישט באַמערקט, אָבער דאָס וואָלט נישט געווען אין גייסט פון כלל־ישראלדיקער קולטור־אַרבעט פון דער קהילה און קעגן דעם פּרינציפּ פון אונדזער היסטאָרישן פאָלקס־זיכרון. דער דאָזיקער אַניווערסאַר האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין קולטור־זמן. דעם 2טן אָקטאָבער איז י. באָטאָשאַנסקי אַרויסגעטראָטן אין קהילה־זאַל מיטן פאָרטראַג „אין יענער בלויער ווייס" (אָפּשאַצונגען און זיכרונות וועגן שמעון פרוג). דעם 9טן אָקטאָבער איז ד״ר לעאָן דוכאָוונע (שפּאַניש) אַרויסגעטראָטן מיטן פאָרטראַג „די פּערזענלעכקייט פון פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו", אין שייכות מיט זיין 100סטן געבורטסטאָג, און דעם 11טן אָקטאָבער — מאַרק טורקאָוו, מיטן פאָרטראַג „נחום סאָקאָלאָוו, דער מנהיג און דענקער (צו זיין 100סטן געבורטסטאָג). אין די זעלבע ציקלען און אין די ראַמען פון די קולטור־אַקטן פון דעם ביכער־

חודש 1960 קומט אויך אַריין חיים פינקלשטיינס רעפעראַט פון 27סטן סעפטעמבער: „דער וועקער פון מענטשלעכן און ייִדישן געוויסן״ (45סטער יאָרצייט נאָך י. ל. פּרץ) — דריי 100־יאָריקייטן און צוויי יאָרצייטן וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר גרויסע ייִדישע עפּאָכעס און אומבאַשטרייטבאַרע ווערטן פאַרן ייִדישן פאָלקס־זיכרון, זיינען דערמאָנט געוואָרן, און זיי מאַכן אויס גאַנצע פינף צווישן די סך־הכל פופצן קולטור־אימפּרעזעס פון ביכער־חודש.

דעם 200־יאָריקן אַניווערסאַר נאָך דער פּטירה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, האָט דער ישוב געפייערט סיי רעליגיעז, סיי וועלטלעך און פאָלקסטימלעך, באַלייכטנדיק אי דעם שעפער חי זיין שאַפונג — דעם בעל־שם־טוב און דאָס חסידות. דעם 19טן אויגוסט האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג הרב הראשי ר׳ יעקב פינק אד״ט: „ישראל בעל־שם־טוב״. יוסף רויזען האָט אין דעם זעלבן פעריאָד אַרויסגעטראָטן אין די געגנטן מיט זיינע פאָרטראַגן: „ר׳ ישראל בעל־שם־טוב״, „חסידות״, „ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און זיין רבי אחיה השילוני״, „הערצל ביאַליק״, און „ש. פרוג — דער דיכטער פון ייִדישן צער״. מרדכי בערנשטיין איז אַרויסגעטראָטן וועגן דער הונדערט־יעריקייט פון אונדזער ישוב, וואָס פיגורירט אין זעלבן קולטור־זמן (פאַראַן אַ באַזונדערע און ספּעציעלע אַרבעט אין דאָזיקן בוך) מיט: „דובנאָוו — דער גאון פון דער ייִדישער היסטאָריאָסאָפיע״, און „חסידות — די באַוועגונג פון לעגענדאַרער וואָר״. יעקב באָטאָשאַנסקי: „געשיכטע אוןווירקלעכקייט״ (צום 100סטן געבורטסטאָג פון ש. דובנאָוו), און „חסידות — 200 יאָר נאָך דער פּטירה פון בעל־שם־טוב״. משה שענדעריי: „200 יאָר נאָך דער פּטירה פון בעל־שם־טוב״.

אַזוי האָט דער היגער ייִדישער ישוב דורך דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון דער קהילה געפייערט די הונדערטיעריקייטן, יובילייען, אַניווערסאַרן און וויכטיקע ייִדיש־נאַציאָנאַלע דאַטעס פון דעם פאַרשיידנאַרטיקסטן מין, וואָס האָבן זיך אַלע באַגעגנט מיט אין יאָר — 1960 — ווי מען וואָלט דורך דעם אונטערגעשטראָכן, אַז אַרגענטינער ייִדן גייען אויפן ריכטיקן וועג פון דעם נצח־ישראל און אַז גיין אויפן דאָזיקן וועג דאַרף מען צוזאַמען מיטן בעל־שם־טוב און י. ל. פּרץ מיט הערצלען און ביאַליקן, מיט ש. דובנאָוו און ש. פרוג, מיט נחום סאָקאָלאָוו, מיטן גאַנצן ייִדיש־גייסטיקן באַגאַזש פון אַלע צייטן.

טעאַטער־סובסידיעס, תנ״ך־קורסן, דער כאָר „הזמיר״

אויפן חשבון און דער טעטיקייט פון דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה קען אויך פאַררעכנט ווערן די סובסידיעס פאַרן ייִדישן טעאַטער. דער ערשטער באַשלוס וועגן דעם איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער פאַרוואַלטונגס־זיצונג פון 20סטן מאַי 1957. די טעאַטער־סובסידיעס האָבן זיך אָנגעהויבן בהדרגהדיק. צוערשט זיינען געשטיצט געוואָרן אייניקע פאַרשטעלונגען פון קינסטלערישן רעפּערטואַר. נאָך פאַרשיידענע עטאַפּן איז אויסגעברייטערט געוואָרן די דאָזיקע הילף אויף סיסטעמאַטישע סובווענצן, סיי פאַרן פּראָפעסיאָנעלן, ווי פאַרן געזעלשאַפטלעכן ייִדישן טעאַטער, מיט אַ חודשלעכער הילף במשך פון סעזאָן. במשך פון די לעצטע פעריאָדן מיט עפנטלעכע זיצונגען, איז אויך דעבאַטירט געוואָרן וועגן טעאַטער־פּראָבלעמען. דאָס איז אויך איינע פון די אייגנאַרטיקייטן פון היגן קהילה־לעבן, וואָס האָט אַ וואַכן אויער און אָפענע אויג פאַר אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט ייִדישקייט, פון אַ ייִדיש טעאַטער ביז אַ כשרן רעסטאָראַן.

די תנ״ך־לעקציעס ביי דער קהילה זיינען דערעפנט געוואָרן דעם 27סטן מאַי 1958, און ווערן געפירט צוויי מאָל אין וואָך במשך פון קולטור־זמן. דאָס איז אַן אייגנאַרטיקער אופן צו לערנען תנ״ך, — שמועסן וועגן די נביאים אין שיין פון אַמאָל און דער היינטיקער צייט, — ווי עס טוט עס יוסף רויזען מיט זיינע אָפענע חושים פאַר אינטעגראַלער ייִדישקייט, וואָס מאַכט

נישט קיין אונטערשייד צווישן ייִדן און ייִדישע ריכטונגען און פּאַרטייען, נאָר לייגט דעם טראָפּ אויף דעם עיקר: זיך אויסלעבן ייִדיש און שעפּן פון אַלע ייִדישע קוואַלן. אַזאַ מין לערנען תנ״ך איז אין גייסט פון אונדזער קהילה־לעבן און פון אונדזער היגן ישוב. אין די צייטן פון הרב ציפּערשטיין (1957־58) איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו לערנען אַ שיעור גמרא אין דער קהילה. די לעצטע פּאָר יאָר ווערט געפירט אַ קורס פון ייִדישער געשיכטע פאַר דער יוגנט (אויף שפּאַניש), מיט דער מיטווירקונג פון די קולטור־ און יוגנט־דעפּאַרטאַמענטן, און עס ווערט געפּייערט אַלע ייִדישע ימים־טובים.

אַ באַזונדער פאַרדינסט פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה איז די שאַפונג פון „הזמיר״. אין פעברואַר 1958 איז געעפנט געוואָרן אַ קאָנקורס אויפן אַמט פון אַ כאָר־דירעקטאָר.



דער אַריינגאַנג אין זאַל פון דער ביכער־אויסשטעלונג אין יאָר 1962.

ס׳איז געפונען געוואָרן ווי פּאַסיק פאַרן דאָזיקן אַמט ה׳ בערנאַרד פּייער — דער שעפער און גרינדער פון פאָלקס־כאָרן, נישט בלויז דאָ אין בוענאָס־איירעס אַליין, במשך פון לאַנגע יאָרן. אונטער זיין אָנפירונג איז דער קהילה־כאָר „הזמיר״ נאָך די ראַנגלענישן פון די ערשטע גרינדונגס־יאָרן, געוואָרן אַן אמתער פאָלקס־כאָר און איז אַריינגעוואַקסן אין דעם קולטור־לעבן פון אונדזער ישוב, סיי ווי אַ מוזיקאַלישע אינסטיטוציע, וואָס האָט באַוויזן אַריינצוציִען יוגנט און דערוואַקסענע, און סיי ווי אַ טרעגער פון ייִדישער נגינה אויף אַלע גרעסערע און קלענערע קולטור־מאַניפעסטאַציעס פון ייִדישן אַרגענטינע. אין קולטור־זמן פון 1961 האָט דער „הזמיר״־כאָר צו פאַרצייכענען 31 אַרויסטריטן.

דער קהילה־אַרכיוו פון פּרעסע־אויסשניטן

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע אויפטוען פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה, איז דער אַרכיוו פון פּרעסע־אויסשניטן און זיינע יערלעכע זאַמלונגען, וואָס דערשיינען זינט 1955. דאָס זענען אמתע וועגווייזער פאַר דער צוקונפטיקער געשיכטע־פאָרשונג און פאַרן אויסגעפינען די גענויעסטע דאַטן און פּרטים וועגן דער מינדסטער געשעעניש אין אונדזער ישוב היינט צו טאָג.

ווי אַ סך גוטע זאַכן איז עס אויפגעקומען אויף דער איניציאַטיוו פון אַ יחיד, דעם שרייבער ברוך האַגער, וואָס האָט אָנגעהויבן די דאָזיקע אַרבעט אין 1953, און עס איינגעפירט, לויט דעם זייער פּשוטן און גלייכצייטיק גענוג קאָמפּליצירטן קעסטער סיסטעם, וואָס איז אויפגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, און איז אויך אָנגענומען געוואָרן אין נאָרד־אַמעריקע און אַנדערע פּאַרגעשריטענע לענדער פון דער מערב־וועלט. דאָס איז אַ סיסטעם פון קלאַסיפיצירן פּרעסע־אויסשניטן, לויט קאַטעגאָריעס און נומערן, וועלכע מען קאָן אויפן שטעל תיכף אויסגעפינען, לויט דער אָפּצייכענונג אין דעם קאַטאַלאָג. מ׳קאָן אַזוי אַרום אויסגעפינען אַלץ וועגן די אינסטיטוציעס און יחידים, וועגן זייערע אויפטוען און דערגרייכונגען. עליות און ירידות, וועגן זייער לעבן און טויט, ממש פון אָנפאַנג ביזן סוף.

דאָס איז אַן אַרבעט קאָנצענטרירט אין איין צימער־אָפּטיילונג פון קהילה־בנין וואָס ברוך האַגער מיט דער הילף פון מערי קאַטשערגינסקי און אַ פּאָר יונגע מיטאַרבעטער, האָבן אַנטוויקלט און פּערפעקציאָנירט, לויט דער מאָס פון אונדזער ייִדישן קהילה־לעבן און פּרעסע־וועזן, נישט בלויז אין לאָקאַלן לאַנד־מאַסשטאַב, נאָר אויך אין פאַרנעם פון דער ברייטער ייִדישער וועלט, און אַלץ וואָס ווערט געשריבן וועגן אונדז אומעטום ווערט קלאַסיפיצירט און אַריינגעצויגן אין אַזעלכע אָפּטיילונגען, ווי: אַרגענטינע — ייִדישע וועלט, ביבליאָגראַפישע נאָטיצן און אַרגענטינע — ישראל. ווייטער קומען אַריין אַזעלכע וויכטיקע אָפּטיילונגען און קאַטעגאָריעס, ווי קהילה בוענאָס־איירעס; כלל־ענינים — בוענאָס־איירעס, געגנטן, ועד הקהילות, פּראָווינץ; חינוך; קולטור־ענינים; געסט אין אַרגענטינע; באַערונגען און באַגריסונגען; פּטירות און אזכרות; וואַלן אין דער קהילה; חודש פון ייִדישן בוך; רעליגיעזע ענינים.

וועגן פאַרנעם פון דאָזיקן אַרכיוו וועט זיין גענוג אָנצווייזן אַז הגם דער יאָר־בוך פון 1956, האָט שוין די זעלבע 14 קאַטעגאָריעס און אָפּטיילונגען, ווי היינט־צו־טאָג, איז אָבער די צאָל זייטן 113 מיט 3.570 אויסשניטן; אין 1957 — 224 זייטן מיט 6.746 אויסשניטן; אין 1958 — 284 זייטן מיט 9.142 אויסשניטן; אין 1959 — 241 זייטן מיט 7.708 אויסשניטן. די לעצטע זאַמלונג פון 1961 האָט 7.034 אויסשניטן און 206 זייטן.

אַ דאַנק דעם דאָזיקן פּרעסע־אַרכיוו און זיין פּערפעקטן קלאַסיפיקאַציע־סיסטעם וועט גאָרנישט פאַרלאָרן גיין און פאַרגעסן ווערן, מיטן גאַנג פון דער צייט; פון דעם קלענסטן לאַנדסלייט פאַראיין, ביז דער וויכטיקסטער אינסטיטוציע; פון דעם מנהיג, ביז דעם באַשיידענעם עסקן, — אַלץ, וואָס איז נאָר, וועגן וואָס עס זאָל נאָר נישט זיין אַרויסגעקומען געדרוקט אויף פּאַפּיר, וועט אויסגעפונען ווערן שנעל און דירעקט אין דעם זעלבן מאָמענט, וואָס עס וועט נייטיק זיין, לויטן וועגווייזער פון פּרעסע־אַרכיוו פון דער קהילה, וועלכער איז דער פאַקטישער ספר־הזכרונות פון היגן ישוב.

די ווייטערדיקע יאָרן — אונטערן צייכן פון קולטור־חינוך־יוגנט

די קולטור־אַרבעט פאַר דערוואַקסענע, וואָס איז אַזוי ווירקנדיק אין כלל־ישׂראלדיק פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן דורכן קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון דער קהילה, איז פון תמיד אָן געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט אַ גרויסער חינוך־אָנשטרענגונג, וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרן

אַרויסגערוקט אַ דריטע וויטאַלע נויטווענדיקייט פאַרן גייסטיקן לעבן פון ישוב און אַזוי אַרום, האָט זיך געשאַפן דער דרייעק — קולטור, חינוך, יוגנט.

דער יוגנט־דעפאַרטאַמענט ביי דער קהילה האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען וואָס ווייטער אַלץ מער פלאַץ אויף די דיסקוסיעס פון די פאַרוואַלטונגס־זיצונגען און עס האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט אַן ענגער קאָנטאַקט מיטן קולטור־דעפאַרטאַמענט און עס פירט צו דעם, אַז דאָס מאָל זאָל אויך דערגיין צום וועד־החינוך המרכזי, פאַר דער געמיינזאַמער אָנשטרענגונג צו דערגיין צו דעם יינגערן דור, וואָס קאָנצענטרירט זיך אַרום די בתי־עם און יוגנט־אינסטיטוציעס און ווילן זיך אויסלעבן יידיש.

די קהילה־פאַרוואַלטונג און פאַרבעטענע געסט ביי דער געזעגענונג פון מרדכי שטריגלערן.

די דאָזיקע טענדענץ שפילט זיך אָפ די לעצטע פאָר יאָר אין אונדזער קהילה־טעטיקייט. אין 1961 איז איינגעפירט געוואָרן אַ קורס פון יידישער געשיכטע אויף שפאַניש אין קהילה־בנין, פאַראַלעל מיט אַ ברייטער יוגנט־אַרבעט אין די געגנטן און פעריפעריע פון גרויס בוענאָס־איירעס און דורכן וועד־הקהילות אין פראָווינץ. דער חודש פון יידישן בוך און דער קולטור־זמן האָט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן מער אויפמערקזאַמקייט און פאַרשטענדעניש פאַר דער יוגנט. צוזאַמען מיטן ביכער־פאַרקויף איז איינגעפירט געוואָרן אַן אָפטיילונג פאַר מוזיק־פלאַטן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער אַ געלונגענער אָנהייב, טראָץ דעם, וואָס אין די פריערדיקע יאָרן האָט זיך אַן ענלעכער פרווו מיט דער „זימרה” נישט איינגעגעבן.

די פייערונגען פון דעם בר־מצווה יום־העצמאות פון דער קהילה, מיט אַ רעגיסטראַציע פון די קינדער וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין זעלבן טאָג, חודש און יאָר פון דער מדינה־גרינדונג, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט נישט נאָר דער־

גענטערט ייִדישע פאַמיליעס דורך די קינדער צו ישראל, ייִדישן נאַציאָנאַלן געדאַנק און קהילה־לעבן, נאָר אויך צו דער ייִדישער קולטור און האָבן געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג, סיי אין דער ברייט ווי אין דער טיף.

די זעקס יאָר און דאָס זיבעטע

אויב מ׳זאָל אָננעמען די הנחה, אַז די געשיכטע פון אַ פאָלק איז קודם־כל די געשיכטע פון זיין קולטור, איז עס גאַנץ באַזונדער חל אויפן ייִדישן פאָלק. להיפוך צו די אומות־העולם, האָבן מיר נישט אין אונדזער ספר הזכרונות צו פאַרצייכענען קיין טעריטאָריעלע דעראָבערונגען, קיין נעמען פון גרויסע קריגס־פירער און גענעראַלן, ביז דער גאָר לעצטער צייט, ווען דער געשיכטלעכער גורל האָט אונדז ממש אַרויפגעצוווּנגען צו נעמען אויך די שווערד אין האַנט. זענען מיר געווען דער עם־הספר פאַר־עקסעלאַנס, דער אוניקום צווישן די פעלקער, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף אַ בלויזער גייסטיקער טעריטאָריע. די דאָזיקע קולטור־טראַדיציע איז דער קנין לעולם ועד פון עם ישראל, און איצט אויך פון מדינת־ישראל. און אַרגענטינער ייִדן מעגן זיך איבערנעמען מיט זייער קליינער גייסטיקער טעריטאָריע, אין פאָיע פון קהילה־הויז, ביים ביכער־חודש, און אין רעלאַטיוו באַשיידענעם זאַל פון קהילה־בנין; גרויסע זאַכן ווערן נישט געשאַפן דווקא אויף גראַנדיעזע פלעצער און גרויסאַרטיקע טעמפּלען, ווייל אין מלכות פון גייסט, איז דער שטח און אומפאַנג — רעלאַטיוו.

רעדן מיר וועגן די זעקס יאָר פון 1956־1961, קאָן מען נאָך זאָגן, אַז דאָס זענען געווען רעלאַטיוו נאָרמאַלע און רויִקע יאָרן פאַרן היגן ייִדישן ישוב, הגם די שפּאַנונג האָט זיך אויסגעוויקלט בהדרגהדיק און געגאַנגען כסדר פאָרויס, אָבער אין 1962 האָבן מיר שוין געפילט די שווערע אונטערערדישע קלעפּ אונטער די פיס און אין סאַמע הויכפּונקט פון דעם קולטור־זמן, האָבן אויך אַרויסגעזעצט די ערשטע פלאַמען פון פיזישן אָנגריף און אַנטי־ייִדישע אויסברוכן.

דער קולטור־זמן פון 1962, האָט אפשר נישט ווייניקער, ווי דער באַרימטער דאָנערשטיק נאָכמיטיק פון ייִדישער סאָלידאַריטעט, באַוויזן דעם גייסטיקן כוח פון אונדזער ישוב. גרויסע ייִדישע קולטור־מאַניפעסטאַציע מיט אַ געדריקטער צייט, סיי עקאָנאָמיש, ווי פּאָליטיש, פאַרן זיך נישט, בפרט אַז די שטימונג האָט געהויערט מיט פּאַניק און שווערע פאָרגעפילן. פון דעסטוועגן איז דער לעצטער קולטור־זמן, פון אָנהייב ביזן סוף, געווען איינער פון די אינטענסיווסטע, סיי אין דער ברייט, ווי אין דער טיף, און האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיטן צווייטן באַזוך פון מרדכי שטריגלער, ווי דער קולטור־גאַסט ביי דעם חודש פון ייִדישן בוך, און ער האָט צוגעצויגן גרויסע מאַסן אויף זיינע פאָרטראָגן. דער קולטור־זמן 1962, האָט באַשטעטיקט דעם אַלטן כלל, אַז דאָס גייסטיקע כלי־זין איז דער גרעסטער כוח פון ייִדישן פאָלק אין דער גרויסער וועלט.

ציפערן זענען די בעסטע עדות, זיי רעדן מער ווי ווערטער און זיי קאָנען זיין דער בעסטער מליץ־יושר פאַרן אויסדויער און גייסטיקן ווידערשטאַנד־כוח פון אַרגענטינער ייִדן. אין דעם שווערסטן יאָר, זענען נישט נאָר אויפגעהאַלטן געוואָרן די דעראָבערטע פּאָזיציעס און מען האָט נישט געדאַרפט אָנקומען, ווי עס פירט זיך אין אַ שוואַרצן טאָג, צו לעבן פון גרייטן, נאָר מען האָט אַפילו געמאַכט אַ שטיקל שריט פאָרויס און באַרייכערט דעם גייסטיקן רכוש פון אונדזער ישוב. אין לעצטן קולטור־זמן איז אויפן סמך פון די באַראַטונגען מיט די אָרטיקע עסקנים, פּערפעקציאָנירט געוואָרן דער סיסטעם פון די געגנט־קורסן, און עס זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן ענדערונגען אין די שעהן, אָנשטאָט פרימאָרגנס, זענען אין מאַנכע פונקטן איינגעפירט געוואָרן מוצאי־שבת צוזאַמענקונפטן, זונטיק פאַרנאַכטן און אָוונטן, לויט די נויטווענדיקייטן פון יעדער געגנט און ישוב און עס איז געוואָרן אויס מיט בלויז אַ פּאָר מנינים צוהערער; דאָס זעלבע איז געטאָן געוואָרן מיט דער טעמאַטיק און קולטור־פּראָגראַמען. עדות

זענען די ציפערן פון ביכער־פאַרקויף אין 1962, וואָס שטייגן איבער דעם פאָריקן יאָר, הגם די באַדינגונגען אויפן פלאַץ, ווייזן אָן אויף אַ מוראדיקער עקאָנאָמישער ירידה, וואָס איז פון תמיד אָן אַ צווילינג־ברודער פון גייסטיקער דעפרעסיע.

עס זענען פאַרקויפט געוואָרן אין 1962:

11.192	ביכער אין שפאַניש
4.186	ביכער אין יידיש
2.494	ספרים אין עברית.

סך־הכל: 17.672 ביכער און ספרים, אויפן באַטרעף פון 2.596.914 פעזעס און 1.266 מוזיק, אויפן באַטרעף פון 362.086.

מיר שליסן די דאָזיקע אַרבעט פון אָפשאַצונג און איבערבליק, מיט דער זיכערקייט אַז 1962 איז געווען דאָס יאָר פון אונדזער גרעסטן נסיון און מיט דער האָפענונג אַז די קומענדיקע יאָרן וועלן מיר נישט נאָר קאָנען ווייטער פאַרזייען, נאָר אויך שניידן די גערעטעניש אין די יונגע דורות, און פונקט ווי עס איז אין אונדזער דור מקוים געוואָרן דער „שיר־המעלות בשוב ה׳ את שיבת ציון״, זאָלן מיר אויך זוכה זיין צו „הזורעים בדמעה ברינה יקצרו; הלוך ילך ובכה נשא משך־הזרע בא־יבא ברינה נשא אלמתיו״.





כינוס פון חינוך־עסקנים אין יאָר 1957. דערעפענונגס־וואָרט פון ד״ר ר. נאָוויק, פרעזידענט פון וועד־החינוך.
פון לינקס אויף רעכטס: ח. קאַנאַנאָוויטש, ב. קאָברינסקי, י. בערנשטיין, ח. טשאַלקאָוו, ד״ר ר. נאָוויק, ז. אָרענשטיין, ח. פינקעלשטיין, משה שריג־שטייגבערג, ח. פעסער.

לייב גאלד

אַ ישוב אין געראַנגל...

ביים שרייבן דעם אַריינפיר צום באַריכט פון 5 יאָר טעטיקייט פונעם ועד החינוך המרכזי, דאַרף מען קודם־כל באַטאָנען די אַלע ראַנגלענישן און זוכענישן וואָס האָבן געפירט דערצו, אַז דער וועד החינוך הראשי מיטן וועד החינוך ביי דער בוענאָס איירעסער קהילה זאָלן זיך צוזאַמענגיסן אין איין קערפערשאַפט, כדי אַלע יידישע שולן פון אַרגענטינע זאָלן אָנגעפירט ווערן פון איין מוסד. דאָס איז געווען נישט גאָר קיין לייכטע אויפגאַבע, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט די גרייס פונעם לאַנד, די מרחקים פון איין שול ביז דער צווייטער און במילא אויך די קלימאַטישע, טאָפּאָגראַפישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די צעשפרייטע ישובים, וועמעס יידישע באַפעלקערונג מאַכט אויס, אין בעסטן פאַל אַ ברוך־טייל פון אַ פּראָצענט פונעם גאַנצן אַרום. מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז אין אַ גרויסער צאָל ישובים איז די שול דער איינציקער פלאַץ וווּ עס ווערן באַנוצט די קוואַדראַטנע אותיות; אַז אין אַ סך ערטער איז יידיש לשון לגמרי פרעמד און דער תלמיד איז דער איינציקער וואָס לערנט אין אַ יידיש, אָדער העברעיש ספר. שאַפן פון די אַלע שולן, צוזאַמען מיט די שולן פון דער הויפּטשטאָט, אַן איינהייט, אויסבילדן לערערס און מדריכים פאַר די אַלע אַנשטאַלטן, צוגרייטן דידאַקטישע מאַטעריאַלן, זיין פאַרבונדן מיט די פאַרוואַלטונגען און דירעקציעס, לערער־אָרגאַניזאַציע און קהילות, נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע אחריות און דער וועד החינוך המרכזי זאָל דאָך נישט זיין קיין אויטאָנאָמע קערפערשאַפט, איז געווען נישט קיין לייכטער ענין. ווייסנדיק דאָס און נאָך עפּעס, אפשר דאָס וויכטיקסטע, אַז די שול איז בעוונותינו הרבים, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, די איינציקע גאַראַנטיע פאַר אונדזער המשך, מוז מען באמת פאַרמאָגן אַ גרויסע דאָזע פון עקשנות נישט נאָכצוגעבן, נישט זיך אונטערצוגעבן, ווייל דער עיקר איז דאָ דער געראַנגל. אַזוי לאַנג מיר וועלן אָנהאַלטן דעם געראַנגל אָן חשבונות, וועלן מיר אויספירן.

מיט 5 יאָר צוריק — 1957 — האָבן מיר נישט געהאַט קיין סך ווייניקער תלמידים אין די שולן ווי איצט. נאָך 5 יאָר אַרבעט, קענען מיר נישט אונטערצייכענען אַ סך־הכל פון אַ פאַרגרעסערטע צאָל תלמידים אין דער אָנפאַנג־שול. אָבער מאָדנע, מיר האָבן אין פאַרלויף פון די 5 יאָר צו פאַרצייכענען אַן אַנדערן אַקטיוו: אַ גרעסערע צאָל יינגע אינטעליגענטע מענטשן, איבער 1.500, כן ירבו, וואָס פילן אויס אונדזערע תיכונים, סעמינאַרן, מדרשה ווי אויך ישיבות, נישט נאָר אַלס תלמידים, נאָר אויך ווי לערערס. מיר פאַרמאָגן אַ יינגע אינטעליגענץ, זייער אַ וויכטיקע, וואָס קומט נישט מער צו גרייטע טישן, נאָר זיי גרייטן אַליין די טישן. אייגענע מועדונים, אייגענע אויסגאַבעס. מיר האָבן אַ יוגנט, וואָס איז שוין מיט אונדז נישט צופרידן און פאָדערט, פאַרלאַנגט און קריגט זיך מיט אונדז. די צוזאַמענאַרבעט פון ישראל דורכן מכון גרינבערג און מכון גולד איז נישט אָפּצושאַצן אין דער אויספאָרמירונג פון די דאָזיקע יונגע אינטעליגענטן און לערערס.

מיר פאַרמאָגן איצט אַ סעמינאַר אין מאָזעסוויל, וואָס קען און וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אוניקום אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. דער מפעל קרית־משה (מאָזעסוויל), וואָס האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלענדיק, קען זיכער אין גיכן זיך פאַרוואַנדלען אין איינעם פון די וויכטיקסטע אַנשטאַלטן פאַר דער אויסבילדונג פון לערערס און מדריכים פאַר אונדזערע ישובים אויף דער פּראָווינץ. ווען מיר קוקן פון איין זייט אויף אונדזער יוגנט, אויסגעבילדעט און דערצויגן אין אונדזערע אַנשטאַלטן און מיר האָבן אין זינען אין וועלכע באַדינגונגען זיי זיינען

ועד החינוך המרכזי בארגנטינה
צענטראלער ועד החינוך אין ארגענטינע
2־טער לאנדעס כינוס פאר חינוך
יד־יח תמוז תש״ך
יולי 9-13 1960

2טער חינוך־קאָנגרעס אין יאָר 1960, מיטן אָנטייל פון בן יהודה.
פון רעכטס אויף לינקס: אינזש׳ נ. ראַדזשיכאָווסקי, הרב י. פינק, ד״ר ס. קאַמענשיין, ד״ר י. בן יהודה, ל. גאָלד, ז. אָרענשטיין, י. בערנשטיין, פּ. גרייזוער, מ. אַלפּערט.

אויסגעוואַקסן (בימי פעראָן); ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דעם אַלגעמיינעם קריזיס און אַנאַרכיע וואָס אונדזער לאַנד האָט דורכגעמאַכט און מאַכט דורך, מוז מען מודה זיין, אַז אין די באַדינגונגען האָבן מיר נישט ווינציק דערגרייכט. מיר האָבן אין אונדזער רשות אַ גענוגנדיקע צאָל ייִנגע מענטשן וואָס איז גרייט צו לערנען, וואָס רייסט זיך מיט אַלע כוחות צו פאָרן לערנען קיין ישראל און וויל מאַכן פון לערעריי אַ קרדום לחפר בו. בלייבט נאָר פאַר אונדז זיי צו העלפן, זיי צו דערמעגלעכן דאָס צו דערגרייכן.

דערעפענונג פון חינוך־קאָנגרעס מיטן אָנטייל פון זלמן שזר.

מיר האָבן נישט באַוויזן צו פאַרגרעסערן די צאָל תלמידים אין די שולן. אין דער שטאָט בוענאָס־איירעס זיינען צוגעקומען נייע קלאַס־צימערן און מיר פאַרמאָגן אַ גרויסע צאָל שולן, אפשר צו אַ גרויסע צאָל, אַ גרויסע צאָל כתות און אַ קליינע צאָל תלמידים. מיר פאַרמאָגן אַ צו גרויסע צאָל שולן, ביי וועלכע מען דאַרף האָבן אַ גוטן ווילן זיי צו אָנרופן שולן, אויסער 10, זיינען אונדזערע שולן נישט גענוג גוט אָרגאַניזירט. במילא קענען קינדערגערטנער נישט זיין בעסער. די פיצעלעך קינדער דאַרפן נאָכיאָגן דעם פולמאַן פון דער שול און פאַרברענגען אין קינדערגאָרטן בלויז די צאָל שעהן וואָס דער פולמאַן דערלויבט זיי, און נישט וויפל מען וואָלט געדאַרפט. ס׳איז אונדז אָבער נישט געלונגען רעדוצירן די צאָל שולן, ווייל יעדעס מאָל וואָס עס האַלט דערביי באַקומט זיך, אַז נישט קיין שול דאַרף מען צומאַכן, נייערט אַ צענטער אַ גאַנצן, וואָס איז אָפּהענגיק און אָטעמט בלויז מיט דער שול. אויף דעם געביט פון רעאָרגאַניזירן אונדזער שול־וועזן, האָבן מיר דערווייל ווייניק־וואָס דערגרייכט.

וואָס אונדז איז יאָ געלונגען, איז שאַפן דעם באַוווסטזיין ביי אַלע אַנשטאַלטן, אַז זיי זיינען פאַרבונדן מיטן וועד החינוך המרכזי, אַז ס׳איז דאָ אַ געמיינזאַמע פאַראַנטוואָרטלעכקייט

נישט נאָר לגבי דער שול, נייערט לגבי דעם גאַנצן ישוב. אָט־דער געפיל פון „אחד" וואָס גייט דורך ווי אַ חוט השני אין דער פאַרוואָרפנסטער שול אין די מרחקים פון גענעראַל־ראָקאַ, אין דרום פון אַרגענטינע, ביז דער גרעסטער שול פון בוענאָס־איירעס. פון דעם קלענסטן קינדערגאָרטן ביז דער מדרשה און מכון גרינבערג, איז איינע פון די וויכטיקסטע דערציִונגס־פאַקטאָרן פאַר אונדזער המשך. מיר זיינען נישט אַליין. מיר זיינען פאַרבונדן מיט אַ צענטראַלע וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן ישוב און זי, די דאָזיקע צענטראַלע, איז פאַרבונדן דירעקט מיט ישראל, שיקט אַהין אירע תלמידים, ס'איז דאָ אַ שיתוף פעולה. מיר האָבן בכן אַ ווייטערדיקן גאַנג. ער ענדיקט זיך נישט אין דעם קליינעם ישוב, נישט אַפילו אין דער שטאָט בוענאָס־איירעס. מיר האָבן אַ ברייטערן האָריזאָנט. מיר קענען רעדן פון אַ תכלית און אַפילו העכערן ציל ווי בלויז וועגן אַ לערער פון אַ פאָלק־שול. די עצם־עקזיסטענץ פון אַ גרעסערער צאָל מיטלשולן, סעמינאַרן, מדרשה, ישיבות, אָוונט־קורסן פאַר בוגרים א״אַ. גיט אַ מעגלעכקייט

די קהילה־פאַרוואַלטונג און דער וועד־החינוך נעמען אויף זלמן שזר, יאָר 1961.

אַן און פאַר זיך, פאַרן יידישן אינטעליגענטן מענטש. אונדזער וועג גייט נאָך ווייטער: ער דערגייט ביזן אוניווערזיטעט פון ירושלים. אונדזער לעצטער פּרוּוו צו שיקן היינטיקס יאָר לערערס מיט אַ פּראַקטיק פון לכל הפחות אַ יאָר אָדער צוויי; אונדזער פּרוּוו צו שיקן 3 פון אונדזערע בעסטע אַביטוריענטן מיט דעם אויסזיכטן צו שטודירן אין דער ירושלים־אוניווערזיטעט. בכדי אויסצובילדן יינגע כוחות פאַר אונדזערע אַנשטאַלטן, איז אַן עקספּערימענט אויף וועלכן מיר לייגן גרויסע האָפענונגען, און קען אויך דינען פאַר אַ סטימול פאַר אַנדערע.

מיר זיינען געווען געוואַלדיק באַזאָרגט; עס פעלן אונדז אויס עסקנים. מיר האָבן געדאגהט: אונדזער שול הענגט אין דער לופטן, אָפּגעטיילט פונעם אַרום. וואָס האָבן מיר אויף דעם געביט דערגרייכט? דער פאַקט וואָס אין אַ געוויסער צאָל שולן עקזיסטירן שוין עלטערן־קלובן, מיר אונטערשטרייכן עלטערן־קלובן און נישט קאָמיטעטן, איז אַ באַשטעטיקונג, אַז מיר זיינען אויך דאָ געגאַנגען אויפן ריכטיקן וועג. שול און היים האָבן זיך געטראָפן אין קלוב ביי־

דער שול. דער נאָמען בית־עם איז געווען אַ געלונגענער און איז מחייב. אונדזער שול איז נישט נאָר אַ שול, נאָר אַ פאָלקס־הויז: שיל, שול, קלוב פאַר יוגנט און דערוואַקסענע. דער עצם פאַקט וואָס מיר פאַרמאָגן איצט אַ שיכט ייִנגע מענטשן וואָס האָבן אויפגעהערט זען דעם גאַנצן ענין שול ווי אַ זאַך פון פילאַנטראָפיע, איז ביז גאָר וויכטיק. אָנשטאָט צו דאגהן פאַר אַנדערע, זאָרגן זיי פאַר דער אייגענער אויסלעבונג אין דעם קלוב וואָס ביים בית־עם. באַקומען טאַקע לעצטנס די שולן אַן אַנדער פנים. אַן אייגענע היים בויט מען אַנדערש.

איצט ערשט קענען מיר אָנהייבן אַריינברענגען סדר, זאָרגן פאַר דער אויסבילדונג פון אַ גוטן לערער פאַר דער שול, אַ גוטן מדריך פאַרן קלוב און אַ גוטן דערציִער פאַר די זומער־קאָלאָניעס, ווייל מיר האָבן שוין מיט וועמען צו אַרבעטן. אַזוי האָבן מיר טאַקע שוין אינספעקציע אין די מיטלשולן, אַ גוטן לערער און מדריך געבראַכט פון ישראל פאַרן מאָזעסווילער סעמינאַר, אינספעקציע און ספעציעלע קורסן פאַר די מדריכים אין די זומער־קאָלאָניעס, פער

לערער אין עסקנים אויף דעם חינוך־קאָנגרעס פין יאָר 1961.

מאַנענטע השתלמות־קורסן פאַר לערערס, און מיר שיקן לערערס קיין ישראל, אין מכון גרינבערג, אָנשטאָט אַביטוריענטן, ועל כולם האָבן מיר אויך געבראַכט אַ מנהל פאַרן ועד החינוך המרכזי און אַ מנהל פאַר דעם לערער־סעמינאַר. מיר פאַרמאָגן איצט אַלע אינסטרומענטן און מעגלעכקייטן פאַר דער בעסערער אָרגאַניזירונג פון אונדזער שול־וועזן.

מיר קענען איצט צוטרעטן עפעס טאָן נישט נאָר אַרום דער שול, נייערט אויך אין די גראַדן. עס איז גוט וואָס כמעט אַלע פאַרשטייען שוין, אַז נאַציאָנאַלע דערציִונג פון ייִנגן דור איז הײַנט די הויפט־פראָבלעם און חוב נישט נאָר פון ישוב אַלס אַ כלל, נאָר עס איז די זאַך פין יעדן יחיד וועלכער דאַרף און מוז עס נעמען ווי אַן אינדיווידועלע פראָבלעם.

אמת איז, הגם אונדז איז געלונגען אַוועקשטעלן דאָס פּראָבלעם פון חינוך אין צענטער פון די זאָרגן פון דער קהילה אין בוענאָס־איירעס, ווי אויך אין אַנדערע קהילות, אויף וואָס עס ווייזט אָן די פּאָזיציע וואָס עס פאַרנעמט אין די קהילה־ביודזשעטן דער חינוך־וועזן, איז אָבער וואָס שייך דעם יחיד, זיינען מיר נאָך ווייט הינטערשטעליק. בלויז 10% פון די עלטערן צאָלן געגוג שכר־לימוד, אַז עס זאָל דעקן די הוצאות, טראָצדעם וואָס מיר זיינען זיכער, אַז זייער עקאָנאָמישער מצב איז אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרץ. קען זיין, מיר האָבן צו ווייניק געטאָן אויף דעם געביט. ביז איצט זיינען מיר געשטאַנען אין קאָנטאַקט בלויז מיט שול־עסקנים און ווייניק אויפקלערונג־אַרבעט געפירט צווישן די עלטערן.

עפּעס האָבן מיר יאָ געפּרוּווט אויף דעם געביט און דאָס איז, דער פּרווו פון אַ סטאַטיסטישן דעפּאַרטאַמענט, וועלכער איז אונדז נישט אינגאַנצן געלונגען צוליב פעלן פון צוגעפאַסטע עלעמענטן. מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון שול־וועזן אין אַרגענטינע, קאָנצענטרירט אויף איין פּלאַץ אַלע נעמען פון די תלמידים, ווי אויך פון לערער, פון אַלע אונדזערע לערן־אַנשטאַלטן. אַזוי איז אונדז געלונגען עפּעס לערנען וועגן דעם סאָציאַלן שטאַנד פון די עלטערן, זייער עקאָנאָמישע סיטואַציע, פאַקטן וואָס ווערן פאַרשווונדן ביי אונדז, פאַקטן ביי וועלכע עלטערן אַסימילירן זיך ווייניקער. אָנגעהעריקייט פון די ייִנגע עלטערן צו דער קהילה. צי זיי רעדן, לייענען און שרייבן ייִדיש און דער עיקר־פּראָבלעם. אויף וויפל די קאָסטן פון דער אָנגעהעריקייט צו די אַנשטאַלטן זיינען בכוח צו פאַרטרייבן דעם יונגן מענטשן מחמת זיי זיינען פאַר אים צו טייער.

און אויף צום סאַמע סוף: ס׳איז גוט מיר זאָלן האָבן פאַר אונדזערע אויגן די אַזוי פאָפּולערע ערשטע לעקציע פון פיזיק וועגן טראָפּן וואַסער, וואָס איז, אין תוך גענומען, דער ערשטער קאָנפליקט צווישן חומש בראשית און פיזיק, דער „יש מאין״ און „יש לאין״. דער טראָפּן וואַסער דעמפּט אויס, גייט אַרויף אין די הימלען, פאַרוואַנדלט זיך אין וואָלקנס און עס פאַלט אַראָפּ אַ רעגן וואָס באַפרוכפּערט אונדזער מאַמע ערד. אַ טראָפּן וואַסער, נאָר זע וואָס פון אים קען ווערן, מכל שכן, אַ מיליאָן פינף הונדערט טויזנט נשמות פון ייִדישע קינדערלעך וואָס זיינען אויפגעגאַנגען אין פלאַמען און אַרויף אין די הימלען. כ׳ווייס נישט, צי זיי זיינען געפאַלן צוריק אויף אַרגענטינער ערד. אָבער זיכער איז, אַז ערגעצווו, אין די הויכקייטן, האָבן זיי די אָבות מקבל פנים געווען, באַגלייט פון אַלע אונדזערע גיבורים און קדושים פון נעכטן און פון היינט, פון אַלע ציטן, און פון אויבן האָבן זיי אויף אונדז גוזר געווען: לעבן — כי במותם צוו לנו את החיים.

אַזוי און נאָר זאָלט איר אונדזערע באַריכטן לייענען: נישט קיין דין און נישט קיין חשבון, נאָר אַ געראַנגל, אַ געראַנגל פון אַ ישוב וועמען עס איז פאַרזאָגט געוואָרן ער זאָל בלייבן לעבן.

בערל קאָברינסקי

די אַנטוויקלונג פון אונדזער שול־וועזן במשך די לעצטע זעקס יאָר

(אַ סינטעטישער באַריכט פון דער שול־אַרבעט אין בוענאָס־איירעס)

אונדזער שול־וועזן האָט במשך די לעצטע 5 יאָר (1957־62) דורכגעמאַכט קענטיקע ענדערונגען. עס זיינען במשך דער צייט באַזייטיקט געוואָרן די סיבות וואָס האָבן געשטערט צו דערפירן אונדזערע דערציִונגס־אַנשטאַלטן צו זייער איצטיקן מעמד, מיט אַ גרינטלעך־ אויסקריסטאַליזירטער, אידעאָלאָגישער און פּראָגראַמאַטישער סטרוקטור.

איינע פון די הויפּט־זאָרגן וואָס באַאומרויִקט אונדזער געזעלשאַפט בכלל און די חינוך־מנהיגים בפרט, איז דאָס פּראָבלעם וואָס צו טאָן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן באַקומען אַ קלאָרן באַוווּסטזיין וועגן זייער ייִדישקייט; ווי מאַכט מען, אַז די דערצויגענע אין אונדזערע דערציִונגס־אַנשטאַלטן זאָלן אויסוואַקסן גוטע ייִדן?

מיר האָבן זיך דאָך געשטעלט זייער אַ וויכטיקע און ריזיקע אויפגאַבע: מיר דאַרפן דורך דער אינעווייניקסטער שול־אַרבעט באַזייטיקן יענע שטרויכלונגען, וואָס שטערן, אַז דאָס ייִדישע קינד, מיט זיין פּסיכיש־קאָמפּליצירטן באַנעם, זאָל זיך קענען אַריינוועבן, טראָץ אַלע פאַרבן און ניואַנסן פון דרויסנדיקן איינפלוס, אין געוועב פון אונדזער לעבן.

מיר האָבן במשך פון פיל יאָרן געבויט שולעס, און זיך אָנגעשטרענגט אויסערלעך צו קאָנסאָלידירן און אינערלעך זיי צו קאָנטראָלירן.

דורך דער שולע האָבן מיר געזוכט די וועגן און די מיטלען צו עפענען פאַרן קינד באַדייטנדיקע קאַנאַלן פון איינפלוס אויף זיין צוקונפטיקן לעבנס־וועג. די שולע האָט זיך אָנגעשטרענגט אונטערצושפּאַרן דעם יונגן דור מיט אַ סאָלידן ייִדישן יסוד, כדי עס זאָל אין דער צוקונפט דערפילן אַ פּסיכישע נויטווענדיקייט צו פאַרבינדן זיינע פערזענלעכע אַספּיראַציעס בשותפות מיטן ייִדישן ציבור.

די שולע האָט געזוכט די מיטלען צו שאַפן אַטמאָספער, סביבה, און בכלל די אַלע כלים וואָס דורך זיי זאָל דאָס קינד שעפּן וויסן, קענען איינזאַפּן אין זיך די ייִדישע ווירקלעכקייט פון אונדזער צייט.

במשך פון די לעצטע פינף יאָר האָט די קהילה און דער וועד־החינוך זיך אויסערגעוויינלעך אָנגעשטרענגט כדי ביי די עקסיסטירנדיקע אומשטענדן און באַדינגונגען צו באַאיינפלוסן די חינוך־אינסטיטוציעס, און זיי צו דערפירן צו דער מדרגה פון קוואַלן אין וועלכע דאָס ייִדישע קינד זאָל קענען שעפּן היסטאָרישע המשכדיקע צוגעבונדנקייט צום פאָלק, נאַציאָנאַלע באַגייסטערונג און גלויבן אין דער אייגענער אומה.

אין 1957 איז רייף געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן אַ צענטראַלן חינוך־אַנשטאַלט פאַרן גאַנצן לאַנד און דעם 13/9/57 איז אויף אַ זיצונג פון דער קהילה באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ

צענטראַלן וועד־החינוך. עס זיינען שוין דאַן דיסקוטירט געוואָרן די יסודות פון זיין צוזאַמענשטעל, זיינע צילן און טעטיקייטס־מעטאָדן.

שוין אין משך פון די ערשטע יאָרן פון דער עקסיסטענץ פון צענטראַלן וועד־החינוך, האָט זיך דערפילט אין דער דערציִונגס־אַרבעט אַ נייער אימפּעט; און אין פאַרשיידענע שולעס איז סטימולירט געוואָרן דער ווילן צו געוואַגטע עקספּערימענטן. אַ סך צוזאָגנדיקע פּערספּעקטיוון האָבן אָפּגעפרישט די איבערציִגונג, אַז ס׳זיינען מעגלעך פּאָזיטיווע דערגרייכונגען.

די קהילה האָט נישט געזשאַלעוועט קיין גרויסע סכומים פון איר יערלעכן בודזשעט אויף סובסידיעס פאַרן וועד־החינוך. במשך די יאָרן האָט די קהילה אויסגעגעבן אויף דער חינוך־טעטיקייט:

1957	12.574.724,60	פּעזאָס
1958	15.720.681,90	„
1959	21.421.000,00	„
1960	35.300.846,30	„
1961	37.898.900,00	„

אין 1960 איז די קהילה־סובסידיע פאַרגרעסערט געוואָרן פון 48 % אויף 60 % פאַרן דאָצענטן־פּערסאָנאַל פון די קינדער־גערטנער און פאָלקשולעס, און 70 % פאַר די מיטל־שולעס, און דאָס אַלץ בכדי צו דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן אין דער אַרבעט.

וואָרעם עס איז שוין מער קיין סוד נישט, אַז דער שטראָם פון אַלגעמיינעם לעבן פאַריצר־הרעט דעם ייִדישן יוגנטלעכן און רייסט אים אַוועק פון אונדז.

אונדזער ייִדישע יוגנט אין די אַמעריקאַנער לענדער וויל נאַטירלעך זיין גלייך מיט אַלע. און אָפּט דאַכט זיך זיי, אַז די ייִדישקייט וועגן וועלכע זייערע עלטערן רעדן, איז נאָר עלול איינצושרומפּן זייערע מעגלעכקייטן און שאַפט נאָר אַ שטערונג אויפן וועג פון זייער בירגערלעכער גלייכקייט.

מוזן דעריבער די קינדער אין די דערציִונגס־אַנשטאַלטן אינטים פאַרקנופּט ווערן מיט דער ייִדישער רעאַליטעט וועלכע איז קעגן אָט די אילוזיעס. די שולע מוז שאַפן די געהעריקע פאַרשטענדעניש פאַר זייער ייִדישן פּרעסטיזש און זיי ווייזן דעם וועג ווי אַזוי אויסצונוצן זייער פּאָטענציעלע קראַפט אין דער ייִדישער סביבה, אין ייִדישן כלל.

די דערציִער מוזן טיף אַריינבליקן אין דער מענטאַליטעט פון דעם נייעם טיפּ ייִדישן יוגנטלעכן און דערפירן אים צו באַגרייפן סיי דעם זין און סיי די מערכה פון זיין אָנגעהעריקייט צו אַ מינאָריטעט־גרופּע כדי ער זאָל גענוי פאַרשטיין זיין אייגענע ייִדישע פּאָזיציע.

בכדי דאָס קינד זאָל קענען אויף אַ דויערהאַפטיקן אופן איבערנעמען ייִדישע ווערטן מיט ברען, גלויבן און עקשנות, מוז די ייִדישע שול באַזיצן אַ באַזונדערן גראַוויטאַציע־כּוח און זי מוז זיך אויסצייכענען מיט איר הויכער און פאַרביקער קוואַליטעט.

וועט דאָס קינד געפינען אין שולע אַ זין און אַ פאַראינטערעסירנדיקן אינהאַלט, וועט ער, אַ נישט־וואַקלענדיקער, שוין אויף שטענדיק בלייבן אונטער איר איינפלוס, און די דירעקטע דערציִערישע השפעה וועט פאַרטרייבן דאָס בין־השמשותדיקע ליכט אין וועלכע ער דערזעט די ייִדישע פּראָבלעמאַטיק.

• • •

די קהילה און דער וועד־החינוך האָבן אויסגעשפּרייט זייער ווירקונג, הן אויף דער סטרוקטורעל־אָרגאַניזאַציאָנעלן פאַרנעם פון אונדזערע דערציִונגס־אַנשטאַלטן און הן אויף די דערציִעריש־פּעדאַגאָגישע קאָנצעפּטן. דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צושטאַנד פון אונדזערע דערציִונגס־אַנשטאַלטן פאָדערט אַ פּערמאַנענטע השגחה.

אויפנאַמע פאַר זלמן שזר (דער דריטער פון לינקס).

שלוס פון 6טן חינוך־קאָנגרעס מיט דער באַטייליקונג פון זלמן שזר (יאָר 1961).

אונדזערע כלל־טוער ווידמענען זייער צייט און ענערגיע לטובת די שולעס, אָבער מער ווי אָפּט זיינען זיי אַמביציעז אַריינגעטאָן אין זייערע דורכאויס לאָקאַלע ראַנגלענישן און שוועריקייטן.

פאַראַן אָבער יסודותדיקע פּראָבלעמען אין דער לויפנדיקער אַרבעט וואָס פאָדערן אַ געמיינזאַמע אָנשטרענגונג, געפירט און סטימולירט פון אַ צענטראַלן פאַקטאָר. זייער אָפט ווערט די ביחידותדיקע מיזאַמע אַרבעט און אָנשטרענגונג צעמישט און דעזאָריענטירט.

די קהילה און דער וועד־החינוך האָבן במשך דער צייט אויפגענומען דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פראַגן און געזוכט משפיע צו זיין לטובת זייער פּאָזיטיווער לייזונג.

זיי האָבן געווירקט אין אַלע הינזיכטן, אַז דער אידעאַליזם און די הייליקע עקשנות וואָס עס ליגן אין דער טעטיקייט פון די שול־עסקנים, זאָלן אָריענטירט און געפירט ווערן צו נייע פּאָזיטיווע פאַרמעסטן. אויף אַזאַ אופן איז דאָס שול־וועזן לאַנגזאַם פאַרבעסערט געוואָרן און שוין אין יאָר 1960 איז דער גרעסטער טייל תלמידים פון אונדזערע שולעס דערצויגן געוואָרן אין אַ געהעריקער שול־אַטמאָספער.

די 55 עלעמענטאַר־שולעס וועלכע האָבן עקסיסטירט אין דעם דאָזיקן יאָר, זיינען דורך אונדז פאַרטיילט געוואָרן לויט זייערע דערציִערישע דערגרייכונגען אין פיר קאַטעגאָריעס:

1טע	קאַטעגאָריע	— — — —	9	שולעס	מיט	3624	תלמידים
2טע	„	— — — —	17	„	„	3239	„
3טע	„	— — — —	16	„	„	682	„
4טע	„	— — — —	13	„	„	295	„
סך־הכל		— — — — — — —	55	„	„	7.340	„

די ערשטע קאַטעגאָריע שולעס האָבן דערגרייכט זייער הויכפּונקט, און זיי מעגן שטאָלצירן מיט זייערע דערגרייכונגען. אויך די צווייטע קאַטעגאָריע שולעס קענען פאַררעכנט ווערן צו די דאָזיקע דערציִונגס־אינסטיטוציעס, וועלכע פירן אויס נאָרמאַל זייערע דערציִערישע פונקציעס.

די 6863 קינדער דערצויגענע אין די דאָזיקע צוויי שול־קאַטעגאָריעס, זיינען, בראשם וברובם אַריינגעטאָן אין דער געדיכטעניש פון די יידישע היסטאָרישע און אַקטועלע געשעענישן.

זיי באַגרייפן די יידישע מאַרטיראָלאָגיע, זיינען אַריינגעוועבט אין די גאולה־האָפענונגען וועלכע עס טראָגט זיי אונטער ביד־רחבה די יידישע מדינה, און עס שטראָמען פון זיי קוואַלן פון נאַציאָנאַלע געפילן און עמאָציעס.

גאַנץ אָפט זיינען די קינדער די וואָס זיינען גאָר מחזיר למוטב די עלטערן זייערע.

צו די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור־שוועריקייטן דאַרפן אויך פאַררעכנט ווערן די מיכשר לים מצד די עלטערן.

אמת, דער גרעסטער טייל פון זיי, ווערט געטריבן פון אַן אומרו, וועלכער פאַרוואַנדלט זיך אָפט אין אַ פחד פאַר דער צוקונפט פון זייער קינד.

יעדער פאָטער אָדער מוטער ציטערט איבער דעם גורל פון זייער זון אָדער טאָכטער, בנוגע זייער אויסלעבן זיך אין דער צוקונפט ווי אַ ייִד.

זיי קלאַפּן אָן אין דער טיר פון אַ יידישער שולע ווי אין אַ מקום־מיקלט, ווי אין אַ וואַרעמער נעסט פאַר דעם שרעקנדיקן מאָרגן און ייִז זעען, די עלטערן, אין דער שולע, אַ האָפענונג און אַן אויסוועג.

דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס עס פעלט די עלטערן דער אָטעם פון אייסדויער, און זיי האָבן נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דעם לאַנגזאַמען פּראָצעס וואָס עס פאָדערן די אַטריבוטן פון דער שולע.

150 AÑOS DE LA REVOLUCION DE MAYO

חיים פינקלשטיין רעדט בעת דער דעבאַטע פון חינוך־קאָנגרעס אין יאָר 1961.

אַ מסיבה לכבוד די דעלעגאַטן פון 6טן חינוך־קאָנגרעס (1961).

זייער דערציִערישע עם־האַרצות דערפירט זיי צו דעם, אַז זיי דעזערטירן פון דער שולע, און שלעפּן־מיט זייער קינד וואָס איז לאַנגזאַם אַריינגעצויגן געוואָרן אין איר אַטמאָספער.

די עלטערן וועלכע זיינען שטאַרק פאַרדאגהט פאַר דער קאַריערישטישער צוקונפט פון זייער קינד, שטרעבן אַז זייערע קינדער וואָס שטודירן די אַלגעמיינע לימודים זאָלן זיך תמיד אויסצייכענען און דאָס פאָדערט צייט און מי.

זיי גלייבן, אויב מען גיט אָוועק צייט אויך פאַר יידישע לימודים, בלייבט צו ווייניק צייט פאַר די אַלגעמיינע לימודים.

אָט די אַלע מיכשולים שטייען אין וועג די וואָס ווילן אַריינברענגען די יידישע קינדער אין אוהל־התורה. די דערציִער דאַרפן זיך קלינגן ווי אַזוי אָט די שטערונג בייצוקומען.

אַזוי זיינען טאַקע, צום באַדויערן, נאָך אין יאָר 1960 פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אונדזערע 7340 תלמידים לויט די גראַדן אויף פאָלגנדיקן אופן: אין דעם ערשטן ציקל, דאָס הייסט: אין ערשטן גראַד, ערשטן העכערן, צווייטן און דריטן, האָבן געלערנט 5894 תלמידים און אינעם צווייטן ציקל, ד"ה אין דעם פערטן, פינפטן און זעקסטן גראַד — האָבן געלערנט 1446 תלמידים.

נידעריקער ציקל — — — — — — — — — — — —	5894
העכערער ציקל — — — — — — — — — — — —	1446

דאָס פּראָבלעם פון דער איצטיקער און צוקונפטיקער שול־אַרבעט איז, בכן, צו דערפירן אונדזערע שולעס צו דער מדרגה, אַז זיי זאָלן פאַרהאַלטן אין זיך דעם יונגן דור ביז די העכערע יאָרן פון זיין קינדהייט, ווייל נאָר אַזוי אַרום וועט דאָס קינד קענען אויפנעמען און ווייטער שפּיגען די דורותדיקע יידישע קולטור־ירושה.

• • •

צווישן די פאַרשיידענע אַספּעקטן וועלכע האָבן באַזאָרגט די קהילה און דעם וועד־החינוך איז אויך געווען דער לערער־פּראָבלעם.

אין דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דעם יידישן שול־וועזן ביי אונדז אין ישוב האָט, צווישן אַנדערע פאַקטאָרן, פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן פּלאַץ דער יידישער לערער.

די ערשטע פון זיי, וועלכע האָבן עמיגרירט פון די מיזרח־אייראָפּעישע לענדער, האָבן מיטגעבראַכט אַ גייסטיקן באַגאַזש און אַ גרויסע מאָס אידעאַליזם.

אַ טייל פון זיי האָבן געצויגן זייער יניקה פון די אַלטע קוואַלן און זיי זיינען נאָך געווען באַווירקט פון די ישיבה־וועלט. דער גמרא־ניגון האָט באַגלייט זייערע ערשטע שריט אין די נייע לענדער.

אין דעם לעצטן צענדלינג יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מילחמה, האָט אויך אַריינגעשטראָמט אַ מער מאָדערנער טיפּ לערער, וועלכער האָט שוין דורכגעמאַכט מיטלשול־בילדונג אויף די בענק פון אַ מאָדערנעם יידישן לערער־סעמינאַר. די בויער פון דעם שול־וועזן זיינען געווען זיכער, אַז דער דאָזיקער פּאָזיטיווער לערער־עלעמענט וועט זיין דער צענטראַלער שטיקפונקט וואָס וועט באַאיינפלוסן דאָס יידישע קינד במשך פון אַ לאַנגער צייט.

אין דעם סוף פון די דרייסיקער יאָרן פון דעם לויפנדיקן יאָרהונדערט האָט זיך צום באַדויערן אָנגערוקט דער חורבן אין אייראָפּע. די אימיגראַציע־טויערן זיינען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן געוואָרן און אַזוי אַרום איז פאַרשטאָפּט געוואָרן דער שטראָם וואָס האָט געבראַכט אויסגעשולטע יידישע לערער, וועלכע האָבן מיט זייערע דערפאַרונגען גאַראַנטירט אַ פּרוכטבאַרע דערציִערישע טעטיקייט.

אין שיין פון דער דאָזיקער טראַגיק האָט זיך דער אַקטיווער טייל פון דעם יידישן ישוב מיט ציטער פאַרטראַכט וועגן דעם ווייטערדיקן גאַנג און אַנטוויקלונג פון דעם יידישן שול־וועזן אין אַרגענטינע.

עס איז דאַן רייף געוואָרן דער געדאַנק צו גרינדן אייגענע פעדאַגאָגישע אינסטיטוטן וועלכע זאָלן צוגרייטן לערער פאַר אונדזערע שולעס.

די ייִדישע לערער און עסקנים זיינען מיט אומזיכערקייט צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק, מען האָט זיך דערביי געשראָקן אַז דער ייִדישער ישוב וועלכער האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט אויסגעקריסטאַליזירט זיינע לעבנס־פאָרמען, וועט נישט זיין ביכולת מיט די אייגענע כוחות אויסצופורעמען אַ נייעם לערער־קאָלעקטיוו פון דאָ־דערצויגענע און דאָ־אויסגעשולטע. די פראַגע צי זיי וועלן קענען ממשיך זיין די פיאָנעריש־דערציִערישע טעטיקייט פון דעם אייראָפעיִשן לערער האָט געשראָקן און צעטומלט.

תלמוד־תורה הראשונה „ד״ר הערצל״, בוענאָס איירעס.

עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז די רעאַליזירער פון דער נייער יצירה זיינען געווען די בעסטע דערציִערישע כוחות דאָ אין לאַנד, וועלכע זיינען געקומען צו הילף די חינוך־עסקנים. צוזאַמען האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן מיט מסירת־נפש און איבערגעגעבנקייט אין דער נייער אַרבעט.

אָבער אויך זיי זיינען צוגעגאַנגען מיט אַן אומרו אין האַרצן: צי וועט דער נייער עקספּערימענט זיין אַ געלונגענער? דורכמאַכנדיק ראַנגלענישן און אָנשטרענגונגען האָט זיך אין אַ פאַר יאָר אַרום אַרויסגעוויזן אַז די ספיקות זיינען געווען אומזיסטע.

דער נייער פעדאַגאָגישער לערן־אַנשטאַלט האָט צוגעצויגן צו זיך צענדלינגער ייִדישע יוגנטלעכע וועלכע זיינען געטריבן געוואָרן דורך אַן אומרו און האָבן געזוכט צו באַקומען אַן אחיזה פאַר זייער ייִדיש לעבן.

פון די פרימאָרגן־שעהען ביז שפּעט אין אָוונט זיינען געזעסן דאָ־הי געבוירענע יידישע יוגנטלעכע און זיך פאַרטיפט אין יידישע מקורות. עס זיינען פאַר זיי אויפגעלעבט געוואָרן יידישע געשיכטלעכע געשטאַלטן, תנכישע וויזיע, תלמודישע קאָנצעפּטן — דורך אגדה און משנה, טראַדיציאָנעלע ווערטן און איבער אַלעמען — די שטרעבונג צו דער נייער יידישער גאולה.

דער דאָזיקער געלונגענער עקספּערימענט האָט אויך אָנגערעגט אַנדערע דערציונגס־אַנשטאַלטן אויסצוברייטערן זייער דערציערישער השפּעה און זיי האָבן געשאַפן מיטל־שולעס פאַר זייערע תלמידים וועלכע האָבן אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג פאָרצוזעצן זייערע יידישע לימודים.



דער פראָנט פון דער שלום עליכם־שול אין מאַטאַדעראָס.

מיט דער צייט איז צוגעגרייט געוואָרן אַ קאַדער פון יונגע אינטעליגענטן וואָס האָבן במשך דער צייט אָנגעהויבן דינען אַלס מקור פאַר דעם נייעם טיפּ לערער וועלכער באַדינט היינט צו טאָג אונדזערע שולעס.

אַזוי אַרום זיינען אין יאָר 1961 געווען טעטיק ביי אונדז אין לאַנד 780 לערער און 221 אָפּטיילונגען פון חינוך־אינסטיטוציעס אין באַשטאַנד פון:

קינדער־גערטנער	83
פאָלקס־שולעס	120
מיטל־שולעס	17
מדרשה	1

פון זיי איז דער רוב מנין ובנין געבוירענע און דערצויגענע ביי אונדז אין לאַנד.

זיי פאַרנעמען שוין אַרום עטלעכע און ניינציק פּראָצענט פון די קינדער־גערטנער, פאָלקס־שולעס און אַ באַדייטנדיקע טייל פון די מיטל־שולעס און זיי זיינען שוין אַפילו אַריינגעדרונגען אין דער מדרשה.

אונדזערע מיטל־שולעס האָבן אַרויסגעלאָזט ביז דעם יאָר 1961 — 1013 תלמידים, לויט פאָלגנדיקן אופן:

לערער־סעמינאַר	645	תלמידים
מכון ללימודי היהדות	245	„
שלום־עליכם	121	„
מאָזעסוויל	90	„
ביאַליק־שולע	12	„

לעצטנס וואַקסן שוין אונטער די ייִנגערע מיטל־שולעס פון וועלכע עס הייבט זיך אַרויס די הרצליה־שולע וואָס וועט שוין היי־יאָר צושטעלן איר ערשטן אַרויסלאָז, די ג. געזאַנג־שולע, די פּרץ־שול און אַנדערע.

דער יונגער לערער האָט אָבער ביי די ערשטע טריט אין זיין דערציִונגס־אַרבעט זיך אָנגעשטויסן אויף קאָלאָסאַלע שוועריקייטן. זיין דערציִערישע פּאָזיציע איז געוואָרן אַן אומזיכערע ווען ער האָט געדאַרפט פאַרוואַנדלען טעאָרעטישע פאָרמולעס אין פּראַקטישע מעשים.

דער יונגער לערער האָט געהאַט פאַר זיך זייער אַ שווערע אויפגאַבע.

אין די לעצטע יאָרן קומען די קינדער אָפּגעפרעמדט פון אַ ייִדישער סביבה, דערווייטערט פון דערציִערישע צילן און פון ייִדישן גייסט. דעם לערערס אַקטיוויטעט אין זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט שטויסט זיך אָן אין אַ פּערמאַנענטן און עקשנותדיקן קאַמף מיט דער וווּלגאַרער אַסימילאַציע, וועלכע רייסט שטיקער פון אונדזער ייִדיש לעבן.

צוליב דעם איז נויטיק אַז אונדזער לערער זאָל זיין גוט באַוואָפנט מיט ייִדיש וויסן און פּעדאַגאָגישער פאַך־קענטעניש, און זאָל גלייכצייטיק דערפילן די אַחריות פון דער לערערישער מיסיע.

דאָס איז געווען דער גורם דערפון וואָס דער לערער־קאָלעקטיוו איז נישט געווען סטאַביל און זיין דערציִערישע אַרבעט איז געווען אַ צייטווייליקע.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן אַז פון דעם יאָר 1960/1955 זיינען אַרויסגעפאַלן פון די לערערישע רייען 312 פּערזאָן: 142 לערער אין שטאָט, 100 לערער אין פּראָווינץ און 70 גננות.

די דאָזיקע ציפער האָט געדינט אַלס דראָונג פאַר אונדזער שול־סטרוקטור.

לעצטנס אָבער באַמערקט זיך אַ פאַרבעסערונג אויף דעם געביט, עס האָט אָנגעהויבן וואַקסן דער סענטימענט און דער ווילן פאַרוואָרצלט צו ווערן אין דעם דערציִונגס־וועזן.

די לעצטע צוויי יאָר איז דער אַרויספאַל געווען אַ סך אַ קלענערער און ווערט רעדוצירט צו צען פּראָצענט.

דער לערער־קאָלעקטיוו, וועלכער האָט זיך אין משך פון די לעצטע יאָרן סעלעקציאָנירט, ווייזט שוין אַרויס אַ געוויסע סטאַביליטעט און וויטאַליטעט צוליב עקאָנאָמישע, פאַכמענישע און געזעלשאַפטלעכע סיבות.

אין 1961 זיינען 780 לערער אין לאַנד געשטאַנען ווירדיק אויף זייערע פּאָסטנס און מיט זייער מיזאַמער אַרבעט באַדינט מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט די 18.000 קינדער אין אונדזערע לערן־אַנשטאַלטן.

קינדער־גערטנער	5.942	תלמידים
פאָלקס־שולעס	10.307	„
מיטל־שולעס	1.562	„
מדרשה	76	„

צענטראַלע ח. נ. ביאַליק־שול אין װיזשאַ קרעספאָ.



סאַרמיענטאָ־שול אין אַװעזשאַנעדאַ (זלמן רייזען־שיל).

די דאָזיקע צאָל קינדער און יוגנטלעכע וואָס זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון אַ לעבן, אָפגעפרעמדט פון ייִדישע ווערטן, זאַפן איין צווישן די ווענט פון זייער שולע ייִדיש וויסן, טראַדיציע און לעבנס־שטייגער.

זיי ווערן דורך די שולעס דערנענטערט צו דער ווירקלעכקייט פון מדינת־ישראל און צום ייִדישן לעבן אין די תפוצות.

דאָס צוציִען אין אונדזער שולע אַ מחנה פון אַן ערך 18.000 ייִדישע קינדער און דאָס איינשטעלן דעם נויטיקן פעדאַגאָגישן און אַדמיניסטראַטיוון אַפאַראַט, איז אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג פון דער קהילה און וועד־החינוך בפרט און פון גאַנצן ייִדישן ישוב בכלל.

נישט קוקנדיק אויף די אַלע פאָזיטיווע דערגרייכונגען הערשט דאָך אַן אומרו און צערודערונג בנוגע פיל נעגאַטיווע דערשיינונגען אויף דעם דערציִונגס־געביט. און איינע פון זיי איז די דעזערציע פון די תלמידים בעת דעם איבערגאַנג פון איין גראַד אין דעם צווייטן.

ביים איבערגאַנג פון די נידעריקע שול־גראַדן פאַלן אַרויס אַ 30/25 % און אין די העכערע גראַדן פון 20/15%.

זוכנדיק די סיבות פון אָט דער טרויעריקער דערשיינונג, קומען מיר צו פאָלגנדיקע מסקנות:

א) דאָס פעלן פון פאַרשטענדעניש מצד די עלטערן פאַר ערנסטער ייִדישער דערציִונג און זייער עגאָיִזם וואָס צווינגט זיי אַרויסצונעמען די קינדער פון דער ייִדישער שולע מחמת קאַריעריסטישע צוועקן;

ב) די וואַקלדיקייט פון דעם גאָר יונגן לערער ביים אויספירן זיינע דערציִערישע פונקציעס.

כדי אָפצושוואַכן דעם פונקט א) ווערט געפירט אַ סיסטעמאַטישע אויפקלערונגס־אַרבעט אין שולע, דורך שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט די עלטערן, וועלכע עס ווערן אויפגעקלערט די דערציִערישע צילן פון דער שולע וואָס מוזן דורכגעמאַכט ווערן דורך אַ לאַנגזאַמען פראָצעס במשך פון די יאָרן וועלכע עס פאָדערט די שול־אַרבעט.

כדי אונטערצוקומען מיט הילף דעם יונגן לערער, אַרבעט אַקטיוו די אינספעקציע־ און אינסטרוקציע־אָפטיילונג ביים וועד־החינוך, עס ווערן איינגעאָרדנט סיסטעמאַטישע ימי־עיון און פערפעקציאָנירונגס־קורסן אין שטאָט און פראָווינץ.

אַ גאָר וויכטיקע אונטערנעמונג ווערט געפירט צוזאַמען מיט דער מחלקה לחינוך ותרבות בגולה פון דער ייִדישער אַגענץ. דורך דעם קאַנאַל ווערט דערמעגלעכט אַז שוין עטלעכע יאָר זאָל אַ וואָס גרעסערע צאָל אַבסאָלווענטן פון אונדזערע סעמינאַרן און מיטל־שולעס זיך באַטייליקן אין אַ יערלעכן קורס אין גרינבערג־אינסטיטוט און מכון הרב גאָלד אין ירושלים.

במשך פון די לעצטע זעקס יאָר האָבן באַזוכט דעם גרינבערג־אינסטיטוט 151 יוגנטלעכע, פון וועלכע אַ גאָר גרויסער טייל אַרבעט אין אונדזערע דערציִונגס־אַנשטאַלטן.

היי־יאָר איז נאָך מער אויסגעשפרייט געוואָרן די פערפעקציאָנירונגס־אַרבעט פאַר די אַבסאָלווענטן, עס איז צוגעגעבן געוואָרן נאָך אַ לערן־יאָר אין אַ ספעציעלן קורס ביי אונדז אין לאַנד און נאָכן דורכמאַכן דעם יערלעכן קורס וועלן זיי פאָרן אין גרינבערג־אינסטיטוט און זיי וועלן אויסברייטערן און פאַרטיפערן זייערע ידיעות במשך פון 1 אָדער 2 יאָר.

די דאָזיקע שול־באַוועגונג, אָנהייבנדיק פון קינדער־גאָרטן, פאָלקס־שולעס, מיטל־שולעס, סעמינאַרן און מדרשה, וועלכע גרופירט אַרום זיך קרוב 18.000 ייִדישע קינדער און יוגנטלעכע ביי אונדז אין לאַנד, האָט געפאָדערט אַן אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונג מצד דעם ישוב. אין אָט דער אָנשטרענגונג זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן שול־עסקנים, אינסטיטוציעס, ציוניסטישע פאַרטייען און בפרט די קהילה, וועלכע שפאָרט נישט קיין מי און מסירת־נפש וואָס מער אויסצוברייטערן און פאַרשטאַרקן די שול־נעץ.

דורך די שולעס האָבן מיר אַריינגעבראַכט אַן אומרו אין די הערצער פון טויזנטער ייִדישע קינדער, און מיר האָבן דורך אַ פערמאַנענטן אימפולס אין אַ געוויסער מאָס רעוואָלוציאָנירט די ייִדישע היים און אַריינגעפירט דורך די קינדער ייִדישע טראַדיציעס פון שטייגער לעבן

דאָס לייגן דעם גרונטשטיין פאַרן לערער־סעמינאַר פון דער קהילה (יאָר 1960), אין דער אָנוועזנהייט פון מלוכהשע באַהערדן און ישראל־אַמבאַסאַדאָר לייענס דער געוו׳ סעקרעטאַר פיינגערש דעם אָפיציעלן אַקט.

דער אַקט פון לייגן דעם גרונטשטיין פאַרן נייעם לערער־סעמינאַר.

אין די ייִדישע שטיבער, וועלכע ראַנגלען זיך קעגן אַסימילאַטאָרישע שטראָמען וואָס רייסן זיך אַריין דורך אַלע זייטן.

אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך אַנטוויקלט אין שטאָט בוענאָס־איירעס עטלעכע אינסטיטוציעס אין דער פאָרעם פון „ישיבות", ווו עס לערנען עטלעכע צענדלינג בחורים. פאַראַן אויך איין רעליגיעזע שול פאַר מיידלעך, לויטן מוסטער פון די „בנות יעקב"־שולן.

פון די דאָזיקע שולן וועלן האָפנטלעך אויסוואַקסן צוקונפטיקע רבנים און בכלל כלי־קודש אויף צו באַדינען דעם רעליגיעזן טייל פון דער באַפעלקערונג.

די ישיבות „עטרת צבי", „חפץ חיים", די ישיבה אונטער דער אָנפירונג פון הרב הראשי ד"ר יעקב פינק און די „בנות יעקב"־שול ביי דער שול א"נ „חזון איש", זיינען זייער אַ פאָזיטיווע דערשיינונג אין אונדזער שול־וועזן.

• • •

געוויס האָט דערצו נישט ווייניק בייגעטראָגן די קהילה און דער וועד החינוך המרכזי, וועלכע האָבן אין די לעצטע פינף יאָר געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויסצוברייטערן ביי אונדז אין לאַנד דאָס שול־וועזן.

די צאָל תלמידים וואָס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין אונדזערע שולעס איז אָבער נישט אין איינקלאַנג מיטן וווקס פון אַ ייִדישן ישוב וועלכער ציילט קרוב אַ האַלבן מיליאָן נפשות.

דער סטאַטיסטישער דעפאַרטאַמענט ביים וועד החינוך המרכזי האָט צו זיין דיספאָזיציע אַ פעסטגעשטעלטע טאַבעלע פאַרן שול־יאָר 1960.

די דאָזיקע טאַבעלע נעמט אַרום די תלמידים פון עלעמענטאַר־שולעס, מיטל־שולעס, סעמינאַרן און די מדרשה.

די צאָל תלמידים אין שטאָט האָט אין דעם דאָזיקן יאָר געציילט 13.253 נפשות, פונאַנדערגעטיילט אין:

ייִנגלעך	6.748
מיידלעך	6.505
סך־הכל	13.253

די דאָזיקע תלמידים זיינען פונאַנדערגעטיילט געווען אין זייערע רעספעקטיווע דערציִונגס־אַנשטאַלטן לויט פאָלגנדיקן סדר:

קינדער־גאָרטן	5.039
פאָלקס־שולעס	7.168
מיטל־שולעס, סעמינאַרן און מדרשה	1.046
סך־הכל	13.253

די תלמידים זיינען געווען אין די פאָלקס־שולעס פונאַנדערגעטיילט, לויט די גראַדן, אויף פאָלגנדיקן אופן:

כיתה א1 — א2	3.147
כיתה ב'	1.428
כיתה ג'	1.037
כיתה ד'	801
כיתה ה'	490
כיתה ו'	265
סך־הכל	7.168

די תלמידים אין אַלע שול־אָפּטיילונגען, פון דעם קינדער־גאָרטן ביז דער מדרשה, זיינען פונאַנדערגעטיילט לויט זייער עלטער אויף פאָלגנדיקן אופן:

2־יעריקע	149
3 „	1.616
4 „	1.825
5 „	1.516
6 „	1.121
7 „	1.311
8 „	1.261
9 „	1.139
10 „	1.014
11 „	694
12 „	579
13 „	235
14 „	200
15 „	155
16 „	142
17 „	128
18 „	72
19 „	41
20 „	23
21 „	13
22 „	8
23 „	1
סך־הכל	13.253

די 13.253 תלמידים שטאַמען פון 12.919 משפחות וועמענס עלטערן טיילן זיך לויט זייער סאָציאַלן צושטאַנד אויף פאָלגנדיקן אופן:

סוחרים	5.516
באַאַמטע	2.056
בעלי מלאכות	1.961
פראָפעסיאָנאַלן	1.511
אינדוסטריאַלן	968
אַרבעטער	907

די לעצטע צוויי יאָר זיינען די תלמידים פונאַנדערגעטיילט אין די קינדער־גערטנער און פאָלקס־שולעס אויף פאָלגנדיקן אופן:

קינדער־גאָרטן:

1961	5.265
1962	5.582

די 5.582 טיילן זיך אין:

יינגלעך	2.932
מיידלעך	2.650

תלמידים פון ייִדישע שולן בעתן אָקט פון לייגן דעם גרונטשטיין פון ייִדישן לערער־סעמינאַר.



דער בוי פון נייעם לערער־סעמינאַר ביי דער קהילה. אַ
פראַגמענט פון דער גרונטשטיין־לייגונג.

לויט זייער עלטער:

אונטער 3 יאָר	327
פון 3 יאָר	1.788
„ 4 „	1.949
„ 5 „	1.518

די פונאַנדערטיילונג פון תלמידים אין די פאָלקס־שולעס במשך די לעצטע 2 יאָר:

גראַדן	1961	1962
א1 — א2	3.305	3.390
2טער	1.333	1.537
3טער	1.151	1.217
4טער	776	914
5טער	485	553
6טער	231	297
סך־הכל	7.271	7.908

מיטל־שולעס:

די מדרשה אין 1962 איז פונאַנדערגעטיילט לויט פאָלגנדיקן סדר:

מחלקה א׳	26
מחלקה ב׳	24
מחלקה ג׳	16
מחלקה ד׳	16
סך־הכל	82

בנים — 25; בנות — 57

⁂

אונדזער דאָצענטן־פערסאָנאַל האָט געציילט אין יאָר 1961 — 328 פערזאָן און האָט זיך פונאַנדערגעטיילט לויט פאָלגנדיקן אופן:

מענער	69
פרויען	259
סך־הכל	328

לויטן ציווילן צושטאַנד:

פאַרהייראַטע	115
נישט פאַרהייראַטע	213
סך־הכל	328

דאָס פרעזידיום פון דער קהילה שרייבט אונטער דעם קאָנטראַקט וועגן בויען דעם לערער־סעמינאַר.

פאַרשטייער פון דער קהילה און וועד־החינוך באַטייליקן זיך אין דער דערעפענונג פון אַ קינדערגאַרטן
א. נ. „מרדכי אַנילעוויטש"

לויט די טורנעס־פאַרטיילונג:

2 טורנעס	75
1 טורנע	253
סך־הכל	328

לויט די אַמטן וואָס זיי פאַרנעמען

דירעקטיווע אַמטן	38
לערער־אַמטן	290
סך־הכל	328

די לערער לויט זייער אויסבילדונג:

סעמינאַר ביי דער קהילה	195
פון אויסלאַנד	41
שלום־עליכם (מיטל־שולע)	37
מכון ללימודי היהדות	20
ישיבה	6
ח. נ. ביאַליק (מיטל־שולע)	3
פאַרשיידענע	6
סך־הכל	328

לערער לויט זייער סטאַזש:

1טער סטאַזש	77
2טער „	125
3טער „	52
4טער „	11
5טער „	7
פון 6טן ביזן 9טן	18
דירעקטיווע אַמטן	38
סך־הכל	328

אין יאָר 1962 פאַרמאָגן מיר אין קינדער־גאָרטן:

גננות	141
עוזרות	93
סך־הכל	234

די פעדאַגאָגישע צוגרייטונג פון די גננות:

פרעבל־סעמינאַר	74
לערער־סעמינאַר	23
פרעבל־קורס	8
מכון ללימודי היהדות	7
מיטל־שולעס	12
אויסלאַנד	2
אָן צוגרייטונג	15
סך־הכל	141

סיום פון די שלום־עליכם־פייערונגען. אַ גרופּע פון דער שלום־עליכם־שול אין דעם ספּעקטאַקל „מאַטל פּייסי דעם חזנס”.

פאָלקס־שולעס אין יאָר 1962

צאָל אנשטאַלטן	61
דירעקטיווע אַמטן	46
צאָל לערער	351
צאָל קלאַסן	434
דירעקציע	46
מענער	30
פרויען	16
אויסלענדער	26
הי־געבוירענע	20

לערער — — — — — — — — — — — — — 351
מענער — — — — — — — — — — — 63
פרויען — — — — — — — — — — — 288
אויסלענדער — — — — — — — — — 41
הי־געבוירענע — — — — — — — — 310

בתי ספר תיכוניים — 1962

מס׳	המוסד	1961 מס׳ הכיתות	1961 מס׳ התלמידים	1962 מס׳ הכיתות	1962 מס׳ התלמידים
.1	סמינר פסטאור	25	435	20	340
.2	מכון ללימודי היהדות	13	230	12	186
.3	שלום עליכם	9	148	9	163
.4	ביאַליק מרכזי	8	124	8	138
.5	הרצליה	6	72	8	95
.6	ביאַליק דעוואָטאָ	2	44	3	57
.7	געזאַנג	3	40	4	50
.8	פרץ	3	28	4	36
.9	גננות	5	60	1	20
.10	ווייצמאַן	1	10	2	21
.11	אָוועזשאַנעדאַ	—	—	1	15
	סך־הכל	75	1.191	72	1.118

בנים — — — — — — — — — — — % 35
בנות — — — — — — — — — — — % 65

עס איז במשך דער צייט געשטיגן דער אינטערעס צום שול־וועזן. עס זיינען אויפגעבויט געוואָרן פעסטע און גוט־איינגעשטעלטע שול־בנינים.

די אינטענסיווע שול־בויונג, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט דורך אַן ענערגישער טעטיקייט, האָט אויך געהויבן די קוואַליטעט פון אונדזערע לימודים, וועלכע באַשטייען פון פאָלגנדיקע קעגנשטאַנדן:

ייִדיש
העברעיִש
ייִדישע געשיכטע
תנ״ך
ימים־טובים
טראַדיציע
מולדת
געזאַנג

דאָס אַריינדרינגען פון די דאָזיקע לימודים אויף אַ דערציִערישן אופן, האָט דערפירט אונדזער יונגן דור צו אינערלעכער פאַרטיפונג און פאַראינטערעסירן זיי מיט דעם תמצית פון ייִדישן שאַפן.

עס איז במשך דער צייט געלונגען אויסצושפרייטן די דערציִונגס־אַרבעט אויף אַ ברייי־

טערן און ווייטערן שטח. עס ווערט אויפגעוועקט אין די תלמידים פּאָטענציעלע כוחות כדי זיי זאָלן זיין שווה בשווה מיט דער ייִדישער ווירקלעכקייט. עס ווערט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן געפאָרשט זייער מענטאַליטעט, וועלכע איז גאַנץ אָפט זייער קאָמפּליצירט.

עס ווערן אָנגעווענדעט פּעדאַגאָגישע דערפאַרונגען, וועלכע זאָלן זיין מסוגל צו באַזייטיקן אויסערלעכע און אינערלעכע מניעות.

במשך פון די לעצטע פינף יאָר איז געטאָן געוואָרן אַ פאַרצווייגטע און וויכטיקע אַרבעט וואָס שייך דערציִונג. אַרויפגעשווומענע יסודותדיקע פּראָבלעמען זיינען געלייזט געוואָרן אין אַן אַטמאָספער פון אַרבעט, עקספּערימענטן און באָאַבאַכטונגען, אַקטיוויטעט און שאַפונג.

שול־קינדער אויף דער פייערונג פון אָנרופן אַ סקווער מיט שלום־עליכם־נאָמען.

עס איז אויסגעמיטן געוואָרן דאָס צופעליקע, און עס איז געזוכט געוואָרן דער ענד־ציל, די צענטראַלע אידייע און די דערציִערישע צילן, כדי צו דערפירן דעם יוגנטלעכן אַז ער זאָל תופס זיין וואָס מען וויל פון אים.

די שול־אַרבעט איז במשך פון דער צייט אויסגעברייטערט געוואָרן, דורכן שאַפן פון אַ נייער סטרוקטור פאַרן שול־וועזן, מיט דער מיטהילף פון די עסקנים און פּעדאַגאָגן ביים וועד־החינוך המרכזי.

די שול־אינספּעקציע און אינסטרוקציע, דער שול־צענז און שול־סטאַטיסטיק, די ספּעצ״עלע קורסן פאַר עלטערע קינדער אָנפאַנגערס. דאָס אַלץ האָט באַדייטנדיק געווירקט לטובת דעם פאַרבעסערן פון אונדזער חינוך.

סיום פון די שלום־עליכם־פֿײַערונגען. אַ סצענע אױסגעפֿירט פֿון דער י. ל. פּרץ־שול אין צענטער.

הלל צײַטלין־שול אין װיזשאַ אורקיסאַ (שיל־באַר).

די שול־אַרבעט איז באַפעסטיקט געוואָרן דורך א געשאַפענעם דערציִונגס־טעאַטער אין פאַרשיידענע שולעס, די פאַרשיידענע קאָנקורסן וועלכע קומען צום אויסדרוק דורך שריפטלעכער אַרבעט אין פאַרשיידענע טעמעס.

לעצטנס האָבן אָנגעהויבן שפילן אַ גאָר וויכטיקע ראָל אין דער דערציִונגס־אַרבעט די זומער־קאָלאָניעס, וועלכע פונקציאָנירן במשך די זומער־וואַקאַציעס, און וואָס ציִען אַריין טויזנטער קינדער.

במשך פון די לעצטע פינף יאָר האָבן זיך די זומער־קאָלאָניעס אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלט.

איבערהויפט איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן דער דאָזיקער דערציִונגס־צווייג במשך פון דעם יאָר 1961־1962.

ביז די לעצטע יאָרן האָבן אַנטוויקלט אַ פאָזיטיווע דערציִערישע טעטיקייט אויף דעם געביט די ערשטע זומער־קאָלאָניעס: 1) „קינדערלאַנד”, וועלכע געהערט צו דער שלום־עליכם־שולע, און וועלכע עקסיסטירט שוין צען יאָר, און 2) די „ביאַליקיה”, וועלכע געהערט צו דער ביאַליק־שולע, און עקסיסטירט שוין פינף יאָר.

לעצטנס האָבן זיך אַנטוויקלט אויך אַנדערע קאָלאָניעס ביי פאַרשיידענע דערציִונגס־אַנשטאַלטן, ווי: „קינדערוועלט”, 4) „ברידערלאַנד”, 5) „בר־אילן”, 6) „היכל־התורה”, 7) „קינדערהיים”, און 8) „למרות הכל”.

לעצטן יאָר איז דורכן וועד־החינוך צוגעגרייט געוואָרן אַ ספעציעלער קורס פאַר מדריכים, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט 162 לערער:

אַקטיווע לערער	42
גננות	13
היי־יאָר פאַרענדיקט זייערע לימודים אין די סעמינאַרן און מיטל־שולעס	43
נישט געענדיקטע לערער	32
גימנאַסטיק־לערער	5

עס זיינען דיקטירט געוואָרן פאַרשיידענע לעקציעס, איינגעטיילט לויט פאָלגנדיקע קעגנשטאַנדן:

1) פראָגראַם פון קאָלאָניע
2) דאָס קינד און זיינע פראָבלעמען
3) די ראָל פון דעם לערער
4) געזאַנג
5) טענץ
6) אָוונט־שפילן

עס האָבן עקסיסטירט במשך דעם לעצטן זומער 156 גרופעס אין דער צאָל פון 2.629 תלמידים, באַאַרבעט דורך 220 לערער און 105 געהילפן.

די תלמידים האָבן באַקומען אין די זומער־וואַקאַציעס אויף דער פרייער לופט אַ ספעציעלע דערציִונג, וועלכע האָט זיי באַאיינפלוסט דורך צוגעגרייטע פעדאַגאָגישע סיסטעמען, און אַריינגעפירט אין אַ ייִדישער אַטמאָספער וועלכע האָט זיי איינגעוועבט אין אַ ייִדישער פראָבלעמאַטיק, און גלייכצייטיק, האָט עס געדינט אַלס יסוד פאַרן צוקונפטיקן שול־יאָר צווישן די ווענט פון אונדזערע דערציִונגס־אַנשטאַלטן.

אין די זומער־קאָלאָניעס ווערן אַריינגעצויגן אַ באַדייטנדיקע צאָל קינדער וואָס באַזוכן איבערהויפט נישט קיין ייִדישן דערציִונגס־אַנשטאַלט.

די זומער־קאָלאָניעס באַווירקן די קינדער במשך דער צייט פון זייער זיין דאָרט. זיי געפי־

א סצענע פון דער פאָרשטעלונג „מאָטל פייסי דעם חזנס״,
אויפגעפירט פון די שילער פון דער שלום־עליכם־שול.

סיום פון די שלום־עליכם־פייערונגען. כאָר פון דער צענטראַלער ביאַליק־שול זינגט יידישע פאָלקס־לידער.

נען זיך במשך פון 24 שעה אין מעת־לעת אין אַ ייִדישער אַטמאָספער, רעגט דאָס זיי אָן אַז אַ גרויסע צאָל פון זיי זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אויפן קומענדיקן יאָר אין די ייִדישע שולעס.

אַ גאָר וויכטיקן אימפּולס אין דער דערציִערישער אַרבעט האָבן געבראַכט די לערער־דעלעגאַציעס קיין מדינת־ישראל, וועלכע ווערן באַאיינדרוקט פון דער ווירקלעכקייט פון אַ נייעם ייִדישן לעבן.

אַ חוץ דעם באַווירקן צום גוטן די ימי־עיון, כינוסים, וועידות און שול־קאָנגרעסן, צו וועלכע עס זיינען לעצטנס ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן וויכטיקע ייִדישע פּערזענלעכקייטן, ווי: דער מנהיג שזר, די ערשט־ראַנגיקע פּעדאַגאָגן: ד״ר ישראל מעלמאַן, ד״ר ב. בן־יהודה, און דער פּראָפעסאָר א. דושקין. זיי האָבן מיט ראָט און טאָט באַווירקט אונדזער דערציִערישע אַרבעט.

ח. ג. ביאַליק־שול אין ווילאַ סאַהאַרעס.

לעצטן יאָר איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן דער פּעדאַגאָג מ. שריג אַלס מנהל פון וועד החינוך המרכזי, און צוזאַמען מיטן אינספּעקטאָרן־קאָלעקטיוו איז ער צוגעטראָטן נאָך מער אָרגאַניזירן, אויסברייטערן און פאַרטיפן אונדזער שול־אַרבעט.

און דאָס אַלץ צוזאַמען העלפט צונויפזאַמלען אַלע יצירות וואָס דער ייִדישער גייסט האָט געשאַפן אין זיין לאַנד און אין אַלע גלות־לענדער, און אויף אַ סיסטעמאַטיש־דערציִערישן אופן, איבערגעגעבן דאָס אונדזער יונגן דור.

* * *

טראָץ דער דערציִערישער טעטיקייט און אָנשטרענגונג, געפינען זיך נאָך אַ סך שולעס אין אַ וואַקלדיקן צושטאַנד. ביי היינטיקן טאָג אַקטויִרן נאָך 56 קלאַסן מיט אַ צאָל פון 5 ביז 9 קינדער אין אַ קלאַס, און עס געפינט זיך דאָך אַ גאָר ברייטער קרייז פון אונדזער יוגנט מחוץ די ווענט פון אונדזערע דערציִונגס־אַנשטאַלטן.

עס מאַטערט אונדז די זאָרג וואָס טויזנטער ייִדישע קינדער דרייען זיך אַרום איבער די

גאַסן פון בוענאָס־איירעס און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין דער אַרגענטינער רעפּובליק אָן ייִדישער דערציִונג.

אונטער דער ווירקונג פון די אַסימילאַציע־כוואַליעס ווערן זיי לחלוטין אָפּגעפרעמדט פון אונדזער שטאַם און זיי ווערן דורך זייער אימפּולסיוויקייט און דינאַמישקייט דערשיטערט און אַריינגעשלעפּט אין די נעצן פון פרעמדע אידייען און סעפּאַראַטיסטישע אינטערעסן.

די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער אָפּגעפרעמדקייט מאַכט שווער אונדזער אינערלעכן לעבן, און די קעגנזאַצן פירן צו זייער טרויעריקע געשעענישן.

טויזנטער ייִדישע היימען וואַקלען זיך, און ווערן פיזיש און גייסטיק אויסגעמוטשעט.

עס מוז אין די קומענדיקע פינף יאָר געמאַכט ווערן אַ גאָר וויכטיקע אָנשטרענגונג לכל־הפחות צו פאַרטאָפּלען אונדזער קאַדער תלמידים, וועלכע זאָלן געשפּייזט ווערן דורך דערציִערישע מיטלען אויף אַזאַ אופן, אַז די אינערלעכע קאָנפליקטן זאָלן זיך אויסוויקלען אין אַן אַטמאָספער פון פאַרשטענדעניש פאַרן ייִדישן קיום.

עס דאַרף באַלויכטן ווערן פאַר נאָך טויזנטער יוגנטלעכע די ייִדישע עסיק און מאָראַלישע אַספּעקטן.

עס דאַרף אויפגעקלערט ווערן פאַר זיי דער גאַנצער ייִדישער געדאַנקען־גאַנג און הויפּטזאַכלעך מיט וואָס מיר, ייִדן, אונטערשיידן זיך פון די אַנדערע פעלקער.

עס איז פאַר אונדז באַזונדערס בולט אַז דער דור נויטיקט זיך אין אַ שטאַרקערן קשר און אין אַ גרעסערן היסטאָרישן געפיל.

וואָס מער אויפקלערונגען און באַלויכטונגען מיר וועלן צוטראָגן דער בלאָנדזשענדיקער ייִדישער יוגנט וועגן איר שטאַם און אירע אַספּיראַציעס אַלס פאָלק, פאַרן אויפהאַלטן זיין עקסיסטענץ אין די תפוצות און אין מדינת־ישראל, וועט זייער שוץ־גאַרטל זיין לברכה און זייער דינאַמיזם וועט אָנהייבן פולסירן אין דער ריכטיקער צוגעהעריקייט פאַרן אַרגענטינער ייִדישן ישוב.

שרה פישער

אונדזערע קינדער־גערטנער אין די לעצטע פינף יאָר

דער קינדער־גאָרטן איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט פאַר יעדער שול, ווייל ער איז דער מקור פון וועלכן עס פאָרמירן זיך די ערשטע גראַדן, הגם נישט אַלע 100% קינדער גייען אַריבער אין שול. האָבן זיך טאַקע אין די לעצטע 5 יאָר געגרינדעט ק״ג מיטן ציל צו אָרגאַניזירן אין אַ יאָר אַרום אַן 1טן גראַד און אויף אַזאַ בהדרגהדיקן אופן זאָל געבויט ווערן די שול.

במשך די לעצטע 5 יאָר זענען צוגעקומען 16 ק״ג (14 ניי־געגרינדעטע און 2 ספרדישע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין ועד החינוך). עס זענען געמאַכט געוואָרן נאָך צוויי פּרוּוון צו גרינדן קינדער־גערטנער, אָבער זיי האָבן זיך אין דעם זעלבן יאָר געשלאָסן; עס האָט זיך אויך פאַר־מאַכט אַ ק״ג וואָס האָט עקסיסטירט אַ סך יאָרן.

דער וווּקס פון די קינדער־גערטנער

		כיתות				פערסאָנאַל			
יאָר	צאָל ק״ג	פרים.	נאָכמ.	ס״ה	יוד.	העבר.	גננות	עוזר.	אָנפּי־רערינס
1958	46	41	83	124	115	9	101	72	3
1959	51	41	94	135	125	10	108	84	4
1960	53	47	96	143	131	12	120	85	5
1961	55	52	105	157	140	17	130	87	6
1962	58	54	121	175	146	29	142	91	7

צאָל קינדער

	פרימאָרגן	נאָכמיטאָג	ס״ה
1958	1143	3013	4156
1959	1093	3097	4190
1960	1433	3528	4961
1961	1448	3747	5195
1962	1444	4138	5582

דער עלטער פון די קינדער אין יאָר 1962

אונטער 3 יאָר	3 יאָריקע	4 יאָריקע	5 יאָריקע
329	1786	1949	1518

קינדער־גאָרטן י. ל. פרץ אין צענטער (אין זאמדקאסטן).



קינדער־גארטן תל־אביב נומער פינף (פרייע שפילן).

מיטן וווקס פון די קינדער־גערטנער איז אויך געשטיגן דאָס פאַרשטענדעניש מצד די עסקנים פאַר דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון די אַנשטאַלטן.

דער ועד החינוך האָט געפירט אַ פּערמאַנענטע אויפקלערונג, אַז דער ק״ג דאַרף זיין אָפּגעזונדערט פון דער שול, עסטעטיש אויסגעשטאַט, און דער עיקר, אַז מען דאַרף אַנהייבן אָרגאַניזירן גאַנצע ק״ג, ווו דאָס קינד זאָל פאַרברענגען אַ פולן טאָג אין אַ יידישער סביבה.

דער פּלאַן צו שאַפן אַזעלכע אַנשטאַלטן הייבט שוין אָן רייף צו ווערן. דער עקאָנאָמישער קריזיס אָבער, וואָס הערשט היינט צו טאָג האַלט אָפּ פון רעאַליזירן פּלענער וואָס זענען פאַרבונדן מיט גרויסע ביודזשעטן.

ס׳איז אויך שווער צו ווירקן אויף די עסקנים, זיי זאָלן זיך רעכענען מיט די אויפנעם־מעגלעכקייטן פון די ק״ג און נישט אָננעמען קיין צופיל קינדער. אמת, וואָס מער קינדער — מער הכנסה פון שכר־לימוד, אָבער קיין מזל־ברכה פאַר דער דערציִונגס־אַרבעט איז עס נישט. ס׳איז „יצא שכרו בהפסדו״.

קינדער־גאָרטן תל־אביב נומער דריי.

דער ק״ג טרעפט זיך אָן מיט נאָך שוועריקייטן צוליב אָביעקטיווע פאַקטאָרן: די היים וואָס היט נישט אָפּ דעם יידישן לעבנסשטייגער, די שפּראַך פון דער היים איז נישט די שפּראַך פון ק״ג; דער נישט־יידישער אַרום און אָפטמאָל נישט נאָר דער נישט־יידישער, נאָר אויך דער שעדלעכער. צו דעם קומט נאָך צו די פראַגע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די ק״ג. זיי זענען צו ענג פאַרבונדן מיט דער שול. דער טראַנספּאָרט איז אַזוי איינגעשטעלט, אַז די קינדער פון ק״ג מוזן קומען און צוריקפאָרן אין איין און דער זעלבער צייט מיט די שול־תלמידים און צוליב דעם פאַרברענגט אַ קינד אין ק״ג 2½ שעה (אין אייניקע אַנשטאַלטן נאָך ווינציקער).

נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן ביי וועלכע עס קומט אויס צו פירן די אַרבעט מיט די קינדער פון פאַר שול־עלטער, האָט דער ק״ג זייער אַ סך דערגרייכט.

וואָס זענען אייגנטלעך די דערגרייכונגען פון ק״ג?

א) דאָס קינד דערנענטערט זיינע עלטערן צום ק״ג און דורך דעם וועג ווערן אייניקע פון זיי אַריינגעצויגן אין דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ב) דאָס קינד ברענגט אַריין ייִדישקייט אין דער היים, אַ ייִדיש וואָרט, אַ ייִדיש ליד, אַ נאָמען פון אַ יום־טוב, פון אַ ייִדישן העלד, אאַז״וו. (פון די העברעיִשע גנים — העברעיִש).

ג) דאָס קינד ווערט צוגעגרייט צו דער ייִדישער שול און אומדירעקט אויך צו דער מלוכה־שול, און דער עיקר: דער גרעסטער טייל פון אָט־די קינדער פאַרענדיקן די פאָלקסשול און זענען ממשיך זייער ייִדישע בילדונג אין די מיטלשולן.

דאָס אַריבערגיין פון ק״ג — אין די ערשטע גראַדן

	צאָל קינדער אין שול־עלטער	אַריבער אין די 1סטע גראַדן	אין %
1958	1000	850	85
1959	1150	795	69
1960	1198	912	76
1961	1415	1118	79
1962	1463	?	?

אַ געוויסער פּראָצענט פון די קינדער וואָס פאַרענדיקן דעם ק״ג און גייען נישט דירעקט אַריבער אין די ערשטע גראַדן, קומען צוריק נאָך אַ יאָר איבעררייס.

איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון די ק״ג איז דער מאַנגל אין גננות. מצד דעם ועד החינוך זענען שוין געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פּרוּוון צו לייזן די פּראָבלעם פון צוגרייטן גננות, אָבער עס איז אים נאָך אַלץ נישט געלונגען אויפצושטעלן אַזאַ מין שולע אויף אַ געזונטן יסוד.

מיר געפינען זיך נאָך אַלץ אין אַן עמערגענץ־צושטאַנד. עס פעלן אויס דערציִערינס און אַ גרויסע טייל פון די וואָס פּראַקטיצירן אין די ק״ג, פעלט פּאַכקענטעניש און שפּראַך.

ווי די טאַבעלע ווייזט אָן, האָבן אייניקע באַקומען זייער צוגרייטונג בלויז אין אַ מיטלשול און אין בעסטן פאַל זענען זיי מער צוגעפּאַסט פאַר לערערנס ווי פאַר גננות.

צוגרייטונג פון די גננות

פון סעמינאַר פאַר גננות — — — — — — —	75
„ לערער־סעמינאַר ביי דער קהילה — — —	23
„ מכון ללימודי היהדות — — — — — — —	7
„ די אַנדערע מיטלשולן — — — — — —	12
„ אַמאַליקע פּרעבל־קורסן — — — — — —	8
„ אייראָפּע — — — — — — — — — —	2
אָן צוגרייטונג — — — — — — — — — —	15
ס״ה — — —	142

אַלגעמיינע בילדונג

פון די 142 גננות האָבן 96 געענדיקט אויך אַן אַלגעמיינע מיטלשול.

5 — זענען סטודענטינס פון אוניווערסיטעט.
42 — אָן אַלגעמיינער בילדונג.

צוגרייטונג פון די עוזרות

שילערינס פון סעמינאַר פאַר גננות — — — —	24
„ „ לערער סעמ. ביי דער קהילה —	32
„ „ מכון ללימודי היהדות — — — —	7
„ „ אַנדערע מיטלשולן — — — —	20
„ אָן צוגרייטונג — — — — — — —	8
ס״ה — — —	91



אונטער די גרינינקע ביימעלעך (אַרבעט פון קינדער אין אַ קינדער־גאַרטן).

דער ועד החינוך האָט איינגעזען די נויטווענדיקייט פון אינסטרויִרן און פּערפעקציאָנירן די יונגע גננות און אונטערקומען זיי מיט הילף אין דער אַרבעט. האָט דער דעפּאַרטאַמענט פאַר ק״ג איינגעשטעלט אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט די גננות דורך לעקציעס, שמועסן, אָנווייזונגען און מיטהילף.

עס ווערן אַרויסגעגעבן מאַטעריאַלן פאַר די קינדער צו יעדער אַקטיוויטעט אין ק״ג, און אַ מין „טאַשן־ביבליאָטעק״ אין פאָרם פון קליינע העפטלעך — פראַקטישע אָנווייזונגען פאַר די גננות.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ דערגאַנצונג־קורס פאַר שפראַך, וואָס פונקציאָנירט שוין 3 יאָר. מען לערנט איין מאָל אין וואָך, 2 שעה נאָכנאַנד במשך דעם גאַנצן לערניאָר.

8 לעקציעס פון פאַכקענטעניש ווערן געגעבן די גננות במשך דעם לערניאָר (יעדן ערשטן זונטיק פון חודש).

ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ רייכער אַרכיוו פון דידאַקטישע מאַטעריאַלן צו קאָפּירן, אויסלייען אאַז״וו; אַן אָנהייב פון אַ קאָנסולטיר ביבליאָטעק; אַ פערמאַנענטע אויסשטעלונג פון נייע מעטאָדן, לערן־מכשירים א״אַ, וואָס ווערן פראַקטיצירט אין די ק״ג אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט.

אויף אַזאַ אופן פרוּווט דער ועד החינוך צו לייזן די פראָבלעם פון מאַנגל אין גננות בכדי נישט אָפּצושטעלן די אַנטוויקלונג פון די ק״ג אין איכות און אין כמות.

מאיר בערלסאָן

לערער־סעמינאַר אינטערנאַט אין מאָזעסוויל

אויף אַ מהלך פון 700 קילאָמעטער פון דער גרויסער שטאָט בוענאָס־איירעס, אין דער באַווסטער מאָזעסוויל, פונקציאָנירט דער נייער לערער־סעמינאַר אינטערנאַט, געגרינדעט דורך דער קהילה פון בוענאָס־איירעס.

די אינטערנאַטן — איינער פאַר יינגלעך און אַ צווייטער פאַר מיידלעך — געפינען זיך אין צוויי רחבותדיקע בנינים, מיט אַלע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן, זייער שיין איינגעאָרדנטע שלאָף־ און פאַרברענג־צימערן, עס־זאַלן, הויפן, און אַ קיך מיט די נייעסטע אינסטאַלאַציעס. ביידע געביידעס קענען אַריינגעמען ביי די 150 תלמידים, צוזאַמען מיטן טעכנישן און אַדמיניסטראַטיוון פּערסאָנאַל.

ביים אונטערשרייבן דעם קויף־קאָנטראַקט פון נייעם בנין פאַרן לערער־סעמינאַר אין מאָזעסוויל.

רעשט עס טאַקע יעדן טאָג פון 6 אַזייגער אין דער פרי ביז 10 אַזייגער אין אָוונט. לערערס, מדריכים און אַנדערע אָנגעשטעלטע האָבן פאַרשיידענע פונקציעס, אָבער אָן איינאונאיינציקן ציל: אויסבילדן יידישע לערערס פאַר דער אַרגענטינער פּראָווינץ און שאַפן ייִדישע אינטעליגענטן פאַר אונדזער סביבה. אַלע אַרבעטן לויטן אַלטן, אָבער דאָך אַקטועלן כלל פון „תורה עם דרך־ארץ". און טאַקע אין גייסט פון דעם כלל ווערן אויסגעפורעמט די צונויפגעזאַמלטע תלמידים פון אַרבע קיצוות אַרגענטינע און נאָענט־ליגנדיקע לענדער, ווי באָליוויע, פּאַראַגוויי, אורוגוויי און בראַזיל.

אין דעם סעמינאַר האָט זיך געשאַפן אַ ווונדערבאַרע יידיש־אַטמאָספער אַ דאַנק דעם צונויפגאָס פון תורה מיט אַלגעמיינע וועלטלעכע ידיעות. עס איז צו האָפן, אַז פון דעם־אָ אינסטיטוט וועט אַרויסקומען אַ דור פון יידישע יונגעלייט וואָס וועלן דינען דעם ישוב מיט זייער וויסן אין יידישער אָריענטאַציע. נעמענדיק אין באַטראַכט די אַרבעט וואָס די אַבסאָלווענטן פון דעם 1טן אַרויסלאָז פירן דורך, האָבן מיר דאָס רעכט פאַרויסצוזאָגן, אַז די אַביטוריענטן פון דעם לערער־סעמינאַר אינטערנאַט אין מאָזעסוויל וועלן זיין די רעטערס פון דעם צעשפּרייטן יידישן ישוב אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ.

די קהילה פון בוענאָס איירעס האָט פונעם ערשטן מאָמענט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ לערן־אַנשטאַלט טאָר נישט טראָגן דעם הותם פון איין פּאַרטיי. אירע אָנפירערס האָבן מסכים געווען, אַז דער אויספאָרמירער פון דעם אַנשטאַלט — דער שרייבער פון די־אָ שורות — זאָל אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פאַרן סעמינאַר אין איינקלאַנג מיט די נויטווענדיקייטן פאַר דער וואָס אַ מאָל מער אויסגעיידישטער פּראָווינץ, וואָס זאָל געבן די לערערס די נויטיקע עלעמענטן זיי זאָלן זיין בכוח נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון די פאַרשיידענע פּראָווינץ־ישובים, וואָס זעען אין דעם יידישן לערער נישט נאָר דעם אונטערריכטער אין די ד׳ אמות פון דער שולע, נאָר אויך דעם טרעגער און פאַרשפּרייטער פון אונדזער קולטור, טראַדיציע, רעליגיע אד״גל׳ פאַרן גאַנצן ישוב.

לערער־סעמינאַר אין מאָזעסוויל. — אין עס־זאַל.

די תלמידים וואָס קומען פון הייזער וואָס זיינען כמעט אויסגעליידיקט פון יידישקייט און האָבן קיין אָנונג פון וואָס עס הייסט יידישע טראַדיציע, מינהגים אאַז״וו., נעמען אָבער אויף אַלעס וואָס ווערט זיי געגעבן אין רוח־היהדות. דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם טראַדיציאָנעלן גייסט וואָס עס הערשט אין דעם אינטערנאַט, אין וועלכן כשרות, תפילה, שבת, יום־טוב א״אַנד שאַפן די פּאַסיקע סביבה כדי די־אָ אויסגעיידישטע קינדער זאָלן קענען אויסגעפורעמט ווערן ווי עכטע יידן, מיט אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צו אַלע קנינים רוחניים וואָס זיינען אונדז אַזוי טייער. אפילו די קינדער וואָס קומען מיט אַ נעגאַטיוון צוגאַנג צו דעם יידישן גייסט, וואָס איז זיי אַזוי פרעמד, נעמען אייך אויף בהדרגהדיק דעם עכט־יידישן איינשטעל פון דער אינסטיטוציע. ביסלעכווייז ווערן זיי איינגעגלידערט אין דער הערשנדיקער אַטמאָספער, וואָס מאַכט זיי פילן און אָפּשאַצן

זוי געהעריק די גרויסע ווערטן פון אונדזערע מינהגים און ספעציפישע געוווינהייטן. בלויז אויבנאויפיק איז זיי ייִדישקייט געווען פרעמד. אין זייער אונטערבאַוווסטזיין אָבער, טיף אין זייער נשמה, האָט נאָך דער סנה געברענט. געווען טאַקע פאַרשאָטן מיטן אַש פון אַסימילאַציע און דאָך נישט אויפגעהערט צו ברענען, און דאָך נישט אויסגעברענט געוואָרן.

אויב עס זיינען פאַראַן פאַלן פון קינדערישער רעאַקציע קעגן געוויסע ייִדישע איינשטעלונגען, קומט זי מערסטנס פון איגנאָראַנץ און פון אַ שטעלונג וואָס איז זייער פאַרשפרייט אין אונדזערע צייטן זיך אַנטקעגנשטעלן אַלץ וואָס איז אונדז פרעמד, אָדער וואָס שטימט נישט מיט אונדזערע מיינונגען. די שילערס ווערן אָבער מיט טאַקט, מיט ליבע און מיט פאַרשטענדעניש אַריינגעפלאָכטן אין דעם שטייגער־לעבן וואָס הערשט אין אינטערנאַט; שטייגער־לעבן, וואָס מאַכט אין זיי דערוואַכן די בלויז איינגעשלאָפענע ייִדישע געפילן, וואָס זיינען, נישט קוקנדיק אויף אַלע אויסערלעכע נעגאַטיווע פאַקטאָרן וואָס האָבן געווירקט אויפן קינד, דאָך געבליבן טיף איינגעוואָרצלט אין זיין האַרצן. אין אינטערנאַט ווערט נישט בלויז געלערנט ייִדישקייט, נאָר

לערער־סעמינאַר אין מאָזעסוויל. אַ לעקציע. אין הינטערגרונט — דער דירעקטאָר בן־ציון קאָווענסקי.

עס ווערט געלעבט אין ייִדישקייט, אין ייִדישן גייסט. פאַראַפראַזירנדיק דער תורה, קענען מיר זאָגן, אַז דער „נעשה" איז פאַר דעם „נשמע", און אין דעם שטעקט אונדזער איבערצייגונגסקראַפט.

עס זיינען גוט באַקאַנט די שוועריקייטן מיט וועלכע עס טרעפן זיך אָן די אינטערנאַטן אויף דער גאָרער וועלט, אָן אויסנאַמען. נישט פאַראַן דער אינטערנאַט וואָס זאָל קענען אָנווייזן אויף פולקאָמע דערגרייכונגען. אויף דעם געביט ראַנגלען זיך שוין זינט לאַנגע יאָרן דערציִערס און אָריענטירערס פון אַלע לענדער. די ערשטע אינסטיטוטן פון דעם מין אין די לעצטע יאָרהונדערטער געפינען מיר אין ענגלאַנד (און אויב מיר ווילן זיך דווקא אַריבערטראָגן אויפן וויטן נעכטן, מוזן מיר אָנהייבן פון ספאַרטאַ), שפעטער אין אַנדערע לענדער. מיר קענען אָבער נישט אַראָפנעמען קיין מוסטער פון זיי, ווייל די באַדינגונגען, די באַדערפענישן און די צילן זיינען גאָר אַנדערע. וואָס מיר קענען יאָ לערנען פון זיי איז, אַז עס קומט נישט אָן אַזוי גרינג אַרויפצופירן אַזאַ מין אַנשטאַלט אויף דעם גלייכן וועג. פון זייער דערפאַרונג דערוויסן מיר זיך, אַז

שטענדיק זײַנען אָנשטאָנען אומפאָרויסגעזעענע פּראָבלעמען. אַפילו ווען דער פּערסאָנאַל איז געווען צוגעגרייט אויף דעם געביט.

דער „מכון ללימודי היהדות" איז געווען דער ערשטער אָנשטאַלט פון דעם מין אין אַרגענטינע און האָט דורכגעמאַכט עליות און ירידות. נישט געפינענדיק די נויטיקע מיטלען פאַרן אָנהאַלטן און פאַרבעסערן דעם אינטערנאַט, האָט ער אים געמוזט אָפּשאַפן. אויך אין מאָזעסוויל האָבן מיר נאָך נישט געפונען קיין ענד־פאַרעם פאַרן אינטערנאַט. צום 40טן יאָר פון זיין עקסיסטענץ האָבן מיר אַרײַנגעבראַכט פאַרשיידענע פאַרבעסערונגען אין שײַך פון אונדזער דערפאַרונג, וואָס וועלן זיכער זיך אָפּרופן צום גוטסטן פון סעמינאַר.

עס ווערט ספּעציעל געזאָרגט, אַז דער קאָנטאַקט פון די תלמידים מיט זייערע היימען זאָל אָנגעהאַלטן ווערן כסדרדיק, סיי דורך בריוו ווי דורך פּערזענלעכע באַזוכן פון די עלטערן, וואָס קומען פאַר צוויי מאָל אין יאָר. די תלמידים אָבער, לעבן אין אינטערנאַט במשך כמעט אַ גאַנץ יאָר, אַזוי אַז אין אים דאַרפן זיי געפינען זייער היים. מיר זאָרגן עס זאָל טאַקע אַזוי זיין און מיר האָבן עס דערגרייכט. עס האָט זיך געשאַפן אין אינטערנאַט אַזאַ היימישע סביבה, וווּ די תלמידים לעבן זיך אויס און געפינען אין זייערע מדריכים אמתע חברים און פרײַנד. צו וועלכע זיי האָבן דעם גרעסטן צוטרוי און קאָמענטירן מיט זיי אַלע פּראָבלעמען.



לערער־סעמינאַר אין מאָזעסוויל. — אַ תלמיד בײַם עמוד.

כמעט אַלע שילערס זײַנען מחויב צו באַזוכן די אָרטיקע נאַציאָנאַל־מיטלשולע, בכדי יעדער שילער זאָל האָבן אַ באַזישע צוגרייטונג און עס זאָל אים נישט פרעמד זיין אַלץ וואָס הייסט קולטור. די קאָאָרדינאַציע פון די אָנפירערס פון די־אָ בײדע טיילן — ייִדישע און וועלטלעכע — איז אַ פּערפעקטע. די מיטאַרבעט איז אַ קעגנזייטיקע.

די תלמידים באַזוכן די נאַציאָנאַל־מיטלשולע „ד. פ. סאַרמיענטאָ". באַקומענדיק, נאָכן פאַרענדיקן דעם גאַנצן קורס, דעם טיטל „באַטשיזשער".

פאַר ייִדישע לימודים, האָבן די תלמידים 20 לערן־שעהען אַ וואָך. דער צוזאַמענשטעל פון די תלמידים איז נישט געווען קיין אײנהייטלעכער: זיי זײַנען געקומען פון נישט ווייניקער ווי 48 ישובים, אײַנגעשלאָסן 2 פון באָליוויע, און וועלכער עס זײַנען קיין מאָל נישט געווען קיין ייִדי־

שע שולעס. זייער עלטער איז געווען פון 10 ביז 17 יאָר. די גרעסטע צאָל פון זיי האָבן געענדיקט אַ יידישע אָנהייב־שולע; מיר האָבן אָבער אויך אָנגענומען תלמידים וואָס האָבן נישט געזען פאַר זייערע אויגן קיין צורת אלף. איז טאַקע לכתחילה געווען זייער שווער צו פאַרוואַנדלען דעם קאָנגלאָמעראַט פון פאַרשיידנאַרטיקע קינדער אין איין גאַנצקייט. דער־אָ משונה־מאָדנער צוזאַמענשטעל פון די תלמידים האָט איבערגעשראָקן אַ סך עסקנים ווי אויך אַרויסגערופן סקעפטיציזם וועגן די רעזולטאַטן, הגם עס האָט נישט געפעלט קיין קריטיק און נעגאַציע פון דער צוקונפט פונעם אינסטיטוט. אַנטקעגן די נעגאַטיווע מיינונגען, האָבן די אָנפירנדיקע עסקנים פון דער קהילה זיך געשטעלט מיט זייער טיפן גלויבן אין דער נויטווענדיקייט פון דעם אינסטיטוט, דער לערער־פּערסאָנאַל און מדריכים מיט זייער איבערגעגעבענער און אַחריותפולער אַרבעט. אַ דאַנק דעם האָט מען געקענט מיט דערפאָלג איבערקומען די חבלי־לידה און פאַרוואַנדלען די נישט־דעפינירטע יצירה אין אַ גוט אויסגעפורעמטן אינסטיטוט פאַר ייִדישע לערערס.



סעמינאַר אין מאָזעסוויל. — ראש הקהל ד״ר טוביה קאַמענשיין און פרעזידענט פון
וועד החינוך לייב גאָלד גיבן איבער דיפּלאָמען די תלמידים פון ערשטן אַרויסלאָז.

דער געדאַנק פון שאַפן אַזאַ סעמינאַר איז געבוירן געוואָרן ביי דעם דעמאָלטיקן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קהילה, ה׳ צבי פיינגערש. זיין אַרגומענטאַציע איז געווען באַזירט אויף דעם היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכן אַרגענטינער הינטערגרונט: די שטאָט האָט איינגעשלונגען די אינטעליגענטע כוחות פון דער פּראָווינץ; די שטאָט האָט צוגענומען די בעסטע און קוואַליפיצירטסטע לערערס פון דער פּראָווינץ און זיי באַשטימט פאַר די גרויס־אויסגעוואַקסענע ייִדישע שולעס פון שטאָט. איז אַנטשטאַנען די סכנה, אַז די 25 אָדער 30 % פון דעם ייִדישן ישוב וואָס וווינט אויף דער פּראָווינץ זאָל פאַרפרעמדט ווערן צוליבן פעלן פון גייסטיקע פירערס און ספּעציעל פון ייִדישע לערערס. ביים סוף 1958 האָט דער וועד־הקהילות אַרומגענומען וואָס אַ מאָל מער אַקטיוויטעטן אויף דער פּראָווינץ, און זיינע ביישטייערונגען און שטיצעס פאַרן שולוועזן אויף דער פּראָווינץ זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל גרעסער. דער וועד־הקהילות האָט אָבער נישט געקענט געבן די הויפּט־לייזונג פון דער־אָ פּראָבלעם — דער מענטשן־מאַטעריאַל. די

לערערס וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן מיט פאַרשפּרייטן ייִדישקייט אין אינערן פון לאַנד. ישובים האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו וועלקן: איינגעוואָרצלטע ייִדישע קאָלאָניסטישע צענטערן זיינען פאַרדאַרט געוואָרן און זייערע ביבליאָטעקן, שולעס, שולן, קולטור־אונטערנעמונגען זיינען צו ביסלעך פאַרשוווּנדן צוליבן פעלן פון לערערס.

דער וועד־הקהילות האָט אויך געמוזט הערן דעם ווײ־געשריי פון די פּאַראיינזאַמטע ישובים — ישובים פון 1 ביז 10 פאַמיליעס — וואָס האָבן נישט געקענט חלומען אַפילו וועגן עפענען אַ שולע. זייער הויפּט־פּראָבלעם איז געווען „זיין אָדער נישט ווערן". פאַר די־אָ אַלע ישובים, פאַר די אַלע נויטן, פאַר די פאַראיינזאַמטע ייִדישע מענטשן, פאַר די פאַריתומטע ייִדישע קינדער, — פאַר זיי אַלע איז געשאַפן געוואָרן דער נייער סעמינאַר אין מאָזעסוויל — אַ באמת נייע יצירה אין דעם שול־וועזן פון אַרגענטינע. אַ יחיד במינו ביי אונדז און דאָך באַוווּסט אין אַנדערע לענדער — נישט קוקנדיק אויף זיין קורצער עקסיסטענץ — מיט זיינע גוטע רעזולטאַטן.

סעמינאַר אין מאָזעסוויל. — אַליין־באַדינונג פון די תלמידים.

עס איז דאָ כדאַי צו דערמאָנען עטלעכע ישובים וואָס פאַרנעמען נישט קיין אָרט אין דער מאַפּע פון אונדזער ייִדישן לעבן, ווייל עס וווינען דאָרט צו 1 אָדער 2 פאַראיינזאַמטע משפחות, און פון דעסטוועגן האָבן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען אין מאָזעסוויל. דאָס זיינען: קיטיליפּי, הערעראַ, פערנאַנדעז, קאָנסעפּסיאָן, סאַן־בערנאַרדאָ, ניארקין, אַלגאַראָבאַ א״אַנד. אַפילו קינדער פון גרעסערע ישובים זיינען געקומען קיין מאָזעסוויל לערנען תורה.

חינוך האָט נאָך נישט געהאַט אַזאַ ברייט פעלד פון דערגאַנצונג ווי אין דעם נייעם לערער־סעמינאַר פון מאָזעסוויל. דער עול־התורה איז טאַקע גאַנץ שווער פאַר די תלמידים, וועלכע מוזן דורכמאַכן אַ צווייפאַכיקן קורס פון ייִדישע און אַלגעמיינע לימודים. עלטערן וואָס זעען אין לערנען בלויז אַ קאַריערע פאַר זייערע קינדער ווערן גלייך אַנטמוטיקט, און קינדער וואָס באַזיצן נישט קיין שטאַרקן כאַראַקטער און ווילן, מוזן פאַרלאָזן דעם סעמינאַר. ווי עס איז דער שטייגער מיט ייִדישקייט בכלל, בלייבן נאָר די שטאַרקע, די וואָס האָבן אַ ווילן־קראַפט און אויסדויער וואָס דערמעגלעכט זיי איבערצוטראָגן אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט ייִדישע ווערטן.

אין מאַרץ 1959 איז געעפנט געוואָרן דער סעמינאַר מיט 63 תלמידים. במשך דעם יאָר זיי־

נען אַרויסגעטראָטן (אויסגעשלאָסן געוואָרן אָדער זיך צוריקגעצויגן) נישט מער ווי 9 תלמידים. אַ נישטיקע צאָל, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די נייע און פרעמדע אומשטענדן מיט וועלכע די תלמידים האָבן זיך אָנגעטראָפן.

אין 1960 — 2טער לערניאָר — האָבן זיך פאַרשריבן 80 תלמידים און פאַרלאָזט דעם סעמינאַר האָבן בלויז 10; אין 1961 — 3טער לערניאָר — האָבן זיך פאַרשריבן 120 תלמידים און צום סוף יאָר האָט דער סעמינאַר געהאַט זיין 1טן אַרויסלאָז פון 48 אַבסאָלווענטן, פון וועלכע עס אַרבעטן 38. די אַנדערע 10 האָבן באַדאַרפט באַלייגן צוגאָב־עקזאַמענעס, און אַזוי ווי זיי האָבן דאָס נישט געטאָן, האָבן זיי אָנגעווירן זייער רעכט צו אַרבעטן.

סעמינאַר אין מאָזעסוויל. — דער מדריך ח. חסין, פון ישראל, מיט דער יוגנט.

היי־יאָר — 4טער יאָר עקסיסטענץ פון דעם נייעם לערער־סעמינאַר — האָבן מיר אויפגענומען נישט מער ווי 74 תלמידים, ווייל מיר האָבן געוואָלט זיך צופּאַסן נאָך מערער צו די נייטיקע באַקוועמלעכקייטן און אויך אָוועקשטעלן די אינסטיטוציע אויף בעסערע דערציִערישע יסודות ווי פריִער — אַלס רעזולטאַט פון 3 יאָר דערפאַרונג אויף דעם געביט.

מאָזעסוויל איז אַ ישוב וואָס מאַכט דורך אַ שקיעה. האָט זיכער אַרויסגערופן גרויס וווּנדער דער פאַקט וואָס מען האָט אין אַזאַ ווייטן ישוב, אין אַזאַ קליין דערפל, געגרינדעט דעם נייעם סעמינאַר. געוויסע פעדאַגאָגן האָבן געטענהט — און עס האָט זיי נישט געפעלט קיין אַרגומענטאַציע — אַז דער היינטיקער יוגנטלעכער מוז האָבן די גרויסע שטאָט מיט אירע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן, כדי צו קענען אין זיך איינזאַפּן אַלע דערגרייכונגען פון אונדזער ציוויליזאַציע. לויט זייער מיינונג, נויטיקט זיך דער יוגנטלעכער אין די אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן וואָס זאָלן אים באַווירקן אין זיין פאָרמירונגס־פעריאָד. די טענה איז נישט געווען אין גאַנצן טעותדיק. מיר האָבן אָבער געהאַלטן, אַז צווישן אויסקלייבן דעם לייכטערן וועג צו שאַפן תלמידים קיין בוענאָס איירעס — ווו עס איז קאָנצענטרירט דער רוב מנין און רוב בנין פון אונדזער ישוב מיט אַלע ווירקונגס־פאַקטאָרן — און אויסקלייבן דעם שווערערן, אָבער דערפאַר פאָזיטיוון וועג צו שאַפן דעם סעמינאַר אין מאָזעסוויל, איז כדאי געווען דאָס לעצטע, און אַט פאַרוואָס:

אַז אין די קליינע שטעטלעך קען מען שאַפן קולטור־צענטערן, איז קיין ספק נישט: וואָלאָזשין, סלאָבאָדקע, מיר, טעלז א״אַנד. זיינען זיכער נישט געווען קיין גרויסע שטעט און פון דעסטוועגן האָבן זיי אַרויסגעגעבן אויספאָרמירער פון אונדזער פאָלק במשך די לעצטע 200 יאָר. מאָזעסוויל איז טאַקע אַ קליין שטעטל. זי פאַרמאָגט נאָך אָבער דאָס זאַפט פון אַן עכט־יידישן ישוב, ווו מען קען זיך אויסלעבן יידישלעך אַפילו איצט, ווען דאָס שטעטל האָט שוין פאַרלוירן פון זיין אַמאָליקן גלאַנץ. דאָס איז געווען אונדזער מיינונג, און די ווירקלעכקייט האָט באַשטעטיקט אונדזערע השערות: אין דער רויִקער סביבה פון דער אַמאָליקער „ירושלים דארגנטינה" איז טאַקע מעגלעך דורכצוזעצן און אויספירן אַ סך מער ווי אין דער גרויסער שטאָט.

דער נייער בנין פון סעמינאַר אין מאָזעסוויל.

דער קאָנטאַקט מיט יעדן שילער באַזונדער איז דירעקטער און עפעקטיווער ווי אין דער שטאָט. די אינטערעסן פון יעדן תלמיד ווערן באַהאַנדלט מיט מער אויפמערקזאַמקייט, מיט מער אַכטונג, און דאָס באַווירקט דעם תלמיד מקבל צו זיין בסבר פנים יפות די אָנווייזונגען וואָס ער באַקומט פון זיינע דערציִערס.

די מיטלען וואָס מיר ווענדן אָן זיי אויסצופורעמען ווי גאַנצע מענטשן און ייִדן זיינען פאַרשיידנאַרטיקע: יידישע מינהגים, גוטע מאַנירן ביים טיש און אין לעבן בכלל; חברישע באַציִונג צווישן די אינטערנירטע, זאָרג פאַר זייערע פערזענלעכע אינטערעסן, פאַראינטערעסירן זיי מיט די טעגלעכע פּראָבלעמען, זיי מאַכן הערן אָפטע שיחות אויף פאַרשיידענע טעמעס, ווו זיי באַטייליקן זיך פרייוויליק און מען גיט זיי די מעגלעכקייט זיך פריי אויסצודריקן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן; אַ סך איניציאַטיוועס ווערן געבראַכט פון די אייגענע תלמידים און זיי אַליין באַשטימען די מערהייט פּראָגראַמען פון זייערע אַקטן און אַרבעטן זיי אַליין אויס. די ביבליאָטעק און די דיסקאָטעק פאַרנעמען אַ זייער וויכטיקן פלאַץ אין זייער לעבן; די ספּאָרט־פאַרמעסטונגען, שפּאַצירן, פאַרווייליונגען אד״גל זיינען די בעסטע מיטלען צו דערגרייכן די אינטעגראַלע פאָרמירונג פון אונדזערע שילערס, סיי גייסטיק ווי פיזיש, הן אַלס ייִדן און הן אַלס מענטשן.

עס איז צו דערוואַרטן אַז אונדזערע אָנשטרענגונגען, פאַרשטאַרקטע מיט אינדזער וואָס אַ מאָל גרעסערע דערפאַרונגען, וועלן ברענגען צו דערפאָלגרייכע רעזולטאַטן, ד״ה, אַז די יונגע

לערער־סעמינאַר אין מאָזעסוויל. — אַ תלמידה בענטשט ליכט.

סעמינאַר אין מאָזעסוויל. — אַ תלמיד מאַכט קידוש ביי קבלת־שבת־פייערונג.

לערערס וואָס מיר פאָרמירן היינט אויס, זאָלן ווערן אונדזערע דירעקטע יורשים און זיין די מאָרגנדיקע יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע מנהיגים פון אונדזער ישוב.

ווען עס ווערט גערעדט פון קולטור־אימפּרעזעס וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ריזיקע אויסגאבן, שטעלן זיך שטענדיק הארבע פראַגעס: וועלן די עקאָנאָמישע אָנשטרענגונגען געבן די דערוואַרטע רעזולטאַטן? וועט דער פּרווו זיך גוט אויסלאָזן מען זאָל קענען דערנאָך זאָגן, אַז די „אַוואַנטורע” איז געווען כדאי?

לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז ווען די קהילה פון בוענאָס איירעס האָט זיך אונטערגענומען דורכצוזעצן די איניציאַטיוו פון מאָזעסווילער סעמינאַר, האָט דאָס לאַנד, פּונקט ווי איצט, דורכגעמאַכט אַ פּעריאָד פון עקאָנאָמישן קריזיס וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן פון דער קהילה. באַשליסן דורכצופירן אַזאַ אויסערגעוויינלעכע אונטערנעמונג אין אַ פּעריאָד ווען דער עקאָנאָמישער אַספּעקט איז אַ פּראָבלעם, איז באמת געווען אַן ענין פון ווייטזעעוודיקייט.

סעמינאַר אין מאָזעסוויל. — טאַנצנדיק אַ ישראל־טאַנץ.

די דאָזיקע ווייטזעעוודיקייט האָט געפונען איר פאָרזעצונג אין דער איצטיקער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה בראש מיט ד״ר טוביה קאַמענעצקי — פּרעזידענט, אליעזר פרידמאַן — גענעראַל־סעקרעטאַר, און אָשר גראָקאָפּ — קאַסיר. די דאָזיקע קהילה־פאַרוואַלטונג האָט נאָך מער אויסגעברייטערט דעם פאַרנעם פונעם סעמינאַר און אים געגעבן זיין דעפיניטיווע פאָרעם. מיט גרויס פאַרשטאַנד זיינען זיי צוגעטראָטן צו דער לייזונג פון אַלע פּראָבלעמען וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן סעמינאַר, און פון דעם ערשטן מאָמענט אָן האָבן זיי דערשפּירט אַז זיי שטייען פאַר אַ היסטאָרישער דערשיינונג אָן פּאַראַלעל אין דער געשיכטע פון חינוך־וועזן אין אַרגענטינע. אין זייער פּעריאָד האָט מען איינגעקויפט עטלעכע הייזער פאַר די אינטערנאַטן פון סעמינאַר, זיי באַזאָרגט מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען און געזאָרגט, אַז עס זאָל נישט פעלן קיין שום דעצידירנדיקער פאַקטאָר צו דער נאָרמאַלער און שנעלער אַנטוויקלונג פונעם אינסטיטוט. די ציפערן וואָס מיר וועלן דאָ ווייטער אָנגעבן, וועלן קלאָרער מאַכן דאָס געזאָגטע.

הוצאות פון דעם נייעם סעמינאַר אין מאָזעסוויל, געדעקטע דורך דער קהילה פון בוענאָס איירעס

יאָר 1959

חודש	אויפנטה׳	אַדמיניסטר׳	לערער	סעקרעטאַר׳	אַלגעמיינע אויסגאַבן	סך־הכל
מערץ	71.500.—	18.500.—	21.600.—	4.655.80	3.400.—	119.655.80
אַפּריל	70.400.—	13.900.—	21.600.—	1.610.20	3.400.—	110.910.20
מאַי	71.500.—	9.700.—	23.100.—	1.723.65	3.400.—	109.423.65
יוני	128.800.—	9.700.—	23.100.—	1.409.20	3.400.—	166.409.20
יולי	115.200.—	9.700.—	23.100.—	1.738.—		153.138.—
אויג׳	115.200.—	10.866.—	23.100.—	2.880.70	4.180.—	156.226.70
סעפּט׳	111.600.—	8.200.—	23.100.—	3.156.—	3.400.—	149.456.—
אָקט׳	128.400.—	11.927.—	46.100.—	3.188.10	3.400.—	193.015.10
נאָוו׳	116.000.—	12.500.—	59.216.—	2.103.40	3.400.—	161.303.40
דעצ׳	116.000.—	17.816.—	27.300.—	1.933.70	3.400.—	198.365.70
יאַנ׳ 1960	—	9.200.—	26.500.—	—	—	35.70.—
פעב׳ 1960	—	9.200.—	26.500.—	—	—	35.700.—
סך־הכל	1.044.600.—	141.209.—	344.316.—	24.398.75	34.780.—	1.589.303.75

הוצאות פון דעם נייעם סעמינאַר אין מאָזעסוויל, געדעקטע דורך דער קהילה פון בוענאָס איירעס

יאָר 1960

חודש	אויפנטה׳	אַדמיניסטר׳	לערער	סעקרעטאַר׳	אַלגעמיינע אויסגאַבן	נייע דירה	סך־הכל
מערץ	76.394.—	22.500.—	44.400.—	3.778.—	4.500.—	50.000.—	201.572
אַפּריל	120.950.—	27.500.—	44.400.—	8.154.—	4.500.—	50.000.—	255.504.—
מאַי	146.462.—	25.500.—	58.400.—	3.362.—	4.500.—	100.000.—	347.211.—
יוני	108.365.—	28.800.—	44.400.—	12.349.—	18.087.—	—	202.214.—
יולי	78.041.—	28.800.—	44.400.—	6.394.—	43.335.—	50.000.—	250.170.—
אויג׳	117.206.—	25.500.—	44.400.—	27.268.—	25.740.—	50.000.—	290.510.—
סעפּט׳	111.985.—	26.200.—	44.400.—	4.306.—	5.200.—	50.000.—	242.091.—
אָקט׳	99.360.—	26.200.—	44.400.—	10.932.—	5.260.—	50.000.—	236.152.—
נאָוו׳	99.028.—	26.200.—	44.400.—	3.214.—	11.579.—	50.000.—	234.421.—
דעצ׳	121.622.—	46.466.—	83.358.—	10.088.—	21.139.—	50.000.—	332.673.—
פעב׳ 1961	—	26.200.—	44.400.—	1.270.—	26.000.—	50.000.—	147.870.—
יאַנ׳ 1961	49.943.—	32.200.—	53.500.—	11.788.—	10.911.—	50.000.—	208.342.—
סך־הכל	1.129.752.—	340.466.—	594.858.—	102.903.—	180.751.—	600.000.—	2.948.730.—

הוצאות פון דעם נייעם סעמינאַר אין מאָזעסוויל, געדעקטע דורך דער קהילה פון בוענאָס איירעס

יאָר 1961

חודש	אויפנטה׳	אַדמיניסטר׳	לערער	סעקרעטאַר׳	אַלגעמיינע אויסגאַבן	רעמאָנט	אינווענט׳	סך־הכל
מערץ	115.215.—	29.700.—	54.600.—	6.140.—	4.500.—	5.906.—	127.716.—	343.777.—
אַפּריל	167.268.—	30.150.—	53.100.—	14.860.—	4.500.—	9.445.—	8.019.—	287.342.—
מאַי	162.871.—	33.150.—	53.100.—	13.073.—	16.444.—	2.375.—	2.030.—	283.043.—
יוני	142.990.—		81.000.—	12.477.—	4000.—	—	896.—	282.513.—
יולי	110.284.—	35.150.—	60.075.—	25.060.—	4.200.—	1.675.—	—	236.444.—
אויג׳	162.034.—	35.150.—	60.075.—	14.012.—	4.500.—	9.135.—	—	284.906.—
סעפּט׳	169.919.—	35.150.—	60.075.—	27.604.—	—	8.224.—	—	300.972.—
אָקט׳	131.341.—	35.150.—	72.450.—	20203.—	—	2.470.—	7.316.—	268.930.—
נאָוו׳	181.341.—	35.150.—	72.450.—	27.604.—	—	5.000.—	7.316.—	328.861.—
דעצ׳	181.341.—	35.150.—	72.450.—	27.604.—	—	5.000.—	7.316.—	328.861.—
יאַנ׳ 1962	—	35.150.—	60.075.—	22.047.—	300.—	1.348.—	25.300.—	144.220.—
פעב׳ 1962	—	35.150.—	60.075.—	22.047.—	648.—	1.000.—	25.300.—	144.220.—
סך־הכל	1.524.604.—	415.350.—	759.525.—	232.731.—	39.092.—	51.578.—	211.209.—	3.234.089.—

יאָר 1962

חודש	אויפנטה׳	אַדמיניסטר׳	לערער	סעקרעטאַר׳	אַלגעמיינע אויסגאַבן	אינווענט׳	רעמאָנט	סך־הכל
מערץ	68.389.—	32.000.—	61.775.—	8.970.—	4.030.—	5.575.—	800.000.—	980.739.—
אַפּריל	145.210.—	37.600.—	69.787.—	5.679.—	15.687.—	14.028.—	—	287.991.—
מאַי	147.210.—	37.600.—	69.787.—	5.679.—	15.687.—	14.532.—	—	290.485.—
סך־הכל	360.799.—	107.200.—	201.349.—	20.328.—	35.404.—	34.135.—	800.000.—	1.559.215.—

ד״ר דוד רויזין

די דערנענטערונג פון דער יוגנט צום ייִדישן לעבן

אונדזער קהילה קאָן זיך באַרימען מיט אַ רייכן, אַ קאָלירפולן ייִדישן לעבן.

די שול־נעץ וואָס איז אַ כבוד פאַרן אַרגענטינער ייִדנטום, די „עליה״־באַוועגונגען וועלכע שאַפן פאָזיטיווע חלוצישע דערגרייכונגען, די גרינדונג פון אַרגענטינער „קיבוצים״ אין ישראל, די פאַרדינסטפולע טעטיקייטן פון די פילע הילפס־אינסטיטוציעס, רעליגיעזע אַנשטאַלטן, קלובן אד״גל׳ זיינען דערויף עדות און באַצייכענען אונדזער קהילה פאַר דער וויכטיקסטער אין לאַטיין־אַמעריקע.

אָבער, ווי שטענדיק, איז נישט אַלץ גאָלד וואָס גלאַנצט; צום באַדויערן פעלן אויך נישט אין אונדזער קהילה־לעבן קיין טונקעלע שטריכן און צווישן זיי דאַרף מען איבערהויפּט אונטערשטרייכן דעם פאַקט, וואָס אַ גרויסער פּראָצענט קינדער און יוגנטלעכע באַקומען נישט קיין שום ייִדישע דערציִונג.

עס איז געוויס פּיינלעך צוצוזען ווי די אַסימילאַציע שלעפּט אַוועק מיט זיך אַ גרויסן סעקטאָר פון אונדזער יוגנט, דערווייטערנדיק זי סיי פון אונדזער קולטור ווי פון ביידע טראַדיציאָנעלע שפּראַכן. מיר האָבן, צום באַדויערן, אַ טעות געהאַט, ווען מיר האָבן געמיינט, אַז דער אויפקום פון מדינת־ישראל וועט זיין אַ באַריערע פאַר דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס פונעם יונגן ייִדישן דור.

נישט אַריינגייענדיק אין אַ ברייטערן אַנאַליז פונעם עקזיסטירנדן מצב, קענען מיר אָנווייזן, אין זייער אַלגעמייִנע טערמינען, אויף צוויי פאַקטאָרן וואָס דערקלערן דעם דערווייטערונג־פּראָצעס פון די יוגנטלעכע פונעם ייִדישן לעבן.

פריִער פאַר אַלץ איז באַוווּסט, אַז זייער ייִדישער קולטור־באַגאַזש איז פיל קלענער און אָרעמער ווי פון זייערע פאָטערס און זיידעס. די מערהייט פון די יוגנטלעכע באַזיצט נישט מער ווי קנאַפּע באַגריפן פון דער ייִדישער געשיכטע אָדער ייִדישער טראַדיציע און מער ווי דער אייפער צו די ווערטן פון אונדזער טויזנט־יאָריקער קולטור האָט זיי אָנגערעגט זייער פרייהייטסליבע און באַווונדערונג פאַרן ייִדישן רענעסאַנס אין ישראל.

אָבער דאָס לעבן האָט זייִנע פאָדערונגען און טראָץ דעם וואָס אונדזער יוגנט פילט זיך אידענטיפיצירט מיט מדינת־ישראל, האָט זיך אָבער אַ גרויסער טייל געלאָזט אַבסאָרבירן פונעם שטודיום אָדער פון קאַמף פאַרן לעבן און נאָר אַ באַגרענעצטער סעקטאָר האָט זיך געווידמעט אינגאַנצן דעם ציוניסטישן מיליטאַנטיזם אָדער דעם אַקטיוון אָנטייל אין אַנדערע קולטורעלע אָדער רעליגיעזע ספערעס פון דער געמיינדע.

עס זיינען אויך דאָ יוגנטלעכע, אינדיפערענטע, וואָס ווערן אַסימילירט נישט מחמת מאַנגל אין ייִדישן וויסן אָדער מחמת זייער קנאַפּער ייִדישער קולטור, נאָר פּשוט: זיי לאָזן זיך פאַרשלעפן מיטן שטראָם, באַהערשט פון דער אינערציע, אָדער מחמת מאַנגל פון וועלכן ס׳איז סטימול.

פון דער אַנדערער זייט, איז אויך באַקאַנט אַז די אָנפירונג פון דער מערהייט קהילות און

דער מערהייט פון אונדזערע אינסטיטוציעס ליגט אין די הענט פון אַ דור וואָס גייט אַוועק און וואָס האָט נישט ווער עס זאָל אים פאַרטרעטן. עס איז טאַקע ריכטיק, אַז אין די לעצטע יאָרן מערקט זיך אַ געוויסער פאַרלאַנג צוצוציִען יונגע עלעמענטן צו די לייטנדיקע אינסטאַנצן. אָבער דער דור צו וועלכן די יוגנטלעכע געהערן, איז אין זיין מערהייט, ווייט פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און עס איז זייער ווייניק געטאָן געוואָרן אויף צו פאַראינטערעסירן אים אין דעם. עס געפינען זיך אַפילו אין דער קאָלעקטיוויטעט געוויסע קרייזן, וואָס זיינען זיי צופרידן מיטן אָנהאַלטן די דאָזיקע דערווייטערונג.

סעקרעטאַר פון דעם יוגנט־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה, ד״ר יוסף רויזין, דערעפנט די קורסן פון געשיכטע פאַר יוגנטלעכע.

אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן אָדער ס'איז זייער ווייניק געטאָן געוואָרן אויף צו דערציִען די טויזנטער יידישע אוניווערזיטאַריער וואָס זיינען דאָ ביי אונדז. און מען מוז אָנערקענען אַז נאָך אַפילו היינט באַט די קאָלעקטיוויטעט זייער ווייניק אָן אָדער זי באַט כמעט ווי גאָרנישט אָן אירע טויזנטער יונגע פּראָפעסיאָנאַלן.

דאָס שאַפן פונעם יוגנט־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה אין 1958 איז געווען אַ באַווייז אַז ענדלעך האָט מען אָנגעהויבן פאַרשטיין די ערנסטקייט פון דעם פּראָבלעם און די נויטווענדיקייט צו באַהאַנדלען מיט אַנטשלאָסנקייט זיין בהדרגהדיקע לייזונג.

מיר האָבן געוווּסט, אַז ס'וועט זיין נאַיִוו צו דערוואַרטן באַלדיקע רעזולטאַטן פון אונדזער אַרבעט צו דערנעענטערן די יוגנט צום יידישן לעבן און צו באַפעסטיקן די שוין עקזיסטירנדיקע יוגנט־גרופּירונגען. מיר האָבן געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און מען האָט געדאַרפט דורכפירן אַ מיזאַמע, סיסטעמאַטישע אַרבעט, אַן אמתע מוראַשקע־אַרבעט.

מיר זיינען אויך געווען איבערצייגט אַז עס לוינט נישט צו זוכן קיין ספּעקטאַקולאַרע און גראַנדיעזע לייזונגען, ווייל צום סוף לאָזן זיי זיך אויס מיט גאָרנישט.

מיר זיינען אויך געקומען צום באַשלוס, אַז צו דער יוגנט קאָן מען נאָר צוקומען אין אירע אייגענע סאָציאַלע ראַמען אין וועלכע זי איז טעטיק, זאָל עס זיין אין ציוניזם אָדער וועלכע אַנדערע קולטורעלער, אָדער סאָציאַלער סביבה.

מיר זיינען געווען איבערצייגט אַז די קהילות דאַרפן נישט שאַפן קיין נייע סטרוקטורן, נאָר אונטערשפּאַרן און באַפעסטיקן די שוין עקזיסטירנדיקע; סטימולירן אויף אַלע אופנים די טעטיקייטן פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און העלפן זיי שאַפן דאָרט ווו זיי עקזיסטירן נאָך נישט.

מיר האָבן אויך געהאַלטן אַז די קהילות דאַרפן איינשליסן אין זייערע פּערמאַנענטע טעטיקייטס־פּלענער אינפאָרמאַטיווע און אויפקלערערישע אַרבעט צווישן דער יוגנט, איבערהויפּט אין שפּאַניש, די שפּראַך וואָס זי רעדט און פאַרשטייט. און אויך צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים דאַרפן די קהילות אונטערשטיצן די חלוצישע באַוועגונגען, מיטהעלפן די יוגנטלעכע אין אַלע זייערע טעטיקייטן; גרינדן בעקאַס פאַר טעכנישע שטודיומס און פאַרטיפונג פון דער ייִדישער קולטור, סטימולירן אויסגאַבעס, טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון ייִדישן אינטערעס אאַז״וו.

נאָך פיר יאָר אַקטיווער טעטיקייט, באַגייסטיקט דורך דער פאַרשטענדעניש און סטימול פון די קהילה־לייטער און די הויפּט־קהילות אין לאַנד, קאָן מען באַהויפּטן אַז ס׳איז דערגרייכט געוואָרן די פאַרווירקלעכונג און ס׳איז דערפילט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון די כוונות און צילן וואָס האָבן אינספּירירט די שאַפונג פונעם יוגנט־דעפּאַרטאַמענט, ווי עס ווייזט אָן דער באַריכט וועגן דעם, פאַרעפנטלעכט אין דעם פנקס. עס זיינען באַזיגט געוואָרן פיל שטערונגען מיט וועלכע מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן ביים אָנהייב און עס אַנטוויקלט זיך איצט אַ ריי סיסטעמאַטישע טעטיקייטן וועמעס רעזולטאַטן עס זעען זיך אָן יעדן טאָג.

עס דאַרף ספּעציעל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אַ דאַנק דער פאָרמירונג פון אַ שטאַב מדריכים האָבן אויפגעלעבט אָדער זיך באַפעסטיקט פיל יוגנט־צענטערס, וואָס האָבן ביז דאַן נאָר פיגורירט נאָמינעל. מ׳האָט דערנענטערט צום ייִדישן לעבן הונדערטער ייִדישע יוגנטלעכע וואָס האָבן געלעבט פולשטענדיק דערווייטערט פון אים. עס ווערן אַרויסגעגעבן אויסגאַבעס פון הויך־קולטורעלן ניוואָ וואָס ווערן געלייענט און קאָמענטירט אין די יוגנט־קרייזן. עס איז איינגעפירט געוואָרן צו פייערן אין פיל יוגנט־צענטערס קבלת שבת און ייִדישע ימים־טובים; עס ווערן דורכגעפירט אין פיל פון זיי פּעריאָדישע קאָנפערענצן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען אויף ייִדישע טעמעס אד״גל. עס איז די יוגנטלעכע געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט בייצוזיין סיסטעמאַטישע קורסן פון דער ייִדישער געשיכטע און ישראלישער ליטעראַטור, ס׳איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן זיי דער פאָלקלאָר און די ייִדישע און ישראל־לידער. אין סך־הכל: עס איז געטאָן געוואָרן און עס ווערט געטאָן אַלדאָס מעגלעכס, כדי צו דערנענטערן די יוגנט צום ייִדישן לעבן און אַריינצוברענגען אין איר דעם ייִדישן באַוווסטזיין.

אפשר לוינט זיך צום סוף אויך אָנצווייזן אַז די אַנטי־ייִדישע געשעענישן אין די לעצטע חדשים האָבן געווירקט ווי אַ גייסטיק עמאָציאָנעלער שאָק אויף די יוגנטלעכע, איינגעשלאָסן אַפילו די גענצלעך דערווייטערטע פונעם ייִדנטום. און מען באַמיט זיך זיי צו אויפקלערן, אַז נישט דאָס איז דער מאָטיוו פאַר אונדזער שטרעבונג זיך אומצוקערן צום ייִדישן לעבן. אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך וויל מען אין זיי אויפוועקן און אַנטוויקלען אַ ייִדישן באַוווסטזיין, באַזירט אויף די פּערמאַנענטע ייִדישקייט־ווערטן וואָס זיינען נישט אין קעגנזאַץ און ווידערשפּרעכן נישט זייער צושטאַנד אַלס אַרגענטינער און זייער ליבע צום געבורטלאַנד.

פיר יאָר טעטיקייט פונעם יוגנט־דעפּאַרטאַמענט בײַ דער קהילה

דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט איז דער יינגסטער פון די קהילה־אָרגאַניזמען. ער איז נאָך אַפילו קיין פינף יאָר נישט אַלט, ווייל ער האָט אָנגעהויבן זיין סיסטעמאַטישע טעטיקייט ערשט אין יאָר 1959.

די יוגנט־סובקאָמיסיע האָט זיך אין דער ווירקלעכקייט פאָרמירט דעם 18טן אַפּריל 1958. אויסער דעם סעקרעטאַר, ד״ר דוד רויזין האָבן אָנטייל גענומען אין דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג און אין די צוויי נאָכפאָלגנדיקע: די ה״ה משה פערלמאַן, ד״ר בערנאַרדאָ לערנער, גרעגאָריאָ זשעלאָזני, יעקב בערקאָוויטש און זלמן גאָטליב.

בעת די ערשטע פאַרזאַמלונגען זיינען באַטראַכט געוואָרן די פאַרשידענע אַספּעקטן פונעם פּלאַן וואָס ד״ר רויזין האָט פאָרגעלייגט. דער טעטיקייט־פּלאַן האָט איינגעשלאָסן פאַרשידענע איניציאַטיוועס וואָס האָבן געצילט צו דערנענטערן די יוגנט צום געמיינדע־לעבן און אויפוועקן איר אינטערעס פאַר די ישראל־פּראָבלעמען און אירע גרויסע פאַרווירקלעכונגען.

צו דעם צוועק האָט מען געפּלאַנט דורכצופירן אַ גרויסן שריפטלעכן קאַמפּיין צווישן דער יוגנט; די אויסגאַבע פון אַ ווערק פון גרויסן גייסטיקן אינטערעס פאַר די יוגנטלעכע; שאַפן אַ בעקאָ אויף פּראָפעסיאָנעלער השתלמות אין ישראל; אייבבילדונג און פערפעקציאָנירונג פון אַדמיניסטראַטיווע באַאַמטע; שאַפן פאַרבינדונגען מיט אַלע יוגנט־אינסטיטוציעס; קאָאָרדינאַציע מיטן קולטור־דעפּאַרטאַמענט בײַ דער קהילה; סטימולירן די כאַראַלע און כּאַטראַלע טעטיקייטן צווישן די יוגנטלעכע אד״גל׳.

צו דער זעלבער צייט האָט מען גענומען אין אַכט די נויטווענדיקייט צו העלפן און סטימולירן די שוין עקזיסטירנדע יוגנט־גרופּירונגען, איבערהויפּט פון חלוצישן כאַראַקטער.

די אַלע איניציאַטיוועס זיינען געוואָרן אַנאַליזירט און באַטראַכט און אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט צו ווערן שטופנווייז, לויט די אומשטענדן. איצט נאָך דריי יאָר אָנגעשטרענגטער אַרבעט קאָן מען באַהויפּטן אַז עס האָט זיך איינגעגעבן צו דורכפירן אַ גרויסן טייל פון די איניציאַטיוועס און צוגעבן צו די איניקע אַנדערע נישט־ווייניקער וויכטיקע, צו דער טעטיקייט פון דער יוגנט־קאָמיסיע.

די דאָזיקע טעטיקייט איז געווען אָריענטירט אין צוויי ריכטונגען: סטימולירן, פון איין זייט, די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזירטער יוגנט און פון דער צווייטער זייט, אַרויסרופן די שאַפונג פון גרופּירונגען פון די יוגנטלעכע וואָס זיינען דערווייטערט פונעם יידישן לעבן, כדי צו דערנענטערן זיי צום יידנטום און צו דער געזעלשאַפטלעכקייט.

די אָרגאַניזירטע יוגנט

די אָרגאַניזירטע יוגנט שטעלט מיט זיך פאָר צוויי אַנטשיידענע סעקטאָרן: איינער מיט אַ קלאָרער ציוניסטישער אָריענטאַציע, דער אַנדערער — פון אַ ריין קולטורעלן, סאָציאַלן, אָדער ספּאָרטיוון כאַראַקטער. ביידע סעקטאָרן זיינען געהעריק סטימולירט געוואָרן.

די חלוצישע באַוועגונגען

ס׳איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז אינעם יוגנטלעכן ציוניסטישן סעקטאָר שטייען אין דער ערשטער ריי די חלוצישע באַוועגונגען מיט זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס: „תנועות״, „קנים״ און „הכשרות״.

נעמענדיק אין אַכט זייערע קנאַפּע מיטלען און וועלנדיק סטימולירן און פאַרגרעסערן זייער אַקטיוויטעט האָט די בוענאָס־איירעסער קהילה דורכגעפירט אַ ריי איניציאַטיוועס וועלכע דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט רעקאָמענדירט.



דער ראש־הקהל ד״ר ט. קאַמענשיין מיט אַ גרופּע יידישע סטודענטן פון בראַזיל (יאָר 1960).

צווישן זיי דאַרף מען פאַרצייכענען פאָלגנדיקע:

א) ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ צושטייער פון 20 פּעזעס טעגלעך אויף דער אויפהאַלטונג פון יעדן יוגנטלעכן וועלכער מאַכט דורך אַ קורס פון אַגריקולטורעלער צוגרייטונג אין די „הכשרות״.

ב) ס׳זיינען אויך באַשטימט געוואָרן באַדייטנדע סומעס כדי די בעסערע עלעמענטן אין די „הכשרות״ זאָלן קענען פאָרן קיין ישראל און דאָרטן פאָרזעצן די פּערפעקציאָנירונג־קורסן, פאַרפליכטנדיק זיך אָבער צו דינען אַלס אינסטרוקטאָרן נאָך זייער אומקערן זיך אין לאַנד.

ג) ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ בייטראָג פון 50 % צו דעם סכום וואָס די יידישע אַגענץ שטייערט ביי פאַר די אינסטרוקטאָרן פון די חלוצישע באַוועגונגען. די דאָזיקע ביישטייערונג וואָס איז אין 1959 געווען פון 1.250 פּעזעס, איז פאַרטאָפּלט געוואָרן אין יוני 1962, צוליב דער גרויסער פאַרטייערונג פון די לעבנס־מיטלען. פון דאַן באַקומט יעדער איינער פון די „מדריכים״ אין די חלוצישע באַוועגונגען אַ חודשלעכע סובסידיע פון 2.500 פּעזעס און ס׳איז אויך געגעבן געוואָרן 1.200 פּעזעס די מדריכים וואָס האָבן ביז איצט נישט באַקומען קיין אונטערשטיצונג. אויף דעם פאַרברויכט איצט די קהילה מאָנאַטלעך 203.500 פּעזעס.

ד) די קהילה האָט אויך מיטגעהאָלפן צו אָרגאַניזירן פאַר די יוגנטלעכע אין די „הכשרות״ קורצע קורסן פון יידישער געשיכטע, זי האָט דערמעגלעכט דאָס סיסטעמאַטישע לערנען העברעיש און דאָס ווייזן פילמען פון די פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער ערד־אַרבעט אין ישראל.

ה) די קהילה האָט אויך באַשטימט אין די לעצטע יאָרן באַדייטנדע באַשטייערונגען אויף צו פאַרריכטן די געביידעס און די פאַרשידענע אײנריכטונגען אין די הכשרות, כדי די יוגנט־לעכע זאָלן קענען אַנטוויקלען נאָרמאַל, אָן שטערונגען, זייערע אַרבעטן אין די פאַרשידענע טעטיקייט־צווייגן, ווי: גאָרטן, פּרוכט־ביימער, הינער־צוכט, קו־שטאַל אאַז״וו.

ו) דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט קאָאָרדינירט זיין טעטיקייט מיט דער ציוניסטישער יוגנט־קאָנפעדעראַציע, ברית ארגונים חלוציים און מחלקת הנוער והחלוץ פון דער יידישער אַגענץ.

ז) אויך האָט די קהילה מיטגעהאָלפן מיט אַלץ וואָס זי איז געווען בכח דער יוגנט־עליה און ס׳איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע דאָס געזעגענען די עולים אין איר זיצונג־זאַל.

געזעגענונג פון אַ גרופּע יוגנטלעכע עולים (1960).

די אוניווערזיטאַרישע יוגנט

דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט געווידמעט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו דערנענטערן די אוניווערזיטאַרישע יוגנט צום יידישן לעבן. באַלד נאָך זיין אַנטשטייונג האָט ער געהאַט צוזאַמענקונפטן מיט די אָנפירער פון די פאַרשידענע אוניווערזיטאַרישע גרופּירונגען פון דער הויפּטשטאָט, באַמיענדיק זיך צו קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט אין פאַרלייכטערן זייער אויסברייטערונג אין דער גרויסער אוניווערזיטאַרישער מאַסע.

צו דעם צוועק האָט די קהילה אַסיגנירט דעם „סענטראָ אוניווערסיטאַריאָ סיאָניסטאַ״ אַ מאָנאַטלעכע ביישטייערונג, און צו דער זעלבער צייט דערמוטיקט מיט איר מאָראַלישער און מאַטעריעלער מיטהילף די אויסשפּרייטונג פון זיין טעטיקייט אינעם אינערן פון לאַנד. נאָך אַ פאַרשטאַרקטן אויפקלערונגס־קאַמפּיין האָבן זיך געגרינדעט אוניווערזיטאַרע ציוניסטישע קרייזן אין די שטעט פון דער רעפּובליק: ראָזאַריאָ, קאָרדאָבאַ, סאַנטאַ־פע, פּאַראַנאַ, באַהיאַ־בלאַנקאַ אאז״וו. זיי האָבן זיך פאַרבונדן אין איין צענטראַלער קאָנפעדעראַציע („פּוסאַ״: פעדעראַסיאָן אוניווערסיטאַריאַ סיאָניסטאַ אַרכענטינאַ) מיט דער צענטראַלע אין בוענאָס־איירעס.

קולטורעלע, סאָציאַלע און ספּאָרטיווע אָרגאַניזאַציעס

איינע פון די הויפּט־אויפגאַבעס פונעם יוגנט־דעפּאַרטאַמענט איז געווען צו באַפעסטיקן די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון די פאַרשיידענע יוגנט־גרופּירונגען, וואָס האָבן ביז דאַן עקזיסטירט בלויז נאָמינעל. ווי נאָר מען האָט געקראָגן אַ מדריך, האָט ער אָנגעהויבן די פּעריאָדישע באַזוכן אין די פאַרשיידענע צענטערס, באַצוועקנדיק צו באַנייען זייער טעטיקייט און אָריענטירן זיי אין נאַציאָנאַל־קולטורעלן ייִדישן גייסט.

ס׳איז קלאָר, אַז אַזאַ אינטענסיווע אַרבעט צווישן די יוגנט־גרופּן וואָלט נישט געווען מעגלעך אָן אַ שטאַב פון אַקטיווע און פעיִקע מדריכים. דאָס איז געווען נאָך מער נייטיק, ווייל דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט זיך אָנגעצייכנט אַלס נאָרמע נישט אַרויפצוצווינגען קיין קריטעריומס, נישט קיין אַרבעטס־פּלענער וועלכן ס׳איז צענטער, נישט צוגעבן קיין פונקציעס וואָס עס פירן אויס אַנדערע אינסטיטוציעס. פון דאַנען — די דרינגלעכע נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ שטאַב פון גוטע, קאָמפּעטענטע מדריכים אויף צו אַנטוויקלען אַ פרוכטבאַרע אַרבעט.

אין 1961 האָט דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט געהאַט פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע נישט מער ווי צוויי מדריכים און דאָך האָט ער דערגרייכט באַדייטנדע דערפאָלגן, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן ביי דער פאַרזאַמלונג פון כמעט אַלע יוגנט־גרופּירונגען פון הויפּטשטאָט און גרויס בוענאָס־איירעס אַרום איין געמיינזאַמען טיש.

ס׳קען אויסזען אומגלויבלעך, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז נישט אַלע קולטורעלע, סאָציאַלע און ספּאָרטיווע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אָריענטירט זייער אַקטיוויטעט אין ייִדיש־נאַציאָנאַלן גייסט. נישט אַלע האָבן אַפילו אַרויסגעוויזן אינטערעס פאַר די הויפּט־מאַניפעסטאַציעס פון דער ייִדישער קולטור און אין איניקע פאַלן נישט פאַרבאָרגן אַ געוויסע סימולירטע שנאה צו זיי, אָדער איבעררעשנדע אומפאַרשטענדעניש פאַר דער ישראל־ווירקלעכקייט.

ס׳איז קלאָר אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ גענצלעכער אומוויסנהייט פונעם ייִדישקייט מהות, פונעם פעלן פון ייִדישער קולטור און מאַנגל אין אינפאָרמאַציע וועגן די פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פון דעם געמיינדע לעבן.

דערפאַר איז זייער וויכטיק די אויפקלערונג־טעטיקייט וואָס עס האָבן געדאַרפט דורכפירן די מדריכים.

אָבער ס׳איז געווען און עס איז פאַראַן נאָך אַ ייִדישער יוגנט־סעקטאָר וואָס נייטיקט זיך נאָך מער אין דער אויפקלערנדיקער אַרבעט, און דאָס זיינען די פיל הונדערטער, אָדער טויזנטער יוגנטלעכע וואָס געהערן נישט צו קיין אָרגאַניזאַציע, צו קיין באַוועגונג און געפינען זיך אין דער ווירקלעכקייט אָפּגעזונדערט פון דער געזעלשאַפט. עס אינטערעסירט זיי נישט קיין ייִדיש פּראָבלעם, זיי לעבן נישט און אַקטויִרן נישט צווישן ייִדן; דאָס זיינען אָפּגעפאַלענע צווייגן פונעם ייִדישן לעבנס־בוים, איבער דערווידערנדע אומשטענדן אָדער איבער דער זאָרגלאָזיקייט פון די עלטערן אין באַצוג צו דער ייִדישער דערציִונג.

דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט אָנגעצייכנט איניקע ריכטליניעס צו דערנעענטערן די דאָזיקע עלעמענטן צו עפּעס אַ ייִדישער קערפּערשאַפט, כדי מיט דער צייט אויסצווירקן זייער אומקערן זיך צום ייִדנטום. עס איז נישט קיין לייכטע אויפגאַבע; אויך קען מען נישט שטרעבן,

אַז זי זאָל זיך תיכּף פֿאַרווירקלעכן, אָבער עס זיינען געמאַכט געוואָרן אייניקע צופֿרידנשטעלנדע טריט און מען גייט אָן אין דער ריכטונג מיט דער צוזאַמענאַרבעט פונעם מדריכים שטאַב.

מדריכים־שטאַב

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן די וויכטיקייט פון אַ גרופּע מדריכים וואָס זאָלן באַזוכן רעגלמעסיק די צענטערס וואָס נייטיקן זיך אין טעכנישער אָנפירונג און דיסציפּלין אין זייער אַרבעט. דערפֿאַר האָבן מיר זיך באַמיט אַזאַ גרופּע צו פֿאָרמירן, איבערהויפּט פון די יוגנטלעכע וואָס באַזיצן אַ גרינטלעכע יידישע צוגרייטונג, ד״ה: יוגנטלעכע וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם סעמינאַר, אָדער אַן אַנדער יידישע מיטלשול, אָדער דעם מדריכים־קורס אין ירושלים.

עס מוז אונטערגעשטראָכן ווערן אַז די קהילה־לייטונג האָט מיט פיל פֿאַרשטענדעניש און מיטהילף פֿאַר דער זאַך, אויטאָריזירט אין אַפּריל 1962 די געהעריקע באַשטימונגען. אַזוי האָט זיך פֿאָרמירט דער מדריכים־קאַדר אין באַשטאַנד פון צען יוגנטלעכע.

באַלד נאָך דעם ווי ער האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט האָט ער גלייך אָנגעהויבן זיין טעטיקייט, אָריענטירט אין דריי מיטווירקנדיקע ריכטונגען:

א) באַפֿעסטיקן די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון די פֿאַרשיידענע גרופּירונגען וואָס האָבן ביז דאַן נאָר עקזיסטירט נאָמינעל. צוגעווינען זייערע מיטגלידער צו באַזוכן רעגולער און סיסטעמאַטיש זייער צענטער און מיטאַרבעטן אין זיינע קולטורעלע און סאָציאַלע טעטיקייטן.

ב) פֿאַרשפּרייטן דאָס יידישע און ישראל־געזאַנג אין אַלע צענטערס; שאַפֿן ווו עס איז נאָר מעגלעך כאָרן. צוליב דעם האָבן מיר באַשטימט אַלס איינעם פון די מדריכים ווי אַ מחזיק־לערער, ספּעציאַליסט אין כאָר־געזאַנג.

ג) פֿאַרשפּרייטן די ישראלישע טענץ אין אַלע צענטערס, צוליב דעם זיינען באַשטימט געוואָרן צווישן די מדריכים צוויי מיידלעך, ספּעציאַליזירט אין די טענץ.

איבערהויפּט האָט יעדער איינער פון די מדריכים געדאַרפֿט מיטאַרבעטן אין דער אַלגעמיינער אויפֿגאַבע און קאָאָרדינירן די טעטיקייט אין די צענטערס פון יעדער געגנט אין דעם קעגנזייטיקן אויסטויש פון רעדנער, מוזיק, כאָרן, טענץ, אַנסאַמבלען, אאַז״וו.

אַנקעטע

כדי מעגלעך צו מאַכן דעם קולטורעלן, סאָציאַלן און ספּאָרטיוון אויסטויש צווישן די פֿאַרשיידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן אַרטיסטישע עלעמענטן, רעדנער, כאָרן, פילאָדראַמאַטישע קאַדרען אאַז״וו, האָבן די מדריכים אָנגעהויבן צו מאַכן אַן אַנקעטע וואָס האָט געדאַרפֿט באַקאַנט מאַכן די פֿאָלגנדע אינפֿאָרמאַציעס:

א) וויפֿל מיטגלידער ציילט יעדער אַנשטאַלט אין זיין קלאַסיפֿיצירונג, לויט עלטער און קאַטעגאָריע;

ב) דער גרינדונג־דאַטום, און די אויפֿגאַבן און צילן פונעם צענטער;

ג) אַ קורצן באַריכט פון די טעטיקייטן פון יעדן צענטער פֿאַר די יאָרן 1961־1960;

ד) די רעדנער און לעקטאָרן וואָס זיי האָבן און וועלכע וואָלטן געקענט אַקטוירן אויף פֿאַרזאַמלונגען אָדער עפֿנטלעכע אַקטן אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס;

ה) אויב זיי האָבן אַ טעאַטער־קרייז, ווער זיינען זיינע מיטגלידער, ווערק וואָס זיי האָבן פֿאָרגעשטעלט, וועלכע גרייטן זיי צו און אין וועלכער שפּראַך: שפּאַניש, יידיש אָדער העברעיש;

ו) אויב ס׳עקזיסטירט ביי זיי אַ כאָר, וויפֿל אָנטיילנעמער, ווער דיריגירט אים און זיין רעפּערטואַר: אין יידיש, שפּאַניש און העברעיש;

ז) אויב ס׳איז דאָ אין צענטער אַ טאַנץ־אַנסאַמבל פון ישראלישע טענץ, וויפֿל מיטבאַטייליקטע זיינען דאָ אין אים און וועלכע טענץ זיי אינטערפּרעטירן;

ח) אויב זיי פאַרנעמען זיך מיט ספּאָרטיווע איבונגען, באַריכטן אין וועלכע און צי זיי האָבן אָנטייל גענומען אָדער קאָנען אָנטייל נעמען אין פאַרמעסטן;

ט) צי זיי האָבן אַן אייגענע ביבליאָטעק, וויפל ביכער פאַרמאָגט זי און אין וועלכע שפּראַכן און צי אינטערעסירט זיי, אָדער האָבן זיי די מעגלעכקייט פון אַ ביכער־אויסטויש מיט אַנדערע יוגנטלעכע ביבליאָטעקן.

די באַקומענע אינפאָרמאַציעס האָבן מעגלעך געמאַכט צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט אין די צענטערס פון גרויס בוענאָס־איירעס. די דירעקטע, פּערזענלעכע מיטאַרבעט פון די מדריכים מיט די יוגנטלעכע פירער האָט פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרשטענדיקן זיך און צו אויפקלערן פיל געמיינזאַמע פּראָבלעמען.

די פייערונג פון ישראלס בר־מצווה־יאָר. לחיים אין קהילה לכבוד די צוויי בר־מצווהניקעס וואָס האָבן זוכה בגורל געווען צו מאַכן אַ רייזע קיין ישראל.

אַרום אַ געמיינזאַמען טיש

עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז לויט דער איניציאַטיוו פונעם יוגנט־דעפּאַרטאַמענט זיינען פאָרגעקומען צווישן די יוגנטלעכע אייניקע זייער וויכטיקע צוזאַמענקומען.

נאָך פיל באַמיונגען איז צושטאַנד געקומען דער ערשטער פון זיי, עס איז געלונגען צוזאַמענצוברענגען אַרום איין געמיינשאַפטלעכן טיש די פאַרטרעטער פון אַזעלכע פאַרשיידנאַרטיקע אַנשטאַלטן, ווי די ציוניסטישע יוגנט־קאָנפעדעראַציע בני ברית, קלוב נאַוטיקאָ הכח, ציוניסטישער אוניווערזיטאַרער צענטער (קוס), יוגנט־דעפּאַרטאַמענט ביי דער יידישער אַגענץ, רמה, אַרגענטינער פעדעראַציע מכבי, חזית הנוער, קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון אַפּאַרטיישע צענטערס. ספרדישע יוגנט אד״גל׳.

אָט די ערשטע פאַרזאַמלונג האָט געבראַכט נאָך זיך פיל אַנדערע, אָריענטירט אין אַ טאָפּלטן ציל: צו אָרגאַניזירן דעם אַרגענטינער אָנטייל אין דער ערשטער יידישער קאָנווענץ אין לאַטייך־אַמעריקע, פאָרגעקומען אין מאָנטעווידעאָ אין יאָר 1961, און דער צווייטער — צו שאַפן אַן אַלגעמיינע קאָנפעדעראַציע פון אַלע יידישע יוגנט־גרופּירונגען אין דער הויפּטשטאָט, גרויס בוענאָס־איירעס און אינלאַנד.

די דאָזיקע אַקציע וואָס דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט אונטערגענומען האָט געבראַכט צו דער שאַפונג פון דעם יידיש־אַרגענטינער יוגנט־ראַט, וואָס הייבט אָן צו אַנטוויקלען זיין טעטיקייט מיט דער מיטהילף און אויפזיכט פון אַלע יוגנט־סעקטאָרן.

ער האָט גלייך אונטערגענומען סיסטעמאַטישע און רעגלמעסיקע צוזאַמענקומען פון די יוגנטלעכע פאָרשטייער וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אונטער אונדזער אויפזיכט אין דעם זיצונגזאַל פון דער קהילה, דעם 4טן אַפּריל 1962.

די וויכטיקייט פון דעם צוזאַמענקום באַשטייט נישט נאָר אין דער צאָל פון די אָנטיילנעמער, נאָר אין דער אויפריכטיקייט מיט וועלכער יעדער איינער פון זיי האָט זיך אויסגעדריקט וועגן די פאַרשיידענע פּראָבלעמען פאַר וועלכע זיי זיינען געשטאַנען, אָדער געזוכט אַ ליזונג פאַר די צענטערס און די פעדעראַציעס וואָס זיי האָבן פאָרגעשטעלט.

מען דאַרף אונטערשטרייכן אַז אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען פאָרטראָטן מער פון צוואָנציק יוגנט־גרופּירונגען וואָס ציילן אַ מיטגלידערשאַפט פון אַרום 5.000 יוגנטלעכע.

עס זיינען געווען פאָלגנדע צענטערס:

יוגנט־צענטער פון בית־עם „מדינת ישראל";

חזית יוגנט־פראָנט (אביבא — בית־ישראל — ס. י. ב. — נ. ס. י. — ווילאַ באַושעסטער — למרות הכול);

צענטער „מאַקס נאָרדוי";

אחים ;מאַר דעל פּלאַטאַ);

צענטער „נחום סאָקאָלאָוו";

א. ה. א. ס. שלום;

מכבי הצעיר;

בית־עם „יוסף שפּרינצאַק";

סענטראָ כוּוועניל איסראַעליטאַ הגנה פון ווילאַ דעוואָטאָ;

סירקולאָ קולטוראַל איסראַעליטאַ פון לאָמאַס דעל פּאַלאָמאַר;

סענטראָ כוּוועניל איסראַעליטאַ ד"ר הערצל — שולע תל־אביב;

לוחמים;

אַרגענטינער ספרדישער אַטלעטישער קלוב;

אַטענעאָ איסראַעליטאַ אַרכענטינאָ פון לאָמאַס דע סאַמאָראַ;

סענטראָ כוּוועניל קדימה פון קילמעס.

די באַהאַנדלטע טעמעס אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען פון אַ זייער פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער. עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן דאָס פעלן פון דידאַקטישע און דערציערישע אויסגאַבעס, מאַנגל פון קינאָמאַטאָגראַפישע פילמען וועגן ישראל און דאָס פעלן פון ביבליאָטעקן מיט ביכער אויף יידישע טעמעס, ווי אויך דאָס פעלן פון באַקוועמלעכקייטן אין געוויסע לאָקאַלן. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף געוויסע קרייזן וואָס רעדן וועגן דערנענטערן די יוגנט צום געזעלשאַפטלעכן לעבן אָבער זיי לייגן טויזנטערליי שטערונגען ביים אַנטוויקלען אַ סיסטעמאַטישע טעטיקייט אין דער הינזיכט. עס איז גערעדט געוואָרן וועגן דער נויטווענדיקייט צו באַזאָרגן די צענטערס מיט רעדנערס וואָס זאָלן אינטערעסירן די יוגנט אויך פון ספּעציאַליסטן אויף צו לערנען ישראל־טענץ און לידער. אין איין זאַך האָבן זיך אַלע געאייניקט: אַז די יוגנט־גרופּעס נייטיקן זיך אין אַ פּערמאַנענטער מיטאַרבעט פון אַ מדריך.

דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט אויך צונויפגערופן אַן אַנדער וויכטיקע פאַרזאַמלונג פון דעלעגאַטן פון יוגנטלעכע אינסטיטוציעס, כדי צו גרינדן אַ פעדעראַציע פון יידישע ספּאָרטיווע קערפּערשאַפטן. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען דעם 19טן יולי, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון 23 צענטערס און פעדעראַציעס.

נאָך פיל באַמיונגען איז געשטיגן אין אַ מערקבאַרער פאָרעם די צאָל פון די אָנגעשלאָסענע קערפּערשאַפטן, ענדגילטיק האָט זיך קאָנסטיטויִרט די נייע קערפּערשאַפט אונטערן נאָמען פעדיבא (פעדעראַציע פון יידישע ספּאָרטיווע אַנשטאַלטן אין בוענאָס־איירעס). עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן אַז אויסער איר שטרעבן צו אַן אינטעגראַלער אַנטוויקלונג פון דער פיזישער, מאָראַלישער און גייסטיקער קולטור פון די מיטגלידער פון די אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס, דאַרף די נייע פעדעראַציע „קעמפן פאַר אַ רעאַלער דערנענטערונג פון דער יידישער יוגנט צו דער מדינת־ישראל, פאַרשפּרייטנדיק די יידישע און ישראלישע קולטורעלע ווערטן". די סטאַטוטן שטעלן אויך פעסט אַז קאָנסעקווענט מיט דער יידישער טראַדיציע, וועט די פעדעראַציע נישט אויפנעמען די ספּאָרטיווע פאַרמעסטן אין די שבתים אָדער אַנדערע יידישע געדענק־טעג.

דאָס ווייזט אָן אַז אין די לעצטע פאַר יאָר איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער שריט פאָרויס אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פון דער יוגנט.

עס דאַרף אויך באַמערקט ווערן אַז פון מיטן 1962 האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אַ באַדייטנדע דערנענטערונג צו די יידישע אינטערעסן, אַפילו פון קרייזן, גענצלעך דערווייטערטע פונעם יידישן לעבן. דאָס איז געשען, צום באַדויערן, נאָך דעם ווי די אַנטיסעמיטישע אַקטואַציע האָט אויפגערודערט אונדזער לאַנד.

אויפקלערונגס־מאַטעריאַל

מיט דעם איז אויך צו דערקלערן דעם אינטערעס פון די יוגנטלעכע פאַר אַ סעריע מאַטעריאַלן וואָס דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט זיי לעצטנס צוגעשטעלט. צווישן די לייען־מאַטעריאַלן איז ווערט צו באַצייכענען פאָלגנדע:

1) Carta a nuestros amigos los argentinos (sobre el caso Adolf Sichman) אַ בריוו צו אונדזערע אַרגענטינער פריינד (וועגן דעם פאַל אייכמאַן) פון שמואל שניצער, פון דער נאָכמיטיק־צייטונג „מעריב" פון ישראל.

2) Adolf Eichman (עדות פון רודאָלף העס) אַרויסגעגעבן פון אידישן וועלט־קאָנגרעס.

3) Puntos de vista שטאַנדפּונקטן (וועגן פאַל אייכמאַן).

4) Principios elementales de derecho internacional en que se basa el proceso Eichman. די עלעמענטאַרע פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט אויף וועלכע עס באַזירט זיך דער אייכמאַן־פּראָצעס.

5) La Iglesia Católica se define אַרויסגעגעבן פון אידישן אַרגענטינער אינסטיטוט.

6) La ciencia investiga el antesimitismo (די וויסנשאַפט פאָרשט אויס דעם אַנטיסעמיטיזם), אַרויסגעגעבן פונם אידישן אַרגענטינער אינסטיטוט פון קולטור און אינפאָרמאַציע.

אייניקע פון די אויסגאַבעס האָבן אַרויסגעבראַכט היציקע דיסקוסיעס אין די יוגנט־צענטערס, צוגרייטנדיק אַזוי אַרום די נייטיקע גייסטיקע אַטמאָספער, כדי צו לייענען און פאַרשטיין אַנדערע ווערק.

די אויסגאַבעס פונעם יוגנט־דעפּאַרטאַמענט

צופּאַסנדיק זיך צו דער נויטווענדיקייט צו באַזאָרגן די יוגנטלעכע פירער מיט פּאַסיקן מאַטעריאַל אויף צו אַנטוויקלען אַ סיסטעמאַטישע קולטורעלע טעטיקייט, האָט דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט אונטערגענומען צו אַרויסגעבן אַ ריי פּובליקאַציעס וואָס זיינען אויפגענומען געוואָרן אין אַלע קרייזן מיט אַ מערקבאַרן אינטערעס. מען איז אויסן געווען, אויפן ערשטן פּלאַץ, צו שאַפן ביי די יוגנטלעכע די געוווינהייט צו פייערן דעם שבת און די דערמאָנונג פון די גרויסע ימים־טובים און יידישע היסטאָרישע דאַטעס.

די קהילה־פאַרוואַלטונג געזעגנט אַ גרופּע עולים צו זייער אָפּפאָרן קיין ישׂראל.

דערפאַר איז די ערשטע פון די אויסגאַבעס געווען געווידמעט קבלת שבת. אַזוי הייסט זי און אַנטהאַלט נישט נאָר אַ פולע אויפקלערונג פון דעם וואָס עס האָט באַטייט און עס באַטייט נאָך איצט די שבת־טראַדיציע אינעם יידישן לעבן, מיטן גאַנצן צויבער פון איר פּאָעזיע און הייליקייט, נאָר אויך גענויע אָנווייזונגען ווי צו אָרגאַניזירן דעם קבלת שבת אין די יוגנטלעכע צענטערס.

די צווייטע פּובליקאַציע הייסט שבועות־ל״ג בעומר; די דריטע — הערצל־ביאַליק; די פערטע איז אַ שירון, וואָס אַנטהאַלט אַ צוואַנציק יידישע און ישׂראלישע לידער מיט מחיק, דעם אָריגינעלן טעקסט, טראַנסקריפּציע און איבערזעצונג אין שפּאַניש; די פינפטע — די גרויסע יידישע ימים־טובים (ראש־השנה און יום־כיפור).

די אַלע אויבן־דערמאָנטע פּובליקאַציעס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פונעם פּראָפ׳ לאַזאַראָ שאַלמאַן, דירעקטאָר פונעם יוגנט־דעפּאַרטאַמענט.

ווייטער, כדי צו באַקאַנט מאַכן דער יוגנט און אַנדערע קרייזן וועגן דער טראַנסצעדענ־

טאַלער טעטיקייט פון דער יִדישער קהילה פון בוענאָס־איירעס, האָט מען אַרויסגעגעבן אַ צוויי־שפראַכיקע בראָשור (יידיש און שפאַניש) ווו עס ווערן אַרויסגעבראַכט די דעמאָקראַטישע יסודות אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער געמיינדע און די פילפאַכיקע פונקציעס וואָס די קהילה פירט אויס.

קבלת ־ שבת

עס איז זייער אַנגענעם צו באַצייכענען אַז עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין איר גרעסטן טייל די אַספיראַציע פונעם יוגנט־דעפאַרטאַמענט אַז דער קבלת־שבת זאָל זיך איינבירגערן אין די יוגנט־צענטערס און זאָל געפייערט ווערן מיט גייסטיקער ווירדיקייט. אין מער פון 30 יוגנטלעכע גרופירונגען איז עס איינגעפירט געוואָרן אַלס אַ וועכנטלעכער אַקט און עס איז אויסער יעדן ספק אַז די קבלת שבת פייערונג דינט ווי אַ גוטער אָנהייב פון דער יוגנט דערנענטערונג צו דער יִדישער גייסטיקייט.

אַנדערע דערמאָנונגען

מען דאַרף אויך באַצייכענען אַז אין פיל צענטערס איז היי־יאָר 1962 געפייערט געוואָרן דער יום־טוב פסח, אָרגאַניזירנדיק ביי זיך אין אייגענעם אַמביענט אַ דריטן סדר; אויך האָט מען אין אייניקע איינגעאָרדנט דערמאָנונגס־אַקטן פונעם יום־טוב שבועות און אין פיל פון זיי הערצל־ביאַליק־פייערונגען.

אַ קורס פון יִדישער געשיכטע

וועלנדיק דערמעגלעכן פאַר דער יִדישער יוגנט פון דער הויפטשטאָט און אָנפירער פון יוגנט־צענטערס דורכצומאַכן אַ סיסטעמאַטישן קורס פון יִדישער געשיכטע, האָט דער יוגנט־דעפאַרטאַמענט געקראָגן די מיטאַרבעט פון אַ קוואַליפיצירטער גרופע פון ספעציאַליסטן אין דער מאַטעריע, האָט צוגעגרייט אַ פראָגראַם פאַר צוויי יאָר, וואָס ווערט דורכגעפירט נאָרמאַל, מיט אַ צאָלרייכער אָנוועזנהייט פון תלמידים.

דער ערשטער קורס — פולשטענדיק דורכגעמאַכט אין 1961 — האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן אַריינפיר־קלאַס צום שטודיום פון דער יִדישער געשיכטע פון פראָפעסאָר לעאָן דוכאָוונע, וואָס האָט גערעדט וועגן די צוויי גרויסע יִדישע היסטאָריקער: גרעץ און דובנאָוו.

דער פראָגראַם פון ערשטן קורס האָט אַרומגענומען די אַנטיקע עפאָכע (ביבלישער פעריאָד) און די גריכיש־רוימישע מיט דער תלמודישער עפאָכע (דער נאָכביבלישער פעריאָד). עס האָבן אים אַנטוויקלט די פאָלגנדע לעקטאָרן: ה׳ משה שענדעריי, פראָפ׳ בערנאַרדאָ גאָרעליק, אינזש׳ שלמה ראָזענבערג, ה׳ מאַרקאָספ עדערי, ד״ר קאָנראַדאָ פ. וועלער און ה׳ העריבערטאָ האַבער.

די פראָגראַם פונעם צווייטן קורס, אַנטוויקלט אין 1962 האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן אַריינפיר־קלאַס וועגן דעם יִדישן מיטלאַלטער, געגעבן פונעם קולטור־אַטאַשע פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע, ה׳ אריה שובל, אין דער אַנטוויקלונג פון דער פראָגראַם פונעם צווייטן קורס וואָס האָט אַרומגענומען די יִדישע געשיכטע אין מיטלאַלטער, אין דער מאָדערנער און מיטצייטיקער עפאָכעס, האָבן אָנטייל גענומען די לעקטאָרן ה׳ משה שענדעריי, אינזש׳ שלום ראָזענבערג, פראָפ׳ לאַזאַראָ שאַלמאַן, ד״ר ציון כהן אימאַטש, ד״ר לעאָן דוכאָוונע און ד״ר נתן לערנער.

אומאָפהענגיק פונעם קורס פון דער יִדישער געשיכטע, זיינען געגעבן געוואָרן אין 1961 דריי קורצע קורסן:

1) „די סאָציאַלע, פאָליטישע און אינסטיטוציאָנעלע פיזיאָנאָמיע פון ישראל״, דיקטירט פון ה׳ גרעגאָריאָ ווערביצקי, פרעסע־אַטאַשע פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע;

2) „סאַרמיענטאָ און זיין באַגריף וועגן ייִדנטום״, דיקטירט פון פּראָפ׳ לאַזאַראָ שאַלמאַן;
3) „די מיטצייטיקע העברעיִשע ליטעראַטור״, דיקטירט פון פּראָפ׳ אברהם פלאָטקין;

פּאַראַלעל מיט זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט ענלעכע קורצע קורסן אין אייניקע צענטערס פון גרויס בוענאָס־איירעס און אינלאַנד.

דראַמאַטישע ליבהאָבער קרייזן

דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט סטימולירט דאָס באַפעסטיקן זיך פון אייניקע דראַמאַטישע ליבהאָבער־קרייזן וואָס האָבן עקזיסטירט אין גרויס בוענאָס־איירעס און שאַפן אַנדערע. די שטערונגען מיט וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן און טרעפן זיך נאָך אָן איצט איז דער מאַנגל אין שפּאַנישע ווערק אויף ייִדישע טעמעס. כדי אויסצומיידן די שטערונג האָט דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט צוגעגרייט פאַר די קרייזן מימעאָגראַפישע קאָפּיעס אין שפּאַניש פון ווערטפולע ווערק פונעם ייִדישן און ישראל־טעאַטער, צווישן זיי: „מיכל בת שאול״ פון א. אַשמאַן; „די דריי מתנות״ פון י. ל. פּרץ און „בערבות הנגב״ פון יגאל מאָסענזאָן.

אויף וויפל ס׳איז געווען מעגלעך האָט מען אויך סטימולירט די טעאַטער־אַרבעט פון „אַרטעאַ״ און אַנדערע אַרטיסטישע גרופּן.

מוזיק, כאָרן און טענץ

כדי צו סטימולירן אין די יוגנט־צענטערס דעם אינטערעס פאַר ישראל־מוזיק, לידער און טענץ, זיינען צוגענומען געוואָרן אַלס מדריכים אייניקע יוגנטלעכע, ספּעציאַליזירטע אין די קעגנשטאַנדן. מיט דעם לערנען די פּאַראינטערעסירטע די ישראל־לידער און טענץ ווערן געשאַפן יוגנט־כאָרן וואָס, טוישנדיק זיך אין די פאַרשיידענע צענטערס, שאַפן זיי אַ דערנענטערונג צווישן זיי און איבערהויפּט ווערט געשאַפן אַ האַרציקער אַמביענט און אַריינדרינגונג אינעם גייסט פון ישראל־פאָלקלאָר.

צוליב דעם צוועק איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער פריִער־דערמאָנטער שירון און עס ווערט געטראַכט וועגן איינאָרדענען אַ קאָנקורס פון יוגנט־כאָרן.

אינפאָרמאַציע וועגן ישראל

עס קאָן אויסווייזן אומגלייבלעך, אָבער אַפילו די פּאַראינטערעסירטע קרייזן אין דער ישראל־ווירקלעכקייט קריגן נישט אַלע מאָל קיין אינפאָרמאַציע פון דער ערשטער קוועלע. כדי אונטערצוהאַלטן דעם עקזיסטירנדיקן אינטערעס און אויפוועקן דעם דאָזיקן אינטערעס אין די קרייזן, דערווייטערטע פונעם ייִדישן לעבן, האָט דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַן אינפאָרמאַציון ביולעטין א״נ La Semana de Israel (די ישראל־וואָך). מען האָט געקריגן די מיטאַרבעט פון די קולטור־ און פּרעסע־אָפּטיילונגען פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע און עס ווערט איינגעפירט אַלס געוווינהייט, פון איין זייט דאָס לייענען דעם בולעטין בעת די קבלת שבת־פייערונגען, און פון דער צווייטער זייט, — דאָס קאָמענטירן די וויכטיקע נייעס.

די העברעיִשע יוגנט

דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט שטייט נישט אָן אַ זייט פון פאַרשפּרייטן דעם העברעיִשן גייסט און קולטור וועגן וועלכן עס באַמיִען זיך אַ גרופּע יוגנטלעכע, אַבסאָלווענטן פון די העברעיִשע סעמינאַרן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן פיל אינהאַלטלעכע אויסגאַבעס, ווי Posición און צוהר. עס יוערט אָנגעהאַלטן מיט זיי אַ דירעקטער קאָנטאַקט און די קהילה גיט פאַר דער טעטיקייט איר מאָראַלישע און מאַטעריעלע שטיצע.

די ספרדישע יוגנט

עס איז אונדז אַנגענעם צו פאַרצייכענען אַז לעצטנס ווערט די ספרדישע יוגנט אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט בייגעטראָגן און געהאָלפט מיט, אַז די באַנייטע אַקטיוויטעט זאָל זיך באַפעסטיקן און עס זאָל דערגרייכט ווערן אַ גרעסערע און פולשטענדיקע פאַרשטענדעניש צווישן דער אשכנזישער און ספרדישער יוגנט. עס זיינען דאָ ביי די לעצטע געוויסע פּראָבלעמען פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער וואָס פאָדערן אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און וואָס דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט באַמיט זיך צו טאָן, לויט זיינע מעגלעכקייטן.

אויפנאַמע אין דער קהילה לכבוד דער צווייטער גרופּע יונגע פאַרפעלקער, איינגעשריבענע אינעם חתונה־רעגיסטער (1961).

פּראָבלעם פון די מינדעריעריקע

אַן אַנדער פּראָבלעם וואָס איז ווערט אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג איז, וואָס דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט קען נישט באַשרענקען זיין טעטיקייט בלויז צו די קרייזן וואָס ווערן גערעכנט פאַר יוגנטלעכע, ד״ה פון 17־18 יאָר און העכער. די מדריכים אין זייערע באַזוכן אין די צענטערס,איבערהויפּט די וואָס פונקציאָנירן אין די שול־לאָקאַלן און בתי־עם טרעפן יוגנטלעכע 10, 12 און 14־יעריקע, געגנצלעך פאַרלאָזטע, אָן קיין שום קולטורעלער, גייסטיקער, ספּאָרטיווער אָדער פשוט פאַרווײַלנדיקער אַקטיוויטעט. ס׳איז קלאָר, אַז מיר נייטיקן זיך פאַר זיי אין מער מדריכים, ווייל עס וואָלט געווען אומזיניק צו לאָזן אָט־די יוגנטלעכע, אייגנטלעך נאָך קינדער, צו גיין אויף זייער אייגענעם באַראַט. ס׳ווערט באַטראַכט די מעגלעכקייט אַז דער ועד החינוך זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען, אָדער זאָל קאָאָרדינירן די אַרבעט מיטן יוגנט־דעפּאַרטאַמענט.

די נויטווענדיקייט פון אַ קינטע (זומער־פּלאַץ)

אַן אַנדער וויכטיק פּראָבלעם איז דאָס פעלן פון אַ געראַמער, באַקוועמער קינטע, ווו די יוגנטלעכע זאָלן קענען פאַרברענגען די זונטיקן און די פרייע טעג אין אַ ייִדישן גייסטיקן אַמביענט עס זיינען דאָ אייניקע אינסטיטוציעס וואָס האָבן די דאָזיקע באַקוועמלעכקייט, ווי, למשל: דער קלוב אַטלעטיקאָ ספרדי אַרכענטינאָ, וואָס באַזיצט אַ גרויסע קינטע אין וויסענטע לאָפּעז, „לאַ קאַסאַנאַ", ווו עס קומען זיך צונויף אין די זונטיקן און פרייע טעג הונדערטער יוגנטלעכע. איצט האַלטן זיי ביי אויפבויען אַ שווים־באַסיין. אגב־אורחא: דער ספרדישער קלוב אַליין גרופּירט ביי אַ 900 ייִדישע יוגנטלעכע.

דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט שוין עטלעכע מאָל פאַראינטערעסירט מיט דעם פּראָבלעם די קהילה־אָנפירער, זייענדיק איבערצייגט אַז עס לוינט צו מאַכן אַן אָנשטרענגונג כדי צו קויפן, אָדער דינגען אַ גרויסע קינטע, אַ זומער־פּלאַץ, נאָענט צו בוענאָס־איירעס, ווו אונדזערע יוגנטלעכע זאָלן קענען פאַרברענגען אין אַ ייִדישן אַמביענט די זונטיקן און פרייע טעג. מען האָפט אַז ס׳וועלן געפינען ווערן די מיטלען כדי צו רעאַליזירן אָט־דעם פּלאַן.

צוליב ענלעכע מאָטיוון איז אויך נייטיק צו גרינדן אין דער הויפּטשטאָט דאָס הויז פון דער ייִדישער יוגנט.

דער אַרבעטס־פּאַרנעם און בודזשעט

ס׳איז כדאי צו אונטערשטרייכן, אַז דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט קומט אין באַרירונג מיט יוגנטלעכע גרופּירונגען וואָס ציילן נישט־ווייניקער פון 9000־8000 יוגנטלעכע, נישט רעכענענדיק די חלוצישע באַוועגונגען. דאָס ווייזט דעם פאַרנעם און די אויסערגעוויינלעכע וויכטיקייט פון זיין אַרבעט און אַז עס זיינען באַרעכטיקט איבערגענוג די אַלע אָנשטרענגונגען וואָס עס מאַכט די קהילה, כדי צו דערמעגלעכן און סטימולירן די אַרבעט.

אָט די אָנשטרענגונג איז אוודאי פון גרויס פאַרנעם וואָס עס ווייזט דער באַשטימטער בודזשעט, וואָס איז פון 1.499.391,05 פּעזאָס אין 1958 געשטיגן צו 1.730.087,55 פּעזאָס אין 1959; 4.205.627,35 פּעזאָס אין 1960, 4.897.791,46 אין 1961, דער בודזשעט פאַרן לויפנדן יאָר 1962 איז פון 6.000.000 פּעזאָס.

די אַרבעט אין אינערן פון לאַנד

דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט שפּרייט אויס זיין טעטיקייט אויך אין אינלאַנד דורך דער פאַרמיטלונג פונעם וועד הקהילות.

די טעטיקייט איז אַ שטאַנדהאַפטיקע און סיסטעמאַטישע. אין די לעצטע יאָרן ווערן דורכגעפירט פאַרשיידענע פּאָזיטיווע ווערק.

א) אויפן ערשטן אָרט דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אַלע אויסגאַבעס און אויפקלערונג־מאַטעריאַלן וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט, זיינען צעשיקט געוואָרן אויך צו די יוגנט־גרופּירונגען אין אינלאַנד.

ב) מיט דער מיטהילף און אויפזיכט פון דיזעלבע גרופּירונגען זיינען דורכגעפירט געגעפירט געוואָרן און עס ווערן פּעריאָדיש דורכגעפירט עפּנטלעכע אַקטן מיטן אָנטייל פון רעדנער און אַרטיסטישע קרעפטן צוגעשיקט פונעם יוגנט־דעפּאַרטאַמענט.

ג) די לעצטע צוויי יאָר זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ געוויסן דערפאָלג, אַ גאַנצע ריי יוגנט־סעמינאַרן אין כמעט די גרעסטע ייִדישע קהילות אין לאַנד: טוקומאַן, קאָרדאָבאַ, באַהיאַ בלאַנקאַ, מענדאָסאַ, רעסיסטענסיאַ און קאָנקאָרדיאַ.

די וויכטיקייט פון די סעמינאַרן באַשטייט נישט נאָר אין דעם וואָס זיי שטעלן פאָר באַדייטנדיקע שטודיום־טעג און אויפקלערונגען פון ייִדישע און ישראל־פּראָבלעמען, נאָר זיי

דינען אויך פאַר דער קאָנצענטראַציע פון די יוגנטלעכע פון די שכנישע פּראָווינצן. אַזוי איז דער פאַל פונעם דורכגעפירטן סעמינאַר אין טוקומאַן אין וועלכן ס׳האָבן אויך אָנטייל גענומען יוגנטלעכע פון לאַ ריִאָכאַ, סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ, קאַטאַמאַרקאַ און סאַלטאַ, אָדער דער פון באַהיאַ־בלאַנקאַ, וואָס האָט צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע פון די גרעסערע ייִדישע געמיינדעס אינעם דרום פון דער רעפּובליק.

די דאָזיקע סעמינאַרן זיינען געווען אָנגעפירט פון אַ קוואַליפיצירטער גרופּע לעקטאָרן: אינזש׳ שלום ראָזענבערג, ה׳ אברהם פלאטקין, ה׳ גרעגאָריאָ ווערביצקי — פּרעסע־אַטאַשע פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע, ד״ר טוביה קאַמענשיין, ד״ר אָסיאַס פייגאַן, ה׳ עקיבא קאַנאַנאָוויטש און ד״ר קאָנראַדאָ פ. וועלער.

3) מען האָט ספּעציעל גענומען אין אַכט דעם אויסטויש פון אינטעלעקטועלע קרעפטן צווישן דער הויפּטשטאָט און די פּראָווינצן. אַזוי האָט מען באַאויפטראַגט דאָס אָנפירן פונעם מענדאָסער סעמינאַר דעם ד״ר קאָנראַדאָ פ. וועלער פון ראָזאַריאָ.

ה) ווייטער: וועלנדיק סיסטעמאַטיזירן די טעטיקייט אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אינלאַנד, איז באַשטימט געוואָרן אַ יונגער מדריך אויף צו באַזוכן אייניקע קהילות אין די פּראָווינצן. ער זאָל אָרגאַניזירן, אָדער רעאָרגאַניזירן די יוגנט־גרופּן, שאַפנדיק אין יעדער איינער פון זיי דעם נייטיקן באָדן פאַר קולטורעלע און סאָציאַלע טעטיקייטן: אינעם פאַרלויף פונעם היינטיקן יאָר האָט ער באַזוכט לאַ ריִאָכאַ, קאַטאַמאַרקאַ, כענעראַל ראָקאַ, סאַפּאַלאַ, און סאַן כואַן.

ייִדיש־אַרגענטינער יוגנט־קאָנגרעס

שוין צוויי יאָר ווי דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט מאַכט פּלענער אויף צו אָרגאַניזירן דעם ערשטן אַלגעמיינעם קאָנגרעס פון דער ייִדיש־אַרגענטינער יוגנט. כדי צו פאַרזיכערן זיין דערפאָלג און זיין געזעלשאַפטלעכע וויכטיקייט איז באַשלאָסן געוואָרן אַז עס איז פריִער נייטיק דורכפירן אַן אינטענסיוון אויפקלערונגס־קאַמפּיין און באַפעסטיקן די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס עס איז אין אַ געוויסער מאָס דערגרייכט געוואָרן. דעריבער ווערט באַטראַכט די מעגלעכקייט צו רעאַליזירן דעם קאָנגרעס אינעם יאָר 1963. די אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן וואָס דאָס לאַנד מאַכט דורך און במילא אויך די ייִדישע קאָלעקטיוויטעט, ווייזן אָן אַז ס׳איז איצט דער גינסטיקער מאָמענט צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע איניציאַטיוו.

שלום

פון דעם דאָזיקן באַריכט קען מען זען, אַז די פּלענער וואָס די יוגנט־סובקאָמיסיע האָט געמאַכט מיט פיר יאָר צוריק, ווען זי האָט זיך קאָנסטיטוירט, זיינען נישט געווען קיין אוטאָפּישע. אייניקע פון זיי זיינען גענצלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן און אין געוויסע הינזיכטן האָבן זיי איבערגעשטיגן אַפילו אייניקע פון די מער אָפּטימיסטישע האָפנונגען.

דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רעזאָנאַנס־קעסטל פון אַלע גייסטיקע אומרוען, פּראָבלעמען, ווונטשן און באַגערן פון דער ייִדישער יוגנט אין אַרגענטינע, פון דער הויפּטשטאָט, גרויס בוענאָס־איירעס און אינלאַנד. זיי ווייסן, די יוגנטלעכע, אַז זיי קענען שטענדיק רעכענען אויף דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער שטיצע פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה און דעם וועד הקהילות, וואָס זיינען שטענדיק גרייט מיטצוהעלפן, לויט זייערע מעגלעכקייטן, די ליזונג פון וועלכע ס׳איז נישט קולטורעלע, סאָציאַלע אָדער אינסטיטוציאָנעלע פּראָבלעמען וואָס קענען זיך פאַר זיי אַוועקשטעלן.

די אַרבעט אָבער גייט ווייטער. עס זיינען אָנגעצייכנט נייע פּלענער, אידייען, אָנווייזונגען אויף צו באַפעסטיקן זי, אויסברייטערן און פאַרבעסערן.

א. א. פישער

איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון פיר קהילה־דעפּאַרטאַמענטן

(באַאַרבעט לויט אָפיציעלע דאַטן)

1) סאָציאַלע הילף

די אור־אַלטע און הויך־הומאַניטאַרע יידישע מיצווה פון געבן צדקה צו אָרעמעלייט איז דורך יידן בכלל, און גאַנץ באַזונדערס דורך אונדזערע קהילות, פּראַקטיצירט געוואָרן אומעטום און אין אַלע צייטן און עס איז נאַטירלעך, אַז אונדזער גרויסע מאָדערנע קהילה אין בוענאָס־איירעס זאָל אויך פאַר אַט־די טעטיקייטן אָפּגעבן דעם געהעריקן און וויכטיקן פּלאַץ. די אָפּטיילונג פאַר סאָלידאַרישער סאָציאַלער הילף פון אונדזער קהילה פאַר די יידישע אָרעמעלייט פון דער הויפּטשטאָט און פון די פּראָווינץ־ישובים, ווערט טאַקע געפירט מיט אַ היפּשן פאַרנעם און לויט אַ מאָדערנעם קוק אויף צדקה. זי איז זייער פילזייטיק און עס לוינט זיך בלי־ספק צו וואַרפן אַ מער־ווייניקער געניטערן בליק אויף אירע פאַרשיידענע אַרבעטס־געביטן. טועז מיר דאָס טאַקע ווייטער אונטן:

קוואַרטיר־געלט. עס ווערן באַזאָרגט מיט קוואַרטירן באַדערפטיקע מענטשן, וואָס קומען פון דער פּראָווינץ זיך צו אינטערנירן אין אַ שפּיטאָל, זיך צו היילן ביי ספּעציאַליסטן און אַמבולאַטאָריעס, צו זוכן אַ באַשעפטיקונג, צו דערליידיקן פאָרמאַליטעטן פאַר זייער עליה אאַז״וו.

הכנסת־כלה־קאַסע. יעדע נישט־פאַרמעגלעכע יידישע כלה, וואָס פאַרלאַנגט דאָס, באַקומט די סומע פון פיר טויזנט פּעזאָס אויף צו העלפן איר איינשאַפן זיך אַ געהעריקן אויסשטייער.

קאָנסטרוקטיווע הילף. נויטבאַדערפטיקע יידן ווערן באַזאָרגט מיט אַ ביסל סחורה, מיט ניי־מאַשינען און מיט אַנדערע מאַשינען און געצייג, אָדער זיי ווערן איינגעאָרדנט מיט שטעלעכלעך (סטראַגאַנעס) מיט סחורות, פּרוכטן, אָדער פּאַפּיראָסן, אין מאַרק־האַלעס און אויף גאַסן־מערק, בכדי זיי זאָלן זיך קענען פאַרדינען זייער פּרנסה.

זומער־קאָלאָניעס. אין די וואַקאַציעס ווערן אָרעמע און שוואַכע יידישע קינדערלעך געשיקט אין די עקזיסטירנדיקע יידישע זומער־קאָלאָניעס, בכדי צו שטאַרקן זייער געזונט־צושטאַנד.

מאָנאַטלעכע, אָדער דריי־מאָנאַטלעכע הילף־קוואָטעס. זקנים, אינוואַלידן, בלינדע, גייסטיק קראַנקע, שוואַכזיניקע און אַלערליי כראָניש קראַנקע, וואָס האָבן נישט קיין אייגענע מיטלען צום לעבן און אויך נישט קיין קרובים וואָס זאָלן זיי קענען שטיצן, באַקומען מאָנאַטלעכע, אָדער דריי־מאָנאַטלעכע הילף־קוואָטעס, אין איינקלאַנג מיט דעם מצב און מיט די באַדערפענישן פון יעדן איינעם פון אַט־די מענטשן.

איינמאָליקע הילף־קוואָטעס. אָרעמע רעקאָנוואַלעסצענטן נאָך אַ שווערער קראַנקייט, אָדער אָפּעראַציע, אָדער פּערזאָנען וואָס זיינען צייטווייליק נישט בכוח צו אַרבעטן צוליב עפּעס אַן אַנדערער סיבה, באַקומען אַן איינמאָליקע הילף־קוואָטע, אין איינקלאַנג מיט זייער לאַגע.

אינטערנירונג פון קראַנקע. גייסטיק קראַנקע, אומנאָרמאַלע, צוריקגעשטאַנענע קינדער אאַז״וו, וועלכע האָבן נישט ווו צו זיין, ווערן אינטערנירט אין סאַנאַטאָריעס און אַנדערע ספּע־ציאַליזירטע אַנשטאַלטן, ווו זיי ווערן געהיילט און אָפּגעהיט.

אַלערליי אַנדערע הילף פאַר קראַנקע. אומפאַרמעגלעכע קראַנקע באַקומען אומזיסט די נויטיקע רפואות, פּראָטעזן, אָרטאָפּעדישע פאַר־שטולן און אַלע אַנדערע מינים פון אַזעלכע אַפּאַ־ראַטן און הילף־מיטלען.

די קהילה־פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט עסקנים נעמען אויף די ישראל־אַמבאַסאַדאָרן יוסף אבידר און יצחק הרכבי. 1962.

בייט פונעם קלימאַט. רעומאַטיקער, אַסטמאַטיקער, רעקאָנוואַלעסצענטן אאַז״וו, וועלכע דאַרפן וווינען אַ קורצע אָדער אַ לענגערע צייט אין די בערג אָדער ביים ים, באַקומען די נויטיקע הילף צו קענען דאָס טאָן.

אַרבעטס־פאַרמיטלונג. עס ווערט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט מיט סוחרים, פאַ־בריקאַנטן, קאָאָפּעראַטיוועס אאַז״וו, בכדי צו קענען באַזאָרגן מיט באַשעפטיקונגען אַלערליי אַר־בעטסלאָזע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס וווינען פּערמאַנענט אין שטאָט, אָדער זיי קומען אָן פון דער פּראָווינץ. עס ווערט געזאָרגט דערפאַר, אַז פּרויען זאָלן אָנגעשטעלט ווערן ביי מיש־פּחות אַלס קראַנקן־היטערינס, אָדער אַלס געזעלשאַפטערינס ביי עלטערע לייט.

צייטווייליקע באַשפּייזונג. נויטבאַדערפטיקע, אַרבעטסלאָזע, דורכפאָרערס פון דער פּראָ־ווינץ אאַז״וו, ווערן באַזאָרגט מיט מאָלצייטן אין עס־זאַל פון הכנסת־אורחים.

מישפחה־פּראָבלעמען. געגטע און פאַרלאָזטע פרויען מיט קינדער, ווערן באַזאָרגט מיט היים־אַרבעט. עס ווערן באַאיינפלוסט ווייניק־איבערגעגעבענע קינדער זיי זאָלן העלפן זייערע אַלטע עלטערן מיט געלט־סומעס, אָדער זיי זאָלן זיי אַריינגעבן אין מושב־זקנים. מען באַמיט זיך אויך צו אינטערווענירן, ווי ווייט מעגלעך, אין אַנדערע מישפחה־ענינים פון אַן ענלעכן כאַראַקטער.

דירות. עס ווערן געמאַכט באַמיִונגען אויסצוגלייכן סיכסוכים צווישן בעלי־דירות און זייערע לאָקאַטאָרן און צו פאַרמיטלען דירות, אָדער אַרבעטס־פלעצער מיט וווינונגען.

קינדער־הילף. אויסער די שוין פריִער דערמאָנטע אופנים פון הילף פאַר קינדער, ווערן זיי פון צייט צו צייט אויך באַזאָרגט מיט מלבושים אאַז״וו. אַזעלכע וואָס נויטיקן זיך אין דעם צוליב זייער פיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג, ווערט געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך איינצושרייבן אַלס מיטגלידער אין קולטור־פאַראיינען און קלובן.

יום־טוב־הילף. ייִדישע אָרעמעלייט באַקומען הילף צו קענען פייערן אונדזערע ימים־טובים אויף אַ צוגעפּאַסטן און בכבודיקן אופן. אַ גאַנץ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ווערט געשאָנקען דער פסח־הילף, וועלכע ווערט געגעבן סיי אין מזומן געלט, סיי אין פּראָדוקטן (מצות, וויין, אאַז״וו.).

ווי מען זעט, זיינען די אופנים פון צדקה און הילף, וואָס די בוענאָס־איירעסער קהילה גיט די ייִדישע אָרעמעלייט, גאַנץ פאַרשיידנאַרטיקע און פאַרצווייגטע. אָט־די זייער וויכטיקע, שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע טעטיקייטן ווערן אָנגעפירט דורך אַ ספּעציעלער סוב־קאָמיסיע פון דער פאַרוואַלטונג און פּראַקטיש דורכגעפירט דורך אַ רעדוצירטער גרופּע פון טעכנישן באַצאָלטן פּערסאָנאַל. צו אָט־די אַרבעטן פאָדערט זיך זייער פיל געדולד, גוטער ווילן, מענטשן־קענטעניש, טאַקט און אורטייל־פעיִקייט, ווייל עס איז גאָר נישט אַזוי לייכט צו אונטערשיידן צווישן אַן אמתן נויטבאַדערפטיקן און אַ פּראָפעסיאָנעלן שנאָרער און שווינדלער, וועלכער איז נישט ווערט מען זאָל אים שטיצן. אָבער סיי די מיטגלידער פון דער סוב־קאָמיסיע, סיי די אָנגעשטעלטע פונקציאָנאַרן, פירן געוויינטלעך דורך זייערע אויפגאַבן אויף אַ גוטן, צוועקמעסיקן און אומפּאַרטייִישן אופן. דערביי ווערט געשענקט פיל אויפמערקזאַמקייט דעם פּרט, אַז די צדקה־נעמערס זאָלן נישט באַליידיקט, פאַרשעמט, אָדער מינדערגעשאַצט ווערן, חס־וחלילה; וואָס ווייניקער זייטיקע פּערזאָנען זאָלן וויסן וועגן דעם, אַז זיי מוזן אָנקומען צו געזעלשאַפטלעכער הילף און זייער מענטשלעכער כבוד און ווירדע זאָלן וואָס ווייניקער אָנגערירט ווערן.

דעריבער ווערן דורכגעפירט אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציע־אויספאָרשונגען מיט דער גרעסטער רעזערווירטקייט און פאָרזיכטיקייט און די געלט־סכומים פון די סובסידיעס ווערן צום גרעסטן טייל פון די פאַראינטערעסירטע איבערגעגעבן פּערזענלעך אין זייערע היימען, אָדער אין די אַנשטאַלטן וווּ זיי געפינען זיך, דורך אַ ספּעציעלן אָנגעשטעלטן.

אויסער די אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייטן און די געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען מיט פּערזאָנען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער צדקה־טעטיקייט פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה, ווערן אויף דעם צוועק אויסגעגעבן אויך גאַנץ אָנזעעוודיקע פינאַנציעלע מיטלען. די טאַבעלע, וואָס מיר ברענגען אויף זייט 205 וועט געבן אַ באַגריף וועגן די געלט־סכומים אין פּעזאָס, וועלכע די בוענאָס־איירעסער קהילה האָט פאַרווענדעט אויף איר סאָציאַלער סאָלידאַרישער הילף אין משך פון די לעצטע זעקסטהאַלבן יאָר, פון אָנהייב 1957 ביז ענדע 1962. די פאָלגנדיקע טאַבעלע איז גאַנץ אינטערעסאַנט און באַלערנדיק, ווייל זי באַלייכט אַ וויכטיק ווינקעלע פון אונדזער קהילה־לעבן:

בכדי אָט־די טאַבעלע זאָל קלאָרער און פאַרשטענדלעכער ווערן, וועלן מיר מאַכן אין צוזאַמענהאַנג מיט איר עטלעכע באַמערקונגען, אָדער אויפקלערונגען:

א) קודם־כל איז צו מערקן, אַז די געלט־סכומים, וואָס ווערן אויסגעגעבן דורך דער בוענאָס־איירעסער קהילה אויף צדקה, שטייגן פון יאָר צו יאָר. דאָס איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס די טעטיקייטן פון דער קהילה אַנטוויקלען זיך אַלץ מער פון יאָר צו יאָר אויף אַ נאַטירלעכן אופן,

רובריקן	1957	1958	1959	1960	1961	ערשטע העלפט 1962	סך - הכלען
קוואַרטיר־געלט	11.500.—	13.800.—	12.700.—	55.600.—	68.900.—	76.500.—	239.000.—
הכנסת־כלה־קאַסע	20.000.—	25.000.—	30.000.—	35.000.—	15.000.—	16.000.—	141.000.—
קאָנסטרוקט. הילף דורך סחורות	8.500.—	10.600.—	18.500.—	35.000.—	25.500.—	16.000.—	114.100.—
קאָנס. הילף דורך מאַש. און געצייג	—	9.000.—	—	17.000.—	—	16.000.—	40.0000.—
חודשלעכע הילף							8.997.919.—
איינמאָליקע קוואָטעס	49.161.—	77.373.—	142.505.—	179.965.—	209.000.—	162.870.—	820.874.—
קראַנקייטן	42.645.—	83.459.—	213.020.—	241.009.—	383.521.—	97.343.—	1.060.997.—
רייזע־בילעטן	2.00.—	—	2.950.—	13.846.—	—	800.—	19.596.—
יום־טוב־הילף	133'583.—	162.267.—	342.852.—	780.614.—	780.485.—	332.650.—	2.532.721.—
עלטער־הילף	1.200.000.—	1.320.000.—	1.320.000.—	1.440.000.—	1.500.000.—	1.572.000.—	8.352.000.—
סך־הכל							22.368.207.—

אין איינקלאַנג מיט איר וווקס, און פון דער צווייטער זייט זיינען גראָד די לעצטע יאָרן, וואָס זיינען גענומען געוואָרן אין באַטראַכט, געווען קריזיס־יאָרן, ווען די נויטבאַדערפטיקייט איז אויך געשטיגן און עס איז אויך פאָרגעקומען אַ דעוואַלאַריזאַציע פון דער פעזע.

ב) די שפּרונגהאַפטע שטייגערונג פון די סכומים, וואָס זיינען אין די יאָרן 1958, 1959 און 1960 אויסגעגעבן געוואָרן דורך דער קהילה אויף צדקה, איז טאַקע נישט אָרגאַניש און זי איז געקומען אַלס פועל־יוצא פונעם גאַנץ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, וועלכער האָט זיך מאַניפעסטירט אין לאַנד נאָכן פאַלן פונעם רעזשים פון גענעראַל פעראָן. די הוצאות אויף הילף פון אונדזער קהילה זיינען אין די דערמאָנטע יאָרן ציפערמעסיק כמעט פאַרטאָפּלט געוואָרן.

אויפנאַמע לכבוד פּראָפ׳ משה דייוויס און מנחם גלעזערנבער.

ג) פון די 9 רובריקן, לויט וועלכע עס ווערט קלאַסיפיצירט די געגעבענע הילף, האָבן געפאָדערט בלויז דריי לערך 92 פּראָצענט פונעם אויסגעגעבענעם טאָטאַלן סכום. לויט פאָלגנדיקער פאַרטיילונג: פּערמאַנענטע קוואָטעס וואָס ווערן אויסגעצאָלט יעדן מאָנאַט, אָדער אַלע דריי מאָנאַטן — כמעט 65 %; יום־טוב־הילף — לערך 19 % און קראַנקייטן — וואָסערע 8 % פונעם גאַנצן באַטרעף און דאָס באַווייזט גענוג קלאָר זייער וויכטיקייט. אַלע איבעריקע זעקס רובריקן אינאיינעם האָבן אויסגעמאַכט וואָסערע 8 % פון דעם גאַנצן אויסגעגעבענעם סכום און דאָס ווידער באַווייזט בולט זייער קנאַפּע באַדייטונג.

אין ציפערן און אין פּראָפּאָרץ מיט די אַלגעמיינע יערלעכע בודזשעטן, זעט אפשר די צדקה־טעטיקייט פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה אויס צו זיין נישט גאָר באַדייטנדיק, אָבער אַ גאַנץ היפשער טייל אירער דריקט זיך גאָר נישט אויס אין קיין ציפערן, נאָר אין אַלערליי פאַרמיטלונגען צווישן די נויטבאַדערפטיקע און פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, פּריוואַטע געשעפטסלייט און פאַבריקאַנטן. די צאָלן פון די פּערזאָנען, וואָס זיינען נהנה פון דער צדקה־טעטיקייט פון אונד־

דער קהילה אילוסטרירן אפשר ריכטיקער איר פאַרנעם און דעריבער ברענגען מיר ווייטער אונטן עטלעכע ציפערן פון דעם מין. עס האָבן באַקומען הילף פון דער קהילה:

אין יאָר 1957	3.800	פערזאָנען
„ „ 1958	4.200	„
„ „ 1960	5.882	„
„ „ 1961	6.200	„
אין דער ערשטער העלפט 1962	3.700	„

ווען מען זאָל אָפּשאַצן די באַפעלקערונג פון די אַשכנזישע יידן אין בוענאָס־איירעס אין לערך 200.000 (צוויי הונדערט טויזנט) נפשות, וואָלט אויסגעקומען אַז וואָסערע דריי פּראָצענט אירע זיינען אָנגעקומען צו דער קהילה נאָך צדקה אין יאָר 1961. פאַר אַזאַ לאַנד ווי אַרגענטינע, וווּ עס זיינען פאַראַנען בעסערע פאַרדינסט־מעגלעכקייטן ווי, לאָמיר זאָגן, אין די מיזרח־אייראָפּעישע אַמאָליקע קהילות, איז אַזאַ פּראָצענט בלי־ספק אָנזעעוודיק און באַדייטנדיק.

אָבער די צדקה־טעטיקייט וואָס די בוענאָס־איירעסער קהילה פירט דורך דירעקט דורך איר אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף, איז נאָך נישט אַלץ וואָס זי טוט אויף אָט־דעם געביט. אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע עקזיסטירן, אומאָפּהענגיק פון דער קהילה, אַ גאַנצע ריי גרויסע יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, אַזעלכע אַנשטאַלטן ווי, למשל, אַ שפּיטאָל, אַ מושב־זקנים, אַ בית־יתומים אאַז״וו. וואָס זיינען מעבר־לים געוויינטלעך פאַרוואַלטעט און אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך די קהילות, אָבער ביי אונדז דאָ איז די אַנטוויקלונג פונעם געזעלשאַפטלעכן און אינסטיטוציאָנעלן יידישן לעבן פאָרגעקומען אויף אַן אַנדערן אופן. דאָ זיינען די אינסטיטוציעס פון דעם מין געשאַפן געוואָרן פולשטענדיק באַזונדער און אומאָפּהענגיק. זיי האָבן אייגענע מיטגלידער, פאַרוואַלטונגען, אַדמיניסטראַציעס און געביידעס. זיי שאַפן פאַר זיך אַליין די געלט־מיטלען פאַר זייערע באַדערפענישן דורך מאָנאַטלעכע אָפּצאָלן, זאַמלונגען אאַז״וו. פון דעסטוועגן באַקומען זיי אויך פון דער קהילה גאַנץ היפּשע סובסידיעס, ווי עס באַווייזט די טאָבעלע וואָס מיר ברענגען אויף דער אַנדערער זייט.

ווי מען זעט, האָט פון דעם גאַנצן סכום דער יידישער שפּיטאָל אַליין באַקומען העכער 75%. ווען מען נעמט אין באַטראַכט בלויז די פאַרגאַנגענע יאָרן, זעט מען אַז אונדזער קהילה האָט אַליין אויסגעגעבן אויף צדקה דורך איר דעפּאַרטאַמענט פאַר סאָציאַלער הילף דעם סכום פון 22.2368.207 פּעזעס און אויסער דעם האָט זי געגעבן סובסידיעס פאַר זיבן פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אין באַטרעף פון —.5.947.000 פּעזעס, וואָס עס מאַכט־אויס עטוואָס ווייניקער פון 40 % פון דער צוערשט דערמאָנטער ציפער. אויך פון דער אויבן־געבראַכטער טאָבעלע פון סובסידיעס זעט מען קלאָר, אַז די געגעבענע סכומים ווערן פון יאָר צו יאָר אַלץ גרעסער און פון דעם קען מען ווידער מאַכן דעם אויספיר, אַז סיי די טעטיקייטן פון דער קהילה, סיי דער קריזיס האַלטן אין איין שטייגן.

כאָטש עס איז נישט זייער וויכטיק, איז אָבער דאָך כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז אונדזער קהילה גיט אויך קליינע סובסידיעס פאַר נישט־יידישע וווילטעטיקע צוועקן. דאָס קען אפשר העלפן שאַפן בעסערע באַציונגען צווישן אונדז און דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער מיר לעבן. אַזעלכע סובסידיעס באַקומען, לויט באַקומענע אינפאָרמאַציעס, 18 קריסטלעכע קערפּערשאַפטן. און אין די יאָרן 1958, 1959, 1960, 1961 און האַלב 1962 האָבן זיי באַקומען צוזאַמען די סומע פון —.40.750 פּעזעס. ווי געזאָגט, ליגט די וויכטיקייט פון אָט־די נתיבות נישט אין זייער פינאַנסיעלן ווערט, נאָר אין דעם וואָס זיי זיינען אַן אויסדרוק פונעם ווילן צו לעבן אין גוטער שכנהשאַפט מיט די נישט־יידן.

וואָס קען מען לערנען פון אָט־דער אָפּהאַנדלונג? — עס ווערט בלי־ספק מיט איר הילף

סובסידירטע אינסטיטוציעס	1958	1959	1960	1961	1962	סך־הכלען אין פעזעס
הילפס־קאַסע פון אַקטיאָרן־פאַר׳	30.000.—	30.000.—	50.000.—	70.000.—	110.000.—	290.000.—
יידישער שפיטאָל	600.000.—	700.000.—	800.000.—	1.200.000.—	1.240.000.—	4.540.000.—
קינדער־היים (מאָנטע)	10.000.—	15.000.—	20.000.—	70.000.—	15.000.—	130.000.—
מושב זקנים ובית ילדים	29.00.—	35.000.—	75.000.—	130.000.—	35.000.—	304.000.—
וויצאָ	8.000.—	8.000.—	10.000.—	65.000.—	20.000.—	111.000.—
ביקור־חולים	20.000.—	40.000.—	40.000.—	150.000.—	240.000.—	490.000.—
בית־יתומות	12.000.—	15.000.—	25.000.—	25.000.—	6.000.—	83.000.—
סך־הכלען אין פעזעס	709.000.—	843.000.—	1.020.000.—	1.710.000.—	1.581.000.—	5.947.000.—

קלאָר, אַז עס איז פאַראַנען אין בוענאָס־איירעס אַ גאַנץ אָנזעעוודיקער סעקטאָר פון יידישע אָרעמעליים. כאָטש עס איז אמת, אַז ווער עס קען און וויל אַרבעטן, האָט דאָ אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרדינען מער אָדער ווייניקער זיין פּרנסה און אַז עס איז צווישן אונדז פאַראַנען אַ געוויסע צאָל פון פאַרמעגלעכע און אַפילו רייכע מענטשן, איז עס אָבער אויך ריכטיק, פון דער צווייטער זייט, אַז עס זיינען ביי אונדז פאַראַנען גענוג נויטבאַדערפטיקע און אָרעמע מענטשן, וועלכע קענען זיך נישט פאַרדינען זייער אויסקומעניש צוליב קראַנקייט, אָדער אַנדערע סיבות, וועלכע האָבן אויך נישט קיין קרובים וואָס זאָלן זיי קענען שטיצן, און זיי מוזן אָנקומען צו דער ברידערלעכער סאָלידאַרישער הילף פון דער קהילה, וואָס דערפילט אָט־די מיצווה ווירדיק און בכבודיק.

מצווה יאר פון מדינת ישראל
קהילה פון בוענאס איירעס

פייערונג פון בר־מצווה־יאָר פון מדינת־ישראל .ביים מיקראָפאָן: זלמן הירשפעלד. ביים פּרעזידיום־טיש: די קהילה־פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט ישראל־אַמב׳. אין הינטערגרונט: ב. פייער מיט זיין כאָר „הזמיר״.

2) אָנפּראַצענטיקע הלוואות פאַר מיטגלידער

צו אַ גאַנץ באַזונדערער קאַטעגאָריע פון דער סאָלידאַרישער סאָציאַלער הילף באַלאַנגען די הלוואות וואָס אונדזער קהילה גיט צו אירע מיטגלידער. כאָטש עס האַנדלט זיך וועגן אַ טעטיקייט, וועלכע נעמט אַרום בלויז אַ קליינע גרופּע מענטשן און זי אָפּערירט אויך נאָר מיט רעלאַטיוו קליינע געלט־סכומים, איז דאָך נייטיק און אינטערעסאַנט צו באַריכטן וועגן איר.

די הלוואות ווערן געגעבן אינגאַנצן אָן פּראָצענט און איידער עס ווערט באַשלאָסן זיי צו געבן, ווערן אָנגענומען אַלע נייטיקע שריט, בכדי זיך געווי צו אינפאָרמירן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פונעם פּעטענט בכלל און גאַנץ באַזונדערס וועגן זיין אָרנטלעכקייט און באַדערפ־

טיקייט. בכדי צו באַקומען די הלוואה, מחוץ די פֿאַראינטערעסירטע פּריוער צושטעלן אַ סאָלווענטע גאַראַנטיע. די הלוואות מוזן אָפּגעצאָלט ווערן אין קוואָטעס אין משך פון נישט לענגער ווי צוואַנציק מאָנאַטן, אָבער אין ספּעציעלע באַרעכטיקטע פֿאַלן האָט מען איינזעעניש מיט די בעלי־חובות און מען דערלויבט זיי אויסצוצאָלן די באַקומענע סומע אין משך פון נאָך אַ לענגערער צייט ווי צוואַנציק מאָנאַטן. ביי דער קהילה איז פֿאַראַן אַ באַזונדערע קאָמיסיע, וועלכע פֿאַרנעמט זיך מיט אָט־די הלוואות. אָבער אין דרינגענדיקע פֿאַלן ווערט אַ הלוואה געגעבן אויך דירעקט דורך דעם פּרעזידיום פון דער אינסטיטוציע.

מיר ברענגען ווייטער אונטן אַ טאַבעלע וועגן די הלוואות פֿאַר די מיטגלידער פון אינדזער קהילה, וועלכע נעמט אַרום די לעצטע זעקסטהאַלבן יאָר לערך:

יאָר	צאָל פּערזאָנען וואָס האָבן באַקומען הלוואות	מאַקסימאַלער סכום פֿאַר איין הלוואה אין §	אויסגעצאָלטע סומעס אין §
1957	18	3.000	316.459.—
1958	32	5.000	542.585.—
1959	80	10.000	1.101.122.45
1960	75	15.000	1.586.310.—
1961	72	20.000	1.601.855.—
1962 (8 מ׳)	16	25.000	1.705.000.—

אָט־די טאַבעלע איז געמאַכט געוואָרן אויפֿן סמך פון די פּראָטאָקאָלן פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע און פון די פֿאַרצייכענונגען אין דער בוכהאַלטעריע־אָפּטיילונג. לויט דער ערשטער קוועלע זיינען באַרעכנט געוואָרן די צאָלן פון די פּערזאָנען, וואָס האָבן באַקומען די הלוואות, און לויט דער צווייטער — די אויסגעצאָלטע סומעס. צו דער אָנגעגעבענער צאָל פּערזאָנען דאַרף אָבער נאָך צוגעגעבן ווערן לערך 20% וואָס באַציִען זיך צו פּערזאָנען, וועמענס הלוואות זיינען דערלייִדיקט געוואָרן דירעקט דורכן פּרעזידיום פון דער קהילה און דורך דער קאָמיסיע זיינען זיי נישט דורכגעגאַנגען. אַזוי אַז פֿאַקטיש איז די צאָל פון די באַגינסטיקטע פּערזאָנען געווען גרעסער מיט 20% פון דער, וואָס איז אָנגעגעבן אין דער טאַבעלע.

ווי מען זעט, דערגרייכט די צאָל קהילה־מיטגלידער, וואָס האָבן געהאַט אַ טובת־הנאה דורך אַן אָנפּראָצענטיקער הלוואה אין משך פון די לעצטע זעקסטהאַלבן יאָר, ביז צו 350 לערך. דאָס איז נישט קיין גאָר גרויסע צאָל, אָבער דאָך קען מען זי נישט אינגאַנצן אויסקמאַכן מיט דער האַנט. דער מאַקסימאַלער סכום, וואָס האָט געקענט געגעבן ווערן פֿאַר איין הלוואה, שטייגט גאַנץ באַדייטנדיק פון איין יאָר צום אַנדערן, ווייל דאָס זיינען כסדר געווען קריזיס־יאָרן און אויב מען האָט געוואָלט זיי זאָלן האָבן אַ ממשותדיקן ווערט און זיי זאָלן באַדייטן פֿאַרן פֿאַראינטערעסירטן אַ רעאַלע הילף, האָט מען זיי געמוזט יעדעס מאָל פֿאַרגרעסערן. די אַלגעמיינע סומע פון די געגעבענע הלוואות אין משך פון דער באַהאַנדלטער צייט באַטרעפֿט 5.468.367.45 פּעזעס און דאָס איז בפירוש אַ גאַנץ רעספּעקטאַבלע סומע.

אויפֿן סמך פון אָט־די אַלע אויספֿירונגען ווערט קלאָר, אַז אפילו אַ זייטיק געביט. אַן אומבאַקאַנט און אומבאַמערקט ווינקעלע, פון די פֿילזייטיקע און פֿאַרצווייגטע טעטיקייטן פון אונדזער קהילה, ווי עס זיינען די אָנפּראָצענטיקע הלוואות פֿאַר אירע מיטגלידער, איז גאַנץ באַדייטנדיק, וויכטיק און אויך אינטערעסאַנט.

3) סובסידיעס פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה פאַר עולים און קיבוצים אין משך פון די לעצטע יאָרן

די סובסידיעס וואָס די בוענאָס־איירעסער קהילה גיט צו עולים און קיבוצים אין ישראל, קענען אויך באַטראַכט ווערן ווי אַן אייגנאַרטיקע סאָציאַלע הילף, יאָ, זיי קענען באַטראַכט ווערן ווי די אמתע קאָנסטרוקטיווע הילף, ווייל דורך זיי ווערט פאַרלייכטערט פאַר אַ געוויסער צאָל היגע יידישע מענטשן איבערצובויען זייער לעבן אויף פולשטענדיק נייע יסודות, אויפן אייגענעם באָדן פון מדינת־ישראל. אָט־די אויסערגעוויינטלעך וויכטיקע טעטיקייט פון אונדזער קהילה ווערט דורכגעפירט דורך אַ ספּעציעל פאַר דעם צוועק געשאַפענער קאָמיסיע.

די סובסידירטע עולים קענען איינגעטיילט ווערן אין פאָלגנדיקע צוויי קאַטעגאָריעס: א) מיטגלידער פון די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאָרן געוויינטלעך גרופּעסוויז. זיי באַקומען פאַר יעדן איינציקן מענטשן אַ געוויסע פעסטגעשטעלט סומע אויף איינצוקויפן די נייטיקע אויסשטאַטונג; ב) פּריוואַטע עולים, משפחות און אומפאַרהייראַטע, וועמענס סובסידיעס ווערן באַשטימט ס׳רוב אין יעדן פאַל באַזונדער, לויט די באַרעכטיקטע באַדערפענישן, אין איינקלאַנג מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע.

ווייטער אונטן ברענגען מיר אַ טאַבעלע, וועלכע גיט אַ באַגריף וועגן דעם פאַרנעם פון דער הילף דורך סובסידיעס, וואָס אונדזער קהילה האָט געגעבן די ווייניק פאַרמעגלעכע עולים אין משך פוי די יאָרן 1957, 1958, 1959, 1960, 1961 און זיבן מאָנאַטן פון 1962:

יאָר	סכום פאַר איין עקיפּ אָדער אויסשטאַט	צאָל חלוצים אָדער עקיפּן	צאָל פּריוואַטע עולים	באַשטימטע סכומים אין פּעזעס	באַשטימטע סכומים אין דאָלאַרן
1958	1.500	203	102	685.700.—	—
1959	2.500	210	143	864.800.—	—
1960	4.000	166	62	925.831.50	826.—
1961	4.000	143	251	1.610.158.25	580.50
1962 (10½ מאָנ׳)	5.000	134	334	2.092.146.80	264.50
סך־הכל	—	856	892	6.178.636.55	1.671.—

בכדי צו קענען בעסער פאַרשטיין אָט־די טאַבעלע, דאַרפן דאָ געמאַכט ווערן עטלעכע באַמערקונגען און אויפקלערונגען. קודם־כל דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז די רובריק „צאָל פּריוואַטע עולים״ איז כולל סיי די צאָל נפשות פון די משפחות, סיי פון די אומפאַרהייראַטע. צוליב בעסערער אילוסטראַציע ווערט באַזונדער אויך אָנגעגעבן די צאָל פון די משפחות.

די סכומים וואָס ווערן באַשטימט פאַר דער אויסשטאַטונג פון די חלוצישע עולים זיינען אין משך פון דער צייט דריי מאָל געהעכערט געוואָרן צוליב דעם שטייגנדיקן יקרות אַלס פועל־יוצא פון די דעוואַלאָריזאַציעס פון דער פּעזע און פון די עקאָנאָמישע קריזיסן. די גאַנצע צאָל געשטיצטע עולים אין משך פון די באַהאַנדלטע זעקסטהאַלבן יאָר באַטרעפט 1.748 נפשות. אַ קנאַפּע העלפט פון זיי לערך באַלאַנגען צו די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און מער פון אַ העלפט זיינען פּריוואַטע עולים. דער יערלעכער דורכשניט באַטרעפט כמעט 276 נפשות, אָבער די עליה איז נישט קיין רעגלמעסיקע. אין די יאָרן 1958 און 1959 שטייגן מיטאַמאָל

אויף אַ גאָר קענטיקן אופן סיי די חלוצישע, סיי די פּריוואַטע עליה און דערנאָך פּאַלן זיי ווידער צוריק אַראָפּ. אָבער די גרעסטע געלט־סכומים ווערן דווקא אויסגעגעבן אין די יאָרן 1960 און 1961. אַ באַדייטנדיקע העכערונג פון דער צאָל עולים איז צו מערקן אין דער ערשטער העלפט פון 1962. די סיבות פון אָט־דער דערשיינונג זיינען מסתמא דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער קריזיס און דער פאַרשטאַרקטער אַקטיווער אַנטיסעמיטיזם, וועלכע זיינען גראָד דעמאָלט איינגעקומען אין אַרגענטינע.

מיט דער עליה באַטראַכט נאָך די בוענאָס־איירעסער קהילה נישט אַלס אין גאַנצן פאַרענדיקט אירע באַציִונגען מיט די אַרגענטינער עולים און נישט אַלס פולשטענדיק דערפילט אירע התחייבותן לגבי זיי. באַזונדערס איז דאָס גילטיק בנוגע די חלוצישע עולים, וועלכע באַזעצן זיך דאָך אין די קיבוצים. עס איז באַוווסט, אַז די קיבוצים מאַכן דורך פון אָנהייב אַ קירצערן, אָדער אַפילו אָפטמאָל אַ לענגערן, פעריאָד פון חבלי־ביסוס, פון פאַרוואָרצלונג — און פאַרפעסטיקונגס־שוועריקייטן ביז זיי שטעלן זיך גוט אַוועק אויף די אייגענע פיס. און אין פאַרלויף פון אָט־דער צייט קומט זיי גוט צונוץ אַ גרעסערע, אָדער אַפילו אַ קלענערע, געלט־שטיצע.



אלימלך גוסקין גיט איבער די אַמטן דער ניי־געוויילטער קהילה־לייטונג, יאָר 1960.

מען איז דאָך אויסגעוואַקסן אין אַ ציוויליזאַטאָריש און קולטורעל גאַנץ הויך אַנטוויקלטער סביבה און פונעם ערשטן מאָמענט אָן פון דער קאָלאָניזאַציע פילט מען גאַנץ שטאַרק דעם מאַנגל פון געוויסע איינריכטונגען, וועלכע פאַרלייכטערן אין אַ גרויסער מאָס דאָס לעבן אין העלפן שטאַרק אַריבערצוטראָגן די זייער אָנגעשטרענגטע אַרבעטן; די שטענדיק געשפּאַנטע וואַכזאַמקייט און גרייטקייט זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די אַראַבישע, פון אומעטום לויערנדיקע שונאים; די פינאַנציעלע לאַסטן; די געוויסע אומפאַרמיידלעכע דורכפאַלן אין דער ווירטשאַפט און כלערליי אַנדערע שוועריקייטן, וועלכע מוזן זיך מאַכן און טרעפן זיך טאַקע, אין אַ גרע־

סעריער אָדער קלענערער מאָס, אויף אַ נאַטירלעכן אופן. איז מען זעלבסטפאַרשטענדלעך זייער דאַנקבאַר, ווען מען קריגט אַ געוויסע געלט־שטיצע פון עמעצן צו קענען וואָס פריער און בעסער אויסבויען און איינאָרדענען אַ בית־ילדים (קינדער־הויז), אַ בית־התרבות (קולטור־הויז), אַ חדר־האוכל (קאָלעקטיווער שפייז־זאַל), אַ מעכאַניזירטע איינריכטונג פאַר דער קיך און וועשעריי אאַז״וו. דאָס זיינען אַלץ זייער נייטיקע און נוצלעכע אינסטאַלאַציעס און אינסטיטוציעס פאַר ציוויליזירטע און געבילדעטע מענטשן, וועלכע מאַכן פיל דערטרעגלעכער דאָס סיי־ווי־סיי גענוג שווערע חלוצישע לעבן, באַזונדערס אין ערשטן פעריאָד נאָך דער גרינדונג פון אַ נייעם קיבוץ, געוויינטלעך אין אַן אומבאַזעצטער און אומקולטיווירטער געגנט, ערגעץ ביי אַ גרענעץ פון ישראל.

מיטן צוועק צו באַקומען אַזעלכע זייטיקע געלט־מיטלען, סטימולירן אין אַ סך פאַלן די קיבוצים, דאָס גרינדן פון אָרגאַניזאַציעס פון זייערע עלטערן און פריינט אין גלות, וועלכע זאַמלען פאַר זיי פינאַנציעלע מיטלען, נישט נאָר פאַר די פריער־אויסגערעכנטע געביידעס און אינסטאַלאַציעס, נאָר אויך פאַר קאָמביינען, טראַקטאָרן, גרויסע אַקער־ און שנייד־מאַשינען וכדומה טייער־קאָסטנדיקע מעכאַנישע אַרבעטס־מכשירים. די קיבוצים וואָס זיינען אינגאַנצן, אָדער טיילווייז, באַזעצט דורך אַרגענטינער, אָדער בכלל לאַטיין־אַמעריקאַנער חלוצים בעטן געוויינטלעך סובסידיעס ביי דער בוענאָס־איירעסער קהילה און זיי באַקומען אויך אַזעלכע אויף אַ ווירדיקן און גוטוויליקן אופן.

ווייטער, אונטן, ברענגען מיר אַ טאַבעלע מיט די סובסידיעס, וואָס עס האָבן באַקומען פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה אין משך פון די לעצטע זעקסטהאַלבן יאָר אַכצן קיבוצים פון די פאַרשידענע אידעאָלאָגיש און סטרוקטורעל, חלוצישע קאָלאָניזאַציע־ריכטונגען:

נאָמען פון קיבוץ	יאָר						סך־הכלען
	1957	1958	1959	1960	1961	האַלב 1962	
כיסופים	20.000	20.000	10.000	—	—	—	50.000
עין־השלושה	20.000	20.000	10.000	96.500	96.500	772.000	1.015.000
משמר הנגב	20.000	20.000	35.000	64.000	64.000	512.000	715.000
מפלסים	40.000	40.000	20.000	—	—	—	100.000
מצר	20.000	20.000	10.000	126.500	126.500	1.012.000	1.315.000
געש	20.000	20.000	10.000	—	—	—	50.000
גזית	20.000	20.000	10.000	—	—	—	50.000
סעד	20.000	20.000	10.000	15.000	15.000	120.000	200.000
ניצנים	20.000	20.000	10.000	—	—	—	50.000
גבעות־זייד	20.000	20.000	10.000	—	—	—	50.000
רבדים	20.000	20.000	10.000	—	—	—	50.000
ניר יצחק	20.000	20.000	10.000	—	—	—	50.000
כפר זולד	20.000	20.000	10.000	—	—	—	50.000
ניר־עם	20.000	20.000	10.000	—	—	—	50.000
בחן	20.000	20.000	10.000	51.000	51.000	408.000	560.000
אור־הנר	—	100.000	50.000	126.500	126.500	1.012.000	1.415.000
מבואות־ביתר	—	—	—	15.000	15.000	120.000	150.000
נאות־מרדכי	—	—	—	5.500	5.500	44.000	55.000
סך־הכלען	320.000	420.000	235.000	500.000	500.000	4.000.000	5.975.000

אָט־די טאַבעלע באַווייזט אונדז, אַז:

א) אין יאָר 1958 איז דער סכום פון די סובסידיעס געשטיגן כמעט מיט איין דריטל לגבי 1957, אָבער אין 1959 (אַ יאָר פון קריזיס און דעוואַלאָריזאַציע) איז דער סכום ווידער היפּש אַראָפּגעפאַלן; אין 1960 איז דער סכום מער ווי פאַרטאָפּלט געוואָרן לגבי 1959 און אַזוי איז ער פאַרבליבן אויך אין 1961. אין דער ערשטער העלפט פון 1962 האָט דער סכום מיטאַמאָל אַ שטאַרקן שפרונג אַרויף געטאָן. דאָס דערקלערט זיך מסתמא דערמיט, וואָס אין משך פון דער באַהאַנדלטער צייט האָבן באַזוכט ישראל מיטגלידער פונעם פרעזידיום פון אונדזער קהילה און זיי האָבן פערזענלעך מיטגענומען דאָס געלט אויסצוגלייכן פאַרעלטערטע חובות. פון דעסט וועגן איז אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז אין 1962 איז מיטאַמאָל באַצאָלט געוואָרן מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אין משך פון די פינף פריערדיקע יאָרן.

ב) די דריי קיבוצים עין־השלושה (הנוער הציוני פון די אַלגעמיינע ציוניסטן), מצר (השומר הצעיר) און אור־הנר (איחוד הבונים פון מפא״י) האָבן באַקומען 1.015.000 פעזעס, 1.315.000 פעזעס און 1.415.000 פעזעס רעספּעקטיוו, וואָס עס מאַכט אויס צוזאַמען 3.745.000 פעזעס, אָדער מער פון 62 % פונעם גאַנצן סכום. די צוויי קיבוצים משמר הנגב (השומר הצעיר) און בחן (אומפּאַרטייאישע יוגנט למרחב), ווידער, האָבן באַקומען 715.000 פעזעס און 560.000 פעזעס רעספּעקטיוו, וואָס עס מאַכט אויס אינאיינעם 1.275.000 פעזעס, אָדער עפּעס מער פון 21 % פונעם גאַנצן סכום. אויף דעם אופן באַקומט זיך, אַז אַלע איבעריקע דרייצן קיבוצים האָבן באַקומען צוזאַמען בלויז 955.000 פעזעס, אָדער ווייניקער פון 17 % פון דעם גאַנצן באַטרעף.

מ׳דאַרף דאָ נאָך אָנווייזן אויף דער בפירוש גערעכטער און אומפּאַרטייאישער פאַרטיילונג פון די סובסידיעס דורך דער פאַרוואַלטונג פון אונדזער קהילה, בעיקר וואָס שייך די גרעסערע סכומים. אין דער קהילה דאָמינירן דאָך די פאַרטרעטער פון די רעכטע פּועלי־ציון — התאחדות (די שוועסטער־פּאַרטיי פון מפא״י) און פון די לינקע פּועלי־ציון — אחדות העבודה. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז דער השומר הצעיר, וועלכער איז אַ גאָר שוואַכע גרופּע אין דער היגער קהילה־פאַרוואַלטונג, אָבער איינער פון די וויכטיקסטע סעקטאָרן פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, זאָל באַקומען אַזעלכע רעלאַטיוו גרויסע געלט־סכומים אַלס סובסידיעס פון דערזעלבער קהילה. דאָס ווערט אויך נאָך מער אונטערגעשטראָכן דורכן פאַקט וואָס די אומפּאַרטייאישע בחן האָט אויך באַקומען איינע פון די גרויסע סובסידיעס. די סיבה איז מסתמא געווען די וואָס די קיבוצים פון השומר הצעיר און בחן האָבן געהאַט גרעסערע באַרעכטיקטע באַדערפענישן, וועלכע מ׳האָט געמוזט באַפרידיקן.

אונדזער קהילה גיט אויך פון צייט צו צייט, קלענערע, אָדער גרעסערע, סובסידיעס פאַר אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות מיט די אַרגענטינער יידן, קודם־כל ווערן געגעבןביישטייערונגען פאַרן אויפבוי פון אייגענע בנינים. אַזוי זיינען געגעבן געוואָרן אין פריערדיקע יאָרן געוויסע געלט־סכומים פאַר די בנינים פונעם ישראלדיקן זשורנאַליסטן־פאַראיין א״נ פון נחום סאָקאָלאָוו ז״ל און פונעם ישראלדיקן ליטעראַטן־פאַראיין א״נ פון שאול טשערניכאָווסקי ז״ל. איצט ווערט אויך געגעבן אַ סובסידיע פאַרן בנין פונעם פאַראיין פון די לאַטיינאַמעריקאַנער עולים, וועלכער וועט געבויט ווערן אין תל־אביב. מיר ברענגען דאָ נישט קיין סכומים פון אָט אַזעלכע ספּאָראַדישע נתינות, ווייל ווען מיר טוען דאָס, וואָלט עס כמעט מיט גאָרנישט געענדערט דאָס פריער־אָנגעצייכנטע בילד פון די טעטיקייטן פון אונדזער קהילה אויף אָט־דעם געביט.

אויך אויף אָט־דעם ספּעציעלן, זייטיקן, אָבער אינטערעסאַנטן, אַרבעטס־געביט פון אונדזער קהילה, קומט בולט צום אויסדרוק איר הויכער נאַציאָנאַלער קריטעריום ביים דורכפירן אירע אויפגאַבן, פּונקט ווי אויף אַנדערע געביטן.

4)   סטאַטיסטיקן פון דער חברה קדישא אָפּטיילונג

ברענגען ייִדן צו קבר־ישראל, לויט אַלע ייִדישע פאָרשריפטן, מנהגים און דינים, איז געווען די ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער חברה קדישא אשכנזי, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1894 אין בוענאָס־איירעס, ווען דער ישוב פון דער הויפּטשטאָט איז נאָך געווען קליין און אומבאַדייטנדיק. אין משך פונעם ווייט־גרעסטן טייל פון אירע עקזיסטענץ־יאָרן האָט די חברה קדישא אשכנזי זיך פאַרנומען בלויז מיט אָט־דער הויפּט־אויפגאַבע אירער. אָבער אין פאַרלויף פון דער צייט האָט זי אַליין מער זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן אויך מיט אַזעלכע ענינים וואָס זיינען וויכטיק פאַרן אַלטעגלעכן כלל־לעבן פונעם היגן ישוב, ביז זי איז צוריק מיט קנאַפּע פופצן יאָר פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס די פאַקטישע קהילה פון בוענאָס־איירעס. נישט קוקנדיק אָבער אויף די פאַרשידנאַרטיקע פאַרצווייגטע טעטיקייטן פון אונדזער קהילה, בלייבט די חברה קדישאָ־אָפּטיילונג דאָך ביז צום היינטיקן טאָג איר וויכטיקסטער דעפּאַרטאַמענט, צוליב דעם גרויסן סכום אַרבעט וואָס ער פירט דורך, פון איין זייט, און אויך צוליב די גרויסע הכנסות וואָס ער ברענגט אַריין, פון דער אַנדערער זייט. א דאַנק די גרויסע געלט־סכומים וואָס די חברה קדישאָ־אָפּטיילונג ברענגט אַריין, ווערט בכלל ערשט מעגלעך די פינאַנצירונג און דורכפירונג פון אַלע אַנדערע קהילה־טעטיקייטן. פאָלגנדיקע טאַבעלע וועט בולט אילוסטרירן די פינאַנציעלע באַדייטונג פון דער חברה קדישא־אָפּטיילונג אין משך פון די לעצטע פינף יאָר:

יאָר	טאָטאַלע הכנסה $	הכנסה פון ח. קדישא $	% פון טאָטאַל
1957	33.740.359	28.618.513	85.—
1958	43.856.409	37.414.783	85.—
1959	72.381.103	64.321.800	89.—
1960	94.258.159	83.943.504	89.—
1961	122.974.886	105.039.457	85.50

פון די אויבן־געבראַכטע ציפערן ווערט קלאָר, אַז די חברה־קדישא־אָפּטיילונג פון אונדזער קהילה ברענגט אַריין צווישן 85% און 89% פון אַלע אירע הכנסות. וויאַזוי און פון וואָס ווערן געשאַפן אָט־די געלט־סכומים? די גרעסטע סומעס קומען געוויינטלעך אַריין דורך די אָפּצאָלן פון די יורשים פון פאַרמעגלעכע און רייכע נפטרים. איידער עס ווערן באַשטימט די פּרטים פון דער קבורה (בית־עולם, קרקע, צאָל אויטאָמאָבילן פאַר די מלווים אאַז״וו) קומט פאַר א הסכם צווישן די יורשים פון די נפטרים און די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דער קהילה, אָדער אירע העכערע פונקציאָנאַרן. דער פּרינציפּ איז אַז אָרעמע נפטרים איז מען מקבר אומזיסט. רייכע יורשים דאַרפן צאָלן לויט דער קרקע וואָס זיי פאַרלאַנגען פאַר זייערע עלטערן. וויטערדיקע הכנסות אין צוזאַמענהאַנג מיט די טעטיקייטן פון דער חברה קדישא־אָפּטיילונג קומען אַריין: פון אָפּצאָלן פאַר די לוויה־הוצאות; פון קאָנצעסיעס פאַר פאַמיליע־קברים (באָוועדאַס); פון דערלויבענישן צו שטעלן מצוות; פון אויפבוי פון פּראָוויזאָרישע קברים; פון קאָנסערווירונג פון די מצבות און אָפּהיטונג פון די בלומען אויף זיי אאַז״וו.

כדי צו קענען ווי געהעריק דורכפירן אירע אויפגאַבן, פאַרמאָגט די קהילה פיר הייליקע ערטער, אַ גאַראַזש (קאָטשעריאַ) מיט אַ גענוגנדיקער צאָל פון מאָטאָריזירטע עגלות און אויטאָס, אַ שטאַב פון צוגעפּאַסטע אַדמיניסטראַטיווע אָנגעשטעלטע, כלי־קודש, שאָפערן, אַלערליי פיזישע אַרבעטער אאַז״וו. אין דעם הויפּט־בנין פון דער קהילה פונקציאָנירט די צענטראַלע אַדמיניסטראַציע פון דער גאַנצער אָפּטיילונג און אויסער דעם האָט יעדער בית־עולם זיין אַנט־

שפּרעכנדיקע לאָקאַלע אַדמיניסטראַציע. אומעטום ווערן אָן אויפהער געבויט בנינים און וועגן, געפלאַנצט ביימער, באַצירונגס־קוסטן און בלומען אין דורכגעפירט אויך אַנדערע פאַרשענערונגען.

דער נאָענטסטער בית־עולם צו דער שטאָט געפינט זיך אין ליניערס. האַרט ביי דער מערבדיקער גרענעץ פון דער הויפּטשטאָט. עס זענען פאַראַן זייער גוטע קאָמוניקאַציעס צו פאָרן אַהין, אָבער ליידער פאַרנעמט ער אַ רעלאַטיוו קליינעם שטח. די גרינדערס פונעם ליניערסער בית־עולם האָבן באַשיימפּערלעך נישט פאָרויסגעזען, אַז דער בוענאָס־איירעסער ישוב וועט אַזוי שנעל אויסוואַקסן און די צאָל פון זיינע נפטרים וועט איצט דערגיין צו קרוב צוויי טויזנט אַ יאָר. דעריבער איז אָט־דער בית־עולם יונגערהייט, נאָך איידער זיינע ביימער זיינען רעכט אויסגעוואַקסן, אַלט געוואָרן און מען איז דאָרטן שוין גאַנץ ווייניק מקבר.

ראש השנה מסיבה מיט ספרדישע און דייטש־רײדנדיקע ייִדן אין יאָר 1961.

צוליב דעם וואָס עס ליגן אויף ליניערס אַ סך מיטגלידער פון די איינגעפונדעוועטע, איינגעזעסנסטע און אָנגעזעענסטע היגע משפחות און אויך צוליב די קאָמוניקאַציע־באַקוועמלעכקייטן, איז אָבער פאַראַן ביי גאָר אַ סך תושבים דער ווילן נקבר צו ווערן נעבן זייערע קרובים און פריינט, אָדער כאָטש אויף דעמזעלבן הייליקן אָרט ווו יענע שלאָפן זייער אייביקן שלאָף. דעריבער צאָלן די רייכערע מיטגלידער פון דער עדה גאַנץ טייער פאַר אַ קרקע אויפן בית־עולם אין ליניערס און די קהילה באַקומט אויף אַזאַ אופן גאַנץ אָנזעעוודיקע הכנסות.

דער בית־עולם וואָס ווערט היינט־צו־טאָג אַממייסטן באַנוצט, געפינט זיך אין טאַבלאַדאַ, היפּש ווייט פון דער שטאָט. ער האָט שוין היינט אויך גאַנץ גוטע איינריכטונגען. אויפן בית־עלמין אין טאַבלאַדאַ איז אויסגעבויט געוואָרן אַ מאָנומענט פאַר די קדושים, וועלכע זיינען

אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס ימח שמם וזכרם. אויפן מאָנומענט זיינען אויך באַפּעסטיקט געוואָרן ספּעציעלע אָנדענק־טאָוולען פאַר איינציקע אומגעקומענע פאַרשיידענע קהילות. עס ווערן דאָרטן ביי פיל געלעגנהייטן איינגעאָרדנט אַלגעמיינע הזכרות און אויך פאַר די באַזונדערע קהילות. נישט ווייט פונעם מאָנומענט זיינען רעזערווירט געוואָרן פלעצער פאַר די קברים פון די אָרטאָדאָקסישע ייִדן שומרי־שבת, פון שרייבערס, קינסטלערס און אַנדערע חשובע און פאַרדינסטפולע נפטרים.

צו די בית־עלמינס וואָס באַלאַנגען צו אונדזער קהילה דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן יענער וואָס געפינט זיך אין סיודאַדעלאַ, וועלכער איז אויך ווייט פון דער שטאָט און ער פאַרמאָגט נישט קיין באַקוועמע קאָמוניקאַציעס. ער איז אַ בשותפותדיקער מיט די ספרדים און ווערט היינט־צו־טאָג אויך גאַנץ ווייניק באַנוצט. צווישן אַלע אַנדערע היגע הייליקע ערטער פון די אשכנזים, איז דער פון סיודאַדעלאַ אַממיינסטנס ענלעך צו די אַלטע בתי־הקברות אין די אַמאָליקע אייראָפּעיִשע היימען.

ראש השנה מסיבה פאַר ספרדישע און דייטש־ריידנדיקע ייִדן.

דער ייִנגסטער פון די בית־עלמינס פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה געפינט זיך אין בעראַסאַטעגי. ער איז אויך ווייט פון דער שטאָט און האָט נישט קיין גוטע קאָמוניקאַציעס. אויך דאָרטן קומען דערווייל צו קבורה זייער ווייניק נפטרים, אָבער ער דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס דער רעזערוו פאַר דער צייט, ווען עס וועט שוין אָנהייבן ענג צו ווערן אויפן בית־הקברות אין טאַבלאַדאַ. לכתחילה איז דער שטח פאַרן בית־עולם אין בעראַסאַטעגי געקויפט געוואָרן דורך דער אָרגאַניזאַציע פון „אגודת ישראל” און זי האָט אויך באַקומען די געהעריקע דערליבעניש פון די אָפיציעלע אינסטאַנצן. נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן ברייטער אויף

דעם פאַרוואָס די דערמאָנטע פרומע גרופע האָט עס געטאָן. עס איז דאָ געניג צו דערמאָנען, אַז זי איז געווען אומצופרידן דערמיט וואָס אירע שטרענג־רעליגיעזע שולן האָבן באַקומען זייער קליינע, אָדער גאָר קיינע סובסידיעס פון דער קהילה, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אָננעמען דעם מינימום־פּראָגראַם אירן פאַר חינוך. מיטן צוועק נישט צו לאָזן אונטערגראָבן אין אָפּשוואַכן איר פּרעסטיזש, האָט די קהילה אָנגעהויבן צו אונטערהאַנדלען מיטן צד שכנגד און סוף־כל־סוף איז מען געקומען צו אַ הסכם. אין יאָר 1957 איז דער בית־עולם אין בעראַסאַטעגי אויך אַריבער אין דעם רשות פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה.

די ווייטערדיקע טאַבעלע גיט אַ באַגריף וועגן דער פאַרטיילונג פון קבורות אויף יעדן איינעם פון די פיר בית־עלמינס:

יאָר	טאַבלאַדאַ	ליניערס	סיודאַדעלאַ	בעראַסאַטעגי	סך־הכלען
1957	1.746	178	39	31	1.994
1958	1.593	149	37	28	1.807
1959	1.688	160	46	49	1.943
1960	1.711	155	39	69	1.974
1961	1.696	150	35	84	1.965
1962 (האַלב)	928	62	25	?	1.015
סך־הכלען	9.362	854	221	261	10.698

פון אָט־דער טאַבעלע קען מען אָפּלערנען: 1) דער יערלעכער דורכשניט פון די נפטרים פון זעקסטהאַלבן יאָר איז לערך 1.941; 2) אויב מען רעכנט, אַז די שטאַרביקייטס־קוואָטע פון דער בוענאָס־איירעסער יידישער באַפעלקערונג מאַכט אויס לערך 1%, דעמאָלט קען דער אשכנזישער ישוב אין דער הויפטשטאָט געשאַצט ווערן אין וואָסערע צוויי הונדערט טויזנט נפשות; 3) אויפן בית־עלמין אין טאַבלאַדאַ אַליין ווערן דורכשניטלעך באַערדיקט וואָסערע 87½% פון אַלע נפטרים און אויף די איבעריקע דריי בית־עלמינס אין איינעם לערך 12½%.

די ווייטערדיקע טאַבעלע, וועלכע נעמט אַרום צוליב בעסערער איבערזיכטלעכקייט בלויז די צוויי מער באַנוצטע בית־עלמינס, אויסלאָזנדיק די איבעריקע צוויי וואָס קענען קיין שום השפּעה נישט האָבן אויף די אויספירן, אילוסטרירט דעם פּראָפּאָרץ פון שטאַרביקייט ביי מענער, פרויען און מינדעריאָריקע יינגלעך און מיידלעך:

	טאַבלאַדאַ				ליניערס				
יאָר	מענער	יינגלעך	פרויען	מיידלעך	מענער	יינגלעך	פרויען	מיידלעך	סך־הכלען
1957	956	76	687	27	91	1	86	—	1.924
1958	885	53	616	39	76	—	73	—	1.742
1959	986	36	630	36	76	2	82	—	1.848
1960	988	39	648	36	65	1	88	1	1.866
1961	959	34	673	30	59	1	90	—	1.846
1962 (האַלב)	527	18	356	27	27	—	35	—	990
סך־הכלען	5.301	256	3.610	195	394	5	454	1	10.216

פון אָט־דער טאַבעלע איז שווער עפּעס אָפּצולערנען אויף זיכער. בכדי דאָס צו קענען טאָן, וואָלט מסתמא נייטיק געווען צו האָבן דאַטן פון אַ לענגערן צייט־אָפּשניט. פון דעסטוועגן קען מען אָננעמען מיט אַ געוויסער וואַרשיינלעכקייט, אַז די שטאַרביקייט ביי מינדעריאָריקע איז בדרך־כלל אַ רעלאַטיוו היפּש קליינע. עס ווייזט אויך אויס, אַז ביי די רייכערע קרייזן, וועלכע זיינען דאָך געקומען צו קבורה אויפן בית־עולם פון ליניערס, איז די שטאַרביקייט ביי די פרויען עטוואָס גרעסער ווי ביי די מענער. דאַקעגן איז די שטאַרביקייט ביי די וויניקער פאַרמעגלעכע באַפעלקערונג־סעקטאָרן, וועלכע זיינען דאָך באַערדיקט געוואָרן אויף דעם בית־עולם אין טאַבלאַדאַ, פיל־פיל גרעסער צווישן די מענער ווי צווישן די פרויען. קיין קלאָרע און באַגרינדעטע סיבות פאַר אָט־די מאָדנע דערשיינונגען איז דאָ פאַר דער האַנט נישט צו זען און עס וואָלט נייטיק געווען זיי גרינטלעכער צו באַטראַכטן און צו פאָרשן.

די קהילה באַערט אירע 50־יאָריקע מיטגלידער, יאָר 1961.

ווייטער אונטן ברענגען מיר דריי טאַבעלן, וועלכע באַלייכטן די צאָלונגס־פאַרהעלטענישן פאַר די קבורות און פון דעם וועט מען אויך קענען עפּעס אָפּלערנען, מיט אַ געוויסער רעלאַטיווער זיכערקייט, וועגן דער פאַרמעגלעכקייט פון די נפטרים, אָדער ריכטיקער, וועגן זייער עקאָנאָמישער לאַגע. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט די ווערטער „מיט אַ געוויסער רעלאַטיווער זיכערקייט", ווייל נישט זעלטן ווערט פאַר די קבורות באַצאָלט אַ סך וויניקער פון דעם וואָס די רעאַלע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פון די פאַראינטערעסירטע וואָלטן זיי דערלויבט צו באַצאָלן, ווייל אין אַ טייל פאַלן געלינגט עס די יורשים נישט ריכטיק צו אינפאָרמירן וועגן זייער פינאַנציעלער לאַגע און די ספּעציעלע קאָנטראָלערן, וואָס דאַרפן פעסטשטעלן דעם אמת,

כאַפּן זיך פּילמאָל נישט. אין אַנדערע פאַלן באַווייזן די פּראָאינטערעסירטע זיך בעסער אויסצודינגען. פון אָט־די טאַבעלן וועט אויך קלאָר ווערן די פּראָפּאָרץ צווישן מיטגלידער און נישט־מיטגלידער ביי די באַערדיקטע נפטרים.

טאַבעלע פון געגצלטע אומזיסטע קבורות

יאָר	מיטגלידער	צוריקגעשטאַנענע מיטגל. מיט צאָלונגען	נישט־מיטגליד.	סך־הכלען
1957	278	144	411	833
1958	270	46	330	646
1959	102	11	189	302
1960	322	1	270	593
1961	75	1	116	192
1962 (האַלב)	19	1	36	56
סך־הכלען	1.066	204	1.352	2.622

פון אָט־דער טאַבעלע איז צו זען, אַז פון דעם טאָטאַל נפטרים פון 10.698 אין משך פון די באַהאַנדלטע זעקסטהאַלבן יאָר, איז לערך אַ פערטל באַערדיקט געוואָרן געגצלטע אומזיסט. צווישן זיי זיינען געווען וואָסערע 52% נישט־מיטגלידער און דער רעשט גרעסטנטיילס גוט־שטייענדיקע און אויך אַ רעלאַטיוו־קליינע צאָל מיט זייערע צאָלונגען צוריקגעשטאַנענע מיטגלידער. דאָס באַווייזט בלי־ספק, אַז די קהילה האָט זייער אַ סך איינזעעניש מיט די אָרעמע באַפעלקערונגס־שיכטן און זי נעמט ביי זיי נישט קיין שום קבורה־געלט. עס ווערט אויך קלאָר, אַז דערביי ווערט נישט געקוקט דערויף צי דער נפטר איז געווען אַ מיטגליד צי נישט און אַלע אָרעמע מענטשן ווערן באַהאַנדלט אויף אַ גלייכן אופן, לויט די בעסטע ידישע טראַדיציעס. אָט־אַזוי באַקומט זיך, אַז די חברה קדישא אָפּטיילונג פון דער בועגאָס־איירעסער קהילה טוט מיט די אָרעמע אַ ריכטיקן חסד־של־אמת אין פולן זינען פון דעם וואָרט, ווייל די פּראָפּאָרציאָנעל־גרויסע צאָל נישט־מיטגלידער האָבן דאָך אַפילו קיינמאָל נישט באַצאָלט קיין באַשיידענעם מיטגליד־אָפּצאָל און זיי זיינען אַזוי־אַרום נקבר געוואָרן אַבסאָלוט אומבאַצאָלט. דאָס איז בפירוש אַ גרויסער און שיינער אויפטו פון אונדזער היגער קהילה.

מען דאַרף דערצו נאָך צוגעבן, אַז די קהילה שטעלט יעדעס יאָר אַ גרויסע צאָל מצבות אויף די קברים פון עלנטע נפטרים, וועלכע האָבן נישט קיין יורשים.

טאַבעלע פון האַלב־באַצאָלטע קבורות

יאָר	מיטגלידער	צוריקגעשטאַנענע מיטגל. מיט צאָלונגען	נישט־מיטגליד.	סך־הכלען
1957	140	58	126	324
1958	225	28	129	382
1959	702	15	348	1.065
1960	356	1	179	536
1961	379	3	173	555
1962 (האַלב)	143	3	102	248
סך־הכלען	1.945	108	1.057	3.110

אָט־די טאַבעלע באַווייזט, אַז פון דער טאָטאַלער צאָל נפטרים פון 10.698 אין משך פון די באַהאַנדלטע זעקסטהאַלבן יאָר, זיינען וואָסערע 29% געווען האַלב־באַצאָלטע און מען דאַרף וויסן, אַז אונטער אָט־דעם באַגריף ווערן פאַרשטאַנען אַזעלכע קבורות, פאַר וועלכע עס ווערן קוים באַצאָלט די פאַקטישע הוצאות וואָס די קהילה האָט דערביי. אין אָט־דער קאַטעגאָריע מאַכן אויס די נישט־מיטגלידער 34% און די איבעריקע 66% זיינען גוטשטייענדיקע און צוריקגעשטאַנענע מיט די צאָלונגען מיטגלידער. ווידער ווערט פון דער טאַבעלע קלאָר, אַז דער גאָר ווייניק פאַרמעגלעכער שיכט פון דער אשכנזישער ייִדישער באַפעלקערונג אין בוענאָס־איירעס איז אַ גאַנץ באַדייטנדיקער און מאַכט וואַרשיינלעך אויס קרוב צו אַ דריטל פונעם גאַנצן ישוב. אינאיינעם מיט די גאָר אָרעמע, וועלכע באַטרעפן לויט דער פריִערדיקער טאַבעלע לערך

אויפנאַמע פאַר דעם געוו׳ אַרגענטינער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל, ד״ר ג. טאָפּאָלעווסקי.

25% פון דער גאַנצער אשכנזיש־ייִדישער באַפעלקערונג, קומט אויס אַז די עקאָנאָמיש־שוואַכסטע קרייזן אירע באַטרעפן לערך 54% פונעם באַפעלקערונגס־טאָטאַל. דאָס לייקנט ענדגילטיק און קאַטעגאָריש אָפּ די לעגענדע וועגן דער ייִדישער רייכקייט אין אַרגענטינע, אויב אַזאַ האָט ביי וועמען עס זאָל נישט זיין אַמאָל עקזיסטירט.

איצט ברענגען מיר ווייטער אונטן די דריטע טאַבעלע, וועלכע באַציט זיך צו די פולבאַצאָלטע קבורות, וועלכע דעקן נישט־נאָר די הוצאות, נאָר זיי ברענגען אויך אַריין גרעסערע אָדער קלענערע ביישטייערונגען איבער די קאָסטן. פון אָט־דער קאַטעגאָריע באַקומט אונדזער קהילה די געלטער, מיט וועלכע זי דעקט קודם־כל די פאַרלוסטן פון די פריִערדיקע צוויי קאַטעגאָריעס און פון וואַנען זי שעפּט אויסערדעם אויך די מיטלען צו סובסידירן דעם חינוך,

אויסצוהאַלטן דעם לערער־סעמינאַר, צו פינאַנצירן די קולטור־אַרבעט, צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע און דורכצופירן ווי געהעריק אַלע אירע איבעריקע אַרבעטן.

טאַבעלע פון פּיר־באַצאָלטע קבורות

		צוריקגעשטאַנענע		
יאָר	מיטגלידער	מיטגל. מיט צאָלונגען	נישט־מיטגלידער	סך־הכלען
1957	447	150	240	837
1958	530	81	168	779
1959	432	15	129	576
1960	666	4	175	845
1961	882	9	327	1.218
1962 (האַלב)	539	5	167	711
סך־הכלען	3.496	264	1.206	4.966

פון די אויבן־געבראַכטע דריי טאַבעלן ווערט אויך קלאָר, אַז פון די 10.698 נפטרים אין משך פון די באַהאַנדלטע זעקסטהאַלבן יאָר זיינען 3.615, אָדער לערך 34%, אינגאַנצן קיין מיטגלידער נישט געווען; 576, אָדער עפּעס ווייניקער פון 5%, זיינען געווען מיטגלידער וואָס זיינען געווען צוריקגעשטאַנען מיט זייערע חודשלעכע מיטגליד־אָפּצאָלונגען און בלויז 6.507, אָדער 61% לערך, זיינען געווען פולע מיטגלידער. דאָס ווייזט אָן אויף דער מעגלעכקייט, אַז ביי אַ געהעריקער און צוגעפּאַסטער ווערבירונגס־אַרבעט וואָלטן צו די שוין פאַראַנענע מיטגלידער געקענט נאָך צוקומען ווייניקסטנס וואָסערע 39% נייע מיטגלידער.

די ביז־איצטיקע טאַבעלעס און באַטראַכטונגען האָבן געהאַט אַ כמעט אויסשליסלעכע און דירעקטע שייכות צו אונדזער קהילה און אירע טעטיקייטן. אין די רעגיסטערס פון דער חברה קדישא־אָפּטיילונגען ווערן אָבער אויך פאַרצייכנט איייניקע פּרטים וועגן די נפטרים, וועלכע האָבן אַ צוזאַמענהאַנג מיט געוויסע אַלגעמיינע אַספּעקטן פונעם לעבן פון די אשכנזישע יידן אין בוענאָס־איירעס. מיט זייער הילף קענען געוואָרפן ווערן עטלעכע ליכטשטראַלן אויף אַ טייל גאַנץ וויכטיקע דערשיינונגען אין אונדזער לאָקאַלן יידישן לעבן.

אַזוי ווערן, למשל, אָנגעגעבן: דער ציווילער שטאַנד פון די נפטרים, זייער עלטער און די קראַנקייטן וואָס האָבן גורם געווען זייער פּטירה. וועלן מיר אויסנוצן אויך אָט־די פאַראַנענע דאַטן און מיר וועלן ווייטער אונטן ברענגען עטלעכע טאַבעלן, וועלכע באַציען זיך צו די יאָרן 1960, 1961 און די ערשטע העלפט פון 1962. עס איז ליידער נישט מעגלעך געווען צוצוגרייטן די באַטרעפנדיקע דאַטן אויך פאַר די יאָרן 1957, 1958 און 1959, ווייל דאָס וואָלט געווען געפאָדערט רעלאַטיוו פיל צייט און דאָס זאַמלבוך פון דער קהילה, פאַר וועלכן אָט־די אָפּהאַנדלונג איז דאָך באַשטימט, האָט אַ פעסטע דאַטע ווען עס דאַרף דערשיינען און דערייבער איז נישט מעגלעך געווען לענגער אָפּצוציִען.

טאַבעלע וועגן דעם ציווילן שטאַנד פון די נפטרים

יאָר	פאַרהייראַטע	אומפאַרהייראַטע	פאַר־אַלמנ׳טע	געגרש׳טע	אומבאַקאַנטע	סך־הכלען
1960	1.151	126	631	—	66	1.974
1961	1.147	129	609	3	77	1.965
1962 (האַלב)	594	98	323	—	—	1.015
סך־הכלען	2.892	353	1.563	3	143	4.954

פון אָט־דער טאַבעלע איז צו זען, אַז די צאָל גע׳גט׳ע צווישן די נפטרים איז אַ פאַרשווינדיק קליינע און דאָס קען זיין אַן אָנווייז, אַז אין דער באַפעלקערונג בכלל קומט פאָר דאָסזעלבע. אויך די צאָל אומפאַרהייראַטע איז אַ רעלאַטיוו קליינע, דהיינו — לערך 7%, אָבער די פאַרהייראַטע מאַכן אויס וואָסערע 58½% און די פאַר„אַלמנ׳טע גרייכן צו עפּעס מער פון 32%. דאָס אַלעס באַווייזט, אַז אונדזער בוענאָס־איירעסער אשכנזישער ישוב איז שוין אַרויס פון זיין אומסטאַבילן עמיגראַנטישן סטאַדיום און ער ווייזט שוין אַרויס בולטע כאַראַקטעריסטישע סימנים פון אַ באַלעבאַטישן, פאַרפעסטיקטן, איינגעפונדעוועטן און פאַרוואָרצלטן ציבור. דאָס קען שוין אויך להבא דערמעגלעכן גרעסערע, סאָלידערע און דויערהאַפטיקערע סאָציאַלע, אָרגאַניזאַציאָנעלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע אויפטוען.

ווייטער אונטן ברענגען מיר אַ טאַבעלע, לויט וועלכער מען קען עפּעס געוווּיר ווערן וועגן די קראַנקייטן וואָס צוליב זיי זיינען די נפטרים אַוועקגעגאַנגען פון צווישן די לעבעדיקע. עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז די קראַנקייטן זיינען אָנגעגעבן געוואָרן בלויז ביי די נפטרים אין דער עלטער ביז 70 יאָר, ווייל יענע וואָס שטייגן אַריבער אָט־די עלטער, שטאַרבן געוויינטלעך פון עלטער־שוואַכקייט, כאָטש עס קען אויך זיין אַן אומיטלבאַרע סיבה פונעם טויט דורך עפּעס אַ קראַנקייט, וועלכע דער זקן האָט שוין צוליב זיין שוואַכקייט נישט געקענט בייקומען.

טאַבעלע פון טויט־פאַלן דורך קראַנקייטן

יאָר	האַרץ און בלוט־געפעסן	טומאָרן (קאַנסער)	אַקצידענט און זעלבסטמאָרדן	פאַרשיידענע	עלטער־שוואַכקייט	סך־הכלען
1960	666	313	48	185	762	1.974
1961	902	339	55	235	434	1.965
1962 (האַלב)	481	177	29	105	223	1.015
סך־הכלען	2.049	829	132	525	1.419	4.954

אָט־די טאַבעלע באַווייזט, אַז די גרעסטע צאָל פון די נפטרים ביי די אשכנזישע בוענאָס־איירעסער יידן, לערך 41½%, שטאַרבט פון האַרץ־אַטאַקעס, פון מאַרך־דערשיטערונגען און פון אַנדערע בלוט־געפעס־קראַנקייטן און אַן אַנזעעוודיקער טייל, וואָסערע 16½%, שטאַרבט פון קאַנסער און פון טומאָרן בכלל. אָט־די סאָרטן קראַנקייטן, וועלכע זיינען גרעסטנטיילס אַ רעזולטאַט פונעם צופיל אָנגעשטרענגטן און זאָרגפולן לעבן אין אַזאַ ריזיקן כרך ווי עס איז בוענאָס־איירעס, באַטרעפן אַלזאָ העכער אַ העלפט, אָדער 58% פון די טויט־סיבות פון אַלע נפטרים. אַלע אַנדערע פאַרשיידענע קראַנקייטן, וואָס זיינען גורם דעם טויט ביי די אשכנזישע יידן אין בוענאָס־איירעס מאַכן אויס אינאיינעם וואָסערע 10½%. די אומגעקומענע דורך אַלערליי אַקצידענטן און זעלבסטמאָרדן מאַכן אויס עפּעס מער פון 2½%. די געשטאָרבענע אין דער עלטער פון העכער 70 יאָר, אינאיינעם מיט יענע פאַלן, וועגן וועלכע מען ווייסט נישט די סיבה פון זייער פטירה, מאַכן אויס לערך 29%. כאָטש די אַלע צאָלן, וועלכע זיינען אַ רעזולטאַט פון אָבסערוואַציעס אין משך פון בלויז דריטהאַלבן יאָר, זיינען נישט קיין גענוג זיכערע באַזע צו קענען מאַכן זיכערע, אָדער ווייניקסטנס וואַרשיינלעכע אויספירן און שלוסן, איז עס אָבער דאָך מעגלעך, אַז זיי זאָלן געבן אַ באַגריף וואָס איז נישט גאָר ווייט פונעם אמת, וועגן דער פאַקטישער זאַכלאַגע אויפן געזונטהייט־געביט פון די בוענאָס־איירעסער יידן פאַר די לעצטע צען־פופצן יאָר. עס קען זיין, אַז אָט־די ציפערן זאָלן אין אַ געוויסער מאָס זיין ניצלעך פאַר אונדזערע יידישע דאָקטוירים, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פאָרש־אַרבעטן, נעמענדיק אין באַטראַכט אַז עס זיינען פאַראַן זייער ווייניק, אָדער גאָר קיינע דאַטן פון דעם מין.

ווייטער אונטער ברענגען מיר צוויי טאַבעלעס וועגן דער עלטער פון די נפטרים אין משך פון די לעצטע דריטהאַלבן יאָר, איינע ביז 20 און די אַנדערע פון מער פון 20 יאָר.

ערשטע טאַבעלע וועגן דער עלטער פון די נפטרים

יאָר	ביז איין יאָר	פון 1 ביז 6 יאָר	פון 6 ביז 14 יאָר	פון 14 ביז 20 יאָר	סך־הכלען
1960	66	7	9	8	90
1961	50	11	11	7	79
1962 (האַלב)	31	7	10	4	52
סך־הכלען	147	25	30	19	221

געוו׳ אַרגענטינער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל ד״ר טריסטאַני, אויף אַ באַזוך אין דער קהילה.

מיר ווייסן שוין פון פריער, אַז דער טאָטאַל פון די נפטרים פאַר די באַהאַנדלטע דריטהאַלבן יאָר דערגרייכט צו 4.954. פון אָט־דער טאַבעלע באַקומט זיך, אַז אין דער עלטער ביז צוואַנציק יאָר זיינען אין דעמזעלבן צייט־אָפּשניט געשטאָרבן 221, אָדער לערך 4½ % פונעם טאָטאַל נפטרים. דאָס ווייזט אויס צו זיין אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט און דאָס זאָגט עדות אויפן וווילשטאַנד, אַ פּועל־יוצא פון וועלכן עס זיינען צופרידנשטעלנדיקע וווינונגס־ און שפּייז־באַ־

דינגונגען און אַ גענוגנדיקע מעדיצינישע אויפזיכט. דאָס איז אויך אַ סימן פון אַ גאַנץ באַדייטנדיקער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער הייך פון די אשכנזישע ייִדן אין דער שטאָט בוענאָס־איירעס.

צווייטע טאַבעלע וועגן דער עלטער פון די נפטרים

יאָר	פון 20 ביז 35 יאָר	פון 35 ביז 50 יאָר	פון 50 ביז 60 יאָר	איבער 60 יאָר	אומבאַקאַנט	פון פריִערדי־קער טאַבעלע	סך־הכלען
1960	49	159	351	1.312	13	90	1.974
1961	34	163	367	1.240	82	79	1.965
1962 (האַלב)	12	77	186	688	—	52	1.015
סך־הכלען	95	399	904	3.240	95	221	4.954

פון אָט־דער טאַבעלע זעט מען, אַז צווישן 20 און 50 יאָר זיינען געשטאָרבן 494 ייִדן אָדער כמעט 10% פון אַלע נפטרים. דאָס קען אויך באַטראַכט ווערן אַלס גאַנץ קליינע שטאַרביקייט. ערשט פון 50 יאָר און ווייטער ווערט די שטאַרביקייט באַדייטנדיק גרעסער. אַזוי זיינען צווישן 50 און 60 יאָר שוין געשטאָרבן אַרום 18½ % פונעם טאָטאַל און ערשטע איבער 60 יאָר איז דער פּראָצענט פון די געשטאָרבענע 65% פון אַלע נפטרים פון דעם באַהאַנדלטן פּעריאָד.

פאַרן יאָר 1960 זיינען גענומען געוואָרן באַזונדער, בשעת עס איז זיינערצייט צוגעגרייט געוואָרן אַ פריִערדיקע אַרבעט, די נפטרים פון 60 ביז 70 יאָר (זיי האָבן באַטראָפן 610) און יענע וואָס האָבן דערגרייכט אַ העכערע עלטער פון 70 יאָר (זיי האָבן באַטראָפן 702). די ערשטע באַטרעפן 31% און די צווייטע 36% פון אַלע נפטרים פונעם יאָר 1960. אויב 36% פון אַלע נפטרים האָבן אין יענעם יאָר געלעבט לענגער פון 70 יאָר, הייסט עס בדרך־כלל, אַז ביי אַ גאַנץ באַדייטנדיקן טייל פון די בוענאָס־איירעסער אשכנזישע ייִדן קען מען אָנטרעפן אַ גאַנץ אָנזעעוודיקע לאַנגלעביקייט בכלל, ד״ה אויך אין אַנדערע יאָרן, אַ חוץ 1960.

ווי מען זעט, לאָזט זיך פיל אָפּלערנען פון די פּרטים וואָס ווערן פאַרצייכנט אין די נפטרים־רעגיסטערס פון דער חברה־קדישא־אָפּטיילונג פון אונדזער קהילה, כאָטש די שלוסן, צו וועלכע מען קומט אויפן סמך פון די דאַטן פון בלויז זעקסטהאַלבן יאָר זיינען נישט באַזירט און באַגרינדעט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. אָבער מען דאַרף זיין צופרידן אויך מיט דעם. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז עס זיינען סך־הכל פאַראַן אַזוי ווייניק ריכטיקע סטאַטיסטישע דאַטן ביי ייִדן.

אפשר איז דאָ אויך דאָס אָרט אָנצוּווייזן דערויף, אַז אין די דערמאָנטע נפטרים־רעגיסטערס וואָלט מעגלעך און כדאי געווען אויסצוברייטערן די פאַראַנענע פּרטים מיט נאָך אַנדערע, וועלכע זאָלן זיך באַציִען צו: געבוירן־לאַנד, בירגערשאַפט און באַשעפטיקונג פון די נפטרים, זייערע איבערגעלאָזטע מינדעריאָריקע און פּוליערדיקע יתומים אאַז״וו. אַזעלכע נייע פּרטים וואָלטן געווען זייער נוצלעך און עס וואָלט פאַרנומען בלויז ווייניק צייט און עס וואָלט געקאָסט נאָר אַ קליינע אָנשטרענגונג זיי צו באַקומען.

דוד קולאַקאָווסקי

די בוררות־קאָמיסיע ביי דער קהילה – אַ מאָראַליזירנדיקער פאַקטאָר אין אונדזער לעבן

אין משך פון אונדזער גאַנצער גלות־געשיכטע, לעבנדיק אין אַ נישט ייִדישער אַרומרינגלונג, האָבן מיר זיך תמיד געראַנגלט, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג זאָל האָבן דאָס רעכט צו דערליידיקן די סיכסוכים וואָס אַנטשטייען צווישן איין ייִדישן יחיד און אַ צווייטן, אָדער צווישן איין גרופּע און אַ צווייטער, אין איר אייגענער סביבה און דורך אירע אייגענע שופטים און בוררים. דאָס איז געווען אַ טייל פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע וועלכע איז געווען אין הסכם נישט נאָר מיט אונדזער רעליגיעזן איינשטעל, נאָר אויך מיט אונדזער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן ווילן ווייטער צו עקזיסטירן ווי אַ פאָלק. און מיר זען טאַקע, אַז דאָרט ווו די פאַרשידענע מושלים האָבן פאַרזיכערט ייִדן זייער רעכט און די דאָזיקע רעכט מער־ווייניק אָפּגעהיטן, האָבן די ייִדן גענאָסן פון דער דאָזיקן זכות. דאַקעגן ווען דער קאַטוילישער קלער האָט געזיגט אין זיין שטרעבונג צו פאַרביטערן ייִדן דאָס לעבן און שווער מאַכן פאַר ייִדן דעם ווייטערדיקן וועג פון פאָלקס־אויפהאַלט, דאָרט האָט מען ביי אונדז די דאָזיקע רעכט צוגענומען.

שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס די בית דין־שטוב איז געווען אַ יסוד־אינסטיטוציע אין ייִדישן לעבן, איז אויך די בוררות־אינסטיטוציע געווען און פאַרבליבן אַ וויכטיקער רעגולירנדיקער און סאַנירנדיקער פאַקטאָר אין אונדזער געזעלשאַפט. דערביי דאַרף מען נישט מאַכן קיין טעות און מיינען, אַז די דאָזיקע בוררות־אינסטיטוציע האָט געהאַט אַ זין נאָר דאָרט וווּ דאָס אַלגעמיינע נישט־ייִדישע געריכט האָט זיך באַצויגן דיסקרימינירנדיק כלפּי דער ייִדישער באַפעלקערונג. ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דאָרט וווּ אַזאַ דיסקרימינאַציע איז נישט געווען בנמצא, אויך דאָרט איז דאָס דערליידיקן פאַרשידענע סיכסוכים אין דער אייגענער סביבה געווען זייער געזונט און פּאָזיטיוו פאַרן ייִדישן יחיד, ווי אויך פאַרן ייִדישן כלל. דערצו האָבן געווירקט פאַרשידענע סיבות, טיילווייז פּסיכאָלאָגישע און טיילווייז מאָראַלישע. אויך דאַרף מען געדענקען, אַז ביים דערליידיקן פאַרשידענע סיכסוכים אין די אַלגעמיינע מלוכהשע געריכטן האָט מען תמיד געמוזט אָנקומען צום מידת־הדין, צום האַרטן אות פון געזעץ. דאָס דערליידיקן דעם זעלביקן סיכסוך אין אַ ייִדיש בוררות־געריכט האָט שוין געגעבן אַ מעגלעכקייט אים צו לייזן מיט מידת הרחמים און דאָס האָט פון תמיד אָן געווירקט אין אַ מאָראַלישער הינזיכט זייער פּאָזיטיוו אויף די בעלי הסיכסוך, ווייל מיר וויסן דאָך, אַז עס זענען פאַראַן פאַלן ווען מען מוז האַנדלען נישט בלויז לויטן דין, נישט בלויז לויט צדק, נאָר לויט חסד און לויט יושר. און נישט אומזיסט זאָגט דאָך אַ לעגענדע, אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן ווייל די איינוווינער אירע האָבן זיך געהאַלטן בלויז ביים האַרטן אות פון געזעץ.

קומען מיר צו דער טעטיקייט פון דער בוררות־קאָמיסיע ביי דער קהילה אין בוענאָס־איירעס, מוז מען זאָגן, אַז מיר גייען דאָ אָן מיט אַן אַלטער, עיקרדיקער טראַדיציע פון דעם ייִדיש־געשיכטלעכן לעבן און אין דעם אַליין קען מען זען דעם המשך פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט אויף דעם נייעם באָדן פון אונדזער עקזיסטענץ. געוויס האָט צפון־אַמעריקע

גרויסע ייִדישע אינסטיטוציעס וואָס טוען וויכטיקע כלל־אַרבעט, אָבער אַזאַ אינסטיטוציע וווּ ייִדן זאָלן קומען דערליידיקן זייערע סיכסוכים אין זייער אייגענעם ווינקל, דאָס איז דאָרט נישטאָ. אין דעם פּרט איז די ייִדישע קהילה אין בוענאָס־איירעס אַן אויסנאָם און דער דאָזיקער אויסנאָם גיט צו אונדזער קהילה דעם וויכטיקן אינהאַלט פון טראַדיציאָנעלער פאָרזעצונג און פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמישקייט.

נישט אַריינגייענדיק אין די פּרטים פון באַריכט וועגן דער אַרבעט פון דער בוררות־קאָמיסיע ביי דער קהילה, וויל איך בלויז אונטערשטרייכן, אַז די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך נישט נאָר דערוואָרבן אָנערקענונג ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג, נאָר זי האָט אויך געוווּנען די סימפּאַטיע פון דער יוסטיץ אין לאַנד. פאַראַן פיל פאַלן ווען די ריכטער פון מלוכהשן ציווילן געריכט ראָטן די צדדים זיך צו ווענדן צו דער בוררות־אָפּטיילונג פון דער קהילה, ווייל זיי ווייסן, אַז דאָרט ווו זיי וועלן מוזן משפּטן לויטן דין, וועלן מיר משפּטן לויט יושר און מיר וועלן נישט

געזעגענונגס־מסיבה לכבוד די דעלעגאַטן צום 25סטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

לאָזן פאַלן דעם שוואַכן און דעם אָרעמען אויב ער איז פאַקטיש גערעכט, הגם פאָרמעל און יורידיש איז זיין קעגנער דער שטאַרקערער. חוץ וואָס דער קאָנטאַקט פון די צדדים מיט דער בוררות־קאָמיסיע ביי דער קהילה איז אַ דירעקטער און יעדער קען אַרויסברענגען פולער און אָפענער דאָס וואָס אים טוט וויי, ווייל ער רעדט צו אייגענע מענטשן אויף זיין אייגענער שפּראַך, איז אויך דאָס עצם־משפּטן זיך צווישן אייגענע פּסיכאָלאָגיש גרינגער פאַר די צדדים, עס שאַפט נישט אַזאַ שינאה־פאַרביטערונג און עס ווירקט מאָראַליש צום אָפּרייניקן די אַטמאָספער פון דער ייִדישער קאָלעקטיוויטעט.

אויף ווי ווייט די בוררות־קאָמיסיע ביי דער קהילה איז פּאָפּולער און אויטאָריטאַטיוו ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג זאָגט עדות דער פאַקט וואָס הגם מיר האָבן נישט קיין פּאָליציי טרעפט דאָך זעלטן, אַז די צדדים זאָלן נישט אָננעמען אונדזער פּסק־דין. די בוררות־קאָמיסיע איז אַזוי אַרום דער מאָראַלישער אינסטרומענט פון דער קהילה וועלכער רעגולירט די באַ־

ציונגען בין אָדם לחברו און דערלאָזט נישט, אַז עס זאָל זיך אין אונדזער לעבן צעוואַקסן דער לית דין ולית דיין און די מאַכט פון דעם שטאַרקן איבער דעם שוואַכן, אָדער די מאַכט פון דעם כיטרען איבער דעם איש תמים.

דאָ ווייטער וועל איך ברענגען ווי אַ ביישפיל דריי סיכסוכים וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן דורך דער בוררות־קאָמיסיע. דאָס זענען דריי פון אַ סך צענדליקער און הונדערטער. אָבער זיי וועלן זייער בולט דערציילן וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער קאָמיסיע־אַרבעט און זיי וועלן אויך אונטערשטרייכן די וויכטיקייט פון משפטן זיך צווישן אייגענע, אויף דער באַזע פון יושר און יידישער עטיק.

אַ סיכסוך צווישן מחותנים

די סיבה: חתן־כלה האָבן זיך צעקריגט און האָבן באַשלאָסן צונישטמאַכן דעם שידוך. פיל סיבות האָבן דערצו גורם געווען. דאָס צופיל אַריינמישן זיך פון די עלטערן, די נישט־נאָכגיביקייט פון די צדדים אאַז״וו.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דערפון וואָס חתן־כלה האָבן באַשלאָסן צו פאָרן זיך צו באַזעצן אין ישראל, אָבער די עלטערן פון דער כלה זענען געווען קעגן. האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמפעריי און נישט געקוקט וואָס אָט שוין האָט געזאָלט פאָרקומען די חתונה, האָט מען זיך אַזוי צעקריגט, אַז מען איז גרייט צונישט צו מאַכן דעם שידוך און צו דער בוררות־קאָמיסיע קומט מען וועגן דער תביעה אָפצוגעבן די מתנות פון די תנאים.

דער טריבונאַל פון דער קהילה, וואָס זוכט מיט אַלע מיטלען אָנהאַלטן שלום צווישן די צדדים און גאַנץ מאַכן אַ ריס, בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ שידוך. פאַרטיפט זיך אין דעם ענין און באַזייטיקט די אויבערפלעכע דעטאַלן וועלכע האָבן געשאַפן פאַרביטערונג ביי ביידע צדדים. מען טרעט צו צו ליזן דעם סיכסוך מיטן ציל נישט צו דערלאָזן עס זאָל ווערן אויס שידוך.

עס גייט אָן אַ קאַמף מיט די מחותנים וועלכע האַלטן אין זייער צערייצטקייט אין איין טענהן דער שידוך זאָל ווערן אויס.

דער טריבונאַל זעט איין, אַז פאַקטיש זענען נישטאָ קיין וויכטיקע מאָטיוון וואָס זאָלן באַרעכטיקן דעם דאָזיקן שריט. עס איז גאָך אַן ענין פון די מחותנימס קאַפריז. די בוררים זאָגן זיי אַביסל אַריין און זיי ווערן ווייכער. זיי הייבן שוין אָן צו אָנערקענען אַז זיי האָבן זיך אפשר טאַקע צופיל אַריינגעמישט צווישן חתן־כלה.

דער טריבונאַל באַשליסט אַרויסצורופן דעם חתן באַזונדער און די כלה באַזונדער. די כלה טענהט אַז דער חתן האָט זי אויפגעהערט צו רופן טעלעפאָניש, ווי ער פלעגט דאָס פריער טאָן. ער האָט געמאַכט אַ ויברח אין אַ צווייט שטעטל. זי האָט אַ פאַרדאַכט אַז ער האָט זי שוין נישט ליב, ער אַרבעט ווייניק אאַז״וו. דער חתן טענהט אַז די כלה טוט נאָר וואָס די עלטערן אירע הייסן איר. ער האָט געוואָלט אויספרווון איר ליבע, איז ער טאַקע אַוועקגעפאָרן, אָבער געקומען צוריק. ער האָט חרטה, ער זאָגט צו אַז ער וועט שוין זיין וווּיל און גוט. דער טריבונאַל איבערצייגט זיך נאָך אַמאָל אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין וויכטיקע סיבות צונישט צו מאַכן דעם שידוך. מען רעדט מיט דעם חתן באַזונדער און מיט דער כלה באַזונדער און מען דערוויזט זיי די נאַרישקייטן פון זייער קריגעריי.

נאָך שווערע באַמיִונגען איז געוואָרן שלום סיי צווישן די מחותנים און סיי צווישן חתן־כלה. עס איז געשטעלט געוואָרן אַ חופה. חתן־כלה געפינען זיך איצט אין ישראל און זיי לעבן גליקלעך.

אַ קאָמערציעלער סיכסוך

צוויי גוטע פריינד האָבן געאַרבעט בשותפות, ביי גראָבונגען, ביי געביידע־צעוואַרפונג אד״גל. די הכנסות זענען געווען קליינע. זיי האָבן צעזייט פובליציטעט־קאַרטלעך וועגן זייער

אונטערנעמונג, ווו זיי האָבן נאָר געקענט .די רעזולטאַטן — שוואַכע. האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו שיידן. עס איז געשריבן געוואָרן אַן אָפּמאַך, אַז זיי צעגייען זיך. דער אָפּמאַך איז געמאַכט געוואָרן רעטראָאַקטיוו מיט א חודש פון דער דאַטע ווען זיי צעשיידן זיך. זיי דאַרפן נאָר פאַרענדיקן אָנגעהויבענע אַרבעטן. דער הסכם איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון ביידע צדדים.

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי זיי זענען זיך צעגאַנגען, האָט דער צד התובע זיך דערוווּסט אַז דער געוועזענער שותף פאַרדינט שווערע הונדערטער טויזנטער פעזעס. איז ער געקומען צו דער בוררות־קאָמיסיע מיט דער טענה צו זיין געוועזענעם שותף אַז יענער האָט אָנגענומען די באַשטעלונג ביי דעם קליענט ווען זיי זענען נאָך געוועזן שותפים, דריבער פאָדערט ער כך וכך. דער צד הנתבע ווייזט דעם אונטערגעשרימענעם אָפּמאַך, וועגן דער צעשיידונג, ווו עס ווערט באַטאָנט אַז דאָס צעשיידן זיך איז רעטראָאַקטיוו אויף אַ חודש, אין דאָזיקן חודש איז טאַקע געקומען צו אים דער דאָזיקער קליענט. ער שטרייכט אויך אונטער אַז ער האָט דעם צד התובע אויסגעצאָלט ביזן לעצטן סענט.

דער צד התובע טענהט אַז די דאָזיקע באַמערקונג „רעטראָאַקטיוו מיט אַ חודש" איז געשריבן געוואָרן במחשבה תחילה. דער נתבע ענטפערט דערויף אַז דער אָפּמאַך איז געווען אין באַזיץ פון דעם תובע אַ פאָר וואָכן, עס הייסט אַז ער האָט זיך גוט באַקלערט וואָס ער האָט אונטערגעשריבן.

דער טריבונאַל געפינט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט, אַרויסטראָגן אַן אורטייל איז שווער. עס איז פאַראַן אַן אונטערגעשריבענער אָפּמאַך, לויט וועלכן דער תובע האָט נישט קיין רעכט צו פאָדערן, בעסער געזאָגט, דער נתבע איז נישט פאַרפליכטעט צו באַצאָלן.

דער טריבונאַל אַפּעלירט צום נתבע: היות עס האַנדלט זיך וועגן אַ גוטן פריינד און אין דער פאָדערונג פון תובע איז דאָך דאָ „עפּעס" און אַפילו ווען לויט דעם אָפּמאַך איז ער הונדערט פּראָצענט גערעכט, קען דאָך זיין אַ פאַרדאַכט און אַן אָפענע טיר צו חושד זיין, דאַרף ער האַנדלען מיט יושר, לפנים משורת הדין.

מען דערקלערט אים „פּטור בלא כלום אי אפשר", זאָל ער כאָטש פאַרלייגן אַ סומע. ער ענטפערט: אין פּרינציפּ דאַרף דער טריבונאַל באַשטימען צי ער איז שולדיק צי נישט; דער ענין געלט איז אַ באַזונדערע זאַך.

זאָגן אים אַז ער איז שולדיק, קען מען נישט, לאָזן אים אינגאַנצן פריי קען מען אויך נישט. עס איז פאַראַן אַ מאָראַלישע באַזע פאַר אַזאַ האַנדלונג. דער תובע, אַן אָרעמאַן, וואָס גרייט זיך צו פאָרן קיין ישראל, טענהט: „אויב דער טריבונאַל האָט דעם מינדסטן פאַרדאַכט אַז ער איז נישט גערעכט, וויל ער גאָרנישט". — ווערט ווידער שווער דער ענין. עס האַנדלט זיך וועגן צוויי אָרנטלעכע מענטשן וואָס פאָדערן גערעכטיקייט. מען רעדט מיט די צדדים באַזונדער. עס ווערט פאַרגעלייגט זיי זאָלן אונטערהאַנדלען צווישן זיך. מען לייגט אָפּ די זיצונג, די געמיטער זאָלן ווערן אַביסל קילער — מען רופט זיי ווידער אַמאָל אַרויס. מען רעדט ווייטער אַליין מיטן נתבע, און מען הייבט שוין אָן צו קומען אויף אַ דרך. עס ווערט פעסטגעשטעלט: „דאָס צאָלן הייסט נישט אַז ער איז שולדיק", אָבער דאָך... די צדדים רעדן ווידער צווישן זיך און ענדלעך קומט מען צו אַ פשרה: אָפיציעל הייסט עס: דער טריבונאַל שטעלט פעסט אַז דער נתבע איז נישט שולדיק און עס ווערט נישט געצווייפלט אין זיין אָרנטלעכקייט, און נעמענדיק אין אַכט די באַווייזן וואָס זענען געבראַכט געוואָרן, זאָגט זיך דער תובע אָפּ פון יעטוועדע פאָדערונג.

אומאָפיציעל האָט דער נתבע באַצאָלט דעם תובע אַ גרעסערע סומע.

און דער לעצטער איז טאַקע געפאָרן קיין ישראל.

ביידע צדדים זענען געווען צופרידן און האָבן אַלס אָנערקענונג זיך בייגעשטייערט פאַר דער סאָציאַלער הילף־אָפּטיילונג פון דער קהילה.

דירות־פּראָבלעמען

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „קאָנסאָרסיאָ" צווישן 7 מענטשן. — מען האָט באַשלאָסן צו בייען. מען טרעט צו צו דער אַרבעט, אָבער זי קומט אָן מיט גרויסע שוועריקייטן, מחמת רייסערייען צווישן די קאָנסאָרסיסטן.

זיי זענען הינטערשטעליק מיט די צאָלונגען, נישט ח״ו ווייל זיי האָבן נישט צו באַצאָלן, נאָר ווייל עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט אַז איינער וויל אַריינכאַפּן ביים צווייטן. עס זענען געשאַפן געוואָרן פאַרשידענע גרופּעס צווישן זיי. גענוי 3. — מען האָט זיך געסיכסוכט. דער וויל נישט צאָלן פאַר דעם פּאָרטערע, ווייל ער האָט בעסער אָפּגערייניקט דעם קאָסטש פון דעם שכן; דער צאָלט נישט פאַרן עלעקטרישן ליכט, ווייל דער אַסענסאָר אַרבעט נישט. דער צאָלט נישט קיין שטייערן ווייל דער צווייטער האָט נאָך אויך נישט געצאָלט אאַז״וו. דער ענין איז דערגאַנגען צו דער בוררות־קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט אַ שווערע אַרבעט.

דער טריבונאַל האָט פאַרשטאַנען אַז ראשית כל דאַרפן זיך אַלע גלייכשטעלן מיט די צאָלונגען; האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַן ענין: דער טענהט, אַז ער האָט געצאָלט כך וכך; דער צווייטער לייקנט עס אָפּ; אַ דריטער זאָגט, אַז די חשבונות שטימען נישט, ווייל דער קאָנטאַדאָר טויג נישט אאַז״וו. הכלל, דער טריבונאַל פאָדערט אַלע „פאַקטוראַס", און ציינגענישן, כדי די חשבונות־אָפּטיילונג פון דער קהילה זאָל מאַכן אַ גענויע רעוויזיע און אַרויסברענגען אַ קלאָרן חשבון. ווייטער טענות: דער האָט געצאָלט, אָבער מען האָט אים נישט געגעבן קיין קבלה; אַ צווייטער נעמט אַרויס אַ ביכל טשעקן און ווייזט אויף אַז ער האָט געצאָלט, אָבער וועמען ווייס ער נישט. דער טריבונאַל זאָל אויספאָרשן. מען האָט פּשוט נישט געקענט אַרויסקריכן פון דעם פּלאָנטער.

צווישנצייט זענען אונטערגעקומען חובות פאַר „אימפּאָזיסיאָנעס". נישטאָ קיין הכמות — מען מוז צאָלן. דער טריבונאַל אינטערווענירט און שיקט אַ מענטשן און דער ענין ווערט דערלעדיקט, אַזוי אַרום ווערט אויסגעמיטן זיי זאָלן צאָלן שווערע טויזנטער שטראָף.

נאָכדעם קומען ווידער מחלוקת. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איינער פון זיי האָט געמוזט גיין אין תפיסה. מיט שוועריקייטן איז ער שפּעטער אַרויס.

ביסלעכווייז און אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער טעטיקייט און דעם געדולד פון דעם טריבונאַל איז געלונגען צו באַרויִקן די געמיטער און צו פאַרקלענערן די שפּאַנונג אַרום דעם דאָזיקן ענין. דער טריבונאַל קלערט אויף די צדדים, אַז אינגאַנצן גייט עס אין אַ קלייניקייט. די דעפּאַרטאַמענטן וואָס זייער פאַקטישער פּרייז איז מיליאָנען פּעזעס האָט זיי געקאָסט אַרום 400.000 פּעזעס און אַנדערע ווייניקער און ביי אַזאַ סכום וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אַ פּאָר פּעזעס מערער אָדער ווייניקער? און אויסער דעם, צי דען ברענגט עס כבוד דער ייִדישער געזעלשאַפט ווען גוייִשע שכנים טייטלען מיט די פינגער אויף דעם וואָס עס טוט זיך ביי זיבן ייִדן?

מיט שוועריקייטן איז דעם קהילה־געריכט געלונגען זיי זאָלן איינלייגן די געלטער וואָס זיי זענען שולדיק און דער טריבונאַל וועט באַצאָלן די בעלי־חובות. ווידער אַמאָל סיכסוכים. מען איינִיקט זיך נישט מיט די מיינונגען, וויפל עס קומט דעם אָדער יענעם. עס ווערט פאַרופן נאָך אַ זיצונג און עס ווערן גענוי פעסטגעשטעלט די חובות פון קאָנסאָרסיאָ. אַ צווייטער ענין וואָס האַלט שוין ביי דערלעדיקט ווערן איז וואָס שייך „סובדיוויסיאָן". עס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף וועגן זאָל עס מאַכן, דער עסקריבאַנאָ אָדער אַ צווייטער. ענדלעך קומט מען צו אַ הסכם אויך בנוגע דעם פּונקט. אַזוי אַרום איז דערלעדיקט געוואָרן נאָך אַן ענין וואָס האָט זיך געצויגן אַ פּאָר יאָר און עס איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ יורידישע אינטערווענץ.

פאַמיליע־סיכסוך

מאַן און ווייב האָבן באַשלאָסן זיך צו גטן. ער איז שוין איר צווייטער מאַן. פון דעם ערשטן האָט זי געהאַט אַ זון וואָס איז איצט אַלט עטלעכע און צוואַנציק יאָר. איידער מען גט

זיך, ווייל מען דערליידיקן דעם ענין דעפּאַרטאַמענט, דאָס הייסט: ווער עס זאָל מיט אים בלייבן.

די קבלות זענען אויפן נאָמען פון מאַן. דער מאַן פאָדערט דעם דעפּאַרטאַמענט פאַר זיך און די פרוי פאַר זיך.

דער טריבונאַל קומט צום באַשלוס אַז דער דעפּאַרטאַמענט דאַרף בלייבן פאַר דער פרוי מיט איר זון. דער מאַן וועט זיך שוין אַן עצה געבן (אַ סברה אַז ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ צווייט ווייב מיט אַ דעפּאַרטאַמענט).

דער מאַן פאָדערט פאַר דעם דעפּאַרטאַמענט כך וכך, די פרוי וויל נישט געבן, זיי צעווערטלען זיך און מען הייבט זיך אָן צו טאָן אויף להכעיס. דער טריבונאַל נעמט אָן אַ שטרענגע שטעלונג און עס ווערט נאָך שווערע באַמיונגען פעסטגעשטעלט, אַז די פרוי וועט געבן איר מאַן פאַר דעם דעפּאַרטאַמענט די סומע פון 20 טויזנט פעזעס, וועלכע זי מוז איינלייגן אין דער קהילה. דער מאַן דאַרף פועלן ביי דעם בעל־הבית ער זאָל געבן אַ קבלה אויף זיין ווייבס נאָמען און מאַכן אַ נייעם קאָנטראַקט וועלכער זאָל זיין אַ פאָרזעצונג פון דעם ערשטן, כדי זי זאָל קענען געניסן פון די פריערדיקע וווינונגס־געזעצן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פרוי וועט מוזן געבן אַ הוספה אויף דעם שכר־דירה, נאָכדעם ווען עס וועט דערליידיקט ווערן דער ענין וועט זיי געגעבן ווערן אַ גט אין ראַבינאַט.

ס'איז קלאָר, אַז דורכקומען מיט אַ בעל־הבית, וועלכער קען פטור ווערן פון אַ שכן, איז נישט קיין לייכטער ענין און בפרט ווען דער בעל־הבית איז נישט קיין ייִד וועלכן מ'קען נישט צווינגען צו קומען אין דער קהילה ווען ער וויל נישט.

דער מאַן האָט גערעדט מיטן בעל־הבית, ער איז מסכים צו געבן אַ נייע קבלה און מאַכן אַ נייעם קאָנטראַקט (אַפילו אַ פאָרזעצונג פון דעם ערשטן), אָבער די פרוי מוז העכערן איר דירה־געלט פון 400 פעזעס אויף 1.000 פעזעס. אייגנטלעך האָט דער באַלעבאָס נישט געפאָדערט קיין איבערגעטריבענע סומע, אָבער די פרוי וויל נישט צאָלן מער ווי 600 פעזעס. מען רעדט צו איר איינמאָל און נאָכאַמאָל, זי איז האַרטער פון שטיין, מער ווי 600 פעזעס גיט זי נישט, אַפילו ווען דער גאַנצער ענין ווערט צונישט.

דער פרעזידענט פון טריבונאַל האָט אַרויסגערופן דעם באַלעבאָס, וועלכער איז געקרימען אין דער קהילה. גראָד איז עס געווען אַן איידעלער מענטש, וועלכער האָט אויסגעדריקט אָנערקענונג פאַר די קהילה־טעטיקייטן וואָס זענען אים באַקאַנט דורך די פאַרשידענע מאַטעריאַלן אין שפּאַניש וואָס ער האָט געלייענט און דורך זיין קאָנטאַקט מיט ייִדן. ער פרעגט מיט רעכט: וואָס זענען היינט 1.000 פעזעס אַ חודש דירה־געלט פון אַ דעפּאַרטאַמענט און בפרט ווען ער האָט אַזאַ געלעגנהייט צו העכערן דאָס דירה־געלט אויף פיל מערער? אַוודאי איז ער גערעכט. אָבער די פרוי רירט זיך נישט פון אָרט, מער ווי 600 פעזעס וויל זי נישט געבן. פלוצים רופט אויס דער באַלעבאָס, אַז מחמת רעספּעקט פאַר דער קהילה גיט ער נאָך די פאָדערונג פון דער פרוי און איז גרייט צו נעמען 600 פעזעס מאָנאַטלעך.

דאָס איז נאָך אַ באַווייז וועגן דער ווירקונג פון דעם טריבונאַל און דעם דרך־ארץ וואָס ער רופט אַרויס אַפילו ביי נישט־ייִדן.

* * *

א. א. פישער

די אַרבעט פון דער בוררות־קאָמיסיע

עס איז פאַראַן אַ נייגונג ביי ייִדישע מענטשן נישט צו גיין מיט זייערע סיכסוכים צו די אָפיציעלע (געוויינטלעך נישט־ייִדישע) געריכטן. נאָר זיי צו דערלידיקן אין אַ פריוואַטן בוררות־געריכט פון דריי (אין וועלכן יעדער צד באַשטימט איין בורר און דיביידע באַשטימען אַ דריטן, אַ שליש), אָדער אין אַן אַרביטראַזש־קאָמיסיע פון אַ ייִדישער אינסטיטוציע. דאָס הייסט אַז אין ביידע פאַלן בלייבט דער ענין צווישן אייגענע. אויף אָט דער ייִדישער נייגונג באַזירט זיך אויך די עקזיסטענץ און טעטיקייט פון דער בוררות־ אָדער אַרביטראַזש־קאָמיסיע ביי דער בוענאָס־איירעסער קהילה. שוין באַלד נאָך איר גרינדונג האָט די חברה קדישא אשכנזי (אונדזער היינטיקע קהילה) געמוזט דורכפירן בוררותן און דאָס איז טאַקע געווען איינע פון אירע ערשטע טעטיקייטן, אויסער דעם ברענגען די ייִדישע מתים צו קבר־ישראל. אין אָנפאַנג האָט זיך פאַרנומען מיט דעם די גאַנצע פאַרוואַלטונג, אָבער שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע פּערמאַנענטע קאָמיסיע פאַר דעם צוועק און אויך אַ רעגלאַמענט פאַר אירע טעטיקייטן. כאָטש דער אַרביטראַזש איז, ווי מען זעט, איינע פון די עלטסטע און אויך וויכטיקסטע טעטיקייטן פון אונדזער היגער קהילה, איז בדרך־כלל גאַר ווייניק באַקאַנט וועגן דעם אין דער עפנטלעכקייט. דעריבער איז נייטיק צו אינפאָרמירן עטוואָס אויספירלעכער וועגן אָט־דער בוררות־קאָמיסיע און אירע אַרבעטן.

דער צוועק פון דער בוררות־קאָמיסיע איז צו פאַרמיטלען אין סיכסוכים צווישן מיטגלידער פון דער קהילה, בפירוש און אויסדריקלעך נאָר צווישן מיטגלידער, אין די פאַלן ווען ביידע צדדים ווילן זיך פריייוויליק פאַרלאָזן אויף דער קאָמיסיע. אויב די פאַראינטערעסירטע זייגען נישט קיין מיטגלידער, מוזן זיי דאָס ווערן איידער זייער ענין קען אויפגענומען ווערן. אויפן ערשטן בליק קען דאָס אויסזען ווי ענגהאַרציקייט, צוואַנג, אָדער יאָגן זיך נאָך דער קינסטלעכער אויסברייטערונג פון דער מיטגלידערשאַפט. אָבער אין תוך איז עס אויף קיין פאַל נישט אַזוי. די סיבה איז פשוט די, וואָס אויב די אינסטיטוציע זאָל מעגן און קענען לעגאַל דינען די צדדים, מוזן זיי לויטן סטאַטוט זיין אירע מיטגלידער און זי דאַרף קענען אָנווענדן קעגן זיי אין אַ נויטפאַל, ווען זיי ווילן שפּעטער נישט אָננעמען דעם פסק־דין, דיסציפּלינאַרע און אַפילו פינאַנציעלע שטראָפמיטלען. צום גליק טרעפט זיך עס זייער זעלטן, אַז די צדדים זאָלן זיך נישט וועלן אונטערוואַרפן דעם פסק־דין פון דער בוררות־קאָמיסיע, צו וועלכער זיי האָבן זיך דאָך פריִער אַליין געהאַט געווענדעט פרייוויליק.

די זיצונגען פון דער אַרביטראַזש־קאָמיסיע קומען פאָר זייער רעגלמעסיק צוויי מאָל וועכנטלעך און אירע מיטגלידער פעלן ביי זיי זייער זעלטן. אין אַלגעמיין דערפילן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע זייערע פליכטן גאָר געוויסנהאַפט און פּינקטלעך. איידער אַ געוויסער ענין ווערט אויפגענומען, מוזן די פאַראינטערעסירטע באַשטעטיקן מיט זייערע חתימות, אַז זיי וואַרפן זיך אונטער דעם אויטאָריטעט און דעם פסק־דין פון דער קאָמיסיע און זיי וועלן פולשטענדיק דורכפירן און נאָכקומען אַלץ וואָס עס וועט זיך פאָדערן צוליב דעם משפט. אין פאַלן ווען דאָס איז נייטיק און צוועקמעסיק, ווערט אויך געפאָדערט די פאַראינטערעסירטע זאָלן אַלס גאַראַנטיע איינלייגן אַ געוויסן געלט־סכום. ערשט נאָכדעם הייבן זיך אָן די פאַרהאַנדלונ־

גען און עס ווערן אויספירלעך אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים און געמאַכט די נייטיקע אויספאָרשונגען אין די פאַלן ווען עס איז נייטיק די אינטערווענץ פון אַ פּראָפעסיאָנעלן בוכהאַלטער, אָפּשאַצער, קאָמערציעלן עקספּערט, אָדער אַנדערן פאַכמאַן אויף צו קאָנטראָלירן געשעפט־ביכער, אָפּשאַצן אייגנטומס, אויסצודריקן עפּעס אַן אַנדערע פאַכמענישע מיינונג אאַז״וו, דעמאָלט דאַרפן ביידע פאַראינטערעסירטע צדדים דעקן די הוצאות, וואָס ווערן דורך אַזעלכע אַקטואַציעס פאַראורזאַכט.

נאָכן אויסהערן די טענות און מאַכן די נייטיקע אויספאָרשונגען און אונטערזוכונגען, ווערן די צדדים אויפגעפאָדערט זיך גוטוויליק און פריינטלעך אויסצוגלייכן. אָט־דער מעטאָד האָט געוויינטלעך דערפאָלג און מיט דער הילף פון די בוררים קומט מען אָפּטמאָל דורך צווישן זיך, נישט דאַרפנדיק אָנקומען צו אַן ארויפגעצוווּנגענעם פּסק־דין. אין דעם פאַל ווערן די סיכסוכים

ראש־הקהל ד״ר טוביה קאַמענשיין רעדט ביים איבערנעמען די אַמטן פון דער נייער קהילה־לייטונג, יאָר 1960.

דערליידיקט זייער שנעל, נישט זעלטן אויף איין איינציקער זיצונג פון דער קאָמיסיע. ווען עס געלינגט אָבער נישט צו איבערצייגן די פאַראינטערעסירטע זיי זאָלן זיך אויסגלייכן, דעמאָלט פאַרציִען זיך געוויסע ענינים היפּש לאַנג, אַמאָל אַ גאַנץ יאָר און אַפילו לענגער.

אין משך פון די לעצטע זעקסטהאַלבן יאָר האָט די בוררות־קאָמיסיע פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה באַהאַנדלט דורכשניטלעך עפּעס וויניקער פון 125 פאַלן אַ יאָר. אָט־די גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל פאַלן באַווייזט, אַז די קאָמיסיע האָט זיך דערוואָרבן אַ גאַנץ חשובע פּאָזיציע צווישן די מיטגלידער פון דער קהילה און זיי רעספּעקטירן זי און שענקען איר אויך פיל צוטרוי. נאַטירלעך, איז דאָס אַ פּועל־יוצא פון איר אַבסאָלוט יושרדיקער, טיכטיקער און אחריותפולער אַקטואַציע. אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דעם בוררות־טריבונאַל פון דער קהילה זיינען שוין אויסגעמיטן געוואָרן פיל אומאַנגענעמע סיכסוכים, וועלכע וואָלטן זיכער נישט פאַרשאַפט קיין כבוד דעם נאָמען פון אונדזער יידישער געזעלשאַפט, ווען זיי וואָלטן דערגאַנגען

צו די אָפיציעלע מלוכהשע געריכטן. אגב, ווייזן אַ סך ריכטער וועגן דער עקזיסטענץ פון אונדזער בוררות־קאָמיסיע, וועמענס טעטיקייט זיי שאַצן הויך אָפּ און אַמאָל רעקאָמענדירן זיי אויך געוויסע פּראָצעס־צדדים זיי זאָלן גיין צו איר און איינגיין אויף אַ פּאַרגלייך.

די פאַרמיטלונג פון דער אַרביטראַזש־קאָמיסיע ווערט געוויינטלעך אָנגעווענדט אין אַזעלכע סיכסוכים ווו עס זיינען נישט פאַראַן קיין אונטערגעשריבענע התחייבותן צווישן די צדדים און די תביעות שטיצן זיך בלויז אויף אַ געגעבן וואָרט, אויף אַ צוזאָג אאַז״וו און עס ווערט געפאָדערט מענטשלעכקייט און יושר. ווי ווייט מעגלעך ווערט דערביי אָנגעווענדט דער לפנים משורת הדין. עס ווערט אויסגעאיבט אַ דרוק אויפן שטאַרקערן צד ער זאָל מטיב זיין און נאָכגעבן דעם שוואַכערן, אָבער דערביי דערהייטערט מען זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך בשום אופן קיינמאָל נישט פון דער גערעכטיקייט און פון דעם יושר. דאָס צופרידנשטעלנדיקסטע פאַר אַלעמען איז, ווי שוין אויבן געזאָגט, ווען עס קען דערגרייכט ווערן אַ פריינטלעכער אויסגלייך. בדרך־כלל איז די אינטערווענץ פון דער בוררות־קאָמיסיע פריי פון יעטוועדן אָפּצאָל. פון דעסטוועגן ווערן די צדדים, נאָכן דערליידיקן פון זייער ענין, אויפגעפאָדערט זיך פרייוויליק צו באַשטייערן פאַר די צוועקן פון דער סאָלידאַרישער הילף, דאָס הייסט פאַר צדקה־צוועקן פון דער קהילה, און געוויינטלעך זאָגט זיך קיינער נישט אָפּ ווירדיק נאָכצוקומען אָט־די פאָדערונג פון דער קאָמיסיע.

די ענינים וואָס עס קומט אויס דער קאָמיסיע צו באַהאַנדלען, זיינען גאַנץ פאַרשיידנאַרטיקע, אָבער מען קען זיי גרופּירן אין זעקס קאַטעגאָריעס, וועלכע קענען אָבער דאָך נישט גאָר שטרענג אָפּגעגרענעצט ווערן איינע פון דער אַנדערער. די קאַטעגאָריעס, אָדער גרופּן, זיינען פאָלגנדיקע: א) קאָמערציעלע אָנגעלעגנהייטן; ב) פאַמיליאַרע ענינים; ג) וווינונג־סיכסוכים; ד) געזעלשאַפטלעכע דיפערענצן; ה) אַרבעטס־קאָנפליקטן און ו) פאַרשיידענע ענינים. ווי געזאָגט, איז עס זייער שווער אָפּצוגרענעצן פולשטענדיק איין גרופּע ענינים פון דער אַנדערער. אָט־אַזוי קענען, למשל, די פאַמיליאַרע ענינים אָפטמאָל זיין גלייכצייטיק פאַרבונדן מיט פינאַנציעלע דיפערענצן, מיט וווינונג־סיכסוכים, מיט ירושות און אפילו מיט שותפות־געשעפטן. די געזעלשאַפטלעכע סיכסוכים קענען טראָגן אויסשליסלעך אַן ערן־כאַראַקטער, אָבער זיי קענען אויך זיין פאַרבונדן מיט געוויסע געלט־ענינים. אויך די אַרבעטס־קאָנפליקטן קענען זיין פאַרמישט מיט פאַמיליאַרע און געלט־ענינים. דעריבער איז די טעטיקייט פון דער אַרביטראַזש־קאָמיסיע זייער אַ דעליקאַטע און זי פאָדערט פון אירע מיטגלידער אַ סך שכל־הישר, מענטשנקענטעניש און טאַקט.

דאָ ווייטער ברענגען מיר אַ טאַבעלע וועגן דער טעטיקייט פון דער בוררות־קאָמיסיע פון דער בוענאָס־אײרעסער קהילה, וועלכע נעמט אַרום די לעצטע זעקסטהאַלבן יאָר:

יאָר	טאָטאַלע צאָל פון די ענינים	קאָמערצ׳ אין %	פאַמיל׳ אין %	וווינונג־ אין %	געזעלש׳ אין %	אַרבעט אין %	פאַרשיד׳ אין %	טאָטאַל אין %
1957	121	45	35	5	5	2	8	100
1958	113	52	28	8	4	5	3	100
1959	116	55	23	6	4	7	5	100
1960	119	58	17	9	6	4	6	100
1961	110	63	12	5	4	10	6	100
1962 (האַלב)	106	65	15	5	3	8	4	100

די אַלגעמיינע צאָל באַהאַנדלטע ענינים איז מער־וויניקער דיזעלבע פון יאָר צו יאָר און בלויז אין דער ערשטער העלפט פון 1962 באַטרעפט זי כמעט אַזויפיל וויפל זי האָט באַ־

טראָפן פריִער אין משך פון אַ גאַנץ יאָר. אָט־דער שפּרונג קומט אויס אַביסל מאָדנע, אָבער אפשר קען מען אים דערקלערן מיט דער דעוואַלאָריזאַציע פון דער פּעזע און מיט דעם שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס נאָך די וואַלן פון סוף מערץ 1962. אַלס פּועל־יוצא פון אָט־די דערשיינונגען איז מעגלעך, אַז עס איז פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל פון די סיכסוכים, קודם־כל פון די קאָמערציעלע, ווי עס ווייזט עס טאַקע אָן די געבראַכטע טאַבעלע.

די גרעסטע צאָל פון די באַהאַנדלטע ענינים האָט שטענדיק באַלאַנגט צו דער קאָמערציעלער קאַטעגאָריע און זי האָט געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן זיך, ביז זי איז אויסגעוואַקסן פון ווייניקער ווי אַ העלפט אין יאָר 1957 ביז כמעט צוויי־דריטל אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1962. דאַקעגן איז די צווייט־גרעסטע קאַטעגאָריע פון די פאַמיליאַרע ענינים צווישן 1957 און האַלב 1962 פאַרמינערט געוואָרן אויף מער פון אַ העלפט. עס האַלטן זיך אין איין שטאַנד פון יאָר צו יאָר, יעדנפאַלס ווייזן זיי נישט אַרויס קיין בולטע טענדענץ צו שטייגן אָדער צו פאַלן, די רובריקן פון וווינונגס־ענינים, געזעלשאַפטלעכע סיכסוכים און פאַרשיידענע קאָנפליקטן. בלויז די קאַטעגאָריע פון אַרבעטס־ענינים ווייזט אַרויס אַ געוויסע, כאָטש נישט־רעגולערע טענדענץ זיך צו פאַרגרעסערן, נישט קוקנדיק דערויף וואָס בדרך־כלל פאַרקלענערט זיך וואַרשיינלעך יעדעס מאָל מער דער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין בוענאָס־איירעס, וועלכע לעבט פון אַ לוין וואָס ער באַקומט פאַר אַרבעט ביי אַן אַנדערן.

אפשר לאָזט זיך עפּעס אָפּלערנען פון די אויבן־ציטירטע ציפערן. קודם־כל באַשטעטיקט די רעלאַטיוו גרויסע צאָל פון קאָמערציעלע סיכסוכים, אַז אין אונדזער ישוב פאַרנעמען וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערן פּלאַץ די קרייזן פון סוחרים און אינדוסטריאַלן. דאָס קען אויך הייסן, אַז אונדזער ישוב האַלט זיך אין איין פאַרפעסטיקן עקאָנאָמיש. דאָס שטענדיקע פאַלן, און אין גאַנץ אַנזעעוודיקער מאָס, פון דער צאָל פון די פאַמיליאַרע סיכסוכים באַווייזט אפשר, אַז פאַמיליע־לעבן ווערט ביי אונדז וואָס ווייטער אַלץ סאָלידער, געזעצטער און איינגעפונדעוועטער, ווייל מיר פאַרלירן אַלץ מער דעם כאַראַקטער פון אַן עמיגראַנטישן ישוב. אין אַלגעמיין גענומען קען באַהויפּט ווערן, אַז אונדזער בוענאָס־איירעסער אשכנזישער ישוב איז אַ רויקער און פרידלעכער, אויב עס זיינען צווישן לערך פופציק טויזנט מיטגלידער פון דער קהילה פאַראַן דורכן יאָר בלויז וואָסערע 120 פאַלן פון סיכסוכים צו באַהאַנדלען אין איר בוררות־קאָמיסיע און אויב די פאַמיליאַרע סיכסוכים, די וווינונגס־קאָנפליקטן, די אַרבעטס־דיפערענצן, דער עיקר אָבער די געזעלשאַפטלעכע שטרייטיקייטן, זיינען אַזוי פאַרשווינדנדיק קליין אין צאָלצאָל, זאָל דאָס באַדייטן, אַז דער יצר־הרע צו קהלשע מחלוקתלעך, וועלכער האָט אונדז אַמאָל באַהערשט אין אַזאַ גרויסער מאָס, איז ביי אונדז כמעט אויסגעוועפּט געוואָרן, אָדער אויסגעוואָרצלט געוואָרן, אין משך פון די לעצטע יאָרן אין אָט־דעם נייעם ישוב און אויף אָט־דער נייער אַמעריקאַנער ערד?

ב. שטולבאך

די קהילה פון בוענאָס איירעס און אירע טעטיקייטן אויפן רעליגיעזן געביט

אין דער געשיכטע פון די קהילות געפינט מען, אז רבנים, פרנסים און געמיינדע־פירערס האָבן אין אַלע צייטן געשאָנקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט דער אָרגאַניזירונג פונעם רעליגיעזן לעבן.

די אַמאָליקע קהילות האָבן זיך טאַקע נישט באַגרענעצט בלויז מיט רעליגיעזע פונקציעס. די קהילות האָבן געזאָרגט — אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס — פאַר פילאַנטראָפּישע ענינים, פאַר דערציִונג, אד״גל. — לויט ווי עס האָבן דאָס געפאָדערט די לאָקאַלע באַדינגונגען, אָבער בראש פון די קהילה־אויפגאַבן איז געווען די זאָרג צו באַדינען די רעליגיעזע הצטרכותן פון קהל.

אויך די בוענאָס־איירעסער קהילה, וועלכע ווערט פאַררעכנט ווי די נאָכפאָלגערין פון די רומרייכע קהילות פון מיזרח־איראָפּע, האָט נישט אָפּגענייגט פון דעם דאָזיקן וועג, נישט געקוקט וואָס אירע אויפגאַבע אויפן געביט פון חינוך, קולטור, שטיצע פאַר מדינת־ישראל, אאַז״וו זיינען היפש געשטיגן.

אונדזער קהילה שענקט אין די לעצטע יאָרן אַ סך אויפמערקזאַמקייט די רעליגיעזע פּראָבלעמען פון אונדזער ישוב און באַמיט זיך זיי צו לייזן.

און אויף דעם געביט האָט מען צו פאַרצייכענען אַ ריי פּאָזיטיווע דערגרייכונגען. דאָס איז אַ דאַנק דעם, וואָס די טוערס פון דער קהילה, שאַצן אָפּ די פּאָזיטיווע זייטן פונעם לעבנס־ שטייגער וואָס איז באַזירט אויף די יסודות פון דער תורה־הקדושה.

האָט שוין דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו ע״ה באַהויפּטעט אין זיין „אויטאָנאָמיע ביי יידן", אַז „וואָס מ׳זאָל נישט זאָגן וועגן די פעלערן פון דעם דאָזיקן אַמאָליקן (רעליגיעזן — ב. ש.) לעבנס־שטייגער, האָט ער אָבער אין זיך געהאַט אַ גרויסע מעלה — גאַנצקייט און קאָנטינויִטעט אין דער לעבנס־פירונג".

און אַ פאַקט איז, אַז דאָרט ווו דער דאָזיקער לעבנס־שטייגער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן די גאַנצקייט און קאָנטינויִטעט פון די ישובים.

איידער מיר טרעטן צו צו געבן אַן איבערבליק איבער די אויפטוען פון דער קהילה אויפן רעליגיעזן געביט, לאָמיר געבן פריִער אַ רעטראָספּעקטיוון בליק ווי עס האָט אויסגעזען דאָס „יידישע" בוענאָס־איירעס מיט יאָרן צוריק, ד״ה ביים סוף פונעם פאָריקן יאָרהונדערט און ביים אָנהייב פונעם 20סטן יאָרהונדערט, וועלן מיר בעסער קענען אָפּשאַצן דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן היינט צו טאָג.

ר׳ דויד גאָלדמאַן, אַ ייִד וואָס קען גוט דעם בראשית פונעם אַרגענטינער יידנטום, היות ער איז דאָ אָנגעקומען אַלס קינד, זאָגט אין זיין בוך „די יידן פון אַרגענטינע" (אַרויסגעגעבן אין 1914), אַז:

„ווען די רוסישע ייִדן זיינען אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס, האָבן זיי דאָ נישט געפונען קיין זכר פון בשר־כשר, קיין שפור פון קיין מיקווה און זיי האָבן אויך נישט געהאַט ווו ימים־נוראים אַ מנין צו מאַכן״.

...„בוענאָס־איירעס איז אפשר די איינציקע ייִדישע גרויסע געמיינדע וואָס האָט נישט קיין אייגענע גרויסע שול. דאָס ציינט אונדז, אַז אַפילו דער עלטסטער און שטאַרקסטער באַנד וואָס פאַראייניקט די ייִדן אין דער גאַנצער וועלט איז ביי אונדז שוואַכער ווי ביי אַלע אַנדערע ייִדן״.

אין ווייטער זאָגט ד. ג.:

...אין בוענאָס־איירעס האָט מען נישט געקענט אונטערשיידן דעם קבר פון אַ ייִד פון אַ קריסטלעכן קבר. אויף ביידע האָט זיך געהויבן דער צלם מיט זיין לענג און ברייט. קיין ייִדישע רעליגיעזע פאַראיינען, ווי „חברה נושאי המיטה״, „חסד של אמת״ האָבן נישט עקסיסטירט. קיין באַזונדערן פלאַץ צו באַוויינען אַ טויטן איז דעמאָלט נישט געווען, פונקט ווי עס איז נישט געווען קיין מקום־מנוחה פאַר ייִדישע ביינער וואָס האָבן געמוזט אַרומבלאָנקען אויף קאַטוילישע בית־עלמינס״.

און אויף צו דערגאַנצן דאָס בילד:

„בוענאָס־איירעס האָט געהאַט אַ „גראַן ראַבינאָ״, וואָס האָט געהייראַט אַ קריסטלעכע פרוי און געפירט די טאָכטער צו דער חתונה אין קלויסטער...״.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס „ייִדישע״ בוענאָס־איירעס, איידער עס איז געקומען די גרויסע אימיגראַציע פון מיזרח־איירעפּעיִשע ייִדן און די איבערוואַנדערונג פון די ייִדישע קאָלאָניסטן אין דער גרויסער שטאָט.

צווישן די טויזנטער מיזרח־איירעפּעיִשע ייִדן וואָס האָבן דערגרייכט די ברעגעס פונעם לאַ־פּלאַטאַ טייך, אין די יאָרן פון צווישן דעם ערשטן און צווייטן וועלט־קריג, האָט זיך אויך געפונען אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט וואָס האָט פון זיך נישט אַראָפּגעוואָרפן דעם טלית און תפילין און געבליבן טריי יענעם לעבנס־שטייגער וועלכער איז געווען אַזוי טייער אין הייליק די פריִערדיקע דורות.

דער שווערער יאָך פון פרנסה האָט געצוואונגען די דאָזיקע ייִדן צו פאַרנאַכלעסיקן אַזאַ וויכטיקן געביט ווי דאָס איז דער רעליגיעזער חינוך, וועלכער האָט ערשט אין די לעצטע יאָרן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען.

עס זיינען אין יענע יאָרן געווען בלויז איינציקע „חדרים״, וועלכע האָבן פונקציאָנירט ביי אומפּאַסיקע באַדינגונגען אין שולן און מיט „צופעליקע״ מלמדים. עס זיינען נישט געווען קיין שולעס, שוין אָפּגערעדט פון ישיבות, ווי די וואָס מיר פאַרמאָגן היינט צו טאָג.

בכלל איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס מיט דער מאַסן־איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע, זיינען נישט געקומען, ווי דאָס איז געשען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, רעליגיעזע מנהיגים פון גרויסן קאַליבער, אָבער אויך די וועלטלעכע ייִדן האָבן אַזעלכע מנהיגים נישט געהאַט.

אין יענע יאָרן האָבן פרומע ייִדן געהאַט אויסצושטיין אַ קאַמף מיט די וועלכע האָבן באַקומען די איבערהאַנט אינעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס זיינען געווען די זעלביקע ייִדן וואָס ביים אימיגרירן קיין אַרגענטינע, האָבן זיי פאַרלוירן דעם גלויבן אין די אַלטע אמונות און שפּעטער זיך מייאש געווען אין די נייע. זיי האָבן זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז די אַלטע אמונות זיינען נישט געווען אַזוי שלעכט און די נייע — נישט אַזוי גוט.

דאָך האָבן די פרומע ייִדן געשאַפן אַ ריזיק געזעלשאַפטלעך פאַרמעגן, ווי דאָס זיינען די

הונדערט בתי־כנסיות און בתי־מדרשים וואָס געפינען זיך אין דער הויפּטשטאָט און אין גרויס בוענאָס־איירעס, עטלעכע ישיבות, אַ צאָל שולעס, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אאז״וו.

ווי זעט אָבער אויס היינט צו טאָג דאָס אָרגאַניזירטע יידישע לעבן, וואָס קאָנצענטרירט זיך בעיקר אַרום דער קהילה?

לאָמיר פאַר אַלעם אָנהייבן מיט דער

ערב יום כיפּור לחיים. עס רעדט דער דעפּאָלטיקער אב בית־דין הרב אביגדור ציפּערשטיין (יאָר 1958).

טעטיקייט פונעם ראַבינאַט

מ׳קען זיך קוים פאָרשטעלן ווי קאָמפּליצירט און שווער עס איז די אַרבעט פון די צוויי רבנים: הרב הראשי ר׳ יעקב פינקי[*] און הרב שמואל גליקסבערג, וואָס דאַרפן באַדינען אַזאַ גרויסע קהילה ווי אונדזערע, וועלכע נעמט אַרום ביי די 50.000 מיטגלידער כ״י. טאָג־טעגלעך ווערן באַהאַנדלט אומצאָליקע פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן, פראַגן פון חתונות, גיטין, כלערליי שאלות אין בכלל ענינים וואָס האָבן אַ שייכות מיט די ספּעציפישע אויפגאַבעס פון אַ וועד־הרבנים.

אין משך פון פיל יאָרן האָבן פרומע יידן געהאַט תרעומות, הלמאי עס ווערט גאָר נישט געטאָן צו באַזייטיקן דעם כאַאָס וואָס עס האָט געהערשט אויפן רעליגיעזן געביט. עס זיינען געווען צייטן, ווען „כל הרוצה ליטול את ד׳ יבוא ויטול״, — יעדער איינער וואָס האָט געוואָלט שעכטן, האָט געשאָכטן און ווער עס האָט געוואָלט אַרויסהענגען אויף זיין יאַטקע אַ שילד „בשר־

---

[*] די אַרבעט איז געשריבן געוואָרן בעת הרב פינק איז נאָך געווען רב הראשי אין בוענאָס איירעס.

כשר״, האָט ער געטאָן אומגעשטערט. עס איז נישט געווען קיין השגחה אין דעם זין. עס איז אָבער איצט געקומען אַ סוף צו דעם דאָזיקן אומהיימלעכן קאַפּיטל.

גלייך ווי הרב פינק איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב־הראשי, איז איינע פון זיינע ערשטע אויפגאַבן באַשטאַנען אין איינפירן אָרדענונג אויפן רעליגיעזן געביט. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט אייגנטלעך שוין אָנגעהויבן דורכפירן הרב אביגדור ציפערשטיין. קאָנקרעט, קען מען אָנווייזן אַז אַ באַדייטנדיקע צאָל יאַטקעס האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דער השגחה פונעם ראַבינאַט. היינט צו טאָג קען אַ ייד עסן אַ שטיקל כשר פלייש מיט דער פולסטער זיכערקייט אַז אויף דעם פלייש איז נישט פאַראַן קיין שום חשש. עס פאַרשטייט זיך, אַז די השגחה נעמט אויך אַרום די שעכט־הייזער. אין דער דאָזיקער אַרבעט זיינען באַשעפטיקט קאַרגע 10 משגיחים, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן דורך דער קהילה.

די דערעפענונג פון דער ישיבה גבוה.

כדי צו באַגרייפן ווי נייטיק עס איז די דאָזיקע השגחה פאַר די יידן וואָס עסן כשר פלייש, איז כדאי אָנצווייזן, אַז אין דער הויפּטשטאָט און גרויס בוענאָס־איירעס ווערן פאַרקויפט טעגלעך 20.000 קילאָ כשר פלייש אַ חוץ עופות.

אין אַ שמועס וואָס מיר האָבן געהאַט מיטן רב־הראשי, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז „די צאָל יידן וואָס געברויכן כשר פלייש איז גרעסער ווי מ׳שטעלט זיך פאָר״ און אַז „די השגחה אויף כשרות איז נישט פון די לייכטע אויפגאַבעס, בכל זאת, הייבט זיך אָן כשרות צו אָרגאַניזירן סיסטעמאַטיש און דער כאָאָס וועט פאַרשווינדן״.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער ראַבינאַט ווערט אונטערגעשטיצט אין דער דאָזיקער אַרבעט דורכן וועד לעניני הדת פון דער קהילה, וועלכער האָט פאָרגעלייגט אַ ריי וויכטיקע איניציאַטיוועס.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען מיט הערכער אַ יאָר צוריק איינגעפירט אַ רעגיסטער פאַר חופּה־וקידושין. און וואָס באַשטייט דער דאָזיקער רעגיסטער?

ביז לעצטנס האָט אויך געהערשט אַ כאַאָס אויפן געביט פון מסדר־קידושין זיין. ווער עס האָט געוואָלט האָט דורכגעפירט חופּה־צערעמאָניעס אָן דעם געהעריקן קאָנטראָל פון אַ רבנישער אינסטאַנץ. עס זיינען אַזוי אַרום געווען פאַלן, ווען מ׳האָט מסדר־קידושין געווען ייִדן מיט נישט־ייִדן, אָדער אַ כהן מיט אַ גרושה, וואָס איז נישט דערלויבט על־פּי־דין.

היינט צו טאָג איז שווער אַז אַזעלכעס זאָל געשען, ווייל חזנים פירן אויס מיט אחריות די דירעקטיוון פונעם ראַבינאַט און איידער מ׳גיט חופּה־וקידושין צייגט מען זיך איבער. ווער עס זיינען די עלטערן פון חתן־כלה.

רבנים און תלמידים פון דער ישיבה.

חוץ לזה האָט דער רעגיסטער די מעלה, וואָס די נייע פּאָרלעך ווערן אויטאָמאַטיש איינגעגלידערט אלס מיטגלידער פון דער קהילה, רעאַליזירנדיק אַזוי אַרום אויך אַ פּראַקטישן אופן דעם לאַנג־יאָריקן ווונטש פון די קהילה־עסקנים צו מקרב זיין די יונגע משפחות צו אונדזער געמיינדע. עס זיינען שוין אַזוי אַרום פאַררעגיסטרירט געוואָרן ביי די 2000 פּאָרלעך.

עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ מינהג, אַז די ניי־פאַררעגיסטרירטע פּאָרלעך ווערן אויפגענומען ביי אַ צערעמאָניע אין דער קהילה, ביי וועלכער הרב פינק און אַנפירער פון דער געמיינדע קלערן זיי אויף דעם מהות פונעם ייִדישן פאַמיליען־לעבן און מ׳גיט זיי איבער ביי דער געלעגנהייט, אַלס אָנדענק, אַ בוך וועגן ייִדישע דינים און מנהגים.

עס איז דעם ראַבינאַט אויך געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ ראַט פון שולן, אין וועלכן עס זיינען פאַרטראָטן כמעט אַלע בתי־כנסיות פון דער שטאָט. די פאַרטרעטער פון די שולן האָבן זיך

פאַרפליכטעט מיטצואַרבעטן מיט די רעליגיעזע אויטאָריטעטן כדי נישט דערלאָזן עס זאָל קומען צו אַ חילול־הקודש אין זייערע שולן, ווייל עס איז באַקאַנט אַז מ׳פלעגט אויסנוצן די שולן ווי זאַלן איינצואָרדענען בעלער, טריפהנע סעודות, אד״גל.

פון באַזונדערער וויכטיקייט פאַר פרומע ייִדן איז דאָס באַזאָרגן דורך ראַבינאַט פון פאַרשיידענע פּסחדיקע פּראָדוקטן און נישט דערלאָזן אַז אומערלעכע סוחרים זאָלן פאַרפירן תמימותדיקע ייִדן מיט חמץ וואָס מ׳שטעלט אַרויס ווי „כשר לפּסח״.

צום שלוס זאָל דערמאָנט ווערן, אַז דער ראַבינאַט האָט מיט אַ באַזונדערער זאָרגפעליקייט געהאָלפן דעם קאָמיטעט פאַר טהרת־המישפּחה דורכצופירן דעם פּראָיעקט וועגן בויען אַ מאָדערנע מיקווה. דער קאָמיטעט האָט שוין געקויפט אַ פּלאַץ ווו דער בית־הטבילה וועט אויפגעשטעלט ווערן.

מרדכי שטריגלער רעדט בעת אַן אזכרה פון די נאַצי־קרבנות. די אזכרה איז פאָרגעקומען ערב יום כיפור (יאָר 1962) אויפן בית־עולם טאַבלאַדאַ ביים אוהל פון די קדושים.

אַ צווייטע מיקווה איז שוין כמעט ווי פאַרענדיקט געוואָרן אין פלאָרעס, מיט דער עקשנותדיקער אַרבעט פון אַ הייפעלע ייִדן, אין שפּיץ פון וועלכע עס שטייט הרב עקשטיין שליט״א, אַ גייסטיקער מנהיג פון „קהל חרדים״, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן מסירות־נפש פאַר דעם ווערק.

דער רבנים-סעמינאַר און דאָס רעליגיעזע שול-וועזן

מ׳וואָלט אָן צווייפל געקענט זאָגן, אַז איינע פון די שענסטע און פּאָזיטיווסטע דערגרייכונגען אויפן רעליגיעזן געביט — די פרוכטן פון וועלכע מ׳וועט ערשט זען אין איניקע יאָרן אַרום — איז די גרינדונג פון דער ישיבה גבוהה־בית מדרש לרבנים.

ווען מ׳וואָלט מיט יאָרן צוריק געוועזן האָבן געשאַפן אַזאַ מוסד, וואָלט דער איצטיקער מאַנגל

אין גייסטיקע כוחות נישט געווען אַזוי ניכר. שוין העכער אַ יאָר צייט ווי דער רבנים־סעמינאַר עקסיסטירט און די צאָל תלמידים איז געשטיגן.

עטלעכע צענדלינג יונגעלייט, אַרגענטינער געבוירענע, צווישן זיי בחורים און פאַרהייראַטע וועלכע האָבן געלערנט אין ישיבות פון אויסלאַנד, יונגעלייט מיט אַקאַדעמישער בילדונג און מיט באַדייטנדיקע יידישע ידיעות, קומען זיך צונויף יעדן אָוונט און לערנען גמרא און פוסקים, פאַרטיפן זיך אין שאלות־ותשובות. הרב פינק פירט מיט זיי פּעריאָדישע שמועסן אין דברי־תורה און גיט זיי שעורים אין הלכה.

אין די נידעריקע כיתות לערנט מען אויך פרשת השבוע מיט מפרשים, תנ״ך, עברית. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קורס פון שחיטה, אין וועלכן עס לערנען פלייסיק אַ גרעסערע גרופּע. אייניקע פון זיי פּראַקטיצירן.

בעת אַן אזכרה־אַקט אויף טאַבלאַדאַ.

לשבח פון דער קהילה דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז נישט בלויז סובסידירט זי אַ היפּשן טייל פון די הוצאות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער ישיבה, ווי דאָס אויסצאָלן די שכירות פון די רביים, נאָר מ׳גיט אויך סטיפּענדיעס פאַר די תלמידים, מיט וועלכע זיי זיינען בכח זיך צו באַפרייען טיילוויז פונעם עול־פרנסה און פריי זיך צו ווידמענען צום לימוד־התורה.

בכלל האָט הרב פינק געשטעלט דעם טראָפּ אויפן ישיבהשן שטייגער פון לערנען. די לימודים שטייען אַזוי אַרום אויף זייער אַ הויכן ניוואָ. די עלטערע כיתה, וועלכע לערנט „יורה דעה״ מיט ש״ך און ט״ז, גיט אָפּ וואָכנטלעך עקזאַמענעס פאַר הרב פינקן און אַזוי אַרום טרעטן זיי אַריין מיט זיכערע טריט אין דער וועלט פון הלכה און גרייטן זיך איבערצונעמען רבנישע פונקציעס.

אַז בוענאָס־איירעס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מקום־תורה, קען מען זען פון דעם, וואָס אין

צענדלינגער שולן ווערט געלערנט שבת און אין דער וואָכן עין־יעקב, משניות, די סדרה פון דער וואָך, שלחן־ערוך, גמרא, אאַז״וו. גרופּעס ייִדן זיצן ביי אָפענע ספרים און פאַרטיפן זיך אין לימודי־קודש.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַטאָנען, אַז העכער 1.000 תלמידים לערנען אין ישיבות און רעליגיעזע שולעס פון דער שטאָט. אַ חוץ פון דער דערמאָנטער ישיבה־גבוהה זיינען פאַראַן 3 אַנדערע ישיבות: „חפץ־חיים״, „עטרת־צבי״, און די ישיבה פון הרב עקשטיין. די תורה־אָפּטיילונג ביי דער ייִדישער אַגענץ שטייט אין ענגן קאָנטאַקט מיטן „מכון ללמודי היהדות״, מיט די הרב קוק־שולעס, מיט דער „יבנה״־שולע פון סאַנטאַ־פּע, מיט די ספרדישע שולעס „אגודת דודים״ און „אור התורה״, און אַ חוץ זיי פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט דער „היכל התורה״ און די „חזון איש״־שולעס.



ביים דערעפענען דעם כשרן רעסטאָראַן „כרמל״. עס רעדט הרב הראשי ד״ר י. פינק.

מיט אָט די תורה־אַנשטאַלטן קען מען זיך שאַפן אַ בילד וועגן דעם דערציִערישן פאַרמעגן פון דער מחנה תורה־טרייע ייִדן.

אמת, פרומע ייִדן האָבן נישט באַוויזן צו בויען פאַר זייערע שולעס גרויסע געביידעס. די דאָזיקע שולעס האָבן אַן אַנדער מעלה. די קינדער באַקומען אין זיי גרינטלעכע ידיעות אין יהדות, לערנען תפילות, ברכות, דינים און דער עיקר — עס ווערט אין זיי אַריינגעפלאַנצט דער באַוווסטזיין, אַז אַ ייִד דאַרף זיין גרייט אויף קרבנות. און וואָס איז שוין שווערער ווי זיין אַ פרומער ייִד אין די לענדער? דער רעליגיעזער חינוך האָט נאָך אַ צווייטע מעלה, אַז נישט בלויז לערנען קינדער „וועגן״ ייִדישקייט, נאָר זיי „פּראַקטיצירן״ ייִדישקייט. שבת, יום־טוב, כשרות, זיינען נישט פאַר זיי קיין אַבסטראַקטע באַגריפן, נייערט אַ רעאַליטעט. און אַ דריטע מעלה האָט

דער דאָזיקער חינוך, וואָס דאָס קינד זעט נישט קיין סתירות צווישן דעם וואָס מ׳לערנט אים אין דער שולע און דאָס וואָס ער זעט ביי זיך אין דער היים.

די רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס

אַ באַזונדער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר די רעליגיעזע יוגנט. דאָס איז די יוגנט וואָס איז געבליבן געטריי דעם רעליגיעזן לעבנס־שטייגער פון אירע עלטערן און שמידט ווייטער אויס די גאָלדענע קייט פון תורה ומסורה.

דאָס זיינען אַרגענטינער געבוירענע יונגעלייט, וועלכע מ׳געפינט אויך אין די קיבוצים פון דער ייִדישער מדינה, וואָס דינען אין צה״ל, וואָס לערנען אין די ישיבות פון ישראל און צפון־אַמעריקע, אין „בר אילן״־אוניווערסיטעט און פאַרשאַפן כבוד דעם היגן ישוב.

עס איז כדאי צו באַטאָנען דעם פאַקט, וואָס די ערשטע רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „יבנה״ איז געשאַפן געוואָרן נאָך מיט 21 יאָר צוריק, איידער עס איז געווען אין אַרגענטינע וועלכע נישט איז רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע. די מיזרחי, אַגודה, פועלי־אַגודה, זיינען געשאַפן געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער, ווען די דעמאָלט אומפּאַרטייאישע „יבנה״־אָרגאַניזאַציע האָט שוין געהאַט באַוויזן צו דערציִען קאַדרען פון באַוווסטזיניקע רעליגיעזע יונגעלייט, וואָס האָבן געווידמעט זייער צייט צו פאַרשפּרייטן דעם תורה־געדאַנק צווישן דער פון ייִדיש־אָפּגעפרעמדטער און האַלב־אַסימילירטער יוגנט.

בכלל קען מען זאָגן, אַז אין פאַרגלייך מיט 20 יאָר צוריק, מערקט זיך צווישן דער ייִדישער יוגנט פון בוענאָס־איירעס אַ גרעסערער אינטערעס פאַר ייִדישע ענינים, פאַר לערנען תורה און פאַר באַטייליקן זיך אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. עס איז אָבער פאַראַן אַ שטאַרקער מאַנגל אין אָנפירערישע כוחות. עס זיינען נישט פאַראַן קיין מדריכים און יונגע רבנים, וואָס זאָלן מחנך זיין די דאָזיקע יונגעלייט.

לשבח פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז זי האָט פיל מאָל געענטפערט פאָזיטיוו אויף די ווענדונגען פון דער רעליגיעזער יוגנט נאָך הילף. די קהילה האָט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן זיך בייגעשטייערט פאַר יוגנט־אונטערנעמונגען, געשאַנקען ביבליאָטעקן, אאַז״וו.

אַלגעמיינע אויספירן

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז אין די ראַמען פון דער קהילה ווערט געפירט אַ וויכטיקע אַרבעט פאַרן רעליגיעזן סעקטאָר פון דער געמיינדע. די קהילה פון בוענאָס־איירעס גייט אין דעם זין אין די פוס־טריט פון די גרויסע אייראָפּעיִשע קהילות.

אין די לעצטע יאָרן מערקט זיך אין די נישט־רעליגיעזע קרייזן אַ גרעסערער אינטערעס פאַר רעליגיעזע פּראָבלעמען. די נישט־רעליגיעזע ייִדן זעען אין דת אַ וויכטיקן פאַקטאָר פאַר אונדזער קיום אַלס פאָלק.

מיר לעבן אין אַ צייט ווען די יוגנט אין אַלגעמיין, ובתוכה די ייִדישע יוגנט, מאַכט דורך אַ גייסטיקן קריזיס. די געפאַר אַז אין אַ ליאַדע מינוט זאָל אויסברעכן אַ מילחמה, אַז די וועלט זאָל פאַרניכטעט ווערן דורך אַטאָמיש געווער, הענגט ווי אַ „דאַמאָקלעס־שווערד״ איבער אַלעמענס קעפּ. אין אַזעלכע צייטן פון גייסטיקן קריזיס זוכט מען זיך צו באַהעפטן מיט דער השגחה.

אונדזער יוגנט האָט געלערנט פון דער ביטערער דערפאַרונג וואָס דער עלטערער דור האָט דורכגעמאַכט. ס׳איז צו זען, אַז יוגנטלעכע, וועלכע זיינען געווען גאַנץ ווייט פון ייִדישקייט, זיינען אַ דאַנק דער השפעה פון פרומע יונגעלייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַנצער מחנה פון „חרדים לדבר ד׳״, — מיר מיינען די באַוועגונג פון בעלי־תשובהס, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דעם פאַראיין „שובה ישראל״. און וועגן וועלכע אונדז, אשכנזים, איז ווייניק־וואָס באַקאַנט. די

דאָזיקע באַוועגונג ווערט אָנגעפירט פון אַ היגן געבוירענעם אַשכנזישן ייִד, וועלכער האָט אויף זיי אַ געוואַלדיקע השפעה. די יוגנטלעכע זיינען זיך מוסר־נפש פאַר ייִדישקייט, פאַר כשרות, אאַז״וו. אויף אַזוי ווייט, אַז זיי היטן זיך נישט עובר צו זיין אויף אַ קוצו־של־יוד. אייניקע פון זיי האָבן זיך געלאָזט וואַקסן בערד און פיאות. זייערע פרויען טראָגן פאַרוקן און זיי ציילן זיך אין די הונדערטער.

עס איז אויסער ספק, אַז דאָס אַרגענטינער ייִדנטום האָט אַ געזונטן קערן וואָס מ׳דאַרף פלעגן. פון דאַנען זיינען אַרויס אייגענע שוחטים, מוהלים, חזנים, און דער אַרגענטינער ישוב וועט בקרוב האָבן אייגענע רבנים, וועלכע וועלן אויפהאַלטן דאָס ייִדישע לעבן.

אויף דעם געביט איז פאַראַן אַ גרויס פעלד פון אַרבעט, און די קהילה, וועלכע שטיצט אַלע איניציאַטיוועס וואָס ווערן איר פאָרגעבראַכט, האָט עס פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן.

„זאָלן פרומע ייִדן וועלן אַרבעטן פאַר חיזוק היהדות — האָט אונדז געזאָגט דויד קלימאָווסקי. גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם וועד לעניני הדת — וועט מצד דער קהילה נישט זיין קיין שום מניעה״. אין איר לעצטן בודזשעט האָט די קהילה באַשטימט 3 מיליאָן פעזעס צו פינאַנסירן די פאַרשיידענע אַרבעטן פונעם ראַבינאַט און פונעם וועד לעניני הדת.

די קהילה אונטערשטיצט מיט געלט און מיט אַלץ וואָס זי האָט צו דער האַנט, יעדע איניציאַטיוו וואָס באַצוועקט צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן דאָס רעליגיעזע לעבן, וואָס האָט אין זיך געהאַט די גרויסע מעלה — ווי שמעון דובנאָוו האָט עס טרעפלעך פאָרמולירט — צו פאַרהיטן די גאַנצקייט און דעם המשך אין אונדזער לעבנס־פירונג.

דער אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער פאָרשונג ביי דער קהילה פון בוענאָס איירעס

דער אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער פאָרשונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביי דער בוענאָס איירעסער קהילה, באַצוועקט צו שטודירן און אויפצוקלערן די איצטיקע פּאַנאָראַמע פון אַרגענטינער ייִדנטום, אויף דער באַזע פון אַן אַנאַליז איבער זיינע היסטאָרישע אַנטעצעדענטן און איצטיקע פאַרהעלטענישן. דאָס וועט געטאָן ווערן כדי צו באַקומען אַ בילד וואָס זאָל דינען ווי אַן אָריענטאַציע פאַר דעם ווייטערדיקן קהילה־לעבן.

די טעטיקייט פון אינסטיטוט וועט זיך געוויס מוזן האַלטן ביי דער נאָרמע פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט־טעכניק און וועט נאָכפאָלגן דעם נייטיקן אינטערנאַציאָנאַלן „סטאַנדאַרט״ פאַרן דאָזיקן מין אַרבעטן.

די פאָרבאַדינגונגען

די שאַפונג פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר דעם פּראַקטישן רעזולטאַט פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון ייִדישע פאָרשער און געלערנטע, אויף די שטחים פון געשיכטע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן, וואָס איז צושטאַנדגעקומען אין בוענאָס־איירעס אין אָקטאָבער 1961. עס האָבן אָרגאַניזירט די דאָזיקע קאָנפערענץ, וועלכע איז די ערשטע פון דעם מין, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין לאַטיינאַמעריקע, דער מכון ליהדות זמננו ביים העברעישן אוניווערזיטעט פון ירושלים, בשותפות מיט דער בוענאָס איירעסער קהילה. דער צוועק איז געווען זיך צו באַקענען מיט די איצטיקע לעבנס־פאָרמען פון די ייִדן אין אַרגענטינע, און זיך דערשלאָגן צו זייער אורשפּרונג, אינסטיטוציאָנעלע לאַגע און צוקונפטיקע פּערספּעקטיוון, אין די פאַרשידענע אַספּעקטן פון קולטורעלן, סאָציאַלן און עקאָנאָמישן אינטערעס. עס האָבן אָנטיילגענומען אין די באַראַטונגען פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ, צווישן אַנדערע, דער פּראָפעסאָר משה דייוויס, דירעקטאָר פון מכון ליהדות זמננו פון ירושלים, דער ד״ר שאול אש, פּראָפעסאָר פון העברעישן אוניווערזיטעט און דער ה׳ בצלאל שערמאַן, אַן אָנגעזעענער ייִדישער סאָציאָלאָג פון ניו־יאָרק, און עס זענען דאָרט באַטראַכט געוואָרן אַ רייע אַרבעטן וועגן אייניקע פון די פונדאַמענטאַלע אַספּעקטן פון דעם ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע, אַזעלכע ווי די רעליגיעזע טראַדיציע, די כאַראַקטעריסטיק פון דעם דריטן דור קאָלאָניסטן, די ייִדיש־אוניווערזיטאַרע יוגנט, פּראָבלעמען וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער ייִדיש־אַרגענטינער סטאַטיסטיק און דעמאָגראַפיע, פאָרמען פון סאָציאַלער הילף, פאָרשונגס־קוועלן אאַז״וו. עס איז אַזוי אַרום צוגעגרייט געוואָרן די נייטיקע סביבה פאַרן אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער פאָרשונג, וועלכער וועט דאַרפן אויסוויקלען זיין אויפגאַבע אויף דריי קרובהשע שטחים.

א) היסטאָרישע און אינסטיטוציאָנעלע פאָרשונג.

ב) סאָציאַלע פאָרשונג מיט אַ סטאַטיסטישער טעכניק.

ג) עקאָנאָמישע פאָרשונג.

די באַלדיקע צילן

די באַלדיקע צילן פון אינסטיטוט זענען פאָלגנדיקע:

א) אַנטוויקלען די סטאַטיסטישע איינשטעלונג פון די מאַטעריאַלן פון סאָציאַלן אינטערעס אין דער קהילה, ביז איצטער, און זייער אינטערפרעטאַציע אין פאַרבינדונג מיט די איצטיקע דאַטן.

ב) די צופאַסונג פון דער אַדמיניסטראַטיווער מיטאַרבעט פון דער קהילה צו די צוועקן פון סטאַטיסטישער איינשטעלונג.

ג) מיטאַרבעטן מיט די הויפט־אָרגאַניזמען און קערפערשאַפטן פון דער קהילה, ווי דער וועד החינוך, וועד הקהילות אאַז״וו, פאַרן איבעראָריענטירן און צופאַסן די איצטיקע סיסטעמען פאַרן פאָרשונגס־צוועק פון סטאַטיסטישער איינשטעלונג.

ד) שטודיום איבער דער שטעלונג פון פאַרשידענע סעקטאָרן, וואָס עס נעמט אַרום די ייִדיש־אַרגענטינער באַפעלקערונג צו די וועזנטלעכע אַספעקטן פון ייִדישן לעבן אין לאַנד.

ה) לאָקאַליזירונג און אונטערזוכונג פון די דאָקומענטאַלע קוועלן וועגן אורשפרונג, עוואָלוציע און איצטיקן צושטאַנד פון דעם אַרגענטינער ייִדנטום.

ו) קאָמפלעטירן די אָנגעהויבענע סעריע פון פובליקאַציעס, ביי דער געלעגנהייט פון דער קאָנפערענץ פון אָקטאָבער.

ז) די שאַפונג פון אַ ספעציאַליזירטער ביבליאָטעק ביים אינסטיטוט.

ח) באַקומען קאָפיעס אָדער „מיקראָפילמס״ פון די מאַטעריאַלן פון ייִדיש־אַרגענטינער אינטערעס, וואָס זענען בנמצא אין די אַרכיוון פון אינערן לאַנד און אין אויסלאַנד.

ט) קאָמפילאַציע פון די סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע דאַטן פון דער באַפעלקערונג: די שאַפונג פון האַנדלס־געזעלשאַפטן, דער איבערגעוויכט לויט אַקטיוויטעטן און סעקטאָרן, אַרבעטער־אַקטיוויטעטן, פראָפעסיאָנאַלן גרופן, סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור אאַז״וו.

די רעאַליזירטע אַרבעטן

דער אינסטיטוט האָט ביז איצט רעאַליזירט פאָלגנדיקע אַרבעטן:

א) אַ סטאַטיסטישן שטודיום וועגן חתונות אויפן יסוד פון די רעגיסטער־צעטלען, וואָס געפינען זיך אין דער קהילה. די דאָזיקע שטודיע ווערט געדרוקט אין זעלביקן יאָרבוך.

ב) רעאָרגאַניזאַציע פונעם סיסטעם פון חתונה־רעגיסטער פאַרן גאַנצן לאַנד.

ג) אַ סטאַטיסטישן אַנאַליז און באַהאַנדלונג איבער דעם צענז פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין טוקומאַן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער אָרטיקער קהילה.

ד) די דורכפירונג פון אַ מוסטער־צענז אין קילמעס, ווי אַ באַזישן פרווו פאַר אַן אַלגעמיינעם צענז איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג פון דער הויפטשטאָט און גרויס בוענאָס־איירעס.

די אַרבעט אין גאַנג

פון דער צווייטער זייט געפינען זיך אויפן מיטן וועג פון זייער רעאַליזירונג פאָלגנדיקע אַרבעטן:

א) שטודיע איבער דער שטערבלעכקייט אויפן יסוד פון דער רעגיסטראַציע פון די לעצטע דריי יאָר.

ב) אַ שטודיע וועגן דער שטעלונג צום ייִדנטום פון די אָקאָרשט חתונה־געהאַטע פאָרלעך.

ג) דאָס לאָזן אין גאַנג אַ פערמאַנענטן סיסטעם פון סטאַטיסטיק און וויסנשאַפטלעכן קאָנטראָל איבער דעם מעמד פון דער ייִדישער בילדונג, וואָס נעמט אַרום דעם לערער־פערסאָנאַל און תלמידים.

דער חתונות־רעגיסטער ביי דער קהילה פון בוענאָס־איירעס

שטודיע פון קהילה־אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער פאָרשונג

אַריינפיר

די דאָזיקע אַרבעט איז דער ערשטער רעזולטאַט פון דער טעטיקייט פון דעם אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער פאָרשונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער בוענאָס־איירעסער קהילה אין יוני 1962.

די דאָזיקע שאַפונג האָט געבראַכט צום אויסדרוק אַ טיפן באַגער צו זוכן מאַטעריאַלן און אינפאָרמאַציע — פון וויסנשאַפטלעכן ניוואָ — וואָס זאָלן זיין ווערטיק אויף צו אינטערפרעטירן מיט אַ סאָלידן יסוד די מעשים און די אַנטוויקלונג פון ייִדישן געמיינדע־לעבן אין אַרגענטינע.

אין אָנזיכט פון די הנחות זיינען אָן שום ספק פון אינטערעס אייניקע פאָרבאַדינגונגען.

די אויפפאַסונג פון דער סאָציאַלער רעאַליטעט — אויף אַ פאָרשונגס־ניוואָ — האָט זיך גענייטיקט נישט בלויז אין מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען, נאָר אויך אין באַשטימטע צייט־אָפשניטן, וואָס זאָלן מיטווירקן אין דעם זין פון העלפן צו דער קאָנסאָלידאַציע פון דער טעכניק און פּראָצעדור. די דאָזיקע הנחות קומען אַרויס נאָך בולטער, אין אָנזיכט פון דער רעאַליטעט, וואָס דאַרף אויפגעפאַסט ווערן, אין דעם פאַל די ייִדיש־אַרגענטינער געמיינשאַפט, וואָס ווייזט זיך אַרויס, ווי אַ פאַרוואָרלאָזטע אָדער פאַרנאַכלעסיקטע, פון דער סיסטעמאַטיש־אָפעראַטיווער סאָציאַלער פאָרשונג.

דאָס איינזען דעם דאָזיקן דעפיציט האָט אינספּירירט צו אָרגאַניזירן די ערשטע קאָנפערענץ פון ייִדיש־אַרגענטינער פאָרשער און געלערנטע אויפן געביט פון סאָציאַלער וויסנשאַפט און געשיכטע, וואָס איז צושטאַנדגעקומען דאָ הי, אין אָקטאָבער 1961, אונטערן פּאַטראָנאַט פון מכון ליהדות זמננו (אינסטיטוט פון היינטצייטיקן ייִדנטום), פון העברעיִשן אוניווערזיטעט אין ירושלים און דער בוענאָס איירעסער קהילה.

אָפרופנדיק זיך אויפן דאָזיקן שטוינענדיקן דעפיציט האָט אי. האָראָוויטש זיך געווידמעט דעם שטודיום פון אונדזער געמיינדע, אין סוף 1961, און ער זאָגט אין זיין באַריכט:

„אַבסאָרבירנדיק מער פון אַ העלפט פון דער ייִדישער אימיגראַציע קיין לאַטיינאַמעריקע אין 20סטן יאָרהונדערט, פאַרנעמט אַרגענטינע דעם צווייטן פּלאַץ נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אַ מקום־מקלט פאַר גלות־ייִדן. אין אָנזיכט פון דער דאָזיקער אימפּרעסיאָנירנדיקער רעאַליטעט שטייט דער פאָרשער פאַר דער איבעראַשונג, וואָס עס זיינען דאָ נאָך נישט אונטערגענומען געוואָרן קיין ערנסטע סאָציאָלאָגישע אַנאַליזן וועגן די ייִדן פון בוענאָס־איירעס“.

דעריבער האָט דער אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער פאָרשונג, באַלד נאָך זיין קאָנסטיטויִרן זיך, אָנגעהויבן פאָרזיכטיק צו זוכן מאַטעריאַלן און אינפאָרמאַציע פון דער ערשטער קוועלע, וואָס זאָלן ברענגען צו אָפעראַטיווע אויספירן, וועלכע זיינען ביכולת אָפצוצייכענען סאָליד די געמיינדע טעטיקייט.

לויט דער מאָס ווי די פאָרשונגען וועלן דאָס דערמעגלעכן וועלן דערשיינען נייע פּובלי־

קאַציעס, וועלכע וועלן אויספילן דעם בלויז פון אינפאָרמאַציע, וואָס פאַרשאַפט אַזויפיל באַגרענעצונגען דער ראַציאָנעלער טעטיקייט, וואָס עס פאָדערט אַ מאָדערנער קהילה־לעבן.

כדי לייכטער מאַכן צו באַנעמען דעם דאָזיקן מאַטעריאַל ווערן דאָ ווייטער אָנגעצייכנט די באַזישע גרענעצן פון דאָזיקן שטודיום:

1. — וועגן די קוועלן: דער דאָזיקער באַריכט איז אַ רעזולטאַט פון דעם סך־הכל פון די פאַרצייכנטע דאַטן אין די „חתונה ווענדונגען”, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין ראַבינאַט ביי דער בוענאָס־איירעסער קהילה אין דעם פעריאָד צווישן יולי 1960 און יוני 1962.

2. — וועגן די דאַטן: אין קאָנסעקווענץ פון דעם, וואָס די דאַטן שטאַמען פון דורכויס אַדמיניסטראַטיווע ווענדונגען, נישט קיין דירעקט צוגעגרייטע פאַרן סטאַטיסטיק שטודיום, און נישט אונטערגעוואָרפן די שטרענגע רעגיסטער־מעטאָדן, האָט עס נישט דערמעגלעכט דעם סטאַטיסטיק־אַנאַליז פון אַזעלכע רובריקן, ווי: אַלגעמיינע דערציִונג פון חתן־כלה, זייער ייִדישע דערציִונג אאַז”וו.

די דאָזיקע באַגרענעצונג קלערט אויך אויף פאַרוואָס אין די טאַבעלן און רשימות פיגורירן אַזוי מערקווירדיק אָפט די אָפצייכענונג „נישט ספעציפיצירט”.

זאָל אויך אָנגעמערקט ווערן אַז די קאַטעגאָריזאַציעס און די אויסטיילונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, זיינען געוועזן לויט די מעגלעכקייטן, וואָס עס האָבן געגעבן די קוועלן, און מען האָט געמוזט אין דער מערהייט פאַלן אָנקומען צו אויסגעברייטערטע קאַטעגאָריזאַציעס אויפן חשבון פון דער פרעציזקייט פון געוויסע אינפאָרמאַציעס.

3. — וועגן אומפאַנג: די שטודירטע באַפעלקערונג, עס הייסט דער אומפאַנג פון דאָזיקן אַנאַליז, איז צוזאַמענגעשטעלט דורך חתונה־פאַרלעך (חתן־כלה) און זייערע רעספעקטיווע עלטערן (טאַטע־מאַמע פון חתן און טאַטע־מאַמע פון דער כלה).

זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז זיי געהערן אויסשליסלעך צו די פאַרלעך, וואָס האָבן רעגיסטרירט זייער חתונה אין ראַבינאַט פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה. עס זיינען דעריבער אויסגעלאָזט די אַלע ייִדישע חתונות, וואָס קאָנען זיין רעגיסטרירט אין גרויסן טעמפל פון פאַסאָ, ייִדישער קאָנגרעגאַציע פון ליבערטאַד אָדער אין אַנדערע קלענערע טעמפלען.

לשם אינפאָרמאַציע זאָל אויפגעקלערט ווערן, אַז די רעגיסטראַציע קוועלן פון ייִדישע חתונות אין דער הויפטשטאָט און גרויס בוענאָס־איירעס זיינען אין אַלגעמיין די בוענאָס־איירעסער קהילה, און די טעמפלען פון פאַסאָ און ליבערטאַד, אָבער דאָס שטערט נישט, אַז אַנדערע געמיינשאַפטן זאָלן אויך קאָנען רעגיסטרירן די חתונות פון זייערע מיטגלידער אין זייערע רעספעקטיווע געמיינדעס.

פונדעסטוועגן, ווען מען זאָל וועלן אָפשאַצן די נומערישע רעפרעזענטאַטיווקייט פון דעם אַנאַליזירטן אומפאַנג, דאַרף גענומען ווערן אין אַכט, אַז זייער צאָל (1,058 פאַרלעך) באַטרעפט 52,4% פון דעם סך־הכל פון רעגיסטרירטע חתונות אין די טעמפלען פון פאַסאָ און ליבערטאַד און דער בוענאָס־איירעסער קהילה אין דעם פעריאָד יולי 1960 — יוני 1962.

אין אַ צווייטן זין קאָנען די דאָזיקע קלאָר־מאַכונגען דינען אויף אַרויסצוהייבן די פונקציאָנעלע וויכטיקייט, וואָס עס האָט די „האָמאָגעניזירונג” פון יעדער מין רעגיסטראַציע וואָס איז פאַרבונדן מיטן קהילה־לעבן, פונקט אַזוי אויפן לאָקאַלן, ווי נאַציאָנאַלן שטח.

4. — וועגן די נאָמענקלאַטורן: כדי צו דערגרייכן אַ גרעסערע ספעציפיצירונג פון די אַנאַליזירטע גרופן און סובגרופן זיינען דעפינירט געוואָרן דער באַשטאַנד פון די טאַטעס און מאַמעס פון חתן־כלה ווי די ערשטע גענעראַציע און זייערע קינדער, דאָס הייסט די חתן־כלה גופא ווי די צווייטע גענעראַציע.

5. — וועגן די פאַרגלייך־אָפצייכענונגען: אין פאַרלויף פון שטודיום ווערן דערמאָנט לשם

פאַרגלייכונג אָפיציעלע קוועלן (צענזן, אַנקעטעס, אאז״וו), וואָס הגם זיי פּאַסן זיך נישט אַריין פּינקטלעך אין די פאָדערונגען פון אַ פאַרזיכטיקן פאַרגלייך, דינען זיי, צוליבן פעלן פון אַנדערע דאַטן, ווי אָנווייזער פון אַלגעמיינע טענדענצן.

1. דעמאָגראַפישער אַנאַליז

1 .1 דער עלטער פון די חתן־כלה*

1 .1־.1: די חתנים: דער עלטער צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג, וואָס ווערט דאָ שטודירט ברענגט אַרויס מערקבאַרע אונטערשידן צווישן ביידע געשלעכטער.

אַזוי אַרום איז צווישן די מענער אַמאָפטסטן די עלטער פאַרהעלטעניש צווישן 25 און 27 יאָר (32,3%) און דער פּעריאָד צווישן 22 און 30, וועלכער נעמט אויך אַריין, פאַרשטייט זיך, דאָס פריִערדיקע, איז דער אַמערסטנס רעגיסטרירטער אין דער צאָל פאַלן: 72,5%.

שטודירנדיק די 1.058 פאַלן, האָט זיך באַקומען אַ דורכשניט־עלטער ביי די מענער פון 28 יאָר.

2 .1־.1: די כלות: פאַראַלעל איז די צאָלרייכסטע עלטער־גרופּע פון די כלות פון 22 ביז 24 יאָר, זיי מאַכן אויס 35,9% פון גאַנצן סך־הכל.

מערקווירדיק איז אויך דאָס, וואָס פון דעם דאָזיקן שטודיום ווייזט זיך אַרויס, אַז 82% פון די פרויען האָבן חתונה פאַר די 28 יאָר.

דער דורכשניט־עלטער פון חתונה האָבן ביי זיי איז פון 24 יאָר.

ביים באַטראַכטן די עלטער־פאַרטיילונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן דאָזיקן דור מערקט זיך, אַז די אָפטסטע עלטער־פאַרהעלטעניש איז ביי זיי צווישן 22 און 24 יאָר (28,0%).

גרופּירט דעם פולן סך־הכל, ווייזט זיך אַרויס ביי די חתנים און כלות דער פאָלגנדיקער עלטער־צוזאַמענשטעל:

טאַבעלע 1: עלטער פון חתן־כלה

(חתונות צווישן דער צווייטער גענעראַציע)

עלטער־פאַרהעלטעניש	%
יינגער פון 24 יאָר — — —	68,7
25 יאָר און מער — — — —	31,3
סך־הכל — — — —	100,0
באַזע — — — — —	(2,116)

די דאָזיקע עלטער־פאַרהעלטענישן טיילן זיך אויס נאָך בולטער ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט דער מוניציפּאַלער סטאַטיסטיק, מחמת די אונטערשיידן מערקן זיך, אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרץ פון יונגע ידישע פרויען, וואָס האָבן חתונה, אין פאַרגלייך מיט דעם אַלגעמיינעם סך־הכל פון דער פרויען־באַפעלקערונג, וואָס האָבן חתונה אין דער הויפּטשטאָט (זע טאַבעלע 2).

---

* זע די טאַבעלן און פאַרגלייך־צעטלען אין טעקסט און אין דער שפּאַנישער אָפּטיילונג.

טאַבעלע 2: עלטער־פאַרהעלטעניש פון חתן־כלה

(פאַרגלייך־צעטל)

עלטער־פאַרהעלטעניש	מוניציפאַלע סטאַטיסטיק [1]		קהילה	
	מענער %	פרויען %	מענער %	פרויען %
ווייניקער פון 24 יאָר — — —	24,9	48,6	22,4	65,2
25 יאָר און מערער — —	75,1	51,4	77,6	34,8
סך־הכל — — — — —	100,0	100,0	100,0	100,0

[1] קוועלע: זשורנאַל פאַר סטאַטיסטיק פון דער שטאַט בוענאָס־איירעס, נומ׳ 7.

אויף אַן אַנדער ניוואָ פון אַנאַליז זיינען וואָגיק די דאָזיקער אונטערשיידן, אויף וויפל זיי דערמעגלעכן אַנצוהייבן אויפצוקלערן די קאָמפּליצירטע און ווידערשפּרעכנדיקע טראַנספּאָרמאַציעס אין דער משפּחה־סטרוקטור.

ג. כערמאַני קלערט אויף אַז „די אַנוועזנהייט פון זייער יונגע פרויען אין די וויז־צעטלען פון די וואָס האָבן חתונה, האָט חוץ דעם אַ געוויסע וויכטיקייט אין דער דינאַמיק פון דער באַפעלקערונג, ווייל ער באַרירט די עוואָלוציע פון דעם געבירטיקייטס־פּראָצענט״.

קאָנסעקווענט מיט דעם ווייזט די טאַבעלע 3 דעם אונטערשיד פון דורכשניט־עלטער אין די פאַרגלייכטע באַפעלקערונגען.

טאַבעלע 3: דורכשניט־עלטער בייביידע באַפעלקערונגען

באַפעלקערונג	דורכשניט עלטער		אונטערשיד
	מענער	פרויען	
מוניציפאַלע סטאַטיסטיק	29	27	2
קהילה — — — — — — — — —	28	24	4

3.1.־1.: די עלטערן: אַנוועגנדיק דעם אַנאַליז אויף די וואָס מיר רופן אָן די „ערשטע גענעראַציע״ באַקומט זיך אַ דעמאָגראַפישער אָפּשניט, וואָס איז נוטה צו פאַרשידענע אינטערפּרעטאַציעס.

נאָכן אָרדענען די 4.232 פאַלן (2.116 עלטערן פון די חתנים און 2.116 עלטערן פון די כלות) מערקט זיך, אַז דער עלטער־אונטערשיד צווישן מאַן און ווייב פאַלט זיך צענויף מיט אַ סיסטעמאַטישער נטיה, וואָס איז שוין באַמערקט געוואָרן ביי די פאַרפעלקער פון דער „צווייטער גענעראַציע״: עס הייסט, אַז דער אונטערשיד פון פיר יאָר אויפן חשבון פון די מענער ווידערהאָלט זיך, ווען מען באַרעכנט דעם דורכשניט־עלטער פון די פאַרשידענע חתונה־גרופּן.

די טאַבעלע 4 קאָנסטאַטירט נומעריש די פאַקטישע באַהויפּטונגען.

טאַבעלע 4: פון די פאַרשידענע חתונה־גרופּן

גרופּע	דורכשניט־עלטער		אונטערשיד
	מענער	פרויען	
עלטערן פון חתן — — — —	59	55	4
עלטערן פון דער כלה —	56	52	4
חתן־כלה — — — — — —	28	24	4

2 .1 די נאַציאָנאַליטעט*

2.1. 1. די צוויי גענעראַציעס: ביים אָנווענדן דעם שטודיום אויף דעם נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם פון די געגעבענע יחידים, מערקט זיך אין ברייטע שטריכן, אַז מיר האָבן פאַר זיך צוויי נאַציאָנאַל־פאַרשידענע גענעראַציעס.

עס איז כדאַי אונטערצושטרייכן די אייגנטימלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דעם שטודירטן אומפאַנג, אין שייכות צו זייער נאַציאָנאַליטעטן־צוזאַמענשטעל. דער איבערגעוויכט פון דער אשכנזישער עדה, די כמעט פולשטענדיקע אָפּוועזנהייט פון דער דייטש־ייִדישער עדה אאַז״וו, שטעלן אַרויס געוויסע פרטים אין אונדזער אומפאַנג, וואָס צווינגען דורכויס צו באַגרענעצן די באַקומענע דאַטן אויף דעם אויבן־דעפינירטן געמיינדע־שטח.

צוריקקערנדיק זיך צו די עווידענצן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט דורך די גענעראַציע־אונטערשידן, מערקט זיך, אַז די ערשטע גענעראַציע רעקרוטירט זיך צווישן ייִדן, וואָס שטאַמען פון רוסלאַנד, פוילן און רומעניע (71,1% פון גאַנצן סך־הכל); אין דער צייט, וואָס די צווייטע גענעראַציע איז צוזאַמענגעשטעלט הויפּטזאַכלעך פון הי־געבוירענע ייִדן (89,1% פון סך־הכל).

טאַבעלע 5: נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל (פּאַרגלייך־צעטל)

גרופּע	אַרג׳	אויסל׳	אומבאַשטימט	סך־הכל	באַזע
ערשטע גענעראַציע	16,0	78,9	5,1	100,0	(4,232)
צווייטע גענעראַציע	89,1	10,3	0,6	100,0	(2,116)
צענז 1960[1]	81,8	18,2	—	100,0	—

[1] קוועלע: נאַציאָנאַלער צענז פון 1960, פּראָוויזאָרישע רעזולטאַטן.

דאָס איינשליסן אין דער פאָריקער טאַבעלע די ציפערן פון לעצטן נאַציאָנאַלן צענז, ברענגט צום אויסדרוק די כוונה צו געבן אַ פאַרגלייכערישן באַגריף פון דער נאַציאָנאַלער סטרוקטור פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

די טאַבעלע 5, צייכנט אָן מיט אַ בפירושער קלאָרקייט די רעזולטאַטן פון דער נאַציאָנאַלער האָמאָגעניזאַציע פון דער ייִדיש־אַרגענטינער קאָלעקטיוויטעט, אַ פּראָצעס וואָס איז רייף געוואָרן אין ליכט פון דער אימיגראַציע־איינשרומפּונג.**

פון דעם שטאַנדפּונקט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, באַקומען די דאָזיקע אונטערשידן אַ גרעסערע וויכטיקייט, לויט דער מאָס וואָס זיי ווענדן אָן די אָרגאַניזאַציאָנעלע סכעמע, לויט דער קולטור, כאַראַקטעריסטיק פון זייערע מיטגלידער (נאַציאָנאַליטעט, שפּראַך, מנהגים אאַז״וו).

1. 2. 2. די עלטער און די נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיק: אין קאָנסעקווענץ פון דעם, נעמענדיק אין אַכט די צייטווייליקע כאַראַקטעריסטיק פון אימיגראַנטישן מיטשטייער אין דער פאָרמירונג פון דער היגער ייִדישער קאָלעקטיוויטעט, קאָן מען זעלבסטפאַרשטענדלעך אָננעמען, אַז וואָס ייִנגער עס זיינען די אַנאַליזירטע מענטשן־גרופּן, וועט די באַצייכענונג: אַרגענטינער־אויסלענדער כסדר אַריבערגיין אויפן חשבון פון די אַרגענטינער.

---

[*] זע טאַבעלע 2 און פאַרגלייך־צעטלען אין שפּאַנישן טייל און אין טעקסט.

[**] פ. אי. מאָנטעאַגודאַ פאַרזיכערט אַז „דער גרעסטער אימיגראַציע־צופלוס איז געקומען אין פעריאָד צווישן 1901 און 1910, און עס האָט נאָכגעפאָלגט דער פעריאָד 1921־1930. פון 1930 ביז 1947 קומט אַ מערקבאַרע ירידה, מיטן אויסנאַם פון די יאָרן 1948־1951.

טאַבעלע 6: נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל לויט דורכשניט עלטער

גרופּע	דורכשניט עלטער	אַרגענטינער %	אויסלענדער %	אומבאַשטימט %	סך־הכל
חתנס טאַטע	59	9,1	86,1	4,8	100,0
כּלהס טאַטע	56	14,2	80,9	4,9	100,0
חתנס מאַמע	55	17,4	77,3	5,3	100,0
כּלהס מאַמע	52	24,0	70,7	5,3	100,0
חתן	28	86,9	12,6	0,5	100,0
כּלה	24	91,3	8,0	0,7	100,0

1. 3. אימיגראַציע [1]

1. 3. 1. פּאַראַלגעמיינערונג: דאָס פאַרנעמען זיך אין דאָזיקן קאַפּיטל מיט דער איינוואַנדערונגס כאַראַקטעריסטיק פון דער שטודירטער באַפעלקערונג, ווערט געטאָן אין אויסשליסלעכער שייכות צו די מיטגלידער פון דער ערשטער גענעראַציע, מחמת זיי זיינען עס די, וואָס דערמעגלעכן אַן אינפאָרמאַטיוון מאַטעריאַל מיט אַ גרעסערער פולקייט.

געדענקענדיק די היסטאָריש־פּאָליטישע אויסוויקלונגען, וואָס האָבן פאַראורזאַכט די אימיגראַציע־שטראָמען פון אייראָפּעיִש־ייִדישע מאַסן אין די אַמעריקאַנישע לענדער, איז לייכט צו אינטערפּרעטירן דעם דאָזיקן אַנאַליז, וואָס שטודירט פּאַראַלעל דעם אָנקום־יאָר פון ייִדישן אימיגראַנט, פּונקט אַזוי ווי זיין אָפּשטאַם־לאַנד.

אי. ל. האָראָוויץ פּובליקירט אין זיין שטודיע אַן אינטערפּרעטאַטיווע טאַבעלע פון דער אימיגראַציע־אַנטוויקלונג און באַפעלקערונג־צוּוווּקס פון דער ייִדיש־אַרגענטינער געמיינשאַפט. צוליב דער אינטערפּרעטאַטיווער איינשטעלונג און דער שייכותדיקייט מיט די נאָענטע פאַרגלייך־צעטלען פון אונדזער אַנאַליז האָבן מיר געהאַלטן פאַר אינטערעסאַנט זי איבערצודרוקן.

טאַבעלע 1: ייִדישע באַפעלקערונג אין דער אַרגענטינער רעפּובליק*

יאָרן	סטאַבילע באַפעלקערונג	אימיגראַציע	געבורט־טויט־פאַלן	אַלגעמיינער וווּקס	פולער צוזאַמענשטעל
1890־94	2.595	7.159	365	7.524	10.119
1895־99	10.119	4.536	941	5.477	15.596
1900־04	15.596	8.370	1.437	9.807	25.403
1905־09 (א)	25.403	40.006	3.267	43.273	68.676
1910־14	68.676	41.027	6.573	47.600	116.276
1915־19 (ב)	116.276	1.607	9.044	10.651	126.929
1920־24 (ג)	126.927	33.963	10.513	44.476	171.403
1925־29 (ג)	171.403	32.836	14.284	47.120	218.523
1930־34	218.523	17.336	17.612	34.948	253.471
1935־39 (ד)	253.471	26.159	25.357	51.516	304.987
1940־44	304.987	8.210	27.212	35.422	340.409
1945־49	340.409	7.505	30.407	37.912	378.321
1950־60 (ה)	378.321	—	—	41.679	420.000

* אַרויסגענומענע דאַטן פון דער אינפאָרמאַציע ביי סימאָן ווײַל ייִדישע באַפעלקערונג אין דער אַרגענטינער רעפּובליק (ב. איירעס, בני־ברית, 1936) און יעקב שאַצקי ייִדישע קהילות אין לאַטיינאַמעריקע (ב. איירעס, ייִדיש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט, 1952).

---

[1] זע טאַבעלע 3 און פאַרגלייך־צעטלען אינעם טעקסט אין דער שפּאַנישער אָפּטיילונג.

רעפערענצן:

(א) אימיגראַציע פון רוסישע יידן פון די פּאָגראָמען, וואָס זיינען אויסגעבראָכן נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905.

(ב) די אימיגראַציע נידערט אַראָפּ במשך פון ערשטן וועלט־קריג.

(ג) צווייטער אימיגראַציע שטראָם: אַ סלאַווישער און פּוילישער.

(ד) יידיש־דייטשע אימיגראַציע, פּאַראַלעל מיטן אויפקום פון נאַציזם.

(ה) אָפּשאַצונג פון דער געווינלעכער באַפעלקערונג ביי מ. קאָטצער: „פּראָבלעמען, פּאַרבונדן מיט דער סטאַטיסטיק מכוח די יידן אין אַרגענטינע".

פון דעם קומט דער אויספיר: א) אַז דער וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַרגענטינע קומט, וואָס אַמאָל אַלץ מער, פון דעם אינעווייניקסטן וווקס פון די הי־געבוירענע, און וואָס אַמאָל ווייניקער פון אימיגראַנטישן מיטשטייער.

ב) אַז עס איז פאַראַן אַ געוויסע פּעריאָדישע איינטיילונג אין די אימיגראַציע־קאָנטינגענטן, און אַז פון רוסלאַנד איז דער עלטסטער און פון דייטשלאַנד — דער סאַמער אַקאָרשטיקער; דער פּוילישער קאָנטינגענט פאַרנעמט דעם מיטן־פּלאַץ.

די דאַטן פון דעם שטודיום באַשטעטיקן די דאָזיקן הנחות. דער פּונקט א) איז בפירוש אָנזעעוודיק אין פאָריקן קאַפּיטל און דער פּונקט ב) ווייזט זיך אַרויס אין די וויטערדיקער פאַרגלייך־צעטלען.

אָבער איידער מיר באַציִען זיך צו זיי, האַלטן מיר פאַר אונדזער חוב אָנצומערקן צוויי אומפּינקטלעכקייטן אין דער פאָריקער טאַבעלע. דאָס ערשטע מכח דעם יאָר 1890, ווי אַ ווענדפּונקט אין דער יידישער באַפעלקערונג פון אַרגענטינע. דאָס דאָזיקע יאָר, האָט אַ קנאַפּע באַדייטונג אין דעם יידישן אימיגראַציע־פּראָצעס קיין ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ; אַלנפאַלס וואָלט געדאַרפט דערמאָנט ווערן דאָס יאָר 1889, ווען עס זיינען אָנגעקומען מיט דער שיף „וועסער" דער ערשטער אָרגאַניזירטער קערן פון 120 יידישע פאַמיליעס — 800 נפשות — פון פּאָדאָליע, וועלכע האָבן געלייגט דעם יסוד פון דער צוקונפטיקער קאָלאָניע מאָזעסוויל (סאַנטאַ פע), אָדער טאַקע דאָס יאָר 1891, ווען עס זיינען אָנגעקומען אין אונדזער לאַנד די ערשטע גרופּן יידישע קאָלאָניסטן, רעקרוטירט אין רוסלאַנד דורך דער דזשוויש קאָלאָניזיישן אַסאָסייִשן — יִקא — וואָס איז פאַרן דאָזיקן צוועק אויפגעשטעלט געוואָרן אין זעלבן יאָר דורכן באַראָן מאָריס דע הירש, אין לאָנדאָן. אָבער נישט די, און נישט די צווייטע, זיינען געווען די ערשטע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַרגענטינע. זאָל דאָ, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, דערמאָנט ווערן, אַז די ערשטע יידישע חתונה איז דורכגעפירט געוואָרן אין בוענאָס־איירעס דעם 11טן נאָוועמבער 1860 „פאַר צען עדות און נאָך איינעם, וואָס האָט געגאָלטן ווי דער ראַבינער און דעם נאָטאַר דאָן פּעדראָ קאַזשעכאַס", לויט דעם גבית־עדות פון אַן אָנגעזעענעם עד־ראיה.

אין אַ שטודיום וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע דאָקומענטירט אויך ל. שאַלמאַן די צווייטע אומפּינקטלעכקייט וועגן וועלכער ס'ווערט דאָ גערעדט: די מאַסן־אימיגראַציע פון רוסישע יידן האָט זיך נישט אָנגעהויבן „פון די פּאָגראָמען נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905", נאָר מיט צוויי יאָר פריִער, אין צוזאַמענהאַנג מיט די בלוטיקע פּאָגראָמען פון קישינעוו און האָמעל, אין 1903, וועלכע האָבן אונטערגעאיילט אַן אינטענסיווע עמיגראַציע־כוואַליע, וואָס האָט זיך פאַרפעסטיקט מיט צוויי יאָר שפּעטער, צוליב די בלוטיקע שחיטות אויף יידן, אָרגאַניזירט דורך דער „שוואַרצער מאה" אין ביאַליסטאָק און זשיטאָמיר.

פאַרגלייך־צעטל 7: נאַציאָנאַליטעט פון אימיגראַציע קאָנטינגענטן פונאַנדערגעטיילט לויט פעריאָדן

לאַנד	פעריאָדן		
	פאַר דעם יאָר 1920	פון 1920 ביז 1930	פון 1930 אויף ווייטער
רוסלאַנד	51,6	54,4	0,3
רומעניע	22,2	60,6	17,2
פוילן	4,0	62,3	33,6

פאַראַלעל מיט דעם גיבן אַן ש. ראָזענבערג און ד. נאָוויק, ציטירנדיק אַן אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן די סינאַגאָגן פון ב. איירעס די פאָלגנדיקע דאַטן:

אָפּשטאַם פון די בתי־כנסת (אויסגערעכנט כראָנאָלאָגיש)

רוסישע	12
רומענישע	5
פוילישע	14
גאַליציאַנער	2
דייטשע	5

די מחברים קלערן אויף: „עס איז אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן, אַז די מערהייט סינאַגאָגן פון ערשטן פעריאָד (1862־1918), זיינען געשאַפן געוואָרן דורך רוסישע ייִדן, אין דער צייט, וואָס די לעצטע פינף (1939 און ווייטער) זענען דייטשע".

אָבער זיי פאַרשווייגן דעם מערקווירדיקן פאַקט, אַז די ערשטע סינאַגאָגע, וואָס האָט פונקציאָנירט אין לאַנד, איז געשאַפן געוואָרן דורך ייִדן, וואָס שטאַמען פון מערב־אייראָפּע: ענגלישע, פראַנצויזישע, בעלגישע, וועלכע האָבן געגרינדעט אין 1862 די ייִדישע קאָנגרעגאַציע פון דער אַרגענטינער רעפובליק, וואָס פייערט פונקט היינטיקס יאָר (1962) איר ערשטן יאָרהונדערט.

עס איז אויך אינטערעסאַנט צו כאַראַקטעריזירן די אימיגראַציע־קאָנטינגענטן, לויט זייערע פאַרשידנאַרטיקע נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמען. די קוואַליטאַטיווע וואָג פון יעדן „סוב־קאָנטינגענט", איז נישט אַרויסגעשווומען פון די פריִערדיקע אַנאַליזן, און דעריבער איז אויסגעטיילט געוואָרן אין דעם פאַרגלייך־צעטל 8 דער אַנאַליזירטער מאַטעריאַל.

פאַרגלייך־צעטל 8: אימיגראַציע קאָנטינגענטן, איינגעטיילט לויטן אָפּשטאַם־לאַנד

אָפּשטאַם־לאַנד	פּראָצענט־זאַץ איבער דעם פולן סך־הכל פון די אימיגראַנטן %
פוילן	57,1
רוסלאַנד	29,5
רומעניע	6,0
אַנדערע ניט־אייראָפּעיִשע לענדער	4,4
אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער	3,0
סך־הכל	100,0
באַזע	(2929)

אין קאָנסעקווענץ, אינטעגרירן זיך — טיילווייז — די דאָזיקע קאָנטינגענטן, ביים באַזעצן זיך אין לאַנד, מיט דער הי־געבוירענער ייִדישער באַפעלקערונג, שאַפנדיק אַזוי אַרום פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע באַציונגען אין זייערע חתונה־פאַרבינדונגען און די באַגלייט־דערשיינונג פון דעם איז די נטיה צו אַזאַ פאַרוואַנדשאַפט ביי זייערע קינדער.

דער אַנאַליז פון דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק וועט זיין די טעמע פון ווייטערדיקן קאַפּיטל.

1.4 נאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן צווישן פאַרפעלקער*

1. 4. 1. די פאַרפעלקער פון דער ערשטער גענעראַציע: דער פאַרגלייך־שטודיום פון די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן צווישן די פאַרפעלקער, עס הייסט, דער אופן פון נאַציאָנאַלע צונויפגוסן, וואָס עס שאַפט זיך ביים מתחתן זיין פון פערזאָנען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמען, וועט זיין די טעמע פון דאָזיקן קאַפּיטל.

דער דאָזיקער אַנאַליז ברענגט אַרויס, ביים פאַרגלייך פון די צוויי אַנאַליטיש פונאַנדערגעטיילטע גענעראַציע־גרופּן, אַ שטייגנדיקע „האָמאָגעניזירונג" פון דער געמיינדע־סטרוקטור פון שטאַנדפּונקט פון דער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט פון אירע פאַרפעלקער.

די דאָזיקע „האָמאָגעניזירונג" קאָן דערקלערט ווערן נישט בלויז מיט דער רעדוקציע פון אימיגראַנטישן צופלוס, נאָר באַזיש, מיט דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון די הי־געבוירענע ייִדן.

דער פּראָצעס פון דער אַרגענטיניש־נאַציאָנאַלער אידענטיפיצירונג פון די פאַרפעלקער — פון דעם מין וואָס מיר רופן האָמאָגעניזירונג — קאָן מען זען קלאָר, אין שיין פון די רעזולטאַטן וואָס עס ברענגט אַרויס דאָס פאַרגלייך־צעטל 9.

פאַרגלייך־צעטל 9: נאַציאָנאַליטעט פון די פאַרפעלקער, פאַרגלייך צווישן די צוויי גענעראַציעס

אידענטיטעט	1סטע גענעראַציע — %	2טע גענעראַציע — %
ביידע מיטגלידער אַרגענטינער	8,4	81,3
ביידע מיטגלידער אויסלענדער	69,9	2,7
געמישטע (אַרג׳־אויסל׳; אויסל׳־אַרג׳)	15,1	15,0
נישט־פעסטגעשטעלט	6,6	1,0
סך־הכל	100,0	100,0
באַזע	(2,116)	(1058)

אַ צווייטע אויפפאַסונג פון פאַרגלייך, וואָס באַלייכט גענויער דעם איבערגאַנגס־כאַראַקטער אין דער נאַציאָנאַלער פאַרמאַציע פון אונדזער געמיינדע־סטרוקטור און צייכנט אָן דעם איבערגעטריבענעם וווקס — פאַרגלייכעריש — פון דער אימיגראַציע, אין שייכות צו דעם וואָס מיר רופן „די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט". קאָן געבן אַן אויבנאויפיקן באַגריף, מחמת די קוועלן פון צענז נעמען אַרום די טאַטע־מאַמע פון הי־געבוירענע פון יעדער עלטער, בעת אונדזערע דאַטן נעמען אַרום בלויז די עלטערן פון אַרגענטינער און אויסלענדער אין חתונה־עלטער.

---

* זע טאַבעלע 4 און פאַרגלייך־צעטלען אין טעקסט פון דער שפּאַנישער אַפּטיילונג.

טאַבעלע 10: נאַציאָנאַליטעט פון די עלטערן (פאַרגלייך־צעטל)

אידענטיטעט	צענז [1] (1947) %	קהילה (עלטערן פון 2טער גענעראַציע)
ביידע מיטגלידער אַרגענטינער	64,9	8,4
ביידע מיטגלידער אויסלענדער	18,6	69,9
געמישטע (אַרג׳־אויסל׳; אויסל׳־אַרג׳)	16,5	15,1
נישט־פעסטגעשטעלט	—	6,6
סך־הכל	100 0	100,0

[1] קוועלע: נאַציאָנאַלער צענז, 1947.

1. 4. 2. די פאַרפעלקער פון דער צווייטער גענעראַציע: פון דער דאָזיקער אַנאַליז־גרופּע ווייזט זיך אַרויס פון באַדייטנדיקן אינטערעס דאָס אַרויסברענגען נישט בלויז דעם כאַראַקטער פון „דיפערענצירונג", וואָס ווירקט אין דער געמיינשאַפטלעכער סטרוקטור, נאָר זיין מערקבאַרע פאַרוואַנדשאַפט מיט דער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט.

מיטן צוועק פעסטצושטעלן די דאָזיקע אונטערשיידנדיקע פאַרגלייכבאַרקייט, זיינען קאָנסולטירט געוואָרן די מוניציפּאַלע דאַטן וועגן חתונות וואָס זענען צושטאַנדגעקומען אין דער הויפּטשטאָט. דער פאַרגלייך־צעטל 11 רעזומירט די דאָזיקע הנחות.

טאַבעלע 11: נאַציאָנאַליטעט פון די פאַרפעלקער (פאַרגלייך־צעטל)

	מוניציפּאַליטעט [2] (1960) %	קהילה (2טע גענעראַציע) %
ביידע מיטגלידער אַרגענטינער	78,0	81,3
ביידע מיטגלידער אויסלענדער	8,0	2,7
געמישטע (אַרג׳־אויסל׳; אויסל׳־אַרג׳)	14,0	15,0
נישט פעסטגעשטעלט	—	0,1
סך־הכל	100,0	100,0
באַזע	(24,072)	(1,058)

[2] קוועלע: זשורנאַל פאַר סטאַטיסטיק פון דער שטאָט בוענאָס־איירעס, נומ׳ 7.

כדי צו דערמעגלעכן אַרויסצונעמען די אייגנטלעכע אָפּעראַטיווע אויספירן, פעלט נאָך צוצוגעבן די לעצטע אינפאָרמאַציע צום קאַפּיטל: דאָס באַציט זיך אויף דער פּראָפּאָרץ פון מענער צווישן אימיגראַנטישן באַשטאַנד. דאָס פאַרגלייך־צעטל 12 דערמעגלעכט דאָס צו וויסן.

גענעראַציע	מענער — %	פרויען — %	סך־הכל — %
ערשטע	51,5	48,5	100,0 (3427)
צווייטע	6,1	39,0	100,0 (219)

אויספיר: מען קאָן פאַרצייכענען אין שיין פון די אויסגעטייטשטע טענדענצן צוויי אויסגעשפּראָכענע דעמאָגראַפישע געשעענישן:

1) די ייִדישע אימיגראַנטן־באַפעלקערונג אין לאַנד כאַראַקטעריזירט זיך מיט אַ מערקבאַרער פאַרעלטערטקייט, כלפּי דער ייִדישער הי־געבוירענער באַפעלקערונג (פאַרגלייך־צעטל 6).

2) דער גרעסערער מענער־באַשטאַנד (פאַרגלייך־צעטל 12) פון דער אימיגראַנטן־באַפעלקערונג, האָט באַגרענעצט די מעגלעכקייט פון דורכויסיקע חתונות צווישן אויסלענדער. און האָט אויך פּאַראַלעל באַגרענעצט די מעגלעכקייט פון דורכויסיקע חתונות צווישן אַרגענטינער.

די סאָציאָלאָגישע אויסוויקלונג פון די דאָזיקע דערשיינונגען פירט צו דער נויטווענדיקייט זיך צו פאַרטראַכטן אַז אויב די פּראָצעסן פון „האָמאָגעניזירונג” (אויב די מערקבאַרע אַראָפּנידערונג פון דער אויסלענדער באַפעלקערונג), וועלן אָנגיין בלויז אויפן דעמאָגראַפישן שטח„ זיינען זיי נוטה, צו פאַראורזאַכן אַ געפערלעכע פּנימלאָזיקייט אויף די איבעריקע שטחים אויף וועלכע עס אַנטוויקלט זיך דאָס געמיינדע־לעבן.

אויסצומיידן די דאָזיקע פּנימלאָזיקייט הייסט געפינען פאָרמען פאַר געמיינשאַפטלעכן אָנשפּאַר, וואָס זאָלן רעספּעקטירן די פּראָצעסן, וועלכע שאַפן זיך פון דער אויפקומענדיקער דעמאָגראַפישער סטרוקטור.

עס האַנדלט זיך, מיט איין וואָרט, אין צואייגענען דעם „קולטור פאַרמעג” (נאָרמעס, ווענדפּונקטן, טראַדיציעס, מנהגים, וכדומה) צו די נויטווענדיקייטן פון דער גרופּע וואָס וועט זיך דאַרפן אויסלעבן מיט דעם, אויסמיידנדיק די „בלויזע איבערפּלאַנצונג” פון סאָציאַל־קולטורעלע ראַמען, וואָס זיינען פונקציאָנעל געווענדעט פאַרן אויפהאַלט און אַנטוויקלונג פון דעמאָגראַפיש־פאַרשידענע סאָציאַל־קולטורעלע גרופּן, פון די וואָס ווערן דאָ שטודירט.

עס איז כדאַי צוצוגעבן — אויף אָפּצוצייכענען די דאָזיקע דערשיינונגען — אַז זיי קומען אויף און צייטיקן זיך מיטן געבאָט אויסצופירן די ראָל פון די „פונקציאָנעלע אָנווייזונגען” און נישט פון דער „אָביעקטיווער קריטיק”.

1.5 די געאָגראַפישע פאַרטיילונג פון דער באַפעלקערונג*

1.5.1. אַלגעמיינע באַטראַכטונגען: דער דאָזיקער קאַפּיטל נעמט זיך פאַר צו מאַכן אַ פאַרגלייך־שטודיום וועגן די דערשיינונגען פון דער געאָגראַפישער פאַרטיילונג פון דעם ייִדיש־אַרגענטינער באַפעלקערונג.

עס איז אויך כדאַי קלאָר צו מאַכן, אַז אין אַלגעמיין איז דער אַנאַליז פון די טעמעס פון דאָזיקן באַריכט — אין דער מערהייט פאַלן — אַ פּראָדוקט פון „אַרויסגעצויגענע” דאַטן (לויט ווי עס איז פריער אויפגעקלערט געוואָרן); אַזוי אַרום זיינען די פלענער פון דאָזיקן אַנאַליז תמיד אָנגעוויזן אויף די עקזיסטירנדיקע דאַטן. דאָס איז אויך דער תנאַי פאַר דער טיפקייט און ברייטקייט פון זייערע אויספירן.

באַציִענדיק זיך אָביעקטיוו צו דער טעמע איז לייכט איינצוגעפינען, לויט דער פאַראַנענער אינפאָרמאַציע, די וואָג וואָס עס האָבן געהאַט — אין דער פאָרמירונג פון לאָקאַלן ייִדישן ישוב — די אימיגראַנטן קאָטינגענטן, וואָס האָבן זיך צוערשט באַזעצט אין אינערן לאַנד.

ביים פאַרגלייך־שטודיום איבער די הי־געבוירענע מיטגלידער פוןביידע גענעראַציעס, קומען אַרויף מערקבאַרע אונטערשידן.

די ערשטע גענעראַציע פון אונדזער אומפאַנג, רעקרוטירט איר וויכטיקסטן קאָטינגענט, צווישן די ייִדן געבוירענע אין דער הויפּטשטאָט, אָדער גלייך נאָך דעם, צווישן ענטרע־ריאָסער ייִדן, די געבוירענע אין די פּראָווינצן בוענאָס־איירעס און סאַנטאַ־פע, פונקט ווי די אַנדערע

---

* זע טאַבעלן און פאַרגלייך־צעטלען אין די טעקסטן פון דער שפּאַנישער אָפּטיילונג.

פראָווינציעלע ייִדן, שטעלן מיט זיך פאָר צווישן דער שטודירטער באַפעלקערונג אַ פרעקווענץ פון קלענערער באַדייטונג.

די פראָווינציעלע קאָנטינגענטן פון דער צווייטער גענעראַציע קאָנדענסירן, אין קעגנטייל, זייערע גרעסטע פרעקווענצן צווישן די געבאָרענע ייִדן אין דער הויפּטשטאָט און פראָווינץ בוענאָס־איירעס, און לאָזן די סאַנטאַ־פעער, ענטרע־ריאָסער און אַנדערע פראָווינצער אויף די הינטערשטע פלעצער.

די דאָזיקע גרעסערע „הויפּטשטעטישקייט" פון דער ייִנגסטער גרופּע, וואָס איז בפירוש דערוויזן אין דעם פאַרגלייך־צעטל 13, דאַרף אינטערפּרעטירט ווערן אין שייַן פון כסדרדיקן מיגראַציע־פּראָצעס צו די שטאָט־צענטערס, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט זייערע עלטערן.

דאָס דאָזיקע איבערציִען זיך, וואָס מיר רופן אָן „אינערלעכע מיגראַציע", מערקט זיך אויף אַ בולטן אופן, ווען מיר פאַרגלייכן די באַקומענע דאַטן מיט דער צענז־אינפאָרמאַציע פון 1947.

פאַרגלייך־צעטל 13 פונאַנדערטיילונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג לויט יוריסדיקציעס

יוריסדיקציע	צענז אין 1947 [1]	קהילה	
		1טע גענעראַציע	2טע גענעראַציע
	%	%	%
הויפּטשטאָט — — — — — —	66,6	49,2	76,5
פראָוו' ב. איירעס — — — —	13,1	13,6	8,6
פראָוו' ענטרע־ריאָס — —	4,7	22,7	4,5
פראָוו' סאַנטאַ־פע — — —	6,8	7,7	4,3
אַנדערע פראָווינצן — — —	8,8	6,8	6,1
סך־הכל — — — — —	100,0	100,0	100,0
באַזע — — — — — —	(249,330)	(689)	(1875)

[1] קוועלע: נאַציאָנאַלער צענז אין 1947.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז די גרעסערע צאָל פון ענטרע־ריאָסער ייִדן אין אונדזער מיט, איז נישט קיין אינדיווידועלע באַזונדערקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, נאָר אין אַ גורם פון דער אַלגעמיינער מיגראַציע טענדענץ פון דער ענטרע־ריאָסער באַפעלקערונג.

פּ. אי. מאָנטעאַגודאָ דעפינירט די פראָווינץ ענטרע־ריאָס ווי איינע פון די יוריסדיקציעס, וואָס האָט פונאַנדערגעשפּרייט איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער רעפּובליק אַ צאָלרייכערע איינגעבוירענע באַפעלקערונג, ווי דעם גאַנצן באַטרעף פון דער אייגענער באַפעלקערונג אויף איר טעריטאָריע. אין 1947 האָט זיך 14% פון דער ענטרע־ריאָסער באַפעלקערונג געפונען אויסער איר פראָווינץ.

ווידעראַמאָל שווימען אַרויס די קוואַליטאַטיווע אונטערשידן צווישן די צוויי גענעראַציע־גרופּן, און עס קומט אַרויס בולט אין דאָזיקן אַספּעקט, אַז די צוקונפטיקע אַנטוויקלונג פון דער לאָקאַלער ייִדישער געמיינדע, וועט שוין נישט זיין אויפן חשבון פון די מיגראַטאָרישע מיטשטייערן. נאָר דורך דעם אינעווייניקסטן וווּקס פון דער „הויפּטשטעטישער" ייִדישער באַפעלקערונג.

2. עקאָנאָמיש־סאָציאַלער אַנאַליז

2. 1 די עקאָנאָמיש אַקטיווע באַפעלקערונג*

פאַר די צוועקן פון אַנאַליז, איז באַנוצט געוואָרן, ווי אַ קריטעריום, דער באַגריף: „עקאָנאָמיש אַקטיווע פערזאָן״, לויט דער סוגערירונג פון דער „און״, און די קלאַסיפיצירונג נעמט אַרום דעם אומפאַנג פון באַשעפטיקטע פערזאָנען מיט געהאַלטן.

די באַקומענע ציפערן — נעמענדיק אין אַכט די באַגרענעצטקייט פון די קוועלן — געהערן צו דער צווייטער גענעראַציע. ער מיינט, אַז די פאַרגלייכן וואָס קאָנען אויסגעשטעלט ווערן מיט די צענז־דאַטן, קאָנען האָבן בלויז אַן אילוסטראַטיוון ווערט, לויט דער מאָס, וואָס די צענז־אינפאָרמאַציע געהערט צו פאָרשונגען פון 14 יאָר און ווייטער, בעת אונדזערע דאַטן, וואָס געהערן צו פאָרשוינגען אין חתונה־עלטער, שטעלן אפשר מיט זיך פאָר די „סאַמע אַקטיווסטע״ סעקטאָרן פון דער באַפעלקערונג.

עס איז איבעריק מסביר צו זיין באריכות דעם פאַרוואָס פון דער דאָזיקער לעצטער השערה, אָבער עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז די ווירקונג פון דער עקאָנאָמישער שטויס־קראַפט ווירקט זיך אויס זייער שאַרף אויף יונגע פאָרפעלקער, לויט דער מאָס ווי דאָס טרייבט זיי אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן צו אַ „געמיינזאַמען״ זוכן פון עקאָנאָמישע רעסורסן, כדי צו דעקן די הצטרכותן פון דער נייער היים.

פון דעם שטאַנדפונקט פון דער „עקאָנאָמישער אַקטיוויטעט״, מערקן זיך אין פרינציפ די פונדאַמענטאַלע דאַטן פון די פאַרגלייכטע באַפעלקערונגען.

טאַבעלע 14: עקאָנאָמישע אַקטיוויטעטן פון דער באַפעלקערונג

(פאַרגלייך־צעטל)

צוגאָב	צענז 1947 %	קהילה %
עקאָנאָמיש אַקטיווע באַפעלקערונג — —	55.4	70.3
עקאָנאָמיש נישט־אַקטיווע באַפעלקערונג	(צוג׳) 44.6	(צוג׳ צוג׳) 29.7
סך־הכל — — — — — — — — — — —	100.0	100.0

2. 1. 1. די עקאָנאָמיש נישט־אַקטיווע באַפעלקערונג: דער מער פרטימדיקער אַנאַליז פון די קאַטעגאָריעס באַצייכנט מיט (צוג׳) און (צוג׳ צוג׳), אין דעם פריערדיקן פאַרגלייך־צעטל, ברענגט אַרויס רעזולטאַטן פון מערקבאַרן אינטערעס.

---

* זע טאַבעלע 6 און פאַרגלייך־צעטלען אין די טעקסטן פון דער שפּאַנישער אָפּטיילונג.

פאַרגלייך־צעטל 15: די עקאָנאָמיש ניט אַקטיווע באַפעלקערונג, צעטיילט לויט דעם מין באַשעפטיקונג

מין פון באַשעפטיקונג	צענז 1947 %		קהילה %	
באַשעפטיקטע		40,9		28,6
הויז־אַרבעט	34,5		21,6	
סטודענטן	3,8		6,5	
אַנדערע	2,6		0,5	
נישט־באַשעפטיקטע		3,7		0,1
כובילירטע, פּענסיאָנירטע	1,7		0,1	
אַנדערע	2,0		—	
נישט־פעסטגעשטעלטע		—		1,0
סך־הכל		44,6 (צ)		29,7 (צ״צ)

די באַדייטנדיקע אונטערשידן, וואָס מערקן זיך, אַזעלכע ווי די קלענערע פאַרגלייך־צאָל פון פרויען מיט הויז־באַשעפטיקונג, פון כובילירטע און פאָלגלעך די גרעסערע צאָל סטודענטן דאַרף געזוכט ווערן אין:

דעם אונטערשיד פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פוןביידע גרופּן.
דעם אונטערשיד פון עלטער פון ביידע גרופּן און
דער צייט־עלטער פון די צענז־ציפערן.

פון דער שטודירטער באַפעלקערונג געהערט צו דער גרוופּע פון גרעסטן קוואַליטאַטיוון אינטערעס די פון די פרויען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט הויז־אַרבעט.

דער רעלאַטיוו־יינגערער עלטער־אָפשניט פון דער יידישער פרוי, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פונעם פאַרגלייך מיט דער חתונה־סטאַטיסטיק פון דער מוניציפּאַליטעט (זע קאַפּיטל 2), פאַראַלעל מיטן פאַקט פון געפינען אַ באַדייטנדיקע צאָל סטודענטינס צווישן די חתונה־געהאַטע פרויען, רעדן — ווי פאַקטישע דערשיינונגען — וועגן דער אייגנטימלעכער סאָציאַל־עקאָנאָמישער כאַראַקטעריסטיק פון דער לאָקאַלער יידישער געמיינדע.

אָבער פאַראַלעל מיט דער „אָנווייזונג”, וואָס עס ברענגען די ציפערן ווען דער אונטערגרונטלעכער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די שטודירטע פערזאָנען, שווימען אַרויף היפּאָטעטישע סימנים, וואָס דערמעגלעכן השערות פון געוויסע פּסיכיש־סאָציאַלע ריכט־ליניעס.

אויב מ׳זאָל אַרויסגיין פון דער הנחה, אַז די איצט־שטודירטע יונגע פאָרפעלקער, זיינען א טייל פון יסוד פון דער צוקונפטיקער יידישער געמיינדע, און אויב מיר נעמען אָן אין דער זעלבער צייט, אַז די היינט „אָקאָרשט חתונה־געהאַטע פרויען”, זיינען די צוקונפטיקע מאַמעס פון די יידישע שול־קינדער, און פון די יידישע קינדער אין אַלגעמיין, ווערט אויך באַשטעטיקט די וויכטיקייט, וואָס עס טראָגט דער פּרטימדיקער שטודיום איבער די באַשעפטיקונג־שטרעבונגען פון די קינפטיקע עלטערן אין דער מאָס, וואָס נישט נאָר אַנטפּלעקט עס פאַר אונדז אַן עקאָנאָמישע אָנווייזונג, נאָר עס רעדט — לויט דער מאָס ווי עס וועט אויפגעהאַלטן ווערן די דאָזיקע באַשעפטיקונגס־־שטרעבונג — וועגן דעם מין פון צווישן־מענטשלעכע באַציִונגען און דעם דערציִונגס־סטאַטוס פון יחיד ביי די צוקונפטיקע קינדער.

קאָנקרעט רעדנדיק, מאַמעס, וואָס האָבן זיך „סעקולאַריזירט”, דאָס הייסט, פאַרלאָזן די אייגנטימלעך־טראַדיציאָנעלע באַשעפטיקונגען, ווידערהאָלן נישט די ראָל פון דער פאַרצייטיקער הויז־ווירטן, נאָר פירן אויס ראָלן פון פּראָפעסיאָנאַלן, אונטערנעמער, אָרגאַני־

זאַטאָרן וכדומה, דאָס דאַרף באַוועגן — אין שייכות צום געמיינשאַפטלעכן אַספּעקט — צו אַ נייעם אויסדרוק־לשון, אַן אַקציע, אַ וועלטבאַנעם, „אַריינגעפּאַסט" אין זייערע סאָציאַלע ראַמען, פון די וואָס געפינען זיך אַן און פאַר זיך אַליין — לויט דעם אויספיר פון די דאַטן — אין אַ כסדרדיקער פאַרענדערונג און פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

די פונאַנדערטיילונג פון דער פרויען־אַרבעט, לויט דער מדרגה פון באַשעפטיקונג ווערט כאַראַקטעריזירט אין פאָלגנדיקן פאַרגלייך־צעטל:

פרויען־באַפעלקערונג צעטיילט לויט דער מדרגה פון באַשעפטיקונג

מדרגה פון באַשעפטיקונג	צענז 1947 %	קהילה %
עקאָנאָמיש־אַקטיוו — — — —	22,6	47,9
עקאָנאָמיש נישט־אַקטיוו —	77,4	52,1
סך־הכל — — — — — — —	100,0	10,0

2. 1. 2. די עקאָנאָמיש־אַקטיווע באַפעלקערונג: מיר קערן זיך צוריק צו דער פרויען־באַפעלקערונג און איר מדרגה פון באַשעפטיקונג, כדי צו אַנאַליזירן — לשם אָפּשפּיגלונג — די באַשעפטיקונגס־כאַראַקטעריסטיק פון דאָזיקן עקאָנאָמיש־אַקטיוון פאַקטאָר פון דער שטודירטער באַפעלקערונג.

פון פאַרגלייך־שטאַנדפּונקט און כדי צו דערגרייכן אַ גרעסערע פּינקטלעכקייט, וועלן מיר די צענז־אינפאָרמאַציע באַגרינדן מיט אונדזערע דאַטן, באַנוצנדיק די פונאַנדערטיילונג, לויט די פאַרשידענע עלטער־גרופּעס. די צענז־אינפאָרמאַציע (1947), באַציט זיך אויסשליסלעך אויף דער הויפּטשטאָט.

פאַרגלייך־צעטל 18: עקאָנאָמיש־אַקטיווע פרויען אויף 100 פרויען פון יעדער עלטער גרופּע

עלטער גרופּע	צענז 1947 %	קהילה %
פון 14 ביז 17 יאָר — — — —	33,9	?
פון 18 ביז 29 יאָר — — — —	46,5	47,3
פון 30 ביז 49 יאָר — — — —	29,9	38,3
פון 50 יאָר און עלטער — — —	14,8	?
סך־הכל — — — — —	31,2	47,9

הגם דער מערקבאַרער וווּקס אין דער „אַקטיוויטעט" פון דער יידישער פרוי כלפּי דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, קאָן דערקלערט ווערן אין די טערמינען פון אַ גרעסערן אַרבעטסדראַנג, מחמת דער נויטווענדיקייט צו דעקן די פאַמיליע־בודזשעטן פון די אָקאָרשט אויפגעשטעלטע היימען, אָדער ווען מען זאָל עס אַפילו דערקלערן אין טערמינען פון אַנדערע עקאָנאָמישע אָפּווייכונגען, פאַרשטאַרקט זיך פונדעסטוועגן די היפּאָטעטישע השערה, וואָס מיר האָבן פריער אַנטוויקלט אין דעם זין, אַז די אָנוועזנהייט פון שטאַרקע „עקאָנאָמיש אַקטיווע" פרויען־קאָנטינגענטן, וועט אַרויסברענגען סטרוקטורעלע ענדערונגען אין יידישע פאַמיליען־לעבן, אין

דער מאָס ווי עס וועלן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, זיך אויסווירקן „נישט־טראַדיציאָנעלע דרכים”.

אין שלוס: וועט די אינסטיטוציאָנעלע טעטיקייט, נעמענדיק אין אַכט די אינפאָרמאַציע, וואָס רעגיסטרירט די אָפּעראַציע פון סטרוקטורעלע טראַנספאָרמאַציעס אין די שטודירטע גרופן, זיין אין אַ בעסערן מעמד צו געפינען מער אָפּעראַטיווע פאָרמען פאַר אַ צונויפשליסנדיקער אינטעגרירונג פון די פאַרשידענע טיילן פון דעם „אַל־געמיינשאַפטלעכן”.

2. 2 די באַשעפטיקונגס סטרוקטור*

2. 2. 1. די קלאַסיפיצירונג פון סאָציאַלע שיכטן: ערנסטע באַגרענעצונגען שטעלן אַוועק די קוועלן פאַר דעם וואָס פרוווט סאָציאַל קלאַסיפיצירן דער שטודירטער באַפעלקערונג, מחמת די ווענדונגען (דער קהילה־רעגיסטער פאַר חתונות) האָבן זיך נישט פאַרגענומען צו ענטפערן אויף באַשטימטע טעאָרעטישע פאָרמאַליטעטן. די סכנה, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר די שאַפונג פון רעאַלע גרופן, אַרויסגייענדיק פון דער מאַניפּולאַציע מיט סטאַטיסטישע ציפערן, צווינגט פאָרצולייגן אין דאָזיקן פאַל השערותדיקע און ריין־היפּאָטעטישע קלאַסיפיקאַציעס, צוליב דער אָרעמקייט פון די פאַראַנענע דאַטן.

נישט קוקנדיק אויף דעם איז דער קלאַסיפיקאַציע־קריטעריום, רעספּעקטירנדיק די אַרויסגעבראַכטע הנחות, צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סמך פון סטרוקטורעלע און פּסיכיש־סאָציאַלע קאָנצעפּטן. אין רעזולטאַט פון דעם זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דריי עסטראַקטן (דער האַלב אומאָפּהענגיקער שיכט, האַלב אָפּהענגיקער שיכט און דער נידעריקער), פּאַראַלעל מיטן אויפשטעלן אַ פערטן, גרופּירט אונטער דער באַצייכענונג פון „אַנדערע”, וואָס קאָנדענסירט די נישט־באַלוינטע באַשעפטיקונגען.

דער סך־הכל פון דער שטודירטער באַפעלקערונג האָט אין גאַנצן צוזאַמענגעשטעלט די פונאַנדערטיילונג, וואָס עס שטעלט אַרויס דער וויטערדיקער פאַרגלייך־צעטל, וועלכער ברענגט אַרויס, אין דעם פאַרגלייך מיט אַ דורכגעפירטער אַנקעטע פון סאָציאָלאָגישן דעפּאַרטאַמענט פון דער בוענאָס־איירעסער מוניציפּאַליטעט, אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער אינערלעכער „האַרמאָנישקייט” פון אונדזער אומפאַנג.

פאַרגלייך־צעטל 18: די עקאָנאָמיש אַקטיווע באַפעלקערונג פונאַנדערגעטיילט לויט סאָציאַלע עסטראַקטן

עסטראַקטן	קהילה %	סאָציאָלאָגישע אַנקעטע %
הויכער שיכט	4,2	
אומאָפּהענגיקער שיכט	54,1	51,5
אָפּהענגיקער שיכט	41,7	45,0
פאָלקס־שיכט	—	3,5
סך־הכל	100,0	100,0
באַזע	(2262)	(1481)

---

* זע טאַבעלע 7 און פאַרגלייך־צעטלען אין די טעקסטן.

אַרויסגייענדיק פון פאַריקן פאַרגלייך־צעטל, איז לייכט צו זען בפירוש, אַז די שטודירטע באַפעלקערונג פון די מיטעלע עסטראַקטן (אָפּהענגיקער און אומאָפּהענגיקער) נעמען אַרום 96,5% פּראָצענט פון דער שטודירטער באַפעלקערונג, קעגנאיבער 54,1, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

אָבער עס איז אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן, אַז דער אינערלעכער צונויפשטעל פון די עסטראַקטן (פאַרגלייך־צעטל 7) ברענגט אַרויס די אָנוועזנהייט פון אַ שטאַרקן קאָנטינגענט יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע (48,5%) פון דער אַקטיווער באַפעלקערונג, גררפידט אין די עקסטראַקטן אָפּהענגיקע און נידעריקע שיכטן.

מ. קאָטצער האָט שטודירנדיק די באַשעפטיקונגס־סטרוקטור אויף אַ מוסטער פון קהילה־מיטגלידער, און פון די עלטערן פון די יידישע תלמידים אין 33 שול־אַנשטאַלטן, דערמעגלעכט דורך זיינע דאַטן צו רעקאָנסטרויִרן דעם פאַרגלייך־צעטל 19, ווו עס ווידערהאָלט זיך די פריִערדיקע אָבסערוואַציעס, וועלכע פאַרזיכערן וועגן דעם איבערגעוויכט פון די מיטעלע עסטראַקטן פון דער יידיש־אַרגענטינער באַשעפטיקונגס־סטרוקטור.

עס איז אויך ווערט אונטערצושטרייכן, אַז די אונטערשידן, וואָס מערקן זיך אין דעם נאָכפאָלגנדיקן פאַרגלייך־צעטל דאַרפן אויך אינטערפּרעטירט ווערן אין שיין פון דעם פאַרשידנאַרטיקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן צוזאַמענשטעל פון די געמוסטערטע אומפאַנגען, פונקט ווי פון די צופעליקע פאַרשידנאַרטיקייטן פון אונדזערע מוסטערן.

פאַרגלייך־צעטל 19: באַשעפטיקונגס סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג מענערישע (עקאָנאָמיש אַקטיוו)

עסטראַקט	מיטגלידער מוסטער %	עלטערן מוסטער %	קהילה־שטודיום %
האַלב־אומאָפּהענגיקער שיכט —	65,4	75,8	69,6
האַלב־אָפּהענגיקער שיכט — —	27,2	15,7	25,6
נידעריק־אָפּהענגיקער שיכט —	7,4	8,5	4,8
סך־הכל — — — —	100,0	100,0	100,0
באַזע — — — — — —	(1,035)	(6,433)	(976)

דאָס אויבנדיקע, געצילט צו כאַראַקטעריזירן די שטודירטע גרופּע, דערמעגלעכט אויסצופירן אין פּרינציפּ, אַז עס האַנדלט זיך אין אַן אידענטיפיצירבאַרער מאָסן־באַפעלקערונג, ווי אַ „מיטלקלאַס אין אויפשטייג", אין וועלכן עס מערקן זיך קאָנטיקע אונטערשידן אין שייכות צו דעם „סטאַטוס" צווישן דער באַשעפטיקונגס־סטרוקטור פון די פרויען און די מענער.

די אידענטיפיצירונג צווישן די מיטלשיכט־עסטראַקטן און די דריט־ראַנגיקע אַקטיוויטעטן (האַנדלס־הייזער, בענק, אַלגעמיינע באַדינונג אאַז"וו), וואָס איז איינשטימיק אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך די געלערנטע פון די מיטלקלאַסן אין לאַטיינאַמעריקע, קאָן נאָכאַמאָל באַשטעטיקט ווערן אין דער יידיש־אַרגענטינער געמיינשאַפט דורך אַנדערע אינפאָרמאַציע־קוועלן, נעמענדיק אין אַכט די באַגרענעצטקייט פון אונדזערע אייגענע דאַטן.

אַזוי האָט אי. ל. האָראָוויץ, זאַמלענדיק פאַרשידענע קוועלן צונויפגעשטעלט אַ פאַרגלייך־צעטל פון וועלכער עס ווייזט זיך אַרויס „אַז הגם אַרגענטינע האָט אַ הויכן פּראָצענט פון איר באַפעלקערונג אין די מיטלשיכטן, איז די יידישע קאָנצענטראַציע (אין די דריט־ראַנגיקע אַקטיוויטעטן) באַדייטנדיק גרעסער, ווי די נאָרמע. דאָס שליסט נישט אויס די וויכטיקייט פון

דעם יִדישן אָנטייל אין די ערשטראַנגיקע אַקטיוויטעטן (אַגריקולטור, פּיצוכט אאַז״וו) און צווייטראַנגיקע (קאָנסטרוקציע, כימישע אינדוסטריע, טעקסטיל אאַז״וו).

פון דעם אַלעמען איז אויפגעקומען דער אינטערעס צו דעטעקטירן די דאָזיקע ראיות פון דער סאָציאַלער עסטראַקטיפיצירונג פון דער יִדיש־אַרגענטינער געמיינשאַפט, כדי צו דערגרייכן אַזוי אַרום — פון דעם פונקציאָנעלן שטאַנדפּונקט — די צופּאַסונג פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צו די סטרוקטורעלע אייגנשאַפטן און הצטרכותן פון אירע מיטגלידער.

2. 2. 2. איי ניקע אָנווייזער: חוץ די ציטירטע באַשעפטיקונגען פון די מיטגלידער, און זייער עסטראַקטיזירונג, לויט דער אויסגעשטעלטער מעטאָדאָלאָגיע איז „אַרויסגעצויגן" געוואָרן אַן אָנווייזער, וואָס וועט דערמעגלעכן צוצוגעבן אַ געוויסן צוזאַמענהאַנג צו די רעאַליזירטע אַקטיוויטעטן.

אַזוי אַרום האָט מען געפּרוווט אויסצוטיילן די פּראָפּאָרץ פון די פּאַרפּעלקער, וואָס בייטן די פריִערדיקע דירה (פון זייערע עלטערן) אויף אַ באַזונדערער ביים פאַרלייגן אַ נייע היים.

דער פאַרגלייך־צעטל 8 באַווייזט די פונאַנדערגעטיילטע רעזולטאַטן לויט צוויי גרויסע באַשעפטיקונגס־גרופּן: אָפּהענגיקע און אומאָפּהענגיקע.

ווייניקע זיינען די שטודיומס וועגן חתונה, און נאָך ווייניקער, זיינען די וואָס נעמען אויף די דאָזיקע ווענדפּונקטן, אָבער אַן אָקאָרשטיקע קאָמערציעלע אַנקעטע פאַרזיכערט אַז ביי דעם מיטלקלאַס אין אויפשטייג, איז די פּראָפּאָרץ פון דירה־טויש ביי די יונגע פּאָרלעך וואָס גייען חתונה האָבן פון 60%.

די דאָ שטודירטע באַפעלקערונג ווייזט אין סך־הכל אַ פאַרהעלטעניש פון „דירה־טויש" פון 67,8% פּראָצענט, דער דאָזיקער ווענדפּונקט דערמעגלעכט, ביים פאַרגלייך מיט דער שוין אָנגעוויזענער דערפאַרונג, זיין באַנוץ ווי „אַן אָנווייזער".

די אונטערשידן צווישן די באַשעפטיקונגס־קאַטעגאָריעס (עס בייטן דירות אָפּהענגיקע: 66,1%; אומאָפּהענגיקע: 73,2%), ווייזן אָן אויף אַ געוויסן אופן דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג פון דער דאָזיקער פאַנאַנדערשיידונג.

2. 3 די פּראָפעסיאָנאַלן־גרופּעס*

2. 3. 1. אַלגעמיינע באַטראַכטונגען: די שטייגנדיקע וויכטיקייט, וואָס עס נעמען אָן די פאַרשידענע פּראָפעסיאָנאַלן גרופּן אין דער אויספירונג און אָנפירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט אַרויפגעבראַכט די נויטווענדיקייט צו באַלויכטן זייער באַשעפטיקונגס־כאַראַקטעריסטיק.

אין דעם לויפנדיקן קאַפּיטל, זיינען גרופּירט אונטער דער באַצייכענונג פון „פּראָפעסיאָנאַלן גרופּעס", נישט בלויז די גראַדויִרטע אוניווערזיטאַריער, נאָר אויך די איבעריקע פּראָפעסיאָנעלע גרופּן, אין געוויינלעכע טעטיקייט, צום ביישפּיל: קאָמערציאַנטן, אינדוסטריאַלן אאַז״וו.

2. 3. 2. די אוניווערזיטאַרע פּראָפעסיאָנאַלן: עס קאָן געשען, אַז די נויטווענדיקייט צו שאַפן איינשליסלעכע קאַטעגאָריזאַציעס זאָל פאַרטונקלען געוויסע אינערלעכע פאַרשידנאַרטיקייטן פון דער קאַטעגאָריע. אין פאַל פון די „אוניווערזיטאַריער" נעמט אָן די דאָזיקע הנחה אַן אויסגעשפּראָכענע באַדייטונג, און דערפאַר, דער פּרטימדיקער אַנאַליז.

פאַרשידענע שטודיומס וועגן „באַשעפטיקונגס פּרעסטיזש" האָבן אַרויסגעבראַכט געוויסע היפּאָטעזעס מכח דעם באַשעפטיקונגס־אויסוואַל. ג. מורמיס פאַרזיכערט אַז „דער באַגריף פון

---

* זע פאַרגלייך־צעטל 19 און די טאַבעלעס אין טעקסט פון דער שפּאַנישער אָפּטיילונג.

געזעלשאַפטלעכן פּרעסטיזש איז ענג פאַרבונדן מיט פאַקטאָרן פון עקאָנאָמישן שטאַנד״... „די פרייע פּראָפעסיעס, זיינען דער מיטלפּונקט פון „פּרעסטיזש״, אָבער זיי פאַלן אַרונטער די אינעווייניקסטע אונטערשידן, לויט די פאַרשידנאַרטיקע קאַריערעס״. אַזוי אַרום פאַלט אויס אויפן חשבון פון די מעדיקער און אַדוואָקאַטן די העכסטע מאָס פון באַשעפטיקונגס־פּרעסטיזש.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די פּראָפעסיאָנעלע כאַראַקטעריסטיק פון די ייִדישע אוניווערזיטאַריער, זיינען מיר אָנגעקומען צום פאַרגלייך־מעטאָד מיט דעם וואָס מיר רופן אָן „די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט״.

דער שטודיום פון דעם די־טעליאַ־אינסטיטוט וועגן אָנבאָט פון ספּעציאַליזירטע אַרבעטס־הענט אין אַרגענטינע דערמעגלעכט אַריסצוברענגען באַזישע דאַטן מכוח די גראַדויִרטע פּראָפעסיאָנאַלן פון בוענאָס־איירעסער אוניווערזיטעט, אין דעם פּעריאָד 1955־1960. אַזוי אַרום האָבן מיר וועגן 18.854 פאַלן אויפגעשטעלט די פאָלגנדיקע טאַבעלע, ווו עס זיינען — לויט מען קאָן מערקן — גרופּירט געוואָרן די קאַריערעס פון גרויסע קאַטעגאָריעס:

- וווּקס לטובת די ייִדישע פּראָפעסיאָנאַלן.
- וווּקס לטובת דעם אַלגעמיינעם סך־הכל פון פּראָפעסיאָנאַלן.

פאַרגלייך־צעטל 20: פאַרטיילונג פון פּראָפעסיאָנאַלן, לויט קאַריערעס

קאַריערע	פּראָפעסיאָנאַלן אין אַלגעמיין %	ייִדישע פּראָפעסיאָנאַלן %
מעדיצין	26,8	30,4
אינזשינעריע	15,9	16,2
עקאָנאָמ׳ וויסנשאַפטן	11,5	16,2
פאַרמ׳ און ביִאָכימיע	5,2	9,0
עקזאַקטע וויסנשאַפטן	5,3	6,3
וווּקס פון פּראָפ׳ אין אַלגעמיין		
רעכטוויסנשאַפט	12,3	6,9
אָדאָנטאָלאָגיע	11,6	6,9
אַרכיטעקטור	4.4	2,5
אָבסטעטריק	5,5	—
אַנדערע	1,5	0,4
נישט־פעסטגעשטעלט	—	3,4
סך־הכל	100,0	100,0
באַזע	(18,854)	(204)

די פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָפעסיאָנאַלן פירט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז עס הערשט אַ געוויסער אויסוואַל — ביי ייִדישע פּראָפעסיאָנאַלן — פאַר אַזעלכע קאַריערעס ווי מעדיצין, עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן און אינזשינעריע, וואָס הגם דאָס קאָן אויפגעקלערט ווערן באַנוצנדיק די הנחות וועגן „באַשעפטיקונגס־פּרעסטיזש״, דאַרף עס זיין אַ טעמע פאַר מער אויפמערקזאַמע און ספּעציאַליזירטע שטודיומס.

היפּאָטעטיש איז מעגלעך זיך משער צו זיין, אַז די ריכטלינינע פון אַ פאַראַלעליזם, וואָס באַציט זיך אויף דער פאַרמינערונג פון ייִדישע אַדוואָקאַטן דאַרף צוגעשריבן ווערן אויפן פאַקט.

וואָס די דאָזיקע „ריכטליניע” (דאָס פאַרנעמען זיך מיט אַדוואָקאַטור), אויף דעם „געפאַלענעם פּרעסטיזש” פון דעם צווייג, וואָס איז אייגנטימלעך־טראַדיציאָנעל, און שטאַמט נישט פון מיטלקלאַס־סעקטאָר.

די גרופּעס יידישע פּראָפעסיאָנאַלן ברענגען אַרויס קאָנטיקע אונטערשידן לויט דעם געשלעכט. די דאָזיקע עווידענצן באַווייזט די טאַבעלע 9.

3. 3. 2. די קאַמערציאַנטן און אינדוסטריאַלן: זייער שווער קומט אָן אויסצושיידן גענוי די דאָזיקע קאַטעגאָריע, אין אַנזיכט פון דער צאָל באַשעפטיקונגס־רובריקן, וואָס קלערן נישט אויף, די בראַנזשע אָדער אַקטיווויטעט פון קאָמערציאַנט אָדער אינדוסטריאַל, נישט קוקנדיק אויף דעם ווייזט זיך אַרויס צו זיין אינטערעסאַנט אַנצומערקן דעם אינערלעכן צוזאַמענשטעל פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע.

די אַזוי אַרום אַנגעגעבענע דאַטן באַציִען זיך אויף די באַשעפטיקונגס־אָנגאַבן פון די חתנים און כלות.

צוליב דער מאָגערקייט פון געוויסע קאַטעגאָריעס וועלן די דאַטן רעגיסטרירט ווערן אין זייערע אַבסאָלוטע באַשעפטיקונגען און די פּראָצענטועלע.

פאַרגלייך־צעטל 21: קאָמערציאַנטן און אינדוסטריאַלן, פאַרטיילט לויט דער אַקטיוויטעט

אַקטיוויטעטן	אַבסאָלוטע באַשטימטקייטן	%
קאָמערציאַנטן און אינדוס־טריאַלן (אָן מערערע פּרטים)	340	76,7
מאַראָקינעראָס — — — — —	14	3,1
שניידער און פאַרבערס —	16	3,6
מאָדיסטנס — — — — — —	12	2,7
פוטערוואַרג — — — — — —	8	1,7
סטאָלער און מעבל־פּוצער	5	1,1
בעקער און קצבים — — — —	5	1,1
טאַפּיצירער — — — —	4	1,0
שוסטער — — — — — — —	2	0,7
סך־הכל — — — — —	443	100,0

ווי עס מערקט זיך, באַוועגט די צודרינגלעכקייט פון אַ געוויסער גרופּע טיפּיש־בעל־מלאכהשע אַקטיוויטעטן צו פאַרשאַרפן די פאַרזיכטיקייט אין דער באַשעפטיקונגס־גרופּירונג, מחמת ווען מיר זאָלן דאָס נישט טאָן, וואָלט עס באַדייט אָפּצוקערן זיך פון דעם פּראָבלעם פון דער „דעספּראָלעטאַריזירונג פון דעם יידישן אימיגראַנט”, וואָס באַזאָרגט אַזויפיל און האָט באַזאָרגט אונדזערע סאָציאָלאָגן.

די וואָס זיינען געשטאַנען בראש און די וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער קהילה

אין „יאָרבוך תשט״ו״ — דעם עלטערן ברודער פון דעם דאָזיקן „פּנקס״ — איז געווען פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט פון דוד גאָלדמאַן וועגן די פאָרזיצערס און די פאַרוואַלטונגען פון דער קהילה אין בוענאָס־איירעס, זינט דער אַנטשטייונג פון דער אינסטיטוציע ביז צום יאָר 1955. דאָ געבן מיר די רשימה פון די פאַרוואַלטונגען פון יאָר 1955 ביז צום יאָר 1963. חוץ דעם ברענגען מיר אויך קורצע ביאָגראַפישע פּרטים וועגן די דריי פּרעזידענטן פון דער אינסטיטוציע וועלכע זיינען געשטאַנען בראש פון איר אַרבעט אין דעם דערמאָנטן צייט־אָפּשניט. מיר פאַרצייכענען אויך די מיטגלידער פון די פאַרשיידענע קהילה־קאָמיסיעס אין די יאָרן 1957־1963 און די מיטגלידער פון ביידע קאָנסולטיווע ראָטן אין דער זעלביקער צייט.

רעד.

ד״ר אברהם מבשן

במשך די 24 יאָר וואָס ער האָט געלעבט אין אונדזער ישוב, האָט ד״ר מבשן רעאַליזירט זייער פּאָזיטיווע אַרבעטן, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם ייִדישן לאָקאַלן לעבן און לטובת דער פאַרשטענדעניש פאַר דעם ציוניסטישן געדאַנק אויך אין נישט־ייִדישע קרייזן.

ד״ר אברהם מבשן איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייטער קולטור, מיט שפּראַכן־קענטעניש, מיט איניציאַטיוו און מיט אחריות. ער איז געקומען צו אונדז אין יאָר 1936, ווי דער שליח פון נחום סאָקאָלאָוו, דעמאָלטדיקער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. זיין קומען איז געווען פאַרבונדן מיט צוגרייטן דעם באַזוך פון נחום סאָקאָלאָוו קיין אַרגענטינע. דער דאָזיקער באַזוך איז נישט צושטאַנדגעקומען, ווייל נחום סאָקאָלאָוו איז נפטר געוואָרן דעם זעלביקן יאָר. עס איז אָבער פאַרבליבן שוין צווישן אונדז ד״ר מבשן, וועלכער האָט זיך במשך דער צייט אידענטיפיצירט מיט אונדזער ישוב און איז געוואָרן אַן אייגענער, האָבנדיק דערגרייכט צו פאַרנעמען דעם אַמט פון יושב ראש פון דער קהילה און פון ועד הקהילות.

ד״ר אברהם מבשן איז געבוירן אין 1890, אין יאַסי, רומעניע. אין 1912 דיפּלאָמירט ער זיך אַלס דאָקטאָר אין פילאָזאָפיע אויפן בערלינער אוניווערזיטעט. דאָרט און אין ווירצבורג, זעצט ער פאָר זיין שטודיום, ספּעציאַליזירנדיק זיך אין אָריענטאַלישע און הויפּטזעכלעך ייִדישע וויסנשאַפטן.

אין 1913 קומט ער קיין ארץ־ישראל, וווּ ער ווערט פּראָפעסאָר אין גימנאַזיע „הערצליה״. נאָך עטלעכע יאָר פאָרט ער צוריק קיין רומעניע און אין 1919 באַזעצט ער זיך צום צווייטן מאָל אין תל־אביב, וווּ ער ווערט באַשטימט אַלס סעקרעטאַר פון דער מוניציפּאַליטעט דורך מאיר דיזענגאָף. ער פאַרנעמט דעם אַמט ביז 1924, ווען ער פאָרט

קיין רומעניע אַלס דירעקטאָר פון קרן היסוד און פאַרבלייבט דאָרט ביז 1936.

אין דעם זעלבן יאָר קומט ער קיין אַרגענטינע אין שליחות פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, ווו ער באַזעצט זיך דעפיניטיוו און פאַרבלייבט ביז צום סוף פון זיין שעפעריש לעבן.

די יאָרן וואָס ד"ר מבשן איז פאַרבליבן אין אונדזער ישוב, זיינען די פרוכטבאַרסטע און שעפערישסטע יאָרן פון זיין לעבן. די דאָזיקע ציוניסטישע און געזעלשאַפטלעכע אַקטואַציע ביי אונדז, איז אַ רייך קאַפּיטל פון טעטיקייט און פּאָזיטיווע דערגרייכונגען.

ד"ר מבשן שטייט בראש פון דער אַקציע פון קרן היסוד במשך פיל יאָרן. ער איז דער פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ אין אַרגענטינע און איז מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין ציוניסטישער אַרבעט. אַ גרויסער אויפטו איז בשעתו געווען די גרינדונג פון פּראָ־פּאַלעסטינע קאָמיטעטן, אַזוי דאָ ביי אונדז ווי אין אַנדערע זיד־אַמעריקאַנער לענדער, וועלכע האָבן מאָביליזירט די אָנגעזעענסטע אינטעלעקטואַלן און שטאַטסלייט, פאַר אונדזערע רעכט אין ארץ־ישראל.

ד"ר מבשן איז אויך דער גרינדער פון דער אַרגענטינער אָפּטיילונג פון דעם ווייצמאַן־אינסטיטוט און האָט פאַרנומען אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין „בני־ברית", אין וועלט־קאָנגרעס, אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אין מכון לתרבות ישראל, און פיל אַנדערע.

ער איז אויך געווען פאָרזיצער פון דער „דאַיאַ" און יושב־ראש פון דער קהילה אין די יאָרן 1955־56. אויף די אחריותפולע אַמטן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו און ווירדע און בייגעטראָגן צו הייבן די חשיבות פון אונדזער ישוב.

ד"ר אברהם מבשן איז נפטר געוואָרן דעם 29סטן מערץ 1960.

אלימלך גוטקין

אלימלך גוטקין איז אַ ווירדיקער רעפּרעזענטאַנט פון דעם צווייטן יידישן דור אין אַרגענטינע. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 18טן אָקטאָבער 1895 אין באַסאַווילבאַסאָ, אַ יאָר נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ענטרע ריאָס. ער איז טאַקע פון די ערשטע יידישע קינדער וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין יענער פּראָווינץ.

זיין טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג האָט גוטקין צו פאַרדאַנקען זיין היים, טראַדיציאָנעל־אָפּגעהיטענע עלטערן, דער שול ווו ער האָט געלערנט און נישט ווייניקער דער יידישער סביבה אין באַסאַווילבאַסאָ, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון אַ פרום שטעטל אין מזרח־אייראָפּע. אַלס קינד געדענקט גוטקין, ווי ער האָט געטראָגן שבת דעם טלית אין שול אַריין פאַר דעם אַלטן ווינאָקור. און די דאָזיקע שפּורן פון דער איינגעזאַפּטער יידישקייט, זיינען אים פאַרבליבן אויף אייביק.

גוטקין דערמאָנט מיט דאַנקבאַרקייט זיין לערער אלתר בראַסלאַווסקי. אַ גוטער און געטרייער לערער וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די קינדער. נאָך דער שול האָט ער מיט

די בעסערע קינדער פרייוויליק געלערנט תנ״ך, גמרא, פוסקים.

אין באסאווילבאסא איז ער פארבליבן ביזן 14טן יאר. ער קומט דערנאך קיין בוענאס איירעס און דא טרעט ער אריין אין קאלעכיא מיליטאר אין קאמפא דע מאזשא, וווּ ער איז פארבליבן ביזן 18טן יאר. גלייכצייטיק פאנגט ער אן זיין ציוניסטישע אקטואציע אין פאראיין „תפארת ציון״, דאס איז דער ערשטער ציוניסטישער פאראיין אין בוענאס־איירעס, פון וועלכן עס איז שפעטער ארויסגעקומען די ציוניסטישע פעדעראציע. טאקע אין מיליטערישן מונדיר פלעגט גוטקין קלייבן געלט פאר ציוניסטישע צוועקן.

צוריק אין באסאווילבאסא ווערט ער סעקרעטאר פון דער ציוניסטישער אגודה און צוליב מאנגל אין לערערס, פארטרעט ער צען חדשים א לערער אין דער דארטיקער שולע, וווּ עס איז געווען דירעקטאר בנציון פייגאן. אין דעם זעלבן יאר ווען עס האט זיך געשאפן די פראקציע צעירי ציון, ווערט ער איינער פון די ענטוזיאסטישע עסקנים.

אין 1919 קומט ער ווידער קיין בוענאס־איירעס וווּ ער פאנגט אן א פארצווייגטע און סיסטעמאטישע ציוניסטישע טעטיקייט אין דער צעירי ציון פארטיי, וואס איז געווען דער צענטער פאר יידישע אינטעלעקטואלן. אלע געקומענע אימיגראנטן פון אייראפע האבן דא געפונען זייער גייסטיקע היים.

זיינע ציוניסטישע מדריכים זיינען געווען דוד לאמאנאסאוו ע״ה, און צו לאנגע יאר הלל מאלימאווקא און יוסף פיין. זיי האבן זיך פולקאם אויסגעלעבט און אויסגעטראגן דעם קאמף וואס איז דעמאלט אנגעגאנגען מיט די אלגעמיינע ציונים.

גוטקין האט א רייכע געזעלשאפטלעכע און ציוניסטישע אקטואציע. ער האט אקטיווירט אין אימיגראנטן־שוץ פאראיין, אין מכבי, און איז אויך איינער פון די גרינדער פון דער ביאליק־שול אין 1930. ער איז אויך געווען טעטיק אין דער יידישער פאלקס־באנק, וווּ ער האט רעגונסירט אין יאר 1951 פאר נישט זיין איינשטימיק מיטן אופן ווי די באנק איז אנגעפירט געווארן. ער איז אויך געווען פארזיצער פון דער צעירי ציון פארטיי ווען עס איז דורכגעפירט געווארן די ענדגילטיקע פאראייניקונג אין 1945. אין יאר 1949 איז ער געווען אין דער פארוואלטונג פון דער חברה קדישא אלס רעכענונג־איבערזעער. פארזיצער פון קאמיטעט פאר הסתדרות, וויצע־פארזיצער פון קרן קימת און וויצע־פארזיצער פון מגבית.

אלס יושב־ראש פון דער קהילה איז דער פעריאד פארבונדן מיט א ריי פאזיטיווע דערגרייכונגען. זיין קאדענץ פאלט אויס נאך דעם דורכגעפירטן רעפארם פון די סטאטוטן און נאך די ערשטע פראפארציאנעלע וואלן. עס דארף גאר באזונדער באטאנט ווערן ווי א וויכטיקער איינפאל די גרינדונג פון לערערסעמינאר אין מאזעסוויל, וואס איז געווארן א לייזונג פון לערער פאר דער פראווינץ, ווי אויך דאס לייגן דעם גרונטשטיין פארן בנין פון לערער־סעמינאר ביי דער קהילה.

ד״ר טוביה קאַמענשיין

ד״ר טוביה קאַמענשיין, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פרעזידענטן־אַמט פון דער קהילה און פון ועד הקהילות במשך די לעצטע דריי יאָר, איז פון די ייִנגסטע פרעזידענטן אין אונדזער קהילה און אין דער ייִדישער וועלט בכלל. דאָס רעדט אַמבעסטן וועגן דעם גייסט וואָס עס הערשט אין אונדזער קהילה, וועלכע צעעפנט ברייט אירע טירן פאַר די יונגע דורות.

קאַמענשיין, הגם ער איז געבוירן אין פוילן, אָסטראָג־וואָלין, אין יאָר 1918, דאַרף ער אָבער באַטראַכט ווערן ווי אַ פּראָדוקט פון אונדזער סביבה. ער איז אָנגעקומען אַהער אַלס קינד צוזאַמען מיט די עלטערן זיינע, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך די טראַדיציע פון דער אַלטער קהילה אין אָסטראָג, וואָס איז געווען אַ מקום־תורה און אַן אָרט פון באַרימטע ישיבות.

ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ טראַדיציאָנעלער ייִדישער היים. ער האָט נאָך באַוויזן צו לערנען אין חדר אין זיין געבורטשטאָט. זיין ייִדישע דערציִונג האָט ער דאָ באַקומען אין דער העברעיִשער שול ביי דעם ציוניסטישן פאָלקס־פאַרבאַנד. נאָכן האָבן פאַרענדיקט די שול, האָט ער פאָרגעזעצט צו לערנען ייִדישע לימודים ביי יעגערן, דירעקטאָר פון דער שול. ביי אים האָט ער זיך דערוואָרבן סיסטעמאַטישע ידיעות אין תנ״ך, תלמוד און העברעיִשע ליטעראַטור. אַ צווייטער לערער זיינער וואָס האָט געזאָרגט פאַר זיין ייִדישן וויסן, איז געווען ד״ר צבי ווײַנשטיין ע״ה, פּראָפעסאָר פון לערער־סעמינאַר.

ד״ר קאַמענשיין האָט אָנגעהויבן גאַנץ פרי זיין ציוניסטישע טעטיקייט צו פערצן יאָר איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין השומר הצעיר, ווּ ער איז באַלד געוואָרן ראש־הקן. אַלס סטודענט איז ער איינער פון די איניציאַטאָרס פון דער גרינדונג פון דער ייִדיש־סטודענטישער אָרגאַניזאַציע „אבוקה״ און „אַטענעאָ סיאָניסטאַ אוניווערסיטאַריאָ״.

שפּעטער, אין די סטודענטישע יאָרן נאָך, טרעט ער אַריין אַלס חבר פון דער באַוועגונג פועלי־ציון־התאחדות, ווּ עס ווערן אים אָנפאַרטרויט וויכטיקע אַמטן און ער ווערט אַ מיטגליד אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

נאָך אַלס יונגערמאַן ווערט ער דעלעגירט צו פאַרנעמען דעם אַמט אַלס סעקרעטאַר פון קרן קימת. שפּעטער פירט ער אָן מיטן סעקרעטאַריאַט פון קרן היסוד און דערנאָך — מיטן פאַראייניקטן קאַמפּיין, אַמטן ווּ ער צייכנט זיך אויס מיט איניציאַטיוו און דינאַמישקייט.

במשך דריי פעריאָדן איז ער געווען סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי, איז דעלעגירט געוואָרן צו ציוניסטישע קאָנגרעסן און איז אַ מיטגליד פון אַקציאָנס־קאָמיטעט.

אויף דעם פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אַלס ראש־הקהל — דער העכסטער געזעלשאַפטלעכער אַמט פון אונדזער ישוב — האָט ער געהאַט אַ ברייט פעלד פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און האָט אַ סך בייגעטראָגן צו פאַרטיפערן דעם ציוניסטישן גייסט פון דער קהילה.

אין דער צייט פון זיין פרעזידענץ דאַרף גאָר באַזונדער אויסגעטיילט ווערן, אַ חוץ אומצאָליקע איניציאַטיוועס — די גרינדונג

פון דער ביוראָ פאַר סטאַטיסטיק און סאָציאַלע פאָרשונגען, דאָס שאַפן די ישיבה פאַר רבנים און אַנדערע. ד״ר קאַמענשיין האָט ווירדיק פאָרטראָטן די קהילה און דעם ועד הקהילות ביי אינטערנאַציאָנאַלע יידישע אַסיפות.

צוזאַמענשטעל פון די פאַרוואַלטונגען פון דער בוענאָס איירעסער קהילה פון דעם יאָר 1954 ביז 1957

61סטע קאַדענץ, סעפּטעמבער 1954 — אויגוסט 1955:

פאָרזיצער — שמואל ראַבינאָוויטש; 1טער וויצע־פאָרזיצער — אברהם פאָליאַקאָוו; 2טער וויצע־פאָרזיצער — כוליאָ לעווין; גענעראַל־סעקרעטאַר — אינזש׳ נחמן ראַדזשיכאָווסקי; אַקטן־סעקרעטאַר — אליהו גלאַובערמאַן; 1טער פראָ־סעקרעטאַר — נחום אייזענבערג; 2טער פראָ־סעקרעטאַר — שמחה הערמאַנאָוויטש; קאַסיר — חיים טשאַלקאָף; 1טער פראָ־קאַסיר — אליעזר פרידמאַן; 2טער פראָ־קאַסיר — חיים לעווין. פאַרוואַלטונג־מיטגלידער: יעקב כאַניש, יעקב יאַקובאָוויטש, ד״ר בערנאַרדאָ לערנער, לעאָן ראַבינאָוויטש, ד״ר דוד רויזין, משה טקאַטש, הערש זלמן, ברוך דענעמאַרק, בערנאַרדאָ עדענבורג, משה גאָראָדיטש, בערנאַרדאָ גראָדזיצקי, שמואל קעמפּער, זעלמאַן פרוזשאַנסקי, משה האָניק, יואל ווײַנערמאַן; רעכענונג־איבערזעער: דוד קולאַקאָווסקי, משה קאַלטאַן; פאַרטרעטער פון רעכ׳־איבערזעער: יצחק יאַקובאָוויטש, לאַזאַראָ סאַוועלסקי.

62סטע קאַדענץ, סעפּטעמבער 1955 — דעצעמבער 1956:

פאָרזיצער — ד״ר אברהם מבשן; 1טער וויצע־פאָרזיצער — אברהם פאָליאַקאָוו; 2טער וויצע־פאָרזיצער — ד״ר ראַול נאָוויק; גענעראַל־סעקרעטאַר — אינזש׳ נחמן ראַדזשיכאָווסקי; אַקטן־סעקרעטאַר — אליהו גלאַובערמאַן; 1טער פראָ־סעקרעטאַר — אליעזר ראָזענבלום; 2טער פראָ־סעקרעטאַר — יוסף מענדל גליקסמאַן; קאַסיר — חיים טשאַלקאָף; 1טער פראָ־קאַסיר — לייב שלמה קוועלער; 2טער פראָ־קאַסיר — חיים לעווין. פאַרוואַלטונג־מיטגלידער: ברוך דענעמאַרק, בערנאַרדאָ עדענבורג, משה גאָראָדיטש, יוסף גראָדזיצקי, שמואל קעמפּער־פרוזשאַנסקי, משה האָניק, יואל ווײַנערמאַן, לעאָן אַרענזאָן, בערנאַרדאָ באַרקאַן, הערמאַן האָלענבערג, ברוך ישמח, דוד קאָהאַן, מאַנועל רעצעפּטער, לייב שמולעוויטש. רעכענונג־איבערזעער: משה קאָלטאַן, הערמאַן גאָלדשמידט. פאַרטרעטער פון רעכ׳־איבערזעער: לאַזאַראָ סאַוועלסקי, יחזקאל רובינשטיין.



פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער

פעריאָד 1957 — 1960

פאָרזיצער	אלימלך גוטקין
1טער וויצע־פאָרזיצער	בערנאַרדאָ לערנער
2טער וויצע־פאָרזיצער	אליהו וועג
גענעראַל־סעקרעטאַר	צבי פיינגערש
אקטן־סעקרעטאַר	ד״ר דוד רויזין
ערשטער פראָ־סעקרעטאַר	אברהם מיטלבערג
צווייטער פראָ־סעקרעטאַר	ישראל זאַנג
קאַסיר	אלתר הירש
1טער פראָ־קאַסיר 1958/59	משה פערלמאַן
1טער פראָ־קאַסיר 1959/60	זלמן גאָטליב
2טער פראָ־קאַסיר 1958/59	ראובן פעפערמאַן
2טער פראָ־קאַסיר 1959/60	מנחם יונגערמאַן

וואָקאַלן:

יעקב בערקאָוויטש
יקותיאל בערנשטיין
חיים פעפער
משה פישמאַן
משה גאָראַדיטש

עמנואל מאָרגנשטערן
לעאָן ראַבינאָוויטש
פנחס מ. ראָזענבערג
מאיר טאָקער
יוסף כ. וועגנראָווער
גרעגאָריאָ זשעלאַזני

רעכענונגס־איבערזעער:

דוד שפיגעל
ד״ר דוד טאַבאַקמאַן

פאַרטרעטער:

מאַנפרעדאָ אנספאַטש
אהרון ווילנער

סוב־קאָמיסיעס

1960 — 1957

קולטור

סעקרעטאַר: אברהם מיטלבערג
פראָ־סעקרעטאַר: מנחם יונגערמאַן
יקותיאל בערנשטיין
דוד רויזין

יעקב בערקאָוויטש
אליהו גאָראַדיטש
זלמן הירשפעלד
קורט ווילק
י. ב. גוטמאַן

יוגנט

סעקרעטאַר: ד״ר דוד רויזין
פראָ־סעקרעטאַר: יעקב בערקאָוויטש
ד״ר בערנאַרדאָ לערנער
זלמן גאָטליב
גרעגאָריאָ זשעלאַזני

סאָציאַלע הילף

סעקרעטאַר: מאיר טאָקער
פראָ־סעקרעטאַר: גרעגאָריאָ זשעלאַזני
חיים פעפער
ישראל זאַנג
דוד כשר
ישראל ראָזענפאַרב
יצחק בענעק
מרדכי בערנשטיין

הלוואות

סעקרעטאַר: יוסף חיים וועגנראָווער
פראָ־סעקרעטאַר: עמנואל מאָרגנשטערן
לעאָן ראַבינאָוויטש
משה פישמאַן
מאיר טאָקער
ישראל גרינבוים

עליה

סעקרעטאַר: יעקב בערקאָוויטש
פראָ־סעקרעטאַר: ד״ר דוד רויזין
חיים יוסף וועגנראָווער
זלמן גאָטליב
פישל אייזנבערג
ישראל גרינבוים
פנחס ראָזענבערג

בוררות - קאָמיסיע

פאָרזיצער: משה גאָראַדיטש
וויצע־פאָרזיצער: לעאָן ראַבינאָוויטש
עמנואל מאָרגנשטערן
יוסף חיים וועגנראָווער
שמעון רובינס
יצחק רייף
משה טורניאַנסקי
דוד קולאַקאָווסקי

רעליגיעזע ענינים

סעקרעטאַר: אליהו וועג
פראָ־סעקרעטאַר: ישראל זאַנג
יוסף חיים וועגנראָווער
מאָנפרעדאָ אנספאַטש
אהרון סלינין
יוסף האַמבורגער
חיים דוד רעטהאָוסער

בתי - עלמינס

סעקרעטאַר: חיים פעפער
פראָ־סעקרעטאַר: משה פישמאַן
אהרון ווילנער
דוד שפיגעל
אליהו וועג
פנחס מ. ראָזענבערג

קאָטשעריאַ

סעקרעטאַר: פנחס מ. ראָזענבערג
פראָ־סעקרעטאַר: חיים פעפער
דוד שפיגעל
אליהו וועג
ישראל זאַנג

איינקויף-קאָמיסיע

סעקרעטאַר: משה פישמאַן
פראָ־סעקרעטאַר: מאַנועל מאָרגנשטערן
משה גאָראַדיטש
מאָנפרעדאָ אנספאַטש
אהרון ווילנער

אינטעראינסטיטוציאָנעלע

סעקרעטאַר: זלמן גאָטליב
פראָ־סעקרעטאַר: אברהם מיטלבערג
ד״ר בערנאַרדאָ לערנער
יקותיאל בערנשטיין
ד״ר דוד רויזין

מיטגלידער

סעקרעטאַר: ד״ר בערנאַרדאָ לערנער
פראָ־סעקרעטאַר: דוד שפיגעל
פנחס מ. ראָזענבערג
משה גאָראַדיטש
לעאָן ראַבינאָוויטש
נאָום קאַצאָוויטש
בנימין לעמפערט
אַלעכאַנדראָ טאָלטשינסקי
יעקב פיינזילבער

מיטגלידער פון ראַט

פעריאָד 1957 — 1960

ליסטע נומער 1

ד״ר טוביה קאַמענשיין
ד״א קלאַרא ס. דע פילער
אליעזר פרידמאַן
אינזש׳ נחמן ראַדזיכאָווסקי
חיים סיקאָרסקי
שמעון רובינס
ישראל גרינבוים
משה בערמאַן
ענריקע קאַופמאַן
דוד כשר
אפרים פערלאַ
פישל אייזנבערג
אינזש׳ חיים בלאַנק
אלקנה ברייטפעלד
עמנואל צעדערבוים
לייב גאָלד
יעקב גראַבאָווסקי
משה העכט
כוליאָ האָפמאַן
זלמן הירשפעלד
גרשון אינלער
איסר קאַמינסקי
זוסיא קרעמער
בנימין לעמפערט
קאַרלאָס פאָדאָלסקי
אליהו רייף
אַלעכאַנדראָ טאָלטשינסקי
משה טורניאַנסקי
אהרון ווינערמאַן
הלל מאַלימאָווקאַ

ליסטע נומער 2

ישראל קופערמינץ
ישראל אָווסעכעוויטש
ענריקע צוויק
שלמה כ״ץ

ליסטע נומער 3

יצחק באָקסער
שמעון שוסטערמאַן
יעקב מילער

ליסטע נומער 4

ערנעסטאָ אָפענהיימער
כאָסע האַמבורגער
קורט ווילק
זיגפריד כוואַט
גיזשערמאָ גאָלדבערגער

ליסטע נומער 5

ד״ר שמשון דרוקאַראָוו
סערכיאָ ליפשיץ
איסאַק ביכאָווסקי
לעאָן פייערמאַן
ישראל וואַסילקאָווסקי
ישראל פורילעס
דוד פרידלאַנד
לעאָן קאָלבאָווסקי
וואָלף קאָלבאָווסקי
מיגעל בעסערמאַן
סאַלאָמאָן זילבערבערג

ליסטע נומער 6

בערנאַרדאָ ווייסנשטיין
אינזש׳ אָסקאַר גלאַזערמאַן
ישראל לעילען
ד״ר מאַרקאָס וואָדאָוואָז

ליסטע נומער 7

יוסף האָרן
מרדכי בערנשטיין
ד״ר מרדכי פרץ

ליסטע נומער 8

חיים פינקלשטיין
ד״ר יונה קאָווענסקי
אהרון יורקאָוויטש
אינזש׳ גרעגאָריאָ פייגאָן
לעאָן אַברוך
דוד קולאַקאָווסקי
נאַום קאַצאָוויטש
יוסף באַנעט
ישראל ראָזענפאָרב

יצחק בעניעק
קאָסינטאָ קאַרפּ
סאַלאָמאָן אימאַר
קאָסע פּאַראַסאָל

ליסטע נומער 9

אברהם פּאָליאַקאָוו
משה ליפּשיץ
יעקב פיינזילבער
יעקב פּיעטשאַנסקי
משה ראַבין
חיים ב. גוטמאַן

אהרון סלינין
יעקב אַוערבאַך
מתתיהו גאָלדוואַסער
מאַרקאָס מאַראַזאָווסקי
וואָלף גלוקסמאַן

ליסטע נומער 10

נתן גיטטער
הײם ראַטאַיזער
לעאָן פעלדמאַן
יוסף יאַקובאָוויטש
אליהו זאַגראַניטשנע

פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער

פעריאָד 1960 — 1963

פאָרזיצער — — — — — — — — — — — — ד״ר טוביה קאַמענשטיין
1טער וויצע־פאָרזיצער — — — — — — — — שמואל גלאַזערמאַן
2טער וויצע־פאָרזיצער — — — — — — — — אַנטאָניאָ קליין
גענעראַל־סעקרעטאַר — — — — — — — — אליעזר פרידמאַן
אַקטן־סעקרעטאַר — — — — — — — — — — ד״ר דוד רוויזין
1טער פּראָ־סעקרעטאַר — — — — — — — — משה האָניק
2טער פּראָ־סעקרעטאַר — — — — — — — — דוד קלימאָווסקי
קאַסיר — — — — — — — — — — — — — אשר גראָקאָפּ
1טער פּראָ־קאַסיר — — — — — — — — — דוד קולאָקאָווסקי
2טער פּראָ־קאַסיר — — — — — — — — — קדיש חיים

וואָקאַלן:

ישראל קאַרפּעס
שלמה ציטרין
משה פישמאַן
יוסף מענדל גליקסמאַן
לייב גאָלד

ישראל גרינבוים
מאיר פרענגלער
לעאָן ראַבינאָוויטש
שמאי טראַכטער
דוד רעזניק
מאיר זעליגמאַן

רעכענונגס־איבערזעער:

דוד שפּיגעל
פעליפּע לאָי

פאַרטרעטער:

מאָנפרעדאָ אַנספּאַטש
משה קאַפּלאַן

אינערלעכע סובקאָמיסיעס

קולטור

סעקרעטאַר: משה האָניק
שלמה ציטרין
ישראל קאַרפּעס
ד״ר דוד רויזין
מנחם יונגערמאַן
חנא גאַרבער (אין ישראל)
נח כהן
אברהם מיטלבערג
כוליאָ בערנאַרדאָ כמיעל
אינזש׳ אָסקאַר גלאַזערמאַן

יוגנט

סעקרעטאַר: ד״ר דוד רויזין
משה האָניק
דוד קלימאָווסקי
אברהם גאָרבאַט
אַדאָלפאָ דיווינסקי
סאַלאָמאָן סוכאָוו
דוד רעזניק
לעאָן בערנשטיין

סאָציאַלע הילף

סעקרעטאַר: מאיר זעליגמאַן
ישראל קאַרפּעס
ישראל גרינבוים
משה קאַפּלאַן
סאַלוואַדאָר סטעפּאַנסקי
לאַוראַ ב. דע אייזנבערג
שמואל גדוד
כאָסע פּאַראַסאָל
ישראל לעילען
מרדכי בערנשטיין
אברהם קליין

הלוואות

סעקרעטאַר: משה פישמאַן
מאיר פרענגלער
משה קאַפּלאַן
משה דוד מישענער
דוד שפּיגעל ע״ה
עליאַס פעלדמאַן
קדיש ווייס

עליה

סעקרעטאַר: שמואל גלאַזערמאַן
ד״ר דוד רויזין
שמאי טראַכטער
ראובן לעווין
אברהם טורניאַנסקי
כוליאָ מאיראָוויטש
אריה פעדער
ישראל ראָזענפאַרב

בוררות-קאָמיסיע

פאָרזיצער: דוד קולאַקאָווסקי
משה קאַפּלאַן
יוסף ראָגאָווסקי
אליהו רייף
לעאָן מענין
ברוך ישמח
אַרמאַנדאָ גאָלדשמידט ע״ה
קדיש ווייס

רעליגיעזע ענינים

סעקרעטאַר: דוד קלימאָווסקי
שמואל גלאַזערמאַן
יוסף מענדל גליקסמאַן
מרדכי איצקאָוויטש
מאַקסימאָ לעווין
כואַן האַרף
כאַקאָבאָ מורמיס
פישל בלומענצווייג

בתי-עלמינס און קאַטשעריטאַ

סעקרעטאַר. דוד שפּיגעל
ישראל גרינבוים
שמואל גלאַזערמאַן
מאיר פרענגלער
לעאָן ראַבינאָוויטש
גרעגאָריאָ וואלא
מאַנפרעדאָ אנספּאטש
דוד רעזניק

איינקויף-קאָמיסיע

סעקרעטאַר: ישראל גרינבוים
דוד שפּיגעל

מאיר פרענגלער
פעליפע לאַי
משה טורניאַנסקי
חיים לעווין
כאַסינטאָ קאַרפּ

אינטעראינסטיטוציאָנעלע

סעקרעטאַר: אַנטאָניאָ קליין
דוד קלימאָווסקי
מאַנפרעדאָ אַנספּאַטש
אבֿרהם מיקיי
ידידיה אפרון
נחמיה גאָלדבאַרט
הערש נחמן נאָוואָדוואָרסקי

מיטגלידער

סעקרעטאַר: פעליפע לאַי
ישראל גרינבוים
דוד שפיגעל
אהרון ווינערמאַן
מתתיהו גאָלדוואַסער
כוליאָ שוואַנדער
גרשון געסטעל
ענריקע הימלבלוי
הערמאַן קלינגער

מיטגלידער פון ראַט

פעריאָד 1960 — 1963

ליסטע נומער 1

חיים פינקלשטיין
אברהם מיטלבערג
נאַום קאַצאָוויטש
כאַסינטאָ קאַרפּ
כוליאָ שוואַנדער
כאָסע באַנעט
בערנאַרדאָ עדענבורג
ישראל ד. ראָזענפאַרב
בענעדיקטאָ ישמח
עליאַס פעלדמאַן
זעליק מעכאַניק
כאָסע פּאַראַסאָל
ידידיה אפרון
אליעזר קופמאַן
הערש זעלמאַן
גרעגאָריאָ גימצאָוויטש

ליסטע נומער 2

משה דיין
משה בערנשטיין
חיים לעווין

ליסטע נומער 3

יוסף האַרן
גרשון ה. געסטעל
באָריס פּיק
יקותיאל בערנשטיין

ליסטע נומער 4

כוליאָ מאַיראָוויטש
נחמן נאָוואָדוואָרסקי
ענריקע הימלבלאַו
כוליאָ בערנאַרדאָ כמיעל
אהרון פּיודיק

ליסטע נומער 5

ד״ר מאַרקאָס וואַדאָוואָז
שבתאי אינגער
מתתיהו גאָלדוואַסער
ישראל לעילען
נחמיה גאָלדבאַרט
אינזש׳ אָסקאַר גלאַזערמאַן
לעאָן טאַרנאָפּאָלסקי
פּאַבלאָ שמידבערג
מאַנועל פליישער

ליסטע נומער 6

מאַקס אהרון שטאַרקמאַן
יוסף לוצקי
ערמינדאָ דאַברי

יעקב מורמיס
ד״ר כואַן פעליטש
מרדכי דיין
אברהם קליין
וואַלענטין קאופמאַן
מיגעל פרעסמאַן

ליסטע נומער 7

אירמלך גוטקין
מאַקסימאָ לעווין
צבי פיינגערש
ד״ר לעאָן פּאָדהאָרצער
שלמה גוטמאַן
מנחם יונגערמאַן
ד״ר אברהם גאָרבאַט
לאַורא ב. דע אייזנבערג
שמואל גדוד
פעדעריקאָ שטראַוס
משה ד. מישענער
מרדכי פילאַרענט
אליהו רייף
הנא גאַרבער (אין ישראל)
יצחק וואָליניעץ
סאַלוואַדאָר סטעפּאַנסקי
יעקב גראַבאָווסקי
אברהם מיקעי
לעאָן מענין
אברהם טורניאַנסקי
שלמה סוכאַי

אהרון וויינערמאַן
נח כהן
אַדאָלפאָ דיווינסקי
בערל משה קליינער
דוד שפיגעל ע״ה
מאַרקאָס וויינטראַוב
ראובן לעווין
משה טורניאַנסקי
ישמעאל דוד ליפינא
יצחק פיאָלקאַ
ישראל עפשטיין
הלל מאַלימאָווקאַ

ליסטע נומער 8

הערמאַן קלינגער
פעדעריקאָ סאממער
קורט ווילק
כואַן האַרף
זיגפריד כוואַט

ליסטע נומער 9

אַמאַנדאָ גאָלדשמיט ע״ה
פישל בלומענצוויג
מרדכי איצקאָוויטש
בעריש דענעמאַרק
אריה פעדער
ישראל יאַבלקאָווסקי
משה גאָלדמאַן

ועד החינוך המרכזי

1960 — 1957

פּאָרזיצער — — — — — — — — — — — — ד״ר דוד טאַבאַקמאַן
1טער וויצע־פּאָרזיצער — — — — — — — — י. בערנשטיין
2טער וויצע־פּאָרזיצער — — — — — — — — א. דיין
סעקרעטאַר — — — — — — — — — — — ז. אַרענשטיין
1טער פּראָ־סעקרעטאַר — — — — — — — — ל. גאָלד
2טער פּראָ־סעקרעטאַר — — — — — — — — א. טאַבאַטשניק
אַקטן־סעקרעטאַר — — — — — — — — — — מ. מייערד־לאַזער
קאַסיר — — — — — — — — — — — — ד. מאַלקעס
פּראָ־קאַסיר — — — — — — — — — — — ד. שפּיגעל

וואָקאַלן:

אינזש׳ ח. בלאַנק
י. גראַבאָווסקי
א. הירש
ג. זשעלאַזני
א. טאַבאַטשניק
ג. טאַפּעט
א. טורניאַנסקי
ד״ר ב. לערנער

י. מלמד
י. מענדעלסאָן
צ. מאַרמאַר
צ. פיינגערש
ח. פינקעלשטיין
ד״ר י. קאַהענסקי
נ. ראַדזישיכאָווסקי
מ. שטיינבערג

1963 — 1960

פּרעזידענט — — — — — — — — — — — לייב גאָלד
1טער וויצע־פּרעזידענט — — — — — — — — טוביה גובקין
2טער וויצע־פּרעזידענט — — — — — — — — ד״ר ישראל עטלים
סעקרעטאַר — — — — — — — — — — — זלמן אַרענשטיין
סעקרעטאַר פון שטאָט־דעפּ׳ — — — — — ישראל האַניק
סעקרעטאַר פון פּראָווינץ־דעפּ׳ — — — — — יקותיאל בערנשטיין
אַקטן־סעקרעטאַר — — — — — — — — — — מאיר לאַזער

וואָקאַלן:

ישראל לייזשען
משה רובין
בערל באַרקאַן
אריה טאַבאַטשניק
ישראל לעוויטע
ישראל עפּשטיין
פּנחס קאַרפּ
א. שפּילפויגל (ע. ריִאָס)
חיים פינקעלשטיין
חיים גלעמבאָצקי

שולמית יתאָוויטש
יוסף מענדעלסאָן
מיכאל פּרעסמאַן
לייב ראַבינאָוויטש
דוד קרישקאָוצקי (ראָזאַריאָ)
י. באַנעט
יעקב גראַבאָווסקי
אברהם מיטלבערג
נתן ציגמאַן
דוד שפּיגעל

משה זשוראַווליוקער (לאַ פּלאַטאַ)

אייניקע דאַטן פון אונדזער קהלשן לעבן

— 1957 —

11.1 פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער טעקסט פון אַפּמאַך צווישן ועד־הקהילות און דער יידישער קאָנגרעגאַציע וועגן דעם אַז דער ועד־הקהילות וועט איבערנעמען דאָס שול־וועזן אין דער פראָווינץ.

5.3 פראָקלאַמירט דעם יערלעכן פאַראייניקטן קאַמפּיין אין לונאַ־פּאַרק.

14.3 זלמן שזר אָנגעקומען קיין בוענאָס איירעס צום חינוך־קאָנגרעס.

16.3 דערעפנט דעם חינוך־קאָנגרעס מיטן אָנטייל פון זלמן שזר.

10.4 געקויפט אַ פּלאַץ פאַרן לערער־סעמינאַר.

14.4 פאַרגעקומען וואַלן צו דער קהילה (דאָס ערשטע מאָל אויפן יסוד פון נייעם פּראָפּאָרציאָנעלן וואַל־סיסטעם.

24.4 ערשטע סעסיע פון קהילה־ראַט. אויסגעוויילט די נייע פאַרוואַלטונג; פּרעזידענט — אלימלך גוסקין.

26.4 אָנגעקומען ד״ר נחום גאָלדמאַן.

15.5 אַקט פון איבערנעמען די אַמטן פון דער נייער קהילה־לייטונג.

23.5 קהילה דערעפנט איר קולטור־זמן.

15.6 פאַרגעקומען די ערשטע פּעדאַגאָגישע קאָנפערענץ פון רעליגיעזע שולן.

21.6 געזעגנט די אַרגענטינער מיטגלידער פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

26.6 פּעדאַגאָגישער צוזאַמענקום פון ועד־החינוך.

1.7 די קהילה און ועד־הקהילות באַגריסן דעם מאָנסעניאָר דע אַנדרעאַ צו זיין 80־יאָריקן געבוירנטאָג.

24.7 די קהילה שליסט זי אָן אין סאָלידאַריטעט־אַקט מיטן רומענישן יידנטום.

20.8 ד״ר ערנעסט דוד בערגמאַן פון ירושלים אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס.

28.8 דערעפענונג פון „חודש פון יידישן בוך״.

31.8 די קהילה דערמאָנט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל (1897).

10.9 אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס דער ישראל־מיניסטער פּנחס סאַפּיר.

11.9 קהילה באַשליסט צו שאַפן אַ צענטראַלן ועד־החינוך פאַרן גאַנצן לאַנד.

12.9 גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון קהילה־ראַט.

13.9 געשטעלט 26 מצבות פאַר עלנטע נפטרים אויפן בית־עולם אין בעראַסאַטעגי.

17.9 ספּעציעלע סעסיע פון קהילה־ראַט לכבוד דער כנסת־דעלעגאַציע בראש מיט מאיר ארגוב.

19.9 געשטעלט 211 מצבות פאַר עלנטע נפטרים אויף די בית־עלמינס פון ליניערס, סיודאַדעלאַ, טאַבלאַדאַ.

7.10 אָנגעקומען דער שרייבער יצחק באַשעוויס.

1.11 טעלעגראַפישע באַגריסונג צום נשיא יצחק בן־צבי צו זיין 2טער ווידערדערוויילונג.

27.11 ערשטע זיצונג פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אונטער דער פּרעזידענץ פון אלימלך גוטקין.

11.12 אָנגענומען אַ באַשלוס צו שיקן 36 תלמידים פון לערער־סעמינאַר, שלום־עליכם־שולן און מכון ללימודי היהדות קיין ישראל אויף השתלמות.

24.12 חנוכה־פייערונג אין דער קהילה.

דעצ. דערשינען דער באַריכט און באַלאַנס פון דער קהילה.

— 1958 —

4.1 קהילה דערעפנט אַ רעגיסטער פון יוגנטלעכע רעפערענטן אין יידיש, העברעיש און שפּאַניש.

18.3 אָנגענומען דעם בודזשעט פאַרן לויפנדיקן יאָר אין דער הייך פון 41 מיליאָן פּעזעס.

2.4 אָנגעקומען מרדכי שטריגלער.

3.4 דערעפנט דעם קולטור־זמן מיטן אָנטייל פון מרדכי שטריגלער.

22.4 סטיפּענדיעס פאַר ייד. יוגנטלעכע צו פּערפעקציאָנירן זיך אויף פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע געביטן.

23.4 אויסעראָרדנטלעכע סעסיע פון קהילה־ראַט לכבוד 10 יאָר מדינת־ישראל.

28.4 אָרדנטלעכע סעסיע פון קהילה־ראַט.

12.5 באַשלוס, אַז פּרעסע־פאַרשטייער זאָלן בייזיין די עפנטלעכע זיצונגען פון דער קהילה און ועד־הקהילות.

20.5 באַנייט די שעורים פון תלמוד, געלערנט דורכן אב״ד פון דער קהילה, הרב אביגדור ציפּערשטיין.

27.5 דערעפנט די לעקציעס פון תנ״ך געלערנט פון יוסף רויזען.

29.7 די קהילה באַשטייערט זיך מיט 50 טויזנט פּעזעס פאַר די געליטענע פון דער פאַרפּלייצונג אין בוענאָס־איירעס און פירט דורך אַ זאַמלונג פון געלט, וועש און מלבושים.

3.9 דערעפנט דעם „חודש פון יידישן בוך״.

19.9 געשטעלט 215 מצבות פאַר עלנטע נפטרים אויף די בית־עלמינס פון סיודאַדעלאַ, ליניערס און טאַבלאַדאַ.

22.10 ווענדונגען פון דער דאַיאַ צום שרייבער־קאָנגרעס אין מענדאָסאַ אין שייכות מיט די רדיפות אויף דער יידישער קולטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

13.11 אָרדנטלעכע פאַרזאַמלונג פון קהילה־ראַט.

דעצ. ספּעציעלער נומער פון אילוסטרירטן זשורנאַל „ארץ ישראל״ (185) געווידמעט דער קהילה.

דעצ. דערשינען דער באַריכט און אַלגעמיינער באַלאַנס פון דער קהילה.

— 1959 —

8.1 געשאַפן אַן אויספיר־קאָמיטעט ביי דער קהילה צו גרייטן די פייערונגען פון „100 יאָר שלום־עליכם״.

2.3 דערעפנט דאָס שלום־עליכם־יאָר מיט אַ פייערונג אין זאַל פון דער קהילה.

מערץ באַגריסונג צום דיכטער ה. לייוויק, צו זיין 70־יאָריקן געבוירנטאָג.

3.4 אָנגענומען פּרעלימינאַר בודזשעט אויף 59 מיליאָן פּעזאָס.

18.4 דערעפנט דעם קולטור־זמן מיטן אָנטייל פון יעקב גלאַטשטיין.

20.5 באַגריסונג פאַר גאָלדע מאיר, אויסערן־מיניסטאַרין פון ישראל, לכבוד איר אָנקומען אין אַרגענטינע.

24.5 אויפנאַמע לכבוד גאָלדע מאיר.

3.6 באַשטימט אויפן בית־עולם אין טאַבלאַדאַ צוויי רייען פאַר עסקנים, וואָס האָבן געבויט אונדזער ישוב.

27.7 גענעראַל־סעקרעטאַר צבי פיינגערש און קאַסיר אלתר הירש — דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ פון ייוו״ק אין שטאָקהאָלם.

14.8 די קהילה דערמאָנט דעם 70־יאָריקן יובל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

18.9 פּרעסע־קאָנפערענץ פון גענ׳ סעקרעטאַר צבי פיינגערש און קאַסיר אלתר הירש וועגן דער קאָנפערענץ פון ייוו״ק.

25.9 דעלעגאַציע פון דער קהילה קיין מאָזעסוויל צו די פייערונגען פון 70 יאָר יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

29.9 דערעפנט דעם „חודש פון יידישן בוך״.

7.10 געקויפט אַ דירה פאַרן צוגאַב־סעמינאַר אין מאָזעסוויל.

21.10 אַקט אין דער קהילה לכבוד דעם 70־יאָריקן יובל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

21.10 באַגריסונג צו דוד בן־גוריון צו זיין 73־יאָריקן געבוירנטאָג.

24.11 דאַיאַ געפייערט איר 25סטן יובילײ.

— 1960 —

8.3 קהילה פאַררופט אַ פּרעסע־קאָנפערענץ וועגן די צוגרייטונגען צו די פייערונגען פון „100 יאָר יידישער ישוב אין אַרגענטינע״.

23.3 פּראָקלאַמירונגס־פייערונג „100 יאָר יידישער ישוב״ אין זאַל פון דער קהילה, מיטן אָנטייל פון ד״ר נחום גאָלדמאַן.

אַרויסטריט פון גענ׳ סעקרעטאַר צבי פיינגערש אין ראַדיאָ וועגן די פייערונגען.

מערץ באַריכט און אַלגעמיינער באַלאַנס פאַרן יאָר 1959.

6.4 איבערגעגעבן דעם כתב־הרבנות דעם רב הראשי יעקב פינק. מען וועט פלאַנצן אַ „יער מבשן״ לזכרון דעם געוועז׳ ראש־הקהל.

10.4 געלייגט דעם גרונטשטיין פאַרן בנין פון נייעם לערער־סעמינאַר.

24.4 פאַרגעקומען די וואַלן צו דער קהילה.

13.5 דערעפנט דעם קולטור־זמן, געווידמעט דעם הערצל־יאָר.

19.5 אָנגעקומען ישראל־מיניסטער אבא אבן.

26.5 פּראָקלאַמירט אַ ליטעראַרישן קאָנקורס אד״ט: „פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט פון אַרגענטינער יידנטום אויף דער שוועל פון צווייטן יאָרהונדערט״.

27.5 סעסיע פון קהילה־ראַט איבערגעגעבן די אַמטן דער נייער פאַרוואַלטונג.

3.6 פּראָגראַם־רעדע פון ראש־הקהל ד״ר טוביה קאַמענשטיין ביים איבערנעמען די אַמטן.

9.6 באַשטימט צוויי פּרעמיעס לכבוד 100 יאָר ייד. ישוב אין אַרגענטינע און 150 יאָר מאַי־רעוואָלוציע.

9.7 זיך אָנגעהויבן דער 2טער חינוך־קאָנגרעס מיטן אָנטייל פון ד״ר בן־יהודה.

15.7 די קהילה שליסט זיך אָן צום הערצל־יאָר ביז דער פייערונג כ׳ תמוז, אָרגאַניזירט דורך דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

12.8 איינגעפירט אַ חתונה־רעגיסטער ביים ראַבינאַט.

27.8 פייערלעך דערעפנט דעם צוזאַמענפאָר פון ועד־הקהילות.

9.9 ראַדיאָ־אודיציע געווידמעט „100 יאָר יידיש לעבן אין אַרגענטינע״; אַרויסטריט פון ראש־הקהל, ד״ר ט. קאַמענשטיין.

15.9 דערעפנט דעם „חודש פון יידישן בוך״, מיטן אָנטייל פון חיים גראַדע.

25.9 געשטעלט 51 מצבות פאַר עלנטע נפטרים אויפן בית־עולם אין בעראַסאַטעגי.

6.11 אַקט פון אויפדעקן אַ הערצל־ביוסט אין פאַיע פון דער קהילה.

6.11 געשטעלט 117 מצבות פאַר עלנטע נפטרים אויף די בית־עלמינס פון סיודאַדעלאַ, ליניערס און טאַבלאַדאַ.

10.11 פאַרזאַמלונג פון קהילה־ראַט.

14.11 באַערונגס־מסיבה פאַר געווי' פרעזידיום־מיטגלידער פון צענטראַלע אינסטיטוציעס (אין שייכות מיט 100 יאָר ייד. ישוב).

14.11 אזכרה־אַקט אויפן בית־עולם אין ליניערס, אין אָנדענק פון די בויער פון ישוב (אין די ראַמען פון די פייערונגען: „100 יאָר יידישער ישוב״).

15.12 זיצונג פון קהילה־פרעזידיום מיט אָנפירער פון בית־יתומות און היימען פון בורסאַקאַ. פלאַן פון צונויפגיסן ביידע אַנשטאַלטן און אָפטיילן דעם מושב זקנים.

15.12 חנוכה־פייערונג.

21.12 קהילה וועט אונטערנעמען אַ ווערבירונגס־אַקציע פאַר נייע 10 טויזנט מיטגלידער; געשאַפן אַ קוראַטאָריום פאַרן ישיבה־סעמינאַר.

24.12 אונטערגעשריבן דעם אָפמאַך אָנצוהייבן בויען דעם בנין פאַרן לערער־סעמינאַר.

— 1961 —

6.3 פורים־פייערונג אין דער קהילה.

10.3 אָנגעהויבן די איינשרייבונגען פון קינדער וואָס ווערן בר־מצוה דאָס יאָר (געבוירן אין יאָר פון דער אַנטשטייונג פון דער מדינה).

26.3 דערעפנט דעם קולטור־זמן מיטן אָנטייל פון ד״ר ש. ביקל.

6.4 גורל־ציונג פון צוויי בר־מצוה קינדער, וואָס ווערן געשיקט קיין ישראל (גורל געפאַלן אויף די קינדער ישראל ט. בראַמבערג און סאַראַ רובינשטיין). אַנדערע פינף קינדער געקראָגן פרעמיעס (צו 5 טויזנט פעזעס).

12.4 געענדערט דעם סיסטעם פון סובסידירן די שולן.

די קהילה וועט דעקן 60 פראָצענט פון די לערער־געהאַלטן אין די אָנפאַנג־שולן און 70 פראָצענט אין די מיטל־שולן.

20.4 די קהילה און ועד־הקהילות צום 13טן יום־העצמאות.

8.6 דערעפנט קורסן פון יידישער געשיכטע פאַר יוגנט.

9.6 עסקנים־באַראַטונג וועגן די זונטיק־קורסן אין די געגנטן.

30.6 פייערלעכער קבלת־פנים לכבוד זלמן שזר.

9.7 זיך דערעפנט דער צווייטער חינוך־קאָנגרעס מיטן אָנטייל פון זלמן שזר.

1.9 געשטעלט 20 מצבות פאַר עלנטע נפטרים אויפן בית־עולם אין בעראַסאַטעגי.

5.9 דערעפנט דעם „חודש פון יידישן בוך״.

15.9 געשטעלט 146 מצבות פאַר עלנטע נפטרים אויף די בית־עלמינס פון סיודאַדעלאַ, ליניערס און טאַבלאַדאַ.

18.9 מסיבה פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג מיט אָנפירערס פון ספרדיש און דייטש־רעדנדיקע יידישע צענטערן.

19.9 פייערלעכע דערעפענונג פון ישיבה־סעמינאַר ביי דער קהילה.

29.9 זשורנאַליסטן־מסיבה מיט פראָפ' שאול אַש פון ישראל וועגן דער וויסנשאַפטלעכער קאָנפערענץ, וואָס ווערט דאָ דערעפנט פון דער קהילה, צוזאַמען מיטן מכון ליהדות זמננו פון ישראל.

2.10 לחיים אין דער קהילה לכבוד דעם 75־יאָריקן געבוירנטאָג פון דוד בן־גוריון.

11.10 דערעפענונג פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון ש. דייוויס, בצלאל שערמאַן און ד״ר שאול אַש.

26.10 פאַרזאַמלונג פון קהילה־ראַט.

3.11 דוד בן־גוריון אַקאַדעמיע צו זיין 75־יאָריקן געבוירנטאָג (טעאַטער נאַסיאָנאַל).

15.11 די קהילה באַערט אירע ערשטע מיטגלידער, בויערס פון ישוב, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן מיט 50 יאָר צוריק.

30.11 די קהילה און ועד־הקהילות באַגריסן דעם נשיא יצחק בן־צבי צו זיין 75־יאָריגן געבוירנטאָג.

3.12 חנוכה־פייערונג.

7.12 דעלעגאַציע קיין מאָזעסוויל צו די פייערונגען פון ערשטן אַרויסלאָז פון לערער־סעמינאַר.

14.12 אַקט פון איבערגעבן די פרעמיעס דעם ד״ר כ. ליבערמאַן און ד״ר ב. איסאַיעוו — געווינער פון ליטעראַרישן קאָנקורס, אד״ט: „פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט, און צוקונפט פון די יידן אין אַרגענטינע״.

דעצ. אין יאָר 1961 — צוגעקומען 1.600 נייע מיטגלידער.

דעצ. באַריכט און אַלג׳ באַלאַנס פון דער קהילה (67סטער פעריאָד).

— 1962 —

12.1 באַזוך פון טשילענער סטודענטן אויף זייער וועג קיין ישראל.

19.2 קבלת־פנים פאַר משה שריג־שטיינבערג, צום איבערנעמען דעם אַמט אַלס מנהל פון ועד החינוך המרכזי.

25.3 מסיבה לכבוד דעם קאַפיטאַן און אָפיצירן פון דער ישראל־שיף „טעאָדאָר הערצל״.

10.4 ס׳ווערן געהעכערט די סובסידיעס פאַר חינוך.

24.4 באַראַטונג מיט עסקנים וועגן די קולטור־אַקסן אין די געגנטן.

30.4 פאַרזאַמלונג פון קהילה־ראַט.

4.5 באַראַטונג מיט זשורנאַליסטן און לעקטאָרן וועגן דער קולטור־אַרבעט אין דער קהילה.

8.5 מעלדונג צו דער מיטגלידערשאַפט, אַז ס׳ווערט געהעכערט דעם מינימום־אָפּצאָל אויף 40 פּעזעס חודשלעך.

13.5 צענטראַלע יום־העצמאות פייערונג אין טעאַטער „אָפּעראַ״.

10.6 שבועות־פייערונג.

12.6 געשאַפן אַן אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע פאָרשונגען; פרעסע־קאָנפערענץ אין דער קהילה.

13.6 סטיפּענדיעס פאַר אַספּיראַנטן אויף שוחטים.

26.6 אויפנאַמע פאַר דעם יוגנט־ראַט פון לאַטיין־אַמעריקע.

19.7 אויפנאַמע לכבוד פּראָפּ׳ ערנסט ב. חיין.

28.7 דער ישוב האָט דורכגעפירט דעם גראַנדיעזן פּראָטעסט־שטרייק קעגן די נאַצי־שע אָנפאַלן אויף ייִדן.

29.7 אָנשלוס־אַקט פון דער קהילה צום 100־יאָריקן יובל פון דער ייִדישער קאָנגרעגאַציע אין אַרגענטינע.

5.8 צענטראַלער אַקט געווידמעט 100 יאָר מאָריס ראָזענפעלד.

8.8 אַקט צום נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג תשעה־באב.

16.9 דערעפענונג פון חודש פון ייִדישן בוך, מיטן אָנטייל פון מרדכי שטריגלער.

23.9 געשטעלט 300 מצבות פאַר עלנטע נפטרים אויף די בתי־עלמינס פון סיודאַדעלאַ, ליניערס און טאַבלאַדאַ.

7.10 צענטראַלער אזכרה־אַקט נאָך די אומגעקומענע קהילות אין פוילן.

11.10 באַזוך פון לייבל כ״ץ, פּרעזידענט פון בני־ברית (פאַר׳ שטאַטן).

29.10 פרעסע־קאָנפערענץ וועגן פינאַנציעלן מצב פון דער קהילה.

30.10 פאַרזאַמלונג פון קהילה־ראַט. באַשטעטיקט עמערגענץ־קאַמפּיין פאַר די לאָקאַלע הצטרכותן פון ישוב.

1.11 מסיבה אין דער קהילה לכבוד די עסקנים און מנהיגים פון די ספרדישע און דייטש־רעדנדיקע קהילות.

14.11 באַערונגס־אַקט לכבוד די מיטגלידער, וואָס האָבן פאַרענדיקט פופציק יאָר זינט זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַמאָליקער חברה־קדישא.

14.11 די קהילה־פאַרוואַלטונג אונטערגעשריבן דעם קויף־שיין אויף אַ שטיק באָדן פאַרן בית־עולם פון טאַבלאַדאַ.

19.11 פאַרזאַמלונג פון שול־עסקנים וועגן דער לאַגע פון היגן ייִדישן שול־וועזן.

22.11 דערשיינען „באַריכט פון אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע פאָרשונגען און סטאַטיסטיק בײַ דער קהילה. — די קהילה האָט אַרויסגעלאָזט געשאַנק־באָנאָס ווי אַן אָנהייב פון קאַמפּיין פאַר די דרינגלעכע הצטרכותן פון ישוב.

28.11 געזעגענונגס־מסיבה אין דער קהילה לכבוד הרב פינק צו זײַן עולה זײַן קיין מדינת ישראל.

3.12 געשלאָסן דעם קולטור־זמן פון דער קהילה.

II

די טעטיקייט פון וועד הקהילות

זלמן וואַסערצוג

צען יאָר עקסיסטענץ פון וועד־הקהילות

אַ סך־הכל פון דערגרייכונגען

— 1 —

דער וועד־הקהילות, וואָס צייכנט איצט אָפּ דעם צען־יאָריקן יובילײ פון זיין עקסיסטענץ, איז אַרויסגעקומען פונעם קאָנגרעס פון די לאַנדעס־קהילות, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין די טעג פון 4טן ביזן 7טן סעפטעמבער 1952. דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז עס זיינען אויך פריִער נישט געמאַכט געוואָרן פרוּוון צו גרינדן אַ פאַרבאַנד פון אַרגענטינער קהילות.

אַזאַ פרוּוו איז בפירוש געמאַכט געוואָרן נאָך אין יאָר 1945, ווען עס איז געפייערט געוואָרן דער חנוכת־הבית פונעם קהילה־הויז, און עס זיינען פאַרבעטן געוואָרן פאָרשטייער פון די פראָווינץ־קהילות, צו באַטייליקן און מיטפרייען זיך מיט דער וויכטיקער געשעעניש. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ צענטראַלע פון די קהילות, כדי צו העלפן לייזן די קהילות אין דער פראָווינץ זייערע וויטאַלע פראָבלעמען. פון יענעם פרוּוו אָדער איז אָבער גאָר נישט אַרויסגעקומען.

ביי דעם פריִער דערמאָנטן קאָנגרעס זיינען געווען פאַרטראָטן 36 קהילות דורך 97 דעלעגאַטן. צבי פיינגערש, דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה, וועלכער האָט ביי דעם קאָנגרעס געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „דער וועד־הקהילות, זיינע צילן און זיין אָרגאַניזאַציע”, האָט ביים רעזומירן די מיינונגען געזאָגט:

„און בכדי צו קענען געבן אַ לייזונג די אַלע באַרירטע פראַגן, גלייבן מיר, אַז עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ צענטראַלער אָרגאַניזם — דער וועד־הקהילות. מען האָט מיר געפרעגט צי מיר האָבן נישט צוגעגרייט אייניקע קאָנקרעטע פראָיעקטן פאַר דעם. ענטפער איך, אַז פונקט ווי פאַר אַ קהילה איז נישט גענוג, וויפל סטאַטוטן מען זאָל נישט מאַכן, ווייל דאָס וואָרט קהילה אַליין פאַר זיך איז אַ סטאַטוט, וואָס פאַרפליכטעט צו גרעסערע רעאַליזירונגען, אַזוי זיינען אויך די צוויי ווערטער „וועד־הקהילות”, וואָס באַטייט פאַראייניקן אַלע צעשפרייטע ישובים, וואָס לעבן ביז איצט אַלס אָפגעזונדערטע שבטים, און פאַרפליכטן צו אַ פאַרצווייגטער אַרבעט, בכדי צו פאַרפעסטיקן אונדזער יידיש לעבן”.

ביים שליסן דעם דאָזיקן גרינדונגס־קאָנגרעס, האָט דער פרעזידענט פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה און פון קאָנגרעס, ד״ר משה גאָלדמאַן, בפירוש אָנגעוויזן, אַז דאָס איז נישט דער ערשטער קאָנגרעס פון דעם מין. ד״ר גאָלדמאַן האָט אין זיין וואָרט געזאָגט:

„עס איז מיין אויפגאַבע איצט צו שליסן אָט־דעם קאָנגרעס, וואָס אויב ער איז נישט דער ערשטער פון דעם מין, איז ער בלי־ספק דער ערשטער וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן ביי אונדז אין לאַנד מיט אַזעלכע גוטע ווונטשן און פערספעקטיוון. אין פאַרלויף פון אונדזערע דעבאַטן, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט עטלעכע מאָל צו פאַרשטאַרקן מיין צוטרוי אין דער צוזאָגנדיקער צוקונפט פון אָט־דעם אָרגאַניזם, וואָס עס איז אונדז מעגלעך געוואָרן צו פאַרוואַנדלען

אין אַ שיינער ווירקלעכקייט, אַ דאַנק די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פונעם ייִדנטום פון אינדזער גאַנצער רעפּובליק״.

אין זיין ווייטערדיקן וואָרט רופט ד״ר גאָלדמאַן צו פאַראייניקן זיך אַרום דעם וועד־הקהילות און ער ברענגט אַרויס אַ פּראָגראַם פאַר דער נייער אָרגאַניזאַציע:

„מיר בויען אַ גרויסע ברודערשאַפט, וועלכע ווייסט נישט פון קיין אונטערשיידן צווישן אָרעמע און רייכע ברידער: עס זיינען נישטאָ קיין דעלעגאַטן פון דער הויפּטשטאָט אָדער פּראָווינץ, פון גרויסע אָדער קליינע קהילות. מיר זיינען באַזעלט פון אַ געמיינזאַמער שטרעבונג פון אחדות פון אונדזער ישוב, צו באַפעסטיקן און צו פאַרזיכערן זיין קיום, צו העלפן יענע וואָס נויטיקן זיך אין אונדזער הילף. איך בין זיכער, אַז איר אַלע וועט איבערגעבן צו אייערע קהילות דעם דעמאָקראַטישן גייסט וואָס האָט געהערשט אויף אָט־דעם קאָנגרעס און די אידייען וואָס האָבן איט באַלעבט. אויב מיר וועלן זיך פעסט האַלטן אין דעם גייסט און אין די אידייען, וועט דער וועד־הקהילות דערגרייכן די פּרוכטן וואָס מיר אַלע ווינטשן אים״.

דעריבער איז פון יעדן שטאַנדפּונקט באַרעכטיקט צו רעכענען דעם בראשית פון וועד־הקהילות, זינט ער האָט אָנגעהויבן זיין ווירקלעכע טעטיקייט, זינט ער איז געוואָרן אַ בר־קיימא, אַ לעבעדיקער פאַקטאָר אין אונדזער לעבן.

— 2 —

צען יאָר עקסיסטענץ פאַר אַזאַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע מיט דערציערישע און קולטורעלע אויפגאַבן, איז באמת זייער ווייניק בכדי צו קענען מאַכן אַ סך־הכל פון אירע קאָנקרעטע דערגרייכונגען. מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז די ערשטע צען יאָר עקסיסטענץ איז דער סאַמע שווערסטער פּעריאָד. במשך די יאָרן איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט און ס׳איז אַפילו אויפגעהייבן געוואָרן דער סקעלעט פון בנין פון וועד־הקהילות, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר היינט צו טאָג אַ סאָלידן אָרגאַניזאַציאָנעלן בנין.

פאַר אַלעם איז נויטיק געווען צו געווינען דעם צוטרוי פון די קהילות. אין דער פּראָווינץ האָט מען זיך תחילת באַצויגן מיט אומצוטרוי און חשד צו דער נייער אָרגאַניזאַציע, וואָס פּרעטענדירט צו ווערן דער דעה־זאָגער און בעל־הבית פון אַלע קהילות פון לאַנד.

ווען מ׳איז געקומען פאָרלייגן אַ קהילה זיך אָנצושליסן אין וועד־הקהילות, האָבן די עסקנים געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. „מ׳וועט זיך פריִער אַרומקוקן, נאָכפרעגן זיך, געוויר ווערן ווי אַנדערע קהילות וועלן זיך נוהג זיין״... דאָס איז טאַקע אַ גוטער שטריך, וואָס רעדט צום גוטן פון די קהילות. איידער מען גייט זיך אָנשליסן אין אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, מוז מען פריִער וויסן וועגן דעם כאַראַקטער און די צילן פון דער אָרגאַניזאַציע.

דאָס איז אפשר די סיבה פאַרוואָס די פריִערדיקע פּרוּוון האָבן נישט פּראָספּערירט. ס׳איז נויטיק געווען צו ברעכן די דאָזיקע רעזיסטענץ און אָפּרייניקן די אַטמאָספער פון דעם אומצוטרוי צו דער נייער אָרגאַניזאַציע.

זיכער האָט מען היינט טענות צום וועד־הקהילות, און אַ סך פון זיי זיינען גאַנץ באַרעכטיקטע, קיינער אָבער וועט היינט נישט חושד זיין דעם וועד־הקהילות אין האָבן זייטיקע, באַהאַלטענע כוונות, ווי, למשל — וועלן לייגן אַ האַנט אויף די סופּעראַזויטן פון די קהילות...

עס האָבן אויך נישט געפעלט אידעאָלאָגישע חשדים. אַ צאָל קהילות, ווו די אָנפירונג האָט געהאַט אַ לינקיסטישע שטעלונג, האָבן פּשוט נישט דערלאָזט אַז זייערע קהילות זאָלן פאַרשטאַרקן אַ ריעאַקציאָנערע כלל־ישראל אָרגאַניזאַציע מיט ציוניסטישע צילן...

מיט נישט ווייניק אַרבעט, און דורך פּערזענלעכער ווירקונג, זיינען די אַלע חשדים באַזייטיקט געוואָרן. היינט צו טאָג איז נישטאָ קיין איין וויכטיקער ישוב, וועלכער זאָל נישט זיין אָנגעשלאָסן אין דעם וועד־הקהילות. אָפיציעל האָבן מיר 120 קלענערע, גרעסערע און גאָר קליינע

קהילות; אומאָפיציעל אָבער זיינען מיר אַן אַדרעס פאַר אַלע פונקטן פון ישוב, ווו עס וווינען נאָר יידן, איינגעשלאָסן אויך די יעניקע פונקטן, ווו עס לעבן נאָר געציילטע יידישע מישפחות וואָס זיינען צעוואָרפן איבער דעם ריזיקן שטח פון דער אַרגענטינער טעריטאָריע.

פאַר די 10 יאָר עקסיסטענץ פון וועד־הקהילות, זיינען צושטאַנד געקומען, איינגעשלאָסן דער לעצטער — זעקס קאָנגרעסן פון די קהילות. לויט דעם פאַרנעם פון יעדן פון די קאָנגרעסן, לאָזט זיך אָבסערווירן דער וווּקס פון וועד־הקהילות.

די וויכטיקסטע קאָנגרעסן זיינען געווען דער 4טער און 5טער. עס זיינען דאָרט געווען פאַרטראָטן העכער 60 קהילות. דער 4טער קאָנגרעס, אין יאָר 1959, האָט זיך אויסגעטיילט דערמיט וואָס דער ערן־גאַסט פון קאָנגרעס איז געווען גאָלדע מאיר, די אויסערן־מיניסטאָרין פון מדינת־ישראל.

MAYO 1959
FEDERACION DE COMUNIDADES ISRAELITAS ARGENTINAS

4טער קאָנגרעס פון ועד הקהילות מיט דער באַטייליקונג פון ישראלס אויסערן מיניסטאָרן גאָלדע מאיר. אלימלך גוטקין ביים דערעפענען דעם קאָנגרעס.

די פּראָבלעמען וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן דורך די קאָנגרעסן זיינען כמעט די זעלביקע. די פּראָבלעמען פון חינוך, יוגנט, קולטור, זיינען שטענדיק לאַטענט און ווערן נישט אַראָפּגענומען פון טאָג־אָרדענונג. דאָס זיינען אייביקע פראַגן וואָס האַלטן אונדז פּערמאַנענט באַשעפטיקט, אַזוי ביי אונדז, ווי אין אַלע אַנדערע תפוצות. דאָס זיינען פראַגן מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן אונדזער ווייטערדיקער קיום.

אויף אַלע דערמאָנטע קאָנגרעסן זיינען געהאַלטן געוואָרן אויסשעפּנדיקע רעפעראַטן אויף די פריער־דערמאָנטע טעמעס. ביי אַלע כמעט קאָנגרעסן זיינען דורכגעפירט געוואָרן ביי דער דערעפענונג־זיצונג, באַערונגען פאַר די קהילות און קדושים אומגעבראַכטע דורך די נאַציס. דערמיט איז באַטאָנט געוואָרן אונדזער גייסטיקער קשר מיט יענע אַמאָליקע קהילות, יידישע פעסטונגען פאַר אונדזער המשך.

אויפן 2טן קאָנגרעס איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע פון קאָאָרדינירן די דעמאָלט ביידע עקסיסטירנדיקע וועדי־החינוך, פון דער שטאָט און פאַר דער פראָווינץ. דערמיט איז רייף געוואָרן דער געדאַנק און ס׳איז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן צונויפצוגיסן דעם „וועד החינוך הראשי“ מיטן „וועד החינוך“ אין איין־איינציקע צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פאַר אונדזער חינוך־וועזן.

ביים 2טן קאָנגרעס, אין יאָר 1955, האָט די אָרגאַניזאַציע ערשט געהאַלטן אין דער ערשטער פאַזע פון איר גרינדונג. די אַרבעט האָט ערשט געהאַלטן ביי איר סאַמע אָנהייב. שמואל ראַביגאָוויטש, דער פרעזידענט פון דער קהילה און פון וועד־הקהילות, האָט עס אין זיין רעדע קלאָר פאָרמולירט:

„מיר האָבן ביז איצט נישט אָנצווייזן אויף גרויסע אויפטוען, אָבער מיר שטרעבן צו זיי. שוין איצט איז דער וועד־הקהילות, פאַר די צוויי יאָר פון זיין עקסיסטענץ, געוואָרן אַ פּערמאַנענטער אַדרעס פאַר אַלע אונדזערע קהילות און פונקטן פון דער אַרגענטינער פראָווינץ — צי זיי זיינען יאָ אָדער נישט אָנגעשלאָסן אין אונדזער צענטראַלע. און דאָס אַליין באַדייט שוין אַ סך. די ישובים פון דער פראָווינץ פילן זיך עלנט און פאַרגעסן. אין אונדזער ישוב איז נישטאָ די אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט זייערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן און נויטן. מיר האָבן באַוויזן צו לייגן דעם יסוד פאַר אַזאַ אָרגאַניזאַציע“.

אין זיין רעפעראַט וואָס דער דעמאָלטיקער פרעזידענט פון דער קהילה און פון וועד־הקהילות, ה׳ אלימלך גוטקין, האָט געהאַלטן אויפן 4טן קאָנגרעס אויף דער טעמע: „אָרגאַניזאַציע און פונקציע פון וועד־הקהילות“, האָט ער פעסטגעשטעלט אַז דער וועד־הקהילות איז געוואָרן אַ וויכטיקער יש אין דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן פון אונדזער ישוב. די עקסיסטענץ זיינע דאַרף מען נישט באַרעכטיקן מיט קאָמפּליצירטע טעאָריעס, נאָר זי ווערט באַרעכטיקט פון זיך זעלבסט דורך קאָנקרעטע, טאָג־טעגלעכע מעשים.

„ווען דער וועד־הקהילות זאָל מער נישט האָבן אָנצווייזן ווי אויף זיין פּערמאַנענטער זאָרג און סיסטעמאַטישער אַרבעט אויפן שטח פון יידישן חינוך, וואָלט דאָס אַליין שוין גענוג געווען צו באַרעכטיקן זיין עקסיסטענץ. בפרט נאָך, ווען די פונקציע אונדזערע איז אַ פאַרצווייגטע און נעמט אַרום די וויכטיקסטע געביטן פון אונדזער לעבן. דער אויספירלעכער און אַנאַליטישער באַריכט פון ה׳ פיינגערש האָט אייך געגעבן אַ גאַנץ בילד פון די דאָזיקע אָנשטרענגונגען פאַר דעם אויפהאַלט און חיזוק פון דעם יידישן לעבן אין די פראָווינץ־ישובים.

„ס׳איז היינט נישט מעגלעך צו רעדן וועגן אונדזער ישוב און זיינע אָרגאַניזאַציעס, נישט צו דערמאָנען אויפן ערשטן אָרט דעם פאַרבאַנד פון די אַרגענטינער קהילות.

אין איר אַנטוויקלונג איז אונדזער אָרגאַניזאַציע געגאַנגען אויף אַ נאָרמאַלן וועג. ס׳איז בפירוש גוט וואָס דער וועד־הקהילות האָט אָנגעפאַנגען זיין פונקציע נישט מיט טעאָריעס נאָר מיט מעשים, איבערלאָזנדיק די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור אויף שפּעטער. איצט, נאָכן האָבן געלייגט אַ סאָלידן יסוד, איז די צייט צו בויען דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן בנין אין אַלע זיינע דעטאַלן. די אַרבעט, די פּראַקטיק אַליין, האָט אונדז געלערנט ווי אַזוי דער בנין דאַרף זיין“.

אינגזש. נחמן ראַדזיכאָווסקי, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קהילה און פון וועד־הקהילות, וויזט אָן אין זיין באַריכט אויפן 3טן קאָנגרעס פון די קהילות אין יאָר 1957, אויף אַ וויכטיקן פּרינציפּ וואָס ווערט אָפּגעהיט ביי דער אָנפירונג פון וועד־הקהילות. ראַדזיכאָווסקי זאָגט:

„איינער פון די הויפּט־פּרינציפּן, וואָס מיר האָבן זיך באַמיט אָפּצוהיטן אין אונדזער אַרבעט, איז האַלטן דעם וועד־הקהילות ווייט פון וועלכער ס׳איז פּאַרטייאישער באַאַרבונג. נישט געקוקט וואָס איך אַליין און די חברים מיינע פון פּרעזידיום זיינען אָנגעהעריקע פון ציוניסטישע פּאַרטייען, האָבן מיר אָבער פאַרשטאַנען אַז דער וועד־הקהילות דאַרף געהאַלטן ווערן ווייט פון יעטוועדער פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע. דאָס איז אַ פּרינציפּ, וואָס דאַרף אויך אָפּגעהיט ווערן אין יעדער קהילה, מעג זי זיין די קלענסטע, און אוודאי איז דאָס צענפאַכיק נאָך וויכטיקער, לגבי דעם

פאַרבאַנד פון קהילות. במשך די דרייסיק חדשים אַקטואַציע איז אונדז אויסגעקומען בייצושטיין אַ סך ניסיונות, אָבער מיר זיינען פון זיי אַרויס בשלום.

„היינט צו טאָג — פרייט מיך צו באַטאָנען — געפינט זיך דער וועד־הקהילות אויף דעם ברייטן שליאַך פון כלל־יידישע זאָרגן, פילבאַר פאַר יעדער איניציאַטיוו, וואָס קען מיט עפּעס בייטראָגן אויסצובעסערן דעם מצב פון אונדזערע קהילות — פאַר דעם גאַנצן יידישן לעבן, אין אַלע זיינע מאַניפעסטאַציעס".

אין זיין דערעפענונג־וואָרט ביים 5טן קאָנגרעס, צו דעם הונדערט־יאָריקן יובילייִ פון ישוב, ווייזט אָן ד"ר טוביה קאַמענשיין, פּרעזידענט פון וועד־הקהילות, אויף איניקע עיקר־פּראָבלעמען פון אונדזערע ישובים. ד"ר קאַמענשיין האָט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„אונדזערע לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישע ישובים פעלט נאָך אַלטע טראַדיציע און קולטור־רעלע אומאָפּהענגיקייט. מיר זיינען נאָך פאַראייניקט מיט אונדזער שטאַם. מיר לעבן נאָך מיט אַ סך זיכרונות און חלומות, וועלכע פילן אויס אַ גרויסן טייל פון אונדזער לעבן, און גיבן צו אונדזערע ישובים אַ גרויסע אינטימקייט און האַרציקייט.

„אָבער מיר גלייבן אַז עס איז געקומען דער מאָמענט ערנסט אַ טראַכט צו טאָן ביז ווען מיר וועלן קענען אויפהאַלטן אָט דעם מצב. מיר זיינען נאָך ישובים, וועמענס אָנפירונג געפינט זיך אין די הענט פונעם ערשטן דור און מיר דאַרפן ערנסט זיך באַטראַכטן וועגן דער קומענדיקער תקופה און זאָרגן פאַר די דורות, פאַר וועלכע אונדזערע זיכרונות קענען שוין נישט האָבן קיין גרויסע נשמהדיקע באַדייטונג. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אַז די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן די יידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע, זיינען גאָר אַנדערע ווי אין יענע אין וועלכע עס האָבן געלעבט די ישובים פון מיזרח־אייראָפּע, וועמענס המשך מיר דאַרפן זיין.

„כמעט אין גאַנצן דרום־אַמעריקע זיינען מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאָטישע ישובים. דערמאָנען לענדער און שטעט איז כמעט דאָס זעלבע פון געאָגראַפישן שטאַנדפּונקט. דערמאָנען טשילע איז פאַר אונדז דאָס זעלבע ווי סאַנטיאַגאָ, אָנרופן אורוגוויי איז פאַר אונדז דאָס זעלבע ווי מאָנטעווידעאָ, פּערו ווי לימאַ, אאַז"וו. דער גרעסטער טייל פון די מיזרח־אייראָפּעישע יידן האָבן געלעבט אין קליינע שטעטלעך, וועלכע זיינען געוועזן אַן אמתער גייסטיקער רעזערוו פאַר די גרעסערע קהילות.

„די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון יענע קהילות זיינען געווען אין גאַנצן אַנדערע ווי די אונדזעריקע. אָט־די און אַנדערע פאַקטאָרן שטעלן אַוועק אונדזערע ישובים פון לאַטיין־אַמעריקע פאַר שווערע פּראָבלעמען, וועלכע וועלן נאָך מער קאָמפּליצירט ווערן אין די קומענדיקע צען יאָר. דער אומקום פון דעם גרויסן גייסטיקן יידישן צענטער, פון וואַנען מיר האָבן באַקומען אונדזער השפעה, דער אויפקום פון די נייע יידישע צענטערס און דער שטאַטלעכער יידישער ווידערגעבורט, האָבן געשאַפן נייע קוואַלן פון עקסיסטענץ און קיום פאַרן יידישן פאָלק".

די זאָרגן פון חינוך פון יונגן דור און די אויפגאַבע צו באַרייכערן אונדזער לעבן מיט טראַדיציאָנעלע ווערטן, פאַרנעמען אַ הויפּט־אָרט אין די אויפגאַבן פון וועד־הקהילות.

מיט אַ פאַרשטאַרקונג פון די פּרינציפּן פון דער קהילות־צענטראַלע, איז לעצטנס ערשט דורכגעפירט געוואָרן דער זעקסטער קאָנגרעס פון די קהילות, צו דער געלעגנהייט פון צענטן אַניווערסאַר פון ועד הקהילות. דער דאָזיקער כנוס האָט באַקומען אַ באַזונדערע חשיבות דורך דער באַטייליקונג אין אים פון אַזעלכע חשובע געסט, ווי ד"ר יעקב צור, פּאָרזיצער פון אַק־ציאָנס־קאָמיטעט און פון קרן קימת לישראל, און דער קולטור־גאַסט מרדכי שטריגלער.

ס'איז זיכער געווען אַ גוטע איניציאַטיוו, וואָס דער קאָנגרעס איז דורכגעפירט געוואָרן אין די טעג, ווען עס איז דערעפנט געוואָרן ביי דער בוענאָס־איירעסער קהילה דער „חודש פון יידישן בוך און ספר". דער־אָ מאָמענט האָט אַריינגעבראַכט פייערלעכקייט. סיי דאָס באַקענען זיך מיט דער אויסשטעלונג און סיי דאָס אויסהערן שטריגלערס באַלערנדיקן רעפעראַט —

4טער קאָנגרעס פון ועד הקהילות מיטן אָנטייל פון ישראלס אויסערן מיניסטאָרן גאָלדע מאיר. אַ מאָמענט פון דער פייערלעכער דערעפענונג פון קאָנגרעס בעת גאָלדע מאיר האַלט איר באַגריסונגס־רעדע.

„מיטן יִדישן ספר אין גאַנג איבער דורות" — איז געווען אַ מאָמענט פון נחת־רוח פאַר די דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ.

אויפן סדר־היום פון קאָנגרעס האָבן, פאַרשטייט זיך, פאַרנומען אַ הויפּט־אָרט די וויטאַלע פּראָבלעמען פון די קהילות. עס איז אויך באַערט געוואָרן דער אָנדענק פון דעם לעגענדאַרישן יִדישן דאָקטער פון דער קאָלאָניע, ד״ר נח ירחי ע״ה, צו זיין פופציקסטער יאָרצייט. דאָ איז אויך געהערט געוואָרן די אויטענטישע שטים פון דער פּראָווינץ, דורך אירע דעלעגאַטן ביי דעם קאָנגרעס, וועלכע האָבן אַלזייטיק באַריכטעט וועגן דעם גראַנגל פאַרן אויפהאַלט פון יִדישקייט אין זייערע ישובים.

⁂

פאַר די צען יאָר עקזיסטענץ זיינען געשטאַנען ביי דער אָנפירונג פון וועד־הקהילות מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער פונקציע פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, מיט אויפגאַבן צו פאַרשטאַרקן דאָס יִדישע לעבן אין די פּראָווינץ־ישובים.

יעדער פון זיי האָט פּערזענלעך בייגעטראָגן אויף זיין אופן פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער צענטראַלער קהילות־אָרגאַניזאַציע.

צום לויב פון די קהילות דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אירע עסקנים זיינען שטענדיק געקומען אויף אונדזער רוף. דערמיט האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייער פאַרשטענדעניש פאַר די קהילה־פּראָבלעמען און זייער גרייטקייט מיטצואַרבעטן פאַר זייער לייזונג.

ווי אַ וויכטיקער באַשלוס פון 5טן קאָנגרעס, דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס גוטהייסן די אָנשליסונג פון וועד־הקהילות אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אַלס מיטגליד מיט באַראַטונג־רעכט. אין איינקלאַנג מיט דעם באַשלוס איז דער וועד־הקהילות געווען באַטייליקט מיט אַ דעלעגאַציע אין דעם 25סטן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים.

די אויפגאַבע איז אויפצוהאַלטן, פאַרשטאַרקן דאָס יִדישע לעבן אין דער אַרגענטינער פּראָווינץ דורך דער דערציִונג פון יונגן דור, דורך יִדישער קולטור־אַרבעט, דורך פאַרשטאַרקן דאָס יִדישע טראַדיציאָנעלע לעבן. דאָס זיינען געוואַלדיק שווערע אויפגאַבן, באַזונדער נאָך ווען מען נעמט אין אַכט דעם מאַנגל אין נויטיקן מענטשן־מאַטעריאַל, מאַנגל אין כלי־קודש, און איבערהויפּט די ריזיקע דיסטאַנץ וואָס טיילט אונדז אָפּ פון יענע ווייטע ישובים אויף דרום אָדער אויף צפון פון דער רעפּובליק. עס זיינען פאַראַן קהילות וועלכע ליגן אויף אַ דיסטאַנץ פון 2,500 קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט. אין אַזעלכע באַדינגונגען שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּראָבלעם דאָס אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די צעוואָרפענע און ווייטע קהילות.

אַ קאָנקרעטער מיטל אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די ווייטע ישובים און וועקן דעם צוטרוי אין זייערע אייגענע כוחות, און ממילא פאַרקלענערן זייער עלנט, איז געווען דאָס שאַפן די ראַיאָן־קאָמיטעטן, אָדער פיליאַלן פון וועד־הקהילות אין פאַרשיידענע זאָנעס פון לאַנד. מיט די דאָזיקע פיליאַלן ווערט באַצוועקט אַרויפצולייגן מער אַחריות און איניציאַטיוו אויף די גרעסערע קהילות אין אינערן פון לאַנד, ווי אַ מיטל צו קאָאָרדינירן די אַרבעט, העלפן די קלענערע קהילות, און נישט דאַרפן זיין אָפּהענגיק אין זייערע הצטרכותן נאָר פון דער גרויסער און אַזוי ווייטער בוענאָס־איירעס.

היינט צו טאָג האָבן מיר זעקס ראַיאָן־קאָמיטעטן, וועלכע זיינען:

1. ראָזאַריאָ, וואָס נעמט אַרום די פּראָווינצן סאַנטאַ־פע און קאָרדאָבאַ — צוזאַמען 13 פונקטן.
2. טוקומאַן, וואָס נעמט אַרום די צפון־פּראָווינצן: טוקומאַן, סאַנטיאַגאָ־דעל־עסטעראָ, סאַלטאַ, לאַ־ריאָכאַ, קאַטאַמאַרקאַ און כוכוי — צוזאַמען 8 ישובים.
3. רעסיסטענסיאַ, נעמט אַרום טשאַקאָ, קאָריענטעס, פאָרמאָסאַ און מיסיאָנעס — צוזאַמען 8 ישובים.

4. מענדאָסאַ — נעמט אַרום די פּראָווינצן מענדאָסאַ, סאַן־כואַן און סאַן־לויס — צוזאַמען 4 ישובים.

5. באַהיאַ־בלאַנקאַ. דאָס איז דער גרעסטער פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן. ער איז כולל די דרומדיקע קהילות, פון דער פּראָווינץ בוענאָס־איירעס, לאַ־פּאַמפּאַ, ריאָ־נעגראָ, נעוקען און סשובעט — צוזאַמען 38 ישובים.

6. קאָנסעפּסיאָן־דעל־אורוגוויי. ער נעמט אַרום די ישובים פון ענטרע־ריאָס — סך־הכל 28 פּונקטן.

די ראַיאָן־קאָמיטעטן האָבן אַ ברייט פעלד פון פּאָזיטיווער און קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע זיינען טעטיק אין דער זעלביקער מאָס, אַזוי ווי מיר וואָלטן געוואָלט. זיי זיינען אָבער דאָך וויכטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע אינסטרומענטן און זיי פאַרגרינגערן אין אַ גרויסער מאָס אונדזער אויפגאַבע.

ביי די ראַיאָן־קאָמיטעטן קומען פאָר לכל־הפּחות איין מאָל אין יאָר ראַיאָן־צוזאַמענפאָרן, וואָס ווערן באַזוכט פון דער גרעסטער צאָל ישובים פונעם ראַיאָן. די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן האָבן אַן אומגעהויער וויכטיקן דערציערישן באַטייט און זיי זיינען קודם־כל אַ גרויסער סטימול צו וועקן צוטרוי אין די אייגענע כוחות. דאָס איז אַ געלעגנהייט פאַר די גרעסערע קהילות צו וועקן זייער געפיל פון אַחריות און סאָלידאַריטעט מיט די קליינע ישובים.

די טעמעס וואָס ווערן באַהאַנדלט ביי די צוזאַמענפאָרן זיינען די אייביקע פּראָבלעמען אונדזערע, ווי חינוך, יוגנט, קולטור־אַרבעט, באַציונגען צווישן די קהילות, אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים אָדער ספּעציעלע פראַגן. עס קומען צו די ראַיאָן־צוזאַמענפאָרן אַ פאָרשטייער פון צענטראַלן ועד־הקהילות, שטענדיק אָבער באַטייליקט זיך אין זיי דער רייזנדיקער אינסטרוקטאָר, וועלכער העלפט פּערזענלעך צוגרייטן די צוזאַמענפאָרן.

נישט שטענדיק איז מעגלעך אָנצוּווייזן וועלכע עס זיינען די קאָנקרעטע דערגרייכונגען פון אַזעלכע כינוסים. די באַגעגעניש בלויז פון צענדלינגער דעלעגאַטן פון קהילות, וועלכע באַהאַנדלען מיטן פולן ערנסט פּראָבלעמען פון זייער קהילה־לעבן, איז שוין פאַר זיך אַ דערגרייכונג און אַן אויפטו. די וויכטיקסטע דערגרייכונג באַשטייט אין דעם: נישט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און אַרויסקוקן אַז די גאַנצע הילף זאָל קומען פון בוענאָס־איירעס, נאָר אַליין טאָן, האָבן אייגענע איניציאַטיוו. די באַטייליקטע עסקנים אין די צוזאַמענפאָרן פאָרן צוריק אַ היים אין זייערע ישובים דערמוטיקט און געשטאַרקט.

עס וואָלט געווען אַן אומרעכט פון אונדזער זייט נישט אָנצוּווייזן אַז דער ראַיאָן־קאָמיטעט פון ענטרע־ריאָס איז דער סאַמע טעטיקסטער און צום בעסט־אָרגאַניזירטער. אָבער אויך די אַנדערע ראַיאָן־קאָמיטעטן אַרבעטן זיי מיט מיט דער צענטראַלע און פירן אויס וויכטיקע פונקציעס ווען נאָר דאָס איז נייטיק.

אין די ראַמען פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן באַנוצן מיר זיך אויך מיטן סיסטעם פון קהילה־צענטערס. דאָס מיינט, אַז די גרעסטע אין צאָל און בעסערע אָרגאַניזירטע קהילות, זאָלן נעמען אויף זיך די אַחריות דירעקט צו זאָרגן פאַר די קליינע ישובים אין זייער אומגעגנט. ס'איז פאַר זיי אַ פליכט צו באַזאָרגן זיי מיט אַ רעדנער פאַר אַ קולטור־אַקט, העלפן אָרגאַניזירן ביי זיי אַ שולע, כאָטש איין מאָל אין דער וואָך, און בכלל העלפן צו דערהייבן זייער גייסטיק לעבן און לאָזן פילן יענע איינצלנע ייִדישע מישפחות, אַז זיי זיינען נישט אין גאַנצן פאַרגעסן פון דעם ייִדישן כלל. אַזאַ מין אַקטיוויטעט איז פּראַקטישע ייִדישע סאָלידאַריטעט און שטעלט איין אַ גייסטיקן קאָנטאַקט צווישן די קהילות.

אַ פּראַקטיש און ווירקזאַם מיטל אויפצוהאַלטן אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די צוואַרפענע קהילות, איז דער רייזנדיקער אינסטרוקטאָר אונדזערער. ער איז דער וואָס פאָרט פּערמאַנענט איבער די קהילות און גרייכט אַפילו צו די ווייטסטע ישובים. אומעטום קומט ער אין קאָנ־

טאַקט מיט די לאָקאַלע עסקנים, האַלט אָפּ מיט זיי באַראַטונגען, נעמט אויף זייערע פּראָבלעמען און זאָרגן און ברענגט זיי צו דער צענטראַלע.

נעמענדיק אין אַכט אַז דער רייזנדער דאַרף באַזוכן יעדן פון די ישובים כאָטש איין מאָל אין יאָר און פאַרבלייבן עטלעכע טעג, קען ער ביים בעסטן ווילן איינער אַליין נישט באַאַרבעטן די גאַנצע פּראָווינץ. מיר נויטיקן זיך אין צוויי אָדער דריי אַזעלכע אינסטרוקטאָרן. אויב מיר האָבן זיי ביז איצט נישט, איז עס דערפאַר ווייל מיר האָבן נישט די פּאַסיקע קאַנדידאַטן פאַר זיי.

דער רייזנדיקער־אינסטרוקטאָר האָט פאַר זיך אַ ברייט פעלד פאַר דאַנקבאַרער אַרבעט. די הויפּט־פונקציע איז נישט אַזוי אין די גרעסערע קהילות, מיט אַן איינגעשטעלטן אַפּאַראַט, ווי דער עיקר אין די גאָר קליינע ישובים, ווו זיי האָבן גאָר נישט און זיי לעבן אין אָפּגעלאָזנקייט און עלנט. דאָ איז זיין קומען און זיין אַרבעט בכלל זייער און זייער אָנגעלייגט.

גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קהילה צבי פיינגערש פירט אָן מיטן דערעפענונג־אַקט פון 4טן קהילות־קאָנגרעס, מיטן אָנטייל פון גאָלדע מאיר.

די באַזוכן פון דעם רייזנדיקן־אינסטרוקטאָר האָבן אַ געוואַלדיק וויכטיקן מאָראַלישן באַטייט. זיין אויפגאַבע באַשטייט אייגנטלעך אין אַנטדעקן די ווייט־פאַרוואָרפענע ייִדישע שבטים און זיי פאַרבינדן מיטן גרויסן ייִדישן ציבור. ער קומט נישט מאַכן קיין קאַמפּיין, נאָר אויסשליסלעך צו באַקענען זיך אויפן אָרט ווי עס לעבט זיך ייִדן, באַהאַוונט ווערן מיט זייערע פּראָבלעמען און אָריענטירן, העלפן זיי, אָדער צוזאַמען מיט זיי זוכן אַ פּאַסיקע לייזונג.

קאָנקרעט איז די אויפגאַבע פון דעם רייזנדיקן־אינסטרוקטאָר אָפּצוהאַלטן פאַרזאַמלונגען מיט יונג און אַלט, שמועסן מיט זיי וועגן באַטייט פון דער קהילה און פון וועד־הקהילות; זאַמלען סטאַטיסטישע דאַטן און ציפערן; דערמאָנען זיי אין זייערע ייִדיש־נאַציאָנאַלע פליכטן; סטימולירן זייער קולטור־לעבן און טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך אַריינצוברענגען אַ ביסל אומרו אין דעם פאַרגליווערטן לאָקאַלן לעבן.

אַ הויפּט־וויכטיקע אויפגאַבע איז צו שטעלן זיך אין יעדן ישוב אין קאָנטאַקט מיט דער

יוגנט. פאַרשטאַרקן זייער צענטער און שאַפן אַזאַ אויב עס איז נישטאָ, און גאָר באַזונדערס — דערנענטערן זיי צו די פונקציעס פון דער קהילה. ס׳איז אונדזער שטרעבונג צו שאַפן ביי יעדער קהילה אַ יוגנט־אָפּטיילונג, ווי אַ מיטל זיי זאָלן זיך אויסלעבן אין דער ראַם פון דער קהילה און מיטאַרבעטן מיט איר.

ס׳איז די אויפגאַבע פונעם אינסטרוקטאָר צו ווערבירן יוגנטלעכע פאַר דעם לערער־סעמינאַר אין מאָזעסוויל און צורעדן עלטערן, אויב זיי אַליין מוזן דאָרט ווייטער בלייבן — אַרויסצושיקן זייערע קינדער אין גרעסערע יידישע צענטערס.

ווי ס׳איז צו זען, האָט פאַר זיך דער רייזנדיקער־אינסטרוקטאָר אַ ברייט פעלד פאַר אַקטיוויטעט און איניציאַטיוו. זיינע באַזוכן האַלטן מיר פאַר אויסערסט וויכטיק.

— 3 —

וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די 120 קהילות אין דער פּראָווינץ? וועלכע איז די צאָל פון זייער מיטגלידערשאַפט, זייער פאַרנעם און מהות?

פאַרשטייט זיך אַז נישט אַלע קהילות האָבן דעם זעלביקן פּנים, כאַראַקטער און גרויס. שוין דערמיט אַליין וואָס די קהילות זיינען אָנגעשלאָסן אין דעם פאַרבאַנד פון אַרגענטינער קהילות, פאַרקלענערט דאָס זייער געפיל פון עלנט. דורך אונדז זיינען זיי פאַרבונדן מיטן יידישן כלל.

פון די לערך 450 טויזנט יידן וואָס לעבן אין אַרגענטינע, איז אַ פערטל פון זיי, אָדער 30 פּראָצענט, געפינען זיך אין דער פּראָווינץ. דאָס גיט שוין אַ באַגריף וועגן דער אימפּאָרטאַנץ וואָס דער פּראָווינץ־ישוב שטעלט מיט זיך פאָר.

וואָס שייך די קהילות, קלאַסיפיצירן מיר זיי קודם־כל לויט דער צאָל פון זייערע מיטגלידער. די אמתע קהילות, וואָס פילן אויס די קהילה־פונקציעס און פאַרדינען אָנגערופן צו ווערן קהילה, זיינען אין אַ קליינער מינדערהייט.

די גרעסטע מערהייט בילדן די קהילות, וואָס האָבן אַ מיטגלידערשאַפט מיט ווייניקער פון 50 מיטגלידער. זיי זיינען 65, דאָס מיינט, העכער אַ העלפט פון אַלע קהילות.

קהילות ביז 100 מיטגלידער האָבן מיר 25.
קהילות מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 100 ביז 300 — האָבן מיר 15.
קהילות פון 300 ביז 500 מיטגלידער — האָבן מיר 4.
קהילות פון 500 ביז 800 מיטגלידער — 6.

די העכסטע קאַטעגאָריע בילדן די קהילות וועמענס מיטגלידערשאַפט שטייגט אַריבער די 800. אַזעלכע קהילות האָבן מיר 7.

אין דער קאַטעגאָריע איז אויך אָנגעשלאָסן די קהילה פון בוענאָס־איירעס, וואָס האָט אַ מיטגלידערשאַפט פון לערך 50 טויזנט.

פון דער קלאַסיפיקאַציע איז צו זען, אַז די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס קהילות — אונטער 50 און ביז 100 מיטגלידער — זיינען צוזאַמען 90, אָדער 75 פּראָצענט פון אַלע אָנגעשלאָסענע קהילות.

און זאָגן דאַרף מען, אַז די דאָזיקע קליינע קהילות זיינען אונדזער הויפּט־זאָרג, ווייל זיי זיינען איבערגעלאָדן מיט פּראָבלעמען. ביים בעסטן ווילן זיינען זיי נישט ביכולת אַליין צו אָרגאַניזירן זייער קהילה־לעבן און אויסטראָגן זייערע הצטרכותן. זיי נויטיקן זיך אין אונדזער ברודערלעכער מיטהילף און מיטאַרבעט.

די קליינע ישובים ווייזן אַרויס די טענדענץ צו ווערן קלענער און איינגעשרומפּענער. ביסלעכווייז לייזן זיי זיך אויף. די באַפעלקערונג קלייבט זיך אַריבער אין די נאָענטע, גרעסערע ישובים פון דער געגנט. פאַר אַלעם בלייבן זיי פאַרלאָזט פון דער יוגנט, וועלכע האָט דאָרט נישט קיין שום פּערספּעקטיוו. פון יאָר צו יאָר ווערט זייער באַפעלקערונג קלענער. ס׳איז אָבער טראַגיש דער פּעריאָד פון צאַנקען פאַר די נאָך פאַרבליבענע מישפּחות.

די דעלעגאַטן צום 4טן קאָנגרעס פון ועד הקהילות.

גלייכצייטיק טרעפן מיר אויך אָן אויף אַ פּראָצעס ווען עס קומען אויף נייע קהילות. אַזאַ דערשיינונג האָבן מיר לעצטנס אין וויזשאַגווי, פּראָווינץ פון ענטרע־ריאָס. וויזשאַגווי האָט אַמאָל געהאַט געציילטע יידישע מישפּחות נאָר, און איצט זיינען די אויסגעוואַקסן צו אַ ישוב פון הונדערט מישפּחות. דער אויפקום פון דער נייער קהילה איז פאַרשטייט זיך אויפן חשבון פון די קליינע ישובים. די מישפּחות וואָס האָבן פאַרלאָזט די קליינע פּונקטן האָבן זיך באַזעצט אין וויזשאַגווי. דאָס איז אין אַ געוויסן זין אַ פּאַראַזיטיקינג, ווען דער פאַרגאַנג ווערט רעקאָמפּענסירט אויך מיט אויפגאַנג.

אַגב, די קהילה פון וויזשאַגווי ווייזט אַרויס אַ ווילן זיך אויפצובויען און אָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן. אין אַ קורצער צייט האָבן זיי זיך איינגעשאַפט אַ קהילה־הויז, האָבן אַ יידישע שולע און ווייזן אַרויס איניציאַטיוו און אומרו.

מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דער אַלטער דערשיינונג פון רייסערייען, מחלוקות אין די קהילות, וואָס האָבן געדראָט צו צערייסן די ישובים. די מחלוקות זיינען נישט געווען אידעאָלאָגישע, לשם שמים, נאָר פּערזענלעכע, צווישן יחידים. דאָס האָט אונדז פאַרשאַפט נישט ווייניק זאָרג און עגמת־נפש. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אָנגעווענדעט אונדזער גאַנצן איינפלוס צו באַזייטיקן די קריגערייען און פאַרזיכערן דעם שלום, אָבער נישט שטענדיק איז דאָס אונדז געלונגען. דערביי האָבן מיר געמוזט זיין זייער געוואָרנט נישט צו פאַוואָריזירן איינעם פון די צדדים. אין אַזעלכע פאַלן האָבן מיר זיך אָריענטירט אויף וויפל אונדזער אינטערווענץ קען העלפן צו שטאַרקן די פּאָזיציע פון דער קהילה.

מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז בדרך־כלל איז די אַטמאָספער אין די ישובים אַ ריינע און מאָראַליש אַ געזונטע. אפילו ווען יידן פירן מחלוקות — ווערן זיי געפירט מיט אחריות. מען טרעט זעלטן אַריבער די גרענעץ אויף צו זוכן הילף מחוץ פון אונדזער סביבה. ס'איז נישט פאַרצייכנט ביי אונדז קיין איין־איינציקער פאַל פון אַ מסירה. נישטאָ אין אונדזערע קהילות קיין משומדים, וועלכע פלעגן אונדז אַמאָל פאַרשאַפן אַזוי פיל צרות. אומקערנדיק זיך צו דער קהילה פון בוענאָס־איירעס, דאַרף מען זאָגן, אַז זי בילדעט אַ קאַטעגאָריע פאַר זיך. און ביי דער געלעגנהייט דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז נאָר אַ דאַנק דער בוענאָס־איירעסער קהילה עקסיסטירט דער וועד־הקהילות. פון דער קהילה איז אַרויסגעקומען די איניציאַטיוו צו שאַפן די פעדעראַציע פון די קהילות און זי איז דער מאָראַלישער און אויך דער מאַטעריעלער אָנשפּאַר אין איר אַקטיוויטעט און עקזיסטענץ.

אַ חוץ די 120 אָנגעשלאָסענע קהילות, זיינען צעוואָרפן איבער דעם ריזיקן שטח פון דער רעפּובליק אַ סך צענדלינגער און טאַקע הונדערטער פּונקטן, וווּ עס לעבן איינצלנע אָדער צו עטלעכע יידישע מישפּחות. דאָס זיינען די סאַמע איינזאַמסטע „אַרענדאַרן” אונדזערע. זיי לעבן אָפּגעריסן פון יידן און יידישקייט און זיי ווערן פאַרגרעבט, פאַרטעמפּט, מישן זיך אויס און פאַרשווינדן גייסטיק און פיזיש.

עס זיינען פאַראַן צענדלינגער פאַלן פון אַזעלכע יידישע מישפּחות וואָס וווינען איינע־אַליין אין אַ שטעטל צווישן הונדערטער מישפּחות נישט־יידן. די דאָזיקע איינצלנע, איינזאַמע יידישע מישפּחות האָבן זיך גאָר נישט צו באַקלאָגן אויף דער באַציִונג מצד די אַרגענטינער שכנים. מען ווייזט זיי אַרויס רעספּעקט און מען וויל זיי זען ווי אייגענע אויף אַלע אונטערנעמונגען און אַקציעס — זיי און זייערע באַחנטע קינדער...

ווער קען זיך פאָרשטעלן, ווי שטאַרק עס איז דער צער פון יענע מישפּחות און ווי שטאַרק עס איז זייער געפיל פון איינזאַמקייט. אויף אַ סך קילאָמעטערס ווייט אַרום איז נישט בנימצא נאָך אַ ייד, מיט וועמען צו קענען אויסרעדן אַ וואָרט, אַ שמועס טאָן היימישלעך, יידישלעך — מיט אַ קרעכץ, מיט אַ ווונק, אַזוי ווי נאָר יידן קענען שמועסן און זיך פאַרשטיין. אַ שטענדיקע דערדריקנדיקע איינזאַמקייט און לויערנדיקע סכנות לויערן דאָרט אויף יענע עלנטע יידישע היימען.

מיר איז באַקאַנט אַזאַ פאַראיינזאַמטע יידישע מישפּחה, וואָס לעבט אין שטעטל עטלעכע

די דעלעגאַטן פון 5טן ועד הקהילות־קאָנגרעס לייגן אַ בלומען־קראַנץ ביים מאָנומענט פון סאַן מאַרטין.

צענדלינג קילאָמעטער פון בוענאָס־איירעס. ווען דער פּאָטער פון דער מישפּחה קומט אין שטאָט אַריין, ברענגט ער מיט זיך אַ הונגער נאָך ייִדן. קומט ער צו אונדז אין ביוראָ אַריין און זאָגט:
— איך בין אַ גאַנצע ייִדישע קהילה...

לויט זיין אומרו וואָס ער ברענגט מיט זיך, איז דאָס קיין האָר נישט איבערגעטריבן. דער איינציקער ייִד פירט דאָרט אויס אין זיין ישוב די פונקציע פון אַ קהילה. אין דעם באַשטייט די אייגנאַרטיקייט פון דער ייִדישער עדה. יעדער איינצלנער ייִד איז בבחינת אַ גאַנץ פאָלק, אין מיניאַטור. יעדער ייִד טראָגט אויף זיך די פליכטן פון אַ גאַנצער עדה. ווען נישט דער־אָ באַוווסטזיין און די־אָ שליחות פון דעם ייִדישן יחיד, וואָלטן מיר אפשר פאַרפאַלן געוואָרן אויף דעם לאַנגן וואַנדער־וועג פון אונדזער געשיכטע. דאָ שטייען מיר זיכער פנים־אל־פנים מיט איינעם פון די סודות פון אונדזער קיום.

וואָס קען מען טאָן פאַר די דאָזיקע ייִדן? דאָס ווירקזאַמסטע וואָלט געווען זיי צו סטימולירן זיי זאָלן אַריבער אין גרעסערע ייִדישע צענטערס. לאָזט זיך אָבער דאָס נישט אַזוי גרינג פאַרווירקלעכן, ווייל זייער זיצן דאָרט איז פאַרבונדן מיט עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

מיר וואָלטן זיך צופרידנגעשטעלט ווען מען זאָל לכל־הפּחות קענען אַרויסראַטעווען זייערע קינדער פון דער סכנה פון אומקום וואָס לויערט אויף זיי. מיר קומען טאַקע צו די דאָזיקע ייִדן מיט דער לאָזונג: גיט אונדז אייערע קינדער!

דער וועד־הקהילות האָט אויך טיילווייז מצליח געווען אַריינצוציִען די ספרדישע ברידער אין אַ געמיינזאַמער מיטאַרבעט און שותפות. פון דעם ערשטן מאָמענט אָן האָבן מיר געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט די ספרדישע קהילות, און ס'איז אונדז געלונגען צו שאַפן אַ דערנענטערונג מיט זיי, אַזוי אין בוענאָס־איירעס ווי אין דער פּראָווינץ. די געלונגענע פּרוּוון גיבן אונדז אַ גרונט צו האָפן אַז מיט דער צייט וועלן אונדזערע ספרדישע ברידער וואָס דערגרייכן דאָ צו אַ ציפער פון לערך 60 טויזנט נפשות, פאַרנעמען אַ גלייכבאַרעכטיקט אָרט אין דעם וועד־הקהילות.

מיר האָבן געפונען פאַר אונדזער פליכט גאָר באַזונדערס צו פאַרבעטן די ספרדישע געמיינדעס צו די קאָנגרעסן פון די קהילות. די באַטייליקונג זייערע איז גאָר שטאַרק געווען ניכּר אויפן פערטן קאָנגרעס (אין יאָר 1959), ווו עס זיינען געווען פאַרטראָטן דורך זייערע דעלעגאַטן די גרעסטע ספרדישע קהילות פון דער הויפּטשטאָט און אויך אַ צאָל פון דער פּראָווינץ. איינע פון די סעסיעס פון קאָנגרעס איז געווען אָפּגעגעבן די ספרדישע קהילות און זייערע פּראָבלעמען.

ווי אַ קאָנצעסיע פאַר די ספרדישע ברידער אונדזערע, זיי זאָלן זיך נישט פילן געטראָפן, ווי עס פּאַסירט מיט זיי, ווען מען רעדט ייִדיש אין זייער אָנוועזנהייט, האָבן מיר אויף דעם קאָנגרעס איינגעפירט, אַז די רעדעס געהאַלטן אין ייִדיש זאָלן גלייך אויפן אָרט איבערגעזעצט ווערן אויף שפּאַניש, דורך דעם סיסטעם פון פּריוואַטע אוריקולאַרעס, ווי עס פירט זיך אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן.

לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז דאָ אין בוענאָס־איירעס האָבן מיר צווישן די אָנגעשלאָסענע איינע פון די חשובסטע ספרדישע קהילות — די „אַסאָסיאַסיאָן קאָמונידאַד איזראַעליטאַ דע בוענאָס־איירעס", אויף דער גאַס קאַמאַרגאַ, וואָס ציילט 2.700 משפּחות. זיי שאַצן אָפּ די וויכטיקע ראָל פון ועד הקהילות און קומען נאָך פּינקטלעך מיט זייערע התחייבותן. הלוואי וואָלטן אונדזערע גרויסע קהילות אַרויסגעוויזן אַזאַ פאַרשטענדעניש און דיסציפּלין בנוגע די עלעמענטאַרע אָרגאַניזאַציאָנעלע פליכטן.

אַ ריי פון אונדזערע קהילות אין דער פּראָווינץ, באַזונדערס די פון צפון, ווי סאַלטאַ, קאַטאַמאַרקאַ, לאַ ריאָכאַ, אויך סאַן לויִס, האָבן צווישן זייערע מיטגלידער אַ באַדייטיקע צאָל ספרדים. דאָס זיינען די אַזוי־גערופענע „געמישטע חתונות". ס'איז פאַראַן אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט אין דעם איינלעבן זיך פון דיביידע שבטים.

אין יענע צפון־פּראָווינצן זענען די ספרדים געווען די ערשטע צו באַזעצן זיך. איז דעריבער נאַטירלעך אַז זיי האָבן געגרינדעט קהילות, און די בית־עלמינס געפינען זיך אין זייערע הענט. אין די ישובים, ווו די אשכנזישע ייִדן האָבן שפּעטער געשאַפן אייגענע קהילות, זיינען זיי אָבער

געבליבן אָפּהענגיק מיט דעם בית־עולם פון די ספרדים, ווייל נישט שטענדיק איז גרינג צו באַקומען ביי די פּראָווינציעלע און מוניציפּאַלע באַהערדן א דערלויבעניש אויף א בית־עולם. דאָס אָבער איז נישט קיין סיבה אז עס זאָל צעשטערן דעם שלום־בית צווישן די ספרדים און אשכנזים.

— 4 —

אָרגאַניזאַציאָנעל האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שטאַרקן די קהילה, אויסצוברייטערן אירע פונקציעס און געבן איר וואָס מער פּרעסטיזש. אין יעדן ייִדישן פונקט, ווי גרויס אָדער ווי קליין ער זאָל נישט זיין — מוז די קהילה זיין דער צענטראַלער פונקט פונעם ישוב, ווייל ס'איז נישטאָ קיין אַנדער לייזונג ווי בויען דאָס ייִדישע לעבן דורך דער קהילה, אַ מאָדערנע ייִדישע קהילה, מיט דער אויפגאַבע צו שטאַרקן דאָס ייִדישע לעבן אויף די פּלעצער און מיטן פּנים צו ישראל. אונדזער קהילה באַדאַרף דינען אַזוי דעם יחיד ווי דעם כלל און שטיין צו דינסט די אינטערעסן פון דער מדינה.

דעריבער האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרוואַנדלען די איצטיקע חברה־קדישאס, פאַראייניגען, צענטערס, אוניאָנען אָדער אַסאָציאַציעס — אין אמתע דעמאָקראַטישע קהילות, אויפן מוסטער פון אונדזער קהילה אין בוענאָס־איירעס. מיר ווייסן אַז דאָס איז אַ שווערע אויפגאַבע, אַ פּראָצעס, וואָס פאָדערט צייט, מי און אויסדויער. עס זיינען פאַראַן פאַלן, ווו עס איז נייטיק צו פירן אַ קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון דער קהילה, ווייל די עלטערע עסקנים ווילן נישט אויפגעבן, רעזיגנירן פון זייערע פריערדיקע פּאָזיציעס.

דאָס שאַפן די קהילה איז פאַרבונדן מיט אָנשטרענגונגען, מיט קאַמף, אָבער ס'איז כדאי. דאָס ייִדישע לעבן קען פון אַזאַ איבערגאַנג צו דער קהילה אַ סך געווינען. ס'איז שווער צו ווירקן אויף יונגע היי־געבוירענע ייִדן, זיי זאָלן קומען אַקטיווירן אין דער חברה־קדישא, מען קען אָבער יאָ אויף זיי ווירקן און זיי פאַראינטערעסירן מיט די אויפגאַבן, וואָס עס האָט אַ דעמאָקראַטישע קהילה.

די סטאַטוטן פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה מיט איר פאַרצווייגטער אַקטיוויטעט דינט אונדז ווי אַ מוסטער אין דער אויפגאַבע. די יורידישע אַסעסאָרן אונדזערע העלפן מיט די קהילות אין צוגרייטן די נייע סטאַטוטן. דאָס שאַפן אָבער די קהילה איז נישט קיין יורידישער, נאָר אַ געזעלשאַפטלעכער ענין, וואָס פאָדערט צייט און פאַרשטענדעניש.

מיר האָבן אָנצווייזן אויף אַ צאָל קאָנקרעטע דערגרייכונגען. אַ דאַנק אונדזער אינטערווענץ און מיטהילף, איז באַוויזן געוואָרן צו טראַנספאָרמירן חברה קדישאס אין קהילות. דאָס איז דער פאַל מיט סאַנטאַ־פע, מאָזעסוויל, באַסאַווילבאַסאָ, באַהיאַ־בלאַנקאַ און אַ צאָל קלענערע ישובים, ווו מיר האָבן מיטגעהאָלפן און סטימולירט צו אָרגאַניזירן די קהילה. עס בלייבט נאָך אָבער גאָר אַ סך צו טאָן אויף אָט דעם שטח און מיר האַלטן ערשט אין סאַמע מיט אָדער ערשט ביים סאַמע אָנהייב פון דעם פּראָצעס.

אין אונדזער שטרעבונג צו שטאַרקן מאָראַליש און אָרגאַניזאַציאָנעל די עקזיסטירנדיקע קהילות, האָבן מיר אויסגענוצט יעטוועדע געלעגנהייט צו פאַרגרעסערן זייער פּרעסטיזש און באַטאָנען זייער געזעלשאַפטלעכע חשיבות.

אַזוי, למשל, אָריענטירן מיר די עסקנים, אַז די ייִדישע שול דאַרף זיך געפינען אונטער דער אויפזיכט און אפּוטרופּסות פון דער קהילה. די עקזיסטענץ גופא פון דער שול דאַרף נישט זיין נאָר די זאָרג פון די עלטערן וואָס שיקן די קינדער אין שול אַריין, נאָר דאַרף זיין פון די ערשטע אויפגאַבן פון דער קהילה.

כדי אויסצומיידן שוועריקייטן מיט די עקזיסטירנדיקע שול־פאַרוואַלטונגען, דאַרף דער איבערגאַנג געמאַכט ווערן בהדרגהדיק. לכל הפחות, מוז די קהילה זיין פאַרטראָטן אין דער אָנפירונג פון דער שול דורך אירע פאָרשטייער, ביז זי וועט מיט דער צייט אינגאַנצן איבערגענומען

ווערן פון דער קהילה. אומעטום וווּ עס זײַנען אַנטשטאַנען סכסוכים אויף דעם שטח, האָבן מיר געשטיצט די קהילה אין איר רעכט צו האָבן אונטער איר אויפזיכט דעם חינוך פונעם יונגן דור. דאָס איז אַ רעכט און אַ פליכט פון דער קהילה, באַזונדערס איצט, ווען דאָס אויסהאַלטן אַ שול פֿאָדערט מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען.

מיר האָבן אויך אָריענטירט די קהילה צו העכערן דעם מיטגליד־אָפּצאָל. נישט פֿאַרלאָזן זיך און שטיצן דעם ביודזשעט פון דער קהילה אויף קבורה־געלטער, נאָר אויך אַ פּערמאַנענטן חודשלעכן אָפּצאָל, וואָס זאָל זײַן אין אײַנקלאַנג מיט איר אַקטיוויטעט און די פליכטן וואָס זי



אויפן 4טן קאָנגרעס פון ועד הקהילות.

טראָגט פֿאַר דעם גאַנצן יידישן לעבן. דאָס העכערן דעם חודשלעכן מיטגליד־אָפּצאָל האָט אויך אַ דערציִערישן באַדײַט. דאָס לערנט אויס, אַז די אָנגעהעריקייט צום יידישן ציבור קען מען נישט אָפּקומען מיט סענטן, נאָר איז באַרעכטיקט צו פֿאָדערן לכל הפחות אַ מינימאַלע אָנשטרענגונג.

אַ דאַנק אונדזערע אָנווייזונגען איז באַדײַטיק געהעכערט געוואָרן דער מיטגליד־אָפּצאָל אין די מערסטע פון די קהילות.

מיר האָבן אויך סטימולירט און מיטגעהאָלפן די קהילות צו שטעלן מאָנומענטן אויף זייערע בית־עלמינס נאָך די זעקס מיליאָן קדושים אונדזערע פון דער היטלער־עפּאָכע. די קהילה איז די וואָס דאַרף אויפהאַלטן און אָפּהיטן אין דעם נאַציאָנאַלן זכרון דעם גרויסן חורבן פון אונדזער דור און עפּעס לערנען פון די טראַגישע געשעענישן. אַזעלכע מאָנומענטן זײַנען געשטעלט געוואָרן דורך די גרעסערע און אויך קלענערע קהילות, און זיי פילן אויס דעם חלל פון אויסגעליידיקטער יידישקייט מיט טראַגישן יידישן אינהאַלט.

מיר האַלטן אויך, אַז די קהילה איז באַרעכטיקט אָנצוהאַלטן אַ קאָנטראָל אויף די זאַמלונגען וואָס ווערן דורכגעפירט אין דער פּראָווינץ. עס טאָר נישט דורכגעפירט ווערן קיין שום קאַמפּיין אָדער זאַמלונג אין די פּראָווינץ־ישובים, אָן דער גוטהייסונג און אויטאָריזירונג פון דער לאָקאַלער קהילה. דאָס גלייכן דאַרף די קהילה קאָנטראָלירן די פונקציעס פון די אַזוי־גערופענע סוב־קאָמיטעטן פון די אינסטיטוציעס אין בוענאָס־איירעס. זיי דאַרפן זיך אונטערוואַרפן דער אויפזיכט פון דער לאָקאַלער קהילה. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט אונדזער שטאַנדפּונקט אַז דער איינציקער אַדרעס פון יעדן ישוב איז נאָר די קהילה.

אין אונדזער באַגער צו שטאַרקן די קהילות, האָבן מיר געזוכט אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די עסקנים פון דער פּראָווינץ. אין אָפטע צירקולאַר־בריוו האָבן מיר זיי גערופן, אַז ווען זיי קומען קיין בוענאָס־איירעס זאָלן זיי זיך שטעלן אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט אונדז. דורך אַזאַ דירעקטן שמועס באַווייזן מיר שטענדיק צו סטימולירן די עסקנים און דערליידיקן ענינים וואָס דורך קאָרעספּאָנדענץ קען מען דאָס נישט באַווייזן. מיר רופן אויך די עסקנים פון די פּראָווינץ־קהילות זיי זאָלן קומען צו די עקזעקוטיוו־זיצונגען פון ועד־הקהילות און אַפילו פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה. דאָס באַטייליקן זיך אין אַזאַ זיצונג, ווו ער קען אויך קומען צום וואָרט און עקספּאָנירן עפנטלעך די פּראָבלעמען פון זיין ישוב, האָט אַ געוואַלדיקן מאָראַלישן באַדייט פאַר יענע וויטע עסקנים, וואָס טראָגן דעם שווערן עול פון זייערע ישובים אין אַ סביבה פון אַפּאַטיע און אָפּגעלאָזנקייט.

קאָנגרעס פון ועד הקהילות אין יאָר 1960.

מיר זיינען איצט באַשעפטיקט מיט דער פּראָבלעם פון שאַפן אַ פאָנד צו הילף פאַר די

קליינע קהילות, וועלכע זיינען נישט אימשטאַנד ביי זייער בעסטן ווילן נאָכצוקומען די קהילהשע הצטרכותן פון זייערע קליינע ישובים, מיט אַ באַגרענעצטער באַפעלקערונג וואָס דערגרייכט נישט צו די 50 משפחות. אַזאַ פאָנד וואָלט געווען אַ גרויסער סטימול פאַר די קליינע ישובים און וואָלט אויך פאַרגרינגערט פינאַנציעל דעם עול פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה, צו וועלכער מען ווענדעט זיך נאָך מאַטעריעלער הילף פון דער גאַנצער רעפובליק. נעמענדיק אין אַכט, אַז עס איז פאַראַן אַן איינפאַרשטענדעניש דורכצופירן ביי אונדז אַ קאַמפּיין פאַר די לאָקאַלע הצטרכותן, וועט אויך אַזוי אַרום דער געפלאַנטער פאָנד באַקומען אַ תיקון.

— 5 —

אַ הויפּט־וויכטיקע פונקציע שרייבן מיר צו דער ייִדישער שול אין דער הויפּטשטאָט און נאָך דאָפּלט וויכטיק איז זי אין דער פּראָווינץ. דער מאַקסימום וואָס לאָזט זיך טאָן פאַר יענע ווייטע, פאַרוואָרפענע ישובים, איז עפענען אַ ייִדישע שול, זי פילט אויס דעם ליידיקן חלל און שאַפט אַן אַטמאָספער פון ייִדישקייט. דורך די קינדער שטראַלט די שול אויס איר ייִדישקייט אויך אויף די דערוואַקסענע און דרינגט אַריין אין זייערע היימען.

דער חינוך, דאָס שולוועזן, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן אין דער פּראָווינץ דורך דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט פון ועד־החינוך און ווערט דורך אונדז סובסידירט, שטעלט פאַר מיט זיך אַ גרויסן אויפטו און איז אַ גאַראַנטיע פאַרן המשך פון ייִדישקייט אין די פּראָווינץ־שטעט.

וויפל חסרונות מען זאָל נישט אָנווייזן אויף די פּראָווינץ־שולן, ווערט אָבער נאָך אַלץ נישט פאַרמינערט זייער באַדייט און דערגרייכונג. די ערגסטע שול איז נאָך אַלץ בעסער ווי אין גאַנצן אָן אַ שול. און דער אמת איז, אַז די פּראָווינץ־שול איז באמת נישט אַזוי שלעכט ווי מיר מיינען. אין די מערסטע פאַלן שטייט זי נישט אָפּ סיי פּעדאַגאָגיש און סיי מיט איר ווירקונג פון די שולן אין דער הויפּטשטאָט. אַן אויסנאַם זיינען, פאַרשטייט זיך, די יעניקע שולן מיט איין־איינציקן לערער. אָבער אויך די דאָזיקע שול, וואָס איז פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט אַנאָרמאַל, האָט אָבער אַן אומגעהויערע באַדייטונג, ווי אַן אָאַזיס פון ייִדישקייט אין דעם מדבר פון אָפּגעלאָזנקייט און פרעמדקייט.

דאָס זעלביקע לאָזט זיך אויך זאָגן בנוגע דעם באַזוך פון די קינדער. בשעת דאָ אין דער הויפּטשטאָט דיסקוטירט מען נאָך אַלץ וויפל פּראָצענט פון ייִדישע קינדער אין שול־עלטער באַזוכן די שול — 25 אָדער 30 — גרייכט דער באַזוך אין דער פּראָווינץ ביז 90 און אַפילו צו די סאַמע הונדערט פּראָצענט.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די קהילה פון ראָזאַריאָ היט אָפּ דעם פּרינציפּ פון נישט נעמען קיין שכר־לימוד ביי די עלטערן, און די טירן פון דער שול שטייען אָפן פאַר יעדן קינד, אַפילו ווען דאָס איז פאַרבונדן פאַר דער קהילה מיט מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען.

מען רעדט כסדר וועגן די גרויסע אויפגאַבן וואָס מ׳ליגט אַרויף אויף דער שול. צי מיינט דאָס נישט, אַז מען לייגט אַרויף צופיל לאַסט אויף דער יונגער פּלייצע פון דעם לערער? דער יונגער לערער אָדער לערערין דאַרף דעקן אַלע בלויזן, אויספילן דאָס פעלן פון ייִדישן שטייגער, דאָס פעלן פון רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן לעבן — דאָס אַלץ דאַרף דער יונגער, אומדערפאַרענער לערער איינער אַליין דעקן, מתקן זיין.

מיר האָבן געהאַט אַ שטאַרקן מאַנגל אין לערער פאַר דער פּראָווינץ. אין אַ צאָל ישובים האָבן נישט געקענט דערעפנט ווערן ייִדישע שולן נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט די נייטיקע לערער פאַר זיי. די אָפּטע הילפס־רופן פון דער פּראָווינץ „שיקט אונדז אַ לערער, וואָס זאָל ראַטעווען אונדזערע קינדער פון גייסטיקן אומקום!” — האָבן מיר ליידער נישט געקאָנט נאָכקומען. מיר האָבן די לערער נישט געהאַט. די לערער וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון לערער־סעמינאַר ביי דער בוענאָס־איירעסער קהילה — זיינען אָדער פאַרבליבן אין שטאָט, אַ

טייל פון זיי זיינען עולה געווען, אָדער האָבן זיך בכלל נישט פאַרנומען מיט לערעריי און האָבן ווייטער געלערנט.

דערפאַר איז דאָס שאַפן דעם לערער־סעמינאַר אין מאָזעסוויל, געווען אַ געוואַלדיק פאָזיטיווער אויפטו אויף צו באַזאָרגן די פּראָווינץ מיט לערער. אחוץ די גרויסע מאַטעריעלע מיטלען, וואָס זיינען אינוועסטירט געוואָרן אין דעם דאָזיקן אינסטיטוט, וואָס ווערט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן דורך דער בוענאָס־איירעסער קהילה, איז אויך דאָ אריינגעלייגט געוואָרן אַ סך פּיעטעט און ליבשאַפט. און די דאָזיקע פלאַנץ גיט שוין אַרויס אירע ערשטע פּרוכט. דער ערשטער אַרויסלאָז פון יונגע, הי־געבוירענע לערער איז מיט זייער גאַנצער אומדערפאַרנקייט און קנאַפער איינגעוואָרצלטקייט אין יידישקייט, דאָך אַ ברכה פאַר אונדזער שול־וועזן אין דער פּראָווינץ. מאָזעסוויל האָט געלייזט דעם מאַנגל אין לערערס פאַר די פּראָווינץ־ישובים.

SEXTO CONGRESO DE LAS KEHILOT
EN EL 10° ANIVERSARIO de la FEDERACIO
FEDERACION DE COMUNIDADES ISRAELITAS ARGENTINAS

פּרעזידענט פון דער דאַיאַ, ד״ר יצחק גאָלדענבערג, באַגריסט דעם 6טן צוזאַמענפאָר פון ועד הקהילות (1962)

ס׳איז נישט אונדזער אויפגאַבע דאָ זיך אָפּצושטעלן אויספירלעך אויף דער אימפּאָרטאַנץ פון דעם מאָזעסווילער סעמינאַר; דאָס ווערט געטאָן אין אַ באַזונדער אַרבעט. דאָ ווילן מיר נאָר אָנווייזן וואָס דער סעמינאַר באַדייט דער עיקר פאַר דער פּראָווינץ, ווי אַ רעטונג פאַר די יוגנטלעכע, די תלמידים פון סעמינאַר רעקרוטירן זיך פון צענדליקער ישובים איבער דער אַרגענטינער פּראָווינץ. די דאָזיקע יוגנטלעכע ווערן ממש אָפּגעראַטעוועט דורך דעם סעמינאַר, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַן עיר־מקלט אויף אָפּראַטעווען וויכטיקע טיילן פון אונדזער יוגנט, וואָס וואָלט פאַרלוירן געוואָרן פאַר אונדזער לעבן.

אַ וויכטיקע געשעעניש און דערגרייכונג פאַר דעם חינוך־וועזן אין דער פּראָווינץ, איז געווען דאָס איבערנעמען מצד דעם ועד־הקהילות די שולן פון דעם „ועד־החינוך הראשי״ ביי דער

קאָנגרעגאַציע. דער דאָזיקער אָפּמאַך איז ראַטיפיצירט געוואָרן דורך דעם דריטן קאָנגרעס פון די קהילות אין מערץ 1957. נאָך אַ קורצן איבערגאַנגס־פּעריאָד זיינען ענדלעך פּאַראייניקט געוואָרן ביידע וועדי־החינוך אין איין צענטראַלער אָרגאַניזאַציע פון דעם ועד החינוך. דערמיט זיינען אויסגעגליכן געוואָרן די פּראָווינץ־שולן מיט די שולן פון דער הויפּטשטאָט. דערמיט איז געהויבן געוואָרן דער פּעדאַגאָגישער ניוואָ פון די שולן.

אַ צווייטע וויכטיקע דערגרייכונג דאַרף דערמאָנט ווערן, וואָס דער ועד הקהילות האָט אײַנגעשטעלט די סובסידיעס פאַר די פּראָווינץ־שולן אויף אַ ווירדיקער באַזע. אונדזער סובסידיע טראָגט נישט דעם כאַראַקטער פון סתם אַ הילף און אַוודאי נישט פון קיין נדבה, נאָר ווי אַ פליכט און סאָלידאַריטעט מצד דעם שטאָטישן ישוב בכדי צו באַטייליקן זיך אין די זאָרגן פאַר אונדזער המשך. די סובסידיע דערגרייכט היינט ביז 40 פּעזאָס פאַר יעדן קינד. דאָרט ווו דער ישוב איז אַ קלענער און אָן מיטלען, דעקן מיר ביז 40 פּראָצענט פון דעם שול־בודזשעט. אַנדערע פאָרמען פון סובסידיעס זיינען אויך פאַראַן, ווו עס ווערט דערגאַנצט דעם לערערס געהאַלט.

די סובסידיעס פאַר די פּראָווינץ־שולן צוזאַמען מיט אויסהאַלטן דעם סעמינאַר אין מאָזעסוויל, באַטרעפט יערלעך די סומע פון פינף און אַ האַלבן מיליאָן פּעזאָס.

עס פונקציאָנירן ביים היינטיקן טאָג אין דער פּראָווינץ 62 פאָלקס־שולן, 28 גני־ילדים, 9 מיטל־שולן און סעמינאַרן און 14 אָוונט־קורסן, צוזאַמען 113 שולן מיט 4.521 תלמידים, וואָס ווערן באַדינט פון 160 לערערס און פּרעצעפּטאָרינס.

די לערערס פון די פּראָווינץ־שולן זיינען ביז 90 פּראָצענט הי־געבוירענע לערערס און זיי זיינען אַ פּראָדוקט פון אונדזער סביבה. ווי הי־געבוירענע, זיינען זיי פּסיכאָלאָגיש און שפּראַכלעך נאָענט צום היגן קינד און ממילא קען זייער דערציערישע השפּעה זיין ווירקזאַמער.

דער ועד־הקהילות האָט באַזונדערע און ספּעציעלע פאָדערונגען פון דעם לערער. עס גייט נישט אין סתם פאַרגרעסערן די לאַסט וואָס מ'לייגט אויף אים אַרויף, נאָר זיי זיינען אַ פּועל־יוצא פון דער סביבה אין וועלכער עס קומט זיי אויס צו אַקטוירן. די פאָדערונגען זיינען געזעלשאַפטלעכע. דער לערער פון אַ פּראָווינץ־ישוב קען זיך נישט דערלויבן צו באַגרענעצן זיין פונקציע נאָר צו די ד׳ אמות פון דער שול. ער מוז אויך געזעלשאַפטלעך זיין אַקטיוו, ווירקן, אָריענטירן, זיין דער וועקער און מאָנער, און ווען עס איז נייטיק — אויך אַ מוכיח.

פאַר די צען יאָר עקזיסטענץ פון ועד הקהילות האָבן מיר אָנצווייזן אויף אַ ריזיקן סכום פון אַרבעט, אָנשטרענגונגען אויף צו הייבן דעם קולטור־ניוואָ פון די ישובים. מ'קען אָנווייזן אויף הונדערטער קולטור־אַקטן און קאָנצערטן. מיר האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל דורכצופירן אין יעדן ישוב במשך דעם קולטור־זמן לכל הפּחות צוויי קולטור־אַקטן. גאָר באַזונדער האָבן מיר גענומען אין אַכט די קליינע ישובים. נישט נאָר האָבן מיר געהאָלפן אָרגאַניזירן די אַקטן, נאָר אויך געדעקט די הוצאות מיט וועלכע דאָס איז פאַרבונדן.

אין אונדזער זאָרג, אַז דאָס לעבעדיקע יידישע וואָרט זאָל דערגיין צו די ווייטע און דער עיקר קליינע ישובים, האָבן מיר סובסידירט פאַרשיידענע אַרטיסטן־טרופּעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער פּראָווינץ, מיט אַ בעסערן רעפּערטואַר פון טעאַטער־פּיעסן אָדער קליינקונסט־נומערן. די דאָזיקע סובסידיעס באַטרעפן פיל צענדליקער טויזנטער פּעזאָס. מיר האָבן דערפאַר די סאַטיספאַקציע, וואָס דאָס האָט דערמעגלעכט צענדליקער יידישע ישובים צו זען אַמאָל אַ בעסערע פאָרשטעלונג.

מיר האָבן אויך געגעבן אַ געלעגנהייט דער פּראָווינץ צו זען גוטע ישראל־פילמען. צו דעם צוועק האָבן מיר איינגעקויפט אַ פּראָזשעקטאָר און אָנגעשטעלט אַ מענטשן וואָס זאָל פאָרן מיט די פילמען איבער דער פּראָווינץ. די דאָזיקע פילמען, וואָס זיינען געוויזן געוואָרן אין העכער 40

ישובים, אינגאַנצן אומזיסט — האָבן פאַרשאַפט אַ נחת־רוח פיל טויזנטער ייִדן. אין די מערסטע פון די ישובים האָבן אויך נישט־ייִדן די פילמען. דאָס איז אַ מיטל צו וועקן סענטימענט און פריינטשאַפט פאַר מדינת־ישראל.

אַ נייע קולטור־דערשיינונג וואָס מיר האָבן איינגעפירט אין די גרעסערע קהילות, זיינען די ביכער־אויסשטעלונגען אויפן מוסטער פון דער קהילה פון בוענאָס־איירעס. ווען אַפילו נישט מיט דעם זעלביקן גלאַנץ און פאַרנעם, ברענגען די אויסשטעלונגען דאָך אַריין אַ קולטור־אויפלעבונג און וועקן אינטערעס פאַר דעם ייִדישן בוך.

הה־ב הראשי ד״ר יעקב פינק באַגריסט דעם 6טן צוזאַמענפאָר פון די קהילות אין 10טן אַניווערסאַר פון ועד הקהילות (יאָר 1962).

די אויסשטעלונגען ווערן דורכגעפירט יעדעס יאָר מיט אַ שטייגנדיקן דערפאָלג, וואָס דריקט זיך אויס אין דער צאָל פאַרקויפטע ביכער. די ביכער־אויסשטעלונג ווערט אויך באַגלייט פון רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע, געשיכטלעכע אָדער אַלגעמיינער קולטור־טעמעס. אַזעלכע אויסשטעלונגען ווערן לעצטנס דורכגעפירט אין אַלע גרעסערע קהילות פון לאַנד און זייער אָפקלאַנג שטייגט אַריבער די גרענעץ פון דער קהילה און ווערט אַן אַלגעמיינע קולטור־דערשיינונג.

מיר האָבן אויך איינגעפירט ווי אַ נייעס, בילדער־אויסשטעלונגען פון היגע ייִדישע מאָלער אין אַ צאָל גרעסערע קהילות. צווישן די בילדער־אויסשטעלונגען האָבן זיך אויסגעטיילט די בילדער פון ישראל־פייזאַזשן און טיפּן פון ישראל־שבטים, און זיינען באַוווּנדערט געוואָרן דורך טויזנטער באַזוכער. צווישן די קויפערס פון די בילדער זיינען אויך געווען קריסטלעכע גייסט־לעכע און אַרגענטינער מיליטער־לייט.

ס'איז געווען אונדזער גרעסטע זאָרג, אַז דאָס ייִדישע לעבעדיקע וואָרט און ייִדיש־העברעישע געזאַנג זאָל גרייכן צו די ווייטסטע ישובים, ווי אַ סטימול און דערציִונג פאַקטאָר אויפצוהאַלטן ייִדישן סענטימענט ביי גרויס און קליין. דערביי האָבן מיר געהאַט גרויסע שוועריקייטן צוליב דעם גרויסן מאַנגל אין דעם פאַסיקן מענטשן־עלעמענט.

אין אונדזער באַגער צו הייבן דעם קולטור־ניוואָ פון די פּראָווינץ־ישובים, האָבן מיר זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ אַז דאָס וואָס מיר גיבן דער פּראָווינץ, מוז זיין פון דער בעסטער קוואַליטעט. אויב מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט דורכצופירן אַ סך קולטור־אַקטן אין די קהילות, מוז כאָטש די ווינציקע וואָס ווערן יאָ דורכגעפירט, זיין קוואַליטאַטיוו פון אַ הויכן ווערט.

מיר האָבן אויך אַרויסגעשיקט אַ באַדייטנדיקן סכום ביכער־מתנות, צו באַרייכערן די ביבליאָטעקן ביי די קהילות. די דאָזיקע ביכער־מתנות זיינען דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה.

אָפּשאַצנדיק ווי אַ נייטיקע און פּאָזיטיווע אַקטיוויטעט פאַר די גרעסערע קהילות, האָבן מיר סטימולירט צו שאַפן וועכנטלעכע ראַדיאָ־אוידיציעס. אַזעלכע אוידיציעס — עס פונקציאָנירן איניקע — זיינען אַ גוטער אויפקלערונגס־אינסטרומענט פאַר ייִדן און נישט־ייִדן איבער ייִדישע פּראָבלעמען און וועגן ישראל.

אַזעלכע אוידיציעס זיינען אויך גוט אַריינצוציִען יוגנטלעכע און דערנענטערן זיי צו דער קהילה־אַקטיוויטעט. אומעטום ווו עס פונקציאָנירן אַזעלכע ראַדיאָ־אוידיציעס ווערן זיי דורך אונדז סובסידירט און מען באַזאָרגט זיי מיט מאַטעריאַלן. אין אַלע פאַלן פאָדערן מיר, אַז אַזעלכע אוידיציעס מוזן זיך געפינען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער קהילה.

— 7 —

אַ גאָר שווערע פּראָבלעם פאַר וועלכער מיר האָבן ביז איצט נישט געפונען קיין לייזונג, זיינען די געמישטע משפּחות. די דאָזיקע פּראָבלעם איז פאַראַן און איז לאַטענט אין יעדער איינער פון די קהילות, ווו מערער ווו ווינציקער.

ס'איז כדאַי צו באַטאָנען, אַז די פּראָבלעם פון געמישטע משפּחות דאַרף נישט אידענטיפיצירט ווערן מיט דער פּראָבלעם פון געמישטע חתונות. דאָס זיינען צוויי באַזונדערע ענינים. דאָס פאַרמיידן אָדער פאַרקלענערן די צאָל געמישטע חתונות, איז אַ פראַגע פון ייִדישער דערציִונג. דאָרט ווו עס איז פאַראַן אַ ייִדישע שול און אין די היימען ווו מ'היט אָפּ ייִדישקייט, ייִדישע טראַדיציעס, איז די געפאַר פון געמישטע חתונות אַ סך קלענער, ווו די עלעמענטן זיינען נישט בנמצא.

אונדז גייט אָבער דאָ אין די געמישטע משפּחות, וועלכע זיינען פאַראַן אין אַלע ישובים און וועלכע זיינען אַ פועל־יוצא פון די געמישטע חתונות. עס זיינען פאַראַן ישובים, ווו די געמישטע חתונות דערגרייכן ביז צו אַ דריטל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, און אפשר נאָך מער. דער דאָזיקער מצב דאַרף אונדז באמת אַלאַרמירן.

די מערסטע פון די געמישטע משפּחות, ווו דער פאָטער איז אַ ייִד — ווייזן אַרויס אינטערעס און אַ ווילן צו זיין און בלייבן ייִדן. זיי שיקן די קינדער אין דער ייִדישער שול אַריין, צאָלן פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין און קומען נאָך בכלל אַלע אַנדערע ייִדיש־נאַציאָנאַלע התחייבותן. איז די פראַגע: דאַרף מען זיי באַטראַכטן ווי ייִדן, אָדער נישט?

דאָס איז אַ פּראָבלעם פאַר וועלכער עס מוז געפונען ווערן אַ פּאַסיקע לייזונג, וואָס זאָל זיין אין הסכם מיט די אומשטענדן און מיט דער רעאַליטעט. די פראַגע איז: ווי אַזוי זאָלן מיר זיך באַציִען צו זיי און צו זייערע קינדער? דאַרף מען זיי פאַררעכענען פאַר פולקאָמע ייִדן אָדער נישט? צי דאַרף מען זיי אַריינעמען אין דער קהילה ווי גלייכבאַרעכטיקטע און גאַנצע מיטגלידער?

מיר האָבן די דאָזיקע פּראָבלעם אויפגענומען און איר געווידמעט אייניקע זיצונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך אויך באַטייליקט די רבנים פון ראַבינאַט. אונדזערע קאָנצעפּטן גייען זיך אָבער פונאַנדער. די רבנים באַציִען זיך אין די אַלע פאַלן שטרענג לויטן ייִדישן דין, און דער ייִדישער דין איז קאַטעגאָריש און אומבויגזאַם. אויב די פרוי איז אַ נישט־ייִדישע, דאַרפן די קינדער פון אַזאַ מישפּחה באַטראַכט ווערן ווי נישט־ייִדן, און עס דאַרפן פאַר זיי פאַרמאַכט ווערן די טירן פון דער קהילה.

דאָס איז אָבער אַ שווערע פּראָבלעם פאַר די קהילות, באַזונדער דאָרט ווו די געמישטע מישפּחות בילדן אַ באַדייטנדיקן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. זיי קענען זיך נישט דערלויבן אַרויסצושטויסן די אַלע מישפּחות פון ייִדישן תחום. כסדר באַקומען מיר ווענדונגען פון די קהילות, אָנפראַגן ווי זיי דאַרפן האַנדלען לגבי די געמישטע מישפּחות, די פראַגע בלייבט אָבער שטיין אויף איר אָרט אָן אַ לייזונג.

פּובליקום ביים 6טן ועד הקהילות־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1962.

דער מצב פון רעליגיעזן לעבן אין די פּראָווינץ־ישובים האַלט אונדז שטאַרק באַזאָרגט. דאָס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון פרומער רעליגיעזער ייִדישקייט, נאָר פון ייִדישקייט בכלל. ביי דער פּוסטקייט פון דעם ייִדישן לעבן דאָרט, אָן ייִדישן שטייגער, אָן שום טראַדיציע, אָן אַ שפּור פון שבת־יום־טובדיקייט אין דער היים, האָבן די נאָך פאַרבליבענע רעליגיעזע שפּורן אַ גרויסן דערציִערישן באַדייט. עס טוט וויי צוזעענדיק, ווי די רעליגיעזע ייִדישקייט וואָס האָט אויפגעהאַלטן במשך לאַנגע דורות אונדזער קיום, ווערט ממש אָפּגעווישט אין דער פּראָווינץ.

און די שווערקייט פון דער לאַגע איז די, וואָס עס לאָזט זיך כמעט גאָרנישט טאָן מיט עפּעס אויסצובעסערן דעם מצב. מיר האָבן אַ שטאַרקן מאַנגל אין כלי־קודש. עס פעלן שוחטים

און מוהלים. אָפט קומען צו אונדז פון פראָווינץ — ישובים מען זאָל זיי העלפן באַזאָרגן מיט אַ שוחט אָדער מוהל. ביים בעסטן ווילן אָבער איז נישט מעגלעך נאָכצוקומען זייער בקשה. אַזאַ פראָווינץ ווי ענטרע־ריאָס, וווּ ס׳איז פאַראַן אַ געדיכטע יידישע באַפעלקערונג, איז פאַרבליבן אָן אַ שוחט און אַ מוהל. אַזוי איז עס אויך אין אַנדערע פראָווינצן.

אין דער גאַנצער פראָווינץ איז נישטאָ קיין איין רב. עס פעלט דער רב סיי אַלץ רעליגיעזער און סיי אַלץ גייסטיקער מנהיג, וואָס זאָל לערנען, אָריענטירן און משפיע זיין אויף יוגנט און דערוואַקסענע. האָבן אַ רב איז נישט נאָר אַ רעליגיעזע נויטווענדיקייט, נאָר אַ נאַציאָנאַלער ענין. דאָס פעלן פון רבנים אין פראָווינץ האָבן מיר געפרוווט ממלא זיין דורך די פעריאָדישע באַזוכן פון הרב פינק, דער אָב בית־דין, אין פאַרשיידענע קהילות.

במשך די צען יאָר האָבן מיר עטלעכע מאָל געמאַכט ווענדונגען צו די גרעסערע פראָווינץ־קהילות וועגן אָנשטעלן אַ רב. אויב זיי זיינען באמת גרייט אויפצונעמען אַ רב, וועלן מיר אים אַראָפּברענגען פון ישראל אָדער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די קהילות אָבער האָבן זיך נישט געאיילט צו באַשליסן וועגן דעם. ס׳איז געמאָלט, אַז די נויטווענדיקייט אין האָבן אַ גייסטיקן מנהיג, איז מיט דער צייט אַטראָפירט געוואָרן.

אַ געוויסע לייזונג וואָלט געווען אָנצושטעלן ביי יעדן פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן אַ שוחט־מוהל און אויך אַ רב, וואָס זאָל באַדינען די ישובים פונעם ראַיאָן. דאָס וואָלט געווען אַ פּראַקטישער אופן אויפצוהאַלטן די לעצטע שפּורן פון רעליגיעזער יידישקייט אין די ווייטע פראָווינץ־קהילות.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, זיינען די פראָווינץ־ישובים אויסגעליידיקט פון יעדן שפּור פון רעליגיעזער יידישקייט. מיר שיקן אַרויס מוהלים אין דער פראָווינץ, אומעטום ווו מ׳נייטיקט זיך אין זיי. אָפטע באַזוכן מאַכט אונדזער מוהל אין די ישובים פון ענטרע־ריאָס און אין אַנדערע פונקטן פון לאַנד. מיט אַ שוחט אָבער קען מען דאָס זעלביקע נישט באַווייזן. עס זיינען פאַראַן אין די פראָווינץ־ישובים אַ צאָל מישפּחות וועלכע עסן נישט קיין פליייש, ווייל עס איז ביי זיי קיין שוחט נישטאָ.

אַ צאָל קהילות באַזאָרגט מען אויף ימים־נוראים מיט חזנים אָדער בעלי־תפילות. מיר העלפן אויך איינשאַפן די קליינע קהילות אַ ספר־תורה. דאָס בייט אָבער אויף אַ האָר נישט דעם שווערן מצב פון רעליגיעזער יידישקייט אין דער פראָווינץ.

לעצטנס, מיט דער גרינדונג פון דער ישיבה, איז פאַראַן אַן אויסזיכט אַז עס זאָלן ביי אונדז אויסגעבילדעט ווערן רבנים און כלי־קודש. דאָס איז ערשט אַן ענין אויף עטלעכע יאָר שפּעטער. צווייטנס, וועלן די גראַדויִרטע רבנים נישט זיין אין אַזאַ צאָל אַז זיי זאָלן קענען אָנקומען פאַר די פראָווינץ־קהילות. נישט געקוקט דערויף וואָס אַ כלי־קודש איז געזיכערט מיט אַ בכבודיקער פּרנסה, זיינען אָבער אונדזערע יונגעלייט נישט גענייגט צו ווידמען זיך דעם דאָזיקן געציט, אַפילו נישט די רעליגיעזע יוגנט.

די פּראָבלעם איינצוהאַלטן די יוגנט אין אונדזער תחום האַלט אונדז שטאַרק באַזאָרגט. עס פעלט דעם יונגן דור די באַזע פון יידישן חינוך און יידישן וויסן, און דאָס פאַרגרעסערט נאָך מער די סכנה.

די יוגנט־צענטערס אין די ישובים, ווו אַזעלכע זיינען פאַראַן, נייטיקן זיך אין מדריכים. ליידער אָבער האָבן מיר אַ גרויסן מאַנגל אין מדריכים פאַר דער יוגנט. ס׳איז אַפילו לעצטנס ביי אונדז אַרויפגעשווומען די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ סעמינאַר פאַר אַזעלכע מדריכים, אָבער די איניציאַטיוו לאָזט זיך נישט אַזוי גרינג פאַרווירקלעכן.

ס׳איז אָבער נייטיק פעסטצושטעלן, אַז נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען, ווערט דאָך געטאָן אַ פּאָזיטיווע אַרבעט פאַר דער יוגנט צו אָריענטירן זי אויפן וועג וואָס פירט צו

ייִדישקייט. דער יוגנט־דעפּאַרטאַמענט פירט אָן אינטענסיווע טעטיקייט, וואָס מילדערט אַ ביסל די פאַרלוירנקייט פון דער יוגנט. די סעמינאַרן פאַר יוגנט וואָס ווערן דורכגעפירט אין פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ווירקזאַם.

צווישן זיינע קאָנקרעטע אויפגאַבן, דאַרף אונדזער רייזנדיקער ספּעציעל זיך פאַראינטערעסירן מיט דער יוגנט און ער דאַרף זיך באַמיִען צו שאַפן אַ יוגנט־צענטער ביי יעדער קהילה און סטימולירן זיי דורך פאַרזאַמלונגען, האָבן מיט זיי שמועסן. און איז דער ישוב אַ קליינער, דאַרף ער סטימולירן די יוגנטלעכע זיי זאָלן אַריבערפאָרן אין גרעסערע צענטערס.

די דעלעגאַציע פון הועד הקהילות צום ציוניסטישן קאָנגרעס ביים נשיא יצחק בן־צבי. — פון רעכטס אויף לינקס: ד״ר פסח, גרמיזא (ראָזאַריאָ), ד״ר קאַמענשיין, נשיא יצחק בן־צבי, דעם פּרעזידענטס מיליטערישער דעקאַן קאָלאָנעל כרמל, הרב פינק און ד״ר דינער.

לעצטנס טרעפט מען אָן אין דער פּראָווינץ אויף ישובים, ווו עס זיינען טעטיק יונגע עסקנים אין די קהילות. דאָס זיינען הי־געבוירענע יונגעלייט, וועלכע ווייזן אַרויס גרויס אינטערעס און פאַרשטענדעניש מיטצובאַטייליקן זיך אין טראָגן די זאָרגן פאַר דעם ייִדישן קהילה־לעבן. די דאָזיקע יונגע עסקנים צוזאַמען מיט עסקנים פון עלטערן דור, איז פאַר זיי די קהילה אַ גלענצנדיקע געזעלשאַפטלעכע שול, ווו זיי טרעפן זיך אָן אויף פאַרשיידנאַרטיקע ייִדישע פּראָבלעמען. דאָס זיינען אָבער נאָר געציילטע דערשיינונגען.

די זיצונגען פון עקזעקוטיוו פון ועד־הקהילות זיינען עפנטלעכע. זיי קומען פאָר לכל הפּחות איין מאָל אין חודש. דאָ ווערן דעבאַטירט מיט דער פולער ערנסט פּראָבלעמען פון קהילה־לעבן און די ווענדונגען צום ועד־הקהילות פון די ישובים, שפּיגלט זיך אָפּ ווי אין קאַליידאָסקאָפּ דאָס לעבן, די שווערע זאָרגן און דער עלנט פון די פאַרוואָרפענע ישובים.

די זיצונגען באַקומען אויטענטישקייט דורך דער אָנוועזנהייט פון פאָרשטייער פון פּראָ־

זוינג. כמעט אין יעדער זיצונג באַטייליקן זיך דעלעגירטע פון די קהילות פון אינערן פון לאַנד, ספּעציעל געקומענע אָדער וועלכע געפינען זיך צוליב פּריוואַטע ענינים אין דער הויפּטשטאָט. דורך די באַריכטן הערט מען די דירעקטע שטים פון דער פּראָווינץ. אַזעלכע אויטענטישע גרוסן וואָס זיינען רעטונגס־רופן צו דעם גרויסן יידישן צענטער, מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק.

די זיצונגען פון ועד הקהילות פאַרוואַנדלען זיך אין קליינע כינוסים. די דעבאַטעס ווי די באַשלוסן ווערן דאָ אָנגענומען, באַקומען שטענדיק אַן אָפּקלאַנג אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויך מחוץ פון אַרגענטינע.

די אָנפירונגען פון ועד־הקהילות האָבן פאַרשטאַנען אַז די אָרגאַניזאַציע טאָר נישט בלייבן באַגרענעצט אין אירע פּאָזיציעס צו די גרענעצן פון ארגענטינע. אַרגענטינע איז דער גרעסטער און צאָלרייכסטער ישוב אין לאַטיין־אַמעריקע, האָט די פליכט אויסצושטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט צו די קלענערע ישובים אויפן קאָנטינענט און פאַרגרינגערן זיי אין די כלל־יידישע זאָרגן און אויפגאַבן. אַ צאָל פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די קאָנגרעסן פון די קהילות, און ביי יעדער געלעגנהייט ווערט זיי פאַרגעלייגט אונדזער מאָראַלישע הילף און מיטאַרבעט.

מיר זיינען די איינציקע וואָס זאַמלען ווערטפולע סטאַטיסטישע דאַטן און ציפערן דורך די קהילות וועגן יידיש לעבן אין די פּראָווינץ־ישובים. דאָס איז ביז איצט אַ שטאַרק פאַרנאַכלעסיקטער געביט ביי אונדז. הגם די באַקומענע דאַטן זיינען נישט קיין קאָמפּלעטע, איז דאָס אָבער אַ ווערטפולער אויטענטישער מאַטעריאַל, אויף וועלכן מיר קענען זיך שטיצן, צו באַקומען אַ בילד פון דער פּראָווינץ.

דער נייער אַנקעטע־בויגן, אַן אויסגעברייטערטער, נעמט אַרום די געביטן פון קהילה, באַפעלקערונג, חינוך, יוגנט, רעליגיע, קולטור־לעבן, פאַרבינדונגען מיט ישראל, קרעדיטס־אינסטיטוציעס און קאָנטאַקט מיט דער הויפּטשטאָט. דער אויסגעברייטערטער פראַגע־בויגן האָט ביז אַכציק פראַגן. ווען מיר האָבן אַלע ענטפערס, אַפילו נאָר פון אונדזערע אָנגעשלאָסענע קהילות, וועט דאָס זיין אַן אויסשעפנדיקער מאַטעריאַל וועגן יידיש לעבן איבער דער כמעט גאַנצער אַרגענטינער פּראָווינץ. אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן וועט מעגלעך זיין אָנצושרייבן אַן ערנסטע פאָרש־אַרבעט.

נעמענדיק אין אַכט, אַז די קלענערע קהילות האָבן נישט קיין אָנגעשטעלטע וואָס זאָלן ענטפערן אויף די אַלע געשטעלטע פראַגן, איז דאָס אויך איינע פון די אויפגאַבן פון אונדזער רייזנדיקן אינסטרוקטאָר, צו ברענגען פון זיינע באַזוכן די אויסגעפולטע פראַגע־בויגנס.

נישט געקוקט אויף באַדייטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע דערגרייכונגען פון ועד הקהילות, האָבן מיר אָבער נאָך נישט באַוויזן צו דיסציפּלינירן די קהילות בנוגע אַריינצוטראָגן רעגולער זייער מיטגליד־אָפּצאָל. פון יאָר צו יאָר איז אויף אָט דעם שטח צו פאַרצייכענען אַ שריט פאָרויס, אָבער בדרך־כלל איילן זיך נישט די קהילות נאָכצוקומען מיט דער קאָנקרעטער התחייבות.

אין אָנהייב איז דער אָפּצאָל געווען פופציק סענט פאַר יעדן מיטגליד חודשלעך. איצט גרייכט דער אָפּצאָל שוין צו צוויי פּעזעס, חודשלעך. אַפילו ווען אַלע קהילות זאָלן רעגולער אַריינשיקן זייער מיטגליד־אָפּצאָל, וואָלט דערמיט קוים געדעקט געוואָרן אַ קליינער טייל פון אונדזער ביורדזשעט. מיר באַשטייען אָבער אויף אונדזער פאָדערונג אַז די קהילות זאָלן נאָכקומען זייערע פאַרפליכטונגען. דער מיטגליד־אָפּצאָל מצד די קהילות האָט פאַר אונדז מער אַ מאָראַלישן ווי אַ מאַטעריעלן באַדייט. אויב מען צאָלט פאַר עפּעס, איז דאָס אַ באַווייז פון נייטיקן זיך אין דעם, אַן אויסדרוק פון פאַרשטענדעניש פאַר דער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע.

די קהילות, ווי די פּראָווינץ בכלל, האָט ביז איצט געהאַט אַ טראַדיציע פון נעמען און נישט געבן, און דערפאַר איז נישט גרינג איבערצוברעכן די טראַדיציע.

ס'איז פאַראַן אין דער פּראָווינץ אַ טענדענץ צו נעמען ביי דער שטאָט וואָס און וויפל עס לאָזט זיך. דאָס איז אַ טראַדיציע, אַן איבערבלייבעניש נאָך פון יענע בראשית־יאָרן, ווען די איק"א־דירעקציע האָט געהאָלפן די קאָלאָניסטן. די דאָזיקע טענדענץ וואָס קומט צום אויסדרוק

אין דער קולטור־אַרבעט און מערער נאָך אין אויסהאַלטן די לאָקאַלע ייִדישע שול, איז אַ שטער אין דער אַרבעט. דאָס נעמט צו ביי די פּראָווינץ־ישובים זייער איניציאַטיוו און געפיל פון זעלבסטשטענדיקייט.

עס ווערן איצט געמאַכט פּרוּוון צו פאַרוואַנדלען זיי אין זעלבסטשטענדיקע ישובים, נישט צו דאַרפן זיין אָפּהענגיק פון דער גרויסער שטאָט, אויף אירע נתינות. דעם דאָזיקן פּרינציפּ ווילן מיר קודם־כל אָנווענדן לגבי די גרעסערע קהילות. אַ קהילה מוז אַליין דעקן אירע הצטרכותן. נישטאָ קיין אָרעם קהל. דאָס מיינט, אַז די קהילה איז באַרעכטיקט צו פאָדערן מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען פון אירע מיטגלידער.

דורך אונדזער אַקציע צו דערהייבן דעם פּרעסטיזש פון דער קהילה און זי אַוועקשטעלן אין דעם צענטער פון יעדן ישוב, איז אַרויסגערוקט געוואָרן די פראַגע: ועד הקהילות אָדער „דאַיאַ״ וועֶר פון זיי ביידע איז וויכטיקער און מער באַרעכטיקט צו ריידן אין נאָמען פון דעם אָרגאַניזירטן ייִדישן ציבור.

די דעלעגאַטן און דאָס פּרעזידיום פון 6טן קהילות־קאָנגרעס צוזאַמען מיט מרדכי שטריגלער.

אמת, אונדזערע קהילות זיינען נישט פּערפעקט, אָבער אפילו אַזוי ווי זיי זיינען, מיט זייערע אַלע בלויזן, זיינען זיי פאַר אונדז אינסטרומענטן דורך וועלכע מ׳קען ווירקן אויף צו שטאַרקן דאָס ייִדישע לעבן פון די פּראָווינץ־ישובים. די עסקנים זייערע זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביי זייער אָנפירונג נישט דורך אַ באַשטימונג פון דער ווייטער בוענאָס־איירעס, נאָר דורך וואַלן פון דער לאָקאַלער ייִדישער באַפעלקערונג. דאָס האָט געגעבן אָרט עס זאָלן זיך שאַפן געוויסע סיכסוכים צווישן די פאָרשטייער פון דער „דאַיאַ״ און דער לאָקאַלער קהילה.

מיט דער צייט אָבער איז אָנגעצייכנט געוואָרן די ליניע פאַר יעדער אײנערס טעטיקייט, און דערמיט זיינען אויסגעמיטן געוואָרן מעגלעכע סיכסוכים און רייבונגען צווישן די צוויי פאַראַלעלע אָרגאַניזאַציעס. זוכנדיק אַן אײנפאַרשטענדעניש מיט דער אָנפירונג פון דער „דאיא" איז מען געקומען צו דעם באַשלוס: עס זאָל געשאַפן ווערן ביי יעדער קהילה אַ ספּעציעלע סובקאָמיסיע פאַר פּאָליטישע ענינים, דאָס מיינט ענינים אַזעלכע וואָס זיינען פאַרבונדן מיט פאַרטיידיקן די רעכט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס עס איז די אײגנטלעכע אויפגאַבע פון דער דאַיאַ.

דאָס מיינט, אַז עס איז אָנגענומען געוואָרן דער פּרינציפּ אַז די קהילה פון יעדן ישוב איז דער אינסטיטוציאָנעלער כוח וואָס באַרעכטיקט זי צו ריידן אין נאָמען פון דעם לאָקאַלן ישוב. וואָס שייך די פיליאַלן פון דער „דאַיאַ" אין די גרעסערע קהילות, פאַרנעמען זיי זיך נאָר מיט די ספּעציפישע „דאיא"־ענינים.

— 10 —

די אויפגאַבע צו פאַרוואַנדלען די עקזיסטירנדיקע כמו־קהילות אין אמתע, גאַנצע און דעמאָקראַטישע קהילות, איז אַ ברייטע פּראָגראַם פון אַרבעט. דורך דער אַרבעט פון ועד־הקהילות איז רייף געוואָרן דער געדאַנק פאַר דער קהילה, אַז די קהילה מח אויפגעשטעלט ווערן אין צענטער פון ייִדישן לעבן, אַזוי אין דעם גרעסטן ווי אין דעם קלענסטן ישוב. די קהילה איז נישט נאָר אַן אויסערלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרעם, נאָר אַ וויכטיקער און ווירדיקער אינסטרומענט פאַר דעם ייִדישן לעבן און זיין קיום.

עס איז נישט די אויפגאַבע פון דער קהילה צו מאָנאָפּאָליזירן און פאַרכאַפּן פּאָזיציעס. זי דאַרף אָבער שטענדיק זיין די טרייב־קראַפט, דער סטימולירנדיקער כוח, וואָס רופט און מאָנט. עס מוז אויסגעמיטן ווערן די צעשפּליטערונג פון כוחות און דובלירונג פון ענלעכע אינסטיטוציעס מיט דער זעלביקער פונקציע.

די קהילה איז נישט נאָר באַרעכטיקט, נאָר זי האָט די פליכט צו קאָנטראָלירן דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן און זאָרגן פאַר דעם פיזישן און מאָראַלישן געזונט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

קיין איין ייִד טאָר נישט בלייבן מהוץ פון דער פּרייזוויליקער קהילה אונדזערע, די קהילה, וואָס האָט אין אַלע צייטן און אין אַלע גלותן געהאַט די פונקציע פון אַ מלוכה אין אַ מיניאַטור. עס מוז ווערן אַן עלעמענטאַרער אמת, אַז די יעניקע וואָס שטייען מחוץ פון דער קהילה — דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון אונדזער אָרגאַניזירטן ציבור־לעבן — געפינען זיך מחוץ פון דעם ייִדישן כלל, מחוץ למחנה.

די קהילות אונדזערע איבער דער גאַנצער פּראָווינץ, צוזאַמען מיט דער קהילה פון בוענאָס־אײרעס, שטעלן מיט זיך פאַקטיש פאָר אונדזער גאַנצן דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטן ישוב. אויף אַ נאַטירלעכן אופן איז דער ועד הקהילות אַרויסגערוקט געוואָרן אויף דער ערשטער פּאָזיציע, ווי אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע מיט כלל־זאָרגן און אויפגאַבן.

* * *

פּראָבלעמען פון ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע

רעפעראַטן וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אויפן 5טן קאָנגרעס
פון די קהילות, אין אויגוסט 1960

ד״ר טוביה קאַמענשטיין

אונדזער ישוב אינעם ליכט פון זיינע
100 יאָר עקזיסטענץ

„1960 איז אַ יאָר פון גרויסע אַניווערסאַרן אין לעבן פון אונדזער פאָלק. 100 יאָר זינט עס איז געבוירן געוואָרן ד״ר טעאָדאָר הערצל; די 200סטע יאָרצייט פון דעם בעל־שם־טוב, גרינדער פון איינער פון די שענסטע ייִדישע באַוועגונגען — דאָס חסידות, וואָס האָט איבערגעלאָזן זייער טיפע שפּורן איבעם כאַראַקטער פון אונדזער פאָלק; דער 100־יאָריקער געבוירנטאָג פון אונדזער גרעסטן מאָדערנעם היסטאָריקער, שמעון דובנאָוו; דעם 100־יאָריקער געבוירנטאָג פונעם גרויסן ייִדיש־רוסישן פּאָעט שמעון פרוג. היינטיקס יאָר איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי דאָס יאָר פון רבי שלמה איבן גבירול, דער גרויסער פילאָסאָף און דיכטער פון דער שפּאַנישער גאָלדענער עפּאָכע, מחמת עס ווערט איצט 900 יאָר זינט זיין פּטירה. עס ווערט אויך 100 יאָר זינט עס איז געבוירן געוואָרן איינער פון די גרעסטע פיגורן וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דאָס פּוילישע ייִדנטום, דאָס איז נחום סאָקאָלאָוו. דאָס יאָר 1960 איז אויך אַ גלאָרייכע דאַטע ביים אַרגענטינער פאָלק, וואָס פייערט איצט 150 יאָר פון זיין מאַי־רעוואָלוציע, וואָס איז געווען דער אָנהייב פון דער אַרגענטינער דעמאָקראַטיע.

„די גאַנצע ייִדישע וועלט דערמאָנט די 100יאָריקע עקסיסטענץ פונעם אָרגאַניזירטן ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע. אין יאָר 1960 האָט שוין געלעבט ביי די ברעגן פונעם ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ אַ צאָל ייִדישע משפּחות, און דעם 11טן נאָוועמבער פון יענעם יאָר איז פאָרגעקומען די ערשטע געזעצלעך אָנערקענטע ייִדישע חתונה, לויט אַ ספּעציעלן דעקרעט פונעם העכסטן געריכט פון דעם לאַנד. אין יאָר 1870, נאָך דער פּראַנצויזיש־פּרייסישער מילחמה, האָבן שוין דאָ געלעבט וואָסערע טויזנט ייִדישע נפשות. אָבער מיר דאַרפן זאָגן, אַז דאָס יאָר 1889 איז געווען דער אָנהייב פון אַן אָרגאַנישער איינוואַנדערונג פון ייִדן קיין אַרגענטינע, ווייל אין יענעם יאָר זענען אָנגעקומען 136 פאַמיליעס פון פּוילן, וועלכע זיינען געווען דער אָנפאַנג פון אונדזער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע.

„אין די קומענדיקע יאָרן האָט אונדזער ישוב זיך באַמיט צו פאַרפעסטיקן זיין אָרגאַניזאַציע דורך דעם וואָס ער האָט געגרינדעט זיינע ערשטע וויכטיקע אינסטיטוציעס, די קאָנגרעגאַציע און שפּעטער די חברה־קדישא, אונדזער היינטיקע קהילה. אונדזער ישוב האָט אין די פאַרשיידענע עטאַפּן פון זיין אַנטוויקלונג אויך געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו אָרגאַניזירן זיינע צענטראַלע אינסטיטוציעס. דער ערשטער פּונקט אין דעם זינען איז געווען די פעדעראַציע פון ייִדישע אינסטיטוציעס, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1909 לערך, וועלכע

איז אָבער אונטערגעגאַנגען נאָך צוויי יאָר עקסיסטענץ. שפּעטער מיט צען יאָר, אין יאָר 1920, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו שאַפן אַ צענטראַלע קהילה — די אַליאַנס — וועלכע האָט עקסיסטירט ביז דעם יאָר 1926.

„ווען עס איז אויפגעקומען דער היטלעריזם, האָט אונדזער ישוב אָרגאַניזירט די „דאיא״, וועלכע האָט זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין אונדזער צענטראַלער רעפּרעזענטאַנץ.

„אין יאָר 1949 איז די חברה קדישא פון בוענאָס־איירעס, וועלכע האָט שוין אין משך פון צענדלינגער יאָרן דורכגעפירט די פונקציעס פון אַ קהילה, פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אָפּיציעלע קהילה פון אונדזערע אשכנזים, און אין עטלעכע יאָר אַרום איז געגרינדעט געוואָרן דער ועד־הקהילות, וועלכער פירט היינט דורך אָט־דעם פייערלעכן קאָנגרעס צו די הונדערט יאָר פון קיום פונעם יידישן לעבן אין אַרגענטינע. פון די ווייטע אַנדן־בערג ביז צום ברייטן לאַ פּלאַטאַ־טייך, פון די בערג אויף צפון ביז צו די סטעפּעס פון פּאַמפּאַ אין דרום, זיינען געקומען

די בינע־דעקאָרירונג בעתן אַקט פון פייערן 70 יאָר יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

אַהער פאַרטרעטער פון די גרויסע און קליינע קהילות, וועלכע שטעלן צונויף דאָס אַרגענטינער יידנטום, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער אומגעהייער גרויסער אַרגענטינער טעריטאָריע.

„אַ סך קאַפּיטלען פון אונדזער לעבן זיינען געשריבן געוואָרן מיט בלוט און שווייס אין משך פון אָט־די הונדערט יאָר: עס איז געווען ליכט און שאָטן, אויפבוי, קאַמף און עקשנות, ביז עס האָט זיך קאָנסאָלידירט אונדזער גרויסער ישוב, וועלכער פאַרנעמט היינט צו טאָג איינע פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס אין דער יידישער וועלט.

„עס וואָלט געווען זייער אַ סך צו דערציילן וועגן דעם אַלעמען. מיר פאַרענדיקן די ערשטע הונדערט יאָר מיט אַ גרויסן באַלאַנס פון דערגרייכונגען אויף אַ סך געביטן פון אונדזערע טעטיקייטן: קאָלאָניזאַציע און אַגריקולטור, קאָאָפּעראַטיוויסטישע באַוועגונג, חינוך און

אָרגאַניזירט קהילה־לעבן, צענטראַלע ייִדישע רעפּרעזענטאַנץ, גרויסע אָנשטרענגונגען און בייטראָגן פאַר דעם אויפבוי און קאָנסאָלידאַציע פון מדינת־ישראל און ענגע פאַרבינדונגען מיטן גאַנצן ייִדישן פאָלק.

„מיר האָבן אויך אַ סך בייגעטראָגן צו דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון אַרגענטינע. ייִדישע פּויערים האָבן געאַקערט און געזייט צענדליקער און הונדערטער טויזנטער העקטאַר פון די אַרגענטינער פעלדער. ייִדישע אַרבעטער און אונטערנעמער האָבן געלייגט די פונדאַמענטן פאַר גרויסע אינדוסטריעס. מיר האָבן אויך באַרייכערט די אַרגענטינער קולטור מיט שרייבערס, קינסטלערס, אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן און פּאָליטיקער. די ייִדישע פעיִקייט האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף אָט דעם היסטאָרישן עטאַפּ אונדזערן.

„נאָך אַלעמען זיינען מיר נאָך איינער פון די ייִנגסטע ייִדישע ישובים אין דער וועלט. אַנדערע ישובים האָבן שוין אַ לאַנגע טראַדיציע, וועלכע גיט זיי אַ ספּעציפישן כאַראַקטער און אַספּעקט. לאָמיר דאָ נאָר דערמאָנען דעם נאָרד־אַמעריקאַנער ייִדישן ישוב, וועלכער האָט שוין אַ טראַדיציע פון 300 יאָר און אייגענע אָריגינעלע שטריכן, וועלכע האָבן די טענדענץ זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ נייעם ייִדישן נוסח.

„אונדזערע לאַטיין־אַמעריקאַנער ייִדישע ישובים פעלט נאָך אַלטע טראַדיציע און קולטורעלע אומאָפּהענגיקייט. מיר זענען נאָך פאַראייניקט מיט אונדזער שטאַם. מיר לעבן נאָך מיט אַ סך זיכרונות און חלומות, וועלכע פילן אויס אַ גרויסן טייל פון אונדזער לעבן און געבן צו אונדזערע ישובים אַ געוויסע אינטימקייט און האַרציקייט.

„אָבער מיר גלייבן אַז עס איז געקומען דער מאָמענט ערנסט אַ טראַכט צו טאָן ביז ווען מיר וועלן קענען אויפהאַלטן אָט דעם מצב. מיר זיינען נאָך ישובים, וועמענס אָנפירונג געפינט זיך אין די הענט פונעם ערשטן דור און מיר דאַרפן ערנסט זיך פאַרטראַכטן וועגן דער קומענדיקער תקופה און זאָרגן פאַר די דורות, פאַר וועלכע אונדזערע זיכרונות קענען שוין נישט האָבן קיין גרויסע נשמהדיקע באַדייטונג. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אַז די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן די ייִדישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע, זיינען גאָר אַנדערע ווי יענע, אין וועלכע עס האָבן געלעבט די ישובים פון מיזרח־אייראָפּע, וועמענס המשך מיר דאַרפן זיין.

„כמעט אין גאַנץ דרום־אַמעריקע זיינען מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאָטישע ישובים, דערמאָנען לענדער און שטעט, איז כמעט דאָס זעלבע פון אונדזער געאָגראַפישן שטאַנדפּונקט. דערמאָנען טשילע איז פאַר אונדז דאָס זעלבע ווי סאַנטיאַגאָ, אָנרופן אורוגוויי איז פאַר אונדז דאָס זעלבע ווי מאָנטעווידעאָ, פּערו ווי לימאַ אאַז״וו. דער גרעסטער טייל פון די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָבן געלעבט אין קליינע שטעטלעך, וועלכע זיינען געווען אַן אמתער גייסטיקער רעזערוו פאַר די גרעסערע קהילות.

„די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון יענע קהילות זיינען געווען אין גאַנצן אַנדערע ווי די אונדזעריקע. אָט די און אַנדערע פאַקטאָרן שטעלן אוועק אונדזערע ישובים פון לאַטיין־אַמעריקע פאַר שווערע פּראָבלעמען, וועלכע וועלן נאָך מער קאָמפּליצירט ווערן אין די קומענדיקע צען יאָר. דער אומקום פון דעם גרויסן גייסטיקן ייִדישן צענטער, פון וואַנען מיר האָבן באַקומען אונדזער השפּעה, דער אויפקום פון נייע ייִדישע צענטערס און דער שטאַטלעכער ייִדישער ווידערגעבורט, האָבן געשאַפן נייע קוואַלן פון עקזיסטענץ און קיום פאַרן ייִדישן פאָלק.

„מיר הייבן אָן אַ ניי יאָרהונדערט פון אונדזער לעבן אין אַ וועלט, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט סתירות און פאַרוויקלטע פּראָבלעמען, אין אַ וועלט וועלכע קעמפט מיט איר גורל, ווען עס זיינען נאָך נישט פאַרהיילט געוואָרן די ווונדן וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט געליטן אין דער לעצטער קאַטאַסטראָפע. אָבער דאָס ייִדישע פאָלק האָט אויך אַ גלאָררייכע קעגנוואַרט און האָפענונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט אין זיין נייעם היסטאָרישן עטאַפּ פון אויפבוי פון דעם דריטן בית־המקדש.

„מיר האָבן דערמאָנט דאָס יאָר 1960 אַלס אַ יאָר פון היסטאָרישע זיכרונות, אָבער צום

באַדויערן האָט דאָס יאָר זיך אָנגעהויבן מיט דראָענדיקע סימפּטאָמען פון דער באַנייונג פון שנאה־געפילן צו אונדזער פאָלק, וועגן וועלכער מיר האָבן געהאַלטן אַז זיי זיינען שוין גאָר ווייט פון דער מענטשהייט. אַ נייע כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם האָט פאַרפלייצט אַ גרויסן טייל פון דער וועלט און אָט די דערשיינונג צווינגט אונדז זיך ערנסט צו פאַרטראַכטן אין אָט די פייערלעכע טעג. אונדזער ישוב פאַרנעמט היינט אַ צענטראַלן פּלאַץ אינעם לעבן פונעם ייִדישן פאָלק, זייענדיק דער צווייטער אין דער פרייער וועלט. מיר באַדויערן וואָס מיר קענען נישט רעכענען אויף די ייִדישע ישובים הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג, וועלכע קענען נישט דערהערן אונדזער שטים. מיר זיינען אַ פאַקטאָר וואָס באַקומט יעדעס מאָל מער וואָג אינעם ייִדישן לעבן אין דער וועלט. מיר פאַרנעמען ערשטראַנגיקע פּאָזיציעס אויף די געביטן פון חינוך, חלוציות און קולטור. מיר באַטייליקן זיך אין אַלע גרויסע אונטערנעמונגען פון אונדזער פאָלק און מיר זיינען אַ וויכטיקער טייל פון יענע וואָס באַמיִען זיך איינצושליסן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק אין אַ וועלט־ראַם. אָט די פּאָזיציע לייגט אויף אונדז אַרויף גרויסע אחריותן.

„אונדזער מאָדערנע געשיכטע האָט אָוועקגעשטעלט שוין צוריק מיט 60 יאָר אונדזער ישוב אַנטקעגן דעם ישוב פון ארץ־ישראל אין אַ דיסקוסיע צווישן ד״ר הערצל און באַראָן הירש, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. די חלומות פון ד״ר הערצל האָבן זיך אין אונדזער דור פאַרוואַנדלט אין מדינת־ישראל, מיט וועלכער אונדזער ישוב איז פאַרבונדן מיט טויזנט פעדים און פון דעם אומפאַרשטענדעניש פונעם באַראָן הירש פאַר הערצלס אידעאַלן איז געבוירן געוואָרן אַ פאַרוואָרצלטע ייִדישע קאָלעקטיוויטעט, וועלכע פייערט היינטיקס יאָר דעם 100־יאָריקן געבוירנטאָג פון הערצל און די ערשטע 100 יאָר פון איר עקזיסטענץ. אָט־אַזוי באַגעגענען זיך איצט אויפסניי די צוויי גרויסע פיגורן פון אונדזער מאָדערנער געשיכטע, אין אַ גליקלעכן מאָמענט פון פאַרווירקלעכונג פון זייערע שטרעבונגען.

„חשובע געסט פון ישראל און פון די אַמעריקאַנער ישובים, דעלעגאַטן פון דער הויפּטשטאָט און פון די פּראָווינצן! מיר באַגריסן אייך האַרציק אין אָט־דעם מאָמענט פון פייערלעכקייט און דערהייבונג!״.

וואָרט פון גענעראַל־סעקרעטאַר ה׳ אליעזר פרידמאַן

איך בין זייער צופרידן, וואָס עס איז מיר געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט די פאָרשטייער פון אונדזערע קהילות. דער דאָזיקער קאָנטאַקט איז פאַר אונדז זייער וויכטיק און וועט ברענגען פיל נוצן דער צוקונפטיקער צוזאַמענאַרבעט פון אונדזער אָרגאַניזאַציע — דעם „ועד הקהילות״.

מיר ווייסן זייער גוט וויפל שוועריקייטן עס האָבן די קהילות פון דער פּראָווינץ, איבערהויפּט די ווייטע ישובים אויף אָנצוהאַלטן דאָס ייִדישע לעבן. מיר, דאָ, האָבן די בעסטע כוונות אויף צו העלפן אייך, אויף וויפל נאָר עס דערלויבן אונדז אונדזערע מעגלעכקייטן, צו געפינען אַ לייזונג צו אייערע פּראָבלעמען. מיר זוכן מיטלען און די ריכטיקע וועגן אויף דורכצופירן די דאָזיקע אַרבעט, אָבער מיר שטעלן אויך זיך אַליין די פראַגע, צי זיינען די דאָזיקע וועגן די ריכטיקע, אָדער אפשר קענען מיר געפינען בעסערע? צוליב דעם האָבן מיר געפונען פאַר נייטיק צו רופן דעם איצטיקן צוזאַמענטרעף. ס׳איז דאָ אַ ייִדישער שפּריכוואָרט אַז „דער בעסטער דאָקטאָר איז דער חולה אַליין״. מיר ווילן צוזאַמען מיט אייך זיך באַראַטן ווי אַזוי צו לייזן אייערע פּראָבלעמען און עס קומט אייך באמת אַ יישר־כוח וואָס איר האָט איבערגעלאָזן אייערע

פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען און אויף אונדזער רוף געקומען צו אונדז אַפילו פון די ווייטסטע ישובים.

בעט איך אייך דעריבער אונדז אויסצוהערן מיט אויפמערקזאַמקייט, אַרויסטראָגן אייערע מיינונגען און אויב נייטיק אונדז אויך קריטיקירן. אייערע מיינונגען קענט איר אַרויסטראָגן צו די פאַרשיידענע קאָמיסיעס, וואָס וועלן אויסגעקליבן ווערן אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר. איר קענט דאָרט אויך איבערגעבן אייערע איניציאַטיוון און פּראָיעקטן.

עס וועלן אויסגעקליבן ווערן אויף דעם צוזאַמענפאָר די פאָלגנדיקע קאָמיסיעס:

1) פאַרבינדונגען מיט די תפוצות און מדינת ישראל;

2) די אָרגאַניזאַציע פון אונדזער קהילה;

3) אַרבעטן און אַקטיוויטעטן פון „ועד הקהילות" (בילדונג, קולטור און דער צוקונפטיקער דור);

4) רעליגיעזע פּראָבלעמען;

5) פּראָבלעמען פון די ספרדישע קהילות, וואָס מיר ווילן אַז זיי זאָלן צוזאַמענאַרבעטן מיט אונדז.

ווען מיר האָבן געהאַלטן אין צוגרייטן דעם דאָזיקן קאָנגרעס, האָבן מיר צעשיקט צירקולאַרן צו די קהילות, בעטנדיק אונדז צו מעלדן, וועלכע זיינען די פּראָבלעמען, וואָס זיי האָבן אַן אינטערעס אַז זיי זאָלן באַהאַנדלט ווערן אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר. מיר האָבן געוואָלט אַז די פּראָווינץ־קהילות זאָלן זיין גלייכע שותפים מיט אונדז ביים צוגרייטן דעם קאָנגרעס, אָבער ליידער, האָבן נאָר געציילטע קהילות אונדז געענטפערט אויף אונדזער רוף. איך שטרייך אונטער אַז זייער צאָל איז זייער אַ מינימאַלע. איך רעד דאָ נישט אין אַ טאָן פון אַ באַשולדיקער, אָבער איך וויל עס זאָל קלאָר זיין פאַר אַלעמען, אַז מיר ווילן אייער מיטאַרבעט און אָריענטאַציע, ווען עס ווערן באַהאַנדלט וויכטיקע ענינים פון געמיינזאַמען אינטערעס.

אָבער, עס איז נאָך נישט צו שפּעט, און איר קענט קלאָר אַרויסזאָגן אייערע מיינונגען. דאָס איז דאָך די סיבה צוליב וועלכער איר זענט אַהער געקומען. די פּראַקטישע אַרבעטן פון צוזאַמענפאָר הייבן זיך פּאַקטיש איצט אָן.

אַלס סעקרעטאַר פון דעם „ועד הקהילות" וואָלט איך געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן די דורכגעפירטע אַרבעטן, אָבער נעמענדיק אין אַכט אַז ערשט מיט דריי מאָנאַטן צוריק האָבן מיר איבערגענומען אונדזערע אַמטן, וועט מיין באַריכט צוליב דעם זיין אַן אַלגעמיינער און איך וועל נישט אַריינגיין אין קיין פּרטים. די לעצטע עטלעכע מאָנאַטן זיינען די אַרבעטן דורכגעפירט געוואָרן לויט די אָנגעצייכנטע נאָרמעס פון דער פריערדיקער פאַרוואַלטונג. אויף אונדזערע זיצונגען ווידמען מיר תמיד צייט צו באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון די קהילות פון אינערן פון לאַנד. איך שטרייך אונטער מיט פרייד אַז אונדזער אַדרעס איז אַ פּלאַץ ווו עס ווענדן זיך נישט נאָר די קהילות פון די פּראָווינצן פון לאַנד, נאָר אויך פון די שכנותדיקע לענדער ווענדט מען זיך צו אונדז אויף צו באַהאַנדלען די פאַרשיידענע פּראָבלעמען, וועלכע פאָדערן אַ לייזונג. איך וויל אַז איר זאָלט וויסן אַז מיר באַציִען זיך צו די אַלע פּראָבלעמען מיט דעם פולסטן ערנסט און סיי מיר, ווי אויך דער טעכנישער פּערסאָנאַל ווידמען אַ סך צייט און ענערגיע אויף צו פאַרלייכטערן אייער שווערע אַרבעט. אייערע פּראָבלעמען זיינען אונדז נאָענט און באַאומרויִקן אונדז און מיר טוען וואָס נאָר מיר קענען אויף צו ברענגען צו אייך דאָס יידישע וואָרט און ליד. אָבער, אונדזער אַרבעט איז נישט קיין לייכטע, ווייל מער ווי עס פעלן אונדז עקאָנאָמישע מיטלען אויף צו רעאַליזירן אונדזערע פּלענער, פעלט אונדז פּאַסיקער מענטשן־מאַטעריאַל. עס זיינען אויך דאָ אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען, ווייל ליידער פעלט אין דער פּראָווינץ ווער עס זאָל קאָאָרדינירן די אַרבעטן פון די קהילות אין די פאַרשיידענע ראַיאָנען. איך מיין דאָ די ראַיאָן־קאָמיטעטן, וואָס צום באַדויערן פילן זיי נישט אויס די מיסיעס צוליב וועלכע זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן.

רעדנדיק וועגן די ראַיאָן־קאָמיטעטן, וואָלט געווען אַן עוולה פון מיין זייט נישט צו דערמאָנען דעם ראַיאָן־קאָמיטעט פון ענטרע־ריאָס, מיט זיין זיץ־פּלאַץ אין קאָנסעפּסיאָן דעל אורוגוויי, וואָס אונטער דער פּרעזידענץ פון ד״ר אברהם זאַלצמאַן קען ער דינען אַלס מוסטער פאַר די איבעריקע קאָמיטעטן, צוליב דער פרוכטבאַרער אַרבעט וואָס ער רעאַליזירט. אָבער, אַזוי ווי ד״ר זאַלצמאַן אַליין וועט רעדן אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, באַגנוגן איך זיך נאָר מיטן אונטערשטרייכן אַלס אַ יוצא מן הכלל דעם דאָזיקן קאָמיטעט.

אין מיין אַריינפיר־וואָרט מוז איך אויך דערמאָנען אַ ווייטיקלעכן פּראָבלעם. איך מיין דאָס פעלן פון עקאָנאָמישע מיטלען אויף אָנצוגיין מיט די אַקטיוויטעטן פון ועד הקהילות און די נישט־רעגולערע מיטאַרבעט פון די פּראָווינץ־קהילות אין דעם דאָזיקן זין. איך וויל אַז עס זאָל קלאָר זיין פאַר אייך אַז יעדע אָרגאַניזאַציע, כדי זי זאָל קענען אָנגיין מיט אירע אַקטיוויטעטן, מוז זי האָבן די נייטיקע מיטלען צו דעם, און איר אַלס מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע מוזט טראָגן די אחריות און זאָרגן אַז מיר זאָלן האָבן די דאָזיקע מיטלען. איך וויל דאָ איבערגעבן איניקע ציפערן:

אין משך פון יאָר 1959 האָבן נאָר 25 פון די 120 קהילות, אָנגעשלאָסענע אין ועד הקהילות, אַריינגעשיקט צו אונדז זייערע מיטגלידס־קוואָטעס; דאָס איז נאָר אַ קליינער פּראָצענט, קוים 20 פּראָצענט, די איבעריקע 80 פּראָצענט האָבן אַפילו נישט געפונען פאַר נייטיק אַריינצושיקן אַ סימבאָלישע קוואָטע. דער סך־הכל הכנסות פון די קהילות גרייכט קוים צו 64,847 פּעזעס.

דעם לויפנדיקן יאָר — 1960 — האָבן נאָר 5 קהילות אַריינגעטראָגן זייערע קוואָטעס, די סומע איז 21.000 פּעזעס. זייט אַזוי גוט און באַרעכנט וואָס פאַר אַ פּראָצענט איז אַזאַ הכנסה פאַר הוצאות פון קרוב 5 מיליאָן פּעזעס? עס וואָלט זיין לעכערלעך צו טראַכטן אַז נאָר מיטן צאָלן מיטגליד־אָפּצאָל דערפילט אַ קהילה אירע פליכטן צום „ועד הקהילות", אָבער דאָס צאָלן מיטגלידס־אָפּצאָל ווירקט אויך מאָראַליש, ווייל אַזאַ קהילה ווייזט אַרויס איר אינטערעס אין פאַרשטיין די פּראָבלעמען און איר גרייטקייט מיטצואַרבעטן מיט אונדז.

דער „ועד הקהילות" האָט דעם מזל, וואָס די בוענאָס־איירעסער קהילה דעקט תמיד זיינע דעפיציטן. אָבער איז אַזאַ סיטואַציע אַ נאָרמאַלע, און ביי אַזאַ פּאַסיוויטעט מצד די קהילות, קען דען דער „ועד הקהילות" אָנגיין מיט זיינע אַקטיוויטעטן?

איך בין נישט געקומען ווי אַ באַשולדיקער, און איך וועל נישט אָנגעבן קיין נעמען פון די קהילות, וואָס ווייזן נישט אַרויס קיין שום אינטערעס אין אונדזערע אַרבעטן. אָבער איך וויל בעטן די חשובע דעלעגאַטן, אַז זיי זאָלן זיך ערנסט באַציִען צו דעם פּראָבלעם און העלפן געפינען אַ לייזונג.

אונדזער קאָלעקטיוויטעט האָט אַ ריי פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן געלייזט ווערן, צווישן זיי פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און אָרגאַניזאַציאָנעלע; רעליגיעזע און קולטור־פּראָבלעמען — און אויפן ערשטן פּלאַץ דעם פּראָבלעם פון די פּראָבלעמען, דאָס דערציִען דעם יונגן דור.

די היינטיקע זיצונג איז געווידמעט דעם פּראָבלעם פון אונדזער קהילה־לעבן; יעדער פּראָבלעם וועט באַהאַנדלט ווערן איינער נאָכן אַנדערן, לויט ווי עס איז באַשטימט אין טאָג־אָרדענונג; יעדער איינער פון די חשובע רעדנער וועט זיי זען אין אַן אַנדער ליכט און לויט זיין מיינונג. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די דעלעגאַטן מוזן נישט זיין איינשטימיק מיט יעדער איינער פון די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און זיי וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט אַרויסטראָגן זייערע אייגענע מיינונגען צו יעדן פּונקט, אָבער ווי אַ נייעס איז אויף דעם קאָנגרעס איינגעפירט געוואָרן די אויסדערוויילונג פון קאָמיסיעס און די פאַרשיידענע מיינונגען וועלן אַרויסגעטראָגן ווערן אין די דאָזיקע קאָמיסיעס, וווּ עס וועט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו באַהאַנדלען ברייטער יעדן איינעם פון די פּונקטן. איידער איך גיב איבער דאָס וואָרט צו די רעדנער, וויל איך רופן אייער אויפמערקזאַמקייט צו דער פּראָבלעם פון די „געמישטע חתונות". דאָס איז זייער אַ ווייטיקלעכער פּראָבלעם פאַר די קהילות און ער נעמט אַרום אַלע פּראָווינציעלע קהילות און

אַ צאָל פון הונדערטער משפחות, וואָס געפינען זיך „אין קיינעמס לאַנד" צווישן די ייִדן און די קריסטן. אַ טייל פון די דאָזיקע משפחות וואָלטן געוואָלט זיין מיטגלידער אין די קהילות און זיינען גרייט אָפּצוהיטן אַלע ייִדישע פליכטן, אַ טייל פון זיי שיקן זייערע קינדער אין די ייִדישע שולן, עס וואָלט נישט געווען פּראַקטיש פון אונדזער זייט צו באַציִען זיך צו זיי מיט דער גאַנצער שטרענגקייט וועלכע די רעליגיע פאָדערט, און אַרויסשטויסן זיי פון אונדזער סביבה. ס'איז אַ שווערער פּראָבלעם פאַר די קהילות, וואָס ווייסן נישט קלאָר צי דאַרפן זיי די דאָזיקע משפחות באַטראַכטן אַלס ייִדישע אָדער נישט, צי דאַרפן זיי דערלויבן די דאָזיקע משפחות פייערן זייערע בר־מצוות אין אונדזערע שולן אָדער נישט. שווערער איז דאָזיקע סיטואַציע פאַר די געמישטע משפחות גופא, וועלכע שטייען ביי דער שוועל פון ביידע סעקטאָרן.

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פון אונדזער עקזעקוטיוו, איז אויף מיין איניציאַטיוו געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיסיע בראש פון אונדזער חשובן רב, ד"ר יעקב פינק, וועלכע וועט אויסאַרבעטן אַ פּראָיעקט אויף צו געפינען אַ דעפיניטיווע לייזונג צום דאָזיקן פּראָבלעם.

אויב דער דאָזיקער אויסעראָרדנטלעכער צוזאַמענפאָר וועט נישט לייזן קיין שום פּראָבלעם, אָבער ער וועט עפּעס אויפטון אויף צו געפינען אַ לייזונג צו דעם דאָזיקן וויכטיקן פּראָבלעם, וועלן מיר דאַרפן עס פאַררעכענען פאַר אַ גרויסן דערפאָלג, הלוואַי!

מאַרק טורקאָוו

פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַספּעקטן פון די קהילות

„דער איצטיקער אויסעראָרדנטלעכער קאָנגרעס פונעם ועד־הקהילות איז אַ פייערלעכער, ווייל ער איז פאַררופן געוואָרן צו פייערן הונדערט יאָר אָרגאַניזירט ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע. דאָס אַליין איז שוין אַ גענוגנדיקע סיבה פאַר אַזאַ מאָביליזאַציע, אָבער עס זיינען פאַראַנאָך אַנדערע סיבות אויך.

„בשעת איך בין געזעסן ביי דער יום־טובדיקער דערעפענונג נעכטן אין אָוונט, און האָב מיך צוגעקוקט צו דעם גרויסן און אויפמערקזאַמען עולם, האָב איך מיך דערמאָנט אין אַ קאָנגרעס פון 50 ייִדישע קהילות אין פוילן, וועלכער איז פאַררופן געוואָרן אין וואַרשע אין יאָר 1933. ער האָט נישט געהאַט קיין טאָג־אָרדענונג און זיין איינציקער צוועק איז געווען צו זיין אַ מאַניפעסטאַציע פון אַלע כוחות אין ייִדישן לעבן קעגן דער אויפקומענדיקער אַנטיסעמיטישער און היטלעריסטישער געפאַר, קעגן דער געפאַר וואָס מען ווייסט נאָר ווען זי הייבט זיך אָן, אָבער מען ווייסט נישט ווען זי פאַרענדיקט זיך. די אזכרה, וואָס איז פאָרגעקומען היינט אינדערפרי אויפן בית־עולם אין טאַבלאַדאַ, ביים מאָנומענט פון די קדושים, האָט אויך געזאָלט זיין אַ מאַניפעסטאַציע פון דעם מין, אָבער צום באַדויערן האָט זי נישט געהאַט אַזאַ גרויסן אָפּקלאַנג ווי זי וואָלט געווען געדאַרפט האָבן לויט אַלע דערוואַרטונגען.

„מען דאַרף דאָ דערמאָנען דריי גאַנץ וויכטיקע פּאָליטישע מאָמענטן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין לאַנד אין משך פונעם לעצטן יאָר. דער ערשטער איז געווען די אַנטיסעמיטישע האַקנקרייץ־כוואַליע פון די חדשים דעצעמבער 1959 און יאַנואַר 1960, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד און האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אויף אַ באַפעל אָדער סיגנאַל, איבער

אַ סך לענדער פון אייראָפּע און צפון־ און דרום־אַמעריקע, נאַטירלעך אויך איבער אַרגענטינע. דער גרעסטער טייל פון די דורכפירערס פון אָט־די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן זיינען אומעטום געווען יוגנטלעכע פון וואָסערע זעכצן־אכצן יאָר. אָבער די אמתע אָרגאַניזאַטאָרן זיינען זיכער געווען אַנדערע פאַרשוינען, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די פּלייצעס פון אָט־די ייִנגלעך. ייִדן אומעטום זיינען אויפגערודערט געוואָרן, ווייל זיי האָבן נישט געגלייבט אַז אין דער איצטיקער צייט וועלן נאָך קענען פאָרקומען אַזעלכע באַשיימפּערלעך אָרגאַניזירטע אַנטיסעמיטישע אויפברויזן כמעט אין דער גאַנצער וועלט. קיין וויכטיקע ייִדישע רעאַקציע איז אָבער אין דעם פאַל נישט געקומען.

„דערנאָך איז געקומען דער צווייטער מאָמענט, ווען מען האָט געכאַפּט אין אַרגענטינע דעם קריגס־פאַרברעכער און ייִדן־מערדער אַדאָלף אייכמאַן און מען האָט אים אַוועקגעפירט קיין ישראל, בכדי ער זאָל דאָרטן געשטעלט ווערן פאַר אַ געריכט. עס האָט זיך דאַן אָנגע־

אויף אַ פייערונג פון 70 יאָר ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. פון לינקס אויף רעכטס: פרוי בערטאַ גערשונאָוו, די פרוי פון שרייבער אַלבערטאָ גערשונאָוו; נעבן איר — די טאָכטער פון אַלבערטאָ און בערטאַ גערשונאָוו, פרוי אַננאַ גערשונאָוו דע קאַנטאָר.

הויבן דער באַקאַנטער דיפּלאָמאַטישער סיכסוך צווישן אַרגענטינע און ישראל, וועלכער האָט אונדז ייִדן, פאַרשאַפט אַ סך ביטערניש. עס האָט זיך ביי דער געלעגנהייט קלאָר אַרויסגעשטעלט מיט ווי ווייניק פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל מיר קענען זיך רעכענען אין אַזעלכע פאַלן און אויף וויפל מיר זיינען איזאָלירט. אין דאָזיקן מאָמענט האָבן די ייִדיש־נאַציאָנאַלע כוחות אין לאַנד באַוויזן צו שטיין אויף דער געהעריקער הייך. אָט דער פאַל האָט אָבער אויך באַוויזן ווי שטאַרק דער ישוב דאַרף זיין אָרגאַניזירט כלפי פנים און כלפי חוץ, בכדי צו קענען זיך פאַרטיידיקן קעגן פרעמדע און אויך אייגענע „פריינט". מיר אונטערשטרייכן דאָ בפירוש די בגידה וואָס עס זיינען באַגאַנגען קעגן אונדזער כלל די זייער רעדוצירטע קרייזן פון די ייִדישע לינקע.

„דער דריטער וויטיקלעכער מאָמענט איז געווען דער אויסברוך פון ממש ווילדן כוליגאַ־

נישן אַנטיסעמיטיזם און זאָאָלאָגישן האַס צו ייִדן אין געוויסע קרייזן פון דער סטודענטישער יוגנט פון די מיטלשולן, וועלכער האָט דערפירט ביז צום עקסטרעם אַז איין ייִדישער יונגערמאַן איז גאַנץ ערנסט פאַרוווּנדעט געוואָרן דורך אַ רעוואָלווער־קויל. די פאַראַנטוואָרטלעכע באַהערדן האָבן לײדער נישט גענוג אַנטשלאָסן און ענערגיש געצוימט אָט־דעם אויסברוך און דעריבער האָבן די ייִדישע עלטערן אַ שטיקל צייט מורא געהאַט צו שיקן זייערע קינדער אין די מיטלשולן. עס איז עפּעס נישט אין אָרדענונג ווען אין אַזאַ לאַנד ווי אַרגענטינע, ווי די באַפעלקערונג איז פּאַקטיש כמעט ווי נישט אַנטיסעמיטיש, און די געזעצן זיינען גענוג ליבעראַלע, קומט אויס צו הערן אַזעלכע לאָזונגען ווי אין אַמאָליקע היטלער־דייטשלאַנד. דאָס באַוויזט אויך, אַז מיר דאַרפן זיין אויף דער וואַך און זיך באַמיִען אונטערצונעמען די געהעריקע שריט דאָרט ווו מען דאַרף, בכדי אַזעלכע פאַלן אויסצומיידן, לויט מעגלעכקייט. אויך אין דער פּראָווינץ עקסיסטירן די זעלביקע פּראָבלעמען. אויך דאָרטן זיינען פאַראַן אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן פון צייטונגען און פון געוויסע דעפּוטאַטן.

„דעריבער דאַרף מען פון אָט־דער טריבונע פונעם אָרגאַניזירטן ייִדנטום לאָזן הערן די שטימע פון פּראָטעסט און פון אַנטשלאָסענעם ווילן צו פאַרטיידיקן דאָס ייִדישע לעבן און דעם ייִדישן כבוד. מיר דאַרפן טאָן אַלץ וואָס עס איז נאָר מעגלעך אַריינצוציִען די יוגנט אין אונדזערע רייען און זי מאַכן פאַרן שטענדיקן אַוואַנגאַרד פון אונדזערע אַקטיוויטעטן. מיר דאַרפן איבערצייגן די יוגנט אַז זי דאַרף זיין מיט אונדז אין אַלע ענינים פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן און נישט בלויז אין מאָמענט פון געפאַר און קאַמף.

„עס דאַרף דאָ אויך זיין אַן ענין פון ספּעציעלן שטודיום די פּראָבלעם פון פּערפעקציאָנירונג פון דער ייִדישער רעפּרעזענטאַנץ. אויב עס איז נאָך נישט געקומען דער מאָמענט פאַר דער אויפלייזונג פון דער „דאיא״, איז שוין אָבער זיכער די העכסטע צייט זי צו רעפאָרמירן און ענג קאָאָרדינירן אירע טעטיקייטן מיטן ועד הקהילות. מען דאַרף אויך טראַכטן וועגן שאַפן די נייע פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט אַרום דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זאָל זיך אַנשליסן אויך דער היגער ועד־הקהילות און וועלכע זאָל שטיין אויף דער וואַך פון די ייִדישע אינטערעסן קעגן אַלע אונדזערע שונאים, און זאָרגן פאַר דער אויפבוי־אַרבעט אין מדינת־ישראל.

„עס דאַרפן פאַראייניקט און קאָאָרדינירט ווערן אַלע אונדזערע כוחות לטובת אונדזער ייִדישן לעבן, וועלכעס טרעט איצט אַריין אין צווייטן יאָרהונדערט פון זיין קיום״.

ד״ר אברהם זאַלצמאַן

די פונקציע פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן

„עס איז זייער ריכטיק וואָס די פראַגע וועגן דער פונקציאָנירונג פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן און אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן טאָג־אָרדענונג פונעם איצטיקן קאָנגרעס, ווייל די ענינים פון דער פּראָווינץ דאַרפן גרינטלעך אַרומגערעדט ווערן. אַמאָל זיינען אין דער פּראָווינץ, דער עיקר אין די ייִדישע קאָלאָניעס, געווען צענטערן פון אינטענסיוון ייִדישן לעבן און פון דאָרטן זיינען אַרויסגעקומען אַ סך היינטיקע פירערס פונעם אַרגענטינער ייִדישן ישוב. און איצט זיינען מיר דערגאַנגען צו אַ פאַרקערטן פּראָצעס: די שטאָט מוז קומען צו הילף די פּראָווינץ־ישובים, באַזונדערס יענע אין דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס, וועלכע זיינען אין די לעצטע יאָרן שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אַ גוטער אינסטרומענט פאַר דעם וואָלטן געקענט זיין די ראַיאָן־קאָמיטעטן פונעם ועד־הקהילות, וועלכע האָבן דעריבער אויסצופילן אַ וויכטיקע מיסיע, אויב עס וועלן נאָר געפונען ווערן די פּאַסיקע מענטשן און פונעם צענטער וועט מען מיטהעלפן.

„עס איז נישט ריכטיק צו ריידן וועגן דער פראָווינץ אין אָן אָפטימיסטישן טאָן, ווייל ווען מען הערט אויס די באַריכטן פון די פאַרשיידענע דעלעגאַטן און פון דעם רייזנדן אינסטרוקטאָר פונעם ועד הקהילות, זעט מען אַז כמעט אין אַלע פראָווינץ־קהילות זיינען פאַראַן סיי ליכט־ און סיי שאָטן־זייטן. אַ סך ליכט ברענגט אַריין אין אונדזער לעבן מדינת־ישראל, אָבער אויך דאָ אין לאַנד האָבן מיר אָנצווייזן אין אַ סך ערטער אויף גאַנץ פּאָזיטיווע דערגרייכונגען. עס זיינען אָבער פאַראַן אַ סך קהילות, וועלכע פירן אַ ביטערן געראַנגל פאַרן אויפהאַלט פונעם יידישן לעבן און זיי דאַרפן האָבן הילף און אָנווייזונגען פונעם ועד הקהילות. עס איז קיינמאָל נישט צופיל ביי יעדער געלעגנהייט צו דערמאָנען, אַז עס טאָר נישט דערלאָזט ווערן דאָס יידישע לעבן זאָל אויסגעלאָשן ווערן אַפילו אין די קלענסטע קהילות.

„ס׳דאַרף פאַרשטאַנען און אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די פונקציע פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן איז נישט אויסצוטיילן בכבודיקע אַמטן, נאָר צו טון וויכטיקע ממשותדיקע אַרבעט לטובת הכלל. אויף אַ סך ערטער זיינען נישטאָ אינגאַנצן קיין עסקנים, אָבער עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס אַרבעטן שוין אין משך פון צענדליקער יאָר אויף זייערע אַמטן און זיי זיינען שוין מיד. דאָס איז זייער אַ האַרב פראָבלעם, וואָס פאָדערט אַ דרינגענדיקע ליזונג. עס מאַכט זיך אָפט, אַז ווען דער ראַיאָן־קאָמיטעט רופט ערגעץ אויף אַ פלאַץ אַ פאַרזאַמלונג, קומען בלויז געציילטע מענטשן, ווייל דער רוב פילט שוין נישט אויף זיך קיין אחריות און שאַצט נישט אָפ די וויכטיקייט פון אַרבעטן פאַרן יידישן קיום. ליידער זיינען גאַנץ באַזונדער דערווייטערט פון אונדז די קרייזן פון די פראָפעסיאָנאַלן, אוניווערסיטאַריער און פון דער יוגנט בכלל

„אַ באַזונדערס וויכטיק פראָבלעם זיינען די געמישטע חתונות, כאָטש עס באַרירט נישט בלויז די פראָווינץ און עס איז דאָרטן מסתמא נישט שווערער ווי אין שטאָט. אָבער צוליב דער קליינער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אינעם גרעסטן טייל פון די פראָווינץ־קהילות זעט עס זיך מער אַרויס, פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט באַמיט מען זיך אָפט וועגן דעם ווייניק און אומקלאָר צו ריידן, ווייל מען קאָן אַמאָל נישט וועלנדיק אָנרירן און ווי־טאָן אַ נאָענטן, אָדער אַ קרוב.

„די קולטור־אַרבעט אויף דער פראָווינץ איז באַזונדערס שווער, ווייל גענוג אייגענע אינטעלעקטועלע כוחות זיינען נישטאָ און אויך די וואָס וואָלטן געקענט קומען אין באַטראַכט, ווערן אָפטמאָל נישט אויסגענוצט צוליב זייער אָפגעפרעמדקייט, אָדער צוליב אַפאַטיע. ברענגען כוחות פון בוענאָס־איירעס קאָסט זייער טייער און עס איז אויך גאָרנישט לייכט זיי צו באַקומען. די טענה, אַז די פראָווינץ־ישובים זיינען פאַרמעגלעך און זיי קאָנען אַליין שאַפן די נייטיקע מאַטעריעלע מיטלען צו פינאַנצירן זייערע טעטיקייטן, איז ווייט פון צו זיין אינגאַנצן ריכטיק. דעריבער קומט שוין אָן זייער שווער אַפילו אויסצוהאַלטן די שולן אין די פראָווינץ־קהילות, ווו אַזעלכע זיינען פאַראַן, כאָטש דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע פאַר אונדזער קיום.

„נאָך שאַרפער איז די לאַגע אויפן געביט פון רעליגיעזן און טראַדיציאָנעלן לעבן. שוחטים זיינען פאַראַן זייער ווייניק איבערן לאַנד. קיין רב איז, אויסער דער הויפטשטאָט, אין ערגעץ נישטאָ. אין גאַנץ ענטרע־ריאָס איז נישט פאַראַן קיין איין מוהל און אַראָפברענגען אַזעלכע, ווען מ׳דאַרף אים האָבן, קומט אָן זייער שווער. קיין בעל־קורא קען מען שוין באַלד נישט קריגן און אַפילו צונויפשטעלן אַ מנין איז אויף אַ סך ערטער שוין גאָרנישט לייכט. איך בין נישט קיין רעליגיעזער מענטש, אָבער איך פיל אַז אַזאַ סיטואַציע טאָר אויף דעם געביט ווייטער בשום אופן נישט אָנהאַלטן. דער קאָנגרעס זעט זיך דאַרפן זייער ערנסט פאַרנעמען מיט דעם ענין, וועלכער האָט צו טאָן ממש מיט נאַציאָנאַלן פרעסטיזש.

„דאָס וואָס עס קען נישט אויפטאָן אין דער פראָווינץ פאַר די איבערדערמאָנטע פראָבלעמען די צענטראַלע פונעם ועד־הקהילות דערפאַר ווייל זי געפינט זיך אין דער הויפטשטאָט, ווייט פון די ערטער וואָס נייטיקן זיך אין מיטאַרבעט, וואָלטן פיל לייכטער געקענט אויפטאָן די ראַיאָן־קאָמיטעטן, בעיקר ווען זיי וואָלטן געהאַט גינסטיקערע באַדינגונגען פאַר זייער אַרבעט”.

הרב יעקב פינק

רעליגיעזע ענינים

„די פּראָגע וועגן די רעליגיעזע פּראָבלעמען וואָלט געווען געדאַרפט אפשר איינגעשלאָסן ווערן אינעם סימפּאָזיום וועגן דער צוקונפט פונעם ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע. דאָס וואָס אַ סך פריִערדיקע רעדנערס האָבן שוין זיך באַצויגן צו די רעליגיעזע פּראָבלעמען באַווייזט, אַז זיי באַאומרויִקן אַ סך פון אונדזערע עסקנים און מען מוז זיך באַמיִען צו געבן אויף זיי אַ ריכטיקן ענטפער. אַזוי לאַנג ווי עס טוט וויי, איז נאָך נישט צום פאַרזינדיקן און עס איז פאַראַן אַ האָפענונג צו קענען זייער אַ סך אויסבעסערן.

„מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז ווען מען האָט אַ רב אין שטאָט, האָט מען שוין במילא געלייזט אַלע פּראָבלעמען. דער בעש״ט זצ״ל, וועמענס 200סטן יאָרצייט מען פייערט היינטיקס יאָר, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַ רב ווערט אָנגערופן מרא דאתרא און דאָס האָט אַ טאָפּלטן באַטייט. עס קען הייסן, אַז ער איז דער באַלעבאָס פונעם פּלאַץ און אויך אַז ער איז דער רידל וואָס דאַרף אויסגראָבן דאָס גאַנצע ביסל אומריינקייט פונעם פּלאַץ. אין די צייטן פון גלות בבל האָבן ייִדן געדינט דער עבודה־זרה, אָבער זיי האָבן אויפגעהאַלטן אַן אייגן ייִדיש לעבן, — איז פאַר זיי דאָך געווען אַ האָפענונג. ס׳זיינען אָבער אויך געווען אַנדערע צייטן, ווען ייִדן האָבן דווקא קיין עבודה־זרה נישט געדינט, זיי האָבן נאָר קיין אייגן ייִדיש לעבן נישט געהאַט און זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אַרומיקע פעלקער — האָבן זיי קיין אויסלייזונג שוין מער נישט געקענט האָבן, ווייל מער ווי אַ רעליגיע האָבן מיר אַ תורה, אַן אייגענעם לעבנסוועג.

„מען דאַרף פאַרמאָגן דאָס אינערלעכע ייִדישע געפיל, וואָס אַ סך פריִערדיקע דורות האָבן אַנטוויקלט און איינגעפלאַנצט אין אונדזער לעבן. מען דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיט דער ספּעציעלער ייִדישער לעבנס־מאָראַל, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך אונדזערע עלטערן אין משך פון הונדערטער יאָרן. מען דאַרף זיין ייִדן מיט ייִדישע קעפּ, מיט ייִדישע אברים און מיט אַ גאַנצער ייִדישער נשמה. דער אונטערבאַוווסטזיין דאַרף זיין ייִדיש, ווייל אַ קינסטלעך און מעכאַניש ייִדיש לעבן איז נישט מעגלעך צו פירן. מען דאַרף זיין ייִדן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה.

„מען טאָר נישט זיין ווייכהאַרציק און צוליב רחמנות, אָדער אַנדערע מאָטיוון, זיך איילן מגייר צו זיין פאַרליבטע יונגע געמישטע פּאָרלעך, ווייל דאָס קען ברענגען דערנאָך שווערע קאָנסעקווענצן. אין שייכות מיט די געמישטע חתונות דאַרף מען זאָגן, אַז עס איז בכלל אומגעזונט פאַר אונדזער פאָלקס־אָרגאַניזם מגייר צו זיין אויף איינמאָל צופיל און צו שנעל נישט־ייִדישע מענטשן און מען דאַרף די אַלע פאַלן פריִער גאַנץ גענוי און גרינטלעך שטודירן און פאָרשן. בכדי אויסצומיידן געמישטע חתונות, דאַרף מען זיך אַליין שטאַרקער פאַרפאַנצערן מיט אמונה און דאָס וועט אויך זיין אַ מיטל צו דערנענטערן און איינצוהאַלטן די יוגנט אַרום אונדז. מען דאַרף זיך שטעלן דעם ציל מיר זאָלן זיין וואָס נעענטער צום לעבנס־שטייגער פון אונדזערע עלטערן און דעמאָלט וועלן מיר קענען אויסמיידן אַ סך שטרויכלונגען. אויב אָבער מען דאַרף דעם רב, בכדי אויף אים אַרויפצולייגן אַזעלכע שווערע פּראָבלעמען ווי געמישטע חתונות, איז עס אפשר זיין פליכט דאָס צו נעמען אויף זיך, אָבער מ׳דאַרף וויסן אַז עס איז אוממעגלעך מיטאַמאָל מתקן צו זיין דאָס וואָס די עלטערן האָבן אין משך פון אַ לענגערער צייט קאַליע געמאַכט מיט דעם נישט דערפילן די פליכטן צו געבן די קינדער אַ גוטע ייִדישע דערציִונג. אַזעלכע זאַכן קען מען בלויז מתקן זיין בהדרגהדיק.

„די פּראַגע פונעם מאַנגל אין כלי־קודש, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ, וואָלט מען שוין מסתמא געקענט שנעלער פאַרענטפערן, טיילווייז דורך ברענגען זיי אַהער פון אויסלאַנד און

טיילווייז דורך אויסבילדן זיי אין אַ היגער ישיבה, אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז עס אַן ענין פון גענוגנדיקע געלטמיטלען, ווייל אויך כלי־קודש האָבן אַ רעכט צו קענען פירן אַ באַלעבאַטיש אָנשטענדיק לעבן אין פינאַנציעלן זינען.

„יעדנפאַלס דאַרף מען פאַרשטיין, אַז די רעליגיעזע פראָבלעמען מחוץ אינטערעסירן נישט בלויז דעם רב אַליין און נישט אַפילו נאָר אַ באַגרענעצטן קרייז פרומע ייִדן. עס טאָר נישט בלייבן קיין ווינקל־פראָבלעם. נאָר עס דאַרף זיך פאַרוואַנדלען אין אַ קאַרדינאַלער פראַגע פונעם גאַנצן ישוב און דעמאָלט וועט מעגלעך זיין צו ענדערן לטובה די איצטיקע לאַגע, וועלכע פאַרשאַפט אונדז נישט קיין איבעריקן כבוד”.

חיים פינקלשטיין

אונדזער קולטור־ און דערציִונגס־פאָליטיק

„כאָטש מיר האָבן ערשט צוריק מיט געציילטע וואָכן דאָ באַהאַנדלט אויפן חינוך־קאָנגרעס די פראָבלעמען פון דערציִונג און קולטור, האָט דער ועד־הקהילות דאָך גוט געטאָן וואָס ער האָט איצט ווידער אויפגעשטעלט אויפן סדר־היום אָט־די וויכטיקע פראָבלעמען. ווייל פון זייער גוטער לייזונג איז אין אַ גרויסער מאָס אָפהענגיק דער קיום פונעם ייִדישן פאָלק.

„אונדזער ישוב האָט צו זיין הונדערטסטן יאָרטאָג צו פאַרצייכענען אַ סך וויכטיקע דערגרייכונגען אויפן דערציִונגס־געביט, מיט וועלכע מיר באַווייזן זיך פאַר געסט וואָס קומען צו אונדז פון אויסלאַנד. מיר קומען דעריבער צו דער איצטיקער פייערונג נישט מיט קיין ליידיקע הענט. אונדזערע שולן זיינען איצט אין אַ גרעסערער צאָל און זיי זיינען אויך איצט בעסערע ווי מיט צוואַנציק־דרייסיק יאָר צוריק זיי אַרבעטן אויך איצט אין פיל בעסערע באַדינגונגען ווי דעמאָלט, אָבער אויך די נויטן זיינען איצט גרעסערע ווי דעמאָלט. מיר האָבן זיכער אַ סך אויפגעטאָן און דערגרייכט, אָבער דאָך באַשיימפערלעך נישט גענוג. ווייל אין מאָמענט ווען דער נייער דור דאַרף טיילווייז אָדער אינגאַנצן אַריבערנעמען די אָנפירונג פונעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, זעען מיר אַז ער איז דערצו נישט גענוג צוגעגרייט און קען נישט אַרויסגעבן פון זיך אַ ייִדיש־קוואַליפיצירטע אינטעליגענץ וואָס זאָל אָנפירן מיט אונדזער לעבן.

„מיר ליידן פון אַ מאַנגל אין צוגעפאַסטע שעפערישע יונגע מענטשן, עס זיינען דאָך שוין פאַראַן פלעצער אין דער פראָווינץ ווו עס איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל קענען רעדאַגירן און אָנשרייבן קאָרעקט אַ ייִדיש בריוול. אונדזער יוגנט איז צו רויִק און דער איצטיקער קאָנגרעס דאַרף זיין אַ רוף צו אומרו, נישט נאָר פאַר דער יוגנט, נאָר אויך פאַר אונדז, דערוואַקסענע אַליין. ביז נישט לאַנג האָבן מיר געשעפט אונדזער אינטעליגענץ און גייסטיקע יניקה פון מזרח־אייראָפע, וועלכע איז אויף אַזאַ גרויזאַם־בעסטיאַלישן אופן פאַרניכטעט און אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל. היינט אָבער קענען מיר זיך מער אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן און מיר מוזן דרינגענדיק אַליין שאַפן די נייטיקע כוחות. מיר האָבן אַ היפשע צאָל שיינע אינסטיטוציעס, מיר קענען זיי אָבער אָפט נישט אָנפולן מיטן ריכטיקן אינהאַלט צוליב מאַנגל אין צוגעפאַסטע כוחות. אונדזער שטאַרקייט איז קיינמאָל נישט געלעגן אין פיזישער קראַפט, נאָר אין גייסטיקער און מאָראַלישער, און לעצטנס איז ביי אונדז ליידער גייסט און מאָראַל היפש אָפגעשוואַכט געוואָרן.

עס רופט ביי אונדז אַרויס אומרו דער שאָס אין דער סאַרמיענטאָ־שול קעגן אַ ייִדישן יוגנטלעכן. אָבער אָט־דער אומרו איז צו אונדזער יוגנט כמעט נישט דערגאַנגען און זייער רויִקייט דאַרף וועקן ביי אונדז אומרו. מיר מוזן אונדזער יוגנט אויפוועקן און געבן איר צו פאַרשטיין וואָס עס איז ייִדישקייט, פאַרוואָס האָט מען אונדז פיינט און וואָס עס מיינט אויך אין געוויסע קרייזן די כלומרשטע ליבע צו אונדז. מיר מוזן אָננעמען די געהעריקע מיטלען צו פאַרפאַנצערן אונדזער יוגנט נישט נאָר קעגן דער ייִדן־שנאה, נאָר אויך קעגן די אָפּענע אָרעמס פון דער אַסימילאַציע. אַ גרויסער טייל פון אונדזער יוגנט איז באַווירקט פון אַ נייעם קאָסמאָפּאָליטיזם און אַ נייע אינטעגראַציע־שטרעבונג. עס ציט שוין נישט די יעוועקציע פון אַמאָל, אָבער עס איז אַ מין נייער שמד, נישט דווקא קיין רעליגיעזער. מוזן מיר זייער ענערגיש און אַנטשלאָסן קעמפן קעגן דעם.

אַקט געווידמעט דעם אָנדענק פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. עס רעדט ד״ר שלמה ביקל.

„עס איז בלי־ספק אַ שווערע אויפגאַבע צו קעמפן קעגן דער אַסימילאַציע, ווייל עס איז פאַראַן צווישן דער יוגנט פיל אומוויסנקייט און עם־הארצות און אויך די געמישטע חתונות זיינען אַ שטערונג. אַ גרויסע געפאַר איז אויך די אינטעגראַציע אין נאָמען פון אַ כלומרשטן אידעאַל, וועלכער מען דאַרף זיך אַנטקעגן שטעלן מיט אַלע כוחות. דער וועג דערצו איז אַן צווייפל דערציִונג. עס ווערט אָבער ביז איצט נישט געלייגט גענוג אַכט אויף דעם. אינעם וועד הקהילות זיינען אָנגעשלאָסן 120 קהילות, אָבער בלויז 60 פון זיי האָבן ייִדישע שולן, בעסערע אָדער ערגערע. דאַרף מען אַוועקשטעלן ווי אַ מינימאַלן באַדינג, אַז יעדע קהילה דאַרף האָבן אַ שולע. זאָל זיין אַפילו נאָר מיט אַ האַלבן לערער, אָדער זאָל מען כאָטש לערנען איינמאָל אין דער וואָך. אויב מען קען פאָדערן אַ ביישטייערונג פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין, אַפילו ביי

אַזעלכע יידן וואָס ווילן נישט געבן, פאַרוואָס זאָל מען נישט שטעלן אויף דער זעלבער מדרגה אויך דעם יידישן חינוך?

„מיר דאַרפן אויפהערן צו האָבן טענות צו דער וועלט און מיר מוזן אַלע טענות ווענדן צו זיך אַליין. מיר דאַרפן אָנווענדן דעם שטאַרקסטן געזעלשאַפטלעכן און מאָראַלישן דרוק אויף אַלע יידישע עלטערן, זיי זאָלן זייערע קינדער שיקן אין די יידישע שולן און זיי זאָלן אויך ברענגען פאַרן יידישן חינוך די גרעסט־מעגלעכע מאַטעריעלע קרבנות. וואָס פאַר אַ זין קען שוין האָבן אונדזער גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, אויב מיר גיבן נישט אונדזערע קינדער קיין ריכטיקע יידישע דערציִונג און גרייטן זיי נישט צו זיי זאָלן זיין אונדזערע גייסטיקע יורשים, אויך נישט בלויז די פיזישע?

„מען דאַרף אויסמיידן דעם קעגנזייטיקן קאַמף צווישן די פאַרשיידענע חינוך־טענדענצן וועלכע דאַרפן זיך אַלע באַזירן אויפן ענגן בונד מיט ישראל און מען דאַרף נישט פאַרגעסן אַז די ווערטן פון דער יידישער קולטור האָבן אויפגעהאַלטן ביז איצט אונדזער ווייטערדיקן קיום. מען דאַרף אויך אויפהערן צו באַווייזן דעם יידישן חינוך, נאָר מען דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט אויף דעם געביט מיט אַלע כוחות און מען דאַרף אָנהייבן אַ שטאַרקע אָפענסיווע אויפן קולטור־ און דערציִונגס־געביט, בכדי אַריינצוציִען אַלע קינדער וואָס זיינען נאָך איצט אויסער דער יידישער שול, וועלכע זיינען צים באַדויערן אין איצטיקן מאָמענט נאָך די מערהייט. אויב מיר וועלן ווייטער שמידן אונדזער צוקונפט, וועלן מיר באַווייזן צו מאַכן אונדזערע נייע דורות פאַר גוטע יידן, איבערגעבנדיק זיי אונדזערע אויסערגעוויינטלעכע רייכע גייסטיקע אוצרות.

„מיר זיינען דער דור, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פונעם לעצטן גרויליקן מבול און מיר דאַרפן אויך ראַטעווען דעם יידישן גייסט און אים איבערפלאַנצן אין די קומענדיקע יידישע דורות. אונדזער קאָנגרעס איז זיך צוזאַמענגעקומען צו פייערן אַ היסטאָרישן מאָמענט פון אונדזער ישוב. איינער פון אונדזערע וויכטיקסטע ווערטן איז ביז איצט געווען דער גייסטיקער בייטראָג, טאָ לאָמיר אים איבערגעבן ווי אַ פאַקל צו אונדזערע קינדער פאַר די ווייטערדיקע דורות".

פּראָפ' לאַזאַרא שאַלמאַן

דער נייער דור

„דער פערטער קאָנגרעס פונעם וועד־הקהילות האָט רעקאָמענדירט אַלע קהילות פונעם לאַנד, זיי זאָלן אָריענטירן זייער אַרבעט אין שייכות מיט דער יוגנט, נעמענדיק אין באַטראַכט אַז עס עקסיסטירט אַ נייער דור מיט אַן אייגענער מענטאַליטעט. וואָס איז אין איינקלאַנג מיט דער תקופה אין וועלכער ער לעבט. סיי אין דער קהילה פון בוענאָס־איירעס, סיי אין עטלעכע קהילות פון דער פּראָווינץ — קודם־כל פון ראָזאַריאָ, לאַ־פּלאַטאַ און קאָרדאָבא — האָט יענע רעקאָמענדאַציע געפונען אַן אָפּקלאַנג און זיי האָבן סטימולירט די טעטיקייט פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, געהאָלפן די חלוצישע באַוועגונגען: אָרגאַניזירט קורסן פון יידישער געשיכטע, יידיש און עברית; באַשטימט סטיפּענדיעס פאַר יידישע שטודיעס און זיי האָבן זיך באַמיט צו דערנענטערן די יוגנט — באַזונדערס די אוניווערסיטעט־סטודענטן — צום יידישן קהילה־לעבן.

„אָט אַזוי זיינען געמאַכט געוואָרן עטלעכע עפעקטיווע שריט און אַנדערע האַלטן ביים

דורכגעפירט ווערן, למשל, דאָס אָרגאַניזירן פון קורסן פאַר יוגנט־אינסטרוקטאָרן; די צוגרייטונג־זיצונגען פאַרן יוגנט־קאָנגרעס; די פאַרשפּרייטונג פון אויפקלערונג־מאַטעריאַלן וועגן אַקטועלע יידישע פּראָבלעמען אאַז״וו. אָבער עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז גאָרנישט איז אויפגעטאָן געוואָרן, כל־זמן עס בלייבט נאָך איבער עפּעס צו טאָן און דאָס עס דאַרף נאָך געטאָן ווערן איז אומגעהויער פיל.

„קודם־כל איז נייטיק צו געפינען אַ ווירקזאַם מיטל צו באַזיגן די אומפאַרשטענדעניש צווישן די דורות און צו דערגרייכן אַן איינפאַרשטענדעניש צווישן די אַלטע און די יונגע מיט די מיטעלע, שאַפנדיק פון זיי אַ מין בריק.

„דער תמצית פון דעם פּראָבלעם איז דאָס פעלן פון יידישן גייסט און קולטור. די יונגע מענטשן פון אונדזער צייט, און אַפילו די וואָס זיינען עס נישט מער, דערגייען צום עקסטרעם צו פאַרגעסן דאָס פינפטע געבאָט פון די עשרת־הדיברות: „גיב אָפּ כבוד דיין פאָטער און מוטער״. עס איז נאָך ערגער וואָס אַפילו די עלטערן רעספּעקטירן אָפּטמאָל נישט זייערע קינדער, דורך דעם וואָס זיי לערנען זיי איין זאַך און אַליין טוען זיי עפּעס אַנדערש. און עס איז דאָך גוט באַקאַנט, אַז עס האָט נישט קיין שום ווערט צו פּרעדיקן עפּעס וואָס מען באַקרעפטיקט נישט אַליין מיטן ביישפּיל. אַ דעלעגאַט פון דער פּראָווינץ האָט זיך באַקלאָגט מיט פאַרשטענדלעכער ביטערקייט, אַז אין זיין געגנט וויל די מערהייט אָריענטירן זייערע קינדער אויף רעליגיע, אָבער אַליין האַלטן זיי אָפּן זייערע געשעפטן אַפילו אין די טעג פון ראש־השנה און יום־כיפור. דאָס איז אַ מינדערשאַצונג פאַר די קינדער און אַן אומווירדיקייט, אויסער דעם איז עס קעגן דעם וואָס מען וויל דערגרייכן, ווייל אַנשטאָט צו דערנעענטערן די קינדער צו דער טראַדיציע פון יידישקייט, שטויסט מען זיי אָפּ פון איר און אַפילו פון זייערע אייגענע עלטערן.

דער גרויסער עולם אין זאַל בעת דעם אַקט געווידמעט דעם אָנדענק פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

אַזוי לאַנג ווי עס וועט נישט געשאַפן ווערן אין זייערע היימען אַן אַטמאָספערע פון ייִדישער גייסטיקייט וועט זיין אומניצלעך דאָס באַקלאָגן זיך און דאָס פּרעדיקן.

אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט און באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז צו מערקן אַ געוויסע אויפלעבונג פונעם רעליגיעזן געפיל און אַפילו געוויסע קולט־פּראַקטיקעס. אַט דאָס הייבט זיך אויך אָן צו מערקן צווישן אונדז.

„באַציִענדיק זיך צום אינטענסיוון מיסיאָנערן־קאַמפּיין וואָס עס פירן דורך די פּראָטעסטאַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט דער באַקאַנטער דיכטער דוד איינהאָרן געשריבן דאָ נישט לאַנג אין אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס“, אַז די אומוויסנקייט פון דער ייִדישער יוגנט וואָס שייך רעליגיע איז אַזוי גרויס, אַז עס איז לייכט איר איינצורעדן אַז דאָס קריסטנטום איז אַ מער אַנטוויקלטע פאָרעם פון ייִדישקייט. די ריזיקע מען זאָל גלייבן אין אַזאַ פאַלשקייט איז נאָך גרעסער אַפילו ביי אונדז אין אַרגענטינע, ווייל אַזאַ זאַך האָט אויך ביי אונדז גאַנץ ערנסט באַהויפּטעט נישט קיין קלענערער ווי אַלבערטאָ גערשונאָוו, דער מייסטער פון די „ייִדישע גאַוטשן“, וועלכער זאָגט אין אַן עסיי, אַז „דער קאַטאָליציזם איז אַן אָרגאַניזירטע ייִדישקייט“. נאָך מער: לויט דעמזעלבן, איז דער קאַטאָליציזם „אַ טריִומפירנדיקע ייִדישקייט“. דאָס איז נאַטירלעך פּונקט אַזוי פאַלש ווי די באַהויפּטונג פון אַן אַנדערן ייִדן וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער קאַטעדרע פון ביִאָלאָגישער פיזיק פון דעם ליטאָראַל־אוניווערסיטעט, דער ד״ר מ. ס. ניישלאָס, וועלכער פאַרזיכערט „אַז דאָס גרעסטע פאַרדינסט פונעם ייִדנטום איז צו האָבן געבוירן דאָס קריסטנטום מיט אַלע זיינע היסטאָרישע אָפּצווייגונגען“. און גלייך ווי דאָס וואָלט געווען צו ווייניק צו דעמאַסקירן די שטודירנדיקע יוגנט, און נאָך מער די נישט־שטודירנדיקע, טרעפן מיר זיך אָן מיט דער איבערראַשונג אַז אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס, דער אָנערקענט לערער פון דער יוגנט, פאַרזיכערט אויך אין זיין שיינעם בוך וועגן סאָציאַלן יושר, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1954, אַז „דער הויכפּונקט פונעם ייִדנטום איז דאָס קריסטנטום“.

„מען וואָלט געקענט ברענגען נאָך אַ סך באַהויפּטונגען פון דעמזעלבן מין, וועלכע וואָלטן אַלאַרמירט נישט נאָר איינהאָרנען, נאָר אַלע יענע וואָס האַלטן פונעם אמת און וויסן, אַז דאָס ייִדנטום און דאָס קריסטנטום שטעלן מיט זיך פאָר גייסטיק, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי צוויי אַנטקעגנגעזעצטע וועלטן.

„עס איז דעריבער אונדזער חוב אויפצוקלערן, קודם־כל די אוניווערסיטעט־יוגנט, וועגן דעם תמצית פונעם ייִדישן גייסט, וועלכער איז גאַנץ פאַרשידן פון די עוואַנגעלישע נאָרמעס.

„עס איז כדאי דאָ צו ברענגען נאָך איין באַמערקונג פון אַ פּראָווינץ־דעלעגאַט: די ייִדישע יוגנטלעכע באַקלאָגן זיך וואָס עס זיינען נישט פאַראַן צווישן אונדז אויך קיין גייסטלעכע. דאָס איז נאָך אַ שלאָגנדיקער באַווייז וועגן דער פונדאַמענטאַלער אומוויסנהייט פון אונדזער יוגנט וועגן דעם גייסט פון ייִדישקייט, וועלכער אונטערשיידט זיך פון דער קריסטלעכער דאָקטרין דורך דעם וואָס דער ייִד דאַרף נישט האָבן קיין שום פאַרמיטלער צווישן זיך און דעם בורא־עולם. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאַרף מען דערמאָנען, אַז ר׳ מענדעלע קאָצקער האָט אַמאָל געענטפערט אַ ייִדן וואָס האָט ביי אים געבעטן ער זאָל פאַר אים זיין אַ מליץ־יושר ביים רבונו־של־עולם אַז ער איז שוין גענוג דערוואַקסן זיך אַליין איינצופאַרשטיין מיטן רבונו־של־עולם, נישט דאַרפנדיק אָנקומען צו אַ פאַרמיטלער.

„עס איז דעריבער נישטאָ קיין ספק, אַז מען דאַרף אונטערנעמען אַ קאַמפּיין צו ייִדישן אונדזער יוגנט און נישט דווקא בלויז אין דער הינזיכט פון רעליגיע.

„דאָס פעלן פון ייִדישער קולטור איז צו מערקן אַפילו אין די חלוציש באַוועגונגען און עס איז איבערראַשנדיק פעסטצושטעלן, אַז אַ סך גלויבן הפנים, אַז דאָס ייִדנטום איז ערשט געבוירן געוואָרן מיט דעם ציוניזם און אַ גרויסער סעקטאָר פון אונדזער יוגנט ווייסט גאָרנישט וועגן רבי עקיבא, אָדער וועגן רבי יוחנן בן זכאי.

„נישט קוקנדיק אויף דעם, איז צו מערקן ביי אַ סך יוגנטלעכע נישט נאָר אומרויִקייט, נאָר אויך אומצופרידנקייט און שטאַרקער ווילן צו לערנען. דאָס איז אַ גוטער סימן, ווייל די אמתע געפאַר שטעקט אין דער רוטין, אינעם פעלן פון אומרויִקייט, אין דער אָפּגעלאָזנקייט און אינדיפערענץ.

„אויסערדעם איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז חוץ די טעטיקייטן וואָס קומען פאָר אין די חלוצישע באַוועגונגען, איז אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן אין דער לעצטער צייט די דערגענטערונג פון אונדזערע אוניווערסיטאַריער צום ייִדישן לעבן. עס איז וויכטיק וואָס זיי האָבן זיך גרופירט נישט נאָר אין דער הויפּטשטאָט, נאָר אויך כמעט אין אַלע אוניווערסיטעט־צענטערן, דאָס הייסט אין ראָזאַריאָ, קאָרדאָבאַ, טוקומאַן, באַהיאַ בלאַנקאַ אאַז״וו. מיר שטייען פאַר אַ קאָנגרעס פון ייִדישע אוניווערסיטאַריער פונעם גאַנצן לאַנד, וועלכער וועט וואַרשיינלעך פאָרקומען אין ראָזאַריאָ, אין מאָנאַט אָקטאָבער, און עס איז נאַטירלעך אַז די באַטרעפנדיקע קהילות וועלן אים קרעפטיק שטיצן.

„לעצטנס באַמערקט מען אויך דאָס אויפקומען פון גרופּעס אָן אַ ציוניסטישער באַפאַרבונג אָדער דעפיניציע, פון רעליגיעזע אָדער קולטורעלע גרופּעס, אָדער סתם סאָציאַלע. דאָס זיינען עלעמענטן וואָס זיינען עלול זיך צו דערנענטערן צום ייִדישן לעבן און זיך דורכדרינגען מיט אונדזער פאַרערונג פאַר מדינת־ישראל, אויב מען וועט זיי נאָר ריכטיק אָריענטירן.

„אָבער עס איז פאַראַן עפּעס וואָס עס דאַרפן געדענקען יענע וואָס פּרעטענדירן צו דעראָבערן דעם גוטן ווילן פון דער יוגנט און זי צו אָריענטירן און דהיינו: מען דאַרף זיי שטענדיק זאָגן דעם אמת און מען דאַרף זיי איבערצייגן מיטן גוטן ביישפּיל. וואָס די יוגנטלעכע זיינען קיינמאָל נישט מוחל איז, מען זאָל זיי אָפּנאַרן, אָדער ליגן זאָגן״.

ז. וואַסערצוג

אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראַגן פון די קהילות

„כדי אויסצומיידן די אַלע פּראַגן און שוועריקייטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער זייט פון די קהילות, וואָלט איך געמאַכט אַ פאָרשלאַג: אַז אַלע קליינע און מיטעלע קהילות וואָס מיר האָבן אין דער פּראָווינץ, זאָלן דערהייבן ווערן צו דער מדרגה פון דער קהילה אין בוענאָס־איירעס.

„דער פאָרשלאָג איז זיכער אַ גוטער, עס איז נאָר שווער דאָס דורכצופירן אין דער פּראַקטיק. אַלנפאַלס, איז עס אונדזער שטרעבונג, אונדזער ציל. וואָס טוט מען אָבער ביז מען דערגרייכט דעם דאָזיקן ציל?

„די קהילה פון בוענאָס־איירעס, אין דעם מצב ווי זי געפינט זיך היינט צו טאָג, איז אַ פּראָדוקט, ווי מיר אַלע ווייסן — פון העכער אַ האַלבן־יאָרהונדערט אַרבעט, פלייס, מי פון אירע עסקנים, זוכן, עקספּערימענטן, קאַמפן און בלאָנדזשענישן.

„די קהילה פון בוענאָס־איירעס וואָס איז מיט איר אָרגאַניזאַציע, מיט איר דעמאָקראַטישן כאַראַקטער און מיט איר אינהאַלט וואָס שליסט איין אַלע שטחים פון ייִדישן לעבן — אַ מוסטער און אַן אוניקום אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט, איז דער פאָלקס־שעפערישער פּראָדוקט פון עטלעכע דורות ייִדן, וועמענס זאָרג איז געווען ממשיך צו זיין דאָס ייִדישע לעבן אין די נייע היימען אויפן קאָנטינענט.

„ס׳איז מער נישט ווי נאַטירלעך אַז די קהילות אונדזערע אין דער פּראָווינץ זאָלן אָנטרעפן

אויף שטרויכלונגען, שוועריקייטן אויפן וועג פון זייער עוואָלוציאָנעלער אַנטוויקלונג, אין דער געוועכטער שטרעבונג פון די עסקנים אַוועקצושטעלן די קהילה אינעם צענטער פאַרן המשך פון אונדזער לעבן.

„שוועריקייטן, פּראָבלעמען, זיינען אַ סימן פון לעבן. יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם האָט זיך זיינע פּראָבלעמען. מען דאַרף זיך נאָר פאַר זיי נישט אָפּשרעקן. פאַר יעדער פּראָבלעם איז פאַראַן אַ פּאַסיקע לייזונג. אויב די לייזונג איז נישט מעגלעך שוין איצט, וועט זי מעגלעך זיין מאָרגן.

„וואָס שייך זאָרגן, פּראָבלעמען, צרות — קענען מיר אַ סך לערנען פון אונדזערע אמאַליקע קהילות מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אין די צייטן פון פינצטערן מיטלאַלטער און אויך אין שפּעטערדיקע תקופות.

„אונדזער קהילה, ווי אַן אוראַלטע יידישע אינסטיטוציע, וואָס האָט פאַרטראָטן דעם יידן זיין מלוכהשע זעלבסטשטענדיקייט און איז געווען פאַר אים אַ גייסטיקער פּאַנצער, האָט אָנגעקליבן אַן אומגעהויערע רייכע דערפאַרונג, פון וועלכער מיר קענען און דאַרפן לערנען — לעקציעס פון יידישן מוט, יידישן שטאָלץ און מסירת־נפש.

די דעלעגאַטן וואָס קומען אין שטאָט אַריין ברענגען מיט זיך שווערע זאָרגן, ערנסטע פּראָבלעמען אין דעם קאַמף פאַרן אויפהאַלט פון יידישקייט אין יענע ווייטע ישובים. די עסקנים דאַרפן אָבער וויסן און געדענקען אַז אויך די אַמאָליקע קהילות האָבן געהאַט שווערע זאָרגן אויף זיך, זאָרגן, וואָס האָבן מיט זייער ערנסט און די סכנות וואָס זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט, ווייט, ווייט אַריבערגעשטיגן די זאָרגן וואָס מיר האָבן היינט פאַר זיך.

„די עסקנים דאַרפן געדענקען אַז דער אויפהאַלט, דער קיום פון יידישקייט האָט שטענדיק געפאָדערט קרבנות און איז אָפטמאָל געווען פאַרבונדן מיט קאַמף און מסירת־נפש.

„די פּראָבלעמען פון די אַמאָליקע קהילות אונדזערע זיינען געקומען פון דרויסן, מצד די שכנים, מצד די רעגירער, אין דער פאָרעם פון כלערליי נגישות, גזירות, באַשרענקונגען און פאָדערונגען. אינערלעך אָבער זיינען די קהילות געווען גאַנץ, גוט־אָרגאַניזירט, מיט אַ הייכער־נאַציאָנאַלער דיסציפּלין און פעסטער מאָראַל.

„דערפאַר זיינען אונדזערע היינטיקע קהילות ברוך־השם פריי פון דער שרעק, פון די סכנות וואָס קענען קומען פון דרויסן, מצד דער אָנפירנדיקער מאַכט. און לאָמיר טאַקע ביי דער געלעגנהייט באַטאָנען די אומגעהויערע טאָלעראַנץ, פולשטענדיקע פרייהייט און ברייטהאַרציקע פאַרשטענדעניש, וועלכע אונדזערע קהילות טרעפן אָן ביי די נאַציאָנאַלע, פּראָווינציעלע אָדער מוניציפּאַלע באַהערדן, ביים אויספירן זייערע פונקציעס.

„די הויפּט־פּראָבלעמען פון אונדזער קהילה־לעבן היינט צו טאָג קומען פון דעם אינערלעכן פראָנט. עס האָט אויפגעהערט די פערזענלעכע אחריות פון דעם יידישן יחיד פאַר קיום־האומה. עס זיינען לויז געוואָרן די רעליגיעזע פליכטן וועלכע פלעגן אַמאָל האַלטן דיסציפּלינירט דעם יידן ביי זיין יעדן טראָט. דער יונגער דור וואַקסט אויס אין אַ סביבה און אין אַ היים וואָס איז אויסגעליידיקט פון יידישער טראַדיציע און פון יידישן שטייגער.

„בשעת די פּראָבלעמען פון די אַמאָליקע קהילות אין מיטלעלטער האָבן געשטעלט אין סכנה די פיזישע עקזיסטענץ פון די יידן, באַדראָען די היינטיקע פּראָבלעמען נישט די פיזישע, נאָר דעם גייסטיקן קיום אונדזערן אַלס יידן.

„און ס'איז פון יעדן שטאַנדפּונקט כדאי צו כאַפּן אַ בליק אויף די אַמאָליקע יידישע קהילות אונדזערע. פון זיי קענען מיר אַ סך לערנען און שעפּן דערמוטיקונג, אינספּיראַציע אין אונדזער היינטיקן קאַמף פאַר קיום היהדות.

„אוודאי איז שווער היינט צו זיין דער ראש־הקהל פון אַ צאַנקענדיקער קהילה, צו שטיין בראש פון אַ לויזער עדה, פאַר וועלכער ער קען גאָרנישט טאָן. דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ שווערן עול און מיט מאָראַלישע פּיין. דאָס איז אָבער גאָר קיין פאַרגלייך נישט מיט די פּראָבלעמען און סכנות פאַר וועלכע עס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן די אַמאָליקע ראשי הקהל

אין שפּאַניע, איטאַליע, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אין אַלע אַנדערע ישובים פון דער אַמאָליקער אייראָפּע.

„די קעניגן און אַלערליי פירשטן האָבן זיי תמיד שאַנטאַזשירט און טעראָריזירט דורך געלט־פאָדערונגען און עקסטראַ־אָפּצאָלן און קאָנטריבוציעס. אין פאַל פון ריטועלע בילבולים פלעגט מען זיי די ערשטע אַריינשליידערן אין די תפיסות, אינקוויזיטאָריש פייניקן. אָפטמאָל האָבן זיי באַצאָלט מיט זייערע לעבנס פאַר די כלומרשטע חטאים פון די קהילות און זיי זיינען אומגעקומען על־קידוש־השם אויף די שייטערהויפנס.

„אַחוץ די כסדרדיקע שרעק פאַר בילבולים און פאָגראָמען, איז געווען אַ גרויסע צרה פאַר די קהילות דאָס דאַרפן צאָלן דעם קעניג הויכע שטייערן. יידן האָבן באַזונדער געמוזט צאָלן פאַר דעם שוץ וואָס זיי האָבן באַקומעןביים קעניג. זיי האָבן זיך גאָרנישט געקענט אויסצאָלן פאַר דעם דאָזיקן חסד.

„פון די קעניגלעכע אַקטן פון אַראַגאָניע, שפּאַניע, ווערט מען געוווירָ, אַז אין יאָר 1285 האָבן יידן געצאָלט דעם קעניג פּעדראָ דעם ווותן אַ שטייער פון 12 מיט אַ האַלבן פּראָצענט פון די הכנסות פון קאַפּיטאַל, פון גיטער און פון כלערליי פאַרדינסטן.

פון די אָפּצאָלן זיינען די קהילות אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, אַז זיי זיינען געווען געצוווּנגען צו לייען געלט ביי קריסטן אויף גרויסע פּראָצענטן. דער באַרצעלאָנער רב, רשב״א, האָט אין יענער צייט געשריבן, אַז אָפט איז די גערעטעניש פון די בעסטע פעלדער נישט גענוג אויף צו באַצאָלן די שטייערן דעם קעניג.

„רייכע יידן וואָס האָבן געהאַט אַ צד ביי די הויפן פון די קיסרים אָדער פון די פעאָדאַלע פירשטן, פלעגן אויספועלן אַז מען זאָל זיי באַפרייען פון צאָלן שטייערן, און מחמת דעם איז די שווערקייט פון די שטייערן געפאַלן אויף דער אָרעמער מאַסע. דאָס איז געווען אַ שווערע פּראָבלעם פאַר די קהילות. די צוזאַמענפאָרן פון די רבנים האָבן זיך באַשעפטיקט מיט די האַרבע פראַגן.

„אין דעם באַרצעלאָנער אַרכיוו זיינען פאַרבליבן צוויי טויזנט קעניגלעכע אַקטן וואָס האָבן אַ שייכות צו יידן, אין דעם אָפּשניט פון 15 יאָר נאָר. דער קעניג האַלט אין איין קאָרעספּאָנדירן וועגן יידן אָדער מיט די יידישע קהילות פון צענדליקער שטעט אָדער מיט אָרטיקע אָרגאַנען מכוח יידן. דעם גרעסטן אָרט אין די אַקטן פאַרנעמען חשבונות צווישן דעם קעניג און די קהילות וועגן שטייערן אָדער אַנדערע געלט־געשעפטן, פאָדערונגען פון אַוואַנסן על חשבון פון קומענדיקע אָפּצאָלן, אָדער מעלדונגען וועגן אויסערגעוויינטלעכע אָפּצאָלן.

„די יידישע קהילות אונטער זייער שוץ זיינען געווען מעלקעדיקע קי פאַר די מלכים פון אַראַגאָניע און קאַסטיליע. זיי האָבן געבויט זייער מלוכה־בודזשעט דער עיקר אויף די הכנסות פון די יידן.

„און נאָך ערגער איז געווען וואָס דער קעניג מישט זיך אָפּט אַריין אין די אינעווייניקסטע ענינים פון די קהילות. ער נעמט אויף זיך די ראָלע פון אַ בורר אין סיכסוכים צווישן צוויי קהילות אָדער צווישן אַ קהילה־פאַרוואַלטונג און פּריוואַטע מענטשן. אין זייער געלט־גייציקייט בכדי אויסצופּרעסן וואָס מער געלט פון די קהילות, גייען די קעניגן אַזוי ווייט, אַז זיי שטעלן זיך אָפּט איין פאַר יידישע דינים.

„דאָס כסדרדיקע אַריינמישן זיך פון קעניג אין די אינערלעכע קהילה־ענינים, איז געוואָרן אַן אמתע צרה און האָט פאַרשאַפט די פרנסי הקהל גרויסע זאָרגן.

„אַוודאי האָבן אונדזערע קהילות עקאָנאָמישע זאָרגן, פינאַנציעלע שוועריקייטן. אָבער ווי קליין און נישטיק עס זיינען די זאָרגן אין פאַרגלייך מיט די פאָדערונגען און צודרינגלעכקייט פון די קעניגן, וועלכע האָבן געזויגן פון די קהילות ווי די פּיאַווקעס, ביז צום לעצטן ביסל חיות.

„אַבי די קהילות אונדזערע פאַרדריסט וואָס דער וועד־הקהילות שיקט זיי אַריין פון צייט צו צייט אַ בריוול און דערמאָנט זיי וועגן די הינטערשטעליקע צאָלונגען. אמת, די עסקנים

מאַכן זיך נישט קיין וועזן פון אַזעלכע בריוולעך און זיי צאָלן נישט דאָס וואָס זיי דאַרפן צאָלן דעם וועד־הקהילות, אָבער ווי בלייך, ווי אומשולדיק דאָס קוקט אויס מיט יענע פאָדערונגען און די קאָנטריבוציעס וואָס די קעניגן פלעגן אַרויפלייגן אויף די קהילות.

„ווען עס איז געווען אַ מחלוקת אין די קהילות, און דאָס האָט ב״ה קיינמאָל נישט געפעלט — פלעגט טרעפן אַז דער שוואַכערער צד האָט געזוכט אַן אונטערשטיצונג ביי דער אָרטיקער קריסטלעכער מאַכט. דאָס איז געווען אַן אַקט פון מסירה, וואָס האָט פאַרשאַפן די קהילות גרויסע צרות.

„איינמאָל האָט געטראָפן אַז דער קעלנער אַרציבישאָף האָט געוואָלט באַשטעטיקן זיין קאַנדידאַט פאַר אַ חזן אין אַ שיל. נאָר דער חזן גופא, אַ ייד מיט מוט האָט זיך געווענדעט צו דעם אַרציבישאָף און אים געזאָגט: איך וועל פון דיר נישט אָננעמען קיין דערלויבעניש אויף דער עבודת־הבורא.



דער קבלת־פנים באַנקעט לכבוד אַמבאַסאַדאָר יוסף אבידר. (1960).

„געווען פאַלן, ווען די רעגירונגען האָבן באַשטימט און געוואָלט אימפּאָנירן זייערע רבנים. דאָ אָבער האָבן די קהילות באַוויזן זייער נאַציאָנאַלע דיסציפּלין, און די פון אויבן־באַשטימטע רבנים זיינען אינגאַנצן נישט גענומען געוואָרן אין אַכט. קיינער האָט זיי נישט געפאָלגט און קיינער איז נישט געקומען צו זייערע דרשות וואָס זיי האָבן געהאַלטן. דערפאַר אָבער, איז פאַר זיי געווען הייליק יעדעס וואָרט פון די גייסטיקע פירערס וואָס זיי אַליין האָבן זיך אויסגעקליבן.

„אַ צרה און אַ געפאַר זיינען אַמאָל געווען פאַר די קהילות די כסדרדיקע טענות פון די גלחים און בישאָפן קעגן דער תורה פון יהדות. זיי פלעגן פּראָוואָצירן און אַרויסרופן די קהילות אויף עפנטלעכע וויכוחים.

„אַ באַזונדער שווער קאַפּיטל פאַר די קהילות זיינען געווען די משומדים. זיי זיינען אַרויסגעקומען מיט מסירות אַז ייִדן זאָלן כלומרשט אין זייערע תפילות שענדן דעם קריסטלעכן גלויבן. דאָס פאַרטיידיקן זיך קעגן אַזעלכע בילבולים האָט געפאָדערט אַ סך טאַקט, אינטעליגענץ און אַ סך ייִדישן וויסן.

„אַ סך פון די ראשי הקהילה האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס פאַר אַזעלכע בילבולים. ס׳איז אונדז גוט באַקאַנט דער וויכוח וואָס דער פראַגער רב רבי יום־טוב ליפמאַן מילהויזן, האָט געהאַט מיטן משומד פסח־פעטרוס אין יאָר 1399, און פון וועלכן ער איז אַרויסגעקומען בשלום. דריי אָבער פון די אַרעסטירטע ייִדן פון זיין קהילה איבער דעם בילבול, זיינען פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן.

„אונדזערע קהילות היינט האָבן פאַר זיך די ערנסטע פּראָבלעם פון געמישטע משפחות, פאַלן ווען קריסטלעכע פרויען וואָס זיינען פאַרהייראַט מיט ייִדישע מענער און זיי זיינען געוואָרן טוערנס פון „וויצאָ” און זיי מאָנען פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין. דאָס איז די פּראָבלעם פון געמישטע משפחות וואָס וואַרטן אַז זייער סיטואַציע, זייער געפינען זיך אויפן קיינעמס לאַנד, צווישן ייִד און גוי, זאָל דעפיניטיוו רעגולירט ווערן. אַזעלכע צרות אָבער פון משומדים וואָס האָבן געבראַכט אומגליקן אויף גאַנצע קהילות — גאָט צו דאַנקען וויסן מיר היינט נישט דערפון.

„די אַמאָליקע קהילה האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט זייער אַ קאָמפּליצירטע אינסטיטוציע, ממש אַ מלוכהשע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט רעגולירט דאָס גאַנצע לעבן פונעם ייִדן. די קהילה האָט רעגולירט דעם ייִדנס לעבן דורך רעליגיעזע פליכטן, דינים, תקנות און מנהגים — פון וויגל ביז צום קבר. און אַלע פאָרשריפטן, אַלע תקנות האָבן געצילט צו איין איינציקן פונקט: צו קענען לעבן, קענען אויפהאַלטן דעם קיום אין אַ ים פון שנאה, סכנות און גזירות.

אונדזערע היינטיקע קהילות זיינען פאַקטיש מער נישט ווי אַן עכאָ פון יענע אַמאָליקע קהילות. עס מאַכט דעם איינדרוק אַז די פאָרשטייער פון אונדזערע קהילות, אָנשטאָט טראָגן אויף זיך דעם שווערן עול און פליכטן פאַר דעם ייִדישן לעבן — וואַרטן זיי און האָפן אַז דאָרט, אין דער ווייטער בוענאָס־איירעס וועט מען לייזן זייערע פּראָבלעמען. מיר לעבן היינט אין פרייע צייטן, מען האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַלע רעליגיעזע פליכטן און אַפילו די אָנגעהעריקייט צו דער קהילה איז אַ פרייע זאַך פאַר דעם ייִדן.

„כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ כיוון אויספירלעכער און געצויגן אַ פּאַראַלעל מיט די אַמאָליקע קהילות כדי צו באַווייזן אַז ווי שווער די פּראָבלעמען זאָלן נישט זיין איז מעגלעך צו געפינען פאַר זיי לייזונגען אין דער ראַם פון דער קהילה, וואָס מיינט אינעם גייסט פון אונדזער ציבור און אונדזערע כלל־אינטערעסן.

„ס׳איז דאָ אַן אַלט־ייִדיש פאָלקס־וואָרט וואָס זאָגט: נישטאָ קיין אָרעם קהל. און פאַראַפראַזירנדיק מען מען זאָגן: נישטאָ קיין אוממעגלעכעס פאַר קהל. די קהילה האָט אַלע מעגלעכקייטן צו געפינען אַ לייזונג פאַר אירע פּראָבלעמען, ווי שווער זיי זאָלן זיך אונדז נישט אויסווייזן.

„אָבער מיט איין באַדינג: די קהילה דאַרף זיין אַ קהילה אין דעם פולן זין פון דעם באַגריף. און די עסקנים אירע דאַרפן האָבן דעם נייטיקן באַוווּסטזיין וועגן דער הויכער שליחות וואָס זיי דאַרפן דורכפירן.

„אַ גוט־אָרגאַניזירטע קהילה מיט די ברייטע פונקציעס פאַר דעם גאַנצן ייִדישן לעבן, טראָגט שוין ממילא אין זיך די מעגלעכע לייזונגען. די קהילה אַליין אין אַ גרויסער מאָס שוין די לייזונג.

„און דערפאַר זיינען די לעצטע יאָרן געמאַכט געוואָרן מצד דעם וועד הקהילות ערנסטע באַמיִונגען צו הייבן דעם פּרעסטיזש פון דער קהילה און שטאַרקן איר מאָראַליש־סאָציאַלער פּאָזיציע.

„וואָס שייך די קהילות אונדזערע אין דער פּראָווינץ, איז די לאַגע אַזאַ: פון די 120 קהילות

וואָס זיינען היינט צו טאָג איינגעשלאָסן אין וועד הקהילות, איז פאַראַן אפשר אַ מנין צווישן זיי, וועלכע פאַרדינען און זיינען ראוי צו טראָגן דעם אַלט־ייִדישן יחוס־נאָמען — קהילה.

„דעריבער האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרוואַנדלען די אַלע פאַראיינען, אַסאָציאַציעס, צענטערס, חברה־קדישאס — טאַקע אין אמתע קהילות, אַז זיי זאָלן ווערט זיין צו טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען וואָס איז מחייב צו מעשים.

„איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון אונדזערע רייזנדע אינספעקטאָרן איז אַוועקצושטעלן די פראַגע אויפן סדר־היום פון יעדן ישוב, אָנרעגן צו פאַראייניקן די כוחות און שאַפן די קהילה, אַז זי זאָל ווירקלעך זיין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער שעפערישער אויסדרוק פון יעדן ישוב, ווי גרויס אָדער קליין ער זאָל נישט זיין.

„ס׳איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַ יורידישע קאָמיסיע ביים וועד־הקהילות, וואָס זאָל שטיין צו דינסט צו הילף דער טראַנספאָרמאַציע און יורידיש אָריענטירן די עסקנים אין די אַלע ענינים, און דער עיקר ביים דעפינירן די אויפגאַבעס און פונקציעס פון דער קהילה.

„אין איניקע שטעט האָבן מיר דערגרייכט, אַז די פראַגע פון דער קהילה איז געשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום און איז דעבאַטירט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס. עס זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען מיט דער באַטייליקונג פון די פאַראינטערעסירטע לאָקאַלע אינסטיטוציעס. עס זיינען געשריבן געוואָרן פראָטאָקאָלן, אין וועלכע עס איז געבראַכט געוואָרן צום אויסדרוק אַלעמענס איינשטימיקייט אַז די קהילה זאָל געשאַפן ווערן.

„און דאָך זיינען אויפגעשווומען שוועריקייטן, שטרויכלונגען וואָס האָבן נישט דערלאָזט עס זאָל רעאַליזירט ווערן די שאַפונג פון דער קהילה. די הויפט־שולדיקע זיינען די פאַטריאָטן פון די אינסטיטוציעס, וועלכע וואָלטן געדאַרפט אויפלייזן זייער עקזיסטענץ און אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר דער קהילה. זיי, די פאַטריאָטן, די בירערס פון די אינסטיטוציעס, מיט אומצווייפלהאַפטע פאַרדינסטן פאַר דעם לאָקאַלן ייִדישן לעבן, ווילן נישט רעזיגנירן פון זייערע פאָזיציעס. זיי שרעקן זיך פאַר דעם איבערגאַנג, וואָס וואָלט געקאָנט זיין אַ ברכה פאַר די ישובים.

„דאַרף מען זאָגן, אַז מיר באַטראַכטן נישט די דאָזיקע איניציאַטיוו פאַר אַ דורכפאַל. חלילה וחס! די געוואָרפענע לאָזונג, אַפילו ווען זי טרעפט אָן אויף מאָמענטאַנע אומפאַרשטענדענישן און שטרויכלונגען, וועט דאָך מיט דער צייט שלאָגן וואָרצלען און וועט באַווייזן צו עפענען זיך אַ וועג צום באַוווסטזיין פון אונדזערע עסקנים. אַ דאַנק אונדזער אַקטיוואַציע איז אַ סך רייפער געוואָרן דער געדאַנק וועגן דער אימפאָרטאַנץ פון דער קהילה, ווי אַ פאַסיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרעם אויפצוהאַלטן דאָס ייִדישע לעבן אין די פראָווינץ־ישובים.

„אגב, דער פרייוויליקער כאַראַקטער פון די קהילות, דערציילט וועגן דעם הויכן באַוווסטזיין פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע וויל זיין אָנגעשלאָסן אין דער אינסטיטוציע וואָס טראָגט אויף זיך דעם אַלטן חותם פון דעם אָרגאַניזירטן ייִדישן כלל־לעבן.

„מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די קהילות אין דער פראָווינץ — די וואָס זיינען עס יאָ — קומט אויס אָנצופירן זייער אַקטיוויטעט אין אַן אַרומיקן מדבר פון נאָכלעסיקייט, פרעמדקייט און אַפאַטיע; אין אַ סביבה ווו די אַסימילאַציע איז אַ דראָענדיקער כוח, ווייט פון אַ גרויסן ייִדישן צענטער, אויסגעליידיקט פון דער ייִדישער אינטעליגענץ און אינטעלעקטועלע כוחות.

„אין אַזעלכע אומשטענדן איז נייטיק, אַז די עסקנים פון יענע קהילות זאָלן זיין באַוואָפנט מיט פאַרהאַרטעוועטן ווילן, מיט עקשנות, אויסדויער און מיט אַ טיפן באַוווסטזיין און גלויבן וועגן דער וויכטיקער און נויטווענדיקייט פון זייער אַרבעט.

„אַוודאי איז נישט גרינג צו טראָגן טאָג־טעגלעך דעם שווערן עול פאַר אונדזער לעבן, אין אַ גרויסן ייִדישן צענטער, אָבער זיבן מאָל שווערער נאָך איז דער עול אין די קלענערע ישובים — דאָרט איבער דער ווייטער פראָווינץ, אָפּגעריסן, פאַרלאָזן און פאַרגעסן פון דער ייִדישער וועלט.

„וואָס קלענער דער ישוב, — אַלץ גרעסער זיינען די גייסטיקע נויטן, אַלץ שווערער די אַפּאַטיע און פאַרצערנדיקער דער עלנט וואָס קוקט אַרויס פון יעדן ווינקעלע.

„וואָס שייך אונדזער אויפגאַבע אַוועקצושטעלן די קהילה אינעם צענטער פון יידישער אַקטיוויטעט און לעבן, דאַרף זיין אונדזער שטאַנדפּונקט, אויב דאָס איז שווער צו דערגרייכן אָרגאַניזאַציאָנעל, דאַרף מען צו דעם צוקומען — פונקציאָנעל, בהדרגהדיק. מעג די קהילה ווייטער הייסן חברה קדישא, סענטראָ, ציַ אוניאָן — אויב זי טראָגט נאָר דעם עול און די פליכטן פאַר דעם יידישן לאָקאַלן לעבן, איז זי די פּאַקטישע קהילה, די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויסבעסערונגען וועלן מיט דער צייט קומען. פיל וויכטיקער פון דעם נאָמען איז דאָך דער אינהאַלט פון דער קהילה.

„און דערפאַר האַלטן מיר כסדר אין סוגערירן די קליינע כמו־קהילה־אינסטיטוציעס זיי זאָלן אויסברייטערן זייערע פונקציעס און בהדרגהדיק נעמען אויף זיך דעם עול פאַר דעם לאָקאַלן יידישן לעבן. פאַר אַלעם סטימולירן מיר די עסקנים איבערצונעמען די אויפזיכט איבער דער הויפּט־וויכטיקער אַקטיוויטעט, וואָס איז דער חינוך פון יונגן דור — די יידישע שול.

„געווען פאַלן פון מחלוקת אין ישובים צווישן דעם צד וואָס האָט אויסגעהאַלטן די יידישע שול מיטן צד פון די עסקנים אַרום דער קהילה. הגם, מיר האָבן אויסגעמיטן צו שטעלן זיך אויף דער זייט פון איינעם פון די צדדים, האָבן מיר אָבער באַרעכטיקט די פאָדערונג פון דער קהילה צו נעמען אונטער איר אַפּוטרופּסות דעם יידישן חינוך.

"און דאָס איז די דערשיינונג וואָס מען טרעפט אין אונדזערע מערסטע פּראָווינץ־ישובים, וועלכע ציילן נאָר עטלעכע צענדליק יידישע משפחות. די עקזיסטירנדיקע חברה־קדישא אָדער סענטראָ, איז טאַקע נישט קיין קהילה לויט אונדזערע באַגריפן וואָס אַ קהילה דאַרף זיין, זי איז דאָס אָבער יאָ לויט די פונקציעס אירע. אויב זי טראָגט אויף זיך די זאָרגן פאַר דעם לאָקאַלן יידישן לעבן, אין אַ גרעסער אָדער קלענערער מאָס — פאַרדינט זי צו טראָגן דעם אַלט־יחוסדיקן נאָמען קהילה.

„די חברה קדישא אָדער וואָסער אַנדערן נאָמען זי טראָגט — זאָל מען זי רופן כמו־קהילה — איז זי אָבער דער אַדרעס און די היים פון דעם ביסל צאַנקנדיקן יידישקייט. זי איז דער אַדרעס פאַר דער „מגבית”, פאַר דעם צוגעפאָרענעם רעדנער און פאַר דעם יידישן אַקטיאָר, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אַהין אין יענע ווייטע, פאַרוואָרפענע, בלאָטיקע מקומות.

„און דערפאַר איז פאַראַן ביי די דאָזיקע נישט דערבאַקענע קהילות — אַ פאַרדרוס און הערשנדער אַנטאַגאָניזם צווישן דער לאָקאַלער קהילה און דער פיליאַל פון דער דאַיאַ. ביידע פּרעטענדירן זיי צו רעדן אין נאָמען פון ישוב.

„ציַ אָבער זיינען די עסקנים פון דער קהילה נישט גערעכט מיט זייער פאָדערונג, אַז דער וואָס טראָגט די פליכטן פאַר דעם יידישן לעבן אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר — דער איז אויך באַרעכטיקט צו רעדן אין נאָמען פון דעם לאָקאַלן ישוב?

„אין דער ערגסטער לאַגע זיינען די גאָר קליינע פונקטן, וווּ עס לעבן געציילטע יידישע מישפּחות. אַזעלכע פונקטן זיינען פאַראַן אין די צענדליקער, צעוואָרפענע איבער דער ריזיקער לענג און ברייט פון דער רעפּובליק.

„די דאָזיקע יידן זיינען צווישן די עלנטע פּראָווינץ־יידן די סאַמע עלנטסטע. וואָס קענען מיר טאָן פאַר יענע פאַרגעסענע יידן — דער אמת פאַרגעסענער שבט — צו וועלכע עס פאַרבלאָנדזשעט זעלטן אַהין די שטים פון אונדזער ישוב?

זיי ווערן דאָרט פאַרגרעבט און זייערע קינדער פאַרפרעמדט.

„אויב אין די אַנדערע קליינע ישובים פון דער פּראָווינץ האַלט נאָך אָן דער יידישער פונק זיין פייער, וואָס איז מעגלעך נאָך אויפצולעבן, אויפצובלאָזן, איז דער פונק אין די עלנטע ישובים פאַרדעקט מיט אַ דיקער שיכט פון אַש און ער לעשט זיך אויס, אויב ער איז שוין נישט פאַרלאָשן אינגאַנצן.

„וואָס קאָנען מיר דאָך טאָן פאַר די דאָזיקע פאַרגעסענע אַרענדאַרן אונדזערע? עס וואָלט געווען אַ זינד פון דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אינגאַנצן זיי צו פאַרגעסן אָדער זיך מייאש זיין פון זיי.

„קודם־כל וואָלט מען געדאַרפט אונטערנעמען אַן אַקציע אויף אָפּצוראַטעווען זייערע קינדער און יוגנטלעכע. אויב די מישפּחות מוזן שוין דאָרט בלייבן, דאַרף מען לכל־הפּחות זען צו ראַטעווען זייערע קינדער. דאָס איז אַן אמתע הצלת נפשות.

„די ראַיאָן־קאָמיטעטן אונדזערע האָבן אין די צעשפּרייטע ייִדישע מישפּחות אַ דאַנקבאַר פעלד פאַר אַקטיוויטעט. פאָרט אַמאָל אַרויס צו זיי, אָדער פאַרבעט זיי צו זיך. דאָס אָנהאַלטן בלויז אַ קאָנטאַקט מיט די פאַרוואָרפענע ייִדן וועט זיין פאַר זיי אַ געשעעניש. אייער אויסגעשטרעקטע ברידערלעכע האַנט וועט זיין אַ סטימול אין זייער עלנט.

„מיר ווייזט אויס, אַז עס וואָלט נייטיק געווען צו סטימולירן די איינצלנע ייִדישע מישפּחות זיי זאָלן עוואַקויִרן די איינזאַמע וווין־ערטער און זיך באַזעצן אין ישובים מיט אַ גרעסערער ייִדישער באַפעלקערונג. דערמיט וואָלטן זיי אויסגעלייזט געוואָרן פון זייער איינזאַמקייט און וואָלטן אויך אָפּגעראַטעוועט זייערע קינדער.

„פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ עוואַקואַציע איז נישט גאָר גרינג דורכצופירן. דאָס איז פאַרבונדן מיט עקאָנאָמישע אינטערעסן, מיט איינגעוואָרצלטע פּרנסות. ווייסן מיר אָבער, אַז עס גייט אָן אַזאַ עקסאָדוס. עס האַלט אָן אַ וואַנדערונג־שטראָם מצד דער ייִדישער באַפעלקערונג וואָס ווייזט אַרויס די טענדענץ צו באַזעצן זיך אין גרעסערע ישובים, בכדי צו לעבן צווישן ייִדן.

„אונדזער אויפגאַבע וואָלט נאָר געווען צו סטימולירן און צואיילן דעם עוואַקואַציע־פּראָצעס פון די קליינע ישובים.

„ס'איז אַ שווערע אויפגאַבע? — זיכער איז עס נישט גרינג. דער פּראָצעס אָבער פון קיבוץ גלויות איז נאָך טויזנט מאָל שווערער און קאָמפּליצירטער, און דאָך שטעלט מען זיך נישט אָפּ דורכצופירן אַזאַ סכנותדיקע אויפגאַבע.

„אין שייכות מיט יענע ייִדן וואָס בלייבן פאַרדאָרטע צווייגן פון אונדזער שטאַם, ווילט זיך דאָ ציטירן איין שטעל נאָר פון דער צוואה וואָס דער רב ר׳ אליעזר הלוי, רב פון דער קהילה אין מיינץ אין 16טן יאָרהונדערט, האָט איבערגעלאָזט צו זיינע קינדער. צווישן פיל אַנדערע עצות און רעקאָמענדאַציעס, שרייבט ער אויך אין זיין צוואה אָט־די ווערטער:

„«...זאָלן מיינע זין און מיינע טעכטער זיך פלייסן צו וווינען אין אַ שטאָט, וווּ עס איז פאַראַן אַ ייִדישע קהילה, בכדי זייערע קינדער זאָלן איבערנעמען ייִדישע מנהגים. זאָלן זיי מיט זייערע קינדער לערנען תורה, אַפילו ווען זיי זאָלן צוליב דעם מחן אַרומגיין איבער די הייזער נאָך נדבות».

„אָט אַזוי הויך האָבן אונדזערע אַמאָליקע ייִדן געהאַלטן די זאָרג פאַר זייערע קינדער, פאַר דער ייִדישקייט פון די קומענדיקע דורות, אַז עס איז צוליב דעם כדאי צו גיין איבער די הייזער און קלייבן נדבות.

„אָט אַזוי געוואַלדיק הויך האָבן ייִדן אַמאָל געשטעלט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, די זאָרגן פאַר קיום־האומה איבער די אייגענע פּערזענלעכע קליינע ענינים.

„אַן אייביק ליכט שטראַלט אַרויס צו אונדז פון יענע ווייטע ייִדישע דורות. וויפל מיר האָבן פון זיי צו לערנען!".

* * *

מ. יאַנופּסקי

דער ספרדישער בייטראַג צום קהילה־לעבן אין די תפוצות

„אָט־דער קאָנגרעס פונעם וועד־הקהילות וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן אין דער צייט ווען עס ווערט דערמאָנט און געפייערט דער ערשטער יאָרהונדערט פונעם ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע, ווייזט אויס צו זיין דער דעפיניטיווער קריסטאַליזאַציע־פּונקט פון אונדזער געמיינדע אין אָט־דעם לאַנד. די אָנשטרענגונגען וואָס ווערן געמאַכט איינע נאָך דער אַנדערער מיטן צוועק זי צו אָרגאַניזירן לויט צוגעפּאַסטע פאָרמען, דאַרפן דערקלערט ווערן ווי צייכנס פון דער נטיה אויסצופורעמען דעפיניטיוו איר פיזיאָנאָמיע. בכדי אָט־דאָס צו דערגרייכן, נישט דאַרפנדיק שפּעטער אָנקומען צו אָפּהאַלטנדיקע רעקטיפיקאַציעס, איז נייטיק צו נעמען אין באַטראַכט, אַז צוויי היסטאָרישע שטראָמען פונעם טראַדיציאָנעלן ייִדנטום האָבן זיך גלייכצייטיק צענויפגעגאָסן אין דעם פלוס פונעם אַרגענטינער ייִדישן טייך, נעמענדיק אַ סאָציאָלאָגישן און קולטורעלן אָנטייל אין זיין אויספורעמונג. אָט־די שטראָמען פונעם ייִדנטום זיינען יענע וואָס ווערן היסטאָריש אָנגערופן כוללדיק ספרדים און אשכנזים. דער אשכנזישער שטראָם, וואָס איז אַלט העכער טויזנט יאָר, האָט זיך אויסגעבילדעט אין צענטראַל־ און מיזרח־אייראָפּע, הויפּטזאַכלעך ביי די טייכן ריין, דניעפּער, וואָלגאַ, ווייסל און ביים שוואַרצן ים. אָט־די ייִדן, וואָס האָבן אָנגענומען דייטש אַלס זייער טעגלעכע שפּראַך און וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז צעשפּרייט, אין גרעסערע אָדער קלענערע באַפעלקערונג־מאָסן, אין יענע רחבותדיקע געגנטן פונעם אַלטן קאָנטינענט, האָבן געשאַפן אַ רעליגיעזע קולטור אויף לשון־קודש און אויך אַ פאָלקס־קולטור אויף דער פריִער דערמאָנטער וועלטלעכער שפּראַך. פון אָט דעם מין איז אויך פאַרבליבן די רייכע ליטעראַטור אויף ייִדיש. צוליבן דרוק פון די היסטאָרישע באַדינגונגען, וועלכע זיינען געווען אין אַלגעמיין אומגינסטיק פאַר דער ציווילער און רעליגיעזער פרייהייט, האָט דאָס אשכנזישע ייִדנטום זיך אָפּגעזונדערט פונעם רעשט פון דער באַפעלקערונג, אַ זאַך וואָס עס האָט זיך קלאָר אָפּגעשפּיגלט אין זיינע גייסטיקע שאַפונגען. די קולטור פונעם אשכנזישן ייִדנטום איז געווען ביז צו דער עמאַנציפּאַציע, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַן אויסשליסלעך ייִדישע קולטור.

„אַ גאַנץ אַנדער מזל האָט געהאַט דער ספרדישער שטראָם. עס ווערן אַזוי אָנגערופן די ייִדן, וועלכע זיינען לויט דער געשיכטע אָנגעקומען אויפן איבערישן האַלב־אינדזל, אין פאַרשיידענע עטאַפּן, אַרום דעם יאָר 300 פון דער געוויינטלעכער צייטרעכענונג, און זיינען דאָרט פאַרבליבן ביז צום 15טן יאָרהונדערט. ווען עס איז אויפגעקומען די אינקוויזיציע און עס איז פאָרגעקומען דער גירוש שפּאַניע. אַרום דעם 9טן יאָרהונדערט האָט אָט־דאָס ייִדנטום שוין געהאַט אַן אייגענע פיזיאָנאָמיע. אין משך פון פינף הונדערט יאָר האָט עס געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָלע אַ דאַנק זיינע הויכוויכטיקע אינטעלעקטועלע שאַפונגען און צוליב דעם איינפלוס וואָס עס האָט געהאַט אַלס קולטור־גרופּע, אויף דער אַנטוויקלונג פון אייראָפּע. אָנגעקומען אויף יענער ערד נאָך פאַר די וואַנדאַלן און וויזיגאָטן, זיינען זיי געווען טעטיק מיט די מוסולמענער, און אַן אַנדערש מאָל מיט די קריסטן, באַמיִענדיק זיך שטענדיק צו דינען אַלס קולטור־פאַרבינדונג צווישן דעם מזרח און דעם מערב, צווישן דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע און יענער נייער וואָס איז דעמאָלט אויפגעקומען אויפן האַלב־אינדזל, אונטער דעם שטאַרקן איינפלוס פון דער דאָפּלטער גייסטיקער ירושה, דער אייגענער מיטגעבראַכטער מיטן תנ״ך און תלמוד, און דער העלענישער, מיט וועלכער עס איז געווען דורכגעזאַפּט די מוזולמאַנישע

אינטעלעקטועלע עליט. האַבנדיק אַ בעסערן גורל פון זייערע אשכנזישע ברידער, האָבן די ספרדים גענאָסן פון בירגערלעכע רעכט און האָבן נישט געליטן פון קיין שום געזעצלעכע דיסקרימינאַציעס. זיי האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין הויפן פון די קאַליפן און דערנאָך אויך פון די קריסטלעכע קעניגן. ספרד (שפּאַניע), איז געוואָרן ווי עס פאַרזיכערט אַ היסטאָריקער, „די ערד ווו עס האָבן זיך דערהויבן טראַגנען אויך פאַר די ייִדן, איידער זיי זיינען פון דאָרטן אַרויסגעריסן געוואָרן דורך דער בייזקייט און דער שינאה". אָבער פון אָט־די כמעט טראַגנען פאַר די ייִדן איז אויפגעקומען אַ ניי ליכט פון ייִדישער קולטור, וועלכעס האָט געקענט לייכטן אינעם מערב אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער. צווישן די אַרכיטעקטן פון אָט־דעם נייעם ייִדנטום דאַרפן דערמאָנט ווערן דער גרויסער חסדאי אבן שפּרוט, קודם־כל, און שמואל הלוי הנגיד נאָך אים.

„אָט־די געמיינדע האָט זיך אָרגאַניזירט לויט כללים, וועלכע זיינען הפנים שפּעטער קאָפּירט געוואָרן אינטויטיוו דורך דער אַרגענטינער קהילה. די געמיינדע איז געווען אַן אומאָפּהענגיקע קערפּערשאַפט מיט יוריסדיקציע איבער אירע מיטגלידער. זי איז באַשטאַנען פון אַ ראַט, איינגעטיילט אין צוויי טיילן: איין טייל, אָדער מעמד, איז געבילדעט געוואָרן דורך זעקס מיטגלידער און דער צווייטער — באַראַטנדיקער טייל — איז באַשטאַנען פון דרייסיק מיטגלידער וועלכע האָבן געהייסן „די זקנים". אין בוענאָס־איירעס הייסן זיי היינט־צו־טאָג „דירעקטיווער ראַט", און „קאָנסולטיווער ראַט". יענע געמיינדע האָט געהאַט אַ ספּעציעל הויז, וועלכעס איז געווען דער זיצפּלאַץ פונעם ראַט, פּונקט ווי עס פאַרמאָגט היינט אַזעלכעס אונדזער קהילה אויף דער גאַס פּאַסטעור. ביי געוויסע געלעגנהייטן האָבן זיך די פאַרשיידענע דיסטריקט־ראַטן פאַרזאַמלט, בכדי צו שאַפן אַ גרעסערן אָרגאַניזם, מיט אַ יוריסדיקציע אין דעם גאַנצן דיסטריקט; עפּעס ענלעכס צו אונדזער אַרגענטינער וועד־הקהילות.

„אויסערדעם האָט פונקציאָנירט אַ ראַבינאַט, אָדער בית־דין, וועמענס פולמאַכטן זיינען נאַטירלעך געווען אַנדערע ווי פון ענלעכע אינסטיטוציעס היינט־צו־טאָג, נעמענדיק אין באַטראַכט די גאַנץ פאַרשיידענע היסטאָרישע באַדינגונגען. אין דער ספרדישער סינאַגאָגע פון לאָנדאָן, וועלכע איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַלט געוואָרן 250 יאָר, ווערן קאָנסערווירט אייניקע אָרגאַנען פון סאָציאַלער הילף, וועלכע שטאַמען נאָך פון יענער גאָלדענער תקופה און וואָס זיינען זייער ענלעך צו די פונדאַמענטאַלע אינסטיטוציעס וואָס ווערן אויפגעהאַלטן פון אונדזערע קהילה אין אַרגענטינע. אויסער אָט־די קערפּערשאַפטן פאַר סאָציאַלער הילף, האָבן גענאָסן פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס זינט די צייטן פון אבן שפּרוט און שמואל הנגיד די עלעמענטאַרע און העכערע דערציונג־אַנשטאַלטן. עס זיינען געווען באַרימט די שולעס פאַר ייִדישע לימודים אין קאָרדאָבאַ, גראַנאַדאַ און מאַלאַגאַ, אָבער דאָס וואָס איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַרן ספרדישן ייִדנטום, זיינען נישט אַזוי די גינציקע תנאים פאַרן אויפקום פון גרויסע שטודיר־צענטערן, נאָר דאָס וואָס אָט־די צענטערן האָבן געפונען די וועגן צו אַ גרעסערן אוניווערסאַליזם אין ייִדישן וויסן און זייערע לערנערס און געלערנטע האָבן געוווּסט ווי אַזוי צו געפינען די באַרירונג־פּונקטן צווישן דער ייִדישער וועלט־אַנשויונג און דער פילאָסאָפיע פון די גריכישע מייסטערס, קודם־כל פון פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס. דער אַריסטאָטעלישער ראַציאָנאַליזם עפנט נייע האָריזאָנטן פאַר דער אויסטייטשונג פונעם תנ״ך און תלמוד און די פּלאַטאָנישע וויזיע פּראָיעקטירט זיך אויפן ייִדישן גייסטיקן פאַרמעגן, בכדי צו באַפרוכפּערן אינעם ייִדנטום די מיסטישע זריעות, וואָס געפינען זיך אין אים. אָט־די שולעס געפינען די האַרמאָניע צווישן די רבנישע סטודיעס און די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. די אינטעלעקטועלע וואָרטזאָגערס פון אָט די קהילות אונטערשטיצן די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. די אינטעלעקטועלע וואָרטזאָגערס פון אָט־די קהילות אונטערשטיצן די קונסט, אַפּלאָדירן די נייע פּאָעטישע אויסדרוקן און שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר די וועלטלעכע טעמעס, וועגן וועלכע עס הייבן אָן צו זינגען אין דער הייליקער העברעישער שפּראַך אַזעלכע באַרדן און פּאָעטן ווי יהודה הלוי, אבן גבירול און משה אבן עזרא. דיכטערס און דענקערס פון אָט־דער גאָלדענער תקופה פאַר

דער העברעיִשער קולטור האָבן געוואָרפן די ערשטע זוימען פון די אידייען וועגן דער ייִדישער נאַציאָנאַלער גאולה, וועלכע האָט שפּעטער מיט הונדערטער יאָרן באַקומען אין דער אייראָפּעיִשער אשכנזישער סביבה דעם פאַרנעם פון אַן אידעאָלאָגיע פון אַ פּאָליטישער שטויסקראַפט, וועלכע האָט סוף־כל־סוף דערפירט אין אונדזערע צייטן צו דער שאַפונג פון דער נייער מדינת־ישראל.

„אַ דאַנק די געאָגראַפישע, היסטאָרישע, קולטורעלע און סאָציאַלע נייע תנאים אין אָט־דער נייער וועלט, האָבן זיך היינט צו טאָג די גרויסע צוויי ייִדישע שטראָמען פאַמעלעך צונויפגעגאָסן אויף אָט־דער ערד, ביז זיי האָבן געשאַפן אַן אָנהייב פון אַ פאַראייניקטן ייִדנטום. ביי ספרדים און אשכנזים הערשט אַלס אויסדרוק־אינסטרומענט די שפּאַנישע שפּראַך. אשכנזים און ספרדים פון אָט־דעם לאַנד ווערן צוגלייך באַגייסטערט פון דער זעלבער אידייע, פון דער אידייע פון אַ קאָנסאָלידירטער און פאַרפעסטיקטער ציון און פון אַ שטענדיק פּראָגרעסירנדיקן ייִדנטום. דאָ האָט הפנים באַקומען אַ פּראַקטישע באַדייטונג די לעגענדע פון מדרש, אַז די פאַרשיידענע שטיינער וואָס האָבן געדינט אַלס צוקאָפּנס פאַר יעקב אָבינו, האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן אין איינעם אַ דאַנק דער וואַרעמקייט פון די אידעאַלן וועמענס אויסדרוק און פירשפּרעכער עס איז טאַקע אונדזער פּאַטריאַרך.‟

ד״ר בכור איסאַיעוו

פּראָבלעמען פון די ספרדישע קהילות

„אויפן פאַרגאַנגענעם קאָנגרעס פונעם ועד הקהילות האָב איך גערעדט וועגן אַלגעמיינע ענינים און היינט וואָלט איך געוואָלט רעדן וועגן תכלית־ענינים, עס איז אָבער נישט מעגלעך אָפּצוטיילן איינס פונעם אַנדערן.

„ייִדן זיינען דאָ געווען אַ סך פריִער, ווי מען רעכנט. די ערשטע ייִדן זיינען דאָ געווען די מאַראַנען, וואָס האָבן אין אַ געוויסער צייט אויסגעמאַכט וואָסערע 25% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די אינקוויזיציע האָט דאָ געוואָלט שאַפן אירן אַ טריבונאַל, אָבער דאָס איז נישט דערגרייכט געוואָרן און עס זיינען בלויז באַשטימט געוואָרן אירע קאָמיסאַרן, וועלכע האָבן געדאַרפט אַכטונג געבן אויף די ייִדן. יענע אַנוסים אָבער זיינען אומגעקומען, אָדער זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און האָבן נישט געלאָזט קיין שפּורן נאָך זיך. עס ווערן בלויז דערמאָנט עטלעכע מאַרטירער פון זיי, ווי ד״ר דאַ סילוואַ, וועלכער איז צוועלף יאָר געפּייניקט געוואָרן אין די אינקוויזיציע־קאַמערן.

„היינט איז דאָ נישטאָ קיין דרוק און פאַרפאָלגונגען קעגן ייִדן, אָבער גראָד די צופיל גוטע באַדינגונגען זיינען אַ געפאַר אַז גרויסע טיילן פון אונדזערע ייִדן זאָלן זיך אַסימילירן, די מיטלען צו באַקעמפן די אַסימילאַציע זיינען, לויט מיין מיינונג, די ייִדישע דערציִונג און אַ גרעסערע צוזאַמענאַרבעט מיט די אשכנזים, ווייל די ביז איצטיקע צוזאַמענאַרבעט איז געווען נישט גענוגנדיק. צוליב דעם, וואָלט אַפילו כדאי געווען, אַז געוויסע ספרדישע קינדער, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ, זאָלן לערנען די ייִדישע שפּראַך. ייִדן לערנען בדרך־כלל אַלערליי שפּראַכן, זיי שרעקן זיך נישט פאַר לערנען זייערע קינדער ענגליש און אַפילו מוזיק און מאָלעריי. אויף צו לערנען ייִדיש וואָלטן די ספרדים בלויז געדאַרפט האָבן אַ ביסל מער גוטן ווילן. דאַרף מען זיי איבערצייגן אַז דאָס איז כדאי, בכדי זיי זאָלן זיך קענען בעסער פאַרשטענדיקן מיט זייערע אשכנזישע ברידער.

„די יידישע דערציִונג פון די ספרדישע קינדער דאַרף אויך אויסגעברייטערט און פאַרטיפט ווערן און עס זיינען נייטיק ספּעציעלע אינספּעקטאָרן פונעם ועד החינוך פאַר די ספרדישע שולן. אויך ביי די ספרדים איז די פּראָבלעם פון דער יוגנט אַ גאַנץ שווערע. אין די פאַמיליעס הערשט אַ שווערער קאַמף צווישן די פרומע עלטערן און די יוגנטלעכע וואָס ווילן נישט גיין אין זייערע וועגן. עס איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל קלובן, וווּ עס ווערט געפירט אַ צוגעפּאַסטע אַרבעט. אָבער די צעטיילונג אויף פאַרשיידענע סעקטאָרן האָט נישט קיין גוטע ווירקונג.

„אויך די צעטיילונג צווישן ספרדים און אשכנזים און די קעגנזייטיקע אומקענטעניש איז געוויס שעדלעך. דעריבער איז נייטיק אַ גרעסערע צוזאַמענאַרבעט און בעסער צו דערקענען איינער דעם אַנדערן.

„אויך דאָס פּראָבלעם פון ביכער איז געוויס וויכטיק. די אשכנזים געבן אַרויס אַ צאָל ביכער, אָבער די ספרדים קענען דאָס נישט באַווייזן צו טאָן, כאָטש זיי האָבן אַ געוויסע צאָל שרייבער, וועלכע וואַרטן אויף אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן זייערע ביכער. אָבער זיי געפינען נישט קיין פאַרשטענדעניש און נישט קיין מיטהילף אויף דעם געביט און אויך די קליימס־קאָנפערענץ גיט נישט קיין שטיצע פאַר די קולטורעלע באַדערפעניש פון די ספרדים. דערווייל געפינען זיי אין ערגעץ נישט קיין הילף און קיין פאַרשטענדעניש. אָבער עס איז נייטיק דאָס זאָל סוף־כל־סוף קומען, ווייל מיר לעבן אין אַ מאָמענט נישט בלויז פון קיבוץ־גלויות נאָר אויך פון חיזוק גלויות און אָט די פאַראייניקונג פון אַלע יידן דאַרף פאָרקומען נישט נאָר אין ישראל, נאָר אויך דאָ אויפן פּלאַץ.

אינזש׳ אַלפרעדאָ אַבולאַפיאַ

די ספרדים אין אַרגענטינע

„קודם־כל אונדזער דאַנק דעם וועד־הקהילות פאַר דער געלעגנהייט, וואָס ער גיט אונדז, ספרדים, זיך צו באַטייליקן אין דעם הונדערט־יאָריקן אַניווערסאַר פון אונדזער ישוב און דאָס איז טאַקע אין איינקלאַנג מיט דער שטרעבונג פון די ספרדישע קהילות מיטצואַרבעטן מיט אונדזערע אשכנזישע ברידער.

„מען דאַרף דאָ אָנגעבן עטלעכע דאַטעס וועגן די ספרדישע יידן אין אַרגענטינע. זיי האָבן אָנגעהויבן איינצוואַנדערן אַהער אין אָנהייב פונעם איצטיקן יאָרהונדערט פון דער טערקיי און די באַלקאַנען. היינט לעבן דאָ אין לאַנד וואָסער 70 טויזנט ספרדישע יידן און זיי מאַכן אויס לערך 15% פונעם היגן יידנטום. די ערשטע ספרדישע קהילה איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1914 און אירע מיטגלידער זיינען גרעסטנטייל געווען געקומענע פון טערקיי. אין יאָר 1918 האָט די קהילה באַקומען „פּערסאָנעריאַ כורידיקאַ״ און אין יאָר 1923 האָט זי אויסגעבויט איר טעמפּל אויף דער גאַס קאַמאַרגאָ. היינט ציילט זי 2.800 פאַמיליעס און פירט דורך זייער וויכטיקע טעטיקייטן.

„אויסער מיט אַלגעמיינע יידישע ענינים און מיט אַ בית־עולם אין באַנקאַלאַרי, פאַרנעמט זי זיך אויך מיט סאָציאַלער הילף וואָס ווערט אויסגעטיילט פאַר אָרעמעלייט און עלטערע מענטשן לויט מעטאָדן וועלכע געבן זייער גוטע רעזולטאַטן. זי געבן אויס אויף אָט־דעם צוועק לערך אַ האַלבן מיליאָן פּעזאָס און זיי שטיצן אויך אַזעלכע אשכנזישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס ווי דער יידישער שפּיטאָל, אָרט־אָזע א״א. זיי האָבן אויך אַן אייגענע „מוטואַליסטאַ״ מיט אַן אייגענעם בודזשעט פון 300 טויזנט פּעזאָס. לעצטנס אַרבעטן זיי אויך מיט דער אשכנזישער קהילה פון בוענאָס־איירעס אויף פאַרשיידענע געביטן. אָט די מיטאַרבעט, באַזונדערס אויפן

שול־געבײַט, וואָלט געקענט דינען אַלס מוסטער פאַר אַזעלכע קהילות אין דער פּראָווינץ, ווו עס זיינען פאַראַן סיי אשכנזים, סיי ספרדים.

„זייער פיל ווערט אויך געטאָן אויפן רעליגיעזן געביט אונטער דער אָנפירונג פונעם ראַבינער ד״ר אַנדזשעל, וועלכער גיט אויך רעליגיעזע לעקציעס פאַר לערך 300 תלמידים. אויך פאַרן פאַראייניקטן קאַמפּיין און פאַר אַנדער ציוניסטישע צוועקן אַרבעטן מיט די ספרדים. אין דער דאָיאַ שפּילן זייערע מענטשן אַ גאַנץ וויכטיקע ראָלע.

„צוויי וויכטיקע פּראָבלעמען שטייען ביי זיי אויפן טאָג־אָרדענונג, וועלכע זיי באַמיִען זיך צו לייזן אויף אַ פּאַסנדיקן אופן. קודם־כל, שטרעבן זיי צו פאַראייניקן די פאַרשיידענע ספרדישע סעקטאָרן, וואָס לעבן נאָך מיט רעגיאָנעלע אַטאַוויזמען און איינצופלאַנצן אין זיי דעם געדאַנק פון אַ געמיינזאַמען קהילה־לעבן. אַ זייער וויכטיקע פּראָבלעם איז אויך צו דערציִען די יוגנט און זיי צוצוגרייטן זיי זאָלן מאָרגן קענען איבערנעמען די אָנפירונג פונעם יידישן לעבן בכלל און פון די ייִדישע אינסטיטוציעס, בפרט אין דעם ספרדישן סעקטאָר.

סימפאָזיום אויף דער טעמע „פּערספּעקטיוון פאַרן יידישן לעבן אין אַרגענטינע״

איינלייטונג פון ד״ר טוביה קאַמענשיין

„מיר האָבן נאָרוואָס פאַרענדיקט אַ קאָנגרעס, וואָס איז פאַרופן געוואָרן אונטערן צייכן פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן ביי אונדז אין לאַנד. אַזאַ קאָנגרעס קאָן זיך נישט שליסן איידער מיר שאַפן פאַר זיך אַ פּערספּעקטיווע פון דער צוקונפט עס גייט דאָ נישט וועגן קיין וויזיע. אונדזערע נביאים האָבן אַמאָל געשאַפן אַ גרויסע וויזיע פאַר אונדזער פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט. מיר קענען בלויז פאָרמולירן מיינונגען און געדאַנקען. אויסערדעם לעבן מיר אין אַ צייט פון אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, וועלכע קענען אַריינברענגען אין איין אויגנבליק אַן איבערקערעניש אינעם לעבן פונעם יחיד און פונם גאַנצן דור. דאָס ייִדישע לעבן אין די תפוצות — אין אונדזער פאַל, אין לאַטיין־אַמעריקע און אין אַרגענטינע — איז פּראָבלעמאַטיש, אָבער די צוויי טויזנט יאָר ייִדישע וואַנדערונגען האָבן באַוויזן, אַז מיר האָבן געשאַפן אַ גאַנצע ריי פון גלות־צענטערן מיט גרויסע קולטור־ווערטן.

„דעם נייעם יאָרהונדערט פון ייִדישן לעבן אין לאַטיין־אַמעריקע און אַרגענטינע הייבן מיר אָן מיט אַ סך דערגרייכונגען און אויפטוען, אָבער אויך מיט אַ סך זאָרגן וועגן אונדזער קומענדיק ייִדיש לעבן אין אָט־די לענדער. עס איז פאַראַן אַ כלל, אַז קולטור־צענטערן זיינען נישט אייביק, ווי בלייַען אויף און פאַרוועלקן. דאָס איז אַ סאָציאָלאָגיש לעבנס־געזעץ. אָבער דאָס ייִדישע לעבן איז נישט אונטערגעגאַנגען אין משך פון טויזנטער יאָרן. איצט לעבן מיר אין אַ מאָמענט ווען נאָכן חורבן פונעם ייִדישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע הייבן זיך אָן אויסצופורעמען נייע ייִדישע צענטערן אין אַמעריקע. די ייִדישע צענטערן אין לאַטיין־אַמעריקע וועלן מסתמא זיך אויסבילדן אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן ווי דער גרויסער ייִדישער צענטער אין נאָרד־אַמעריקע.

„קולטור־צענטערן דאַרפן האָבן אַ טראַדיציע פון לאַנגע דורות און מיר זיינען אַ ישוב, וועלכער פאַרמאָגט נישט קיין טיפע קולטור־וואָרצלען. אין אַ געוויסער מאָס זיינען מיר ווי אַ מין איפּראָוויזאַציע אויף דעם געביט, ווייל מיר זיינען פון די ייִנגסטע ישובים אין דער ייִדישער צעשפּרייטקייט. עס זיינען פאַראַן פאַקטאָרן לטובת און אויך קעגן אונדזער ווייטערדיקער

אַנטוויקלונג אין אָט־די לענדער. דאַרפן מיר זיך באַמיִען קלאָר צו מאַכן און פרעגן: וועלכע פון אָט־די פאַקטאָרן וועלן זיגן און וואָס זיינען אונדזערע אויסזיכטן פאַר דער צוקונפט? וועגן אָט־דעם אַלעמען דאַרפן זיך אונדזערע עסקנים פאַרטראַכטן און דעריבער שליסט זיך נישט אָט־דער קאָנגרעס אונדזערער מיט אַ רוטינערן סך־הכל וועגן דערגרייכונגען, נאָר מיט דער לעבנס־וויכטיקער פראַגע: וווּהין גייען מיר? פאַר אונדז איז קלאָר, אַז מיר זיינען אַ פאָלק וואָס שפאַנט, טראָץ אַלעמען, אין דער אייביקייט אַריין און דעריבער האָבן מיר דעם מוט אַוועקצושטעלן אַזעלכע פראַגן די אָנטיילנעמער פון דעם סימפאָזיום. אינזש׳ שלום ראָזענבערג, שלמה סוסקאָוויטש, ד״ר נתן לערנער און ד״ר לעאָן דוכאָוונע, געהערן צו פאַרשיידענע דורות און קולטור־ספערן — וועלן זיי מסתמא זוכן דעם ענטפער אויף פאַרשיידענע אופנים און פון פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן״.

רעפעראַט פון ד״ר נתן לערנער

„ביים באַהאַנדלען די טעמע וועגן די פערספעקטיוון פאַרן יידישן לעבן אין אַרגענטינע, איז עס נאַטירלעך זיך אויסצוהיטן פון אַריינפאַלן אין אַ טאָן פון נביאות־זאָגעריי. עס האַנדלט זיך וועגן אַ פרווו צו מאַכן אַ רעאַליסטישן פראָגנאָז וועגן דער עוואָלוציע פונעם היגן יידישן לעבן, אין דער נאָענטערער אָדער ווייטערער צוקונפט, פאַרשטייענדיק אונטער דעם דעם סאָציאָלאָגישן פראָדוקט פון אַ באַשטימטער סביבה, וואָס אַקטיווירט אויף אַ געוויסער מענטשן־אַנזאַמלונג.

„וועלכער איז געווען דער סוד פונעם יידישן קיום אין דער פאַרגאַנגענהייט? דערמאָנענדיק געדאַנקען וואָס עס האָט אַרויסגעזאָגט חיים גרינבערג, קען מען באַהויפטן, אַז אָט דער סוד שטעקט אינעם פאַקט וואָס יידן זיינען נישט געווען, ביז צו די לעצטע צענדליקער יאָרן, קיין מינאָריטעט. די יידן זיינען געווען אַ מינאָריטעט פונעם נומערישן, סטאַטוסטישן שטאַנדפונקט, אָבער נישט פונעם קוואַליטאַטיוון, פסיכאָלאָגישן שטאַנדפונקט, פונקט אַזוי ווי עס איז נישט קיין מינאָריטעט דער סאָליסט פון אַן אָרקעסטער. די מינאָריטעטן אונטערשיידן זיך פון די מינאָריטעט. די יידן זיינען געווען אַ מינאָריטעט פונעם נומערישן, סטאַטיסטישן שטאַנדפונקט, אַזאַ הייליקייט איז געווען פאַר די יידן דער באַזיץ פונעם אַריסטאָקראַטישן באַוווּסטזיין פון דער בחירה. דאָס פילן זיך ווי אַ „קהילה קדושה״. דעריבער האָט מען אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער נישט געקענט רעדן וועגן די יידן ווי וועגן אַ מינאָריטעט. היינט אָבער האַלטן זיך די יידן אין פאַרוואַנדלען אין אַן עטנישער מינדערהייט, וועלכער עס פעלט אויס די גייסטיקע דראַמאַטישע שפאַנונג וואָס וואָלט געקענט גאַראַנטירן זייער קיום.

„אָט דאָס איז גילטיק פאַרן אַרגענטינער יידנטום, ווען עס איז אומזיניק צוצושרייבן די פאַרדינסטן פון אַ נייער בבל. אָט דאָס יידנטום געפינט זיך אין אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע דערלויבן נישט צו האָבן קיין זייער גינציקע און אָפטימיסטישע האָפענונגען וואָס שייך זיין צוקונפט. עס ווירקן אויף אים סביבהדיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען, די וויכטיקסטע פון וועלכע עס איז די אונטערדריקערישע קאַטויליש־שפאַנישע טראַדיציע וואָס טאָלערירט די רעליגיעזע, אָדער קולטורעלע מינדערהייטן, איז אָבער נישט גענייגט צו טיילן זיך מיט זיי מיט אַזעלכע לעבנס־פאָרמען, און וועלכע אַלע סעקטאָרן פון דער באַפעלקערונג זיינען גלייכע שותפים. אָט־די טראַדיציע איז גורם, אַז נישט קוקנדיק אויף די לויטן בוכשטאַב און גייסט ליבעראַלע געזעצן אין לאַטיין־אַמעריקע, זיינען די בירגער פון די מינאָריטעט־גרופן פאַקטיש בירגער פון אַ צווייטן קלאַס. אין אַרגענטינע איז געווען אַן ענערגישע רעאַקציע קעגן אָט דעם מאָנאָליטישן דרוק, פון דער זייט פון אייראָפעיזירנדיקע און פראָגרעסיסטישע טענדענצן, וועלכע האָבן צום אומגליק אָנגעהויבן צו קעמפן אין ריקצוג זינט וואָסערע דרייסיק יאָר. היינט פעלט צונויף אָט דער אונטער־

דריקערישער דרוק מיט ראַסיסטישע, נאַציסטישע און נישט־דעמאָקראַטישע לינקיסטישע טענדענצן, וועלכע שפרייטן זיך אויס אַלץ מער אין די יוגנטלעכע קרייזן.

„צו דעם קומט נאָך אויסערדעם צו דער ספעציעלער קלימאַט, וואָס הערשט אין אונטעראַנטוויקלטע לענדער, וועלכע מאַכן דורך אַן אויפוואַכונג־פּראָצעס און ליידן פון באַזונדערס שעדלעכע און שאַרפע אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקסן.

„דער הויפט־העלד פון אָט דעם ספעציעלן מאָמענט אינעם אַרגענטינער ייִדישן לעבן, איז דער דריטער ייִדישער דור אין לאַנד. דער ערשטער דור האָט איינגעוואַנדערט ביים סוף פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און, וווינענדיק אין דאָרף אָדער אין שטאָט, האָט ער אָפּגעגעבן זיין גאַנצע ענערגיע און זאָרג פאַר דער אויפגאַבע צו פאַרדינען אויפן לעבן. די צווייטע ייִדישע גענעראַציע, וועלכע איז שוין אויפגעצויגן געוואָרן דאָ אין לאַנד, האָט געזוכט זיך צו אינטעגרירן אויף אַלע געביטן פונעם אַרגענטינער לעבן, אויפן פעלד פון דער קולטור, פון דער אוניווערסיטעט, פון די פּראָפעסיעס, פון דער ליטעראַטור און קונסט. היינט האָבן מיר צו טאָן מיטן דריטן דור, וועלכער וואַקלט זיך צווישן דער דערווייטערונג און אויפלייזונג, פון איין זייט, און דער צוריק־טרעפונג מיטן ייִדישן לעבן, מיט דער הילף פון מיטלען און אינסטרומענטן וואָס ער קען נישט שטענדיק געפינען, פון דער צווייטער זייט. עס ווירקט אויף אים אויסערדעם דאָס מאָדערנע לעבן, וועלכעס איז ווייניק צוגעפּאַסט פאַר נישט פאַראינטערעסירטער באַטראַכטונג און וועלכעס מאַכט אָפּטמאָל צונישט די קראַפט פון די ווידערשטאַנד־פאַקטאָרן.

„וועלכע זיינען אָט די ווידערשטאַנד־פאַקטאָרן? דער וויכטיקסטער איז אין אַנדערע צייטן בלי־ספק געווען די רעליגיע, אָבער היינט געפינט זי זיך אין דעפענסיווע, באַזונדערס צווישן דער יוגנט. אַן אַנדערער פאַרטיידיקונג־פאַקטאָר איז געווען די שפראַך, אָבער היינט איז נישט מעגלעך אָנצונעמען על־פּי־שכל, אַז די יונגע דורות אין אָט די לענדער וועלן רעדן אַן אַנדערע שפראַך ווי די לאַנד־שפראַך, נישט קוקנדיק דערויף וואָס עס זיינען געמאַכט געוואָרן באַדייטנדיקע פאָרשריטן אין דער פאַרשפרייטונג פון עברית. דאָס איז בדרך־כלל גילטיק פאַר אַלע מאַניפעסטאַציעס פונעם קולטור־לעבן.

„עס זיינען פאַראַן נאָך דריי ווידערשטאַנד־פאַקטאָרן. דער ערשטער פון זיי, דורכויס אַ נעגאַטיווער, איז די פיינטלעכע סביבה. די אַנדערע צוויי, העכסט פּאָזיטיווע, זיינען די פאָרשריטן אויפן געביט פון ייִדישער דערציִונג — וועלכע זיינען נישט אינגאַנצן באַפרידיקנדיק, דאָך אָנזעעוודיק — און גאַנץ באַזונדערס דער קיום, די פאָרשריטן און אויפטוע止 פון מדינת־ישראל. אין דער פאַרבינדונג מיט ישראל, קולטורעל און אויף אַלע געביטן פון די מענטשלעכע טעטיקייטן, קען געפונען ווערן אַ גרויסע פעסטונג פון ווידערשטאַנד און פאַרטיידיקונג קעגן דעם אָנגריף פון די דערמאָנטע נעגאַטיווע פאַקטאָרן.

„דאָס ייִדישע לעבן אַנטוויקלט זיך היינטיקס יאָר אונטערן צייכן פון גרויסע אַניווערסאַרן: הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע; הונדערט יאָר זינט הערצלס געבורט; הונדערט יאָר זינט דער שאַפונג פון דער פראַנצויזישער „כל ישראל חברים”; צוויי הונדערט יאָר זינט דער פּטירה פונעם גרינדער פון חסידות. עס וואָלט נייטיק געווען זיך צו אינספּירירן אין אַזאַ התלהבות ווי יענע, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דאָס חסידות, בכדי אין דער העכסטער מאָס אויסצונוצן די ווידערשטאַנד־פאַקטאָרן, וועלכע עס האָט היינט צו זיין דיספּאָזיציע דאָס אַרגענטינער ייִדנטום”.

רעפעראַט פון אינזש' שלום ראָזענבערג

„אַלץ וואָס איך פאַרמאָג האָב איך דערוואָרבן אין אַרגענטינער ישוב, אין אָט דעם ישוב וואָס איז מיר ליב און טייער און פאַר וועלכן מען שטעלט איצט אַוועק די פראַגע ווי אַזוי ער וועט אויסזען און ווי ער וועט זיך אַנטוויקלען אין משך פון די קומענדיקע הונדערט יאָר. כדי

צו קענען רעדן וועגן דעם עתיד, איז נייטיק צו כאַפּן אַ בליק אויפן עבר און אין אונדזער געשיכטע איז די תקופה פון בית־שני געווען ענלעך צו אונדזער צייט אין אַ סך פּרטים.

„אויך אין יענער צייט איז געווען אַ מלוכהשער צענטער אין ישראל און אויסערדעם צוויי גרויסע תפוצות: איינע אין אַלעקסאַנדריע של מצרים און די צווייטע אין בבל. אין אַלעקסאַנדריע האָט געלעבט זייער אַ גרויסע צאָל ייִדן, וועלכע האָבן גערעדט גריכיש, פאַרמאָגט גרויסע טעמפּלען און ארויסגעגעבן פון זייער מיט גרויסע פילאָסאָפן. אָבער קיין אייגן ייִדיש לעבן אין אַ ברייטערן זינען האָבן זיי נישט געפירט. דער ייִדישער ישוב פון בבל ווידער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גלות־מאַסע און וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען זייער געוויזענער קעניג. מיט דער צייט האָט ער פאַר זיך געשאַפן אַן אינערלעכע אויטאָנאָמיע קהילה־אָרגאַניזאַציע מיט אַ ריש־גלותא בראש און מיט ישיבות צו לערנען און אויסטייטשן די אייגענע תורה. בעת אַלעקסאַנדריע האָט ארויסגעגעבן דעם באַרימטן פילאָסאָף פילאָן (ידידיה), עס איז דאָרטן געמאַכט געוואָרן די גריכישע איבערזעצונג פונעם תנ״ך (וואָס ווערט גערופן „סעפּטואַגינטאַ״) און עס זיינען דאָרטן געשאַפן געוואָרן אויך אַנדערע נישט קיין ריין־ייִדישע קולטור־ווערטן, איז אין בבל געשאַפן געוואָרן דער גראַנדיעזער תלמוד בבלי וועלכער האָט געהאַט און האָט נאָך היינט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויפן ייִדישן לעבן פון אַלע שפּעטערדיקע דורות.

„מען קען זען אַ פּאַראַלעל צווישן די ייִדישע געמיינדעס פונעם אַמאָליקן אַלעקסאַנדריע און דעם היינטיקן ניו־יאָרק, פון דעם אַמאָליקן בבל און דעם היינטיקן אַרגענטינער. די גרויסקייט פון די שעפער פון תלמוד בבלי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך באַטראַכט אַלס שליחים, וואָס האָבן אויסגעפירט די געזעצן פון ירושלים און זיי האָבן נישט געוואַגט גאָרנישט צו ענדערן אין דעם ייִדישן דת. דער אַרגענטינער ייִדישער ישוב, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער באַראָן הירש קאָלאָניזאַציע, האָט געשאַפן פאַר זיך אַ גוטע קהילה־אָרגאַניזאַציע און האָט אין אַ היפּשע מאָס קאָנסערווירט זיין אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן, בעת דער גרויסער נאָרד־אַמעריקאַנער ייִדנטום האָט נישט באַוויזן אויפצוטאָן דאָס זעלבע. אויפן סמך פון דעם פּאַראַלעל קענען מיר נאָך דערוואַרטן צו שאַפן וויכטיקע גייסטיקע ווערק. ווער ווייסט צי עס איז אונדז באַשערט צו שאַפן עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל אין אַ געוויסער מאָס דערמאָנען אינעם תלמוד בבלי. אויב אין גלות בבל איז אויפגעקומען די קראים־סעקטע, וועלכע האָט געבראַכט מיט זיך אַ שפּאַלטונג, דראָט אונדז די געפאַר מיר זאָלן פאַרלירן געוויסע טיילן פון אונדזער יונגן דור דורך דער פאַרפרעמדונג און דערווייטערונג. דעריבער פאַלט אויף אונדזערע מנהיגים אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר זיינען זיכער קלענער ווי די אַמאָליקע ייִדן פון בבל. מיר זיינען אָבער ווי קליינע קינדער וואָס זיצן אויף די אַקסלען פון זייערע עלטערן און דעריבער זעען זיי ווייטער.

„אין קומענדיקן יאָרהונדערט וועט געשטעמפּלט ווערן אונדזער צוקונפט און מיר דאַרפן האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יענע לערער וואָס קאָנען נישט רויִק זיצן אין גן־עדן און זייערע תלמידים זאָלן זיך געפינען אין גיהנום.

„איינס פון די וויכטיקסטע געבאָטן פון אונדזער תורה איז כיבוד אב ואם. איז ישראל אונדזער מוטערלאַנד, געגליכן צו אַ גייסטיקע מוטער און אין אַ מוטער גלייבן אַלע, בנוגע אַ מוטער זיינען נישט פאַראַן קיין אַפּיקורסים. אָבער דער פאָטער איז אונדזער תורה, ביי וועלכער מיר דאַרפן געטריי זיך האַלטן אין אַלע צייטן. אין אָט דיביידע וועט דער נייער דור געפינען זיין נשמה רז און דעם פולן אויסדרוק פון זיין ייִדישקייט. אָן זיי וועט אונדזער נייער דור זיין אין דער בחינה פון יענעם העלד פון אונדזער געניאַלן שלום עליכם, וועלכער האָט געהאַלטן אַז „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום״. ער וועט טאַקע זיין גייסטיק פאַריתומט.

„פאַראַן אַזעלכע וואָס געדענקען אין זייערע עלטערן אין מאָמענט פון יזכור. אויך אונדזער גאַנצער ישוב האָט אָנגעהויבן זיין ייִדיש געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט מיט אַ חברה־קדישא. מען דאַרף אָבער שטענדיק געדענקען אויך אין אַנדערע און לעבעדיקע מאָמענטן פון ייִדישקייט. מען דאַרף למשל געדענקען צו געבן אונדזערע קינדער אין די הענט אריין אַ תנ״כל וואָס זאָל נישט זיין גענומען פון די מיסיאָנערן. דאָס איז בלויז לדוגמא איין איינצלהייט פון אַ סך ענלעכע.

וועגן וועלכע מען רעדט ביי אונדז זעלטן, אָדער קיינמאָל נישט. מען דאַרף, נאַטירלעך, אויך געדענקען וועגן חינוך, וועגן קולטור־לעבן און וועגן אַנדערע כדומה וויכטיקע זאַכן. אויב מיר וועלן דאָס אַלץ געדענקען, קענען מיר דערוואַרטן אַז אויך דעם צווייהונדערט יאָריקן אַניווערסאַר פון אונדזער ישוב וועלן פייערן אַ סך גוטע ייִדן. עס איז אַ פראַגע וויפל זיי וועלן זיין אין צאָל, אָבער דאָס איז אָפּהענגיק פון אונדז און פון דער מאָס פון אונדזער אחריות־געפיל. מיר ווילן האָפן, אַז צום צוויי הונדערט יאָריקן אַניווערסאַר פון אונדזער ישוב וועלן אין אַרגענטינע זיין גאָר אַ סך גוטע ייִדן, פולבלוטיקע און גאַנצע ייִדן, ווייל נצח ישראל לא ישקר!".

רעפעראַט פון שלמה סוסקאָוויטש

„דאָס אַרגענטינער ייִדנטום איז נישט קיין באַזונדער שבט וואָס טיילט זיך אויס פון די איבעריקע ישובים. מיר זיינען אַנדערש בלויז אין דעם פּרט וואָס מיר האָבן נאָך אין אַ געוויסער מאָס די זאַפטן און די ירושה פון דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. און אויך מיט דעם וואָס דער גרעסטער טייל פון אונדז באַטראַכט זיך פאַר וועלטלעך. מיר זיינען אָבער דאָך פאַרבונדן מיטן גאַנצן פאָלק. מען קאָן נישט זאָגן קיין נביאותן, בפרט וועגן אַזאַ דינאַמישן עלעמענט ווי ייִדן, אָבער עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז די אַרגענטינער ייִדן זאָלן באַווייזן אויך אויף ווייטער אויפצוהאַלטן זייער גייסטיקע נאָענטקייט צום מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. דער באַגריף וועלטלעכקייט דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אין אַזאַ זינען. אַז מען לייגט נישט דעם טראָפּ אויף אַ רעליגיעזער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, נאָר אויף אוניווערסאַלער וועלטלעכער קולטור. אויב אַזוי, איז עס היפּש אומפאַרשטענדלעך פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו די אַרגענטינער ייִדן אַזאַ ליבע צו וועלטלעכקייט.

„די ייִדישע מאַסן־איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע קען איינגעטיילט ווערן אין דריי שטראָמען. די ערשטע זיינען געווען די קאָלאָניסטישע פּיאָנערן, זיי זיינען נישט אַנטלאָפן פון דער ייִדישקייט, וואָס זיי האָבן אַריבערגעבראַכט אַהער פון די אַלטע היימען מעבר לים און זיי האָבן באַוויזן צו שאַפן אויף אָט דער נייער ערד אַ מער־ווייניקער געטרייע קאָפּיע פון דעם אַמאָליקן לעבנסשטייגער. זייערע קינדער זיינען גרעסטנטיילס געגאַנגען אין זייערע וועגן און זיינען געבליבן נאָענט צו זייערע עלטערן. דער צווייטער עמיגראַציע־שטראָם איז געקומען אַהער ביים אָנהייב פונעם היינטיקן יאָרהונדערט. בשעת און נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה און די רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן וואָס זיינען געקומען אַלס איר פּועל־יוצא. דעמאָלט איז געקומען אַ ראַדיקאַלער עלעמענט מיט לאָזונגען פון אוניווערסאַלער קולטור און קעגנעריש צו דער כלומרשטער קלעריקאַלער רעאַקציע. זייערע היימען זיינען שוין גרעסטנטיילס אויסגעליידיקט געוואָרן פון ייִדישקייט און זייערע קינדער זיינען אויך געוואַקסן אינגאַנצן אָן דעם. דער דריטער שטראָם איז געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען גרייט אויפצוהאַלטן אַ סך טראַדיציעס פון די עלטערן אין אַ וועלטלעכער פאָרעם, אָבער עס האָבן אים ליידער נישט געשטייעט קיין כּוחות זיך אַנטקעגנצושטעלן דער שלעכט־פאַרשטאַנענער וועלטלעכקייט פון די פריִער געקומענע.

„דער דריטער חורבן האָט ערשט געשאַפן אַ נייע סענסיביליטעט און אויפגעוועקט אַ נייעם ווילן, אויפצובויען לויט מעגלעכקייטן, דאָס פאַרשניטענע — דאָס געזעץ פון דער קאָמפּענסאַציע האָט נישט אָפּגענאַרט. האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן וועגן ווי אַזוי אויפצוהאַלטן דאָס ייִדישע לעבן. פאַר די פרומע ייִדן איז דאָס נישט שווער, ווייל זיי האָבן דאָך זייער רעליגיעזע פּראָגראַם. וואָס דאַרפן אָבער טאָן די וועלטלעכע ייִדן? וועלכע מיצוות קענען און דאַרפן זיי איבערנעמען פון דעם רעליגיעזן שטייגער? ד"ר שמואל מאַרגאָשעס האָט נישט לאַנג רעקאָמענדירט פערצן אַזעלכע מצוות, אַ קאָמבינאַציע פון רעליגיעזע און וועלטלעכע, וועלכע הייבן זיך אָן מיט דער מילה, חתונה און קבורה און לאָזט זיך אויס מיט קויפן אַ בוך וועגן ייִדישע ענינים. דער וועלט־

לעכער ייִד האָט טאַקע נישט קיין מורא פאַרן גיהנום, אָבער אויך ער איז נישט פריי פונעם פּחד פאַרן נישט־זיין און האָט אפילו די זעלבע מעטאַפיזישע באַדערפענישן ווי דער רעליגיעזער ייִד. עס מאַכט נאָך אַלעמען נישט אַזויפיל אויס וואָס דער וועלטלעכער ייִד גלייבט נישט אין גאָט, ווייל ייִדישקייט איז מער ווי אַ רעליגיע, אַ לעבנס־שטייגער, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיטן באַקעמפן דעם פּאַגאַניזם. דעריבער זאָגט דער נביא, אין נאָמען פון גאָט, אַז הלוואי וואָלטן די ייִדן אים פאַרלאָזט אָבער געהאַלטן זיין תורה. און אָט די ייִדישקייט מיט גרענעצלאָזער אהבת־ישראל איז דער גרעסטער פּרינציפּ פון אונדזער וועלטלעכקייט. וועלטלעכע ייִדן קענען דעריבער איבערנעמען די גרונט־יסודות, בעיקר די עטישע, פון דער ייִדישער רעליגיע, וואָס איז נישט קיין דאָגמאַטישע, און זיי קענען זיי אויך איבערגעבן צו זייערע קינדער.

„עס נעמט אָן אַ שרעק צו טראַכטן אַז אַכציק פּראָצענט פון די ייִדישע קינדער ביי אונדז באַזוכן נישט קיין ייִדישע שולע, דעריבער וועלן זיי גאָרנישט באַקומען פון די זייער גרויסע אָנגעזאַמלטע ייִדישע אוצרות. וועלן זיי אפשר נישט קענען ווערן אינגאַנצן אויס ייִדן אָבער זיי וועלן זיין זייער טראַגישע ייִדן. פון די גרעסטע קאָלעקטיווע שאַפונגען פון אונדזער פאָלק, זיינען אפשר די וויכטיקסטע און גרעסטע אונדזערע צוויי שפּראַכן, העברעיִש און ייִדיש; דאַרף מען זיי אייפערדיק אָפּהיטן, כדי זיי זאָלן ביי אונדז נישט פאַרלוירן ווערן, כאָטש אָפטמאָל מיינט מען אַז עס לוינט זיך נישט צו מאַכן אָנשטרענגונגען אויפצוהאַלטן די ייִדישע שפּראַכן. אָבער האָבן דען אַמאָליקע ייִדן פיל געטראַכט וועגן דעם וואָס עס לוינט זיך און וואָס נישט? העברעיִש איז כאָטש פאַרזיכערט מיט איר עקסיסטענץ אין מדינת־ישראל. אָבער ייִדיש איז געבליבן נאָכן חורבן פאַריתומט און דאָס אויפהאַלטן ייִדיש און נישט לאָזן עס אונטערגיין, איז איינע פון די גרעסטע נאַציאָנאַלע מצוות פונעם וועלטלעכן ייִדנטום.

„מיר זיינען מתפלל פאַרן קיום פונעם אַרגענטינער ייִדנטום און מיר האָפן אַז אויב מיר וועלן דערפילן אונדזערע נאַציאָנאַלע פליכטן ווי עס געהער צו זיין, וועלן אונדזערע תפילות אויך אָנגענומען ווערן״.

רעפעראַט פון ד״ר לעאָן דיכאָוונע

„איך וועל רעדן וועגן קאָנקרעטע זאַכן און וועל מיך נישט פאַרנעמען מיט זאָגן נבואות. ווייל קיינער האָט אין יאָר 1914 נישט געקענט פאַרויסזאָגן די זאַכן וואָס זיינען געשען מיט איינע פיר־פינף יאָר שפּעטער — איז דאָך קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז מיר קענען היינט נישט פאַרויסזאָגן וואָס עס וועט געשען אין הונדערט יאָר. אויב מיר קענען נישט וויסן וואָס עס וועט געשען, ווייסן מיר אָבער וואָס מיר ווילן און מיר ווילן עס זאָל זיין ייִדן אומעטום ווי זיי זיינען פאַראַן, און נאַטירלעך אויך אין אַרגענטינע. בכדי דאָס זאָל קענען געשען, זיינען פאַראַן סיי פּאָזיטיווע, סיי נעגאַטיווע פאַקטאָרן, וועלכע מיר וועלן דאָ גאַנץ בקיצור דערמאָנען. די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן זיינען:

„1) דער פאַקט וואָס עס זיינען פאַראַן ביי אונדז אין לאַנד צווישן פיר הונדערט און פינף הונדערט טויזנט ייִדן. אָט אַזאַ באַדייטנדיקע צאָל ייִדן קאָן אויף קיין פאַל נישט אַזוי שנעל פאַרשווונדן ווערן.

„2) דאָס וואָס אונדזער ישוב האָט מאָדעלירט זיין לעבן לויטן ביישפּיל פונעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום און עס איז אויך וויכטיק דאָס וואָס די גרעסטע מערהייט פונעם אַרגענטינער ייִדנטום לעבט קאָנצענטרירט אין בוענאָס־איירעס.

„3) וואָס מיר לעבן אין גאַנץ גינציקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און דעריבער האָבן מיר מעגלעכקייטן צו שאַפן שולן, ביבליאָטעקן, פאַרלאַגן אאַז״וו. עס איז שוין היינט נישט ווי אַמאָל, ווען אַרויסגעבן אַ ייִדיש בוך איז געווען כמעט אוממעגלעך.

„4) דער פאַקט וואָס אויף דעם זעלביקן קאָנטינענט געפינט זיך דער גרויסער ייִדישער

ישוב פון נאָרד־אַמעריקע, וואָס האָט שוין באַוויזן, אָדער האַלט אין באַווייזן, ווי אַזוי מען קען איבערגיסן ייִדישע קולטור אין אַ פרעמדער שפּראַך, אין דעם פאַל אין ענגליש. מיט אָט־דעם שטאַרקן ברודער־ישוב דאַרפן אונדזערע באַציִונגען ווערן וואָס אַמאָל אַלץ ענגערע.

די נעגאַטיווע פאַקטאָרן פאַרן קיום פון אונדזער היגן ישוב זיינען פאָלגנדיקע:

„1) דאָס וואָס עס איז פאַרשוואונדן, אָדער שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, אין דער לעצטער צייט די ווירקונג אויף אונדזער כלל־לעבן פון ייִדישע קאָלאָניעס, וועמענס באַדייטונג עס איז געווען אומאָפּשאַצבאַר פאַר דער אויספורעמונג פון אונדזער ישוב. עס קענען דאָס ריכטיק אָפּשאַצן אַלע יענע, וועלכע זיינען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין די ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס.

„2) דאָס וואָס פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר לערך קומט נישט מער אָהער קיין ייִדישע עמיגראַציע און דעריבער זיינען מיר אָנגעוויזן בלויז אויף די אייגענע כוחות און צוליב דעם איז אויך אונדזער אחריות גרעסער געוואָרן.

„3) אונדזער גאַנצע עקאָנאָמישע לאַגע האָט אויך דערפירט דערצו, אַז עס זיינען אויפגעקומען צווישן אונדז אַ גרויסע צאָל פון נייע גבירים, וועמענס איבערגעטריבענע רייכקייט ווירקט נעגאַטיוו — גרעסטנטיילס האַנדלט עס זיך וועגן אומגעבילדעטע פשוטע מענטשן, וועלכע ווערן שטאַרק פאַררייסן ביי זיך און זייער אָפּט אומטאַקטישע אויפגעבלאָזנקייט שטויסט־אָפּ די יוגנט בכלל און אַפילו זייערע אייגענע קינדער. וועגן אַזעלכע אויפגעקומענע גבירים האָט שוין אַמאָל געזאָגט דער באַרימטער דענקער און שרייבער חיים גרינבערג ז״ל, אַז זיי פאַרלירן זייער ייִדישן לעבנס־שטייגער און קיין אַנדערן געפינען זיי נישט.

„4) אונדזערע באַציִונגען מיט די נאָרד־אַמעריקאַנער ייִדן זיינען דערווייל נישט אַזוי ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין. עס קען זיין, אַז די אין אַלגעמיינע אומפריינטלעכע באַציִונג וואָס איז פאַראַן אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער לגבי נאָרד־אַמעריקע, ווירקט אויך אויף די באַציִונגען פון די ייִדישע ישובים אין אָט־די לענדער.

„מיר האָבן ביז איצט זייער ווייניק געטאָן אויף צו פאַראינטערעסירן אונדזער יוגנט מיט אונדזערע פּראָבלעמען בכלל און מיט מדינת־ישראל בפרט, דעריבער איז זי דערווייטערט פון אונדז און פון אונדזערע אינסטיטוציעס. ווען די „העבראַיִקאַ״, למשל, האָט אַמאָל געהאַט נאָר 400 מיטגלידער, פלעגן 300 פון זיי קומען צו אַ קאָנפערענץ וואָס איז דאָרטן איינגעאָרדנט געוואָרן. איצט האָט די זעלבע יוגנט־אינסטיטוציע 25 טויזנט מיטגלידער, און עס קומען בלויז געציילטע עטלעכע צענדליגע אויסהערן אַ קאָנפערענץ. די רעליגיע און דאָס קולטור־לעבן זיינען בלי־ספק פּאָזיטיווע פאַקטאָרן אין אונדזער לעבן, אָבער אויך דער אַנטיסעמיטיזם איז עס אין אַ געוויסער מאָס, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען. אויב אין מיטלעלטער איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען אַ פאַקטאָר וואָס האָט בלויז געפירט צום אומברענג פון ייִדן, פירט ער היינט אָפטמאָל צו דער אויפהאַלטונג פון ייִדנטום.

„דאַרף מען זיך אָנשטרענגען צו פאַרשטאַרקן די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן און לויט מעגלעכקייטן צו נייטראַליזירן די נעגאַטיווע. אויב מיר וועלן אַזוי טאָן, אויפריכטיק, און מיטן גאַנצן האַרצן, קענען מיר האָפן און עס זיינען פאַראַן אויסזיכטן צו פייערן דעם צוויי הונדערט־יאָריקן אַניווערסאַר פון אונדזער היגן ישוב, אַפילו אין בעסערע באַדינגונגען פון די, אין וועלכע מיר געפינען זיך איצטער.

מאיר בערלסאָן

ייִדיש שול־וועזן אין פּראָווינץ אין די לעצטע 5 יאָר

(1958–1962)

אַריינפיר:

זייט דער וועד־החינוך הראשי האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן וועד החינוך המרכזי, האָט דער חינוך־וועזן אין אינערן פון לאַנד אַנגעהויבן דורכמאַכן אָרגאַניזאַציע־ און אינהאַלט־שינויים וואָס קומען אַרויס בולטער פון יאָר צו יאָר.

די עקאָנאָמישע מיטלען וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון צענטראַלן וועד החינוך האָבן דערמעגלעכט דורכצופירן אַן אַרבעט פון א גרעסערן פאַרנעם ווי פריִער. ימי עיון פאַר עסקנים און לערערס, פּערפעקציאָניר־קורסן, רעגיאָנעלע צוזאַמענפאָרן, אויסאַרבעטונג פון דידאַקטישע מאַטעריאַלן, אָפטערע באַזוכן מצד דער צענטראַלע אין די גרעסערע ישובים און אויך א גרעסערע שטיצע פאַרן שול־וועזן אויף דער פּראָווינץ האָבן פיל מיטגעווירקט, אַז עס זאָל אַרויס אויף א ברייטערן שליאַך. און אחרון־אחרון מוזן מיר דערמאָנען דעם נייעם סעמינאַר פון מאָזעסוויל, א ריזיקע אונטערנעמונג וואָס איז געקומען ווי א דבר בעתו, מחמת ער איז געשאַפן געוואָרן ווען עס זיינען אונטערגעגאַנגען די אַלע אינסטיטוציעס וואָס האָבן בשעתם צוגעשטעלט לערערס פאַר דער פּראָווינץ.

די צענטראַלע ביוראָ פון וועד החינוך המרכזי האָט אין איר אַרבעט צו פאַרצייכענען גרויסע דערגרייכונגען אין די לעצטע 5 יאָר: לערן־טעקסטן פאַר תלמידים און ביכער פאַר זעלבסטפּערפעקציאָנירונג פונעם לערער, כסדרדיקע מעטאָדישע אָנווייזונגען פאַר דירעקטאָרן און לערערס און א שריפטלעכער קאָנטאַקט מיט די צענדלינגער און צענדלינגער וואָס געפינען זיך צעשפּרייט און פאַראיינזאַמט אין דער אומענדלעכער גרויסער אַרגענטינער פּראָווינץ זיינען די טאָג־טעגלעכע אַרבעט מיט וואָס די ביוראָ איז באַשעפטיקט. די הונדערטער בריוו וואָס די ביוראָ באַקומט און שיקט אַרויס שטעלן מיט זיך פאַר א פּאַפּירענעם בריק וואָס פאַרבינדט אונדז מיט די אַלע מקומות.

עס וואָלט אָבער א טעות געווען צו דענקען, אַז די אויסגערעכנטע מיטלען זיינען גענוגנדיקע. עס דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן די מיזאַמע טעטיקייט פון די אַרומפאָרערס פון צענטראַלן וועד החינוך: אינספּעקטאָרן, פּעדאַגאָגישע אינסטרוקטאָרן און אַנדערע פאַרבינד־מענטשן וואָס באַזוכן די ישובים און ברענגען פּראַקטישע אָנווייזונגען פאַרן לערער, אָריענטאַציע פאַרן עסקן און אויפקלערעריש וואָרט פאַרן ישוב. דער באַזוך פון אַזאַ פּערזאָן איז טאַקע א ברכה און זייער דערציִעריש פאַר די אויסגערעכנטע גורמים.

ס׳איז אומבאַדינגט נייטיק פעסטצושטעלן גלייך ביים אָנהייב א פּאָר גרונטשטריכן פון די ישובים אין אינערן פון לאַנד אין קעגנזאַץ צום ייִדישן ישוב פון דער גרויסער בוענאָס־איירעס, כדי מען זאָל קענען פאַרשטיין און האָבן א קלאָר בילד פון דער סביבה אויף דער פּראָווינץ אין וועלכע עס קומט אויס דעם לערער צו אַרבעטן

דער אַלגעמיינער וועלט־פּראָצעס אַריבערצוגיין פון דאָרף אין שטאָט האָט זייער שטאַרק געטראָפן אונדזער ישוב. אַמשטאַרקסטן איז אויפגעטרייסלט געוואָרן די קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג און אין די לעצטע פאָר יאָר, ווען די שטאָט מיט איר אינדוסטריע־אונטערנעמונגען האָט

איינגעזאַפּט די יידישע יוגנט, איז די קאָלאָניע אויסגעליידיקט געוואָרן פון דעם יידישן איינווינער. די נאָענט־ליגנדע שטעטלעך וואָס זיינען געווען וויכטיקע צענטערס פון יידישקייט זיינען אויך שיטערער געוואָרן און ס׳האָבן זיך אין זיי באַזעצט נישט־יידן. צום סוף האָבן מיר די גרויסע שטעט פון פּראָווינץ: זייער יידישער איינוווינער איז פאַראייניזאַמט און דערווייטערט פון דעם גרויסן יידישן צענטער בוענאָס־איירעס.

אין די־אָ פּונקטן קומט אויס אונדזער שול־וועזן אויף דער פּראָווינץ זיך צו אַנטוויקלען און דורכמאַכן אַ פּראָצעס וואָס איז גאָנץ פאַרשיידן פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין בוענאָס־איירעס, ביי אַ קאָמפּאַקטער יידישער מאַסע מיט אַן אָרגאַניזירט יידיש קהילה־לעבן.

אם כן, מוזן מיר קוקן אויפן חינוך־וועזן פון דער פּראָווינץ מיט גאָר אַנדערע אויגן און האָבן אַן אַנדערן צוגאַנג צו איר פּראָבלעמאַטיק, וועלכע מיר וועלן ווייטער אַנאַליזירן.

סטרוקטור און אינהאַלט פון דער שול אויף דער פּראָווינץ

קיין שום שוואַרצזעער וואָלט נישט געקענט פאָרויסזאָגן, אַז אין פאַרלויף פון אַזאַ קורצער צייט וועט די גאַנצע אָנגעהויפנטע יידישע קולטור, טראַדיציע און וויסן אַזוי אכזריותדיק ארויסגעשטויסן ווערן פון דער יידישער היים, ווי דאָס איז פעסטצושטעלן אין איצטיקן מאָמענט. נישט איינמאָל פרעגן מיר זיך די פראַגע: „הזאת נעמי?״, איז דאָס אַ יידישע מאַמע? נישט נאָר וויסט זי נישט דעם אינהאַלט פון אַ יידישן יום־טוב, נאָר זי איגנאָרירט אַפילו דעם עטישן און עסטעטישן ווערט פון אַ שבת, יידישע ווערטן זיינען איר אינגאַנצן פרעמד און שטעלן מיט זיך פאָר אַ ספר חתום. די־אָ מאַמע שיקט דאָס קינד אין דער יידישער שול, נישט האָבנדיק די אינערלעכע איבערצייגונג, אַז המשך פון יידישן פאָלק איז פאַרבונדן מיט מצוות מעשיות.

אויסגעוואַקסן אין אַזאַ סביבה, קומט דאָס יידישע קינד אין דער יידישער שול אָן אַ שפּראַך, אָן באַגריפן פון יידישקייט און אָן יידישע עמאָציעס. דאַרף די שול דורכפירן די שווערע אַרבעט פון אַריינצופירן בהדרגהדיק דאָס קינד אין אַ יידישער אַטמאָספער ווו ער זאָל זיך פילן היימיש און זאָל אויך אָנהייבן ליב באַקומען יידישקייט.

די אויסגעיידישטע יידישע מאַמע, דערווייטערט — ווי געזאָגט — פון אַלץ וואָס איז אונדז אַזוי טייער, הן אין וואָרט און הן אין טאַט, הייבט אַזוי אַרום אָן אויפצוּוואַכן פון איר לעטאַרגישן שלאָף, ספּעציעל ווען זי דערהערט אַ יידיש וואָרט אין איר קינדס מויל און הייבט אויך אָן מיטגעריסן ווערן מיט די שיינע מסיבות וואָס די יידישע שול אָרדנט איין.

די ישובים אויף דער פּראָווינץ זיינען אין זייער כמות זייער פאַרשיידן און די שולן שפּיגלען עקזאַקט אָפּ די־אָ ווירקלעכקייט. יעדע שול האָט איר אייגנאַרטיקן אויסזען לויט די באַדינגונגען פון דעם פּלאַץ, זי האָט דורכגעמאַכט עליות און ירידות לויט דער צאָל איינוווינערס וואָס געפינט זיך אויפן אָרט. מיר קענען אָנווייזן אויף ישובים וואָס האָבן אַמאָל געשפּרודלט מיט יידיש לעבן און אין וועלכע מען האָט אויסגעבויט שיינע בנינים און היינט פּוסטעווען זיי, און אויב עס איז נאָך אין אַזאַ אָרט פאַראַן אַ שול איז זי נישט מער ווי אַ קליינער איבערבלייב פון דער אַמאָליקער פאַרגאַנגענהייט, אַ שאָטן פון דעם אַמאָליקן שיינעם עבר.

צוזאַמען מיט דעם אָנגעוויזענעם כמות־פאַקטאָר, איז אויך אַ גורם פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער שול דער אָפּשטאַם פון די יידישע איינוווינערס אין די באַטרעפנדיקע ישובים. ערטער וואָס פאַרמאָגן נאָך אַן עמיגראַנטן עלעמענט, ביי וועלכע די יידישע שפּראַך לעבט נאָך און ווערט כסדר באַנוצט, ווו אַ יידיש ספר פאַרנעמט דעם אויבנאָן און יום־טובים ווערן ווי געהעריק אָפּגעהיט, פאַרמאָגן אַ שטאַרקע יידישע שול ווייל די אַלע אויסגערעכנטע פאַקטאָרן זיינען גורמים געזונט צו מאַכן די קרוין־אינסטיטוציע פון אונדזער קהילה־לעבן און זי צו באַשיצן פון אַלדאָס בייז. אין די־אָ שולן איז דער באַזוך פון די קינדער כמעט פון אַ הונדערט פּראָצענט.

מאידך איז כמעט אומגלייבלעך די גרויסע טראַנספאָרמאַציע וואָס איינִיקע ישובים האָבן

דורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן. די נויטווענדיקייט פון דער ייִדישער שול איז פאַר זיי געוואָרן אַן אַקסיאָמע, די באַציִונג צו איר האָט זיך לגמרי געביטן צום גוטן און מען זאָרגט כסדר פאַר איר פאַרשטאַרקונג און פאַרבעסערונג. עס איז אַנטשטאַנען די געזונטע פאָדערונג, אַז די ייִדישע שול זאָל אין איר סטרוקטור און אינהאַלט שטיין אויף אַ העכערן ניוואָ ווי די אַלגעמיינע מלוכה־שול.

עס זיינען ווערט פאַרצייכנט צו ווערן די ווייטגייענדיקע שריט וואָס די היי־געבוירענע עסקנים האָבן דורכגעזעצט לטובת דער ייִדישער שול: עס זיינען אויפגעבויט אָדער איינגעקויפט געוואָרן מאָדערנע געביידעס מיט די נייעסטע איינריכטונגען; עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן דירעקטאָרן מיט אַ פרייער דירעקציע און מען האָט באַזאָרגט שולן מיט אַ טעכניש־אַדמיניסטראַטיוון פערסאָנאַל, וואָס דאָס זיינען גאָר נייע איינפירן אויפן שול־וועזן פון פראָווינץ; דער ענין איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די גרעסערע ישובים שטעלן אַוועק טראַנספאָרט־מיטלען וואָס פירן די קינדער אין שול און אַהיים.

ווי עס איז שוין אונטערגעשטראָכן געוואָרן, לויערן אויפן ייִדישן לעבן פון פראָווינץ גרעסערע געפאַרן ווי אויפן ייִדישן לעבן אין דער גרויסער שטאָט. די ייִדן אין פראָווינץ בילדן נישט קיין קאָמפאַקטע מאַסן און זיינען דערצו אַרומגערינגלט פון אַ נישט־ייִדישער סביבה; עס פעלט דער גייסטיק־אָריענטירנדיקער פאַקטאָר וואָס זאָל כסדר רופן צו ייִדישקייט; אין די קליינע ישובים מערקט זיך דאָס פעלן פון אחדות; מען באַקומט נישט טעגלעך קיין ייִדישע צייטונג וואָס זאָל פאַרבינדן מיט כלל־ישראל. דאָס אַלעס און נאָך אַ סך אַנדערע פאַקטאָרן שטעלן אַוועק דעם לערער פאַר דער דילעמע, וועלכן מעטאָד ער זאָל אָנווענדן בכדי דער שילער זאָל אַרויסטראָגן פאַר זיך און פאַר זיין היים אַ קלאָרע פאַרשטעלונג פון ייִדישקייט.

אַ סך מאָל איז דער לערער געצוווּנגען מוותר צו זיין אויפן פאָרשריט פון די לימודים און זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אָנפירער פון מסיבות און פייערונגען, ווייל דאָס איז דער איינציקער דערציִערישער וועג וואָס פאַרבינדט די שול מיט דער היים.

ווען מיר קוקן זיך איין אין דער טאַבעלע נומ׳ 2* וואָס טיילט איין די שולן אין קאַטעגאָריעס געפינען מיר, אַז פון דער אַלגעמיינער צאָל שילערס פון יאָר 1962, 4.521 בסך־הכל, געפינען זיך 3.439 (איבער 76%) אין דער 1טער און 2טער קאַטעגאָריעס שולן גוט־אָרגאַניזירטע מיט אַ דירעקטאָר אָדער מער ווי איין לערער — אין וועלכע עס ווערט אויסגעפירט אַ לערן־פראָגראַם לויט די אָנווייזונגען פונעם וועד החינוך המרכזי. די שולן פון דער גרופע 4 אין דער זעלבער טאַבעלע — שטעטלעך ביי ייִדישע קאָלאָניעס — זיינען אויך נישט איינהייטלעך אין זייער אינהאַלט. ווי באַוווּסט, האָט די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין די פאַרשיידענע אַרגענטינער פראָווינצן נישט באַזעצט קיין איינהייטלעכן עלעמענט. דאָס רופט זיך פאַרשטענדלעך אָפ אויף דעם געבוי פון דער ייִדישער געזעלשאַפט און ממילא אויך אויף דער ייִדישער שול. למשל: מאָזעסוויל און די שטעטלעך וואָס אַרום איר שטעלן מיט זיך פאַר כמעט אַן אוניקום. דאָרט געפינט מען אַ חותם פון ייִדישער אייגנאַרטיקייט. דאָס זעלבע געשעט אין וויזשאַ קלאַראַ — פראָווינץ ענטרע־ריאָס — און אין בערנאַסקאָני — פראָווינץ לאַ פאַמפאַ —. פון די אַנדערע שטעטלעך מעגן מיר זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז די שכינה האָט זיך פון זיי אָפגעטאָן.

ווען מיר מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן די יאָרן 1958 און 1962 באַמערקן מיר, אַז די באַציִונג צו דער שול איז געוואָרן פאָזיטיווער דווקא ביי דער מאַמען וואָס האָט קיין ייִדישע דערציִונג נישט באַקומען און אַז די עסקנים זיינען היינט צו טאָג מער ענטוזיאַסטיש פאַר דער ייִדישער שול ווי זייערע פאָרגייערס און די פאָדערונגען צו דער ייִדישער שול זיינען פיל גרעסער ווי מיט 5 יאָר צוריק.

אַלס פועל־יוצא פון דעם געזאָגטן קומען מיר צום אויספיר, אַז עס האָט זיך געביטן די גאַנצע פאַנאָראַמע פון שול־וועזן אין אינערן פון לאַנד. מיר האָבן אַ נייעם טיפ עסקן, אַ היי־געבוירע־

---

* זע זייטן 3־362.

נעם. דער תלמיד פון אונדזערע שולן איז אויך נישט דאָס וואָס מיט 5 יאָר צוריק און דאָס זעלבע איז חל אויפן לערער, וועלכער איז אַ פּראָדוקט פון דער נייער ווירקלעכקייט.

ווען מיר קוקן זיך איין אין די טאַבעלעס נומ׳ 1 און 2 — שולן איינגעטיילטע לויט קאַטעגאָריעס אין די יאָרן 1958 און 1962 — און אין דער טאַבעלע נומ׳ 3 וואָס פאַרגלייכט די־אָ דאַטן, באַמערקן מיר אינטערעסאַנטע דערשיינונגען: די שולן פון דער 1טער און 2טער קאַטעגאָריעס פאַרשטאַרקן זיך ביסלעכווייז: עס קומען צו נייע מיטלשולן, אַ נייע רובריק „חוג עברי״ און צו דער 1טער קאַטעגאָריע אַ נייע שול — סאַן־כואַן — וואָס איז פריִער געווען אין דער 2טער קאַטעגאָריע. די אַלגעמיינע צאָל תלמידים פון די ביידע קאַטעגאָריעס גייט איבער פון 2.934 אין יאָר 1958, צו 3.439 אין יאָר 1962, ד״ה פון 72% צו 76% רעספּעקטיוו פון דער אַלגעמיינער צאָל תלמידים. די צאָל שילערס פון די סעמינאַרן פאַרטאָפּלט זיך כמעט (פון 190 צו 357) און אין די אָוונט־קורסן ווערן די תלמידים כמעט 3 מאָל אַזוי פיל (פון 125 צו 337).

מיט די שולן פון די קאָלאָניעס און שטעטלעך ביי די קאָלאָניעס איז דער אומבייט כמעט אַ פּאַרקערטער: פון 7 שולן אין די קאָלאָניעס אין יאָר 1958, בלייבן איבער בלויז 3 צום יאָר

טאַבעלע 3

פאַרגלייך־טאַבעלע פון שולן לויט זייערע קאַטעגאָריעס, און צאָל שילערס יאָרן 1958 — 1962

צאָל שולן לויט קאַטעגאָריע

קאַטעגאָריע	יאָר 1958	יאָר 1962	באַמערקונגען
קאָלאָניעס	7	3	
שטעטלעך	13	12	
3טע	21	28	
2טע	9	8	
1טע	10	11	
סך־הכל	60	62	

צאָל שילערס אין די שולן, קינדערגערטנער, מיטלשולן, אָוונט־קורסן און חוגים עבריים אין די יאָרן 1958 — 1962

קאַטעגאָריע	שולן		גנים		מיטלשולן		אָוונט־קורסן		חוג עברי	
	1958	1962	1958	1962	1958	1962	1958	1962	1958	1962
קאָלאָניעס	110	27	—	—	—	—	—	—	—	—
שטעטלעך	425	297	52	56	—	—	—	—	—	—
3טע	458	549	72	44	—	—	—	109	—	—
2טע	535	363	112	73	—	—	43	78	—	—
1טע	1.463	1.870	509	523	190	357	82	150	—	25
סך־הכל	2.991	3.106	745	696	190	357	125	337	—	25

1962 און פון 110 שילערס ווערן 27. אין די שטעטלעך ביי די קאָלאָניעס, פון 447 שילערס אין 1958, ווערן 353 צום יאָר 1962. נעמענדיק אין באַטראַכט ביידע קאַטעגאָריעס צוזאַמען זעען מיר אַז זיי האָבן אין יאָר 1958, 587 תלמידים, ד״ה איבער 14% פון דער אַלגעמיינער צאָל תלמידים. אין 1962 אָבער, פאַרמאָגן זיי נישט מער ווי 380 שילערס אָדער אַנדערש גערעדט, ביי די 9% פון דער אַלגעמיינער צאָל.

אין יאָר 1958 האָבן מיר אין דער 3טער קאַטעגאָריע 530 תלמידים — איבער 13% פון דער אַלגעמיינער צאָל —. אין 1962 זיינען פאַראַן 702 שילערס, ד״ה איבער 15% פון דער אַלגעמיינער צאָל שילערס און עס קומט נאָך צו אַ נייע רובריק: אָוונט־קורסן, מיט 109 תלמידים. אויך די צאָל שולן איז פאַרגרעסערט געוואָרן. פון 21 אין 1958 זיינען געוואָרן 28 צום יאָר 1962.

טאַבעלע 4

פאַרגלייך־דאַטן פון די שולן אויף דער פּראָווינץ אין די יאָרן:
1957, 1958, 1959, 1960, 1961, 1962

צאָל	1957	1958	1959	1960	1961	1962
שולן	66	61	55	57	56	62
קינדערגערטנער	26	25	30	29	27	28
מיטלשולן	3	5	6	7	8	9
אָוונט־קורסן	4	6	9	10	10	14
לערער־פּערסאָנאַל	148	138	125	120	121	160
צאָל שילערס						
אין די גראַדן	2.746	2.991	2.656	2.755	2.876	3.106
אין קינדערגאָרטן	709	745	637	785	747	696
אָוונט־קורסן	51	125	52	121	128	337
חוג עברי	—	—	—	—	—	25
אין מיטלשולן	110	190	319	277	302	357
ס״ה צאָל שילערס	3.616	4.051	3.664	3.938	4.053	4.521

עוואָלוציע פון דעם שול־וועזן אין אינערן פון לאַנד לענגויס די יאָרן
1962 — 1957

די טאַבעלע נומ׳ 4 ברענגט אונדז פאַרגלייך־דאַטן פון די אויבנדערמאָנטע יאָרן. למראות עין זיינען דאָס טרוקענע ציפערן וואָס געבן אונדז אַ באַגריף פונעם פּראָצעס וואָס די פּראָווינץ האָט דורכגעמאַכט אין דעם־אָ צייט־אָפּשניט פון 6 יאָר.

פון דעסטוועגן וויפל ראַנגלענישן, וויפל זוכענישן אין דער פינצטער ביז מען האָט געפונען דעם ריכטיקן וועג, וויפל ענערגיע און וויפל אוממיטלבאַרער האָפענונג שטעקן אין די־אָ „טרוקענע" ציפערן! זיי זיינען אַ סינטעטיזירטער עדות־זאָגן פון דעם ריזיקן קאַמף וואָס עס איז דורכגעפירט געוואָרן פאַר דער אויפהאַלטונג און אויסבעסערונג פונעם שול־וועזן אין דער פּראָווינץ. אַן אַרמיי פון הונדערטער עסקנים, לערערס, עלטערן, מיט דער אָריענטאַציע פון דעם

וועד החינוך המרכזי האָט באַוויזן בייצוקומען דעם שונא אין באַשטאַנד פון כלערליי שטרויכלונגען און פראָבלעמען פון אַלזייטיקן כאַראַקטער — פון עקאָנאָמישע ביז ריין־פעדאַגאָגישע — וואָס האָבן געדראָעט חרוב צו מאַכן דעם דורך שווערער אַרבעט אויפגעשטעלטן חינוך־בנין פון אינערן אַרגענטינע. דער קאַמף איז נאָך נישט פאַרענדיקט, אָבער די פאַנאָראַמע האָט זיך זייער געביטן און די אויסזיכטן זיינען זייער גוטע.

צוליבן מאַנגל אין לערערס, האָט זיך די צאָל שולן פאַרקלענערט צווישן די יאָרן 1957־1961. היי־יאָר האָבן מיר דערגרייכט צו דער צאָל שולן וואָס מיר האָבן געהאַט אין 1957 (4 פון די 66 וואָס מיר האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט, זיינען געווען אין דער הויפטשטאָט. ווען דער אַמאָליקער וועד החינוך הראשי האָט זיך פאַראייניקט מיטן צענטראַלן וועד החינוך, זיינען די־אָ שולן אַריבער אין רשות פון דער אָפטיילונג פאַר הויפטשטאָט־שולן).

פון קינדערגערטנער מערקט זיך נישט קיין עליה. די צאָל בלייבט מער־ווייניקער סטאַטיש. דאָס איז צוליב דעם וואָס מיר האָבן נישט קיין ספּעציאַליזירטן פערסאָנאַל אויף דעם געביט ווי אויך נישט קיין קינדערגערטנער־אינסטרוקטאָרנס ווי עס איז פאַראַן אין הויפטשטאָט. אויף דער אָפטיילונג דאַרפן מיר טאַקע לייגן דעם טראָפ, בכדי די גנים זאָלן דורכמאַכן די זעלבע עליה ווי אַלע אַנדערע געביטן פון אונדזער שול־וועזן אין פראָווינץ.

אָוונט־קורסן זיינען געווען אַ זעלטנקייט אויף דער פראָווינץ. גאָר ווייניק יוגנטלעכע צי דערוואַקסענע האָבן געהאַט אַן אינטערעס צו לערנען אין אַזעלכע קורסן. ביסלעכוויז אָבער האָבן מיר באַוויזן צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע אַפּאַטיע אין אַ וואָס אַמאָל גרעסערן אינטערעס. אין 1957 האָבן מיר געהאַט 4 אָוונט־קורסן. היינט פאַרמאָגן מיר 14, ד״ה איבער 3 מאָל אַזוי פיל און די צאָל שילערס וואָס לערנט אין זיי איז געשטיגן אין אַ נאָך גרעסערער פראָפּאָרץ: פון 51 אין יאָר 1957 האָבן מיר איצט — 1962 — 337, איבער 6 מאָל אַזוי פיל שילערס ווי דעמאָלט. אַ חוץ דעם איז נאָך צוגעקומען אַ חוג עברי אין באַשטאַנד פון 25 מיטגלידער.

די גרעסטע דערגרייכונגען האָבן מיר געהאַט מיטן מיטלשול־וועזן וועלכער, ווי עס ווערט שוין געזאָגט אין אַן אַנדער אָרט פון דער־אָ אַרבעט, דאַרף און וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין דער באַזאָרגער פון לערערס פאַר דער פראָווינץ.

אין 1957 האָבן מיר געהאַט 3 מיטלשולן. דאָס זיינען געווען — אויסער דער יהדות־סעמינאַר פון מאָזעסוויל — די ערשטע טריט פון דער פראָווינץ אויף דעם שווערן וועג. די צאָל שילערס איז דעמאָלט געווען 110. נעמענדיק אין אַכט די נויטווענדיקייטן פון אַזעלכע אַנשטאַלטן אויף צו בילדן לערערס און פאָרמירן ייִדישע אינטעליגענטן וואָס זאָלן גיין ווייטער אויף אונדזערע דרכים, האָבן ביסלעכוויז די גרעסערע ישובים געשאַפן ביי זיך התחלות פון סעמינאַר־מיטלשולן. און די פרווו האָט געהאַט דערפאָלג.

נישט לייכט איז אָנגעקומען צו גיין דעם ווייטן מהלך וואָס פירט פון אַ העכערן קורס צו אַ גוט־אָרגאַניזירטער מיטלשול. מיט דער צייט און מיט דער דערפאַרונג וואָס די צייט גיט, האָט מען באַוויזן צו דערגרייכן פאָזיטיווע רעזולטאַטן. די גרעסערע ישובים האָבן אָנגעהויבן נאָכטאָן דעם ביישפּיל און די געזונטע דערשיינונג האָט געגעבן אירע פרוכטן: היינט צו טאָג האָבן מיר 9 מיטלשולן־סעמינאַרן (3 מאָל אַזוי פיל ווי אין 1957) פון וועלכע 4 האָבן שוין דעם גאַנצן קורס און אירע אַבסאָלווענטן אַרבעטן אין אונדזער שול־וועזן. דאָס דערפרייענדיקסטע פון דעם פאַקט איז אַז עס זיינען פאַראַן גוטע אויסזיכטן אין די קומענדיקע יאָרן — און אפשר טאַקע אויף איבעראַיאָר — 1963 — זאָלן אַנדערע גרעסערע ישובים עפענען העכערע קורסן וואָס מיט דער צייט וועלן זיי פאַרוואַנדלט ווערן אין מיטלשולן.

איינע פון די הארבסטע פראָבלעמען אין אינערן פון לאַנד איז דאָס פעלן פון אַ גענוגנדיקע צאָל לערערס. צוליב דער־אָ סיבה בלייבן יאָר־יערלעך אַ סך שולן געשלאָסן, אָדער עס איז אונדז אוממעגלעך צו עפענען נייע שולן אין ישובים וואָס האָבן אַזעלכע נאָך קיינמאָל געהאַט. איז פון תמיד אָן געווען אונדזער ציל דאָס האָבן אַ גענוגנדיקע צאָל לערערס פאַר אַלע אונדזערע באַדערפענישן. היי־יאָר האָבן מיר דעם ציל כמעט דערגרייכט, איבערהויפט, אַ דאַנק

די לערערס וואָס עס האָט אונדז צוגעשטעלט דער נייער לערער־סעמינאַר פון מאָזעסוויל. בלויז צוליב זיין בייטראָג האָבן מיר היי־יאָר דערגרייכט צו אַ צאָל לערערס אָן פּרעצעדענטן אין דער געשיכטע פון חינוך־וועזן אויף דער פּראָווינץ: 160.

דאָך איז די צאָל נישט גענוגנדיק. ווי עס ווערט אָנגעוויזן אין דער טאַבעלע נומ׳ 6, וואָלטן מיר היינטיקס יאָר געקענט עפענען נאָך 8 שולן ווען מיר האָבן די לערערס. דאַרפן מיר אינטענסיפיצירן אונדזער אַרבעט און פאַרשטאַרקן די סעמינאַרן פון פּראָווינץ בכדי זיי זאָלן דעם מאָרגנדיקן טאָג אונדז צושטעלן די נייטיקע צאָל לערערס, אויב נישט נאָך העכער. דאָס לעצטע וואָלט געווען זייער כדאי, ווייל מיר וואָלטן געקאָנט אויסקלייבן די בעסטע פון צווישן זיי.

די סך־הכלען פון דער צאָל שילערס אויף דער פּראָווינץ זאָגן עדות ווי שווער עס איז אָנגעקומען דאָס פאַרשטאַרקן דעם דאָזיקן שול־וועזן. מיט אַלע מיטלען האָבן מיר געזוכט צוציען תלמידים צו אונדזערע לערן־אַנשטאַלטן און דער סוף איז געווען „יגעתי ומצאתי״. היינטיקס



א שילערין בענטשט ליכט ביי א קבלת־שבת אין דער שול פון פּאַסאַדאַס (1960).

יאָר האָבן מיר 905 שילערס מער ווי אין 1957. ווען מיר רעכענען צו די 4 אויבנדערמאָנטע שולן פון דער הויפּטשטאָט וואָס זיינען פריער געווען אונטער אונדזער רשות, וואָלט די דיפערענץ געשטיגן צו א 1.200 שילערס, אַ גאַנץ בכבודיקע צאָל אין דעם איצטיקן מאָמענט.

מיר וועלן ווייטער אָן אונדזערע מיטלען צו פאַרשטאַרקן און פאַרבעסערן ווי ווייט מעגלעך אונדזער טעטיקייט לטובת דעם שול־וועזן אין אינערן פון לאַנד. לאָמיר האָפן, אַז אונדזער אַרבעט וועט ווערן געקרוינט מיטן געהעריקן דערפאָלג.

ווי אַזוי ציִען מיר צו אויסגעיידישטע יידישע קינדער צו אינדזערע שולן? מיר פאַראינטערעסירן זיי און ברענגען זיי צוביסלעך אריין אין א יידישער אַטמאָספער. מען אָרדנט איין שיינע יום־טובים און ס׳ווערן ביים קינד אַרויסגערופן יידישע עמאָציעס. ער ווערט באַגייסטערט פון יידישע העלדן און הייבט אָן ווערן אַן אוהב־ישראל און אַלץ וואָס הייסט יידישקייט ווערט אים ליב. די ווירקונג וואָלט אָבער געווען אַ סך גרעסער ווען די היים וואָלט דער־

גענצט דאָס וואָס די שול גיט אים. אויב די היים וועט נישט פאַרייִדישט ווערן, וועט זיין ווי שלמה עטינגער זאָגט אין איינעם פון זיינע משלים:

„נו, לאָמיך שוין אַמאָל הערן,
לאָמיך שוין אַמאָל געוויר ווערן,
איר ברענגט דאָ מיך אַריין אין צאָרן,
איך בין דאָך שוין, כ׳לעבן, גאָר פאַרמישט!
זאָגט מיר שוין, וואָס איז אויס דעם קינד געוואָרן?
עס איז אויס אים געוואָרן טאַקע — אַ נישט!

און אויב די היים וועט נישט פאַרייִדישט ווערן וועט דער יום־טוב אין שול בלייבן ווי אַ סוראָגאַט, אָדער באַנוצנדיק אַ טעכניש וואָרט, אַן „ערזאַץ" וואָס וועט נישט קענען באַווירקן דאָס קינד, ווייל אַ יום־טוב דאַרף מען נישט בלויז דערציילן, מאַכן פון אים נישט מער ווי ליטעראַטור, נאָר טאַקע אים איבערלעבן. דער ציל פון אונדזער שול איז דערציִען דאָס קינד אַלס נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקן ייִד, בכדי ער זאָל נישט וואַקסן קיין גייסטיקער קריפּל, נאָר ער זאָל זיין כאַנק מיט זיך אַליין, ער זאָל וויסן פון וואַנען ער קומט און וווהין ער גייט. דערצו מוז מען האָבן די מיטהילף פון דער היים און צו דעם שטרעבן מיר.

פאַרשטעלונג „אגדת מודיעין", „טאַנץ פון די מכבייערנס" — „ד״ר הרצל"־שול פון
באַהיאַ בלאַנקאַ — יאָר 1958.

אונדזער לימודים־פּלאַן ליידט פון צוויי־שפּראַכיקייט. די מערהייט שולן וואָס זיינען נישט גוט אָרגאַניזירט זיינען אויך נישט ביכולת דורכצוזעצן דעם לימוד פון די 2 שפּראַכן אויף אַזויפיל, אַז אין 6טן גראַד, נאָך 7 יאָר לערנען, זאָל דער תלמיד באַזיצן גענוג ייִדיש און העברעיש ער זאָל אין זיי קענען אויסדריקן זיינע געדאַנקען און געפילן. מאַכט אָבער דאָס קינד דורך נאָרמאַל 2 יאָר קינדערגאָרטן און שפּעטער 7 לערניאָר אין דער אָנפאַנג־שול מיט גענוג מעטאָדישע מיטלען פאַר די־אָ לימודים, באַקומט מען צופרידנשטעלנדע רעזולטאַטן. צום באַדויערן, קענען מיר נישט אָנווייזן דאָס דאָזיקע, נישט אויף די שלעכט־אָרגאַניזירטע שולן מיט

1 לערער און נישט אויף די ווייניק צאָל יאָרן וואָס די מערהייט פון אונדזערע שילערס לערנען. דערפאַר זיינען טאַקע די כמותדיקע דערגרייכונגען גאַנץ באַגרענעצטע. מיט דער כוונה קעגנצווירקן די אויסגערעכנטע נעגאַטיווע פאַקטאָרן, האָבן מיר זיך אָנגעצייכנט אַן ענד־ציל פאַר אונדזער דערציִערישער אַרבעט און ער איז, אַז דער גייסט פון אונדזער פאָלק מיט די נייע שטרעמונגען וואָס אונדזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט געשאַפן, זאָלן זיין די באַגלייט־מיטלען פאַרן לימוד און שאַפן אַ פערמאַנענטע פאַרבינדונג צווישן דעם קינד און די הויכע אידעאַלן פון אונדזער פאָלק דורך שול־פּייערונגען, אַן אויסוואַל פון העלדן פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און פון היינט, וואָס דינען ווי אַ סימבאָל פון די אייביקע יידישע נבואות־קאָנצעפּטן און — נישט־קוקנדיק אויף די שוועריקייטן און צווייפלהאַפטע מעגלעכקייטן פאַר גרויסע רעאַליזאַציעס — וואָס זיינען די איינציקע מיטלען ביי אונדז אין די תפוצות אין איצטיקן מאָמענט, מיר זאָלן קענען דערגרייכן אונדזער ציל.

מיר שטייען פאַר גרויסע רעאַליזירונגען אויף דעם געביט און ס׳איז צו דערוואַרטן, אַז גאָר אין גיכן וועט דער ענטפער זיין גאַנצער און מעטאָדישער לגבי דער צוקונפט פון דעם קינדס נשמה אין די תפוצות.

מיטלשולן

צוזאַמען מיטן אַלגעמיינעם ווילן אויסצוברייטערן און פאַרטיפן די ידיעות פון אונדזערע תלמידים אין דער הויפּטשטאָט האָט זיך געמערקט אויך אויף דער פּראָווינץ די זעלביקע שטרעבונג: עסקנים האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצייגן, אַז די ידיעות וואָס די קינדער באַקומען אין דער עלעמענטאַר־שול זיינען נישט גענוגנדיק. האָט זיך כמעט ווי אין יעדן גרעסערן ישוב אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו עפענען פריִער העכערע קורסן פאַר די שילערס וואָס האָבן געענדיקט דעם 6טן גראַד און דערנאָך פאַרוואַנדלען די־אַ קורסן אין מיטלשולן אָדער סעמינאַרן.

ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, זיינען די מיטלשולן געשאַפן געוואָרן אין די גרעסערע ישובים — אַחוץ מאָזעסוויל, וואָס האָט „געוואַגט" צו שאַפן דעם „יהדות"־סעמינאַר און דערנאָך איז צוגעקומען דער נייער לערער־סעמינאַר — וואָס געפינען זיך זייער ווייט איינער פון אַנדערן. דעריבער האָבן זיי געמוזט זיין זעלבסטשטענדיק און זיך באַזאָרגן מיט אייגענע כוחות. נאָר אַזוי אַרום האָבן זיי געקענט דעקן זייערע נויטן פאַר דער עקזיסטענץ פון די באַטרעפנדיקע מיטלשולן.

דער אידעאַליסטישער לערער יוסף דראַזנין ע"ה איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אין „זיין" מאָזעסוויל געגרינדעט אַ סעמינאַר. ער האָט געהאַט אויסצושטיין גענוג קריטיק פאַר זיין „העזה". זיין דערפאָלג איז אָבער געווען אומאָפּפרעגבאַר: דער סעמינאַר „יהדות" האָט שוין אַרויסגעגעבן הונדערטער לערערס פון וועלכע אַ גרויסער טייל אַרבעט אין אונדזערע שולן ווי אויך אין אויסלאַנד. אין דער פרוי פרידאַ גוטמאַן האָט דער סעמינאַר געפונען אַ קאָאָפּעראַציע וואָס איז געווען אין לשער. און אויב מאָזעסוויל איז נישט אַראָפּ פון דער מאַפּע אַלס יידישער צענטער איז דאָס אַ דאַנק דעם סעמינאַר, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר אין אַרגענטינע און אין אויסלאַנד.

ראָזאַריאָ איז געווען דער צווייטער ישוב אין דער פּראָווינץ וואָס האָט באַשלאָסן צו עפענען אַ סעמינאַר. אין זייער אָנפאַנג־שול אַרבעטן היינט 5 לערערס — אַביטוריענטן פון דעם־אַ לערער־סעמינאַר. אין דעם ישוב איז מערקווירדיק דער דראַנג פון די שילערס פון 6טן גראַד פאָרצוזעצן זייערע לימודים אין דעם סעמינאַר.

נאָך ראָזאַריאָ איז געקומען קאָרדאָבאַ, דערנאָך לאַ פּלאַטאַ, באַהיאַ בלאַנקאַ, רעסיסטענסיאַ, סאַנטאַ פע. די אַלע העכערע אַנשטאַלטן זיינען גענוגנדע עדות וועגן באַוווסטזיין פון עסקנים און עלטערן, וועלכע האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט צו פאַרשפּרייטן

אונדזער קולטור, — מיט אַ העכערן ניוואָ — צווישן די יוגנטלעכע און זיי אָריענטירן אין זייערע זוכענישן פון עלעמענטן וואָס זאָלן זיי מאַכן פילן שטאָלץ צו געהערן צום ייִדישן פּאָלק.

אין די דערמאָנטע ערטער באַנוצט מען זיך מיטן לערן־פּראָגראַם פון דעם לערער־סעמינאַר ביי דער קהילה פון בוענאָס־איירעס אַלס יסוד. די וואָס האָבן געענדיקט אונדזערע מיטלשולן זיינען נישט נאָר דערגאַנגען צו וויסן תנ״ך אין מקור, נאָר אויך די יסודות פון משנה, אגדה אין אַלגעמיינע באַגריפן פון תלמוד. אויך ווערט אינטענסיוו געלערנט ייִדישע געשיכטע, נאַציאָנאַלע שטרעמונגען ביי ייִדן, ציוניזם און בכלל אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזער רייכער, פיר־טויזנט־יאָריקער קולטור.

אין די מערהייט פון די דערמאָנטע מיטלשולן ווערט אויך געזאָרגט, אַז די דערציִערישע טייל פון די לימודים זאָל ווערן באַגלייט מיט מעשים און אז אין די יאָרן פון זייער לערנען זאָלן די יוגנטלעכע דורכמאַכן אַ טעטיקייט־פּלאַן וואָס זאָל זיי מדריך זיין אין דער פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער ייִדיש־לעבן.

נישט אַלע אַבסאָלווענטן פון די סעמינאַרן ווערן טאַקע לערערס, אָבער זיי ווערן יאָ באַוווסטזיניקע ייִדישע אינטעליגענטן וואָס טראָגן צו צו דער פאַרשטאַרקונג פון אונדזער ישוב.

וועגן דעם נייעם סעמינאַר אין מאָזעסוויל, אַן אוניקום אין גאַנץ אַרגענטינע און אפשר אויך אין גאַנץ זיד־אַמעריקע, און וואָס איז געשאַפן געוואָרן און ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער קהילה פון בוענאָס־איירעס, איז פאַראַן אַ באַזונדער אַרבעט וואָס באַהאַנדלט אים בהרחבההדיק.

אינטעגראַלע שולן

מיטן אויפקום פון הי־געבוירענעם עסקן, ווען די היגע מאַמע האָט אָנגעהויבן שיקן אירע קינדער אין דער ייִדישער שול און דער פּראָפעסיאָנאַל האָט אָנגעהויבן זיך פאַראינטערעסירן מיטן ייִדישן לעבן, האָבן די השגות און איינשטעלונגען לגבי דער ייִדישער שול זיך ראַדיקאַל געביטן. אָנשטאָט ביודזשעטן פאַר איין לערער און געדונגענע געביידעס פאַר דער ייִדישער שול זיינען אויסגעוואַקסן ריזן־ביודזשעטן פון מיליאָנען פאַר געביידעס, געהאַלטן, פּערסאָנאַל, טראַנספּאָרט־מיטלען א״אַ. צוזאַמען מיט דעם האָבן די פריִער־דערמאָנטע פאַקטאָרן פאַרשטאַנען אַז ס׳איז נישט מעגלעך פאָרצוזעצן דעם לימוד אין דער ייִדישער שול ווען זי איז נישט מער ווי אַ צוגאָב צו דער מלוכה־שול, ווו דאָס קינד פאַרברענגט אין טורנע, דאַרף צוגרייטן די לימודים אינדערהיים, לערנען אַנדערע קעגנשטאַנדן און באַזוכן נאָך צוויי מאָל אין וואָך אין דער מלוכה־שול כדי צו קענען דערגענצן די אויסגעברייטערטע לערן־פּראָגראַם וואָס די מלוכה אַרבעט אויס פון יאָר צו יאָר. דאָס האָט געבראַכט דעם געדאַנק וועגן שאַפן אינטעגראַלע שולן.

די שטאָט קאָרדאָבאַ איז אויף דעם געביט געווען נחשונדיק און האָט די ערשטע געעפנט אַ שול ווו די ייִדישע לימודים זיינען געלערנט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע. דער אָנהייב איז געווען זייער אַ שווערער. ווי געוויינלעך, זיינען די דערגרייכונגען לכתחילה געווען זייער באַגרענעצטע, און דער ייִדישער לימוד איז געווען דער געליטענער צד. מען האָט געזוכט וועגן, מען איז געווען בספק צי עס לוינט אַזאַ טיפּ שול וואָס באַלאַסט זייער שטאַרק די קאַסע פון דער קהילה, אין דער צייט ווען די דערגרייכונגען זיינען נישט פון די גרויסע. די ייִדישע געזעלשאַפט, די ברייטע מאַסן האָבן אויך אויפגענומען מיט צווייפל די־אַ איניציאַטיוו, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיי אַליין זיינען געווען די וואָס האָבן געבראַכט דערצו מיט זייער נישט שיקן די קינדער אין דער ייִדישער שול, ווייל דער נישטיקער פּראָצענט ייִדישע קינדער וואָס האָבן באַקומען אַ ייִדישע דערציִונג האָט באַוויגן דער אָרטיקער קהילה צו עפענען אַן אינטעגראַל־שול.

מען האָט על פּי טעות גערופן דעם־אָ אַנשטאַלט „אינטעגראַל־שול״. זי איז אָבער נישט אינטעגראַל אין אירע ערשטע יאָרן, ווייל טראָצדעם וואָס די קינדער לערנען טאַקע אַלגעמיינע

און יידישע לימודים אין דער זעלבער צייט. איז אָבער די צאָל שעהן וואָס ווערן געווידמעט יידישע לימודים אַזוי קליין, אַז עס דערמעגלעכט נישט אָנצוצייכענען דערציִערישע פּלענער אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס דער קאָנצעפּט „אינטעגראַלע דערציִונג" איז מחייב.

די ערשטע שריט פון קאָרדאָבער ישוב אויף דעם געביט פון אינטעגראַלע שולן האָבן באַווירקט אַנדערע גרעסערע ישובים, וועלכע האָבן געליטן פון אַ קליינער קינדער־אַסיסטענץ, פון אַפּאַטיע מצד די עלטערן און פון אַ שטאַרקער קריטיק מצד די יעניקע וואָס האָבן געטענהט, אַז די שול אין אַזאַ לאַגע באַפרידיקט נישט. פריִער מענדאָסאַ און שפּעטער טוקומאַן און אַסונסיאָן (פּאַראַגוויי), זיינען געגאַנגען אין די וועגן פון קאָרדאָבאַ און אין די דאָזיקע ישובים האָט

שילערינס פון דער ח. נ. ביאַליק־שול אין ראָזאַריאָ.

זיך אַנטוויקלט אַ נייער סאָרט שול וועגן וועלכן ס'איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אַביסל ברייטער, היות אַנדערע ישובים אויף דער פּראָווינץ ווילן פאַרוואַנדלען זייערע צוגאָב־שולן אין אינטעגראַלע לערן־אַנשטאַלטן.

לאָמיר גלייך ביים אָנהייב פעסטשטעלן, אַז במשך די יאָרן עקזיסטענץ פון די 4 שולן, איז די צאָל שילער כסדר געשטיגן, דערגרייכנדיק אין קאָרדאָבאַ צו דער קאָלאָסאַלער ציפער פון 600 תלמידים, כן ירבו! דער אַרגומענט פון די עלטערן איז געווען, אַז צוויי שפּראַכן אין אַ שול איז צופיל און פאָלגלעך, מוז מען אויסקלייבן איין שפּראַך. פאַר זיי איז העברעיִש געווען די בכורה־שפּראַך צוליב זייער נישט זיין פאַרבונדן מיט יידיש. עס זיינען אויך צוגעטראָטן צו דער שול די ספרדים, אָן עלעמענט וואָס איז, צום באַדויערן, זייער ווייט פון שיקן זיינע קינדער אין דער יידישער שול.

עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דער „ונהיה ככל הגוים בית ישראל!" איז געווען דער אונטערבאַוווסטזיניקער פאַקטאָר וואָס האָט באַוויגן די ערשטע גרינדערס פון דער אינטעגראַלער שול. ווען מיר מאַכן אָבער אָן אָביעקטיוון אַנאַליז פון די־אָ 4 שולן, זייערע דורכפאַלן און דערגרייכונגען, זעען מיר אַז די לעצטע זיינען געווען פיל מערער ווי די ערשטע. עס זיינען רעאַ־

ליזירט געוואָרן איניציאַטיוון דורך די אָרטיקע פאַרוואַלטונגען מיט גרויס דערפאָלג. די שול איז געוואָרן ביי די הי־געבוירענע עלטערן, שפּאַניש־ריידנדיקע, דער צענטער פון זייער קולטור־לעבן, זייער אָנשפּאַר. דורך די שולן איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אויפקלערונג פון ייִדישקייט־ענינים און אַ דאַנק זייער איבערגעגעבנקייט איז זייער פּעדאַגאָגישער ניוואָ שטאַרק געשטיגן, אַריבעריאָגנדיק די אָרטיקע מלוכה־שולן. נאַטירלעך איז עס געקומען פון דעם באַוווסטזיין פון די עסקנים וואָס האָבן צוגעטיילט דעם ייִדישן טייל די געהעריקע פּאָזיציע, נאָך לאַנג זוכן און זיך ראַנגלען מיט כלערליי שוועריקייטן. ווען עלטערן האָבן דערזען אַז מען קען לערנען ייִדישקייט און אַלגעמיינע לימודים נישט פאַרמינערנדיק די דערגרייכונגען פון די לעצטע, האָבן זיי אַלץ מער געזוכט צו דערנעענטערן זיך צו דעם שול־וועזן און האָבן פיל בייגעשטייערט פאַר איר פאַרשענערונג און דערפאָלג. אַזוי איז אויך געשאַפן געוואָרן די ערשטע

אינטעגראַל־שול פון אַסונסיאָן דעל פּאַראַגוויי — יאָר 1961.

אינטעגראַלע מיטלשול אין קאָרדאָבאַ. מענדאָסאַ האַלט ביים מאַכן אַזאַ שריט און דורך דעם וועלן אויך די יוגנטלעכע בלייבן מיט אונדז במשך די פינף יאָר וואָס עס דויערט דער ציקל פון מיטל־בילדונג אין אַרגענטינע.

עס איז צו דערוואַרטן אַז דער אמתער זין פון אינטעגראַלער דערציִונג זאָל אויך ווערן אַ רעאַליטעט מיטן איינפירן אַ לימוד פון צוויי טורנעס — אינדערפרי און בייטאָג — כדי דאָס קינד זאָל באַקומען זיין אַלגעמיינע און ייִדישע פאָרמירונג אין דער ייִדישער שול און נישט אויסער איר. אָן דעם טייל קען מען נישט ריידן פון קיין אינטעגראַלער דערציִונג און אָן דער טייל קען דער אַנשטאַלט נישט אָנגערופן ווערן „אינטעגראַל־שול”.

כדי צו דערגענצן כאָטש טיילוויז דעם איינשטעל האָבן די שולן איינגעפירט אַ דערגענצונג־לערע פאַר פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן. קינדער וואָס האָבן נייגונגען צו מוזיק, האַנט־אַר־

רשימה פון שולן אינגעטיילטע

נומ׳	קאָלאָניעס	נומ׳	קאָלאָניעס שטעטלעך ביי די	נומ׳	3טע קאַטעגאָריע***	נומ׳	2טע
1.	קאָלאָניע לאַפּין	1.	סערעס	1.	קאַטאַמאַרקאַ	1.	סאַל
2.	קאָלאָניע ראָקאַ	2.	לאָס פּאַלמעראַס	2.	לאַ ריאָכאַ	2.	ס. ד
3.	קאָלאָניע אביגדור	3.	מאָניגאָטעס	3.	סאַן ראַפאַעל	3.	קאָר
4.	לאַ קאַפּיזשאַ	4.	ריווערא	4.	סאַן מאַרטין	4.	פּאָס
5.	סאַן אַנטאָניאָ	5.	בערנאַסקאָני	5.	סאַן לויס	5.	קאָנ
6.	קאַפּיוואַראַ	6.	מעדאַנאָס	6.	וויזשאַ מאַריאַ	6.	פּאר
7.	ראבאן	7.	אַלקאַראַס	7.	ריאָ קואַרטאָ	7.	סאַן
		8.	באַסאַווילבאַסאָ	8.	סאַן ניקאָלאַס	8.	מאר
		9.	דאָמינגעז	9.	סאַן קריסטאָבאַל	9.	ק. ד
		10.	וויזשאַ קלאַראַ	10.	סאַראַטע		
		11.	סאַן סאַלוואַדאָר	11.	קאַמפּאַנאַ		
		12.	פּעדערנאַל	12.	מאָנטע גראַנדע		
		13.	אובאַכיי	13.	אַדראָגע		
				14.	בעריסאָ		
				15.	ק. קאַסאַרעס		
				16.	טאַנדיל		
				17.	סאַפּאַלאַ		
				18.	גענעראַל ראָקאַ		
				19.	גואַלעגואַיטשו		
				20.	וויזשאַגואַי		
				21.	וויזשאַ אַנכעלאַ		
	שול — — — 110		שול — — — 425		שול — — — 458		שול
			גן — — — 52		גן — — — 72		גן
							א׳־ק
			ס״ה — 477		ס״ה — 530		

* גיט

** שולן

*** שולן

רשימה פון שולן אינגעטיילטע

נומ׳	קאָלאָניעס	נומ׳	שטעטלעך ביי די קאָלאָניעס	נומ׳	3טע קאַטעגאָריע***	נומ׳	2טע
1.	קאָלאָניע לאַפּין	1.	סערעס	1.	קאַטאַמאַרקאַ	1.	סאַלט
2.	קאַפּיווארא	2.	לאס פּאלמעראס	2.	לאַ ריאָכאַ	2.	ס. ד
3.	אלקאראסיטא	3.	מאָניגאָטעס	3.	סאַן מאַרטין	3.	קאָר
		4.	ריווערא	4.	סאַן לויס	4.	פּאָס
		5.	בערנאסקאָני	5.	אַלטאַ גראַסיאַ	5.	קאָנ
		6.	מעדאנאָס	6.	סאַן ניקאָלאַס	6.	פּארא
		7.	אלקאראס	7.	סאַן לאָרענסאָ	7.	מאל
		8.	באַסאוילבאַסאָ	8.	ראַפּאַעלאַ	8.	ק. ד
		9.	דאמינגעז	9.	סאַן קריסטאָבאַל		
		10.	וויזשאַ קלאַראַ	10.	סאַראַטע		
		11.	סאַן סאַלוואַדאָר	11.	קאַמפּאַנאַ		
		12.	פּאלאַסיאָס	12.	מאַנטע גראַנדע		
				13.	אַדראָגע		
				14.	בעריסאָ		
				15.	טאַנדיל		
				16.	פּונטאַ אַלטאַ		
				17.	וויזשאַ מיטרע		
				18.	טרעס אַראָזשאָס		
				19.	סאַפּאַלאַ		
				20.	גענעראַל ראָקאַ		
				21.	סיפּאָלעטי		
				22.	וויזשאַגואַי		
				23.	וויזשאַ אַנכעלאַ		
				24.	פּינעדאָ		
				25.	ראָקע סאַענס פּעניאַ		
				26.	פאָרמאָסאַ		
				27.	אַסונסיאָן		
				28.	כוכוי		
	שול — — — 27		שול — — — 297		שול — — — 549		שול
			גן — — — 56		גן — — — 44		גן
					א׳־קורס — 109		איונכ
			ס״ה — 353		ס״ה — 702		

* גיט

** שולן

*** שולן

טאבעלע 1

יט קאטעגאריעס – יאר 1958

גאריע**

עסטערא

ס

א

פלאטא

ורוגואי

535 — —

112 — —

43 —

690 — ה

נומ'	1טע קאטעגאריע*
.1	קארדאבא
.2	ראזאריא
.3	לא פלאטא
.4	באהיא בלאנקא
.5	רעסיסטענסיא
.6	טוקומאן
.7	מענדאסא
.8	מאזעסוויל
.9	לאמאס דע סאמארא
.10	סאנטא פע

שול — — — 1.463

גן — — — 509

א' ־ קורסן — 82

מיטלשול — 190

ס"ה — 2.244

צאל שילערס אין יאר 1958

קאטעגאר'	שולן	גנים	א. ק.	חוג עברי	מיטלשולן
קאלאניעס	110	—	—	—	—
שטעטלעך	425	52	—	—	—
3טע	458	72	—	—	—
2טע	535	112	43	—	—
1טע	1.463	509	82	—	190
ס"ה	2.991	745	125	—	190

שולן — — — — — — — — — — — — — 2.991 שילערס

גנים — — — — — — — — — — — — 745 "

מיטלשולן — — — — — — — — — — 190 "

אונט־קורסן — — — — — — — — — 125 "

סך־הכל — — — — — — — 4.051 שילערס

עמיינע צאל תלמידים אין די קאלאניעס — — — — — — — 110 שילערס

" " " " שטעטלעך ביי די קאלאניעס — 447 "

" " " " שולן 3טער קאטעגאריע — — 530 "

" " " " " 2טער " — — 690 "

" " " " " 1טער " — — 2.244 "

סך־הכל — — — — — — — 4.051 שילערס

זירטע שולן מיט א דירעקטאר.

א קינדערגארטן און מער ווי איין לערער.

אומנארמאלע ארבעט־באדינגונגען.

טאבעלע 2

יט קאטעגאריעס. – יאר 1962

גאריע**

סטערא

ס

א

פלאטא

אורוגוא:

363 — —

73 — —

78 —

514 — ה

נומ'	1טע קאטעגאריע*
.1	קארדאבא
.2	ראזאריא
.3	לא פלאטא
.4	באהיא בלאנקא
.5	רעסיסטענסיא
.6	טוקומאן
.7	מענדאסא
.8	מאזעסוויל
.9	לאמאס דע סאמארא
.10	סאנטא פע
.11	סאן כואן

שול — — — 1.870

גן — — — 223

א' ־ קורסן — 150

מיטלש' — — 357

ס"ה — 2.925

צאל שילערס אין יאר 1962

קאטעגאר'	שולן	גנים	א. ק.	חוג עברי	מיטלשולן
קאלאניעס	27	—	—	—	—
שטעטלעך	297	56	—	—	—
3טע	549	44	109	—	—
2טע	363	73	78	—	—
1טע	1.870	523	150	25	357
ס"ה	3.106	696	337	25	357

שולן — — — — — — — — — — — 3.106 שילערס

קינדערגערטנער — — — — — — — — 696 "

מיטלשולן — — — — — — — — — — 357 "

אוונטקורסן — — — — — — — — — — 337 "

חוג עברי — — — — — — — — — — — 25 "

סך־הכל — — — — — — — 4.521 שילערס

צאל תלמידים אין די קאלאניעס — — — — — — — — — 27 שילערס

" " " שטעטלעך ביי קאלאניעס — — — — — 353 "

" " " שולן 3טע קאטעגאריע — — — — 702 "

" " " " 2טע קאטעגאריע — — — — 514 "

" " " " 1טע קאטעגאריע — — — — 2.925 "

סך־הכל — — — — — — — 4.521 שילערס

יזירטע שולן מיט א דירעקטאר.

א קינדערגארטן און מער ווי איין לערער.

אומנארמאלע ארבעט־באדינגונגען.

בעט, צייכענונג א״אַנד קענען אנטוויקלען פריי זייערע פעיקייטן, באַטש נאָך נישט אין דער געהעריקער מאָס און פאָרעם. ווי געזאָגט, זיינען די בנינים נאָך נישט גענוג צוגעפּאַסט צו אַזעלכע פאָדערונגען און בהדרגה ווערט איינגעפירט יעדע נייע איניציאַטיוו וואָס קען ווירקן לטובת דער פולקאָמער דערציִונג פון דעם קינד און שפּעטער פון דעם יוגנטלעכן.

די היינטיקע מלוכה־שול אין ארגענטינע דערמעגלעכט טאַקע אָנצוהאַלטן די צוזאַב־שולן אין אירע איצטיקע פאָרמען. עס איז אָבער פאַרויסצוזען א ראַדיקאַלער אומבייט מצד די מלוכה־באַהערדן און דאַן וועט די יידישע געזעלשאַפט דאַרפן אויפנעמען די איניציאַטיוו צו שאַפן די אינטעגראַל־שולן אלס זעלבשטענדיקע לערן־אַנשטאַלטן מיט אונדזערע קעגנשטאַנדן און אינהאַלט אלס באַזע פאַר זייער עקזיסטענץ.

פאַרלויפיק זיינען מיר נאָך נישט ביכולת אַנצונעמען אַן ענדגילטיקע שטעלונג וועגן דעם וועלכער טיפּ שול איז צוגעפּאַסטער פאַר אונדזער ישוב. דאָס לעבן שאַפט אָבער געוויסע סיורפּריזן וואָס מיר זיינען נישט אימשטאַנד זיי פאָרויסצוזען.

יצחק הרכבי, ישראל־אַמבאַסאַדאָר, באַזוכט די שול פון אַסונסיאָן (פּאַראַגוויי).

ס׳איז נאָך נישט מעגלעך צו מאַכן א באַלאַנס פון די אינטעגראַל־שולן אין די פריער דערמאָנטע ערטער, אָבער מיר קענען יאָ פעסטשטעלן אַז מיט אַנדערטהאַלבן צענדליגג יאָר צוריק איז די צוזאַב־שול אין קאָרדאָבא געווען באַגרענעצט הן אין כמות און הן אין איכות. דווקא עלטערן געקומענע מעבר לים האָבן נישט געשיקט זייערע קינדער אין דער יידישער שול, ווי אויך נישט ארויסגעוויזן קיין באַציִונג צו איר. היינט צו טאָג איז נישט נאָר די קהילה — וועלכע האָט במשך פון די לעצטע צען יאָר זיך גוט אָרגאַניזירט און איז די איניציאַטיוו־געבערן פאַר אַלע דערציִערישע שריט פון ישוב — נאָר אויך די יונגע מאַמעס, כמעט אַלע הי־געבוירענע, ענטוזיאַסטן פון דער אינטעגראַל־שול און די צאָל תלמידים איז היפּש געשטיגן.

דער אינהאַלט פון דער אינטעגראַל־שול, אויסער דעם יידיש־לימוד, איז דער זעלבער ווי אין אונדזער אָנפאַנג־שול. די גוט־אָרגאַניזירטע גראַדן, די דירעקציע מיט איר מלוכהשן אינ־

שטעל, דער פינקטלעכער באַזוך פון די תלמידים במשך אַלע לערנטעג פון יאָר, דער זיבן־יעריקער קורס וואָס עס מאַכן דורך די תלמידים אויף אַ נאָרמאַלן און בהדרגהדיקן אופן, דער קעגנזעצלעכער רעספעקט וואָס עס הערשט צווישן די לערערס פון אַלגעמיינע לימודים און די לערערס פון די ייִדישע לימודים שאַפט אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט ווו איין טייל שטערט נישט דער אַנדערער נאָר פאַרקערט, זיי דערגענצן זיך קעגנזייטיק. ס׳איז כדאַי דאָ אונטערצושטרייכן, אַז אין די 4 אינטעגראַל־שולן אויף דער פראָווינץ, זיינען סיי די דירעקטאָרן און סיי די לערערס פון אַלגעמיינעם לימוד ייִדן און אין אַ סך פאַלן אונטעריכטן זיי אויך ייִדישע לימודים, היות זיי האָבן געענדיקט די מלוכה נאָרמאַל־שול און אַ ייִדישן לערער־סעמינאַר.

אָט־די האַרמאָנישע גאַנצקייט דערמעגלעכט דער שול צו געבן דעם קינד אַן איינהייטלעכע און האַרמאָנישע דערציִונג, פריי פון קעגנזעצלעכע השגות וואָס שעדיקן אַזוי שטאַרק די צאַרטע נשמה פון קינד, וועלכע איז אַ פרוכטבאַרער באָדן פאַר דער אַסימילאַציע פון כלערליי אידייען און באַגריפן, צווישן זיי אויך אידייען און באַגריפן וואָס זיינען ווייט פון אונדזער ייִדישער טראַדיציאָנעלער און נאַציאָנאַלער וועלט־אַנשויונג.

ס׳איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז מיטן שיקן דאָס קינד אין אַן אינטעגראַלער שול, ווו עס הערשט אַן איינאונאיינציקע ריכט־ליניע, ווערן אויסגעמיטן פיל פראַגע־צייכנס ביים קינד אין זיין פאָרמירונג־עפאָכע.

די צען וועכנטלעכע לעקציעס פאַר ייִדישע לימודים ווערן אין די העכערע גראַדן דערגענצט מיט באַזונדערע 3—4 לעקציעס אַ וואָך. ספעציעל דאַרפן אונטערגעשטראָכן ווערן די עקזיסטירנדיקע קינדער־קלובן וואָס זיינען אַ דערציִערישער פאַקטאָר, ווייל זיי דינען פאַר אַ דערגענצונג צום לימודים־פלאַן.

די אינטעגראַל־שול איז אַ דערציִערישער פאַקטאָר אויך פאַר דער געזעלשאַפט, ווייל די מוטער־קאָמיטעטן ווערן וויכטיקע קרייזן וואָס דינען די דערציִערישע וועגן פון דער שול. די קאָמיטעטן באַקומען פראַקטישע אָנווייזונגען פון די לערערס און אַ סך מאָל ווערן איינגעאָרדנט ספעציעלע לעקציעס פאַר די מוטערס לויט דעם איינשטעל פון די גראַדן.

ווען די ייִדישע מאַמע ווערט איינגעלאַדן אין דער שול, ווו איר קינד באַקומט זיין גאַנצע דערציִונג, ווערט איר פאַרבינדונג מיטן אַנשטאַלט גאַנצער, פעסטער און ער פאַרוואַנדלט זיך אין דעם צענטער פון גייסטיקן אינטערעס אין איר לעבן. אַ דאַנק דעם עפענען זיך אומענדלעכע מעגלעכקייטן פאַר דער שול, וועלכע באַקומט די עקאָנאָמישע שטיצע פון די עלטערן — און זי קען שטראַלן מיט אירע דערציִערישע דערגרייכונגען.

די לערער־פראַגע אויף דער פראָווינץ

די האַרבע פראָבלעם פון פאַסיקע לערערס איז צום שטאַרקסטן אָנזעעוודיק אויף דער פראָווינץ. וואָלט די מערכה פון לערער אין אינערן פון לאַנד געווען איינגעשלאָסן אין די ד׳ אמות פון זיין לערערישער טעטיקייט, וואָלט זיכער די פראָבלעם נישט געווען אַזוי שאַרף. צום באַדויערן איז דער ייִדיש־אינטעלעקטועלער כוח אויף דער פראָווינץ, היינט־צו־טאָג, כמעט ווי פאַרשווונדן. דעריבער ווערן די נויטן פון יעדן ישוב אַרויפגעלייגט אויפן לערער, וועלכער איז נישט אימשטאַנד זיי נאָכצוקומען.

היינט איז פאַרשווונדן פון דער פראָווינץ דער איראָפעיִשער לערער. הונדערט פראָצענטיק פאַרנעמט זיין אָרט דער הי־געבוירענער, אויסגעבילדעט אין די היגע מיטלשולן ווי דאָס זיינען דער מכון ללימודי היהדות, יהדות־סעמינאַר פון מאָזעסוויל און דער נייער לערער־סעמינאַר פון דער „ירושלים דארגענטינה״.

די טאַבעלע נומ׳ 5 פאַרגלייכט די לערערס וואָס זיינען צוגעקומען צום שול־וועזן אין אינערן פון לאַנד און זייער אויסבילדונג אין די יאָרן 1958 און 1962. פון איר קען מען לערנען

דעם אינטערעסאַנטן אומבייט וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם 5־יעריקן צייט־אָפּשניט (1958־1962) אין שייכות מיט די סעמינאַרן וואָס האָבן אונדז באַזאָרגט מיט לערערס.

דער מכון ללימודי היהדות האָט אונדז אין יאָר 1958 צוגעשטעלט די מערהייט לערערס וואָס זיינען דעמאָלט אַריינגעטראָטן אין די שולן פון פּראָווינץ. יאָר־יערלעך איז די צאָל געוואָרן קלענער: פון 23 אין יאָר 1958 (איבער 47% פון די אַריינגעטראָטענע לערערס) איז די צאָל פאַרקלענערט געוואָרן ביז 9 אין יאָר 1962 (ביי די 11%).

טאַבעלע 5

פאַרגלייך-רשימה פון לערערס וואָס זיינען צוגעקומען צום שול-וועזן אויף דער פּראָווינץ און זייער אויסבילדונג. יאָרן 1958 — 1962

נומ׳	געלערנט אין	צאָל 1958	צאָל 1962	באַמערקונגען
1.	נייער סעמינאַר מאָזעסוויל	—	36	
2.	יהדות־סעמינאַר, מאָזעסוויל	13	10	
3.	מכון ללימודי היהדות	23	9	
4.	סעמינאַר פון קאָרדאָבאַ	—	9	
5.	ישראל	7	3	
6.	זעלבסטבילדונג	3	—	
7.	אייראָפּע	2	—	
	ס״ה — — — — — — —	48	67	

פאַרגלייך-רשימה פון לערערס וואָס האָבן אונדז פאַרלאָזט און סיבות. יאָרן 1958 — 1962

נומ׳	ס י ב ה	צאָל 1958	צאָל 1962	באַמערקונגען
1.	פאַרלאָזט לערעריי	15	12	
2.	אַריבער אין שטאָט	10	7	
3.	אַרבעטן אין אויסלאַנד	2	5	
4.	קיין ישראל	2	1	
5.	געוואָרן אינסטרוקטאָרן	2	—	
6.	משפחה־אַנגעלעגנהייטן	—	1	
7.	אָפּרו	—	1	
8.	אַנטזאגט	—	1	
	ס״ה — — — — — — —	31 לערערס	28 לערערס	

דער „יהדות"-סעמינאַר פון מאָזעסוויל שטעלט יעדעס יאָר צו די זעלבע צאָל לערערס מיט קליינע וואַריאַנטן.

פון ישראל באַקומען מיר לערערס לויט די יאָרן און לויט די נויטווענדיקייטן און מעגלעכקייטן פון די ישובים. שווער נאָכצוקומען זייערע געהאַלטן, מחמת זייער חשבון איז לויט

דער ווערט פון דעם דאָלאַר. בלויז די גרעסערע קהילות קענען זיך דאָס דערלויבן (ראָזאַריאָ, למשל), אָדער דער נייסטער סעמינאַר פון מאָזעסוויל צוליב דער אַפּוטרופּסות פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה.

טאַבעלע 6

1. — נייע שולן און ערטער — יאָר 1962

1. — אַלקאַראַסיטאָ
2. — גענעראַל פּינעדאָ
3. — דאָמינגעז
4. — טרעס אַראָזשאָס
5. — מעדאַנאָס
6. — סאַענס פּעניאַ
7. — פּאָרמאָסאַ
8. — פּונטאַ אַלטאַ
9. — כוכוי

2. — געשלאָסענע שולן — יאָר 1962

1. — גואַלעגואַיטשו
2. — סאַן ראַפּאַעל
3. — קאַרלאָס קאַסאַרעס

3. —

צאָל ניי־געעפנטע שולן — — — — — — — 9
געשלאָסענע שולן — — — — — — — — — 3

צוגעקומען — — — — — — — — — — — 6 שולן

4. — שולן וואָס וואָלטן געקענט געעפנט ווערן אין יאָר 1962.

1. — לאַ קאַפּיזשאַ
2. — קאָלאָניע אביגדור
3. — טשאַכאַרי
4. — גענעראַל קאַמפּאָס
5. — טשאַראַטאַ
6. — סאַן ראַפּאַעל
7. — אָבעראַ
8. — קרעספּאָ

זינט דעם יאָר 1958 זיינען צוגעקומען אַלס קוואַל פון לערערס דער סעמינאַר פון קאָרדאָבאָ, פון וועלכן מיר האָבן באַקומען היי־יאָר 9 לערערס וואָס באַזאָרגן שולן פון זייער פּראָווינץ און איבערהויפּט דער נייער סעמינאַר פון מאָזעסוויל וואָס האָט ממש געלייזט די פּראָבלעם פון מאַנגל אין לערערס פאַר דער פּראָווינץ. צום יאָר 1962 האָט דער דאָזיקער סעמינאַר צוגעשטעלט 36

לערערס, ד״ה איבער 53% פון דער אַלגעמיינער צאָל לערערס וואָס זיינען היי־יאָר צוגעקומען ווען נישט דער סעמינאַר, וואָלטן היי־יאָר געווען צוגעקומען נישט מער ווי 31 לערערס קעגן 28 וואָס האָבן אונדז פאַרלאָזט. אַנדערש גערעדט: מיר וואָלטן היי־יאָר געציילט נישט מער ווי 3 לערערס מער ווי פאַראַיאָרן. דאָס וואָלט זיך אויסגעווירקט זייער נעגאַטיוו אויף אונדזער פּראָווינצער שול־וועזן: עס וואָלטן געשלאָסן געבליבן ביי 16 שולן (וואָס ווערן באַזאָרגט פון אַבסאָלווענטן פון דעם נייעם סעמינאַר) און ביי די 17-16 גרעסערע שולן וואָלטן געווען פאַרמינערט זייער לערער־פּערסאָנאַל.

עס איז אינטערעסאַנט דער פאַקט וואָס אין 1962 האָבן אונדז די סעמינאַרן פון פּראָווינץ צוגעשטעלט 82% פון די ניי־צוגעקומענע לערערס: דער נייער סעמינאַר פון מאָזעסוויל 36 אַבסאָלווענטן; דער יהדות־סעמינאַר 10 און דער סעמינאַר פון קאָרדאָבאַ 9. אינאיינעם: 55 לערערס. דאָס איז אַ זייער דערפרייענדיקע דערשיינונג, ווייל עס איז אַ באַווייז אַז דער שול־וועזן פון פּראָווינץ האָט דערגרייכט צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז ער קען זיך אַליין באַזאָרגן מיט לערערס, נישט דאַרפנדיק כמעט אָנקומען צו אַנדערע לערער־אַנשטאַלטן וואָס זיינען אויסער זיין יוריסדיקציע.

אויך דאַרף מען זייער אין אַכט נעמען, אַז אונדזערע אַבסאָלווענטן זיינען געבוירן געוואָרן אויף דער פּראָווינץ און זיינען גוט באַקאַנט מיט אַלע אייגנשאַפטן, פעלערן און מעלות פון די ישובים אין וועלכע זיי וועלן דאַרפן אַנטוויקלען זייער דערציִערישע אַרבעט. אַ חוץ דעם זיינען זיי קאַנדידאַטן אויף לאַנגע יאָרן און דאָס רופט זיך אָפּ פּאָזיטיוו אויף די רעזולטאַטן.

אין דער טאַבעלע נומ׳ 5 זעען מיר אויך אַ פאַרגלייך־רשימה פון לערערס וואָס האָבן אונדז פאַרלאָזט אין די יאָרן 1958—1962 און די סיבות צוליב וועלכע זיי האָבן דאָס געטאָן. די צאָל לערערס וואָס פאַרלאָזן אונדזער שול־וועזן יאָר־איין יאָר־אויס איז מער־ווייניקער די זעלבע: ביי די 30. די מערהייט פון זיי פאַרלאָזט אינגאַנצן לערעריי אָדער גייט אַריבער אַרבעטן אין שטאָט נאָך 2—3 יאָר פּראַקטיק אויף דער פּראָווינץ. ווען מיר וואָלטן די־אָ לערערס געקאָנט באַזאָרגן מיט צוגעפּאַסטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָלטן מיר זיי געקאָנט אָנהאַלטן מער צייט, ווי אויך געהאַט די מעגלעכקייטן צוצוציִען יונגע און ווירדיקע כוחות פון דער הויפּטשטאָט.

אין דער טאַבעלע נומ׳ 6 באַמערקן מיר אינעם 1טן פּונקט „נייע שולן און ערטער — יאָר 1962״, אַז הייַנטיקס יאָר זיינען צוגעקומען 9 שולן, נייע. אין 2טן פּונקט זעען מיר, אַז עס זיינען געשלאָסן געוואָרן 3 שולן, ד״ה: אַז לגבי פאַראַיאָרן האָבן מיר 6 שולן מער. ווען מיר וואָלטן געהאַט מער לערערס, וואָלטן מיר געקענט עפענען נייע שולן אין נאָך 8 ישובים וואָס פיגורירן אין 4טן פּונקט פון דער טאַבעלע נומ׳ 6.

אינספּעקציע און אינסטרוקציע

דער לערער וואָס געפינט זיך אין די ווייטע פאַרוואָרפענע ישובים פון פּראָווינץ איז זייער פאַראיינזאַמט און האָט נישט מיט וועמען זיך צו באַראַטן. טיילמאָל אַנטשטייען שווערע פּראָבלעמען און דער לערער ראַנגלט זיך אַפילו מיט זיך אַליין. נישטאָ די פּערזאָן וואָס זאָל אים אָריענטירן אין זיין שול־אַרבעט. די גרעסטע צאָל שולן אין אינערן פון לאַנד פונקציאָנירט אָן דירעקטאָרן און די יונגע לערערס, אָן דערפאַרונג, ווייסן אָפטמאָל נישט ווי מען דאַרף שטיין אין אַ קלאַס פאַר די תלמידים און ווי אַזוי זיי דערלאַנגען די עלעמענטאַרסטע ידיעות.

אַממייַנסטנס איז עס אַן אינפאָרמאַטיוו לערנען און נישט קיין דערציִערישער לימוד. די יונגע לערערס ווייסן נאָך נישט ווי אַזוי מען דאַרף פון יעדער לעקציע אַרויסכישופן דעם מאי קא משמע לן. דעם יונגן לערער זיינען אומבאַקאַנט די דערציִערישע צילן פון אונדזער שול און עס זיינען פאַראַן נאָך אַ סך פּראָבלעמען וואָס פאָדערן פון אים אַ געוויסע פּראַקטיק וואָס

ער פאַרמאָגט נישט. איז נייטיק אים — דעם יונגן לערער — צו געבן די נייטיקע אָריענטאַציע און אינסטרוקציע ער זאָל וויסן ווי אַזוי זיך אומצוגיין ביי דער אַרבעט אין שול און אַרום איר.

די פּערפעקציאָניר־קורסן און ימי־עיון וואָס מיר אָרדענען איין גיבן אים אַ סך עלעמענטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיין טעטיקייט. מיט דעם אַליין קען מען אָבער נישט יוצא זיין. עס איז נייטיק דורכצופירן אַ געוויסע קאָנטראָל אויף זיין אַרבעט און אים געבן די הדרכה טאַקע אויפן אָרט, אין דעם פּאַסיקן מאָמענט, ביי די באַטרעפנדע אומשטענדן נאָכדעם ווי עס איז געמאַכט געוואָרן בכובד ראש אַ פּאַסיקער אַנאַליז פון דער סיטואַציע. דאָס איז די פונקציע פון

אַ יום־טוב פון דער ח. נ. ביאַליק־שול אין ראָזאַריאָ.

דעם אינספּעקטאָר אין שול־וועזן פון דער פּראָווינץ, וועלכער איז גלייכצייטיק אויך אַן אינסטרוקטאָר וואָס אָריענטירט דעם לערער אין דער דורכפירונג פון זיין מיסיע.

די דערמאָנטע פונקציעס באַגרענעצן אָבער נישט די אַרבעט פונעם פּראָווינץ־אינספּעקטאָר. זיינע אויפגאַבעס פאַרנעמען אַ פיל ברייטערן שטח. נישט איינמאָל קומט אויס די־אָ אינספּעקטאָרן צו לייזן קהילה־פּראָבלעמען און פאַרמיטלען צווישן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע כוחות. אויך מוז ער אָפטמאָל געבן רעפעראַטן ווי נאָר עס איז פאַראַן אַ געלעגנהייט דערצו, ווייל דער באַזוך פון דעם אינספּעקטאָר־אינסטרוקטאָר וואָס קומט פון דער גרויסער שטאָט בוענאָס־איירעס איז אַ וויכטיקע געשעעניש אין לעבן פון די פּראָווינץ־ישובים, וועלכע שאַצן אָפּ יעדן באַווייז אַז די מוטער־שטאָט האָט זיי זייער אין זין.

דער לערער פון אינערן אַרגענטינע טרעפט זיך אָן אויך מיט אַנדערע שוועריקייטן מחוץ די ווענט פון דער שול. ער ווערט פאַרוואַנדלט אין דער צענטראַלער פיגור אַרום וועלכע עס דרייט זיך דאָס גאַנצע יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן. מען פאָדערט פון אים ער זאָל זיין טעטיק אויך געזעלשאַפטלעך און ווערן דער אָנרעגער פאַר אַלע יידיש־נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעטן. אַממיינסטן איז ער דערצו נישט צוגעגרייט. איז חל אויפן אינספּעקטאָר צו געבן הדרכה אויף דעם געביט און אָנווייזן פאַרשיידענע וועגן פאַר אַ פּאָזיטיווער טעטיקייט אויף דעם ברייטן

פעלד פון געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. דער אינספּעקטאָר איז געוואָרן פאַר דער פּראָווינץ אַן אוממיטלבאַרע נויטווענדיקייט און לערערס וואַרטן מיט אומגעדולד אויף זיין באַזוך, אין וועלכן זיי נייטיקן זיך אַזוי שטאַרק.

מיט אַ 5—6 יאָר צוריק האָבן מיר געהאַט פאַר דער אַרגענטינער פּראָווינץ — אומענדלעך גרויס — 4 רייזנדע אינספּעקטאָרן וואָס האָבן קוים געקענט נאָכקומען די הצטרכותן פון דעם שול־וועזן וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזוי צעוואַקסן. ביי היינט צו טאָג, ווען לויט דער לאָגיק וואָלטן מיר באַדאַרפט האָבן אַ גרעסערע צאָל אינספּעקטאָרן־אינסטרוקטאָרן, איז די אָנגעוויזענע צאָל פאַרקלענערט געוואָרן אויף אַ העלפט: דער שרייבער פון די שורות און דער ה׳ עקיבא מאָזעס. זיכער זיינען געווען אַ סך בלויזן אין דער דאָזיקער אַרבעט צוליבן פעלן פון גענוגנדיקן פּערסאָנאַל. איז מען געפאַלן אויף אַ המצאה: דירעקטאָרן פון די גרעסערע שולן באַזוכן די אַנשטאַלטן פון זייערע באַטרעפנדע געגנטן.

דאָס איז אָבער נישט מער ווי אַ צייטווייליקער פּרווו וואָס קען נישט געבן קיין גאָר גוטע רעזולטאַטן, ווייל די דאָזיקע דירעקטאָרן האָבן גענוג אַרבעט אין און אַרום זייערע שולן זיי זאָלן זיך קענען צופרידנשטעלנדיק אָפּגעבן אויך צו דער־אָ שווערער אַרבעט.

די איינציקע לייזונג אויף דעם געביט, איז אויסצוברייטערן די אינספּעקציע מיט פאַסיקע מענטשן צו דער פונקציע, וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן נאָר און אויסשליסלעך צו דער אַרבעט. נאָר אַזוי אַרום וועט יעדע שול האָבן פאַרזיכערט אַ מינימום פון 3—4 באַזוכן אַ יאָר מצד די באַטרעפנדע אינספּעקטאָרן.

פערפעקציאָניר־קורסן און ימי־עיון פאַר לערערס פון דער פּראָווינץ

כדי צו פאַרפולקאָמען די לערערס אין זייערע ידיעות און דערגענצן זייער מעטאָדישע צוגרייטונג ווערן יאָר־יערלעך איינגעאָרדנט פאַר זיי פערפעקציאָניר־קורסן אין וועלכע עס באַטייליקן זיך די בעסטע לעקטאָרן וואָס מיר פאַרמאָגן פאַר די נייטיקע קעגנשטאַנדן.

די השתלמות־קורסן זיינען שוין ביי אונדז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָזיטיווער אינסטיטוציע. איינגעפירט זיי צום 1טן מאָל — אויף אַ גוט־פּלאַנירטן אופן — אין יאָר 1958, טראָגן מיר אַריין ביי יעדן נייעם קורס פאַרבעסערונגען אויפן סמך פון אונדזערע דערפאַרונגען אויף דעם געביט. זיי ווערן דורכגעפירט מערסטנס אין דער צייט פון די זומער־וואַקאַציעס, במשך לערך אַ חודש צייט. אויך האָבן מיר דורכגעפירט קורצע פערפעקציאָניר־קורסן אין די ווינטער־וואַקאַציעס.

די קורסן ווערן דורכגעפירט אין ערטער וואָס זיינען דערווייטערט פון די גרעסערע ישובים, ווו די לערערס־תלמידים האָבן די געלעגנהייט צו זיין אין דער נאָענטקייט פון דער פרייער נאַטור און גלייכצייטיק זיך ווידמענען אינטענסיוו צו די לימודים, אָן קיין שום שטערונגען. דאָס צונויפטרעפן זיך פון די לערערס מיט זייערע חברים נאָך אַ יאָר אַרבעט איז זייער פּראָדוקטיוו: עס שאַפן זיך מיינונג־אויסטוישונגען וועגן דער אַרבעט, זיי דערנענטערן זיך איינער צום אַנדערן און פילן זיך ווי איין גרויסע משפחה וואָס איר הייליקע אויפגאַבע איז צו פאַרשפּרייטן אונדזער קולטור אין אַלע עקן פון אַרגענטינע און דורך דעם פילן זיי זיך נישט פאַראיינזאַמט. די עלעמענטן וואָס זיי באַקומען אויפן קורס דינען ווי אַ יסוד און אַן אָנרעגונג צו זעלבסט־פערפעקציאָנירונג, וואָס דאָס איז זייער נייטיק פאַרן לערער.

די פערפעקציאָניר־קורסן דינען אויך די לערערס פאַר אַ מין „וואַקאַציעס”, מחמת מיר קלייבן שטענדיק אויס צוגעפּאַסטע ערטער פאַר דעם צוועק. בערגיקע פּלעצער מיט אַ טייך פון דורכזיכטיקע וואַסערן, מיט ביימער און אַלערליי געוויקסן, מיט פרישע לופט צום אָטעמען, דערווייטערט פון דער פינצטערניש און גרויקייט פון די צעמענט־תפיסות, זיינען די בעסטע סביבה דורכצופירן אַזאַ סאָרט טעטיקייט און די ווירקלעכקייט האָט עס טאַקע באַ־

שטעטיקט: די לערערס געניסן זייער פון דער נאַטור, זאַפּן אין זיך אַריין די שיינקייטן פון אונדזער קולטור און פון גאָטס וועלט און גייען אַרויס דערפרישטע, מיט נייע כוחות, מוט און אָריענטאַציע פאָרצוזעצן מיט זייער אַרבעט לטובת אונדזער שול־וועזן.

כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז די קורסן זיינען פאַרבונדן מיט ריזיקע אויסגאַבן וואָס ווערן פולשטענדיק געדעקט דורך דער קהילה פון בוענאָס־איירעס, וועלכע צאָלט אויך אַ העלפט פון די אויסהאַלט־אויסגאַבן פון די לערערס בעת זייער בייזיין די קורסן .

2טער פערפעקציאָניר־קורס פאַר לערערס — אונקיזשאַ (קאָרדאָבאַ) — דעצעמבער 1958.

די רעזולטאַטן פון די פערפעקציאָניר־קורסן זיינען זייער פּאָזיטיוו: מיר האָבן דאָס פעסטגעשטעלט מיט אונדזערע באַזוכן אין די שולן. לערערס וואָס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרעסערע און בעסערע צוגרייטונג צו דער דורכפירונג פון זייער אַרבעט, ווי די לערערס וואָס האָבן עס נישט געטאָן.

די השתלמות־קורסן זיינען געוואָרן אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע פאַר דעם שול־וועזן פון פראָווינץ און ווערן אויפגענומען מצד די לערערס נישט ווי אַ לאַסט וואָס אונדזער צענטראַלע לייגט אויף זיי אַרויף, נאָר להיפוך, באהבה, ווייל זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען וויפל פּאַזיטיווע עלעמענטן זיי האָבן באַקומען אויף די קורסן, וויפל אָנשטרענגונג מצד די צענטראַלע אינסטאַנצן עס ווערט אין זיי אַריינגעטאָן, און אַז דאָס איז דער איינציקער און עפעקטיווסטער אויסוועג צו פערפעקציאָנירונג און דורך דעם צו גרעסערע פערזענלעכע דערגרייכונגען.

די דאָזיקע קורסן ווערן דערגענצט דורך ימי־עיון, אַללענדישע און אויך רעגיאָנעלע אויף וועלכע עס ווערן באַטראַכט אַלע פּראָבלעמען פון אונדזער שול־וועזן און עס ווערן באַהאַנדלט בכובד־ראש די אַלע שוועריקייטן וואָס דראָען צו צעשטערן דעם שול־וועזן פון פּראָווינץ. לערערס ברענגען אַליין אַרויס די מיטלען און איניציאַטיוועס וואָס מען קען אָנווענדן קעגן די געשאַפענע פּראָבלעמען און באַקומען אָריענטאַציע פון די עלטערע חברים, דירעקטאָרן פון שולן, אָדער פאָרשטייערס פון וועד החינוך המרכזי וואָס נעמען אין זיי אַן אַקטיוון אָנטייל.

דאָס באַהאַנדלען די אַלע פּראָבלעמען ברענגט אַ סך מאָל צו גוטע רעזולטאַטן, צו נייע איניציאַטיוועס און שריט, ווי אויך צו אַנדערע ריכטונגען אין אונדזער חינוך־וועג. די ברייטערן אויס דעם האָריזאָנט פונעם לערער און זיין אַרבעט און בכלל זיינען זיי אַ ברכה פאַרן שול־וועזן.

מיר שטרעבן צו פאַרוואַנדלען אויך די ימי־עיון אין אַ פּערמאַנענטער אינסטיטוציע און ביי דעם האַלטן מיר טאַקע.

זומער־קאָלאָניעס

זומער־קאָלאָניעס זיינען איינגעפירט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק. אין אונדזער שול־וועזן איז עס כמעט אַ נייע דערשיינונג: ביז נישט־לאַנג האָט מען אין אינערן פון לאַנד נישט געוווסט פון קיין קינדער־קאָלאָניעס וואָס זאָלן ווערן אָרגאַניזירט דורך די שולן, ווי עס פירט זיך אין דער הויפּטשטאָט.

1טער פּערפעקציאָניר־קורס פאַר לערערס פון פּראָווינץ, דורכגעפירט אין לאַ פּאַיסאַניטאַ — קאָרדאָבער בערג — אין די חדשים דעצעמבער 1961 — יאַנואַר 1962.

טיילווייז איז עס געווען אַ פּאַרזען, אַ בלויז אין אונדזער חינוך־בנין. אָבער עס איז אויך געווען אַ צו שווערע אונטערנעמונג פאַר די פּראָווינץ־כוחות, מחמת דאָס איז פאַרבונדן מיט פיזיקע אויסגאַבן וואָס זייער ווייניק — אפילו פון די גרעסערע — ישובים זיינען אימשטאַנד צו דעקן. קודם־כל דאַרף מען איינקויפן אַ פּלאַץ אויף אַ צוגעפּאַסט אָרט און דערנאָך אַלע נייטיקע איינריכטונגען און מכשירים. וואָס פאַרא אויסערגעוויינטלעכע אָנשטרענגונגען דאָס אַלעס שטעלט מיט זיך פאָר איז פאַר אַלעמען קלאָר.

ביסלעכווייז האָט מען איינגעזען, אַז אין אונדזער שול־וועזן קומט אָבער פאַר דער פאָלגנדיקער קוריאָז: במשך דעם לערן־פּעריאָד האָבן מיר ביי זיך דעם תלמיד בלויז אַ האַלבן טאָג און דעריבער איז אונדזער השפּעה אויף אים נישט אַזוי גרויס ווי עס וואָלט געווען גע־

ווינטשן. אין די זומער־וואַקאַציעס דאַקעגן וואָלטן מיר געקאָנט האָבן דעם תלמיד אונטער אונדזער רשות נישט נאָר גאַנצע טעג, נאָר אַפילו גאַנצע וואָכן און שאַפן אַרום אים אַ באמת עכטע ייִדישע סביבה, אין וועלכער ער זאָל זיך אויסלעבן ייִדישלעך גאַנצע מעת־לעתן אָן קיין שום אומגעווונטשענע אויסערלעכע שטערונגען פון גאַס און אָפטמאָל... פון זיין אייגענער משפחה.

מען איז געקומען צום אויספיר, אַז דער צייט־אָפּשניט פון די זומער־וואַקאַציעס איז אַן אומדערשעפּבאַרער קוואַל פון מעגלעכקייטן פאַר אַ פּאָזיטיווער אַרבעט צום גונסטן פון אונדזערע חניכים, וועלכן מיר האָבן ביז איצט נישט גענוצט. מען האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין אַז זומער־קאָלאָניעס אין פּראָווינץ פאַר דער פּראָווינץ זיינען אַ מוז און אַז די שווערקייטן זיינען אַ קלייניקייט אַנטקעגן דאָס ניצלעכע וואָס מען קען פון אַזעלכע אונטערנעמונגען אַרויסבאַקומען. אין אַנדערע ווערטער: זומער־קאָלאָניעס זיינען אַ זייער לוינבאַרע אינוועסטיציע, אַ „גוט געשעפט” וואָס קען געבן זייער גרויסע פאַרדינסטן, אויב מען וועט עס ווי געהעריק עקספּלואַטירן.

און מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. מיט דער אָריענטאַציע פון פּראָווינץ־דעפּאַרטאַמענט ביים וועד החינוך המרכזי זיינען געשאַפן געוואָרן ענדע 1960 און אָנהייב 1961 די ערשטע זומער־קאָלאָניעס פאַר קינדער פון דער פּראָווינץ אין סטראַטעגישע ערטער וואָס זיינען געשטאַנען צום דינסט פון די באַטרעפנדיקע געגנטן. די געעפנטע קאָלאָניעס זיינען געווען:

1) באַהיאַ בלאַנקאַ: פאַר קינדער פון דרום־אַרגענטינע.

2) לאַ פאַיסאַניטאַ (קאָרדאָבאַ): פאַר קינדער פון צענטער־געגנט (פּראָווינצן קאָרדאָבאַ און סאַנטאַ פע).

3) רעסיסטענסיאַ (טשאַקאָ): פאַרן צפון־מזרח אַרגענטינע (טשאַקאָ, קאָריענטעס, פאָרמאָסאַ, מיסיאָנעס).

4) מענדאָסאַ: פאַרן אַרגענטינער „קוזשאָ”־געגנט.

די גרינדונג פון די קאָלאָניעס האָט מאָביליזירט אַלע ייִדישע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע כוחות פון דער פּראָווינץ, וועלכע האָבן אָנגענומען די איניציאַטיוו מיט פאַרשטאַנד און ברייטהאַרציקייט. עס האָט אַפילו נישט געפעלט דער מעצענאַט וואָס האָט געשאָנקען אַ פּלאַץ פאַר אָט דעם צוועק (קאָלאָניע פון באַהיאַ בלאַנקאַ). אַנדערע קהילות, האָבן איינגעקויפט ספּעציעלע פּלעצער, אָדער זיך באַנוצט מיט ליידיקע ערטער וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

די דערגרייכונגען פון די קאָלאָניעס זיינען געווען צופרידנשטעלנדע. די בלויזן אין דער אַרבעט צוליבן פעלן פון אַ גענוגנדער עקספּעריענץ האָבן די דירעקטאָרן און מדריכים, עסקנים און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע כוחות אויסגעפילט מיט זייער איבערגעגעבענער טעטיקייט לטובת די קאָלאָניעס מיט זייער אחריותפולן באַשלוס בייצוקומען אַלע שטרויכלונגען ווי שווער זיי זאָלן נישט זיין. האָט מען טאַקע פיל דערגרייכט, נעמענדיק אין אַכט די אַלע נעגאַטיווע פאַקטאָרן וואָס האָבן אונדז געשטערט ביים אָרגאַניזירן און דורכפירן די־אָ וויכטיקע איניציאַטיוו.

עס האָבן באַזוכט די קאָלאָניעס 163 קינדער פון גאַנץ אַרגענטינע. דורכשניטלעך מאַכט עס אויס 40 קינדער אין יעדער איינער פון זיי און געאַרבעט האָט אַ פּערסאָנאַל פון 17 מענטשן, צווישן זיי דירעקטאָרן און מדריכים.

די דערגרייכונגען זיינען געווען פילזייטיקע: קהילות האָבן זיך מאָביליזירט, דערוואַכט פון זייער אַפּאַטיע. עס האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ פרישער ווינט וואָס האָט אויפגעוועקט דעם פונק פון ייִדישן נאַציאָנאַל־באַוווסטזיין. דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן מיר אָבער צו פאַרצייכענען אויפן ריין־דערציערישן געביט: אָפּגעפרעמדטע ייִדישע קינדער זיינען בהדרגה אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ טראַדיציאָנעלער ייִדישער אַטמאָספער און זיי האָבן גאַנצע 24 שעה אַ טאָג געלעבט אין אַ ייִדישער סביבה. זיי האָבן דורכגעמאַכט אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן און אין זייערע הערצלעך האָבן זיך איינגעקריצט זייער שיינע איבערלעבונגען. קינדער האָבן אָנגעהויבן ווי געהעריק אָפּצושאַצן זייער אָפּשטאַם און זיינען אָנגערעגט געוואָרן צו באַזוכן אַ

יידישע שול, אָדער זיך אָפּגעבן מערער מיט יידישע לימודים. אונדזער פּראָבלעמאַטיק האָט זיי שטאַרק פאַראינטערסירט און זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין פאַרוואָס מיר רופן זיך דאָס אייביקע פאָלק, און דער עם־הספר. זיי האָבן זיך געפילט שטאָלץ מיט דעם וואָס זיי געהערן צו אַ פאָלק וואָס האָט הינטער זיך אַזאַ גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייט און האָט פאַר זיך אַזאַ ליכטיקע צוקונפט.

אויך סוף 1961 און אין אָנהייב 1962 זיינען דורכגעפירט געוואָרן זומער־קאָלאָניעס און מיר דענקען צו פאַרוואַנדלען דעם ענין אין אַ פּערמאַנענטער אינסטיטוציע, ווי אויך צו אינטענסיפיצירן אונדזער אַרבעט אויף דעם געביט און אַריינברענגען די נייטיקע אויסבעסערונגען וואָס די דערפאַרונג און די סיטואַציע פאָדערן.

זומער־שולן

עס זיינען פאַראַן אויף דער פּראָווינץ אַ סך ישובים וואָס האָבן נישט קיין גענוגנדע צאָל קינדער אָנצוהאַלטן במשך אַ גאַנץ יאָר אַ נאָרמאַלע אָנפאַנג־שול, אָדער אַזעלכע וואָס פאַרמאָגן נישט די עקאָנאָמישע מיטלען אויסצוהאַלטן אַ שול. זייער אינטערעס אין חינוך־הבנים איז געווען גרויס, אָבער גרעסער זיינען געווען די שוועריקייטן וואָס האָבן זיך אָנטקעגנגעשטעלט דער־אָ רעאַליזאַציע. ס'זיינען געווען אויך ישובים אין וועלכע דער אינטערעס איז נישט געווען אַזוי גרויס. און אַפילו אויך אַפּאַטישע ישובים וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערנעמען צו מאַכן אַזעלכע גרויסע אָנשטרענגונגען ווי עס פאָדערט דאָס שאַפן און אויפהאַלטן אַ שול.

דער וועד החינוך המרכזי, אַלס צענטראַלע אינסטאַנץ פון יידישער דערציִונג אין אַרגענטינע האָט געזוכט די וועגן ווי אַזוי צו ענדערן די סיטואַציע פון די אויבנדערמאָנטע ישובים און זיי אָנרעגן צו עפענען נאָרמאַלע שולן וואָס זאָלן פונקציאָנירן אַ גאַנץ יאָר.

האָט מען געפונען אַ מיטל: שאַפן אין די ערטער שולן, וואָס זאָלן פונקציאָנירן בלויז אין די זומער־חדשים און וואָס זאָלן אין דעם קורצן צייט־אָפּשניט פון 2—3 מאָנאַטן אויפוועקן דעם אינטערעס פאַר אַ גאַנציאָריקער שול ביי די נישט־פאַרמעגלעכע ישובים; זיי זאָלן זוכן מיטלען — עקאָנאָמישע — פאַר אַזאַ אונטערנעמונג און זיי זאָלן פאַרשטיין אַז זייערע אָנשטרענגונגען זיינען כדאי און ביי די אַפּאַטישע ישובים, אויפצוועקן זייערע יידיש־נאַציאָנאַלע געפילן.

דורכצופירן די־אָ איניציאַטיוו איז דווקא נישט געווען פון די לייכטע אויפגאַבעס, ווייל עס זיינען אָנטשטאַנען אַ סך שוועריקייטן: קודם־כל, די אידייע גופא וואָס קלינגט אַביסל פרעמד. צווייטנס, אַרויסרופן אינטערעס ביי די ישובים וואָס האָבן קיינמאָל געהאַט קיין שול און האָבן נישט געוווסט פון קיין פּראָבלעמען אויף דעם געביט. דריטנס, די דאָזיקע קורסן האָבן געזאָלט פאָרקומען אין די זומער־חדשים, ווען קינדער מיט זייערע עלטערן פאָרן אַרויס אויף וואַקאַציעס אאַז״וו, אאַז״וו. נישט קוקנדיק אויף די אַלע שטערונגען האָבן מיר דורכגעזעצט דעם ענין. נאָכן לערניאָר 1960 האָבן מיר געעפנט (אין אָנהייב 1961) 9 זומערשולן אין וועלכע עס האָבן געלערנט 153 תלמידים, ד״ה אַז אין דורכשניט האָט יעדער קורס געציילט 17 שילערס. די דאָזיקע שולן האָבן פונקציאָנירט אין פאָלגנדיקע ערטער:

1. — לאַ קאַפּיזשאַ (ענטרע־ריאָס)
2. — זאָנענפעלד 〃 〃
3. — אביגדור 〃 〃
4. — גען. קאַמפּאָס 〃 〃
5. — סאַן פראַנסיסקאָ (קאָרדאָבאַ)
6. — קאָראָנעל סוארעס (בועָנאָס־איירעס)

7. — לאַ ריִאָכאַ (הויפּטשטאָט פון פּראָווינץ)
8. — טשאַראַטא (טשאַקאָ)
9. — סאַן מאַרטין 〃

געוויסע טעכנישע שוועריקייטן האָבן אונדז נישט דערמעגלעכט פּאָרצוזעצן אין די ווייטערדיקע יאָרן די איניציאַטיוו, וואָס האָט געגעבן רעזולטאַטן, אָבער נישט אין אַזאַ מאָס ווי מיר האָבן עס דערוואַרט. אַלנפאַלס איז עס געווען אַ זייער אינטערעסאַנטער פּרוּוו וואָס דאַרף גענומען ווערן אין אַכט און באַהאַנדלט ווערן בכדי צו דערגיין ווי אַזוי ס'איז מעגלעך צו דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן.

שלום־וואָרט

פון די ייִקאַ־שולן אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער ישוב ביז דער היינטיקער שול איז אַ גרויסער מהלך, אַ לאַנגער וועג וואָס אונדזער ישוב איז דורכגעגאַנגען מיט שנעלע טריט. דער ישוב איז במשך פון אַ גאָר קורצער צייט געוואָרן זעלבסטשטענדיק אויף אַלע געביטן: אויפן עקאָנאָמישן, קולטורעלן, דערציִערישן א״אַנד׳. מיר מוזן אָנערקענען אַז אין אַרגענטינע האָט זיך געשאַפן אַ ישוב מיט אייגנאַרטיקע שטריכן וואָס טיילן אים אויס פון אַנדערע ישובים. דער שול־וועזן אונטערשיידט זיך פון ענלעכע דערציִונג־אָרגאַניזאַציעס אויף דער ייִדישער וועלט. ביי אונדז האָט דער שול־עסקן, דער יוגנטלעכער הי־געבוירענער לערער, די לאָקאַלע סעמינאַרן מיט זייערע ספּעציפישע דערגרייכונגען אויפן געביט פוןביידע שפּראַכן, ייִדיש און העברעיִש און אַפילו די אָפּגעפרעמדטע סביבה ווו עס קומט אויס צו אַרבעטן, געשאַפן אַזאַ לאַגע ווו די שול איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ יש מיט אייגענע איינשטעלונגען און אפשר אויך מיט אַן אייגנאַרטיקן פּראָגראַם פון לימוד וואָס שטייט געוווג הויך מיט זיינע דערגרייכונגען, נישט קוקנדיק אויף זיינע פעלערן און נישט דעפינירטע צילן. מיט איין וואָרט: אַ שול־וועזן וואָס קען זיך גרויסן מיט זיינע דערגרייכונגען, האָבנדיק די פּרעטענזיע צו זאָגן, אַז ער איז גענוג זעלבסטשטענדיק אָנצוהאַלטן אויך אויף ווייטער זיין דרך, וואָס איז דער וועג וואָס פירט צו אהבת עם ישראל און מדינת־ישראל.



די פראָקלאַמירונג פון די פייערונגען פון 100 יאָר אַרגענטינער ישוב, מיטן אָנטייל פון ד״ר נחום גאָלדמאַן, אַמבאַסאַדאָר אריה לבבי און געוועז׳ מיניסטער ד״ר חיטאַלאַ.

III

אונדזער ישוב ביים אַריינטרעטן אין צווייטן יאָרהונדערט פון זיין עקזיסטענץ

פאַליק לערנער

די פייערונגען פון הונדערט יאָר יידיש לעבן אין אַרגענטינע

(פאַקטן און סך־הכלען)

1960 — אַ יאָר פון אָפּשלוס און פאָרזעצונג

דאָס יאָר 1960 וואָס איז פאַר אונדז געווען אַ יאָר פון פייערן 100 יאָר ישוב אין אַרגענטינע, איז אויך געווען אַ יאָר פון אונטערציִען סך־הכלען פון אַ יאָרהונדערט ייִדיש לעבן דאָ אין לאַנד.

אונדזער ישוב איז אַנטשטאַנען אין דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון אַ שטורמישן יאָרהונדערט אין דער ייִדישער געשיכטע, אַ יאָרהונדערט פון טיפע גייסטיקע און קולטור־טראַנספּאָרמאַציעס און פון דעמאָגראַפישע איבערוואַנדערונגען, וואָס האָבן אין גאַנצן געענדערט די צורה פון אונדזער פאָלק, אין עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און פּאָליטיש־רעכטלעכן זין. אויב די געשיכטע, (און די ייִדישע געשיכטע קען נישט זיין קיין אויסנאַם), טיילט זיך אין תקופות, קען דער גרעסטער טייל פון דעם לעצטן יאָרהונדערט ביז צו דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל באַצייכנט ווערן אַלס די אַמעריקאַנער תקופה און דערפאַר זיינען הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע אַ וויכטיקער מיילשטיין אויף דעם דאָזיקן געשיכטלעכן וועג.

אין משך פון די דאָזיקע הונדערט יאָר, האָט אונדזער ישוב דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גילגולים, אָבער שטענדיק מיט אַ טענדענץ צו אויפשטייג, הגם נישט שטענדיק מיט דער זעלבער הצלחה. די אַנטוויקלונג פונעם ישוב איז געווען אָפּהענגיק פון אַ סך פאַקטאָרן, פון ייִדישן און אַלגעמיינעם כאַראַקטער, און די אַרומיקע באַדינגונגען זיינען געווען אַזעלכע, אַז אָפטמאָל האָט מען געמוזט אימפּראָוויזירן, אַנשטאָט צו בויען פּלאַנמעסיק און דער דאָזיקער שטריך ווירקט נאָך אין אַ געוויסער מאָס ביז היינט צו טאָג אין אונדזער היגן לעבן. דער עכט־פאָלקסטימלעכער כאַראַקטער פון אונדזער ישוב האָט זיך אויסגעווירקט אין צווייענדיקן זין אויף דער אַנטוויקלונג פון אונדזער ישוב: פון איין זייט פרייוויליקע קרבנות־גרייטקייט פון הונדערטער ייִדן, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער צייט און אַרבעט לטובת הכלל, לשמה, אָן שום פּרעטענזיעס פון וועלכן עס איז שכר; און פון דער צווייטער זייט, אַלטע מעטאָדן, לויט וועלכע דאָס ייִדישע לעבן פון מיזרח־אייראָפּע איז פּשוט און פּראָסט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַהער ווי עס שטייט און גייט, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער נייער סביבה און אָן וועלכער עס איז וויזיע פאַר דער צוקונפט. די דאָזיקע מעטאָדן זיינען אפשר די הויפּט־גורמים וואָס היינט, בעת מיר געפינען זיך אין דעם סאַמע ווירבל־שטראָם פון אַ שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, איז כמעט נישטאָ קיין גייסטיק און קולטור־לעבן פון ייִדישן אינהאַלט אויף דער לאַנדשפּראַך, ווי עס איז דער פאַל פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט אַז בעת דער קאָנסומענט פון קולטור־ווערטן אויף דער ייִדישער שפּראַך ווערט ביי אונדז וואָס אַ מאָל ווייניקער, איז כמעט ווי נישט צוגעקומען קיין קאָנסומענט פון די זעלבע קולטור־ווערטן אין דער שפּאַנישער שפּראַך.

מיר האָבן געמאַכט די דאָזיקע דורך־אָגבדיקע באַמערקונג, נישט סתם אין דער וועלט אַריין. ביים אונטערציִען סך־הכלען פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע זיינען פאַרצייכנט געוואָרן גרויסע דערגרייכונגען און דערפאָלגן. מיר האָבן דאָ אויסגעבויט וויכטיקע אינסטיטוציעס פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער, וואָס זיינען אַן אויסדרוק פון אונדזער דראַנג פאַרצוזעצן אונדזער אייגנאַרטיק לעבן. אונדזער ישוב האָט אין עקאָנאָמישן זין געמאַכט גרויסע פאָרשריטן און זעט זיך אָן אַלס אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פונעם לאַנד. מיר וואָלטן אַפילו געזאָגט, אַז דער דאָזיקער פאַקטאָר איז אין דעם זין אפשר איינע פון די געזונטסטע דערשיינונגען דאָ אין לאַנד, ווייל ער איז אַ ריינער אויסדרוק פון פריוואַט־איניציאַטיווע, וועלכע די לאַנד־עקאָנאָמיק האָט נייטיק ווי לופט צום אָטעמען. מיר קענען זיך באַרימען מיט אַ סך דערגרייכונגען, אָבער איין זאַך האָבן מיר נאָך נישט דערגרייכט, טראָץ די אָנשטרענגונגען וואָס ווערן אין דעם זין כסדר געמאַכט: מיר זיינען נישט זיכער מיט דעם המשך פון אונדזער לעבן אַזוי ווי מיר האָבן עס שטענדיק געוואָלט זען. אונדזער יונגער דור ווייזט נישט אַרויס דעם גענוגנדיקן דראַנג פאַרצוזעצן אונדזער לעבן אין דער מאָס ווי מיר האָבן עס געטאָן, זינט עס האָט אָנגעהויבן אויפצוגיין ייִדיש לעבן ביי די ברעגן פונעם לאַ פּלאַטאַ־טייך. וועגן אַ ייִדיש לעבן ווי מיר האָבן עס געקענט, קען שוין אַפילו קיין רייד נישט זיין. דער געראַנגל וואָס גייט ביי אונדז אָן ביז צום היינטיקן טאָג צו געווינען די יוגנט פאַר אונדזער לעבן, האָט נאָך ביז איצט נישט געגעבן די געהעריקע רעזולטאַטן. די יוגנט און איר צוקונפט — דאָס איז דאָס טונקעלע פינטעלע אין דער פּאַנאָראַמע פון אונדזערע דערגרייכונגען פון הונדערט יאָר לעבן דאָ אין לאַנד.

דער בראשית פון ייִדיש לעבן אין לאַנד

ווי באַוווסט, שטיצט זיך די קיילעכדיקע ציפער פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע אויף אַ פריוואַטער עפנטלעכער ייִדישער פּאַסירונג אין 1860, וואָס האָט לויט איר כאַראַקטער און אין די באַדינגונגען פון יענער צייט, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אויסדרוק פון ייִדישן באַוווסטזיין און פון ייִדישן מוט, צו באַווייזן זיך עפנטלעך מיט דעם ייִדישן אייגנאַרט. דעם 11טן נאָוועמבער פון 1860, האָט אַ ייִדיש פאָרפאָלק זיך געווענדט צום ציווילן געריכט און געפאָדערט אַ חתונה־שיין אויפן סמך פון חופה־וקידושין, לויטן ייִדישן דין. אויף צו פאַרשטיין די טראַסצעדענטאַלקייט פון דער דאָזיקער האַנדלונג, דאַרף מען נעמען אין אַכט אַז די השפעה פון דער קאַטוילישער קירכע איז דאַן געווען אַן אַבסאָלוטע אין אַרגענטינע און אַז דאָס לאַנד האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן באַפרייען פון דעם אַבסאָלוטיסטישן קירכלעכן רעזשים אונטער דער השפעה פון דער נייער קאָנסטיטוציע וואָס איז דעמאָלט אָנגענומען געוואָרן, נאָך יאָרנלאַנגער דיקטאַטור און פּאָליטישן קאַמף, נאָך דעם וואָס די ראָסאַס־טיראַניע איז צעשמעטערט געוואָרן אין 1852, דורך דעם אויפשטאַנד פון גענעראַל אורקיסאַ. מען קען דעריבער זאָגן, אַז די דאָזיקע ערשטע ייִדישע עפנטלעכע חתונה צייכנט אָן נישט נאָר דעם בראשית פון עפנטלעכן ייִדישן לעבן דאָ אין לאַנד, נאָר בכלל דעם אָנהייב פון ליבעראַליזם. עס איז געווען אין גאַנצן איין חודש נאָך דעם וואָס די נייע קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן און שוין האָט דאָס ייִדישע פאָרפאָלק — סאָלאָמאָן און עליזאַבעט לעווי האָבן זיי געהייסן און זיי זיינען געווען פראַנצויזישע בירגער — זיך דערוועגט צו גיין פאָדערן אַ חתונה־שיין לויטן ייִדישן דין. ביז דעמאָלט, וואָלט מיסתמא קיין איין ייִד פון די וואָס האָבן שוין דעמאָלט געלעבט אין אַרגענטינע, נישט געוואָגט צו גיין בעטן אַזאַ דאָקומענט. מען דאַרף געדענקען אַז ביז העט־שפּעט אין פאַריקן יאָרהונדערט זיינען אין די מערסטע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, אַרגענטינע בתוכם, נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן די געזעצן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, הגם די מערסטע אומאָפּהענגיקייטס־רעוואָלוציעס האָבן זיך געשטיצט אויף די ליבעראַלע פּרינציפּן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די האַנדלונג פון סאָלאָמאָן און עליזאַבעט לעווי זיינען בכן געווען דער ערשטער עפנטלעכער אויסדרוק פון ייִדיש לעבן, כאָטש זיי האָבן גאָר דערפון נישט געטראַכט

אַפילו. עס איז אומבאַוווסטזיניק געווען דער אויסדרוק פון ייִדישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און דערפאַר איז דער דאָזיקער עפּיזאָד גענומען געוואָרן אַלס דער אָנהייב פון ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע.

דער דאָזיקער, אין פלוג אומבאַדייטנדיקער עפּיזאָד, באַווייזט אונדז, אַז אומעטום איז ייִדיש לעבן געווען פאַרבונדן מיט די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון דער סביבה. און אַז די באַדינגונגען זיינען שוין געוואָרן רייף פאַר דעם אָנהייב פון ייִדיש לעבן אויף אַן עפנטלעך־אָרגאַניזירטן אופן, באַווייזט אונדז דער פאַקט, וואָס מיט צוויי יאָר שפּעטער איז אין בועּנאָס־איירעס געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ייִדישע אינסטיטוציע: די „ייִדישע קאָנגרעגאַציע" וואָס פייערט הייַנטיקס יאָר איר הונדערט־יאָריקן אַניווערסאַר. די נייע קאָנסטיטוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1860 האָט געשאַפן די באַדינגונגען און געעפנט דעם וועג פאַרן אָנהייב פון אַ ייִדיש־עפנטלעכן לעבן אין לאַנד.

מען דאַרף אָבער נישט מיינען אַז דאָס ייִדישע לעבן צווישן 1860 און 1889, ווען עס איז אָנגעקומען די ערשטע גרופּע ייִדישע אימיגראַנטן פון מיזרח־אייראָפּע צו קאָלאָניזירן זיך דאָ אין לאַנד, האָט געהאַט אַ דוגמא צו דעם וואָס מיר רופן היינט אָן ייִדיש לעבן. לוּיִס ברי און הענרי דזשאָסעף (דער אַזוי גערופענער „גרויסראַבינער" פון דער געגרינדעטער „קאָנגרעגאַציע"), די ערשטע ייִדן וואָס האָבן זיך דאָ „געקהלט", זיינען געווען מערב־אייראָפּעיִשע ייִדן, וואָס האָבן פון דער אַלטער היים געבראַכט אַ קנאַפּן באַגאַזש פון ייִדיש וויסן. די עטלעכע מנינים ייִדן וואָס האָבן זינט 1862 מאַניפעסטירט זייער ייִדישקייט אויף אַן עפנטלעכן אופן, זיינען געווען פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, עלזאַס, בעלגיע, ענגלאַנד און זייער ייִדישער באַוווסטזיין איז ווייטער פון אַ ביסל רעליגיעזער ייִדישקייט נישט געגאַנגען. דאָך, קען מען זיי נישט מבטל זיין אַלס די פאָרגייער פונעם ציבורדיקן ייִדישן לעבן דאָ אין לאַנד. די דערמאָנטע לוּיִס ברי און הענרי דזשאָסעף, זיינען אגב געווען די מיטגרינדערס נישט נאָר פון דער „קאָנגרעגאַציע", נאָר אויך פון דער חברה קדישא אין 1894 און פון דער „עזרה" אין 1900. דער פאַקט אַליין וואָס זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט זייער ייִדישקייט און נישט געוואָלט פאַרלוירן גיין אין דעם נישט־ייִדישן ים וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט, גיט זיי דעם ערנהאַפטיקן טיטל פון פאָרגייער פון דעם ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע. היינט זעט אונדז זייער ייִדישקייט אויס מאָדנע, אָבער אין זייער צייט איז דאָס מאַניפעסטירן זיך אַלס ייִד אין אַרגענטינע געווען עפּעס אַזוינס ווי אַ העלדישקייט. עס זיינען דאָך גוט באַקאַנט די גרעיכטלעכע שוועריקייטן וואָס דאָס אויבנדערמאָנטע פאָרפאָלק האָט אָנגעטראָפן ווען זיי האָבן געוואָלט באַקומען אַ חתונה־שיין אויפן סמך פון ייִדישן דין. זיי האָבן עס באַקומען נאָך לאַנגע געריכטלעכע פּראָצעדורן און זייער זיג איז אין דער אונטערשטער שורה געווען אַ זיג פון ייִדישע רעכט. דער בראשית פונעם ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע, האָט הינטער זיך דראַמאַטישע מאָמענטן. די עפּיזאָדן וואָס ווערן איבערגעגעבן פון די ערשטע יאָרן פון ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע ברענגען אַרויס די בענקעניש צו אַן אייגן ייִדיש לעבן פון די עטלעכע ייִדישע יחידים וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין בועּנאָס־איירעס. די ראשונים פון יעדער באַוועגונג זיינען שטענדיק געווען דראַמאַטישע פיגורן און אויך אין דעם פאַל האָט נישט געקענט זיין קיין אויסנאַם.

דער אָנהייב פון ייִדיש מאַסן-לעבן

אויב מיר באַטראַכטן די הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע אַלס אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם איבערוואַנדערונגס־פּראָצעס וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ייִדישן לעבן אין די לעצטע פאָר צענדלינג יאָר פון פאָריקן יאָרהונדערט, דאַן איז דאָס יאָר 1889 אַ וויכטיקער עטאַפּ אין דער געשיכטע פון אונדזער ישוב. דעם 14טן אויגוסט פון 1889 איז צו די אַרגענטינער ברעגן אָנגעקומען די ערשטע גרויסע ייִדישע גרופּע, וואָס מען קען באַטראַכטן אַלס דעם אָנהייב פון דעם ייִדישן מאַסן־לעבן דאָ אין לאַנד. די דאָזיקע גרופּע ייִדן האָט געשטאַמט פון

פּאָדאָליע, אוקראַינע, און געקומען זיינען זיי זיך קאָלאָניזירן דאָ אין אַרגענטינע, איידער דער באַראָן הירש האָט אונטערגענומען זיין גרויסן פּלאַן פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע דאָ אין לאַנד. די רייזע פֿון די דאָזיקע ייִדן — 824 נפשות זיינען דאָס געווען — איז אַליין און פֿאַר זיך אַ דראַמאַטיש קאַפּיטל געשיכטע פֿון ייִדישער מיגראַציע און נישט דאָ איז דאָס פּלאַץ זיך ברייטער אָפּצושטעלן אויף דעם. בכל אופן, איז אויסער שום ספק אַז די דאָזיקע ערשטע גרופּע אימיגראַנטן פֿון 136 מישפּחות איז דער קערן פֿון דעם מאַסן־ישוב וואָס איז שפּעטער אויפֿגעקומען דאָ אין לאַנד. די דאָזיקע ייִדן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ דראַמאַטישע עפּאָפּייע דאָ, אין דעם פֿאַר זיי ווייטן און פֿרעמדן לאַנד, זיינען פּאַקטיש געווען די ערשטע וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך די הויפּט־עלעמענטן פֿון וועלכע עס האָט זיך שפּעטער אויסגעפֿורעמט אונדזער ישוב — די עלעמענטן פֿון דעם מיזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום, וואָס פּרעדאָמינירן נאָך ביז היינט צו טאָג אין אונדזער לעבן.



דער אַקט פֿון פּראָקלאַמירן 100 יאָר ייִדישער ישוב. עס רעדט ד״ר נחום גאָלדמאַן. (יאָר 1960).

דער דאָזיקער עפּיזאָד איז אויך פֿון גרויסער וויכטיקייט וואָס נוגע דעם פּראָצעס וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין ייִדישן לעבן פֿון מיזרח־אייראָפּע. עס איז געווען דער בלי־פּעריאָד פֿון וואַנדערונגס־לוסט צווישן די ייִדישע מאַסן פֿון מיזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן געזוכט אַן אויסגאַנג פֿון זייער רעכטלאָזער לאַגע און פֿון דער עקאָנאָמישער מיזעריע אין וועלכער די מערהייט האָט געלעבט. עס זיינען דעמאָלט אויפֿגעקומען אין די ישובים פֿון מיזרח־אייראָפּע אַזעלכע באַוועגונגען ווי די „חובבי ציון״ און די באַוועגונג „עם עולם״, די ערשטע מיט אַ טענדענץ אויף ארץ־ישראל און די צווייטע אויף די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זיינען דעמאָלט געעפֿנט געוואָרן פֿאַר אַ ברייטער איינוואַנדערונג פֿון דער אַלטער וועלט. פֿון די דאָזיקע מיגראַציע־באַוועגונגען האָט זיך דעמאָלט צום ערשטן מאָל אויסגעפּיקט דער געדאַנק פֿון פֿאָרן אין דער ווייטער אַרגענטינע, ווו מען האָט געהאָפֿט איבערצובויען דאָס לעבן אויף פּראָדוקטיווע יסודות. די דאָזיקע רייזע פֿון די 136 ייִדישע משפּחות, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן

טיילווייז, מיט דער הילף פון דער „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל", איז געווען דער אָנזאָג פון אַ שפּעטערדיקער איניציאַטיווע פון דעם באַראָן הירש, וואָס האָט געעפנט אַ ברייט קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ייִדישער מיגראַציע בכלל און איז געוואָרן דער גרונטשטיין פון דעם ייִדישן מאַסן־ישוב דאָ אין לאַנד. די דערמאָנטע ערשטע גרופּע, און שפּעטער די מחנות ייִדן וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פאַר דער קאָלאָניזאַציע פונעם באַראָן הירש, זיינען געווען די ערשטע ציגל פון דעם בנין וואָס הייסט היינט ייִדישער ישוב פון אַרגענטינע. די מערהייט פון זיי זיינען טאַקע געבראַכט געוואָרן פאַר קאָלאָניזאַציע און זיינען קאָלאָניזירט געוואָרן אין פאַרשיידענע פונקטן פונעם לאַנד. עס זיינען אָבער געווען נישט ווייניק וואָס האָבן פון דעם ערשטן מאָמענט אָן נישט געקענט צופּאַסן זיך צו דער קאָלאָניזאַציע און זיי זיינען עס געוואָרן דער ערשטער קערן פון דער ייִדישער מאַסן־באַפעלקערונג אין די שטעט, איבערהויפּט אין בוענאָס־איירעס. אָט די דאָזיקע „דיזידענטישע" עלעמענטן פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע און די איינוואַנדערונג וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דירעקט אין שטעט אַריין, האָבן זיך שוין אַזוי אָנגעהויבן אָנזען אַז עס איז נייטיק געוואָרן צו שאַפן די נייטיקע מוסדות פאַר די עלעמענטאַרע הצטרכותן, ווי קבורה אָדער אַנדערע ענינים פון ייִדישן רעליגיעזן באַדאַרף. אין פינף יאָר אַרום נאָך דעם וואָס עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע ייִדישע אימיגראַנטן פון מיזרח־איראָפּע — אין 1894 — איז געגרינדעט געוואָרן די חברה קדישא, וואָס איז געווען די פאָרגייערין פון אונדזער היינטיקער קהילה.

מיר שרייבן נישט קיין געשיכטע פון דעם ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע און אַפילו נישט קיין מאַטעריאַלן צו דער דאָזיקער געשיכטע, אָבער מיר האָבן געפונען פאַר נייטיק צו ברענגען די דאָזיקע קורצע דאַטן וועגן דעם בראשית פונעם ישוב, בכדי צו קענען מאַכן די ווייטערדיקע אויספירן פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן דאָ אין לאַנד. די דאָזיקע הונדערט יאָר האָבן געהאַט נישט נאָר מאָמענטן פון אויפשטייג, נאָר אויך שאָטנדיקע מאָמענטן, וואָס האָבן דעם ישוב אַוועקגעשטעלט אין אַ זייער מיאוסן ליכט, ווי דאָס איז געווען דאָס באַדויערלעכע קאַפּיטל פון די „טמאים", קעגן וועלכע דער ישוב האָט געקעמפט ביז ער האָט זיך פון זיי באַפרייט, דורך איזאָלירן זיי און שפּעטער זיי אין גאַנצן אַרויסשטויסן פון זיין מיט.

די שפּעטערדיקע איינוואַנדערונגען

דער יסוד פונעם ישוב איז שוין געווען פאַרלייגט און די געשעענישן אין דעם ייִדישן וועלט־לעבן האָבן געטאָן זייערס. אין רוסלאַנד איז די לאַגע פון די ייִדן געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער און סאָציאַל־עקאָנאָמיש אומדערטרעגלעכער און דאָס האָט געפירט צו אַ שטאַרקערן דראַנג פון אויסוואַנדערן. אַרגענטינע האָט, פון ייִדישן שטאַנדפּונקט, אָנגעהויבן ווערן וואָס אַ מאָל אַלץ מער צוציִענדיקער און „נעענטער". די פּאָגראָמען פון די לעצטע יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט און פון די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט און דער דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, זיינען געווען אַ מעכטיקער שטויס פון ייִדישער אויסוואַנדערונג און אַ טייל פון דער דאָזיקער מיגראַציע איז געגאַנגען קיין אַרגענטינע. די דאָזיקע עלעמענטן זיינען על פּי רוב געווען דער קערן פון דער ייִדישער קולטור־טעטיקייט וואָס האָט זיך דאָ אָנגעהויבן. דער נייער איינוואַנדערונגס־שטראָם האָט מיט זיך געבראַכט מענטשן וואָס זיינען אין דער אַלטער היים געווען טעטיק אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, אין די קרייזן פון דער רוסישער און ייִדישער אינטעליגענץ און זיי האָבן געהאַט, אויסער דאגות־פּרנסה, אויך קולטור־הצטרכותן. די דאָזיקע עלעמענטן זיינען עס געווען די וואָס האָבן פאַרלייגט דעם יסוד פון דעם היגן ייִדישן קולטור־לעבן דורך שאַפן קולטור־קרייזן, ביבליאָטעקן, אָנגעהויבן אַרויסגעבן צייטונגען און פאַרלייגט דעם יסוד פון אַ דערציִונגס־וועזן. דער פּעריאָד צווישן 1905 און 1914, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מילחמה, איז געווען אַ צייט פון קולטור־געזעלשאַפטלעכער פּערמענטאַציע, וואָס האָט געלאָזט באַדייטנדיקע שפּורן אין דעם היגן ישוב. צווישן

די דאָזיקע עלעמענטן זיינען שוין אפילו געווען אַזעלכע וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט שעפערישן אומרו אַלס פען־מענטשן און קינסטלערס און אייניקע פון זיי זיינען געווען די פיאָנערן פון דעם היגן ייִדישן צייטונגסוועזן און פון דער היגער ייִדישער ליטעראַטור.

וועגן דער דאָזיקער איינוואַנדערונג פון נאָך דער דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע, געפינען מיר אַן אינטערעסאַנטע שילדערונג אין דער אויספירלעכער געשיכטלעכער אַרבעט וועגן פופציק יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע פון פיניע כ״ץ, דערשינען אין דעם בוך „אַרגענטינע״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן לכבוד דעם 20סטן אַניווערסאַר פון „די פרעסע״, אין 1938. פיניע כ״ץ האָט עס נישט געדאַרפט זוכן אין קיין דאָקומענטן, ווייל ער איז געווען איינער פון די ייִדישע אינטעליגענטן וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע אין יענער צייט. דערציילט ער צווישן אַנדערן:

> „אויף די איינגעוואַנדערטע אין די דערמאָנטע יאָרן (נאָך 1905), ליגט דער שטעמפל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, פון די פאַרשיידענע באַוועגונגען און ריכטונגען, וואָס האָבן באַהערשט די ייִדישע מאַסן אינעם צאַרישן רוסלאַנד פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע. דאָס זיינען מערסטנס געווען בעל־מלאכות, אַרבעטער, האַנדלס־אַנגעשטעלטע און האַלב־אינטעליגענץ, וואָס האָבן געשטעלט דער רעוואָלוציע די פאַרשיידנסטע פאָדערונגען, אָנהייבנדיק פון דער עלעמענטאַרסטער זיכערקייט פאַרן לעבן און פון דער עלעמענטאַרסטער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר ייִדן, ביז דער בונדישער פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אָדער פרייע שול־פאַראיינען, ווי די ס״ס האָבן דאָס געזאָגט, ביז צו דער פרייער זעלבסטבאַשטימונג פאַר דער ייִדישער נאַציע צוגלייך מיט די אַנדערע נאַציעס פון דער רוסישער אימפעריע, ווי דאָס האָבן געפאָדערט די פועלי־ציון, און ביז צו נאַציאָנאַל־פאָליטישער אויטאָנאָמיע (סיים), ווי עס האָבן געפאָדערט די ייִדישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, מיט בן־אדיר און חיים זשיטלאָווסקי אין דער שפיץ; פון ציוניסטן, בונדאָווצעס, עס־עס, און פועלי־ציון, ביז איסקראָווצעס, עס־ער, אַנאַרכיסטן און סינדיקאַליסטן.״

די מערסטע פון זיי, ווייזט אָן כ״ץ, זיינען געפאָרן קיין אַרגענטינע מיטן אידעאַל צו ווערן ערדאַרבעטער, און נישט סתם־ערדאַרבעטער, נאָר טאַקע אויף קאָאָפעראַטיווע יסודות און לויט די סאָציאַליסטישע פרינציפן. עס זיינען אין דעם זין געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פרוּוון, אָבער די מערסטע פון זיי זיינען דורכגעפאַלן צוליב די גרויסע שוועריקייטן וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אין דעם נייעם, ווייטן און פרעמדן לאַנד. אַ סך פון זיי האָבן נישט געקענט דערגרייכן דעם אידעאַל פון ווערן ערדאַרבעטער, ווייל זיי זיינען על פי רוב געווען בחורים און ביי דער „ייִק״א״ איז געווען אַ פרינציפ צו קאָלאָניזירן בלויז פאַמיליעס. די וואָס זיינען דורכגעפאַלן אין זייערע פאַרשיידענע פרוּוון האָבן אויסגעוואַנדערט אין די שטעט אַריין און אַנדערע זיינען פון לכתחילה פאַרבליבן אין די שטעט און זיי זיינען געוואָרן דער קערן פון דער ייִדישער שטאָטישער באַפעלקערונג, איבערהויפט אין דער הויפטשטאָט בוענאָס־איירעס. געאַרבעט האָט מען ביי וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אַלס שוואַרצאַרבעטער און אַלס בעל־מלאכות, ביי די טיפיש־ייִדישע פאַכן, ווי שניידעריי, קליידער־קאָנפעקציע, מעבל־סטאָלעריי, וואַליזעס א״א. אַ גרויסער טייל האָט זיך באַשעפטיקט מיט „קלאַפעריי״, דאָס הייסט זיי זיינען געוואָרן „קוענטעניקעס״, אַ פאָפולערע פראָפעסיע ביי די ייִדן אין די נייע איינוואַנדערונגס־לענדער אין לאַטיין־אַמעריקע. די דאָזיקע עלעמענטן, מערסטנס אַזעלכע ווי עס שילדערט זיי פ. כ״ץ, אַלס מענטשן מיט אַ געוויסן גייסטיקן און קולטורעלן אומרו, האָבן זיך געניוטיקט אין די געהעריקע אינסטיטוציעס און ער דערציילט וועגן דעם אַט־וואָס:

> „אין דער הויפטשטאָט, גרינדעט זיך דעמאָלט די „ביבליאָטעקאַ רוסאַ״ (1905) אין דעם שמאָלן געסל לאַ פאַס 43, צווישן די גאַסן מאָנטעווידעאָ און ראָדריגעס פעניאַ. די גרינדערס זיינען איסקראָווצעס, עס־ערן און בונדאָווצעס. עס גרינדעט זיך אין זעלבן יאָר

אַ פאַראיין „חרות״ פון סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וואָס בייט אין 1906 זיין נאָמען אויף עס־עס (ציוניסטן־סאָציאַליסטן), וואָס מאַכן אַ פּרווו אַרויסצוגעבן אַ צייטונג מיטן נאָמען „נאַכריכטן״, און שפּעטער פּועלי־ציון, באַראָכאָווצעס. די אַרבעט זייערע איז מערסטנס אַ קולטור־אַרבעט, רעפעראַטן, דיסקוסיעס איבער פּראָגראַם־פראַגן, ליבהאָבערישע ספּעקטאַקלען, אָבער אויך פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע, פאַרשפּרייטונג פון פּאַרטיי־ליטעראַטור, אָנטייל אין סאָציאַליסטישע מאַניפעסטאַציעס, פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע. די אַנאַרכיסטן גרינדן די גרופּע „אַרבעטער־פריינד״ און זי פאַרשפּרייט דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינד״ און די ניו־יאָרקער „פרייע אַרבעטער שטימע״. אין 1906 גרינדעט זיך אויך דער ערשטער ייִדישער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, דער פאַראיין פון די היטלמאַכער־אַרבעטער. אין 1907, גרינדעט זיך די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד״ (אַרגענטינער „בונד״). שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרן דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון די שניידער־אַרבעטער, אַ ייִדישע סעקציע ביי דעם אַלגעמיינעם סטאָליער־פאַראיין, אַ פאַראיין פון ייִדישע בעקערס א״אַ. אין 1908 דערשיינט די ערשטע סאָציאַליסטישע אויסגאַבע אין ייִדיש „דער אַוואַנגאַרד״ (פון „בונד״), די „שטימע פון אַוואַנגאַרד״, אַרויסגעגעבן פון די איסקראָווצעס, און אין 1909 דערשיינט „ברויט און ערע״ פון די פּועלי־ציון״.

דער פּראָקלאַמירונג־אַקט: 100 יאָר ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע (יאָר 1960).

כ״ץ ווייסט אונדז אויך צו דערציילן פון די ערשטע שפּראָצן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אומגעפער אין יענע פריִע יאָרן פון דעם אָרגאַניזירטן ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע. אין דער דערמאָנטער אַרבעט, זאָגט ער, צווישן אַנדערן:

„אויך צווישן די ציוניסטן ברענגט דער נייער שטראָם אַריין אַ פאַרייִנגערונג. עס גרינדעט זיך אין אַפּריל פון 1906 דער פאַראיין „תפארת ישראל״ פון יונגעלייט האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן נישט געקענט פאַרליידן דעם אומאויפריכטיקן און אַוואַנטוריס־

טישן גייסט פון דער „ליגע טעאָדאָר הערצל״. עס שטייט צו צו דעם יונגן פאַראיין דער וועטעראַן פונעם ציוניזם אין אַרגענטינע, יעקב יאָסעלעוויטש, וואָס האָט נאָך אין 1905 אַרויסגעלאָזט אינדיווידועל ציוניסטישע פלוג־בלעטלעך קעגן דעם שרייערישן ציוניזם, און אַנדערע שטילע ציוניסטן, ווי ש. ליבעשוץ, כ. כוריין, און עס הייבט אָן דערשיינען אַ ציוניסטישע וואָכנבלאַט „די יידישע האָפענונג״ (אויגוסט 1908)״.

פ. כ״ץ דערציילט אויך פון אַנדערע טעטיקייטן פון יענער צייט, וואָס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק אַ באַדייטנדיקן קולטור־אומרו פון די נײַ־איינגעוואַנדערטע. ער דערציילט אונדז וועגן יידיש טעאַטער וואָס מען האָט שוין דעמאָלט געשפּילט אין בוענאָס־איירעס און וועגן אַן אינטענסיווער קולטור־טעטיקייט. עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן אויף דער יידישער גאַס, ווינטן וואָס האָבן געלייגט אַן ענדגילטיקן חותם אויפן כאַראַקטער פון דעם יידישן לעבן אין אַרגענטינע.

אַ וועלטלעכער יידישער ישוב

דער קענצייכן פונעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע, איז זיין וועלטלעכער כאַראַקטער. אַפילו אין די אַספּעקטן ווו ער איז רעליגיעז אָדער נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעל, איז ער אַ דורכויס־וועלטלעכער ישוב. דעם דאָזיקן גרונטשטריך זיינעם, דאַרף מען זוכן נישט אין זיינע בראשית־יאָרן, נאָר אין דער עפּאָכע פון נאָך דער דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט אַהער אַן עלעמענט וואָס איז אין זיין גרעסטן טייל געווען וועלטלעך־רעוואָלוציאָנער. די וואָס האָבן דאַן אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד קיין צפון און דרום־אַמעריקע, זיינען על פּי רוב געוועזן אַזעלכע וואָס האָבן מער נישט געקענט בלייבן אונטער דער רעאַקציע וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין רוסלאַנד נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע און זיי זיינען געפאָרן זוכן ברייטערע האָריזאָנטן פאַר זייערע נייע אידייען. פון די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע עלעמענטן איז דאָך אָפּגערעדט, אַז פאַר זיי איז יידישע רעליגיע און אַלץ וואָס האָט מיט איר געהאַט אַ שייכות, געווען טריף; אויך די נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן, מיט קליינע אויסנאַמען, זיינען געווען וועלטלעך געשטימט און זיי האָבן דעם חותם פון אָט דער אידעאָלאָגיע אָפּגעשטעמפּלט אויף דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן וואָס זיי האָבן מיט אימפּעט גענומען אָרגאַניזירן. דער רעליגיעזער טייל פון דעם ישוב איז על פּי רוב געווען אַ סטאַטישער, אָן דעם נויטיקן דינאַמיזם פון אָרגאַניזאַציע אין ברייטן און טיפן זין פון וואָרט. דאַקעגן זיינען די וועלטלעכע עלעמענטן געווען דינאַמיש, פול מיט איניציאַטיוו און דראַנג, ווי עס באַווייזן די צאָלרייכע קולטור־אינסטיטוציעס וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן צווישן 1906 און 1914, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מילחמה. יענע צייט האָט דעפיניטיוו באַשטימט דעם וועלטלעכן כאַראַקטער פון אונדזער ישוב.

דער דאָזיקער דראַנג צו וועלטלעכקייט האָט נישט אויפגעהערט אַפילו אין די יאָרן פון רעאַקציע, וואָס האָט באַגלייט די פייערונגען פונעם הונדערטסטן אַניווערסאַר פון דער אַרגענטינער מאַי־רעוואָלוציע, אין 1910. ווי באַוווסט, האָט דער דעמאָלטיקער אויפגעבלאָזענער פּאַטריאָטיזם. באַגלייט פון אַ שאַרפער פּאָליטישער רעאַקציע, געבראַכט צו איבערפאַלן און פּאָגראָמען אויף אַלע אינסטיטוציעס וואָס האָבן אַרויסגעוויזן סימנים פון פּראָגרעסיווקייט, און די יידישע אינסטיטוציעס, איבערהויפּט די ביבליאָטעקן און קולטור־צענטערן, זיינען דעמאָלט פּאָגראָמירט געוואָרן און זיי האָבן געמוזט איינשרומפּן זייער טעטיקייט. ערשט נאָך דעם וואָס דער פּרעזידענט ראָקע סאַענס פּעניאַ האָט איבערגענומען די מאַכט, האָבן אין לאַנד אָנגעהויבן בלאָזן ליבעראַלע ווינטן און די טעטיקייט פון די פאַרשיידענע יידישע ביבליאָטעקן און קולטור־צענטערן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן מיט אַ פאַרשטאַרקטן ריטם. עס איז אָבער אונטערגעקומען די וועלט־מילחמה, וואָס האָט דאָס לאַנד איזאָלירט פון דער וועלט און דער היגער יידישער ישוב איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער איבעריקער יידישער וועלט. די מילחמה מיט אירע נאָכווי־

ענישן פון יידישע צרות אויפן אַלטן קאָנטינענט, האָט מיט זיך געבראַכט אַ שפּאָגל־נייע טעטיקייט: די הילפס־טעטיקייט פאַר די מילחמה־ליידנדיקע. די דאָזיקע טעטיקייט האָט אַרויסגערופן צום לעבן צענדלינגער לאַנדסלייט־פאַראיינען, וואָס זיינען מיט דער צייט געוואָרן אַ גרויסער פאַקטאָר אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט פונעם ישוב. די צוויי גרעסטע לאַנדסלייט־פאַראיינען וואָס זיינען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מילחמה געגרינדעט געוואָרן — דער פאַראיין פון פוילישע יידן און דער בעסאַראַבער לאַנדסלייט־פאַראיין — האָבן שפּעטער געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל אויפן געביט פון הילפס־אַרבעט פאַר די נויטליידנדיקע יידן פון אייראָפּע און זיינען גלייכצייטיק געוואָרן די באַדייטנדיקסטע צענטערס פון אָן אָרטיקער טעטיקייט. שפּעטער איז אויפגעקומען דער פאַרבאַנד פון גאַליציאַנער יידן און צענדלינגער קליינע לאַנדסלייט־פאַראיינען פון די באַטרעפנדיקע שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען געוואָרן אָנגעזעענע פאַקטאָרן אין דער מאָזאַיִק פון אונדזער ציבורדיקן לעבן.

100 יאָר יידישער ישוב אין אַרגענטינע. צוזאַמענטרעף אין דער קהילה פון געוועזענע און איצטיקע מיטגלידער פון די קהילה־פאַרוואַלטונגען.

דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, האָט געטראָגן אַ וועלטלעכן כאַראַקטער און האָט געהאַט אַ דעפיניטיווע השפעה אויף דער געשטאַלטונג פונעם ישוב. דער רעליגיעזער טייל, וואָס האָט נאַטירלעך קיין מאָל נישט געפעלט, איז בדרך־כלל געווען אַ פּריוואַטער ענין אָדער אַן ענין פון באַשרענקטע גרופּעס, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשפּיגלט אויף דעם אַלגעמיינעם פּנים פונעם ישוב. די כשרות־פראַגע, וואָס שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דעם לעבן פון דעם נאָרד־אַמעריקאַנער יידנטום, האָט דאָ קיין מאָל נישט געטראָגן קיין ציבורדיקן כאַראַקטער. אַפילו היינט צו טאָג,

ווען דאָס רעליגיעזע לעבן פונעם ישוב איז שוין מער־ווייניקער אָרגאַניזירט און אויסגעברייטערט, איז אַ כשרער רעסטאָראַן נאָך אַלץ אַן ענין פון אויסנאַם. טראָץ דעם וואָס דאָס וועלטלעכע דערציִונגס־וועזן האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן אַ סך שפעטער און די ערשטע דערציִונגס־מוסדות זיינען על פי רוב באַשטאַנען פון תלמוד־תורות אָדער פון שולעס מיט אַ רעליגיעזן אונטערשלאַק, באַזונדערס די מיט וועלכע עס האָט אָנגעפירט די „ייִקאַ" אין די ייִדישע קאָלאָניעס און אין די ישובים פון אינערן פון לאַנד, האָט עס אָבער מיט גאָר נישט געשטערט אַז דער ישוב זאָל זיך אַנטוויקלען אויף וועלטלעכע יסודות. פונקט פאַרקערט, דאָס ייִדישע לעבן פון די קאָלאָניעס, וואָס איז לכתחילה געווען ענלעך אויפן ייִדישן לעבן פון די ייִדישע שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע, ווו די רעליגיעזע טראַדיציע האָט געשפילט אַ היפשע ראָל, האָט זיך אויך אָנגעהויבן פאַרוועלטלעכן. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן קולטור־אינסטיטוציעס פון וועלטלעכן כאַראַקטער, ביבליאָטעקן, וועלטלעכע שולעס און גראָד אין די קאָלאָניעס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַן אינטענסיוו קולטור־לעבן וואָס האָט אין משך פון אַ סך יאָרן געהאַט אַ השפעה אויפן ישוב און האָט אַרויסגעגעבן אַ באַדייטנדיקע צאָל פירנדיקע פיגורן. אין פאַרשיידענע קאָלאָניעס זיינען געווען קאָאָפעראַטיוועס און אונטערן איינפלוס פון אָט דער וועלטלעכקייט, האָט דער קאָאָפעראַטיוויסטישער גייסט זיך אָנגעהויבן צו מאָדערניזירן און פאַרפעסטיקן און דאָס האָט שפעטער געהאַט אַ דעפיניטיוון איינפלוס אויף דער אָרגאַניזאַציע פון אַ סך צווייגן פונעם עקאָנאָמישן און פינאַנציעלן טייל פון אונדזער ישוב, מיט אַ קענטיקער השפעה אויף דעם אַלגעמיינעם ייִדישן לעבן אין לאַנד.

נייע איינוואַנדערונג — אַ נייער אימפולס

אין משך פון פיר יאָר פון דער ערשטער וועלט־מילחמה, איז דער ישוב געווען אָפגעזונדערט פון די הויפט־רעזערוואַרן פון ייִדישער איינוואַנדערונג: די מיזרח־אייראָפעיִשע ישובים. ווי עס איז שוין פריִער דערמאָנט געוואָרן, האָט זיך דאָס ייִדישע לעבן דאָ נישט אָפגעשטעלט, נאָר זיך ווייטער אַנטוויקלט מיט אייגענע, הגם שוואַכע כוחות. דער ייִדישער ישוב האָט זיך געמוזט אָריענטירן און קאָנצענטרירן אויף די אייגענע כוחות און דווקא אין יענער צייט זיינען פאַרלייגט געוואָרן די יסודות פון איניקע צענטראַלע אינסטיטוציעס, צווישן זיי, פונעם ייִדישן שפיטאָל און תיכף נאָכן וועלט־קריג, אין 1918, פונעם מושב זקנים און בית יתומים. וועגן דער הילפס־אַרבעט וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מילחמה, האָבן מיר שוין דערמאָנט. מען האָט זיך געריכט אויף אַ גרויסער ייִדישער איינוואַנדערונג אויף נאָך דער מילחמה, אָבער עס האָט געדויערט היפשע עטלעכע יאָר ביז די דאָזיקע מאַסן־איינוואַנדערונג האָט זיך אָנגעהויבן. תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ רעאַקציאָנערער קורס קעגן דער איינוואַנדערונג פון מיזרח־אייראָפע, אויס מורא פאַר דעם באָלשעוויסטישן איינפלוס און — פאַרשטייט זיך — ייִדן האָבן געליטן אויפן ערשטן פלאַץ פון אָט דעם קורס. אין די ערשטע פאָר יאָר נאָך דער מילחמה איז די איינוואַנדערונג פון ייִדן געווען אַ קליינע, אָבער אַרום 1921, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרעסערע איינוואַנדערונג פון ייִדן, איבערהויפט יענע וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די פאָגראָמען אין אוקראַיִנע און פון פוילן, ווו עס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן דער אָרגאַניזירטער אָפיציעלער און האַלב־אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט שפעטער רויִנירט דאָס ייִדישע לעבן אין פוילן. די דאָזיקע איינוואַנדערונג איז ווידער אַ מאָל, ווי בעת די פאָריקע איינוואַנדערונגס־שטראָמען, געווען אַ פועל־יוצא פון דראַמאַטישע אויפטרייסלונגען אין ייִדישן לעבן און זי האָט מיט זיך געבראַכט אַן עלעמענט וואָס איז געקומען מיטן דראַנג איבערצובויען זיך און שאַפן פאַר זיך אַ נייע היים אין בעסערע באַדינגונגען פון אַרבעט און גייסטיקער אויסלעבונג. דאָס איז איבערהויפט געווען אַ יונגער עלעמענט, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט נישט נאָר נייע וועלטלעכע אידייען, נאָר אויך אַ גרויסע דערפאַרונג אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע און אָנפירונג פון ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער

דאָזיקער עלעמענט האָט געגעבן אַ שטאַרקן שטויס פאָרויס דעם ישוב און אים אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן אויך עקאָנאָמיש. דער דאָזיקער שטראָם האָט מיט זיך געבראַכט טויזנטער ייִדישע בעלי־מלאכות און ספּעציאַליזירטע אַרבעטער פון פאַרשיידענע בראַנזשעס, וואָס זיינען געוואָרן די פּיאָנערן פון וויכטיקע אינדוסטריעלע צווייגן דאָ אין לאַנד, איבערהויפּט פון מעבל־פאַבריקאַציע, טעקסטיל, שטריקעריי און קאָנפעקציע פון פאַרטיקע קליידער און וועש.

גלייכצייטיק איז דער דאָזיקער עלעמענט, פּונקט ווי דער פון 1905, געקומען מיט אַ דראַנג זיך אויסצולעבן גייסטיק און קולטורעל ייִדיש און ער האָט דאָ אָנגעהויבן פאַרפלאַנצן די ערשטע שפּראָצן פון דער גרויסער קולטור־באַוועגונג וואָס איז אויפגעקומען אין מיזרח־אייראָפּע צווישן ביידע וועלט־מלחמות. עס קומט אויך פאָר אַ גרויסע אידעאָלאָגישע דיווערסיפיקאַציע אין דעם היגן ייִדישן לעבן, אונטערן איינפלוס פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס ברייטע ייִדישע קולטור־לעבן און די אויסזיכטן פון פּראָדוקטיוויזאַציע פון די ייִדישע מאַסן אין סאָוועטן־רוסלאַנד דעראָבערט דאָ אַ סך אָנהענגער און אין דער זעלבער צייט ברייטערט זיך אויס די ציוניסטישע באַוועגונג אונטער די נייע באַדינגונגען פון דעם ענגלישן מאַנדאַט און דער פאַרשטאַרקונג פון דער עליה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער ייִדישער ישוב פון אַרגענטינע, הויבט אָן „אַנטדעקט" צו ווערן פאַר דער ייִדישער וועלט, צום ערשט דורך ה. ד. נאָמבערג, וואָס האָט באַזוכט דאָס לאַנד אין 1922 און שפּעטער פון פּרץ הירשביין, וואָס האָט באַזוכט אַרגענטינע שוין צום צווייטן מאָל. שפּעטער, אַרום 1928, באַזוכט אַרגענטינע זלמן רייזען און דערנאָך קומען אַהער אַנדערע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, איבערהויפּט פון פּוילן, וואָס קומען זאַמלען הילף פאַר די ייִדישע וועלטלעכע שולעס פון פּוילן און העלפן דערווייל גרינדן דאָ־הי ענלעכע שולעס. די צוויי ייִדישע צייטונגען, „די אידישע צייטונג", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1914, אין סאַמע ברען פונעם וועלט־קריג, און „די

100 יאָר ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע. געוועזענע און איצטיקע מיטגלידער פון קהילה־פאַרוואַלטונגען.

פרעסע" וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דעם 1טן יאַנואַר פון 1918, איבן אויס אַ מעכטיקן איינפלוס אויפן ישוב און אין דער זעלבער צייט קומט פאָר אַן אינטענסיווע זשורנאַליסטישע און ליטעראַרישע טעטיקייט פון עלעמענטן וואָס די מילחמה־אימיגראַציע האָט געבראַכט. מען פילט אַ גייסטיקן אומרו און אַ יוגנטלעכן אימפולס און עס זעט אויס אַז אַרגענטינע וועט ווערן אַ דריטער יידישער ליטעראַרישער צענטער. אין דער זעלבער צייט, ברייטערט זיך אויס די קולטור־טעטיקייט מיט פאַרשיידענע פיזיאָנאָמיעס, אָבער כמעט דורכויס מיט אַ וועלטלעכן כאַראַקטער. דער ישוב הייבט אָן זיין אויפשטייג מיט ברייטע שריט ביז צו אַ נייער ווענדונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע און אין דעם יידישן לעבן, ווען ער וועט ווידער מוזן מוותר זיין איפן איינפלוס פון דרויסן און זיך קאָנצענטרירן אויף אייגענע כוחות. דער דאָזיקער פעריאָד האָט זיך אָנגעהויבן אין 1933, ווען דער נאַציזם איז געקומען צו דער מאַכט, און האָט באַקומען זיין קלימאַקס אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מילחמה, ווען דאָס יידישע לעבן אין איראָפע איז חרוב ונחרב געוואָרן. דאָס איז געווען די צייט ווען עס האָט זיך פאַקטיש פאַרענדיקט די צייט פון ציען יניקה פון „דער אַלטער היים" און דער ישוב איז איבערגעגאַנגען, פון גייסטיקן און קולטור־שטאַנדפונקט, „אויף אייגענע קעסט".

אין אָט דעם פעריאָד איז אויפגעקומען די נייע פאַזע פון אונדזער קאָלעקטיווער אָרגאַניזאַציע מיט דער „דאַיאַ" אַלס די צענטראַלע רעפרעזענטאַטיווע קערפערשאַפט פונעם ישוב כלפי די לאַנד־באַהערדן. די דאָזיקע רעפרעזענטאַנץ איז אויפגעקומען נאָך אַ ריי פרווון צו אָרגאַניזירן דעם ישוב קעגן די העפטיקע שפראָצן פון אַנטיסעמיטיזם וואָס זיינען דאָ אין לאַנד געבוירן געוואָרן אונטערן איינפלוס פונעם נאַצי־פאַשיזם אין איראָפע.

אויף די אייגענע פיס

עס איז געקומען די צייט ווען אונדזער ישוב האָט זיך געמוזט שטעלן אויף די אייגענע פיס. די צווייטע וועלט־מילחמה האָט דעם ישוב אין גאַנצן אָפגעשניטן פון די מיזרח־איראָפעישע ישובים פון וועלכע ער האָט שטענדיק געצויגן די יניקה און שפעטער, ווען די מילחמה האָט זיך פאַרענדיקט און דער חורבן פונעם יידישן לעבן האָט זיך אַנטפלעקט אין גאַנצן שוידערלעכן פאַרנעם, האָט דער ישוב זיך אָנגעהויבן רעאָרגאַניזירן מיט אַ שנעלן טעמפאָ און האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף די אייגענע פיס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערשאַצונג פון אונדזערע אייגענע כוחות און אַ פאַרווירקלעכונג פון צוויי עיקרדיקע געביטן פון אונדזער לעבן, וואָס האָבן שוין פריער עקסיסטירט, אָבער וועלכע האָבן געדאַרפט באַקומען זייער קאָנקרעטן סטאַטוס, כדי זיי זאָלן האָבן די געהעריקע ווירקונג אין די נייע אומשטענדן און באַדינגונגען: די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזירונג פונעם ישוב אויף אַ רעפרעזענטאַטיווער באַזע און די אויסברייטערונג פון אונדזער דערציִונגס־וועזן. דאָס ערשטע איז דערגרייכט געוואָרן דורכן פאַרוואַנדלען די געוועזענע חברה־קדישא אין דער היינטיקער קהילה און דאָס צווייטע — דורך אַן אויפגעוועקטן דראַנג צו בויען פאַסיקע בנינים פאַר אונדזערע שולעס.

פלענער וועגן שאַפן אַ קהילה אין בוענאָס־איירעס זיינען געווען אַ סך און זיי האָבן זיך נישט איינגעגעבן, ווייל די חילוקי־דעות און דער אינטערעסן־שפיל זיינען שטענדיק געווען אַזוי גרויס, אַז וויפל מאָל מען האָט אונטערגענומען די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ צענטראַלע אינסטיטוציע (די „פעדעראַציע" אין 1908 און די „אַליאַנץ" אין 1920), האָט זיך עס נישט איינגעגעבן. סיי־ווי־סיי אָבער, האָט די חברה־קדישא דערפילט די ראָל פון אַ קהילה, לויט די פונקציעס וואָס זי האָט דערפילט אין דעם לעבן פון דער הויפטשטאָט און לויט דער צאָל מיטגלידער וואָס איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן גרעסער. מען האָט בלויז געדאַרפט האָבן דעם געהעריקן מאָמענט און די אַנטשלאָסנקייט צו דערקלערן זי אַלס אַזעלכע און דאָס האָט פאַסירט דעם 31סטן מאַרץ פון 1949, בעת פרעזידענט פון דער חברה־קדישא איז געווען דער ד״ר משה סלינין. אין די יידישע צייטונגען איז דעמאָלט דערשינען אַ מעלדונג אַז די חברה־קדישא איז פראָקלאַמירט

געוואָרן אַלס קהילה, אָנגעבנדיק דעם הויפּטמאָטיוו אַז די חברה־קדישא האָט סיי־ווי דערפילט די פונקציעס פון אַ קהילה און אַז לויט דער פּראָפּאָרץ ייִדישע משפחות וואָס זיינען אין איר אָנגעשלאָסן איז זי ראוי צו ווערן די קהילה פונעם ישוב פון דער הויפּטשטאָט. אין דער זעלבער מעלדונג זיינען אויך אויסגערעכנט געוואָרן אַ ריי באַשלוסן וואָס די פאַרוואַלטונג האָט אָנגענומען, בכדי צו שאַפן די באַדינגונגען און די מעגלעכקייטן אַז די קהילה זאָל קענען אויסברייטערן איר טעטיקייט אויף די פאַרשיידנסטע געביטן און הצטרכותן פונעם ישוב. באַזונדערס, האָט זיך די אינסטיטוציע אין איר נייעם עטאַפּ אָנגעצייכנט גרויסע פּלענער אויפן געביט פון שולוועזן און קולטור־טעטיקייט און זי האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויפגעטאָן באמת קאָלאָסאַלע זאַכן אויף די דאָזיקע געביטן.

דער גרויסער אויפשוווּנג פון אונדזער שולוועזן האָט אייגנטלעך זיך אָנגעהויבן אַ סך פריִער איידער די קהילה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. דער אָנהייב פון דעם דאָזיקן אויפשוווּנג דאַרף מען רעכענען פון דעם מאָמענט ווען עס איז פאַרלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער שלום עליכם־שולע אויף דער גאַס סעראַנאָ. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנרעג צו די נייע גרויסע השגות אויפן געביט פון שולוועזן. דער ווייטערדיקער וווּקס איז אָבער מעגלעך געווען טאַקע אַ דאַנק דער ניי־פּראָקלאַמירטער קהילה, וועלכע האָט אויף אַן אַנטשיידנעם אופן אָנגעהויבן צו שטיצן דעם בוי פון נייע שולעס און זייערע בודזשעטן. מיט דער צייט זיינען די איניציאַטיוועס צו בויען שול־געביידעס אַזוי אויסגעוואַקסן ביי אונדז, אַז אונדזער ישוב קען מיט רעכט שטאָלצירן מיט דעם וואָס ער האָט אויפגעטאָן אויפן געביט פון בויען שולעס. די נייע שול־געביידעס האָבן מיט זיך געבראַכט נייע הצטרכותן און נייע פּלענער, אַזוי אַז היינט צו טאָג איז אונדזער שולוועזן איינער פון יענע געביטן, אַרום וועלכן עס דרייט זיך די מערהייט פון אונדזער טעטיקייט אויף צו פאַרזיכערן אונדזער גייסטיקן קיום. איינער פון די בולטסטע קענצייכנס פון אונדזערע שולעס איז דאָס, וואָס די מערהייט פון די לערערס זיינען היינט צו טאָג הי־געבוירענע, אויסגעבילדעטע אין דעם לערער־סעמינאַר ביי דער קהילה. אונטערן איינפלוס פון אונדזער קהילה, האָבן די גרעסערע ישובים פון אינלאַנד אויך אויסגעברייטערט זייער שולוועזן און היינט צו טאָג קען מען אין אייניקע שטעט פון אינלאַנד טרעפן ממש ייִדישע מוסטער־שולעס. דער וועד־הקהילות, וואָס איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן, איז איינער פון די רעסאָרטן פאַר אַ קאָאָרדינירטער טעטיקייט פון אַלע ישובים פון לאַנד און ער דערפילט אויף דעם געביט אַ וויכטיקע פונקציע. אונדזערע שולעס האָבן אויסגעברייטערט זייער טעטיקייט מיט זומער־קאָלאָניעס, אַזוי אַז די דערציִונגס־טעטיקייט פון די ייִדישע שולעס שטעלט זיך כמעט נישט אָפּ אין משך פון אַ גאַנץ יאָר.

די שלוסן פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן

אין 1960 האָט אונדזער ישוב געפייערט הונדערט יאָר ייִדיש לעבן דאָ אין לאַנד. מיט וואָס האָבן מיר אָפּגעשלאָסן די דאָזיקע הונדערט יאָר ייִדיש לעבן און ווי אַזוי האָבן מיר זיי געפייערט? מיר וועלן זיך באַמיִען אין די ווייטערדיקע שורות צו געבן אַ סינטעטישן איבערבליק. צו די הונדערט יאָר ייִדיש לעבן, האָבן מיר אין דער הויפּטשטאָט געהאָט אַ קהילה מיט כמעט פופציק טויזנט מיטגלידער. אין יענעם יאָר האָט דער יערלעכער בודזשעט פון דער קהילה באַטראָפן אַרום זיבעציק מיליאָן פּעזעס, פון וועלכע גאַנצע פערציק פּראָצענט זיינען אויסגעגעבן געוואָרן אויף דערציִונג און קולטור־אַרבעט.

אין עקאָנאָמישן זין, האָט אונדזער ישוב אָפּגעשלאָסן די הונדערט יאָר מיט גאָר גרויסע דערגרייכונגען, איבערהויפּט אויפן געביט פון פינאַנציעלן קאָאָפּעראַטיוויזם. אין דעם דערמאָנטן יאָר זיינען אין גאַנצן לאַנד געווען ביי צוויי הונדערט קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס, וואָס נעמען אַרום צענדליגער טויזנטער מיטגלידער און האָבן אַן אומזאַץ פון טויזנטער מיליאָנען פּעזעס. די דאָזיקע פינאַנציעלע פאָלקס־אינסטיטוציעס, שפּילן הײַנט אַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער גע־

זעלשאַפטלעכן לעבן בכלל און זיי זיינען אַן אַנשפּאַר פאַר אַ סך פון אונדזערע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס. פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך די ייִדישע עקאָנאָמיק אין לאַנד אַזוי געענדערט, אַז ייִדן זיינען פּאַקטיש פאַרטראָטן אין אַלע ווירטשאַפטלעכע צווייגן און אין איניקע בראַנזשעס, ווי די אויטאָמאָביל־בראַנזשע, אין בויוועזן, אין דער באַקלייד־אינדוסטריע און אין דעם צווייג פון עלעקטרישע הויז־מכשירים, שפּילן זיי אַן ערשטראַנגיקע ראָל. אויך אויפן געביט פון פרייע פּראָפעסיעס זעען זיך ייִדן שטאַרק אָן אין אַרגענטינע.

און אויב עס איז צורייד געקומען וועגן קאָאָפּעראַטיוויזם, דאַרף מען בעת אַן איבערבליק פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע, דערמאָנען אַז ייִדן זיינען געווען פון די ערשטע קאָאָפּעראַטיוויסטן דאָ אין לאַנד. די ערשטע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוון, פון וועלכע מען געפינט היינט אַ סך אין לאַנד, זיינען געשאַפן געוואָרן פון ייִדן. אויך גרויסע האַנדלס־אינסטיטוציעס אויף קאָאָפּעראַטיוויסטישע יסודות זיינען געשאַפן געוואָרן פון ייִדן און היינט צו טאָג זיינען זיי גרויסע אונטערנעמונגען מיט אַן אומזאַץ פון הונדערטער מיליאָנען פּעזאָס. אויך די גרויסע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, ווי דער ייִדישער שפּיטאָל, דער מושב זקנים און בית ילדים, די ליגע קעגן טובערקולאָז, דער ביקור חולים און אַנדערע אַנשטאַלטן, קענען פאַררעכנט ווערן צו די גרויסע דערגרייכונגען מיט וועלכע מיר האָבן אָפּגעשלאָסן הונדערט יאָר דאָ אין לאַנד. דאָס פאַרלאַג־וועזן מיט וועלכן אונדזער ישוב שמט היינט צו טאָג אין דער ייִדישער וועלט, איז אויך געווען איינער פון יענע אַנשטרענגונגען וואָס אונדזער ישוב האָט געמאַכט נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג צו שטעלן זיך אויף די אייגענע פיס און דער דאָזיקער צווייג פון אונדזער קולטור־לעבן האָט נושא־פּירות געווען. צו די הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע, האָט אונדזער

100 יאָר ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע. פיר פּרעזידענטן פון דער קהילה: פון רעכטס אויף לינקס: אלימלך גוטקין, ד״ר טוביה קאַמענשיין, איידעלמאַן און ד״ר משה גאָלדמאַן.

ישוב אויך געקענט אָנגעבן אַ פיינעם באַלאַנס וועגן זיין מיטאַרבעט פאַרן בוי פון דער ייִדישער מדינה דורך ליפערן אַ באַדייטנדיקע צאָל חלוצים, וואָס געהערן היינט צו די אויסגעצייכנטע בויער און פאַרטיידיקער פון דער מדינה. אונדזער קולטור־פאַטרימאָניום, סטימולירט און געשטיצט פון דער קהילה, איז אויך אַ וויכטיקע דערגרייכונג און אייניקע קולטור־אימפרעזעס, ווי די קולטור־אַקטן אין דער קהילה און אין די אומגעגנטן, ווי דער חודש פון ייִדישן בוך, זייִנען שוין געוואָרן טראַדיציעס, אָן וועלכע מיר וואָלטן אויסגעזען אַ סך אָרעמער. אַלס אַ סך־הכל פון הונדערט יאָר עוואָלוציע און געראַנגל פאַר דעם קיום, איז דער אַרגענטינער ישוב היינט צו טאָג אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם ייִדישן וועלט־לעבן.

די פייערונגען פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן

אונדזער ישוב האָט געפייערט דעם הונדערטסטן אַניווערסאַר פון ייִדיש לעבן דאָ אין לאַנד מיט אַ ברייטער פראָגראַם פון פאַרשיידענע פאַראַנשטאַלטונגען וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די פולע גאַמע פון דעם היינטיקן מעמד פון אונדזער היגן ציבור. די ערשטע אָפיציעלע מעלדונג פון די פייערונגען, איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַ פרעסע־קאָנפערענץ דעם 7טן מאַרץ פון 1960 אין דעם זיצונגס־זאַל פון דער קהילה, ווו עס איז געמאָלדן געוואָרן דער צוזאַמענשטעל פון דער ספעציעלער קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן די פייערונגען. די דאָזיקע קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון דער קהילה, וועד־הקהילות, „דאַיאַ", ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע און ייִדישע קאָנגרעגאַציע, מיט דער באַוואָרעניש אַז מען וועט אויף להבא קענען צוציִען פאָרשטייער אויך פון אַנדערע אינסטיטוציעס, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר נויטיק און צוועקמעסיק. אויף דער דערמאָנטער פרעסע־מסיבה, האָט דער פרעזידענט ה' אלימלך גוטקין, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט אומגעקערט פון אַ שליחות צו פאַרטרעטן אונדזער ישוב אויף אַ ריי ייִדישע וועלט־אַסיפות, ווי די פון דער קליימס־קאָנפערענץ, פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס און פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, איבערגעגעבן אַז די פייערונג פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס אין דער ייִדישער וועלט, ווו מען האָט עס קאָמענטירט אַלס אַ וויכטיקע געשעעניש אין דעם ייִדישן וועלט־לעבן. ער האָט איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון דעם אָפקלאַנג וואָס דאָס האָט געהאַט און אַ גאַנצע ריי איינצלהייטן פון געשעענישן אין דעם ייִדישן וועלט־לעבן, וואָס זיינען פאַרבונדן געוואָרן מיט דער פייערונג פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע, דער עיקר דער פלאַן פון פאָרשן די היינטצייטיקע ייִדישע געשיכטע, מיט דעם פאָרשונגס־צענטער אין ירושלים.

דער סעקרעטאַר פון דער קהילה, ה' צבי פיינגערש, האָט ביי יענער פרעסע־קאָנפערענץ אינפאָרמירט אויספירלעך וועגן די צוגרייטונגען צו פייערן דעם וויכטיקן אַניווערסאַר און האָט אויסגערעכנט אַ גאַנצע ריי איינצלהייטן, צווישן זיי אַז דער ערשטער עפנטלעכער אַקט וועט פאָרקומען דעם 23סטן מאַרץ און עס וועט זיך אין אים באַטייליקן דער פרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס ד"ר נחום גאָלדמאַן און אַ הויך־געשטעלטע פערזענלעכקייט פון דער אַרגענטינער רעגירונג, וואָס האָט שפעטער זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער דעמאָלטיקער אינערן־מיניסטער ד"ר אַלפרעדאָ ר. וויטאָלאָ. אייגנטלעך, האָבן די פייערונגען זיך געזאָלט אָנהייבן מיט עטלעכע טעג פריִער, נאָר מען האָט זיך געמוזט צופאַסן צו די מעגלעכקייטן פונעם ד"ר גאָלדמאַן, וועלכער האָט פאַר דעם 23סטן נישט געקענט קומען צו אונדז. פאָלגלעך, האָבן די פייערונגען זיך אָנגעהויבן פאַקטיש אין דער פראָווינץ, אין ראָזאַריע, סאַנטאַ־פע און קאָרדאָבאַ, ווו־הין עס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן ספעציעלע רעדנערס אויף צו באַטייליקן זיך אין די אָרגאַניזירטע אַקטן. עס זיינען אויך פאָרויסגעזען געוואָרן ספעציעלע קאָנצענטראַציעס אין וויכטיקע פונקטן פון די ייִדישע קאָלאָניעס. עס איז אויך געווען פאָרויסגעזען די אָרגאַניזירונג פון ספעציעלע פייערונגס־קאָמיטעטן אין אַלע ישובים וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין דעם וועד־הקהילות און אַ פאָרשונגס־אַרבעט וועגן הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע, בראש מיט דעם

שרייבער און געשיכטע־פאָרשער ה׳ משה שענדעריי. עס זיינען אויך געמאָלדן געוואָרן אויף די חדשים יוני, יולי און אויגוסט ספּעציעלע כינוסים וועגן חינוך, פון דער יידישער יוגנט פונעם גאַנצן לאַנד און פון די קהילות פונעם גאַנצן לאַנד, מיט פאָרשטייער פון אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער ישובים, בכדי געמיינזאַם צו באַהאַנדלען עיקרדיקע פראַגן פונעם יידישן לעבן אין לאַטיין־אַמעריקע, ווי די באַציונגען מיט ישראל, חינוך־וועזן, קולטור־טעטיקייט און רעליגיעזע פראַגן. אין די ראַמען פון די פייערונגען, איז אויך באַשטימט געוואָרן אַ פרעמיע פאַר אַ ליטעראַרישער אַרבעט אויף איינער אָדער צוויי טעמעס וועגן הונדערט יאָר יידיש לעבן אין אַרגענטינע, מיט דריי קאַטעגאָריעס, פון 50, 30 און 10 טויזנט פּעזעס. אונטער דער השגחה פונעם וועד־החינוך, זיינען באַזאָרגט געוואָרן ספּעציעלע לעקציעס אין די יידישע שולעס וועגן דער באַדייטונג פון הונדערט יאָר יידיש לעבן אין אַרגענטינע, עס זיינען צוגעגרייט געוואָרן ספּעציעלע פּראָגראַמען וועגן דעם זעלבן ענין דורך ראַדיאָ און טעלעוויזיע און פאַרשיידענע אַנדערע קולטור־אַקטן, צווישן זיי, דעם אויסדריקלעכן באַשלוס צוצוגעבן דעם „חודש פון יידישן בוך“ פון דעם יאָר אַ ספּעציעלן כאַראַקטער, דורך פאַרקויפן אויסער ביכער אויך פּלאַטן פון יידישער מוזיק און בילדער פון יידישע קינסטלערס. צווישן אַנדערע ווערק פון דערציערישן כאַראַקטער, איז באַשלאָסן געוואָרן צו לייגן דעם גרונטשטיין פון דעם נייעם בנין פון דעם לערער־סעמינאַר.

ביים איבערגעבן די פרעמיע וואָס די קהילה האָט איינגעשטעלט לכבוד הונדערט יאָר יידישער ישוב אין אַרגענטינע. — וויצע־פּרעזידענט ש. גלאַזערמאַן גיט איבער די פרעמיע דעם געווינער ד״ר ליבערמאַן

מיט אָט דער פרעסע־מסיבה האָבן זיך פאַקטיש אָנגעהויבן די פייערונגען פון הונדערט יאָר יידיש לעבן אין אַרגענטינע.

דער פראָקלאַמירונגס-אַקט פון די פייערונגען

די אייגנטלעכע פייערונגען האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דעם אָפיציעלן פראָקלאַמירונגס־אַקט פון 23סטן מאַרץ פון 1960, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אַלס גאַסט פונעם וועלט־יידנטום, דער ד״ר נחום גאָלדמאַן; ישראל איז געווען פאַרטראָטן דורכן אַמבאַסאַדאָר אַריה לבבי, און די אַרגענטינער רעגירונג איז אויף דעם פראָקלאַמירונגס־אַקט געווען פאַרטראָטן דורך דעם ד״ר אַלפרעדאָ ר. וויטאָלאָ, וואָס איז דעמאָלט געווען אינערן־מיניסטער, באַגלייט פונעם סובסעקרעטאַר, גיזשערמאָ אַקוניאַ אַנסאָרענאַ, פונעם ראַטגעבער פון דער פרעזידענץ, ד״ר מאַריאַנאָ וויינפעלד און פונעם דעפּוטאַט איסאַק ברייטער. עס זיינען ביי דער געלעגנהייט אויפגעטראָטן מיט רעדעס דער פרעזידענט פון דער קהילה, ה׳ אלימלך גוטקין, דער אַמבאַסאַדאָר לבבי, דער ד״ר נחום גאָלדמאַן און דער אינערן־מיניסטער, ד״ר וויטאָלאָ.

דער ד״ר גאָלדמאַן האָט אין יענעם אָוונט געהאַלטן איינעם פון זיינע גייסטרייכסטע פאָרטראַגן, אין וועלכן ער האָט אַנאַליזירט די באַדייטונג פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע אין דעם ליכט פון די געשעענישן וואָס זיינען פאָרגעקומען אין משך פון די דאָזיקע הונדערט יאָר אין דעם ייִדישן לעבן בכלל. אין משך פון די דאָזיקע הונדערט יאָר, האָט ער אָנגעוויזן, האָט דאָס ייִדישע לעבן געליטן אַ סך מפלות, אָבער עס האָט אָפּגעהאַלטן צוויי פונדאַמענטאַלע ניצחונות: די ייִדישע גלייכבאַרעכטיקונג אין דער מערהייט פון די ציוויליזירטע לענדער, צווישן זיי אַרגענטינע, און די אַנטשטייונג פון דער ייִדישער מדינה. „דער דאָזיקער יאָרהונדערט — האָט ד״ר גאָלדמאַן געזאָגט צווישן אַנדערן — איז, היסטאָריש, איינער פון די גרעסטע אין דער ייִדישער געשיכטע און די דאָזיקע צוויי ניצחונות האָבן אין גאַנצן פאַרענדערט די פיזיאָנאָמיע און די פראָבלעמאַטיק פון אונדזער פאָלק און די פראַגע איז איצט: וועלכע זיינען די פראָבלעמען פון היינט? דער ענטפער איז: אויפצוהאַלטן די מדינה איז אפשר שווערער ווי דאָס שאַפן זי און דאָס וועט פאָדערן אַ סך הילף און סאָלידאַריטעט, פינאַנציעל און עקאָנאָמיש, אויף אַלע געביטן און אַלע וועלן מיר זיין גליקלעך, אויב דער דור וואָס האָט געשאַפן די מדינה, וועט עס קענען איבערגעבן דעם צווייטן דור אַ פאַרזיכערטע און אַ באַפעסטיקטע״.

וועגן דעם צווייטן אַספעקט פון אונדזערע ניצחונות אין די הונדערט יאָר, האָט דער ד״ר גאָלדמאַן אָנגעוויזן אַז דער פראָצעס פון אונדזער עמאַנסיפּאַציע איז נאָך נישט קיין גאַנצער, כל־זמן עס זיינען פאַראַן לענדער אין וועלכע יידן זיינען דיסקרימינירט אויפן געביט פון זייער גייסטיקן און קולטור־לעבן, ווי עס איז דער פאַל מיט די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָנווייזנדיק אַז בכלל האָבן אונדז די דאָזיקע צוויי דערגרייכונגען פון מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט און רעכטלעכער עמאַנסיפּאַציע געקאָסט אַ צו טייערן פרייז, קומענדיק צום אויספיר אַז די צוקונפט פונעם ייִדישן לעבן אין די תפוצות איז איצט אָפּהענגיק פון דעם אויף וויפל עס וועט זיין אַן ענגע און פערמאַנענטע צוזאַמענאַרבעט צווישן דעם וועלט־ייִדנטום און מדינת־ישראל, וועלכע דאַרפן זיך קעגנזייטיק באַווירקן און העלפן.

אַ זייער וואַרעמע רעדע האָט אין יענעם אָוונט געהאַלטן דער ד״ר וויטאָלאָ, וואָס האָט געבראַכט די אָפיציעלע באַגריסונג פונעם פרעזידענט פון דער רעפּובליק און האָט אונטערגעשטראָכן דעם ייִדישן ביַיטראָג צו דער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד אויף פאַרשיידענע פונדאַמענטאַלע געביטן, ווי די אַגריקולטור, קאָמערץ און אינדוסטריע אין משך פון די דאָזיקע הונדערט יאָר. דער ד״ר וויטאָלאָ האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „אייערע זין און אייניקלעך האָבן זיך אַריינגעוואַקסן אין אונדזער לעבן און אונדז געבראַכט אַ וווּנדערבאַרן מוסטער פון איבערגעגעבנקייט צו עלטערן, לאַנד און פאָלק. זיי האָבן געבראַכט כבוד אונדזער קונסט און ליטעראַטור. ווייל די דאָזיקע זין אייערע זיינען קודם־כל אַרגענטינער פאַטריאָטן און געטרייע מענטשן. אַרגענטינע איז שטאָלץ מיט אירע ייִדישע בירגער״.

די לאַנד-צוזאַמענפאָרן פון חינוך און וועד הקהילות

די פייערונגען פון הונדערט יאָר יידיש לעבן אין ארגענטינע זיינען אָנגעהויבן געוואָרן דורך דער קהילה־פאַרוואַלטונג אונטער דער פרעזידענץ פון אלימלך גוטקין און סעקרעטאַר צבי פיינגערש און זיי זיינען פאָרגעזעצט געוואָרן דורך דער נייער קהילה־פאַרוואַלטונג אונטער דער פרעזידענץ פון ד״ר טוביה קאַמענשיין און סעקרעטאַר, ה׳ אליעזר פרידמאַן. אַלע פאַראַנשטאַלטונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען איז פאַרשטייט זיך נישט מעגלעך אויסצורעכענען. וועלן מיר דעריבער דערמאָנען בלויז צוויי וואָס זיינען, לויט אונדזער מיינונג, געווען די עיקרדיקסטע פון אַלע פייערונגען: דער צוזאַמענפאָר פון אונדזער חינוך־וועזן און דער כינוס פון דעם וועד־הקהילות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די חדשים יולי און אויגוסט, רעספּעקטיווּ, פון 1960. מיר דערמאָנען בעיקר די דאָזיקע צוויי לאַנד־אַסיפות, ווייל אויף זיי זיינען באַהאַנדלט געוואָרן די וויכטיקסטע אַספּעקטן פון אונדזער ציבורדיקן לעבן, וואָס האָבן אַן אָרגאַנישע שייכות מיט דעם המשך פון אונדזער ישוב.

ד״ר ב. איכאַיעזו, געוועזענער פון דער קהילה־פרעזידענט, רעדט וועגן דער פאָרשונג פון אַרגענטינער יידישן ישוב.

אינעם צוזאַמענפאָר פון וועד־החינוך האָט זיך באַטייליקט דער גאַסט ד״ר בן־יהודה, וועלכער האָט תיכף געגעבן דעם טאָן פאַר דעם הויכן ניוואָ פונעם צוזאַמענפאָר. ער האָט צווישן אַנדערן געלויבט די אָנשטרענגונגען פון דער קהילה אויפן געביט פון חינוך, צוגעבנדיק: „איך פיל מיך זייער באַערט צו רעדן דאָ אין נאָמען פון אונדזער חינוך־אַפּטייל (פון ישראל) און אייך ברענגען אויפקלערונג. ווייל אַזאַ קהילה, וואָס לייגט אַריין אַזוי פיל אָנשטרענגונג איז ראוי פאַר אַזאַ ריי ערנסטע געדאַנקען און איבערהויפּט פאַר בשותפותדיקייט מיט ישראל און מיר וועלן די דאָזיקע געדאַנקען אַרויסברענגען, אַפילו ווען זיי וועלן זיין ערנסט און ווייטגייענדיק״.

אין זיין רעפעראַט האָט ער צווישן אַנדערע גייסטרייכע געדאַנקען אַרויסגעבראַכט דעם קענטיקן פאַקט, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק באַזיצט אַזאַ גייסטיקע קראַפט, אַז עס באַווייזט שטענדיק צו באַזיגן די פרעמדע איינפלוסן וואָס שפּאַרן זיך צום ייִדישן לעבן פון אַלע זייטן מצד אַנדערע קולטורן, באַגרינדנדיק זיין טעזע מיט פאַקטן פון דער ייִדישער געשיכטע אין פאַרשיידענע עפּאָכעס, ווען דער אויסערלעכער איינפלוס האָט זיך אַממערסטן געמערקט.

אויף די ווייטערדיקע זיצונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט שול־עסקנים און פּעדאַגאָגן, זיינען ברייט באַהאַנדלט געוואָרן פאַרשיידענע אַספּעקטן פון אונדזער שולוועזן אויף דער באַזע פון אויספירלעכע באַריכטן וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן סיי פון דער הויפּטשטאָט און סיי פון דער פּראָווינץ. דער סיום פון דעם כינוס איז פאָרגעקומען ביי אַ מסיבה אין דעם זאַל פון הכנסת־אורחים און ביי דער געלעגנהייט האָט מען אונטערגעצויגן סך־הכלן פונעם צוזאַמענפאָר און דער גאַסט ד״ר בן־יהודה, האָט ביי דער געלעגנהייט געהאַלטן אַ רעדע, אַרויסברענגענדיק זיינע איינדרוקן און מיינונגען וועגן דעם גייסט וואָס הערשט אַרום אונדזער חינוך־וועזן, וואָס איז לויט זיין מיינונג אַ פּאָזיטיווער, פול מיט גוטן ווילן און מיט דראַנג צו איבערשטייגונג. אין זיין שלוס־וואָרט פון דער מסיבה האָט דער פּרעזידענט פון וועד־החינוך, לייב גאָלד געזאָגט אַז דער כינוס האָט באַוויזן איין זאַך אַ בולטע: אַז די שולע איז אין אונדזער ציבורדיקן לעבן אַן עיקר העיקרים און — דאָס איז זייער וויכטיק.

דער קאָנגרעס פונעם וועד־הקהילות איז דערעפנט געוואָרן שבת דעם 27סטן אויגוסט פון 1960 ביי דער אָנוועזנהייט פון דעלעגאַטן פון די ווייטסטע פּונקטן פון לאַנד. דער קאָנגרעס איז פייערלעך דערעפנט געוואָרן מיט אַ פאָרטראַג פונעם פּרעזידענט פון דער קהילה, ד״ר טוביה קאַמענשיין, אויף דער טעמע „אונדזער ישוב אינעם ליכט פון זיינע הונדערט יאָר עקסיסטענץ״, אָנווייינדיק אויף די וויכטיקסטע עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פון אונדזער ישוב און זיין בייטראָג צום אַלגעמיינעם לעבן פונעם לאַנד אויף פאַרשיידענע געביטן, באַטאָנענדיק גלייכצייטיק די וויכטיקע פּראָבלעמען וואָס אונדזער ישוב וועט האָבן צו לייזן אין די קומענדיקע יאָרן פון זיין עקסיסטענץ. ביי דער דאָזיקער דערעפענונג זיינען איבערגעלייענט געוואָרן באַגריסונגען פאַר אונדזער ישוב פונעם נשיא יצחק בן־צבי, גאָלדע מאיר, ד״ר יעקב צור, געוועזענער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין אַרגענטינע, פון ד״ר נחום גאָלדמאַן, ד״ר ישראל גאָלדשטיין, פונעם פאָרזיצער פון דער כנסת, קדיש לוז, און פון אַ גאַנצער ריי אָנגעזעענע אַנדערע ייִדישע פּערזענלעכקייטן פון דער וועלט און פון ישראל. דאָס וואָרט פון ישראל האָט געבראַכט דער מיניסטער־ראַטגעבער, ד״ר מרדכי אַבידע.

דאָס שלוסוואָרט פון דעם פייערלעכן אַקט, האָט געהאַט דער ד״ר מנחם געלערטער, שליח פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דעם ייִדישן וועלט־לעבן און געקומען צום אויספיר אַז צו זיינע הונדערט יאָר, שטעלט אונדזער ישוב מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין דעם ייִדישן לעבן, אַלס המשך פון דעם פאַרשניטענעם ייִדישן לעבן אין מיזרח־אייראָפּע און אַלס שטיצפּונקט פאַר דער ייִדישער מדינה.

די סעסיעס פונעם קאָנגרעס זיינען פאָרגעקומען זונטיק דעם 28סטן און מאָנטיק דעם 29סטן אויגוסט פון 1960 און זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ערנסט. עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אַלזייטיקע פּראָבלעמען פונעם ישוב. איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט צו באַהאַנדלען איז געווען דער אָנשלוס פון אונדזער ישוב צו דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און נאָך אַ ברייטער דעבאַטע איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, לויט וועלכער אונדזער ישוב האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן נאָך אַנדערע רעזאָלוציעס וועגן פאַרשטאַרקן די ייִדישע דערציִונג, וועגן פאַרטיפן און אויסברייטערן דאָס רעליגיעזע וועזן און וועגן אַ מער־אינטענסיווער אָרגאַניזאַציע פון אונדזער ציבורדיקן לעבן. די דעלעגאַטן זיינען אויך אויפגענומען געוואָרן פייערלעך אין דער אַמבאַסאַדע פון ישראל און עס איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע אזכרה

בײַם דענקמאָל נאָך די קדושים אויפן בית־עולם פון טאַבלאַדאַ. איינער פון די וויכטיקסטע אַספעקטן פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז געווען די אויפמערקזאַמקייט וואָס מען האָט געשענקט דער פראַגע פון דער יוגנט און איר צוקונפט. עס איז אויף דעם כינוס אויך אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַריכט וועגן דעם ציבורדיקן לעבן פון די ספרדים און זייער בײַטראַג צו אונדזער קאָלעקטיוון לעבן.

פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר פון אונדזערע קהילות אין דעם יאָר פון פײַערן הונדערט יאָר יידיש לעבן אין אַרגענטינע, האָט זיך באַקומען דער אויספיר פון אַ ברייט, פאַרצווייגט יידיש לעבן אויף אַלע געביטן, וואָס האָט צו פאַרצייכענען אַ סך וויכטיקע דערגרייכונגען, אָבער וואָס געפינט זיך אין פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציע און קאָאָרדינאַציע און עס איז נייטיק צו שטיין פּערמאַנענט אויף דער וואַך און ווײַטער ציִען דעם פאָדעם פון אונדזער יידישן לעבן אין נישט גאָר קיין לײַכטע באַדינגונגען פון אַ סביבה וואָס לאָקט מיט אירע מעגלעכקייטן און רופט אַרויס אַ באַוועגונג פון אַ לײַכטזיניקער אַסימילאַציע, אָן פּערספּעקטיוון פון אַ העכערן קולטור־ניוואָ.

קאָנפערענצן, קולטור־אַקטן, פּרעמיעס

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, זײַנען אין צוזאַמענהאַנג מיטן פײַערן הונדערט יאָר יידיש לעבן דאָ אין לאַנד, דורכגעפירט געוואָרן קאָנפערענצן און קולטור־אַקטן וואָס האָבן פּאַקטיש אַרומגענומען אַלע ישובים פונעם לאַנד, אָן אויסנאַם. עס איז נישט נייטיק אויסצורעכענען אַלע נעמען פון די ישובים, אָבער מיר ווילן יאָ ברענגען די רשימה פון די וואָס האָבן מיט זייער וואָרט און טאַלאַנט בײַגעטראָגן צום דערפאָלג פון דער דאָזיקער אויפקלערונגסאַקציע. עס זײַנען אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן און לעקציעס אין דער הויפּטשטאָט און פּראָווינץ די ווײַטערדיקע פּערזאָנען: ד״ר טוביה קאַמענשיין, יעקב באָטאָשאַנסקי, משה שענדעריי, פּנחס קאַרפּ, סאַלאָמאָן וואַפּניר, ד״ר כוליאָ קעסעלמאַן, אינזש. ש. ראָזענבערג, אינזש. טענענבוים, אליהו טאָקער, גרעגאָריאָ ווערביצקי, ד״ר ל. מ. פּערעס, כ. אימאַטש, א. פּלאָטקין, אַלבערטאָ גייסער, פּראָפ. לאַזאַראָ שאַלמאַן, ד״ר ב. איסאַיעוו, י. ל. גרוזמאַן ע״ה, מאַרק טורקאָוו, ד״ר חיים שאָשקעס, ד״ר בנימין פרידמאַן, נחמיה צוקער, חיים גראַדע (וועלכער איז געווען דער גאַסט פונעם ישוב) און אַנדערע רעדנערס און פּרעלעגענטן.

אין די קינסטלערישע פּראָגראַמען וואָס האָבן באַגלייט די קאָנפערענצן און אויפקלערונגסאַקטן זײַנען אויפגעטראָטן די קינסטלערס בען באַגוס און מינאַ בערן (פון נאָרד־אַמעריקע), סאַראַ גאַרבי, י. דענקער, דאָרע ווינדלער, מ. פורמאַנסקי, זלמן הירשפעלד, די טעאַטער־טרופּע „אַרטעאַ״, די זינגערין זשעני פּאַסטערנאַק און אַנדערע קינסטלערישע קרעפטן פונעם ישוב. די קאָנפערענצן האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג און האָבן אַרײַנגעבראַכט אַן אויפלעבונג אין די ווײַטסטע ישובים פון לאַנד.

וואָס שייך די פּרעמיעס פאַר די באַשטימטע ליטעראַרישע אַרבעטן אויף דער טעמע „די פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט פון דעם אַרגענטינער יידנטום״, זײַנען די געווינען געוואָרן פון דעם ד״ר ב. איסאַיעוו און ד״ר יוסף ליבערמאַן. די זשורי פון דעם קאָנקורס איז באַשטאַנען פון יעקב באָטאָשאַנסקי, ד״ר לעאָן דוכאָווני, פּראָפ. לאַזאַראָ שאַלמאַן, יוסף מענדעלסאָן און זלמן וואַסערצוג. דעם 24סטן נאָוועמבער פון 1961 האָט די דערמאָנטע זשורי אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג, אויף וועלכער עס זײַנען רעווידירט געוואָרן די באַטרעפנדיקע צוגעשטעלטע מאַטעריאַלן. עס זײַנען געווען דרײַ אַרבעטן, איינע אין צוויי אין יידיש און צוויי אין שפּאַניש. נאָך אַ גענעריקן ישוב־הדעת, האָט די זשורי איינשטימיק באַשלאָסן אַז די אַרבעט אין יידיש באַזיצט נישט די נויטיקע קאָנדיציעס פונעם קאָנקורס און זי קען איבערהויפּט נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט. וואָס שייך די אַנדערע צוויי אַרבעטן, אין שפּאַניש, האָט זיך די זשורי געאייניקט אויף דער מיינונג אַז זיי זײַנען ראוי צו באַקומען די צווייטע פּרעמיע, אין באַטרעף פון 30 טויזנט

פעזעס, יעדע איינע. נאָכן עפּענען די קאָנווערטן, ווו די מחברים האָבן פיגורירט מיט פסעוודאָנימען, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די געווינערס זיינען דער ד״ר ב. איסאַיעוו און דער ד״ר יוסף ליבערמאַן.

וואָס שייך דער אַרבעט וואָס מען האָט באַאויפטראָגט דעם ה׳ מ. שענדעריי וועגן דער געשיכטע פונעם ישוב, האָט ער די אַרבעט רעאַליזירט, לויט עס איז צו דרינגען פון די נאָכאַנאַנדיקע ווענדונגען צו די אינסטיטוציעס פונעם ישוב, אַז זיי זאָלן צושטעלן די נויטיקע דאַטן וועגן זיך, און עס איז צו גלויבן אַז די דאָזיקע אַרבעט וועט פריִער אָדער שפּעטער דערשיינען.

אַן אזכרה אויפן בית־עולם ליניערס פאַר די בויער פון ישוב, אין די ראַמען פון די פייערונגען 100 יאָר ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע.

צווישן דער סעריע אַקטן וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט די פייערונגען פון הונדערט יאָר ייִדיש לעבן דאָ אין לאַנד, איז דער אַקט פון לייגן דעם גרונטשטיין פאַרן בנין פונעם לערער־סעמינאַר, געווען איינער פון די וויכטיקסטע פונעם שטאַנדפּונקט פון ווייטערדיקן המשך פון אונדזער לעבן דאָ. להיפוך צו אַנדערע פייערונגען וואָס האָבן געהאַט

צו טאָן מיט דער פאַרגאַנגענהייט און מיט דער קעגנוואַרט. האָט דאָס לייגן דעם גרונטשטיין פונעם נייעם בנין פאַרן סעמינאַר אויף דער גאַס אַזשאַקוטשאַ 632, געטראָגן אַן אויסדריקלעכן כאַראַקטער פון אונדזער זאָרג פאַר דער ייִדישער דערציִונג אין דער צוקונפט. דער אַקט איז פאָרגעקומען דעם 10טן אַפּריל פון 1960 און האָט געטראָגן אַ פייערלעכן און מאַסן־כאַראַקטער. אונדזער גאַנצער ישוב איז געווען פאַרטראָטן ביי דער דאָזיקער קולטור־שׂימחה און די רעגירונג איז געווען פאַרטראָטן פונעם בילדונגס־ און יוסטיץ־מיניסטער אין יענער צייט, ד״ר לויִס ר. מאַקקעי; פון דעם העכסטן יוסטיץ־אינספעקטאָר, ד״ר כאַנטיאַגאָ בערקאָוויטש, און פון אַנדערע הויכע באַהערדן. ישראל איז געווען רעפרעזענטירט פון דעם דעמאָלטיקן אַמבאַסאַדאָר אין אַרגענטינע, ד״ר אריה לבבי און דעם מיניסטער־ראַטגעבער, ד״ר מרדכי אַבידע. עס האָבן ביי דער געלעגנהייט געהאַלטן פייערלעכע רעדעס דער דעמאָלטיקער פרעזידענט פון דער קהילה, ה׳ אלימלך גוטקין; דער פאָרזיצער פונעם וועד החינוך המרכזי, ד״ר דוד טאַבאַקמאַן, דער דירעקטאָר פונעם לערער־סעמינאַר, ה׳ יוסף מענדעלסאָן, דער דירעקטאָר פון דער שלום עליכם־שולע, חיים פינקעלשטיין, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון אַלע ייִדישע שולעס, דער אַמבאַסאַדאָר ד״ר לבבי און אויך אין נאָמען פון די תלמידים פונעם סעמינאַר האָבן באַגריסט די שילערינס שרה פראַגער און רחל מענדעלסאָן. די קוואַטערס ביים לייגן דעם גרונטשטיין, זיינען געווען דער בילדונגס־מיניסטער, ד״ר מאַקקעי און דער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל, ד״ר א. לבבי. אָנגעפירט מיט דער צערעמאָניע האָט דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון דער קהילה, צבי פיינגערש.

100 יאָר ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע. אַלטע און יונגע מיטגלידער פון דער קהילה אויף אַ פייערונג.

אין זייערע רעדעס האָבן אַלע רעדנערס אָנגעוויזן וואָס עס באַדייט פאַר דער צוקונפט פון

דער יִדישער דערציִונג דאָ אין לאַנד דאָס לייגן דעם גרונטשטיין פון אַ לערער־סעמינאַר. עס זיינען ביי דער געלעגנהייט אויך אָנגעקומען באַגריסונגען פון ישראל און פון יִדישע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע לענדער.

דער סיום פון די פייערונגען פון הונדערט יאָר יִדיש לעבן

ווי מיר האָבן שוין פריִער געזאָגט, זיינען אין משך פון דעם יאָר פאָרגעקומען אַ סך געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַקטן וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות מיט דער פייערונג פון הונדערט יאָר יִדישע לעבן. צווישן די פייערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער פּראָווינץ איז באַזונדערס כדאי צו דערמאָנען דעם אַקט אין מאָזעסוויל, וווּ מען האָט באַערט די פּיאָנערן פון דער יִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

דער סיום פון די פייערונגען פון הונדערט יאָר יִדיש לעבן דאָ אין לאַנד איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דריי סימבאָלישע אַקטן: 1) אַ פייערלעכער קבלת־שבת אין דעם טעמפּל פון דער גאַס פּאַסאָ, פרייטיק דעם 11טן נאָוועמבער פון 1960, פונקט צו די הונדערט יאָר ווען עס איז פאָרגעקומען די אויבן־דערמאָנטע יִדישע חתונה, וואָס סימבאָליזירט דעם אָנהייב פון עפנטלעכן יִדישן לעבן דאָ אין לאַנד; 2) אַן אויפנאַמע אין דער קהילה פאַר די עסקנים פון אונדזערע צענטראַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געלייסטעט זייער מי און אַרבעט פאַר אונדזער ציבורדיקן לעבן און האָבן דערלעבט דעם מאָמענט ווען אונדזער ישוב פייערט הונדערט יאָר זינט זיין אַנטשטייונג; 3) אַ פייערלעכע אַזכרה אויפן בית־עולם פון ליניערס, זונטיק דעם 13טן נאָוועמבער, ב״ים קבר פונעם ערשטן פּרעזידענט פון דער חברה־קדישא, ה׳ מנחם ענקין, נאָך די פּיאָנערן און כלל־טוערס פון אונדזער ישוב.

ביי די אַלע דריי סימבאָלישע אַקטן זיינען דערמאָנט געוואָרן וויכטיקע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון אונדזער ישוב, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרפלאַנצטער אויף אַ נייעם און פרעמדן באָדן, אין צייטן ווען דאָס יִדישע לעבן האָט דורכגעמאַכט דראַמאַטישע פאַרפאָלגונגען אין לענדער ווו יִדיש לעבן איז אַלט געווען הונדערטער און אַפילו טויזנטער יאָרן. עס זיינען דערמאָנט געוואָרן די שוועריקייטן און ניסיונות וואָס די ראשונים זיינען דאָ אויסגעשטאַנען, אַרויסווייזנדיק אויסדויער און אידעאַליזם און ברענגענדיק גרויסע קרבנות אויף צו אַנטוויקלען דעם ישוב. עס זיינען אָנגערופן געוואָרן נעמען פון מענטשן וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען אין אַ צייט ווען דאָס יִדישע לעבן איז נאָך דאָ געווען אין די וויקעלעך, ווען דער ישוב איז עקאָנאָמיש נאָך געווען שוואַך און דאָס גרינדן און בויען יִדישע אינסטיטוציעס איז געווען פאַרבונדן מיט גאָר גרויסע שוועריקייטן. מען האָט אונטערגעצויגן סך־הכלען און דער אונטערצי פונעם חשבון האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גאַנץ היפשער. די פייערונגען פון הונדערט יאָר יִדיש לעבן דאָ אין לאַנד און דער אונטערצי, זיינען געווען מער ווי אַלץ אַ דערמאָנונג פאַר די וואָס שטייען בראש פון אונדזערע אינסטיטוציעס, אַז מיטן פייערן הונדערט יאָר יִדיש לעבן האָבן מיר בלויז געמאַכט אַ גרעסערע סטאַנציע און אַז אונדזער חוב איז דאָס דאָזיקע לעבן ווייטער צו ציִען און אַנטוויקלען.

י. צודיקער

„דאַיאַ״ - די פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון אַרגענטינער ייִדנטום

קורצער אַריינפיר

ס׳וואָלט געווען אפשר אַ סך בעסער, ווען מען הייבט אָן צו דערציילן וועגן די ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייטן פון דער „דאַיאַ״, פון דעם וואָס מיר וועלן דערציילן ביים סוף. מיר וואָלטן דאַן אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דער געוואַלדיק־גרויסער אַרבעט, וואָס די „דאַיאַ״ האָט אָפּגעטאָן אין חודש יוני פון יאָר 1962, אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַנדאַליש־אַנטיסעמיטישע אַקטן, וואָס האָבן זיך פונאַנדערגעפלאַקערט ביי אונדז אין לאַנד און מיט דעם ווירדיקן ווידערשטאַנד, וואָס אונדזער ישוב האָט געגעבן אויף די אַנטיסעמיטישע פּראָוואָקאַציעס — אַ זאַך וואָס איז אָרגאַניזירט און דורכגעפירט געוואָרן, אין גרעסטן טייל, אָדער כמעט אויסשליסלעך, דורך דער צענטראַלער ייִדישער רעפּרעזענטאַנץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דעלעגאַציע (אָדער רעפּרעזענטאַנץ) פון ייִדישע אינסטיטוציעס אין אַרגענטינע״, (פאַרקירצט: „דאַיאַ״).

אָבער כאָטש אַזאַ אופן פון דערציילן, וואָלט געווען אַ לייכטערער, וואָלט ער אָבער פאַר קיין פאַל נישט געווען קיין ריכטיקער. ווייל דאָס וואָלט געקענט שאַפן דעם איינדרוק, אַז די איינציקע, און אפשר אויסשליסלעכע, אַרבעט פון דער „דאַיאַ״ איז דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן אַנטיסעמיטישע איבערפאַלן. דאָס וואָלט געווען בלויז אַ טיילווייזער אמת. אָבער ווייט נישט דער גאַנצער אמת.

און דער גאַנצער אמת איז דער, אַז כאָטש דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר ייִדישע רעכטן און ייִדישער ווירדע, איז אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דער טעטיקייט פון דער „דאַיאַ״, איז דאָס אָבער נישט די גאַנצע אַרבעט אירע. ווייל וואָלט די גאַנצע טעטיקייט פון דער „דאַיאַ״ באַשטאַנען בלויז אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָלט געווען גענוג די אַמאָליקע קערפּערשאַפט, וואָס איז געווען דער אורשפּרונג פון דער „דאַיאַ״ — דער „קאָמיטעט קעגן אַנטיסעמיטיזם״, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1933 און פון וועלכן עס האָט זיך טאַקע שפּעטער אויסגעטיילט די איצטיקע קערפּערשאַפט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דאַיאַ״.

און וואָלטן מיר אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז די איינציקע אַרבעט פון דער „דאַיאַ״ איז בלויז דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָלט מען געדאַרפט גלויבן, אַז אין מאָמענט ווען דער אַנטיסעמיטיזם וועט פאַרשווינדן — און מיר זיינען טיף איבערצייגט אַז פריִער, אָדער שפּעטער וועט דער אַנטיסעמיטיזם מוזן פאַרשווינדן — וועט נישט בלייבן קיין פּלאַץ פאַר קיין „דאַיאַ״־טעטיקייט.

אַזאַ איינשטעלונג איז דורכאויס אַ פאַלשע.

די „דאַיאַ״, נאָך דעם ווי זי איז געוואָרן אויס בלויזער „קאָמיטעט קעגן אַנטיסעמיטיזם״ און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „רעפּרעזענטאַנץ פון ייִדישע אינסטיטוציעס אין אַרגענטינע״, שטעלט

פאַר זיך אַ סך ברייטערע צילן און אויפגאַבן; שטרעבט צו ווערן און איז אין אַ גרויסער מאָס געוואָרן די פאָרשטייערשאַפט און רעפרעזענטאַנץ פון אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס אין אַרגענטינע, וועלכע זי באַמיט זיך צו פאַרטרעטן און פאָרצושטעלן, אַזוי אין פריידן, ווי אין ליידן.

1. עפּעס וועגן די צילן און אויפגאַבן פון דער „דאַיאַ“

מיר קלייבן זיך דאָ נישט צו שרייבן קיין אויספירלעכן טראַקטאַט, אָדער אַ פולשטענדיקע געשיכטע פון דער „דאַיאַ“. מיר ווילן דאָ בלויז איבערגעבן די וויכטיקסטע טעטיקייטן פון דער „דאַיאַ“ פאַר די לעצטע פינף־זעקס יאָר.

זאָל דאָ אָבער פון אָנהייב באַמערקט ווערן, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ קנאַפּע באַקאַנטשאַפט מיט די צילן און אויפגאַבן פון דער „דאַיאַ“, אַז מיר געפינען פאַר נויטיק וועגן דעם צו דערמאָנען, אויף אַ קורצן, זאָל זיין סכעמאַטישן אופן.

עס איז פאַראַן אַ געוואַלדיקע אומבאַקאַנטשאַפט דערמיט וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די „דאַיאַ“; מיט אירע צילן און אויפגאַבן, און אויב מען איז נישט באַקאַנט מיט די צילן פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט, קען פאַרשטענדלעך נישט זיין קלאָר איר טעטיקייט.

נישט לאַנג האָט איינער, אַן אָנגעזעענער פירער פון דער „דאַיאַ“ זיך געקלאָגט אויף דעם, אַז אין דער נישט־ייִדישער וועלט קען מען זייער ווייניק דאָס וואָס עס קומט פאָר אויף דער ייִדישער גאַס און מען קלייבט זיך דאָרט ווייניק פונאַנדער אין דעם וואָס אַזוינס עס איז די „דאַיאַ“, „אַמיאַ“ און ענלעכע ראשי־תיבות. דאָס דאָזיקע קען אויסגעברייטערט ווערן אויך אויף דער ייִדישער גאַס, ווו עס איז פאַראַן אַ קליינע באַקאַנטשאַפט מיט דער „דאַיאַ“ און אין גרעסטן טייל האַלט מען זי פאַר אַזאַ מין קערפּערשאַפט, וואָס — הלוואי מען זאָל זי נישט דאַרפן... דאָס הייסט פאַר אַזעלכע, וואָס איז טעטיק בלויז אין צייטן, ווען עס זיינען דאָ צרות אָדער איבערפאַלן אויף ייִדן.

מען ווייסט אָבער זייער ווייניק וועגן דער דאָזיקער טעטיקייט פון דער „דאַיאַ“, וועלכע עס איז כדאי באַקאַנט צו מאַכן און בעטן, אַז הלוואי זאָלן אַזעלכע טעטיקייטן זיך וואָס אָפטער איבערחזרן.

קודם־כל, איז די „דאַיאַ“ די פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון דער אַרגענטינער ייִדישער קאָלעקטיוויטעט, סיי כלפּי פנים, פאַר דער אייגענער ייִדישער קאָלעקטיוויטעט און סיי כלפּי חוץ, פאַר די אויטאָריטעטן פון לאַנד און פאַר אויסלאַנד.

מיר פאַרמאָגן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ייִדישע קאָלעקטיוויטעט אין אַרגענטינע, וואָס איז די גרעסטע אין גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע און איינע צווישן די וויכטיקסטע אין דער וועלט. אַזאַ מין קאָלעקטיוויטעט האָט אירע אינסטיטוציעס און קערפּערשאַפטן פון פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער: עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, קולטורעלע, פילאַנטראָפּישע אאַז״וו. אָט די אַלע אינסטיטוציעס דאַרפן האָבן זייער פאָרשטייערשאַפט וואָס זאָל זיי פאַרטרעטן און אַרויסברענגען זייערע פּראָבלעמען. אַזאַ פאַרטרעטערשאַפט איז טאַקע די „דאַיאַ“, וואָס ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון ייִדישע אינסטיטוציעס אין אַרגענטינע.

אין איצטיקן מאָמענט זיינען אין דער „דאַיאַ“ אָנגעשלאָסן איבער 120 אינסטיטוציעס פון דער הויפּטשטאָט און זי פאַרמאָגט 54 פיליאַלן, אָדער פאָרשטייערס אין דער גרויסער אַרגענטינער פּראָווינץ.

ווי אַזעלכע, פאַרטרעט די ״דאַיאַ״ די ייִדישע קאָלעקטיוויטעט אין אַלע פּאַטריאָטישע פייערונגען פון נאַציאָנאַלן באַטייט, וועלכע ווערן דורכגעפירט אין לאַנד. באַלד נאָך איר גרינדונג האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַקציע צו שטעלן אַ מאָנומענט דעם גענעראַל כוליאָ א. ראָקאַ, וועלכער איז געווען דער ערשטער אַרגענטינער פּרעזידענט (אין די יאָרן 1880—1886 און שפּעטער 1898—1904) וואָס האָט געעפנט די טויערן פון לאַנד פאַר דער ייִדישער איינוואַנדערונג.

אין יאָר 1950 האָט די „דאַיאַ״ גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די באַערונגען פון דעם יידישן ישוב פאַר דעם באַפרייער פון אַרגענטינע, גענעראַל סאַן מאַרטין, צום הונדערטסטן יאָרצייט נאָך זיין טויט. צווישן אַנדערע באַערונגען, האָט די „דאַיאַ״ איינגעפאַסט אַן אָנדענק־טאָוול אין נאָמען פון דער אַרגענטינער יידישער קאָלעקטיוויטעט אויף דעם „סעררא דע לאַ גלאָריאַ״ אין די אַנדן־בערג — דער באַרג פון דעם באַפרייער.

די „דאַיאַ״ האָט אויך אָרגאַניזירט די באַטייליקונג פון דעם ישוב אין דער באַערונג וואָס די אַרגענטינער רעגירונג האָט דורכגעפירט אין אָנדענק פון דעם גרויסן יידיש־אַרגענטינער שרייבער, מחבר פון „די יידישע גאַוטשאָ״ אַלבערטאָ גערשונאָוו, אָנרופנדיק אויף גערשונאָווס נאָמען אַ באַן־סטאַנציע אין סאַמע מיט פון די יידישע קאָלאָניעס אין דער פּראָווינץ ענטרעריאָס.

חודשלעכער מיטיק פון דאַיאַ דעם 31סטן אויגוסט 1961. „דער רעליגיעזער ראסן־האַס אין דער פּענאַל־רעפאָרם״, עס האָלט אַ פאָרטראַג ביי דעם דאַזיקן מיטיק דער ד״ר סעבּאַסטיאַן סאָלער. עס זענען אויך ביישטיין דעם מיטיק די אינטעלעקטואַלן: ד״ר ל. מ. באַפּי באַגערא (מיניסטער פון דער סופּרעמאַ קאָרטע), ד״ר פראַנציסקאָ לאַפּלאַסאַ (דעקאַן פון יורידישן פאַקולטעט), ד״ר ענריקע בולי־גאַני (עקס דעפּוטאַט).

די „דאַיאַ״ האָט פּאַטראָניזירט דאָס פּלאַנצן אַ וואַלד אויפן נאָמען פון סאַן מאַרטין אין ישראל, צוזאַמען מיטן קרן־קימת; האָט פּאַטראָניזירט אַלע פייערונגען לכבוד די פופציק יאָר יידישע קאָלאָניזאַציע אין לאַנד און האָט ביי דער געלעגנהייט אַרויסגעגעבן אַ ווערטספּיל בוך מיטן נאָמען „פופציק יאָר יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע״ און אַ בראָשור מיטן נאָמען „אַ האַלבער יאָרהונדערט אויפן אַרגענטינער אַקער״; האָט בכלל אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ביכער און בראָשורן, וואָס האָבן אַלס ציל צו באַקענען די נישט־יידישע וועלט מיט דעם וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די יידישע קאָלעקטיוויטעט.

די „דאַיאַ״ האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיסיע פון 150סטן אַניווערסאַר פון דער מאַי־רעוואָלוציע, מיט וועמען זי איז געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט

און צוזאַמען מיט די וויכטיקסטע יידישע אינסטיטוציעס פון לאַנד, האָט זי געשאַפן די ספּעציעלע קאָמיסיע אויך צו פייערן דעם אַניווערסאַר פון דער מאַי־רעוואָלוציע און האָט געשיקט צו דעם דעמאָלטיקן אַרגענטינער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל, ד״ר ראָדאָלפאָ גאַרסיאַ אַריאַס, אַ ביוסט פון גענעראַל סאַן מאַרטין, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין רמת־גן. זי האָט ביי דער געלעגנהייט דורכגעפירט אַן עמאָציאָנעלע צערעמאָניע, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט דער דעמאָלטיקער אינערן־מיניסטער ד״ר וויטאָלאָ, וואָס איז געווען פּרעזידענט פון דער צענטראַלער קאָמיסיע פון די מאַי־פייערונגען.

צוזאַמען מיט דער קהילה פון בוענאָס־איירעס, האָט די „דאַיאַ״ איינגעשטעלט אַ פּרעמיע פאַר דער בעסטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, אָדער פון סטימול פאַר דער וויסנשאַפט. די דאָזיקע פּרעמיע טראָגט דעם נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם עקס־פּרעזידענט פון דער „דאַיאַ״,

אַקט פון פאַרטיילן די מבשן־פּרעמיע אין יאָר 1960.

ד״ר אַברהם מיבשן ז״ל, און ווערט אָנגעפירט פון דעם באַוווסטן פּראָפעסאָר און נאָבעל־פּרעמיע־לאַורעאַט ד״ר בערנאַרדאָ הוסאַי.

מיר האָבן אויסגערעכנט בלויז אַ טייל פון די טעטיקייטן פון דער דאָזיקער וויכטיקער קערפערשאַפט און מיר וועלן שפּעטער דערמאָנען אַנדערע.

אין אַ דאָקומענט אַרויסגעגעבן פון דער „דאַיאַ״, ווערן איבערגעגעבן די הויפּט־צילן פון דער קערפערשאַפט אין פיר פאָלגנדיקע פּונקטן:

1) פאַרזיכערן די פולשטענדיקע פאַראייניקונג פון אונדזער קאָלעקטיוויטעט, אומאָפּהענגיק און איבער די פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אַרום איין טיש, וואָס זאָל מיט זיך פולשטענדיק פאָרשטעלן אונדזער ישוב, סיי אויפן אינערלעכן געביט און אויך אויסערלעך לגבי די נאַציאָנאַלע אויטאָריטעטן;

2) ביטראָגן צו דער בעסערער איינפאַרשטענדעניש פון אונדזער קאָלעקטיוויטעט מיט דער באַפעלקערונג פון לאַנד, פון וועלכע מיר זיינען אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל, דורך אַ כסדרדיקער

אויפקלערונג פון אונדזערע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אייגנטימלעך פאַר אַלע בירגער און איינוווינער פון לאַנד;

3) אַרבעטן אויף אַ כסדרדיקן פּערמאַנענטן אופן אין פאַרטיידיקונג פון אונדזערע אינטערעסן ווי יחידים און ווי בירגער און הויפּטזאַכלעך ווען עס באַווייזן זיך די סימפּטאָמען פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס קומען פון גרופּעס, וואָס באַמיִען זיך צו פאַרשפּרייטן שינאה פון איין סעקטאָר, אָדער איין טייל פון דער באַפעלקערונג קעגן אַ צווייטער;

4) זיך באַמיִען צו געבן די לעגאַלע פאָרמען אין פאַרטיידיקונג פון אונדזערע רעכטן, דורך דער איינשליסונג פון יורידישע רעסורסן, אָנהייבנדיק פון געזעצן, ביז דער קאָנסטיטוציע גופא, זאָלן באַדייטן אַ גאַראַנטיע צו רעספּעקטירן די פּערזענלעכע און מענטשלעכע רעכטן. דאָס וואָס



דער עולם אין זאַל בעתן אַקט פון פאַרטיילן די מבחן־פרעמיע (1960).

עס שטעלט מיט זיך פאַר די בעסטע פאַרטיידיקונג פון מענטשלעכע רעכטן, שטעלט אויך מיט זיך פאַר די פערפעקציאָנירונג פון אונדזערע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס".

די דאָזיקע פיר פונקטן האָבן פאַקטיש זייער אַ סך יורידישע טערמינען. מיר דאַרפן אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דער גרעסטער טייל אַקטיווע טוערס אין דער „דאַיאַ" זיינען יוריסטן. און דאָס איז זייער שפּראַך...

2. פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער „דאַיאַ"־טעטיקייט

פון די אויבן אויסגערעכנטע צילן און אויפגאַבן פון דער „דאַיאַ", איז קלאָר אַז איר אַרבעטס־פעלד איז אַ גרויסער און באַדייטנדיקער און נעמט פאַקטיש אַרום כמעט אַלע שטחים פון יידישן לעבן און עס איז אַ פאַקט, אַז אין אָט די אַלע שטחים האָט די „דאַיאַ" אָנטייל גענומען

אין די ראַמען פון אירע מעגלעכקייטן און זייער אָפט זיך פאַרוואַנדלט אין דער שטויס־קראַפט, וואָס האָט גרופּירט און אָרגאַניזירט די יידישע קאָלעקטיוויטעט און די יידישע אָרגאַניזאַציעס אויף דורכצופירן געוויסע אַקציעס און אונטערנעמונגען.

מיר שרייבן דאָ נישט קיין געשיכטע פון דעם יידישן ישוב פון לאַנד, אפילו נישט די געשיכטע פון דער „דאַיאַ”. מיר מיינען אָבער, אַז דער קומענדיקער היסטאָריקער וואָס וועט זיך יאָ צורירן צו דער דאָזיקער געשיכטע, וועט זיך דאַרפן היפּש גריבלען אין די ארכיוון פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט, כדי זיך צו דערוויסן אַ סך געשעענישן אין יידישן לעבן פון די הייַנטיקע יאָרן.

חודשלעכער מיטיק פון דער דאַיאַ דעם 28סטן סעפּטעמבער 1961 (3טער מיטיק). „טאָטאַליטאַריזם און פּאַרלאַמענטאַריזם”. מיט דער באַטייליקונג פון די עקס סענאַטאָרן און דעפּוטאַטן: ד״ר אַנסעלמאָ מאַריני (עקס דעפּוטאַט), ד״ר אַניבאַל דאַווילאַ (עקס סענאַטאָר) און ד״ר מאַנועל בעלניקאָף (עקס דעפּוטאַט).

זיי זיינען פאַראַן פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע. צום באַדויערן מער נעגאַטיווע ווי פּאָזיטיווע. אָבער אין ביידע האָט די „דאַיאַ” גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, ווי דאָס דאַרף טאָן אַ פאָרשטייערשאַפט, אָדער אַ רעפּרעזענטאַנץ פון יידישע אינסטיטוציעס.

מיר וועלן פאַרצייכענען איניקע געשעענישן ביי אונדז אין לאַנד פאַר די לעצטע פינף יאָר.

אין יאָר 1957 איז אין אַרגענטינע צוזאַמענגערופן געוואָרן די קאָנסטיטואַנטע, וואָס האָט געהאַט אַלס ציל דורכצופירן געוויסע רעפאָרמען אין דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע און זי צופּאַסן צו דער איצטיקער צייט.

די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע רעכנט זיך פאַר איינע פון די דעמאָקראַטישסטע קאָנסטיטוציעס אין דער וועלט. זי איז אינספּירירט געוואָרן פון דעם גייסט פון דעם גרויסן אַרגענטינער דענקער און הומאַניסט כואַן באַוטיסטאַ אַלבערדי; זיינע באַרימטע „באַזעס” זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען די הויפּט־באַזעס פאַר דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע. ווען מען האָט אין אַמאָ־

ליקן דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד געשאַפן די קאָנסטיטוציע פון ווײַמאַר, האָט מען גענומען אַלס מוסטער די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע.

די שלעכטע זייט פון ביידע קאָנסטיטוציעס און פון אַלע קאָנסטיטוציעס אין דער וועלט בכלל, איז דאָס וואָס מען היט זיי נישט אָפּ און מען פירט זיי נישט דורך, אָדער מען פירט זיי דורך אויף אַ שלעכטן אופן. שוין דער באַרימטער ייִדיש־דייטשישער סאָציאַליסט פערדינאַנד לאַסאַל, האָט אין זיין באַקאַנטער בראָשור „דער עיקר פון דער קאָנסטיטוציע" פעסטגעשטעלט, אַז „דער עיקר איז נישט דער טויטער אות פון דער קאָנסטיטוציע, נאָר די לעבעדיקע דורכפירער".

עס איז אויך געווען פאַרשטענדלעך, אַז אין יאָר 1957 זיינען די לעבנס־באַדינגונגען אַנדערע ווי אין יאָר 1853, דאָס יאָר ווען די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן. אויך די „דאַיאַ" האָט פאַרשטאַנען אַז עס דאַרפן דורכגעפירט ווערן געוויסע רעפאָרמען אין דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע, בכדי זי צוצופאַסן צו דער איצטיקער צייט. הויפּטזאַכלעך האָט די „דאַיאַ" געהאַלטן, אַז עס דאַרפן געמאַכט ווערן רעפאָרמען אין דעם אַרטיקל 16 פון דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע, אין וועלכן עס ווערט פעסטגעשטעלט, אַז „די אַרגענטינער מלוכה אַנערקענט נישט קיין פאָרצוגלעכע רעכטן פון יחוסדיקן בלוט אָדער געבורט: נישטאָ אין איר קיין פּערזענלעכע פּריווילעגיעס און קיין אַדל־טיטלען. אַלע אירע איינוווינער זיינען גלייך פאַרן געזעץ און ווערן אָנגענומען אויף אַמטן אָן אַ שום אַנדער באַדינג אַ חוץ זייער פעיקייט. די גלייכהייט איז די באַזע פון שטייער און פון די מלוכה־לאַסטן". צום דאָזיקן אַרטיקל, האָט די „דאַיאַ" געוואָלט צוגעבן די אַרטיקלען 2 און 7 פון דער אוניווערסאַלער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער „אונ" און אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דער גלייכהייט פון אַלע מענטשן פאַרן געזעץ, אָן אונטערשייד פון ראַסע און גלויבן.

די דאָזיקע צוגאָבן פון דער „דאַיאַ" צו דער רעפאָרם פון דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע, האָבן געהאַט אַלע שאַנסן אָנגענומען צו ווערן. אַלע דעמאָקראַטישע כּחות פון לאַנד, וואָס זיינען געווען פאַרטראָטן אין דער קאָנסטיטואַנטע, האָבן צוגעזאָגט זייער אָנשלוס צו די געבעטענע ענדערונגען. די רעדאַקציע־קאָמיסיע האָט דאָס שוין געהאַט אָנגענומען. עס איז אָבער געשען דער באַדויערונגסווערטער פאַל מיטן צוריקציִען זיך פון געוויסע פּאַרטייען פון דער קאָנסטיטואַנטע־פאַרזאַמלונג וואָס איז געבליבן אָן אַ קוואָרום און עס זיינען פאַקטיש נישט דורכגעפירט געוואָרן קיין שום רעפאָרמען אין דער קאָנסטיטוציע, אויך נישט די פאָרגעלייגטע רעפאָרם פון דער „דאַיאַ".

די „דאַיאַ" האָט אויך אינטערווענירט וועגן דעם ענין ייִדישע אימיגראַציע קיין אַרגענטינע. עס איז פאַקטיש אין ערגעץ נישטאָ קיין פאַרבאָט קעגן ייִדישער איינוואַנדערונג אין לאַנד און קיין שום העכערער באַאַמטער האָט קיין מאָל נישט גערעדט וועגן פאַרווערן ייִדן אַריינצוקומען אין לאַנד; עס איז נישטאָ קיין געזעץ און קיין איינוואַנדערונגס־פאַרבאָט, עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז די אימיגראַציע פון ייִדן אין לאַנד ווערט כּסדר שטאַרק באַשרענקט.

בכלל גענומען, האָט אַרגענטינע אויפגעהערט צו זיין דאָס לאַנד פון איינוואַנדערונג, ווי דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק. עס קומען בכלל אַריין ווייניק אימיגראַנטן, אָבער גאָר ווייניק, אָדער כּמעט גאָר נישט קיין ייִדן, מיסתּמא זיינען שוין פאַראַן אַזעלכע וואָס „זאָרגן" זיך דערפאַר אַז קיין „צו פיל" אָדער אין גאַנצן קיין ייִדן זאָלן אין לאַנד נישט אַריינקומען.

די „דאַיאַ", צוזאַמען מיט דעם אימיגראַנטן־שוץ־פאַראיין „סאָפּראָטימיס" האָט זיך באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע, וואָס עס האָט אויפגענומען דער דעמאָלטיקער מלוכה־פּרעזידענט אַרטוראָ פראָנדיסי. אין דער דאָזיקער דעלעגאַציע האָט זיך אויך באַטייליקט ד״ר טשאַרלעס ל. איזראַעלס, פּרעזידענט פון דעם „האַיאַס". די דעלעגאַציע האָט אַרויסגעשטעלט אין דער גאַנצער ברייט די פראַגע פון אַריינלאָזן ייִדן אין לאַנד און האָט אָנגעוויזן אַז דאָס שכנותדיקע בראַזיל האָט געגעבן אַ דערלויבעניש דריי טויזנט ייִדישע פאַמיליעס, אָפּשטאַמיקע פון צפון־אַפריקע, אויף צו באַזעצן זיך אין לאַנד.

צום באַדויערן איז אויך אויפן דאָזיקן געביט כמעט גאָר נישט דערגרייכט געוואָרן. דער מלוכה־פּרעזידענט האָט נישט אָפּגעזאָגט, אָבער אויך גאָר נישט צוגעזאָגט און אַלץ איז געבליבן ביים אַלטן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן די דאָזיקע ענינים די קאָנסולן אויף די פּלעצער, וואָס דאָס מיינט — אַ פּאַקטישער אָפּזאָג.

עס איז בלויז עפּעס דערגרייכט געוואָרן וועגן די אַזוי־גערופענע „אומלעגאַלע אימיגראַנטן״, וועמענס צאָל עס האָט דערגרייכט צו עטלעכע טויזנט. דאָס זיינען געווען אַנטלאָפענע און געראַטעוועטע פון אַלע פייערן און אַלע געטאָס, וואָס האָבן דערגרייכט צו די ברעגן פון אַרגענטינע, טאַקע אויף אַן אומלעגאַלן אופן. די רעגירונג האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וואָס האָט די אַלע „אומלעגאַלע אימיגראַנטן״ געגעבן אַ מעגלעכקייט אין פאַרלויף פון זעקס חדשים צו רעגילירן זייער סיטואַציע און באַקומען אַרגענטינער דאָקומענטן.

מיטיק פון דער דאַיאַ דעם 17טן מאַי 1962. „די פעלקער אין זייער שטרעבונג צו אומאָפּהענגיקייט״. עס האָבן זיך באַטייליקט די אינטעלעקטואַלן: ד״ר כאָסע פּעקאָ, ד״ראַ מאַרגאַריטאַ אַרוגאַס, ד״ר ל. מ. באַפּי באַגעראַ.

עס ווערט אויך דערלויבט די איינוואַנדערונג פון יחידים, קרובים פון ערשטן גראַד (ווי קינדער, עלטערן, ברידער און ענלעכע). צום באַדויערן זיינען נאָך די שרעקלעכע שחיטות אויף ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע געבליבן זייער ווייניק קרובים פון דעם קלאַס און פאַר עפּעס ווייטערע קרובים ווערן אָנגעהאַלטן די פריִערדיקע באַשרענקונגען.

אַ סך מער איז דערגרייכט געוואָרן אויפן געביט פון אָפּשרייען די גזירה אויף דער ייִדישער שפּראַך.

עס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט קלאָר, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער פאַרבאָט צו רעדן ייִדיש אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. עס איז אַפילו נישט זיכער צי ס'איז טאַקע גע־

ווען אַזאַ פאַרבאָט, אָדער עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ פּשוטן ווילקיר פון אַ פּאָליציי־באַאַמטן. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז מען האָט אַ לאַנגע צייט נישט דערלויבט צו רעדן קיין ייִדיש אויף עפנטלעכע אַקטן, סיידן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסלענדישע געסט. מיט אַזעלכע געסט האָט מען געוואָלט לעבן בשלום.

עס איז ביז היינטיקן טאָג שווער צו פאַרגעסן די חרפּה, וואָס ייִדן האָבן געפילט ביים פאַרבאָט צו רעדן אויף דער שפּראַך וואָס זיי רופן אָן „מאַמע־לשון״. באַזונדערס האָט דער דאָזיקער ענין געשמעקט מיט נאָך עפּעס ערגערס. מיר געדענקען אַלע גוט ווי און מיט וואָס עס פלעגן זיך פאַרענדיקן די פאַרבאָטן קעגן רעדן ייִדיש. אויך ביי אונדז האָט מען אַמאָל געמאַכט אַ פּרווו צו פאַרבאָטן ייִדישע צייטונגען און זשורנאַלן, און וואָלט זיך דאָס איינגעגעבן, וואָלט מען מיסתּמא געגאַנגען נאָך ווייטער; עס איז געווען אין דער צייט פון שווידערלעכן היטלעריסטישן אויפשטייג, ווען היטלער האָט געהאַט אונטער זיין בלוטיקן שטיוול גאַנץ אייראָפּע און זיך געקליבן צו ווערן דער באַלעבאָס פון דער גאַנצער וועלט.



דער בראָנדז־טאָוול וואָס די מוניציפּאַליטעט האָט צוגעפעסטיקט אויפן סקווער וועלכער האָט באַקומען דעם נאָמען „שלום־עליכם״.

צום גליק איז דער „דאַיאַ״ געלונגען צונישט צו מאַכן די דאָזיקע שענדלעכע גזירה קעגן ייִדישן לשון, וואָס האָט פאַקטיש באַדייט אַ גזירה און אַן אַטענטאַט קעגן דער גאַנצער ייִדישער קאָלעקטיוויטעט.

עס איז אויך געלונגען אין סוף פון 1957 דורכצופירן אַז עס זאָל אויפהערן צו דערשיינען אין בוענאָס־איירעס דער נאָצי־נאַציִשער זשורנאַל „דער וועג״, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין לאַנד און פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט.

מען האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, כאָטש מען האָט אינטואיטיוו געפילט, אַז אַרגענטינע איז איינע פון די נאַציִשע הויפּט־צענטערן אין דער וועלט. די מעשה אייכמאַן איז פאַרגעקומען ערשט אַ צייט שפּעטער. עס איז אָבער געווען שטאַרק דערווידער די ייִדישע און מענטש־

לעכע געפילן פון דעם היגן ישוב, וואָס גראָד פון אַרגענטינע, פון דעם לאַנד וואָס האָט די גרעסטע ייִדישע קאָלעקטיוויטעט, וואָס האָט אַ סך בייגעטראָגן פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד, אַז גראָד פון דאַנען זאָל פאַרשפּרייט ווערן דער נאַצישער און אַנטיסעמיטישער סם איבער דער וועלט. „דער וועג" און זיין רעדאַקטאָר עינאַר אַלבערג, זיינען סוף פון יאָר 1957 אַוועק פון אַרגענטינע קיין שוועדן. אָבער דאָרטן האָט דער אַנטיסעמיטישער זשורנאַל לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און איז אונטערגעגאַנגען.

עס איז אונטערגעגאַנגען דער אַנטיסעמיטישער זשורנאַל אָבער בשום אופן נישט דער אַנטיסעמיטיזם גופא, וואָס האָט זיך גראָד אין די לעצטע יאָרן פאַרשטאַרקט איבער אַ גאַנצע ריי לענדער און אויך ביי אונדז אין אַרגענטינע.

די „דאַיאַ" האָט אויך אינטערוועניִרט אין אַ גאַנצע ריי פאַלן אין פּראָווינצן וועגן דעם ענין פון קאַטוילישער דערציִונג אין די אָפיציעלע מלוכה־שולעס.

עס איז פאַר אַלעמען באַקאַנט, אַז איינע פון די זאַכן מיט וועלכע עס האָט זיך אויסגעצייכנט די אַרגענטינער פאָלקס־שולע, וואָס איז די שולע פון גרויסן שטאַטסמאַן און דערציִער דאָמינגאָ פאַוסטינאָ סאַרמיענטאָ, איז געווען איר וועלטלעכער כאַראַקטער. דאָס האָט אויך דערמעגלעכט, אַז קינדער פון אימיגראַנטן, וואָס פון זיי באַשטייט די גרעסטע מערהייט פון דער אַרגענטינער באַפעלקערונג, זאָלן זיך נישט פילן צעטיילט צוליב רעליגיעזע מאָטיוון.

אָבער שוין אַ לענגערע צייט ווי עס בלאָזן אַנדערע ווינטן אין אַרגענטינע. נאָך אין יאָר 1931, ווען עס איז איינגעשטעלט געוואָרן די אורובוריסטישע דיקטאַטור אין לאַנד, האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן וועגן איינפירן רעליגיעזן, אין דעם פאַל — קאַטוילישן אונטערריכט אין די שולעס. אין אַ גאַנצע ריי פּראָווינצן און אויך אין דער הויפּטשטאָט, האָט מען איינגעפירט די לערע פון „מאָראַל", אַ זאַך וואָס עס איז גאַנץ שווער צו דעפינירן, וואָס אַזוינס מען מיינט ז׳ערמיט. אַ פאַקט איז אָבער, אַז ייִדישע קינדער און אויך קינדער פון אַנדערע גלויבנס פילן זיך גאַנץ שלעכט בעת די דאָזיקע „מאָראַל"־לעקציעס און דערפאַר זיינען זיי נישט אָבליגאַטאָריש. אָבער דער פאַקט גופא פון דאַרפן אַוועקגיין בעת די לעקציעס, שאַפט אַן אונטערשייד צווישן די קינדער און אַ געוויסן אויפרודער אין דער קינדערשער נשמה.

אין די לעצטע פינף יאָר האָט זיך די אָפענסיווע קעגן דער וועלטלעכער פאָלקס־שולע פאַרשטאַרקט. פון אָנהייב האָט זיך דאָס געהאַנדלט וועגן שאַפן „פרייע" (לייען: קאַטוילישע) אוניווערסיטעטן, שפּעטער איז דאָס איבערגעגאַנגען צו איינפירן רעליגיעזע (לייען נאָך אַ מאָל: קאַטוילישע) דערציִונג אין די שולעס. דער לעצטער עטאַפּ איז דאָס אַרויסנעמען די פאָלקס־שולעס פון דער נאַציאָנאַלער יוריסדיקציע און זיי איבערגעבן די פּראָווינצן.

און ווער עס קען די אַרגענטינער פּראָווינצן און ווייסט דעם שטענדיקן פינאַנסיעלן קריזיס וואָס די דאָזיקע פּראָווינצן מאַכן דורך, דער ווייסט אויך, אַז דאָס איבערנעמען די דערציִונגסאַנשטאַלטן באַטייט פאַר די דאָזיקע רעגירונגען אַ שטאַרקע פינאַנסיעלע לאַסט, מיט וועלכע זיי וועלן זיך נישט אַזוי לייכט ספּראַווען און דעריבער וועלן זיי מוזן אָנקומען נאָך מאַטעריעלע הילף צו די דאָרטיקע פינאַנץ־קרייזן: צו די תקיפים און צום קלער, וועלכע וועלן משפיע זיין און לייגן זייער שטעמפּל אויף דעם גייסט און כאַראַקטער פון די פאָלקס־שולעס.

דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז די דאָזיקע שולעס וועלן זיין אַנטיסעמיטישע, אָדער אַנטי־ייִדישע, זיי וועלן אָבער שאַפן אַן אַטמאָספער, וואָס וועט זיין שווער פאַרן ייִדישן קינד.

די „דאַיאַ" האָט רעאַגירט קעגן דעם, אָבער אַ ביסל צו שפּעט און האָט דערביי נישט געהאַט די געהעריקע מיטהילף פון די פיליאַלן אין דער פּראָווינץ. אַ גאַנצע ריי פּראָווינץ־פיליאַלן האָבן נישט געענטפערט אויף די ווענדונגען פון דער „דאַיאַ", אָדער געענטפערט צו־שפּעט. און עס האָט זיך גאַנץ ריכטיק אויסגעדריקט איינער פון די הויפּט־פירער פון דער „דאַיאַ": „פונקט ווי מיר זיינען זיכער, אַז אין איצטיקן מאָמענט איז שוין אוממעגלעך אָפּצושרייען די דורכגעפירטע ענדערונגען אין דעם שול־וועזן פון געוויסע פּראָווינצן, אַזוי זיינען מיר זיכער, אַז מען

וואָלט געקענט די דאָזיקע ענדערונגען יאָ אָפּשרייען, ווען מען וואָלט אָנגענומען די מיטלען אין דער געהעריקער צייט״.

אַלס רעזולטאַט פון נישט אָננעמען די מיטלען אין דער געהעריקער צייט, זיינען אין די פּראָווינצן קאַטאַמאַרקאַ, קאָרדאָבאַ, סאַלטאַ, סאַנטאַ־קרוז און טוקומאַן איינגעפירט געוואָרן די רעליגיעז־קאַטוילישע לימודים אין די דאָרטיקע מלוכה־שולעס. אין דער פּראָווינץ בוענאָס־איירעס האָט מען איינגעפירט דעם לימוד פון „מאָראַל״ אין די שולעס. אין אָט די אַלע פאַלן גיט מען אַ מעגלעכקייט די יידישע שול־קינדער און די קינדער פון די אַנדערש־גלויביקע קאָלעקטיוויטעטן אַרויסצוגיין בעת די לעקציעס און אין די אַנדערע פּראָווינצן האָט מען דערווייל די דאָזיקע פראַגע אַראָפּגענומען פון טאָג־אָרדענונג.

3. פאָזיטיווע דערגרייכונגען פון דער „דאַיאַ״

מיר האָבן ביז איצט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ריי ווענדונגען וואָס די „דאַיאַ״־אויטאָריטעטן האָבן געמאַכט צו די פאָרשטייער פון דער רעגירונג אין לאַנד. עס זיינען אויך געווען ווענדונגען צו פאַרשיידענע אַנדערע רעגירונגען, ווי צו דער רעגירונג פון ראַטנפאַרבאַנד, רומעניע, צו די פאָרשטייער פון די רעגירונגען פון מאַראָקאָ, טוניס און עגיפּטן, וועגן אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען אין זייערע לענדער, וואָס כאָטש מען האָט געוווּסט פאָרויס דעם רעזולטאַט וואָס די ווענדונגען וועלן האָבן, האָט מען דאָך געהאַלטן פאַר דעם יידישן חוב די דאָזיקע ווענדונגען צו מאַכן.

מיר ווילן אָבער אויך דערמאָנען אַ גאַנצע ריי פאָזיטיווע דערגרייכונגען, וואָס עס האָבן געהאַט די „דאַיאַ״־ווענדונגען צו די מלוכה־אינסטאַנצן און וואָס זיינען אין אַ גרויסער מאָס געוואָרן אַ כבוד פאַר דער יידישער קאָלעקטיוויטעט אין לאַנד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די גרויסע פייערונגען, וואָס דער יידישער ישוב אין לאַנד, צוזאַמען מיט דער יידישער באַפעלקערונג פון דער גאַנצער וועלט האָבן דורכגעפירט צום הונדערטסטן געבוירן־יאָר פון גרויסן פאָלקס־שרייבער שלום־עליכם, האָט די „דאַיאַ״ געמאַכט אַ ווענדונג צום שטאָט־ראַט פון בוענאָס־איירעס, אַז עס זאָל באַשטימט ווערן אַ פּלאַץ אויפן נאָמען פון דעם גרויסן יידישן פאָלקס־שרייבער.

די דאָזיקע ווענדונג האָט באַקומען אַ גינסטיקן ענטפער און אָפּקלאַנג. אין דעם היגן שטאָט־ראַט, וואָס האָט פאָרטראָטן די פאַרשיידנאַרטיקסטע ריכטונגען פון דער אַרגענטינער באַפעלקערונג, זיינען נישט געווען קיין שום קעגנער צו דער געמאַכטער ווענדונג. פאַרקערט, מען האָט אין דעם איינגעזען אַ מיטל צו קולטור־דערנענטערונג צווישן די פעלקער, מיטן אַרויסהייבן אַזעלכע ווערטן ווי עס שטעלט מיט זיך פאָר דער גרויסער יידישער שרייבער און הומאָריסט שלום־עליכם.

עס איז אויסגעטיילט געוואָרן דער פּלאַץ, אָדער „פּלאַסאָלעטאַ״ וואָס געפינט זיך צווישן די גאַסן לאַוואַזשע־קאָרדאָבאַ און גאַסקאָן, און די פייערונג וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים געבן די דאָזיקע „פּלאַסאָלעטאַ״ דעם נאָמען שלום־עליכם און דאָס אָנשלאָגן דעם טאָוול מיט דעם נאָמען פון גרויסן יידישן פאָלקס־שרייבער, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתדיקער מאַניפעסטאַציע פון פאַרערונג פאַר דעם גרויסן יידישן שרייבער און פאַר דער יידישער קאָלעקטיוויטעט

אויף דער פייערונג פון געבן דעם סקווער דעם נאָמען שלום־עליכם, האָבן גערעדט דער סעקרעטאַר פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער מוניציפּאַליטעט, ד״ר אַלדאָ אַרמאַנדאָ קאַקאָ, וואָס האָט געזאָגט וואַרעמע ליב־ווערטער פאַר דער יידישער קאָלעקטיוויטעט און פאַר דעם שרייבער שלום־עליכם, און עס האָט אויך גערעדט דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער „דאַיאַ״, ד״ר אַברהם מיבשן ז״ל. עס איז אויך געווען אַ קינסטלערישער פּראָגראַם געווידמעט שלום־עליכמען, דורכגעפירט פון דעם אַרטיסט יוסף מאַורער, וואָס האָט רעציטירט שלום־עליכמס ווערק אין יידיש און שפּאַניש.

פון נישט קיין קלענערער באַדייטונג, איז דאָס אָנרופן אַ גאַנצע ריי גאַסן מיט דעם נאָמען מדינת־ישראל, אָדער אויף שפּאַניש „עסטאַדאָ דע איזראַעל״. איינע פון די גאַסן גרענעצט זיך טאָקע מיט דעם שלום־עליכם־פּלאַץ און ציט זיך פון דער גאַס גאַסקאָן ביז קאָרריענטעס. אויך דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אַ ווענדונג פון דער „דאַיאַ״.

אויף וויפל די דאָזיקע גאַס איז אַ פרייד און שטאָלץ פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג, אויך אַזוי פיל איז זי אַ דאָרן אין אויג ביי אַלע ייִדישע שונאים. און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטיסעמיטישע כוואַליע פון די צעבושעוועטע „טאַקואַראַ״־באַנדעס, האָבן שמוציקע הענט פאַראומרייניקט די שילדלעך פון דער דאָזיקער גאַס מיט סמאָלע־באָמבעס.

אויפנאַמע פון דער דאַיאַ פאַר פּראָפּ׳ באָריס כיין. פון רעכטס צו לינקס: ד״ר ב. הוסאַי, פאָרשטייער פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע י. ענוג, פּראָפּ׳ אַלעכאַנדראָ קעסאַבלאַסי, געוועזענער מיניסטער ד״ר קאַרלאָס אַדראָגע, פּרעזידענט פון דער דאַיאַ ד״ר יצחק גאָלדענבערג, פּראָפּ׳ ב. כיין (רעדט), פּראָפּ׳ סאַראַ דע דעקאָורגעז און ד״ר משה גאָלדמאַן.

און עס איז פאַר אונדז אַלעמען געווען אַ פרייד זיך צוצוקוקן, ווי עס האָט אויף דעם רעאַגירט די געזונטע אַרגענטינער געזעלשאַפט. דער באַקאַנטער שפּאַניש־וואַסקישער גייסטלעכער און הומאַניסט לאַנסאַ דעל וואַסטאָ האָט געבראַכט אַ לייטערל און האָט מיט די אייגענע הענט אָפּגעוואַשן די סמאָלע־פלעקן פון די שילדלעך מיט דעם נאָמען „עסטאַדאָ דע איזראַעל״. דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ סך מער טרייסט, ווי דער פאַרדרוס וואָס עס האָט געקענט אַרויסרופן די שמוציקע אַרבעט פון אַ גרופּע אַנאָנימע כוליגאַנעס.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז גאַסן און פּלאַצעס אויפן נאָמען פון מדינת־ישראל, געפינען זיך

אין אַ ריי שטאָט פון דער פראָווינץ, ווי סאַן־מאַרטין, באַהיאַ־בלאַנקאַ, פּאָסאַדאַס א״אַנד. דאָס איז אַלץ צו פאַרדאַנקען די אינטערווענץ פון די „דאַיאַ״־פיליאַלן אין די געגעבענע ערטער.

די „דאַיאַ״ איז גוט באַקאַנט אין די רעגירונגס־קרייזן, ווו מען באַטראַכט זי אַלס די אָפּיציעלע אויטאָריטעט און פאָרשטייערין פון דער ייִדישער קאָלעקטיוויטעט.

מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם 150סטן אַניווערסאַר פון דער מאַי־רעוואָלוציע. ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די צענטראַלע קאָמיסיע אויף דורכצופירן די דאָזיקע פייערונגען, האָט די דאָזיקע קאָמיסיע זיך געווענדעט צו דער „דאַיאַ״, אַז זי זאָל זיך באַטייליקן ווי אַ פאָרשטייערין פון דעם ייִדישן ישוב, אַ זאַך וואָס די „דאַיאַ״ האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען און מיט גרויס אַחריות דורכגעפירט. עס זיינען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דורכגעפירט געוואָרן אַ ריי פייערונגען צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג און אינסטיטוציעס. אויף איינע פון די דאָזיקע פייערונגען, וואָס איז אויך פאַרבונדן געוואָרן מיט דעם הונדערטסטן אַניווערסאַר פון דעם היגן ייִדישן ישוב, האָט זיך, ווי דערמאָנט, באַטייליקט דער דעמאָלטיקער אינערן־מיניסטער אַלפרעדאָ ראָקע וויטאָלאָ, וואָס האָט געהאַלטן אַ פּרעכטיקע רעדע מיט אַ סך פאַרדינטע לויב־געזאַנגען פאַר דער ייִדישער קאָלעקטיוויטעט.

די „דאַיאַ״ איז אויך גוט באַקאַנט אין די אַרגענטינער וויסנשאַפטלעכע קרייזן, מיט דער איינגעשטעלטער פרעמיע פון הונדערט טויזנט פעזאָס יערלעך, פאַר דער בעסטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. די דאָזיקע פרעמיע ווערט געגעבן צוזאַמען מיט דער קהילה פון בוענאָס־איירעס און טראָגט דעם נאָמען פון דעם וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען פּרעזידענט פון דער „דאַיאַ״ און אויך פון דער קהילה — פון פאַרשטאָרבענעם ד״ר אַברהם מיבשן ז״ל. יאָר־יערלעך קומט זיך צוזאַמען צענדלינגער אַרגענטינער וויסנשאַפטסלייט בעת דעם אויסטיילן די דאָזיקע פרעמיע.

די אַרגענטינער וויסנשאַפטלעכע און פּאָליטישע וועלט קען אויך די „דאַיאַ״ אַ דאַנק די חודשלעכע צוזאַמענקונפטן, אין דער פאָרעם פון מיטאָגן, וואָס ווערן אין די לעצטע צוויי יאָר דורכגעפירט און צו וועלכע עס ווערן איינגעלאַדן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן פון דער אַרגענטינער פּאָליטישער, קולטורעלער און וויסנשאַפטלעכער וועלט.

ערב די ימים־נוראים און אויך ערב פסח ווענדט זיך די „דאַיאַ״ צו די געהעריקע אינסטאַנצן, אַז מען זאָל באַפרייען אויף די טעג די ייִדישע סאָלדאַטן און אַז די ייִדישע שילער זאָל נישט פאַררעכנט ווערן דאָס פעלן צו די לימודים אין די דאָזיקע טעג.

די דאָזיקע און ענלעכע ווענדונגען, ווערן שטענדיק גענומען אין אַכט.

4. דער אַנטיסעמיטיזם אין אַרגענטינע

עס וואָלט געווען ווייט נישט ריכטיק, ווען מיר וואָלטן געזאָגט, אַז אין אַרגענטינע איז קיין מאָל נישט געווען קיין אַנטיסעמיטיזם. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין אַרגענטינע איז נישט קיין איינגעוואָרצלטער, ווי ער איז דאָס, צום באַדויערן געווען (און איז דאָס אפשר נאָך ביז היינט) אין אַ גרויסן טייל לענדער פון מיזרח־אייראָפּע.

דער אַנטיסעמיטיזם אין אַרגענטינע, איז נישט קיין איינגעוואָרצלטער און נישט קיין געבוירענער ביי אונדז אין לאַנד, נאָר אַן אימפּאָרטירטער פון אַנדערע און פרעמדע לענדער. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס געוויסע טיילן פון די אַנטיסעמיטישע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס ווילן זיך דווקא קליידן אין פּאַטריאָטישע מאַנטלען און גיבן זיך אַלטע היסטאָרישע נעמען.

נאָך איינע פון די אייגנשאַפטן פון אַרגענטינער אַנטיסעמיטיזם, איז דאָס וואָס ער איז דערווייל נישט קיין אָפענער, ווי אין די אַלטע אייראָפּעישע היימען, נאָר אַ באַהאַלטענער. עס איז דאָ זעלטן צו געפינען אַ פערזאָן, אָדער פּאַרטיי, וואָס זאָל זיך אָפן דערקלערן ווי אַן אַנטיסעמיטישע; אַפילו די טרויעריק־באַרימטע „טאַקואַראַ״־באַנדע, דערקלערט אָפט מאָל — ווען עס לוינט איר — אַז זי האָט גאָרנישט קעגן ייִדן, זי איז בלויז „קעגן דעם וואָס אַרגענטינער געבוירענע פאָרן אַוועק און מאַכן דורך מיליטער־דינסט אין ישראל״...

עס זיינען פאַרשטייט זיך אויך פאַראַן אויסנאַמען; עס איז געווען דער טרויעריק־באַרימטער אַנטיסעמיט הוגאָ וואַסט, דער מחבר פון די עקלדיקע ביכער „אָראָ" (גאָלד) און „קאַהאַל"; עס איז געווען און איז נאָך אפשר פאַראַן דער זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיט קאַרלאָס סילווײַראַ, רעדאַקטאָר פון דער שמוציק־פּאָרנאָגראַפישער „שטירמער"־אויסגאַבע, די „קלאַרינאַדאַ" און עס איז אויך פאַראַן דער „גייסטלעכער" כוליאָ מעינוויעללע, דער מחבר פון דעם פּאַסקוויל „דער ייִד אין דער מיסטעריע פון דער געשיכטע" און רעדאַקטאָר פון דער אַנטיסעמיטישער אויסגאַבע פון דער „גוואַרדיאַ רעסטאַוראַדאָראַ נאַסיאָנאַליסטאַ" — „קאָמבאַטע". אָבער די פּאָר אויסגערעכנטע, צו וועלכע מען קען צורעכענען נאָך אייניקע, זיינען די אויסנאַמען וואָס באַשטעטיקן דעם כלל.

און דער כלל אין דעם פאַל איז: אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין אַרגענטינע איז נישט קיין איינגעוואָרצלטער, איז אָ פרעמדער און עקזאָטישער אַנוווּקס, וואָס אַרבעט באַהאַלטן און וואַגט זעלטן אַרויסצוגיין אויף דער אויבערפלאַך און אין דער עפנטלעכקייט.

אָט די אַלע זאַכן האָבן פאַרשטייט זיך זייערע גוטע און שלעכטע זייטן: עס איז גוט צו וויסן, אַז דאָס אַרגענטינער פאָלק, אַלנפאַלס דער גרעסטער טייל פון דאָזיקן פאָלק, איז ווייט פון די אַנטיסעמיטישע פּרעדיקונגען און „תורהס". עס איז אָבער אויך שלעכט די פעסטשטעלונג. אַז דאָס אַרגענטינער פאָלק קען אונדז ווייניק, און אין אַזאַ פאַל קענען זיך צו אַ גרויסן טייל צולעפּן אַ סך זאַכן און איינרעדענישן, וואָס מען דערציילט וועגן אונדז.

און גאַנץ אָפט קלעפּט זיך עס צו! ספּעציעל קלעפּט זיך עס צו אין שלעכטע עקאָנאָמישע צייטן און אין צייטן פון פּאָליטישן כאַאָס און אומרו. אַזעלכע צייטן האָבן זיך אָנגעהויבן אין די דרייסיקער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט.

אין דער צייט פון נאַציזשן אויפשוווּנג אין דייטשלאַנד, ווען איבער די גאַסן פון בערלין, מינכען, נירענבערג א״אַנד. דייטשישע שטעט האָט מען אָנגעהויבן צו זינגען דאָס באַרימטע ליד: „היינט געהערט צו אונדז דייטשלאַנד, מאָרגן די גאַנצע וועלט", האָט זיך אויך ביי אונדז אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן, אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, דער אַנטיסעמיטיזם.

סתם אַנטיסעמיטישע אויסברוכן, האָבן מיר שוין געהאַט אַ צייט פריִער. שוין אין די יאָרן פון די „סענטענאַר"־פייערונגען זיינען אין אַרגענטינע פאָרגעקומען ספּאָראַדישע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען. אין יענער צייט זיינען די אַרויסטרעטונגען געווען קעגן די „רוסאָס" (אַזוי פלעגט מען אין יענער צייט רופן די ייִדן). נאָך שאַרפער זיינען די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען געווען אין דער טרויעריק־באַרימטער „סעמאַנאַ טראַכיקאַ" (טראַגישע וואָך) פון יאַנואַר 1919. אָבער אָט די אַרויסטרעטונגען זיינען געווען פאַראיינצלטע און נישט געהאַט קיין שום אָפּקלאַנג און קיין שום פאַרבינדונג צווישן זיך.

אָרגאַניזירטע אַנטיסעמיטישע און ספּעציעל אַנטי־ייִדישע אַקציעס האָבן זיך אָנגעהויבן אין ערשטן טייל פון די דרייסיקער יאָרן און די זעלביקע הענט, וואָס האָבן דאָרטן, אין דייטשלאַנד, אויפגעשריבן, אַז: „ווען דאָס יודן־בלוט שפּריצט אויפן מעסער, איז דאָס אַלץ בעסער"; די זעלביקע האָבן דאָ געמאַכט זייער שלעכטע שפּאַנישע איבערזעצונג פון „האַגאַ פּאַטריאַ אי מאַטע און כודיאָ", וואָס דאָס מיינט — אַרבעט פאַרן פאָטערלאַנד און הרגע אַ ייִדן.

און זינט יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן דער אַנטיסעמיטישער קאַמף, וואָס האָט אין פאַרשיידענע צייטן אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען. און אין יענער צייט האָט זיך, ווי געזאָגט, געשאַפן דער „קאָמיטעט קעגן אַנטיסעמיטיזם", פון וועלכן עס האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט די פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון אַרגענטינער ייִדנטום, די „דעלעגאַציע פון ייִדישע אינסטיטוציעס אין אַרגענטינע", אָדער די „דאַיאַ".

.5 אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן אין די לעצטע צוויי יאָר

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ ווען מען זאָל ווערן אויסרעכענען אַלע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין אַרגענטינע. מיר וועלן דערפאַר בלויז דערמאָנען איניקע אַנטיסעמיטיש־בוליגאַנישע אַקציעס פון די לעצטע צוויי יאָר.

און זאָל דערביי באַמערקט ווערן, אַז עס איז נישט ריכטיק די מיינונג, אַז די אַנטיסעמיטישע „אַקציעס" האָבן זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך דעם „אייכמאַן־פאַל". אין יענער צייט האָבן זיי זיך בלויז פאַרשטאַרקט, נאָר אָנגעהויבן האָבן זיי זיך נאָך מיט אַ פּאָר חדשים פריִער (מעגלעך, אָנגעפירט פון דעם זעלביקן אייכמאַן), בעת דער האַקנקרייץ־מגיפה ביי אונדז אין לאַנד, וואָס איז געווען אַ טייל פון דער אַלגעמיינער „מגיפה" איבער דער גאַנצער וועלט.

עס איז דעמאָלט געלונגען צו מאָביליזירן די אַרגענטינער עפנטלעכע מיינונג קעגן די „אַנאָנימע" פאַרשפּרייטער פון דאָזיקן שענדלעכן קרייץ, וואָס זיינען כלל נישט אַזוי אַנאָנים. עס האָבן זיך דעמאָלט אַרויסגעזאָגט קעגן די האַקנקרייצן און זייערע פאַרשפּרייטער, אַ גרויסע צאָל לעגיסלאַטאָרן, מלוכה־באַאַמטע, מיניסטאָרן און די גאַנצע בעסערע אַרגענטינער עפנטלעכע מיינונג. און אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעט צו באַוועגן די דאָזיקע מיינונג איז געווען פון דער „דאַיאַ".

אומגעפער אין דער זעלביקער צייט הייבט זיך אָן צו באַווייזן דאָס ווילדע באַשעפעניש, וואָס גיט זיך דעם עכט־אַרגענטינער נאָמען „טאַקואַראַ" (לויט די טאַקואַראַ־שטעקנס וואָס עס האָבן באַנוצט די גאַוטשאָס פון גענעראַל גועמעס אין קאַמף קעגן די שפּאַניער). פאַקטיש האָט די דאָזיקע פאַרברעכערישע אָרגאַניזאַציע שוין עקסיסטירט מיט אַ צייט פריִער, נאָך אין די יאָרן 1958, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן דער וועלטלעכער שולע פון סאַרמיענטאָ. אָבער זייער אַנטי־ייִדישן פּרצוף האָט די דאָזיקע גרופּע אָנגעהויבן אַרויסצווייזן ערשט אין אָנהייב פון יאָר 1960, טאַקע נאָך דער האַקנקרייץ־מגיפה און ערב דעם „פאַל אייכמאַן".

אין יענער צייט זיינען פאָרגעקומען די עפנטלעכע מיטינגען פון אָט־דער באַנדע. זיי זיינען פאָרגעקומען אין די סאַמע באַפעלקערטסטע טיילן פון שטאָט און פון אינלאַנד: די אַקטן זיינען פאָרגעקומען אויף פּלאַסאַ אָנסע, פּלאַסאַ קאָנסטיטוסיאָן, אין מאַטאַדעראָס און אין די גרעסערע שטעט פון לאַנד.

פון רייד זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו מעשים: עקלדיקע מעשים, ברוטאַלע מעשים, וואָס זיינען אויסן געווען צו שאַפן אַ פּאַניק־שטימונג אין לאַנד, ספּעציעל צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. דער סאַמע ברוטאַלסטער אַקט איז געווען דאָס שיסן אויף קינדער פון דער נאַציאָנאַל־שולע סאַרמיענטאָ. פון וועלכע איניקע זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. איינער פון די פאַרוואונדעטע, מאַנועל טרילניק, איז אַ צייט לאַנג געווען אין לעבנס־געפאַר.

ביז עס איז אונטערגעקומען דער „פאַל אייכמאַן". אין יענער צייט האָבן אַנטיסעמיטן פון אַלע מינים, קריאָזשאָ־אַנטיסעמיטן, אַנטלאָפענע נאַציס וואָס האָבן דאָ געפונען זייער שוץ־פּלאַץ, אָפּפאַל פון די קראָאַטישע פאַוועליטשעס באַנדע, צוזאַמען מיט כוליגאַנעס פון אַנדערע אומות געבילדעט אַ מין פאַראייניקטן פראָנט קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג פון לאַנד.

און די איבערפאַלן אויף ייִדישע אינסטיטוציעס, ייִדישע געשעפטן, ייִדישע צייטונגען זיינען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אָט די אַלע איבערפאַלן ווערן קיין מאָל נישט געמאַכט עפנטלעך, נאָר ווי פאַרברעכערישע אַקטן ווערן זיי געמאַכט אין דער שטיל און דערפאַר איז אין גרעסטן טייל שווער צו אינדיווידואַליזירן די דורכפירערס פון די דאָזיקע אַקטן.

דער קולמינאַציע־פּונקט פון אָט די אַלע פאַרברעכנס איז געווען דער באַרבאַריש־וואַנדאַלישער אַקט קעגן דער ייִדישער מיידל סיראָטאַ, וואָס „טאַקואַראַ"־כוליגאַנעס, אָדער סתם כוליגאַנעס האָבן דורכגעפירט קעגן איר אַ שענדלעכן אַקט, פאַרטויבנדיק איר און אויסשניידנדיק אויף איר קערפּער מיט אַ ספּעציעלן אינסטרומענט דעם שענדלעכן צייכן — דעם האַקנקרייץ.

שפּעטער האָבן זיך אַזעלכע וואַנדאַלישע אַקטן איבערגעחזרט אין אַנדערע שטעט און אויך אין שכנותדיקן אורוגוויי.

— אָבער דאָ קומען מיר צום לעצטן קאַפּיטל פון אונדזער אַרבעט, וואָס טראָגט דעם שטאָלצן נאָמען: „אָפּוועער־קאַמף פון דער „דאַיאַ״.

6. דער אָפּוועער־קאַמף פון דער „דאַיאַ״

דער וואָס וועט אַמאָל שרייבן די געשיכטע פון אונדזער ישוב, וועט מוזן ווידמען אַ באַזונדער קאַפּיטל דעם העראָישן אָפּוועער־קאַמף פון דער „דאַיאַ״, הויפּטזעכלעך אין די לעצטע צוויי יאָר.

גראָד אין די דאָזיקע צוויי יאָר האָט זיך צום בולטסטן אַרויסגעוויזן די נויטווענדיקייט פון דער „דאַיאַ״ אַלס פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ־אינסטיטוציע פון אַרגענטינער ייִדישן ישוב, אַן אינסטיטוציע וואָס זאָל דעם דאָזיקן ישוב רעפּרעזענטירן פאַר די געהעריקע מאַכט־אָרגאַנען און זאָל קאָנען דעם ישוב מאָביליזירן אין אַ מאָמענט ווען עס וועט זיין נייטיק אָנצופירן דעם אָפּוועער־קאַמף.

שטאַרק צוגעהאָלפן צו דער ווירקזאַמער אַרבעט פון דער „דאַיאַ״, האָט די רעסטרוקטוראַציע פון דאָזיקן אָרגאַניזם און דאָס אַריינציִען אין אים יונגע כוחות און יונגע עלעמענטן אין דער אָנפירונג, אַזוי, אין דער הויפּטשטאָט און אויך אין די וויכטיקסטע פיליאַלן אין דער פּראָווינץ.

די רעסטרוקטוראַציע פון דער „דאַיאַ״ איז געקומען אַלס פּועל־יוצא פון אַ לעבהאַפטיקן וויכוח אין דער געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכער האָט אַרויסגעבראַכט די נויטווענדיקייט צו רעפאָרמירן דעם אופן פון וויילן די „דאַיאַ״־לייטונג און אויך אַריינברענגען נייע אופנים אין איר טעטיקייטס־ספערע, סיי אין דער הויפּטשטאָט און באַזונדערס אין דער פּראָווינץ. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען און באַטראַכטונגען פון פאַרשיידענע צוגעשטעלטע פּראָיעקטן איז לסוף אָנגענומען געוואָרן די איצטיקע לייטונגס־סטרוקטור פון דער „דאַיאַ״, וואָס איז בכל־אופן מער צוגעפּאַסט צו די ניי־אַנטוויקלטע לעבנס־תנאים פון אונדזער ישוב, ווי אויך צו די נייע באַדינגונגען אין וועלכער דער „דאַיאַ״ קומט אויס צו פירן איר טעטיקייט.

נאָך מיט אַ צייט פריִער איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, האָט די „דאַיאַ״ צוגעגרייט דעם געהעריקן אַפּאַראַט, וואָס זאָל קאָנען אָריענטירן די עפנטלעכע מיינונג; עס זיינען געשאַפן געוואָרן די קאָמיסיעס, פאַר פּרעסע און עפנטלעכע פאַרבינדונגען, פאַר אויספאָרשן די עפנטלעכע מיינונג און פאַר אויפקלערונג.

די חודשלעכע צוזאַמענקונפטן, מיט די פאָרשטייער פון דער אַרגענטינער פּאָליטישער און אינטעלעקטועלער וועלט, אויף וועלכע עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אַ רייע וויכטיקע ענינים, זיינען געווען צוזאַמענקונפטן פון אויסערגעוויינלעך וויכטיקער באַדייטונג, סיי צוליב די פראַגן וואָס זייִנען דאָרטן באַהאַנדלט געוואָרן און נאָך מער, צוליב די אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט, צווישן זיי דער גרעסטער טייל אַזעלכע, וואָס זיינען אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, געווען אויף אַ באַגעגעניש מיט ייִדן.

אויך דער צוזאַמענפאָר פון די „דאַיאַ״־פיליאַלן, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 13טן ביזן 15טן אַפּריל, איז געווען אַ צוזאַמענפאָר וואָס האָט געהאַט אַלס ציל, צו סיגנאַליזירן און רופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אויף דער אָנקומענדיקער געפאַר און אויף דער נויטיקייט צו שטיין אויף דער וואַך, כדי אָפּצושלאָגן די מעגלעכע אַטאַקעס קעגן דעם ייִדישן ישוב און פאַרטיידיקן דעם ייִדישן כבוד.

און ווען די אַנטיסעמיטישע געשעענישן זיינען שפּעטער געקומען אונטער כלומרשטן אויסרייד, ווייל מען האָט אין ישראל באַשטראָפט, איינעם פון די שוידערלעכסטע נאַצי־מערדער;

ווען אין לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן אַ ריי באַנדיטיש־קרימינעלע אַנטיסעמיטישע איבערפאַלן, וואָס האָבן געהאַט זייער קולמינאַציע־פונקט, אין דעם שענדלעכן איבערפאַל אויף דעם ייִדישן מיידל גראַסיעלאַ נ. סיראָטאַ, האָבן זיי געטראָפן דעם ייִדישן ישוב אַ צוגעגרייטן וואָס האָט אויפגענומען די געשעענישן מיט דעם גאַנצן ערנסט. אָבער אָן פאַניק און וואָס עס איז זיכער דאָס וויכטיקסטע, זיי האָבן געטראָפן אַ גוט־צוגעגרייטע פירערשאַפט, וואָס האָט געוווּסט ווי אַזוי צו לענקען דעם אָפּוווער־קאַמף און געבן דעם ווירדיקן ענטפער, וואָס זאָל אָפּשטעלן די שענדלעכע אַטאַקעס און נישט דערלאָזן אַז די „איזאָלירטע״ אַנטיסעמיטישע איבערפאַלן, זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אַנטיסעמיטישע מגפה.

עס איז דער „דאַיאַ״ געלונגען אין געציילטע טעג, צו אָרגאַניזירן די ווירדיקסטע ייִדישע מאַניפעסטאַציע, וואָס איז ווען עס איז פאָרגעקומען ביי אונדז אין לאַנד — די גרויסע פראָטעסט־מאַניפעסטאַציע פון 28סטן יוני, וואָס וועט זיכער באַטראַכט ווערן ווי דער העראָישסטער אַרויסטריט פון אונדזער ישוב, אין וועלכן עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן נישט בלויז אַלע ייִדן, אָן אויסנאַם, נאָר אויך אַ גרויסער טייל פון דער נישט־ייִדישער דעמאָקראַטישער וועלט.

⁂

מיר וואָלטן געקאָנט אויסרעכענען אַ ביז גאָר לאַנגן צעטל פון די „דאיא״־טעטיקייטן אין די לעצטע צוויי יאָר, אָנהייבנדיק פון איר אינטערווענץ ביים פאָליציי־שעף פון דער פראָווינץ בוענאָס־איירעס, קעגן דעם וואַנדאַליש־אַנטיסעמיטישן איבערפאַל אויף דער הכשרה א״נ „בערל קאַצענעלסאָן״ און ענדיקנדיק מיט דער אינטערווענץ ביי די פאָליצייישע און מלוכה־אַויטאָריטעטן, וואָס האָט דערפירט צו דער דערקלערונג פון אינערן־מיניסטער ד״ר פערקינס, קעגן די אַנטיסעמיטישע און ראַסן־אַרויסטרעטונגען. מיר וואָלטן אויך געקאָנט איבערגעבן אַ גאַנצע ריי אינטערווענצן פון דער „דאַיאַ״ קעגן אַנטיסעמיטישע פובליקאַציעס און טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

אָבער דאָס וואָלט דערפירט דערצו אַז מיר זאָלן פאַרוואַנדלען אונדזער איבערזיכט אין אַ צו לאַנגער מגילה און צו דער מיינונג, אַז די „דאיא״ איז בלויז אַ קאַמפּס־אינסטרומענט קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס מיר האָבן שוין אין אָנהייב באַצייכנט ווי אַ פאַלשע.

סיי ווי ווערט פון אָט דער אַרבעט, האָפנטלעך, קלאָר, אַז די „דאַיאַ״ איז די לעגיטימע פאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון דעם אַרגענטינער ייִדנטום, כלפי־חוץ און כלפי־פנים, אַזוי אין לייד און אַזוי אין פרייד.

— און הלוואי זאָל דאָס אויך ווייטער קומען צום אויסדרוק מער אין פרייד, ווי אין לייד!

משה שענדעריי

דער ישוב אין אַרגענטינע און זיינע פאַרבינדונגען מיט דער ייִדישער וועלט

ווי ווייט דאָס לאַנד אַרגענטינע איז געווען אַמאָל פון די ייִדישע צענטערס אין אייראָפע, איז דאָך איר ייִדישער ישוב אַ צייט־לאַנג געווען אַ שם־דבר און אַ צענטער פון ייִדישן פאָלקס־אינטערעס, אַרום וועלכן עס האָבן זיך געפירט די וויכוחים צווישן „פאַלעסטינצעס" און „אַרגענטינצעס". ביידע לענדער זענען אין די אויגן פון ייִדישע פירער און דענקער געווען די פאַרזעצונג פון דעם צוריקקער צו „עבודת־האדמה", דער אידעאַל פון די „משכילים", וואָס האָט אָנהייב נייַנצנטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן רעאַליזירט צו ווערן דורך די רוסישע צאַרן אויף די ווייטע פעלדער פון דרום־רוסלאַנד און איז צום סוף פון דעם זעלביקן יאָרהונדערט אין זיינע אַכציקער און נייַנציקער יאָרן, אַריבערגעטראָגן געוואָרן ווייטער אויף דרום, קיין ארץ־ישראל און אַרגענטינע, ווו ער האָט אָנגעהאַלטן. דער פרווו צו אַנטוויקלען ייִדישע ערד־אַרבעט אויף צפון, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז דורכגעפאַלן באַלד, ביי די ערשטע פאַזן פון זיין אויפקום.

1) „אַליאַנס"

דער אַרגענטינער ייִדישער ישוב איז אויפגעקומען אין 1860, דעם זעלבן יאָר ווען עס איז אין פאַריז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ייִדישע אינסטיטוציע וואָס האָט הויך פראָקלאַמירט דעם פרינציפ פון ייִדישער סאָלידאַריטעט אין וועלט־מאַסשטאַב; דאָס איז געווען די חברה „כל ישראל חברים" — ווי מען האָט זי גערופן מיט איר העברעיִשן נאָמען — וועלכע איז מער באַקאַנט אונטער איר פראַנצויזישן נאָמען „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל". מיט אָט דער אינסטיטוציע איז פאַרבונדן דער אָנפאַנג פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, וואָס איז שפעטער אָנגעפירט געוואָרן פון איר שוועסטער־אינסטיטוציע, די יק"א. אַ דריטל פון זיין קיום איז דער ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דער „אַליאַנס".

אין סוף 1888 שיקט די „אַליאַנס" קיין אַרגענטינע אַכט ייִדישע משפחות, וואָס גרינדן, אָנהייב 1889, די ערשטע ייִדישע קאָלאָניע ,די קליינע „מאָניגאָטעס וויעכאַ", וואָס וועט שפעטער אָנגעשלאָסן ווערן אין דער ערשטער גרויסער קאָלאָניע מאָזעסווילע, וואָס ווערט געגרינדעט צום סוף פון זעלביקן יאָר. די גרינדער פון מאָזעסווילע, די אַזוי גערופענע פאָדאָליער גרופע, האָט באַקומען אַ היפשע שטיצע פון דער „אַליאַנס", וואָס האָט דערמעגלעכט איר אַריבערפאָרן קיין אַרגענטינע. די „אַליאַנס" האָט אויך מיטגעאַרבעט מיט דער יק"א אויפן געביט פון איר שול־וועזן אין די קאָלאָניעס. די „אַליאַנס" האָט געשיקט אַהער תלמידים פון אירע נאָרמאַל־שולן אַלס דירעקטאָרן און לערער פון אַלגעמיינע לימודים אין די שולעס פון די יק"א־קאָלאָניעס. עס פאַרשטייט זיך, אַז די לערער האָבן געהאַט אַ השפעה אויף די קאָלאָניסטן, כאָטש אַפילו קיין גאָר גוט לעבן איז צווישן זיי נישט געווען, דאָך קען מען זייער איינפלוס נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.

די „אַליאַנס״־לערער זענען געווען ספרדים און זייער אָנוועזנהייט אין די קאָלאָניעס איז געווען אַ התחלה פאַר קעגנזייטיקער באַקאַנטשאַפט צווישן ספרדים און אשכנזים. ספרדים זענען אויך געווען צווישן די אַדמיניסטראַטאָרן פון דער יק״א; עס פלעגן אָפטער טרעפן „געמישטע״ חתונות צווישן ספרדישע לערער און יק״א־באַאַמטע מיט קאָלאָניסטישע אשכנזישע טעכטער. עס איז געווען אַ מין מיזוג־גלויות אין קליינעם מאַסשטאַב.

די דאָזיקע השפעה דורך די יק״א־שולעס האָט אויפגעהערט אין די יאָרן 1918־20, ווען די יק״א האָט איבערגעגעבן איר שול־וועזן די רעגירונגען פון די פּראָווינצן ווי אירע קאָלאָניעס האָבן זיך געפונען. אָבער דאָך איז נאָך געווען אַ געוויסע השפּעה פון דער „אַליאַנס״ דורך די „רעליגיעזע קורסן״, געגרינדעט פון ראַבינער ד״ר ש. חלפן ז״ל, און געשטיצט פון דער קאָנגרעגאַציע. אַ קאָמיטעט פאַר דער „אַליאַנס״ עקזיסטירט ביז היינט אין אַרגענטינע, כאָטש זיין טעטיקייט איז נישט צופיל אָנזעעוודיק אין לעבן פון דעם ישוב.

אויפנאַמע פאַרן ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אַרגענטינע, ד״ר אריה לבבי. יאָר 1958.

2) ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע

כמעט איינצייטיק מיטן פאַרשווינדן פון דער „אַליאַנס״־השפּעה דורך די יק״א־שולעס, שטעלט איין דער ישוב אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דער ציוניזם אין זיין חובבי־ציוניסטישער פאָרם איז אויפגעקומען אין אַרגענטינער ישוב כמעט איינצייטיק מיט דער קאָלאָניזאַציע. צווישן די קאָלאָניסטן זענען געווען חובבי־ציון. אין די קאָלאָניעס זענען געגרינדעט געוואָרן חובבי־ציוניסטישע קרייזלעך. אין בוענאָס־איירעס

זענען אויך געווען חובבי־ציוניסטן פון אָדעסער נוסח, וואָס האָבן געגרינדעט אַ קלוב מיטן רוסישן נאָמען „נאַדיעזשדאַ" („התקוה" — די האָפענונג) אין וועלכן מען האָט מער גערעדט און געלייענט רוסיש...

אין 1897, צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, צו וועלכן דער ישוב איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך מאַקס נאָרדוי ז״ל, איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ציוניסטישע אגודה אין בוענאָס־איירעס. די חובבי־ציוניסטישע קרייזלעך זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ציוניסטישע פאַראיינען. עס איז אַפילו געשאַפן געוואָרן עטוואָס ענלעכעס אויף אַ לאַנדעס־פעדעראַציע. דער אימיגראַציע־שטראָם פון אָנפאַנג צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט געבראַכט ציוניסטן פון די פאַרשידענע שאַטירונגען. געווען באַלעבאַטישע ציוניסטן (דורשי ציון), פאָלקסטימלעכע ציוניסטן (תפארת ציון) אויך פועלי־ציון און מזרחי. דער ישוב איז אַפילו אַ פּאָר מאָל געווען פאַרטראָטן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן, דורך צופעליקע דעלעגאַטן, ד״ה סוחרים ציוניסטן,

ד״ר א. מבשן ז״ל געזעגנט די דעלעגאַטן צום שטאָקהאָלמער קאָנגרעס, צבי פיינגערש און אלתר הירש.

וואָס זענען געפאָרן קיין אייראָפּע צוליב געשעפט און זיך בדרך־אגב באַטייליקט אין קאָנגרעס. אַזעלכע זענען געווען אַדאָלפאָ קרענאָוויטש ע״ה, א. יאַקובאָוו ע״ה, א״אַנד׳. אין אַכטן קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט צוויי דעלעגאַטן פון אַרגענטינע, די חלוצים בצר און באברין, וואָס האָבן זיך אויף זייער רייזע קיין ארץ־ישראל פאַרהאַלטן ביים קאָנגרעס אין האַאַג.

אָבער די ציוניסטישע טעטיקייט איז נאָך געווען אַ גאַנץ שוואַכע, די מחלוקתן זענען געווען אָפטע און שטאַרקע. די ערשטע ציוניסטישע לאַנדעס־פעדעראַציע, געגרינדעט אין 1905 איז זיך שנעל צעפאַלן, ערשט אין 1913 איז געגרינדעט געוואָרן אַ צווייטע פעדעראַציע וואָס האָט געהאַט מער אריכת־ימים, און עקזיסטירט ביז היינט. אָבער ביז 1917 האָט דער ישוב נישט געהאַט קיין דירעקטן דעלעגאַט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אין 1917 איז אָנגעקומען דער ערשטער דעלעגאַט, שליח, ד״ר ב. עפשטיין ע״ה, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה, זיין באַזוך איז צוזאַמענגעפאַלן מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע, און דאָס

האָט געגעבן אַ שטאַרק אימפּולס דער באַוועגונג. אין 1918 איז געקומען פון די פּאַר׳ שטאַטן דער פּועלי־ציוניסטישער טוער און זשורנאַליסט מאַרקאָס רעגאַלסקי ע״ה, וועלכער האָט אַנטוויקלט די פּועלי־ציוניסטישע באַוועגונג אין לאַנד, און איז שוין פאַרבליבן אַ תושב אין ישוב, באַווירקנדיק די אַנטוויקלונג פון זיין פּאַרטיי.

די אָנוועזנהייט פון די שליחים, ווי אויך די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט דעם ציוניזם געגעבן פליגלען. איז אין 1918 אָפּגעפּאָרן אַ גרופּע יידישע לעגיאָנערן וואָס האָבן געוואָלט קעמפן אין ארץ־ישראל, אָבער דער וואָפנשטילשטאַנד האָט זיי פאַרכאַפּט אויפן וועג אַהין. אין 1919 איז דורכגעפירט געוואָרן דער ערשטער גרעסערער קאַמפּיין (עמערגענץ). אין 1920 דער ערשטער קרן־היסוד קאַמפּיין, און פון דאַן זענען שליחים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און ציוניסטישע פּאַרטייען געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג. עס האָט מער ווי איינמאָל געטראָפן אַז אין ישוב זאָלן זיך איינצייטיק געפינען, אַ מנין, און אַ מאָל טאַקע עטלעכע מנינים שליחים. אין יאָר 1921 איז געשיקט געוואָרן אַ דירעקטער דעלעגאַט צום 12טן ציוניסטישן קאָנגרעס, דער קאָלאָניסט־ישער טוער ש. י. הורוויץ.



די דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט אויף אַן אויפנאַמע אין דער קהילה.
עס רעדט דזשייקאָב בלאַוסטיין.

אייניקע שליחים האָבן אויסער זייער דירעקטער מיסיע זיך באַמיט צו באַאיינפלוסן דעם ישוב אויך אויפן געביט פון הייבן זיין קולטור־ניוואָ און יידישן באַוווסטזיין. עס לאָזט זיך זאָגן, אַז דער ציוניזם האָט דורך אייניקע פון זיינע שליחים היפּש בייגעטראָגן צו הייבן דעם קולטור־ניוואָ אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער ישובים, בעיקר אין אַרגענטינע.

דער אַרגענטינער ישוב ווערט באַטראַכט ווי אויסדריקלעך ציוניסטיש אין זיין גרעסטן טייל, זינט דעם אויפקום פון מדינת־ישראל איז ער מקיים די מצווה פון עליה און פון עליה־לרגל (טוריזם) און באַטייליקט זיך דירעקט דורך זיינע זין און טעכטער אין בנין־הארץ, איי־

ניקע פון זיי זענען אַפילו געפאַלן אויף די פּאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס פון דער ייִדישער מדינה.

דער עלטסטער ישוב וואָס אַרגענטינער ייִדישע יוגנטלעכע האָבן אויפגעשטעלט אין ישראל איז „מפלסים“; נאָכהער זענען געקומען „עין־השלושה“, „ניצנים“, „כסופים“, „מבואות ביתן“, „בחן“, „געש“, א״אַנד׳. קליינע גרופּעס פון אַרגענטינער חלוצים געפינען זיך אויך אין אַ רייע אַנדערע קבוצים; אין „משמר־הנגב“, „מצר“, „גזית“, „בית־נשף“, „כרמיה“, „כפר־סזאלד“, „הראל“, „רשפים“, „ניר־יצחק“, „מגידו“, „רבדים“, „שמרת“, „להבות חביבה“, „רמת־השופט“, „מסילות“, „גן־שמואל“, „בית־זרע“, „עין־השופט“, „הזורע“, „יד־מרדכי“ (וואָס טראָגט דעם נאָמען פון מרדכי אַנילעוויטש, דער קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד), „עין־שמר“, „רמות מנשה“, „חצור“, „יקום“, „עין־החורש“, „גבולות“, „גשד“, „שדה־נחום“, „גינוסר“, „בארי“, „נען“, א״אַנד׳.

די צאָל פּערזאָנען פון אַרגענטינע וואָס זענען פאַרבונדן מיט די קבוצים איז פיל גרעסער, ווייל אויסער חלוצים וווינט אין זיי אַ צאָל פון חלוצים־עלטערן, וואָס לעבן זיך אויס אין לאַנד.

די חלוצישע עליה פון אַרגענטינע איז פאַרטיילט צווישן די ציוניסטישע פּאַרטייען. לויט אַ סטאַטיסטיק פון דער ציוניסטישער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע האָבן פון 1949 עולה געווען דורך די פּאַרטייען 3,765 חלוצים, פאַרטיילט אַזוי:

איחוד הבונים	1.350
השומר הצעיר	580
הנוער הציוני	800
דרור	800
למרחב	100
החלוץ העצמאי	60
בית״ר	30
בני־עקיבא	30
קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון אומפּאַרטייִשע	15
סך־הכל	3.765

מען קען נאָך צוגעבן אַ צאָל עלטערן וואָס האָבן עולה געווען מיט זייערע קינדער, חלוצים.

3) אַגריקולטור און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען

דער אַרגענטינער ישוב האָט אויפגעשטעלט אין ישראל אַ רייע אונטערנעמונגען, וואָס פאַרבינדן דעם ישוב מיט דער מדינה אויפן עקאָנאָמישן געביט.

אַזוי האָט די געזעלשאַפט „קאַירא“ (איצט קאַיסא) אויפגעשטעלט דעם אַגריקולטורעל־אינדוסטריעלן ישוב „כפר ארגנטינה“, וואָס אַנטוויקלט זיך גאַנץ גוט. דער אָפיציעלער נאָמען פון ישוב איז „ניר־צבי“ אין זכר פון באַראָן הירש ע״ה (צבי־הירש).

די טוריסטן־געזעלשאַפט „מאַריס“ האָט געגרינדעט אַ מעטאַלורגישע פאַבריק אין באר־שבע.

די געזעלשאַפט „אפיקים“, האָט אַ וועבערײַ (אף־אר) אין אפיקים.

די „אריזה“ געזעלשאַפט גיט זיך אָפּ מיט בוי־אַרבעט אין ישראל.

„זמורות“ איז אַן אונטערנעמונג פון אַרגענטינער ייִדן, וואָס איז טעטיק אויפן אַגריקולטור־געביט, בעיקר פּרדסים און כרמים אין צפונדיקן נגב. „עלה“ איז אַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג פאַר פּלאַסטיק, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין רמלה.

אַרגענטינער ייִדן האָבן אויפגעבויט דעם האָטעל „אקאדיא" און האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דעם אויפבוי פון האָטעל גאָרדוי, איצט „שרתון", ביידע האָטעלן זענען אַריבער אין אַמעריקאַנער הענט, וואָס זענען גרעסערע מאַדימס אויף דעם געביט.

אַרגענטינער ייִדן האָבן אויך געגרינדעט דעם אַגראָבאַנק, וואָס זיי האַלטן איצט בשותפות מיט דער הסתדרות. פאַראַן אויך אַ פריוואַטער באַנק פון די ברידער מירעלמאַן.

די געזעלשאַפט „ארפאלסא" איז פון זינט דעם אויפקום פון דער מדינה אַקטיוו אויפן געביט פון האַנדלס־אויסטויש מיט ישראל, אין די ערשטע צייטן איז דער הויפט־עקספאָרט־אַרטיקל געווען פלייש, וואָס האָט פיל אַרויסגעהאָלפן דעם ישוב אין ישראל אין די צייטן פון צנע.

אויף צו סטימולירן דעם האַנדלס־אויסטויש צווישן אַרגענטינע און ישראל האָט דער ישוב געגרינדעט אַן אַרגענטינע־ישראל האַנדלס־קאַמער, וואָס פירט דורך אַ זייער פאַרצווייגטע און אינטענסיווע טעטיקייט, אויף די געביטן פון עקספאָרט און אימפאָרט.

די קהילה־פאָרשטייער שענקען דער שיף „ד"ר הערצל" אַ בילד פון ד"ר הערצל.

דער אַרגענטינער ישוב האָט אויך היפש בייגעטראָגן צו דער קולטור־אַנטוויקלונג פון דער מדינה, דורך היפשע צענדליקער לערער, אויסגעבילדעטע אין אַרגענטינע, וואָס פאַרנעמען איצט פאָסטנס אין די שולעס פון ישראל. אַלס אויסטויש האָט ישראל געשיקט קיין אַרגענטינע לערער פון אַ העכערער קאַטעגאָריע פאַר די מיטל־שולעס און „מדרשה". אַרגענטינער ייִדישע סטודענטן שטודירן אין דער העברעישער אוניווערזיטעט, פאַראַן אַ פאָר אַרגענטינער פראָפעסאָרן, אויך פאָרשער אין וויצמאַן־אינסטיטוט. מיט איין וואָרט: די צוזאַמענאַרבעט פון ישוב מיט ישראל איז אַ פולקאָמע.

דער דירעקטער קאָנטאַקט מיט מדינת־ישראל, האָט נישט אָפגעשוואַכט דעם קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און דער ייִדישער אַגענץ.

פאַרן אויפקום פון דער מדינת־ישראל זענען די דעלעגאַציעס פון אַרגענטינע צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן געווען זייער קליינצאָליק. אין משך פון לאַנגע יאָרן פלעגן פאָרן צו אַ קאָנגרעס איינער, אָדער העכסטנס צוויי דעלעגאַטן. נ. געזאַנג ע״ה האָט פאַרטראָטן דעם ישוב און זיין ציוניסטישן סעקטאָר אויף מערערע קאָנגרעסן. עס זענען אויך געפאָרן דעלעגאַציעס פון צוויי פּערזאָן, אַזוי, למשל: ד״ר א. מבשן ע״ה און, יבדל לחיים, י. לוצקי, מ. קאָסטרינסקי און ח. פינקעלשטיין, מ. רעגאַלסקי ע״ה און הרב י. ל. זלאָטניק ז״ל, וואָס איז דערווײלט געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון אַרגענטינע, בשעת זיין באַזוך אין 1935.

מיטן אויפקום פון דער מדינה, האָבן די דעלעגאַציעס צו ציוניסטישע קאָנגרעסן געשטיגן אין צאָל. מיר וועלן דאָ נישט אויסרעכענען באַזונדער יעדע דעלעגאַציע צו יעדן קאָנגרעס, עס איז אָבער כדאי צו געבן אַ רשימה פון די דעלעגאַטן וואָס האָבן זיך באַטייליקט

די קהילה־פאַרוואַלטונג נעמט אויף די אָפיצירן פון דער שיף „ד״ר ט. הערצל״. יאַר 1962.

אין איינעם אָדער מערערע קאָנגרעסן: ד״ר י. גאָלדענבערג, ד״ר ט. קאַמענשיין, צ. פיינגערש, נ. ראַדזיכאָווסקי, ד״ר י. פדהצור, ח. פינקלשטיין, ל. גאָלד, א. פיודיק, ד״ר מ. וואָדאָוואָז, ה. געזאַנג, ד. קלימאָווסקי, י. באָקסער, י. בראָנפמאַן, מ. שטאַרקמאַן, מ. רעגאַלסקי ע״ה, מ. קאָסטרינסקי, נתן צוגמאַן, ד״ר נתן לערנער, יוסף ווענטוראַ, אברהם גאַרבאַט און י. לייבאָוויטש.

אַ גרעסערע דעלעגאַציע איז געשיקט געוואָרן צום חנוך־קאָנגרעס פון 1961, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די חינוך־עסקנים: ד״ר ט. קאַמענשיין, ל. גאָלד, מ. האָניק, א. גראָקאָפּ, ז. אָרנשטיין, י. בערנשטיין, ד. קלימאָווסקי און די לערער: ח. פינקלשטיין, פ. קאַרפּ, מ. קליין, ג. טאָפּעט, ד. אייזן און מ. טורניאַנסקי.

4) „אָרט״

אַזוי פרי ווי אין 1937, ווערט געגרינדעט אַ פיליאַלע פון „אָרט־אָזע״ אין אַרגענטינע. די הויפּט־טוער מצד דעם „אָרט״ זענען געווען די זשורנאַליסטן אליהו טראָצקי און ד״ר משה

מערקין. די ערשטע פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון י. זאַסלאַווסקי, ד. גרויסמאַן, מ. איוינבורג, מ. עליזאַבעצקי ע״ה א״אַנד.

דער ישוב האָט זיך באַטייליקט אין דריי וועלט־צוזאַמענפאָרן פון „אָרט״. אין 1946, אין פּאַריז, דעלעגאַט: י. וועגנראָווער; אין 1953. דעלעגאַטן: משה איזינבורג און מ. מערקין; אין 1960, אין לאָנדאָן. דעלעגאַטן: יעקב וועגנראָווער, מיטגליד פון דער וועלט־עקזעקוטיווע פון „אָרט״, משה וויינטרויב און ג. ווערטהיים ע״ה. די „אָזע״ האָט זיך אָפּגעטיילט פון „אָרט״ און איר טעטיקייט טראָגט אַ מער לאָקאַלן כאַראַקטער.

באַזעלשאַפטלעכע טוער פון די פאַראייניקטע שטאַטן ד״ר ישראל גאָלדשטיין און לייבל קאַץ, אויף דער אויסשטעלונג פון יידישן בוך מיט עסקנים פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג.

5) יידישער וועלט קאָנגרעס

אין אָנפאַנג פון צווייטן וועלט־קריג קומט קיין אַרגענטינע, אין שליחות פון יידישן וועלט־קאָנגרעס ד״ר יעקב העלמאַן ע״ה, וועלכער זוכט אויפצושטעלן אַ קאָמיטעט און ביוראָ פאַר גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע.

דער ישוב אין אַרגענטינע האָט זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס דורך אַ דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון דוד גרויסמאַן, יצחק מזרח, משה טוב, עזרא טעובאַל און יעקב דאַם, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט יעקב העלמאַן ע״ה אין זיין מיסיע. אָנפאַנג 1940 ווערט אָרגאַניזירט די ביוראָ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער לייטונג פון ד״ר העלמאַן ע״ה ביז זיין פטירה, אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט איבערגענומען די לייטונג פון דער ביוראָ מאַרק טורקאָוו, וואָס פירט אָן מיט איר ביז היינט צו טאָג.

דורכן ייִדישן וועלט־קאָנגרעס האָט זיך דער ישוב פאַרבונדן מיטן גרויסן ייִדישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין 1941 באַטייליקט זיך דער אַרגענטינער ישוב אין דער „קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער ישובים״, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַלטימאָר, און האָט אומדירעקט געדינט ווי אַן ערשטער פּרוּוו נענטער צו ברענגען די לאַטיין־אַמעריקאַנער ייִדישע ישובים. דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ זענען געווען: מאַרקאָס רעגאַלסקי ע״ה, יהודה גלאַזמאַן ע״ה, ד״ר נ. ראַפּאָפּאָרט צ״ה, יעקב העלמאַן ע״ה, און יבדל לחיים, דוד גרויסמאַן.

לייבל קאַץ פאַרשרייבט זיך אין אָנדענק־בוך פון דער קהילה.
עס שטייען פון ביידע זייטן: ד״ר ט. קאַמענשטיין און א. פרידמאַן; עס זיצט מרדכי שטריגלער.

אין 1944 באַטייליקט זיך דער ישוב אין דער „וועלט־קאָנפערענץ פאַר רעטונג און רעקאָנסטרוקציע״, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַטלאַנטיק־סיטי (פאַר׳ שטאַטן), און האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן די פאָדערונגען און סיסטעמען פון דער רעקאָנסטרוקציע פון די רויִנירטע ייִדישע ישובים אין אייראָפּע. מיט דער באַטייליקונג אין דער קאָנפערענץ איז דער אַרגענטינער ייִדישער ישוב אַריינגעטראָטן אין דער ספערע פון די פוליעריקע און בעסער־אָרגאַניזירטע גרויסע ייִדישע ישובים וואָס טראָגן די זאָרג פאַר די קלענערע און שוואַכערע ייִדישע גרופּעס און ישובים.

דעלעגאַטן צו דער וועלט־קאָנפערענץ זענען געווען: ד״ר מ. גאָלדמאַן, ד״ר י. וואלאך, הירש טריוואַקס, מ״ם בערטאַ גערשונאָוו און להבדיל בין החיים והמתים, הרב י. פאַניזשעל, מ. רעגאַלסקי און מ. שטירבו — אַלע ע״ה.

אין 1945 איז דער ישוב געווען פאַרטראָטן אויף דער קאָנפערענץ אין סאַן־פראַנסיסקאָ דורך ד. גרויסמאַן. די קאָנפערענץ איז אויך באַגעווען אַלס זשורנאַליסט ה׳ יעקב באָטאָשאַנסקי.

דעם זעלבן יאָר באַקומט דער ישוב אַ פאָרשטייער אין העכסטן ראַט פון דער יק״א, ד״ר ר. דובראָווסקי.

אין 1946 פאָרן צו דער „דזשאָינט״־קאָנפערענץ אין אייראָפּע די ה״ה: יעקב מורמיס און לעאָן קאַזשאַני, טוער פון קאָמיטעט פאַר הילף די ייִדישע מלחמה־געליטענע.

דעם זעלבן יאָר באַזוכט די פאַראייניקטע שטאַטן דער זשורנאַליסט משה שענדעריי, וואָס איז דאַן געווען טעכנישער לייטער פון דער חברה־קדישא. ער שטעלט איין אַ קאָנטאַקט מיטן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט. „דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט״, דורך זיין מיטאַרבעטער, דעם אַרגענטינער מאיר (מאַקסימאָ) יאַגופסקי, איז אויך געווען אַקטיוו ביים פאַראינטערעסירן ייִדישע אינטעלעקטואַלן פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו באַזוכן אַרגענטינע.

די פאַרבינדונג פון ישוב מיטן אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט האַלט אָן ביז היינט דורך דעם ביוראָ וואָס דער קאָמיטעט האָט איינגעשטעלט אין בוענאָס־איירעס, אַ ביוראָ בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען מאיר (מאַקסימאָ) יאַגופסקי, און וועלכער גיט אַרויס דעם ביולעטין „ידיעות״ אויף ייִדיש. דער „קאָמיטעט״ האָט אויך באאיינפלוסט די גרינדונג פון דעם „אינסטיטוט פאַר אינפאָרמאַציע און קולטור״, וואָס גיט אַרויס דעם זשורנאַל „קאָמענטאַריאָ״, וועלכער דערשיינט אין שפאַניש און אין וועלכן עס אַרבעטן מיט אַרגענטינער און ייִדיש־אַרגענטינער שרייבער און זשורנאַליסטן. אַ רייע אָנגעזעענע טוער האָבן זיך באַטייליקט אין די צוזאַמענפאָרן פון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט: ס. מירעלמאַן, אינזש. א. קליין, ד״ר א. וויניצקי, ד״ר י. שטיינהאַרט.

אַ דעלעגאַציע פון „אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט״ מיט זיין ערן־פרעזידענט, ה׳ יעקב בלוישטיין און דאַן־אַמטירנדיקן פרעזידענט, ה׳ אירווינג ענגעל, האָט באַזוכט אַרגענטינע אין 1958.

אין 1947 באַטייליקט זיך דער ישוב אין דעם צוזאַמענפאָר פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין מאָנטרע. דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר זענען געווען: ד״ר מ. גאָלדמאַן, מ. טוב, א. ל. שוסהיים ע״ה.

אין 1959, אויפן צוזאַמענפאָר אין שטאָקהאָלם זענען געווען אַלס דעלעגאַטן: א. הירש, ד. הירש און צ. פיינגערש.

אין 1952 ווערט געגרינדעט די קליימס־קאָנפערענץ אין וועלכער אַרגענטינע איז פאַרטראָטן דורך צוויי דעלעגאַטן, ד״ר ר. דובראָווסקי און ד״ר י. שוואַרצבאַרד ע״ה. אין די יאָרן 1856־8, נאָך דער פטירה פון ה׳ י. באַרו, רוקט אַרויס ה׳ טריוואַקס די פאָדערונג אַז דער אַרגענטינער ישוב זאָל באַקומען אַ פלאַץ אין עקזעקוטיוו פון דער קליימס־קאָנפערענץ. עס אַנטשטייט אַן אָפאָזיציע, ווייל דאָס אַריינגעמען אַן אַרגענטינער דעלעגאַט, וואָס איז נוטה צום וועלט־קאָנגרעס וואָלט געשטערט דעם גלייכגעוויכט מיט די אַנדערע פאַקטאָרן אין עקזעקוטיוון ראַט. דאָך זיגט דער פאָרשלאָג פון ה׳ טריוואַקס, וועלכער באַקומט די שטיצע פון באַראָן ראָטשילד און ה׳ טריוואַקס ווערט אָנגענומען ווי דער ערשטער פאַרטרעטער פון אַרגענטינער ישוב אין ראַט פון דער קליימס־קאָנפערענץ.

אין 1957, ווען עס ווערט געגרינדעט די קאָנפערענץ פון די ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַשטייט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט, אַמעריקאַנער אַרבעטער־קאָמיטעט, בני־ברית, קאָנגרעס פון קאַנאַדער ישוב, באַטייליקן זיך אין דער אָרגאַניזאַציע אויך פאָרשטייער פון אַרגענטינע. דער ישוב איז אויך פאַרטראָטן אין דער „קליימס־קאָנפערענץ״. דער פרעזידענט פון ועד־הקהילות באַטייליקט זיך אין די זיצונגען פון דעם אַזוי־וויכטיקן פאַקטאָר אין ייִדישן לעבן.

אין די סעסיעס אָפגעהאַלטן אין קאָפענהאַגען און אַמסטערדאַם, האָבן זיך באַטייליקט: א. גוטקין און א. לוצקי.

דער ישוב איז אויך פאַרבונדן מיטן „דזשאָינט״, וואָס האָט איינגעשטעלט אין אַרגענטינע

זיין צענטראַלע ביוראָ פאַר לאַטיין־אַמעריקע אין 1940 און זי פונקציאָנירט אָן איבעררייס, ביז היינט דאָן.

דער אַרגענטינער ישוב איז אויך פאַרבונדן מיט די ישובים פון לאַטיין־אַמעריקע דורך פערזאָנען וואָס האָבן באַזוכט די מקומות אין ציוניסטישע שליחותן, ווי אויך דורך לערער וואָס פירן אָן אַ וויכטיקע קולטורעלע און דערציִערישע טעטיקייט אין פערו, פּאַראַגוואַי, אורוגוואַי, באָליוויע, פּאַנאַמאַ, קאָסטאַ־ריקאַ א״אַ.

צום לאַטיין־אַמעריקאַנער צוזאַמענפאָר, אָפּגעהאַלטן אין סאַן־פּאַולאָ אין 1962, איז געפאָרן אַ צאָלרייכע דעלעגאַציע.

מיטן פּנים צו דער היינטצייטיקער ייִדישער ווירקלעכקייט און פאַרבונדן מיט אַלע פאַקטאָרן וואָס דערהאַלטן און אַנטוויקלען דאָס ייִדישע וועלט־פאָלק, איז דער אַרגענטינער ייִדישער ישוב געבליבן זעליש פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פון די אַלטע עקזיסטירנדיקע און אומגעבראַכטע ייִדישע קהילות, וואָס באַאיינפלוסן דאָס ייִדישע לעבן אין אַרגענטינע, דורך זייער היסטאָרישער, גייסטיקער השפעה.

עס איז אַ דאַנק דעם אַלעמען וואָס עס האָט זיך געקענט אויסקריסטאַליזירן אַן אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן, וואָס מען הייבט אָן מיט רעכט צו באַצייכענען ווי נוסח אַרגענטינע, אַ נוסח וואָס הייבט אָן משפּיע צו זיין אויף אייניקע ישובים פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.



י. י. לערמאַן

יידישע קאָנגרעגאַציע פון אַרגענטינע

די יידישע קאָנגרעגאַציע פון אַרגענטינע, וואָס האָט אין 1962 געפייערט דאָס 100סטע יאָר פון איר גרינדונג, איז געווען די ערשטע יידישע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט עקזיסטירט אין לאַנד, און מיט איר האָט אָנגעהויבן צו באַקומען אַן אויסדרוק דאָס יידישע קאָלעקטיווע לעבן אין אַרגענטינע.

גלייכצייטיק מיט דער נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג, מיט דעם פּראָצעס פון שטאָטלעכער אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע און אונטערן שוץ פון קולט־ און אַסאָציאַציע־פרייהייט, ווי אויך פון פרייער לערע, גאַראַנטירט דורכן 4טן אַרטיקל פון דער נאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1853, האָבן די געקומענע יידן פון פאַרשיידענע אייראָפּעישע לענדער געפונען אין היגן לאַנד אַ צוגעפּאַסטן באָדן צו גרינדן אין 1862 זייער ערשטע אָרגאַניזאַציע, די „יידישע קאָנגרעגאַציע פון בוענאָס־איירעס”. דאָס איז געווען ביים אָנהייב פון דער פּרעזידענץ פון גענעראַל באַרטאָלאָמע מיטרע.

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די נייע אינסטיטוציע — זייער באַשיידן אין איר אָנהייב — אין וועלכער עס זענען געווען אָנגעשלאָסן נאָר 20 משפחות. דאָס הייסט, כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון אַרגענטינע אין יענער צייט, וואָס האָט במשך הזמן זיך אַנטוויקלט, פאַרגרעסערט און אויסגעבילדעט די איצטיקע צאָלרייכע יידישע באַפעלקערונג.

אין יאָר 1868 האָט די יידישע קאָנגרעגאַציע פון בוענאָס־איירעס געביטן איר נאָמען אויף „יידישע קאָנגרעגאַציע פון אַרגענטינע”, אונטערן פאָרזיץ פון ה׳ סעכיסמונדאָ אוערבאַך.

דער רעגיסטער פון געבורטן, חתונות און טויט־פאַלן איז געפירט געוואָרן דורך דער קאָנגרעגאַציע אין אָפיציעלע רוברוקירטע ביכער, ביז עס איז גילטיק געוואָרן דער געזעץ פון ציווילן רעגיסטער אין 1886.

די דורך דער קאָנגרעגאַציע דורכגעפירטע טעטיקייט אויף אירע פאַרשיידענע געביטן האָט שנעל געשאַפן די נויטווענדיקייט צו פאָרמאַליזירן די־אָ אינסטיטוציע, אין איינקלאַנג מיט די פאָרשריפטן פון געמיינשאַפטלעכן רעכט.

אין 1871 זענען געענדערט געוואָרן איניקע טיילן פון דעם סטאַטוס מיטן ציל אים צוצופאַסן צו דער אומאויפהערלעכער אַנטוויקלונג פון דער קאָנגרעגאַציע און אין יאָר 1892 איז דער אינסטיטוציע אָנערקענט געוואָרן איר יורידישע פּערסאָנאַליטעט. עס שרייבט אונטער דעם באַטרעפנדן דעקרעט, דער דעמאָלטדיקער פּרעזידענט פון אַרגענטינע, ד״ר קאַרלאָס פּעלעגריני, און עס לעגאַליזירט עס דער ד״ר כואַן באַלעסטראַ, יוסטיץ־ און דערציונגס־מיניסטער.

איינצייטיק, פון יאָר 1888, פאַרגרעסערט זיך די יידישע באַפעלקערונג פון אַרגענטינע מיט משפחות, געקומענע פון אייראָפּע, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע קאָלאָניעס (מאָניגאָטעס און מאָזעסוויל, אין פּראָווינץ סאַנטאַ־פע) אויף אָפּצוגעבן זיך מיט ערד־אַרבעט.

די קאָלאָניזאַציע האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט דער מיטהילף פון דער „דזשוויש קאָלאָניזיישן אַסאָסיעישן” (יק״א), געגרינדעט דורכן פילאַנטראָפּ באַראָן מאָריס הירש, און דערנאָך האָט זי זיך פאַרשפּרייט אויף די פּראָווינצן פון ענטרע־ריאָס און בוענאָס־איירעס.

די קאָנגרעגאַציע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אויף דער גאַס כונין, צווישן וויסענטע לאָפּעס און גידאָ. נאָך אַ צייט־אָפּשניט פון צוויי יאָר האָט זי זיך אַריבערגעצויגן אויף דער גאַס בעלגראַנאָ 1275. איר שול איז געווען אויף בעלגראַנאָ 837 — אין יאָר 1892 — און זי־

האָט געקענט אויפנעמען נישט מער ווי 50 מתפללים; ראַבינער איז דעמאָלט געווען דער ה׳ הענרי דזשאָזעף.

די ייִדישע קאָנגרעגאַציע פֿון אַרגענטינע גיט זיך דעמאָלט אָפּ מיט די פֿאַרשיידענע באַדערפענישן פון דעם אַרגענטינער יידישן ישוב, און די־אָ טעטיקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין דער גרינדונג פון נייע אינסטיטוציעס וואָס האָבן גענומען אונטער זייער רשות פאַרשיידענע ספּעציפישע אספּעקטן פון ייִדישן לעבן. צווישן אַנדערן קענען מיר דערמאָנען די חברה קדישא — היינט ייִדישע קהילה פון בוענאָס־איירעס (א.מ.י.א.) — און די ערשטע רעליגיעזע שול „תלמוד תורה הראשונה״.

פייערונג פון דער קהילה לכבוד דער הונדערטיאָריקייט פון דער ייִדישער קאָנגרעגאַציע. יאָר 1962.
עס רעדט דער ראש הקהל ד״ר ט. קאַמענשיין.

דער ערשטער ייִדישער טעמפּל אין דער הויפּטשטאָט, וואָס האָט דורכגעפירט זיין טעטיקייט אין אַ ספּעציעל־אויפגעבויטן בנין, האָט געהערט צו דער קאָנגרעגאַציע, און ער איז באַנייט געוואָרן אין 1897 אויף דער גאַס ליבערטאַד 785.

אין יאָר 1905 האָט אָנגעהויבן דורכצופירן זיין גייסטיקע טעטיקייט דער גרויס־ראַבינער ד״ר שמואל חלפון, וועלכער האָט פאַרנומען דעם אַמט במשך 25 יאָר.

אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו זענען געגרינדעט געוואָרן די וווילטעטיקייט־געזעלשאַפט פון ייִדישע פרויען, די שול־נעץ פון ועד החינוך הראשי, די שוץ־געזעלשאַפט פאַר ייִדישע אימיגראַנטן, די שוץ־געזעלשאַפט פאַר ייִדישע קינדער און פרויען, און אַ סך אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָס זייער טעטיקייט האָט זיך פּאָזיטיוו אויסגעווירקט אויף אונדזער ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אויך דער ייִדישער שפּיטאָל „עזרה" האָט געצײלט צווישן זײנע גרינדער און זײנע שפּעטערדיקע אַנטוויקלער די פירער פון דער ייִדישער קאָנגרעגאַציע. דאָס זעלביקע דער בית־יתומות און מושב זקנים ובית ילדים.

ביזן סוף פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז די גרעסטע טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געווען פאַרשפּרייט איבער די קאָלאָניעס פון אינערן פון לאַנד. אין דעם ערשטן יאָרצענדליק פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט, האָט דער צופלוס פון דעם קאָלאָניסטן־עלעמענט אין דער הויפּטשטאָט געבראַכט דערצו, אַז אַ נייער דור זאָל איבערנעמען די אָנפירונג פון דער ייִדישער קאָנגרעגאַציע.

די אַלטע שול אויף דער גאַס ליבערטאַד 785 איז שוין געוואָרן קליין אויפצונעמען די אַלץ־שטייגנדיקע צאָל מתפללים. אַלס פּועל־יוצא דערפון האָט מען באַשלאָסן איבערצובויען דעם טעמפּל אויף דער זעלבער גאַס. דער טעמפּל איז באַנייט געוואָרן אין קודש יולי פון יאָר 1932.

די ראַסן־פאַרפאָלגונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין אייראָפּע האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין אונדזער לאַנד און האָבן געבראַכט צו דער אומפאַרמיידלעכער גרינדונג פון פאַרטיידיקונגס־אָרגאַניזמען וואָס האָבן פאַרטראָטן דעם גאַנצן ייִדישן ישוב. אין די דאָזיקע אָרגאַניזמען האָט די קאָנגרעגאַציע גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל (קאָמיטעט קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער ד.א.י.א.).

פון דעם 15טן יוני 1937 האָט איבערגענומען די גייסטיקע לייטונג פון דער ייִדישער קאָנגרעגאַציע דער ראַבינער ד"ר גיזשערמאָ שלעזינגער.

די 2טע וועלט־מלחמה מיט אירע גרויליקע פאָלגן פון פאַרניכטונג פון דעם גרעסטן טייל פון דעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום, האָט שטאַרק געווירקט אויף דעם היגן ייִדישן ישוב און אויף די מיטגלידער פון דער קאָנגרעגאַציע.

מיטן פאַרשווינדן פון די אַמאָליקע אייראָפּעיִשע ישיבות און סעמינאַרן האָט זיך אָנגעהויבן פילן דער מאַנגל פון ייִדישע לערערס און דאָס האָט געבראַכט צו שווערע דאגות. אויך די קאָנגרעגאַציע האָט אויף איר אופן געזוכט אַ לייזונג פאַר דער פראַגע. אירע אָנשטרענגונגען האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט מיט דער גרינדונג פון מכון ללימודי היהדות, וואָס איז איצט טעטיק אין דעם בנין פון דער גאַס טוקומאַן 3177.

דער מכון ללימודי היהדות האָט שוין אויסגעבילדעט 283 לערערס — פון ביידע געשלעכטער — לערערס פון העברעיִש און רעליגיע, וועלכע זענען טעטיק אין אונדזער לאַנד און אין כמעט גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע.

די וויכטיקע אַרבעט וואָס די ייִדישע קאָנגרעגאַציע האָט דורכגעפירט אין אַרגענטינע איז געווען די סיבה פון דער איינלאַדונג וואָס זי האָט באַקומען פון דעם קאָנסולטיוון ראַט פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אָנטייל צו נעמען אין דער קאָנפערענץ וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין לאָנדאָן, אין פעברואַר 1946, מיטן ציל צו באַהאַנדלען פּראָבלעמען פון הילף פאַר ווידער־אויפבוי פון די ייִדישע קהילות אין אייראָפּע.

פונעם יאָר 1943 אָן דערשיינט רעגלמעסיק דער ביולעטין „די קאָנגרעגאַציע", וואָס ווערט פאַרטיילט צווישן דער מיטגלידערשאַפט און אינסטיטוציעס פון אַרגענטינע און אויסלאַנד.

די ייִדישע קאָנגרעגאַציע האָט אויך איינגעקויפט דעם בנין אויף ליבערטאַד 773, וווּ עס פונקציאָנירט איר רעליגיעזע שול און עס פירט דורך אירע אַקטיוויטעטן די יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציע.

די אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל, וואָס האָט פאַרווירקלעכט דעם צוויי טויזנט יאָריקן חלום פון אונדזער פאָלק, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער און מוחות פון די קאָנגרעגאַציע־פירערס און זייער באַציִונג צו דער מדינה איז אָפּט געקומען צום אויסדרוק אויף אַ פּאָזיטיוון אופן.

ווען ס'איז נפטר געוואָרן דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת־ישראל, ד"ר חיים ווייצמאַן ע"ה, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ טרויער־אַקט אין דעם טעמפּל פון דער ייִדישער קאָנגרעגאַ־

ציע, אויף וועלכן עס זענען בייגעווען די נאַציאָנאַלע באַהערדן און מיטגלידער פון דער דיפּלאָמאַטישער קערפּערשאַפט אין אַרגענטינע.

אין דער פאַרזאַמלונג פון דער „יונייטעד סינאַגאָג אָוו אָמעריקא”, אויף וועלכער עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „וועלט־ראַט פון שולן” אין ניו־יאָרק, האָט זיך באַטייליקט די קאָנגרעגאַציע, — פאַרטראָטן דורך איר גרויס־ראַבינער, ד״ר גיזשערמאָ שלעזינגער — אַלס מיטגרינדערן פון דער דערמאָנטער אינסטיטוציע.

מיטן ציל צו פאַרשטאַרקן דאָס יידיש־רעליגיעזע און גייסטיקע לעבן פון די אַנדערע קהילות פון לאַטיין־אַמעריקע, האָט די יידישע קאָנגרעגאַציע פון אַרגענטינע פאַררופן אין חודש אויגוסט 1958 די ערשטע באַראַטונגס־קאָנפערענץ פון לאַטיין־אַמעריקאַנער שולן, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין בוענאָס־איירעס.

די קאָנגרעגאַציע האָט אין יאָר 1959 געשאַפן אַ ספּעציעלע יוגנט־אָרגאַניזאַציע מיט וועלכער עס פירט אָן דער געהילף־ראַבינער, מאַרשאַל ט. מאַיער.

אין דער זעלבער צייט, און מיטן צוועק אויסצובררייטערן איר קאָמוניטאַרן צענטער, האָט די קאָנגרעגאַציע איינגעקויפט די געביידע אויף ליבערטאַד 769/761, פאַר די אַקטיוויטעטן פון איר יוגנט־פאַראיין „רמה”, און פאַר די פאַרשיידענע קורסן פאַר קינדער, יוגנטלעכע און דערוואַקסענע, פאַר דעם דאַמען־קרייז („בנות ישראל”) און פאַראיין „עמיקם”.

די יידישע קאָנגרעגאַציע פון אַרגענטינע האָט זיך אין יאָר 1960 אָנגעשלאָסן צו דער פייערונג פון דעם 150סטן אַניווערסאַר פון דער מאַי־רעוואָלוציע און האָט דורכגעפירט אַ ספּעציעלן אַקט, אויף וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט רעגירונגס־באַהערדן און פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע. אין דעם אַקט האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן די וויכטיקסטע יידישע אינסטיטוציעס פון לאַנד, מיט דער קהילה בראש.

די טעטיקייט פון דער קאָנגרעגאַציע האָט פאַרדינט די אָנערקענונג פון דער רעגירונג פון דער פּראָווינץ בוענאָס־איירעס, וועלכע האָט איר געגעבן אויף קאָנצעסיע אַ פּלאַץ וואָס פאַרנעמט אַ 5 העקטאַר, אויף די ברעגן פון דער אָזיערע „לאָס פאַדרעס”, נאָענט פון מאַר דעל פּלאַטאַ, ווו עס זענען אויפגעבויט געוואָרן די נייטיקע איינריכטונגען פאַר אַ זומער־קאָלאָניע. די־אָ קאָלאָניע פונקציאָנירט שוין צוויי יאָר, מיט אַ וואָס אַמאָל גרעסערן דערפאָלג אין אירע דערציערישע אַספּעקטן. היי־יאָר האָבן די באַטייליקטע דערגרייכט צו דער צאָל פון 350, איינגעטיילט אין צוויי טורנעס.

היי־יאָר פייערט די יידישע קאָנגרעגאַציע דאָס 100סטע יאָר פון איר גרינדונג (1862) און עס זענען פּראָגראַמירט געוואָרן פאַרשיידענע אַקטן וואָס באַצוועקן צו פאַרלייכטערן די באַטייליקונג פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

דעם 31סטן מאַרץ 1962 איז געשאַפן געוואָרן אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער ישיבה, וואָס איז סעטיק אין דער קאָנגרעגאַציע־געביידע און ווערט געשטיצט דורך דער ס.ע.ג.ט.ר.א. — געזעלשאַפט פון לאַטיין־אַמעריקאַנער קהילות און אָרגאַניזאַציעס און דער וועלט־ראַט פון שולן.

די יידישע קאָנגרעגאַציע האָט זיך באַטייליקט אין אַלע איניציאַטיוון פון געזונטן פּאַטריאָטיזם (מאָנומענט פאַר בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ, א״אַנד׳).

פּרעזידענטן פון דער קאָנגרעגאַציע זענען געווען די ה״ה סעכיסמונדאָ אוערבאַך, יצחק קראַמער, אַקיל לוי, שמעון קראַמער, לויִס בריע, מאַרקס רע, ראָדאָלפאָ אָרנשטיין, מאָריס לאַזער, מ. סיגאַל, גוסטאַוואָ ווייל, גוסטאַוואָ גלאַזער, הערמאַן גאָלדענבערג, מאַקס גליקסמאַן, ראָבערטאָ מירעלמאַן, מאַקסימאָ ווייל, מאַקס מאַזאַר־באַרנעט.

די איצטיקע פאַרוואַלטונג באַשטייט פון:

פּרעזידענט: אַדאָלפאָ ווייל; ערשטער וויצע־פּרעזידענט: לעאָן מירעלמאַן; 2טער וויצע־פּרעזידענט: אַדאָלפאָ דיין; סעקרעטאַר: נאַטאַליאָ קאַטייפע; פּראָ־סעקרעטאַר: משה עטליס; קאַסיר: ישראל לעוויטע; פּראָ־קאַסיר: אברהם קליין; וואָקאַלן: מאַקס מאַזאַר־באַרנעט, חיים סקאָראָפּיץ, ישראל עטליס, יצחק פריימויער, יעקב אָטמאַן, יוסף ענגלאַנדער, יעקב מורמיס,

כאָרכע ראָזענפעלד, יצחק גאַרפונקעל, ל. בערענשטיין; געהילפס־וואָקאַלן: ישראל מייזעלס, פּאַבלאָ עטינגער, קאַלמאַן האַרטמאַן, לילי וו. דע בערענשטיין האהן, פּעדראָ גוטמאַן, יעקב פאָווערענע; רעכענונגס־איבערזעערס: מאַקסימאָ קליין, יצחק נ. פרייזער.

דער קאָנסולטיווער ראַט איז צוזאַמענגעשטעלט פון די ה״ה:

פּרעזידענט: ראָבערטאָ מירעלמאַן; וויצע־פּרעזידענט: מאַקסימאָ ווייל; סעקרעטאַר: אַלבערטאָ קליין; וואָקאַלן: גיזשערמאָ אייזנשטיין, פּאַבלאָ גוטמאַן, יעקב גריין, גיזשערמאָ קראָקאָווסקי.

דער גרויס־ראַבינער ד״ר גיזשערמאָ שלעזינגער און דער געהילפס־ראַבינער ה׳ מאַרשאַל מאיער זענען דער קאָנגרעגאַציעס גייסטיקע וועגווייזערס •.

די יידישע קאָנגרעגאַציע „כנסת ישראל״ אַלס פאַקטאָר אין דעם יידישן חינוך פון אַרגענטינע

די יידישע קאָנגרעגאַציע „כנסת ישראל״, ווי די ערשטע יידישע אינסטיטוציע פון אַרגענטינע, האָט תמיד געהאַט אַלס צענטראַלן ציל די דערציִונגס־פּראָבלעמען פון דער יידישער יוגנט און האָט מיטגעווירקט בכדי אונדזערע יוגנטלעכע זאָלן זיין דורכגעדרונגען מיט יידישן באַוווסטזיין און טריי די ווערטן פון יידישקייט, פון אונדזער טראַדיציע און פון דער ירושה פון אונדזערע אבות.

נאָך אין איר בראשית־תקופה, איז די יידישע קאָנגרעגאַציע געווען אַ שותפטע צו דער דערציִערישער אַרבעט פון דער ייקא און האָט באַוויזן אויפצוקלערן די פליכט פון יעדן יידן מחנך צו זיין זיינע קינדער אין דעם יידישן גייסט.

אויף דעם געביט זענען ווערט דערמאָנט צו ווערן די לעקציעס פון יידישער געשיכטע און דערציִונג פון דער יוגנט, וואָס עס האָט געגעבן דער דעמאָלטדיקער גרויס־ראַבינער פון דער יידישער קאָנגרעגאַציע, ד״ר שמואל חלפון ע״ה דעם 5טן יאַנואַר 1917, ביי אַ קבלת־שבת דורכגעפירט אין דער דערמאָנטער אינסטיטוציע.

דעם 8טן אַפּריל פון דעם זעלבן יאָר (2טער טאָג פּסח) און דעם 25סטן סעפּטעמבער 1917 (פאַר כל־נדרי), האָט דער ד״ר שמואל חלפון רעפערירט אויף דער טעמע: „ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק און די פּראָבלעם פון דער יידישער דערציִונג״.

די טעטיקייט פון דער יידישער קאָנגרעגאַציע לטובת דער דערציִונג פון דער יידישער יוגנט אין אַרגענטינע איז כסדר פאַרגעזעצט געוואָרן און אין יאָר 1939 גיט די ייקא איבער דער אינסטיטוציע איר גאַנצן דערציִערישן אַפּאַראַט און די לעצטע רעאָרגאַניזירט דעם ועד החינוך הראשי. זיינע אינספּעקטאָרן לייגן דעם טראָפּ אויף דעם גוטן גאַנג פון די לימודים, עס ווערן געעפנט נייע שולן, מ׳דרוקט דידאַקטישן מאַטעריאַל פאַר די לערערס, מ׳שטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון די תלמידים טעקסט־ביכער, מען אָרדנט איין פּערפעקציאָניר־קורסן פאַר לערערס און מען שטיצט אויך עקאָנאָמיש די שולן פון דער הויפּטשטאָט און פּראָווינץ וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אין ועד החינוך הראשי.

אויסער דעם, פירט די יידישע קאָנגרעגאַציע דורך בר־ און בת־מצוה־קורסן ווי אויך פון העברעיִש, העברעיִשע ליטעראַטור און געשיכטע, רעפעראַטן פאַר יוגנטלעכע און דערוואַקסענע און עס פאַרזאַמלען זיך אין איר צענטער „רמה״ הונדערטער יידישע יוגנטלעכע, אין וועלכע זי הויכט אַריין אונדזערע מאָראַלישע ווערטן.

אין חודש נאָוועמבער 1943 באַשליסט דער דירעקטיווער־ראַט פון דער יידישער קאָנגרעגאַציע צו גרינדן דעם מכון ללימודי היהדות.

פון דעם באַשלוס איז מען אַריבער צו טאַט, און גלייך ביי זיינע ערשטע יאָרן פון עק־

• אין יאַנואַר 1963 איז ראַבײַ מאַרשאַל מאיער צוזאַמען מיט אַ ריי עסקנים אַוועק פון דער קאָנגרעגאַציע און געשאַפן אַן אייגענע געמיינדע אונטערן נאָמען „בית אל״.

זיסטענץ, האָט דער מכון ללימודי היהדות זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ערנסטקייט, אָרגאַניזאַציע, דיסציפּלין און הויכן לימודים־ניוואָ, דורכזעצנדיק אויף אַ פולשטענדיקן אופן דעם פּלאַן וואָס עס האָבן אויסגעאַרבעט זיינע גרינדערס.

די באַנייונג פון מכון ללימודי היהדות איז פאָרגעקומען דעם 24סטן מאַי 1945 און די לימודים האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 25סטן יוני פון זעלבן יאָר.

אין חודש נאָוועמבער 1944, בעת עס ווערט אָנגענומען דער באַשלוס צו גרינדן דעם מכון ללימודי היהדות, ווערט גלייכצייטיק באַשטימט אַ דירעקטאָריום פאַר דעם לערן־אַנשטאַלט אין באַשטאַנד פון די ה״ה:

פּרעזידענט: ידידיה אפרון (ע״ה); סעקרעטאַרן: ד״ר גיזשערמאָ שלעזינגער, מאַקס מאַזאר־באַרנעט; וואָקאַלן: אינזשיניער אַלבערטאָ קליין, שמעון מירעלמאַן, ד״ר מאַריאָ שטיינגאַרט; מאַקסימאָ ווייל און מאַקסימאָ יאַגופּסקי.

אַבסאָלווענטן פון מכון ללימודי היהדות און נאָרמאַל־שול פאַר לערערינס, נאָכן באַקומען די דיפּלאָמען.

אלס דירעקטאָר פון דעם לערן־אַנשטאַלט איז באַשטימט געוואָרן דער ראַבינער ה׳ יעקב פינק.

דער מכון ללימודי היהדות איז אַ טראַדיציאָנעלער אַנשטאַלט און האָט זיך געשטעלט דעם ציל: אויסצובילדן יידישע לערערס, כלי־קודש, צוקונפטיקע גייסטיקע פירערס פון אונדזער געזעלשאַפט, דורכגעדרונגען מיט אונדזערע אידעאַלן, אונדזערע עטישע און גייסטיקע ווערטן, צוגרייטן זיי פאַר זייער וויכטיקער שליחות אין די פאַרשיידענע קהילות, דערמעגלעכן דאָס שאפן אַ פרע־ראַבינישן סעמינאַר און אָרגאַניזירן אַ ספעציעלן קורס פאַר מיידלעך ווו זיי זאָלן אויסגעבילדעט ווערן אַלס לערערקעס פון העברעיש, טראַדיציע און רעליגיע פאַר אונדזערע שולן.

אין דעם לערן־אַנשטאַלט הערשט אַ טראַדיציאָנעלער גייסט. פאַר די לימודים דאַוונען די תלמידים בציבור און דאָס זעלבע געשעט אויך אין די שבתים און יום־טובים.

דער פראגראם פארנעמט איין צוגרייטונגס־קורס נאך 6 יאר און ער איז אויסגעברייטערט געווארן אין 1960.

חוץ דער אויסברייטערונג פון לימודים־פראגראם איז אויך איינגעפירט געווארן דער ענדע־קורס־עקזאמען (בחינת הבגרות):ביים פארענדיקן דעם לעצטן יאר, באקומען דער תלמיד בלויז א באשטעטיקונג, אבער בכדי צו באקומען דעם דיפלאם וואס דערלויבט אים צו ארבעטן אלס לערער, דארף ער באלייגן דעם לעצטן עקזאמען וואס באשטייט פון א שריפטלעכער ארבעט

די ביבליאטעק פון מכון.

און מינדלעכע פראגעס פון די באזישע קעגנשטאנדן וואס ער האט געלערנט אין דעם אנשטאלט זינט זיין אריינטריט אין אים.

בכדי צו פארשטארקן דעם קאנטאקט צווישן היים און שול, ווערן פעריאדיש פאררופן זיצונגען פון עלטערן, אויף וועלכע די פראפעסארן טיילן זיי מיט די אויפפירונג און פלייסיקייט פון זייערע קינדער.

וועגן דער הויכער מדרגה אויף וועלכער עס שטייט דער מכון ללימודי היהדות זאגט עדות דער דאזיקער פאקט: צווישן די יארן 1953־1959, זענען אין הויפטשטאט דורכגעפירט געווארן

15 ליטעראַרישע קאָנקורסן פאַר שילערס פון אונדזערע סעמינאַרן און מיטלשולן. אויף די דאָזיקע קאָנקורסן האָבן זיך באַטייליקט 51 שילערס פון מכון ללימודי היהדות פון וועלכע 33 זענען פּרעמירט געוואָרן:

מיטן 1טן פּרייז — 16; מיטן 2טן — 9; מיטן 3טן — 5; מיט אַ סטימול־פּרייז — 3.

פון די 15 דורכגעפירטע ליטעראַרישע קאָנקורסן זענען פיר (4) געווען אויף העברעיש און די אַנדערע 11 אויף יידיש און נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס אין מכון ללימודי היהדות אין יידיש בלויז אַ קעגנשטאַנד (אַלע אַנדערע קעגנשטאַנדן ווערן געלערנט אויף העברעיש), זענען די תלמידים פון דעם־אָ אינסטיטוט געווען די וועלכע האָבן געוווּנען אַ גרויסן טייל פון די פּרייזן פאַר שריפטלעכע אַרבעטן אויף יידיש.

דער מכון האָט אין זיינע ערשטע יאָרן געהאַט אַן אינטערנאַט און מען האָט געלערנט די קעגנשטאַנדן פון באַזישן ציקל פון די רעגירונגס־מיטלשולן. דער תלמיד פון מכון האָט אַזוי אַרום באַקומען אַן אַלגעמיינע קולטור וואָס האָט אים דערלויבט צו פאָרזעצן זיינע לימודים אין אוניווערזיטעט. איניקע שילערס באַקומען אַ ספּעציעלע סטיפּענדיע זיי זאָלן קענען ווייטער לערנען אַן שום עקאָנאָמישע שוועריקייטן.

אין יאָר 1950 איז געגרינדעט געוואָרן די נאָרמאַל־שול פאַר לערערנס פון רעליגיע און העברעיש מיט אַ פּראָגראַם פון 4 יאָר יידישע לימודים און 3 יאָר אַלגעמיינע (באַזישער ציקל פון נאַציאָנאַל־שולן). גלייכצייטיק מיט דער גרינדונג פון דער־אָ שול איז געשאַפן געוואָרן אַן אינטערנאַט פאַר די שילערנס.

אין די פרימאָרגן־שעהן ווערן געלערנט אין דער געביידע פון אינטערנאַט די אַלגעמיינע לימודים, דורך דיפּלאָמירטע פּראָפעסאָרן. אין די נאָכמיטאָג־שעהן לערנען די שילערנס די יידישע קעגנשטאַנדן.

ביזן יאָר 1958 האָבן דער מכון ללימודי היהדות (פאַר יינגלעך) און די נאָרמאַל־שול (פאַר מיידלעך) פונקציאָנירט באַזונדער. פון דעם יאָר און ווייטער לערנען יינגלעך און מיידלעך צוזאַמען, מיט אַ פאַראייניקטן לערן־פּראָגראַם.

די ביבליאָטעק פון מכון ללימודי היהדות באַזיצט 1.500 עקזעמפּליאַרן, צווישן זיי טעקסטן־, לערן־ און אַלגעמיינע ביכער. זי איז ספּעציעל געשאַפן פאַר די תלמידים פון אינסטיטוט וועלכע מען באָרגט אויס אַהיים די ביכער. אויף צו באַרייכערן די ביבליאָטעק אויף אַלע געביטן פון יודאַיסטיק ווערן יעדעס יאָר איינגעקויפט נייע ביכער, אויך ווערן זיי איינגעשאַפן אין ישראל, מיט דער פאַרמיטלונג פון דער מחלקה תורנית לגולה (טעקסט־ביכער אויף זייער ביליקע פּרייזן פאַרן לערערטום און דעם שילער־עלעמענט וועלכע באַנוצן זיך מיט זיי במשך די פאַרשיידענע לערן־פּעריאָדן).

ביים גרינדןביידע לערער־אַנשטאַלטן, האָט די גרעסטע טייל פון די תלמידים געשטאַמט פון דער פּראָווינץ און בלויז אַ קליינער חלק איז געווען פון הויפּטשטאָט און אומגעגנט. אין איצטיקן מאָמענט שטאַמען 80% פון די תלמידים פון דער הויפּטשטאָט און בלויז אַ 20% קומט פון דער פּראָווינץ.

אין 1טן יאָר פון מכון ללימודי היהדות (1945) האָבן זיך פאַרשריבן 19 תלמידים און אין דער נאָרמאַל־שול (1958) — 31 תלמידות.

היינט צו טאָג ציילט דער לערן־אַנשטאַלט 582 תלמידים פון ביידע געשלעכטער, איינגעטיילט אין 2 טורנעס.

זייט דער גרינדונג פון ביידע לערן־אַנשטאַלטן האָבן זיך אין זיי פאַרשריבן אַ קימאַ־לן פון 843 תלמידים: 419 יינגלעך און 424 מיידלעך.

ביזן יאָר 1960 האָבן בײדע אינסטיטוטן אַרויסגעלאָזט 200 אַבסאָלווענטן:

יאָר	ייִנגלעך	מיידלעך
1950	12	—
1952	11	32
1953	8	6
1954	7	16
1955	—	22
1956	14	—
1957	12	17
1958	11	17
1959	13	2
סך־הכל	88 +	112 = 200 אבסאָלווענטן

23 אַביטוריענטן האָבן באַקומען סטיפּענדיעס פאַר א פּערפעקציאָניר־קורס אין ישראל אין מכון „הרב גולד" (15 ייִנגלעך און 8 מיידלעך).

די מערהייט אַבסאָלווענטן זענען טעטיק ביי דערציִערישער אַרבעט און פאַרנעמען וויכטיקע פּאָסטנס אין שולן פון אַרגענטינע, אַלס דירעקטאָרן פון אָנפאַנג־שולן, פּראָפעסאָרן אין די פאַרשיידענע סעמינאַרן און מיטלשולן, אין דעם מכון לתרבות ישראל, אין דעם זעלבן מכון ללימודי היהדות, אין דער מדרשה העברית און אויך אין לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער ווי אורוגוויי, פּאַראַגוויי, טשילע, קובאַ, קאָסטאַ־ריקאַ, פּאַנאַמאַ, א״אנד׳.

אַלע אַבסאָלווענטן פון מכון וואָס זענען איצט טעטיק אַלס פּראָפעסאָרן אין סעמינאַרן און מיטלשולן האָבן פאָרגעזעצט זייערע לימודים אין דער מדרשה העברית, אין פּערפעקציאָניר־קורסן פון ישראל און אייניקע אויך אין דער ירושלימער אוניווערזיטעט.

די לייטונג פון מכון ללימודי היהדות און פון דער ייִדישער קאָנגרעגאַציע פון אַרגענטינע זאָרגן פאַר דער כסדרדיקער פאַרבעסערונג פון מכון, בכדי זיינע אַבסאָלווענטן זאָלן זיין צוגעגרייט צו פאַרנעמען דירעקטיווע אַמטן אין אונדזער געזעלשאַפט און פון די־אָ אַמטן זאָלן זיי קענען פאָרזעצן זייער טעטיקייט לטובת דער גייסטיקער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון לאַטיין־אַמעריקאַנער ייִדנטום.

אייניקע דאַטן וועגן בײדע אַנשטאַלטן

צאָל תלמידות פון דעם יאָר 1950:

1950 — — — — — — — 21 תלמידות
1951 — — — — — — — 50 „
1952 — — — — — — — 56 „
1953 — — — — — — — 63 „
1954 — — — — — — — 82 „
1955 — — — — — — — 87 „
1956 — — — — — — — — 90 „

סך־הכל — — — 449 תלמידות

אַבסאָלווענטנס פון דער נאָרמאַל־שול פאַר לערערנס פון רעליגיע און העברעיִש

יאָר	צאָל אַבסאָלווענטנס
1952	13
1953	6
1954	16
1955	19
סך־הכל	54

ארבעטן אין	צאָל אַבסאָלווי׳
שטאָט	9
פראָווינץ	35
קיין ישראל	4
ייד׳ אינסטיטוציעס	1
סך־הכל	49

צאָל תלמידים פון מכון ללימודי היהדות פונעם יאָר 1945

1945	19	תלמידים
1946	30	„
1947	34	„
1948	49	„
1949	64	„
1950	53	„
1951	62	„
1952	66	„
1953	60	„
1954	66	„
1955	71	„
1956	81	„
סך־הכל	655	תלמידים

אַבסאָלווענטן פון מכון ללימודי היהדות

1950	13	אַבסאָלווענטן
1952	11	„
1953	7	„
1954	7	„
1956	14	„
סך־הכל	52	אַבסאָלווענטן

ארבעטס־אָרט	צאָל אַבסאָלווענטן
פראָווינץ	12
פראָפעסאָרן	6
דירעקטאָרן	4
קיין ישראל	3
זעצן פאַר לימודים אין הויפטשטאָט	12
אויסלאַנד	2
סך־הכל	39

משה פריידע

אונדזערע אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער הילף

די ייִדישע וווילטעטיקייט אין אַרגענטינע איז אַזוי אַלט ווי דער אָרגאַניזירטער ישוב. אַ סאָלידאַריטעט־געפיל פון מענטשן וועלכע עס האָט פאַראייניקט די זעלביקע הילפלאָזיקייט, די זעלבע אומזיכערקייט אין נייעם לאַנד, אין דער פרעמדער סביבה, ווו אַלץ: דער אַרום, די געוווינהייטן, די שפּראַך זיינען געווען ניי און אומבאַקאַנט — איז געווען די טרייבקראַפט וואָס האָט דערפירט צו דער שאַפונג, בוי און אַנטוויקלונג פונעם סאָציאַלן ווערק וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די וווילטעטיקע אינסטיטוציעס פונעם ישוב.

מער ווי וווילטעטיקייט האָט כאַראַקטעריזירט די טעטיקייט פון אונדזערע סאָציאַלע אַנשטאָלטן די נייגונג צו קעגנזייטיקער הילף, צו העלפן איינער דעם אַנדערן. דעריבער טראָגן אונדזערע הילף־אָרגאַניזאַציעס דעם כאַראַקטער פון מוטואַליסטישע קערפערשאַפטן וואָס העלפן דעם יחיד אין אַן עת־צרה, אָבער ווו דער זעלבער הילף־נעמער שטייערט צו אין זיין נאָרמאַלן צושטאַנד צו די מיטלען און שאַפט די מעגלעכקייט פון אַזאַ הילף. אויף אַזאַ אופן באַקומט ער זי נישט ווי אַ נדבה, ווי אַ נויטבאַדערפטיקער הילפלאָזער מענטש וועמען עס קען קומען נאָר דאָס וואָס עס ווערט דיקטירט פון רחמנות־געפיל, נייערט ווי אַ באַרעכטיקטער מיטגליד.

די ייִדישע סאָציאַלע הילף אין אַרגענטינע ווערט היינט צו טאָג געפירט דורך פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס: ייִדישער שפּיטאָל „עזרה", מושב זקנים ובית ילדים, ביקור חולים, הכנסת אורחים, ייִדישע ליגע קעגן טובערקולאָז, בית־יתומות און קינדער־היים. פון דעם חשבון נעמען מיר אַרויס די אָפּטיילונג פון סאָציאַלער הילף ביי דער קהילה, וועגן וועלכער עס ווערט גערעדט באַזונדער. אַנטשטאַנען זיינען זיי אַלע אין דער זעלביקער תקופה, כמעט אין די זעלביקע יאָרן, אויב מיר זאָלן מאַכן אַן אויסנאַם פאַרן „ביקור חולים", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן נאָך ביים סוף פון פריִערדיקן יאָרהונדערט.

דער ייִדישער שפּיטאָל ביי דער „עזרה" האָט דערעפנט צום ערשטן מאָל זיינע טירן דעם 25סטן מאַי 1921, דער גרונטשטיין איז געלייגט געוואָרן דעם 9טן אָקטאָבער 1916, דעם באַשלוס וועגן קויפן דעם באָדן אויף וועלכן דער שפּיטאָל איז אין יאָרן אַרום אויפגעבויט געוואָרן, האָט מען אָנגענומען אויף אַ מיטגלידער־פאַרזאַמלונג וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין חודש יולי פון 1910.

פינף יאָר איידער דער „עזרה"־שפּיטאָל איז דערעפנט געוואָרן איז געגרינדעט געוואָרן דער מושב זקנים ובית יתומים. דער בית יתומות אין דריי יאָר אַרום, אין 1919. דער הכנסת אורחים — אין 1922, די ייִדישע ליגע קעגן טובערקולאָז — אין 1916. די יינגסטע פון אונדזערע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס: די ייִדיש־אַרגענטינער קינדער־היים האָט געעפנט אירע טירן אויפצונעמען אָרעמע קינדער, אין 12 יאָר אַרום, דאָס הייסט אין 1928.

דער ייִדישער שפּיטאָל

דער ייִדישער שפּיטאָל איז, אָן ספק, די גרעסטע סאָציאַלע אינסטיטוציע פון ייִדישן אַרגענטינע. בכדי זיך צו שאַפן אַ באַגריף וועגן דעם וווּקס פון דער אינסטיטוציע, איז גענוג צו וויסן, אַז אינעם יאָר פון איר גרינדונג, דאָס הייסט במשך די זיבן חדשים פון 1921, זיינען אינטערנירט געוואָרן אין ייִדישן שפּיטאָל 589 קראַנקע און אין די אויסערלעכע קאָנסולטאָריעס

זיינען באַהאַנדלט געוואָרן 10.973 חולאים. אין 1939, דאָס הייסט אין 18 יאָר אַרום, זיינען שוין געווען 2.898 אינטערנירטע חולאים און 86.267 באַהאַנדלטע אין די אויסערלעכע קאָנסולטאָריעס אין דער זעלביקער צייט וואָס די שפּיטאָל־אַפּטייק האָט אַרויסגעגעבן 108.060 רפואות.

ווי זעט אויס די לאַגע היינט צו טאָג?

די סאָציאַל־מעדיצינישע טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע ווערט געפירט אין 28 אָפּטיילונגען אין וועלכע עס ווערן באַשעפטיקט העכער הונדערט דאָקטוירים, אַ טייל פון זיי מיט אַ גוט פאַרדינטן פּרעסטיזש אין דער אַרגענטינער וויסנשאַפטלעכער וועלט.

דער ערשטער פּאַוויליאָן פון ייִדישן שפּיטאָל.

דער ייִדישער שפּיטאָל „עזרה", וועלכער נעמט אויף קראַנקע פון דער שטאָט און פון דער גאַנצער פּראָווינץ, איז דער גרעסטער פון אונדזערע וווילטעטיקע אַנשטאַלטן. דער שפּיטאָל קען זיך נישט פאַרשעמען לגבי אַנדערע ענלעכע אינסטיטוציעס, אפילו מלוכהשע, הן וואָס נוגע דער באַדינונג, הן וואָס נוגע דער צאָל קראַנקן־סאַלעס און קאָנסולטאָריעס וואָס נעמען אַרום אַלע ספּעציאַליטעטן פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, שוין אָפּגערעדט פון זיין מעדיקער־קאָרפּוס, אין וועלכן עס זיינען פאַראַן אַ צאָל אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן, מיט אויסערגעוויינלעכע וויסנשאַפטלעכע לייסטונגען.

ס'האָט גענומען יאָרן ביז צום היינטיקן פאַנאַנדערוווקס פון ייִדישן שפּיטאָל. כדי דורכצומאַכן דעם באַרג־אַרויף וועג זינט זיין באַשיידענעם אָנהייב, מיט דעם איינציקן פּאַוויליאָן און מיט בלויז צוויי סאַלעס, ביז צו דעם איצטיקן ריזן־פּאַרנעם, מיט צענדליקער קראַנקן־סאַלעס, קאָנסולטאָריעס און כלערליי מעדיצין־באַדינגונגען, איז געווען נייטיק אַ שלל ענערגיע, אַרבעט און אָנשטרענגונגען.

דער וווקס פונעם שפּיטאָל „עזרה" איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן וווקס פונעם ישוב.

די געזעלשאַפט „עזרה" ביי וועלכער עס איז מיט יאָרן שפּעטער געשאַפן געוואָרן דער שפּיטאָל, האָט לכתחילה זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע מאַטעריעל בייהילפיק צו זיין די אומבאַמיטלטע מענטשן. זי איז געגרינדעט געוואָרן דעם 25סטן דעצעמבער 1900. אין די יאָרן פון גרויסן אימיגראַציע־שטראָם. איר ערשטער פּאָרזיצער איז געווען יעקב זשאַבאָטינסקי. דעם 29סטן אָקטאָבער איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון יידישן שפּיטאָל. דער ערשטער פּאַוויליאָן זיינער טראָגט דעם נאָמען „סענטענאַריאָ", דאָס הייסט יאָרהונדערט, טאַקע דערפאַר וואָס זיין בוי איז אונטערגענומען געוואָרן צום הונדערטסטן יאָר פון דער אַרגענטינער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע, און ווי אַ באַערונג פאַרן לאַנד וואָס האָט אַזוי גאַסטפריינטלעך אויפגענומען גרויסע מאַסן יידישע אימיגראַנטן און האָט פאַר זיי געשאַפן די מעגלעכקייט אויפצובויען נייע היימען.

אָבער ערשט דעם 25סטן מאַי 1921 האָט דער „עזרה"־שפּיטאָל געעפנט צום ערשטן מאָל זיינע טירן פאַרן יידישן חולה וועלכער האָט ביז דעמאָלט געמוזט אָנקומען צו קריסטלעכע הייל־אַנשטאַלטן אין אַ סביבה וווּ ער האָט זיך געפילט פרעמד. צום יאָר נאָך דער דערעפענונג פונעם שפּיטאָל האָבן זיינע עסקנים שוין געטראַכט וועגן צובויען אַ נייעם פּאַוויליאָן, ווייל אַזוי האָבן עס דעמאָלט דיקטירט די נויטן פונעם ישוב. דאָס ווערט אַ ווירקלעכקייט אין זיבן יאָר אַרום, און דעם 4טן נאָוועמבער 1928 ווערט דערעפנט דער צווייטער פּאַוויליאָן. דער 3טער און 4טער פּאַוויליאָן ווערן דערעפנט דעם 31סטן אָקטאָבער 1948.

היינט צו טאָג איז דער שפּיטאָל „עזרה" דער גרויסער הייל־אַנשטאַלט, די פּאַרצווייגטע מעדיצינישע אָרגאַניזאַציע פון אַרגענטינער יידישן ישוב.

דער שפּיטאָל פאַרמאָגט פיר הונדערט בעטן און 13 קראַנקן־סאַלעס; צוויי סאַלעס פון מעדיצין־קליניק פאַר מענער, צוויי — פון מעדיצין־קליניק פאַר פרויען, איינער פון אַלגעמיינער כירורגיע פאַר מענער, צוויי — פון אַלגעמיינער כירורגיע פאַר פרויען, איין סאַלע פאַר גינעקאָלאָגיע, איינע — פאַר מוטערשאַפט, איינע — פון אָרטאָפּעדיע און טראַומאַטאָלאָגיע פאַר ביידע געשלעכטער, איינע — פון אויגן־קראַנקייטן אויך פאַר ביידע געשלעכטער, איינע פאַר האַרץ־ליידנדיקע, איינע — פאַר קינדער פון ביידע געשלעכטער. חוץ לזה איז פאַראַן אַ פּענסיאָנאַט וועלכער איז איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס.

די אויסערלעכע קאָנסולטאָריעס פאַר חולאים וואָס קומען אַהין אויף קוראַציע זיינען פאָלגנדיקע: קאָנסולטאָריע פון מעדיצין־קליניק פאַר מענער; קאָנסולטאָריע פון מעדיצין־קליניק פאַר פרויען; פאַר מעדיצינישער קליניק־כירורגיע, גינעקאָלאָגיע, אָרטאָפּעדיע און טראַומאַטאָלאָגיע, מוטערשאַפט, אויגן־קראַנקייטן, ציין־קאָנסולטאָריע, פיזיאָטעראַפּיע, מאַסאַזש־היילונג.

די קאָנסולטאָריעס וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער כירורגישער אָפּטיילונג פונעם שפּיטאָל, זיינען פאָלגנדיקע: קאָנסולטאָריע פאַר נערוון־כירורגיע, פאַר פּלאַסטישער כירורגיע, פאַר ברוסטקאַסטן־כירורגיע און פאַר נירן־קראַנקייטן.

חוץ לזה זיינען פאַראַן פאָלגנדיקע מעדיצין־באַדינגונגען: פאַר הויט־קראַנקייטן, פאַר נאָז־האַלדז און אויערן־קראַנקייטן, פאַר נערוון־קראַנקייטן, פאַר ענדאָקרינאָלאָגיע, פאַר פלעגונג־קראַנקייטן, פאַר רעוומאַטיזם, באַדינונג פאַר ראַדיאָלאָגיע, ראַדיאָטעראַפּיע און די אָפּטיילונג פאַר בלוט־טראַנספוזיע און פּלאַסמאָטעראַפּיע.

אַנדערע וויכטיקע אָפּטיילונגען פון גרויס באַדייטונג פאַר דער מעדיצינישער טעטיקייט פונעם אַנשטאַלט זיינען: די ביאָכעמישע צענטראַלע לאַבאָראַטאָריע, די לאַבאָראַטאָריע פאַר פּאַטאָלאָגיע, דער קינסטלעכער האַרץ און לונג, די אַפּטייק און די אָפּטיילונג פאַר האַרץ־ און בלוט־צירקולאַציע־פאָרשונגען. בסך־הכל באַשטייט דער יידישער שפּיטאָל, ווי עס איז צו זען, פון 29 מעדיצין־באַדינגונגען.

אויסער דעם דאַרף מען צורעכענען די פּערמאַנענטע מעדיצין־וואַך, במשך די 24 שעה פונעם

מעת־לעת פֿאַר דרינגענדיקער מעדיצינישער הילף, און די אָקערשט געשאַפֿענע אָפּטיילונג פֿאַר ענדאָקרינאָלאָגיע־חולאים, און באַזונדערס די איזאָטאָפּאָן־לאַבאָראַטאָריע, מיט וועלכער די מעדיצין־באַדינונגען פֿון ייִדישן שפּיטאָל גרייכן צו 32. ווען מען רעכנט צו זיי צו די דרייצן קראַנקן סאַלעס און די דריי קאַטעגאָריעס פֿונעם פּענסיאָנאַט, האָבן מיר אַ סך־הכּל פֿון 48 אָפּטיילונגען וואָס שטעלן צוזאַמען דעם קאָמפּליצירטן אַפּאַראַט פֿונעם גרויסן אַנשטאַלט פֿאַרן געזונט־שוץ פֿון דער בוענאָס־איירעסער ייִדישער באַפֿעלקערונג, באַזונדערס פֿאַר אירע אָרעמסטע שיכטן.

צו דינסט די טויזנטער קראַנקע אין די פֿאַרשיידענע שפּיטאָל־אָפּטיילונגען שטייען 142 דאָקטוירים און 321 אַנגעשטעלטע פֿונעם טעכנישן און סאַניטאַרן פּערסאָנאַל. די אַדמיניסטראַציע באַשטייט פֿון 48 באַאַמטע, דער אינקאַסענטן־פּערסאָנאַל פֿון 12 און די דינערשאַפֿט — 23. צוזאַמענגענומען זיינען באַשעפֿטיקט 546 מענטשן.

דער נייעסטער פּאַוויליאָן פֿון ייִדישן שפּיטאָל.

די אויפֿגאַבע פֿון ייִדישן שפּיטאָל איז צו היילן די דאָזיקע וועלכע קענען, מחמת זייער מאַטעריעלער לאַגע, זיך נישט דערלויבן צו היילן אויף אַ פּריוואַטן אופֿן. אין דעם ליגט זיין גרויסע סאָציאַלע שליחות. אָבער דער ייִדישער שפּיטאָל — דער שפּיטאָל פֿון ייִדישע דאָקטוירים פֿאַר ייִדישע חולאים — האָט פֿון אָנהייב אָן געהאַט נאָך אַ גרעסערע אויפֿגאַבע: קעמפֿן קעגן דעם טראַגישן עלנט פֿון די קראַנקע. נישט נאָר היילן די פּאַציענטן מיט די רפֿואות און מיטלען וואָס די וויסנשאַפֿט האָט אַרויסגעבראַכט, נייערט צו שאַפֿן פֿאַר אים אַ היימישע סביבה און אַ מענטשלעכע באַציִונג, צו שטאַרקן דעם חולהס גייסט, ווי אַ באַדינג צו היילן און קרעפֿטיקן זיין גוף.

דורך דער צייט איז די אינסטיטוציע באַרייכערט געוואָרן מיט נייע דאָקטוירים. מאַסן יונגע דאָקטוירים האָבן אין שפּיטאָל דורכגעמאַכט זייערע פּראַקטישע אויסשולונג און דער שפּיטאָל גופֿא איז מיט דער צייט געוואָרן אַ וויכטיקער פֿאָרש און לערן־אַנשטאַלט.

דער ייִדישער שפּיטאָל איז אַ וויכטיק בלאַט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָציאַלער אַרבעט אין אַרגענטינע. אין דאָזיקן בלאַט שיינען די נעמען פון געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן לאַנגע יאָרן אַרבעט פאַר דער אינסטיטוציע, און עס שיינען אויך די נעמען פון מעדיצינער וואָס דער ישוב פאַרגעסט אין זיי ניט און וועט אין זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

גרויס איז די חולאים־מאַסע וואָס קומט טאָג־טעגלעך אינעם ריזיקן הייל־אַנשטאַלט. מען קען זיי זען מיט זייער זאָרג, מיט ווייטיק אין גוף, מיט מורא אינעם געמיט, אַריינקומענדיק און אַרויסקומענדיק פון די גערוימע סאַלעס, פון די מאָדערן־אויסגעשטאַטעטע קאָנסולטאָריעס.

וויפל טויזנטער לעבנס האָט דער ייִדישער שפּיטאָל געראַטעוועט במשך זיין לאַנג־יאָריקער עקזיסטענץ? אין וויפל היימען האָט דער ייִדישער שפּיטאָל אַריינגעטראָגן דאָס גליק פון צוריקגעוווּנענעם געזונט? קיין ציפערן און ווערטער קענען עס ניט אָפּשאַצן.

זינט דער ייִדישער שפּיטאָל איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1921 ביזן 31סטן דעצעמבער 1961 האָבן זיינע קראַנקן־זאַלן אַריינגענומען 140.156 פּאַציענטן און די אויסערלעכע קאָנסולטאָריעס האָבן באַהאַנדלט 1.414.145 פאַלן.

אַ קאָלאָסאַלע מי איז נייטיק געווען כדי צוריקצוגעבן דאָס געזונט אַזאַ גרויסע מענטשן־מאַסע. די ברייטהאַרציקייט און די פאַרשטענדעניש פונעם ישוב וואָס האָט אַרויסגעוויזן באַציונג און אַרומגערינגלט מיט ליבע זיין גרעסטע סאָציאַלע אינסטיטוציע, האָבן דאָס אַלץ דערמעגלעכט.

ווי זעט אויס דער עקאָנאָמישער מצב פון דער אינסטיטוציע אין דער שפּראַך פון די ציפערן?

דער באַלאַנס פאַרן לעצטן פינאַנץ־פּעריאָד וואָס נעמט אַרום דעם יאָרלעכן צייט־אָפּשניט צווישן 1טן יאַנואַר און 31סטן דעצעמבער 1961, מאַכט באַקאַנט אַז די הוצאות פונעם שפּיטאָל האָבן געגרייכט צו 55.143.055, דאַן ווען אין יאָר 1954 זיינען די אויסגאַבן דערגאַנגען צו 9.825.984 פּעזאָס. אין אַנדערע ווערטער הייסט עס אַז דער בודזשעט איז געוואַקסן אין קוים זיבן יאָר, זיבן מאָל אַזוי פיל.

איצט, ווי זעען אויס די הכנסות?

אין יאָר 1961 האָבן אַלע איינקונפטן אין די פאַרשיידענע רובריקן דערגרייכט צו 55.062.694.43 פּעזאָס אין פאַרגלייך מיט 9.831.775 אין 1954.

צוזאַמען מיטן וווּקס פון די הוצאות איז צו מערקן די גלייכצייטיקע שטייגונג פונעם דעפיציט וועלכער איז פון 396.167,50 פּעזאָס אין 1954 דערגאַנגען צו 994.619,78 פּעזאָס אין 1961. איז דעריבער זיך ניט צו וווּנדערן וואָס דער דעפיציט פונעם ייִדישן שפּיטאָל גרייכט היינט צו טאָג, נאָך דער אָנזאַמלונג פון די דעפיציטן פון די לעצטע יאָרן, צו העכער זיבן מיליאָן פּעזאָס, וואָס לייגט זיך ווי אַ שווערע לאַסט אויף דער אינסטיטוציע און שטעלט זי אַוועק פאַר אַזאַ שווערן פינאַנציעלן מצב וואָס איז ניט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. דאָס רופט אַרויס זאָרג ביי דער פאַרוואַלטונג און פאָדערט וועגן דעם זיך צו באַטראַכטן אויב מען וויל אויסמיידן אַן אמתע סכנה.

במשך די לעצטע פינף יאָר זיינען ביים ייִדישן שפּיטאָל געשאַפן געוואָרן פאָלגנדיקע נייע אָפּטיילונגען: סאַלע פאַר ענדאָקרינאָלאָגיע, העמאַינאַמיק־לאַבאָראַטאָריע, סאַלע פאַר האַרץ־קראַנקייטן, סאַלע פאַר אויגן־קראַנקייטן און די עקספּערימענטיר־לאַבאָראַטאָריע פון דער בלוט־צירקולאַציע. חוץ לזה איז כדאַי אָנצומערקן אַז עס איז פאַרן אַנשטאַלט איינגעשאַפן געוואָרן דער קינסטלעכער האַרץ און לונג.

צום פּרעסטיזש פון ייִדישן שפּיטאָל דאַרף באַטאָנט ווערן אַז אין לעצטן יאָר איז ער אַנערקענט געוואָרן מצד דעם מעדיצינישן פאַקולטעט ביים נאַציאָנאַלן אוניווערזיטעט פון בוענאָס־איירעס, ווי אַ שפּיטאָל־איינהייט, דאָס הייסט ווי אַ הויך־שולע פאַר מעדיצין וווּ ייִדישע פּראָפעסאָרן לערנען די פאַרשיידענע צווייגן פון דער מעדיצין־וויסנשאַפט ייִדישע און ניט־ייִדישע אוניווערזיטעט־סטודענטן.

מושב זקנים ובית ילדים

אַן אייגנאַרטיקע אינסטיטוציע, מיט אַ שם אין אַרגענטינע, איז דער מושב זקנים ובית ילדים, די הילפס־אָרגאַניזאַציע וואָס האָט שטאַרק געענדערט איר סאָציאַלן פּרצוף זינט זי האָט זיך איבערגעצויגן אין די היימען וואָס די יידישע ברייטהאַרציקייט האָט אויפגעבויט אין בורסאַקאָ.

מושב זקנים ובית ילדים איז אפשר די סאָציאַלע אינסטיטוציע, וואָס קריגט דעם גרעסטן סכום ספּאָנטאַנע באַשטייערונגען. זייער אַ סך יחידים וואַרטן נישט מען זאָל זיי וועקן און רופן נאָר זיי שיקן אַליין צו זייערע נדבות, — אין מזומן און חפצים.

פּאַוויליאָן פאַר קינדער אין בורסאַקאָ.

די געשיכטע פון דער אינסטיטוציע איז פאַרבונדן מיט רירנדיקע מאָמענטן פאַרן ישוב, ווי למשל, מיט דער געשעעניש ווען עס זיינען געקומען די הונדערט מילחמה־יתומים פון אוקראַינע, און האָבן געפונען אַ וואַרעמע היים אויף קאַבילדאָ 3642, וווּ די אינסטיטוציע האָט געהאַט איר ערשטן בית־יתומים. דער ישוב האָט זיי דעמאָלט, אינעם ווייטן יאָר 1921, אַרומגערינגלט מיט אַזאַ ליבע ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אייגענע קינדער.

בקיצור איז די געשיכטע פונעם אַנשטאַלט אַזאַ:

17טן סעפּטעמבער 1915 איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג אויף וועלכער עס איז באַטראַכט געוואָרן די נייטיקייט צו שאַפן אַן אינסטיטוציע פאַר היימלאָזע יידישע זקנים.

9טן יאַנואַר 1916. — אָפיציעלע דערעפענונג פונעם מושב זקנים אויף דער גאַס כוראַמענטאָ 1719.

אויגוסט 1918. — דערעפענונג פונעם בית־יתומים אויף דער גאַס קאַבילדאָ 3652.

25סטן דעצעמבער 1918. — עס ווערט באַשלאָסן צו שאַפן דעם קינדער־אָרקעסטער ביים בית־יתומים און עס איז באַטראַכט געוואָרן די לויגבאַרקייט צו שאַפן אַ דרוקעריי פאַר דער פאַך־דערציונג פון די קינדער. די דאָזיקע איניציאַטיוו איז שפּעטער פאַרווירקלעכט געוואָרן.

22סטן נאָוועמבער 1921. — עס זיינען אָנגעקומען פון אוקראַיִנע קיין בוענאָס־איירעס, 100 יתומים פון דער צווייטער וועלט־מלחמה: 70 יינגלעך און 30 מיידלעך. די יינגלעך זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין מושב־זקנים און בית־יתומים. די מיידלעך — אין בית־יתומות ביים יידישן ווילטעטיקן פרויען־פאַראיין.

28סטן פעברואַר 1926. — אָפיציעל ווערט דערעפנט די נייע געביידע פאַרן מושב זקנים אויף דער גאַס מאַנטע 2049.

דער יערלעכער יום־טוב פון בורסאַקאָ.

25סטער נאָוועמבער 1930. — עס ווערט געדונגען דאָס הויז אויף דער גאַס גרעגאָריאָ דע לאַפערער 1824 פאַר אַן אינוואַלידן־הויז.

29סטער דעצעמבער 1942. — די פאַרוואַלטונג פונעם אַנשטאַלט נעמט צו קענטעניש אַז ה׳ כאַסע איטוראַט, אַ קריסט, האָט באַשלאָסן צו שענקען 18.600 קוואַדראַט־מעטער לאַנד, אין דער בוענאָס־איירעסער ביישטאָט בורסאַקאָ, צוזאַמען מיט די הייזער און איינריכטונגען וואָס זיינען דאָרט פאַראַן, מיטן צוועק אויפצובויען דאָרט די היימען פאַר יידישע זקנים און קינדער. שפּעטער איז דער געשאָנקענער באָדן פאַרגרעסערט געוואָרן מיטן איינקויף פון נאָך 18 שבנתדיקע קוואַדראַט העקטאַר, דאָס הייסט נאָך 18 טויזנט קוואַדראַט מעטער לאַנד.

28סטער נאָוועמבער 1943. — עס ווערט געלייגט דער גרונטשטיין פאַר די היימען אין בורסאַקאָ.

13טן אַפּריל 1947. — אָפיציעל ווערן דערעפנט די היימען פון בורסאַקאָ.

1טער יוני 1952. — די אינסטיטוציע בייט איר פריִערדיקן נאָמען אויף „יידיש־אַרגענטינער היימען פאַר זקנים און קינדער״.

בכדי זיך צו שאַפן אַ באַגריף פון דעם וואָס די בורסאַקאָ־היימען שטעלן מיט זיך פאָר איז כדאי אָנצווייזן אַז די דאָזיקע זקנים־ און קינדער־שטאָט, ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון:

1. — אַ גרויסער פּאַוויליאָן פאַר זקנים.
2. — אַ גרויסער פּאַוויליאָן פאַר זקנות.
3. — זעקס היימען־געביידעס פאַר קינדער.
4. — אַ שפּיטאָל־בנין אין וועלכן עס זיינען טעטיק אַ מעדיצין־קאָנסולטאָריע, אַ צאָן־קאָנסולטאָריע, אַ קראַנקן־סאַלע און אַן אַפּטייק.
5. — אַ שול וואָס דינט אויך פאַר אַ קאָנפערענצן־ און טעאַטער־זאַל.
6. — בנין פאַר דער אַלגעמיינער אָנפאַנג־שולע און פאַר דער יידישער שולע.
7. — בנין פאַר דער טעכנישער פאַך־שולע.
8. — ביבליאָטעק, לייען און מוזיק־זאַל.
9. — קינדער־קלוב.
10. — ברייטער ספּאָרט־פּלאַץ און שווים־באַסיין.
11. — בנין פאַר דער אַדמיניסטראַציע און צענטראַלער מאַגאַזין.
12. — שפּייז־ און וועש־מאַגאַזין.
13. — בנין אין וועלכן עס געפינען זיך די קיך, בעקעריי, פריר־קאַמערן און וועשעריי.
14. — אָפּטיילונג פאַר עופות־צוכט.
15. — פעלד פאַר גרינס־ און פרוכט־קולטיוון.
16. — געביידע פאַרן הויז־וועכטער און פאַר דער עלעקטרישער צענטראַלע.

די אינסטיטוציע גייט היינט צו טאָג אויפן וועג פון אַ נאָך מער אויסגעברייטערטער טעטיקייט ווי דאָס באַווייזט די פּאַראַיאָרן געעפנטע אָפּטיילונג פאַר דערציִען מענטאַל־אָפּגעשטאַנענע און פּסיכיש־דעפעקטיווע קינדער.

אַ שווער פּראָבלעם איז פאַר דער אינסטיטוציע דאָס אויפהאַלטן יידישע אינוואַלידן — טייל זקנים ווערן אויך פאַרוואַנדלט אין אינוואַלידן מיטן גאַנג פון דער עלטער — ווייל דאָס פאָדערט באַזונדערע זאַלן און איבערהויפּט אַ ספּעציעלע אויפפּאַסונג. אַ סך איניציאַטיוו, ' זיינען אויפגעקומען פאַר דער לייזונג פון אָט־דער האַרבער פראַגע, און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן זיינען אונטערגענומען געוואָרן אַקציעס אין דער־אָ ריכטונג. מען האָט פאַר דעם דערוואַרט די שטיצע און די מאַטעריעלע מיטלען פון פאַרשיידענע קוועלן. אָבער דערווייל איז מען בלויז געבליבן ביי די גוטע כוונות.

אַ צווייטער פּראָבלעם וואָס האָט אַרויסגערופן זאָרג איז די פראַגע פון דער דערציִונג פון די קינדער וועלכע איז נישט צוגעפּאַסט, לויט דער מיינונג פון באַרופענע פּערזאָנען, צו די פאָדערונגען פון אונדזער חינוך.

אויף דער רעקאָמענדאַציע פון אַ ספּעציעל־באַשטימטער קאָמיסיע פון אָנגעזעענע פּעדאַגאָגן און דערציִער, האָט די לעצטע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג באַשלאָסן, אַז די פאַרוואַלטונג זאָל זוכן אַ פּאַסיקע געביידע אין בוענאָס־איירעס וואָס זאָל דינען פאַר אַ היים פון די קינדער פון בית־ילדים, בכדי זיי זאָלן לערנען צוזאַמען מיט „נאָרמאַלע״ קינדער, דאָס הייסט, קינדער פון נאָרמאַלע היימען, באַזוכנדיק פאַר דעם צוועק געוויינטלעכע יידישע און מלוכהשע שולן.

בשותפות מיטן נאַציאָנאַלן יידישן שול־פאַרבאַנד האָט דער מושב זקנים ובית ילדים אָרגאַניזירט במשך איניקע יאָרן אַ קינדער־קאָלאָניע אין בורסאַקאָ. אויף אַזאַ אופן האָט מען באַציועקט אָוועקצונעמען ביי די אינטערנירטע קינדער דעם געפיל פון עלנט און פאַריתומקייט, שטעלנדיק זיי אין קאָנטאַקט מיט קינדער פון נאָרמאַלע היימען.

די לעצטע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פון דער אינסטיטוציע האָט באַשלאָסן אָפּצוזונדערן

די קינדער פון די זקנים און פאַר דעם צוועק ווערט געזוכט אַ פאַסיקע געביידע אין בוענאָס־איירעס, ווו די קינדער וועלן איינגעאָרדנט ווערן און דערצויגן ווערן אין בעסערע באַדינגונגען.

ביקור חולים

דער הייל־אַנשטאַלט „ביקור חולים״ איז די עלטסטע וווילטעטיקע אינסטיטוציע אינעם יידישן אָרגענטינע. נישט געקוקט אויף דעם וואָס איצט איז זי טעטיק אויפן געביט פון געזונט־שוץ און הילף פאַר קראַנקע, איז זי אָבער געגרינדעט געוואָרן דעם 24סטן אָקטאָבער 196, ווי אַ „יידישער אַרבעטער פאַראיין״. דאָס איז געווען דער ערשטער נאָמען פונעם אַנשטאַלט.



מאָדערנער אַפּאַראַט פאַר טיפער און אויבערפלעכלעכער ראַדיאָטעראַפּיע אין ביקור חולים.

אירע ערשטע מיטגלידער זיינען געווען מענטשן וואָס האָבן געזוכט אין דער ניי־געשאַפענער געזעלשאַפט די מיטלען און דעם וועג פאַר קעגנזייטיקער הילף, און אפשר מער דערפון — די מענטשן־דערנענטערונג אינעם נייעם און פרעמדן לאַנד. דעריבער איז פאַרשטענדלעך וואָס אינעם „אַרבייטער־פאַראיין״ איז געווען טעטיק אַ ביבליאָטעק, און שפּעטער — אַ שול, און אין יאָרן אַרום האָט מען זיך פאַרטראַכט צו שאַפן אַ קאָנסולטאָריע און אנגאַזשירן אַ דאָקטער בכדי אונטערצוקומען מיט מעדיצינישער הילף די מיטגלידער אין פאַל פון נויט.

אָט אין דאָזיקן באַשלוס צו אַנגאַזשירן אַ דאָקטער און געבן די ערשטע מעדיצינישע הילף אינעם אַלטן יידישן בוענאָס־איירעס ליגט דער שורש פונעם היינטיקן „ביקור חולים״ און פון זיינע סאָציאַל־מעדיצינישע אויפגאַבן.

צווישן די גרינדער און די ערשטע עסקנים פון דער אינסטיטוציע געפינען זיך אַזעלכע נעמען ווי אביש שוסטער, פּ. וואָרטמאַן, סאַלי באָראָק, אַלעקסאַנדער גערשטיין, י. ש. ליאַכאָזיצקי.

פון 1914 אָן האָט דער „ביקור חולים״, וואָס זיינע אויפגאַבן זיינען געווען צו געבן מעדיצינישע הילף אין אירע קאָנסולטאָריעס און באַזוכן דעם קראַנקן אין זיין היים, אָנגעהויבן גיין פאָראויס מיט ריזיקע שריט. דאָס זיינען געווען יאָרן פון אַן אַלץ וואַקסנדיקן אימיגראַציע־שטראָם, וואָס האָט געבראַכט צו די אַרגענטינער ברעגעס אַן אָרעמע איינוואַנדערער־מאַסע וועלכע האָט געמוזט אָנקומען צום דעמאָלטדיקן איינציקן יידישן הייל־אַנשטאַלט אין פאַל פון קראַנקייט.

עס איז כדאי צו באַמערקן אַז אין די יאָרן צווישן 1901 און 1929 האָט דער ביקור חולים געהאָלפן זיינע מיטגלידער און סתם דער יידישער אָרעמשאַפט, נישט נאָר מיט מעדיצינישער הילף, נייערט אויך מיט מאַטעריעלער הילף און אפילו מיט הילף צו דערפילן זייערע רעליגיעזע הצטרכותן.

די טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע איז כסדר געוואַקסן און אין יאָר 1934 זיינען שוין דורך „ביקור הולים״ טאָג־טעגלעך באַהאַנדלט געוואָרן צווישן 90 און 120 חולאים.

דער „ביקור חולים״ געפינט זיך איצט אין זיין רחבותדיקן אייגענעם בנין אויף דער גאַס קאַנגאַזשאָ 3460, ווו עס ווערט געגעבן הילף דעם מיטגליד און דעם אומבאַמיטלטן נישט־מיטגליד, אויף אַלע געביטן פון דער מעדיצין.

נישט געקוקט דערויף וואָס דער „ביקור חולים״ איז אַן אָרגאַניזאַציע פון מוטואַליסטישן כאַראַקטער, טיילט זיך אויס זיין אַרבעט דערמיט וואָס ער גיט זיין מעדיצינישע הילף נישט נאָר צו מיטגלידער.

די אויפנעם־שעהן אין די מעדיצינישע קאָנסולטאָריעס — אין דער פרי און פאַרנאַכט — זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ אופן אַז זיי פאַלן נישט צוזאַמען מיט דער נאָרמאַלער אַרבעטס־צייט פון די פאַציענטן, זיי ווערן דעריבער נישט אָן קיין שכירות, וואָס דאָס וואָלט זיך געלייגט שווער אויפן מצב פון די מענטשן וואָס דאַרפן אָנקומען צו דער אינסטיטוציע. אויך דער פאַמיליען־פרוי, דער מוטער פון קינדער, זיינען זייער באַקוועם די שעהן אין וועלכע עס זיינען איינגעשטעלט די „ביקור חולים״־באַדינונגען.

דער אַנשטאַלט, וואָס האָט זיך לעצטנס איינגעשאַפן די מאָדערנסטע מעדיצין־אַפאַראַטן, ווי אַן עקיפ פאַר איקס־שטראַלן, אַן אַפאַראַט פאַר טיפער און אויבערפלעכלעכער ראַדיאָטעראַפיע — לייסטעט פאָלגנדיקע מעדיצין־באַדינגונגען: מעדיצינישע קליניק, כירורגיע, האַרץ־קראַנקייטן, אָרטאָפעדיע און טראַומאַטאָלאָגיע, הויט־קראַנקייטן, קינדער־קראַנקייטן, גינעקאָלאָגיע, נאָז־אויערן־האַלדז־קראַנקייטן, דענטיסטיק, איקס־שטראַלן־קאַבינעט, אויבערפלעכלעכע און טיפע ראַדיאָטעראַפיע, ביאָ־כעמישע לאַבאָראַטאָריע און אַפטייק. עס זיינען באַשעפטיקט 22 דאָקטוירים.

די הוצאות האָבן אין יאָר 1961 דערגרייכט צו 2.425.006 פעזעס און די הכנסות צו 2.633.403.62 פעזעס. דער סופעראַוויט דאַרף נישט צוגעשריבן ווערן די נאָרמאַלע איינקונפטן — פאַר מיטגלידס־אָפצאָלונגען איז בלויז אַריינגעקומען 706.177 פעזעס — נייערט דער טעטיקייט, מי און זאָרג פון דער פאַרוואַלטונג וואָס האָט געשאַפן דורך פאַרשיידענע וועגן — דורךביישטייערונגען און אונטערנעמונגען — די איבעריקע טייל.

ייִדישע ליגע קעגן טובערקולאָז

צוזאַמען מיטן ייִדישן שפּיטאָל און דעם „ביקור חולים" בילדעט די ייִדיש־אַרגענטינער ליגע קעגן טובערקולאָז דעם דריי־עק פון די גרויסע געזונט־שוץ אינסטיטוציעס פונעם ישוב.

געגרינדעט אין יאָר 1916, האָט דער דאָזיקער אַנשטאַלט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל לטובת דער ייִדישער אָרעמשאַפט פון בוענאָס איירעס און פונעם גאַנצן לאַנד, צווישן וועלכער די טובערקולאָז־מחלה האָט געפונען אירע קרבנות, ספּעציעל אין די ענגע היימען פון דער אָרעמער ייִדישער אימיגראַנטן־מאַסע.

פון דעמאָלט ביז היינט האָט די מעדיצין־וויסנשאַפט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן פאַרשריט, אַזוי אַז היינט צו טאָג איז לייכט געוואָרן צו באַקעמפן די אַמאָל שרעקלעכע קראַנקייט. עס איז אָבער טעותדיק צו מיינען אַז טובערקולאָז איז שוין אַן ענין וואָס געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. די סכנה פון דער געפערלעכער קראַנקייט איז נאָך נישט פאַרשוווּנדן. זי קומט נאָך אַלץ אַריין דאָרט ווו עס פעלט זון און דאָרט ווו עס פעלט אַ געזונטע פלעגונג פאַרן גוף, און טובערקולאָז נעמט נאָך אָפּ, הגם אין אַ סך אַ קלענערער מאָס, זיין טראַגישן שטייער פון מענטשלעכע לעבנס יאָר־איין יאָר־אויס.

באַקעמפן די קראַנקייט קען מען נאָר דורך פאַרהיטונג־מיטלען, דורך פּראָפילאַקטישער דערציִונג און דורך אַ קוראַציע וואָס זאָל קומען באַצייטנס. אַנדערש לויערט אַלץ די טויט־דראָונג פון שווינדזוכט.

געשאַפן די אינסטיטוציע — אין יאָר 1916 — האָבן פאָלקס־מענטשן. די ערשטע עסקנים פון דער ליגע האָבן פאַרשטאַנען אַז נישט נאָר איז נייטיק בייהילפיק צו זיין די ייִדישע טובערקולאָז־חולאים אין די שפּיטאָלן, נייערט ס'איז אויך נייטיק אויפצוזוכן דעם קראַנקן אויסער דעם ייִדישן שפּיטאָל און אים שטיצן מיט אַלדאָס נייטיקע פאַר זיין געזונטער באַשפּייזונג. אָט דער דאָזיקער סאָלידאַריטעט־געפיל איז געקומען צום אויסדרוק מיטן ברענגען דעם אויפגעזוכטן חולה ברויט, מילך, פּוטער, צוקער און אַנדערע שפּייזן וואָס ער האָט אין זיין אָרעמקייט נישט געקענט זיך פאַרשאַפן.

די פראַגע פון אַ סאַנאַטאָריע פאַר ייִדישע שווינדזיכטיקע איז אַרויפגעקומען שפּעטער, און אין פינף יאָר אַרום נאָך דער גרינדונג, אויף דער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פונעם 5טן מערץ 1921, רעדט מען שוין וועגן דער שאַפונג פון אַ פאַרם־סאַנאַטאָריע, אויף באָדן פון דער „איקא".

זינט 1925 פונקציאָנירט דער דיספּענסאַר פון דער ליגע אין בוענאָס־איירעס. שפּעטער איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער אייגענער געביידע.

אין יאָרן אַרום איז געשאַפן געוואָרן די סאַנאַטאָריע „באַראָן הירש" אין אונקיזשאַ, קאָרדאָבער בערג, וועלכע איז מיט עטלעכע יאָרן צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער זומער־קאָלאָניע „קינדער־וועלט", ווו ייִדישע קינדער אָטעמען איין געזונט אין אַ פּרעכטיקער נאַטור־סביבה במשך די זומער־חדשים. זיי ווערן געשטאַרקט פיזיש, צו דער זעלבער צייט ווערט דורך אַ צוגעפּאַסטער דערציִונג, אין זיי געשטאַרקט זייער ייִדישער באַוווּסטזיין.

די חולאים וואָס פאַר זיי איז נייטיק געווען אויפצוהאַלטן די סאַנאַטאָריע אין אונקיזשאַ ווערן געהיילט — אַזוי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר מער לוינבאַר — אין פאַרשיידענע סאַנאַטאָריעס פון די קאָרדאָבער בערג, ווו די לופט אַליין איז אַ גוטע רפואה, פאַר די קראַנקע וואָס זיינען אָנגעגריפן פונעם קאָך־באַציל.

די פאַרצווייגטע סאָציאַל־מעדיצינישע טעטיקייט פונעם דיספּענסאַר פון דער ייִדישער ליגע קעגן טובערקולאָז אין בוענאָס־איירעס, ווערט דערגענצט מיט אַ וויכטיקער ראַדיאָלאָגישער באַדינונג, אַ דאַנק וועלכער עס ווערן פאַרהיט פון לונגען און אָטעמונג־קראַנקייטן אַ גרויסע צאָל שול־קינדער.

דער ביודזשעט פון דער ייִדישער ליגע קעגן טובערקולאָז וועלכער האָט אין יאָר 1956

גערייכט צו 2.866.971 פּעזעס איז געשטיגן אין פינף יאָר אַרום, דאָס הייסט אין 1961, צו 7.360.023,28 פּעזעס. אין זעלביקן צייט־אָפּשניט זיינען די הכנסות געוואַקסן פון 2.936.629,31 פּעזעס צו 7.326.114.12 פּעזעס.

הכנסת אורחים

דער „הכנסת אורחים״ — געגרינדעט אין יאָר 1922 — האָט אויסגעפּילט און פּילט נאָך איצט עד־היום אַ וויכטיקע סאָציאַלע פונקציע אין ייִדישן בוענאָס־איירעס. אין די יאָרן פון דער מאַסן־אימיגראַציע, האָבן טויזנטער ייִדן וואָס זיינען היינט גבירים און שטיצן די אינסטיטוציע, גלייך ביים באַטרעטן דעם אַרגענטינער באָדן געשטילט זייער הונגער אינעם הכנסת־אורחים.

הכנסת אורחים — אַ סדר פאַרן עולם.

דער אימיגראַנטן־שטראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער די אָרעמשאַפט אין בוענאָס־איירעס איז פאַרבליבן. דער דאָזיקער ברייטער אָרעמקייט־מאַסע — צווישן זיי אינוואַלידן, מענטשן אין טיפן עלטער און אַזעלכע וואָס קענען אַליין זיך נישט העלפן — העלפט דער הכנסת־אורחים ביזן היינטיקן טאָג.

די אַמאָל באַשיידענע אינסטיטוציע פונקציאָנירט היינט צו טאָג אין אַ געראַמיקן אייגענעם בנין, וווּ טאָג־טעגלעך ווערן באַדינט מיט אַן אומזיסטיקן מיטאָג און אָוונט־ברויט, העכער הונדערט נויטבאַדערפטיקע.

חוץ לזה זיינען פאַראַן אָפּטיילונגען פאַר סטודענטן און אָנגעשטעלטע וועלכע באַקומען זייער באַשפּייזונג אויף זייער ביליקע פּרייזן. די אינסטיטוציע באַזאָרגט אויך די נויטבאַדערפטיקע מיט מלבושים און וועש הונדערטער מענטשן.

צווישן די וויכטיקע אויפטוען פונעם הכנסת אורחים במשך די פאַרגאַנגענע פינף יאָר דאַרף מען דערמאָנען דאָס וואָס די אינסטיטוציע האָט געשאַפן אין ישראל. אַ סאַלע פאַר שנעלער מעדיצין־הילף און האָט מנדב געווען אַן אַמבולאַנס פאַרן מגן דוד אדום.

בית יתומות

דער וווילטעטיקייט־פאַראיין פון יידישע פרויען איז איינע פון די עלטסטע אָרגאַניזאַציעס אינעם ישוב. געבראַכט די איניציאַטיוו צו איר גרינדונג האָט דער דעמאָלטדיקער גרויס־ראַבינער ד״ר שמואל חלפון.

די פראָנט־געביידע פון יידישן קינדערהיים.

דער דערמאָנטער פאַראיין האָט געגרינדעט אין נאָוועמבער 1919, דעם בית־יתומות, וועלכער האָט אַריינגענומען אין יאָר 1921 — 30 מלחמה־יתומות וואָס זיינען אין יענעם יאָר געבראַכט געוואָרן פון אוקראַינע.

טויזנטער היימלאָזע יידישע קינדער האָט זינט דעמאָלט געשיצט און דערצויגן דער אַנשטאַלט וואָס האָט די לעצטע יאָרן, אין זיין גרויסן בנין אויף דער גאַס אַרעוואַלאָ 2040 אויך

געשאַפן אַ ייִדישע היים פאַר סטודענטינס וואָס קומען פון דער פּראָווינץ, במשך די לימוד־חדשים.

לעצטן יאָר האָט אינסטיטוציע זיך אַריבערגעצויגן אין איר נייער היים אויף דער גאַס וויזשאַנועוואַ 1361, ווו עס זיינען אינטערנירט יתומות און היימלאָזע ייִדישע קינדער.

קינדער־היים

די פריִער־אויסגערעכנטע אַנשטאַלטן פאַרנעמען זיך מיט די סאָציאַלע נויטן פון ישוב אויף פאַרשיידענע געביטן.

עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ וווילטעטיקע אינסטיטוציע וואָס טוט סאָציאַלע אַרבעט אויף אַ גאָר וויכטיקן געביט. זי זאָרגט פאַר דער פרוי וואָס איז געצוווּנגען צו אַרבעטן, צו מפרנס זיין איר משפחה. פאַר דער דאָזיקער פרוי שטעלט זיך אַוועק די פּראָבלעם פון דער דערציִונג פון אירע קינדער וועלכע דאַרפן פאַרבלייבן אַ גאַנצן טאָג אין דער היים, אָן דער געהעריקער השגחה, מיט אַלע סכנות, מאָראַלישע און פיזישע וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאָר.

די ייִדיש־אַרגענטינער קינדער־היים וואָס האַלט אויס, באַשפּייזט און דערציט קינדער במשך דעם טאָג — איז צו דער זעלבער צייט אַ שולע און אַ קינדער־גאָרטן. דאָרט געפינען אַ היים די קינדער פון עלטערן, טאַטעס און מאַמעס — צומאָל מאַמעס אַליין — וואָס זיינען געצוווּנגען מחמת זייער באַשעפטיקונג טאָג־טעגלעך פון אין דער פרי ביז אין אָוונט אַוועקצוגיין פון שטוב.

די ייִדיש־אַרגענטינער קינדער־היים האָט איר היים אויף דער גאַס מאָנטע 2150. זי פאַרמאָגט אַן אייגענעם אָמניבוס וואָס ברענגט אין דער פרי די קינדער און פירט זיי צוריק אין אָוונט אַהיים צו זייערע עלטערן.

פאַר העכער הונדערט קינדער יעדעס יאָר באַדייט די דאָזיקע אינסטיטוציע אַן אמתע רעטונג.

די ייִדיש־אַרגענטינער קינדער־היים ווערט אין די וואַקאַציע־חדשים פאַרוואַנדלט אין אַ זומער־קאָלאָניע פאַר הונדערטער קינדער אין אירע גאָרטנס און גערוימע געביידעס.



די גרויסע יידישע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס אין אַרגענטינע לויטן מאַסשטאַב פון די ציפערן

זייער וווּקס במשך די לעצטע פינף יאָר

אנשטאַלט	צאָל מיטגלידער צום 31סטן דעצעמבער		הכנסות פון מיטגלידער צום 31סטן דעצעמבער		אַלגעמיינע הכנסות צום 31סטן דעצעמבער		הוצאות צום 31סטן דעצעמבער	
	1956	1961	1956	1961	1956	1961	1956	1961
יידישער שפּיטאָל „עזרה" — —	22.323	23.492	1.840.086	8.150.160	9.831.775	55.062.694	9.825.984	55.143.055
מושב זקנים ובית ילדים — —	23.949	28.753	2.169.823	7.398.603	5.835.789	23.380.985	5.710.040	22.686.938
יידישע ליגע קעגן טובערקולאָז —	35.422	39.812	1.975.441	3.211.357	2.936.629	7.326.114	2.866.971	7.360.023
הכנסת אורחים — — — — — —	8.016	9.234	532.434	711.102	890.241	2.825.500	872.743	2.812.390
ביקור חולים — — — — — — —	3.819	4.423	288.717	706.177	858.556	2.633.403	771.543	2.425.006
בית יתומות — — — — — — —	2.072	2.426	436.551	793.161	879.993	2.092.314	913.994	2.016.124
קינדער־היים — — — — — —	1.725	2.246	110.273	270.785	413.943	1.888.532	437.638	1.896.216

אברהם גאָבים

דער איצטיקער צושטאַנד פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע

מיר שרייבן אונדזער איבערזיכט אין אַ מאָמענט ווען אַרגענטינע לעבט איבער איינעם פון די שווערסטע קריזיסן וואָס דאָס לאַנד האָט ווען אַדורכגעמאַכט; ווען די אַגריקולטור און פיצוכט פראָדוקציע גייט פון יאָר צו יאָר באַרג־אַראָפּ און ווען אין דער אַלגעמיינער קאָלאָניזאַציע גייט אָן אַ פאַרקלענערונג און אַן אַנטמוטיקונג איבער פאַקטאָרן וואָס אונדז וועט ווייטער אויסקומען צו דערמאָנען און אויסרעכענען.

מיר האָבן האַיאָר אַן ערנסטע דויערנדיקע טריקעניש אין דער דרום־מזרח טייל פון פראָווינץ בוענאָס־איירעס און אין אַ היפשן טייל פון דער פראָווינץ לאַ־פּאַמפּאַ, אין וועלכער עס געפינען זיך אונדזערע קאָלאָניעס באַראָן־הירש, לאַפּין און נאַרסיס לעוועז. די קאָנסעקווענצן פון אָט דער טריקעניש זיינען: דאָס פאַרלירן דריי „קאָסעטשעס״, דאָס בלייבן אָן פּאַשע פאַר די בהמות, דאָס פאַרבאָרגן זיך אין די בענק, מחמת דער נייטיקייט צו קויפן פּאַשע און מחמת דער נייטיקייט פון אַריבערפירן די בהמות, אָדער אַ טייל פון זיי אין אַנדערע געגנטן וווּ עס איז יאָ פאַראַן פּאַשע. צו דעם קומט צו דאָס דאַרפן צאָלן גאָר הויכע אַרענדע־פּרייזן פאַר פּאַשע־פעלדער; די היפּשע פאַרלוסטן דורכן פאַלן פון די בהמות, אַזוי אַז די קאָלאָניסטן זיינען פשוט געבליבן אָן מיטלען נישט נאָר צו צאָלן די קוואָטעס פון די חובות, וואָס זיינען אָנגעוואָקסן — נאָר אַפילו די פּראָצענטער זיינען נישטאָ פון וואַנען צו צאָלן.

די טריקעניש ווערט שוין היינט צו טאָג פאַררעכנט אַלס נאַציאָנאַלע פּלאָג, וועלכער די אָנגעזעענסטע פּרעסע פון לאַנד ווידמעט די ערשטע זייטן און די רעגירונג פון לאַנד מוז העלפן מיט דרינגלעכער הילף. די עקאָנאָמישע לאַגע אין דער דערמאָנטער געגנט איז פשוט אַ פאַרצווייפלטע מחמת דעם קאָלאָניסט איז נישט מעגלעך נאָכצוקומען די עלעמענטאַרע התחייבותן. דער שאָדן אין ווייץ, האָבער און קאָרן ווערט אין דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס געשאַצט אין 900.000 (ניין הונדערט טויזנט טאָן), וואָס באַטרעפן 4.479.200.000 (פיר טויזנט פיר הונדערט ניין און זיבעציק מיליאָן צוויי הונדערט טויזנט) פעזעס. אין פּראָווינץ לאַ־פּאַמפּאַ ווערט געשאַצט דער שאָדן אין 400.000 (פיר הונדערט טויזנט טאָן), אין באַטרעף פון 3.097.500.000 (דריי טויזנט זיבן און ניינציק מיליאָן פינף הונדערט טויזנט) פעזעס. דער פאַרלוסט אין בהמות אין די דערמאָנטע צוויי פּראָווינצן צוגערעכנט אויך די פון ריאָ־נעגראָ — באַשטייט פון 1.164.700 (אַ מיליאָן הונדערט פיר און זעכציק טויזנט זיבן הונדערט) קעפּ רינדער, 5.066.000 (פינף מיליאָן זעקס און זעכציק טויזנט) קעפּ שאָף, 19.823 (ניינצן טויזנט אַכט הונדערט דריי און צוואַנציק) טאָן ווייץ וואָס באַטרעפן אויך 8.525.000.000 (אַכט טויזנט פינף הונדערט פינף און צוואַנציק מיליאָן) פעזעס, וואָס גיט אַ סך־הכל פון 16.101.700.000 (זעכצן טויזנט הונדערט איין מיליאָן זיבן הונדערט טויזנט) פעזעס — פאַרלוסט.

אין אַזאַ מאָמענט גייען מיר צו מאַכן אַ בליק־איבערבליק איבערן איצטיקן מצב פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע דאָ אין לאַנד, וועלכער וועט זיין געבויט אויף דער באַזע פון פערזענלעכער לאַנג־יאָריקער דערפאַרונג, אויף דעם פּערמאַנענטן קאָנטאַקט וואָס מיר האַלטן אָן מיט

אונדזערע קאָלאָניעס און קאָאָפּעראַטיוועס, אויף די שמועסן מיט חברים וואָס שטייען נאָנט ביי דער פירערשאַפט פון אונדזערע קאָאָפּעראַטיוועס, אויף דאַטן און ציפערן פון אייגענעם אַרכיוו און ספּעציעל אויף סטאַטיסטישע דאַטן פון דער היגער ייִקאַ־דירעקציע, וועלכע איז די איינציקע וואָס זאַמלט אָט־די דאַטן.

אונדזער פליכט איז פעסטצושטעלן, אַז:

איבער דעם איצטיקן מאַנגל פון פערזענלעכן, טאָג־טעגלעכן, דירעקטן קאָנטאַקט מיט אונדזערע קאָלאָניעס און קאָלאָניסטן אויפן פּלאַץ — ווי מיט אַכט יאָר צוריק — איז היפּש איבערגעריסן געוואָרן דער פאָדעם פון פּינקטלעכער סטאַטיסטיק וועלכע מיר האָבן געזאַמלט ביז דעמאָלט.

מיר וועלן זיך אָבער אָנשטרענגען צו זיין וואָס נענטער צו דער ווירקלעכקייט בנוגע דאַטן און ציפערן — אום אָנצוהאַלטן דעם צוטרוי וואָס איז אונדז געשאָנקען געוואָרן אין פאַרלויף פון צענדליגער יאָרן.

אין דעם שמועס וואָס דער מיטאַרבעטער פון „די אידישע צייטונג", ה' יוסף האָרן, האָט געהאַט מיטן פּרעזידענט פון צענטראַל־ראַט פון דער „ייִקאַ" בעת זיין צווייטן באַזוך דאָ אין לאַנד דעם חודש סעפּטעמבער 1962, אויך בעת די באַזוכן וואָס דער זעלבער פּרעזידענט פון דער „ייִקאַ", ה' אביגדור גאָלדשמיד, האָט געמאַכט אין אַלע אונדזערע היגע קאָלאָניעס, האָט ער ספּעציעל אונטערגעשטראָכן זיין גרויסע צופרידנקייט מיט דעם טעכנישן פאָרשריט וואָס ער האָט באַמערקט, דעם צופרידנשטעלנדיקן לעבנס־סטאַנדאַרט וואָס ער האָט געטראָפן, די עקאָנאָמישע בעסערונג, די ווערטפולע עוואָלוציע וואָס די קאָאָפּעראַטיוועס מאַכן דורך, דער אויפשטייג פון דער פּראָדוקציע פון דער אַגריקולטור און פּי־צוכט, אאַז"וו.

די צאָל פון ייִדישע היגע קאָלאָניסטן, האָט ה' גאָלדשמיד, ביי די געלעגנהייטן געהאַט אָנגעגעבן אין צוויי טויזנט.

די עקאָנאָמיק פון די קאָלאָניעס האָט ער געפונען און פאַררעכנט אַלס אַ פעסטע, וואָס דערמעגלעכט צו באַוואָרענען די צוקונפט מיט אייגענע מיטלען און אַלדייטיקע מעגלעכקייטן.

געוויס פאַרדינט די מיינונג פונעם פּרעזידענט פון דער ייִקאַ גענומען צו ווערן אין אַכט — מיר וועלן אָבער זען אין די ווייטערדיקע שורות אין וועלכע פּונקטן זיינען מיר איינשטימיק און אין וועלכע מיר צעגייען זיך.

דער באַגריף פון אייגענער אין נערונגענער אַרבעט ביי אונדזער היגער קאָלאָניזאַציע

דער וואַגיקסטער אַרגומענט פאַרוואָס אונדזער אַרגענטינער ייִדישע קאָלאָניזאַציע ווערט פון געוויסע פערזאָנען געמאַכט צו נישט, איז צוליב דער געדונגענער אַרבעט אויף דער נחלה.

מענטשן האָבן זיך געשאַפן אַ באַגריף אַז קאָלאָניזאַציע איז דאָס באַאַרבעטן אַליין דעם באָדן, ווי אויך טון אַליין פאַרשיידענע פאַרצווייגטע אַרבעטן וועלכע עס נעמט אַרום די ווירטשאַפט פון קאָלאָניסט.

עס ווערט דערביי געמאַכט דער פאַרגלייך מיט דער אַמאָליקער ערד־אַרבעט אין דער אַלטער היים, ווו דער פויער האָט באַאַרבעט אַ האַלבן דעסאַטין ערד, אַ מאָל אויך אַ גאַנצן, כמעט מיט די נעגל, זי געקראַצט און אַרויסגעצויגן פון איר דאָס ביסל אָרעמע פּראָדוקציע וואָס האָט קוים געסטייעט פאַרן אויפהאַלט פון דעם גוף — ווייל ווען ער האָט פון זיין פּראָדוקציע אַראָפּגענומען אַ ביסל אויף אויסצובייטן אויף אַנדערע אומבאַדינגט נייטיקע זאַכן פאַר דער שטוב, איז אים שוין נישט געבליבן גענוג פאַר זיך און ער האָט גאַנץ אָפט געמוזט אונטערהונגערן.

אַנדערע מאַכן דעם פאַרגלייך מיט ישראל און אַנדערע אַזעלכע לענדער, ווו דער פויער

באַקומט אַנדערהאַלבן, צוויי און העכסטנס דריי העקטאַר לאַנד צום באַאַרבעטן און ער טוט עס אַליין, אָדער מיט פאַמיליען־מיטגלידער — פאַרגעסנדיק דערביי אַז דער היגער פויער באַקומט הונדערט און מערער העקטאַרן לאַנד און ביי זיין בעסטן ווילן אַפילו, איז ער פשוט נישט בכח אַליין צו באַאַרבעטן זיי אָן דער הילף פון געדונגענער אַרבעט.

די ערשטע דריי צענדליגג יאָר, ווען די נחלות אין אונדזערע קאָלאָניעס זיינען נאָך געווען קליינע, אַממערסטנס פון 50, 75 און הונדערט העקטאַר לאַנד, איז די ווירטשאַפט געווען אָן אינטענסיווערע. די נויט און באַדערפעניש — גרויסע און שטאַרקע. אין שטאָט אַריינלויפן האָט געפעלט די שפּראַך, אַרבעט און באַשעפטיקונג איז געווען שווער צו באַקומען, איז די טשאַקרע אַממייסטנס באַאַרבעט געוואָרן דורך דער אייגענער פאַמיליע פון קאָלאָניסט; עס האָט געאַרבעט דער טאַטע, די מאַמע, די זין און אַפילו די מיידלעך און די קליינע קינדער, און נאָר אין אויסנאַם־פאַלן, שניט־צייט, ביים נישט האָבן קיין אייגענע דרעש־ אָדער שנייד־מאַשין, איז מען אָנגעקומען צו פרעמדער אַרבעט, און זעלטענער איז דאַן געווען צו טרעפן דעם פעאָן אין דער נחלה.

שפּעטער איז די נחלה פאַרגרעסערט געוואָרן. דער רוב קאָלאָניסטן האָבן באַקומען ביז צו 150 העקטאַר לאַנד.

די ווירטשאַפט האָט זיך גענומען באַגרענעצן אויף דער גרויס־פּראָדוקציע פון „קאָסעטשע" אויף דער האַדעוואַניע פון פי. קאָלאָניסטישע זין האָט די ייִקאַ כמעט ווי נישט קאָלאָניזירט, האָט די יוגנט גענומען לויפן אין דער גרויסער שטאָט אַריין.

די לעצטע צוויי צענדליגג יאָרן איז די שטאָטישע אַזוי־גערופענע, אינדוסטריאַליזאַציע געוואַקסן. די פּראָספּעריטי האָט זיך פאַרשפּרייט אויף פיל געביטן, האָט די שטאָט גענומען מער לאָקן דעם מענטשן פון דער קאָלאָניע, מערסטנס דער יוגנט, נאַטירלעך, און זי האָט זיי טאַקע געגעבן די מעגלעכקייטן זיך צו דערשלאָגן צו אָן אַרבעט, צו אַ שטעלע אין אַ געשעפט, צו אַנדערע באַשעפטיקונגען און דערביי נישט נאָר צו געפינען פּרנסה, נאָר אַפילו גאַנץ אָפט צו דערגרייכן אַ קאַפּיטאַל און דערנאָך אַרויסרופן צו זיך אַנדערע פאַמיליע־מיטגלידער און דערנאָך די עלטערן.

די קאָלאָניע האָט זיך גענומען אַריבערציִען אין נאָענטן שטעטל, איינער האָט געצויגן דעם צווייטן, און דאָס פּלאַץ פון קאָלאָניסט אין דאָרף האָט פאַרנומען דער „פעאָן", און מער פון אַלעמען — די מאַשין.

די היגע קאָלאָניזאַציע איז נישט געבויט אויף קראַצן די ערד מיט די נעגל, אויף פאַרגיסן שווייס און בלוט פאַר אַ שטיקל טרוקן ברויט — זי איז געבויט אויף צו ציִען פון איר די פּראָדוקציע דורך וואָס אַ גרעסערער און בעסערער טעכניק. דורך וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן פון עקספּלאָטאַציע, דורך באַקומען פון איר אַן אָנשטענדיק לעבן דורך אייגענער אַרבעט, אייגענער פאַרוואַלטונג — מעג זי אָנגערופן ווערן אונטערנעמונג אויב זי איז נאָר אַן אַגראָפעקואַרע איז זי געווונטשן פאַרן לאַנד און אַ ברכה פאַר דער וועלט.

אַרגענטינער ייִדישע קאָלאָניזאַציע, אַלץ עקסטענסיווע ווירטשאַפט האָט כמעט קיינמאָל נישט געקענט באַאַרבעט ווערן אין גאַנצן מיט אייגענער אַרבעט. ווי מיר וועלן ווייטער זען האָט דער היגער ייִדישער קאָלאָניסט באַקומען פון דער ייִקא אַ שטח לאַנד צוליב וועלכן ער האָט געמוזט אָנקומען צו געדונגענער אַרבעט.

היינט צו טאָג איז דער שטח אַ גרעסערער, דער קאָלאָניסט וווינט אין נאָענטן שטעטל אָדער גאָר אין דער גרויסער שטאָט און די געדונגענע אַרבעט איז דערביי אומבאַדינגט.

וויפל ייִדישע קאָלאָניסטן זיינען איצט פאַראַן אין אַרגענטינע ?

היינט צו טאָג זיינען דאָ אין לאַנד פאַראַן 1.686 ייִדישע קאָלאָניסטן וואָס האָבן באַקומען זייערע נחלות פון דער ייִקאַ און 237 ייִדישע קאָלאָניסטן וואָס האָבן זיי באַקומען דורך איי־

גענג מיטלען, ד״ה א סך הכל פון 1923 ייִדן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט קאָלאָניזאַציע, דירעקט און אומדירעקט.

פון די 1.686 ייִקאַ־קאָלאָניסטן וווינען נאָך היינט צו טאָג 782 אויף זייערע נחלות און 904 אין די נאָענטע שטעטלעך און ווייטער פון זיי.

די נישט ייִקאַ־קאָלאָניסטן וווינען אויסער זייערע נחלות אין א גרעסערער פּראָפּאָרץ ווי די ייִק״א־ קאָלאָניסטן.

דאָס וווינאָרט פון די ייִקאַ־קאָלאָניסטן לויט דער קאָלאָניע איז ווי פאָלגט:

אין אביגדור וווינען אויף זייערע נחלות 36 קאָלאָניסטן און 10 אין נאָענטן שטעטל און אויסער איר.

אין באַראָן־הירש און אין לאַפּין (ריוועראַ) וווינען אויף זייערע נחלות 212 קאָלאָניסטן און 69 אין די נאָענטע שטעטלעך און ווייטער פון זיי.

אין קלאַראַ וווינען אויף זייערע נחלות 207 קאָלאָניסטן און 186 אין די נאָנטע שטעטלעך און ווייטער פון זיי.

אין כהן־אונגרע וווינען אויף זייערע נחלות 41 קאָלאָניסטן און 30 אין די נאָענטע שטעטלעך און ווייטער פון זיי.

אין דאָראַ וווינען אויף זייערע נחלות 4 קאָלאָניסטן און 6 אין די נאָנטע שטעטלעך און ווייטער פון זיי.

אין לזסיענוויל וווינען אויף זייערע נחלות 60 קאָלאָניסטן און 66 אין די נאָענטע שטעט און שטעטלעך.

אין מאָוריציאָ וווינען אויף זייערע נחלות 28 קאָלאָניסטן און 37 אין די שטעטלעך און ווייטער פון זיי.

אין מאָזעסוויל וווינען אויף זייערע נחלות 69 קאָלאָניסטן און 274 אין די נאָענטע שטעטלעך און אויסער זיי.

אין מאָנטעפיאָרע וווינען אויף זייערע נחלות 29 קאָלאָניסטן און 48 אין סערעס און אין אנדערע שטעט און שטעטלעך.

אין נאַרסיס לעווען וווינען אויף זייערע נחלות 32 קאָלאָניסטן און 72 אין נאָנטן שטעטל און ווייטער פון זיי.

אין ריאָ נעגראָ וווינען אויף זייערע נחלות 2 קאָלאָניסטן.

און אין סאַנטאַ איזאַבעל וווינען אויף זייערע נחלות 62 קאָלאָניסטן און 106 אין נאָנטן שטעטל און אין אנדערע שטעט.

פאַרגלייך צווישן ייִדישע אַרגענטינער קאָלאָניסטן מיט דער אַרגענטינער ייִדישער באַפעלקערונג

אין דער אַרגענטינער אַגריקולטור און פי־צוכט זיינען פאַראַן: 172.234 אייגנטימערס פון נחלות, 156.633 אַרענדאַטאָרס און 139.813 אזעלכע וואָס באַאַרבעטן די נחלות אויף דער קאָנדיציע פון באַקומען א געוויסן פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע, ד״ה א סך־הכל פון 468.680 אַגראַר און פי־צוכט פּראָדוצירער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר 1.874.730 נפשות און א פּראָצענט פון די 21.000.000 איינוווינערס, וואָס באַשטייט פון 8.93%.

ייִדן ציילן מיר זיך דאָ אין לאַנד אין דער צאָל פון 450.000 נפשות. ייִדישע קאָלאָניסטן, ווי שוין דערמאָנט, 1923, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר 7.692 נפשות און 1.7% פון דער היגער ייִדישער באַפעלקערונג.

אין ישראל גרייכט אונדזער קאָלאָניסטישע באַפעלקערונג צו צען פּראָצענט פון דער דאָרטיקער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און שטייגט עטוואָס איבער די אַרגענטינער פּראָפּאָרץ

פון קאָלאָניסטן. — מיר באַציִען זיך צו די אַלגעמיינע נאַטירלעך. די שלוסן וואָס מיר קענען ציִען פון דעם דאָ געבראַכטן, באַווייזן אונדז, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם היסטאָריש־וועלטבאַרימטן אויפטו פון באַראָן דע הירש, מיט דער אַרגענטינער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, שטייען מיר ווייט נאָך מיט אונדזער דערגרייכונג אין דעם זינען און אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער קאָלאָניזאַציע דאָ אין לאַנד.

אין די בליִענדיקסטע צייטן פון אונדזער ייִדישער קאָלאָניזאַציע דאָ אין לאַנד, האָבן מיר געהאַט געגרייכט צו דער צאָל פון 2.600 משפחות צווישן ייִקאַ־קאָלאָניסטן און אַנדערע. היינט צו טאָג ציילן מיר 1923 אַזעלכע משפחות און דער פאַרלוסט באַשטייט פון 677 קאָלאָניסטן וואָס באַטרעפן 26% פון דעם וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט.

וויפל ערד באַרבעטן היינט צו טאָג אַרגענטינער ייִדישע קאָלאָניסטן?

אין פאַרלויף פון די 73 יאָר פון דער ייִקאַ־קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, האָט זי איינגעקויפט 617.822 העקטאַר לאַנד, פון וועלכע זי האָט קאָלאָניזירט 484.410 העקטאַר. 105.890 העקטאַר לאַנד זיינען דורך איר פאַרקויפט געוואָרן פאַר פאַרשיידענע צוועקן, ווי שטעטלעך אאַז״וו און די רעשט איז רעזערוו און שלעכטער באָדן.

די אָנגעהעריקייט ווידער פון יעדער נחלה האָט דורכגעמאַכט אַ פּראָצעס פון טויש און איז נאַטירלעך ביי יעדער אַזאַ געלעגנהייט, געשטאַנען אין געפאַר פון פאַרפרעמדונג, ווייל אויב דער דורשט נאָך אַ שטיקל באָדן מערער איז ביים ייִדישן קאָלאָניסט געווען אַ גרויסער און אַן אידייִשער — איז עס געווען נאָך פיל מערער ביי נישט־ייִדן וואָס האָבן שטענדיק געבענקט און געווען גיריק נאָך אַ שטיקל באָדן.

איינע פון די הייליקסטע און נאָבלסטע מיסיעס איז דערפאַר ביי אונדזערע קאָאָפּעראַטיווע געווען אונטערצוקומען אין אַזעלכע פאַלן און מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, מאַטעריעלע ווי מאָראַלישע, אַז די נחלה וואָס שטייט אין פאַרקויף זאָל דינען צו דער פאַרגרעסערונג פון די נחלות פון די שכנים וואָס נייטיקן זיך אין איר.

זי זאָל דינען פאַר קאָלאָניזירן קאָלאָניסטישע זין און זאָל טאַקע אויך דערגענצן גאַנץ אָפּט, די אומבאַדינגטע צאָל העקטאַרן פון דעם יעניקן קאָלאָניסט וואָס קען פשוט אָן דעם נישט קומען צו קיין געהעריקן איינקונפט. צו דער „סטאַנדאַרט טשאַקרע״, וואָס זאָל דערמעגלעכן דעם נייטיקן פּראָגרעס.

עס איז צוליב דעם געגרינדעט געוואָרן דער „פאָמענטאָ אַגראַריאָ איזראַעליטאַ אַרכענטינאַ״, וואָס האָט געדאַרפט דינען — אפשר טאַקע היפש גערינט — מיט די אָרעמע מיטלען וואָס איז אים געגעבן געוואָרן, כדי צו ראַטעווען נחלות פון ליקווידירט ווערן, כדי צו דערמעגלעכן אַז אַזעלכע נחלות זאָלן אַריינפאַלן אין געוווּנטשענע הענט, ווי אויך כדי צו ראַטעווען גאַנץ אָפּט דעם קאָלאָניסט אין אַ שווערן מאָמענט וואָס אים קומט, צום באַדויערן, אויס אַדורכצומאַכן, הן דורך נאַטור־פּלאָגן, הן דורכן פעלן פון די מיטלען.

אַ שאָד וואָס דער שטאָטישער מענטש האָט אַרויסגעוויזן צו דער אינסטיטוציע אַזוי פיל ביטול, אַזוי פיל שלעכטן ווילן און פעלן פון פאַרשטאַנד און אַזאַ קאַלטע באַציִונג.

און אויב עס איז יאָ פאַרפרעמדט געוואָרן ייִדישער באָדן צווישן 10 און 15 פּראָצענט, איז נאָענט פון דער צאָל איינגעקויפט געוואָרן פון אַנדערע קוועלן מצד ייִדן וואָס מיר פאַררעכענען צווישן די וואָס האָבן זיך קאָלאָניזירט דורך אייגענע מיטלען. דערפאַר ווערט גערעכנט אַז אין ייִדישן באַזיץ זיינען פאַראַן 471.000 העקטאַר לאַנד. נאָענט פון דער צאָל וואָס ייִדן האָבן פאַרמאָגט אין דער בעסטער צייט פון אונדזער קאָלאָניזאַציע דאָ אין לאַנד.

ווּ געפינען זיך אונדזערע קאָלאָניעס דאָ אין לאַנד ?

דער באַראָן הירש ז״ל איז געקומען, אָדער דערפירט געוואָרן, צום געדאַנק פון פּראָדוקטיוויזירן יידישע מאַסן, נאָך דעם ווי ער האָט א סך יאָרן געלעבט אין א פרעמדער וועלט, ווייט פון יידן. ער האָט זיך צופעליק אָנגעטראָפן מיט יידישע מאַסן אין גרויסער נויט און אָרעמקייט וואָס האָבן געוואַנדערט איבער דער וועלט אום צו געפינען א טיר וואָס זאָל זיך פאַר זיי עפענען, א דאַך איבערן קאָפּ, א היים און א שטיקעלע פלאַץ ווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

ווייל אין די לענדער ווּ זיי האָבן יאָרהונדערטער געלעבט און געשאַפן, האָבן זיי קיין מענטשלעכע רעכט נישט געהאַט, זיינען צו קיין פרנסות נישט צוגעלאָזט געוואָרן און שטענדיק געווען אין שרעק אינגאַנצן פיזיש אומגעבראַכט צו ווערן.

דערפאַר איז דער פלאַן פון דער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע פאַרטראַכט געוואָרן אויף אַן אופן, אַז ער זאָל נישט דערלאָזן צו קיין גרעסערער קאָנצענטראַציע פון יידישע מאַסן, — נאָר פון צעשפּרייטקייט, וואָס זאָל פירן צו אויסמישונג מיט אַנדערע עטנישע גרופּן, צו פרידלעכן איבערגאַנג צו קאָסמאָפּאָליטיזם.

מעגלעך איז, אַז דער באַראָן־הירש און זיינע ראַטגעבער, האָבן געוואָלט אויסמיידן דעם: „למה יאמרו הגויים״ אויף א קאָנצענטראַציע פון יידן אין א געוויסן פונקט פון א ניי לאַנד.

דערפאַר זאָל דער באָדן אין אַרגענטינע האָבן געקויפט געוואָרן אין פינף פּראָווינצן אָדער גובערניעס, ווּ טייל פון זיי האָבן זיך דאַן גערופן און אונדזערע קאָלאָניעס געפינען זיך אין:

פּראָווינץ בוענאָס־איירעס:

קאָלאָניע מאָוריסיאָ: — מאָוריסיאָ הירש.
באַראָן הירש און לאָפּין, ריוועראַ.
די ערשטע ציילט 65 קאָלאָניסטן, די צווייטע 217, און די דריטע 64.

די קאָלאָניע לאָפּין איז היינט צו טאָג די איינציקע קאָמפּאַקטע קאָלאָניע לויט דער צאָל קאָלאָניסטן, ווי אויך לויט דעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן, קולטורעלן און נאַציאָנאַל אייגענעם לעבן.

פּראָווינץ סאַנטאַ־פע

קאָלאָניע מאָזעסוויל — מאָזעסוויל.
קאָלאָניע מאָנטעפיאָרע, סערעס.
די ערשטע מיט 343 קאָלאָניסטן און די צווייטע מיט 77.

פּראָווינץ ענטרע־ריאָס:

קאָלאָניע קלאַראַ, דאָמינגעז, קלאַראַ און אַנדערע.
קאָלאָניע סאַן אַנטאָניאָ, לאַ קלאַריטאַ.
ביידע ציילן 393 קאָלאָניסטן.
קאָלאָניע לוסיענוויל, באַסאַווילבאַסאָ, ציילט 126 קאָלאָניסטן.
קאָלאָניע סאַנטאַ איזאַבעל, פעדערנאַל, לאַפּעז און בעראַ, סאַן סאַלוואַדאָר, קורבעלאַ און וואַלטער מאָס, גענעראַל קאַמפּאָס.
קאָלאָניע פּאַלמאַר־זשאַטאַי, אובאַכאַי וואָס ציילן 168 קאָלאָניסטן.
קאָלאָניע אונגרע־כהן אַלקאַראַס ציילט 71 קאָלאָניסטן.

פראָווינץ פאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ:

קאָלאָניע דאָראַ — 10 קאָלאָניסטן.

פראָווינץ לאַ פאַמפאַ:

נאַרסיס לעווען, בערנאַסקאָני — 104 קאָלאָניסטן.

ריִאָ נעגראָ — 2 קאָלאָניסטן.

סך־הכל קאָלאָניסטן פון דער ייִקא — 1.686, ווי שוין אויבן דערמאָנט.

די יעניקע וואָס האָבן דערוואָרבן ערד דורך אייגענע מיטלען זיינען מערסטנס צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

די הויפּט־פּונקטן ווי אַזאַ קאָלאָניזאַציע איז רעאַליזירט געוואָרן זיינען: טשאַקאָ: „קאָלאָניאַ רוסאַ", כענעראַל ראָקאַ, ריִאָ נעגראָ, וויזשאַ־אַלבאַ, מעדאַנאָס, וויזשאַלאָנגאַ און אַנד'.

וועלכע זיינען די פּראָדוקטן וואָס ווערן קולטיווירט אין אונדזערע קאָלאָניעס?

אין אונדזערע קאָלאָניעס פון דער פראָווינץ ענטרע־ריאָס ווערט אַממערסטנס קולטיווירט ווייץ, ליִאָן און מאַיִס. די לעצטע יאָרן פאַרנעמען דאָרט אַ גרויסן פלאַץ די פוראַזשן הן פאַר פאַשע, הן פאַרן פאַרקויף אַלס קאָנטראָלירטע זריעות.

דער צווייטער צווייג פון די דאָרטיקע ווירטשאַפטן איז די פּי־האָדעוואַניע פאַרן פאַרקויף פון פלייש.

די דריטע איז די מילך־פּראָדוקציע און די פערטע פון עופות־צוכט.

אין דער פראָווינץ סאַנטאַ־פע ווו עס געפינט זיך מאָזעסוויל און מאָנטעפיאָרע, פאַרנעמט דאָס אָנגעזעענסטע פלאַץ אין דער פּראָדוקציע די האָדעוואַניע פון פּי און דער קולטיוו פון לוצערן פאַר פאַשע ווי פאַר זריעה.

אין אַ קלענערן מאַסשטאַב ווערט אויך קולטיווירט ליִאָן און לעצטנס פאַרנעמט דאָרט אַן אָנגעזען אָרט דער קולטיוו פון פוראַזשן.

וויכטיק איז דאָרט אויך די מילך־פּראָדוקציע וואָס ווערט אין זעקס־זיבן סמעטענע־פאַבריקן אויסגעאַרבעט אין סמעטענע און ווערט טאָג־טעגלעך איבערגעשיקט אין דער קאָאָפעראַטיווער פוטער־פאַבריק „סאַנקאָר" וואָס אַרבעט אויס נאָענט פון 54% פון דער גאַנצער פוטער פון לאַנד.

כדאי דאָ פאַרבייגייענדיק צו באַמערקן, אַז די איניציאַטיוו צו גרינדן אָט די ריזיקע קאָאָפעראַטיווע פוטער־פאַבריק איז געקומען מצד די דאָרטיקע סמעטענע־פאַבריקן און איז טאַקע מערסטנס פון זיי פאַרווירקלעכט געוואָרן און זייער באַטייליקונג אין איר איז ביז הייִנט צו טאָג אַן אָנזעעוודיקע.

אין פראָווינץ בוענאָס־איירעס, אין אונדזערע קאָלאָניעס באַראָן הירש, און לאַפּין ווערט אַממערסטנס קולטיווירט קאָרן, גערשטן, האָבער און לוצערן.

די זריעה פון לוצערן איז דאָרט פון גוטער קוואַליטעט צוגלייך מיט דער פון מאָזעס־וויל און פון דאָראַ.

די פּי־האָדעוואַניע פאַרנעמט דעם צווייטן פּלאַן אין דער עקספּלאָטאַציע, דערנאָך קומט די מילך און די עופות־צוכט, אין קלענערן מאַסשטאַב.

פון דער מילך ווערט דאָרט אויפן פלאַץ אויסגעאַרבעט דורך דער קאָאָפעראַטיווע „באַראָן־הירש" קעזן פון פאַרשיידענע מאַרקעס און קוואַליטעטן, וועלכע געפינען אַ גוטן אָפּזאַץ־

מאַרק אין די נענטערע שטעט, ווי באַהיאַ בלאַנקאַ און אַנדערע און ווערן זעלטן אַרויסגעשיקט אויפן מאַרק פון דער הויפטשטאָט.

די פראָדוקציע כאַראַקטעריסטיק פון נאַרסיס לעווען איז כמעט די זעלבע ווי פון באַראָן הירש, מיט דעם אויסנעם, וואָס דאָרטן ווערן גאָר ווינציק פראָדוצירט לוצערן. די מילך־פראָדוקציע און עופות־צוכט זיינען כמעט נישטאָ.

אין דאָראַ באַקומט זיך גאָר גוטע לוצערן פאַר פאַשע אין ספעציעל פאַרן מאַרק, עס זיינען אויך געווען פרווון פון וואַטע1קולטיוו אָן גרויסע רעזולטאַטן. די האָרטיקע גאָרטנוואַרג־פראָדוקטן צייכענען זיך אויס מיט די גוטע קאַוועגעס און אַנדערע אַזעלכע פראָדוקטן.

מיט די אויסגערעכנטע פראָדוקטן ווערט יערלעך פאַרזייט און אָנגעהאַלטן קולטיוון צווישן 200.000 ביז 240.000 העקטאַר לאַנד. די איבעריקע ערד ווערט געלאָזט פאַר דער בהמות־האָדעוואַניע וואָס ווייזט זיך שטענדיק אַרויס צו זיין ווייניק פאַר דער צאָל בהמות וואָס זיינען פאַראַן.

ווי לעבן זיך אויס עקאָנאָמיש, קולטורעל און סאָציאַל אונדזערע קאָלאָניסטן?

פון די דרייסיק מיליאָן ליטער מילך וואָס מען באַקומט יערלעך פון דער סטאַדע פון דריי הונדערט טויזנט קעפ בהמות, פון עופות און אייער־פאַרקויף פון די הונדערט זעכציק טויזנט עופות, ווי אויך פון די קאָסטעשעס פון די פאַרזייטע 200.000 ביז 240.000 העקטאַרן באַקומען אונדזערע קאָלאָניע ברוטאָ איינקונפט פון 450 מיליאָן פעזאָס יערלעך.

אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז די דורכשניט־פראָדוקציע געפאַלן מיט דרייסיק פראָצענט איבער דער אויבן־דערמאָנטער טריקעניש און אַנדערע פלאָגן. זי האָט אָבער אין ברוטאָ איינקונפט באַטראָפן נאָנט צו די 450 מיליאָן פעזאָס איבער דער העכערונג פון די פראָדוקט־פרייזן. אויב מיר רעכענען אַראָפ זעכציק פראָצענט אויסגאַבן, בלייבט הונדערט אַכציק מיליאָן פעזאָס ריינער איינקונפט, פאַר יעדן קאָלאָניסט דורכשניטלעך — 106.762 פעזאָס.

איבעריק צו דערמאָנען, אַז אַזוי ווי אַ היבשע טייל קאָלאָניסטן האָבן גאָרנישט געהאַט קיין קאָסטעשע האָבן זיי צוגעטראָגן אַרבעט און אויסגאַבן און די אַנדערע האָבן נאַטירלעך באַקומען מערער פון דורכשניט, וואָס איז אָנגעוויזן.

די ראָל פון אונדזערע אַגראַר־קאָאָפעראַטיוון אין גרעמיאַלן און עקאָנאָמישן לעבן פון קאָלאָניסט

אין דער פאַרטיידיקונג פון די „גרעמיאַלע" און עקאָנאָמישע אינטערעסן פון יידישן קאָלאָניסט אונדזערן, פאַרנעמט די לאָקאַלע אַגראַר־קאָאָפעראַטיווע אַ ביז גאָר אָנגעזעען פלאַץ. די צענטראַלע, די „פראַטערנידאַד אַגראַריאַ", וואָס האָט איר זיץ־פלאַץ דאָ אין דער הויפטשטאָט, דערגענצט די אַלזייטיקע פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון די קאָלאָניעס.

אַזעלכע לאָקאַלע קאָאָפעראַטיוועס זיינען פאַראַן אין אונדזערע קאָלאָניעס אין דער צאָל פון עטלעכע און צוואַנציק — 24 פון זיי זיינען אָנגעשלאָסן אין דער אויבנדערמאָנטער צענטראַלע, דורך וועלכער זיי מאַכן זייער איינקויף פאַרן קאָנסום און נוצן, פאַרקויפן זייער פראָדוקציע און טרויען אַלע ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון דער קאָלאָניזאַציע דירעקט צי אומדירעקט.

די אַגראַר־קאָאָפעראַטיוון ווידמען זיך אַממערסטנס צום אויסטייל פון אַרטיקלען און פראָדוקטן פאַרן קאָנסום און נוצן, ווי צום פאַרקויף פון דער פראָדוקציע פון די מיטגלידער. איניקע פון זיי גיבן זיך אָפ ספעציעל מיטן אויסטייל פון פלייש און טויש פון אַ בהמה וואָס דער מיטגליד שטעלט צו זיין קאָאָפעראַטיווער יאַטקע.

ניין פון זיי גיבן זיך אָפּ ספּעציעל מיט דעם ערשטן עטאַפּ פון דער מילך־אינדוסטריע, זיי אַרבעטן אויס די סמעטענע און שיקן זי איבער אין „סאַנקאָר"; אַנדערע צווישן די ניין אַרבעטן אויס קעז און פּוטער.

די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוועס זיינען פאַרן מיטגליד ווי פאַר זיין משפּחה ווי די צווייטע היים; אַהין ברענגט ער כמעט זיין גאַנצע פּראָדוקציע צום פאַרקויף און דאָרטן ווערט אויף אַ פרידלעכן אופן דערליידיקט יעדער סכסוך צווישן די מיטגלידער ווי צווישן אַ מיטגליד, מיט וועמען עס זאָל נישט זיין.

אין אַ היבשער מאָס האָט דער מיטגליד צו פאַרדאַנקען דער קאָאָפּעראַטיווע דער געזיכערטקייט פון זיינע עקאָנאָמישע און גרעמיאַלע אינטערעסן, זיין ווירדע אַלס מענטש. אַפילו זיין באַוווסטזיין און פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

דער קרעדיט:

אין אונדזערע קאָלאָניעס איז פאַראַן אַ שטענדיק באַדערפעניש אין קרעדיט פאַרן אַקערן און זייען; פאַרן אַראָפּנעמען די „קאָסעטשע"; כדי אויסצוהאַלטן די פּראָדוקציע אום זי צו פאַרקויפן אין דער פּאַסיקער צייט, ווי אויך כדי נאָכצוקומען די קוואָטעס פון צאָלן די חובות פאַר דער מאַשינעריע, די הויכע שטייערן און קאָסטבאַרע באַדערפענישן. אַפילו דאַן ווען דער פּראָדוקט איז שוין אַ פאַרקויפטער און די באַצאָלונג פאַר אים איז אויף אַ שפּעטערדיקן טערמין מוז דער קאָלאָניסט אָנקומען נאָך אַ הלוואה.

אמת איז אַז אין אונדזערע ייִדישע קאָלאָניעס זענען שוין פאַראַן אַזעלכע וואָס קענען אַליין פינאַנצירן זייער ווירטשאַפט, די מערסטע קאָלאָניסטן מוזן אָבער אָנקומען צו קרעדיט, ווייל די אונטערנעמונג איז אַ גרעסערע און פאָדערט גוואַלדיקע קאַפּיטאַלן פאַר איר פינאַנצירונג.

קולטורעל:

אויף וויפל דעם שרייבער פון די שורות, זאָל נישט אויסקומען ווייטיקלעך עס צו אָנערקענען, מוז דאָך געזאָגט ווערן אַז אַ גרויסע טייל פון אונדזערע קאָלאָניעס זיינען היבש צוריקגעשטאַנען קולטורעל, ווייל ברענגען קולטור און פאַרוויילונג פון דרויסן, טראָגט אויס צו טייער פאַר די קליינע גרופּעס מענטשן וואָס זיינען פאַראַן אין קאָלאָניע אָדער אַפילו נאָענטן שטעטל.

אין אייניקע צענטראַלע פּונקטן פון אונדזערע קאָלאָניעס זיינען פאַראַן שיינע ביבליאָטעקן אין וועלכע עס ווערן אָבער זעלטן באַנייט די ביכער. עס ווערט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אַפּאַטיע. די באַזוכער זיינען מערסטנס די שטודירנדיקע יוגנט און אַנדערע אַזעלכע לייענער און באַזוכער אין אַ באַגרענעצטער צאָל.

ווינציק ייִדישע צייטונגען ווערן אַבאָנירט און נאָך ווינציקער ייִדישע ביכער ווערן געקויפט; מען שפּייזט זיך גייסטיק מיט דער שפּאַנישער פּרעסע ווו דעם אויבן אָן פאַרנעמט דער ספּאָרט און די פּאָליציי־נייעס און מיט דעם טיף זשורנאַלן וואָס זיינען שעדלעך פאַר דער יוגנט.

סאָציאַל:

סאָציאַל איז יאָ פאַראַן אַ טעטיקייט וואָס איז מערסטנס געווידמעט מדינת־ישראל, אָבער זעלטן דער לאָקאַלער אונטערנעמונג אָדער באַדערפעניש.

די אויגן זיינען געווענדעט צו דער גרויסער שטאָט, ווו די מעגלעכקייטן זיינען פיל גרעסערע און עמעץ נוצט זיי אַמאָל אויס.

די אינדוסטריאַליזאַציע פון דער אייגענער פּראָדוקציע

מיר האָבן שוין פאַרבייגייענדיק דערמאָנט די קאָאָפּעראַטיווע פּוטער־פאַבריק „סאַנקאָר" וואָס פאַרנעמט אַזאַ אָנגעזען אָרט אין דער מילך־אינדוסטריע פון לאַנד.

אין באַסאַווילבאַסאָ, ענטרע־ריאָס, איז אויך פאַראַן אַ קאָאָפּעראַטיווע פּוטער־פאַבריק וואָס געהערט צו דער ענטרע־ריאָסער פעדעראַציע פון קאָאָפּעראַטיוועס, וואָס אינדוסטריאַליזירט די מילך פון אַ היבשער געגנט אַרום, פון וועלכער זי באַקומט אַ גוטע קוואַליטעט פּוטער.

אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז אַרויסגעענדיקט געוואָרן און אַריין אין פולער פונקציע אַ גרויסע בוימל־פאַבריק וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין דאָמינגעז, ענטרע־ריאָס נעבן דער סטאַנציע מיטן זעלבן נאָמען און אין שכנהשאַפט מיטן עלעוואַטאָר וואָס האַלט אין איבערגיין צו דער דאָרטיקער קאָאָפּעראַטיווער אָדער צו דער צענטראַלע פון די קאָאָפּעראַטיוועס.

די דאָזיקע פאַבריק וואָס אַרבעט אויס דעם בוימל און סוב־פּראָדוקטן פון דעם אייגענעם ליאָן פון די מיטגלידער פון די קאָאָפּעראַטיוועס וואָס האָבן דירעקט צי אומדירעקט זי געבויט, איז באַרופן צו לייזן די פּראָבלעם פון פאַרטיידיקונג פון דער פּראָדוקציע וואָס דער מיטגליד ברענגט אַריין אין דער קאָאָפּעראַטיווע.

מיט דעם ווערט כמעט ווי פאַרענדיקט דער ציקל פון באַקומען די ריכטיקע פּרייז פאַרן פּראָדוקט, עס איז אַזוי אַרום פאַרענדיקט דער ציקל פון דער פונקציע וואָס די קאָאָפּעראַטיווע האָט געהאַט פון צונעמען דעם פּראָדוקט ביים מיטגליד און אים פאַרקויפן צום פאַבריקאַנט, צום עקספּאָרטירער, וואָס איז נישט נאָר פאַרבליבן מיטן גרויסן פאַרדינסט נאָר האָט אים שטענדיק פאַרטייערט צום שאָדן פון פּראָדוצירער ווי פון קאָנסומענט און פאַרברויכער.

די בוימל־פאַבריק האָט געקאָסט דרייסיק מיליאָן פּעזאָס, איז געבויט און איינגעאָרדנט לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק און האָט אין ערשטן יאָר שוין באַוויזן צו האָבן אַריינגעבראַכט פאַרן אַגראַ־פּראָדוצירער פונעם ליאָן היבשע מיליאָנען פּעזאָס פון רווח וואָס פלעגט ביז איצט פאַרבלייבן ביים אומנוצלעכן פאַרמיטלער.

אויב אָט־די אויסגערעכנטע אינדוסטריאַליזאַציע קען אינגאַנצן נישט פאַררעכנט ווערן אַלס אָנגעהעריקע צו אונדזערע יידישע קאָלאָניסטן, האָבן זיי אָבער צו דעם בייגעטראָגן אַזוי פיל ווי עס פאַרדינט דאָ דערמאָנט צו ווערן.

ווער און וואָס האָט דערפירט צו דעם היינטיקן מצב פון דער יידיש־אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע?

עס איז גאָר קיין צווייפל נישט אַז דער יק"אָס טעותן, איר אָפטע איינגעקשנטקייט, אירע גאָר נישט צוגעפּאַסטע מענטשן וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער קאָלאָניזאַציע, האָבן אַ גרויסן חלק שולדיקייט אין דעם וואָס עס איז געשען מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פאַרלויף פון די 73 יאָר.

דער אָפטער ווי־געשריי פון אַרגענטינער יידישן קאָלאָניסט איז צו דער צענטראַלע נישט דערגאַנגען און איז ער אַמאָל יאָ דערגאַנגען האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף פאַרגליווערטע רעגלען און פּרינציפּן, וואָס זיינען ווייט נישט געווען אין איינקלאַנג מיט דער צייט, מיט די אומשטענדן, מיט דער פאָרעם פון קאָלאָניזאַציע, מיט די מענטשן וואָס האָבן זיך מיט איר באַשעפטיקט ווי מיטן נייעם קורס וואָס די וועלט־געשעענישן, די עקאָנאָמיק און די יידישע אינטערעסן האָבן געפאָדערט.

אין די לעצטע יאָרן איז אין דעם זין פאָרגעקומען אַ געוויסע ענדערונג לטובת דער קאָלאָניזאַציע. עס איז אָבער געשען אַביסל צו שפּעט און איז אויך נישט אַלע מאָל פריי פון צוריקגעהאַלטנקייט. פון דער צווייטער זייט דאַרף אויך געזאָגט ווערן אַז נישט אַלע אָנגענומענע

קאַנדידאַטן פאַר קאָלאָניזאַציע זיינען געווען צוגעפּאַסט פאַר איר, אָדער האָבן באמת געוואָלט ווערן קאָלאָניסטן, אַ סך פון זיי זיינען פשוט פון דער גרויסער נויט און עלנט צו איר געשטויסן געוואָרן, האָבן זי באַטראַכט, אַלס איבערגאַנגס־פּעריאָד און האָבן זי לייכט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט פאַרלאָזט.

דער אָפּשטעל פון דער יידישער אימיגראַציע קיין אַרגענטינע האָט צוגענומען דעם הויפּט־צופלוס פון פרישן בלוט פאַר דער קאָלאָניזאַציע — ווייל טייל אימיגראַנטן זיינען געקומען אַלס קאַנדידאַטן פאַר קאָלאָניזאַציע און וויפל דער אָפּפאַל זאָל נישט געווען זיין קיין היבשער — איז דאָך שטענדיק פון אים עפּעס פאַרבליבן און פאַרגרעסערט אָדער אָנגעהאַלטן די קאָלאָניסטן־צאָל.

יידן האָבן לייכט פאַרגעסן דעם צוזאָג צו פאַרלאָזן די אין דער אַלטער היים אַרויפגעצווונגענע לופט־פּרנסות און איבערצוגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט — ספּעציעל צו דער ערדאַרבעט.

פאַר יעדער איינאָרדענונג פון אַ קאָלאָניסט, פאָדערט זיך, היינט צו טאָג, אַ קאַפּיטאַל פון צוויי מיליאָן פּעזעס. דער איינקונפט איז ווייט פון צו זיין אַ געזיכערטער און אַ ראַציאָנעלער און איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט די פאַרדינסטן וואָס ווערן מיט אַזאַ קאַפּיטאַל דערגרייכט אין דער הויפּטשטאָט, ביי אַנדערע אונטערנעמונגען און פּרנסות.

די אידיליע פון דאָרפישן לעבן איז ביי אונדז ווי אינגאַנצן פאַרשוווּנדן, זי איז כמעט ווי נישטאָ אין קאָלאָניע און איז מער נישט צו געפינען אין אונדזער היגער ליטעראַטור.

די קאָלאָניזאַציע, ווי די אַגריקולטור פון לאַנד אין אַלגעמיין, האָט דורכגעמאַכט שווערע און ביטערע יאָרן פון טריקעניש, פון פאַרפלייצונגען, פון האָגל, פון היישעריק, „טוקוראַ ראַזשאַ” ווי פון אַנדערע הונדערטער און אפשר טויזנטער אינזעקטן און פּלאָגן.

אַ שווערע פּלאָג פאַר דער אַגריקולטור איז די אויסערגעוויינלעכע עקספּלאָטאַציע ביים אויפקויף פון דער פּראָדוקציע ווי פון דער פּי־צוכט. די אַגראַר־קאָאָפּעראַציע האָט נאָך דערווייל ווייניק אויפגעטאָן און דער פּראָדוצירער ווערט באַרויבט און דער קאָנסומירער פשוט באַשווינדלט.

די שטייערן פון דער רעגירונג און אַנדערע אינסטאַנצן גרייכן אָפּטמאָל ביז צו די צוויי דריטל פון באַטרעף פון דער פּראָדוקציע, וואָס קומט פון דער אַגריקולטור און פון דעם פּי־צוכט.

די פּראָספּעריטי פון דער הויפּטשטאָט האָט איינגעשלונגען כמעט אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד אַ דאַנק דער אויפגעבלאָזענער אינדוסטריאַליזאַציע, אַ דאַנק דעם אָנטרייבן גוואַלדיקע מאַסן מענטשן אין די רעגירונגס־ביוראָען — ווען דער אינערן פון לאַנד איז אינגאַנצן ווי פאַרגעסן געוואָרן, אַ דאַנק דער מעגלעכקייט צו מאַכן וואָס בעסערע געשעפטן אין אַ דאַנק דעם בעסערן לעבן און באַקוועמלעכקייטן.

די מאַשין האָט פאַרטראָטן די מענטשן וואָס פעלן אויפן לאַנד — זי טראָגט אָבער אויס גוואַלדיק טייער, טרייבט אַריין אין גרויסע חובות וועלכע קענען פון דער ווירטשאַפט נישט איבערגעטראָגן ווערן און לייגט זיך שווער אויף די פּראָדוציר־קאָסטן.

די געזעצן פאַרן פעלדאַרבעטער זיינען ווייט נישט צוגעפּאַסט צו דער קליינער און מיטעלער ווירטשאַפט און די באַציִונג מצד דער רעגירונג און אַנדערע אינסטאַנצן מוטיקן גאַנץ ווינציק די אַנטוויקלונג פון דער אַגראָפּעקואַרער פּראָדוקציע פון לאַנד.

דאָס אויסגערעכנטע איז ווייט נישט די גאַנצע רשימה פון גורמים וואָס האָבן געטריבן צו דער פאַרקלענערונג פון צאָל קאָלאָניסטן.

אין וואָס באַשטייט דער פּאַרלוסט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע?

דער פּאַרלוסט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע באַשטייט אין דעם וואָס די צאָל קאָלאָניסטן איז פאַרקלענערט געוואָרן מיט 26 פּראָצענט און דער זון איז גאַנץ אָפט נישט געקומען פאַרבייטן דעם אַלטן טאַטן.

אָבער אין אַלגעמיין איז דאָס דער מצב פון דער אַגריקולטור פון לאַנד, און אויף חיפּל די טרייסט איז נישט קיין גאָר קלוגע, געפינט מען דאָך אין איר אַ געוויסע פאַרענטפערונג, מיט דעם צוגאָב אַז דעם זיידנס אָדער טאַטנס חלום פון איבערגיין צו פּראָדוקטיוויזאַציע איז היפּש אויסגעוועפּט און פאַרגעסן געוואָרן.

דער שטח באָדן דאָקעגן ווערט אָנגעהאַלטן און דאָס וויל זאָגן, אַז מערסטנס איז עס דער אַלטער טאַטע, דער זון אָדער דאָס אייניקל פון אַ קאָלאָניסט, אָדער גלאַט אַ קליינע צאָל יידן פון די שטעט און שטעטלעך וואָס באַאַרבעטן, פאַרוואַלטן אָדער אינוועסטירן אַ טייל פון זייער קאַפּיטאַל אין קויף פון לאַנד אום צו זיין זיכערער מיטן מאָרגן, אום צו האָבן אַ פאַרבינדונג מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע, אום אויסצולעבן זיך ביי אַ נאָבעלער פּרנסה און זיין נאָענט פון דער נאַטור.

די פּראָדוקציע איז געוואַקסן אין פאַרשיידנאַרטיקייט און האַלט אָן די צאָל אין די הויפּטפּראָדוקטן ווי ווייץ, ליאָן, גערשטן, קאָרן, האָבער, מאַיס. פלייש, מילך, אייער ווי עופות איז היפּש געפאַלן.

דער אויספיר

ווען מיר נעמען אין אַכט וואָס עס פּאַסירט מיט דער אַגריקולטור און פּיצוכט דאָ אין לאַנד און אויף דער גאַנצער וועלט, ווען מיר לייענען אַז אויך אין מושב פון ישראל — ווו די באַדינגונגען פאַר קאָלאָניזאַציע זיינען גינסטיקערע ווי אין היגן לאַנד, — און דאָך דאַרף אויך דאָרט געקעמפט ווערן, אַז די קינדער זאָלן פאַרבלייבן אויפן טאַטנס שוין איינגעאָרדנטן און באַצאָלטן מושב; און אחרון אחרון — ווען מיר נעמען אין באַטראַכט אַז היינט צו טאָג דאַרף נאָר די איינאָרדענונג פון 1923 יידישע קאָלאָניסטן אָפּקאָסטן 5.846.000.000 (פינף טויזנט אַכט הונדערט זעקס און פערציק מיליאָן) פּעזאָס, שוין נישט ריידנדיק פון דעם וואָס זייער אינווענטאַר שטייגט ווייט אַריבער די סומע, איז לייכט צו פאַרשטיין אַז דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן — ווי אַזוי עס איז, שטעלט מיט זיך פאָר הן מאַטעריעל, הן מאָראַליש אַ וויכטיקע יידישע פּאָזיציע.

דערפאַר איז פאַר אונדז יעדער יידישער אַרגענטינער קאָלאָניסט — אויף וואָס פאַר אַ אופן ער זאָל זיין באָדן נישט באַאַרבעטן אָדער פאַרוואַלטן, — טייער און ער פאַרדינט די אַכטונג פון די אַרגענטינער יידן.

משה פריידע

דער ייִדישער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוויזם אין אַרגענטינע

אַ מעכטיקער פינאַנציעלער און געזעלשאַפטלעכער כח איז אַנטשטאַנען די לעצטע יאָרן אין ייִדישן אַרגענטינע, באַזונדערס אין דער הויפּטשטאָט און אין גרויס בוענאָס־איירעס. דאָס איז: דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוויזם וואָס האָט באַדייטנדיק מיטגעווירקט צו דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און דעם מסחר, אָבער האָט זיך גלייכצייטיק פאַרוואַנדלט אין אַ פעסטן אָנשפּאַר פאַר די הצטרכותן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, פאַר אונדזערע ווילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס, קולטור־אינסטיטוציעס און לערן־אַנשטאַלטן.

צו וויפל גרייכן זיי, די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוועס, וואָס האָבן צוגעגעבן אַ נייע אייגנאַרטיקייט דעם כאַראַקטער פון אַרגענטינער ייִדישן ישוב?

די אַרגענטינער פעדעראַציע פון קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון ציילט אין דער רשימה פון אירע אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס — 163 אַזעלכע אַנשטאַלטן, פון וועלכע נישט ווייניקער פון הונדערט פערציק זיינען ייִדישע.

טייל פון זיי זיינען אָקערשט אַנטשטאַנען, אַנדערע זיינען געגרינדעט געוואָרן אין די סאַמע בראשית־יאָרן פונעם ישוב, נאָך אַנדערע זיינען אויפגעקומען אין די יאָרן פונעם גרויסן ייִדישן אימיגראַציע־שטראָם. אַ באַדייטנדיקע צאָל איז געשאַפן געוואָרן די לעצטע יאָרן.

אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געשאַפן געוואָרן ביי לאַנדסלייט־פאַראיינען, ווי באַשיידענע ליי־קאַסעס, אונטערצוקומען מיט אַ הלוואה אַן אָרעמען לאַנדסמאַן אין אַן עת־צרה, אין אַ מאָמענט פון נויט. און אָט די באַשיידענע גמילת חסדים־קאַסעס זיינען, מיטן גאַנג פון די יאָרן, אויסגעוואַקסן צו דער הייך פון גרויסע קרעדיט־אַנשטאַלטן. זייער צאָל איז היינט צו טאָג אַ בכבודיקער און זייער כח, ווי אַן עקאָנאָמישער פאַקטאָר — אַ מעכטיקער. די טראַנזאַקציעס פון די אַמאָל אָרעמע ליי־קאַסעס זיינען אויסגעוואַקסן צו אַזאַ מאַסשטאַב, אַז עס וועט נישט זיין קיין גיזמא צו באַטראַכטן טייל פון זיי ווי בענק. אַזאַ איז געווען דער אָנהייב פון הייגטיקע ריזיקע פינאַנץ־אינסטיטוציעס. די גרויסע ייִדישע פאָלקס־באַנק, די „באַנקאָ איזראַעליטאַ דעל ריאָ דע לאַ פלאַטאַ“, איז אויך געשאַפן געוואָרן — אויף איר גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פונעם 31סטן אָקטאָבער 1921 — נישט ווי אַ באַנק „אינסטיטוציע“, נייערט ווי אַ מין אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזייטיקער הילף, וואָס דאָס מיינט אין דער ווירקלעכקייט אַ קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע.

דער זעלביקער געפיל פון חברשאַפט וואָס האָט פאַרבונדן אַ לאַנדסמאַן צו אַ לאַנדסמאַן, דער געפיל פון מענטשלעכער און ייִדישער סאָלידאַריטעט האָט דערפירט צו שאַפן ליי־קאַסעס אָדער קאָאָפּעראַטיוון.

לאַנג איז דער אָפּגעגאַנגענער וועג פון אַרגענטינער ייִדישן קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוויזם. פון זיין באַשיידענער התחלה, ביז צו זיין היינטיקן ריזן־פאַרנעם. אין זייער אָנהייב האָבן זיי געדינט אָרעמע איבערצוקומען נויט; היינט זיינען די קאָאָפּעראַטיוון, אַלע צוזאַמענגענומען, אַ מעכטיקער אימפּולסירנדיקער כח צום מאַטעריעלן פאָרשריט פאַרן יחיד, און אַ וואָגיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון אַ ברייטן סעקטאָר פון דער לאַנד־עקאָנאָמיק.

אַלגעמיינער איבערבליק

לאָמיר געבן אַן איבערבליק וועגן דער ראָל, געשיכטע און ווירקונג פון אַרגענטינער קאָאָפעראַטיוויזם בכלל. די טרוקענע, אָבער קלאָרע, שפּראַך פון די ציפערן קען אונדז ווייזן אַן אַלגעמיינע פּאַנאָראַמע.

עס איז געוווינט צו זאָגן אַז פון יעדע ניין מענטשן וואָס באַפעלקערן די אַרגענטינער סעריטאַריע איז איינער אַן אָנגעהעריקער צו אַ קאָאָפעראַטיוויסטישער געזעלשאַפט פון וועלכן עס איז כאַראַקטער, זאָל עס זיין: אַגראַר־ קאָנסום־ קרעדיט־קאָאָפעראַטיוועס אָדער אַנדערע, וואָס

פראָנט פון דער קאָאָפעראַטיווע „פלאָרעסטאַ"

דינען פאַרשיידענע עקאָנאָמישע הצטרכותן און וואָס זייערע אויפגאַבן באַצוועקן צו פאַרבעסערן אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן — דעם מענטשנס לעבנס־באַדינגונגען, אָדער פאַרלייכטערן דעם וועג צו זיין מאַטעריעלן פּראָגרעס.

די פריער דערמאָנטע ציפער רעדט וועגן אַן אויסערגעוויינלעכן וווּקס פון אַ קרעפטיקער באַוועגונג.

3.026 קאָאָפעראַטיוועס פון אַלע מינים זיינען היינט צו טאָג טעטיק אין אַרגענטינע. זיי אַלע צוזאַמען באַדינען אַ מיטגלידערשאַפט וואָס גרייכט צו 2.226.813 יחידים, דאָס הייסט: 10,72 פּראָצענט פון דער גאַנצער אַרגענטינער באַפעלקערונג. ווען מען זאָל נעמען אין באַטראַכט, אַז

מיטגלידער זיינען בלויז די ראשי המשפחה און אַז אַ פאַמיליע באַשטייט אין דורכשניט פון פיר פערזאָן, וועלן מיר קומען צום אויספיר אַז העכער אַ דריטל פון דער אַרגענטינער באַפעלקערונג איז איינגעשלאָסן אין דער קאָאָפעראַטיוויסטישער באַוועגונג און ווערט פון איר — אין אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער מאָס — באַדינט און באַגינסטיקט.

דאָס איז אין דיקע שטריכן דער קעגנוואַרטיקער מצב פונעם אַרגענטינער קאָאָפעראַטיוויזם. לאַנג איז אָבער דער וועג וואָס ער איז געגאַנגען זינט ער האָט אין לאַנד געשטעלט זיינע ערשטע אומזיכערע טריט.

אין 1927 — אין צייטן ווען קיין אָפיציעלע סטאַטיסטיקעס זיינען נאָך נישט באַקאַנט געווען — האָט די צאָל קאָאָפעראַטיוועס געגרייכט, ווי מען שאַצט, צו פופציק בסך־הכל, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן זיי געציילט אומגעפער צוואַנציק טויזנט מיטגלידער, און זייער אַלעמענס קאַפיטאַל האָט דעמאָלט געגרייכט צו זיבן מיליאָן פעזעס.

פון דעמאָלט ביז היינט — דאָס הייסט נאָך דעם ווי עס איז פאַריבער אַ פערטל יאָרהונדערט — איז פאָרגעקומען אַ גוואַלדיקע ענדערונג. די פופציק קאָאָפעראַטיוועס זיינען געשטיגן צו העכער דריי טויזנט. זייער מיטגלידערשאַפט איז פון צוואַנציק טויזנט געוואַקסן צו העכער צוויי מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט, און דער קאַפיטאַל וואָס באַוועגט זייער טעטיקייט גרייכט צו דעם סכום פון 1.658.541.100 פעזעס.

מיט דריי ציפערן, אַרויסגענומענע פון דער מלוכה־סטאַטיסטיק, וועלן מיר פרוּוון באַווייזן ווי אַזוי דער נעכטיקער קאַרליק איז אויסגעוואַקסן צום היינטיקן ריז: די קאָאָפעראַטיוועס זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן, לויט זייער צאָל, אין 6.052 פראָצענט; לויט זייער מיטגלידער־מאַסע — אין 11.134,1 פראָצענט; און לויט זייער קאַפיטאַל — אין 52.264,9 פראָצענט.

דער וווּקס פונעם אַרגענטינער קאָאָפעראַטיוויזם איז געווען באַזונדערס מערקבאַר אין די לעצטע צען יאָר, ווען פון 1.413 אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עקסיסטירט אין יאָר 1951, איז אין יאָר 1961 געשטיגן זייער צאָל צו 3.026; זייער מיטגלידערשאַפט איז געוואַקסן מיט 316,8 פראָצענט און זייער פאַרמעג — אין 1,435,4 פראָצענט. די דאָזיקע ציפערן זיינען גענוגנדיק זיך צו שאַפן דעם באַגריף פון דער אַלץ טיפערער איינבירגערונג פונעם קאָאָפעראַטיוויסטישן געדאַנק און זיין אַריינדרינגונג אין וואָס אַמאָל ברייטערע פאָלקס־שיכטן איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער אַרגענטינער טעריטאָריע.

אַזוי האָט זיך אויסגעשפרייט אין אַרגענטינע, מיטן לויף פון די יאָרן, זינט זיין באַשיידענער התחלה, דער עקאָנאָמישער סיסטעם וואָס וואָרצלט אין אידייען פון ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט און מענטשלעכער אחדות, און וואָס האָט אויפגעשפראָצט ווי אַ סאָציאַלע נויטווענדיקייט אויף דער וועלט, מיט 114 יאָר צוריק אין שטעטל ראָטשדייל, בשכנות פונעם טעקסטיל־צענטער מאַנטשעסטער, אין ענגלאַנד.

אַ בלעטל געשיכטע

דער קאָאָפעראַטיוויסטישער געדאַנק האָט דערגרייכט אַרגענטינע צום סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווען די ערשטע אימיגראַנטן־גרופעס פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד — לענדער ווו דער קאָאָפעראַטיוויזם האָט שוין דעמאָלט געקראָגן אַ שטאַרקן אימפולס און אַ באַדייטנדיקע אַנטוויקלונג — זיינען אַהער געקומען.

בוענאָס־איירעס, יאָר 1884. דאָס זיינען די שטאָט און די דאַטע פונעם געבורט פונעם אַרגענטינער קאָאָפעראַטיוויזם. ער איז געבוירן געוואָרן ווען דער ענגלישער אונטערטאַן, דייחיד עטוויל, האָט געשאַפן אין לאַנד די ערשטע קאָאָפעראַטיווע, אַ שפייז־קרעמער קאָאָפעראַטיווע, חאָכ האָט נישט געהאַט קיין אריכות־ימים. דעריבער ווערט באַטראַכט דער סאָציאַליסטישער פירער כואַן באַוטיסטאַ כוסטאַ ווי דער אמתער פונדאַמענט־לייגער און פאָטער פונעם אַרגענטינער קאָאָפעראַטיוויזם. ווייל ער איז געווען דער ערשטער צו ברענגען דעם געדאַנק פון שאַפן

אַ קאָאָפּעראַטיוויסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אויף אַלע הונדערט פּראָצענט זיך סומך זיין, וואָס נוגע איר טעטיקייט און ווירקונג, — אויף די סאָציאַלע און דעמאָקראַטישע פּרינציפּן פון די ראָטשדיילער פּיאָנערן. די קאָאָפּעראַטיווע וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף דער אינספּיראַציע פון כואַן ב. כוסטאָ, האָט געטראָגן דעם נאָמען פון „אַרבייטער־קאָנסום קאָאָפּעראַטיווע״, און איז געווען טעטיק זינט איר שאַפונג, אין יאָר 1898, אינעם הויז פון דער גאַס מעקסיקע 2070, אין בוענאָס־איירעס, ווו עס האָט געהאַט איר צענטראַלע די אָקערשט געשאַפענע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַרגענטינע. די קאָאָפּעראַטיווע איז געווען געצוווּנגען אָפּצושטעלן איר טעטיקייט אין יאָר 1901. אָבער דאָס האָט נישט אַנטמוטיקט אירע גרינדער וועלכן האָבן אין אייניקע יאָרן אַרום געבראַכט צום אויסדרוק זייערע שטרעבונגען אין אַ נייער שאַפונג: די קאָאָפּעראַטיווע „על האָגאַר אָברערא״ (די „אַרבעטער־היים״), וואָס איר ערשטע פֿאַרוואַלטונג איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון ניקאָלאַס רעפּעטאָ, כואַן ב. כוסטאָ, ענריקע דיקמאַן, אַטענסיאָ, דע אַרמאַס, פּעסראַלי און הערמידאַ.

אַ הערצישע און וויכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פונעם אַרגענטינער קאָאָפּעראַטיוויזם, שפּילן מיט זיך פאַר די אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוועס. אויפן דאָזיקן געביט קען מען זאָגן אַז די ייִדישע קאָלאָניעס פון באַראָן הירש האָבן געוויזן אַ ביישפּיל פון עקשנות און אויפריכטיקן אידעאַליזם. אַזעלכע נעמען ווי אינזש׳ מיגעל סאַכאַראָוו ע״ה און יצחק קאַפּלאַן, צווישן אַ גאַנצער פּלעיאַדע, זיינען ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דער אַנטשטייונג, געשיכטע און אַנטוויקלונג פונעם אַרגענטינער אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוויזם, וואָס איז געווען אַ פעסטער אָנשפּאַר פאַר לאַנדווירטן אין די הערצישע בראשית־יאָרן פון די אַגראַר־קאָלאָניעס.

און אַזעלכע נעמען ווי „פּאַנדאָ קאָמונאַל״ פון דאָמינגעז, פּראָווינץ ענטרע־ריאָס, און די ייִדישע לאַנדווירטן־קאָאָפּעראַטיווע „לוסיענוויל״ — וואָס איז געגרינדעט געוואָרן צוויי יאָר נאָך דעם ווי פּראַנצויזן האָבן אויפגעשטעלט די ערשטע אַרגענטינער אַגראַר־קאָאָפּעראַטיווע, אין פּיגוע, פּראָווינץ בוענאָס־איירעס — רעדן וועגן פּיאָנערישקייט און פעסטן גלויבן אין אַן אידייע.

אַ מעכטיקע באַוועגונג

אין די לעצטע יאָרן האָט אָנגענומען ברייטערע פאָרמען אַ נייע קאָאָפּעראַטיוויסטישע באַוועגונג; די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס, וואָס זייער צאָל אין לאַנד דערנענטערט זיך צו די דריי הונדערט, און וועגן וועלכע מען מעג זאָגן — אָן דער מורא אַריינצופאַלן אין אַ גוזמא — אַז נישט ווייניקער פון ניינציק פּראָצענט זיינען זיי דער פּראָדוקט פון ייִדישער איניציאַטיוו און ייִדישן אינטערנעמונגס־גייסט.

דער ערשטער פּרווו צו שאַפן אַ קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע ביי אונדז אין לאַנד, איז געווען די גרינדונג פון דער „באַנקאָ פּאָפּולאַר אַרכענטינאָ״, וועלכע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין 1887, ווי אַן „אינסטיטוציע פאַר געלט־דעפּאָזיטן, קרעדיטן און היפּאָטעקן־הלוואות״. ווען עס איז אין יאָר 1927 אַרויסגעגעבן געוואָרן דער ערשטער אַרגענטינער געזעץ וואָס צייכנט אָן די תקנות פאַר דער שאַפונג און פונקציאָנירונג פון די קאָאָפּעראַטיוועס האָט די דערמאָנטע באַנק זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַנאָנימער אַקציע־געזעלשאַפט.

זינט יענעם ווייטן אומזיכערן שפּאַן ביז היינט צו טאָג איז דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוויזם געוואַקסן בהדרגהדיק אויף אַן אויסערגעוויינלעכן אופן.

לויט דער סטאַטיסטיק פון דער מלוכהשער קאָאָפּעראַטיוון־דירעקציע, האָט די צאָל קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס אין לאַנד געגרייכט אין יאָר 1960 צו 197, זייער מיטגלידערשאַפט צו 206.966, דער געצייכנטער קאַפּיטאַל צו 287.781.600 פּעזעס, דער רעאַליזירטער קאַפּיטאַל — צו 266.296.769 פּעזעס און די קרעדיט־אָפּעראַציעס, דאָס הייסט די אַרויסגעגעבענע הלוואות צו 2.485.437.842 פּעזעס.

די דאָזיקע טרוקענע ציפערן: צוויי הונדערט אָרגאַניזאַציעס מיט אַ טאָג־טעגלעכער אַרבעט

פון טויזנטער אָנגעשטעלטע און פאַרוואַלטער; צוויי מאָל הונדערט טויזנט נפשות באַדינט פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס; קרוב צו דריי הונדערט מיליאָן, דער קאַפּיטאַל־פאַרמעג; און קנאַפּע דריטהאַלבן מיליאַרד פּעזעס אַרויסגעגעבענע הלוואות — שאַפן פאַר אונדז די פּאַנאָראַמע פון אַ ריזיק צעצווייגטער באַוועגונג וואָס נעמט אַרום גאָר ברייטע שטחים פון דער לאַנד־עקאָנאָמיק.

אָבער די דאָזיקע ציפערן דאַרפן שוין באַטראַכט ווערן פאַר פאַרעלטערט. זינט די אָפּיציעלע סטאַטיסטיק איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן איז פאַרביי העכער צוויי יאָר, און פון דעמאָלט ביז היינט איז דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוויזם געוואַקסן נאָך מער, מיט דער שאַפונג פון נייע צענדליגער אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן אַריינגעצויגן אין דער קאָאָפּעראַטיוויסטישער באַוועגונג טויזנטער נייע מיטגלידער.



פראָנט פון דער קאָאָפּעראַטיווע „וועלעס סאַרספיעלד“.

ווי שוין דערמאָנט זיינען ניינציק פּראָצענט — אויב נישט מער — פונעם קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוויזם· דער פּראָדוקט פון ייִדישער אַרבעט. אויפן דאָזיקן געביט האָבן ייִדן אין אַרגענטינע אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע שעפערישקייט, איניציאַטיוו, אחריות, אַ פאַרשטענדעניש פאַר סאָלידאַריטעט און אַ געפיל פאַר אחדות.

וווּקס פון די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון במשך די לעצטע 5 יאָר

יאָר	צאָל קאָאָפּעראַטיוון	צאָל מיטגלידער	קאַפּיטאַל — פּעזעס
1957	141	151.418	134.124.700.—
1958	158	173.317	152.525.450.—
1959	182	195.319	202.755.745.—
1960	197	206.966	287.781.600.—
1961	263	223.861	563.318.900.—

געאייניקטער כח

„דאָס וואָס יעדער איינער באַזונדער איז נישט ביכולת דורכצופירן, זיינען מיר אַלע צוזאַמען בכח צו דערגרייכן", — דאָס איז אייגנטלעך דער תמצית פונעם קאָאָפּעראַטיוויסטישן געדאַנק. מיט גלויבן אין דער דאָזיקער אידייע זיינען ממש אויפגעטון געוואָרן וווּנדער.

דער געאייניקטער כח פון הונדערטער און טויזנטער מענטשן האָט געשאַפן אַזעלכע פינאַנץ־אַנשטאַלטן וואָס שטייען נישט אָפּ פון בענק — הן אינעם מאַסשטאַב פון זייערע קרעדיט־אָפּעראַציעס, הן לויט זייערע קאַפּיטאַלן. נאָך מער: פאַראַן אַזעלכע ייִדישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס וואָס זייער אומזאַץ, זייער פאַרמעג און זייערע רווחים — וועלכע ווערן פאַרווענדט לטובת די מיטגלידער און פאַר פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן — שטייגן ווייט איבער די ציפערן וואָס מען קען לייענען אין די באַלאַנסן פון גאַנץ באַדייטנדיקע באַנק־אינסטיטוציעס.

לאָמיר עס באַשטעטיקן מיטן אומאָפּפרעגלעכן אמת פון די ציפערן. עס איז פאַר דעם גענוג מיר זאָלן אַריינקוקן אינעם באַלאַנס פון איינער פון אונדזערע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס. לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל די ייִדישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „פּראָגרעסאָ", וועלכע איז, לויטן מאַסשטאַב פון אירע פינאַנץ־אָפּעראַציעס, די גרעסטע פון איר מין אין אַרגענטינע. וואָס ריידן די פאַרצייכנטע סכומים אינעם לעצטן באַלאַנס פון דער אינסטיטוציע, דעם באַלאַנס וואָס איז געשלאָסן געוואָרן דעם 30סטן יוני 1962?

דער געצייכנטער קאַפּיטאַל גרייכט צו 33.846.900 פּעזעס, די אַרויסגעגעבענע קרעדיטן — צו 609.594.554,96 פּעזעס, און די דעפּאָזיטן אין שפּאָר־קאַסע צו — 287.411.276,94 פּעזעס.

דאָס שאַפט פאַר אונדז אַ בילד וועגן איר איצטיקן מצב. אָבער לאָמיר זיך אויך שאַפן אַ באַגריף פונעם טעמפּאָ ווי אַזוי די קאָאָפּעראַטיווע איז געוואַקסן. פאַר דעם צוועק וועלן מיר אַריינקוקן אין אַ באַלאַנס פון פינף יאָר צוריק. 4.375.1.00 פּעזעס איז דעמאָלט געווען דער געצייכנטער קאַפּיטאַל, צו 75.155.140,67 האָבן געגרייכט די אויסגעטיילטע הלוואות, און צו 32.378.997,94 פּעזעס די דעפּאָזיטן אין שפּאָר־קאַסע. דער וווּקס, ווי עס איז בולט צו זען, איז אַן אויסערגעוויינלעכער.

נישט ווייט פון דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיווע, לויט איר פאַרנעם, שטייען די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס „בוענאָס־איירעס", „בעלגראַנאָ", „ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ", "לאַוואַזשעכאַ", „וועלעס סאַרספיעלד", „ווישאַ לוראָ". אָבער אויך אַנדערע צענדלינגער און צענדלינגער קאָאָפּעראַטיוועס וואָס זיי אַלע אויסרעכענען איז נישט מעגלעך, פירן אַ פינאַנץ־טעטיקייט פון אַזאַ מאַסשטאַב וואָס פאַרדינט אָפּגעשאַצט צו ווערן.

אַ באַזונדער וויכטיק קאַפּיטל פאַרדינען אויך יענע קאָאָפּעראַטיוון וואָס באַזאָרגן פאַרשיידענע בראַנדזשעס פון דער אינדוסטריע מיט רוי־מאַטעריאַלן, ווי די קאָאָפּעראַטיוון פון די ייִדישע שטריקער־פאַבריקאַנטן און פון די האָלץ־ און אייזן־אינדוסטריאַלן. אויך דער ייִדישער קליין־האַנדל, דער וואָס ווערט געפירט פון די „קווענטעניקעס", איז צענטראַליזירט אין צוויי מעכטיקע קאָאָפּעראַטיוועס, די „ערשטע קאָאָפּעראַטיווע" פון דער גאַס היפּאָליטאָ איריגאָזשען, און די „צווייטע" פון דער קאַנגאַזשאָ־גאַס. זיי, צוגלייך ווי די קרעדיט־אָרגאַניזאַציעס, זיינען דער אויסדרוק פון אַן אויטענטישן קאָאָפּעראַטיוויזם וואָס באַגינסטיקט אַ סך הונדערטער קליינע סוחרים, בעלי־מלאכה און פאַבריקאַנטן.

געזעלשאַפטלעכער כח

קאָאָפּעראַטיוויזם מיינט צוזאַמענאַרבעט פון מענטש מיט מענטש, פון חבר מיט חבר. קאָאָפּעראַטיוויזם מיינט אויך גלייכע רעכט און גלייכע התחייבותן. אָבער איבער אַלץ איז קאָאָפּעראַטיוויזם דער אויסדרוק פון עקאָנאָמישער דעמאָקראַטישקייט: נישט וויכטיק איז דער קאַפּיטאַל וואָס יעדערער האָט צוגעטראָגן אין דער אָרגאַניזאַציע. אַ גרעסערער געלט־צושטייער גיט נישט

קיין גרעסערע רעכט. אַ עיקרדיקער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם איז: איין מיטגליד — איין שטימע, נישט נעמענדיק אין אַכט דעם סכום פונעם צוגעטראָגענעם קאַפּיטאַל, דאָס הייסט די צאָל אַקציעס. דער דאָזיקער פּרינציפּ דאַרף אָפּהיטן דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס און דערמאָגנען זייערע אָנפירער, אַז עס איז זייער חוב אָפּצוהיטן די אינטערעסן פון דער מיטגלידערשאַפט וואָס איז דער אמתער באַלעבאָס פונעם פאַרמעג פון דער קאָאָפּעראַטיווע.

די קאָאָפּעראַטיוויסטישע עסקנים אונדזערע פאַרשטייען אָבער אויך אַז די קאָאָפּעראַטיווע איז אַ פאַרמעג פונעם כלל, פונעם ישוב אַלס גאַנצן, פון וועלכן די קאָאָפּעראַטיווע מיטגלידער זיינען אַ טייל. די מער באַזוכסטע יאָרלעכע פאַרזאַמלונגען פון אונדזערע ייִדישע אינסטיטוציעס זיינען די מיטגלידער־פאַרזאַמלונגען פון די קאָאָפּעראַטיוועס, ווו מען קען זען, ביי אַ סך פאַלן, ווי הונדערט אַקציאָנערן זאָגן זיך אָפּ פון די דיווידענדן וואָס עס קומט זיי, בכדי זיי זאָלן פאַרווענדט ווערן פאַר גרויסע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־הצטרכותן, ווי שטיצן ווילטעטיקע אַנשטאַלטן און בויען שולן.

די פאַרוואַלטונג פון יעדער קאָאָפּעראַטיווע ציילט אין דורכשניט 15 מיטגלידער. אויב מיר זאָלן רעכענען אַז עס זיינען פאַראַן קרוב צו 200 אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס אין דער הויפּטשטאָט, אין גרויס בוענאָס־איירעס און אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ — קומט אויס אַז אין סך־הכל ווערן זיי אָנגעפירט פון אומגעפער דריי טויזנט עסקנים. דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעכער אַקטיוו, וואָס פאַרדינט אָפּגעשאַצט צו ווערן.

דער ייִדישער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוויזם אין אַרגענטינע איז אַ פאַקטאָר אינעם היגן עקאָנאָמישן לעבן, אָבער אויך אַ פעסטער יסוד און וויכטיקער אָנשפּאַר פאַר דער אַלגעמיינער כלל־אַרבעט. דער וווּקס פון אונדזער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוויזם האָט אויך געמיינט אַ גאָר באַדייטנדיקע שטיצע, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, פאַר אונדזערע סאָציאַלע און קולטור־מוסדות. ציפערן וועגן דעם ענין וואָלטן אַנטפּלעקט אַ גאָר אינטערעסאַנט בילד און אָנגעוויזן אויף אַ גייער טענדענץ וואָס וועט מיט דער צייט שפּילן אַ נאָך גרעסערע ראָל אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ייִדישע קאָאָפּעראַטיוועס וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין דער אַרגענטינער פעדעראַציע פון קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס

קאַכאַ דעל אָנסע — — — — — — — — — — יואַלענטין גאָמעס 2978
על סאָל — — — — — — — — — — — — — רעפּובליקאַ אָריענטאַל דעל אורוגוויי 327, מאָראָן
קאַבאַזשיטאַ — — — — — — — — — — ל:איס וויאַלע 749
וויזשאַ קרעספּאָ — — — — — — — — וועראַ 736
ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ — — — — — — — פּאַסאָ 587
פּערוואַנטעס — — — — — — — — — ניקאַסיאָ אָראָניאָ 2082
לאָס אַנדעס — — — — — — — — — — קאַנגאַזשאָ 2194
טרעס אַראָזשאָס — — — — — — — — טרעס אַראָזשאָס 752
קאַכאַ פּאָפּולאַר פלאָרידאַ — — — — — קאַרלאָס פּ. מעלאָ 1853, פלאָרידאַ
לאַ אינדוסטריאַל — — — — — — — — קאָריענטעס 2783
קאַכאַ פּאָפּולאַר בעלגראַנאַ — — — — — אַמענאַבאַר 2968
קאָריענטעס — — — — — — — — — — קאָריענטעס 2791
ליניערס — — — — — — — — — — — ראַמאָן פאַלקאָן 6387
פלאָרעסטאַ נאָרטע — — — — — — — — מאָראָן 3067
לאַ אוניאָן — — — — — — — — — — — — גאַאָנאַ 81־2571

לאָמאַס דע סאַמאָראַ	לאַפרידאַ 432, לאָמאַס דע סאַמאָראַ
קאַבאַ קאָמערסיאַל	קאָריענטעס 4720
וועלעס סאַרספיעלד	סעגוראָלאַ 1129־33
אַלמאַגראָ	קאַנינג 122
וויזשאַ לוראָ	לאָפּע דע וועגאַ 1300
סאַנטאָס לוגאַרעס	אַלפּאַטאַקאַל 1401, סאַנטאָס לוגאַרעס
דעל סור	פּאַוואָן 4635, לאַנוס
פּאַרקע טשאַקאַבוקאָ	פּאַוואָן 4219
על ליבערטאַדאָר	אַווענידאַ סאַן מאַרטין 6853
נועוואַ טשיקאַגאָ	מאַרטיניאַנאָ לעגיסאַמאָן 1862
וויזשאַ סאַהאַרעס	גאַווילאָן 2148
סאַן מאַרטין	סאַן לאָרענסאָ 189, סאַן מאַרטין
סאַן פערנאַנדאָ	קאָנסטיטוסיאָן 1470, סאַן פערנאַנדאָ
פלאָרעסטאַ	סעגוראָלאַ 1595
וואַרעלאַ	וואַרעלאַ 1270
מערקאַנטיל אוּנידאַ	מאַלאַביאַ 539
פּאַלערמאָ	אַנכעל גאַזשאַרדאָ 752
טוקומאַן	קאָריענטעס 5286
25 דע מאַזשאָ דע ל. דע סאַמאָראַ	אַווענידאַ מעקס 356, לאָמאַס דע סאַמאָראַ
מאַלדאָנאַדאָ	פרינגלעס 986
25 דע מאַזשאָ	כענעראַל מאַנועל א. ראָדריגעס 1162
לאַוואַזשעכאַ	קאַנגאַזשאָ 2672
פּועירעדאָן	פּועירעדאָן 667
וויזשאַ אורקיסאַ	וואַלדענעגראָ 3470
אַנטעסאַנאַ	אַנטעסאַנאַ 145
לאַ אַמיסטאַד	אַזקוענאַגאַ 278
וויזשאַ לוגאַנאָ	מיראַזשאַ 2735
וויזשאַ רעאַל	פּעדראָ לאָסאַנאָ 5276
אַלידען	אַלידען 1245
סענטענאַריאַ	לואיס מאַריאַ דראַגאָ 158
לאַ טעקסטילעראַ	קאָריענטעס 4136
קאַזשאַאָ	קאַנגאַזשאָ 1760
דיאַס וועלעס	דיאַז וועלעז 3964
על האָגאַר דע פּאַרקע פּאַטריסיאָס	סאַאַוועדראַ 344
פּאַרקע	קוענקאַ 2567
על פּאַרוועניר	וועלאַזקאָ 710
באָקאַ אי באַראַקאַס	דאַניעל סערי 1528
לאַ קאָנפיאַנסאַ	סאַנאַבריאַ 2260
אַמעריקאַ דעל סור	מאַלאַביאַ 229
דעוואָטאָ לינערס	סאַלוואַדאָר מ. דעל קאַריל 2762
קאַאָפּערמאַזשאָר	לאַרעאַ 574
סאָלידאַרידאַד	אינדעפּענדענסיאַ 2880
סעראַנאָ	אַסעוועדאָ 566
לאַ וויקטאָריאַ	בערמודעס 1465
פּאַסאָ	פּאַסאָ 424

וויזשאַ אָרטוזסאַר	טריִונוויראַטאָ 3572
דעל סוד	טאַריכאַ 4145
וויזשאַ דעל פּאַרקע	כואַן אַגוסטין גאַרסיאַ 2250
טשיקלִאַנאַ	אַלאַגאָן 149
ואַלענטין אַלסינאַ	פלאָרידאַ 473, וואַלענטין אַלסינאַ
על רעקועדאָ	זשאַטאַי 681
סאַרמיענטאָ	וואַלענטין גאָמעז 3243
ווערסאַזשעס	קאַלדעראָן 2003
קאָנסטיטוסיאָן	סאַן כאָסע 1032
בוענאָס איירעס	קאָריענטעס 3112
לאַ קאַפּיטאַל דעל פּלאַטאַ	פּועירעדאָן 535
פּאַטערנאַל	סעגי 1815
דעוואָטאָ	באַיגאָריאַ 5080
כונין	כונין 265
העלגעראַ	העלגעראַ 2369
פּאַסטעור	קאָריענטעס 1979
לאַ קאָנקיסטאַ	וואַלענטין גאָמעז 3243
על קאָנטינענטע	קאָריענטעס 2763
קרעדיטאָס מוטואָס דע לאַנוס	אָ׳היגינס 1870, לאַנוס
על אָרדען	פּראַגאַטאַ פּרעסידענטע סאַרמיענטאָ 2225
פּלאַנעס	פּלאַנעס 59־1049
קאָנגרעסאָ	קאָנגאַזשאָ 3845
לאַ ליבערטאַד	וואַלענטין גאָמעז 2950
לאַ עספּעראַנסאַ	גאַאָנאַ 4387
באַלוואַנעראַ נאַרטע	קאָריענטעס 2593
ניקאַסיאָ אָראָניאָ	ניקאַסיאָ אָראָניאָ 1669
9 דע כוליאָ	וואַלענטין גאָמעז 2615
אַוועזשאַנעדאַ	כענעראַל פּאַז 27, אַוועזשאַנעדאַ
12 דע אָקטובּרע	סעגי 1624
וויזשאַ דעוואָטאָ	אַוועניִדאַ כענעראַל מאָסקאָני 3845
לאַ קאַפּיטאַל	קאָריענטעס 1994
פּראַגאַטאַ פּרעסידענטע סאַרמיענטאָ	פּראַגאַטאַ פּרעסידענטע סאַרמיענטאָ 935
סונטשאַלעס	סונטשאַלעס 848
דעל אָעסטע	גועמעז 76, ראַמאָס מעכיאַ
על פּלאַטאַ	עקואַדאָר 575
באַראָן הירש דע בוענאָס איירעס	בילינגורסט 664
פּאַרקע טשאַס	גאַנדאַראַ 2465
בית עם פון לאַנוס	סאַרמיענטאָ 1831, לאַנוס
אַמעריקאַ לאַטינאַ	לאַוואַזשעכאַ 391
פלאָרעס סוד	באַרטאָלאָמע מיטרע 4467
קאָנגאַזשאָ	קאָנגאַזשאָ 3637
פּאַוואָן	פּאַוואָן 4127
בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ	דיאַז וועלעז 3964
פּרוטאָס אי פּיעלעס דעל פּאַיִס	באַרטאָלאָמע מיטרע 2410
אַראַאָס	אַראַאָס 118
פלאָרעס	וואַרעלאַ 850
נאַסקאַ	נאַזקאַ 1758
25 דע אַגאָסטאָ	אַנכעל גאַזשאַרדאָ 213

דער וווקס פון די 7 גרעסטע יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס
במשך די לעצטע 5 יאָר

קאָאָפּעראַטיווע	צאָל מיטגלידער		אַקציען־קאַפּיטאַל		אַרויסגעגעבענע קרעדיטן		אַקציאָנערן־פאָנד	
	1957	1962	1957	1962	1957	1962	1957	1962
„פלאָרעסטאַ" — — —	3.980	8.060	3.296.900	33.846.900	54.055.183	609.594.554	24.781.534	287.411.276
„ווילזשאַ לוראַ" — —	2.419	5.510	1.958.075	26.775.100	35.408.249	547.606.000	15.010.130	245.445.000
„וועלעס סאַרספילד" —	2.858	6.074	2.652.650	26.302.660	42.216.670	493.312.718	16.433.078	196.901.236
„בוענאָס איירעס" — —	2.351	3.750	3.859.885	32.270.945	34.720.824	250.802.544	11.697.038	76.997.755
„בעלגראַנאָ" — — —	1.711	3.146	874.800	12.305.750	16.066.006	212.672.150	6.210.531	86.400.649
„לאַוואַזשעכאַ" — —	1.792	3.987	3.280.160	18.750.300	21.145.200	197.460.700	7.921.000	71.143.200
„ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ" —	2.290	3.147	4.749.400	11.681.269	53.673.487	142.225.903	37.481.646	93.878.775

ד״ר ל. זשיטניצקי

דער ייִדישער אָנטייל אין דער אַרגענטינישער קולטור, קונסט און וויסנשאַפט

א.

ביז איצט האָט מען נאָך נישט גענוג אָפגעשאַצט דעם ייִדישן בייטראָג אויף אַלע געביטן פונעם אַרגענטינער פראָגרעס. מען זעט נאָר די עקאָנאָמישע זייט, די אָרגאַניזאַציע פון די ייִדישע בענק, די ייִדישע קרעדיט־קאָאָפעראַטיוון און אויך פאַרשיידענע מינים קאָרפּאָראַציעס. מען זעט אויך אויסגעבויטע בנינים פאַר פילאַנטראָפישע, געזעלשאַפטלעכע און דערציִונגס־צוועקן, — מען זעט אַלץ, וואָס מען קען אויפכאַפּן מיטן אויג, אָבער מען זעט נישט די זאַפטן, וואָס גייען אין דער ברייט און גראָבן אין דער טיף. דער אמת איז, אַז ייִדן האָבן אַ סך בייגעטראָגן פאַרן גייסטיקן פראָגרעס פון אַרגענטינע, — אויפן געביט פון דער אַלגעמיינער קולטור, וויסנשאַפט און קונסט. די געשיכטע וועגן דעם בייטראָג איז גאָר נישט קיין קליינע און עס לוינט אַריינצובליקן אַ ביסל טיפער אין דער רעאַליטעט פונעם ייִדישן זיין אין אַרגענטינע און צו אַנאַליזירן די אַנטוויקלונג פונעם היגן ייִדישן לעבן אין פאַרבינדונג מיטן אַלגעמיינעם פראָגרעס פונעם לאַנד. דעמאָלט קומט מען צו מסקנות, וואָס ייִדישע שונאים וועלן קיינמאָל נישט וועלן אָנערקענען. האָבן ייִדן בייגעטראָגן פאַר דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט אין אַרגענטינע? מען האָט ביי אונדז קיינמאָל נישט געפירט וועגן דעם קיין ספּעציעלן רעגיסטער, עס פעלט דער פּינקס פון די אַמאָליקע צייטן, וואָס האָט אַלץ פאַרצייכנט. דאָס איז גאָר אַ גרויסער שאָד, ווייל אַ סך נעמען ווערן פאַרגעסן און אַ סך נעמען קומען נישט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט בכלל, בלייבן ערגעץ־ווו אין די אַרכיוון, אויך מחמת דעם, ווייל דעם ייִדישן בוענאָס־איירעס און דעם ייִדישן אַרגענטינע בכלל פעלט די געהעריקע געזעלשאַפט אָדער אינסטיטוציע, וואָס זאָל פירן דעם חשבון פון דער ייִדישער שעפערישקייט אינעם לאַנד. טיילווייז קען מען עס נאָך וויסן וועגן בוענאָס־איירעס גופא, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז אין די פאַרשיידענע פּראָווינץ־שטעט, ווי קאָרדאָבאַ אָדער מענדאָסאָ, סאַנטאַ־פע אָדער טוקומאַן זיינען פאַראַן ייִדן וואָס פאַרנעמען אַ געוויסן אָרט אין דער וויסנשאַפט און אין דער אוניווערזיטעטישער אַרבעט, אָבער זייערע נעמען ווערן אַזוי פאַרשלונגען, אַז זיי ווערן פולשטענדיק אַסימילירט אינעם אַלגעמיינעם קאַטאַסטער און ס׳איז אוממעגלעך מען זאָל וויסן אַז עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן פון ייִדישן אָפּשטאַם.

האָבן ייִדן אַ חלק אינעם פראָגרעס פון דער אַרגענטינער וויסנשאַפט? דער ענטפער קען זיין נאָר אַ פּאָזיטיווער. אַרגענטינע איז נאָך פאַרהעלטנישמעסיק אַ יונג לאַנד און האָט נאָך נישט געשאַפן קיין גינציקע באַדינגונגען פאַר אַ נאָרמאַליזירטער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט. אַזעלכעס קומט פאָר אין יעדן יונגן לאַנד, אָבער דאָס האָט לחלוטין נישט געשטערט, אַז אין די אַרכיוון פונעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון בוענאָס־איירעסער אוניווערזיטעט זאָלן ליגן און פאַרשטויבט ווערן ביי אַ פיר הונדערט דיסערטאַציע־טעזיסן פון ייִדישע מעדיקער, ספּעציעל צוגעשטעלטע אויף צו באַקומען דעם דאָקטאָראַט. צווישן זיי געפינען זיך ביז גאָר וויכטיקע מעדיציניש־וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, און נישט נאָר די אַרבעטן, נאָר אַפילו די נעמען פון די דיסערטאַנטן בלייבן אומבאַקאַנט. נישט ווייניק ייִדן צייכענען זיך אָבער אויס אין דער אַרגענטינער מעדיצינישער וויסנשאַפט, ווי קאַטעדראַטיקער, אָבער אויך אין דעם פאַל לעבט דער

יידישער מעדיקער־וויסנשאַפטסמאַן אין ספּעציעלע אומשטענדן. געניג צו דערמאָנען אַזעלכע צוויי נעמען, ווי ד״ר בערקאָנסקי אין קאַרדיאָלאָגיע און ד״ר א. קאַמינסקי אויפן געביט פון הויט־קראַנקייטן. ד״ר בערקאָנסקי האָט דורכגעפירט וויכטיקע פאָרשונגען אויפן געביט פון האַרץ־קראַנקייט ביי יידן און נישט־יידן. זיינע אַרבעטן זיינען געוואָרן אַן אָריענטאַציע פאַר אַ סך מעדיקער. פון דעסט וועגן פעלט דעם ד״ר בערקאָנסקי די קאַטעדרע פון וואַנען ער זאָל



לייבא גייכמאַן: דער גביא (סקולפּטור).

קענען אויסבילדן סטודענטן פאַר דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. און ענלעכס געשעט מיט ד״ר קאַמינסקי, וועמענס נאָמען אַלץ מעדיקער־וויסנשאַפטסמאַן האָט אַ רעזאָנאַנס אין דער גאַנצער מעדיצינישער וועלט. ביידע דערמאָנטע האָבן אפילו זייער אָפּשאַצונג אין דער אַרגענטינער נישט־יידישער וויסנשאַפטלעך־מעדיצינישער וועלט, דאָך נישט אין דער מאָס, וואָס זיי פאַרדינען.

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי נעמען, וואָס האָבן אויך זייער רעזאָנאַנס אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אָבער נאָר ווי מעדיקער און נישט ווי פאַרדינסטפולע וויסנ־

שאַפטסלייט. פאַראַן אויך צווישן יונגע ייִדישע מעדיקער אַזעלכע וואָס צייכענען זיך אויס אין דער מעדיצינישער וויסנשאַפטלעכער וועלט, אָבער זייערע נעמען בלייבן לחלוטין פאַרטושט און אומבאַקאַנט. די שאַפונג און די אָרגאַניזאַציע פון דער אָדאָנטאָלאָגישער אָפּטיילונג ביים מעדיצינישן פאַקולטעט פון בוענאָס־איירעסער אוניווערזיטעט איז די אַרבעט פונעם פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר ד״ר זשאַבאָטינסקי. אויך אין דער פּסיכיאַטריע צייכנט זיך אויס דער ייִדישער מעדיקער ד״ר סאַלאָמאָן טשיטשעלניצקי, וואָס האָט אַ סך בייגעטראָגן פאַר דער פּסיכיאַטריע אין אַרגענטינע. ער צייכנט זיך אויס אויף דעם געביט מיט זיינע פאָרשונגען. איינע פון זיינע לעצטע פאָרשונגען אויפן געביט פון פּסיכיאַטריע „סינדראָמעס נעוראָפּסיקיאַטריקאָס דע



ליובאַ גייכמאַן: דער אַרבעטער״ (סקולפּטור).

לאָס טומאָרעס דעל לאָבולאָ פראָנטאַל״ האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אוניווערסאַלער מעדיצינישער וועלט און דאָס ווערק איז אויפגענומען געוואָרן קריטיש-פּאָזיטיוו און אויך ווי אַ לערנווערק פאַר ספּעציאַליזירטע מעדיקער. אויפן געביט פון גינעקאָלאָגישער מעדיצין פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן דער יונג-פאַרשטאָרבענער ד״ר דובראָווסקי, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ גאַנצע ריי וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, פאַרעפנטלעכטע אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אייניקע פון זיינע אַרבעטן ווערן אויך באַנוצט אויף דער קאַטעדרע פונעם זעלבן קעגנשטאַנד אין מעדיצינישן פאַקולטעט פון בוענאָס-איירעסער אוניווערזיטעט.

אויך דאַרף מען דערמאָנען דאָס ווערק פון ד״ר טעאָדאָר סלאָנימסקי „די משפחה און מענטשלעכע באַציִונג״, אַ ווערק פון אַ פאָרשונגס-כאַראַקטער, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אַ טיפע פאָרשונג פון אַ סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער וועגן דער סטרוקטור פון די משפחה-באַציִונגען צווישן עלטערן און קינדער, צווישן קינדער פון איין פאָטער און מוטער אאז״וו, געזען פון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט, — אַ בוך, וואָס הייבט אויף אַ מין פאָרהאַנג איבער דער משפחה-מיסטעריעזקייט.

אַ ווערק וואָס געווינט אַ באַזונדערע באַדייטונג אויפן געביט פון פּסיכאָ-אַנאַליז איז ד״ר דוד ליבערמאַנס „די קאָמוניקאַציע אין דער פּסיכאָאַנאַליטישער טעראַפּעווטיק״, — ס׳איז אַן אַרבעט פון אַ טיפן דענקער, וואָס ברייטערט אויס די טעאָריע פון פּסיכאָאַנאַליז און ווייזט אַן אויפן אופן פון איר אָנווענדונג אין דער מעדיצינישער פּראַקטיק אויפן געביט פון פּסיכישע און אַנדערע ענלעכע דעפעקטן.

דאָ ווערן געבראַכט נאָר אייניקע נעמען, הגם די צאָל ייִדישע מעדיקער, וואָס איבן אויס נישט נאָר אין זייער פּראָפעסיע, נאָר געבן זיך אויך אָפּ מיט מעדיציניש-וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, איז אַ סך אַ גרעסערע. צוויי גאָר יונגע מעדיקער, וואָס האָבן זיך דורכגעלייגט אַ פאַרדינטן וועג אויך צו דער אוניווערסאַלער מעדיצינישער וויסנשאַפט זיינען דער יונגער קאַרדיאָלאָג ד״ר לעאָנאַרדאָ טשאַיט און דער יונגער קאַנסעראָלאָג ד״ר יוסף שאַוועלזאָן (כאָסע שאַוועלזאָן), — ביידע זיינען מיטגלידער פון די אָנגעזעענסטע אינטערנאַציאָנאַלע מעדיציניש-וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. ביידע ווערן גאַנץ אָפט גערופן זיך צו באַטייליקן אין וויכטיקע אינטערנאַציאָנאַלע מעדיצינישע קאָנגרעסן, אויסשליסלעך פאַר זייערע וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. צו זיי געהערט אויך ד״ר סאַמועל טאַרנאָפּאָלסקי מיט זיינע מעדיצינישע אַרבעטן וועגן רעומאַטישע קראַנקייטן, חוץ וואָס ער איז אַן אָנגעזעענער אַרגענטינער שרייבער, טיילווייז אויך אויף היסטאָרישע טעמעס פון גרויסער וויכטיקייט. אַ באַזונדערן אָרט פאַרנעמט ד״ר שטיינגאַרט ווי דער ערשטער ייִדישער אַקאַדעמיקער. די סאָציאַלע טעמע אין דער מעדיצין האָט דער ערשטער אין אַרגענטינע באַרירט ד״ר חיים פּאַוועלוקעס.

ייִדן זענען באַטייליקט אויף אַלע געביטן פון דער אַרגענטינער וויסנשאַפט, נישט נאָר אין דער מעדיצין, און מען געפינט זיי אין דער פילאָסאָפישער און היסטאָרישער וויסנשאַפט. גענוג צו דערמאָנען דעם ד״ר דוכאָוונע, דעם זון פון קאָלאָניסט און אַ קינד פון דער קאָלאָניע, וואָס האָט זיך דורכגעלייגט אַ וועג צו דער פילאָסאָפישער וויסנשאַפט ווי ער פאַרנעמט אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע דורך זיינע פאַרעפנטלעכטע ווערק אויפן געביט פון פילאָסאָפיע צווישן וועלכע עס צייכנט זיך אויס זיין דרייבענדיק ווערק וועגן שפּינאָזאַן, זיין פּאָפּולער ווערק וועגן ייִדישער פילאָסאָפיע און אַנדערע ווערק פון אַ גרויסן באַטייט פאַר דער אַרגענטינער וויסנשאַפט און קולטור. אין זין פון דער פילאָסאָפישער וויסנשאַפט גייט ד״ר לעאָן דוכאָוונע אין שפּיץ פון אַלע אַרגענטינער וויסנשאַפטסלייט. ד״ר לעאָן דוכאָוונע איז כמעט דער איינציקער צווישן די ייִדן, וואָס האָבן זיך געווידמעט דער פילאָסאָפישער וויסנשאַפט. ער האָט אויך דורכגעמאַכט דעם יורידישן פאַקולטעט און גיט זיך אָפּ מיט יוריספּרודענץ. אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך באַרייכערט דעם אַרגענטינער קולטור- און וויסנשאַפטס-גדאַנק מיט אַ צאָל איבערזע-

צונגען פון וויכטיקע ייִדישע ווערק, ווי דובנאָווס „ייִדישע געשיכטע״, און אַנדערע וויכטיקע ווערק פון ייִדישער היסטאָרישער און פילאָסאָפישער טעמאַטיק.

די יונגע ייִדישע וויסנשאַפטלערן בערטאַ פערעלשטיין, אַן איבערצייגטע מאַרקסיסטן פון לינקער ריכטונג, האָט פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנט ווערק „פּאָזיטיוויזם און אַנטיפּאָזיטיוויזם אין אַרגענטינע״. עס איז דאָס ערשטע ווערק וואָס באַטראַכט די פילאָסאָפישע שיטה אין אַרגענטינע פון אַ מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט ביי דער געלעגנהייט זאָל אויך דערמאָנט ווערן דער יונג־פאַרשטאָרבענער ד״ר כאַסקעלעוויטש, אַן איבערצייגטער קאַנטיאַנער, וועמעס ווערק וועגן אַריסטאָטעלעס לערע וועגן נשמה, שטעלט פאָר דעם דערמאָנטן ד״ר כאַסקעלעוויטש ווי אַ דענקער פון אָריגינאַליטעט און פאַרנעם. ליידער איז ער זייער יונג געשטאָרבן און האָט נישט באַוויזן אויסצונוצן זיינע פילאָסאָפישע קענטענישן לטובת דער וויסנשאַפט און קולטור אין אַרגענטינע.



לאה לובלין: „שטורעם״ (איילבילד).

אין די אַרגענטינער היסטאָרישע וויסנשאַפטן טרעפט מען אויך אַ גאַנצע ריי ייִדן וואָס פאַרנעמען אַ באַדייטנדיקן אָרט. ד״ר אַנכעל ראָסנוואַסער ווערט באַטראַכט פאַרן בעסטן אַרגענטינער עגיפּטאָלאָג. זיין קליין ביכל „די אַמאַטעירן פּאָעזיע אינעם אַלטן עגיפּטן״ איז אַ פּאָפּולערער שטודיום, וואָס ווערט באַנוצט פון די אַלע, וואָס ווידמענען זיך דער היסטאָרישער וויסנשאַפט פון די אַלטערטימלעכע ציַיטן. אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַרגענטינער־היסטאָרישער פאָרשונג פאַרנעמט ד״ר אַלבערטאָ פאַלקאָס מיט זיינע ווערק וועגן אַרגענטינער היסטאָרישע פערזענלעכקייטן אין ניינצנטן יאָרהונדערט. פאַראַן אויך אַ מיינונג, אַז ריקאַרדאָ לעיוענע· אייגנטלעך דער, וואָס האָט אָרגאַניזירט און געגעבן אַ ריכטונג דער אַרגענטינער היסטאָרישער וויסנשאַפט און האָט אויך דער ערשטער פאַרפאַסט די גרויסע צענבענדיקע געשיכטע פון אַרגענטינע, שטאַמט פון ספרדישע ייִדן. אַ גאַנץ נייעם טאָן אין דער אַרגענטינער

היסטאָרישער פאָרשונג האָט אַריינגעבראַכט באָלעסלאַוו לעווין. זיין ווערק וועגן ייִדן אין אַרגענטינע אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע, ווי אויך וועגן דער אינקוויזיציע אין לאַטיין־אַמעריקע, און באַזונדערס זיין גרויס און אינטערעסאַנט ווערק וועגן „טופּאַק אַמאַרו" שטעלן אים פאַר ווי דעם געשיכטע־שרייבער פון פאָרנעם, וואָס האָט געשאַפן זיין אייגענע פאָרעם און סטיל פון געשיכטע־פאָרשונג. לעצטנס טיילט זיך אויס אויפן געביט פון אַרגענטינער געשיכטע מאַרקאָס מערטשענסקי. זיין ווערק „די אידעאָלאָגישע ריכטונגען אין דער געשיכטע פון אַרגענטינע". הגם דאָס ווערק איז שטאַרק קריטיקירט געוואָרן, פאַרדינט דאָך אַן אינטערעס, טאַקע ווייל ער באַטראַכט די אידעאָלאָגישע ריכטונגען אין דער אַרגענטינער געשיכטע פון אַ היינטצייטיקן שטאַנדפּונקט.

נישט ווייניקער צייכענען זיך אויס ייִדן אין דער יוריספּרודענץ און עקאָנאָמיש־סאָציאַלע וויסנשאַפטן. דער ד"ר י. ווינער געהער צו די וואָס האָט אָרגאַניזירט די מלוכהשע בוכפירונג און האָט אויך געהאַט די קאַטעדרע פאַר דער דאָזיקער וויסנשאַפט. אַ צווייטער ייִדישער עקאָנאָמיסט איז גערופן געוואָרן צו אָרגאַניזירן די מלוכהשע שטייער־אָרגאַניזאַציע. דאָס אָרגאַניזירן דעם שטייער־אַפּאַראַט איז די אַרבעט פון ד"ר ס. ראַפּאַפּאָרט און די אָרגאַניזאַציע איז אַוועקגעשטעלט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן יסוד. אויפן געביט פון דער עקאָנאָמיק צייכנט זיך אויס ד"ר שעפּס, וועלכער איז גערופן געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויף אַ ציקל לעקציעס אויף עקאָנאָמישע טעמעס. ד"ר שעפּס פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַרגענטינער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט. דער אינזשיניער דאָרפמאַן, באַקאַנט מיט זיינס אַ וויכטיקער אַרבעט וועגן דער אַרגענטינער עקאָנאָמיק, איז פאַרבעטן געוואָרן פון דער „סעפּאַל" ווי אירס אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער און אָקאָרשט נישט־לאַנג איז ער געווען דעלעגירט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע קיין מעקסיקע צו רעדן וועגן דער עקאָנאָמיק פון לאַטיין־אַמעריקע.

אויך די אַרגענטינער יוריספּרודענץ האָט צו פאַרצייכענען ייִדישע יוריסטן, וואָס האָבן מיט זייער וויסן מיטגעשטייערט צו דער באַרייכערונג פון די אַרגענטינער רעכט־וויסנשאַפטן. ד"ר אַנטאָקאָליעץ, אַ ייִד פון ליטע, וואָס האָט אגב אין אַרגענטינע אַזוי זיך אַסימילירט, אַז ער האָט אַפילו נישט געוואָלט אָנערקענען זיין ייִדישקייט, האָט דער ערשטער זיך געווידמעט דעם שטודיום פון אַרגענטינער אַרבעטער־ און אַרבעטס־רעכט און זיין אַרבעט אויף דעם געביט איז דאָס ערשטע ווערק וואָס האָט דעם אַזוי־גערופענעם לאַבאָראַלן רעכט געגעבן אינהאַלט און אינטערפּרעטאַציע. דער טראַגיש־אומגעקומענער ד"ר סאַטאַנאָווסקי איז געווען פאַררעכנט פאַרן בעסטן קענער און וויסנשאַפטסמאַן פונעם אַרגענטינער האַנדלס־רעכט. זיינע אַרבעטן אויף דעם געביט זיינען אַ וועגווייזער פאַר סטודענטן ביים שטודירן דעם קעגנשטאַנד. פון די יונגע יוריסטן צייכנט זיך אויס ד"ר איגנאַציאָ וויניצקי, וואָס האָט אַ גאַנצע ריי וויכטיקע אַרבעטן און האָט אַ קאַטעדרע אינעם אוניווערזיטעט פון לאַ פּלאַטאַ. ד"ר קרייצעלבורד צייכנט זיך אויס מיט זיינע אַרבעטן וועגן קרימינעלן רעכט און ד"ר איסאַק גאָלדענבערג ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע קענער פונעם רעכט וועגן אַנאָנימע אַקציען־געזעלשאַפטן.

באַזונדערס אָנזעעוודיק זיינען ייִדן פאַרטראָטן אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור. דער דריילינג: אַלבערטאָ גערשונאָוו, סאַמועל אייטשעלבוים און צעזאַר טיעמפּאָ פאַרנעמען אַן אויבנאָן, — אַלבערטאָ גערשונאָוו אין דער פּראָזע, סאַמועל אייטשעלבוים אין טעאַטער און צעזאַר טיעמפּאָ אין דער דיכטונג אַלע דריי פאַרנעמען זיי אַ באַזונדערן און בכבודיקן אָרט. אַלבערטאָ גערשונאָווס „ייִדישע גאַוטשאָן" ווערן באַטראַכט ווי אַ קלאַסיש ווערק אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור. גערשונאָוו דערציילט אין זיין בוך „ענטרע־ריאָס — מיין לאַנד" זיין ביאָגראַפיע און אין דעם ווערק אידענטיפיצירט ער זיך מיט אַרגענטינע. חוץ אין זיינע „ייִדישע גאַוטשאָן" באַרירט ער נישט אין זיינע אַנדערע ווערק די ייִדישע טעמע. דאָך אין זיין ביכל דערציילונגען „דערציילונגען פון נעכטן", באַזונדערס אין אַ דערציילונג וואָס טראָגט דעם נאָמען „דער טאָג פון גרויסע פאַרדינסטן", שפּירט מען דעם ייִדישן ווי פון אַ סטודענט וואָס וויל לערנען און

עס פעלט אים די מיטלען. דעם ייִדישן ווײַ פילט מען אינעם הומאָר, וואָס איז דורכגעדרינגען מיט טרויער די „ייִדישע גאַוטשן" און „דערציילונגען פון נעכטן" זײַנען די בעסטע פון זײַנע ווערק, די אַנדערע ווערק זײַנע ווי „דער מאַן וואָס האָט גערעדט אין סאָרבאָנע", „דער וויכטיקער מאַן", „דאָס ליבע־לעבן פון ברוך שפּינאָזע" און אַנדערע, טראָגן מער אַ פּובליציסטישן כאַראַקטער. אָבער שוין דאָס ווערק „ייִדישע גאַוטשן" איז אַזאַ מאָנומענטאַל ווערק, אַז עס מאַכט אַלבערטאָ גערשונאָוון פאַר אַ בכבודיקן בירגער פון דער אַרגענטינער ליטעראַטור מיט אַן אויבנאָן אין איר מזרח־וואַנט. קיינער האָט אַזוי נישט אויפגעכאַפּט דעם ייִדישן מענטש אויפן אַרגענטינער באָדן, איבער די ערדן פון ענטרע־ריאָס, ווי אַלבערטאָ גערשונאָוו. ער שילדערט די ייִדן, וואָס זענען געקומען מיט אַ טיפער אידייע און גרויסער איבערצייגונג צו ווערן אמתע ייִדישע פּויערים, — די מענטשן אין וועמענס שוואַרצאַפּלען עס שפּיגלען זיך די טויזנטיאָריקע וואַנדערונגען איבער דער גאָרער וועלט און אומעטום און איבעראַל פירן זיי מיט זיך דעם „ספר הספרים", טראָגן עס אין האַרץ און אין דער נשמה, כאָטש נישט גרינג קומט זיי אָן דאָס פאַרוואָרצלען זיך אינעם נײַעם באָדן, דאָך וועלן זיי גובר זײַן, — די ייִדישע קלאַסישע עקשנות איז פעיִק אַפילו אײַזן צו ברעכן. און ווי שיין איז דער מאָמענט ווען ער שילדערט, ווי דער ייִדישער קאָלאָניסט ניגונט אויס דעם תהילים, וואָס גיסט זיך צוזאַמען מיט דער טרויעריקער מעלאָדישקייט פון דער „ווידאַליטאַ".



לויִסאַ רייסנער־רובינס מיט איר בילד „דאָס פּרינצל"; פאָטאָגראַפיע אין סאַלאָן פּויסער.

אַלבערטאָ גערשונאָוו פאַרנעמט דעם בכבודיקן אָרט אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור און ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די בעסטע סטיליסטן פון דער שפּאַנישער שפּראַך אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. זײַן סטיל ווערט באַנוצט ווי אַ מוסטער און די מעלה פון זײַן שפּראַך איז דאָס וואָס זי צייכנט זיך אויס מיט איר לײַכטקייט און שפּילעוודיקייט.

נאָך אַלבערטאָ גערשונאָוו פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור אײַטשעלבוים, אַ קאָלאָניסטישער זון. סאַמועל אײַטשעלבוים פאַראייניקט דרײַ זאַכן אויף אַמאָל. דערציילער, דראַמאַטורג און זשורנאַליסט, אָבער מער פון אַלץ ווערט גענומען אין באַ־

טראַכט זיין דראַמאַטורגיע, מחמת מיט איר האָט ער אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן אין אַרגענטינער טעאַטער. עקספּרעסיאָניסט אין זיין דראַמאַטורגיע, מיט אַ געוויסער נייגונג צו סימבאָליזם, האָט ער אַריינגעברענגט אינעם אַרגענטינער טעאַטער די דראַמע פון פּסיכאָלאָגישן קאָנפליקט. אָנגעהויבן האָט סאַמועל אייטשעלבוים מיט דער דערציילונג „די שטעטלשע רויִקייט", אָבער ריכטיקע אויפמערקזאַמקייט האָט ער געצויגן מיט זיין ווערק „דער מאָנסטער פון פרייהייט". שוין דאָ ווערט אַרויסגעבראַכט דער פּסיכאָלאָגישער קאָנפליקט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, די אינערלעכע באַשרייבונג פונעם פּערסאָנאַזש, דעם סקעפּטיקער, וואָס זוכט זיך אַליין. בכלל צייכענען זיך אויס אייטשעלבוימס ווערק מיט „אינזיכיקייט", הגם דער דיאַלאָג פאַרנעמט אַ באַשטימענדיקן אָרט אין זיינע ווערק. זיינע דערציילונגען „גאָטס שטורעם" און „דער אומבאַוועגלעכער רייזנדיקער" זיינען ווערק וואָס ברענגען אַ גאַנצע ריי קליינע סקיצן אין וועלכע ער אַנאַליזירט אויף אַן איידעלן אופן דעם פּערסאָנאַזש אין דער עקספּרעסיוויקייט פון זיין פּערזענלעכקייט, וואָס באַקומט אַ נאָך מער שאַרפן אויסדרוק אין זיינע טעאַטער־ווערק. דאָס נייע וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער אַרגענטינער דראַמע, איז: דאָס פּסיכאָלאָגישע וואָס באַוועגט זיך אין אַ קאָנטראַפּונקט פון אידייען. אין זיינע טעאַטער־ווערק „דער געוואַגטער פון 900", „איינער אַ סערוואַנדאָ גאָמעס", „דער קאַטער און זיין וואַלד", „די בושה ליב צו האָבן", „דער ליימענער פויגל" און אַלע אַנדערע דראַמאַטישע ווערק זיינע איז דער מחבר אויסן צו זאָגן, אַז דאָס לעבן באַווייזט שטענדיק דעם ריכטיקן ווערט פון יעדער זאַך אין אונדז. מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי עס צו באַהאַנדלען און עס אַרויסצוברענגען. דערביי שטרייכט ער אונטער אַ באַשטימטע אייגנאַרטיקייט פון די פּערסאָנאַזשן, ווייל גראָד די מער אינטעליגענטע באַהאַלטן זיך אין קאָנווענציאָנאַליזם, פעלשן און מיידן־אויס צו זיין דאָס, וואָס זיי זיינען אין דער ווירקלעכקייט, בעת די פּשוטע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין קולטור באַגרייפן אינסטינקטיוו וואָס זיי האָבן צו טאָן און האַנדלען מיט אַן אויפריכטיקן און גלייכן שכל הישר. סאַמועל אייטשעלבוים איז דער אויסגעשפּראָכענער אינדיווידואַליסט, אייניקע פון זיינע פּערסאָנאַזשן זיינען מעוברת מיט ניטשעאַניזם און די איבערמענטשלעכקייט מאַכט זיי פאַר שוואַכלינגען, וואָס געפינען נישט קיין אָריענטאַציע.

סאַמועל אייטשעלבוימס דראַמאַטישע ווערק זיינען געווען און געוואָרן דער נייער גייסט פונעם אַרגענטינער טעאַטער. זיינע ווערק האָבן געשאַפן אַ נייע ריכטונג און געגעבן אַ נייע אָריענטאַציע דער אַרגענטינער בינע. פּונקט אַזוי האָט עס געטאָן צעזאַר טיעמפּאָ מיט זיין דיכטונג. אין אונטערשייד צו אַלע אַנדערע ייִדן־שרייבער אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור האָט צעזאַר טיעמפּאָ געווידמעט זיין דיכטונג אויסשליסלעך דער ייִדישער טעמע. זיין דיכטונג טראָגט אַן אורבאַניסטישן כאַראַקטער. ער זעט דעם ייִדישן מענטשן אין זיין אורבאַניסטישער מעטאַמאָרפאָזע און דאָס פירט אים אַריין אויך אין אַ סאַטירישן טאָן. צעזאַר טיעמפּאָ איז דער מייסטער פונעם פערז, זיינע שפּראַך־וואַריאַציעס זיינען אַבסאָלוטע קונסט. אַ דאַנק דער סאַטירע מיידט ער אויס די געפאַר פון אַריינפאַלן אין פעליעטאָניסטישקייט און איינס פון זיינע בעסטע שליסל־ווערק צו זיין דיכטערישער פּערזענלעכקייט „פערזן פאַר פויזע פון שבת" שטעלן אים אַוועק צווישן די מערסט־פּערסאָנעלע דיכטער פון דער אַרגענטינער ליטעראַטור. זיין קאָנצעפּט „סאַבאַדאָמינגאָ" איז אַ דעפיניציע, וואָס האָט געפונען בירגערשאַפט אין דער אַרגענטינער דיכטונג. צעזאַר טיעמפּאָ האָט פּראָבירט מיט דראַמע, אָבער ווייניקער גליקלעך. זיין ווערק „קריאָזשע־ברויט", ווו דער הויפּטפּערסאָנאַזש איז אַ ייִד, וואָס איז געוואָרן אַ ריכטער, פאַרמאָגט שוין נישט די אייגנאַרטיקייט וואָס זיין דיכטונג. זיין אָרט אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור פאַרנעמט ער אַ דאַנק זיין פּאָעזיע און נישט צוליב זיין דראַמאַטישן שאַפן, אגב נישט קיין באַזונדערס גרויסע, — צוויי אָדער דריי דראַמאַטישע ווערק.

סאַמועל גלוזבערג האָט זיך געווידמעט צו שטודירן די שטאָטישע ייִדן. ער האָט זיי שטודירט מיט אַ בליק פון אַ שמייכלענדיקן מענטשן און דעריבער זיינען זיינע פּערסאָנאַזשן סימפּאַטיש און אַ דאַנק דער סימפּאַטישקייט געווינען זיי אויך קאָמוניקאַטיווקייט. ער זעט דעם

ייִדן וואָס הייבט אָן אַריינצופּאַסן זיך אינעם קרעאָלישן לעבנס־שטייגער, נישט נאָר אויסערלעך, נאָר אויך אינערלעך. ער פאַרקויפט הייליקע בילדער צו קאַטאָליקן, אָבער די קוויטונג גיט ער די קונים געשריבן מיט העברעיִשע בוכשטאַבן, ווייל קיין אַנדער כתב קען ער נישט. די פרויען פּאַסן זיך נישט אַריין אַזוי גרינג אינעם קרעאָלישן שטייגער־לעבן און זיי שטאַרבן, ווען אַ טאָכטער האָט חתונה מיט אַ נישט־ייִד. איינע פון זיינע פּערסאָנאַזשן מיטן נאָמען פּעטאַקאָווסקי איז אין דער אַלטער היים געווען אַ העברעיִשער לערער און אין אַרגענטינע נעמט ער זיך צו אַלץ. ער מוז האָבן פּרנסה, ער איז אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס, אָבער די אַרגענטינער „פּאַטריאָטן” קענען אים נישט זען אַנדערש ווי אַ מיליאָנער, קאָמוניסט און זיי דערמאָרדן אים. סאַמועל גלוזבערגס פּערסאָנאַזשן לעבן מיט דער אַלטער טראַדיציע, האָבן מורא אַז מען וועט זיי צווינגען אָפּשערן די בערד און פאַלן אַריין אין אַ שרעק, ביים געדאַנק,

משה פייגענבלום: „ביים לערנען” (איילבילד).

אַז מען קען זיי צווינגען צו עסן חזיר־פלייש. דער ייִדישער טרויער פאַרשווינדט נישט ביי זיי קיינמאָל. זיי טראָגן אים אַפילו טיף אין זיך, אָבער אַזוי, אַז מען זעט אים. סאַמועל גלוזבערג האָט אַ גאַנצן באַנד אַזעלכע דערציילונגען און דער באַנד טראָגט דעם נאָמען „דאָס גרויע רעקל”.

סאַמועל גלוזבערג שרייבט זייער ווייניק, אָבער די אַלע דערציילונגען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט האָבן אַן אויסגעשפּראָכענעם ליטעראַרישן ווערט. זיינע דערציילונגען זיינען שפּראַכלעך זייער פּאָלירט, ציכטיק אין דער פּראַזע און אין די אויסדרוקן און מען שפּירט ביי אים אין יעדער דערציילונג אַ ליבע צו זיינע פּערסאָנאַזשן, ממש ווי זיי זאָלן לעבן אין זיין געוויסן און בלוט.

כוליאָ פינגעריט איז פאַרטראָטן סיי אין דער ליטעראַטור־קריטיק, סיי אין דער דערציילונג. אין זיין ווערק „רעאַליזם” ברענגט ער אַ רייכן עסייען־מאַטעריאַל וועגן אַזעלכע שרייבער, ווי וואַלדאָ פראַנק, טאָמאַס מאַן, טעאָדאָר דרייזער און אַנדערע. זיין ליטעראַטור־קריטיק

איז מער אַן אַנאַליטישע, באַגלייט מיט טעאָרעטישע אויפקלערונגען, ווי אויך מיט קאָנצעפּטן וועגן ליטעראַטור. כוליאָ פינגעריט האָט געפּרוּווט אויך אין דער דערציילונג. באַקאַנט איז זיין טרילאָגיע „גורלות". דער אורבאַניזם פאַרנעמט דאָס וויכטיקסטע אָרט אין זיין ליטעראַרישער נאָוועליסטישער שאַפונג. דער עיקר ביי אים איז די געזעלשאַפט ווי אַזעלכע. אויך אין דער נאָוועלע איז ער רעאַליסטיש און די געזעלשאַפט איז פאַר אים אַן ענין פון אָבסערוואַציע, ער שילדערט זי אַזוי ווי ער זעט זי אין די פענסיאָנען, ווי אויך אין די טרעפונגס־הייזער, קאַפעען, — אין די ערטער זעט מען די געזעלשאַפט אין איר גאַנצער נאַקעטקייט. כוליאָ פינגעריטן אינטערעסירט נישט פסיכאָלאָגיש זיך צו פאַרטיפן אינעם געזעענעם און אויפגעכאַפּטן, — ער איז אויסן נאָר אויסערלעך צו ווייזן די געזעלשאַפט אין איר גאַנצער דעקאַדענץ: מענער נאָך וועמען עס שלעפּט זיך נאָך עפּעס אַ צוטשעפּעניש, און פרויען וואָס קענען זיך נישט באַנוגענען מיט איין געליבטן. כוליאָ פינגעריט האָט זיך באַמיט צו געבן אַ בילד פון דער בוענאָס־איירעסער געזעלשאַפט פון אַ געוויסן פעריאָד און ער שטעלט זי פאַר אין אַזעלכע רעליעף־אויסגעברייטערטע פאַרבן, אַז די דעקאַדענץ מיט די פשוט־דעגענערירטע טיפן וואַרפן זיך ממש אין די אויגן. אינעם זעלבן שטייגער זיינען אויך זיינע „עוואַ גאַמבעטאַ" און „מערסעדעס", ווו דער פערסאָנאַזש שפּילט שוין אויך אַ געוויסע ראָל. כוליאָ פינגעריט פאַרמאָגט אַ רייכקייט פון שפּראַך, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו שאַפן פאַרביקן קאָלאָריט אויף ברייטע לייוונטן.

כדאי אויך צו דערמאָנען יעקב פיכמאַן, הגם זיינע לידער זיינען פון אַן אויסשליסלעכן קאַטוילישן כאַראַקטער און אינהאַלט. די לידער זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעזן מיסטיציזם, ער זעט מלאכים און שרפים אין די ווייטע הימלען. פון דעסט וועגן ווי ער צירט נישט זיין ליד מיט קאַטאָליציזם, שפּירט מען דאָך ווי עפּעס יידישעס וואַרגט אים ממש, — ער וויל זיך פון דעם באַפרייען און קען נישט. אָבער דערפאַר איז דורכויס יידיש און יידישלעך קאַרלאָס מ. גריונבערג. זיין בוך „מאַסטער דע כודעריאַ" פאַרמאָגט תפילהדיקייט און אויסגעצייכנט זיינען די תהילים־איבערדיכטונגען. אויך ער איז אויסגעצייכנט אין דער שפּראַך; זיין שפּראַך איז אַ טיף־ליטעראַרישע, פאַרן דורכשניטלעכן ליבהאָבער פון דיכטונג אַ ביסל אַ שווערע און אומפאַרשטענדלעכע. פעדראָ העקטאָר בלאָמבערג צייכנט זיך אויס מיט דער עקזאָטישקייט פון זיינע לידער. ער זינגט וועגן ווייטקייטן און בענקט נאָך ווייטע האַפנס. אילקאַ קרופּקין שרייבט לידער, פּאָעמעס און דערציילונגען. צווישן זיינע ווערק צייכנט זיך אויס זיין בוך דערציילונגען „אַ טעצל שאָקאָלאַד", — דערציילונגען, וואָס זיינען אמתע פּאָעזיע אין פּראָזע. ער איז ווייך, צאַרט־ליריש, אָבער ער קען אויך זיין „ווויליונגעריש" אין ליד.

אויפן געביט פון היסטאָריאָגראַפיע צייכנט זיך אויס אַלבערטאָ פאַלקאָס. זיין געשיכטעשרייבונג באַזירט זיך אויף דאָקומענטן. ער איז בכלל דער אויסערסט־פאָרזיכטיקער אין זיין געשיכטלעכער עסייאיסטיק. פון זיינע געשיכטלעכע עסייען צייכענען זיך אויס און זיינען פון באַזונדערן אינטערעס די עסייען וועגן סאַרמיענטאָ און ריוואַדאַוויאַ. מען פילט ביי אים אַ גרויסע ליבע צו די צוויי אַרגענטינער גרויסע פּערזענלעכקייטן און די עסייען גופא זיינען געשריבן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי לייענען זיך ממש ווי פאַרכאַפּנדיקע דערציילונגען. באַקאַנט איז אויך זיין ווערק „דער זשעני", — אַ פיינע אַרבעט פון אַ פסיכאָאַנאַליטישן כאַראַקטער. סאַלאָמאָן וואַפּניר, וואָס גיט זיך לעצטנס אָפּ מיט רעפּאָרטאַזשן וועגן אַרגענטינע איז באַקאַנט אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור מיט זיינע צוויי ליטעראַטור־קריטישע ווערק „פון רעכטס צו לינקס" און „דער רויטער בליישטיפט". לעצטנס האָט סאַלאָמאָן וואַפּניר אויך געפּרוּווט מאַכן אַ סכעמע פון דער „געשיכטע פון דער ליטעראַטור־קריטיק אין אַרגענטינע", אַן אינפאָרמאַטיווע ווערק, וואָס קען דינען אויך ווי אַ פירער איבער דער אַרגענטינער ליטעראַטור־קריטיק.

אַ גאָר אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור פאַרנעמט בערנאַרדאָ ווערביצקי. ווערביצקי איז בכלל פילזייטיק אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט. ער שרייבט ראָמאַנען, איז אַן אויסגעצייכנטער דערציילער, אַ דיכטער, אַ קריטיקער און אויך אַ זשורנאַליסט.

זיין ערשטער ראָמאַן „עס איז שווער אָנצוהייבן צו לעבן" האָט גלייך גערופן די אויפ־

מערקזאַמקייט און אים דערוואָרבן אַ בכבודיקן אָרט צווישן די אַרגענטינער דערציילער. זיין הויפּט־טעמע איז דער אורבאַניזם און דער מענטש אין די אומשטענדן פונעם אורבאַניזם. אין זיינע ראָמאַנען איז ער דורכויס סאָציאַל און אויך זיינע פערסאָנאַזשן שילדערט ער אויפן פאָן פון דער סאָציאַלער מיליע. אין זיין גרעסערער נאָוועלע „די גאַסן פון טאַנגאָ” און „דער עק פון דער גאַס” מאָלט ער די אַרגענטינער יוגנט פונעם אַזוי גערופענעם „אַראַבאַל”. אין די ביידע נאָוועלן שילדערט ער דאָס לעבן פון דער יוגנט, איר דעזאָריענטירטקייט ביים זוכן אַ וועג אין לעבן. ער שטרייכט אונטער, אַז די יוגנט איז אַ פאַרוואָרלאָזטע, איז אָנגעוויזן אויף זיך אַליין און אָפטמאָל דערפירט עס צו טראַגישע איבערלעבונגען. ער איז אויסן צו באַטאָנען, אַז די יוגנט איז גייסטיק־אומרויִק, זוכט און שטרעבט, אָבער זי איז פאַראורטיילט אויף אַזאַ איינזאַמקייט אַז זי ווערט לחלוטין פאַרלוירן. אין זיין נאָוועלע „די קאָפּע פון די מלאכימלעך” שילדערט ער די דראַמעס און אַוואַנטורעס פון טאָג־טעגלעכן לעבן. די נאָוועלע פאַרמאָגט אַ טיפן פסיכאָלאָגישן הינטערגרונט און אויף דעם פסיכאָלאָגישן הינטערגרונט אַנימיזירט ער די שטאָט, ווי זי זאָל זיין אַ לעבעדיקער וועזן מיט אַן אייגענער נשמה. אין די דריי דערמאָנטע נאָוועלן גייען אַדורך אַ גאַנצע ריי פערסאָנאַזשן, על פי רוב יוגנטלעכע, און יעדער איינער טראָגט זיין טראַגעדיע. אַזוי ווייזט ער אין „די גאַסן פון טאַנגאָ” די נשמה־ריינקייט און גייסט־ציכטיקייט פון צוויי יונגע מענטשן, אַ יונגער בחור און אַ יונג מיידל, וואָס האָבן זיך צופעליק געטראָפן און פאַרליבט. דאָס מיידל מאַכט דורך אַ טראַגעדיע, ווען זי שטויסט זיך צופעליק אָן אויפן אופן לעבן פון איר מוטער, דער אלמנה. בכלל קוקט גריגאָריאָ ווער־



אברהם באַלאַן: פייסאַזש.

ביצקי אַריין אין אַלע ווינקעלעך פונעם שטאָטישן לעבן און זיינע ווערק זיינען אַ רייכער מאַטעריאַל פאַר אַ סאָציאָלאָגישן שטודיום וועגן אורבאַניזם און דער געזעלשאַפט אינעם אורבאַניזם. אין זיין „די קליינע משפחה" שילדערט ער די ספעקולאַנטן ביים פאַרקויפן פלעצער און דעם אופן און סיסטעם ווי עס ווערט געמאַכט דאָס הייבן די פרייזן ביים פאַרקויפן דורכן אַזוי גערופענעם „לאָטעאָ". אין זיין גרעסערער נאָוועלע „אַ שידוך" הייבט ער אויף אַ פאָרהאַנג איבערן לעבן פון זשורנאַליסטן און דעם פעריאָדיזם בכלל. אַן אויסנאַם איז זיין גרעסערע דערציילונג „אין די יאָרן" — אַ טעמע פון דער שפאַנישער רעוואָלוציע, דעפינירט אין דער אידייע פון פרייהייט אין דער וועלט און אין גייסט.

אַ גרויסן אינטערעס האָט אַרויסגערופן זיין נאָוועלע „ווישאַ מיזעריאַ איז אויך אַמעריקע". אין דער היינטצייטיקער אַרגענטינער ליטעראַטור פעלן נישט קיין דערציילונגען פון דעם מין, אָבער בערנאַרדאָ ווערביצקי האָט די טעמע גענומען גאַנץ אַנדערש. ער שילדערט און דערציילט וועגן דער ווישאַ מיזעריאַ מיט אַ באַשטימטן געדאַנק און אידייע: עס איז אַן אָנקלאַגע אויפן גאַנצן הערשנדיקן סאָציאַלן סיסטעם. עס איז אַ באַשולדיקונג קעגן דער גאַנצער געזעלשאַפט. לעצטנס האָט בערנאַרדאָ ווערביצקי פאַרעפנטלעכט אַ סינטעטישע אַרבעט וועגן „דאָס טעאַטער פון אַרטור מילער" און אַ גרעסערע נאָוועלע „די ערד איז בלוי". בערנאַרדאָ ווערביצקי פאַרמאָגט אַן אייגענעם סטיל און אויך די קאָנסטרוקציע־פאָרם פון זיינע דערציילונגען איז אַן אייגנאַרטיקע. זיין שפּראַך איז אַ בויגזאַמע, אַ פאָלקישע און פאַרמאָגט אַ סך סענסיביליטעט און מיט רעכט מעג מען אים אָנערקענען פאַר איינעם פון די בעסטע נאָוועליסטן, וואָס די אַרגענטינער ליטעראַטור פאַרמאָגט.

אַן אייגנאַרטיקער דערציילער איז דוד קרייזלבורד. זיינע צוויי ביכער דערציילונגען „די פעדערן פון ניאַנדו" און „די שאָטנס פון ניאַנדובאַי" זיינען לייען־שטאָף פאַר עלטערע און פאַר קינדער. באַזונדערס איז אויסגעצייכנט דאָס בוך „שאָטנס פון ניאַנדובאַי", ווו דער דיכטער גיט אַריין אַ לעבעדיקע נשמה דער הויז־חיה, ווי זי זאָל זיין אַ מענטשלעכער וועזן. דוד קרייזלבורדס שפּראַך איז אַ רייך־פּאָעטישע און די סקיצן וואָס ער ברענגט אין בוך שטעלן פאַר אַ מאָל קינדער און אַ מאָל די הויז־חיה. דער מחבר איז אויסן צו באַווייזן, אַז אויך ביי דער הויז־חיה געפינט מען אַ מאָל טיפע מענטשלעכקייט. אַזוי לאָזט זיך נישט די בהמה מעלקן, ווייל זי וויל די מילך באַהאַלטן פאַר איר קינד. און דערפאַר ווייל זי וויל זיין אַ גוטע מוטער, פאַרמישפּט מען זי אַוועקצושיקן אין שעכטהויז. נאַטירלעך זיינען עס אַלץ אַלעגאָריעס, דורכאויס אינטערעסאַנטע און אייגנאַרטיקע. איניקע פון די סקיצן לייענען זיך ממש ווי לידער.

פון אַ שטייגער־כאַראַקטער זיינען די ווערק פון סאַמועל טאַרנאָפּאָלסקי. זיינע צוויי ביכער „אינדיאַנישער אַלאַרם אויפן דרומדיקן גרענעץ" שילדערן דעם שטייגער אין דער פאַמפּאַ. זיינע ווערק האָבן אויך אַ באַשטימטן היסטאָרישן כאַראַקטער. בכלל פאַרפאָלגט סאַמועל טאַרנאָפּאָלסקי מיט זיין שרייבן אַ באַשטימטע אידייע: ער איז אויסן צו דערוועקן דעם אינטערעס צו די אינדיאַנער פון דער פאַרגאַנגענהייט וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די שפּאַנישע אָקופּאַנטן. אין זיין אַ קלענערן ווערק, אָקאָרשט נישט לאַנג דערשינען, באַטאָנט סאַמועל טאַרנאָפּאָלסקי, אַז די אַרגענטינער געשיכטע־שרייבער זיינען זיך טועה מיטן אָננעמען אַז אַרגענטינע האָט נאָר געירשנט פון די שפּאַניער. ער ווייזט אויף, אַז אינעם אַרגענטינער שטייגער איז פאַראַן אַ סך פונעם אינדיאַנישן לעבן און ער רעגט אָן, אַז אויף דעם געביט דאַרפן אונטערגענומען ווערן ריכטיקע פאָרשונגען. בכלל מערקט מען אין זיינע ווערק אַ סימפּאַטישע באַציונג צום אינדיאַנער. אין זיין ווערק „דער אַקעראַייזן פון סאַלינאַס גראַנדעס" שילדערט ער די מענטשן פון די גרענעצן, וואָס זיינען אין אַ סך פאַלן אַוועק מיט די אינדיאַנער ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם אומרעכט, וואָס די ווייסע שפּאַניער זיינען באַגאַנגען קעגן דער אינדיאַנישער באַפעלקערונג. דאָס ווערק טראָגט אַ היסטאָרישן כאַראַקטער און שילדערט די באַרימטע עקספּעדיציע קעגן די אינדיאַנער פון דער פאַמפּאַ. אין דעם ווערק באַווייזט אויך סאַמועל טאַרנאָפּאָלסקי זיין היימישקייט מיטן אופן רעדן פונעם גאַוטש. וואָס שייך דעם צווייטן ווערק, וואָס

טראָגט שוין מער אַ נאָוועליסטישן כאַראַקטער, ווערט דערציילט וועגן דעם אויפברויז צווישן די אינדיאַנער, וואָס טויכט אויף ווען צוויי אויסלענדער, געפירטע פון אַ גאַוטש באַווייזן זיך אין די געמאַרקן ווו עס וווינען די אינדיאַנער. פאַראַן אינעם ווערק אַ סך אומהיימלעכקייטן, — שיכּרות, אויסוואורפן, — אַזוי זעט אויס דאָס לעבן אין די געצעלטן, אָבער אין צווישן פאַרבינדן זיך אויך ליבעס. דער מחבר שילדערט אַן אינדיאַניש מיידל וואָס איז הוילער רייץ. זי פאַרליבט זיך אין איינעם פון די ווייסע, אַ זאַך וואָס איז אומפאַרשטענדלעך פאַר די אינדיאַנער. אָבער אין דער זעלבער צייט שילדערט ער אויך די רעספּעקטפולע באַציִונג פון אַן אינדיאַנער צו אַ ווייסער געפאַנגענער.

מאַנועל קאַנטאַר: „קינדער אויפן מאַרק״.

סאַמועל טאַרנאָפּאָלסקיס ווערק זיינען אַ בייטראָג צו אַ סאָציאָלאָגישן און פּסיכאָלאָגישן שטודיום וועגן אַרגענטינער שטייגער און נישט ווייניקער געווינען זיינע דערמאָנטע ווערק פון זייער היסטאָרישער וויכטיקייט.

אַ צווייטער ייִדישער שרייבער, וואָס קולטיווירט אין דער נאָוועלע די אַרגענטינער געשיכטע איז כאָסע (יוסף) ווינדערמאַן. ער איז שוין דער דריטער דור ייִדישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע מיט זיין ווערק „רעזיסטענסיאַ״, ווו ער שילדערט די טשאַקאָ־עפּאָפּייע און די געשיכטע, ווי עס איז אויפגעבויט געוואָרן די שטאָט רעזיסטענסיאַ. אין אַ צווייטן ווערק זיינעם דערווייזט כאָסע ווינדערמאַן, אַז אורקיסאַ איז נישט געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, נאָר ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך זשאָרדאַנס אַ פּאַטרול, ווען דער פּאַטרול איז כלומרשט געקומען אים צו באַגלייטן צו אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ רעגירנדיקער פּערזאָן. כאָסע ווינדערמאַן שרייבט זיינע היסטאָרישע ווערק אינעם אופן פון נאָוועלעס. דערביי באַנוצט ער זיך מיטן מעטאָד

פון „עד־ראיה״, — ער פאָרט איבער דער רעפובליק און האָט שמועסן מיט די עלטסטע לייט, וואָס דערציילן וועגן זאַכן און געשעענישן פון אַ היסטאָרישן כאַראַקטער.

מאָוריציאָ ראָזנטאַל, אַן אייניקל פון ייִדישע קאָלאָניסטן, איז אַריין מיטן רעכטן פוס אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור. שוין זיין ערשטער בוך דערציילונגען „די פאַרשנייטע פּאַמפּאַ״ האָט אים געגעבן אָנזען צווישן דעם יונגן דור אַרגענטינער דערציילער. אָבער אַבסאָלוטע אָנערקענונג האָט ער געווינען מיט זיין גרויסן ראָמאַן „דאָס אַש פון גאָט״, — אַ ראָמאַן אין וועלכן ער שילדערט די גרויסע ערדציטערניש אין מענדאָסאָ און פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. געשריבן מיט קראַפט און מיט אַ פּאָלירטן דיאַלאָג, ברענגט ער אַרויס אינעם ראָמאַן אַ גאַנצע ריי כאַראַקטעריסטישע פּערסאָנאַזשן. אין צענטער פונעם ראָמאַן פיגורירט דער הומאַניטאַרער מעדיקער מאַריאַנאָ גאָדאָי, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל מיט זיינע מעדיצינישע קענטענישן צו דינען און זאָרגן פאַרן געזונט פון די פאָלקסשיכטן. אויך זיין פרוי מאַרטאַ דע לאַ מערסעדעס בענאַווידעס איז אַ קרבנות־גרייטע פרוי. זי גיט זיך אָפּ אין דער יוגנט צו רוראַלער אַרבעט כדי אַזוי אַרום צו קענען העלפן איר מאַן אין דער הויכער מיסיע וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. דער מחבר באַווייזט אויך ווי דורך רכילותן און נידעריקע ליידנשאַפטן איז מען אויסן זיך קעגנצושטעלן דעם מאַן, וואָס טראָגט זיין הויכע מיסיע. אַלץ דראָט צוזאַמענצוברעכן, אָנגעהויבן פון דער ליבע וואָס באַזעלט זיינע האַנדלונגען.

אין זיינע ערשטע ווערק מערקט מען נישט ביי מאָוריציאָ ראָזנטאַל קיין נייגונג צו אַ ייִדישער טעמע אָדער ייִדישע פּערסאָנאַזשן, אָבער לעצטנס האָט ער זיך געווענדט צו דער ייִדישער טעמע. אַזאַ איז זיין ראָמאַן „זיך דערנענטערן צום באָדן״ פאַר דעם ראָמאַן איז אים צוגעטיילט געוואָרן דער פּרייז אינעם קאָנקורס פון פאַרלאַג „איזראַעל״. מאָוריציאָ ראָזנטאַל האָט זיך געפּרוּווט אין דער דראַמע און מיט דערפאָלג.

מאַרסעלאָ מענאַשע האָט אָנגעהויבן מיט קלענערע דערציילונגען. לעאָן מירלאַס איז דער אָפיציעלער איבערזעצער און פּאָפּולאַריזירער פון אָ׳ניילס טעאַטער און האָט אויך אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנט ווערק וועגן אָ׳ניילן בכלל. אויפן געביט פון פּראָזע און דראַמע צייכנט זיך אויס אויך מ. גרייזער. צוויי אינטערעסאַנטע ווערק פון אַ נאַציאָנאַל־ייִדישן כאַראַקטער האָט אָנגעשריבן מ. גידעקעל און אַן אינטערעסאַנטער עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער, מען קען זאָגן איינער פון די בעסטע, איז געווען עמיליאָ בעטשער (מיסתמא „בעכער״). זיינע ליטעראַרישע עסייען און אַרטיקלען זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער די פאַרשיידענע אַרגענטינער זשורנאַלן און צייטונגען און ערשט זיבעצן יאָר נאָך זיין טויט איז דערשינען זיין בוך עסייען אונטערן נאָמען „דער דיאַלאָג מיט די שאָטנס״. לויט דעם בוך עסייען קען מען אורטיילן וועגן דער רייכער קולטור וואָס בעטשער האָט פאַרמאָגט. זיין סטיל איז אַן אַבסאָלוט־סערוואַנטישער, חוץ דעם מערקט זיך אַ מין רעליגיעז־דענקערישער שטריך אין זיינע עסייען.

סאַמועל פּעקאַר געהערט צו די גאָר יונגע שרייבער. ער האָט זיך פּרעזענטירט מיט צוויי ווערק אויסשליסלעך אויף ייִדישער טעמאַטיק און זיין ערשט ווערק „די ייִדן פון קליינוויל״ איז דאָס ערשטע ווערק בכלל אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור אין וועלכן עס ווערט כאַראַקטעריזירט די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט. סאַמועל פּעקאַר האָט אַ חוש פאַר הומאָר און סאַטירע. ער פאַרמאָגט אויך די אייגנשאַפט צו פאַרבינדן הומאָר מיט סאַטירע, אָבער אין אַן איידעלן טאָן. זיין סאַטירע שטעכט נישט, נאָר מען נעמט זי אויף מיט אַ מילדן שמייכל. סאַמועל פּעקאַר ווייזט אויס צו זיין שטאַרק באַאיינדרוקט פון שלום עליכמס הומאָר און פון מענדעלעס בייזער סאַטירע און האָט פון דעם געשאַפן זיין אייגענעם סטיל פון אַ ייִדישלעך־פאַרשפּאַניזירטן סאַטירע־הומאָר. ער באַמיט זיך אויך צו האַלטן ביי אַ פאַרשטענדלעך־פּאָפּולערער שפּראַך, אָבער אָן דעם ער זאָל מפקיר זיין סטיל און פאָרם.

וויניקער זיינען ייִדן פאַרטראָטן אויפן געביט פון דיכטונג, אויב מען נעמט אין אַכט נאָר די דיכטערס און דיכטערנס וואָס האָבן באַקומען אָנערקענונג. סאַראַ באָנדאַר האָט פאַרעפנטלעכט אַ פיינעם באַנד פּאָעזיע, וואָס האָט באַקומען אַ פיינע אָנערקענענדיקע קריטיק. צו די

אנערקענטע יונגע דיכטערנס געהער לויסאַ פאַסאַמאַניק. לויסאַ פאַסאַמאַניק האָט שוין ביים פערטן ביכל לידער. „דער פאַרשיקטער מלאך" און אירע ערשטע דריי ביכלעך לידער „פּאָעמעס צום מענטש פון מאָרגן", „שווערע בעטענישן" און „אַ חלל פאַר די סטרונעס" האָבן איר צוגעטיילט אַ בכבודיקן אָרט אין דער אַרגענטינער דיכטונג. פאַר איר פאָרלעצטן בוך האָט זי־

שמחה שוואַרץ: חסידישער טאַנץ.

באַקומען דעם „ערנבאַנד" פון דער געזעלשאַפט פון אַרגענטינער שרייבער „סאַדע". לויסאַ פאַסאַמאַניק שרייבט דאָס ליד פון היינט, אָבער אין איר יעדן ליד שפּירט מען אַ פאַרבינדונג מיט אַ פאַרמיסטיציזירטער פאַרגאַנגענהייט וואָס איז אויסן אַריינצודרינגען און דורכצודרינגען דעם מאָרגן. אין אירע לידער איז זי פּערסאָנעל, אינדיווידואַליסטיש און מען שפּירט אין זיי איינזאַמקייט און בענקעניש. צו די יונגע דיכטער געהערט אויך ענריקע סווערדליק. זיין ערשט ביכל

לידער „די פאַרברויכטע הונגערס״ אָטעמט מיט דיכטערישער אויפריכטיקייט און דיכטערישער אוממיטלבאַרקייט. סווערדליק האָט זיינע לידער צעזייט און צעשפרייט איבער פאַרשיידענע זשורנאַלן און אויסגאַבעס און ערשט צונויפגעזאַמלט אין איין באַנד דערוווסט מען זיך וועגן זיינע דיכטערישע אייגנשאַפטן. דאָס ליד איז פאַר אים אַ מיסיע, אַ שליחות, אינספירירט פונעם מענטש גופא, און פונקט ווי דער מענטש גופא איז אויך זיין ליד אַן אינספיראַציע פון פראָבלעמען, וואָס ליגן איבערן מענטש און אינעם מענטשלעכן געוויסן. אַ גאַר באַזונדערן רעזאָנאַנס האָט באַקומען אין דער אַרגענטינער דיכטונג כאָסע איסאַקסאָן. ער איז דער אמתער דיכטער פון דער היינטיקער צייט און אויב די מאָדערנע צייט איז די עפאָכע פון אַגרעסיווע פאַרדזשאַזטע מוזיק־טענער און פון פליענדיקע קאָהעטן, איז דאָס אויך דער סטיל און די פאָרם פון כאָסע איסאַקסאָנס לידער. כאָסע איסאַקסאָן איז דיכטער דורך און דורך, ער פילט די דיכטונג, אָבער ער נעמט זי אויך אויף ווי אַ פילאָסאָפישן קאָנצעפט און דאָס גיט צו זיין דיכטערישן שאַפן אַ באַשטימטן אינטעלעקטואַליזם. אויך ראַקעל ציפריס מאַכט זיך דורך איר וועג צו דער דיכטונג און איר ערשט ביכל לידער „דאָס בינעלע״ האָט באַקומען די גינציקסטע קאָמענטאַרן. אירע דיכטונגען זיינען אַ מוסטער פון פרוויישער און יידיש־מאַמעשער צאַרטקייט און זאָרג, געשריבן אין אַ שפראַך וואָס פאַרמאָגט מוזיקאַלישן ריטם און אוממיטלבאַרקייט. אויפן געביט פון פראָזע איז פאַרטראָטן עטעל קורלאַט מיט צוויי ווערק: „דאָס האַרץ אויפן ווינט״ און „סונקעלע טעג״. עטעל קורלאַט האָט אַ חוש פאַר שטודירן די פערסאָנאַזשן, וואָס פילן אַ פוסטקייט אין לעבן. דער רוב פון אירע פערסאָנאַזשן מאַכן אַן איינדרוק ווי זיי זאָלן זיין די גליקלעכסטע, אָבער זיי ליידן פון דער אייביקער ווולגאַריטעט וואָס רינגלט זיי אַרום. אַנדערע פערסאָנאַזשן אירע ווערן ציניקער ווייל זיי האָבן אַ פאַרגעניגן פון אָפנאַרן זיך אַליין, אָבער אַלע זיינען זיי איינזאַמע מענטשן, פאַרוואָרלאָזטע פונעם לעבן.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף אויך דערמאָנט ווערן לאַזאַראָ ליאַטשאָ (ליאַכאָוויצקי), וועמענס אַ באַנד לידער „פאָעמע צום מענטש״ האָט גערופן אַלגעמיינעם אינטערעס און קריטיש־דיכטערישע אָנערקענונג. לאַזאַראָ ליאַטשאָ צייכנט זיך אויס מיטן לירישן סטיל פון זיין דיכטונג. לאַזאַראָ ליאַטשאָ שרייבט אויך פובליציסטיק, אָבער ער באַוויזט פאַנאַנדערצוטיילן דיכטונג און זשורנאַליסטיק, — אויך זיין זשורנאַליסטיק האָט אַן אייגענעם סטיל, אַ נאָענטן צום קרעאַליזם. זיין ברודער קאַרלאָס ליאַטשאָ איז אַן אָנגעזעענער פובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער.

מיט שפראַך און פעדאַגאָגישע פראַגן באַשעפטיקט זיך לאַזאַראָ שאַלמאַן. זיין בוך „טיש־געשפרעכן וועגן דער אַרגענטינעד שפראַך״ איז אַ האַנטבוך פאַר יעדן וואָס וויל דערגרונטסעווען דעם סטיל פון אַרגענטינער לשון. לאַזאַראָ שאַלמאַן איז נישט נאָר אַ בקי אין דער שפראַך ווי אַ גראַמאַטיקער, נאָר אויך ווי איינער, וואָס דרינגט אַריין אין דער פילאָסאָפיע פון דער שפראַך. אין אַ צווייטן ווערק זיינעם „די הומאַניזירונג פון דער פעדאַגאָגיק״ רעדט אַ דערפאַרענער דערציִער, וואָס זעט די פעלערן פון דער פעדאַגאָגיק און שטרייכט אונטער די נייטיקייט אַריינצוברענגען אין איר הומאַניסטישע עלעמענטן. אין דער שאַפונג פון לאַזאַראָ שאַלמאַן קען מען מערקן צוויי פעריאָדן: איינער אַן אויסשליסלעך אַרגענטינער, ווען אים אינטערעסירט די שפראַך, די אַרגענטינער שול און די פעדאַגאָגיק, און דער צווייטער — ווען ער הייבט אָן זיך צו דערנענטערן צום יידישן לעבן. דעם אַריינטריט אינעם יידישן לעבן און יידישער פראָבלעמאַטיק הייבט ער אָן מיט נוצלעכן ווערק „דיקציאָנאַר פון העברעיִזמען און קרובישע שטימען״. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַן אָפהאַנדלונג וועגן סאַן מאַרטין און דעם איינפלוס פון דער ביבל אויף דעם דאָזיקן אַרגענטינער פראָסער.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף מען אויך דערמאָנען שכנא רעזניקן ע״ה, דער ערשטער וועלכער האָט אויף זיך גענומען צו באַקענען די אַרגענטינער וועלט מיט די אוצרות פונעם יידישן געדאַנק. זיין איבערזעצן אייניקע ווערק פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און שמעון דובנאָווס „קורצע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק״ זיינען געווען אַ גרויסער אויפטו. וויכטיק זיינען חוץ דעם אויך

זיינע איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור אויף שפּאַניש. אַ וויכטיקע איניציאַטיוו און אידייע איז געווען דער זשורנאַל „כודאַיקאַ״ און עס איז נאָר צום באַדויערן וואָס מיט זיין פּטירה איז אויך געשטאָרבן דער זשורנאַל, וואָס האָט אין געציילטע נומערן געבראַכט זייער וויכטיקע אַרבעטן פון יודאַיסטישן וויסן.

אַן ענלעכע אַרבעט טוט אויך לויס קאַרדונער, וועלכער האָט תחילת אָנגעהויבן ווי אַ דערציילער, אָבער בהדרגהדיק איז ער אַריבער צו איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור אין שפּאַניש. ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור י. ל. פּרץ און שלום־עליכם, יוסף אָפּאַטאָשו און אַנדערע שרייבער און זיין פאַרדינסט איז אויך די מאָנאָגראַפיע וועגן אַגוּאַדאָן, דער נאָענטסטער פריינט פון סאַן־מאַרטין, וואָס איז געווען אויב נישט קיין גאַנצער, איז אַ האַלבער ייד. לויס קאַרדונער געפינט זיך אינעם אויפבלי פון זיין שעפערישקייט און מען דערוואַרט פון אים נאָך אַנדערע וויכטיקע אַרבעטן.



ליליאַנאַ פּאָרטער: „גראַוויור״.

אַן אָרט אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור האָט זיך דורכגעלייגט דער יונגער שרייבער און עסייִסט יחזקאל (יעזעקיעל) קאָרנבליט. זיינע קריטישע אַרבעטן באַזירט אויף קריטישער ביבליאָגראַפיע, מיט דעם האָט ער זיך געשאַפן אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דער אַרגענטינער ליטעראַרישער וועלט. יחזקאל קאָרנבליט האָט אויך אַרויסגעגעבן ווערק אויף אַלגעמיינע טעמעס און פון די ווערק קען מען אורטיילן, אַז דאָס שפּראַכלעכע פאַרנעמט גאָר אַ גרויסן אָרט אין זיין שאַפן, — ער באַמיט זיך צו קולטיווירן דעם קלאַסישן שפּאַניש און דאָס ווירקט, אַז

זיינע ווערק ווי אויך זיינע עסייען, זאָלן זיין נישט צוגענגלעך פאַר יעדן לייענער. יחזקאל קאָרנבליט געפינט זיך ערשט אין אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע און בלי ספק וועט ער נאָך ענדערן דעם סטיל און דעם מאַניר פון זיין שרייבן.

לעצטנס האָט זיך אויך פּרעזענטירט מיט אַ גאָר וויכטיק ווערק דער ד״ר איסאַיעוו. זיין זייער אינטערעסאַנטע און פונדאַמענטאַלע אַרבעט „די פאַרמעגלעכונג פון דער פרוי״ האָט ארויסגערופן פאַרשיידענע קאָמענטאַרן שטאַרק גינסטיקע פאַרן מחבר. ד״ר איסאַיעווס אַרבעט איז אַ סאָציאָלאָגישער שטודיום, געבויט אויף געשיכטע. מען שפּירט דורכן ווערק די גרויסע ערודיציע פון מחבר און פון סאָציאָלאָגישן אַספּעקט איז זיין ווערק „די פאַרמעגלעכונג פון דער פרוי״ אַ יחיד במינו פאַר דעם אַרגענטינער געדאַנק.

ווייניקער זענען ייִדן פאַרטראָטן אין דער זשורנאַליסטיק. אייגנטלעך קען מען צו די זשורנאַליסטן מיט ווירקונג צורעכענען נאָר צוויי: סאַנטיאַגאָ נודעלמאַן, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָל אין דער אַרגענטינער פּאָליטיק, און ליבעשוץ, וואָס איז געווען אַ זייל אין „לאַ פּרענסאַ״.

ב.

אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור זיינען ייִדן פאַרטראָטן אין אַ גאַנץ פיינער פּראָפּאָרץ. און בכלל איז נישטאָ קיין געביט פון קולטור און קונסט וווּ ייִדן זאָלן נישט זיין אַנוועזנדיק. אין דער אַרגענטינער באַלעט־קונסט זיינען רעפּרעזענטאַטיוו פאַרטראָטן דריי פרויען־פיגורן פון גאָר אַ הויכער קונסט־קאַטעגאָריע: אַניטאַ איטעלמאַן, לויסאַ גרינבערג און מאַריאַ פוקס. אַניטאַ איטעלמאַן לעבט לעצטנס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ זי פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער באַלעט־קונסט, אָבער אירע אָנהייבן האָט זי געמאַכט אין אַרגענטינע און אין אַרגענטינע דערגרייכט איר הויכע פּאָזיציע, וואָס האָט איר געעפנט אַ וועג צו די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ אַ קינסטלער האָט מער מעגלעכקייטן. לויסאַ גרינבערג, אַ באַדייטנדיקע פיגור אין דער אַרגענטינער באַלעט־קונסט, האָט אויסגעוויילט דעם וועג פון באַלעט־פּעדאַגאָגיק, פירט אָן אַ באַלעט־שול און דערציט אַ דור יונגע טענצער. אויך מאַריאַ פוקס האָט דערגרייכט גאָר אַ הויכע יעראַרכיע אין באַלעט. איר קונסט באַזירט זיך אויפן מאָדערנעם באַלעט און אירע טעמעס נעמט זי פון דער אוניווערסאַלער פּאָעטיק. זי איז די ערשטע וואָס האָט געגעבן אַ קינסטלערישע אינטערפּרעטאַציע פאַר גאַרסיאַ לאָרקאַס פּאָעזיע און זי האָט מאָדערניזירט די קלאַסישע ליניע פון דער באַלעט־קונסט.

אויך אויפן געביט פון מוזיק פעלן נישט קיין ייִדן. יעקב פיכער איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע פיגור אין דער מוזיקאַלישער וועלט. ער האָט באַקומען אַ סך פּרעמיעס פאַר זיינע מוזיקאַלישע ווערק, — די גלאַזונאָוו־פּרעמיע אין רוסלאַנד און אין צפון־אַמעריקע האָט ער באַקומען אַ פּרעמיע פאַר זיינס אַ מוזיקאַליש ווערק, ספּעציעל אַקצעפּטירט צו פיגורירן אין די פּראָגראַמען פון די פּרעזידענציאַלע ראַטן. אין זיין מוזיק פעלט אויך נישט די ייִדישע טעמע און אין „תלמודישע סימפאָניע״ און „חסידישע טענץ״ זיינען פאַרבונדן דאָס אוניווערסאַלע מיטן ייִדישן. אויך גרעצער שאַפט אויף אַלגעמיינע און ייִדישע טעמעס און אויפן געביט פון ליד צייכנט זיך אויס ד. פינטאָ. דער יונגער דאַווידאָוויסקי האָט פאַר זיין שאַפונג אַ „קוואַרטעט״ באַקומען אַ סטיפּענדיע צו פּערפעקציאָנירן זיין קאָמפּאָזיציע־שטודיום אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זיינע ווערק, אָריגינעלע און אַבסאָלוט־מאָדערניסטישע, פיגורירן שוין אין די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנצערט־פּראָגראַמען, אייניקע פון זיי זיינען אויסגעפירט געוואָרן אין היגן טעאַטער „קאָלאָן״ דאַווידאָווסקי איז גאָר אַ יונגער מענטש, אויף וועלכן עס וואַרט אַ רייכע מוזיקאַליש־שעפערישע צוקונפט. מיט לידער־מוזיק צייכנט זיך אויס רות פרידמאַן. פיינע קאָמפּאָזיציעס האָט געשאַפן אָסיאַס ווילענסקי. אין די אויסגערעכנטע זיינען נאָר אַ טייל פון דער צאָל ייִדן, פאַרטראָטענע אין דער אַרגענטינער מוזיק־וועלט מיט זייערע שאַפונגען, אָדער ווי

אָרקעסטער־דיריגענטן, ווי טעאָדאָר פוקס, סימאָן בלעך און דוד באַשאָם, אָדער די פּיאַנאָ־קאָנצערטיסטן ווי א. ספּיוואַק, אָסיאַס ווילענסקי און די יונגע סילוויאַ קערסטנבוים, אָדער די פידלער־קאָנצערטיסטן ווי ליערקאָ שפּילער און אַנדערע.

נישט קליין איז דער ייִדישער אָנטייל אויך אין די פאַרשיידענע מינים פון דער פּיקטאָרישער קונסט, — מאָלעריי, גראַווויור און סקולפּטור. מען קען נישט גענוי וויסן די צאָל פון די ייִדישע מאָלער־קינסטלער, גראַווירער און סקולפּטאָרן, די צאָל שטייגט ווייט אַריבער די הונדערט נאָר אין דער הויפּטשטאָט און אַ גרויסע צאָל געפינט זיך אויך אין די פאַרשיידענע פּראָווינץ־שטעט און זייערע נעמען ווערן זעלטן באַקאַנט אין די קינסטלערישע קרייזן פון דער הויפּטשטאָט. אַזוי אַרום קען מען רעדן נאָר וועגן די קינסטלער, וואָס האָבן שוין געהאַט אויסשטעלונגען און זיינען באַקאַנט געוואָרן דעם עולם דורך די צייטונגען און דורך דער קריטיק.

אין בוענאָס־איירעס זיינען פאַראַן ביז גאָר פעיִקע ייִדישע מאָלער, גראַווירער און סקולפּטאָרן, אָבער אַ סך פון זיי בלייבן אין שאָטן, ווייל אַ קינסטלער קומט נישט צום אויסדרוק ביז מען „טו־פּט״ אים נישט דורך אַן אויסשטעלונג אין אַ סאַלאָן און די ספּעציאַליזירטע קונסט־קריטיק גיט אים נישט קיין אָפיציעלע סמיכות. אַפילו אָנערקענטע מאָלער מאַכן דורך אָדער פלעגן דורכמאַכן שוועריקייטן ביים דורכפירן אַן אויסשטעלונג און אַן אויסשטעלונג פאַר אַ קינסטלער איז דאָסזעלבע וואָס אַ בוך פאַר אַ שרייבער. אַפילו אַזאַ אָנערקענטער סקולפּטאָר ווי ישראל האָפמאַן שטייט נישט איינמאָל פאַר אַ פּראָבלעם, ווען ער וויל זיך פּרעזענטירן פאַר דער עפנטלעכקייט מיט זיינע נייע אַרבעטן. דערביי געהערט ישראל האָפמאַן צו די אָנערקענטסטע קינסטלער־סקולפּטאָרן און דערצו איז ער זייער אַ פּרודוקטיקער שעפער.

ישראל האָפמאַן אַרבעט מיט פאַרשיידענע מאַטעריאַלן: גיפּס, מאַרמאָר, בראָנדז. זיינע אַרבעטן געפינען זיך כמעט אין אַלע מוזייען פונעם לאַנד. אָנגעזעענע קונסט־קריטיקער האָבן פאַרעפנטלעכט ספּעציעלע אָפּהאַנדלונגען און ביכער וועגן זיינע סקולפּטורן. ס׳פעלן נישט אין אַרגנטינע קיין גרויסע אָנערקענטע סקולפּטאָרן, קינסטלער אין פולן זין פון וואָרט, און ישראל האָפמאַנס נאָמען גייט גלייך מיט די נעמען פון די גרעסטע אַרגענטינער סקולפּטאָרן. ישראל האָפמאַן איז פאַרשיידנאַרטיק אין זיין טעמאַטיק, אָבער ער ווייזט אַרויס אַ גרויסע ליבע צו דער ייִדישער טעמע. צווישן זיינע ווערק געפינען זיך סקולפּטורן אייגנאַרטיקע, סיי אין דער טעמאַטיק און סיי אינעם אופן פון מאָנומענטאַליזירן אַ טיפּ. אין אייניקע פון זיינע סקולפּטור־אַרבעטן שפּירט זיך אַ טיפע רעליגיעזקייט און בולטע מיסטישע נייגונגען לעצטנס גיט זיך ישראל האָפמאַן אָפּ אויך מיט מאָלעריי און גראַווירונגען. אין דער גראַווירונג איז ער שטאַרקער ווי אין דער מאָלעריי, מחמת דעם פּשוטן טעם, ווייל צווישן דער גראַווויור און סקולפּטור איז פאַראַן מער נאָענטקייט און מער סמיכת־הפּרשה ווי צווישן דער סקולפּטור און דער מאַלעריי. דערפאַר זעען מיר, אַז ווען זיינע גראַווירונגען האָבן אַ פעסטע רעליעפע ליניע, זיינען זיינע מאָלערייען איידל און צאַרט אין דער קאָלאָריסטיק און ווייך אין דער ליניע. אין אַלע דריי מינים קונסט האַלט זיך ישראל האָפמאַן פעסט ביי דער קלאַסישער פאָרעם. ער איז ווייט פון יעדן מאָדערניזם און אָנערקענט בכלל נישט די מאָדערנע אָריענטאַציע אין דער קונסט, זאָל עס זיין די אַבסטראַקטע אָדער די סורעאַליסטישע קונסט, — דאָס רעאַליסטישע און נאַטוראַליסטישע האָבן אין זיין שאַפן דעם אמתן תיקון.

אָבער מען וואָלט באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, ווען מען זאָל נישט דערמאָנען דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן מאָלער נעמיראָווסקי, וואָס האָט אויף זיין באַלאַנס נישט נאָר גרויסע מאַלעריי־ווערק, נאָר ער האָט ממש אויסגעכאָוועט אַ דור אַרגענטינער קינסטלער. נעמיראָווסקי, מער פּייזאַזשיסט ווי פּאָרטרעטיסט, פאַרבינדט אין זיין פּיקטאָרישער קונסט דאָס נאַטוראַליסטישע מיט רעאַליזם, אויסגעצייכנט אין דער דעליקאַטקייט פון קאָלירן, וואָס גיט צו זיי אַן אויסדרוק פון פריידיקייט. נעמיראָווסקי איז אויך געווען קונסט־פּראָפעסאָר אין טוקומאַנער אוניווערזיטעט, וווּ אַ צאָל מאָלער האָבן באַקומען זייער קונסט־בילדונג און פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַרגענטינער פּיקטאָרישער קונסט.



רבקה גיסעלזאָן: „אײטאפאָרטרעט”.

צו די וואָס האָבן פאַרנומען אַ גרויסן און אָנגעזעענעם אָרט אין דער מאָלעריי געהערט דער מאָלער מאַנועל אייטשלבוים, באַקאַנט אויך ווי איטשעלע, בעת ער האָט זיך אָפגעגעבן מיט ייִדישער קאַריקאַטוריסטיק. מאַנועל אייטשלבוים האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסע קונסט־ירושה און זיינע בילדער געפינען זיך אין אַרגענטינער מוזייען, צווישן זיי — אין איינעם פון די גרעסטע מוזייען אין לאַנד, דער מוזיי פון לאַ באָקאַ, חוץ דעם — אין מוזיי פון סאַנטאַ־פע און אין מינקאָווסקי־מוזיי פון „ייִוואָ", ווי אויך ביי פריוואַטע מענטשן און פריינד. אויך מאַנועל אייטשלבוים האָט געהערט צו די אומדערמידלעכע קינסטלער. מאָלעריי איז געווען זיין סטיכיע און אין זיינע בילדער, באַזונדערס אין די פייזאַזשן פילט זיך אַ נערוועזקייט. אין תוך איז טאַקע מאַנועל אייטשלבוים געווען אַ פייזאַזשיסט, דער פייזאַזש איז געווען זיין קינסטלערישע שטאַרקייט און דאָס איז דערפאַר ווייל מאַנועל אייטשלבוים האָט דאָס פערסאָנאַלע אַריינגעבראַכט אין זיין פיקטאָרישער קונסט. און מאָדנע: ווען מען לייענט מאַנועל אייטשלבוימס אַ בילד, און בילד דאַרף מען קענען נישט נאָר זען, נאָר אויך לייענען, דערשפירט מען, ווי ער ברענגט אַרויס אין זיינע פייזאַזשן פאַרשיידנאַרטיקע דראַמעס, ממש ווי זיינע אויגן וואָלטן געבוירן געוואָרן צו דערבליקן דאָס דראַמאַטישע אין דער נאַטור, דעם דראַמאַטישן הינטערגרונט פון דער נאַטור. בכלל קען מען באַמערקן צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכן אין מאַנועל אייטשלבוימס מאָלעריי: אימרו און פאַרחלומטקייט. די דאָזיקע ביידע אייגנשאַפטן זעען אויס צו זיין אַ רעמיניסצענס אָדער גאָר אַן אַטאַוויזם פון זיין ייִדישן אָפשטאַם. אגב גיט דאָס צו זיין מאָלעריי־קונסט אַ געוויסע מעלאַנכאָלישקייט וועלכע ווערט אויסגעדריקט מיט אַ טאָן־דעליקאַטקייט פון דער פאַרב און מיט אַ מאָלערישן פענדזל־שטריך.

חוץ דעם פייזאַזש האָט מאַנועל אייטשלבוים אויך קולטיווירט דעם קינסטלערישן פאָרטרעט און דעם קאַריקאַטור־פאָרטרעט. צו זיין פעדער געהערן אַ גאַנצע ריי קאַריקאַטורן פון ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער. דאָך, פונקט ווי מאַנועל אייטשלבוים האָט געקענט פאָרשטעלן אַ מענטש אין אַ קרומען שפיגל, אַזוי האָט ער אויך געקענט פאָרשטעלן דעם מענטש אין אַ ליכטיקער קינסטלערישער שיינקייט. דערצו האָט ער זיך באַמיט דורך שטריכן און קאָלאָריסטיק אַרויסצוברענגען די פסיכאָלאָגישע זייט פונעם פאָרטרעטירטן מענטש. אין אַלגעמיין גענומען איז מאַנועל אייטשלבוים געווען דער קינסטלער וואָס האָט דורך קאָליר און פאָרם אַרויסגעבראַכט אין זיין קונסט־שאַפן אַ וויטאַלע דינאַמישקייט.

ענלעך איז אויך געווען די צו פרי און צו יונג פאַרשטאָרבענע קינסטלערן אידאַ ווייסמאַן. זי איז אַוועק פון דער וועלט ווען איר מאָלעריש שאַפן האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט מיט אַ באַזונדערן קינסטלערישן אימפעט און די קינסטלערן גופא איז אַרויפגעשטיגן אויף דער העכסטער טרעפ פון דעם קונסט־לייטער. אין אַלע אירע בילדער מערקט מען אַן אויסערגעוויינלעכע פרויען־סענסיביליטעט. אין רוב באַנוצט זי זיך מיט העלע פאַרבן: ווייס, בלוי, טיילווייז — רויט. אַלע אירע געמאָלטע געשטאַלטן דריקן אויס טרויער. פאַרבענקטע, ייִדיש־צניעותדיק אַראָפגעלאָזטע אויגן כאַראַקטעריזירן דעם רוב פון אירע פרויען־געשטאַלטן, צווישן וועלכע עס צייכנט זיך אויס אַ בילד „מוטער און קינד". די אויגן פון דער מוטער זיינען געווענדט צו די ווייטקייטן, ווי נישט צו דער וועלט, נאָר צו אַן אומבאַקאַנטער וועלט, אין וועלכער עס איז אוממעגלעך אַריינצודרינגען מיטן שכל, — אַ מיסטעריעזע וועלט, וואָס קיינער ווייסט נישט וואָס זי איז און ווו זי איז. אידאַ ווייסמאַן איז געשטאָרבן פאַר דער צייט און זי וואָלט נאָך געוויס געקענט באַרייכערן דעם אַרגענטינער פיקטאָרישן קונסט־אוצר מיט אַ סך שאַפונגען.

וואָלף באַנדורעק האָט אין זיין שפעטערישן לעבן דורכגעמאַכט אַ גאַנצע אָריסייע פון וואַנדערונגען — פון פוילן קיין פאַריז, די מעקאַ פון אַלע מאָלערס, ווו ער האָט זיך פערפעקציאָנירט אין זיין מאָלעריי־קונסט. פאַריז איז דער באַלעבנדיקער גייסט פון יעדן מאָלער. פון פאַריז האָט אים דער גורל פאַרטריבן קיין פאַראַגוויי, ווו ער האָט גלייך באַקומען אָנערקענונג. אָבער פאַראַגוויי איז געווען אַ צו באַגרענעצטער קרייז פאַר זיין שאַפן. דעמאָלט קומט ער קיין בוענאָס־איירעס, ווערט דאָ אַ תושב און פאַרבינדט זיין קינסטלערישן גורל מיט דער אַרגענטינער

קינסטלערישער וועלט. שוין בעת זיינע אויסשטעלונגען אין פּאַראַגוויי האָט וואָלף באַנדורעק גערופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַרגענטינער פיקטאָרישער וועלט און טאַקע ביי זיין ערשטער אויסשטעלונג אין „העבראַיקאַ“ און נאָך דעם אין גאַלעריע „פויסער“ איז ער אויפגענומען געוואָרן ווי אַן אַלטער באַקאַנטער און היימישער. וואָלף באַנדורעק האָט זיך אויסגעאַרבעט זיינס אַן אייגענעם סטיל אין דער מאָלעריי. ער מיידט נישט אויס אויך דעם פּייזאַזש, אָבער זיין ריכטיקע „וואָקאַציאָנעלקייט“ איז צו זיין דער מאָלער פון יידישע און חסידישע טיפּן, ווי ער האָט זיי געזען אין פּוילן, — די פאַרשניטענע, וואָס וועלן שוין מער קיין מאָל נישט זיין. וואָלף באַנדורעק פילט די טיפּן, טראָגט זיי אין זיין אימאַזש און שטעלט זיי פאָר אין התלהבות, פון וועלכן עס דרינגט אַרויס דער ספּעציפיש־יידישער טרויער. ער שטעלט זיי פאָר ווי וועזנס, וואָס הייבן זיך אויף העכער פון דער ערד, ווילן מיט זייערע בליקן און איינגעהויקערטע פיגורן דערגרייכן דעם הימל. פאַראַן אין זיינע פיגורן עפּעס פון יעקב אבינו וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך און איז אים ביינעקומען. וואָלף באַנדורעק שאַפט דעם אימאַזש און שטעלט זיין פיקטאָרישע קונסט אויף דער קאָמפּאָזיציע.

צו די אָריגינעלע מאָלער געהערט מאַנועל קאַנטאָר. ער האָט אָנגעהויבן מיט דער קאַריקאַטור און די קאַריקאַטורן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אָריגינעלקייט. זיינע קאַריקאַטורן האָט ער געצייכנט נישט מיט סאַטירע אָדער קאָמיזם, נאָר דווקא מיט אַ הומאָר, וואָס פאַרמאָגט אין דעם שמייכל אויך אַ ביסל בייזקייט. מיט דער צייט האָט קאַנטאָר זיך געווידמעט מער דער מאָלערישער קונסט און באַזונדערס די מוראַלן. איניקע מוראַלן געמאַכט אין ישראל האָבן אַרויסגערופן גרויסע פּאָלעמיקעס. אָבער קאַנטאָר, דער איבערצייגטער קינסטלער, דערצו דער נישט באַגרענעצטער און נישט איינזייטיקער, האָט געוווּסט ווי צוריקצוּווייזן די נעגאַטיווע זייטן פון דער פּאָלעמיק. אין זיין מאָלעריי און אַפילו אין זיינע צייכענונגען פילט מען אַ דיכטערישע אינספּיראַציע, וועלכע ער גיט איבער דורך פאַרב און אינעם אויפן קאָנצענטרירן די פאַרבן דערגרייכט קאַנטאָר אַ הויכן פּונקט אין זיין פיקטאָרישער קונסט. דאָס איז אויך די סיבה פאַרוואָס קאַנטאָר איז פאַרליבט אינעם בראַזיליענער פּייזאַזש, טאַקע ווייל דער בראַזיליענער פּייזאַזש ליפערט אים אַ פאַרשיידנאַרטיקע פיל־קאָליריקייט. און קאַנטאָרס אייגנשאַפט באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז שטענדיק דער אומצופרידענער, שטענדיק דער זוכער פון נייע פאָרמען און סטילן. ער באַנוגנט זיך נישט מיטן דערגרייכטן, נאָר ער ווערט געטראָגן פון אַן אומאויפהערלעכן אומרו. קאַנטאָר איז ווייט אַוועק פון דעם פיקטאָרישן קלאַסיציזם און רעאַליזם, ער איז מאָדערניסטיש, אָבער זיין מאָדערניסטישקייט איז נישט פון די אויסגעשריגענע, נאָר אַן אייגענע, ווייל אין אים לעבט די צייט און ער זעט דעם מענטש אין דער נייער פאָרם פון דער היינטצייטיקייט אונטער דער שווערער מאַסע פון פליענדיקע מאַשינען. דער מענטש פליט צוזאַמען מיט דער פליענדיקער מאַשין אַרויפבליקנדיק צו איר און דאָס ענדערט די געאָמעטריע פונעם מענטשלעכן קערפּער. די געאָמעטרישע ליניע פאַרנעמט אַ ווירקנדיק אָרט אין קאַנטאָרס קונסט. צוויי באַקאַנטע בילדער זיינע גיבן אַ פולשטענדיקן באַגריף ווי אַזוי ער באַנוצט די געאָמעטרישע ליניע און ווי אַזוי עס זעט אויס דער מענטש אין פאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער ליניע. „מיידלעך אויפן מאַרק“ און „די דינאַמיק פון פוטבאָל“ זיינען אין דעם זין כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַנטאָרס באַנוצן די געאָמעטרישע ליניע, וואָס ווערט ביי אים קאָמבינירט אין פאַרשיידענע געאָמעטרישע פיגורן, אָנהייבנדיק פונעם געשלאָסענעם דרייעק ביזן קאָמפּליצירטן ראָמב און קאָנוס.

ענלעך ווי קאַנטאָר איז אַמעריקאָ באַלאַן אין דער גראַוויור. אַמעריקאָ באַלאַן האָט תחילת אָנגעהויבן מיט מאָלעריי און איז נאָך דעם אַריבער צו דער גראַוויור. די גראַוויור הייבט אָן בכלל צו ווערן די באַליבטע קונסטפאָרם פון אַ סך מאָלער, כאָטש די קונסט פון גראַוויור איז אַ סך קאָמפּליצירטער. און מעגלעך, אַז טאַקע צוליב דעם האָט אַמעריקאָ באַלאַן אויסגעוויילט דעם קונסט־זשאַנער, וואָס פאַרענטפערט מער זיינע שטרעבונגען און ענטפערט אויף זיין אינזיכישקייט. עס איז פאַראַן אַן אידענטיפיצירונג צווישן דער גראַוויור און דער פסיכישער וועלט

פון אָמעריקאָ באַלאָן. ענלעך ווי די גראַווויור איז ער אויסערלעך דער געמיטלעך־רויקער, אָבער אין זיין אינעווייניק שטורעמט ממש אַ ווולקאַן פון אומרו און קאָמפּליצירטקייט. מחמת דעם קען מען אונטערשיידן צוויי מאָמענטן אין אָמעריקאָ באַלאַנס גראַווויור־קונסט: דעם אָנהייב און דעם ווייטערדיקן גאַנג. אין אָנהייב האָט באַלאָן געשטעלט זיין גראַווויור אויפן בורלעסקיש־קאָמישן, אָבער אינעם צווייטן פּעריאָד באַפרייט ער זיך פונעם בורלעסק און גייט אַריבער צו ערנסטקייט. דער סאָציאַלער מאָמענט בלייבט איבער אויך אינעם צווייטן פּעריאָד, אָבער ער ווערט שוין טראַקטירט ערנסט. די גראַווויור באַקומט ביי אים אַ פילאָסאָפיש־עקספרעסיאָניסטישן אויסדרוק און ווירקט באַזונדערס עקספּרעסיוו. זיינע גראַווויורן זיינען קאָמוניקאַטיוו און מיט דעם האָט אָמעריקאָ באַלאָן אויך געוווּנען זיין אָנזעעוודיקע פּאָזיציע אין דער פּיקטאָרישער קונסט. פון אויסשטעלונג צו אויסשטעלונג געפינט מען ביי אים אַלע מאָל אַ נייעם שטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט די דינאַמישקייט פון זיין קינסטלערישער פּערזענלעכקייט און כדאי איז אונטערצושטרייכן: ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּיקטאָרישער אויסשטע־

מאַנועל אייטשעלבוים: פּאָרטרעט (אייל).

לונג אין יאַפּאַן, איז אַמעריקאַ באַלאַן געווען דער איינציקער זוכה בגורל צו זיין פּאַרטראַטן מיט זיינע גראַווירן אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג.

צו די אייגנאַרטיקע מאָדערניסטישע מאָלער געהערט א. ווינשטיין. דער באַרימטער מאָלער פּעטאָרוטי האָט פון דער ווייטנס אָפּגעשאַצט א. ווינשטיינס פּיקטאָרישע אייגנשאַפטן און פעיִקייטן און האָט אים איבערגעגעבן זיין אַטעליע און אים אָנגעטרויט די ווייטערדיקע אַטעליע־אָנפירונג. א. ווינשטיין האָט זיך פאַר זיין קונסט צוגעאייגנט אַ באַמערקונגסווערטיקע און אינטערעסאַנטע פאָרם: ער דערגרייכט אַ סינטעז צווישן דער קלאַסישער קאָמפּאָזיציע וואָס ווערט ביי אים באַזירט אויף מאָדערניסטישער ליניע. חוץ דעם האָט ער אויך אַ געוויסע נייגונג צו באַנוצן דעם פלעק־סטיל אין זיין מאָלעריי. געוויס האָט עס אַ שייכות מיטן כאַראַקטער פונעם מאָלער גופא. זיינע מאָלערישע אַרבעטן זאָגן עדות וועגן אַ באַשטימטער פילאָזאָפישקייט און אינטעלעקטואַליזירטקייט, באַזונדערס ווען ער רירט זיך צו צו אַ יידישער טעמע. ער האָט זיי אַפילו ווייניק, אָבער מען פילט אַן אומרויִקן אינטעלעקט, אַן אומצופרידענעם און ליידנדיקן. אַלץ איז פאַרשאָטנט, דער מענטש פּרעזענטירט זיך נישט קיין מאָל אין זיין ריכטיקן געשטאַלט, אָפט מאָל איז דער מענטש בכלל אַ פיקציע. א. ווינשטיין שפּיגלט עס אָפּ אין זיין קינסטלערישן אימאַזש און קאָמבינירט אַזוי די פאַרבן ווי זיי זאָלן אויסדריקן, אַז די מינדסטע פרייד ווערט פאַרשלונגען אינעם ים פון ליידן. און אויך דאָס איז אַ קינסטלעריש־פילאָסאָפישע טעזע וואָס וויל זאָגן אַז אַפילו ווען די קונסט איז דורכגעדרונגען מיט אַ ים פון ליידן, פאַרשאַפט זי אויך פרייד.

בערנאַרד אָדער בערל סמענער איז אַ מאַדים אין דער גראַוויור. זיין האַנט איז זיכער אינעם שניידן די גראַוויר־ליניע. זיינע טעמעס זיינען אין רוב, און אפשר אויך אויסשליסלעך, יידישע. און שוין דאָס אַליין ווירקט אַז איבער זיינע קונסט־אַרבעטן זאָל שוועבן אַ וואָלקן פון טרויער. דער רוב פון זיינע פּערסאָנאַזשן אין דער גראַוויור זיינען איינגעהויקערטע, ווייל זיי געהערן צו דער שכר־יומיקער קאַטעגאָריע. זיינע „יידישע כלי־זמר” אָדער „יידן אין שמחת־תורה”, „דער אינוואַליד” אָדער „דער וואַסערטרעגער”, — דאָס זיינען אַלץ פּערסאָנאַזשן ווו דאָס סאָציאַלע מוז נעמען די אויבערהאַנט איבערן עסטעטישן. בערנאַרד סמענער האָט געהאַט אַ כך אינדיווידועלע אויסשטעלונגען און זיך אויך באַטייליקט אין קאָלעקטיווע אויסשטעלונגען און אַלע מאָל האָבן זיינע גראַווירן זיך אויסגעטיילט צווישן אַנדערע. בערנאַרד סמענער האָט אויך אַ גאַנצע סעריע גראַווירן פון שלום־עליכם־טיפּן און פּערסאָנאַזשן, געמאַכטע מיט פאַרשטענדעניש פאַר די אייגנשאַפטן פון שלום־עליכמס „לאַכן מיט יאַשטשערקעס”. בערנאַרד סמענער האָט זיך אויך באַטייליקט אינעם פרילינג־סאַלאָן פון סאַנטאַ־פע און איז געווען דער איינציקער „אויסלענדער” (בערנאַרדאָ סמענער האָט דעמאָלט נאָך נישט געהאַט די אַרגענטינער בירגערשאַפט) וועמען מען האָט צוגעטיילט איינשטימיק די ערשטע פּרעמיע פאַר גראַווירונגס־קונסט.

צו די אויסשליסלעך יידישע מאָלער האָט געהערט משה פייגנבלום. ער האָט „פאַריידישט” אַפילו דעם „נאַטור־מאָרט”. זיינע שבת־ליכט, שבת־טיש, שבת־אויבסט, דער ספר, — דאָס זיינען אַלץ געווען טעמעס פאַר זיין קינסטלערישן פּענדזל. דערצו האָט ער פאַראייניקט דאָס מאָלערישע בילד מיט דער גראַוויור. און מערקווירדיק: וואָס מער יידיש ס'זיינען געווען די טעמעס פון זיינע קאָמפּאָזיציעס, אַלץ אַ גרעסערן אינטערעס האָט מען געהאַט צו זיינע ווערק אין דער נישט־יידישער וועלט. געוויס איז עס געווען מחמת דער עקזאָטישקייט פון זיינע קינסטלערישע אַרבעטן. אַלע זיינע ווערק זיינען איינגעהילט אין אַ חסידישער אַטמאָספער, וואָס לאָזט זיך פילן נישט נאָר אין זיינע ווערק פון אַן אימאַזש־כאַראַקטער, נאָר אויך אַפילו אין זיינע „נאַטור מאָרטן”. איבער זיי שוועבט דער חסידות־טאָן פון אַ י. ל. פּרץ.

לעאָן פאַך איז לעצטנס ווייניק אַקטיוו אין דער פּיקטאָרישער קונסט, אָבער ער האָט אַ היפּשן פאַרמעגן פון דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט. פאַך איז געקומען צו דער נישט־יידישער וועלט מיט זיין יידישער קונסט, געשעפּט פון ביבלישן קוואַל. זיכער אינעם פּענדזל, אויסגעצייכנט אין דער טעכניק פון מאָלעריי געפינט מען אין זיינע אַרבעטן אַ מין תהילימדיקע

צעזונגענקייט, — אַלץ זינגט אין זיין מאָלעריי, אָבער אויף אַן אַלט־יידישן שטייגער. אין זיינע מאָלערייען געפינט מען אַ סך ענלעכקייט צו דער ספּעציפיש־יידישער מאָלעריי פון די אַלטע הגדות און אַזוי איז ער אויך אין אייניקע מוראַלן, וואָס געפינען זיך אין די שלום־עליכם־שולן און אין דער שול „מדינת ישראל“. איבער זיינע מוראַלן און מאָלערייען שוועבט, חוץ דעם ביבלישן טאָן, אַ מין גמרא־טאָן און גמרא־ניגון פון אַ ישיבה־בחור, אַפילו איבער אַזאַ ווערק ווי די נאָדלשטעך־צייכענונג „שמשון מיטן לייב“. זיין באַזוך אין ישראל האָט באַרייכערט זיין קונסט מיט אַן אויסגעצייכנטן אַלבום גראַווירונגען „24 צייכענונגען פון ישראל“, וווּ ער שטעלט פאַר דאָס מאָדערנע ישראל מיט תנכישע רעמיניסצענצן.

לעאָן ב. אייכהאָרן האָט פאַרן צווייטן וועלט־קריג זיך באַזעצט אין אַרגענטינע, אַ געצווונגענער צו פאַרלאָזן עסטרייך, זיין געבוירנשטאָט ווין, וווּ ער האָט געלערנט און געענדיקט די קונסט־אַקאַדעמיע. לעאָן אייכהאָרן איז געווען די עמינענץ פון דער עסטרייכישער פּיקטאָרישער וועלט. ער איז געווען דער אָפיציעלער מאָלער פונעם עסטרייכישן קייזערלעכן הויף, אָבער אויך אין בוענאָס־איירעס האָט ער גלייך פאַרנומען זיין אָרט. לעאָ אייכהאָרן איז אויסשליסלעך געווען אַ פּייזאַזשיסט, אָבער פון צייט צו צייט האָט ער אויך זיך גענומען צום פּאָרטרעט. אייכהאָרן איז געווען אַ נאַטוראַליסט, טיילווייז געניגט צום אימפּרעסיאָניזם און זיין אימפּרעסיאָניזם האָט זיך אָנגעהויבן אין אַרגענטינע מיט אַ ריי פּייזאַזשן פון טיגרע. אַלע זיינע פּייזאַזשן האָבן אַ פּערסאָנעלע נאָטע. זיי פאַרמאָגן לעבן, אַ העלקייט פון אַן אָפּטימיסטישן גייסט און דאָס האָט אויף זיינע בילדער אַרויפגעלייגט אַ חותם פון קאָמוניקאַטיווער אויסדריקלעכקייט.

צווישן די סקולפּטאָרן טיילט זיך אויך אויס פּאַול האַנעמאַן. פּאַול האַנעמאַן איז אַ פּילזייטיקער קינסטלער. אַליין אַ סקולפּטאָר, פילט ער זיך זיכער און שטאַרק אויך אינעם אַקוואַרעל. אין ביידע פאַלן איז ער רעאַליסטיש מיט אַ חוש פאַר פיגוראַטיווקייט אין דער סקולפּטור. פּאַול האַנעמאַן האָט אויך געשאַפן קאָמפּאָזיציעס אויף דער טעמע פון די היטלעריסטישע גאַזקאַמערן און אין די קאָמפּאָזיציעס ווייזט ער אַרויס אַ זיכערע האַנט פאַר גרופּן־סקולפּטור. זיינע גרופּן־סקולפּטורן האָבן אַן עפּישן סטיל. אין זיינע אַקוואַרעלן ווידער איז ער רעפּראָדוקטיוו אין די פאַרבן זיינען דעליקאַטע, נאָענט צו לירישקייט.

נחום גויכמאַן איז אַ מאַדים אינעם איילבילד און בויט זיין פּיקטאָרישע קונסט אויסשליסלעך אויף דער קאָמפּאָזיציע. אין זיין סטיל איז ער אימפּרעסיאָניסטיש און הויפּטזעכלעך ווענדט ער זיין מאָלעריי צום אימאַזש. אין אַזעלכע בילדער זיינע ווי „דער פישער“ אידענטיפיצירט ער דעם מענטש מיט דער נאַטור־סטיכיע און אין זיין „אַ פרוי פון אַלטן דור“ שפּירט מען ביי אים אַ ליבע צו דער פאַרגאַנגענהייט. דורך דעם דערמאָנטן בילד דריקט ער אויס דעם הומאַניזם, וואָס דער אַלטער דור האָט פאַרמאָגט.

יעקב גראַנאַט ווידמעט זיך דעם איילבילד און דעם אַקוואַרעל און איז אַבסאָלוט נאַטוראַליסטיש אין זיינע מאָלערייען. האַללע עדווין איז שטאַרקער אין דער צייכענונג ווי אין דער טעמפּעראַ, אָבער אין ביידע פאַלן מערקט מען אין זיינע ווערק אַ באַשטימטע אידייע, וואָס ווייעט אַן אַ רעליגיעזע שטימונג. איסר האָפמאַן איז אימפּרעסיאָניסטיש אינעם פּייזאַזש און לויס ווייסמאַן פאַרמאָגט אין זיינע גאָלערייען זיכערקייט און מען שפּירט ביי אים ליבע צום געמאָלטן פּערסאָנאַזש, ווי ער זאָל טראָגן דעם פּערסאָנאַזש אין זיך.

וואַלטער ווינד איז דער טיפּישער רעפּרעזענטאַנט פון דער דייטשער נאַטוראַליסטישער־אימפּרעסיווער שול אין דער מאָלעריי, ווי זי איז אויפגעשטעלט געוואָרן פונעם גרויסן דייטש־יידישן מאָלער ליבערמאַן. אָבער מען טרעפט ביי אים אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: אויף וויפל ער איז אין זיינע מאָלערייען דער טרייער נאָכפאָלגער פון מאַקס ליבערמאַן איז ער אין דער צייכענונג דאָך נעענטער צו הערמאַן שטרוק. ביידע מעגן אָנשטיין, ווייל ביידע זיינען געווען גרויסע מאָלער און גראַד פון אַזאַ פאַרבינדונג שאַפט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער און פיינער סינטעז. וואָס שייך דער טעכניק פילט מען ביי הערמאַן אַ פולשטענדיקע זיכערקייט, אויך ווייזט ער אַרויס אַ פיינעם חוש פאַר פאַרבן־קאָנצענטרירטקייט.

אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג אין דער אַרגענטינער פּיקטאָרישער וועלט איז ב. לאַזאַנסקי, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט מאָלעריי און איז אַריבער צו דער גראַווירור. בכלל געהער ב. לאַזאַנסקי צו אַ מישפּחה קינסטלער. מאַרקאָס לאַזאַנסקי איז אַ סקולפּטאָר און אַ סקולפּטאָרן איז אויך שרה־דבורה לאַזאַנסקי, אָבער דער אויסנאָם איז ב. לאַזאַנסקי. ווי נאָר ער איז אַרויס מיט זיינע ערשטע גראַווירונגען האָט ער געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. די קונסט־קריטיקער האָבן אים געלויבט און אָנגעוויזן, אַז ער איז אַ געבענטשטער קינסטלער. ב. לאַזאַנסקי איז אָבער געקומען אין אַ מאָמענט, ווען אויף דער אַרגענטינער קונסט־גאַס האָט געהערשט מער קנאה־שנאה, ווי חברשאַפט. דאָס האָט אים געצוווּנגען אויף אַ צייט צו פאַרלאָזן אַרגענטינע און אַריבערצופאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ב. לאַזאַנסקי איז נישט געפאָרן אין די פאַרייניקטע שטאַטן צו באַזעצן זיך, נאָר צו פערפעקציאָנירן זיך מער אין דער גראַוויר־קונסט, אָבער באַלד נאָך זיין ערשטער אויסשטעלונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט זיך אַלץ געענדערט. ב.

פאַולינע העלער: ווינטער (אייל־בילד).

לאַזאַנסקי האָט גלייך דעראָבערט אַלגעמיינע אָנערקענונג און אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דער צפון־אַמעריקאַנער קינסטלערישער וועלט. די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן אים געמאַכט פאַר אַן אייגענעם און ווען ער איז געקומען דורכצופירן צוריק מיט אַ יאָר אַן אויסשטעלונג אין בוענאָס־איירעס, איז די אויסשטעלונג געווען פּאַטראָניזירט פון דער צפון־אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין אַרגענטינע. איצט איז אַרום ב. לאַזאַנסקין אַ פּלוגתא: אַרגענטינע באַטראַכט אים ווי איר אַ קינד, מחמת זיינע ערשטע טריט אין דער פּיקטאָרישער קונסט האָט ער געשטעלט אין בוענאָס־איירעס, אָבער אין די פאַר' שטאַטן האַלט מען אים פאַר אַן אַזאַ אייגענעם, אַז מען באַטראַכט אים פאַרן אויסגעשפּראָכענעם צפון־אַמעריקאַנער קינסטלער און אויך פאַרן רעפּרעזענטאַנט פון דער צפון־אַמעריקאַנער גראַוויר־קונסט.

מאַרקאָס לאַזאַנסקי גיט זיך אָפּ מיט סקולפּטור. ער באַהערשט פולשטענדיק די טעכניק, איז פעסט אין אַרויסברענגען רעליעף־סקולפּטאָרישע ליניעס און אין זיינע שאַפונגען פילט זיך

אַ געמיטלעכקייט. אין גרעסטן טייל אַרבעט ער אין גיפּס און בויט אין גרעסטן טייל אויף דער קאָמפּאָזיציע.

אַ געבענטשטע האַנט האָט אין דער סקולפּטור נחום קנאַפּ. קנאַפּ דערהייבט די סקולפּטור צו דער העכסטער מדרגה פון קינסטלערישקייט, אין זיינע אַרבעטן פילט זיך שאַפנדיקער אומרו און געדאַנקלעכקייט. פאַראַן אוממיטלבאַרקייט אין זיינע שאַפונגען און שטריכן, וואָס באַווייזן די ענגע פאַרבינדונג צווישן שאַפנדיקער אינטויציע און אינטעלעקט.

עס האָט זיך אויך אַרויסגעהויבן יעקב וואָלבערג. יעקב וואָלבערג איז נישט קיין אויטאָדידאַקט אין דער פּיקטאָרישער קונסט. שוין אין זיין אַלטער היימשטאָט גראָדנע האָט ער געלערנט מאָלעריי, אָבער ביים אָנקומען קיין אַרגענטינע האָט ער, מחמת דאגות פּרנסה, געמוזט אויסנוצן זיין מאָלערישן טאַלאַנט אויף צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. פון דעסט וועגן האָט ער זיך נישט מייאש געווען און שוין אין בוענאָס־איירעס פאַרגעזעצט זיין מאָלערישן שטודיום ביי אָנגעזעענע קינסטלער־פּעדאַגאָגן, צווישן זיי — אויך ביים רוסישן מאָלער אורוואַנצאָוו. זיינע ערשטע אויסשטעלונגען, אין דער גאַלעריע „ראָז־מאַריע" און נאָכדעם אין גאַלעריע פּעוסער, זיינען ממש געווען אַן אַנטפּלעקונג פאַר דער נישט־יידישער מאָלערישער וועלט. די אָנערקענונג האָט ער באַקומען דורך זיינע שאַפונגען אויף יידישע טעמעס און אויסשליסלעך אַרגענטינער פּייזאַזשן, אַרויפגענומען אויף זיינע לייוונטן, באַזונדערס פון די אָרעמסטע געגנטן, ווי באָקאַ, פון אַלטע אַרגענטינער בנינים וואָס דערציילן די געשיכטע פון די אַרגענטינער קאָלאָניאַלע צייטן. יעקב וואָלבערג האָט אַ חוש פאַר פאַרב און די פאַרבן אין זיין מאָלעריי זינגען ממש, באַזונדערס אין די פּייזאַזשן פון די קאָרדאָבער בערג. צוליב שטודיום איז יעקב וואָלבערג אויך געפאָרן קיין ישראל און האָט זיין באַזוך אין ישראל פאַרפּיקסירט אין אַ גאַנצע ריי בילדער וואָס שטעלן פאָר דעם ישראל־פּייזאַזש, און אָרטיקע טיפּישע געשטאַלטן. יעקב וואָלבערג איז אין זיין מאָלעריי דורכויס יידיש. זיינע באָבערדלטע חסידישע טיפּן אַנטפּלעקן זיין ליבע צום יידן פון אַמאָל, אָבער אַפילו אין זיינע פּייזאַזשן שפּירט מען, אַז ער זעט די נאַטור מיט אויגן פון אַ ייד און אין אַ שטימונג וועגן וועלכער מענדעלע זינגט אין זיין „פּרק שירה".

ביי דער געלעגנהייט פאַרדינט אויך דערמאָנט צו ווערן אהרן ליפּיעץ, אַ זיכערער אינעם פּייזאַזש, אין דער ליניע און אין פאַרבן־קאָמבינירונג. יוסף קעסעלמאַן פאַרמאָגט אייגנשאַפט טעכניש־פיין צו פאַרווענדן די אייל־פאַרב און קינסטלערישע פאַרשטענדעניש ווייזט אַרויס יואל (כוליאָ) סמענער. כוליאָ סמענער געהערט צו דעם יונגערן דור יידישע מאָלער, אָבער ער איז נישט מיטגעריסן געוואָרן פונעם היינטצייטיקן מאָדערניזם. זיין נסיעה איבער איראָפּע און ישראל האָבן אין אַ גרויסער מאָס בייגעטראָגן פאַר זיין מאָלערישער אַרבעט. אין זיין קונסט געפינט מען דעם סאָציאַלן שטריך, באַזונדערס דעמאָלט ווען ער ברענגט אַרויס אין בילד די אַזוי־גערופענע „אַראַבאַלן", אָבער אין דערזעלבער צייט איז ער אויך פעסט אינעם פּייזאַזש. דווקא אינעם פּייזאַזש זוכט ער מער דאָס עקספּרעסיאָניסטישע, ווייל דאָס עקספּרעסיאָניסטישע ליפערט אים מער שטאָף פאַרן עסטעטישן און אַפילו ווען ער מאָלט דעם אַרויפגאַנג אין אָרעמקייט־הויז, איז ער מקפּיד אויף דער עסטעטיק. דאָס קומט אויך פון דעם וואָס ער פאַרמאָגט אַן געאיידלטן חוש פאַר דער קאָלירן־ציכטיקייט.

די גאַלעריע פון יידישע קינסטלער, פאַרטראָטענע אין דער אַלגעמיינער פּיקטאָרישער קונסט איז גאָר נישט קיין קליינע. עס קומט אויס צו דערמאָנען נאָר די יידישע מאָלער, וואָס האָבן זיך פּרעזענטירט אין דער עפנטלעכקייט דורך אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע אויסשטעלונגען, אָבער עס זיינען פאַראַן אויך מאָלער, וואָס די מאַטעריעלע אומשטענדן דערלויבן זיי נישט צו פּרעזענטירן זיך אין דער עפנטלעכקייט, מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס דער רוב גאַלעריעס זיינען פּריוואַטע און אַ סאַלאָן אין אַ פּריוואַטער גאַלעריע פאָדערט גרויסע סומעס. לעצטנס איז אויסגעקומען צו פאַרצייכענען די בילדער־אויסשטעלונג פון כואַן אייכלער, אַ יידישער מאָלער געקומען פון פּוילן, וועלכער האָט פאַר גאָר אַ קורצער צייט באַוויזן זיך צו אַקלימאַטיזירן אין דער אַרגענטינער קינסטלערישער סביבה. די אויסשטעלונג פון זיינע בילדער האָט געגעבן אַ גע־

לעגנהייט צו קאָנסטאַטירן, אַז זײַן מאָלערײַ איז אַ פֿיגוראַטיוו־עקספּרעסיווע, פֿאַרמאָגט טיפֿע דימענסיעס און געהערט צו דער אַזוי־גערופֿענער מעטאַפֿיזיש־סוררעאַליסטישער ריכטונג.

אַ גרויסע אויפֿמערקזאַמקייט האָט לעצטנס גערופֿן דער גראַווירער אָסוואַלדאָ רעמבערג. זײַנע גראַווירונגען פֿאַרראַטן אַ שטאַרק־רעליעפֿן עקספּרעסיאָניזם. זײַנע פֿיגורן פֿאַרמאָגן קאָמוניקאַטיווקייט און מען זעט ווי ער באַמיט זיך געוויסנהאַפֿט צו פֿאַראײַנפֿאַכן די עלעמענטן, וואָס באַשטימען דעם כאַראַקטער פֿון זײַנע גראַווירונגען. דער אימאַזש בײַ אים איז אַ געמאָסטענער, אַ האַרמאָנישער און דורך די שטריכן־ליניעס רעדט ממש אַרויס אַ פּלאַסטישע עלאָקווענץ. חוץ אַרגענטינע האָט אָסוואַלדאָ רעמבערג שוין אויך באַוויזן צו זײַן באַטייליקט אין אַ קאָלעקטיווער אויסשטעלונג אין ישראל. אויך כאַרכע אַבעל קראַסנאָפּאָלסקי האָט באַוויזן צו באַקומען די ערשטע פּרעמיע פֿאַר פּיקטאָרישער קונסט אינעם הײַ־יאָריקן נאַציאָנאַלן סאַלאָן פֿאַר פּלאַסטישער קונסט און אויב אַ זשורי האָט ווען עס איז געהאַנדלט ריכטיק און אויפֿריכטיק איז עס געשען אינעם פֿאַל פֿון כאַרכע אַבעל קראַסנאָפּאָלסקי. כאַרכע אַבעל קראַסנאָפּאָלסקיס מאָלערײַ־אַרבעטן אַנטפּלעקן אַן אויסערגעוויינלעכע קינסטלערישע סענסיביליטעט, צוזאַמען מיט אַ ראַפֿינירטקייט אין באַנוצן די פֿאַרב. מ׳שפּירט דעם אוממיטלבאַרן שאַפֿנדיקן פֿונק אינעם קינסטלער אין דאָס האָט באמת אַרויסגעטיילט זײַן ווערק צווישן דער גרויסער צאָל ווערק וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אינעם נאַציאָנאַלן פֿרילינגס־סאַלאָן.

אַבֿרהם זילבערמאַן, אַ געבענטשטער פּייזאַזשיסט, איז אַ מאַדים אַרויסצוברענגען דעם זין פֿון קאָליר און פֿאַרב. זײַנע מאָלערישע אַרבעטן מאַכן אַן אײַנדרוק פֿון אינטימקייט, אַן אַרײַנגעוועבטע אין אַן עקספּרעסיווער, אָבער דעליקאַטער עמאָטיווקייט. אין תּוך איז דער סטיל פֿון זײַנע מאָלערייען אַן אימפּרעסיאָניסטישער, אַפֿילו ווען זײַנע קאָמפּאָזיציעס טראָגן אַן אורבאַניסטישן כאַראַקטער. זײַן אייגנשאַפֿט איז צו קענען זען און אויפֿנעמען שיינקייט אין אַלץ, — אינעם בוים אויף דער קרייצונג פֿון גאַסן, אין דער אײַנזאַמער בלום ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל פֿון אַ גערטנדל. דאָס שווײַגנדיקע רעדט בײַ אים מיט אַ שפּראַך פֿון עקספּרעסיווער שיינקייט און אַ דאַנק דעם ווייעט אויך פֿון אַלע זײַנע שאַפֿונגען, אַפֿילו פֿון די אורבאַניסטישע, אַן אינטימע דיכטערישקייט, אַרויסגעבראַכט דורך ליניע, פֿאַרב און קאָליר.

ליבער פֿרידמאַן איז אַ מאָלער מיט אַ פֿעסטער טעכניק; זײַן סטיל אַ מער נאַטוראַליסטיש־רעאַליסטישער, אָבער מיט דער אייגנשאַפֿט פֿון קאָליר־עקספּרעסיווקייט. ראָבערטאָ אײַזנבערג ווידער איז דער מאָלער פֿון אַן אויסגעשפּראָכענער אינדיווידואַליטעט. ער איז פּערסאָנעל אַפֿילו אין דער צייכענונג, האַלט זיך שטרענג בײַם רעאַליזם און מען שפּירט בײַ אים דאָס נישט־וועלן מיטגעריסן ווערן פֿונעם מאָדערניזם. און אויך ראָבערטאָ ראָזנפֿעלד איז דער אינדיווידואַליסט, זײַן עקספּרעסיאָניזם איז אַ נאַטירלעכער און ער שאַפֿט זיך זײַנע אייגענע גרענעצן סײַ אין דער צייכענונג און סײַ אין דער מאָלערײַ גופֿא.

אַ באַזונדערע דערשײַנונג אין דער אַרגענטינער סקולפּטור איז קאַסיטשע. קאַסיטשעס ריכטיקער נאָמען איז אפֿרים פֿאַליק און קאַסיטשע איז נאָר דער נאָמען פֿונעם שטעטל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן. מעגלעך, אַז מיט דעם איז דער קינסטלער אויסן אָנצווײַזן אויפֿן שורש, און דער סקולפּטור־אויפֿוווּקס אויפֿן שורש איז גאָר אַן אייגנאַרטיקער. אַליין דער אָרגאַניזירער פֿון דער גרופּע „מאַדי“ אין דער קונסט האָט קאַסיטשע אַרײַנגעבראַכט אַ נײַעם טאָן און אַ נײַע דימענסיע אין דער סקולפּטור. מ׳קען נישט דעפֿינירן גאולה קאַסיטשעס קונסט נאָר ווי מאָדערניזם. דאָס וואָלט באַדײַט גאָרנישט זאָגן, אָבער ס׳איז מאָדערניזם אויף וויפֿל גאולה קאַסיטשע באַזירט זײַן קונסט אויף די אַפּליקאַטיווע וויסנשאַפֿטן, ווי שטח־פֿיזיק, רעזיסטענץ פֿון מאַטעריעלער מאַטעריע אידענטיפֿיצירט ער מיט ענערגיע און די מאַטעריע פֿאַרמאָגט די אייגנשאַפֿט צו אימפּאָנירן אייגענע געזעצן. מען קען עס מערקן אין אַזאַ ווערק זײַנעם ווי „שטחדיקע געשפּאַנטקייט“, אָדער אין אַזאַ סקולפּטור זײַנער ווי „צוויי פֿאָרמען אומצוטיילבאַרער שטח“.

דאָס אייגנאַרטיקסטע פֿון גאולה קאַסיטשעס סקולפּטור־קונסט באַשטייט אויך אין דעם, וואָס בשײַכות וואַסער, ווי אַ מאַטעריע, האָט מען אויסגעמיטן פֿאַרגלײַכן, און מען האָט בכלל

אויסגעמיטן דעפיניציעס, הגם מען ווייסט, אַז וואַסער איז אַ קוואַל פון ענערגיע, אָבער אַז וואַסער איז אויך אַ פאַקטאָר פון עסטעטיק, וועגן דעם האָט מען קיינמאָל נישט גערעדט. און אין דעם באַשטייט קאַסיטשעס אייגנשאַפט, — ער האָט אַריינגעפירט די אַזוי גערופענע „אַרכיטעקטור פון וואַסער״. גאולה קאַסיטשע, וואָס איז אַגב אויך אַ טאַלאַנטירטער דיכטער, אַנטוויקלט דעם קאָנצעפּט אין זיין „הידראַולישער פּאָעמע״, און אויך דאָס שטרייכט אונטער, אַז ער פאַרבינדט זיין קונסט מיט דיכטונג און אין אַזעלכע סקולפּטורן זיינע „די ערשטע הידראַולישע סקולפּטור״ און „באַוועגלעכע דעמי־ספערישקייט״ שפּירט מען דאָס דיכטערישע.

גאולה קאַסיטשע, — אפרים פאַליק, — האָט אויך געוווּנען די אינטערנאַציאָנאַלע סקולפּטור־פּרעמיע פונעם אינסטיטוט טאַרקוואַטאָ די טעלאַ.

יאָזעפינאַ רובינשטיין־סלאָנימסקי: „די שטאָט״.

אַ ווירקלעכע איבערראַשונג איז שמחה שוואַרץ, וואָס האָט מיטאַמאָל זיך אַנטפּלעקט ווי אַן אייגנאַרטיקער סקולפּטאָר מיט אַ רעוואָלוציאָנערן גאַנג אין דער סקולפּטור. מיט זיין ערשטער אויסשטעלונג האָט ער נישט נאָר גערופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַרגענטינער קינסטלערישער וועלט, נאָר האָט אויך אַרויסגערופן באַוווּנדערונג. די סקולפּטור האָט ביז די לעצטע יאָרן זיך געהאַלטן ביי איר מקדמוניקן סטיל און פאָרעם. נאַטוראַליזם און רעאַליזם זיינען געווען איר עיקר. ערשט אין די לעצטע יאָרן האָבן אייניקע סקולפּטאָרן אין ענגלאַנד אָנגעהויבן צו רעוואָלטירן קעגן די אַלטע שאַבלאָנען פון דער סקולפּטור־קונסט און נאָך עד־היום גייט אָן אַ שאַרפע דיסקוסיע וועגן די נייע ריכטונגען אין דער סקולפּטור. מיט רעכט קען מען זאָגן, אַז שמחה שוואַרץ דווקא אין בוענאָס־איירעס האָט געפונען די ריכטיקע לייזונג פאַר אַ נייער פאָרעם, נייעם סטיל און נייער טעמאַטיק אין דער סקולפּטור. מיט זיינע אויסגעשטעלטע ווערק האָט שמחה שוואַרץ באַוויזן, אַז מען קען אַנימיזירן גיפּס, שטיין און בכלל יעדן מינעראַל, וואָס קומט אַריין אינעם קינסטלערס האַנט, ווען דער קינסטלער האָט אַן אידייע, ווען דער קינסטלער באַ־

ווייזט די אידייע איבערצובורעכן אינעם פּאַקום פון זיינע מעדיטאַציעס, ווען דער יסוד פון די מעדיטאַציעס איז דאָס אינטעלעקטועלע אָדער דאָס רעליגיעז־אמונהדיקע. שמחה שוואַרץ באַווייזט צו פאַרייניקן ביידע דערשיינונגען אויף אַמאָל. דאָס אינטעלעקטועלע מיטן רעליגיעז־גלויבערישן, — ביידע דרינגען אַריין ביי אים אין אַן אויסגעשפּראָכענעם מיסטיציזם, וואָס באַקומט ביי אים אויסלאָדונג נישט דורך אַ פיגור געשטעלט אויף אַ געוויינלעכן רעאַליזם, נאָר דורכן אַריינברענגען אַ קבלה־קאָנצעפּט אינעם אַנימיזירן דעם מינעראַל. אים איז גענוג אַן אות, אַז דאָס אות זאָל אין פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס אַרויסברענגען זיין אינהאַלט, זיין אין־סופיקייט. און באמת: האָט דען נישט דאָס ייִדישע אות אַ קבלה־באַדייטונג און קבלה־אינהאַלט? שטאַמט דען נישט דאָס ייִדישע אות פון די גאָר אַלט־ייִדישע היעראָגליפן? „די אותיות פון רבי עקיבא“ דערציילן עפּעס וועגן דעם אַלעמען און ביי שמחה שוואַרץ איז עס אַן אַבסאָלוטע אָרגאַנישקייט, אַ שאַפונג וואָס דרינגט אַרויס פון זיין מיסטישער נשמה, וואָס לעבט אין אַן אינסופיקייט, — דער סימבאָל פון די אייביקע זוכונגען און גייסטיקן אומרו. און אויך זיין סטיל איז אַן אייגנאַרטיק־פערזענלעכער: ריטם, דינאַמישקייט, געבויט אויף געאָמעטרישער ליניע פון אַ דריי דימענסיאָנעלקייט מיט אַ פערטער דימענסיע מחוץ דער ליניע, וואָס האָט געדינט ברוך שפּינאָזאַן ווי אַ יסוד פאַר זיין גרויסן ווערק „די עטיק“ און וואָס איז בכלל געווען דער גאַנצער יסוד פון זיין פילאָסאָפיע.

אויך אַ גאַנצע ריי ייִדישע פרויען צייכענען זיך אויס אין דער מאַלעריי און פאַרנעמען אַן אָרט אין דער קונסט־קריטיק. ביי אייניקע פון די פרויען־קינסטלערנס מערקט מען אָריגינעלקייט און שאַרף־אויסגעשפּראָכענע אינדיווידואַליטעט, צוזאַמען מיט דער זיכערקייט און קרעפטיקייט פון דער טעכניק. מרים גאַווענסקי, עדיט שרה דבורה לאַסאַנסקי, די פיינע סקולפּטאָרן, אסתר מירקין, אַדעלאַ סאַרקין, ראָסאַליאַ פליטשמאַן, שרה שמידט, דבורה קראַוויטש, דאָראַ באַבראַסקינאַס, די סקולפּטאָרן ליובא גייכמאַן, די סקולפּטאָרן לאה לובלין, די מאָלערן יענטע, די סקולפּטאָרן נאָעמי גערשטיין, מאַרטאַ גרינבערג, סעסיליאַ אַדלער, מינאַ גאָנדלער, סעסיליאַ מאַרקאָוויטש, זשאָזעפינאַ רובינשטיין, ראָסאַ נעמי, פּאַולינאַ העלער, רבקה גיטעלזאָן, לויסאַ רייסנער, ליליאַנאַ פּאָרטער, שושנה געלמאַן און נאָך אַ סך אַנדערע. ס׳איז אַ גאַנצע פּאַנאָראַמע פון ייִדישע פרויען־קינסטלערנס, וואָס האָבן באַקומען זייער העכסטע אָנערקענונג פאַר זייערע קינסטלערישע שאַפונגען.

ס. אַדלער פאַרמאָגט אַ פיינע טעכניק אינעם געמעל און איז אויך זיכער אין דער צייכענונג. איר סטיל איז אַ געמיש פון רעאַליזם מיט אימפּרעסיאָניזם, אָבער ערטערווייז רייסט זיך אַריין ביי איר אויך דער מאָדערניסטישער שטריך. ד. באַבראַסקינאַס איז די אויסגעשפּראָכענע אימפּרעסיאָניסטן, אינדיווידועל אין דער קאָלאָריסטיק. אַ באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגערופן אין סאַלאָן פעוסער אירס אַן אויסשטעלונג פון פּייזאַזשן פון ישראל, נאָך איר פאַרברענגען עטלעכע הדשים אין ישראל. די אויסשטעלונג האָט אָנגעצייכנט אַ צווייטן עטאַפּ אין איר קינסטלעריש־מאָלערישער אַנטוויקלונג, אָבער דער סטיל איז אַלץ געבליבן אַן אימפּרעסיאָניסטישער, בעת די קאָלאָריסטיק איז שוין אַ גאַנץ אַנדערע, אַ נייע, אַ שאַרפערע אינעם אויסדרוק און אַ פאַרשיידנאַרטיקע, אַ באַדעקטע מיט ספּעציפיש־בענקנדיקער מעלאַנכאָלישקייט. אַן אייגנאַרטיקן שטריך געפינט מען אויך אין די מאָלערייען פון ראָסאַליאַ פליטשמאַן. זי איז מער די קינסטלערן פון קאָמפּאָזיציעס. אירע שאַפונגען דערציילן וועגן אַ באַשטימטער ראָמאַנטישקייט, און די ראָמאַנטישקייט וויקלט זי איין אין אידעל־פיינע און דעליקאַטע פאַרבן. און באַמערקנסווערט: אינעם רוב פון אירע שאַפונגען מערקט מען שטריכן וואָס זיינען אויסשליסלעך אייגן דעם ייִדישן כאַראַקטער. פאַראַן אין אירע בילדער אַ פיליגראַנישקייט פון טרויעריקער בענקעניש, וואָס מען געפינט אויף די בילדער וועגן די אַמאָליקע ייִדישע פרויען, ביים לייענען אין די שבתים נאָכמיטיק דעם „צאינה וראינה“; ראָסאַליאַ פליטשמאַן פאַרראַט אין זיך אַזאַ אַטאַוויזם דורך דער פאַרב־ליניע.

אַ באַזונדערן אינטערעס האָט ביי דער אַרגענטינער קונסט־קריטיק אַרויסגערופן די סקולפּ־

טאָרן ליובאַ גייכמאַן, וואָס צייכנט אירע שאַפונגען מיטן נאָמען „ליובאַ“. אַן אויסערגעוויינלעכע שעפערישע און דינאַמישע נאַטור צוזאַמען מיט איר סקולפטור־קונסט אויך אַ מאָלערן, האָט זי אַרויסגערופן אינטערעס מיט איר עקזאָטישער טעמאַטיק. און איז אַ טשעקאַווע דערשיינונג, וואָס האָט, אגב, ביי אַ געלעגנהייט גערופן אויך די אויפמערקזאַמקייט פונעם כינעזישן אַמבאַסאַדאָר אין אַרגענטינע: ליובאַ גייכמאַן האָט אַריינגעבראַכט אין דער סקולפטור־קונסט די כינעזישע עקזאָטישקייט און זי ברענגט זי אַרויס מיט אַזעלכע דעטאַלן ווי אין איר גופא זאָל לעבן אַ דור־דורותדיקע כינעזישע נשמה, אָדער אפשר גאָר אַ כינעזישער „דיבוק“, וואָס פירט איר האַנט ביים נעמען דעם סקולפטאָרישן סקאַלפעל. בכלל טראָגן אַלע אירע ווערק אַ פיזיאָנאָמיש־אָריענטאַלישע סטרוקטור. כינעזישע און אינדישע געטער, כינעזישע קעניגן, אינדישע פרינצן, און בכלל פאַרשיידענע פאָלקס־טיפן פון דער מילע־מיליאָסעדיקער כינע באַקומען ביי איר אַ מאַגיש־קינסטלערישן אויסדרוק. עס איז בכלל אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: די טעמאַטיק וואָס עס קען אָנבאָטן די געשיכטע און די טראַדיציע פון כינע לעבן אין איר גייסט און ווערן ביי איר אויסגעלאָדן אין קינסטלעריש־עסטעטישע פאָרמען. און עס איז כדאי צו פאַרצייכענען: בעת איינער פון אירע לעצטע אויסשטעלונגען איז געווען אָנוועזנד אַ כינעזישער קאָלעקציאָנער טשאַן, און נאָכן זען אירע אַרבעטן האָט ער אָפגעקויפט ביי איר אייניקע פון אירע ווערק פאַר דער פינאַטעקאַ פון דעם כינעזישן מלוכהשן קונסט־מוזיי. די ווערק פון דער סקולפטאָרן ליובאַ געפינען זיך אינעם קונסט־מוזיי פון לאַ באָקאַ און אין די מוזייען פון ראַפאַעלאַ, טרעס אַראָזשאָס און אַנדערע. די אַרגענטינער שול אין פלאָרידאַ האָט ספעציעל ביי איר באַשטעלט אַ סקולפטור פאַרן טאָג פון דער מוטער און דער אַרגענטינער קאָנגרעס האָט אין 1961 ביי אַ ספעציעלער סעסיע באַשטימט צו קויפן איינס פון אירע באַרימטע ווערק פון דער אינדישער מיטאָלאָגיע, די געטין סיוואַ. לעצטנס גיט זיך די סקולפטאָרן ליובאַ אָפ מיטן שטודירן די ייִדישע ביבל און ווען מען האָט זי ביי אַ קאָלעקטיווער אויסשטעלונג אין מאַראָן געפרעגט וועגן אירע ווייטערדיקע שעפערישע פלענער, האָט זי דערקלערט, אַז זי שטודירט די ביבל, ווייל זי פילט אין איר גייסט דעם אימאַזש פון די ייִדישע נביאים און איר אַמביציע איז זיי אַרויסצוברענגען סיי סקולפטאָריש און סיי מאָלעריש.

פעסט אין דער סקולפטור־קונסט איז נעמי גערשטיין. סעסיליאַ מאַרקאָוויטש האָט פאַר איר סקולפטור־שאַפונג, ביי דער לעצטער אויסשטעלונג פונעם נאַציאָנאַלן סאַלאָן, באַקומען די פרעמיע „דזשאָקי־קלוב“. סעסיליאַ מאַרקאָוויטש פאַראייניקט קינסטלערישע צייכענונג, מאָלעריי און סקולפטור און אין יעדע שאַפונג אירע פילט מען דיכטערישע אינספיראַציע. מינאַ גאָנדלער, אַ קינסטלערין מיט אַן אויסגעשפראָכענעם חוש פאַר שיינקייט, צייכנט זיך אויס מיטן ערנסט פון אירע שאַפונגען; מען שפירט אין איר יעדער מאָלעריי, ווי דאָס מאָלן זאָל זיין פאַר איר אַ ריכטיקע עבודת־הבורא, אַ תפילה אַרויסגעבראַכט דורך קאָליר און פאַרב. אַ דאַנק דעם באַקומט איר מאָלעריי אַ כאַראַקטער פון סימבאָלישע אימאַזשן.

מאַרטאַ גרינבערג באַנוצט זיך אין איר מאָלעריי מיט די פשוטסטע עלעמענטן. און אינטערעסאַנט: אין יעדן מאָלעריי־ווערק שפירט מען אַ מיסטעריעזן אומרו וואָס פילט זי אָן מיט לעבן דורך זעלטן־שיינע פאָרמען. אַ באַזונדער אייגנשאַפט פון דער קינסטלערין איז אַן איבערגעטריבענע און דאָך מיט דער איינפאַכסטער און זייער פאָרזיכטיקער כראָמאַטיק, געשאַפענע האַלוצינאַציע־אַטמאָספער.

צו די אייגנאַרטיקע מאָלערנס געהערט אויך יענטע (פון דער משפחה קריינאָוויטש). יענטע איז אַן אויסגעשפראָכענע מאָדערניסטן. איר מאָלעריי באַזירט זיך אויסשליסלעך אויפן קאָליר, דאָס הויפטזאַכלעכע איז די קאָנסטרוקציע. דער אימאַזש דאַרף קומען נישט פון דער פיגור, נאָר פון דער קאָנסטרוקציע וואָס נעמט אָן ביי איר פאַרשיידענע געאָמעטרישע פיגורן און אויסדרוקן. צום ערשטן אינטערעסירט זי די האַרמאָניע פון פאַרבן און זי קאָנצענטרירט די פאַרבן אויף אַזאַ שטייגער אַז זיי ווערן ממש אַ געזאַנג, מיט איר מאָלעריי באַשטעטיקט זי די פאָעמע פונעם געניאַלן דייטשן דיכטער געטע וועגן די פאַרבן, וואָס פאַרוואַנדלען זיך אין אַ האַרמאָנישן געזאַנג.

ווען מען דרינגט אַריין אין דער מיסטעריעזקייט פון זייער סענסיביליטעט. — די קינסטלערן יענטע לעבט אין דער מיסטעריעזער סענסיביליטעט פון די פּאַרבן. — דאָס איז איר סטיל און אויך דער יסוד פון אירע שאַפונגען.

ראָסאַ נעמי (ראָסאַ נעמיראָווסקי) געהער צו די גאָר יונגסטע מאָלערנס, אָבער איר ערשטע אויסשטעלונג אין גאַלעריע פּועסער האָט אַנטפּלעקט אַ באַגאַבטע קינסטלערן, וואָס האָט שוין אַן אייגענעם טאָן אין דער פּיקטאָרישער קונסט. עס איז געווען גענוג צו אַנאַליזירן נאָר איין בילד, וואָס האָט פיגורירט אויף דער אויסשטעלונג „דריי געשיכטעס", כדי צו דערקענען דעם כאַראַקטער און די אייגנשאַפטן פון דער יונגער מאָלערן. דריי אייגנשאַפטן אין איין בילד: סור־רעאַליזם, רעאַליזם און סוב־רעאַליזם און טאַקע דער סוב־רעאַליזם איז דער נייער טאָן. וואָס

אהרון ליפּ־עץ: פּייזאַזש אין קאָבאַבאַרקאַ.

די יונגע ראָסאַ נעמי ברענגט אַריין אין דער מאָלעריי־קונסט. אין דערזעלבער צייט איז אָבער דאָס רעאַליסטישע דער צענטער פון איר מאָלערישן סטיל און דערזעלבער רעאַליזם האָט צוויי קאָנטינוּיטעטן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, צוויי דימענסיעס. איינע צו די הויכקייטן, די צווייטע צו די טיפענישן, די טיפענישן זיינען דער שורש, דער וואָרצל און די מאָלערן נעמט אַן דעם סוב־רעאַליזם, ווייל זי איז אויסן צו דערגרונטעווען די טיפענישן פון דערשיינונגען און די טיפעניש פון מענטשלעכן זיין, — עס איז די שטרעבונג צו קענען זיך אַליין, זיך אַליין צו אַנטפּלעקן אין דעם אייגענעם „איך" און פון דעם געווינען ראָסאַ־נעמיס מאָלעריי שאַפונגען אַ פּערסאָנעלע קאַפּריז־שפּילעוודיקייט.

פּאַולינאַ העלער ווייזט אַרויס מער פּאַרצוג פאַר דער אַקוואַרעל־מאָלעריי און דער רוב פון אירע מאָלערייען זיינען איינדרוקן פון רייזעס. דערפאַר זיינען אירע מאָלערייען פּאַרשיידנאַרטיק, זיינען אַמאָספערישפּאַרשיידן און אויך קאָלירפּול־פּאַרשיידן. איינע פון אירע לעצטע אויסשטעלונגען „איינדרוקן פון אַ רייזע" איז געווען אינעם סאַלאָן פון דער „קולטור־דינסט פון די

פאַראייניקטע שטאַטן אין אַרגענטינע״. אַלע אַקוואַרעלן אירע זיינען געווידמעט די לענדער וואָס זי באַזוכט. אין איר לעצטער אויסשטעלונג האָט זי אַרויסגעבראַכט דורך אַקוואַרעל די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, מעקסיקע און פאַנאַמאַ, — דער רוב אַקוואַרעלן זיינען אָבער געווידמעט די פאַראייניקטע שטאַטן, און אויב אַ שרייבער באַשרייבט זיינע רייזע־איינדרוקן, טוט פאַולינאַ העלער דאָס זעלבע דורך אַקוואַרעליזירן אירע איינדרוקן, — די פאַרב ווערט איר שפּראַך און די קאָלירן ברענגען אַרויס אויף אַן אימפּרעסיוון אופן אירע שטימונגען.

זשאָזעפינאַ רובינשטיין האָט דורכגעמאַכט צוויי עטאַפּן אין איר מאָלעריי. אין אָנהייב האָט איר מאָלעריי געטראָגן אַ נאַטוראַליסטישן און רעאַליסטישן כאַראַקטער. אייניקע פון אירע ערשטע בילדער ווייזן אויך אַ געוויסן אימפּרעסיאָניזם. אָבער אינעם צווייטן עטאַפּ באַפרייט זי זיך פון די פריִערדיקע פאָרמען און גייט אַריבער צו אַן אויסגעשפּראָכענעם מולטי־פאַרביקן עקספּרעסיאָניזם. זשאָזעפינאַ רובינשטיין איז אורבאַניסטיש אין איר מאָלעריי, מעגלעך מחמת דעם ווייל אינעם אורבאַניזם געפינט דער עקספּרעסיאָניזם אַ בולטערן אויסדרוק. זשאָזעפינאַ רובינשטיין פאַרפלאַכט אָבער נישט דעם עקספּרעסיאָניזם און זי פאַרגייסטיקט אים, אַ דאַנק דעם געווינען אירע שאַפונגען אַ פערסאָנעלן סטיל.

צו די יונגע געהערט אויך פעליסאַ ציר. עס איז ווייניק צו זאָגן, אַז זי איז אַן אייגנאַרטיקע מאָלערין. פעליסאַ ציר האָט אידייע אין דער מאָלעריי. פאַר איר איז די מאָלעריי דיכטונג דורך קאָליר. מאָלעריי דאַרף זיין דיכטונג און דיכטונג איז אינטויִציע. צוליב דעם מוז דאָס האַרץ שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער שאַפונג און פונקט ווי דאָס האַרץ שאַפט נישט קיין פּראָיעקטן, אַזוי איז אויך אין דער מאָלעריי־קונסט. ביים שאַפן אַ בילד קען מען נישט מאַכן קיין פאָרויסיקע פּראָיעקטן, נאָר עס מוז קומען ספּאָנטאַן, ווי עס זאָל אַרויסזינגען פון האַרץ. אין פעליסאַ צירס קונסט־מאָלערייען שפּירט מען ספּאָנטאַנקייט און אַבסאָלוטע אינספּיראַציע און דאָס אינספּיראַטיווע באַשטימט אויך דעם כאַראַקטער פון די באַנוצטע פאַרבן, די אינטויִציע זאָגט איר ממש אונטער אַז ווען עס קומט דער גרויער קאָליר זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן די ראָזע־פאַרב, נישט כדי צו קאָמבינירן ליכט און שאָטן, נאָר ווייל דער ראָזער קאָליר איז דער אויפגאַנג פונעם לעבן. און פעליסאַ צירס בילדער האָבן לעבן, ווי אַ ריכטיק־אינספּירירט ליד און פּאָעמע.

רבקה גיטעלזאָן איז די מיסטעריעזע מאָלערין אין פולן זין פון וואָרט. איר אַקאָרשטע אויסשטעלונג אין דער גאַלעריע וואַן־ריִעל האָט אַוועקגעשטעלט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט די וואָס ווילן דעפינירן דעם כאַראַקטער פון אירע שאַפונגען, פאָרעם און סטיל. רבקה גיטעלזאָן רעוואָלטירט אַבסאָלוט קעגן יעדער סימעטרישקייט און ליניע־גלייכגעוויכט אין דער מאָלעריי־קונסט. זי בויט אויסשליסלעך אויף דער דעזעקוויליברירטקייט פון דער ליניע, כדי דער ריטם זאָל זיך שאַפן דווקא דורך דער אַסימעטרישקייט פון דער ליניע. אָבער רבקה גיטעלזאָנס בילדער דאַרף מען נישט נעמען לויט סטיל און פאָרעם און מען דאַרף אויך נישט אָנווענדן צו אירע שאַפונגען די אָנגענומענע געזעצן וועגן האַרמאָניע, אָדער די טעאָריע וועגן ליכט און שאָטן. שאָטן איז פאַר איר מער ווי דאָס ליכט, ווייל אינעם שאָטן גופא איז פאַרבאָרגן דאָס ליכט. פון וואַנען נעמט זיך צו רבקה גיטעלזאָן אַזאַ איינשטעלונג אין דער מאָלעריי־קונסט? ווייל זי איז די אַבסאָלוט־ייִדישע מאָלערין וואָס קען נישט און וועט זיך קיינמאָל נישט באַפרייען פון איר ייִדישקייט־אַטאַוויזם. ער לעבט אין איר טיף פאַרוואָרצלט און אין דעם אַטאַוויזם איז אויך טיף פאַרוואָרצלט דער טויזנטיאָריקער ייִדישער ליידן־וועג. מען דאַרף נאָר זען אירע דריי בילדער „ביי הזכרת־נשמות״, „אויך מיר לערנען העברעיִש״, „געוויסע טעג האָב איך באַגלייט מיין פאָטער״ און די בילדער וועלן דערציילן, אַז אינעם אונטערבאַוווּסטזיין פון דער קינסטלערין איז פאַרוואָרצלט אַ טויזנטיאָריקע ייִדישקייט מיט אַלע אירע ליידן. עס איז אַ ספק צו רבקה גיטעלזאָן האָט אַמאָל געלייענט יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון מיין אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק״, אָבער עס איז פאַראַן אַן אידענטישקייט צווישן דער דאָזיקער פּאָעמע און איר מאָלעריי. רבקה גיטעלזאָן גיט נישט קיין נאָמען דעם רוב פון אירע בילדער. לויט דער טעמאַטיק מוז די אַבסטראַקטקייט זיין איר אייגנשאַפטס־סטיל און די אַבסטראַקטקייט ברענגט זי אַריין אין אַ

ספּערע פון אויסמיידנדיקער קאָלאָריסטיק. מחמת דעם האָט זי טאָקע דריי פון אירע בילדער באַטיטלט „דאָס גרויע איז געווען זיין קאָליר" און מיט דעם דריקט זי אויס אויך שטעלונג צו קאָלירן. איר פּרעפערענץ זיינען גרוי און שוואַרץ און דאָס פּאַסט זיך אויך צום כאַראַקטער פון אירע שאַפונגען, טיף־מיסטישע און טיף־פּסיכאָלאָגישע. אַזוי אַז מען האָט ממש מורא פאַר אַ געוויסער פּאַטאָלאָגישקייט וואָס פאַרפאָלגט די קינסטלערין. ווי געזאָגט, טאָר איר קונסט־שאַפונג נישט באַטראַכט ווערן לויט די אָנגענומענע געזעצן פון האַרמאָניע און טעאָריע וועגן ליכט און שאָטן, אָדער גאָר לויטן מאַסשטאַב פון קינסטלערישער אַנאַטאָמיע. רבקה גיטעלזאָן איז אין איר



לעאָן פאַך: אַ קרוג.

מאָלעריי דער אַבסאָלוטער רעוואָלט קעגן אַלע פאָרמען, זי נעגירט די אַלע פאָרמען און טעאָריעס, וואַרפט זיי אָפּ, ווייל זי זוכט דעם אמת דורך קונסט און די קונסט איז דער אמת וועגן דער דעזעקוויליברירטקייט פון דעם מענטשנס נשמה. דער מענטש אין זיין עקזיסטענץ איז טראַגעדיע און טראַגיק און טראַגעדיע און טראַגיק האָבן נישט קיין סימעטריע, נאָר זיינען אַסימעטריש, אַריטמיש און זיגזאַג־ווירקנדיק. עס איז אַ באַזונדערע אייגנשאַפט פון אַן אויטענטישער קינסטלערן, אָבער אויסשליסלעך פון אַ יידישער אין וועלכער עס לעבט אַ מין אַמביציעזקייט פון „לא ככל הגוים", וואָס איז צו איר געקומען נישט פון אינטעלעקט און איבערצייגונג, נאָר פון אַטאַוויזם און אינטויציע, וואָס דרינגט אַרויס ממש פון אַ פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישקייט.

אַן ענלעכע ריכטונג געפינט מען אויך ביי דער יונגער מאָלערן לויִסאַ רייסנער. אויך לויִסאַ רייסנער רייסט איבער מיט די אָנגענומענע געזעץ־נאָרמען פון דער מאָלעריי־קונסט. אויך זי מאַכט נישט קיינע פאָרויסיקע פּראָיעקטן פאַרן מאָלערישן בילד, נאָר עס ווערט ביי איר געשאַפן ספּאָנטאַן. ווי נאָר זי נעמט דעם פּענדזל אין האַנט און רירט זי צו צו דער פאַרב, דעמאָלט הייבט אָן ווירקן איר אינספּיראַציע און ממש אַ געטראָגענע פון אַ פאַרבאָרגענע גייסטיקע האַנט מאָלט זי, אָן צו וויסן אויף וואָסער אופן דאָס מאָלערישע וועט זיך אויסוויקלען. וועגן דעם דערציילן אירע בילדער וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דער גאַלעריע פּעוסער. אויך לויִסאַ רייסנער פאַרשאַפט קאָפּברעכענישן ביים דעפינירן איר קונסט, אויך צו איר מאָלעריי קען מען נישט אָנווענדן די אָנגענומענע געזעצן פון דער קונסט. לויִסאַ רייסנערס בילדער רעדן קלאָר פאַר זיך אַליין, אַז מען האָט פאַר זיך אַ קינסטלערן פון אַ גוואַלדיקן אינערלעכן אומרו און דער אומרו פאַראורזאַכט די דינאַמיק פון איר מאָלעריי. אירע בילדער רעדן קלאָר וועגן אַן אינטענסיוו־אינערלעכער וועלט, וואָס איז פול מיט סימבאָלן און מיסטישקייט. לויִסאַ רייסנערס קינסטלערישער תוך איז די סטיכישקייט וואָס פירט צו אומבאַוווסטקייט. אין דעם פּרט איז איר מאָלעריי פון אַ מעטאַפיזיש־טראַנסצענדענטאַלן כאַראַקטער און אייניקע פון אירע בילדער דרינגען אַריין אין פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס. בכלל איז איר קונסט און דער סטיל פון איר קונסט אַ מעדיטאַטיווער. דערביי באַנוצט זיך לויִסאַ רייסנער מיט די פּשוטסטע מיטלען און רעדוצירטע קאָלירן, ווי שוואַרץ און רויט, אין געוויסע פאַלן אויך מיט ווייס און גרין. ווייט פון מאַכן פאָרויסיקע פּראָיעקטן, שאַפט זי די קאָמפּאָזיציע צוזאַמען מיטן ווערק גופא און דאָס איז אויך נאַטירלעך, מחמת איר קינסטלערישער שאַפן איז כולו אינטויִציע און אינספּיראַציע.

ליליאַנאַ פּאָרטער איז די גאָר ייִנגסטע צווישן די מאָלערינס, אָבער שוין מיט דערפאַרונג. קוים האָט זי אין 1958 פאַרענדיקט איר שטודיום אין דער קונסט־שול „מאַנועל בעלגראַנאָ” אין בוענאָס־איירעס, איז זי אין זעלבן יאָר געפאָרן קיין מעקסיקע, וווּ זי האָט אין מעקסיקאַנער אוניווערסיטעט שטודירט אַרכיטעקטור און פּלאַסטישע קונסט. אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך אויך ספּעציאַליזירט אין דער גראַוויור. ליליאַנאַ פּאָרטער האָט שוין דריי פּערסאָנאַלע אויסשטעלונגען און זיך באַטייליקט אין פינף קאָלעקטיווע אויסשטעלונגען, און האָט באַקומען צוויי מאָל פּרעמיעס פאַר אירע גראַווורן. אין איר קונסט ברענגט זי אַריין די אַרכיטעקטור־פּראָעקטירטקייט, און דאָס אַרכיטעקטאָנישע אויף פעסט־רעליעפע ליניע איז די אייגנשאַפט פון איר גראַוויר־קונסט.

צו די גאָר ייִנגסטע געהער שושנה געלמאַן. איר אייגנשאַפט איז די צייכענונג, אַ פעסטע און זיכערע אין דער טעכניק און מיט באַשטימטע נייגונגען צו מיסטיק און מיסטעריעזקייט.

⁂

דאָס איז בלויז אַ קליינער סך־הכל פונעם אָנטייל פון ייִדן אין דער אַרגענטינער קולטור, וויסנשאַפט און קונסט. ווייט נישט אַלץ איז אויסגעשעפּט, סיי אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט און סיי אויפן געביט פון דער קונסט. ס׳פעלן נאָך דאַטן וועגן דעם אָנטייל פון ייִדן אין די פיזיקאַלישע און כעמישע וויסנשאַפטן; מ׳ווייסט אויך אַז ייִדן זיינען באַטייליקט אין די ביאָכעמישע וויסנשאַפטן און אין די אַטאָמיש־נוקלעאַרע פאָרשונגען, אָבער דאָס געבראַכטע גיט אַ קלאָרן באַווייז, אַז דער ייִדישער בייטראָג פאַר דער אַרגענטינער קולטור איז גאָרנישט קיין קליינער. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דער ייִדישער וויסנשאַפטלער האָט גאָרנישט אַזאַ גרינגן וועג צווישן זיינע נישט־ייִדישע קאָלעגן־וויסנשאַפטלער און דאָס זעלבע אויך דער ייִדישער קינסטלער. עס פעלן נישט קיין ראַסן־דיסקרימינאַציעס און דעם בעסטן ביישפּיל האָט מען געהאַט אין דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען פּראָפעסאָר נירענשטיין איז געווען רעקטאָר פון בוענאָס־איירעסער אוניווערזיטעט. פּראָפעסאָר נירענשטיין האָט שטענדיק געלייקנט זיין אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק, אָבער די ראַסן־דיסקרימינירנדיקע אוניווערזיטאַרישע עלעמענטן האָבן

אים עס געגעבן צו פילן און ביי די ערשטע רעקטאָר־וואַלן האָט מען אים באַזייטיקט. פּראָפעסאָר נירענשטיין האָט שוין דעמאָלט אָפן געגומען ריידן וועגן זיין אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, האָט אפילו געוואָלט לערנען יידיש און העברעיש. כדי זיך צו פילן מער גאַנץ אין פאַראייניקט מיטן יידישן פאָלק, אָבער דער טויט האָט אים דאָס געשטערט. עס איז אויך מעגלעך אַז די ראַסן־דיסקרימינאַציע איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן פאַרקירצט זיין לעבן. יעדער אויפריכטיקער געשיכטע־שרייבער פון דער אַרגענטינער קולטור־אַנטוויקלונג וועט אָבער אָנערקענען, אַז יידן אין אַרגענטינע האָבן אין גאָר אַ גרויסער מאָס ביי־געטראָגן אויף אַלע געביטן פון דער אַרגענטינער קולטור, אָנהייבנדיק פון דער ליטעראַטור און קונסט ביז דער עקזאַקטער און הומאַניסטישער וויסנשאַפט.



פאַליק לערנער

דער בייטראַג פון דער קהילה צום אויפבוי פון בתי־עם

אַ נייע ווענדונג אין ישוב

עס האָט אין דעם דאָזיקן בוך וועגן דער טעטיקייט פון דער קהילה נישט געקענט פעלן איינער פון די בולטסטע אַספעקטן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, צו וועלכן די קהילה האָט דירעקט און אומדירעקט בייגעטראָגן: מיר מיינען דאָ די בתי־עם וואָס זענען די לעצטע יאָרן אויפגעבויט געוואָרן אין דער הויפטשטאָט און אין די ישובים פון גרויס־בוענאָס־איירעס. עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן אַז די דאָזיקע פאָלקס־הייזער, אין וועלכע עס קאָנצענטרירט זיך בדרך־כלל די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע, דערציִערישע און קולטור־טעטיקייט פון די באַטרעפנדיקע געגנטן, זענען אין אַ גרויסער מאָס אויפגעקומען אונטער דער סטימולירנדיקער השפעה פון דער קהילה־טעטיקייט, וואָס האָט ביי אונדז אַרויסגערופן צום לעבן אַ סך דרימלענדיקע כוחות. מיר וועלן זיך באַמיִען אין די ווייטערדיקע שורות איבערצוגעבן איניקע דעטאַלן וועגן דער אַנטשטייוּנג פון די וויכטיקסטע בתי־עם אין דער הויפטשטאָט און אין אומגעגנט, וואָס וועלן געבן אַ באַגריף וועגן דער פונדאַמענטאַלער ראָלע וואָס די דאָזיקע אינסטיטוציעס שפילן היינט־צו־טאָג אין אונדזער ישוב. מען וואָלט דעם דאָזיקן קאָנצעפּט געקענט אויסברייטערן אויך אויף דער פּראָווינץ, אָבער מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיטן צענטער, ווו עס געפינט זיך דער רוב מנין פון אונדזער ישוב, און דאָס וועט במילא געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן אָט־דעם אַספעקט פון אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן.

דער אויפקום פון די בתי־עם איז, געמאָסטן אין דער פּערספּעקטיוו פון דער צייט און אין ליכט פון דער עוואָלוציע פונעם ישוב, נישט קיין צופעליקייט. דער ישוב האָט געשאַפן זיינע אינסטיטוציעס כמעט פון דעם ערשטן מאָמענט אָן זינט עס האָט זיך דאָ אין לאַנד באַוויזן אַ סימן פון יִדיש לעבן אין דער עפנטלעכקייט, לויט די באַדינגונגען פונעם מאָמענט און לויט זייִנע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. די קהילה פון היינט איז נעכטן געווען אַ חברה קדישא, די גרויסע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע, אַ קליינע גמילת־חסד־קאַסע און דער בית־עם אַ קליינע געגנט־אינסטיטוציע אָדער אַ לאַנדסלייט־פאַראיין. און ווען עס וועט ווען עס איז געשריבן ווערן די געשיכטע פון דער אַנטשטייוּנג פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וועט דער אויפקום פון די בתי־עם פאַרנעמען דאָס געהעריקע פּלאַץ, ווי אַ ווייטערדיקער עטאַפּ אין אונדזער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ווי אַ נייער צוגאַנג צו געזעלשאַפטלעך־דערציִערישע פּראָבלעמען און טאַקע ווי אַ סימן פון אַ העכערער השגה אין אונדזער לעבנס־ניוואָ. אין דער פּערספּעקטיווע פון דער צייט, וועט דאָס אויך דערשיינען ווי אַן אויסדרוק פון אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן דינאַמיזם, וואָס איז געבוירן געוואָרן אונטער דער השפּעה פון אַ גאַנצער רייע סיבות און צווישן זיי די השפּעה פון דער קהילה און איר ברייטע טעטיקייט.

קעמערלעך פון אונדזער געמיינדע־לעבן

די בתי־עם זייִנען, לויטן כאַראַקטער און טעטיקייט, עפּעס אַזוינס ווי די „קאָמיוניטי סענטערס” פון די פאַרייניקטע שטאַטן. מיר האָבן געזאָגט „עפּעס אַזוינס”, ווייל זיי זיינען נישט דאָס

זעלבע. זיי קאָנען נישט זיין דאָס זעלבע, ווייל די אָרגאַניזאַציע פון אונדזער ישוב איז אַנדערש ווי די פונעם נאָרד־אַמעריקאַנער ייִדישן ישוב. אונדזער געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע איז אַ צענטראַליזירטע, דאַן ווען די אָרגאַניזאַציע פונעם נאָרד־אַמעריקאַנער ייִדישן ישוב איז אַ — דעצענטראַליזירטע — אָדער, בעסער געזאָגט, — אַ פּילאַרטיקע. אין די פּאַרייניקטע שטאַטן איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ קהילה. עס זיינען פּאַראַן אַ סך ייִדישע אינסטיטוציעס און גאַנצע אָרגאַניזאַציעס — צווישן זיי די גרויסע פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער ייִדישער אַרבעטער־רינג אָדער דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פּאַרבאַנד — וואָס דערפילן די פונקציעס פון קהילות, אָבער קיין קהילות זיינען זיי נישט. ביי אונדז איז אַנדערש; אונדזער לעבן איז אָרגאַניזירט אין דער פאָרעם פון אַ קהילה און אין לאַנד־מאַסשטאַב פון אַ וועד הקהילות און די בתי־עם, הגם זיי באַדינען באַשטימטע געגנטן, זיינען זיי אין גרונט־גענומען געזעלשאַפטלעכע קעמערלעך פון אונדזער געמיינדע־לעבן, וואָס דערפילן וויכטיקע פונקציעס. זיי זיינען, ווי די אמתע קעמערלעך אין אַ געזונטן, וואַקסנדיקן קערפער אַנטשטאַנען, ווען אונדזער געזעלשאַפטלעכער קערפער איז געוואָרן גרעסער, און עס האָט זיך געפאָדערט מער עקספּאַנסיע פאַר זיין טעטיקייט. ווען די חברה קדישא איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער קהילה, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרומנעמען וואָס אַמאָל מער אַספּעקטן פון אונדזער ציבורדיקן לעבן, האָט עס באַקומען אַן אָפּקלאַנג אין די ווייטסטע געגנטן פון דער הויפּטשטאָט און גרויס בוענאָס־איירעס און האָט אַרויסגערופן אַ געזעלשאַפטלעכן דינאַמיזם, וואָס איז פריִער געווען אומבאַקאַנט. די השפּעה פון דער קהילה איז אין דעם זין געווען דעצידירנדיק אויך דורך אַן אַנדער קאַנאַל: דורך דער ייִדישער שול. ווען מען האָט ביי אונדז אָנגעהויבן בויען גרויסע שול־געביידעס מיט דער אַנטשיידנער הילף פון דער קהילה, איז אַנטשטאַנען די אידייע פון אויפבויען געביידעס וואָס זאָלן דינען נישט נאָר פאַר שולעס, נאָר אויך פאַר אַנדערע צוועקן פון געזעלשאַפטלעכן און קולטור־כאַראַקטער. און אַט אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון די בתי־עם, וואָס זענען היינט אמתע צענטערס פון ייִדישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און פון ייִדיש־נאַציאָנאַלער דערציִונג. די בתי־עם זיינען די קעמערלעך נישט נאָר פון אונדזער לאָקאַלן געזעלשאַפטלעכן קערפער, נאָר ממש פון אונדזער נאַציאָנאַלן קערפער אין ברייטסטן זינען פון וואָרט. אין זיי ווערט קאָנצענטרירט נישט נאָר דאָס לעבן פונעם ישוב, נאָר די טעטיקייט וואָס האָט אַ שייכות מיט אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן בכלל. יעדער איינער פון די בתי־עם איז נישט נאָר אַ שול פאַר ייִדישע קינדערלעך, וואָס ווערן דאָרט דערצויגן אין ייִדיש־נאַציאָנאַלן גייסט, נאָר זיינען שולן אויך פאַר דער יוגנט און זאַמלפּונקטן פאַר די דערוואַקסענע. אין די דאָזיקע פאָלקסהייזער קומען פאָר די געזעלשאַפטלעכע מסיבות פון די געגנטן און אויך דאָס ייִדישע פאַמיליען־לעבן קומט דאָרט צום אויסדרוק אין דער פאָרעם פון פּריוואַטע שמחות. אייניקע שטאָט־געגנטן, ווו עס וווינען צענדליקער טויזנטער ייִדן, זיינען דורך דעם אויפקום פון די בתי־עם פּשוט אויפגעלעבט געוואָרן און היינט צו טאָג זיינען זיי שפּרודלדיקע צענטערס פון ייִדישער דערציִונג און קולטור.

אוודאי זיינען די דאָזיקע אינסטיטוציעס אויפגעקומען קודם־כל אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון די אָרטיקע כלל־טוערס און עסקנים. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן אַז אָן דער הילף און דעם סטימול פון דער קהילה, וואָלטן זייערע איניציאַטיוועס דורכגעפירט געוואָרן אַ סך לאַנגזאַמער און מיט מער שוועריקייטן. איז ווען מיר רעדן וועגן די בתי־עם ווי פון אַ גרויסער דערגרייכונג אין אונדזער ציבורדיקן לעבן, דאַרף מען עס באַטראַכטן ווי נאָך איין דערגרייכונג פון דער קהילה, וואָס איז די מוטער־אינסטיטוציע פונעם ישוב נישט נאָר לויט דער עלטער און דער צאָל מיטגלידער וואָס זי נעמט אַרום, נאָר אויך לויט איר פאַרצווייגטער טעטיקייט און לויט דער השפּעה וואָס זי איבט אויס אויף אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן דורך אירע מעשים און ממשותדיקער הילף. אין די ווייטערדיקע שורות וועלן מיר איבערגעבן אייניקע דאַטן און ציפערן פון עטלעכע בתי־עם וואָס זענען ביי אונדז אַנטשטאַנען אין משך פון די לעצטע יאָרן, און וואָס זענען היינט צו טאָג גלענצנדיקע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע אונדזער ישוב קאָן שטאָלצירן.

דער בית־עם „מדינת ישראל" — אַן אייגנאַרטיקער פאַל

מיר הייבן אָן מיטן בית־עם „מדינת ישראל" פון פלאָרעסטאַ, נישט מחמת ער געהער צו די עלטסטע אינסטיטוציעס פון דעם מין, נאָר ווייל די דאָזיקע אינסטיטוציע אַנטשפּרעכט אַמקלאָרסטן די דערשיינונג פון דעם נייעם געזעלשאַפטלעכן דינאַמיזם וועלכן מיר האָבן אויבן דערמאָנט. דער דאָזיקער בית־עם איז פון די ייִנגסטע אינסטיטוציעס פון אונדזער ישוב, אָבער ער האָט פאַר דער צייט פון זיין קורצער עקזיסטענץ זיך קונה־שם געווען מיט זיין פאַרצווייגטער דערציִערישער און קולטור־טעטיקייט. סיי דער אופן ווי ער איז אויפגעבויט געוואָרן און סיי די מעטאָדישע און פלאַנמעסיקע טעטיקייט וואָס ווערט אין אים דורכגעפירט, דערציילן אונדז וועגן דעם אויפקום פון נייע דינאַמישע כוחות אין אונדזער ישוב, וועגן וועלכע מען האָט פריִער אפילו נישט געחלומט. עס וועט נישט זיין אויף קיין האָר איבערגעטריבן צו זאָגן אַז די אַנטשטייונג פון דעם בית־עם אויף אַלוואַרעס כאָנטע 4896, האָט פולשטענדיק געענדערט די צורה פון דער דאָזיקער געגנט אין וועלכער עס לעבט אַ גרויסער ייִדישער ישוב פון טויזנטער פאַמיליעס. דער דערפאָלג פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע באַווייזט אונדז, אַז דער באַגער צו אַזאַ פאָלקסהויז האָט עקזיסטירט אין דעם געמיט פון די דאָרטיקע תושבים און עס האָט נאָר געפעלט דער פונק וואָס זאָל אָנצינדן דעם פלאַם פון דעם נייעם פאַקל וואָס באַשיינט היינט אַזוי וואונדערלעך דאָס ייִדישע לעבן פון יענער געגנט.

דער געדאַנק פון אויפבויען אַ בית־עם מיט אַ ייִדיש־העברעיִשער שול איז געבוירן געוואָרן אין דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „פלאָרעסטאַ", נאָך איידער די דאָזיקע פינאַנץ־אינסטיטוציע האָט אויפגעבויט איר אייגענע פּרעכטיקע געביידע אויף סעגוראָלאַ 1595, און דערנאָך האָבן זיך צו דער איניציאַטיווע אָנגעשלאָסן די אַנדערע צוויי קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס פון דער געגנט „וויזשאַ לוראָ" און „וועלעס סאַרספיעלד". דער בית־עם איז אַזוי אַרום אויסגעבויט געוואָרן אויף דער איניציאַטיווע און מיט די פאָנדן פון די דערמאָנטע דריי פינאַנץ־אינסטיטוציעס. עס דאַרף דערביי באַטאָנט ווערן, אַז די כלל־טוער פון די דערמאָנטע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס, האָבן געוווּסט מיט וואָס עס שמעקט דער פּלאַן פון אויפבויען אַזאַ בנין און די אחריות וואָס זיי נעמען אויף זיך נישט נאָר פאַר זיין אויפבוי, נאָר אויך פאַר זיין ווייטערדיקער פונקציע און ביז היינט צו טאָג זעט מען זיי ביי דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פונעם בית־עם.

דעם 19טן מאַי פון 1957 איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין און דער בוי פון דער געביידע איז צוגעגאַנגען שנעל. דעם 5טן אַפּריל פון 1959 איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון דעקן דעם דאַך און זונטיק דעם 12טן יוני 1960 איז פאָרגעקומען דער גראַנדיעזער חנוכת־הבית פון דעם פּרעכטיקן בנין. אין פינף יאָר צייט איז רעאַליזירט געוואָרן איינע פון די שענסטע איניציאַטיוועס וואָס זיינען ווען עס איז אונטערגענומען געוואָרן ביי אונדז, אייגנוויליק און ספּאָנטאַן פון אַ גרופּע פאָלקס־מענטשן.

די ייִדיש־העברעיִשע שול וואָס עקזיסטירט ביים בית־עם האָט אין דריי יאָר צייט דורכגעמאַכט אַ גרויסן פּראָגרעס און זי געהער היינט צו די בעסטע געגנט־שולן וואָס מיר האָבן. פון 730 קינדער אין 1960, איז די צאָל אין פאַרגאַנגענעם יאָר געשטיגן צו 815 און עס וואָלט געווען מער, ווען די געביידע האָט מער פּלאַץ. דער קינדער־גאָרטן איז פון 6 גרופּעס אין 1960 אויסגעוואָקסן צו אַכט גרופּעס אין 1962 און די אָנפאַנגס־שול פון 12 קלאַסן אין 1960 — צו 14 קלאַסן אין 1962. עס האָבן נאַטירלעך געמוזט פאַרגרעסערט ווערן די מיטלען וואָס באַדינען די שול, צווישן זיי דעם טראַנספּאָרט. די שול פאַרמאָגט אַ קינדער־אָרקעסטער, אַ קינדער־כאָר און אַ קינדער־טעאַטער. אין משך פון די ערשטע דריי יאָר עקזיסטענץ זיינען אין דעם בית־עם דורכגעפירט געוואָרן צענדליקער דערפאָלגרייכע אונטערנעמונגען מיט גרויס דערפאָלג, אַ סך פון זיי מיטן אָנטייל פון די שול־קינדער. עס זיינען אויפגעטראָטן מיט קאָנפערענצן און לעקציעס באַרימטע פיגורן פונעם ישוב און פון אויסלאַנד און עס זיינען אין דעם גרויסן סאַלאָן פאָרגעקומען גרויסע פייערונגען און קולטור־אַקטן. עס עקזיסטירט ביים בית־עם אַ טיכטיקער

יוגנט־קרייז און איינער פון די שענסטע אַקטן וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין דעם סאַלאָן פונעם בית־עם איז געווען די געזעגענונג פאַר אַ גרופּע יוגנטלעכע פונעם יוגנט־קרייז וואָס האָבן עולה געווען אַלס חלוצים קיין ישראל. עס עקזיסטירט אויך אַ דינאַמישע פרויען־קאָמיסיע.

די גרינדונג פון בתי־עם אין פאַרשידענע געגנטן

מיר האָבן דעם פאַל פונעם בית־עם „מדינת ישראל" אויסגעטיילט באַזונדערס צוליב צוויי טעמים: 1) ווייל עס האַנדלט זיך וועגן אַ פולשטענדיק ניי־געשאַפענער אינסטיטוציע פון דעם מין; 2) ווייל דער אופן ווי אַזוי די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געשאַפן געוואָרן, איז דער אויסדרוק פון אַ נייעם און אייגנאַרטיקן געזעלשאַפטלעכן דינאַמיזם וואָס האָט זיך באַוויזן אין אונדזער געזעלשאַפט. אויב מיר וועלן וועגן די אַנדערע בתי־עם איבערגעבן בקיצורדיקע דאַטן, איז דאָס נישט דערפאַר ווייל מיר מינדערשעצן זייער באַדייטונג, נאָר דערפאַר ווייל דער גרעסטער טייל פון זיי זענען אייגנטלעך דער המשך פון אַלטע אינסטיטוציעס וואָס האָבן זינט אַ סך יאָרן שוין עקזיסטירט אין די באַטרעפנדיקע געגנטן און צווייטנס — ווייל די טעטיקייט און דער כאַראַקטער פון כמעט אַלע בתי־עם איז דער זעלבער און עס האָט נישט קיין זין איבערצוחזרן. מיר ווילן לשם אינפאָרמאַציע בלויז אָנווייזן, אַז אומגעפער אין דעם זעלבן פעריאָד, צווישן די יאָרן 1954 און ווייטער, זענען אין דער הויפּטשטאָט און גרויס בוענאָס־איירעס געגרינדעט געוואָרן אַרום צען בתי־עם, פון וועלכע די מערהייט פונקציאָנירן שוין אין אַנדערע האַלטן ביים אַרויסענדיקן זייערע געביידעס וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו בויען. פאַרשטייט זיך, אַז די פּראָבלעם פון אַרויסענדיקן די בנינים איז איצט אַ סך שווערער ווי פריִער, אָבער דאָס איז שוין אַזוי צו זאָגן אַ „טעכנישער ענין". דער עיקר איז דאָ דער סכום פון געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו און ענערגיע וואָס די נייע ווענדונג האָט אַרויסגערופן. מיר וועלן אָנהייבן מיט אַ צווייטן גרויסן בית־עם פון דער הויפּטשטאָט:

בית־עם „דוד וואָלפסאָן"

דער בית־עם „דוד וואָלפסאָן" פון אַמענאַבאַר 72־2970, אין געגנט בעלגראַנאָ, איז נישט קיין נייע אינסטיטוציע, נאָר אַ המשך פון אַן אַלטער אינסטיטוציע וואָס עקזיסטירט אין יענער שטאָט־געגנט נאָך פון די צוואַנציקער יאָרן. דער ייִדישער ישוב אין בעלגראַנאָ האָט זיך אָנגעהויבן אומגעפער אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט און היינט איז ער אַ דינאַמישער טייל פון אונדזער ישוב פון דער הויפּטשטאָט. זיין הויפּט־כאַראַקטעריסטיק באַשטייט אין דעם, וואָס די איצטיקע כלל־טוער פון דער געגנט — און פאָלגלעך פונעם בית־עם וואָס איז דער צענטער פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט — זיינען יונגע מענטשן, צווישן זיי פּראָפעסיאָנאַלן מיט אַ נייעם צוגאַנג צו געזעלשאַפטלעכע און דערציִערישע פּראָבלעמען. עס דאַרף דעריבער נישט וווּנדערן, וואָס פון דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן די טענדענץ צו פאַרוואַנדלען די שול פונעם בית־עם אין אַן אינטעגראַלער שול, אַן ענין וועגן וועלכן מען האָט אַ סך דיסקוטירט. ווי געזאָגט פריִער, האָט זיך דער ישוב אין בעלגראַנאָ אָנגעהויבן אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט, ווען עס האָבן זיך דאָרט באַזעצט איינצלנע פאַמיליעס, וואָס זיינען געוואָרן דער קערן פון דעם שפּעטערדיקן ישוב. די שול „דוד וואָלפסאָן" איז געגרינדעט געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן פון די אַלטע תושבים. די דאָזיקע שול איז געוואָרן דער צענטער פון דער ייִדישער־נאַציאָנאַלער טעטיקייט. אין די פערציקער יאָרן איז געקויפט געוואָרן דעם בנין אויף אַמענאַבאַר, ווו עס געפינט זיך דער בית־עם און עס איז געגרינדעט געוואָרן דער יוגנט־צענטער „קדימה", פון וועלכן עס זענען אַרויסגעקומען די מערהייט פון די איצטיקע יונגע און מיטליעריקע כלל־טוער פון דער געגנט. אומגעפער אין דער זעלבער צייט איז געשאַפן געוואָרן די „קאַכאַ פּאָפולאַר דע בעלגראַנאָ", וואָס האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן ביים אויפבוי פונעם בית־עם.

די געביידע פונעם בית־עם פון פינף גאָרן, איז באַנייט געוואָרן דעם 22סטן נאָוועמבער פון 1959. זי געפינט זיך אויף אַ שטח פון 1.400 קוואַדראַט־מעטער און האָט אַ סאַלאָן מיט זיץ־פלעצער פאַר 600 פערזאָן און אַ גאַלעריע מיט אַ קאַפאַציטעט פון נאָך 200 פערזאָן. אין דער געביידע געפינט זיך די שול, וואָס באַשטייט פון אַ קינדער־גאָרטן און אַן אָנפאַנגס־שול מיט אַכט גראַדן. אויך די קרעדיט־קאַסע געפינט זיך אין דער געביידע פונעם בית־עם און ווי געוויינלעך דער יוגנט־צענטער און אַלע נאַציאָנאַלע פאָנדן.

דער בית־עם פון לאַנוס

דער ייִדישער ישוב פון לאַנוס איז אַלט כמעט אַזויפיל וויפל דער ישוב פון דער הויפט־שטאָט און ער האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זיין געזעלשאַפטלעכן דינאַמיזם און איניציאַטיוועס אויפן קולטור־געביט. אין לאַנוס איז פאַראַן אַ טיכטיקע גרופע כלל־טוער און דער געדאַנק פון שאַפן אַ בית־עם אין וועלכן עס זאָל זיך קאָנצענטרירן די טעטיקייט פון דעם ישוב פון אַריבער 500 משפחות, איז געבוירן געוואָרן אין אָנהייב פופציקער. אין 1954 איז געקויפט געוואָרן דאָס פלאַץ אויף דער גאַס איטוסאַינגאָ 650, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון 1.800 קוואַדראַט־מעטער מיט דעם פלאַן אויפצובויען אַ בנין וואָס זאָל דינען פאַר די געזעלשאַפטלעכע, פאַמיליערע און קולטור־הצטרכותן פונעם גאַנצן ישוב. די הויפט־זאָרג פון די כלל־טוער וואָס האָבן אונטערגענומען די איניציאַטיווע, איז די יוגנט, וואָס האָט זיך נישט געהאַט וווהין אַהינצוטאָן און זי איז געגאַנגען אין נישט־ייִדישע קלובן, וואָס עפנט דעם וועג פאַר אַסימילאַציע און אָפפרעמדונג. דער פלאַן איז דעריבער פון לכתחילה אָן געווען צו שאַפן אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן, ווי ספאָרט־פלעצער, אַ שווים־באַסיין און אַנדערע, וואָס זאָלן צוציִען די ייִדישע יוגנט. דער גרונטשטיין פונעם בית־עם איז געלייגט געוואָרן דעם 22סטן דעצעמבער 1958 און דעם 25סטן דעצעמבער 1960 איז שוין באַנייט געוואָרן דער גרויסער שווים־באַסיין. דער בית־עם פון לאַנוס איז נאָך נישט פאַרענדיקט געוואָרן לויט די פאָרויסגעזעענע פלענער, אָבער זינט עטלעכע יאָר איז ער דער צענטער פונעם ישוב און פון דער גאַנצער לאָקאַלער און נאַציאָנאַלער טעטיקייט.

די פאַרגרעסערונג פון די אַלטע בתי־עם און דער אויפבוי פון נייע אין פאַרשידענע געגנטן

מיר וואָלטן וועגן די איניציאַטיוועס פון שאַפן און אויסבויען בתי־עם געקאָנט ברענגען אויספירלעכע באַשרייבונגען, וואָס וואָלטן אָן שום ספק אַרויסגעבראַכט טיפישע מאָמענטן פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין די שטאָט־געגנטן. מיר קאָנען אָבער נישט פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט (וואָס איז נישט קיין געשיכטע, נאָר בלויז אַ קורצער איבערבליק וועגן איין אַספעקט פון אונדזער ציבורדיקן לעבן) אָן דעם אַז מיר זאָלן פאַרבייגייענדיק נישט דערמאָנען די אַלטע בתי־עם, ווי דער פון וויזשאַ־דעוואָטאָ אויף דער גאַס מאָסקאָני, וואָס איז דער עלטסטער צווישן די בתי־עם־אינסטיטוציעס אין אונדזער שטאָט און איז דערביי דער צענטער פון אַ ברייטער דערציִערישער און קולטור־אַרבעט פון דער געגנט און פון פערמאַנענטער ציוניסטישער אַקטיוויטעט, און דעם בית־עם פון פלאָרעס־סוד אויף דער גאַס וואַרעלאַ 850, אונטערן נאָמען „חיים וויצמאַן״, ביידע אַלטע אינסטיטוציעס מיט אַ יאָרנלאַנגן סטאַזש פון שול־אַרבעט אין קולטור. לעצטנס זיינען אויסגעברייטערט געוואָרן די בנינים פון די ערשטע בתי־עם, מיט שולן, מיטל־שולן. די געשיכטע און די טעטיקייט פון די דאָזיקע צוויי מוסדות זיינען פאַרצייכנט אין דער טאָג־טעגלעכער כראָניק פונעם ישוב און זיי פיגורירן ביי אונדז אויף אַ בכבודיקן פלאַץ מיט זייער געגנטלעכער געזעלשאַפטלעכער און דערציִערישער אַרבעט.

דאָס זעלבע איז דער בית־עם פון וויזשאַ־סאַהאָרעס, זיין „ביאַליק״־שול, קאָאָפעראַטיווע און יוגנט־צענטער.

וואָס שייך די איניציאַטיוועס פון אויפבויען בתי־עם אין שפּאָגל־נייע געגנטן, וועלן מיר איבערגעבן בקיצור וועגן די פאָלגנדיקע איניציאַטיוועס און רעאַליזירונגען:

בית־עם פון פּאַלערמאָ

מיט אַ פיר יאָר צוריק איז ביי אַ גרופּע עסקנים פון דער פּאַלערמאָ־געגנט געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון שאַפן אַ בית־עם אין דער דאָזיקער געגנט, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ „יִדישע״, מחמת עס האָבן זיך אַריינגעצויגן אַהין אַ סך יִדישע משפּחות פון אַנדערע שטאָט־געגנטן. צוריק מיט אומגעפער אַ זעקס חדשים, איז דער חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן דורכן קויפן אַ פּרעכטיק הויז אויף אַ באַטרעף פון זעקס מיליאָן פּעזעס. די איניציאַטיווע איז אונטערגענומען געוואָרן פון אַ גרופּע עסקנים, אָבער עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די גרויסע שטיצע וואָס זיי האָבן באַקומען פונעם פּרעזידענט פון דער קהילה ד״ר טוביה קאַמענשיין, וואָס האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו דער איניציאַטיווע. די אָפּשאַצונג דערפון איז געקומען צום אויסדרוק אויף דעם קבלת־פנים לכבוד אים אין חודש דעצעמבער.

היינט צו טאָג קאָנצענטרירן זיך אַרום דעם בית־עם צענדליקער יִדישע פאַמיליעס פון דער געגנט, צווישן זיי אַזעלכע וואָס זיינען שטענדיק געשטאַנען אָן דער זייט פונעם געזעלשאַפטלעכן יִדישן לעבן. עס איז ביים בית־עם אויך פאַראַן אַ טיכטיקע פרויען־גרופּע, וואָס באַטייליקט זיך אַקטיוו אין אַלע טעטיקייטן פונעם בית־עם. דאָס וויכטיקסטע אָבער איז, וואָס עס האָט זיך איינגעגעבן צוצוציִען אַ באַדייטנדיקע צאָל קינדער און יוגנט, וואָס זיינען איינגעטיילט אין דריי פאַרשיידענע גרופּעס און געבן זיך על־פי־רוב אָפּ מיט ספּאָרט און קולטור־טעטיקייטן. אין חודש מאַרץ, וועט ביים בית־עם אין פּאַלערמאָ דערעפנט ווערן אַ קינדער־גאָרטן און קורסן פון העברעיִש און פון קונסט און דעקאָראַציע. אויב מען דאַרף עפּעס באַזונדער אונטערשטרייכן, איז דאָס די באַציִונג וואָס עס ווייזן אַרויס צום בית־עם די אַזוי־גערופענע אַסימילירטע קרייזן, אַ באַציִונג וואָס ווערט וואָס אַמאָל אַלץ וואַרעמער. און דאָס איז אַן איבעריקער באַווייז וועגן דער גרויסער און נוצלעכער ראָלע וואָס די בתי־עם שפּילן היינט צו טאָג אין אונדזער ישוב.

פּיניעראָ־לאָ מאָסקאָ

דעם 18טן נאָוועמבער פון 1962 האָבן די יִדישע תושבים פון פּיניעראָ־לאָ מאָסקאָ געפייערט דעם חנוכת־הבית פון זייער נייעם בית־עם. דער יִדישער צענטער פון דעם דאָזיקן ישוב איז נישט קיין נייער. שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר אַז ער האָט עקזיסטירט אויף דער גאַס פאָסאָס 245 אין אַן אַלטן בנין, וואָס האָט מיט דער צייט אויפגעהערט אַנטשפּרעכן די הצטרכותן פונעם ישוב און עס איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון אויסבויען אַ גרעסערן בית־עם מיט מער באַקוועמלעכקייטן. די איניציאַטיווע האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט צו ווערן מיט אַ פיר יאָר צוריק, ווען עס זיינען אין דער פאַרוואַלטונג אַריין אייניקע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַאומרויִקן פון די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון דער יוגנט. מען האָט צוגעצויגן צו דער פאַרוואַלטונג עטלעכע יונגע מענטשן און מען האָט רעאָרגאַניזירט די אינסטיטוציע אויף אַנדערע יסודות. מען האָט געקויפט אַ פּלאַץ און מען איז צוגעטראָטן בויען אַ נייעם בנין פון אַ בית־עם, וווּ עס קאָנצענטרירט זיך היינט צו טאָג די גאַנצע טעטיקייט פונעם ישוב. די קהילה פון בוענאָס־איירעס האָט פאַרשטאַנען ווי וויכטיק עס איז די איניציאַטיווע און זי האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צו רעאַליזירן די אונטערנעמונג.

די קהילה פון פּיניעראָ־לאַ מאָסקאַ האָט 120 מיטגלידער. אין בית־עם פונקציאָנירט אַ יִדיש־העברעיִשע שול אין וועלכער עס לערנען 62 קינדער און עס איז דאָרט אויך פאַראַן אַ

קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע און אַ ביבליאָטעק, אַרום וועלכער עס קאָנצענטרירט זיך איבערהויפּט די יוגנט. דער בית־עם איז די אמתע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־היים פון אַלע ייִדישע איינוווינער פון פּיניעראָ־לאַ מאָסקאַ.

די „העבראַיִקאַ" פון מאַרטינעס

אין מאַרטינעס לעבט אַ גאַנץ היפּשער ייִדישער ישוב, וואָס קאָנצענטרירט זיך געזעלשאַפטלעך אַרום דער „אַסאָסיאַסיאָן העבראַיִקאַ". די אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרן דעם 17טן אַפּריל 1958, אין אַ קליינעם פּראָוויזאָרישן לאָקאַל, אויף דער גאַס ליבערטאַד 349, ווו עס איז באַלד געגרינדעט געוואָרן אַ קליינע שול. אין 1959, האָט מען זיך אַריבערגעצויגן אין אַ נייעם לאָקאַל, ווו עס איז קוים געווען פּלאַץ פאַר 40 קינדער, דאַן ווען עס זענען געווען ביי די 180 קינדער אין שול־עלטער אַלס קאַנדידאַטן. עס האָבן זיך געפאָדערט ראַדיקאַלע מיטלען אויף צו אויסברייטערן די מעגלעכקייטן פון אויפנעמען מער קינדער.

דעם 3טן יאַנואַר 1961, האָט די גענעראַל־פאַרזאַמלונג באַפולמעכטיקט די פאַרוואַלטונג צו קויפן אַ פּלאַץ און צוטרעטן בויען אַ בנין וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די הצטרכותן פון דעם אָרטיקן ישוב. דער קאָסט פון דער אונטערנעמונג איז פאָרויסגעזען געוואָרן אויף דריי מיליאָן פּעזעס און די קהילה פון בוענאָס־איירעס האָט סטימולירט די איניציאַטיווע מיט אַ סובסידיע פון 875 טויזנט פּעזעס. שפּעטער זיינען אַנטשטאַנען שוועריקייטן צו רעאַליזירן דעם פּלאַן, צוליב דעם יקרות אויף בוי־מאַטעריאַלן, און אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון יוני 1961, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרקויפן דאָס פּלאַץ אויף וועלכן מען האָט געדענקט צו בויען און קויפן אַ פאַרטיק הויז. דאָס הויז איז טאַקע שפּעטער געקויפט געוואָרן אויף דער גאַס טרעס סאַרבענטאָס 2067 און דאָרט פונקציאָנירט איצט דער בית־עם פון מאַרטינעס, ווו עס ווערט אָנגעפירט אַ טיכטיקע דערציִערישע און קולטור־אַרבעט. די פאַרוואַלטונג איז צוזאַמענגעשטעלט פון יונגע מענטשן וואָסווידמענען זיך צו זייער טעטיקייט מיט ליבע און ענטוזיאַזם.

די קהילה פון קילמעס

אין קילמעס לעבט אַ ייִדישער ישוב פון אַרום 350 משפּחות. פון שטענדיק אָן, האָבן דאָרט געהערשט סיכסוכים און קריגערייען צווישן די געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן געשטערט צו דער סטאַביליזאַציע פונעם ישוב. מיט פיר יאָר צוריק, איז געקויפט געוואָרן אַן אַלט הויז אויף דער גאַס מאָרענאָ 727, ווו עס האָט זיך געזאָלט קאָנצענטרירן די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אָבער דאָס הויז איז ווייט נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ ברייטער טעטיקייט. מיט צוויי יאָר צוריק איז דאָרט אונטערגענומען געוואָרן די איניציאַטיווע אויסצובויען אַ גרויסן בנין, וואָס זאָל זיין די היים פון דער אָרטיקער געזעלשאַפטלעכער און נאַציאָנאַלער טעטיקייט. די אונטערנעמונג איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען, אָבער די עסקנים האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר די שוועריקייטן און האָבן אויפגעוועקט דעם אינטערעס ביי אַ גרויסער צאָל תושבים פאַר דער איניציאַטיווע. די קהילה פון בוענאָס־איירעס האָט די דאָזיקע אָנשטרענגונג דערמוטיקט מיט אַ באַדייטיקער הילף און אין 1962 האָבן די ייִדישע תושבים פון קילמעס געפייערט דעם חנוכת־הבית פון זייער בית־עם, ווו עס איז פאַראַן אַ שול און באַקוועמלעכקייטן פאַר דער יוגנט.

אַ שיינער בית־עם איז אויך אויסגעבויט געוואָרן אין ווילשאַ לינטש, ווו די נאַציאָנאַלע ייִדישע געזעלשאַפט האָט שטענדיק געהאַט קעגן זיך די קאָנקורענץ פון די „פּראָגרעסיווע" מיט זייער טעטיקייט. היינט שטייט אויף דער גאַס קוענקאַ אַ שיינער בית־עם, אין וועלכן עס קאָנצענטרירט זיך די גאַנצע נאַציאָנאַלע טעטיקייט פון דער געגנט. זיי האָבן אַ שיינעם סאַלאָן, אַ שול, אַ בית־הכנסת, באַקוועמלעכקייטן פאַר דער יוגנט און אַנדערע טעטיקייטן.

אין מונראָ איז נישט לאַנג באַנייט געוואָרן אַ בית־עם, נישט ווייט פֿון דעם בית־עם פֿון פֿלאָרידאַ, וואָס איז שוין אַן אַלט באַקאַנטע אינסטיטוציע מיט אַ פֿאַרצווייגטער טעטיקייט. אויך אין סאַן פֿערנאַנדאָ איז באַנייט געוואָרן אַ געביידע פֿון אַ בית־עם, וווּ עס פֿונקציאָנירן אַלע אָרטיקע מוסדות און די פֿון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

אין ראַמאָס מעכיאַ, אַ פֿאָרשטאָט, וווּ עס געפֿינט זיך אַ צאָלרייכער ייִדישער ישוב, איז זונטיק, דעם 8טן נאָוועמבער 1959 געפֿייערט געוואָרן די דערעפֿענונג פֿון דעם בית־עם, וואָס איז געקויפֿט געוואָרן אין נאָוועמבער 1958. אין ראַמאָס מעכיאַ ווערט, אגב, געבויט אַ גראַנדיעזע געביידע פֿאַר אַ ייִדיש־העברעיִשער שול און עס ווערט דאָרט געפֿירט אַ גאַנץ דינאַמישע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־טעטיקייט. זיי האָבן אויך אַ שווים־באַסיין, יוגנט־צענטער, זומער־קאָלאָניע. עס איז כדאַי צו באַמערקן אַז אין יענער געגנט באַשטייען די כלל־טוער על־פּי־רוב פֿון יונגע און מיטליעריקע מענטשן.

אין לאָמאַס דעל פּאַלאָמאַר, וווּ עס געפֿינט זיך אַ ישוב פֿון אומגעפֿער אַ 250 משפּחות פֿון אשכנזישע, ספֿרדישע און דייטשע ייִדן, איז דעם 18טן דעצעמבער פֿון 1960 דערעפֿנט געוואָרן אַ בית־עם אויפֿן נאָמען פֿון אַלבערטאָ גערשונאָוו, פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע און דערציִערישע צוועקן. דאָס הויז האָט געקאָסט צוויי מיליאָן פּעזעס און עס עקזיסטירט אויך ביים בית־עם אַ ייִדיש־העברעיִשע שול אין וועלכער עס לערנען ביי די 60 קינדער.

אויך דער ישוב פֿון ווישאַ פּאַרקע־קאַסטראָ האָט געקויפֿט אַ געביידע אויף דער גאַס קאַפּעראַטאַ 166 פֿון יענעם שטעטל און זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ בית־עם וואָס איז דער צענטער פֿון דעם אָרטיקן ייִדישן לעבן. אין דעם בית־עם געפֿינט זיך אַ שול, אַ יוגנט־צענטער און אויך אַ קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע. די דאָזיקע ישובים זיינען געזעלשאַפֿטלעכע קאָלעקטיוון וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוּווייזן אַ טענדענץ צו אָרגאַניזירן זיך געזעלשאַפֿטלעך די לעצטע יאָרן און די דאָזיקע קאָנצענטראַציע פֿון געזעלשאַפֿטלעכע כוחות קומט על פּי רוב פֿאַר אַרום דער אידייע פֿון שאַפֿן זיך אַ געמיינזאַם פֿאָלקסהויז פֿאַר די פֿאַרשידענע הצטרכותן.

די דינעזאָן־שול פֿון קאַסיאַ 5830, אין לינירעס, איז אַן אינסטיטוציע וואָס איז שוין אַלט אַ האַלבן יאָרהונדערט. דאָס איז אַן אַלטע אינסטיטוציע, אין וועלכער עס האָבן באַקומען זייער דערציִונג אַ סך איינוווינער פֿון דער געגנט און זי איז בכלל געווען אַ צענטער פֿון ייִדישער טעטיקייט, נאָך אין יענע צייטן, ווען דער ישוב איז געווען קליין און זיינע השׂגות — באַשרענקטע. דורך דער דאָזיקער שול זיינען דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע פּלעיאַדע ייִדישע כלל־טוער פֿון דער אַלטער שול. זי האָט יאָרנלאַנג עקזיסטירט אויף דער גאַס קאַסיאַ, אָבער אין נאָוועמבער 1959 איז געקויפֿט געוואָרן אַ הויז אויף דער גאַס ראַמאָן פֿאַלקאָן 6387, מיטן ציל אויסצובויען אַ בית־עם, אין וועלכן עס זאָל, אויסער דער שול, זיך קאָנצענטרירן די גאַנצע טעטיקייט פֿון דער געגנט. דאָס איז אין הסכם מיט דער נייער טענדענץ.

מיר גלייבן אַז פֿון די ביז־איצט געבראַכטע דאַטן באַקומט זיך אַ בולט בילד וועגן דער באַוועגונג צו בויען ביי אונדז די דאָזיקע פֿאָלקסהייזער, אין וועלכע עס זאָל זיך קאָנצענטרירן די גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע און דערציִערישע טעטיקייט פֿון די באַטרעפֿנדיקע געגנטן. די דאָזיקע טענדענץ איז אַ פּועל־יוצא פֿון אַ סך פֿאַקטאָרן, אָבער צווישן אַלע אַנדערע דאַרף מען אויסשטעלן צוויי: די פֿאַרגרעסערונג פֿונעם ישוב און די השפּעה וואָס עס האָט אויף דעם אויסגעאיבט די דינאַמישע און ברייטע טעטיקייט פֿון אונדזער קהילה. אָט דער דאָזיקער צווייטער פֿאַקטאָר איז געווען און וועט אויך להבא זיין אַ סטימולירנדיקער כוח אין דעם פּראָצעס פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער ישוב. מיר גלייבן, אַז דער דאָזיקער פֿאַקט דאַרף גוט גענומען ווערן אין אַכט, ווייל עס זיינען פֿאַראַן אַזעלכע וואָס

מיינען אַז דאָס אַלץ וואָס אונדזער קהילה טוט פאַלט אַראָפּ פון הימל. מיר מאַכן די דאָזיקע באַמערקונג נישט צופעליק, נאָר בכדי פעסטצושטעלן אַ זאַך וואָס אַלע מוזן וויסן; נעמלעך: אַז פּונקט אַזוי ווי די קהילה איז געווען און איז אַ סטימולירנדיקער פאַקטאָר אויף צו שאַפן די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע „קעמערלעך״ פון אונדזער ישוב וואָס מיר רופן בתי־עם, אַזוי דאַרפן די דאָזיקע קעמערלעך מיט זיך פאַרשטעלן לעבעדיקע פאַקטאָרן אין דעם שטיצן די טעטיקייט פון דער קהילה. אַ געזונטער קערפּער קאָן נאָר דעמאָלט לעבן און אָטעמען געזונט, ווען זיינע קעמערלעך אַנטשפּרעכן דעם צענטער פון דעם דאָזיקן דינאַמיזם. די קהילה שטרענגט זיך אָן צו טאָן דאָס בעסטע אַז אונדזער אויסגעברייטערטער ישוב און זיינע אינסטיטוציעס זאָלן זיין שעפעריש און ייִדיש־באַוווסטזיניק. דאַרפן די דאָזיקע אינסטיטוציעס זיין דער צענטער פון דערציִונג און פון אויפקלערונג און אַלע, אָן אויסנאַם, דאַרפן מיר זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער געבענטשטער טעטיקייט פון אונדזער צענטראַלער אינסטיטוציע. דער דראַנג צו שאַפן בתי־עם דאַרף זיך נישט אָפּשטעלן בלויז ביי דעם אויסערלעכן אַספּעקט פון אויפבויען שיינע און באַקוועמע בנינים, נאָר זיי דאַרפן ווערן די צענטערס, ווו עס זאָל אַנטוויקלט ווערן דער געזעלשאַפטלעכער באַוווסטזיין פון אונדזער ישוב בנוגע זיינע אויפגאַבן און פליכטן.



יידיש טעאַטער אין אַרגענטינע

I

דאָס פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער און די אַקטיוויטעט פון יידישן אַקטיאָרן־פאַריין אין די יאָרן 1957־1962

דער יידישער אַקטיאָרן־פאַריין, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1932, האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו רעגולירן דאָס יידישע טעאַטער־וועזן אין אַרגענטינע און אין די שכנותדיקע לענדער פון קאָנטינענט; צו שטיין אויף דער וואַך פון נאָרמאַלן גאַנג און סאָלידער עקסיסטענץ פון יידישן טעאַטער; אָפּצוהיטן דעם מאָראַלישן ניוואָ און אינהאַלט פון די ספּעקטאַקלען און די ריינקייט פון יידישן לשון אויף דער בינע; ועל כולם באַשיצן די פּראָפעסיאָנעל־עקאָנאָמישע אינטערעסן פון שוישפּילער.

אויך האָט דער יידישער אַקטיאָרן־פאַריין אין זיינע סטאַטוטן די וויכטיקע אויפגאַבע צו שטיין אין ענגן קאָנטאַקט מיט די צענטראַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס ווי קולטור־קאָנגרעס, ייווא, שרייבער־פאַריין „ה. ד. נאָמבערג", יידישע שולן אאז"וו און געמיינזאַם מיט זיי, אָדער אויף אייגענער האַנט, אַדורכצופירן קולטור־אונטערנעמונגען, יובל־פייערונגען, דיסקוסיע־אָוונטן א"א.

אין דעם פּעריאָד פון די פאַרגאַנגענע זעקס יאָר האָט דער אַקטיאָרן־פאַריין אָנגעהאַלטן די ליניע פון אָרגאַניזאַציאָנעל־פּראָפעסיאָנעלער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

יאָר 1957

טעאַטער „אַרגענטינאַ"

ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס יידישע קונסט־טעאַטער אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון מאָריס שוואַרץ און אַדמיניסטראַטיווער אָנפירונג פון ווילי גאָלדשטיין אין צענטער־טעאַטער „אַרגענטינאַ". די טרופּע איז באַשטאַנען פון שוישפּילער, מיטגלידער פון אַקטיאָרן־פאַריין: אהרון אַלעקסאַנדראָוו, בעלאַ אייז, לעאָן ברעסט, קלאַרא גאָלדשטיין, אַלבערט האָראָוויץ, ציפּורה וואַלדמאַן, מרים לערער, דוד לעדערמאַן, יעקב לעוו, בערנאַרד סאָוער, לעאָניד סאָקאָלאָוו, מאָריס סענד, גאָלדע פלאַמי, אסתר פּערעלמאַן, דוד קאַפּלאַן, מאַקס קלאָס, יעקב קורלענדער און פּרעזענציס שוואַרץ (טאָכטער פון מאָריס שוואַרץ). בינע לייטער: שלמה צוקער. עס זיינען אויפגעפירט געוואָרן — אונטער דער רעזשי פון מאָריס שוואַרץ פאָלגנדיקע ספּעקטאַקלען: „יאָסעלע סאָלאָוויי" פון שלום עליכם, „אסתרקע" פון אהרון ציילין, „בלאָנדזשענדע שטערן" פון שלום עליכם, „קידוש השם" פון שלום אַש, „כעלעמער חכמים" פון א. ציילין. די טרופּע אין איר גאַנצן באַשטאַנד האָט אויך געשפּילט אין ראָזאַריאָ און מאָנטעווידעאָ — אורוגווייַ.

מאָריס שוואַרץ האָט געשלאָסן מיטן אַקטיאָרן־פאַריין אַן אָפּמאַך אויף 6 חדשים. הגם די אויפפירונגען זיינען געווען דערפאָלגרייך לכל הדעות, האָבן דאָך די גרויסע הוצאות דערפירט צו אַ דעפיציט פון אַן ערך צען טויזנט אַמעריקאַנער דאָלער, אַזוי אַז מ. שוואַרץ האָט זיך געזען געצוווּנגען צו שליסן דעם סעזאָן נאָך 5 חדשים שפּילן. די אַנגאַזשירטע אַקטיאָרן האָבן אָבער פון דעם נישט געליטן מאַטעריעל, ווייל מ. שוואַרץ האָט זיי באַצאָלט פאַר גאַנצע 6 חדשים לויט זיין אָפּמאַך מיטן אַקטיאָרן־פאַריין; דאָס איז געווען אַ נאָבעלער זשעסט — אַ

באַווייז פון זיינע מידות־טובות און ליבשאַפט צום יידישן אַקטיאָר און באַציונג צו זיין אָרגאַניזאַציע.

כדי די טרופּע זאָל נישט בלייבן אַרבעטלאָז אין מיטן סעזאָן, האָט דער אַקטיאָרן־פאַריין באַזייַרקט ווילי גאָלדשטיין ווייטער אָנצוגיין אַליין מיטן טעאַטער „אַרגענטינאָ״; ער האָט אַראָפּגעבראַכט די שוישפּילער בן־ציון וויטלער און שיפרה לערער, וועלכע האָבן אויפגעפירט די פּיעסן: „מיין גליקלעכע היים״ און „אין אַ רומענישער קרעטשמע״, ביידע — מוזיקאַלישע ספּעקטאַקלען. נאָכן פאַרענדיקן דעם סעזאָן אין בוענאָס־איירעס, האָט ווילי גאָלדשטיין געפירט די זעלבע טרופּע אין איר גאַנצן באַשטאַנד, צוזאַמען מיט די גאַסטראָליאָרן, אויף אַ טורנע איבער אורוגווייַ און בראַזיל.

טעאַטער „סאָלעיל״

די אונטערנעמער סאַלאָמאָן שטראַמער, ישראל פעלדבוים און לעאָן נאַרעפּקין, האָבן דורכן אַקטיאָרן־פאַריין אָרגאַניזירט אַ טרופּע פון פאָלגנדיקע שוישפּילער: פּנחס אַפּעל, סאַמועל גולדין, יעקב דענקער, ישכר האַנדפוס, דאָראַ ווינדלער, ענריקע כייקאָווסקי (טשאַיקאָ), עני ליטאָן, מיכאַל מיכאַלאָוויטש, אַנאַ פעלדבוים, ראָסיטאַ צוקער און קלאַראַ שטראַמער. שפּעטער זיינען צוגעקומען די שוישפּילערינס: מאַרגאָט שטיינבערג, אַניטאַ לאַנג און פעליקס לעווין. ס׳איז אויפגעפירט געוואָרן „די איינזאַמע שיף״ פון דלוזשנאָווסקי אונטער דער רעזשי פון דוד ליכט. דערנאָך איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן יוסף בולאָוו און ער האָט אויפגעפירט די ספּעקטאַקלען „דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק״, „איך און מיין שותף״ און „דער קיבעצער״. אין אָקטאָבער זיינען אויפגעטראָטן אונדזערע מיטגלידער — די געסט מאַקס פּערלמאַן און גיטאַ גאַלינאַ; זיי האָבן אויפגעפירט די מוזיקאַלישע פּיעסע „טשאַרליס מומע״. ס׳איז אויך געפייערט געוואָרן דער בר מצווה יום־טוב פון טעאַטער „סאָלעיל״.

ב ר אַ ז י ל

אין אַקטיאָרן־פאַריין איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך מיטן בראַזיליאַנער עמפּרעסאַר יצחק לובעלטשיק צו אָרגאַניזירן אַ סטאַבילע טרופּע אין בראַזיל; די עמפּרעסע האָט אויסגעהאַלטן דעם גאַנצן סעזאָן און נאָכגעקומען אַלע התחייבותן לגבי די שוישפּילער און דער אָרגאַניזאַציע. די טרופּע איז באַשטאַנען פון די גאַסט־שפּילער הענרי גערע, ראָסיטאַ לאנדנער, פּיניע גאָלדשטיין, אַנדזשע ראַפּעל, צוזאַמען מיט די שוישפּילער: הערמאַן קלאַצקין, סאָפיאַ ראַפּאַלאָוויטש, גאָלדבערג, ב. אייז, גאַלפּערין און די פאַמיליע בערנשטיין.

קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט:

אין אַקטיאָרן־פאַריין איז דורכגעפירט געוואָרן:

אַ פייערלעכע מסיבה לכבוד מאָריס שוואַרץ צום דערעפענען פון קונסט־טעאַטער „אַרגענטינאָ״.

—אַ קבלת־פּנים לכבוד יוסף בולאָוו.

—אויפנאַמע לכבוד דעם טעאַטער־דירעקטאָר יצחק לובעלטשיק פון בראַזיל.

—אַ חברלעכע מסיבה פאַר מאַקס פּערלמאַן און גיטאַ גאַלינאַ.

—אַ קבלת־פּנים פאַר בן־ציון וויטלער און שיפרה לערער.

—אַ חברלעכע שימחה צום געזונט ווערן פון פאַריינס־פאָרזיצער יוסף מאַורער.

—אַ יום־טוב לכבוד דעם שרייבער־גאַסט יצחק באַשעוויס.

—בר־מצווה־פייערונג פון טעאַטער „סאָלעיל״.

—געזעגענונג פאַר מאָריס שוואַרץ צום פאַרענדיקן זיין סעזאָן פון קונסט־טעאַטער.

—אַ לחיים ערב ראש־השנה.

די אַלע צוזאַמענקומען זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעבהאַפטע, אָפטמאָל ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס וועגן גורל, אויפגאַבן און פערספּעקטיוון פון ייִדיש טעאַטער ביי אונדז און אויף דער גאַרער ייִדישער וועלט.

דער פאַריין האָט דורכגעפירט אַ פורים יום־טוב אונטערן פרייען הימל אין דער זומער־היים „לאַ־רעכאַ”, מיטן אָנטייל פון אַלע מיטגלידער. ס׳איז געווען אַ טאָג פון געזאַנג און פורימדיקער פרייד. דער עולם איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער צאָל שרייבער, קולטור־טוער און טעאַטער־פריינד.

אויף דער יערלעכער אונטערנעמונג פון הילפספאָנד, וועלכער קומט תמיד אַנטקעגן די מיטגלידער מיט אַ געהעריקן גמילת־חסד, איז געשפילט געוואָרן ישראל אַשענדאָרפס דראַמע „דער זעלבער גורל” און די רעווי „אַלדאָס גוטס פאַר ייִדן...”.

סוף יאָר איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין דער זומער־היים אַ פאַרוויילונג — „אַ טאָג אין בייבעריק”.

יאָר 1958

טעאַטער „אַרגענטינאַ”

דאָס וואַנדער־טעאַטער — אָרגאַניזירט פון ווילי גאָלדשטיין שפילט אין מאָנטעווידעאָ די חדשים אַפריל, מאַי און די ווייטערדיקע 4 חדשים — אין היגן טעאַטער „אַרגענטינאַ”. אין אָקטאָבער מאַכט ער אַ טור איבער דער אַרגענטינער פּראָווינץ. בראש פון דער טרופּע זיינען געשטאַנען: דזשעני לאָוויטש, פיניע גאָלדשטיין, אַנאַ ראַפּעל און חיים לעווין. עס זיינען געשפּילט געוואָרן די פּיעסן: „אַ כלה אָן נדן”. „די קלוגע מיליאָנערשע”, „די מזלדיקע רייזל”, „די וואַרשעווער חזנטע”. די טרופּע איז באַשטאַנען — חוץ די אויבן־אויסגערעכנטע, פון ב. אייז, ק. גאָלדשטיין, א. אַלעקסאַנדראָוו א״אַ.

נאָכן טורנע איז דאָס וואַנדער־טעאַטער אַריבער אין טעאַטער „סאָלעיל”, צו וועלכן ווילי גאָלדשטיין, האָט אַראָפּגעבראַכט הערמאַן יאַבלאָקאָוו; עס זיינען געשפּילט געוואָרן פאָלגנדיקע פּיעסן: „ס׳קאָן אויך טרעפן מיט אייך”, „אוי איז דאָס אַ וועלט” און „פּאַפּיראָסן”. נאָך אַ חודש שפּילן אין דערמאָנטן טעאַטער, האָט וו. גאָלדשטיין געמאַכט מיט דער טרופּע אַ טורנע איבער מאָנטעווידעאָ און בראַזיל.

אין טעאַטער „סאָלעיל”

האָט אונטער דער זעלבער דירעקציע גאַסטראָלירט דער שוישפּילער מנחם רובין. אונטער דער רעזשי פון דוד ליכט איז אויפגעפירט געוואָרן: „מיין טאַטנס בית־דין שטוב” פון יצחק באַשעוויס, „בר־כוכבא” פון אברהם גאָלדפאַדען (אויך באַאַרבעט פון ד. ליכט), און „אין יעדער היים” — אויפגעפירט פון מ. רובין.

נאָך מ. רובין איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון ישראל דער הבימה־קינסטלער שמעון פינקעל, וועלכער האָט געשפּילט — אונטער דער רעזשי פון דוד ליכט — פאָלגנדיקע פּיעסן: „וועסט ירשענען ווינט”, „אונדזער ערד” פון א. אשמן, אין דער ייִדישער איבערזעצונג פון זלמן הירשפעלד. נאָך פינקלס אָפּפאָרן קיין ישראל — צוליב דרינגענדיקע פאַמיליע־מאָטיוון, האָט ז. הירשפעלד איבערגענומען צו שפּילן זיין ראָל. דערנאָך ווערן געשפּילט יעקב גאָרדינס „דער פרעמדער” און ז. ליבינס „היינטיקע קינדער”, אויפגעפירט פון סאַלאָמאָן שטראַמער. שפּעטער טרעטן אויף מאָקס פערלמאַן און גיטאַ גאַלינאַ אין די קאָמעדיעס: „דער פריילעכער אַלמן”, „אַ לעקציע פאַר ווייבער”.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון: פנחס אַפּעל, פּאַולינאַ טאַכמאַן, מיכל מיכאַלאָוויטש, יוסף

מאַורער, דוד לעדערמאַן, דוד קאַפּלאַן, סאַמועל גולדין, בעלאַ אריעל, חנה פעלדבוים, הערמאַן קלאַצקין, עלזאַ ראַבינאָוויטש, מאַרגאָט שטיינבערג, ראָסיטאַ צוקער, קלאַראַ שטראַמער און ישראל שענקער. בינע־לייטונג: שלמה צוקער.

אַקטיאָרן־פאַריין

עס זיינען פאָרגעקומען יום־טובים לכבוד די געסט־שוישפּילער מנחם רובין, שמעון פינקעל און זיין פרוי יאָסעפאַ שאָקען, לכבוד דעם שרייבער יעקב פּילאָווסקי פֿון טשילע.

— אַ מסיבה פאַר די חברים: דזשעני לאָוויטש, חיים לעווין, פּיניע גאָלדשטיין, אַנאַ ראַפּעל.

—אַן אויפנאַמע פאַר דער שוישפּילערן מאַלווינאַ ראַפּעל, וואָס איז געווען צוגאַסט ביי איר משפּחה און איז דאָ אויפגעטראָטן מיט איין רעציטאַל אין קהילה־זאַל.

—אַ יום־טובדיקע מסיבה לכבוד די חברים קאַטיאַ פּלאַווינאַ און סאַשאַ ראָזנטאַל, צו זייער איבערגיין אויף עמעריטור.

—אַ געזעגענונג־מסיבה פאַר סאַלאָמאָן און קלאַראַ שטראַמער, ישראל פעלדבוים און מאַרגאָט שטיינבערג, צו זייער אָפּפאָרן קיין ישראל.

—עס איז דורכגעפירט געוואָרן די יערלעכע אונטערנעמונג לטובת דעם הילפספאָנד און אַ יום־טוב אין דער זומער־היים „אונטערן פרייען הימל...”

—עס איז דעם יאָר דורכגעפירט געוואָרן די גענעראַל־פאַרזאַמלונג און ס'זיינען אויסגעוויילט געוואָרן די חברים יוסף מאַורער — פּרעזידענט; זלמן הירשפעלד — גענ. סעקרעטאַר, און דוד לעדערמאַן —קאַסיר.

—עס איז אין דעם יאָר דורכגעפירט געוואָרן אַ פייערונג לכבוד דער שוישפּילערין עלזאַ ראַבינאָוויטש, צו דער געלעגנהייט פון איר 50 יאָר שפּילן ייִדיש טעאַטער.

יאָר 1959

טעאַטער „מיטרע”

אין טעאַטער „מיטרע” איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ טרופּע פון אַקטיאָרן־פאַריין אונטער דער דירעקציע פון ווילי גאָלדשטיין און מרים לערער.

די טרופּע האָט אָנגעהויבן מיט אייגענע כוחות. לכבוד דעם שלום־עליכם יאָר, איז דער סעזאָן דערעפנט געוואָרן מיט דער טראַגי־קאָמעדיע „צעזייט און צעשפּרייט” פון שלום עליכם, אונטער דער רעזשי פון יוסף מאַורער. די צווייטע אויפפירונג: „דער קונצנמאַכער” פון משה דלוזשנאָווסקי, רעזשי יוסף מאַורער. דערנאָך קומען די געסט פּערלמאַן־גאַלינאַ, וועלכע פירן אויף „פּרנסה” פון חנא גאָטעספעלד, „צוויי הונדערט טויזנט” פון שלום עליכם און די מוזיקאַלישע קאָמעדיע „אַ ברודער אין ישראל”, א״אַ.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון: קלאַראַ גאָלדשטיין, ציפּורה וואַלדמאַן, סאָניאַ לעמבערג, פּאַולינאַ טאַכמאַן, בעלאַ אַריעל, יוסף מאַורער, דוד קאַפּלאַן, אהרון אַלעקסאַנדראָוו, דוד לעדערמאַן, פּנחס אַפּעל, חיים לעווין. בינע־לייטונג: יוסף ליבערזאָן.

אַקטיאָרן־פאַריין

עס איז געפּראַוועט געוואָרן אַ יום־טוב אין דער זומער־היים: „צוגאַסט ביי בלאָנדזשנדיקע שטערן”.

—עס איז פאָרגעקומען אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, בשייכות מיט דער סכנה, אַז בוענאָס איירעס קאָן בלייבן אָן ייִדיש טעאַטער, צוליב מאַנגל אין אַ פּאַסיקן טעאַטער־זאַל; ביי דער קאָנפערענץ האָט דער אַקטיאָרן־פאַריין אָנגעבאָטן דער געזעלשאַפט זיין אייגנטום אין ווערט פון צוויי מיליאָן פּעזעס אויף אַ פאָנד צו בויען אַ ייִדיש טעאַטער.

—עס איז געפּייערט געוואָרן די גאָלדענע חתונה פאַרן וועטעראַן־שוישפּילער לעאָן ברעסט און זיין פרוי, ווי אויך אַ חברלעכע מסיבה לכבוד ענריקע כייקאָווסקי (טשייקאָ), צו זיין ווערן אַ בן־שבעים.

—ס׳איז געזעגנט געוואָרן די שוישפּילערן נאַטאַליאַ ליפּמאַן צו איר אָפּפאָרן קיין ישראל.

—ס׳איז געשפּילט געוואָרן במשך פון 4 וואָכן, אין פאָרזעצונגען, שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער" אויף ראַדיאָ „דעל פּועבלאָ", אונטער דער רעזשי פון יוסף מאַורער, אָרגאַניזירט און פינאַנסירט פון דער קהילה.

—ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער סוב־קאָמיטעט פון מגבית ביים אַקטיאָרן פאַריין.

—דער אַקטיאָרן־פאַריין האָט געפּייערט דאָס שלום־עליכם־יאָר מיט דער אויפפירונג פון „שווער צו זיין אַ ייִד" פון שלום־עליכם; רעזשי: מאַקס קלאָס.

יאָר 1960

טעאַטער „מיטרע" האָט אונטער דער זעלבער דירעקציע אָנגעהויבן דעם סעזאָן מיט פּיניע גאָלדשטיין און אַנאַ ראַפּעל, מיט די קאָמעדיעס: „פישל דער גראָטעסנער". „דער מזלדיקער שלימזל", „מנשה ווערט אַ פאַבריקאַנט". נאָכדעם זיינען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון ניו־יאָרק די רעוויו־קינסטלער בען באָנוס און מינאַ בערן, וועלכע האָבן אויפגעפירט די ספּעקטאַקלען: „ייִדן בויען, ייִדן זינגען", „אַמאָל איז געווען אַ מעשה", „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" און פּרץ הירשביינס „דעם שמידס טעכטער", לידער פון יצחק יאַנאָסאָוויטש, מוזיק פון ש. טענאָווסקי.

צום שלוס פון סעזאָן זיינען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון ישראל די שוישפּילער מרדכי ספּעקטאָר און מרים סאַנדלער, און עס זיינען געשפּילט געוואָרן די פּיעסן „אונדזער רביניו", „אַ חתונה אין ישראל", און „דער זינגער פון תל־אביב".

די טרופּע איז באַשטאַנען פון: א. אַלעקסאַנדראָוו, דוד לעדערמאַן, דוד קאַפּלאַן, פּנחס אַפּעל, ישראל שענקער, סימאָן נוסבוים, קלאַראַ גאָלדשטיין, בעלאַ אַריעל, ציפּורה וואַלדמאַן, רבקה רעבען און סאָניאַ לעמבערג.

אַקטיאָרן־פאַריין

געפּייערט 84סטן געבוירן־טאָג פון וועטעראַן־קינסטלער בן־ציון פּאַלעפּאַדע.

—מסיבה לכבוד שלמה פּריזאַמענט צום דערשיינען פון זיין בוך „בראָדער זינגער".

—פּייערונג לכבוד דעם שוישפּילער דוד לעדערמאַן צום דערשיינען פון זיין בוך „פון יענער זייט פאָרהאַנג". — גרויסע טעאַטער־אונטערנעמונג לטובת דעם ייִדישן שפּיטאָל, אין טעאַטער „אַסטראַל". — קבלת־פּנים פאַר די שוישפּילער בן־ציון און שונה בערדיטשעווסקי, צו זייער צוריקקומען פון ישראל. — אויפנאַמע לכבוד דעם שרייבער יעקב פּילאָווסקי.

—אויפנאַמע לכבוד די שוישפּילער בען באָנוס און מינאַ בערן

—מסיבה לכבוד די חברים מאַקס פּערלמאַן, גיטאַ גאַלינאַ, סימאָן נוסבוים, סאָניאַ לעמבערג און סימאָן טענאָווסקי, צו זייער אומקערן זיך פון אַ טורנע איבער אַמעריקאַנער לענדער.

—אונטערנעמונג לטובת דעם הילפספאָנד; אויפגעפירט „דער דיבוק" (דריטער אַקט), „טאָג נאַכט" (ערשטער אַקט) פון ש. אַנסקי; רעזשי: זלמן הירשפעלד.

יאָר 1961

טעאַטער „סאָלעיל"

דער טעאַטער איז ווידער דערעפנט געוואָרן אונטער דער דירעקציע פון שטראַמער־פעלד־בוים־נאַרעפּקין, מיט דער פאַמיליע בורשטיין. אויפגעפירט די מוזיקאַלישע פּיעסן: „ווער איז

מיין מאַן”, „טאַטע האָב חתונה”, „לייבקע פון אָריענט”, „גאָלדענער שידוך” און „אַ חתונה אין שטעטל”.

—די שוישפּילערינס עני ליטאַן, שושנה זאַן און ר. ליכט האָבן אין זעלבן טעאַטער געשפּילט „מיר פּרויען”, איבערגעזעצט פון פּויליש. רעזשי: דוד ליכט.

—לכבוד דעם שוישפּילער ישראל פעלדבוים, איז געשפּילט געוואָרן „עקדת יצחק” פון אברהם גאָלדפאַדען. רעזשי: סאַלאָמאָן שטראַמער.

טעאַטער „מיטרע”

אונטער דער זעלבער דירעקציע: גאָלדשטיין־לערער.

—גאַסטשפּילן: מרדכי ספּעקטאָר־מרים סאַנדלער.

—אויפגעפירט די מוזיקאַלישע פּיעסן: „געזאַנג פון מיין היים”, „שטענדיק אין מיין האַרץ”, „צווישן צוויי פרויען” און „די רומענישע חתונה”. רעזשי: ישכר האַנדפּוס.

—עס קומען נאָכדעם פּיניע גאָלדשטיין און אַנאַ ראַפּעל וועלכע פירן אויף „פאַרלאָזט אייך אויף נפתלען”, „אַ פינפטע ראָד צום וואָגן”. שפּעטער ווערט מיט ספּעקטאָרן אויפגעפירט פון אַלטן יידישן רעפּערטואַר: „שולמית” פון א. גאָלדפאַדען און „אַ מענטש זאָל מען זיין” פון א. שאָר. רעזשי: ישכר האַנדפּוס.

—ס'איז געפייערט געוואָרן דער 70־יאָריקער יובילעאום פון סופּליאָר און טעאַטער־מענטש יוסף ליבערזאָן.

אַקטיאָרן-פאַריין

—קבלת־פּנים מסיבה פאַרן רעזשיסאָר יוסף שיין.

—אויפנאַמע פאַר דער קינסטלער־משפחה בורשטיין.

—פּורים־פייערונג אונטערן פרייען הימל, אין דער אייגענער זומער־היים.

—יערלעכע אונטערנעמונג לטובת דעם הילפספאָנד מיט אַ קליינקונסט ספּעקטאַקל.

—יובליי־פייערונג פון שוישפּילער דוד לעדערמאַן מיט דער אויפפירונג „קרייצער סאָנאַטאַ” פון יעקב גאָרדין. רעזשי: מאַקס קלאָס. אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט.

—יובל־פייערונג לכבוד דער קינסטלערן קלאַראַ שטראַמער. אויפגעפירט: „כאַסיע די יתומה” פון יעקב גאָרדין.

יאָר 1962

טעאַטער „סאָלעיל”

אונטער דער זעלבער דירעקציע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ טרופּע פון אַקטיאָרן־פאַריין, בראש מיט מאַקס פּערלמאַן און גיטאַ גאַלינאַ. עס זענען אויפגעפירט געוואָרן: „דער טאַטע בין איך” און נאָך צוויי אַנדערע פּיעסן פון מוזיקאַלישן מין.

דער צווייטער גאַסטראָליאָר איז הערמאַן יאַבלאָקאָוו, וועלכער האָט אויפגעפירט: „איך און מיין זון”, „דער פּאַיאַץ” און „דער פאַרכישופטער ניגון”.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון קלאַראַ שטראַמער, פּאַולינאַ טאַכמאַן, בעלאַ אַריעל, עלזאַ ראַבינאָוויטש, מאַרגאָט שטיינבערג, אַנאַ פעלדבוים, סאָפיאַ ראַפּאַלאָוויטש און רבקהלע רעבען. מענער: יוסף מאַורער, משה אייכבוים, סאַמועל גולדין, לייזער מינצעס, הערמאַן קלאַצקין און סאַלאָמאָן שטראַמער.

טעאַטער „מיטרע״

ווי אַלע יאָר האָט די עמפּרעסע פון טעאַטער „מיטרע״ גאָלדשטיין־לערער, אָרגאַניזירט אַ טרופּע פון ייִדישן אַקטיאָרן־פאַריין. די גאַסט־שפּילן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער משפּחה בורשטיין; פּ. בורשטיין האָט אויפגעפירט „דער דאָרפס־יונג״ פון ל. קאָברין. שפּעטער אַנדערע מוזיקאַלישע פאָרשטעלונגען פון זיין רעפּערטואַר.

צו דער צווייטער העלפט פון סעזאָן איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן די שוישפּילערן שפרה לערער. צו איר דעבוט האָט דוד ליכט אויפגעפירט דעם מוזיקאַלישן ספּעקטאַקל „סוזי״ אין אַ ייִדישער איבערזעצונג פון ש. זאַק. שפּעטער איז אויפגעפירט געוואָרן „מאַדאַם־פּריילין״. רעזשי: מאַקס קלאָס. צום סוף — די פּיעסע „די מעזינקע״, רעזשי: זשאַק אַרנס. עס איז אויך געשפּילט געוואָרן פון אַלטן ייִדישן טעאַטער־רעפּערטואַר, די פּיעסע „דאָס פּינטעלע ייִד״, רעזשי: ישׂכר האַנדפוס.

אין דער טרופּע זיינען געווען פאָלגנדיקע אַקטיאָרן: א. אַלעקסאַנדראָוו. מ. קלאָס, ישׂכר האַנדפוס, אַנאַ, לעאָן און מישאַ בלומענטאַל, בערנאַרד סאַוער, דוד קאַפּלאַן, דער יונגער ישׂראל־שוישפּילער אינא טאָפּער, קלאַראַ גאָלדשטיין, ציפּורה וואַלדמאַן.

אַקטיאָרן־פאַריין

—מסיבות לכבוד די געסט־שוישפּילער: שפרה לערער און אינא טאָפּער.

—אָנשלוס צו דער פייערונג פון 70 יאָר „צוקונפט״.

—יערלעכע אונטערנעמונג פאַרן הילפספאָנד. עס איז אויפגעפירט געוואָרן „אונטער פרייע הימלען״ פון זלמן הירשפעלד, רעזשי: יוסף מאַורער.

—אויפנאַמע פאַר הערמאַן יאַבלאָקאָוו.

—געזעגענונג־מסיבה פאַר מ. פּערלמאַן און גיטאַ גאַלינאַ צו זייער פאָרן שפּילן אין ניו־יאָרק — 35־יאָריקע יובליי־פאָרשטעלונג לכבוד דעם שוישפּילער דוד קאַפּלאַן.

—געזעגענונג פאַרן רעזשיסער דוד ליכט צו זיין אָפּפאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע.

—געזעגענונג־מסיבה פאַר די יוגנטלעכע יהודה הירשפעלד און יוסף קאַפּלאַן (די קינדער פון אונדזערע מיטגלידער הירשפעלד־ראַפּעל און דוד קאַפּלאַן), צו זייער עולה זיין קיין ישׂראל. יובל־פייערונג פאַר דער שוישפּילערן עלענאַ שטרייטמאַן, צו איר ווערן 70 יאָר.

—גענעראַל־פאַרזאַמלונג: איז דורכגעפירט געוואָרן אין חודש אָקטאָבער, ביי וועלכער עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פיל וויכטיקע ענינים בנוגע ייִדיש טעאַטער. עס זיינען דערווילט געוואָרן די חברים (אויף צוויי יאָר): מאַורער — פּרעזידענט, הירשפעלד — גענ. סעקרעטאַר, לעדערמאַן — קאַסיר. און די חברים: קלאָס, גולדין, אַלעקסאַנדראָוו, קלאַצקין, ש. צוקער, סאַוער — אין דירעקטיאָן ראַט. רעכענונגס־איבערזעער: שושנה בערדיטשעווסקי און מאָריס סענד.

—ס׳איז געזעגנט געוואָרן די חברטע סוסאַנאַ זאַן, צו איר עולה זיין קיין ישׂראל.

—אזכרה־אַקטן: צום דריטן יאָרצייט פון מאָריס שוואַרץ, צו די שלושים פון ישׂראל פעלדבוים, בן־ציון בערדיטשעווסקי, בן־ציון פאָלעפּאַדע, לעאָן ברעסט, סאַשאַ ראָזנטאַל.

ייִדיש טעאַטער אין דער פּראָווינץ, מיט דער הילף פון ועד הקהילות

גאָר נישט לאַנג צוריק, ס׳איז אין דעם אפשר נישט מער ווי לערך צען יאָר, פלעגן ייִדישע אַקטיאָרן נאָכן פאַרענדיקן דעם סעזאָן אין בוענאָס־איירעס, אַרויספאָרן איבער די קאָלאָניעס און פּראָווינץ־שטעט שפּילן טעאַטער. שטאַרק לייכט איז עס נישט געווען אויך דערצו נאָך זייער שווער און אָנשטרענגענדיק, אָבער עס האָט געצויגן צו שפּילן פאַרן נאָענטן, פאָלקסטים־

לעכן און דאַנקבאַרן עולם פון דער פראָווינץ. לעצטנס אָבער האָט מען אינגאַנצן אויפגעהערט צו פאָרן, מסתמא צוליב די גרויסע הוצאות, וועלכע האָבן נישט געקענט געדעקט ווערן.

דער אַקטיאָרן־פאַריין האָט זיך דעריבער פאַרשטענדיקט מיט ועד הקהילות און מיט דער בוענאָס־איירעסער קהילה און נאָכדעם, ווי עס איז פאַר דעם צוועק באַשטימט געוואָרן אַ סובסידיע, איז מעגלעך געוואָרן עס זאָלן אַרויספאָרן אַ קליינע טרופע און מהגה זיין די פראָווינץ מיט ייִדישער קליינקונסט און אויך גאַנצע פיעסן.

אָנגעהויבן האָט זיך דער טור מיט אַ קליינקונסט־פראָגראַם אין קאַרהוע, דעם 17טן יאַנואַר 1958. דער מאַטעריעלער און אויך מאָראַלישער דערפאָלג איז געווען אַ גוטער, אָבער די הוצאות גרויסע. שבת, דעם 18טן יאַנואַר האָט די טרופע מיט דערפאָלג געשפילט די פיעסע פון קאָברין „די גרויסע ירושה״ אין דער קליינער קאָלאָניע לאַפין. עס איז צו דער פאָרשטעלונג געקומען אַ היפשער יוגנטלעכער ייִדיש־ריידנדיקער עולם. אין דעם גרעסערן ישוב ריוועראַ זיינען געשפילט געוואָרן צוויי פאָרשטעלונגען מיט גאָר אַ גרויסן דערפאָלג דעם 9טן און 21סטן יאַנואַר. די טרופע איז זייער גוט אויפגענומען און באַהאַנדלט געוואָרן פון די אינסטיטוציעס, דער עיקר, פון דער לאָקאַלער קאָאָפעראַטיווע. אין באַהיאַ בלאַנקאַ, די באַדייטנדיקסטע קהילה פון יענער געגנט, איז געשפילט געוואָרן צוויי מאָל, דעם 23סטן און 28סטן יאַנואַר אין ענלעכע באַדינגונגען ווי אין ריוועראַ, כאָטש די פאָרשטעלונגען זיינען פאָרגעקומען אין וואָכנטעג. די צוויי טעג — 25/1 און 26/1, וואָס מען האָט געשפילט אין בערנאַסקאָני, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אמתע ימים־טובים. דאָרטן האָבן זיך פאַרענדיקט די גאַסטשפילן אין די פראָווינצן בוענאָס־איירעס און לאַ־פאַמפאַ און די טרופע האָט זיך אַרויסגעלאָזט קיין ענטרע־ריאָס.

סובסידיעס פון דער קהילה און פענסיעס פאַר אַלטע שוישפילער

באַלד נאָכדעם ווי די אָנפירערשאַפט פון דער קהילה, איז אַריבער אין די הענט פון דער פאַרוואַלטונג בראש מיט אלימלך גוטקין אַלס פרעזידענט און צבי פיינגערש אַלס גענ. סעקרעטאַר — האָט זיך אונדזער מוטער־אינסטיטוציע, אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיטן גורל פון היגן ייִדישן טעאַטער און פון ייִדישן אַקטיאָר. די ייִדישע טעאַטערס באַקומען פון דער קהילה אַ חודשלעכע סובסידיע אין פאַרלויף פון דער צייט וואָס עס האַלט אָן דער סעזאָן.

אויף דער איניציאַטיוו פון קהילה־סעקרעטאַר האָט די קהילה באַשטימט באַשיידענע חודשלעכע פענסיעס פאַר אונדזערע פאַרדינסטפולע וועטעראַנען. דער אויפטו האָט אַרויסגערופן דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג אין דער גאַנצער ייִדישער קולטור־וועלט אַלס אַן אוניקום־דערשיינונג. די נייע קהילה־לייטונג האָט אַרויסגעוויזן דעם ייִדישן אַקטיאָר און זיין פאַריין די זעלביקע וואַרעמקייט און אויפמערקזאַמקייט.

אבדות

אין די לעצטע 6 יאָר האָט אונדזער היגע טעאַטער־משפחה געליטן שווערע אבידות. עס זיינען אַוועק אויפן עולם־האמת גוטע, קרעפטיקע שוישפילער; עס זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פעסטע דעמבעס פון אונדזער וואַלד, וואָס ווערט אַלץ שיטערער. זיי זיינען אַוועק און איבערגעלאָזט אַ וויטיקלעכן בלויז, אַ ליידיק אָרט, וואָס וועט ליידער נישט אַזוי גיך פאַרפולט ווערן... עס איז די טראַגישע סיטואַציע פון דור הולך ודור אינו בא...

נעמען פון די פאַרשטאָרבענע: לעאָניד סאָקאָלאָוו, שמואל זילבערבערג, מרדכי פעלץ, משה גאָלדשטיין, שמואל איריס, מאַרסעלאָ ווייס, ענריקע כייקאָווסקי (טשייקאָ), בן־ציון בערדיטשעווסקי, מינאַ אַקסעלראַד, יצחק און סאָניע לאַכמאַן, אברהם שטרייטמאַן, ישראל פעלדבוים, סאַשאַ ראָזנטאַל, בן־ציון פאָלעפאַדע, משה ליפמאַן און לעאָן ברעסט, ע״ה.
חבל׳ על דאבדין ולא משתכחין...

II

דאָס נישט־פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער

נאַציאָנאַלער יידישער פאָלקס-טעאַטער

אין חודש דעצעמבער פון פאַרגאַנגענעם יאָר, 1962, האָט דער נאַציאָנאַלער יידישער פאָלקס־טעאַטער אָפּגעשלאָסן דעם דריטן סעזאָן פון זיין עקזיסטענץ. פאַקטיש איז שוין אין יאָר 1959 געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער פּרוּוו, וואָס קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַ פּראָלאָג צו דעם אויפקומענדיקן פאָלקס־טעאַטער.

אין דעם יאָר 1959 האָבן די טוער און די שוישפּילער פון דעם היינטיקן פאָלקס־טעאַטער מיט דוד ליכט בראש, ווי אַ ביישטייער צום שלום עליכם־יאָר, אויפגעפירט דעם ספּעקטאַקל „מעשות פון טויזנט און איין נאַכט” פון אונדזער גרויסן הומאָריסט. די דאָזיקע געלונגענע אויפפירונג איז געשפּילט געוואָרן אַלס פּרעמיערע דעם 18טן יולי אין טעאַטער „אַסטראַל” און דערנאָך איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן גאַנצע זעקס וואָכן, יעדן פרייטיק, שבת און זונטיק, ביז צום סוף סעזאָן, אין דעם טעאַטער־זאַל פון דער שלום־עליכם־שול, אויף סעראַנאָ.

די פאַקטישע גרינדונג פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט איז פאָרגעקומען אין די ערשטע טעג פון חודש אַפּריל 1960, אין זאַל פון דער שלום־עליכם שול.

אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זיינען אַנוועזנד געווען געזעלשאַפטלעכע טוער, פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס, צווישן זיי: קהילה, וועלט־קאָנגרעס, קולטור־קאָנגרעס, שרייבער־פאַריין און אַקטיאָרן־פאַריין.

ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגנדיקע אָנפירערשאַפט: פאָרזיצער — משה לעבענדיקער, וויצע —ד״ר ל. זשיטניצקי, סעקרעטאַר — הערמאַן לאַסטער, פּראָ — משה פלאַמבוים, 2טער פּראָ־סעקרעטאַר — שמואל לאַי, אַדמיניסטראַטיווער סעקרעטאַר — יחיאל פרידמאַן, קאַסיר — ישראל קאַרפּעס, פּראָ — יוסף מאַרגאָליס, 2טער פּראָ־קאַסיר — מרדכי פינקוס. וואָקאַלן: ישראל טריסקער, מאַטעס גאָלדפאַרב, אברהם מיטלבערג, פּסח פּאָדראַבינעק, משה גאָלדשטיין, א. עפּעלבוים, אברהם מאָשקאָוויטש, סאַלאָמאָן קריסטאַל, שניאור וואַסערמאַן, מענדל ליפשיץ, יעקב בלאַט, חיים טשאַלקאָף, משה קאָרין, שמואל ווינדלער און י. פינטשוק.

די דערעפענונגס־פּרעמיערע פון נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־טעאַטער, איז פאָרגעקומען דעם 18טן יוני 1960, אין טעאַטער „אַלוועאַר”, מיט דער אויפפירונג: „אַ וועלט מיט יידן”, לויט די מחברים משה קולבאַק, בערל גרינבערג און רות יואלית; אינסצעניזירט און רעזשיסירט דורך דוד ליכט. דערנאָך איז די פאָרשטעלונג געשפּילט געוואָרן אין טעאַטער־סאַלאָן פון דער שלום עליכם־שול, אַריבער צוויי חדשים.

די צווייטע אויפפירונג אין דעם זעלבן סעזאָן איז געווען „פון אונדזער אוצר” פינף איינאַקטערס, לויט די מחברים: י. ל. פּרץ, דוד בערגעלסאָן, יגאל מאָסענזאָן און מענדעלע מוכר ספרים — אינסצעניזירט און רעזשיסירט דורך דוד ליכט. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַזביידע אויפפירונגען, דאָס שפּילן ווי די רעזשי, האָבן אַרויסגערופן גרויס אָנערקענונג, סיי ביי די באַזוכער און סיי ביי דער טעאַטער־קריטיק.

ביז גאָר געוואַגט, און מיט גרויס דערפאָלג, האָט דער נאַציאָנאַלער יידישער פאָלקס־טעאַטער אָנגעפאַנגען זיין צווייטן סעזאָן אין יאָר 1961, מיטן אַראָפּברענגען אַ רעזשיסער פון ישראל.

אין די ערשטע טעג פון חודש אַפּריל, פון דערמאָנטן יאָר, איז אַהער געקומען דער רעזשיסאָר יוסף שיין. די ערשטע פאָרשטעלונג, פאַוול קאָהוטס פּיעסע „אַזאַ ליבע”, איבערזעצט פון משה קויפמאַן, איז פאָרגעקומען אין חודש מאַי; אין חודש יולי, פון זעלבן יאָר, איז פאָרגעקומען די צווייטע פּרעמיערע — אפרים קישונס קאָמעדיע „זיין נאָמען רעדט שוין פאַר זיך”. אין סעפּטעמבער איז געקומען די דריטע אויפפירונג: לאה גאָלדבערגס דראַמאַטישע פּיעסע „די האַרינטע פון שלאָס”. אַלע דריי אויפפירונגען, האָבן אַרויסגערופן לויב פאַר די שוישפּילער און

טוער פון נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־טעאַטער. אַ חוץ דעם, וואָס יוסף שיין האָט אויפגעפירט די דערמאָנטע דריי פּיעסן, האָט אין דעם זעלבן סעזאָן אויך מיטגעאַרבעט אַלס קינסטלערישער לייטער דוד ליכט, וועלכער האָט איינגעשטעלט מיטן אַנסאַמבל קליין־קונסט־נומערן, כדי צו באַדינען קולטור־אינסטיטוציעס און דעם פּראָגראַם פאַר די קהילה־פּרימאָרגנס. דעם זעלבן יאָר האָט דער נאַציאָנאַלער יידישער פאָלקס־טעאַטער געגעבן אַ סך פאָרשטעלונגען אין פאַרשיידענע געגנטן פון שטאָט און איז אויך אַרויסגעפאָרן שפּילן אין ראָזאַריאָ, סאַנטאַ־פע, פּאַראַנאַ און אין מאָנטעווידעאָ און אויך זיך באַטייליקט, זייענדיק פאַרבעטן פון דער קהילה, צו די פייערונגען פון דעם ערשטן לערער־אַרויסלאָז פון סעמינאַר אין מאָזעסוויל.

אין פאַרגאַנגענעם יאָר, אונטערן צייכן פון אַ פאַרשטאַרקן פּאָליטישן אוןווירטשאַפטלעכן קריזיס, האָט דער נאַציאָנאַלער יידישער פאָלקס־טעאַטער דערפאָלגרייך פאַרענדיקט דעם סעזאָן. צום אָנהייב פון סעזאָן האָט מען געשפּילט לאה גאָלדבערגס „די האַרינטע פון שלאָס”. דאַן איז געקומען דוד ליכטס אַ גרויסע אויפפירונג „אויף פּחדנים וועט מען משפטן” פון לעאָן קרוטשקאָווסקי. אין דער צווייטער העלפט פון סעזאָן אין זאַרבעטן געוואָרן אַלס רעזשיסער זשאַק אַרנט, וועלכער האָט אויפגעפירט די קאָמעדיע „יעקב און קריסטיאַן” פון סאַמי גראַנעמאַן, איבערגעזעצט פון י. פרידמאַן.

אין די אַלע דערמאָנטע אויפפירונגען האָבן אָנטיילגענומען די פאָלגנדיקע שוישפּילער: דוד טשעכאָווסקי, פריידל לאָנדאָן, יעקב לעוו, י. מילשטיין, גאָלדע פלאַמי, זישע גאָלדוואָסער, יוסף קאָבלענץ, רבקה רינעק, סאָניע סילווע, משה יאַבלאָנקאָווסקי (אַגאַשקא), הינדע קאַניעווסקי, נחה באַראַט, אברהם בינדער, סאַמועל סטעל, אַדאָלפאָ קירשמאַן, רבקהלע רעבען, דוד שערעשעווסקי, לויס מינצעס, פייגעלע ליבערמאַן, לויס ראָזענבערג, יצחק ליכטענשטיין, ראָזענפאַרב און ווינטער.

ביים נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־טעאַטער עקזיסטירט אויך אַ טיכטיקע פרויען־קאָמיסיע, וואָס פירט אַ ברייטע טעטיקייט.

די פּלענער פון נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־טעאַטער צום נייעם סעזאָן זיינען: ברענגען אַ פּערמאַנענטן רעזשיסאָר, וואָס זאָל אויך אָנפירן מיט אַ טעאַטער־שול צו בילדן נייע קאַדרען יונגע שוישפּילער פאַר דער בינע. מען טראַכט אויך צו צו ווערבירן מיטגלידער כדי צו פאַרזיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־טעאַטער.

„אַרטעאַ”

די גרופּע יוגנטלעכע טעאַטער־ליבהאָבער אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון מאַקס בערלינער, האָט פאַר די לעצטע יאָרן אויפגעפירט די פאָלגנדיקע פּיעסן:

אין יאָר 1957: „דער ליגנער” פון אברהם גאָלדפאַדען; „משפט מיך” פון יהודה עלבערג; „דער זאָאָ פון קרישטאָל” פון טענעסי וויליאַמס; „איי לייק מייק” פון אהרן מגד (אין עברית).

אין יאָר 1958: „געוואַלד ווען שטאַרבט ער” פון חנא גאָטעספעלד.

אין יאָר 1959: „מענטשן” פון שלום־עליכם.

אין יאָר 1960: „מיכל בת שאול” פון א. אַשמאַן (אין שפּאַניש); „הם יגיעו מחר” פון נתן שחם (עברית); רעזשי נ. שמילעווסקי.

צוליב אידעישע חילוקי־דעות האָט זיך „אַרטעאַ” געשפּאָלטן. דער רעזשיסער און גרינדער פון דעם טעאַטערל, מאַקס בערלינער, האָט זיך מיט אייניקע יוגנטלעכע אָפּגעטיילט און געשאַפן אַ גרופּע אד״נ „אברהם גאָלדפאַדען”. זיי האָבן אויפגעפירט די איינאַקטערס: „מאַסקעס” פון משה דלוזשנאָווסקי; „אורזאַך” פון אברהם רייזען, „שבתי־צבי” פון י. זשולאַווסקי.

די געבליבענע „אַרטעאַ” האָט אויפגעפירט די אַרגענטינער פּיעסע „דער קאַסיר איז אַרויס אויף אַ ווילע” פון אַורעליאָ פערעטי (אין יידיש). שפּעטער זיינען זיי איבערגעגאַנגען אויף

שפּאַניש — ביז די גרופּע איז זיך צעפאַלן און טיילווייז זיך צונויפגעגאָסן מיטן נאַציאָנאַלן יידישן פאָלקס־טעאַטער.

קינדער־טעאַטער

עס זיינען געווען פאַרשידענע פּרוּוון צו שאַפן אַ סטאַביל קינדער־טעאַטער ביי דער שלום עליכם־שול און ביי דער שול „מדינת ישראל”.

איןביידע שולן איז אונטער דער רעזשי פון מאַקס בערלינער אויפגעפירט געוואָרן:

„די גליקלעכע” פון ע. שטיינבערג; „די מוראַזשקעס”; „טוביה דער מילכיקער” פון שלום עליכם; „מאָטל פּייסי דעם חזנס” פון שלום־עליכם; „נאָכן גאָט פון מדבר” פון ק. מאָלאָדאָווסקי; „אויף אַרגענטינער ערד” פון מ. אַלפּערסאָן; „לעבן און שאַפן פון דר. הערצל” פון מ. בערלינער; „13 יאָר מדינת־ישראל” פון מ. בערלינער; „דער אָרענדאַר” פון י. ל. פּרץ; „שולמית” פון א. גאָלדפאַדן.

„טעס”

אַ גרופּע יונגע לערער און אביטוריענטן פון סעמינאַר, אונטער דער ליטונג פון שמואל ראָזשאַנסקי האָבן אויפגעפירט:

אין יאָר 1958: „סערקעלע” פון ד״ר שלמה עטינגער.
אין יאָר 1959: „די גאָלדענע קייט” פון י. ל. פּרץ.
אין יאָר 1960: „צווישן פאַלנדיקע ווענט” פון שמערקע קאַטשערגינסקי.
אין יאָר 1962: „פּאַמיליע צבי” פון דוד פּינסקי; „מוסר” פון י. ל. פּרץ; „די הייליקע” פון דוד פּינסקי.

„יונג יידיש טעאַטער”

אַ גרופּע ביים קולטור־קאָנגרעס האָט אויפגעפירט אין 1957:

„מענטשן” פון שלום־עליכם, רעזשי יעקב דענקער; „מזל טוב” פון שלום־עליכם, רעזשי יעקב דענקער.

טעאַטער־פּרוּוון אויף העברעאיש

אויף דער איניציאַטיוו פון דעם עקשנותדיקן, אידעאַליסטישן העברעיסט טוביה בן אפרים אַלייסקער און פון זיין טאָכטער בת־עמי (די משפחה לעבט היינט אין ירושלים) האָט זיך אין יאָר 1946 געשאַפן אַ גרופּע ליבהאָבער פון העברעיש טעאַטער. וועלכע האָבן במשך פון יאָרן אויפגעפירט אונטער דער רעזשי פון זלמן הירשפעלד אַ ריי ספּעקטאַקלען.

אין יאָר 1958 האָט דער ישראל־רעזשיסער משה הלוי צונויפגעשטעלט אַ גרופּע און אויפגעפירט זיין אָריגינעלן ביבלישן ספּעקטאַקל, „יעקב ורחל” מיטן פּראָפעסיאָנעלן שוישפּילער זלמן הירשפעלד אין דער ראָל פון לבן הארמי.

שפּעטער האָט זיך די גרופּע רעאָרגאַניזירט אונטערן נאָמען „נחת (נוער חובב תיאטרון) און זלמן הירשפעלד האָט מיט זיי אויפגעפירט די אַקטועלע איינאַקטיקע קאָמעדיעס פונעם ישראלדיקן הומאָריסט אפרים קישון: „זיגי וחבובה”, „יד לפה”, „אתה האיש”.

אויך דער רוב באַטייליקטע אין „נחת” זיינען למזל עולה געווען קיין ישראל.

עס האָט אויך עקזיסטירט אַ קורצע צייט אַ גרופּע „מסך”, אָנגעפירט פון פּעדאַגאָג ברוך טענענבוים.

טעטיקייטן פון אַרגענטינער ייִוואָ פאַר די לעצטע 6 יאָר

דעם קומענדיקן יאָר וועט דער אַרגענטינער ייִוואָ פייערן זיין 35סטן יובילײ, וואָרום די גרופּע „פריינד פון ווילנער ייִוואָ״, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט זאַמלען געלט און דאָקומענטן פאַרן ייִוואָ אין ווילנע, און איז געווען דער יסוד פונעם היינטיקן „ייִוואָ״, האָט זיך געשאַפן אין יאָר 1928 אין בוענאָס־איירעס.

היינט צו טאָג איז דער אַרגענטינער ייִוואָ אַ זעלבשטענדיקע קולטור־אינסטיטוציע מיט אַ ביבליאָטעק (די גרעסטע ייִדישע ביבליאָטעק אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט), געז׳ אַרכיוו, מוזי, פאַרלאַג, לעקציע־אוידיטאָריעס, אויסשטעלונגען אאַז״וו.

מיר גיבן דאָ אין קורצע שטריכן די טעטיקייטן פון די באַזונדערע סעקציעס פון ייִוואָ פאַר די לעצטע 6 יאָר.

ביבליאָטעק (צענטראַלע און ליי־ביבליאָטעק)

וועגן דעם שנעלן וווּקס פון די ביידע ביבליאָטעקן זאָגן עדות די ווייטערדיקע ציפערן: ביזן יאָר 1956 זיינען פאַררעגיסטרירט געוואָרן 33.700 איינסן אין דער צענטראַלער און 11.200 אין דער ליי־ביבליאָטעק. היינט צו טאָג פאַרמאָגט די צענטראַלע ביבליאָטעק אַריבער 40 טויזנט ביאָ־ביבליאָגראַפישע איינסן און ביי די 20.000 איינסן פאַרמאָגט די ליי־ביבליאָטעק. די צוגעקומענע ביכער זיינען אַריין דורך קניות און מתנות. אַזוי זיינען אַריין די עזבונים פון די פאַרשטאָרבענע משה לייוואַ, (אַריבער 4.000 איינסן), יוסף אָקסענצאָוו, מ. קיפּען, מ. רעגאַלסקי, יוסף העקמאַן און נאָך אַנדערע. די ביכער אין דער צענטראַלער ביבליאָטעק זיינען אין די ווייטערדיקע שפּראַכן: ייִדיש, העברעיִש. שפּאַניש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש, רוסיש, פּויליש, פּאָרטוגעזיש, רומעניש, לאַדינאָ, עספּעראַנטאָ און נאָך אַנדערע.

פאַר די לעצטע 6 יאָר איז די צאָל באַזוכער אין ביידע ביבליאָטעקן געווען 30′860 — זיי האָבן זיך באַנוצט מיט 104.578 ביכער.

אַרכיוו

די 140 געביטן פון געזעלשאַפטלעכן אַרכיוו ביים ייִוואָ זיינען פאַר די לעצטע 6 יאָר באַדייטנדיק באַרייכערט געוואָרן מיט נייע דאָקומענטן און קאָלעקציעס פון פריוואַטע אַרכיוון פון קאָלאָניסטישע און געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער, אַקטיאָרן אאַז״וו. פאַר די לעצטע יאָרן זיינען אַריין אין אַרכיוו וויכטיקע זאַמלונגען פון מ. קיפּען ע״ה, וועלכע אַנטהאַלטן זעלטענע דאָקומענטן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין רוסלאַנד; פון קאָלאָניסטישן עסקן שמואל יואל הורוויטש, פון י. אַקסענצאָוו און נאָך אַנדערע. פון ישראל באַקומט דער אַרכיוו סיסטעמאַטישע שיקונגען פון ייִוואָ־זאַמלער (פאַרשיידענע דרוק־זאַכן פון כלערליי ישראל־אינסטיטוציעס). בסך־הכל פאַרמאָגט דער אַרכיוו פון אַרגענטינער ייִוואָ העכער אַ מיליאָן און האַלב איינסן.

דער פּעריאָדיק־אַרכיוו איז קאַטאַלאָגירט און פאַרמאָגט 60.449 איינסן (4.035 אויסגאַבעס, צווישן זיי 179. ייִדישע און העברעיִשע און 1.856 פרעמד־שפּראַכיקע), וועלכע זיינען דערשינען אין 5 קאָנטינענטן (42 לענדער, 171 שטעט). די אויסגאַבעס זיינען פאַרצייכנט אין 78 קאַטאַלאָגן.

מוזיי

דער מינקאָווסקי־מוזיי ביים ייוואָ פאַרמאָגט פאַרשיידענע קונסט־אָביעקטן פון יידישן שטייגער — יקר המציאותן, זעלטענע דרוקן, בריוו פון פערזענלעכקייטן און 59 מינקאָווסקי־בילדער. דער מוזיי פירט דורך יאָר־יערלעך פאַרשיידענע אויסשטעלונגען. פאַר די לעצטע 6 יאָר זיינען דורכגעפירט געוואָרן די וויטערדיקע אויסשטעלונגען: 1) פון יידיש־סאָוועטישע איסגאַבעס (באַגלייט פון אַ ציקל לעקציעס וועגן דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד), 2) גראַוויורן פון ישראל האָפמאַן, 3) געטאָ־ און לאַגערן־מאַטעריאַלן (צום 15טן יאָרצייט נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ), 4) 60 יאָר יידיש געדרוקט וואָרט אין אַרגענטינע, 5) שלום־עליכם־אויסשטעלונג (בשייכות מיט זיין 100־יעריקן געבוירנטאָג), 6) בילדער און גראַוויורן פון די היגע קינסטלער־מאָדערניסטן א. וויינשטיין און א. באַלאַן, 7) פון היגע פאַרשטאָרבענע קינסטלער (מ. אייטשעלבוים, לעאָ ב. אייכהאָרן, אידאַ וויסמאַן, הערש זיידענבייטל, רפאל מאַנדעלצוויג, מאָריץ מינקאָווסקי, בנימין נעמיראָווסקי, משה פייגענבלום), 8) פון סקולפּטאָר ישראל האָפמאַן, 9) מאָריץ מינקאָווסקי צום 30סטן יאָרצייט נאָך זיין טראַגישן טויט, 10) חורבן־מאַטעריאַלן (בשייכות מיטן אייכמאַן־פּראָצעס), 11) גראַוויורן פון בערנאַרדאָ סמענער, 12) פון 14 ישראל־מאַלער, 13) גראַוויורן פון בערנאַרדאָ פעדערמאַן, (סינאַגאָגעס און שולן אין פוילן און אַנדערע לענדער), 15) רעפּראָדוקציעס פון מאַרק שאַגאַל (צו זיין 75סטן געבוירנטאָג), 16) צייכענונגען פון שול־קינדער.



ביכער אויסשטעלונג אין „ייוואָ“.

די אַלע אויסשטעלונגען זיינען געווען גוט באַזוכט און באַגלייט מיט צוגעפּאַסטע רעפּע־

ראַטן. בעת דער לעצטער אויסשטעלונג פון די קינדער־צייכענונגען זיינען געווען געווידמעט ספּעציעלע אָוונטן די וויטערדיקע שולן: שלום־עליכם־שול, זלמן רייזען־שול, הרצליה־שול און שולע תל־אביב נומ׳ 3. עס האָבן זיך באַטייליקט אין די אָוונטן די לערער און די שילער.

פאַרלאַג

פאַר די לעצטע 6 יאָר זיינען דערשינען ביים פאַרלאַג פון אַרגענטינער ייִוואָ די וויטערדיקע אויסגאַבעס:

1) אַרג׳ ייִוואָ־שריפטן נומ׳ 6 — אַ זאַמלונג אַרבעטן צו דער געשיכטע פון היגן ישוב (1956.

2) אַרג׳ ייִוואָ־שריפטן נומ׳ 7 — אַ זאַמלונג אַרבעטן צו דער געשיכטע פון היגן ישוב (1958).

3) אַברהם רעכטמאַן — ייִדישע עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר — זכרונות וועגן אַ עטנאָגראַפישער עקספּעדיציע אויף אוקראַיִנע אין די יאָרן 1912־1914 אָנגעפירט דורך ש. אַנסקי (1958).

4) מינקאָווסקי־אַלבאָם (צווייטע אויפלאַגע) — אַ קונסט אויסגאַבע מיט 37 רעפּראָדוקציעס פון וועלט־באַרימטן מאָלער — מיט אַ פאָרוואָרט פון ד״ר ל. זשיטניצקי (1958).

5) אַ שפּאַנישער זאַמלבוך וועגן ייִדישע טעמעס Estudios y Ensayos sobre los tópicos Judíos (1958).

6) מרדכי וו. בערנשטיין „נישט דערברענטע שייטן״.

7) ד״ר יעקב שאַצקי־בוך — אַ זאַמלונג פון בריוו און עסייען און אַ פולע שאַצקי־ביבליאָגראַפיע (1958).

8) שלום־עליכם־אַלבאָם — 60 אויסגעקליבענע בילדער פון שלום־עליכמען, וואָס שפּיגלען אָפּ פאַרשיידענע עפּאָכעס פון זיין לעבן; אויך אילוסטראַציעס פון זיינע טעאַטער־פּיעסן און פּערסאָנאַזשן (1959).

9) אַרג׳ ייִוואָ־שריפטן נומ׳ 8 — געווידמעט דער ייִדישער אַגראַר־קאָאָפּעראַציע (1961).

10) סאָוועטישע הרוגי־מלכות פון אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ — אַ זאַמלונג פון עסייען וועגן די ייִדיש־סאָוועטישע אומגעקומענע שרייבער. אַ ריי בריוו פון די שרייבער אין פאַרשיידענע פּעריאָדן. אַנטהאַלט אַ גרויסע צאָל פאָטאָס און ביאָ־ביבליאָגראַפישן לעקסיקאָן פון די סאָוועטישע שרייבער (1962).

עס איז פאַראויסגעזען אַרויסצוגעבן: 9טער באַנד אַרג׳ ייִוואָ־שריפטן.

אַ שפּאַנישע איבערזעצונג פון פּראָפ׳ י. בעערס „תולדות היהודים בספרד הנוצרית״ — אַ גייסטע פאָרשונג וועגן דער שפּאַנישער אינקוויזיציע אויף דער באַזע פון אויטענטישע מאַטעריאַלן.

אַ בוך זכרונות פונעם ייִדישן קאָלאָניסטישן וועטעראַן יצחק קאַפּלאַן.

11) אַן אָפּהאַנדלונג וועגן רמב״ם (אין שפּאַניש) פון יוגנטלעכן אָגיניס.

לעקציע־ציקל ביים ייִוואָ

די שבת־פּאַרנאַכטיקע לעקציעס אין ייִוואָ ציִען צו אַ גרויסן עולם צוהערער. די טעמאַטיק פון די לעקציעס — צוגעפּאַסט צו פאַרשיידענע דאַטעס פון ייִדישן לעבן, זיינען געווידמעט דער ייִדישער ליטעראַטור, טעאַטער, דראַמע, וויסנשאַפט, פאָלקלאָר, דערציִונג, ישראל־פּראָבלעמען אאַז״וו. די וויטערדיקע לעקטאָרן זיינען אַרויסגעטראָטן פאַר די לעצטע 6 יאָר פאַר די ייִוואָ־אוידיטאָריע (לויטן א״ב): רחל אדיב, י. אַשענדאָרף ע״ה, י. איסאַקסאָן, אפרים אויער־

באַך, ישראל אָטיקער, י. ארטוסקי, י. באָטאָשאַנסקי, מ. בערנשטיין, איסר בן־צבי, דב בר־ניר, מאיר בורסוק, ד״ר מיכל גורן, י. ל. גרוזמאַן ע״ה, יואל גאַק, ב. געבינער, ד״ר לעאָן דוכאָווגע, זלמן הירשפעלד, ד״ר יעקב הר־אבן, ברוך הויכמאַן, מרדכי הערבסט, זלמן וואַסערצוג, שניאור וואַסערמאַן, אברהם זאַק, ד״ר ל. זשיטניצקי, א. זאפראן, י. זרובבל, י. ל. חדקל, מאַרק טורקאָוו, יצחק יאַנאַסאָוויטש, א. יורקעוויטש, פּראָפ׳ אַרטור לערמער, ריקל לעוו, י. ליפסקי, פּאַליק לערנער, ד״ר משה מערקין, ד״ר מנחם געלערטער, ד״ר א. מבשן ע״ה, ד״ר רפאל מאהלער, ש. נייהויז, גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, שמחה סנה, ד״ר מאיר עדעלביים, ד״ר בערל פרימער, חיים פּינקעלשטיין, יצחק פּאָדלובנע, יוסף פּערלמאַן, אברהם פּעסקין, נחמיה צוקער, ד״ר יהודה קאַפּ־

ייוואָ־אויסשטעלונג געווידמעט חורבן און ווידערשטאַנד.

לאַן, מרדכי קויפמאַן, משה קנאָפּהייס, ט. קראַיען, פּראָפ׳ יחיאל קיעל, מ. קאָנסטאַנטינער ש. ראָזשאַנסקי. שלום ראָזענבערג, יוסף רויזען, יוסף שיין, פּראָפ׳ מ. שדמי, מ. שפּרינגבערג, ד״ר מ. שטיינבערג, נ. שאַפּראַן, משה שענדעריי, אריה שמרי.

אין די ראַמען פון די לעקציע־ציקלען זיינען אויך פאָרגעקומען אַ ריי קאָנצערטן פון ייִדישן און העברעיִשן ליד. עס זיינען אַרויסגעטראָטן מיט זייערע רעפּערטואַרן: רבקה קליניצקי — לעאָן וויינער, כואַניטאַ לעווין, ראַקעל ציפּריס, סימאַ קאַפּלאַן, אסתרל פליישמאַן, די פּיאַנאָ־קאָנצערטיסטין סוסאַנאַ זינגער, ברוך גראַבאָווסקי — נאָרמאַ לערער, דאָראַ ווינדלער, יעקב דענקער, יוסף מאַורער, זלמן הירשפעלד.

מיט ספּעציעלע קאָנצערטן זיינען אויפגעטראָטן: בערטאַ זינגערמאַן, יהודית מאָרעצקי, קוואַרטעט „כינור״, ברוך גראַבאָווסקי, רבקהקליניצקי. עס איז אויך פאָרגעקומען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג לטובת דעם ייִוואָ פון נאַציאָנאַלן ייִדישן פאָלקס־טעאַטער.

אין יאָר 1961 האָט זיך אין ייִוואָ אָנגעהויבן דער קולטור־זמן מיט אַ קורס וועגן דוד פּינסקי

און זיין שאַפן, דיקטירט פון שמואל ראָזשאַנסקי. דער קורס האָט אַרומגענומען 10 לעקציעס, וועלכע זיינען געווען גוט באַזוכט פון שטודירנדיקער יוגנט, לערערס, אַבסאָלווענטן פון ייִדישע מיטלשולן אאַז״וו.

טאָג פון ייִדישן ניגון

דער „טאָג פון ייִדישן ניגון", וואָס דער ייִוואָ אָרדנט איין יעדן סוף קולטור־זמן איז געוואָרן אַ טראַדיציע אין אונדזער ישוב. דער יום־טוב, וואָס איז אַ פעסטיוואַל פון ייִדישער און העברעיִשער נגינה, קומט פאָר אויף דער פרייער לופט, אין זומער־וווינונג פון קאַרלאָס פּאַברי־קאַנט. די וויטערדיקע זינגער, זינגערינס, אַרטיסטן האָבן די לעצטע יאָרן בייגעטראָגן פאַרן פּראָגראַם פון „טאָג פון ייִדישן ניגון" (לויטן א״ב): אהרן גוטמאַן, זישע גאָלדוואַסער, יעקב דענקער, זלמן הירשפעלד, לעאָן ווײַנער, דאָראַ ווינדלער, פאַני זאָלזשינסקי, מאַקס זאַלקינד, יצחק ליפּסקי, כּואַניטאַ לעווין, סאָפיאַ מאָר, זשעני פּאַסטערנאַק, מאַקס פורמאַנסקי, מאַרקאָס קאַץ, רבקה קליניצקי, אסתר ראַפּעל, דבורה רייזמאַן. דער לייטער פון כאָר ביי דער קהילה, בערנאַרדאָ פייער, זינגט איין מיטן עולם פאַרשיידענע ייִדישע און העברעיִשע לידער.

„ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייִוואָ" פאַר „מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור"

די דאָזיקע געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן דעם 23סטן סעפּטעמבער 1961, אויף דער איניציאַטיוו פון שמואל ראָזשאַנסקי, רעדאַקטאָר פון די „מוסטערווערק". די געזעלשאַפט אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע אַרבעט, אָרדנט איין יעדן מאָנאַט אין ביבליאָטעק־זאַל פון ייִוואָ אָוונטן געווידמעט דער ייִדישער ליטעראַטור, מיט דער באַטייליקונג פון יוגנטלעכע קרעפטן. די דאָזיקע געזעלשאַפט איז אַן אומאָפּהענגיקע און ווערט אָנגעפירט דורך שמואל ראָזשאַנסקי.

פרויען־גרופּע ביים ייִוואָ

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך געגרינדעט אַ פרויען־גרופּע ביים ייִוואָ, וועלכע איז געווען זייער אַקטיוו ביים איינאָרדענען פאַרשיידענע אונטערנעמונגען לטובת דעם ייִוואָ און ספּעציעל ביים „טאָג פון ייִדישן ניגון".

פאַרוואַלטונג פון ייִוואָ פאַרן פּעריאָד 1962־1964

פאָרזיצער — — — — — — — — — — — — ד״ר ל. זשיטניצקי
1טער וויצע־פאָרזיצער — — — — — — — — — אברהם זאַק
2טער וויצע־פאָרזיצער — — — — — — — — — מאָטיע מייזליש
סעקרעטאַר — — — — — — — — — — — — אהרן יורקעוויטש
פּראָ־סעקרעטאַר — — — — — — — — — — — ש. מ. רעכעס
קאַסיר — — — — — — — — — — — — — א. פישמאַני
פּראָ־קאַסיר — — — — — — — — — — — — י. האָפּער
אַקטן־סעקרעטאַר — — — — — — — — — — דוד גייסט

מיטגלידער: דוד אײַזענבערג, י. בלאַנק, שלום דיאַמענט, ב. עדעלשטיין, מ. פרישמאַן, ש. גדוד, יונה גאָלצבערג, ברוך איסמאַך, ש. קאַמפּעל, ב. קוויאַטעק, מ. קוויאַטעק, מ. מייערן־לאַזער, וו. אָרזשעך, י. פּעקער, וואָלף ווײַנבערג, י. סטאָלאָוויטש, חנן וואָלינסקי, ה. וואַסערמאַן, נ. צוקער.

נ. קריטשמאַר

דער שרייבער־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג״

ערשטע יאָרן

געגרינדעט אין יאָר 1922, אויף דער איניציאַטיווע פון הערש דוד נאָמבערג, בעת זיין באַזוך אין אַרגענטינע, איז דער פאַראיין צוערשט געווען אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט אויך איינגעשלאָסן די יידישע אַקטיאָרן, נאָר אַ צייט שפּעטער איז ער רעאָרגאַניזירט געוואָרן דעפיניטיוו אונטערן נאָמען „ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין ה. ד. נאָמבערג״, אין צייכן פון אָנערקענונג פאַרן גרויסן יידישן שרייבער, וואָס האָט אינספּירירט זיין גרינדונג.

צו יענער צייט איז נאָך אונדזער ישוב געווען יונג. ווייניק שרייבער, דערהויפּט פּראָפעסיאָנעלע האָבן מיר דאָ געהאַט. דערפאַר איז דער עטישער מאָטיוו, געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע וואָס האָט פאַרבינדן צווישן זיך די קליינע שרייבער־משפחה, וואָס האָט געמאַכט אַ שווער לעבן פון אַלערליי אַרבעטן, אָבער נישט פון שרייבעריי. דער ישוב איז בכלל געווען אָרעם, די צייטונגען האָבן קוים געקענט געבן קאַרג צום לעבן דעם הייפעלע שרייבער, וואָס זייער פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירטקייט, וואָלט סיי־ווי־סיי ווייניק־וואָס צוגעגעבן.

דאָס אָפּהיטן די עטישע פּרינציפּן פון שרייבעריי איז געווען, אין משך פון יאָרן, דער עיקר טעטיקייט פון די פאַרשידענע פאַרוואַלטונגען.

ס׳איז אויך אָנגעפירט געוואָרן אַ קולטור־אַרבעט און נישט געקוקט אויף די אָנגעוויזענע שוועריקייטן, האָבן די שרייבער דאָך זיך נישט אונטערגעגעבן און אָנגעפירט אַן עקשנותדיקע אַרבעט, אַפילו אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער פאַרטיידיקונג.

דער שרייבער־פאַראיין ווערט רעאָרגאַניזירט

אין משך פון קנאַפּע 30 יאָר האָבן זיך געביטן פאַרוואַלטונגען וואָס האָבן געהערט צו איינער אָדער אַ צווייטער גרופּע, לויט איר אָנגעהעריקייט צו די צוויי יידישע צייטונגען. קיין שלום האָט נישט געהערשט. די אַרבעט איז דעריבער געווען אַ באַשרענקטע.

די לעצטע 12־13 יאָר האָט זיך די לאַגע פיל געבעסערט. די פאַרוואַלטונג וואָס איז געוויילט געוואָרן אין יאָר 1951 איז מיט קליינע שינויים איבערגעוויילט געוואָרן אין משך פון דער גאַנצער צייט.

די געוויילטע פאַרוואַלטונג אין יאָר 1951 מיט יעקב באָטאָשאַנסקי אַלס פאָרזיצער, האָט אַקטיוויזירט די קולטור־אַרבעט פון פאַראיין. די ליטעראַרישע אָוונטן וואָס מיר האָבן גלייך אָנגעהויבן דורכפירן, די קולטור־אַקטן, די מסיבות צום דערשיינען פון נייע ביכער פון קאָלעגן, האָבן גענומען ציִען אַ גרויסן עולם. גאָר גיך איז צושטאַנד געקומען די פאַרבינדונג מיט דער גרויסער יידישער וועלט. די איניציאַטיוו אַראָפּצוברענגען אַן אָנגעזעענעם יידישן שרייבער איז קאָנקרעטיזירט געוואָרן. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויפן באַרימטן שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו ע״ה.

אָפּאַטאָשוס זיין אין אַרגענטינע האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיטן אָנקומען פון די שרייבער־פליטים, וואָס צו זייער קומען צו אונדז האָט דער פאַראיין מיטגעהאָלפן. דער אויפלעב אין אונדזער ליטעראַרישער סביבה איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. דער גרויסער שרייבער

האָט עפנטלעך דערקלערט אַז „ער האָט זיך דערוואַרעמט אין דער יִידישער סביבה פון אַרגענטינע, אַז דאָס דערמאָנט אים אין דער אַלטער היים”.

דער קולטור־סעזאָן פון 1952, מיט אָפּאַטאָשון ווי דער שרייבער־גאַסט פון ישוב, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם און שטאַרק געהויבן דעם פּרעסטיזש פון פאַראיין. אין אַ יאָר אַרום, אין 1953, איז געלונגען אַראָפּצוברענגען פון ישראל דעם באַרימטן דיכטער פון דער גרופּע יונג־ווילנע, דעם מייסטער פון יִידישן ליד, אברהם סוצקעווער.

אויב אָפּאַטאָשוס זיין דאָ איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג און האָט פאַרשאַפט כבוד דעם שרייבער־פאַראיין, איז סוצקעווערס קומען און זיינע ערשטע רעפעראַטן, פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ סענסאַציע. סיי דער ברייטער עולם, סיי די פיינשמעקער, זענען אַלע געווען באַגייסטערט פון די הויך־פּאָעטישע רעדעס פון יונגן דיכטער און פון זיינע מייסטערהאַפטע קינסטלערישע שילדערונגען פון דער חורבן־עפּאָכע וואָס ער האָט דורכגעמאַכט.

בעת סוצקעווער איז געווען אונדזער גאַסט, איז ער אַלט געוואָרן 40 יאָר. און אָט די דאַטע איז געפייערט געוואָרן דורך דעם שרייבער־פאַראיין. און ס׳איז דעם פּאָעט פון די געטאָ־לידער צוגעטראָגן געוואָרן אַ מתנה די לוקסוס־אויסגאַבע פון אַן אָפּקלייב פון זיינע ווערק, וואָס דער דיכטער האָט באַטיטלט: „פון דריי וועלטן”.

דער ישוב האָט, ווי געזאָגט, די שרייבער־געסט אַרומגערינגלט מיט וואַרעמקייט, ליבשאַפט, אָנערקענונג און פּיעטעט; מען האָט מאַסנווייז געשטראָמט צו זייערע לעקציעס. דער פאַראיין האָט צו זיי חלילה נישט דערלייגט, נאָר, פאַרקערט, ער האָט נאָך ברייטער געקענט פאַנאַנדערוויקלען זיין קולטור־אַרבעט.

עס האָט אויסגעזען ווי דער שרייבער־פאַראיין וואָלט זיך אונטערגענומען צו באַזאָרג דעם ישוב מיט אויסלענדישע געסט און גלייכצייטיק אויסברייטערן דעם קרייז אָפּנעמער פון יִידישער ליטעראַטור. ס׳איז אָבער אונטערגעקומען אַ זייער לויבנסווערטע איניציאַטיווע פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער בוענאָס־איירעסער קהילה צו איר ביכער־חודש, אַראָפּצוברענגען גרויסע יִידישע שריפטשטעלער און לעקטאָרן, געבנדיק דעם עולם אַ מעגלעכקייט צו הערן אומבאַצאָלט די בעסטע רעפעראַטן.

פאַרשטייט זיך אַז דער שרייבער־פאַראיין האָט נישט געקענט און אויך נישט געוואָלט, קאָנקורירן מיט דער קהילה, אין אָט דער, מיט גרויסע הוצאות פאַרבונדענער, קולטור־אַרבעט.

פון דעסטוועגן איז נאָך אויסגעקומען מיטצווירקן, ביים פאַרבעטן שרייבער־געסט פון אויסלאַנד, צום קומען פון יצחק באַשעוויס און אפרים אויערבאַך, וואָס זיינען געווען די חשובע געסט פון שרייבער־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג”.

אויך אַלע אַנדערע אָנגעזעענע פאַרשטייער פון דער יִידישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט וואָס האָבן אין דעם לעצטן יאָרצענדליק באַזוכט אַרגענטינע, ווי ד״ר שאַצקי, חיים גראַדע, מרדכי שטריגלער, ד״ר ביקל, יהודה עלבערג און אַנדערע, זיינען געווען די חשובע געסט פון שרייבער־פאַראיין און מ׳האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד און חברישקייט.

פאַר דער חשיבות פון יִידיש־לשון

בלעטערנדיק די אַקטן־ביכער פון פאַראיין, געפינען מיר פאַרפּראָטאָקאָלירט אויף צענדליקער און צענדליקער זייטן, דעם כסדרדיקן קאַמף וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פאַר יִידיש, און די אויפריכטיקע זאָרג וואָס איז אַרויסגעוויזן געוואָרן יעדער פּאָזיטיווער דערשיינונג לטובת יִידיש און דער שעפערישקייט אין אונדזער מאַמע־לשון.

צוזאַמען מיט אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס האָט דער פאַראיין זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון אַ „ליגע פאַר דער חשיבות פון דער יִידישער שפּראַך”, פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ פּרוּוו איינצופירן „העכערע יִידיש־קורסן” און אין דער רעאַליזירונג פון גרויסע עפנטלעכע אַקטן, ווי די פייערונג פון אַ האַלבן יאָרהונדערט טשערנאָוויצער שפּראַכן־קאָנפערענץ,

שלום עליכם־אָוונט, צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג, אַ פּרץ־דערמאָנונג, מענדעלע־אַקט און אַ סך אַנדערע דערמאָנונגען פון גרויס ייִדישע בעלעטריסטן און דענקער.

וואָס ס׳איז שייך די אַרגענטינער ייִדישע שרייבער, האָט דער פאַראיין איינגעפירט ווי אַ נאָרמע צו דערמוטיקן יעדן שעפערישן מענטשן, נישט־מאַכנדיק קיין שטרענגע סעלעקציע פון קוואַליטעט. כדי צו סטימולירן די קאָלעגן, ווערט געפייערט די דערשיינונג פון יעדן נייעם בוך און דעם שרייבער ווערט צוגעטיילט די געהעריקע אָנערקענונג. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען נישט קיין אָוונטן פון קריטיק, אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט, אָבער דאָך קומט ממילא אַרויס אַן אונטערשייד צווישן דעם אָפּשאַץ פון איין ווערק און אַ צווייטן, אָבער בכלל איז דער איינגעשטעלטער פּרינציפּ אויסן צו דערמוטיקן שעפערישקייט, אין דער זיכערקייט אַז די ווערטפולע ביכער וועלן קומען, דעמאָלט ווען די שעפערישע קאָלעגן וועלן סטימולירט ווערן.

יובל־פייערונגען פון היגע שרייבער

אַ גאָר באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט איז געשאָנקען געוואָרן וויכטיקע דאַטעס אינעם לעבן פון אַרגענטינער ייִדישע שרייבער און אויסגאַבעס.

אַזוי איז געהעריק געפייערט געוואָרן דער 25־יאָריקער יובילײ פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל „דער שפּיגל״, אונטער דער רעדאַקציע פון י. ל. גרוזמאַן. 20 יאָר „אַרגענטינער ביימעלעך״, דער קינדער־זשורנאַל אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פון זעליק מאַזור. 10 יאָר „דווקא״, דער וואָגיקער ליטעראַריש־פילאָסאָפישער זשורנאַל, אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פון שלמה סוסקאָוויטש. 7 יאָר „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער״, אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פון משה קנאַפּהייס. פאַר דעם דיכטער שמואל צעסלער, צו זיין יונג ווערן 50 יאָר. מיט דעם זעלביקן מאָטיוו — אַן אָוונט פאַרן שרייבער פאַליק לערנער.

ס׳איז סוף 1955 געפייערט געוואָרן דאָס 60סטע געבוירן־יאָר פון פאָרזיצער, יעקב באָטאָשאַנסקי, דורך אַן אויסגעברייטערטן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט. אויך צום פאַרענדיקן זיין קאַדענץ, נאָך ניין יאָר זיין דער פּרעזידענט פון פאַראיין, איז דורכגעפירט געוואָרן לכבוד אים אַ געזעגענונג־באַנקעט, ווו חברים האָבן אָפּגעצייכנט זיינע וויכטיקע אויפטוען פאַרן פאַראיין און פאַרן ישוב, אין משך פון לאַנגן אַרבעט־פּעריאָד.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע פייערונגען וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרלויף פון לעצטן יאָרצענדליק, אַלץ מיטן צוועק צו באַקענען דעם ברייטן עולם און טאָקע אויך די חברים שרייבער, מיט די שאַפונגען פון אונדזערע פען־מענטשן און גלייכצייטיק סטימולירן די שעפערישע קאָלעגן.

קלוב טלאָמאַצקע 13

מיטן אַראָפּברענגען אַהער די שרייבער־פּליטים, וואָס זיינען מערסטנס געווען מיטגלידער פון „טלאָמאַצקע 13״ אין אַמאָליקע וואַרשע, איז אויפגעקומען די איניציאַטיווע כּאָטש סימבאָליש דאָ אויפצולעבן די פאַרשוווּנדענע סביבה און פאַראייביקן דעם נאָמען פון באַרימטן ליטעראַרישן קלוב.

אַוודאי האָט דער דאָזיקער קלוב, אויף אַרגענטינער באָדן, קיינמאָל נישט פּרעטענדירט צו פאַרטרעטן די וואַרשעווער אינסטיטוציע וואָס האָט זיך קונה־שם געווען איבער דער גאָרער ייִדישער וועלט. דער פאַרבאַנד פון רעזידענטן פון אַמאָליקן וואַרשע און פּראַגע, איז אַ שותף צו „טלאָמאַצקע 13״ און גיט די אַזוי נייטיקע „פּעריפעריע״, באַלעבט פון דער נאָסטאַלגיע וואָס די דערינערונג פון יענעם קלוב רופט ביי זיי אַרויס.

זיינען אַ סך פון די פריִער־דערמאָנטע באַערונג־אָוונטן און ליטעראַרישע מסיבות פאָרגעקומען אין קלוב טלאָמאַצקע 13, וואָס האָט אין קולטור־סעזאָן דורכגעפירט יעדן צווייטן פריי־

טיק אָן עונג־שבת. אָוונטן וואָס זענען כמעט שטענדיק שטאַרק באַזוכט געוואָרן. די פרויען־קאָמיסיע ביים פאַרבאַנד האָט באַזאָרגט מיט דעם געהעריקן כיבוד און פאַרוואַנדלט די צוזאַמענקונפטן אין אָנגענעמע פאַמיליאַרע מסיבות.

די דאָזיקע קולטור־טעטיקייט ווערט פאָרגעזעצט.

טרויער־אַקאַדעמיעס און אזכרה־אַקטן

די פאַרלוסטן וואָס אונדזער ליטעראַטור ליידט די לעצטע יאָרן, — ליידער שוין צו אָפט — ווערן דערמאָנט פון שרייבער־פאַראיין און די ווערק פון די פאַרשטאָרבענע שרייבער ווערן אַרויסגעהויבן ווי די דאָזיקע גייסטיקע שעפער אונדזערע האָבן עס פאַרדינט.

חוץ דער גרויסער צאָל אויסלענדישע ייִדישע שרייבער, וואָס פאַר זיי אַלע זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן טרויער־אַקאַדעמיעס, זיינען דורכגעפירט געוואָרן פאַר אונדזערע היימישע פאַרשטאָרבענע שרייבער אזכרה־אַקטן און דערמאָנונגס־מסיבות.

דער טראַגיש־אומגעקומענער דיכטער־פאַרטיזאַן, שמערקע קאַטשערגינסקי, דער טאַלאַנטירטער דיכטער, דערציילער און דראַמאַטורג, ישראל אַשנדאָרף, דער זשורנאַליסט בצלאל טערקעל און דער טאַלאַנטירטער אַרגענטינער ייִדישער שרייבער בערל גרינבערג, וואָס האָט אַליין אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן — זיינען דערמאָנט געוואָרן אויף איינדרוקפולע טרויער־אַקאַדעמיעס, ווו יעדער פון זיי איז אָפגעשאַצט געוואָרן לויט זיין פאַרנעם און באַדייט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

אויך די אַנדערע פאַר דער צייט אַוועקגעגאַנגענע קאָלעגן, ווי: א. ל. שוסהיים, מ. רעגאַלסקי, פיניע כ״ץ, יוסף אַקסענצאָוו, יעקב סיגאַל, משה גראַניטשטיין, מנשה קאָנסטאַנטינאָווסקי, אברהם טקאַטש, אפרים גאָלדבערג, אברהם אייזנבערג, אליהו שמערקאָוויטש, זענען פון פאַראיין אין דער געהעריקער צייט דערמאָנט געוואָרן.

אויף אַזאַ אופן האָט די פאַרוואַלטונג דערפילט איר ערנחוב צו דערמאָנען די פאַרשטאָרבענע קאָלעגן, און אַרויסהייבן פון פאַרגעסן־ווערן די ווערק וואָס זיי האָבן געשאַפן.

פראָפעסיאָנעלע טעטיקייט און רעפרעזענטאַנץ

זינט די ערשטע יאָרן פון זיין גרינדונג, האָט דער שרייבער־פאַראיין געהאַט פאַר זיין ציל די פאַרטיידיקונג פון די פראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון זיינע מיטגלידער. די ספעציעלע סיטואַציע — צוויי סטאַבילע טעגלעכע צייטונגען, וואָס איינע פון זיי האָט געהאַט כמעט אַלע אירע מיטאַרבעטער ווי באַלעבאַטים, די דאַן שאַרפע אידעאָלאָגישע אונטערשיידן, — דאָס אַלץ האָט געווירקט, ווי מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט, אַז די סינדיקאַלע אַקציע זאָל נישט קענען געהעריק אָרגאַניזירט ווערן. אָבער דער ווילן האָט קיינמאָל נישט געפעלט. אומצייליקע מאָל האָט ,מען ווידער און אָבעראַמאָל געמאַכט פאַרזוכן די פראָפעסיאָנעלע סעקציע צו אָרגאַניזירן און געווען יאָרן ווען די דאָזיקע סעקציע האָט רעגולער אָנגעפירט איר אַרבעט מיט באַשרענקטע כוחות און אין דער באַגרענעצטער סביבה. גלייכצייטיק האָט עקזיסטירט אַ חברים־געריכט צו פאַרגלייכן סיכסוכים פון שרייבערישער עטיק.

דאָרט ווו דער פאַראיין האָט זיך נאָר געקענט אימפאָנירן האָט ער אַפילו באַוויזן צו לייזן געוויסע קאָנפליקטן און איבערהויפט האַלטן וואַך אין ענינים פון פראָפעסיאָנעלער מאָראַל.

וואָס שייך די ריין־סינדיקאַלע ענינים פון די ייִדישע שרייבער וואָס אַרבעטן אין די צייטונגען, געפינען זיי זיך אָנגעשלאָסן אין די אַלגעמיינע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס זואַכן אויף דער אָפהיטונג פון די אַרבעט־געזעצן לויטן סטאַטוט פון זשורנאַליסט. אָבער עס זענען פאַראַן אויסגאַבעס וואָס באַשעפטיקן שרייבער און עס איז נישט פאַראַן קיין איינגעשטעלטער האָנאָראַר פאַר זייער גייסטיקער אַרבעט. גלייכצייטיק זיינען אויפגעקומען פאַרלאַגן פון גרויסן פאַרנעם וואָס פאַרשאַפן כבוד אונדזער ישוב, אָבער זיי באַשעפטיקן אויך אַ היפשע

צאָל שרייבער ווי רעדאַקטאָרן און קאָרעקטאָרס, ווו עס איז געווען דרינגנדיק־נייטיק איינצושטעלן מינימום־טאַריפן.

האָט דער פאַראיין זיך פאַרנומען מיט אָט דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט און צוזאַמענגעשטעלט, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, טאַבעלעס פאַר די פאַרשיידענע האָנאָראַרן, לויט אַ גרינטלעכער שטודיע פון די אַרבעטן און די הערשנדיקע לוין־טאַריפן וואָס די אַלגעמיינע סינדיקאַטן האָבן איינגעשטעלט. די פאַרלאַגן און אַרויסגעבער האָבן באַקומען צוגעשיקט די דאָזיקע טאַריפן־ליסטעס און די מערסטע פון זיי האָבן געהעכערט די האָנאָראַרן אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון פאַראיין.

די ראָל פון פאַראיין ווי די רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן פען־מענטשן אין אַרגענטינע, איז אין לעצטן יאָרצענדליק, זייער אַ סך געשטיגן. אומצייליקע מאָל איז עס געקומען צום אויסדרוק דורך אָפּרופן פון אויסלאַנד, און קאָלעגן אונדזערע וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו זען זיך מיט יידישע שרייבער אין די ווייטסטע לענדער, באַשטעטיקן אז דער שרייבער־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג״, איז ברייט באַקאַנט איבער דער גאָרער וועלט.

דער 40סטער יובילײ־יאָר פון פאַראיין און דער זאַמלבוך

אויף דער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פון 1960 איז דערווילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט דער וועטעראַן פון די אַרגענטינער יידישע זשורנאַליסטן, געוועזענער רעדאַקטאָר פון „די אידישע צייטונג״, יוסף מענדעלסאָן, וועלכער האָט איבערגענומען די פּרעזידענטשאַפט פון יעקב באָטאָשאַנסקי, וואָס האָט זי אָנגעהאַלטן 9 יאָר נאָכאַנאַנד.

די פאַרוואַלטונג איז מיט גאָר קליינע אויסנאַמען פאַרבליבן די זעלביקע, אַזוי אַז די אַרבעט איז ווייטער אָנגעגאַנגען אויפן אָנגעצייכנטן וועג.

אויף דעם באַנקעט לכבוד דעם אָוועקגייענדיקן פאָרזיצער יעקב באָטאָשאַנסקי, ווו עס איז געווען פאַרטראָטן די יידישע געזעלשאַפט פון בוענאָס־איירעס, דורך אירע סאַמע וויכטיקסטע פאָרטרעטער פון אינסטיטוציעס, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער פּאָנד אויף אַרויסצוגעבן דעם זאַמלבוך, וואָס זאָל דערשיינען צום 40סטן אַניווערסאַר פון שרייבער־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג״.

וועגן אָט דער וויכטיקער איניציאַטיווע איז כדאי צו ציטירן פון פּראָטאָקאָל־בוך פאָלגנדיקע שטעל:

דעם 21סטן אָקטאָבער 1959, שלאָגט פאָר דער פאָרזיצער, יעקב באָטאָשאַנסקי, און זיין פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען, אַז אין 1960 זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ יאָר־בוך „אַרגענטינער שריפטן״. דער אינהאַלט זאָל זיין מער־ווייניקער אָט־דער: שיינע ליטעראַטור: ליד, נאָוועלע, עסיי; יידישע קולטור־טעטיקייט אין אַרגענטינע; שאַפונגען פון יונגע שרייבער און שול־אַרבעטן; יידיש־שפּאַנישע ליטעראַטור; ביבליאָגראַפיע פון יידישע אין יידיש־שפּאַנישע ווערק; יידיש־שפּאַנישע ליטעראַטור; קאָלאָניסטישע מאָטיוון; יידן אין דער אַרגענטינער ליטעראַטור; איבערזעצונגען; אָוועקגעגאַנגענע שרייבער און שפּאַנישער טייל.

רעאַליזירן דעם פּלאַן פון זאַמלבוך איז געווען זייער שווער. יאָרנלאַנג האָט דער פאַראיין זיך באַשעפטיקט מיט פּראָיעקטן אַרויסצוגעבן אַן אויסגאַבע, אַ זשורנאַל, צי טאַקע אַ יאָרבוך, ווו עס זאָלן קומען צום אויסדרוק די שאַפונגען פון די שרייבער־מיטגלידער, און אַלע מאָל זענען געווען די, צי אַנדערע סיבות, וואָס האָבן געשטערט דעם פּלאַן דורכצופירן. איז שוין דעריבער געוואָרן אַן אַמביציע איינמאָל פאַר אַלעמאָל דורכצוברעכן די שוועריקייטן וואָס שטייען אין וועג.

ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע פון: אברהם זאַק, יוסף מענדעלסאָן און נחמיה צוקער, ס׳איז גלייכצייטיק געשאַפן געוואָרן אַ פינאַנץ און אַדמיניסטראַציע־קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון די חברים: משה שפּרינבערג, וואָלף ברעסלער, משה טאַבאַקשנײדער, נחום קריטשמאַר, מאַרקוס פאַרישעווסקי און נחמיה צוקער.

דאָס יאָר 1960 איז געווען הויפּטזעכלעך געווידמעט דער אַרבעט פאַרן זאַמלבוך. די רעדאַקציע־קאָמיסיע האָט צונויפגעזאַמלט און סעלעקציאָנירט די מאַטעריאַלן. די פינאַנץ־קאָמיסיע, ווידער, האָט זיך אינטענסיוו אָפּגעגעבן מיטן קריגן פאָנדן פאַר דער אויסגאַבע.

דאָס אַרויסגעבן דעם זאַמלבוך איז אויסגעפאַלן אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון שרייבער אברהם זאַק, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פונעם חורבן־אייראָפּע.

די יובּיליי־פייערונג

אין זאַל פון דער קהילה פון בוענאָס־איירעס, איז דעם 6טן אויגוסט 1961, געפּראַוועט געוואָרן דער יום־טוב פון 40 יאָר שרייבער־פאַראיין ה. ד. נאָמבערג. דער פּרעזידענט, אברהם זאַק, דער וויצע־פּרעזיצער יוסף מענדעלסאָן, האָבן אין קורצע רעדעס דערציילט וועגן דעם בייטראָג פון ייִדישן שרייבער צום אויפבוי פון ישוב.

עס האָט באַגריסט דער פּעדאַגאָג חיים פינקלשטיין, וואָס האָט אַרויסגעהויבן די באַדייטונג פון דעם שרייבערס שעפערישער מי פאַר דער דערציִונג פון יונגן דור.

אָנגעפירט מיטן אָוונט האָט דער סעקרעטאַר, נחמיה צוקער.

אין קינסטלערישן פּראָגראַם איז אויפגעטראָטן דער כאָר פון דער קהילה אונטער דער אָנפירונג פון בערנאַרד פייער און עס זיינען נאָכדעם אויסגעפירט געוואָרן פאַסיקע קונסטנומערן פון די באַטייליקטע: זלמן הירשפעלד, אסתר ראַפּעל, יעקב דענקער, דאָראַ ווינדלער, אסתרל פליישמאַן, לעאָן וויינער און רבקה קליניצקי.

יעקב באָטאָשאַנסקי, וואָס האָט זיך צוליב דרינגנדיקע ענינים געפונען אין טשילע, האָט צוגעשיקט אַ וואַרעמען אָנשלוס־בריוו צום יובּיליי־יום־טוב.

דער פּרעזענטירטער זאַמלבוך האָט געמאַכט אַ גוטן רושם.

די פאַרוואַלטונג און אירע ווייטערדיקע אַרבעט־פּלענער

די איצטיקע פאַרוואַלטונג, בעת מיר שרייבן דעם דאָזיקן באַריכט, איז פון פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל:

פּרעזידענט — יעקב באָטאָשאַנסקי; ערשטער וויצע — יוסף מענדעלסאָן; צווייטער וויצע — שמחה סנה; סעקרעטאַר — **נחמיה צוקער; פּראָ־סעקרעטאַרן** — נחום קריטשמאַר און משה שפּרינבערג; קאַסיר — משה טאַבאַקשניידער; פּראָ־קאַסיר — יעקב פאָלאַטיצקי. וואָקאַלן: אברהם מאָשקאָוויטש, שמואל צעסלער און צבי בראָנשטיין. רעכנונג־איבערזעער: ברוך הויכמאַן און זלמן הירשפעלד. חברים־געריכט: אברהם זאַק, חיים בראַקאַזש און מענדל מייערן־לאַזער.

די מיטגלידער־פאַרזאַמלונג, וואָס האָט מיט פולער איינשטימיקייט, דעם 19טן אויגוסט 1962, אויסגעקליבן די דאָזיקע לייטונג מיט יעקב באָטאָשאַנסקי בראש, האָט דורך אַקלאַמאַציע באַשטימט פאַר ערן־מיטגליד דעם געוועזענעם וויצע־פּאָרזיצער, אין פריִערדיקע פּעריאָדן, קאָלעגע ד״ר משה מערקין.

די נייע פאַרוואַלטונג האָט שוין דורכגעפירט אַ רייע קולטור־מסיבות און גרייט זיך פאָרצוזעצן, ווי ביז אַהער, די ווייטערדיקע אַרבעט. אויפן ערשטן פּלאַן: אַרויסגעבן דאָס זאַמלבוך נומער צוויי און זען דערווערבן פאַרן פאַראיין אַן אייגענע דירה.

די אַמאָליקע צעשפּליטערטקייט פון דער ייִדישער שרייבער־משפּחה אין אַרגענטינע געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט. לאָמיר האָפן, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט די שרייבער־משפּחה דאָ אין לאַנד, דערגרייכן נאָך גרעסערע דערפאָלגן ווי ביז אַהער.

זאָל דאָ באַטאָנט ווערן אַז די ייִדישע פינאַנץ־אינסטיטוציעס האָבן געשטיצט דאָס אַרויסגעבן דעם זאַמלבוך און אַז אויך פּריוואַט האָבן געזעלשאַפטלעכע טוער און פריינד פון ייִדישן שרייבער געגעבן; אַ ווירדיקן בייטראָג.

די קהילה גיט דעם פאַראיין אַ חודשלעכע סובסידיע און באַשטייערט זיך אַ חוץ ביי יעדער געלעגנהייט.

ב. פּיק

דער אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס

דער קולטור־קאָנגרעס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1948, ווי אַן אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק. אין משך פון די קרוב 15 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט ער באַוויזן צו רעאַליזירן אַ סך פון די אויפגאַבן צוליב וועלכע ער איז גערופן געוואָרן צום לעבן. מיר זאָגן „אַ סך", אָבער ווייט נישט אַלע, ווייל אין גאַנג פון זיין עקזיסטענץ האָבן זיך אַ ריי פאַרהעלטענישן און באַדינגונגען אין ייִדישן לעבן געביטן און במילא זיינען אַ טייל פון זיינע אָנגעצייכנטע צילן און פּלענער געוואָרן דעאַקטואַליזירט און אַנדערע ווידער, זיינען געוואָרן צו גרויס און צו שווער, אַז אַן אָרגאַניזאַציע, איין אָרגאַניזאַציע, זאָל זיי קענען רעאַליזירן.

ווי די צענטראַלע אין ניו־יאָרק, האָט אויך דער היגער קולטור־קאָנגרעס בשלימות דערפילט זיין אויפגאַבע אויפן געביט פון צעברעכן דעם מאָנאָפּאָל וואָס די ייִדישע קאָמוניסטן האָבן לאַנגע יאָרן אָנגעהאַלטן אויפן געביט פון ייִדישער קולטור־אַרבעט צווישן די ייִדישע מאַסן. ווער עס דערמאָנט זיך ווי אַזוי די לאַגע האָט אויסגעזען מיט 15 יאָר צוריק איידער דער קולטור־קאָנגרעס האָט אָנגעהויבן ווירקן, דער קען ריכטיק אָפּשאַצן דעם ווערט פון דעם דאָזיקן אויפטו און דער דאָזיקער דערגרייכונג.

בנוגע דעם, אַז דער קולטור־קאָנגרעס זאָל ווערן די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פאַר ייִדישער קולטור־אַרבעט אין דעם ייִדישן אַרגענטינע, האָט זיך די דאָזיקע אויפגאַבע נאָר טיילווייז איינגעגעבן. פאַקטיש טרעפן זיך ביים טיש און ביי דער אַרבעט פון קולטור־קאָנגרעס די וויכטיקסטע אידעיִש־געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען וואָס ווירקן אין היגן לעבן. אָבער צוליב כמה סיבות זיינען אַ ריי ייִדישע קולטור־פאַקטאָרן געבליבן מחוץ דעם קולטור־קאָנגרעס, לכתחילה מחמת זייער אומדעצידירטקייט אין באַצוג צום יעוווסעקישן לאַגער און שפּעטער מחמת אַ באַשטימטער אינערציע און אַנדערע חשבונות. סיי ווי האָט אָט דער פאַקט צוגענומען ביי דער אָרגאַניזאַציע אַ גרויסן טייל פון איר מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען אין דער געהעריקער ריכטונג.

לכתחילה האָט דער קולטור־קאָנגרעס געפּרוּווט זיינע כוחות אויף פאַרשידענע שטחים און זיך צעוואָרפן אויף פאַרשידענע טעטיקייטס־געביטן. אין גאַנג פון די יאָרן איז אויסגעקלאָרט געוואָרן זיין אייגנטלעכע באַשטימונג און זיינע וועזנטלעכע אויפגאַבן. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל נישט צו דובלירן קיין אַרבעטן אויפן קולטור־געביט וואָס ווערן שוין פון עמעצן געטאָן און דאַקעגן צו טאָן נאָר דאָס וואָס קיין שום אַנדערע קולטור־אָרגאַניזאַציע אָדער קולטור־קערפּערשאַפט טוט נישט. אין דער ריכטונג איז געפירט געוואָרן די פאַרלעגערישע טעטיקייט, די טעטיקייט אויפן געביט פון ליטעראַטור־פּרעמיעס, שילער־קאָנקורסן, אונטערנעמונגען און דאָס גלייכן.

עס איז דערהויפּט כאַראַקטעריסטיש פאַרן קולטור־קאָנגרעס וואָס ער נעמט זיך נישט צו קיין גרינגע אויפגאַבן, וואָס שאַפן אַ גרויסן פּירסום. זיין טעטיקייט ווערט געפירט אין דער גרעסטער באַשיידנקייט און אין שטילקייט, דערביי ווערט אָנגעהאַלטן דער דאָזיקער קולטור־ניוואָ וואָס מוז זיין אַן אומפאַרמיידלעכע באַגלייט־דערשיינונג פון אמתער קולטור־שעפערישקייט. אין דיביידע מאָמענטן — באַשיידנקייט און אָפּהיטונג פון הויכן קולטור־ניוואָ — דאַרף מען זוכן דעם שליסל צו דעם מאַנגל פון גאַסיקער פּאָפּולאַריטעט פון דער אָרגאַניזאַציע.

אַ חוץ די אַרבעטן אויף די געביטן וואָס וועלן שפּעטער דערמאָנט ווערן, איז דער קולטור־קאָנגרעס כסדר און כסדר דער סטימולירער פון אַ ריי בשותפותדיקע קולטור־אַקציעס, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט דעם ייִוואָ, שרייבער־פאַראיין „ה. ד. נאָמבערג״, אַקטיאָרן־פאַראיין און אַנדערע. נאָר אייניקע פון די אַקציעס וועלן דאָ דערמאָנט ווערן, אָבער אויף דער וויכטיקסטער פון זיי איז כדאי זיך אָפּצושטעלן באַזונדער. דאָס איז די אַקציע צו שאַפן העכערע ייִדיש־קורסן וועלכע איז אָנגעהויבן געוואָרן מיט הצלחה און איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב דעם פעלן פון לערערישע כוחות וואָס זאָלן קענען נאָכקומען דעם ניוואָ פון אַזאַ לערן־אַנשטאַלט. ווען נישט אָט־די הויכע (אפשר טאַקע צו־הויכע) פאָדערונג צו זיך אַליין, וואָלטן די העכערע ייִדיש־קורסן עקזיסטירט ביז היינט. דער געדאַנק צו עפענען אַזעלכע קורסן, בייקומענדיק די עקזיסטירנדיקע שוועריקייטן, האָט אָבער נישט פאַרלאָזט דעם קולטור־קאָנגרעס און ער באַשעפטיקט אים ביז היינט.

דערעפענונג פון אַ בילדער־אויסשטעלונג אין קולטור־קאָנגרעס.

אין משך פון דער צייט האָט דער היגער קולטור־קאָנגרעס דורכגעפירט דריי לאַנד־קאָנפערענצן — דעם 6טן, 7טן און 8טן — און האָט זיך אויך באַטייליקט מיט אַן אָנזעעוודיקער דעלעגאַציע אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

די באַזונדערע פּאָזיציעס פון דער אַרבעט פון קולטור־קאָנגרעס זיינען:

פאַרלעגערישע טעטיקייט

אין דער צייט צווישן דער זעקסטער און אַכטער לאַנד־קאָנפערענץ, האָט דער קולטור־קאָנגרעס דורכגעפירט אַ פּרוכטיקע פאַרלאַג־טעטיקייט, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט פאַרענדיקן דאָס אַרויסגעבן די 10 בענד פון ש. דובנאָווס „די וועלט געשיכטע פון ייִדישן פאָלק״. עס זיינען אין אָט־דער צייט דערשינען אַ ריי וויכטיקע ווערק. לדוגמא, וועלן מיר אָנגעבן אַ קליינע נישט־פולשטענדיקע רשימה פון די וויכטיקסטע ביכער: 3 בענד „געשיכטע פון חסידיזם״ פון

שמעון דובנאָוו; „שלום אַש, זיין לעבן, זיינע ווערק" פון שמואל ניגער; „קריטיק און קריטיקער" פון שמואל ניגער; „תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס" פון י. ראַפּאָפּאָרט; „שריפטן" פון ש. ראָווידאָוויטש; „זוימען אויפן ווינט" פון י. ראַפּאָפּאָרט; „דאָס בוך פון מיין לעבן" פון שמעון דובנאָוו (3 בענד); „לעצטע שריפטן" פון ישראל אַשענדאָרף; „אליהו בחור" פון יעקב שאַצקי, „דאָס טאָג־בוך פון אַנאַ פראַנק" א"א.

דער קולטור־קאָנגרעס האָט במשך דער צייט געגרייט אַרויסצוגעבן דאָס מאָנומענטאַלע 10־בענדיקע ווערק פון ד"ר י. צינבערג „ליטעראַטור ביי יידן" און דאָס ווערק וועט טאַקע שוין בקרוב אָנהייבן דערשיינען. דערפון קען מען זיך שאַפן אַ בילד פון דער ערנסטער פאַרלאַגטעטיקייט, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט אין פאַרלויף פון די לעצטע עטלעכע יאָר דורכגעפירט.

יוסף ליפשיץ־פאָנד

אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך, וואָס עס האָט דורכגעפירט פריינט שמואל ראָזשאַנסקי מיטן באַוווּסטן קולטור־טוער יוסף ליפשיץ, איז געשאַפן געוואָרן ביים קולטור־קאָנגרעס אַ פאָנד אַרויסציגעבן מוסטערן פון די בעסטע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. דער פאָנד האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן, אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ראָזשאַנסקי, 10 ווערק פון באַוווּסטע שרייבער.

י. ש. עטינגער — „אויסגעקליבענע שריפטן"; מ. וואַרשאַווסקי — „יידישע פאָלקס־לידער"; ה. ד. נאָמבערג — „אויסגעקליבענע שריפטן"; מענדעלע מוכר ספרים — „מסעות בנימין השלישי"; לייבניידוס — „אויסגעקליבענע שריפטן"; יעקב דינעזאָן — „יאָסעלע", „דער קריזיס"; משה בראָדערזאָן — „אויסגעקליבענע שריפטן"; אליהו בחור — „בבא־בוך"; שמעון פרוג — „אויסגעקליבענע שריפטן"; דוד פינסקי — „אויסגעקליבענע שריפטן".

נאָכן אַרויסגעבן דאָס 10טע בוך איז דאָס שותפות אויפגעלייזט געוואָרן און דער פאָנד האָט זיך עטאַבלירט ביים ייוואָ.

ליטעראַטור - פרעמיעס :

1. האָפּער־לייב פּרעמיע

אין יאָר 1958 האָט זיך פאַרענדיקט די עקזיסטענץ פון דעם ליטעראַטור־פאָנד אויפן נאָמען פון די קולטור־טוער פנחס האָפּער ע"ה און אברהם לייב. דער דאָזיקער ליטעראַטור־פאָנד, וואָס איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן אויף 10 יאָר, האָט אין דער צייט פון זיין עקזיסטענץ פאַרטיילט פרעמיעס צו אַ ריי פאַרדינסטפולע שרייבער פאַר וויכטיקע ווערק. מירן אויסרעכענען די נעמען פון די פרעמירטע פאַר די לעצטע יאָרן. אין יאָר 1955 האָבן די פרעמיעס באַקומען בשותפות — ל. פיינבערג — פאַר זיין פּאָעמע „דער פאַרמשפּטער דור" און אלחנן וואָגלער פאַר זיין בוך לידער „פרילינג אויפן טראַקט"; אין יאָר 1956 — ד"ר מוקדוני פאַר זיין בוך „פון וואַרשע ביז לאָדזש" און אפרים אויערבאַך פאַר דעם עסייען־בוך „געטראַכט מיט עברי־טייטש"; אין יאָר 1957 — נ. ב. מינקאָוו פאַר זיין דריי בענדיקן ווערק „פּיאָנערן פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע"; אין יאָר 1958 האָבן די פרעמיע געטיילט צווישן זיך — דער עסייִסט י. ראַפּאָפּאָרט פאַר זיין בוך עסייען „אָפּגעריסענע בלעטער" און דער דערציילער מ. י. שעלובסקי פאַר זיין בוך דערציילונגען „אין דער וועלט אַריין".

2. פנחס האָפּער־פאָנד

ווען ס'האָט זיך געענדיקט דער צען־יאָריקער טערמין פון האָפּער־לייב־פאָנד, האָבן די יורשים — די פרוי און קינדער — פון דעם פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם פנחס האָפּער, באַשלאָסן

צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זייער מאַן און פאָטער מיטן איינשטעלן ביים קולטור־קאָנגרעס אַ פאָנד פאַר אַ נייער ליטעראַטור־פרעמיע.

פאַר די עטלעכע יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דאָזיקן פאָנד (1958־1961), זיינען פאַרטיילט געוואָרן 3 פרעמיעס צו פאָלגנדיקע שרייבערס: חיים גראַדע פאַר זיין בוך „דער שול־הויף”; לייבוש לעהרער פאַר זיין בוך עסייען „מענטש און אידייע” און צו א. מ. פוקס פאַר זיין בוך „די נאַכט און דער טאָג”.

3. יוסף העקמאַן־פאָנד

דעם דאָזיקן פאָנד האָט די אלמנה נאָכן פארשטאָרבענעם יוסף העקמאַן — פרוי חנה העקמאַן — איינגעשטעלט ביים קולטור־קאָנגרעס לזכר איר מאַן. דער ציל פון דעם פאָנד איז — אויסצוטיילן יעדעס יאָר אַ פרעמיע פאַרן בעסטן בוך פון אַ דרום־אַמעריקאַנער יידישן שרייבער.

שילער־קאָנקורס פון קולטור־קאָנגרעס.

פאַר דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דאָזיקן פאָנד זיינען פאַרטיילט געוואָרן צוויי פרעמיעס: פאַרן יאָר 1960 האָט די פרעמיע באַקומען דער שרייבער מרדכי וו. בערנשטיין פאַר זיין בוך „דאָס איז געווען אשכנז” און אין יאָר 1961 האָט די פרעמיע באַקומען דער שרייבער ב. עפשטיין פאַר זיין בוך „זאַנגען אין ווינט”.

4. „יונגער דור” — ליטעראַרישע קאָנקורסן פאַר יוגנטלעכע
א”נ פון שמערקע קאַטשערגינסקי ע”ה

דער פאָנד פאַר יוגנטלעכע שרייבער איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן פון דער משפחה פון מרדכי סטאָליאַר, דעם לאַנגיאָריקן דירעקטאָר פון „די אידישע צייטונג”, מיט דער אויפגאַבע

צו „סטימולירן יוגנטלעכע, וועלכע האָבן אין זיך אַ דראַנג צו שרייבן ייִדיש, אָבער האָבן נישט די מעגלעכקייט צו קומען צום אויסדרוק". די ערשטע דריי יאָר זינט דער פאָנד האָט עקזיסטירט: — 1952־1953־1954 — זיינען פרעמירט געוואָרן אַ ריי יונגע שרייבער, און די פרעמירטע אַרבעטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בראָשורן מיטן נאָמען „יונגער דור". צוליב דעם וואָס די פאַמיליע סטאָליאַר ברייטערט אויס די אויפגאַבן פון פאָנד, איינשליסנדיק אין זיין טעטיקייט דאָס פרעמירן שרייבער אָן באַגרענעצונג פון עלטער, ווערט אויפגעלייזט דער לכתחילהדיקער אָפמאַך פון דער משפחה סטאָליאַר מיטן קולטור־קאָנגרעס און דער קולטור־קאָנגרעס שטעלט איין די זעלביקע פרעמיע פאַר יוגנטלעכע שרייבער, וואָס באַקומט דעם נאָמען פון טראַגיש־אומגעקומענעם דיכטער־פאַרטיזאַן שמערקע קאַטשערגינסקי.

בדרך־כלל דאַרפן פאַרטיילט ווערן יעדעס יאָר 3 פרעמיעס — לויט די אָפשאַצונגען פון אַ זשורי פון שרייבערס, וואָס ווערט באַשטימט פון אַרגענטינער אָפטייל פון אַלוו' ייִדישן קולטור־קאָנגרעס. פאַר די ערשטע צוויי יאָר (1955־1956) האָבן די פרעמיעס באַקומען די יונגע שרייבערס: שלום ראָזענבערג, אליעזר ראָזענבערג, מנחם גאָרדאָן, גאָלדע הירשמאַן, עקיבא קאַנאַנאָוויטש, רחל ראָזענבאַום, שבע צעסלער, מרדכי הערבסט און אמיתי פילאָווסקי. אין יאָר 1957 זיינען קיין פרעמיעס נישט פאַרטיילט געוואָרן, מחמת עס זיינען נישט אַריינגעקומען קיין אַרבעטן, וואָס זאָלן ראוי זיין פרעמירט צו ווערן.

פאַרן יאָר 1958 (דריטער ליטעראַרישער קאָנקורס) זיינען פרעמירט געוואָרן: ירחמיאל ליאָנס פאַר זיין אַרבעט „אין אַ וועלט פון הפקר" (איינאַקטער) — צווייטע פרעמיע, און בנימין בערקמאַן פאַר זיין עסיי „וועגן ייִדישן אין גלות" — דריטע פרעמיע. די ערשטע פרעמיע איז נישט פאַרטיילט געוואָרן, מחמת די זשורי האָט איינגעפונען אַז צווישן די צוגעשטעלטע אַרבעטן האָט זיך נישט געפונען קיין אַרבעט, וואָס זאָל ראוי זיין דער ערשטער פרעמיע.

אין יאָר 1959 זיינען פרעמירט געוואָרן: מיט דער צווייטער פרעמיע — פנינה קליינער, פאַר איר אַרבעט „מיין טאַטנס גראָע האָר"; יוסף בורשטין (צווייטע פרעמיע) פאַר זיין אַרבעט „דער אַלטער ניקאָלאַס", און שלמה אובפאַל האָט באַקומען די דריטע פרעמיע פאַר אַן עסיי „וועגן ייִדישער יוגנט„. ווי עס איז צו זען איז אויך אין יאָר 1959 קיינעם נישט צוגעטיילט געוואָרן די ערשטע פרעמיע.

אין יאָר 1960 זיינען פאַרטיילט געוואָרן 3 פרעמיעס: די ערשטע פרעמיע האָט באַקומען יענטעלע וואָקסמאַן פאַר איר אַרבעט „אין באַן". די צווייטע פרעמיע האָט באַקומען יחיאל שיינטוך פאַר זיין אַרבעט „וועגן שלום־עליכמס מאָנאָלאָג „אַן עצה". און די דריטע פרעמיע האָט באַקומען צוגעטיילט דניאל גאָלדוואַסער פאַר אַ דערציילונג „אקסער נאַס".

אין יאָר 1961 זיינען ווידער נאָר פאַרטיילט געוואָרן די צווייטע און דריטע פרעמיע, וועלכע עס האָבן באַקומען יוסף כאַצקעל פאַר זיין אַרבעט „הומאַניטאַרע מאָטיוון אין שלום־עליכמס הומאָר" (צווייטע פרעמיע), און יוסף בורשטין (דריטע פרעמיע) פאַר „דאָן פעדראָ".

אַלע פרעמירטע און אויך רעקאָמענדירטע פון דער זשורי, אַרבעטן, זיינען אָפגעדרוקט געוואָרן אין אַ בראָשור א"נ „יונגער דור", וואָס איז דערשינען יעדעס יאָר צום יום־טוב פון פאַרטיילן די פרעמיעס.

5. שילער־קאָנקורסן

אין די קרייזן פון דער ייִדישער לערערשאַפט און קולטור־טוער זיינען מיט גרויס אַנערקענונג אויפגענומען געוואָרן די שילער־קאָנקורסן וואָס ווערן זינט דעם יאָר 1954 דורכגעפירט דורכן קולטור־קאָנגרעס. אין אָנהייב איז דאָס נאָר געווען אַ פאַרמעסט צווישן די שילער פון די ייִדישע אָנהייב־שולן. זינט 1957 איז דער דאָזיקער פאַרמעסט אויסגעברייטערט געוואָרן אויך אויף די שילער פון די מיטל־שולן.

אין דער דאָזיקער דערציִערישער און זייער וויכטיקער אַרבעט, ווירקן מיט מיטן קולטור־

קאָנגרעס — דער וועד־החינוך און די יידישע לערער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטעלן צוזאַמען די זשוריס פאַר די יערלעכע פאַרמעסטן.

אין די יאָרן 1957 און 1962, ד״ה אין 6 יערלעכע קאָנקורסן האָבן זיך אין די פאַרמעסטן באַטייליקט 52 אָנהייב־שולן מיט אַ סך־הכל פון 199 שילער און 24 מיטל־שולן מיט אַ סך־הכל פון 196 שילער. די צאָל תלמידים וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע אַרבעטן און זיינען דורך דער זשורי פרעמירט געוואָרן מיט ווערטפולע ביכער איז אַ גאַנץ גרויסע. אין יאָר 1957 זיינען צוגעטיילט געוואָרן 2 ערשטע פרעמיעס פאַר תלמידים פון מיטל־שולן. די זוכה בגורל זיינען געווען: בנימין בערקמאַן און מלך גרומער. די צווייטע פרעמיע פון דאָזיקן פאַרמעסט האָט באַקומען שולמית פייערט. די צוויי ערשטע פרעמיעס פאַר תלמידים פון אָנהייב־שולן האָבן באַקומען: סימע בערנשטיין און פייגעלע ראָזענבערג. די צווייטע פרעמיע פון דאָזיקע פאַרמעסט האָט באַקומען בריינדעלע בלוואַל.

א מסיבה מיט י. אָפּאַטאָשו ז״ל אין קולטור־קאָנגרעס.

אין יאָר 1958: פרעמיעס פאַר תלמידים פון מיטלשולן: די ערשטע פרעמיע — מרים בערנשטיין, די צווייטע פרעמיע — רבקה גלאַנאָווסקי און צבי שמואל לאופער, די דריטע פרעמיע — אורי שטאַרער און רחל מענדעלסאָן.

די פרעמיעס פאַר תלמידים פון אָנהייב־שולן: ערשטע פרעמיע — גאָלדעלע ליבערמאַן, די צווייטע פרעמיע — שושנה ווייסמאַן און די דריטע פרעמיע — דבורהלע דייטש און רחל שיינוועטער.

אין יאָר 1959: פרעמיעס פאַר תלמידים פון מיטלשולן: ערשטע פרעמיע — אלתר ראָזענפאַרב, צווייטע פרעמיע — לאה שור.

פרעמיעס פאַר תלמידים פון אָנהייב־שולן: ערשטע פרעמיע — שרה גאָרדאָן, צווייטע פרעמיע — ברוך אַלטמאַן.

אין יאָר 1960: פרעמיעס פאַר תלמידים פון מיטל־שולן: ערשטע פרעמיע — גיסיע לאה ליפשיץ, צווייטע פרעמיע — אסתר ניבאָרסקי, דריטע פרעמיע — יצחק ניבאָרסקי.

פרעמיעס פאַר תלמידים פון אָנהייב־שולן: ערשטע פרעמיע — שלמה סלוצקי, צווייטע פרעמיע — אורעלע רובינסאָן, דריטע פרעמיע — דינה פּאָקראַסאַ.

אין יאָר 1961: פרעמיעס פאַר תלמידים פון מיטל־שולן: ערשטע פרעמיע — גיטל עלוזי־ראָף, צווייטע פרעמיע — יצחק ניבאָרסקי, דריטע פרעמיע — ורדה שניידלעדער.

פרעמיעס פאַר תלמידים פון אָנהייב־שולן: ערשטע פרעמיע — מירעלע גאָלדמאַן, צווייטע פרעמיע — שמואל קאוואַן, דריטע פרעמיע — יאַנקעלע זשיטניצקי.

אין יאָר 1962: פרעמיעס פאַר מיטלשולן: ערשטע פרעמיע — פעסי בליטשטיין, צווייטע — אריה ברזשאָסטאָווסקי, דריטע — גיטל געלווערעאָף.

פרעמיעס פאַר אָנהייב־שולן: ערשטע פרעמיע — צבי נח לאַנדוי, צווייטע — בערל גולדין, דריטע — שושנה אורבאַך.

אַלע פרעמירטע אַרבעטן זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ספּעציעלע העפטלעך, וואָס זיינען דערשינען צום יום־טוב פון צעטיילן די פרעמיעס צו די פרעמירטע. אין סך־הכל זיינען ביז היינט דערשינען 9 העפטן.

אַ קליינע סטאַטיסטיק פון די באַטייליקטע צאָל שולן און שילער

יאָר	צאָל מיטלשולן	צאָל אָנהייבשולן	צאָל פון שילער	
			מיטלשול	אָנהייבשולן
1957	4	5	22	21
1958	4	10	37	36
1959	4	6	37	18
1960	3	12	30	54
1961	5	10	34	43
1962	4	9	36	27

אונטערנעמונגען

חוץ די נאָרמאַלע — ד״ה אונטערנעמונגען וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אייגנטלעכער טעטיקייט פון דעם קולטור־קאָנגרעס, למשל, פאַרטיילונג פון פרעמיעס פון די פאַרשיידענע פאָנדן וואָס עקזיסטירן ביים קולטור־קאָנגרעס, פאַרטיילונג פון פרעמיעס פון די שילער־פאַרמעסטן א״אַ, האָט דער קולטור־קאָנגרעס דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי אונטערנעמונגען און אַקטן צו געלעגנהייטלעכע געשעענישן אין יידישן לעבן. אָפט, ווי דערמאָנט, זיינען די אונטערנעמונגען דורכגעפירט געוואָרן בשותפות מיט אַנדערע קרובישע אינסטיטוציעס, ווי: ייִוואָ, שרייבער־פאַראיין, אַקטיאָרן־פאַראיין. אין חודש אויגוסט, צו דער יאָרצייט פון די יידישע שרייבער וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פירט דורך דער קולטור־קאָנגרעס, בשותפות מיט די פריער־דערמאָנטע אינסטיטוציעס אַ גרויסן דערמאָנונגס־אַקט. פאַר די לעצטע 3 יאָר האָט דער קולטור־קאָנגרעס דורכגעפירט אַרום 20 זייער וויכטיקע אונטערנעמונגען. לדוגמא וועלן מיר נאָר אויסרעכענען די וויכטיקסטע. צוויי סימפּאָזיומס וועגן מרדכי שטריגלערס בוך „שמועסן מיט דער צייט”. אין די דאָזיקע סימפּאָזיומס האָבן אָנטיילגענומען פאַרשטייערס פון כמעט אַלע ריכטונגען וואָס ווירקן אין יידישן לעבן אין בוענאָס־איירעס. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קבלת־פּנים פאַרן שרייבער יהודה עלבערג פון קאַנאַדע, וועלכער איז געקומען קיין אַרגענטינע אויף דער פאַרבעטונג פון קולטור־קאָנגרעס. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אָוונט צום דערשיינען פונעם בוך פון באַוווסטן דענקער אברהם גאָלאָמב

„אויף די וועגן פון קיום״; אַן אָוונט צום דערשיינען פון י. ראַפּאָפּאָרטס בוך „תנך אימפּראָוויזאַציעס״; אַ דובנאָוו־אָוונט — מיט דער באַטייליקונג פון דיכטער חיים גראַדע, צום דערשיינען פון דובנאָווס „דאָס בוך פון מיין לעבן״; אַן אָוונט צום דערשיינען פונעם בוך „שריפטן״ פון באַוווסטן דענקער ש. ראַבידאָוויטש ע״ה. און נאָך אַ גאַנצע ריי וויכטיקע אונטערנעמונגען.

אַלע אונטערנעמונגען וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט דורכגעפירט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ הויכן קולטור־ניוואָ און האָבן שטענדיק אריינגעבראַכט יום־טובדיקייט אין היגן יידישן לעבן.

דער עקזעקוטיוו, וואָס פירט אָן מיטן קולטור־קאָנגרעס באַשטייט פון די פאָלגנדיקע מיטגלידערס:

יונה גאָראָדיסקי — פאָרזיצער; יצחק יאַנאָסאָוויטש — סעקרעטאַר; אברהם זאַק — וויצע־פאָרזיצער. מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג: יעקב באַטאָשאַנסקי, יוסף האָרן, דוד אייזענבערג, הדסה האַלפּערן, שלמה זשיטניצקי, מאָטיע מייזליש, לייזער מילשטיין, יעקב פּאַלאַטיצקי, גאָלדע צוקער, בער קאָרפּ, חיים קודלאַטש, מענדל דייטש, לייב וואָראָנאַ.

רשימה פון ביכער און אויסגאַבעס

דערשינענע אין די יאָרן 1956—1962

באַמערקונג פון רעדאַקציע: די רשימה איז געמאַכט געוואָרן אויפן סמך פון די פאַרצייכענונגען פון פרעסע־אַרכיוו ביי דער בוענאָס־איירעסער קהילה. צום באַדויערן איז זי נישט קיין פולע און עס פעלן אין איר געוויסע רובריקן פון ביבליאָגראַפישן כאַראַקטער.

יאָר 1956 (יידיש און עברית)

פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום"

אליעזר וויזל: און די וועלט האָט געשוויגן.
ד"ר יוסף טענענבוים: צווישן מלחמה און שלום.
ש. בערלינסקי: ירושה.
יוסף אָקרוטני: סוף קאַפּיטל.
זיגמונט טורקאָוו: טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט.
בער י. ראָזען: פאַרטרעטן.
א. טענענבוים־ארזי: לאָדזש און אירע יידן.
אברהם זאַק: קנעכט זענען מיר געווען.

פאַרלאַג „יידבוך"

יעקב פאַט: די לערערן אסתר.
שלמה סיימאָן: וואָרצלען.
משה דלוזשנאָווסקי: האַרבסט אין וויינגאָרטן.
מנחם באָריישאָ: עסייען.
ל. בערנשטיין: ערשטע שפּראָצונגען.

פאַרלאַג „קיום"

משה גראָס־צימערמאַן: יידן צווישן יידן.
יצחק בן־צבי: מיט דער צווייטער עליה.

פאַרלאַג „ייוואָ"

מרדכי וו. בערנשטיין: נישט־דערברענטע שייטן.
מאָריס ראָזנפעלד: בריוו.
ד"ר א. ליפינער: די געשיכטע פון אַ פאַרגעסערט כתב.

פאַרלאַג „קולטור־קאָנגרעס"

ש. דובנאָוו: וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק (באַנד 10).

פאַרלאַג „אונדזער וואָרט"

חיים פינקעלשטיין: איקוף, דאַיאַ און יידיש פאָלק.

פאַרלאַג „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט"

אבא גאָרדין: אין געראַנגל פאַר פרייהייט.

אַרויסגעגעבן פון אַ געז׳ קאָמיטעט, ל"ל פאַריינען אין פון מחבר אַליין

זאַמלבוך: דער האָלץ־ און אייזן־אינדוסטריאַל (1956).

פּנקס וואַרשע
וחי בהם (זאַמלונג פון דינים).
קהת קליגער: פּייזאַזשן פון ישראל.
יזכור־בוך נאָך די קהילות גלובאָק, שאַרקויסצענע, דוסינאָוויטש, פּאָסטאָוו, דרויע און קאָזאַן.
ל. ראָט: דער ייִדישער געדאַנק ווי אַ פאַקטאָר פון ציוויליזאַציע.
לכבוד יום־טוב (בראָשור לכבוד ראש־השנה, יום־כיפור און סוכות).
מלך טשעמני: אויסגעוואָרצלטע.
ישראל אַשענדאָרף: דער מלך דוד.
ד״ר נחמן מיזשעריצקי: געקליבענע דערציילונגען.
ז. וואָהל: מחקרי המקרא.
בעסאַראַבער יובּיליי־אַלמאַנאַך.

יאָר 1956 (שפּאַניש)

Abraham Cohen: El judaísmo y el surgimiento del cristianismo.
Dr. H. Weil: Maimónides. – Edit. Omega.
Samuel Niger: Literatura y guerra. – Edit. Soc. Racionalista.
J. y D. Kimche: Guerrilleros en alta mar. – Edit. Candelabro
S. Rosenberg: Rabi Meir y Bruria. – Edit. Candelabro.
Dr. A. Granot: La tierra y el labrador. – Edit. Candelabro.
J. Bartov: Ni ángeles, ni demonios. – Edit. Candelabro.
A. Kovner: Cara a cara. – Edit. Acervo Cultural.
Los judíos (su historia, su aporte a la cultura). – Editorial Hebraica.
Mendel Man: En una aldea abandonada. – Edit. Israel.
Síntesis del Schulján Arúj (trad. Dr. N. Lerner). – Edit. Sigal.

יאָר 1957 (יידיש און עברית)

אַרויסגעגעבן פון אַ געז׳ קאָמיטעט, ל״ל פּאַריינען און פון מחבר אַליין

ב. י. גאָטליב: געזאַנגען צו ישראל.
וו. טשערנאָוועצקי: אַמעריקע דו ביסט גרויס.
ד״ר ש. סאָקאָל: בראָשור וועגן אַרגענטינע אונטער פּעראָן.
י. אָקרוטני: אונטער ליימענע דעכער.
נחמיה צוקער: אויף נייע רעלסן.
דוד גייסט: דאָס לעבן אַליין.
מאיר עדלבוים: די ייִדן־שטאָט מעזריטש.
ועד החינוך: שבועות־העפט (דידאַקטישער מאַטעריאַל).
פּ. לינק: די ייִדישע קולטור.
מאיר בעזאָוויק: אויף קרומע וועגן.
א. מידע: עפּיזאָדן פון ייִדישן טעאַטער.
שמואל מאיר הרכבי: חזון ופתרון.
מיכל ליכט: אַלע לידער אין איין בוך.
אבא גאָרדין: ייִדיש לעבן אין אַמעריקע.
משה קנאַפּהייס: הונדערט סאָנעטן.
לעאָן חידקל: ספר החזנים.
זאַמלבוך: דער האָלץ־ און אייזן־אינדוסטריאַל (1957).

וועד החינוך: הערצל־ביאַליק־העפט.
נחום בירנצווייג: צו די קומענדיקע ימים־נוראים.
מרדכי הערבסט: צייט־מאָטיוון.
מרדכי וו. בערנשטיין: דער ספר — אונדזער פאָן.
ש. זיידענשטאָט: זכרונות פון מײַנע קינדער־יאָרן.
פנקס זאַמאָשטש (רעד.: מ. וו. בערנשטיין).

א. ראָזענטאַל־פּאָנד

יודל מאַרק: היסטאָרישע געשטאַלטן.

פאַרלאַג „דער שפּיגל"

תלוש: מיין סאַטנס ניגון.

פאַרלאַג פון „דאַיאַ"

ייִדן און ייִדישקייט אין סאָוויעטן־רוסלאַנד.

פאַרלאַג „אונדזער וואָרט"

שמחה סנה: דאָס געשריי פון דער נאַכט.

פאַרלאַג „דזוקא"

יהודה אברבנאל־נומער.
זיגמונט פרויד־נומער.
יונגע אינטעלעקטואַלן־נומער.

פאַרלאַג „יידבוך"

פּ. מינץ: ייִדישער אומקום און ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך.
מ. אייזנבונד: געלעבט הינטער קראַטן.
דוד איגנאַטאָוו: אָפּגעריסענע בלעטער.
ח. גוטמאַן (דער לעבעדיקער): פּאַמפּאַדור.

פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום"

מ. קאַגאַנאָוויטש: די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער.
י. גלאַטשטיין: ווען יאָש איז געפאָרן.
ד. פלינקער: נייע צייטן.
מ. ווײַנרייך: פון ביידע זייטן פלויט.
מ. י. שעליובסקי: אין דער וועלט אַריין.

פאַרלאַג „קיום"

ה. לייוויק: אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
רחל (בלאַושטיין): לידער (איבערז׳: ז. שזר).

פאַרלאַג „קולטור־קאָנגרעס"

ש. דובנאָוו: געשיכטע פון חסידיזם (1טער באַנד).

ליפּשיץ־פאָנד ביים קולטור־קאָנגרעס

שלמה עטינגער: אויסגעקליבענע שריפטן.

פאַרלאַג „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט"

א. אַלמי: אין גערangל פון אידייען (עסייען).
א. גאָרדין: זכרונות און חשבונות.

יאָר 1957 (שפּאַניש)

Marie Sirkin: Al servicio de una causa (La vida de Golde Meir). — Edit. Kium.
Sch. Aleijem: Estrellas errantes. — Edit. Acervo Cultural.
L. Mosley: Gedeon va a la guerra. — Edit. Acervo Cultural.

A. Eban: Frente a una obstinada beligerancia. — Edit. Acervo Cultural.
Antología: Héroes en Israel. — Edit. Candelabro.
Edwin Samuel: Israel por dentro. — Edit. Candelabro.
J. Kaszer: No temas mi ciervo Jacob. — Edit. Candelabro.
Gral. R. Henriquez: La guerra de 100 horas. — Edit. Candelabro.
M. Schamir: Rey de carne y hueso. — Edit. Candelabro.
A. J. Heschel: La tierra es del Señor. — Edit. Candelabro.
Ajad Haam: El sendero del retorno. — Edit. Israel.

יאָר 1958 (יידיש און עברית)

אַרויסגעגעבן פון אַ געז׳ קאָמיטעט, ל״ל פאַריינען און פון מחבר אַליין

א. א. פישער: היסטאָרישע דראַמעס.
מאַשע שטוקער־פאַיוק: גוט יום־טוב (קינדער־לידער).
א. מידע: עפיזאָדן פון ייִדישן לעבן.
פאַליק לערנער: אַ בעסאַראַבער שטעטל.
גרשון סאַפאָזשניקאָוו: פון די טיפענישן (עסייען).
יהושע אַלבערט: ייִדישע וואַרשע דורך פיין, בלוט און טויט.
ד״ר יואל זינגער: דער מענטש און זיין געזונט.
מינאַ באָרדאָ־ריווקין: לידער און איבערבליקן.
קהת קליגער: איך און דער ים (לידער).
יעקב באָטאָשאַנסקי: שבת, יום־טוב און וואָך אין מדינת־ישראל.
פנקס פרוזשענע, בערעזע, מאַלטש, שערעשאָוו און סאַלץ (רעד׳: מ. וו. בערנשטיין).
גאָלדע קרימער: אויפן שיידוועג.
גאָלדע קרימער: דאָס לעבן פון אַ פרוי.
יצחק קאַפלאַן: אָפקלאַנגען פון אַלטן חדר.
א. טקאַטש: ארץ־ישראל־געאָגראַפיע.

פאַרלאַג „דער שורש"

פנחס שטיינוואַקס: סילועטן פון אַ דור.

פאַרלאַג „ג. קאַפלאַנסקי"

א. אַלמי: חשבון און סך־הכל.

אַרויסג׳ מועצת המורים פון קק״ל

פסח־מאַטעריאַלן.
פנחס ערליך: כרעסטאָמאַטיעס פאַרן 3טן, 4טן און 5טן יאָר.

אַרויסג׳ פון ועד החינוך

40סטער יאָרצייט פון י. ל. פרץ און שנת־העשור פון מדינת־ישראל.
שבועות־אויסגאַבע.
העפט געווידמעט כ׳ און כ״א תמוז.
מאַטעריאַלן פאַר ימים־נוראים און סוכות.
זאַמלונג פון אַכט סצענקעס און איינאַקטערס.

פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום"

לעאָן לענעמאַן: דער חשבון בלייבט אָפן.
ד״ר יצחק שוואַרצבאַרד: צווישן ביידע וועלט־מלחמות.
שלמה פראַנק: טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ.
מלך באַקאַלטשוק־פעלין: זכרונות פון אַ ייִדישן פאַרטיזאַן.

אלימלך ראַק: זכרונות פֿון אַ ייִדישן האַנדווערקער־טוער.
הירש אַבראַמאָוויטש: פֿאַרשווּנדענע געשטאַלטן.
פּנחס וועלנער: אין יענע טעג.
בצלאל טערקעל: צווישן שאָקאַלן.
מאַרק טורקאָוו: די לעצטע פֿון אַ גרויסן דור.

פֿאַרלאַג „ייִדבוך"

מ. פּישמאַן: פֿרײַער און שפּעטער.
מ. דלוזשנאָווסקי: ווי אַ בוים אין פֿעלד.
ל. לאַסאָווין: אַ. חתונה אויפֿן באַרג לבנון.
ב. שעפֿנער: אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט.
פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער): לאָדזש אין מיין זכרון.
אברהם זאַק: אויף די שליאַכן פֿון הפקר.
נח גאָלדבערג: אויף צעוואָרפֿענע וועגן.

פֿאַרלאַג „ייִוואָ"

אַרגענטינער ייִוואָ־שריפֿטן, נומער 7.
אברהם רעכטמאַן: ייִדישע עטנאָגראַפֿיע און פֿאָלקלאָר.

פֿאַרלאַג „קולטור־קאָנגרעס"

ישראל אַשענדאָרף: לעצטע שריפֿטן.
שמעון דובנאָוו: געשיכטע פֿון חסידיזם (2טער און 3טער באַנד).

ליפּשיץ־פֿאָנד

מאַרק וואַרשאַווסקי: ייִדישע פֿאָלקסלידער.
ה. ד. נאָמבערג: אויסגעקליבענע שריפֿטן.

פֿאַרלאַג „קיום"

מענדל מאַן: די גאַס פֿון בליִענדיקע מאַנדלען.

פֿאַרלאַג „דווקא"

נחמן קראָכמאַל־נומער.
הערמאַן כהן־נומער.

יאָר 1958 (שפּאַניש)

Ka Tzetnik: La casa de las muñecas. — Edit. Israel.
Azriel Eisenberg: El gran descubrimiento. — Edit. Israel.
Iosef Schejtman: La vida de Yabotinski. — Edit. Candelabro.
Igal Mosinson: Jasambra. — Edit. Candelabro.
Samuel Pekar: La generación olvidada. — Edit. Candelabro.
Dra. Erna Schlesinger: Grandes figuras del judaísmo. — Edit. Candelabro.
Dr. J. Shoshkes: Desde el Kremlin a las pirámides. — Edit. Candelabro.
Mendel Man: En las puertas de Moscú. — Edit. Candelabro.
Aba Berdichew: La estela de un águila. — Edit. Candelabro.
Josef Baratz: En la orilla del Jordán. — Edit. Candelabro.
Dr. N. Rapaport: De tiempos lejanos hasta ayer. — Edit. del Autor.
Dr. N. Lerner: en defensa de los derechos humanos. — Edit. Daia.
Arieh Safran: Democracia y autocracia. — Edit. Autor y Varios.
Dr. J. Goldstraj: Sangre sobre las estrellas. — Edit. Autor y Varios.
David Elnecave: Introducción a la Biblia. — Edit. Autor y Varios

Nissim Teubal: El Inmigrante. — Edit. Autor y Varios
Dr. L. Dujovne: La filosofía de la historia en la antigüedad y edad media. — Edit. Autor y Varios.
Nissim Teubal: Consejos para la mujer. — Edit. Autor y Varios.
W. Chernovetzki: Cosas y fenómenos de la vida. — Edit. Autor y Varios.
Salomón Chichelnitzki: La verdad. — Edit. Autor y Varios.
A. Jerusalimski: ¿Quo vadis Moscú? — Edit. Autor y Varios.
Estudios y ensayos sobre tópicos judios. — Edit. I.W.O.

יאָר 1959 (יידיש און עברית)

אַרויסגעגעבן פון אַ גאַנץ קאָמיטעט, ל״ל פאַריינען און פון מחבר אַליין

ל. קלאָצמאַן: אַכט יידישע לידער (2טע אויפלאַגע).
פּ. וואַלד: אויף היסטאָרישע וועגן.
ל. וויינער: לידער פאַר פּיאַנאָ און געזאַנג.
י. באָטאָשאַנסקי: וועגן ד״ר זשיוואַגאָ פון פּאַסטערנאַק.
זאַמלבוך: האָלץ און אייזן־אינדוסטריאַל (20סטער יאָרגאַנג).
א. טקאַטש און ש. צעסלער: אונדזער המשך (3טע אויפלאַגע).
וו. טשערנאָוועצקי: ערב דער פערטער וועלט־מלחמה...
אברהם גאָלאָמב: אויף די וועגן פון קיום.
בעלכאַטאָוו — יובֿיליי־אויסגאַבע.
א. טקאַטש: קינדערלאַנד; לערנבוך, (3טע אויפלאַגע).
יובֿיליי־בוך „וואַרשעווער יידן״ (10 יאָר עקזיסטענץ פון וואַרשעווער פאַרבאַנד).

„איקוף״־פאַרלאַג

פּ. מאַרקיש: ירושה.

פאַרלאַג „מוריה״

מנחם חריף: לעקציעס פון יידישער געשיכטע (באַנד 1).

ראָזענטאַל־פאָנד

ש. סיימאָן: חכמים, עקשנים און נאַראָנים.

פאַרלאַג „דוד עדעלשטאַט״

ד״ר ח. שאָטאַן: פילאָזאָפישע און אידעאָלאָגישע סתירות.

פאַרלאַג „אונדזער וואָרט״

לייבל חן (ש. שמעוני): נעכטן.
משה מענאַכאָווסקי: בער באָראָכאָוו — זיין לעבן און שאַפן.
ספר הפלמ״ח (איבערז׳: שמחה סנה).

פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום״

י. ל. וואָלמאַן: פוילישע יידן.
צ. כהן: שטורמישע דורות.
ב. שמן: דאָס געזאַנג פון חסידות.
העלענאַ שערעשעווסקאַ: צווישן צלם און מזוזה.
פּנחס שטיינוואַקס: יידישע מאַמעס צום געדענקען.
יאָנאַס טורקאָוו: נאָך דער באַפרייונג.

פאַרלאַג „יידבוך״

סטעפאַן צווייג: די וועלט פון נעכטן (איבערז׳: מ. בראַקאַזש).
וויליאַם נאַטאַנסאָן: קולטור־קוואַלן.

ב. ריווקין: יידישע דיכטער אין אַמעריקע.

פאַרלאַג „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט"

א. גאָרדין: דרייסיק יאָר אין ליטע און פוילן.

מ. בובער: שטעגן און אוטאָפּיע.

שמואל לעווין: צווישן צוויי תהומען.

פאַרלאַג „יִזְוֹא"

י. שאַצקי־בוך (רעדאַקט׳: י. ליפשיץ).

שלום־עליכם אין בילד.

פאַרלאַג „קולטור־קאָנגרעס"

אַנאַ פראַנק: דאָס טאָגבוך.

שמואל ניגער: קריטיק און קריטיקער.

ליפשיץ־באַנד ביים קולטור־קאָנגרעס

מענדעלע מוכר ספרים: מסעות בנימין השלישי.

לייב ניידוס: אויסגעקליבענע שריפטן.

יעקב דינעזאָן: יאָסעלע; דער קריזיס.

משה בראָדערזאָן: אויסגעקליבענע שריפטן.

פאַרלאַג „קִיּוּם"

א. ל. קובאָווי: וואָרצלען און פליגלען.

שלמה סיימאָן: אין די טעג פון די ערשטע נביאים.

אפרים אויערבאַך: גילדענע שקיעה.

מרדכי שטריגלער: שמועסן מיט דער צייט.

יצחק יאַנאָסאָוויטש: מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד.

פאַרלאַג „דוּקא"

שלמה אבן גבירול־נומער.

נומער וועגן עקזיסטענציאַליזם.

משה מענדעלסאָן־נומער.

יאָר 1959 (שפּאַניש)

A. N. Poliak: Así se forjó Israel. — Edit. Sión.

S. Pekar: Los rebeldes y los sorprendidos. — Edit. Autor

H. Fast: Moisés. — Edit. Acervo Cultural.

Scholem Aleijem: Retorno de la feria. — Edit. Acervo Cultural.

Dr. D. de Sola Pool: Sé tu mismo. — Edit. Candelabro

M. Banai: El tesoro del Neguev. — Edit. Candelabro.

A. Weissberg: Operación noche y neblina. — Edit. Candelabro.

José Buoi: Predestinado retorno. — Edit. Candelabro.

M. Dluznovski: Las hijas del alfarero. — Edit. Candelabro.

R. San Jean: El rebelde de Jerusalem (2da. edic.). — Edit. Candelabro.

R. Learsi: Historia del pueblo judío. — Edit. Israel.

J. Iadin: Los rollos del Mar Muerto. — Edit. Israel.

M. Senderey: Breve historia del pueblo de Israel. — Edit. Iehuda.

יאָר 1960 (יידיש און עברית)

אַרויסגעגעבן פון אַ געז׳ קאָמיטעט, ל״ל פאַריינען און פון מחבר אַליין

ח. בושעל־סאַלאָו: לידער און אָפּשאַצונגען.

א. צוויג: מדריך למורה העברית בארגנטינה.
שרה דאַווידאָוויטש: דאָס געוויסער פון בלוט און טרערן.
עברית ברדיו (2טער העפט).
עברית ברדיו (3טער העפט).
עברית ברדיו (4טער העפט).
הערצל־העפט.
מאַרקאָס וויינשטיין: ענציקלאָפּעדיע פון צושניידעריי און קאָנפעקציע.
חיים גאָלדזאַק: אַלע ווילן לעבן.
משה קנאַפּהייס: אַ ייִנגל פון וואַרשע.
ראָשעל אַלפּעראָוויטש: מיין ליד.
אברהם ראַכמילעוויטש: האַנטבוך פאַר סוחרים, בענק און אינדוסטריעלער.
פּנקס זאַמאָשטש.
יוסף אָקרוטני: אַ שטיין צוקאָפּנס.
מענדל אַקערמאַן: אויסגעלאָשענע שטערן.

א. ראָזענטאַל־פאָנד

פון אַרגענטינע (פּאָעזיע, פּראָזע, פּובליציסטיק); רעד׳: ש. ראָזשאַנסקי.

פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום"

וו. מערקור: די וועלט פון כעלעם.
ראובן בן־שם: פּוילן ברענט.
י. טורקאָוו־גרודבערג: פּנימער און מאַסקעס.
ש. פּריזאַמענט: בראָדער זינגער.
ד. לעדערמאַן: פון יענער זייט פּאַרהאַנג.
שיינע־מרים בראָדערזאָן: מיין ליידנסוועג מיט משה בראָדערזאָן.
פּאָלאַ אַפּענשלאַק: יאַנוש קאָרטשאַק.

פאַרלאַג „ייִדבוך"

י. פּערלאָוו: פלאָרא אינגבער.
ש. איזבאַן: די קעניגן איזבל (ערשטער באַנד).
ש. איזבאַן: די קעניגן איזבל (צווייטער באַנד).
שלמה סיימאָן: צווייגן.
מרדכי וו. בערנשטיין: דאָס איז געווען נוסח אשכנז.

פאַרלאַג „קולטור־קאָנגרעס"

י. ראַפּאָפּאָרט: תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס.

ליפשיץ־פאָנד ביים קולטור־קאָנגרעס

ש. פרוג: אויסגעקליבענע שריפטן.

פאַרלאַג „קיום"

פּנחס שטיינוואַקס: ציוניסטן.
יעקב גלאַטשטיין: אין תוך גענומען (באַנד 1).
יעקב גלאַטשטיין: אין תוך גענומען (באַנד 2).
שלמה ביקל: אַ שטאָט מיט ייִדן.
חיים גרינבערג: ייִד און וועלט.

פאַרלאַג „דווקא"

איוב־נומער.
ר׳ סעדיה גאון־נומער.
קוהלת־נומער.

יאָר 1960 (שפּאַניש)

Dr. N. Rapaport: Con el tiempo y los recuerdos. – Edit. Autor.
L. Feuchtwanger: El judío en Roma. – Edit. Acervo Cultural.
Israel vista por ojos argentinos (antología).
Prof. Florencio Escardó: Un pueblo despertado. – Edit. Socied. Amigos Universidad Hebrea.
Prof. Boleslao Lewin: Los judíos bajo la inquisición en Hispanoamérica. – Edit. Dédalo.
Henri Amuru: Yo vi vivir a Israel. – Edit. Acervo Cultural.
José Winderman: La epopeya del Chaco. – Edit. Autor.
Natan Asubel: Historia ilustrada del pueblo judío.
Baruj Garfunkel: Relato mi vida. – Edit. Autor.
I. Daián: Una cara nueva en el espejo. – Edit. Candelabro.
H. Ruskal y M. Banai: Kilómetro 95. – Edit. Candelabro.
I. Glatstein: Cuando Iasch llegó. – Edit. Candelabro.
Dr. T. Hertzl: El Estado judío. – Edit. Israel.
H. A. Hanover: Llegó el Pesaj. – Edit. Israel.
Silverman: Las aventuras de Jabibi. – Edit. Israel.
R. Saint John: David Ben-Gurion. – Edit. Candelabro.

יאָר 1961 (ייִדיש און עבֿרית)

פֿאַרלאַג „ג. קאַפּלאַנסקי"

ישראל־מאַפּע אין טאַשן־פֿאָרמאַט.

אַרויסגעגעבן פֿון אַ געז' קאָמיטעט, ל"ל פֿאַריינען און פֿון מחבר אַליין

80 יאָר אָרט — יובֿיליי־בוך.
א. גאָלאָמב: אונדזער גאַנג צווישן פֿעלקער.
זאַמלבוך פֿון שטריקער־פֿאַבריקאַנטן — רעד. ג. סאַפּאָזשניקאָוו.
משה קנאַפּהייס: אַ ייִנגל פֿון וואַרשע (צווייטער באַנד).
ברוך הויכמאַן: ייִדישע קאָלאָניזאַציע און אַגראַר־קאָאָפּעראַציע אין אַרגענטינע.
זאַבלודאָווער יזכּור־בוך.
פֿאַליק לערנער: צוגאַסט אויף אַ ווייל.
יעקבֿ שטרייכער (פֿון עיזבון): קינדער־לידער.
דוד גאַנז: פּרוכטן (קינדער־לידער).
מרדכי הערבסט: באַטראַכטונגען פֿון דער נאָענט.
מאשע פֿעלדמאַן: דער מאַמעס לייכטער (זכרונות פֿון טאַלנע).
מ. ל. גייסער: כּשפֿים.

פֿאַרלאַג „שלום־עליכם־שולן"

100 יאָר ייִדן אין אַרגענטינע.

„איקוף"־פֿאַרלאַג

דוד בערגלסאָן־אויסגאַבע (1טער באַנד).

א. ראָזענטאַל־פֿאָנד

שלום עליכם: טובֿיה דער מילכיקער.

„איקוף"־פאַרלאַג

צאַלעל בליך: אַ רייזע צו אונדזער ווייטיק און צו אונדזער פרייד.
צאַלעל בליך: טריט אויף סאַנמאַרטינישער ערד.
שלמה מיכאָעלס: אַרטיקלען, שמועסן, רעדעס.

אַרויסג׳ דורך מדרשה עברית

לקט שירים (פון דער נייער העברעיִשער פּאָעזיע).

פאַרלאַג „גאַליציע"

געדענק־בוך „גאַליציע" — רעד. נ. צוקער.

פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום"

ש. ברייננסקי: מענטשן פון זעלעכאָוו.
דוד דאַווידאָוויטש: שולן אין פּוילן.
זיגמונט טורקאָוו: די איבערגעריסענע תקופה.
א. אַלמי־בוך.

פאַרלאַג „ייִדבוך"

ש. ראָזענבערג: די כוזרים.
יצחק איסאַקסאָן: אַנטאָלאָגיע פון דער וועלט־ליטעראַטור.
י. י. טרונק: משיח־געוויטער.
יוסף ראָלניק־בוך.
אברהם ווייך: די לעצטע געטאָ.

פאַרלאַג „ייִוואָ"

אַרגענטינער ייִוואָ־שריפטן (באַנד 8).

ליפשיץ־פאָנד ביים קולטור־קאָנגרעס

דוד פּינסקי: אויסגעקליבענע שריפטן.

פאַרלאַג „קולטור־קאָנגרעס"

ר. ראַפּאַפּאָרט: זוימען אין ווינט.
ש. דובנאָוו: דאָס בוך פון מיין לעבן.

פאַרלאַג „קיום"

חיים גרינבערג: מענטשן און ווערטן.
מ. שטריגלער: שמועסן מיט דער צייט (צווייטער באַנד).

פאַרלאַג „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט"

רודאָלף ראָקער: עסייען.
שמואל לעווין: שוואַרצע בערג און בלויע טאָלן.

פאַרלאַג „דווקא"

ספר בראשית־נומער.
חסידות־נומער.

יאָר 1961 (שפּאַניש)

Iehuda Burla: Las hazañas de Acavia. — Edit. Kium.
Josefo Flavio: Obras. — Edit. Acervo Cultural.
David Ben-Gurion: Hacia un rumbo nuevo. — Edit. Acervo Cultural.
Ana Frank: Cuentos, memorias y ensayos. — Edit. Candelabro.
Iaal Daian: Dichosos los que tienen miedo. — Edit. Candelabro.
R. Cansinos Asens: Las luminarias de Januca. — Edit. Candelabro.

Dr. M. Davis: Israel en la civilización moderna. – Edit. Candelabro.
I. Ben-Zvi: Las tribus perdidas (2da. ed.). – Edit. Candelabro.
Aaron Megued: Jana Senesz. – Edit. Israel.
M. I. Cohen: Los caminos de la Biblia. – Edit. Israel.
Los compañeros recordarán a Jimi (en memoria de un jalutz caído). – Edit. Israel.
La ciencia investiga el antisemitismo. – Edit. Inst. Argent.-Judío para Cultura e Información.
Boleslao Lewin: El explorador argentino Julio Popper y la sociedad rumana.
La máquina nazi. – Edit. por D.A.I.A.
Aron Esevich: El destino de Joaquín Acosta. – Edit. Peuser.
Dr. José Lieberman: La tierra soñada.
Dr. Ricardo Lipschitz: Principios elementales del derecho internacional en los que se basa el proceso Eichman. – Edit. Inst. Argent.-Judío para Cultura e Inform.
Estudios. – Edit. por el Inst. de Cultura Israelí.
Rabino M. Moljo: Literatura sefaradí en el oriente.
La iglesia católica se defiene. – Edit. Instit. Argent.-Judío para Cultura e Inform.
L. Dujovne, Menasche y Mosché Konstantinovski: Antiguo testamento en castellano. – Edit. Segal.
Folleto sobre J. N. Bialik. – Edit. Dep. Juvent. del K.K.L.
Raquel Zipris: La pequeña abejita (poemas).
Silvano Santander: El gran proceso.

יאָר 1962 (יידיש און עברית)

פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום"

ד״ר יצחק לעווין: יידן אין אלטן פוילן.
מלך ראַוויטש: דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן.
א. אַלמי־בוך.
ישראל עמיאָט: פאַרדעקטע שפּיגלען (דערציילונגען, סקיצן און לידער).
ישעיה טרונק: געשטאַלטן און געשעענישן (היסטאָרישע עסייען).
אברהם זאַק: אין אָנהייב פון אַ פרילינג (זכרונות).

פאַרלאַג „יידבוך"

ק. כצנלסון: דער קריזיס פון מאָדערנעם העברעיש.
גריגאָרי אַראָנסאָן: רוסיש־יידישע אינטעליגענץ.
ד״ר שלמה סיימאָן: אויף אייגענע דרכים.

פאַרלאַג „קולטור־קאָנגרעס"

שמעון דובנאָוו: דאָס בוך פון מיין לעבן (2 בענד).
שמעון ראַווידאָוויטש: שריפטן.

פאַרלאַג „ייווא"

אלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ: סאָוועטישע הרוגי־מלכות.

פאַרלאַג „קיום"

שלמה ביקל: רומעניע (געשיכטע, ליטעראַטור־קריטיק, זכרונות).
לייב שפּיזמאַן: געשטאַלטן.
משה שענדעריי: דער לעבנסוועג פון ב. דאָבריאַנסקי.
מענדל מאַן: על נהרות פוילן.

ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייִוואָ

אליהו בחור: בבא־בוך (איבערדיכטונג פון משה קנאַפּהייס).
י. ל. פּרץ אין 19טן יאָרהונדערט.
י. ל. פּרץ אין 20סטן יאָרהונדערט.
מאָריס ראָזענפעלד — אויסגעקליבענע שריפטן.
דוד האָפּשטיין, איזי כאַריק, איציק פעפער.

אַרויסגעגעבן פון אַ געז' קאָמיטעט, ל"ל פּאַריינען און פון מחבר אַליין

פּנקס זשיראַרדאָוו, אַמשינאָוו און וויסקיט.
יצחק פּאַכאָמאָווסקי: ווי איך האָב געזען ישראל (בראָשור).
70 יאָר הומאַניטאַרע אַרבעט פון דער ייִקאַ.
שניאור וואַסערמאַן: צום מענטש (לידער).
מאַשע שטוקער־פּאַיוק: דער צעדערבוים (מעשהלעך און לידער).
אביגדור שפּריצער: זון און שאָטן (דערציילונגען, לידער און דראַמען).
שלמה רויז: איינדרוקן פון אַ רייזע (מדינת ישראל).
אברהם זאַק: אויף פרעמדער ערד (לידער).
גאָלדע קרימער: פון דאָס נײַ (דערציילונגען).
יעקב באָטאָשאַנסקי: די ייִדישע קעניגין פון דרום־אַמעריקע.
זאַמלבוך פון שרייבער־פּאַראיין „ה. ד. נאָמבערג".
שרה בירנבוים: פאַר זון־אויפגאַנג (לידער).
אפרים גאָלדבערג: בדמי הליל (שירים).
זאַבלודאָווע — יזכור־בוך.

יאָר 1962 (שפּאַניש)

A. Eizenberg: El libro de Bar Mitzva. — Edit. Candelabro.
Aaron Megued: Jedva y yo. — Edit. Candelabro.
Olga Heski: Jezabel, la reina pintada. — Edit. Candelabro.
Prof. L. Schallman: Cuentos israelíes. — Edit. Candelabro.
B. Z. Goldberg: Los judíos en la Unión Soviética. — Edit. Candelabro.
Iemima Tscherovitz-Avidar: A casa. — Edit. Israel.
Paddy Chayeffsky: El décimo hombre. — Edit. Israel.
S. Wassertzug (traducción de P. Guler): Janusz Korczak, maestro y mártir. — Edit. Acervo Cultural.
Moisés Hess: Roma y Jerusalem, traducción y prólogo del Dr. León Dujovne. — Edit. Kium.
Ezequiel Schoijet: Jirones de vida.
Isaac Podlubne: Movimiente y desarrollo del cooperativismo mundial.

יידישע צייטונגען און צייטשריפטן אין אַרגענטינע
אין די יאָרן 1956־1962

טעגלעכע:

„די אידישע צייטונג"
„די פרעסע".

וועכנטלעכע:

„די נייע צייט"
טריבונע"*
„לאַנדסמאַנשאַפטן"

צווייוועכנטלעכע:

„אונדזער וואָרט"
„אַרגענטינער לעבן"*
„ראָזאַריער לעבן".

חודשלעכע:

„אונדזער געדאַנק"
„אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער"
„אלף"*
„אַרגענטינער ביימעלעך"
„אַרגענטינער מאַגאַזין"
„דאָס פרייע וואָרט"
„דער שפּיגל"
„דרום"
„ידיעות"
„קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר"
„קהילה און פאָלק"*

דריי־חדשים שריפטן:

„איקוף־בלעטער"
„דווקא"
„פּראָבלעמען"
„שריפטן".

אין שפּאַניש:

"Acervo Cultural"
"Amanecer" *
"Adelante"
"Bet Israel "
"Club de la Edad de Plata"
"Comentario"
"Davar"
"Eretz Israel"
"Israel"
"Jerusalem"
"Judische Wochenschau"

דאָס שטערנדל (*) באַדייט, אַז די אויסגאַבע דערשיינט שוין נישט מער.

"La Luz"
"La Voz del Centro Isr. de Córdoba"
"La Voz Hebrea"
"Mundo Israelita"
"Nueva Sion"
"Osfa"
"Principios"
"Renacimiento de Israel"
"Revista de la Cám. de Comercio Arg.-Isr."

געזעגענונגס־מסיבה לכבוד ד״ר שלמה ביקל.

יעקב באָטאָשאַנסקי געזעגנט זיין חבר ד״, שלמה ביקל.

IV

יידישע שרייבער פֿון אויסלאַנד
וועגן אונדזער ישוב

אפרים אויערבאך

פאַרשידן זיינען די וועגן

אין די גאָר יונגע יאָרן מיינע האָב איך זיך מיט אַמעריקע לגמרי נישט אָנגעקערט. מיט אַרגענטינע האָב איך יאָ געהאַט אַ שייכות. קיינער פון מיינע קרובים, צי נאָענטע מענטשן, איז קיין אַמעריקע נישט געגאַנגען. נאָר אַרגענטינע ליגט מיר אין טעם זינט איך בין געווען אַ קינד. אַ שטוב זע איך, מיט צעוואָרפן בעטגעוואַנט, מיט קאָרזינעס און קוישן. אַ ייִד, מיט אַ טונקלרויטער באָרד, אַן איבערגעוואַקסענער, גייט אַרום ווי אַ פאַרטשאַדעטער. ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ קאָרזינע און גיט אַ שפּרונג־אויף: וואָס הייסט ער וועט זיצן? עטלעכע זין, וואָס פּרווון אַריבערוואַקסן דעם טאַטן, וואַלגערן זיך צווישן די אָנגעוואָרפענע זאַכן. דער ייִד איז אַ גלידשוועסטערקינד מיינער. ער פאָרט קיין אַרגענטינע צו אַרבעטן ערד אין אַ קאָלאָניע. דאָס ווידערקול פון „אַרבעטן ערד" האָט זיך געטראָגן פון שטוב־צו־שטוב. די גאַנצע גאַס האָט די מישפּחה באַגלייט ביז צו דער בריק און פון דאָרטן ערשט האָבן זיך די וועגענער פאַרקערעוועט צום שאָסיי, וואָס האָט געפירט צום וואָקזאַל.

דער ייִד איז ממש פאַרפאַלן געוואָרן: קיין בריוו זיינען פון אים נישט אָנגעקומען; קיין גרוסן האָט מען פון אים נישט אָפּגענומען. אַרגענטינע, איז אין מיין קינדערשן מוח אויסגעקומען, איז אַ לאַנד ווו ייִדן ווערן פאַרפאַלן. נאָר מיסתמא האָבן זיך יאָ דורכגעזיפּט ידיעות פון אים. צו מיר זיינען זיי נישט דערגאַנגען. יאָרן שפּעטער איז מיינער אַ נאָענטער חבר אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, — אויך צו אַרבעטן ערד. דער חבר מיינער האָט געהאַט אַ טאַטן אַ פּאָסעסאָר. ער אַליין האָט זיך מתעסק געווען מיט דער פּאָסעסיע און, כאָטש ער האָט אַ פּאָר יאָר „עקסטערניטשאַיעט" אין אָדעס, איז ער דאָך צוריקגעקומען צו דער ערד. ארץ־ישראל איז געווען זיין חלום, — ס'איז געווען די צייט פון דער צווייטער עליה, וואָס איר ראָמאַנטיציזם האָט זיך דערטראָגן צו אונדז. נאָר אַזוי ווי דעם טאַטנס פּאָסעסיע איז אויסגערונען, איז ער אויף דערווייל געפאָרן מיט דער מישפּחה קיין אַרגענטינע, צו אַרבעטן ערד. דער „דערווייל" ציט זיך שוין איבער פופציק יאָר...

דערנאָך זיינען געווען די צוויי ברידער דוכאָווני, — איציק און שמואל, — העברעיִשע לערער, זיינען זיי געווען ביי אונדז. פון בעלץ זיינען זיי „אַוועק קיין אַרגענטינע". ישעיה גאָלדשטיין, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אונדזער שטוב, געווען יעקב פיכמאַנס און מיין עלטערן ברודערס אַ חבר. „שייקעלע" האָבן מיר אים גערופן. ער האָט יאָרן געלערנט אין אָדעס אויף עקסטערן, איז מגולגל געוואָרן קיין בוענאָס־איירעס און שפּעטער אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „דרום". דויד ראַשקאָוואַן, — אין דער היים האָט ער זיך געשניטן אויף שרייבעריי, — האָט חתונה געהאַט מיט יוסף־חיים שוחטס טאָכטער, ביילע, איז אויך יאָרן „פאַרפאַלן" געוואָרן אין אַרגענטינע. דער שוואָגער זיינער, מיין ייִנגערער חבר בוקי (בער) קרימסקי, איז זיי נאָכגעפאָרן יאָרן שפּעטער. פון אַרגענטינע וואָלט איך געקענט שרייבן זיכרונות, אַפילו נאָך איידער איך בין דאָרטן געווען.

נאָר, אַז איך טראַכט זיך אַריין אין די „זיכרונות" מיינע, איז די פרעמדע אַמעריקע געווען נענטער, ווי אַרגענטינע. אַוודאי, אַמעריקע האָט געהאַט אַ פריִערן ייִדישן אָנהייב. אַמעריקע איז געווען ייִדיש גרעסער. אָבער נישט דאָס איז די איינציקע סיבה, לכל־הפּחות נישט די עיקרדיקסטע. צוויי שאַרף־אָפּגעטיילטע וועלטן האָבן געפורעמט צפון־אַמעריקע און אַרגענטינע. צפון־אַמעריקע האָט זיך אויסגעפורעמט אין ענגלישן גייסט, אַפילו אַז די „קאָלאָניסטן" האָבן קעגן

ענגלאַנד רעוואָלטירט. אַרגענטינע, ווי גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע, איז געפורעמט געוואָרן אין שפּאַנישן גייסט. צפון־אַמעריקע איז דערפאַר געווען נאָענטער צו אייראָפּע, און ממילא איז זי אויך געווען ייִדן נאָענטער. מיר דאַכט זיך, אַז ייִדן אין די קליינע שטעטלעך האָבן נישט געוווּסט, אַז אין אַ סך לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער זיינען נאָך געבליבן שפּורן פון דער אינקוויזיציע, וואָס די שפּאַנישע קאָנקיסטאַדאָרן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט. זיי האָבן אָבער געוווּסט, אַז שפּאַניע האָט איבער די לענדער געהערשט און אינסטינקטיוו האָבן זיי געטראָגן אין זיך אַ פרעמדקייט צו זיי. צפון־אַמעריקע איז געווען דאָס לאַנד פון גרויסער פּיאָנערישקייט. די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער זיינען געווען לעטאַרגיש. אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט איז די ייִדישע אימיגראַציע געגאַנגען דורך לאָנדאָן, — פאַר הונדערטער טויזנטער ייִדן איז לאָנדאָן געווען די ערשטע סטאַנציע אין זייער איבערוואַנדערונג. אַמעריקע איז געווען די נאַטירלעכע צווייטע און לעצטע סטאַנציע פאַר זיי. אַמעריקע איז דאָך געווען אַן ענגליש לאַנד.

דערעפענונג פון חודש פון ייִדישן בוך אין יאָר 1958. ראש־הקהל אלימלך גוסקין באַגריסט דעם דיכטער־גאַסט אפרים אויערבאַך און זיין פרוי חנה. דער ערשטער רעכטס: דער קאַסיר אלתר הירש.

דער עלטערער ייִדישער ישוב אין צפון־אַמעריקע איז לרוב געווען אַ דייטשישער און, ווי ווייט די דייטשישע ייִדן זיינען נישט געווען דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדן, זיינען זיי דאָך אים געווען אַ סך נאָענטער, ווי דער שפּאַניש־ייִדישער ישוב, וואָס איז געווען דער עלטערער אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער. זיינען, הייסט עס, געווען אי עקאָנאָמישע, אי פּסיכאָלאָגישע סיבות פאַרוואָס צפון־אַמעריקע איז געווען נאָענט דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדן, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין זיין איבערוואַנדער אין נייע לענדער, אין נייע וועלט־טיילן.

גאָר אַ וויכטיקע סיבה איז געווען — די ייִדישע פּרעסע, וואָס האָט ביים סוף פון פריער־

דיקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו וואַקסן אין צפון־אַמעריקע. געדענק איך, ווי אַפילו אין אונדזער שטאָט זיינען אָנגעקומען אויסשניטן פון ייִדישע צייטונגען אין ניו־יאָרק. דער אימיגראַנט אין ניו־יאָרק האָט אויסגעשניטן פון אַ צייטונג אַ שטיקל נייעס, לרוב אַ פעליעטאָן, וואָס האָט אָפּגעלאַכט פונעם צאַר, און געשיקט זיינע קרובים, אָדער פריינט אין רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע. דאָס האָט דעם ייִדן פּסיכיש דערנענטערט צו צפון־אַמעריקע.

דער ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע האָט שווער געהאָרעוועט, כדי אַריינצוגלידערן זיך אינעם וועלט־פּאַרנעם פונעם פאָלק אונדזערן. ער האָט שטילערהייט געבויט, געשאַפן, אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פורעמען אַן אייגן פּנים, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער מדרגה, וואָס ער פאַרנעמט איצטער. דער חסרון פון צוריקגעשטאַנענקייט לגבי צפון־אַמעריקע איז מיט דער צייט געוואָרן אַ מעלה פאַר דער נאַציאָנאַלער קוואַליטעט פונעם ישוב. דער ייִד אין אַרגענטינע האָט זיך מיט זיין פאָלקסטימלעכקייט פאַרפאַנצערט קעגן דעם איינפלוס פון דעם שפּאַניזם, וואָס איז אים פּסיכיש געווען אַ סך פרעמדער, ווי דער אַמעריקאַניזם אונדז. אַפילו די טונקעלע דערמאָנונג פון דער אינקוויזיציע, פונעם גירוש שפּאַניע, האָבן געווירקט, אַז דער ייִד אין אַרגענטינע זאָל זיך נישט אַריינוואַרפן אין די אָרעמס פון דער אַסימילאַציע.

וואָס איז שייך דעם כלל, איז אויך די אַנטוויקלונג געווען אַן אַנדערע, ווי אין צפון־אַמעריקע. דער ייִדישער אימיגראַנט, וואָס איז געקומען קיין ניו־יאָרק אין די אַכציקער, נײַנציקער און אַפילו צום אָנהייב פונעם איצטיקן יאָרהונדערט, האָט דאָ געטראָפן אַ יאַהודימישע באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך שוין געהאַט איינגעבירגערט זינט דעם מיטן פונעם נײַנצעטן יאָרהונדערט. עקאָנאָמיש איז דער יאַהודימישער עלעמענט שוין געווען באַפעסטיקט. ער האָט שוין אַפילו פאַרנומען הויכע פאָליטישע פּאָזיציעס. ער האָט איינגעשטעלט אַן אייגענעם לעבנס־דרך, — רעפאָרם־ייִדישקייט, אָן דעם מינדסטן שפּור פון פאָלקישקייט.

אַז די גרויסע ייִדישע אימיגראַציע האָט אָנגעהויבן צו שטראָמען צו די ברעגן פונעם האָדסאָן, האָט די דייטש־ייִדישע באַפעלקערונג פון איין זייט געהאַלטן, אַז זי דאַרף נעמען אונטער אירע פליגלען די „אָרעמע ברידער פון אָסטען” און פון דער אַנדערער זייט האָט זי זיך אויך געוואָלט באַשיצן קעגן דעם אָנפלייץ פון ייִדן, וואָס האָבן נאָך געקענט קאַליע מאַכן די מערכה זייערע. דערפון איז אַרויסגעוואַקסן די פילאַנטראָפּישע באַציִונג צו די מיזרח־ייִדישע אימיגראַנטן מצד די יאַהודים. אַפילו דער זייער סימפּאַטישער דזשעיקאָב שיף האָט געוואָלט אידעיִש „אויסמענטשלען” די ייִדישע אימיגראַנטן, דער עיקר אַז זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן פון נישט־ייִדן. ער האָט דערפאַר געגרינדעט אַ באַזונדערע באַנק, — געהייסן האָט זי „סטעיט־בענק”, — זאָלן ייִדן נישט גיין אין די גויִישע בענק און מיט זייער אימיגראַנטישן אויפפיר פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון די יאַהודים... די ייִדן פון „אָפּטאַון” האָבן אויפגעשטעלט אַן „עדיוקעישאָנעל עלאַיענס”, — אַ בילדונגס־אַליאַנץ, — צו האַלטן די גרינע מיזרח־ייִדן דערווייטערט פון דער וועסט־סאַיד און צו דער אייגענער צייט זיי צו לערנען די תורה פון אַמעריקאַניזאַציע. דער דרך איז געווען ביז די מיזרח־ייִדן וועלן ווערן „מענטשן”, איז גלייכער זיי צו האַלטן דערווייטערט. די יאַהודים זיינען אַראָפּגעקומען צו די ייִדן אויף דער איסט־סאַיד, אָבער זיך געהיט, אַז זיי, די איסט־סאַידער, זאָלן נישט אַרויפקומען, חלילה, צו זיי, אויף דער וועסט־סאַיד.

דערפון איז אַרויסגעוואַקסן, אַז דאָס ייִדישע כלל־לעבן האָט זיך אַנטוויקלט נאָר אין דער ראַם פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, נישט אויפן פאַרנעם פון אַ קהילה. די צדקה־אַנשטאַלטן זיינען כמעט דורכאויס געלעגן אין די הענט פון די יאַהודים, מיט קרקע האָט זיך פאַרזאָרגט יעדער לאַנדסמאַנשאַפט באַזונדער. פון פּאָליטישער שוץ האָט בכלל קיין רייד נישט געקענט זיין, וואָרעם פּאָליטיש איז דער ייִד געווען אַזוי פריי, ווי די אַנדערע אימיגראַנטישע גרופּעס אין לאַנד. דער עיקר אָבער, — די יאַהודים האָבן מורא געהאַט פאַר אַן אָרגאַניזירטן ייִדישן לעבן.

אַנדערש, דאַכט זיך מיר, איז געווען אין אַרגענטינע. דער ייִדישער אימיגראַנט פון מיזרח־אייראָפּע האָט מיט די שפּאַנישע ייִדן נישט געהאַט די מינדסטע שייכות. די שפּאַנישע ייִדן זיי־

נען געווען אַזוי ווייט פון אונדזערע ייִדן, אַז זיי האָבן אפילו נישט געטראַכט פון נעמען זיי אונטער זייער שוץ. זיי האָבן זיך בכלל מיט זיי נישט אָנגעקערט. האָט דער ייִדישער אימיגראַנט געמוזט אויף אייגענעם אחריות אויפבויען דאָס כלל־לעבן זיינס. קיינער האָט דעם ייִדישן אימיגראַנט קיין טובה נישט געוואָלט טאָן, האָט ער זיך אַליין געמוזט טאָן אַ טובה...

נאָך אַנדערע סיבות זיינען געווען, — דער ייִדישער אימיגראַנט האָט זיך געמוזט באַשיצן קעגן אייגענע עלעמענטן און נאָר אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן האָט ער עס געקענט טאָן. נאָר צו וואָס אַריינגיין אין פּיינלעכע דערמאָנונגען?

את חטאי אני מזכיר: מיט יאָרן צוריק האָב איך אָנגעשריבן אַ ליד, ווו איך האָב אַ ביסל שפּאַטיש גערעדט דערפון, וואָס אונדזער לעבן אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן פון טויט, — פון קרקע. מיט די יאָרן, מיט דערוואַקסנקייט, האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווי טיף איינגעוואָרצלט אין אונדזער פאָלקס־טראַדיציע איז די קרקע. זי ציט זיך נאָך פון אַברהם־אָבינו, וואָס האָט ביי עפרונען אויסגעדונגען פאַר פיר הונדערט זילבערשטיק אַ שטיקל ערד, דאָרטן מקבר־צו־זיין די אָפּגעשיידטע פון זיין מישפּחה. דאָס איז טאַקע די מערת־המכפּלה, ווו אונדזערע אָבות און אמהות רוען. אין דער תנכישער ייִדישקייט איז דער ייִד „איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק" (ויאסף אל עמו) איז די קרקע אַ טיף־איינגעוואָרצלטע טראַדיציע אין אונדזער פאָלק.

זאָג איך עס אַקעגן דעם, וואָס דאָס ייִדישע קהילה־לעבן אין בוענאָס־איירעס האָט זיך אַנטוויקלט פון דער חברה־קדישא, — פון דער קרקע, ווו דער ייִד איז „איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק". נאָר אַנדערש ווי ביי אונדז אין צפון־אַמעריקע, איז די חברה־קדישא אין בוענאָס־איירעס געווען אַ כללישע, נישט פון באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן. דאָס ייִדישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אַרגענטינע האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן פון טויט, אָבער ביי אונדז איז טויט — לעבן. אין אונדזער גלותדיקן איבערוואַנדער פון לענדער צו לענדער איז אַ ישוב געוואַקסן דאָרטן, ווו ס׳איז געווען אַ בית־תפילה און אַ בית־עלמין.

די אַנטוויקלונג פונעם כלל־לעבן אין אַרגענטינע איז דערפאַר אַ פאָלקישע, וואָס ער איז געגאַנגען אויפן דרך פון אונדזער פאָלקס־גאַנג אין דער וועלט. די קהילה איז אַרויסגעוואַקסן פון דער חברה־קדישא און האָט שוין ביים סאַמע אָנהייב געהאַט דעם מענטש־אוצר, וואָס איז „איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק".

אַ ביסל געשלאָגן איז דער ישוב געווען אויפן בית־תפילה. נאָר דאָ איז בייגעשטאַנען דער ייִדישער זאָג: „לעבן צווישן גויים און שטאַרבן צווישן ייִדן". דאָ איז אויך מערקווירדיק ווי אַנדערש ס׳איז געווען דער דרך פונעם ייִדן אין אַרגענטינע, ווי אין צפון־אַמעריקע. צו דער בית־תפילה האָט דער ייִד אין אַרגענטינע אָנגעהויבן צו קומען דורכן פאַרדרייטן שליאַך פונעם בית־עלמין. די קהילה אין בוענאָס־איירעס איז אַ וועלטלעכע, אָבער אפילו אַז זי האָט זיך נישט אָפּגעקערט פון איר וועלטלעכקייט, איז זי געקומען צום באַוווסטזיין, אַז אָן דעם שורשדיקן ייִדישן לעבנס־שטייגער, — אָן דער בית־תפילה, אָן דער ישיבה, אָן טראַדיציאָנעלע לעבנס־פירונגען, — פעלט אין ישוב דער אייביקער ייִדישער פונדאַמענט.

אָט־די צעוואָרפענע מחשבות זיינען מיר געקומען בעת איך האָב זיך פאַרטראַכט איבערן פענאָמען פון ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע. פריִער האָב איך געזאָגט, אַז דער ישוב האָט שווער געהאָרעוועט צו געווינען פאַר זיך אַ חשוב אָרט אינעם פאָלקישן וועלט־פאַרנעם אונדזערן. ער האָט געדאַרפט בייקומען אַ סך שטרויכלונגען, אָפּוואַשן פלעקן פון זיך, זיך ראַנגלען פאַרן „ובערת הרע מקרבך". ער איז פונעם געראַנגל אַרויסגעקומען מאָראַליש ריין און נאַציאָנאַל לויטער. אינעם געראַנגל איז ער פאָלקיש געשטאַרקט געוואָרן.

מיין שוועסטערקינד, וואָס פון מיינע קינדער־יאָרן געדענק איך די צעוואַלגערטע שטיבער זיינע, איידער ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, צו אַרבעטן ערד, — און די אַנדערע טויזנטער ייִדן, וואָס זיינען „געגאַנגען אויף ערד", האָבן צוגעטראָגן גאָר אַ גרויסן צוטראָג צום אויסלייטער פונעם ישוב. געדענק איך אויך די גרויסע קריג קעגן דעם באַראָן הירש, אָבער אינעם היסטאָרישן צוריקקוק, איז אפשר געקומען די צייט איבערצושאַצן די באַראָן הירש־עפּאָכע. דער עיקר: וואָס דער איצטיקער ישוב אין אַרגענטינע האָט פון איר אָפּגעשפּאָרט.

אהרן אַלפּערין (ניו־יאָרק)

די אַלט־נייע ייִדישע פעסטונג, וואָס איז אָפּגעהיטן געוואָרן אין אַרגענטינע

מײַנע ערשטע ווערטער, ווען איך הייב אָן שרייבן וועגן דער ייִדישער קהילה אין בוענאָס־איירעס און בכלל וועגן דער אָרגאַניזירטער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַרגענטינע, וואָלטן געדאַרפט זײַן:

מיר זײַנען שולדיק אײַך אַ דאַנק, און מיר האָבן דעם חוב אײַך אויסצודריקן אונדזער אָנערקענונג.

אונדזער דאַנק זײַנען מיר אײַך שולדיק פאַר אײַער גרויסן אויפטו אויפצוהאַלטן דעם טיפּ פון דער היימישער ייִדישער קהילה. עס איז שוין אויפגעשטאַנען בײַ אונדז אַ דור, וועלכער האָט נישט קיין פאָרשטעלונג — און פילט נישט קיין טעם — וועגן דעם וואָס עס איז אַמאָל געווען די ייִדישע קהילה, וועלכע האָט עקסיסטירט במשך פון אַזוי פיל דורות אין ייִדישן לעבן אין אייראָפּע. ליידער איז אָט די אייגנאַרטיקע צענטראַלע ייִדישע אינסטיטוציע, אויף וועלכער עס האָט זיך געשטיצט דער אָרגאַניזירטער קיום פון ייִדישן פאָלק יאָרהונדערטער־לאַנג, איצט שוין בלויז אַן ענין פון פאָרשונגען פאַר היסטאָריקער און סאָציאָלאָגן. די פון אונדז, וועלכע האָבן נאָך געזען די ייִדישע קהילות אין דער פריִערדיקער מיזרח־אייראָפּע בײַ זייער אַרבעט, באַזונדערס אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, ווייסן וואָס פאַר אַ ראָל זיי האָבן געשפּילט אין ייִדישן כלל־לעבן. מיר ווייסן, אַז די קהילה איז געווען אונדזער „נאַציאָנאַלע היים", אַז די קהילה האָט צעמענטירט און דיסציפּלינירט אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. מיר ווייסן, אַז אַפילו אין די לענדער ווו די ייִדישע ישובים האָבן אָפיציעל נישט געהאַט קיין קולטורעלע אויטאָנאָמיע און ווו די יסודות פון דער ייִדישער זעלבסטפאַרוואַלטונג זײַנען לויט די רעגירונגס־סטאַטוטן נישט געווען אַזעלכע זיכערע — האָט די קהילה פאַקטיש פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם צענטער פון ייִדישן אויטאָנאָמען לעבן. אין דער אַרבעט פון די קהילות, אויך פון די נישט־דעמאָקראַטיש־געוויילטע, איז אַרײַנגעבראַכט געוואָרן דער ברייטסטער פאַרנעם, אָפט מאָל אַ סך איבער די מעגלעכקייטן; אין דער קהילה האָט זיך אויסגעדריקט אונדזער נאַציאָנאַלע אַחריות. נישט בלויז פאַר די לאָקאַלע, קולטורעלע און סאָציאַלע הצטרכותן האָט די קהילה געזאָרגט אויף אַן אָרגאַניזירטן און פאַראַנטוואָרטלעכן אופן. אויך די פּראָבלעמען פון וועלט־ייִדנטום, און גאָר באַזונדערס אונדזער הויפּט־פּראָבלעם — די אידייע און די זאָרג פאַר דער ווידער־אויפריכטונג פון ייִדישן היימלאַנד — האָבן געפונען זייער שטאַרקן אויסדרוק אין דער אַרבעט פון די קהילות. נישט איין דיסקוסיע וועגן ארץ־ישראל אין דער אַמאָליקער גרויסער, דעמאָקראַטיש־געוויילטער, ייִדישער קהילה אין וואַרשע קען אין דער פאָרם און אין דעם טאָן — אויב נישט אין תוכן — דערמאָנען אָן אַ דעבאַטע אין דער איצטיקער כנסת אין ירושלים. און איך בין נישט מגזם.

די מערסטע קהילות אין מיזרח־אייראָפּע, אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, זײַנען טאַקע געווען אונטער ציוניסטישער פירערשאַפט. און די ציוניסטישע פאָרשטייער אין די קהילות פלעגן אויך מיט רעכט זאָגן, אַז דעם פּאַרלאַמענטאַריזם — וואָס איז געווען דער יסוד פון די פאַרהאַנדלונגען און פון דער פונקציאָנירונג פון די קהילות — האָבן מיר אַראָפּגעלערנט פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן. אין דער אַטמאָספער פון די גרויסע ייִדישע קהילה־פאַרוואַלטונ־

גען אין דער אַמאָליקער מיזרח־אייראָפּע, אין די עפנטלעכע פאַרהאַנדלונגען, האָט זיך געפילט עפּעס פון דער סביבה און פון דער שטימונג פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין די פריערדיקע צייטן, פון דעם פאַרלאַמענט פון דער „ייִדישער מדינה אונטערוועגנס“.

געוויס, עס זיינען געווען גוטע און שלעכטע קהילה־פאַרוואַלטונגען און קהילה־ראַטן; איך האָב געקענט ביידע מינים. אָבער איך בין זיכער, אַז איך וועל נישט אַנטוישן קיינעם, ווען איך וועל זאָגן, אַז מיר בענקען שוין איצט נאָך די קהילה־פאַרוואַלטונגען און קהילה־ראַטן, וועלכע זיינען אונדז דעמאָלט נישט געווען באַזונדערס צום האַרצן פון ציוניסטישן און פון נאַציאָנאַל־ייִדישן שטאַנדפּונקט.

שרייב איך אָבער נישט די דאָזיקע ווערטער בלויז צוליב נאָסטאַלגיע. עס איז שוין גאָר נישט קיין ענין פון בלויזן בענקען נאָך דעם אַמאָל, וואָס איז שוין מער נישטאָ. עס איז אויך נישט קיין ענין בלויז פון ירושה, וואָס מיר דאַרפן האַלטן טייער און וויסן ווי אָפּצושאַצן. עס איז אַ פראַגע פון אַקטועלן קיום. עס האַנדלט זיך וועגן אַ דרינגנדיקער נויטווענדיקייט פאַר אויפהאַלטן אונדזער ייִדיש לעבן, פאַר פאַרזיכערן אונדזער המשך, וועגן וואָס מיר רעדן אַזוי פיל און טוען אָפּט — ליידער — זייער ווייניק.

דעריבער טאַקע האָב איך אָנגעהויבן מיין אַרטיקל מיט אויסדריקן אַ דאַנק און אָנערקענונג דער ייִדישער קהילה אין בוענאָס־איירעס — וועלכע איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט אין דעם גרויסן נחת צו זען פון דער נאָענט ביי איר אַרבעט. איך מיין, אַז עס וואָלט געווען אַ גוטער און שטאַרק געוווּנטשענער פּלאַן צו אָרגאַניזירן דעלעגאַציעס פון ייִדישע עסקנים און פאָרשטייער פון אַנדערע לענדער, וועלכע זאָלן פאָרן באַזוכן די ייִדישע קהילה אין בוענאָס־איירעס און זיך באַקענען מיט דעם אופן פון איר פונקציאָנירונג און מיט דעם פאַרנעם פון אירע טעטיקייטן. איך גלייב, אַז אַ סך פון זיי וואָלטן שפּעטער באַקומען דעם חשק נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע.

ווייל מיר פאַרגעסן אַ סך מאָל און גיבן זיך אפשר אין גאַנצן נישט אָפּ קיין דין־וחשבון וועגן דעם, אַז מיר זיינען איצט אין די תפוצות אויף אַ זייער וויכטיקן געביט פון ייִדישן כלל־לעבן, אַ סך צוריקגעשטאַנענער, ווי אין די צייטן פון הערצלען, ווען די שאַרפע און מיאוסע אַסימילאַציע האָט אַרויסגעריסן גאַנצע שטיקער פון די ייִדישע ישובים. הערצל האָט געוואָרפן די לאָזונג: „כבשו את הקהילות!“ היינט צו טאָג האַלטן מיר ביי אַ פיל פריערער און מער פּרימיטיווער סטאַנציע; איצט מוזן מיר ערשט אַרויסקומען מיט דעם רוף: „שאַפט קהילות!“

ציוניסטן האָבן אויפגענומען הערצלס לאָזונג און האָבן אַ סך דערגרייכט אין די ייִדישע קהילות אין מיזרח־אייראָפּע — באַרייכערנדיק אַ דאַנק דעם דאָס ייִדישע לעבן בכלל און ציוניזירנדיק די פאַראַנטוואָרטלעכע ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט, אַז זי זאָל זיך דערהייבן צו דער נויטיקער הויך אין דעם קאַמף פאַר דער ייִדישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל און אין דער אויפגאַבע פאַר בויען דאָס ייִדישע היימלאַנד.

ציוניסטן דאַרפן אויך איצט פאַרשפּרייטן און פאָלגן דעם רוף וועגן שאַפן ייִדישע קהילות. דאָס איז אַ ציוניסטישער חוב און דאַרף אַריינגיין אין פּראָגראַם פון דער אַרבעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון די ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געפינען זיך אונטערן ציוניסטישן איינפלוס. וואָלט דאָס נישט געווען אַ נויטיקע אויפגאַבע און אַ וויכטיקער ציל פאַר אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווי דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, צו דערמוטיקן און טאַקע העלפן שאַפן פאַראייניקטע, דעמאָקראַטיש־געוויילטע ייִדישע קהילות אין די ישובים, וועלכע מיר האָבן נאָך איצט אין די לענדער פון דער פרייער וועלט?

דעמאָלט וואָלט דאָס זיכער געמיינט, אַז מען דאַרף זיך אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פון דעם פאַראַנטוואָרטלעכן ייִדישן כלל אין בוענאָס־איירעס, פון דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט געשאַפן, אָרגאַניזירט און אויסגעשטעלט אויף אַזעלכע זיכערע און ברייטע יסודות אַ פאָלקסטימלעכע ייִדישע קהילה, וועלכע ווייסט וועגן איר אחריות פאַרן ייִדישן לעבן אין גאַנצן לאַנד און דערפילט מיט אַזוי פיל ווירדע אירע התחייבותן.

דאָס איז געווען מיין שטאַרקער איינדרוק, ווען איך האָב באַזוכט די ייִדישע קהילה אין בוענאָס־איירעס. און זינט דעמאָלט בין איך נאָך מער געשטאַרקט געוואָרן אין מיין איינדרוק — און אין דער דאָזיקער פעסטער איבערצייגונג מיינער — נאָכפאָלגנדיק דעם גאַנג פון דער אַרבעט און דעם גייסט פון דער אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטישער פאָלקסטימלעכער ייִדישער קהילה אין דער אַרגענטינער הויפּטשטאָט, וועלכע האָט אויך אָרגאַניזירט און פאַראייניקט די ייִדישע קהילות איבער דער גאַנצער אַרגענטינער רעפּובליק.

ווייס איך זייער גוט, אַז ייִדן אין אַרגענטינע לעבן איצט דורך שווערע צייטן. איך ווייס, שרייבנדיק די דאָזיקע ווערטער, אַז יידן אין בוענאָס־איירעס האָבן איצט דורכגעמאַכט נישט איין שווערן טאָג. אָבער צי זיינען מיר טאַקע שוואַכער אין גייסט און אין מוט פון אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, וועלכע האָבן ביי די גרעסטע צרות אין ייִדישן לעבן נישט אָפּגעלאָזן די הענט, נישט פאַרנאַכלעסיקט זייערע פליכטן לטובת הכלל, נישט פאַרקלענערט די אַרבעט פון די קהילות, נאָר להיפּוך, זי אויסגעברייטערט און פאַרשטאַרקט, בכדי נאָכצוקומען די פאַרגרעסערטע באַדערפענישן און דערפילן די פאַרמערטע התחייבותן?

איך ווייס, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכע מנהיגים פון אַרגענטינער ייִדנטום וועלן נישט ווערן שוואַכער ביי זיך. איך ווייס, אַז דער ייִדישער כלל אין אַרגענטינע גיט זיך אָפּ דעם געהעריקן דין־וחשבון וועגן זיין נאָך מער אויסגעוואָקסענער אַחריות.

די זיכערקייט פון ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע איז שוין שטאַרקער מיט דעם, וואָס עס עקסיסטירט און פונקציאָנירט אין בוענאָס־איירעס און אין די אַנדערע גרויסע און קלענערע שטעט פון לאַנד די אַלט־נייע ייִדישע פעסטונג, די פאָלקסטימלעכע ייִדישע קהילה, וועלכע דאַרף קענען — און וועט קענען — זיך אַן עצה געבן מיט די נייע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. די שאַפער פון דער ייִדישער קהילה אין בוענאָס־איירעס זיינען געווען עסקנים מיט אַ וויטן קוק. די איצטיקע אָנפירער פון דער קהילה זיינען מנהיגים מיט גרויס אַחריות.

וויסנדיק וועגן דעם, פילט מען זיך אויך זיכערער אין דער ברייטער ייִדישער וועלט וועגן דעם גורל פון אַרגענטינער ייִדנטום.

ניו־יאָרק, כ״ד בסיוון תשכ״ב (26סטער מאַי 1962)



שלמה ביקל

די יידישע אַרגענטינע

דריי באַמערקונגען פון אַ גאַסט אויף אַ ווייל

א. די קהילה

אפילו דער אמת קאָן אַמאָל קלינגען ווי אַ גוזמא, דערעיקרשט ווען מען קוקט אויף אים פון דער נאָענט און מען זעט אים נישט אין דער פּערספּעקטיוו פון צייט.

אַזוי קאָן זיך אַ יידן, וואָס איז אַ מיטגליד פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה און איז מיט איר היימיש און האָט זיך נישט גענומען די מי זיך אָוועקצושטעלן אין אַ היסטאָרישער דיסטאַנץ צו איר, אויסדאַכטן אַז עס איז אַ גוזמא ווען איך וועל זאָגן, אַז עס איז נישט געווען אַזאַ קהילה ווי די בוענאָס־איירעסער אין דער יידישער געשיכטע.

וואָס הייסט, וועט דער היימישער ייד, וואָס האָט פיינט גוזמאות זאָגן: און די גרויסע אַמאָליקע יידישע קהילות אין אייראָפּע? די וואַרשעווער, די ווינער, די פּראָגער, די ווילנער און די לעמבערגער קהילה? און ווו זיינען ערגעץ די אַמאָליקע אויטאָנאָמע יידישע קהילות פון „ועד ארבע הארצות”? און די יידישע אויטאָנאָמיע פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע?

זיינען די אַלע דערמאָנטע קהילות נישט געווען גרעסער און היסטאָריש פּאַרנעמיקער ווי די קהילה אין בוענאָס־איירעס? אוודאי און אוודאי גרעסער. גרעסער אין כמות און פאַרנעמיקער מיט זייערע אויפטוען איבער יאָרן און איבער דורות. אָבער קיינע פון זיי קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער בוענאָס־איירעסער קהילה מיטן אופן פון איר אויפקום.

וואָרום אַלע יענע דערמאָנטע גרויסע און נאָך גרעסערע קהילות האָבן אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדערער מאָס אויסגעפילט אַן אָפיציעל־מלוכהשע פונקציע. דער יסוד פון אַלע קהילות איבער דער לענג פון אונדזער גייציטישער געשיכטע איז געווען אַ פּריווילעגיע מצד דער מלוכה אָדער גאָר אירער אַ קאַסע־אינטערעס. די מלוכה האָט די קהילה באַזאָרגט מיט אַן אָרגאַניזירונג־געזעץ און האָט זי געמאַכט פאַר אַן אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער, אָפיציעלער אינסטיטוציע. אַפילו די קהילות אין דער צאַרישער רוסלאַנד, וואָס האָבן צום ווייניקסטן געהאַט עפנטלעכע פונקציעס, האָבן אויך געקאָנט באַשטיין נאָר ווייל די מלוכה האָט זיי באַזאָרגט מיט אַן אומדירעקטן שטייער אויף בענטשליכט און אויף כשר פלייש.

די קהילה פון די אַרגענטינער יידן פילט נישט אויס קיין שום מלוכהשע פונקציעס און געניסט נישט פון קיין שום שטאַטלעכע פּריווילעגיעס. זי איז אויפגעקומען דורך דעם פרייוויליקן אימפּולס פון יידן צו שאַפן אַ פאָרעם פאַר זייער קהילה־לעבן אין אַ פרעמדן אַרום און זי באַשטייט מיטן דאָזיקן כוח פון פרייוויליקייט.

ווער עס קוקט אויף דעם בנין פון פאַסטעור 633 מיט אַ ביסל קענטעניש פון יידישער היסטאָריע, מוז פריידיק שטוינען איבער דעם ספּעקטאַקל פון דער יידישער קהילה אין בוענאָס איירעס און אין די אַנדערע אַרגענטינישע שטעט (איך האָב געזען אויך די קהילות אין לאַ פּלאַטאַ און אין קאָרדאָבאַ), וואָס זיינען געוואָרן נישט צענטערן, נאָר די צענטערן פון יידישן לעבן אַ דאַנק און אויסשליסלעך בלויז אַ דאַנק, דעם פרייען ווילן פון דער יידישער באַפעלקערונג, צו זיכערן איר קיום דורך געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירטקייט און דיסציפּלין.

אין אַרגענטינע, וואָס איז מיט אירע פיר הונדערט פופציק טויזנט ייִדן נאָך צפון־אַמעריקע און נאָך ישראל דער דריט־גרעסטער ייִדישער ישוב אין דער פרייער וועלט, איז די ייִדישע קהילה אין איר פולן בלי.

זעכציק פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג צאָלן דער קהילה פרייוויליק זייער יערלעכן שטייער און די חברה־קדישא מיט אירע הכנסות האָט זיך פרייוויליק געשטעלט אין דינסט פון דער קהילה. די חברה קדישה פּראַוועט נישט קיין סעפּאַראַטן שבת פאַר זיך און טוט נישט קיין טובות דער קהילה מיט איר סובסידיע, ווי איך געדענק דאָס פון דער רומענישער הויפּטשטאָט בוקאַרעשט. נאָר זי איז אַן אינטעגרירטער, אַקטיווער טייל פונעם קהילה־בודזשעט אָן פּרעטענזיעס אויף אויטאָ־פּאַרוואַלטונג.

עס איז אַן אויסטערליש־שיינער און דערהויבענער אויפטו פון דער יונגער ייִדישער עמיגראַציע אין אַרגענטינע.

ב. חינוך

די צענטראַלע פּראָבלעם פון דער ייִדישער אַרגענטינע איז, פאַרשטייט זיך, ווי אין אַלע ייִדישע וווין־לענדער, די פּראָבלעם פון יוגנט־דערציִונג. איז, לאָמיר דאָ זאָגן פון לכתחילה, אַז שולן פעלן נישט. די שולן זיינען היפּש אין צאָל און זיי מאַכן אַן איינדרוק מיט דער גרויס און מיט דער רחבות פון די בנינים און, בלי ספק, אויך מיט די לערן־דערגרייכונגען פון די תּלמידים. איז מען נאָך דערצו מוסיף די אינטענסיווע אַטמאָספער פון נאַציאָנאַלן אידעאַליזם מצד די שול־טוער און לערער אַרום די שולן און אַרום די טויזנטער שילער אין עלטער צווישן פיר און זיבעצן, באַקומט זיך אין פלוג אַ בילד פון אַ ישוב, וואָס דאַרף מער אָדער ווייניקער זיין באַוואָרנט קעגן די סכנות פון אַסימילאַציע.

די שלום־עליכם־שול האָט די גרעסטע שילער־באַפעלקערונג און זי מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמתער חינוך־אימפּעריע. דער באַזונדערער ניואַנס פון דער שלום־עליכם־שול איז פאַר מיר געווען דער לימוד פון ייִדיש־ליטעראַטור אין איינער פון די מיטל־שול־קלאַסן. אין דער שלום־עליכם־שול לייגט מען דעם טראָפּ אויף ייִדיש. די שילער האָבן נישט נאָר איבערדערציילט אין אַ פּליסיקן ייִדיש, וואָס מען האָט געלייענט, נאָר זיי האָבן אין די ענטפערס אויפן לערערס פראַגעס אַרויסגעוויזן אין אַ געוויסער מאָס ליטעראַרישע בקיאות. זיי האָבן אויפגעכאַפּט דעם לערערס אַסאָציאַציעס צו פריִער־געלייענטע ווערק.

אין פּראָצענטן אויסגעדריקט, וואָלט איך געזאָגט, אַז אין דער שלום־עליכם־שול־אימפּעריע איז די פּראָפּאָרץ צווישן ייִדיש און העברעיִש זעכציק צו פערציק, בעת אין דער ביאַליק־שול, איז די פּראָפּאָרץ פונקט אַ פאַרקערטע. אין דער ביאַליק־שול בין איך בייגעווען אין אַ קלאַס, ווו מען האָט געקנעלט די חומש־מעשיות וועגן יציאת־מיצרים. און דער קנעלערישער אופן פון לערנען האָט מיך באַאיינדרוקט ווי דער ספּעציפישער שטריך פון די לימודים אין אָט דעם לערן־אַנשטאַלט. סיי דער לערער און סיי דער דירעקטאָר האָבן נישט אויפגעהערט צו פאָדערן ביי די תּלמידים דעם „ווי אַזוי שטייט אין פּסוק”. מיר איז דער דאָזיקער „ווי אין פּסוק שטייט” ליב געווען. עס האָט מיך פאַרן מאָמענט ערגעצוו באַרויִקט, וואָרעם ס׳האָט דערמאָנט אַז מיט דעם „ככתוב” און מיט דעם „כאמור” האָט מען אין די חדרים אַוועקגעלייגט אויף תּמיד דעם יסוד פאַר מיין און מיינסגלייכן ייִדישקייט.

הינטער דער שלום־עליכם שול שטייט די פּאַרטיי פון לינקע פּועלי־ציון; הינטער דער ביאַליק־שול — די מפא״י; די פּרץ־שול געפינט זיך אונטער דער השגחה פון דער בונדישער גרופּע. און דער ניואַנס, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אין דער פּרץ־שול איז נישט אַזאַ, וואָס מאַכט די שול אַנדערש ווי די אַנדערע, נאָר פאַרקערט, אַזאַ וואָס באַהעפט זי סיי אין

לערן־פּראָגראַם און סיי אין דער אַטמאָספער מיט אַלע אַנדערע שולן, וואָס הייסן: ביאַליק, שלום־עליכם, ווייצמאַן און מדינת־ישראל.

עס איז געווען אין די יום־טוב־טעג פון „חג־העצמאות״ און די בונדישע פּרץ־שול איז אי מיט די פאַרביקע פּלאַקאַטן אויף די ווענט פון דער אוידיטאָריע, אי מיטן געזאַנג און אי מיט די מעשׂיות, וואָס די לערער האָבן דערציילט די יינגערע און געלערנט מיט די עלטערע קינדער, נישט אָפּגעשטאַנען מיט גאָרנישט פון די ציוניסטישע אַרבעטער־שולן. מיר איז די האָזיקע אחדות אין די יידישע שולן אַרום דעם אויפקום און קיום פון מדינת־ישראל זייער ניהא געווען. און ס'איז מיר געווען צום האַרצן דאָס גרויסע פּלאַץ (סטאַטיסטיש, לויט דער אינפאָרמאַציע פון די שול־אינספּעקטאָרן, אַרום 40 פּראָצענט) וואָס העברעיִש פאַרנעמט אין דער פּרץ־שול.

דער פּרעזידיום פון דער קהילה מיטן גאַסט ד״ר שלמה ביקל. עס זיצן פון לינקס צו רעכטס: הרב הראשי יעקב פינק, ד״ר שלמה ביקל, ד״ר ס. קאַמענשטיין, אליעזר פרידמאַן, אשר גראַקאָפּ. עס שטייען: ד. שפּיגעל, משה האַניק, ב. גלאַזערמאַן, ד״ר ד. רויזין, ד. קולאַקאָווסקי.

יידיש און העברעיִש זיינען, אין זינען פון דערציִונג, אַבסטראַקציעס. זיי האָבן נישט דעם קאָנקרעטן רעליגיעזן ווערט פון מדינת־ישראל און אוודאי נישט דעם פון יידישן דת און פון יידישן שטייגער, וואָס איז אונדזער דור און צום טייל די קינדער פון אונדזער דור, נאָכגעגאַנגען אין חדר אַריין און אויך צו דער יידיש־וועלטלעכער שול.

איך האָב נישט געקענט נענטער די ציִשאָ־שולן אין פּוילן. אָבער אויף וויפל איך ווייס, איז זייער אַטמאָספער געווען אַ סאָציאַליסטישע און אַ סאָציאַליסטיש־ארץ־ישׂראלדיקע. און די אידייע פון סאָציאַליסטישער גאולה איז נאָך אַלץ אַ קאָנקרעטערער רעליגיעזער ענין ווי סתם שפּראַך און ליטעראַטור, יידיש אָדער העברעיִש.

דעם ייִדיש־וועלטלעכן חינוך אין אַרגענטינע פעלט, לויט מיין איינדרוק, און אפשר טאָקע לפי דעתי, די ייִדישע שטוב ווי אַן אַרויספאָר־האַפן און עס פעלט אים אַ רעליגיעזע צענטראַל־אידייע ווי אַ האַפן פון ראַטונעק.

ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין איז עס אָבער פאָרט אַ פאַקט, אַז די ייִדישע שטוב אין אַרגענטינע איז שפראַכלעך און שטייגעריש ווייניקער ייִדיש ווי ביי אונדז אין צפון־אַמעריקע, און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אָן אַן ערך וועלטלעכער ווי דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. לפי ערך זיינען פאַראַן אַ סך מער ייִדיש־רעדנדיקע יונגע טאַטע־מאַמע אין אַרגענטינע. אָבער טראָץ דעם איז אין דער פראָפּאָרץ פאַראַן ווייניקער, אַ סך ווייניקער, ייִדיש לשון און ייִדישער שטייגער אין זייערע שטיבער ווי ביי אונדז אין אַמעריקע. עטלעכע שעה אין טאָג לערנען די קינדער ייִדיש און קנעלן העברעיִש אין די צוגאָב־שולן און פראַוועון צו ביסלעך אויך ייִדישן שטייגער (סדרים, חנוכה־יום־טובים און פורים־שמחות), אָבער ווען זיי שפאַנען אַריבער די שוועל פון טאַטע־מאַמעס שטוב געפינען זיי גאָר נישט, נישט פון ייִדיש לשון און נישט פון ייִדישן שטייגער. זייערע טאַטעס, אַפילו אַז זיי זיינען עסקנים, רעדן זיי בלויז ייִדיש ווען זיי „נעמען אַ וואָרט״, אָבער אַזוי צווישן זיך, פריוואַט און עפנטלעך, רק שפאַניש.

און ס׳איז נישטאָ ווי אין צפון־אַמעריקע די „סאָבורב״־ייִדישקייט, וווהין ס׳פאַלן אַריין בעל־כרחה טויזנטער און אָבער טויזנטער גראַדואַנטן פון ייִדיש־וועלטלעכע שולן און פון „סאָנדי־סקולס״ און אַפילו די, וואָס זייער איינציקע ייִדישקייט־דערמאָנונג איז בלויז אַ בר־מצווה־פייערונג.

אין אַרגענטינע גייט דער גראַדואַנט אַרויס פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול און פאַלט אַריין אין לעבן ווי אין אַ חלל אַריין. ס׳איז נישטאָ אַפילו יענע סאָציאַלע „סאָבורב״־ייִדישקייט וואָס זאָל אים קענען פאַרלאָקן אונטער איר שוץ און אים געבן די אילוזיע פון ייִדיש־פאָלקישער צוגעהעריקייט.

די פראָבלעם פונעם ייִדישן חינוך אין אַרגענטינע איז בכן ראשית, וואַרייִרנדיק דאָס באַרימטע הערצלישע וואָרט, דער אומקער צו דער ייִדישער היים פאַרן אומקער צו דער ייִדישער שול, און שנית איז די פראָבלעם צו מאַכן די ייִדישע רעליגיע, אין דער אָדער אין אַן אַנדערער פאָרעם, פאַר דער צענטראַל־אידייע פון דער ייִדישער דערציִונג.

איך מוז זאָגן לשבח פון די קהילה־פירער אין בוענאָס־איירעס, וואָס זיינען דורכויס וועלטלעכע ייִדן, אַז זיי האָבן די ריכטיקע זעונג פון די סכנות, וואָס לויערן אויפן ייִדישן חינוך און זוכן אַן אויסוועג אין דער „קלעריקאַליזירונג״ פונעם ייִדישן לעבן. זיי ווילן פאַרשטאַרקן דעם כוח פון דער רבנות און האָבן אַפילו געגרינדעט אַ „רבנים־סעמינאַר״. די ריכטיקע נאַציאָנאַלע אינטויִציע זאָגט זיי אונטער אַז צו קיום מוז מען נעמען צו הילף אַחוץ די אידייע פון עם־ישראל און ארץ־ישראל אויך אים אַליין, דעם אלוקי ישראל. בלויז ווען ער, דער צון ישראל, איז אַ שטיק פעסטונג אין אונדזער לעבן, קאָן די וועלטלעכקייט אין קאַמף קעגן דער פעסטונג געדייען אָן שאָדן פאַרן פאָלקס־קיום. דאָס האָט שוין געוווסט דער טאַטע פון דער ייִדיש־ליטעראַטור און דער טאַטע פון דער ייִדיש־וועלטלעכקייט — יצחק לייבוש פרץ.

ג. כלל־טוער און עקספערטן

די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט אין צפון־אַמעריקע (אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אויך אין קאַנאַדע) איז אַ געזעלשאַפטלעכקייט פון עקספערטן. אין יעדער אָרגאַניזאַציע, צי גרויס צי קליין, רעגירט דער ביוראָ־אַפאַראַט. די כלל־טוער זיינען אין תוך נישט מער ווי דעקאָראַטיווע פיגורן. די דירעקטיוון פון דער פראַקטישער אַרבעט און אויך די דורכפירונג פון דער אידייִשער אָריענטירונג ליגט אין די הענט פונעם ביוראָ־אַפאַראַט. אַוודאי ווערט די אַלגעמיינע אידעיִשע ריכטליניע באַשטימט ביי דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזאַציע.

אָבער די אַלגעמיינע אידייע בלייבט מיט דער צייט נישט מער װי אַ בלאַט שיינריידעריי פאַרן כלל־טוער, וואָס ברענגט אים אַריין שטורמישע אַפלאָדיסמענטן. נאָכן כלל־טוער באַווייזט זיך אויף דער טריבונע דער עקספערט, דער אָנפירער פונעם ביוראָ־אַפאַראַט, און ער גיט אָפ זיין אַרבעט־באַריכט. דער באַריכט פונעם עקספערט רופט אַרויס װייניקער אַפלאָדיסמענטן, אָבער איז גורם מער קלאָרקייט װעגן „וואָס" און „וווהין" פון דער אָרגאַניזאַציע.

די אַמעריקאַנישע געזעלשאַפטלעכקייט, די ייִדישע װי די נישט־ייִדישע, איז בדרך־כלל געוווינט צו טראַכטן נישט דעדוקטיוו, נאָר אינדוקטיוו. אויף איינפאַך מאַמע־לשון הייסט עס, אַז מען איז זיך דאָ נוהג צו קומען פון די פאַקטן צו דער אַלגעמיינער אידייע און נישט פאַרקערט, פון דער אידייע צו די פאַקטן.

אויך די גרויסע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, די פאָליטישע און פילאַנטראָפישע, װערן דורכאויס געפירט און אידייִש מאָדיפיצירט פון זייערע עקספערטן, פון זייערע ביוראָ־אַפאַראַטן. די כלל־טוער הערשן בלויז, אָבער זיי רעגירן נישט. זיי לייענען „טראָן־רעדעס", וואָס װערן סוגעסטירט און געשריבן פון די עקספערטן. און וויכטיקער װי דאָס: זייערע באַשלוסן ווערן נישט בלויז דורכגעפירט, נאָר אויך צוגעגרייט און באַשלאָסן אידער די כלל־טוער, די כלערליי פרעזידענטן און „טשערלייט", באַשליסן זיי איינשטימיק.

אָבער די עקספערטן־געזעלשאַפטן האָט אַחוץ אירע חסרונות אויך איר ביסל מעלות. איר הויפט־מעלה איז, וואָס זי היט אויס פון אידייִשער דעמאַגאָגיע און פון סאַנדעטענע פאָליטיק־מאַכעריי. און אויף אַ טייל געזעלשאַפטלעכע געביטן, װי למשל, די געביטן פון דערציִונג און פון צדקה, איז דער עקספערטן־אַפאַראַט, װי מיר דאַכט, ממש אַ ברכה.

מיין אַריינפיר איז אפשר אַ צו־לאַנגער צו דעם, וואָס איך האָב דאָ אינזינען צו זאָגן װעגן דעם ענין עסקנים ווערסוס עקספערטן אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע. אָבער מיר דאַכט, אַז דאָס בילד, וואָס איך האָב געפרווט אויסמאָלן װעגן דער ממשלה פון עקספערטן אין צפון־אַמעריקע, קאָן ממילא בדרך קאָנטראַסט דערציילן און קלאָר מאַכן װעגן דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין דרום־אַמעריקע, ווו עס רעגירן די עסקנים.

זי איז פריש און אידייִש ברויזנדיק די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַרגענטינע און נישט בלויז זיינען די עסקנים די װאָרטזאָגער, נאָר אויך די הויפט־טוער אין די אינסטיטוציעס. איך פלעג אין בוענאָס־איירעס אָלעמאָל אַריינפאַלן אין התפעלות, ווען איך האָב געזען די נישט־באַצאָלטע קהילה־עסקנים (פרעזידענט, וויצע־פרעזידענט, גענעראַל־סעקרעטאַר, קאַסירער, סעקרעטאַר פון דער קולטור־סעקציע און קאָנטראָלער) פאַרברענגען טאָג איין, טאָג אויס לאַנגע שעהן אין קהילה־בנין, נישט בלויז ביי זיצונגען און אויפנאַמעס, נאָר טאַקע ממש אַריינגעטאָן אין שווערער רוטינערער ביוראָ־אַרבעט.

טייל פון די עסקנים — האָט מען מיר איבערגעגעבן — זיינען באַקאַנט מיט יעדן פאַפיר, װאָס קומט אַריין און גייט אַרויס פון זייער אָפטיילונג. איך בין געוווינט פון ניו־יאָרק אַז דער ערשטער, וואָס קומט אייך אַנטקעגן אין אַן אינסטיטוציע איז דער אָנפירער פונעם ביוראָ־אַפאַראַט. דורך אים פירט דער וועג צו די פרעזידענטן, וויצע־פרעזידענטן און ערן־סעקרעטאַרן. דאָ אין בוענאָס־איירעס און אין די אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע צענטערן — פונקט פאַרקערט.

איז דאָס פון איין זייט, בלי ספק, געזונט און אַפילו דערהויבנדיק, װאָס די דרום־אַמעריקאַניש־ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט איז אין פולן בלי פון איר אידייִשן אידעאַליזם און װאָס אַזאַ גרויסע אינסטיטוציע װי די קהילה קאָן נהנה זיין פון דער פרייוויליקער און מיט אַזאַ ברייטער האַנט געשענקטער אַרבעט מצד געזעלשאַפטלעכע טוער.

אָבער מקדמונים האָט יעדע אידייע אַ נטיה צו אָפטימיזם אין די װאָרטזאָגער פון אַן אידייע זיינען בדרך הטבע געניגט צו קוקן דורך ראָזעווע ברילן אויף די פאַקטן, וואָס גייען ביינאַנד מיט דער אידייע און אַפילו אויף די, וואָס שטעלן זיך איר אַנטקעגן. פאַקטן װידער,

די פאַקטן פון לעבן, וואָס לאָזן זיך גערן באַשיינען פון דער אידייע און בלייבן אין תוך גלייכגילטיק צום ליכט פון אידייען און אידעאַלן, זיי זיינען געוויינטלעך היפּש פאַרכמורעט און פּעסימיסטיש.

אידייען האָבן ליב דעם שפּיל פון וואָרט און פון געדאַנקלעכער ספּעקולאַציע. פאַקטן פאַרלאַנגען מען זאָל זיי שטודירן, מען זאָל זיי אויספאָרשן און מען זאָל זיך דערטראַכטן צו זייערע אָפענע און באַהאַלטענע כוונות.

איך בין געווען ביי אַ זיצונג פונעם „וועד החינוך" און האָב געהערט רעדן עסקנים. זיי האָבן גערעדט און געמאַכט אַ פיינע אידייישע עקספּאָזע, אָבער איך האָב מיך אַרומגעקוקט צו די מענטשן ביים טיש און האָב געוואָרט צו הערן אויך אַ וואָרט פון די עקספּערטן, פון די שטודירערס פון די פאַקטן, אויף וועלכע עס שטויסט זיך אָן די ייִדישע דערציִונג אונטער דער השגחה פון דער קהילה.

ד״ר שלמה ביקל רעדט בעת דער אויפנאַמע לכבוד אים אין קהילה.

די עקספּערטן, די פאַקטן־קענער, זיינען געזעסן ביים טיש, אָבער גערעדט האָבן נישט זיי, נאָר די עסקנים. ווען ס׳איז געקומען מיין ריי צו באַדאַנקען די מסובים פאַר דער פריינטלעכער אויפנאַמע, בין איך געווען גענוג דרייסט אָנצוווינקען, אַז איך זע פאַר מיר די פּראָבלעם פון עסקנים ווערסוס עקספּערטן.

דאָרט ביי דער מסיבה פונעם „וועד החינוך" האָב איך בלויז מרמז געווען. אָבער דאָ, בכתב, קאָן איך עס זאָגן אָפענער און בפירושער. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט באַזוכט אַ היפּש ביסל ייִדישע שולן, און ווי שוין נישט איינמאָל דערמאָנט, האָב איך הנאה געהאַט פון דעם אופן קנעלן און פון די ידיעות, וואָס די תלמידים האָבן אַרויסגעוויזן. געטראַכט האָב איך

דעמאָלט ביי מיינע באַזוכן אַז דאָס אַלץ, וואָס איך זע פאַר מיר, די שולן, די לערער און תלמידים און דאָס אַלץ וואָס איך הער מיט הנאה אין די קלאַסן, איז אַ רעזולטאַט פון דער אָפּטימיסטישער אידייע. אָבער ווו איז דער פעסימיסטישער פאַקט, וואָס באַהאַלט זיך אויף אַזויפיל, אויף וויפל מען רעדט וועגן אים נישט בפרהסיה, נאָר בלויז בין אָדם לחברו? דער פאַקט איז, אַז ווען מען פרעגט אַ געזעלשאַפטלעכן טוער אין די שטעט פון דרום־אַמעריקע: ווהין פירט דער יידישער חינוך? ווהין פירט די קנעלעריי פון יידיש און העברעיש און פון די אַנדערע יידישע לימודים אין די צוגאַב־ און אין די אינטעגראַלע שולן? — ווען מען פרעגט דאָס, איז אָדער מען באַקומט אַן אידייִש שיינעם ענטפער, וואָס איז קיין ענטפער נישט, אָדער דאָס פנים פון דעם וואָס דאַרף ענטפערן, פאַרכמורעט זיך און די תשובה מיט אַ נידעריק קול איז: מען דאַרף אויספאָרשן וויפיל יוגנט עס פאַרבלייבט דער יידישער געזעלשאַפט נאָך דעם גרויסן אידעאַליסטישן אָנשטרענג אירן צו נאַציאָנאַלן חינוך.

מען דאַרף אויספאָרשן די פאַקטן אויף אַן אינדוקטיוון אופן. עס איז נישט גענוג צו קומען מיט די פאַרטיקע אידייען פון העברעיש, פון יידיש און אפילו פון ארץ־ישראל. עס איז נייטיק צו וויסן צי די פאַקטן פון לעבן לאָזן זיך טאַקע איינעמען מיט די נאָר־וואָס דערמאָנטע אידייען. קודם איז אפשר נייטיק צו וויסן, וואָס מען האָט מיט דער ביז־איצטיקער דערציִונג דערגרייכט און נאָך מער, וואָס עס לאָזט זיך אויפן סמך פון אָט דעם חינוך דערגרייכן, כדי צו קענען אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם מינימום, וואָס זאָל זיין אין הסכם מיט דעם געזעלשאַפטלעכן אָנשטרענג און אי מיט דער זעונג פון דעם יידישן מענטש, וואָס מיר זיינען אויסן צו געשטאַלטיקן אין אונדזערע שולן.

איז אפשר — האָב איך געטראַכט — געמאָלט, אַז דער פעלער ליגט אין דעם, וואָס אין יידישן חינוך פון דרום־אַמעריקע הערשן די עקספּערטן און עס רעגירן די עסקנים, אַנשטאָט פאַרקערט.

יצחק באַשעוויס (ניו־יאָרק)

די קהילה אין בוענאָס־איירעס איז אַן איבעראַשונג

די קהילה אין בוענאָס־איירעס איז אַן אַנגענעמע איבעראַשונג פאַר עמעצן וואָס דאָס קהל־שטיבל איז געווען פאַר אים פאַרבונדן מיט אַסימילאַציע, הויכע צילינדערס, סנאָביזם און פאַראַכטונג צו ייִדיש. די קהילה אין בוענאָס־איירעס איז באמת אַ ייִדישע קהילה. אַ ייִדישער שרייבער פילט זיך דאָרט אין דער היים, צווישן אייגענע. ווען איך בין געווען אַ ייִנגל, אין וואַרשע, פלעג איך אָפט לייענען וועגן דער דאָרטיקער קהילה אַז זי איז אָפּגעלעבט, אָפּגעפרעמדט. אין דער קהילה אין בוענאָס־איירעס זיצן ייִדישע ייִדן. זי העלפט אַרויסגעבן ייִדישע ביכער. זי נעמט אויף ייִדישע שרייבער. זי אַראַנזשירט פאַר זיי לעקציעס. איך האָף אַז זי וועט ווייטער גיין אויף דעם דאָזיקן וועג, און נאָך פאַרשטאַרקערן די טעטיקייט פאַר דער ייִדישער קולטור.

געוו׳ ישראל־אַמבאַסאַדאָר ד״ר אריה לבבי רעדט אויפן אַקט לכבוד „70 יאָר ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע״.
דער ערשטער פון רעכטס איז דער שרייבער גאַסט יצחק באַשעוויס.

די קהילה האָט אַ גרויסע און וויכטיקע טראַדיציע ביי ייִדן. זי האָט געזאָרגט אין אַלע צייטן, לויט אירע כוחות, פאַרן ייִדישן גוף און פאַר דער נשמה. דאָס וואָרט קהילה איז אָפט געגאַנגען צוזאַמען מיט קדושה. עס זיינען אויך געווען טעותים און מיסברויכן און יענע וואָס

זיצן אין דער קהילה־שטוב טאָרן דערין נישט פאַרגעסן. די גרעסטע געפאַר פון אַ ייִדישער קהילה איז לייגן צופיל געוויכט אויף פאַרטייִשקייט. די פּאַרטײַ איבער אַלע פאַרטייען איז דאָס ייִדישע פאָלק און די ייִדישע קולטור. פאַר אונדזערע אויגן זיינען אַ רייע פאַרטייען אונטערגעגאַנגען און די טעאָריעס זייערע זיינען געוואָרן ניוועלירט, אָבער דאָס פאָלק און זיין לשון לעבן.

איך ווינטש דער ייִדישער קהילה אין בוענאָס־איירעס גרויס דערפאָלג און אַלץ אַ גרעסערע צוגעבונדנקייט צו יענע וואָס פרווון אויפהאַלטן ייִדישקייט, דאָס ייִדישע לשון, די ייִדישע קולטור, ווי אויך די פאַרבינדונג מיט די היסטאָרישע אָנשטרענגונגען וואָס ווערן געמאַכט אין מדינת־ישראל. ס'איז נישטאָ און ס'קאָן נישט זיין קיין שום ווידערשפרוך צווישן העברעיִש און ייִדיש, צווישן די ייִדן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער. יעדעס געווינס פאַר ייִדן דאָ אָדער דאָרט, אין ייִדיש אָדער אין העברעיִש, העלפט דעם כלל־ישראל. אַלץ וואָס איז גוט פאַר ייִדן, איז אויך גוט פאַר דער וועלט.



יעקב גלאַטשטיין

ישוב אַרגענטינע

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון גרויסן ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע, פון די ייִדן וואָס אַ ייִדישן גאַסט־שרייבער קומט אויס צו זען, צו הערן און זיך דורכשמועסן מיט זיי, איז וואַרעמקייט. מען דערשפּירט עס גלייך, אַפילו ווען מען רעכנט שוין אַרונטער די יום־טובדיקע שטימונג, וואָס עס הערשט ווען אַ גאַסט קומט אויף אַ ווייל. די וואַרעמקייט איז אַזעלכע וואָס וואַרעמט טאַקע אָן, ווייל זי גייט צוזאַמען מיט גלויבן. די טוערס וואָס זענען עוסק אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פראָנטן, טוען זייער אַרבעט בשלימות און מיט חסידישן ברען. אַפילו די זעלבסט־קריטיק, וואָס קומט אָפּט צום אויסדרוק איז נישט קיין צעשטערנדיקע, נאָר אַ גלויבעוודיקע, וואָס קומט פון אַ געפיל אַז מען דאַרף עס און מען קאָן עס מאַכן בעסער, אויב מען וועט זיך מער אָנשטרענגען.

דאַרף דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז מען מוז וואָס גיכער פּטור ווערן פון געדאַנק, אַז מיר דאָ, אין נאָרד־אַמעריקע, זענען דאָס אייבערשטע פון שטייסל, ווען עס קומט צו אינטעליגענץ, אַז זיי דאָרטן זענען די פּראָווינציאַלן — ס׳קאָן גאָר נישט זיין קיין ערגערער פּראָווינציאַליזם, ווי זיך אָפּצונאַרן מיט אַזאַ פאַרפירערישן געדאַנק. די אינטעליגענץ פון ייִדישן ישוב, פון רוב מנין ורוב בנין פון ייִדן, אָדער לאָמיר זאָגן, פון די 45 טויזנט נפשות, וואָס די קהילה קאָנטראָלירט, באַשטייט קודם־כל אין דער דיסציפּלין, אין ווען טאָן ייִדישע אַרבעט צוזאַמען, אויף אַ האַרמאָנישן אופן. די דיסציפּלין קלאַפּט ווי אַ גוטער זייגער, און מען זעט עס אויף שריט און טריט — אַנדערש וואָלט נישט מעגלעך געווען אויפצובויען די פּרעכטיקע און קאָלאָסאַלע ייִדישע בנינים, דער עיקר טאַקע די ייִדישע שולעס, וואָס זענען דער פּראַכט און גלאַנץ פון ישוב.

די אַרבעט ווערט געטאָן אויף דעם טאָפּלטן באַזיס: מען דאַרף האָבן נחת פון קינדער און אייניקלעך, מען דאַרף אָבער אויך האָבן נחת — פון זיך. זעט מען דערפאַר די פרייד פון די בויערס, וואָס גלייבן, אַז די צוקונפט איז טאַקע אַ גאַנץ ווילער ענין און מען דאַרף זי באַזאָרגן מיט אַלדאָס־גוטס, אָבער די איצטיקייט איז נאָך אויך אַ וויכטיקער ענין, וואָס מען טאָר נישט פאַרלאָזן און פאַרנאַכלעסיקן. ווען מען קומט צו אַ יוגנט־שמחה, לאָמיר זאָגן צו די סדרים, וואָס אַזעלכע שולעס ווי די ביאַליק־שולע און די שלום עליכם־שולע, אָדער אַנדערע ייִדישע שולעס, האָבן דורכגעפירט אויף אַ געהויבענעם און גוט־צוגעגרייטן אופן, מיט געזאַנג, טענץ, דעקלאַמאַציעס, אין ייִדיש און העברעיִש, זעט מען, אַז די קינדער האָבן גרויס הנאה פון יום־טוב און זייער הנאה קומט דערפון, וואָס עס איז אינגאַנצן זייער יום־טוב. אָבער די עלטערן וואָס שטראָמען צו אַזעלכע קינדער־יום־טובים, זענען אויך דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער פרייד, וואָס קאָן נישט בלויז אויסגעדריקט ווערן מיט די ווערטער — נחת פון קינדער, נאָר זייער באַטייליקונג אין קינדער יום־טוב, איז אַן אייגענער נחת־רוח, וואָס מען דערגרייכט בלויז ווען מען טוט און מען בויט און מען זאָרגט טאָג־טעגלעך, אַז דער המשך זאָל נישט אויפהערן. ס׳איז, מיט אַנדערע ווערטער, נישט נאָר אַן אינדיווידועלע אָדער משפחה־פרייד, נאָר אַ קאָלעקטיווע וואָס שטאַמט פון דער מוסטערהאַפטער דיסציפּלין, וואָס דער וואַרעם־ייִדישער ישוב ווייזט אַרויס ביי אַלע געלעגנהייטן.

אַפילו אַנטוישונג און מאַסן־קריטיק איז אַ דיסציפּלינירטע. מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן אין דער געטאָ־אויפשטאַנד־פאַרזאַמלונג, וואָס די „דאַיאַ״, די פּאָליטישע רעפּרע־

זענטאַנץ פון ישוב האָט אַראַנזשירט. ס׳איז אין בוענאָס־איירעס שווער צו קריגן אַ פּאַסיקן זאַל, אָדער אַ טעאַטער וואָס זאָל אַריינגעמען אַ פיר־פינף טויזנט מענטשן. פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען קומען געוויינלעך פאָר אונטערן אָפענעם הימל, אין גרויסע ספּאָרט־אַרענעס, אַזעלכע פאַרזאַמלונגען ציִען אַמאָל צו אַ 30 טויזנט ייִדן. אָבער ווען מען וויל זיך מתיחד זיין מיט אַ פיר־פינף טויזנט ייִדן, איז שווער צו קריגן אַ זאַל פאַר אַזאַ גרויסער צאָל.

איז דער געטאָ־אָוונט פאָרגעקומען אין אַ טעאַטער, וואָס נעמט קוים אַריין איבער צוויי טויזנט מענטשן. די הונדערטער ייִדן, וואָס זענען געקומען פון אַלע עקן שטאָט און פון אומגעגנט, האָבן געפונען געשלאָסענע טירן — ייִדן וואָס זענען געקומען זיך גוט אויסוויינען און באַקלאָגן דעם חורבן פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום, זענען געווען ביטער אַנטוישט, ווען זיי זענען געבליבן שטיין אין דרויסן, ווייל דאָס טעאַטער איז געווען איבערגעפּאַקט און נישט נאָר פאַרשלאָסן, נאָר ממש פאַרזיגלט, אַזוי אַז אַפילו די רעדנערס האָבן זיך געמוזט אַריינגנבענען דורך אַ הינטער־טיר און פאַרביי דער פּאָליציי־וואַך.

די דאָזיקע אינדרויסן געבליבענע ייִדן האָבן קריטיקירט די אָרדענונג, די אַראַנזשירונג, אָבער זיי זענען געבליבן שטיין און האָבן פאַרפולט די אַרומיקע גאַסן, מיט זייער אָנוועזנהייט. ביז די פּראָגראַם אינעווייניק האָט זיך געענדיקט, די טירן זענען געעפנט געוואָרן און הונדערטער ייִדן פון אינעווייניק האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אַנטוישטע ייִדן פון דרויסן. אַזוי אַז אַפילו דאָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָלאָסאַל געדענק־בילד פון יאָמער, קלאָג, פּראָטעסט און כבוד־דעמאָנסטראַציע פאַר די קדושים וטהורים. ס׳איז נישט פאָרגעקומען קיין איין סצענע וואָס זאָל חלילה זיין אַ פאַרשוועכונג פון דעם גרויסן יאָרטאָג, וואָס באַצייכנט דעם אומקום, ווי אויך דעם גייסטיקן און פיזישן ווידערשטאַנד פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

רעדט זיך דער עיקר וועגן דער דיסציפּלין און וועגן דער אינטעליגענץ פון די גרויסע ייִדישע מאַסן, אַן אינטעליגענץ וואָס דריקט זיך אויס אין אַ צוזאַמענדיקע וואַרעמקייט, אַ מין אינטויִטיווע אינטעליגענץ.

אָבער אַפילו די בוכשטעבלעכע אינטעליגענץ פון סיסטעמאַטישן בויען און שאַפן, פון באַוווסטזיניקן פּלאַנירן, פון אונדזער נאַציאָנאַלן פּאַרטיי־לעבן, פון שטיין בראָש פון אַ סך קולטור־אינסטיטוציעס, סיי די ייִדיש־העברעיִשע, סיי די ריין־ייִדישע, אָדער די שפּאַניש־ייִדישע, איז אַ ממשותדיקע און צענדליקער ייִדישע מענער און ייִדישע פרויען שאַפן אַן אַטמאָספערע פון דערהייבונג און וואַרעמקייט, ווען מען קומט זיך צוזאַמען מיט זיי און מען רעדט אַרום וויכטיקע פּראָבלעמען. מען הערט געוואַגטע מיינונגען, נישט קיין איבערגעקייטע, נאָר פרישע, אַליין־דורכגעוויטיקטע און דורכגעטראַכטע.

פאַראַן ייִדישע היימען אין בוענאָס־איירעס, ווו ס׳איז אַ מחיה אַריינצוקומען. מען געפינט זיך תמיד אין אַ קולטורעלער מסיבה. אַפילו דער שיחת חולין איז אַן אינטערעסאַנטער, דער הומאָר איז אַ גוטמוטיקער, נישט קיין בייזער און בייסיקער. אַ מסיבה באַשטייט דאָך נישט בלויז פון הויזגעזינט, יעדע הויז־מסיבה האָט דאָך אויך אירע אייגענע געסט. און אין רעזולטאַט, נאָך אַזאַ פאַרברענגען אין אַ סך ייִדישע היימען, אין דער גרויסער שטאָט בוענאָס איירעס, אָדער ביי טישן אין רעסטאָראַנען, נאָר אַ פאַרזאַמלונג, אַ קאָנצערט, אָדער גלאַט אַ קלענערן אָדער גרעסערן צוזאַמענקום, שאַפט זיך אַ בילד פון אַ שעפערישער און באַוווסטזיניקער ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס קיין סך פון זייער שטייגער געפינט מען נישט ביי אונדז אין ניו־יאָרק. צווישן אַזעלכע טוערס געפינט מען אַ צאָל יונגערע ייִדן, געבוירענע אָדער דערצויגענע אין אַרגענטינע, מענער און פרויען — טאַקע בפירוש שיינע פרויען — וואָס זענען אַקטיוו אין ייִדישן לעבן, וואָס מיינט אין דער ערשטער ריי אין ציוניזם, און נאָך מער אין די רייען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט געצויגן אַרום 36 פּראָצענט שטימען, אין די קהילה־וואַלן, און איז אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין לעבן פון ייִדישן בוענאָס איירעס.

די אינטעליגענץ פון ישוב איז אַ גאַנץ געדיכטע, און אַ סך ייִדישע מסיבות, אין היימען

און ביי געדעקטע טישן, ביי פאַרשידענע אונטערנעמונגען, פינקלען מיט ליכטיקע ייִדישע רייד און ליכטיקע ייִדישע אינטעליגענטע פנימער.

אין בוענאָס־איירעס און אין אַ גרויסער מאָס אין טייל שטעט און שטעטלעך אין אַרגענטינע, וואָס זיינען פאַראייניקט אין העכער הונדערט קהילות, איז נאָך דאָ אַ געדיכט, פאָלקסטימלעך ייִדיש לעבן, מיט אַ שטאַרקן ווילן אויפצוהיטן אונדזער גרויסע ירושה, נישט גלאַט מיט רייד, נאָר דורך מעשים און גייסטיקע בנינים, אַרום וועלכע דאָס ייִדיש לעבן איז קאָנצענטרירט.

דאָס גאַנצע פאַרטיי־לעבן, דאָס אָרגאַניזאַציאָנעלע לעבן איז באַפעסטיקט, יעדע פאַרטיי אין יעדער אָרגאַניזאַציע לויט אירע אייגענע טענדענצן און געפילן מיט אַ שולע אָדער עטלעכע שולעס, צו גאָר מיט אַ העכערער לערן־אינסטיטוציע. די פאַרטיי האָט אַ האַפט און זי שפילט אויס אירע אַקטיוויטעטן אין ייִדישן לעבן, ווייל זי האָט זיך קודם־כל אויף וואָס אָנצולענען — אויף אַ שולע מיט הונדערטער קינדער, ווו ס׳ווערט דערצויגן דער נייער ייִדישער דור. די לינקע פועלי־ציון זיינען אַ כוח אין בוענאָס־איירעס, ווייל זיי האָבן די שלום־עליכם שולע מיט אירע צוויי טויזנט קינדער. די רעכטע פועלי־ציון זיינען אַ דאָמינירנדיקער כוח, ווייל זיי האָבן זיך אויף וואָס אָנצושפאַרן — אויף דער גרויסער ביאַליק־שולע און אַ גאַנצע נעץ פון אַנדערע ייִדישע לערן־אינסטיטוציעס. דער בונד האָט אָנזען, ווייל ער פאַרמאָגט די שיינע י. ל. פרץ־שולע. די פאַרטייען האָבן פעסטונגען און די פעסטונגען זיינען די שולעס.

די ליבשאַפט צו ייִדיש און העברעיִש ווערט פראַקטיצירט טאָג־טעגלעך. מען קומט נישט גלאַט ריידן צו די עלטערן, אויב מען האָט נישט פריִער באַזאָרגט זייערע קינדער. דאָס איז געוואָרן אַקסיאָמאַטיש אין ישוב אַרגענטינע, איינס גייט נישט אָן אַנדערן.

ס׳מוז דאָ באַטאָנט ווערן, אַז נישט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס ייִדישע רעליגיעזע לעבן איז שוואַך אָרגאַניזירט, האָבן די רעליגיעזע ייִדן אויך אויפגעבויט אַ צאָל רעליגיעזע שולעס און תלמוד־תורהס. אין אַזאַ שטאָט ווי ראָזאַריאָ, למשל, איז די ייִדישע שולע אַ מין סינטעז פון וועלטלעכקייט און פרומקייט. די שולע געפינט זיך אין קהילה־בנין און די שול דאָמינירט סיי ווי דעם גאַנצן בנין.

ס׳וואָלט זיך געדאַרפט איינשטעלן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט מיט די אַרגענטינער ייִדן, כדי צו העלפן די דאָזיקע האַרציקע ייִדן גיין צו זייער ציל, און דער ציל איז די דערציִונג פון יונגן דור, אַז מיר, דער עלטערער דור, זאָלן אים נאָך דערקענען; אַז מיר זאָלן נאָך קענען זען זיין פנים און נישט די אַנטלויפנדיקע פיס. דער בוענאָס־איירעסער פאָלקס־ייִד מיינט ערנסט מיט דערציִונג, ווען ער זאָגט אַרויס די ווערטער חינוך, קיום, המשך, זיינען זיי נישט גלאַט שפרוכן אַזעלכע, נאָר חייבדיקע ווערטער, וואָס פאָדערן טאָג־טעגלעכע מעשים.

דערפאַר וואָלטן אַלע ייִדן, וואָס מיינען ערנסט מיט ייִדישער דערציִונג, זיך געמעגט פאַראינטערעסירן מיט די מעשים פון אַרגענטינער ייִדישן ישוב, און דער עיקר מיט דער אָנפירנדיקער ייִדישער אויטאָנאָמישקייט אין בוענאָס־איירעס. ס׳איז אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן, אַז די וויכטיקע באַאַמטע פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה זיינען אויך דערוויילט געוואָרן צו די זעלביקע אַמטן אין דער אָנפירערשאַפט פון ועד־הקהילות.

מען מוז זאָגן דעם אמת, אַז אַפילו אין ישוב אַרגענטינע, האָבן ייִדן שטאַרק ליב ייִדיש פאַר זיך. זיי זיינען אָבער נישט מקפיד, אַז די ליבשאַפט זאָל איינגעפלאַנצט ווערן אין קינד. מען נעמט אָן פאַר ליב די אַזוי־גערופענע געענדערטע היסטאָרישע אומשטענדן, און מען פאַרשטייט נישט, אַז ייִדיש טאָר נישט אונטערגעוואָרפן ווערן קיין אומשטענדן, ווייל ס׳איז אַ תוך־זאַך; ס׳איז נישט קיין שאָלעכץ אָדער אַ קאַפאָטע וואָס מען טוט אויס, ווען נייע אומשטענדן קלאַפן אָן אין טיר, נאָר ייִדיש איז אַ היסטאָרישע און האַפטיקע פאַרקנסונג מיטן ייִדישן פאָלק.

זעט מען ווי אַפילו די ווױלע ייִדיש־ליבהאָבנדיקע ייִדן גייען אַנטקעגן די אומשטענדן און זיינען גרייט מוותר צו זיין אויף ייִדיש. זיי מאַכן אַלערליי קאָמפראָמיסן אויפן חשבון פון ייִדיש, וואָס ווערט אַ קאַרליקל און ווערט נעבעך איינגעשרומפן און איינגעדאַרט פון טאָג צו טאָג.

מען טאָר נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם פאַקט, אַז ס׳איז שווער צו לערנען אַ קינד

דריי שפּראַכן — העברעיִש, ייִדיש און שפּאַניש, אָבער אויף ייִדישע קינדער מוז מען אָרויפלייגן אָט די שווערקייט. מען טאָר אויך נישט לייקענען, אַז ווען מען מוז אויף גיך פאַבריצירן אייגענע לערערס, אָדער מען מוז אימפּאָרטירן לערערס פון מדינת־ישראל, וואָס קענען טאַקע נישט אָדער ווילן באַוווסטזיניק נישט קענען קיין ייִדיש, איז דער ענין ייִדיש זייער אַ קאָמפּליצירטער, אַפילו די שרייערס, וועקערס, מאָנערס און שטראָפערס פאַרן כבוד פון ייִדיש אין אַרגענטינע זיינען שוין אַביסל מיד געוואָרן; אויך זיי האָבן אפּנים זיך גענומען בייגן פאַר די אומשטענדן.

אָבער ווידעראַמאָל מוז מען איבערחזרן, אַז די אומשטענדן טאָרן ביי אונדז נישט פאָדערן קרבן־ייִדיש, מען טאָר די פּרעסערישע אומשטענדן אַזוי פיל נישט נאָכגעבן. מען וועט אונדז אַמאָל משפּטן פאַר אַזאַ לייכטזיניקייט. ייִדיש געהערט צום תוך און מען טאָר עס בשום אופן נישט אַוועקוואַרפן.

ס'איז לייכט זיך איינצורעדן אַז די געשיכטע גייט אויף אונדז, אָבער די ייִדישע געשיכטע איז חלילה נישט קיין אַכזריותדיקער געץ, וואָס מען מוז זיינע נאָזלעכער אָנזעטיקן, מיט אַ שטילן הסכם ביסלעכווייז אומצוברענגען ייִדיש, וואָס איז אַ טייל פון אונדזער גרויסן אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן.

אָבער דער דאָזיקער שטילער און, כ'וואָלט געזאָגט רחמנות־הסכם, שפּילט זיך שוין אָפּ אין ישוב אַרגענטינע, אַפילו דאָרט ווו ייִדן האָבן באמת אַזוי שטאַרק ליב דאָס ייִדישע וואָרט. איז עס אונדזער פליכט זיי צו שטאַרקן און וועקן און טאַקע מאָנען אויך, ווייל ישוב אַרגענטינע, איז אין אַ העכערן זין אויך אונדזערס, ווי ער איז זייערס. דאָרט איז אַ פאַרטיקע ייִדישע באַזיצונג, פאַרוואָס זאָלן מיר זיי נישט העלפן — נישט צו מאַכן די זעלביקע פאַטאַלע טעותים, וואָס מיר האָבן דאָ אין צפון־אַמעריקע געמאַכט.

און ס'מוז דאָרט אין ישוב — אַרגענטינע, אויך פאָרקומען אַ צוריקטריט פון דער אומרעליגיעזער וועלטלעכקייט. — וואָס הייבט זיך שוין סיי ווי אָן באַמערקן אין דאָרטיקן לעבן, אָבער דער צוריקטריט מוז גיין מיט שנעלערע טריט, אויב מען וויל אַז ייִדישע דערציִונג זאָל טאַקע פאַרפעסטיקט ווערן. אויך דאָס געהערט צום קאַפּיטל פון אונדזערע פאַטאַלע טעותים, אָבער דאָרט אין אַרגענטינער ישוב זיינען פאַרן ייִדישן קינד כמעט נישטאָ אַפילו קיין דעקאָראַטיווע סימנים פון ייִדישער רעליגיע — סיידן די יאַרמעלקע. די יאַרמעלקע איז ווייס נישט גענוג און זי קען נאָר העלפן אָפּצוווישן אַ טרער, ביי אַ יזכור, אָדער אַן אל מלא רחמים, אָבער די טרער איז אַ טרער פון אַן אַלטן ייִד, וואָס לייגט נאָך אַריין אין דער יאַרמעלקע אַלדאָס גוטס, פון זיינע זכרונות און חלומות.

זיינען דאָס ווערטער היוצאים מן הלב, וואָס קומען פון אַ ניי־געוווינענער ליבשאַפט צו טייערע ייִדן, וואָס האָבן אַ סך אויפגעטון און האָבן זיך גאָר אַ סך מיט וואָס איבערצונעמען. אָבער אויך זיי, און אפשר דווקא זיי, די אויפריכטיקע און וואַרעמע ייִדן מעגן זיך צוהערן צו עצות, וואָס זיינען אַ פועל־יוצא פון אונדזערע היגע גרויסע און טראַגישע דורכפאַלן.

חיים גראַדע

ווי איך זע דעם ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע *

טייערע חברים:

מיט צוויי יאָר צוריק בין איך געווען אייער גאַסט. זינט דעמאָלט איז מיר צוגעקומען אַ רעפעראַט: „די ייִדישע קהילה אין אַרגענטינע"; אַ רעפעראַט וואָס איך האָב געהאַלטן אין אַ סך שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. לויט מיינע באַגרענעצטע כוחות מאַך איך פּירסום אייער קהילה, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז עס וואָלט געווען אַ ברכה פאַר אַנדערע ייִדישע ישובים ווען זיי ווילן און קענען אייך נאָכטאָן.

לויט מיין מיינונג האָבן דריי הויפּט־סיבות גורם געווען, איר זאָלט האָבן דעם ווילן און כוח צו פאַרוואַנדלען אייער חברה־קדישא אין אַ דעמאָקראַטיש־געווײלטער און צענטראַלער ייִדישער קערפּערשאַפט, אויפן שטייגער פון די ייִדישע קהילות אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מילחמות. די ערשטע סיבה איז געווען דער באַוווסטזיין, אַז די געשיכטע האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט די אחריות צו ווערן דער ממלא מקום פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק אין מיזרח־אייראָפּע. איר האָט פריִער דערפילט און שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז איר מוזט ממשיך זיין דעם נצח ישראל. צווייטנס: איר האָט פאַר אייער אויפטו געהאַט גענוג מוט, ענערגיע און עקשנות, ווייל איר זענט געקומענע, אָדער דירעקטע אָפּשטאַמיקע פון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן פון יענע קיבוצים, ווו די קהילה איז געווען אַן אַלטע דורותדיקע טראַדיציע. להיפּוך צו די ייִדישע קהילות אין אַלטן בבל, שפּאַניע און אַמאָליקע פראַנקרייך, ווו די ייִדישע פירערשאַפט, דער ריש־גלותא און נשיא, איז געווען באַשטימט פון קעניג אָדער סולטאַן, איז די ייִדישע קהילה אין מיזרח־אייראָפּע געווען אַ געקליבענע פון ייִדן גופא, פון די אנשי מעמדות, נאָך דעם ווי זיי האָבן אָפּגעצאָלט אַ באַשטימטן שטייער פאַר די צרכי־ציבור. און אָט די דעמאָקראַטישע טראַדיציע פון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָט איר איבערגענומען, בעת איר האָט געגומען אָרגאַניזירן אייער נאַציאָנאַל ייִדיש לעבן. אָבער דערצו האָט איר נאָך געמוזט האָבן אַ גרויסן איבערלעכן כוח, אַ געפיל פון גייסטיקער חשיבות און אומאָפּהענגיקייט, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, די דריטע און אפשר וויכטיקסטע סיבה, וועלכע האָט מעגלעך געמאַכט אייער אָרגאַניזירט נאַציאָנאַל לעבן.

ערשט איצט, אין טראַגישער פּערספּעקטיוו פון אונדזער חורבן און פאַרשניטנקייט, זעט מען נאָך בולטער אַז דער שענסטער כאַראַקטער־שטריך פון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום בכלל און פון פּוילישן ייִדנטום בפרט, איז געווען דער ייִדישער שטאָלץ, דאָס נישט זיין געפאַלן ביי זיך, דאָס נישט ליידן פון גייסטיקער און פּסיכישער עבדות לגבי די אַרומיקע נישט־ייִדישע שכנים, כאָטש עס האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט די סאָציאַלע און פּאָליטישע אונטערדריקונג. אין אָנבליק און אין פאַרגלייך מיט די מערב־אייראָפּעיִשע ייִדן און מיט די קיבוצים פון די פרענקישע ייִדן אין אָריענט, טיילט זיך אויס אָט די געוואַלדיקע גייסטיקע קראַפט פון די פאַרשניטענע מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן און פון זייערע לעבנגעבליבענע ברידער און קינדער. דאָס מיינט לחלוטין נישט, אַז אונדזערע טאַטעס האָבן שטענדיק געלעבט אין קריג און פיינטשאַפט מיט די אַרומיקע נישט־ייִדישע שכנים. אַ סך מאָל זיינען די באַציִונגען צווישן ייִדן און

---

* אויף אונדזער בקשה אָנצושרייבן זיינע איינדרוקן פון אַרגענטינע האָט דער דיכטער חיים גראַדע אונדז צוגעשיקט די דאָזיקע אַרבעט, געשריבן אין דער פאָרעם פון אַ בריוו צו די אָנפירער פון דער קהילה.

נישט־ייִדן אין אַלטן פּוילן, למשל, געווען אומפאַרגלייכלעך בעסער ווי צווישן ייִדן און נישט־ייִדן אין דייטשלאַנד. אָבער ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ לאַנגער און טיפער גייסטיקער דערציִונג זיינען די ייִדן אין מיזרח־איראָפּע שטענדיק געגאַנגען בקומה זקופה. מיר געדענקען נאָך אַלע די סאָציאַלע און פּאָליטישע שלאַכטן פון ייִדן אין פּוילן ביז צו דער מלחמה פאַר אונדזער רעכט און ווירדע. דאָקטאָר הערצל איז נאָך בשעתו געווען איבעראַשט און פאַרחידושט ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט די שטאָלצע, געבילדעטע, קעמפערישע און נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע פאָרשטייער פון די רוסישע ייִדן. גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די ליטווישע ייִדן געהאַט דעם מוט און די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ גרויס־פאַרנעמיקע ייִדישע אויטאָנאָמיע מיט אַן אייגענעם ייִדישן לעגיטימען מיניסטעריום. אויך אייער לעצטער קהילות־צוזאַמענפאָר קען דינען פאַר אַ ביישפּיל פון קוראַזש און שטאָלץ. בעת די גאַנצע ייִדישע וועלט איז געווען באַזאָרגט וועגן דער באַנייטער אַנטיסעמיטישער געפאַר אין אַרגענטינע, האָט איר דורכגעפירט אַ גרויסע ייִדישע אַסיפה צו פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן דאָס ייִדישע קהילה־לעבן אין אייער מדינה.

די קהילה־פאַרוואַלטונג איז מקבל־פּנים דעם דאָקטער חיים גראַדע (יאָר 1960).

ווען איך האָב געהאַט דעם זכות און כבוד צו זיין ביי אייך, האָב איך געזאָגט דאָס זעלבע וואָס איז שפּעטער מיר אויסגעקומען איבערצוחזרן אויך אַנדערשוווּ, אַז אייער קהילה האָט מקיים געווען די פיר תנאים וואָס זיינען, לויט מיין מיינונג, די וויכטיקסטע תנאים פאַר אַ ייִדישן געמיינדע־לעבן אין אונדזער צייט.

דער ערשטער פּרינציפּ איז: דעמאָקראַטיע. יעדער ייִד וואָס דעקלאַרירט זיין אָנגעהעריקייט צום ייִדישן ציבור און נעמט אויף זיך די אַרויפגעלייגטע התחייבותן, האָט רעכט צו קלייבן זיינע פאָרשטייער אויף אַ דירעקטן און געהיימען אופן; און נישט ווי עס פירט זיך אין די אַלערליי אינסטיטוציעס פון צפון און אויך דרום־אַמעריקע, ווו עס הערשט נאָך דער וואָלגאַרער אָיגנאָראַנטישער צוגאַנג, אַז ווער עס האָט די מאה, דער האָט די דעה. צווייטנס דאַרפן די

אויסגעקליבענע פּרנסים זיך אויסצייכענען מיט זייער מסירת־נפשדיקער אַרבעט; און נישט בלויז אָפּקומען מיט אַרויסגעבן באַפעלן צו באַאַמטע, וואָס איז ווידער כאַראַקטעריסטיש פאַר ריזיקע געזעלשאַפטלעכע פעדעראַציעס אין די שטאַטן און קאַנאַדע. דריטנס דאַרפן די אויסגעקליבענע ראַטמענער קומען פון פאָלק, פון אינעווייניק, נישט פון דרויסן און פון „אויבן”. מען באַגייט אַ היסטאָריש אומרעכט קעגן די דייטשישע יאַהודים ווען מען טאַדלט אָן אַ מאָס זייער גרויסע הילפס־אַרבעט פאַר די יידישע מאַסן. אָט די דייטשישע יאַהודים זיינען קודם־כל געווען הויך־געבילדעטע מענטשן, זיי האָבן געהאַט אַ סך פּיעטעט פאַר חכמת־היהדות וואָס שטאַמט טאַקע פון דייטשלאַנד, און זיי זיינען אויך געווען גוטהאַרציקע יידן, זיי האָבן אויסגעגעבן פאַרמעגנס צו העלפן זייערע אָרעמע ברידער. אויך די אַסימילאַטאָרישע מנהיגים אין דער אַמאָליקער וואַרשע זיינען געווען געלערנטע און אַליין געגעבן מיט דער ברייטער האַנט. שוין אָפּגערעדט פון די יידישע פילאַנטראָפּן און געזעלשאַפטלעכע טוער אין אַמעריקע, די אָפּשטאַמיקע פון די דייטשישע יידן. עס איז נאָך זייער ווייט אַז די היינטיקע נדבנים און עסקנים אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, די אָפּשטאַמיקע פון מיזרח־אייראָפּע, זאָלן זיך קענען פאַרגלייכן מיט די שיפס, מיט די וואַרבורגס און מאָרגענטויס אין נדבנות, אין איבערגעגעבענער שתדלנות פאַר יידן און אויך אינטעליגענץ. אָבער אָט די אַלע וווּנדערלעכע מענטשן און זייערע געשאַפענע אינסטיטוציעס האָבן געהאַט דעם גרינטלעכן חסרון וואָס זייער אַרבעט איז געווען אַ פילאַנטראָפּישע, אַ דערווייליקע. זי איז געקומען פון „אויבן” און איז געווען אויסגערעכנט צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע, די עמיגראַנטן, אָבער נישט ווייטער צו בויען דאָס יידישע לעבן אין גייסט פון דער אייגענער טראַדיציע, וואָס אַנטוויקלט זיך בהסכם מיט דער צייט פון אינעווייניק און ווערט נישט אָנגעוואָרפן פון דרויסן.

דער פערטער פּרינציפּ פון אַ יידישן געמיינדע־לעבן אין אונדזער צייט — נאָך מער ווי ווען־נישט־איז פריער — מוז זיין דער צוגאַנג, אַז די מנהיגים פון אַ יידישער קהילה קענען זיין נאָר אַזעלכע יידן, וואָס זייער איינציקער שטאַנדפּונקט איז די אינטערעסן פון אייגענעם יידישן קיבוץ, די אינטערעסן פון אַלע אַנדערע יידישע קיבוצים און די אינטערעסן פון מדינת־ישראל. פאָרשטייער פון אַ פּאַרטיי און באַוועגונג וואָס זוכן אין דער יידישער קהילה אַ געזעלשאַפטלעכע פּלאַטפאָרמע, אַ פּאָליטישע קאָניונקטור, אַ מיטל צו פּראָפּאַגאַנדירן און אָרגאַניזירן אָנהענגער פאַר דער וועלט־פאַרכאַפּערישער מאַכט וואָס האָט פאַרענדיקט חרוב מאַכן דאָס יידישע לעבן און אויסגעקוילעט אירע שרייבער — פאָרשטייער פון יענער פּאַרטיי און באַוועגונג טאָרן אין אַ יידישער קהילה נישט אַריינדרינגען. טרייף זיינען זייערע כוונות, און זייערע אומריינע כוונות וועלן צעפרעסן אויך זייערע כלומרשטע גוטע מעשים. מיר האָבן מיט זיי אַ לאַנגע ביטערע דערפאַרונג און מיר ווייסן שוין, אַז יעדע שותפות מיט זיי ברענגט פאַר אונדז חורבן.

זינט איך בין געווען אין אַרגענטינע און צוריקגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז פאַר מיר נאָך קלאָרער געוואָרן, אַז וויפל איר זאָלט זיך מיט רעכט נישט גרויסן מיט דער צאָל קינדער אין אייערע שולן און מיט די גרויסע שיינע שול־בנינים גופא, וואָס מען זעט עס נישט אין דער רייכער ריאָ־דע־זשאַניירא און אין דער שטיין־רייכער צפון־אַמעריקע, באַטראַכט איך פאַר אייער גרעסטן אויפטו דעם עצם אָנזען פון אייער קהילה אין די אויגן פון אייער יידישן ציבור. אָט דער פאַקט וואָס אייער קהילה שטעלט מיט זיך פאָר דעם דעת־הקהל און וואָס אַרגענטינער יידן אָנערקענען דעם פּסק־דין פון אייער קהילה — אָט דאָס איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין אייער אויפטו פאַרן כלל־לעבן פון יידן אין אַרגענטינע. געוויס האָב איך נישט געזען אַנדערשוו — אויסער אין מעקסיקע — אַזעלכע אימפּאָזאַנטע דורכגעפירטע יום־טובים אין די שולן ווי ביי אייך, אַזעלכע גראַנדיעזע פייערונגען ווי ביי אייך, בעת דעם בוך־חודש, און אויך נישט אַזעלכע ריזיקע פאַרזאַמלונגען פון יידן, קיין עין־הרע, וואָס קומען הערן אַ לעקציע און הערן זי מיט אינטערעס אַ צוויי שעה נאָכאַנאַנד. אָבער ווען אַפילו פּונקט אַזעלכע גרויסע אונטערנעמונגען וואָלטן דורכגעפירט געוואָרן אויך אַנדערשוו — און טיילווייז קומען דאָך פאָר אַזעלכע אונטערנעמונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, כאָטש נישט מיט אַזאַ

פאַרנעם ווי ביי אייך — וואָלט עס פון דעסטוועגן נישט געהאַט אין האָט נישט קיין חשיבות און נאַציאָנאַלע באַדייטונג ווי אין אַ בוענאָס־איירעס און אויך אין אַ מאָנטעווידעאָ, ווייל ביי אייך איז עס אַן אַקט פון גאַנצן ישוב, דורכגעפירט בהסכם כולם, אַ יום־טוב פון גאַנצן אַרגענטינער ייִדנטום; בעת אין די אַלע שטעט און לענדער ווו עס איז נישטאָ קיין ייִדישע קהילה, ווערט יעדע סאָרט אַרבעט דורכגעפירט פון בלויז אַ פּאָר אינסטיטוציעס, אין בעסטן פאַל, און פון אַ צאָל איבערגעגעבענע יחידים, און האָט דעריבער נישט די מאָראַלישע קראַפט פון אייערער אַן אַקציע. איך ווייס אַז אויך פריִער האָבן ביי אייך עקזיסטירט אינסטיטוציעס און קערפּערשאַפטן פאַר סאָציאַלער הילף, פאַר פּאָליטישער אַקטיוויטעט, פאַר דערציִונג און קולטור. אָבער זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט האָבן און האָבן נישט געהאַט די נאַציאָנאַלע באַדייטונג וואָס אייער יעדער מוסד און טעטיקייט האָט איצט, זינט איר האָט אַ געאייניקטן דעת־הקהל און אַ שטעמפּל, אַ חותם „ועד הקהילות בארגנטינה”.

לחיים לכבוד דער דערעפענונג פון חודש פון ייִדישן בוך. יאָר 1960. צווישן ראש־הקהל און דעם הרב הראשי, דער גאַסט חיים גראַדע. דער צווייטער פון רעכטס: משה רון פון ישראל.

ווי איינער וואָס האָט נישט קיין דערפאַרונג פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער און אַזוי ווי איך בין ביי אייך געווען בלויז אַ גאַסט אויף אַ ווייל, בין איך נישט דער באַרופענער מענטש אָנצוווייזן חסרונות אין אייער אַרבעט, ווי איר פאַרלאַנגט עס אויסדריקלעך אין אייער בריוו און וואָס איז דער בעסטער באַווייז מיט וויפל ערנסט און אחריות איר באַציט זיך צו אייער אַרבעט. אָבער כאָטש איך האָב נישט קיין דערפאַרונג פון אַן עסקן און בין ביי אייך געווען נישט לאַנג, ווייל איך דאַרף אָנווייזן אויף אַ פּאָר בלויזן, וואָס איך האָב געזען בעת איך בין געווען ביי אייך און זע עס איצט נאָך בעסער.

אויף מיין צוריקוועגס פון אַרגענטינע בין איך געווען אין בראַזיל און האָב דאָרט אין געוויסע קרייזן אַליין קאַליע געמאַכט די גאַסטפריינטלעכע באַציִונג צו מיר, ווייל איך האָב אייער קהילה אַרויסגעשטעלט פאַר אַ מוסטער וואָס די ייִדן אין בראַזיל דאַרפן נאָכטאָן. אָבער איך

האָב דאָרט אויך געטראָפן עסקנים וואָס פּרוּוון שוין צענדלינגער יאָר אויסקעמפן אַ ייִדישע קהילה אין בראַזיל, און אָט די גינציקע, האַרציקע און אחריותדיקע ייִדן זייַנען פול געווען מיט גערעכטע טענות קעגן אייך, אַרגענטינער פּרנסים און עסקנים, אַז איר העלפט זיי נישט. דעריבער איז מיין מיינונג, אַז פון אייערע ערשטע און וויכטיקסטע פּונקטן דאַרף זיין דאָס שאַפן אַ קערפּערשאַפט וואָס זיין אויסשליסלעכע אויפגאַבע זאָל זיין צו העלפן די ייִדישע ישובים אין די אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער צו גרינדן ייִדישע קהילות. דורך דעם וועט איר אויך שטאַרקן זיך גופא. און אייער ייִדישלעכע פּאַראינטערעסירונג אין אַנדערע ייִדישע קיבוצים דאַרף זיך קודם־כל אויסדריקן אין גלייך אַרויסשיקן דעלעגאַציעס פון פּאַרעקשנטע און קעמפערישע קהילה־טוער אין די לענדער ווו וואַרעמע ייִדן קעמפן פּאַר אַ ייִדישער קהילה און נייטיקן זיך אין אייער הילף.

ווייבאַלד אין דער קהילה זיצן פאָרשטייער פון גאַנצן ישוב, דאַרף אייער געווײלטע קערפּערשאַפט זאָרגן אויך פאַר אַזעלכע גייסטיקע הצטרכותן וואָס די פּרנסים אַליין, לאָמיר זאָגן, פּראַקטיצירן נישט אין זייער פּריוואַט לעבן. איך בין געווען ביי אייך ווען אין דער קהילה האָט זיך געפירט אַ הייסער וויכוח וועגן גרינדן אין אַרגענטינע אַ ישיבה. איך בין געווען שטאַרק צופרידן ווען עס האָט געזיגט ביי אייך די שיטה צו גרינדן אין אַרגענטינע אַ מקום־תורה. מען קען נישט פרעגן ביי די ראַטמענער פון דער ייִדישער קהילה אין בוענאָס־איירעס, צי זיי אַליין פרעגן ביי אַ רב אַ שאלה און צי זיי עסן טאַקע בלויז כשר פלייש. דאָס איז נישט קיין שטאַנדפּונקט; דער שטאַנדפּונקט איז, אַז דער ייִדישער ישוב דאַרף רבנים און שוחטים. אַקוראַט אַזוי דאַרפט איר זיך אויך פירן בנוגע אַנדערע קולטור־אויפגאַבן. לאָמיר זאָגן אייער זאָרג פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור. געוויס איז דער משל נישט גלייך צום נמשל, ווייל וויפל פון די פּרנסים עס עסן בלויז כשרות האָב איך נישט געציילט, נאָר אַז אַלע ווײלער און אויסגעווײלטע אין אייער קהילה קענען ייִדיש און לעבן זיך אויס אין ייִדיש — דאָס ווייס איך זייער גוט. אָבער מיר רעדן וועגן דעם יונגן דור, וואָס וואָלט אויף אַ נאַטירלעכן אופן דערצויגן געוואָרן בלויז אויף שפּאַניש, ווען ביי אייך איז נישטאָ אַ געפלעגטע און באַוווסטזיניק־געצילטע ייִדישע דערציִונג. נאָר די מערכה פון ייִדיש איז אַ סך אַן ערגערע ווי די מערכה פון העברעיִש. אומאָפּהענגיק פון דעם, צי דער אָן אַן ערך קלענערער אינטערעס צו ייִדיש אין אייערע שולן נעמט זיך פון דעם וואָס די תּלמידים זיינען ווייניקער פאַראינטערעסירט אין ייִדיש, אָדער ווייל געוויסע געקומענע לערער באַאַרבעטן שטילערהייט די תלמידים קעגן ייִדיש, אָדער ווייל איר האָט נישט און עס קומען אויך נישט פון אַנדערשוווּ אַזעלכע באַגייסטערטע ייִדיש־לערער ווי העברעיִש־לערער — נישט געקוקט אויף די אַלע פאַקטן, איז די אויפגאַבע פון דער קהילה און אַלע אירע פּאַרטייאישע פאָרשטייער אָנצוהאַלטן און קעמפן פאַרן פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון אייער ישוב. לערנען ייִדיש און קענען די ייִדישע ליטעראַטור איז דער יסוד פון אַ פאָלקסטימלעכן ייִדישן ישוב. ביז איצט האָט נאָך קיינער נישט אָפּגעלייקנט דעם היסטאָרישן פאַקט אַז אומעטום און אַזוי לאַנג ווי אַ ייִדישער ישוב האָט גערעדט ייִדיש, איז דאָרט אויך געווען אַ ייִדיש פאָלק. אָבער אין די ערטער ווו מען רעדט בלויז ענגליש, בלויז שפּאַניש און אַנדערע נישט־ייִדישע לשונות, צי וועט זיך פון די דאָרטיקע ייִדן אויך אויסבילדן אַ ייִדיש פאָלק — דאַרף נאָך באַוויזן ווערן.

איינער פון די האַרבסטע און טרויעריקסטע פּראָבלעמען איז ווי צו פאַרגרעסערן דעם פּראָצענט פון די ייִדישע קינדער אין די ייִדישע שולן. ווען איך בין געווען אין אַרגענטינע האָט עס געהאַלטן, דאַכט זיך, ביי 25 פּראָצענט ייִדישע קינדער וואָס באַקומען אַ וועלכע נישט־איז ייִדישע דערציִונג. איך בין זיכער אַז ווען איר וועט מאַכן אַ סך־הכל פון אייערע קהילה־אַקטיוויטעטן וועלן די חינוך־פּראָבלעמען פאַרנעמען אַ גרויס און וויכטיק אָרט. אָבער ס'איז אויך וויכטיק, אַז פּונקט ווי איר וועט באַטראַכטן ווי צו פאַרגרעסערן און פאַרטיפן די ייִדישע לימודים אין די שולן און לערער־סעמינאַרן, דאַרפט איר אויך טראַכטן וועגן די טאַטעס און זיידעס, די פּאַראַדנע קולטור־יום־טובים, אויסהערן אַ לעקציע און אַפילו קויפן אַ ייִדיש בוך איז

נאָך נישט קיין באַווייז אַז מען געהערט צו דער ספערע פון יידישער גייסטיקייט. דורך דעם עצם פאַקט וואָס איר האָט געגרינדעט אַ יידישע קהילה איז דער אַרגענטינער יידישער ישוב מיט איין מאָל עלטער געוואָרן אויף הונדערטער יאָרן. זיין גייסטיקע געשיכטע הייבט זיך מער נישט אָן מיטן ערשטן יידן וואָס האָט חתונה געהאַט אויפן אַרגענטינער באָדן. די קהילה האָט אייך איינגעשלאָסן אין דער טראַדיציאָנעלער קייט, אייך פאַרבונדן מיט די עלטסטע יידישע קהילות און זייערע טראַדיציעס. אין גייסט און אין סטיל פון אונדזערע אַלטע היימען, כאָטש אין נייע וועלטלעכע פאָרמען, מעג דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע אויך האָבן „אַ קאַלטע שול", ווו מען דאַוונט בלויז אין די זומער־טעג, דער עיקר שבת און יום־טוב; אַ בערגל אויפן שול־הויף פאַר פאַראַדנע חתונות, אָבער עס מוז אויך זיין אַ בית־מדרש פאַר אין מיטן וואָך, דאָרט ווו מען דאַוונט און לערנט יעדן טאָג. איך בין געווען ביי אייך אין די ימים־נוראים און סוכות־צייט, און איך בין געבליבן מיט אַן איינדרוק פון אַ סך יום־טובדיקע יידן וואָס פאַרפאַקן די שולן און די בתי־מדרשים אין די נישט־געוויינטלעכע טעג פון יאָר. און נאָך אַן איינדרוק האָב איך געהאַט — און איך זאָג עס אייך לשבח — אַז אַרגענטינע איז אַ גייסטיקע קאָלאָניע פון מדינת־ישראל. און טאַקע דערפאַר, איר זאָלט ווייטער זיין אַ געבענטשטער ישוב סיי פאַר זיך גופא און סיי אין די אינטערעסן פון מדינת ישראל אין יעדן הינזיכט, דאַרף ביי אייך זיין אָפן דער בית־מדרש אַ גאַנצע וואָך. עס איז נישט נייטיק אַז איך זאָל פאַר אייך אויסאַרבעטן אַ קאָנקרעטן פראָגראַם; איר וועט עס טאָן בעסער פון מיר. דער כלל דאַרף זיין, אַז אויסער גרויסע אונטערנעמונגען פון ברוב עם, דאַרפט איר לייגן זייער אַ סך געוויכט אַריינצודרינגען אין געמיט און געדאַנק פון די יחידים, וואָס אַלע אין איינעם בילדן זיי דעם ציבור. מען זאָל טאַקע לייענען די געקויפטע ביכער, מען זאָל לערנען יידישע געשיכטע, מען זאָל זיך מתווכח זיין וועגן יידישע פראָבלעמען, עס זאָל געשאַפן ווערן דער גייסט פון תלמידים מיט אַ רבין אַרום אַ טיש, און די

חיים גראַדע אויף דער דערעפענונג פון חודש פון יידישן בוך אין יאָר 1960.

תּלמידים מיט אַ רבין אַרום אַ טיש זיינען נישט געווען דאָך קיין חדר־ייִנגלעך, נאָר טאַטעס און זיידעס.

אויף אייך איז מקוים געוואָרן דער „לא יסור שבט מיהודה“, פון ייִדישער גייסטיקער אַליינהערשאַפט און אויטאָנאָמיע, וואָס דער קדוש און דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו זאָגט נאָך ווי דעם גרעסטן שבח די פוילישע און ליטווישע ייִדן. ווען איך בין געווען ביי אייך, האָב איך געהאַט אַ געפיל אַז איך בין צוריקגעקומען אין מיין היימשטאָט, אין ירושלים דליטא. פונקט ווי די ייִדישע געסלעך אין ווילנע האָבן זיך געדרייט אַרום ווילנער שול־הויף, האָט זיך מיר אין בוענאָס־איירעס געדאַכט, אַז אַלע ייִדישע געסלעך דרייען זיך אַרום דער קהילה. יהי רצון, אַז אין בוענאָס־איירעס און אין יעדער אַנדער ייִדישער שטאָט זאָל דער אומקרייז פון די גאַסן און געסלעך אַרום דער קהילה אַלץ גרעסער און ברייטער ווערן.



ד״ר חיים שאָשקעס (ניו־יאָרק)

אַ פאָר ווערטער „מטעטקים״ פאַר דער אַרגענטינער קהילה

ווען איך בין מיט זיבעצן יאָר צוריק, אַלס „היאס״־דירעקטאָר, אָנגעקומען צום ערשטן מאָל אין אַרגענטינע, האָבן מיך אויפן לופט־פלאַץ צווישן אַנדערע אָפגעוואַרט צוויי אומפאַרגעסלעכע יידישע פערזענלעכקייטן: מ. ראָזאָווסקי און ידידיה עפרון. דער ערשטער האָט געזאָגט, אַז ער באַגריסט מיך אין נאָמען פון דער „חברה קדישא״ און דער צווייטער האָט שפאַסיק צוגעגעבן: „און די „חברה״ האָט אָפילו די „עגלה״ מיטגעשיקט אייך אָפצופירן״.

איר מוזט מודה זיין: די רעמיניסצענצן פון דער אַלטער היים, וואָס בינדן זיך מיט די ווערטער „חברה קדישא״ און „עגלה״ זיינען נישט דער בעסטער „ברוך־הבא״ פאַר אַ ניי־אָנגעקומענעם גאַסט: איז ער דאָך געקומען לעבן און נישט מיט קאָמפאָרט „אָפגעפירט ווערן מיט דער עגלה״.

זינט דאַן זיינען אַ סך שטורמישע וואַסערן אָפגעפלאָסן. פון דער „חברה קדישא״ איז אַ „קהילה״ אויסגעוואַקסן, אַ מערקווירדיקער פראָדוקט, אויסגעפורעמט גאַנץ אייגנאַרטיק אויף דער אַרגענטינער ערד.

איך האָב פיל מאָל אין משך פון די יאָרן באַזוכט בוענאָס־איירעס און פיל אַנדערע שטעט פון אַרגענטינע. איך האָב געהאַט דעם כבוד, ווי פיל יידישע וואַנדערער מיט אַ געזעלשאַפטלעכער מיסיע, — צו זיין דער גאַסט פון „ישוב״ און פילן די וואַרעמקייט און נאָסטאַלגישן רייץ פון זיין פאָלקסטימלעכקייט.

קום איך דאָך פון ניו־יאָרק ווו קיין „סביבה״ איז נישטאָ, ווו דער ריזיקער מעכאַנישער מאָנסטער, — די גרויסע שטאָט — האָט גאָר נישט קיין פלאַץ, ווו אַן אורח אויפצונעמען. דאָס הייסט, פלעצער זיינען פאַראַן אַ סך, — שוין צופיל, — אָבער קיין איין סטאַבילער אַדרעס, קיין איין צענטער אויף וועלכן מען זאָל קענען זאָגן, אַז מען איז אַ גאַסט פון יידישן ישוב, — איז נישטאָ. אַלץ צעפלאָסן, סעפּאַרירט, אָפגעפרעמדט.

קומט צו אונדז אַ גאַסט מיט אַ נאָמען, בלייבט נישט אַנדערש ווי אויפנעמען אים אָדער אין דער פאַרטיי, צו וועלכער ער געהערט, אָדער אין אַ פריוואַטער הויז פון פריינט אָן באַקאַנטע.

דעריבער איז אַזוי ווערטפול דאָס שאַפן אין אַרגענטינער שטעט דעם נאַטירלעכן „אַדרעס״, — די קהילה, וועלכע איז דער פאָקוס פון אַלע יידישע אינטערעסן.

איך האָב אין משך פון מיינע אָפטע וויזיטן געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן דעם אַנטוויקלונגס־פראָצעס פון די קהילה־אינסטיטוציעס און אויך די אַנטוויקלונג פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל, וועלכן דאָס פאָלק האָט אָנפאַרטרויט די פירערשאַפט.

אַביסל בין איך אַ מבין אויף קהילה־אַרבעט, ווייל שוין מיט 45 יאָר צוריק, אין אָנפאַנג פון יאָר 1918 בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד צום ערשטן דעמאָקראַטיש־געוויילטן קהילה־ראַט אין דער געשיכטע פון אוקראַינע, — צום ראַט אין כאַרקאָוו (אגב, ווילט זיך אויך דערמאָנען מיינע שוין איצט פאַרשטאָרבענע חברים פון „צעירי־ציון״, וואָס זיינען דאַן, צוזאַמען מיט מיר, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַרטרעטער אין ראַט. דאָס זיינען: אייזיק ברודני־בראַלי, דער שפעטערדיקער פרעזידענט פון „בנק הפועלים״, אברהם לעווינסאָן, — סיים־דע־

פוטאַט און באַרימטער ישראלישער קולטור־טוער און שמואל פרידמאַן־עליאַשעוו, — דער שפּעטערדיקער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע. זאָל געבענטשט זיין זייער אָנדענק!

איך בין אויך געווען אַ מיטגליד אין וואַרשעווער קהילה־ראַט, אין זיין שפּעטערדיקער און געפערלעכער עפּאָכע. האָט מען זיך אויסגעלערנט אָפּשאַצן די אַרבעט פון אַנדערע קהילות.

איז טאַקע דעריבער צו באַוווּנדערן, ווי אַזוי מענטשן פון פשוטן פאָלק, נישט קיין טרענירטע „סאָשעל וואָרקערס", האָט זיך איינגעגעבן אין משך פון אַ פאַרהעלטניסמעסיק־קורצער צייט אויפשטעלן די אינסטיטוציע, וואָס ווערט איצט באַוווּנדערט אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

ווען איר הייבט אָן צו סומירן איר פאַרצווייגטן אַרבעטס־געביט: די קאָנצענטרירטע פופציק־טויזנט־קעפּיקע מיטגלידערשאַפט אין בוענאָס־איירעס, וואָס איז אָן און פאַר זיך אַ קאָלאָסאַלע אָרגאַניזאַציע דערגרייכונג: די העברעיש־יידישע שול־נעץ, וואָס ווערט געשטיצט און רעגולירט דורך דער קהילה; די אייגנאַרטיקע קולטור־טעטיקייט, וואָס ווערט אַמבולטסטן אויסגעדריקט אין דערמעגלעכן לעקטאָרן — אַרגענטינער און אויסלענדישע, — צו באַקאָנען דעם עולם אין בוענאָס־איירעס און אין די פּראָווינץ־שטעט מיט די ברענענדע פּראָבלעמען פון דער יידישער ווירקלעכקייט און פאַרגאַנגענהייט; דער „חודש פון יידישן בוך", וואָס לאָזט אָן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק ביי אונדז אַלעמען, וועלכע זיינען נישט געוווינט צו זען לאַנגע רייען פון יונגע און עלטערע יידן, וואָס שטייען און וואַרטן מען זאָל זיי פאַרקויפן ביכער פון יידישן אינטערעס.

די קהילה־פאַרוואַלטונג נעמט אויף די געסט לילי מנחם (ישראל), יהודה עלבערג (קאַנאַדע) און ד"ר שאַשקעס (פאַר' שטאַטן).

איך רעד שוין נישט פון אַזאַ ספּעציעל־נייטיקער אינסטיטוציע, ווי דאָס „מתים־שטיבל" ביי דער קהילה, — די אייגנטלעכע „חברה־קדישא", — וועלכע איז נישט מער די „שינדברעטל" פון אָרעמאַן אָדער ווייניק־פאַרמעגלעכן אין די טראַגישע פאַר אים טעג.

איך האָב זיך ספּעציעל צוגעקוקט בעת מיינע וויזיטן אין דער קהילה צו אַט דעם „טרייעריקן ווינקל" אויפן ערשטן שטאָק און טאַקע געזען די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נייער קהילה,ביים אויספירן די מצוה פון „הלוית המת".

עס איז ווערט אַריינצוגיין אין דער קהילה אין דער שעה פון גרויסן טומל, צווישן איינס און צוויי אזייגער בייטאָג, ווען די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, צוזאַמען מיטן פּרעזידענט ד"ר קאַמענשיין (פריער ח׳ אלימלך גוטקין), זעצן זיך ביי זייערע טישן אויספירן די מלאכת־הקודש. ווי אַ בינענשטאָק זשומעט דאָן אַרום יעדן פון זיי. פּראָבלעמען פון אַלגעמיין־יידישער באַדייטונג, אָרטיקע וויכטיקע אַנטוויקלונג. נו, און די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן פון יחיד, וועלכע קוקן אויס קליין אין פאַרגלייך מיט וועלט־פּראָבלעמען, אָבער גרויס און וויכטיק זיינען פאַר אים, פאַר דעם „יחיד", זייער אָפּט פאַר דעם „קליינעם מענטשל", וואָס האָט זיך נישט ווו צו ווענדן, אויסער צו דער קהילה, און דאָ טאַקע באַקומט ער די תשובה און די אַנטשיידונג פאַר זיין פּראָבלעם.

און דער פאַקט, וואָס די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער רייסן זיך אָפּ פון זייערע פּריוואַטע געשעפטן, כדי דעם געזעלשאַפטלעכן פליכט צו דערפילן, — אָפטמאָל איז דאָס געמאַכט מיט גרויסע פּערזענלעכע קרבנות, — דאַרף אויך אונטערגעשטראָכן ווערן: קיין באַלוינונג, — אויסער דאָס ביסל סאַטיספאַקציע, — און אָפטמאָל דאָס ביסל „בזיונות", וואָס זיינען דער שטענדיקער גורל פון כלל־טוער — באַקומען זיי דאָך נישט.

פאַר מיר זיינען געבליבן אומפאַרגעסלעך מיינע באַזוכן מיט לעקציעס אין נאָמען פון פאַרבאַנד פון אַרגענטינער קהילות אין די פיל פּראָווינץ־שטעט, פון וועלכע איך געדענק: ראָזאַריאָ, קאָרדאָבאַ, מענדאָזאַ, סאַן־כואַן, פּאַראַנאַ, לאַ פּלאַטאַ, באַהיאַ־בלאַנקאַ, סאַנטאַ־פע א"אַ.

אומעטום האָב איך אויפן פּאָסטן געטראָפן גרופּע איבערגעגעבענע פּרנסים, וועלכע זיינען ענג פאַרבונדן מיט זייער צענטער אין בוענאָס־איירעס.

איך האָב אָבסערווירט די אַרבעט פון דאָזיקן צענטער אונטער דער פּעיקער פירערשאַפט פון ז. וואַסערצוג; עס האָט אויסגעקוקט, ווי אַ קהילה־שטאָב אין לאַנדעס־פאַרנעם, וואָס „קלאַפּט" און פירט אויס באַשלוסן.

בצלאל שערמאַן

ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע

א.

דער אַרגענטינער ייִדישער ישוב האָט זיך נישט צו באַקלאָגן אין די לעצטע יאָרן, אַז ער קריגט נישט גענוג אויפמערק אין דער ברייטער ייִדישער וועלט. אדרבא, יעדער ייִדישער שרייבער אָדער געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס פאָרט אויף אַ באַזוך — און ווערט דורך דעם דער „גאַסט פון דעם ישוב" — האַלט עס פאַר זיין חוב צו באַשרייבן דאָס דאָרטיקע לעבן בפרטיות. עס איז אָבער אַ ספק, צי פון אָט־די אַלע באַשרייבונגען באַקומט זיך אַ ריכטיק בילד פון דעם צווייטן גרעסטן ייִדישן קיבוץ אין חוץ־לארץ (נישט צו רעכענען סאָוועטן־רוסלאַנד). די סיבה איז אַ פשוטע: אַלע באַריכטן זיינען געבויט אויף די טעטיקייטן פון דעם אַקטיוו אין דעם ישוב, אין וועלכן דער ייִדיש־ריידנדיקער סעקטאָר איז דער דינאַמישסטער פאַקטאָר. זעלטן ווערט גענומען אין באַטראַכט דער ספרדישער סעקטאָר, וואָס עס ווערט געשאַצט, אַז ער מאַכט אויס באַלד אַ פערטל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין בוענאָס־איירעס. מען לאָזט אויך אויס פון די באַריכטן די דייטשיש־ייִדישע עדה, וואָס איז זינט דעם היטלער־חורבן אין אייראָפע היפשלעך אויסגעוואָקסן; און ענדלעך שטעלט מען זיך נישט גענוג אָפ אויף די יונגע דורות, וואָס לעבן זיך אויס קולטורעל און געזעלשאַפטלעך אין דער שפאַנישער שפראַך. אַנטקעגן דעם סכום פון אָט־די אַלע עלעמענטן איז דער ייִדיש־ריידנדיקער סעקטאָר אַ כסדר קלענער־ווערנדיקע מינדערהייט, הגם ער איז דער נערוון־צענטער און דער קהלשער טואונג פון דעם גאַנצן ייִדישן קיבוץ אין אַרגענטינע.

ווי נישט־גענוגנדיק עס איז דער מאַטעריאַל וואָס מיר האָבן פון דעם ישוב ווערט קלאָר, ווען מיר שטעלן די ערשטע און עלעמענטאַרסטע פראַגע: וויפל ייִדן לעבן היינט אין אַרגענטינע? מיר האָבן נישט קיין פינקטלעכע אינפאָרמאַציע וועגן דער צאָל ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פון דעסטוועגן פאַרמאָגן מיר שוין דאָ סטאַטיסטיק, וואָס דערלויבט גוט־באַגרינדעטע שאַצונגען. די סטאַטיסטיק איז באַזירט אויף די באַפעלקערונג־שטודיעס וואָס ייִדן האָבן אַליין דורכגעפירט אין אַ צאָל שטעט און אויף ציפערן וואָס מען קען אַרויסהויבן פון די רעגירונג־צענזן. אין אַרגענטינע איז פון דעם אַלעם קיין זכר נישטאָ. אַלע ציפערן וועגן דער גרויס פון דעם ישוב זיינען באַזירט אויף אינדיווידועלע שאַצונגען; די שאַצונגען זיינען באַזירט אויף השערות; די השערות זיינען באַזירט אויף פערזענלעכע איינדרוקן; און די פערזענלעכע איינדרוקן זענען באַזירט אויף ווונטשן. וועלן גוט־אינפאָרמירטע אַלטע תושבים אָנרופן אַ ציפער פון 400 טויזנט ייִדן; אַנדערע וועלן ריידן פון אַ האַלבן מיליאָן; און פאַראַן געזעלשאַפטלעכע עסקנים וואָס באַשטייען, אַז נישט ווינציקער ווי 600 טויזנט ייִדן געפינען זיך היינט אין אַרגענטינע. אַז איר וועט זוכן כאָטש אַ סימן פון אָביעקטיווער באַשטעטיקונג, וועט איר עס נישט געפינען אין שייכות צו קיין איינעם פון די אָנגעגעבענע ציפערן. בלית־ברירה, וועלן מיר זיך האַלטן ביי דעם ציפער פון 450.000 — אַ ציפער וואָס ווערט צום אָפטסטן דערמאָנט אין די מאַטעריאַלן וועגן אַרגענטינע.

לאָמיר נעמען אַ צווייטן ביישפיל. נישט געקוקט אויף די פיל זייער דערמוטיקנדיקע זאַכן וואָס מיר הערן פון אַרגענטינע, רופט אָבער איין באַריכט אַרויס אומרו אַפילו ביי די אָפטימיסטישסטע באַזוכערס. עס ווערט אָנגעגעבן, אַז נישט מער ווי 25 פראָצענט פון די ייִדישע

קינדער קריגן דאָרטן א ייִדישע דערציִונג. וועגן אָט־דעם ציפער האָט מען שוין געשריבן מאמרים אין גאָר דער ייִדישער וועלט. מען האָט פון דעם גערעדט אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן און אויף צוזאַמענקומען פון דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. מען האָט געבויט טעאָריעס, געזוכט דערקלערונגען און אָנגענומען רעזאָלוציעס. אַזוי טיף האָט זיך דער ציפער איינגעקריצט אין דעם ייִדישן אינווענטאַר, אַז מען געפינט אַפילו נישט פאַר נייטיק צו פרעגן: 25 פּראָצענט פון וואָס? וויבאַלד מען ווייסט נישט וויפל קינדער פון שול־עלטער עס געפינען זיך אין לאַנד, און וויבאַלד מען קען דאָס נישט וויסן סיידן מען ווייסט גענוי די צאָל ייִדן און די גרויס פון דער ייִדישער משפחה — טאָ פון וואַנען קען מען וויסן, אַז נישט מער אָדער אַז נישט ווייניקער ווי 25 פּראָצענט ייִדישע קינדער קריגן א ייִדישע דערציִונג? און אַפילו ווען מען זאָל אָננעמען, אַז דער פּראָצענט איז א ריכטיקער — צי מיינט עס אַז בלויז 25 פּראָצענט פון דער יוגנט אין לאַנד קריגן אַ ייִדישע דערציִונג בכלל, אָדער מיינט עס נאָר אַז אין אַ געגעבענעם מאָמענט געפינען זיך 25 פּראָצענט פון די קינדער אין די ייִדישע שולן? אומזיסט וועט איר זוכן אַן אויטענטישן ענטפער אויף אָט־די פשוטע פראַגעס.

די פירערס פון דעם ישוב געפינען זיך אונטער אַ דרוק אויפצוקלערן די סתירה וואָס ליגט צווישן דעם האָפערדיקן בילד וואָס זיי מאָלן פון דעם בליענדיקן מצב פון דער ייִדישער שפּראַך און צווישן דעם קליינעם פאַרנעם פון דער ייִדישער דערציִונג. לייקענען זיי נישט אָפּ דעם ציפער; זיי פּרוּוון נאָר אָפּטעמפּן זיין ווידעראַנאַנדיקייט. עס איז אַ בלבול. האָט נישט לאַנג צוריק געשריבן וועגן אָט־דעם ענין דער אָנגעזעענסטער ייִדישער זשורנאַליסט אין אַרגענטינע, אַז נישט מער ווי 25 פּראָצענט קינדער קריגן אַ ייִדישע דערציִונג; וואָס זיינען מיר שולדיק, האָט ער געטענהט, אַז מען רעכנט צו אונדז צו [צו דער ייִדיש־ריידנדיקער באַפעלקערונג, הייסט עס, ב. ש.] די ספרדישע ייִדן און די דייטשע ייִדן? אָן זיי וואָלט שוין דער פּראָצענט ממילא געווען אַ העכערער. דאָס איז אַ ביז גאָר טשיקאַווער חשבון: דער פּראָצענט וואָלט נאַטירלעך געווען נאָך אַ העכערער ווען מען וואָלט אויך אַראָפּגערעכנט די שפּאַניש־ריידנדיקע עלטערן. אָבער פון אַזאַ חשבון — וויפל ייִדן וואָלטן פאַרבליבן אין אַרגענטינע? און וויפל ייִדן וואָלטן היינט בכלל געווען אין דער וועלט, ווען מען זאָל זיך רעכענען נאָר מיט די ייִדיש־ריידנדיקע און בלויז אויף זיי אַרויפלייגן דעם חוב צו געבן זייערע קינדער אַ ייִדישע דערציִונג? אין חוץ לזה — די צאָל ייִדיש־ריידנדיקע ייִדן אין אַרגענטינע ווייסט מען יאָ? און וויפל פון די ייִדיש־ריידנדיקע שיקן זייערע קינדער אין אַ ייִדישער שול איז באַקאַנט? וועל איך נאָך צו דעם ענין ייִדישע דערציִונג זיך אומקערן. דאָ האָב איך נאָר געוואָלט באַווייזן וואָס פאַר אַ קרומער שפּיגל עס באַקומט זיך פון דעם אַרגענטינער ישוב, ווען מען פאַרלאָזט זיך אויף ציפאַליקע ידיעות און אויף אויבן־אויפיקע באַריכטן אין דער פּרעסע מכּוח זיין דעמאָגראַפישן מצב.

ב.

דרייצן יאָר האָבן אָפּגעטיילט מיין צווייטן באַזוך אין אַרגענטינע פון דעם ערשטן. אַלץ אין לאַנד האָט זיך געביטן אין משך פון אָט־דעם פּעריאָד. קודם־כל האָט זיך ראַדיקאַל געביטן די פּאָליטישע סיטואַציע. בעת מיין ערשטן באַזוך, אין 1948, האָט אין לאַנד געהערשט די פּעראָניסטישע דיקטאַטור, וואָס איר טויטע האַנט האָט זיך געלייגט אויף יעדער איינעם ביי דעם ערשטן טריט וואָס ער האָט געשטעלט אויף דער אַרגענטינער ערד. דעם אָטעם פון דעם פּאַקטיש־פאַשיסטישן רעזשים האָט מען געשפּירט ווו נאָר מען האָט זיך געקערט אָדער געווענדט.

קיין ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם האָט מען, אמת, אונטער דער פּעראָן־דיקטאַטור נישט געמערקט. מיר אַליין איז אַפילו אויסגעקומען בייצוזיין דעם חנוכת־הבית פון אַ ייִדישן פּעראָניסטישן קלוב, ביי וועלכן פּעראָן און זיין פאַרשטאָרבענע ווייב עוואַ, וואָס איז אין יענער צייט געווען אפשר נאָך מער פּאָפּולער ווי ער, האָבן פאַרזיכערט דעם עולם, אַז די באַטראַכטן ייִדן

פּאַר גלייכע בירגערס פון לאַנד און וועלן נישט דערלויבן קיין דיסקרימינאַציעס קעגן זיי. קיין צופיל בטחון האָבן פון דעסטוועגן די ייִדן אין די פאַרזיכערונגען נישט געהאַט: זיי האָבן געזען ווי מען האָט אַרויסגעשטויסן אַלע ייִדן פון די מלוכה־אַמטן און פון דער לערערשאַפט אין די הויכשולן; און זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז וועט זיך עס דעם רעזשים לוינען — וועט ער די באַשרענקונגען כלפּי ייִדן אויסשפּרייטן אויף אַלע שטחים פון דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן.

היינט איז די לאַגע אין יעדער פּרט אַ בעסערע. די איצטיקע פּאָליטישע אָרדענונג איז נאָך ווייט נישט קיין איינגעשטעלטע און רעגירונגס־קריזיסן זיינען אין אַרגענטינע אַ טעגלעכע דערשיינונג. דאָס לאַנד בייגט זיך נאָך אַלץ אונטער דער ירושה פון עקאָנאָמישער דיסלאָקאַציע

די דערעפענונג פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָנפערענץ אין יאָר 1961. עס רעדט דער גאַסט בצלאל שערמאַן.

וואָס פּעראָן האָט איבערגעלאָזט, און עס זיינען נאָך פאַראַן גאָר שטאַרקע פּעראָניסטישע שטימונגען גראָד צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן. פון דעסטוועגן איז דער פּאָליטישער קלימאַט אַ דעמאָקראַטישער: עס הערשט דאָרט פרייהייט פון וואָרט און פון פּרעסע און עס איז דאָ אַן עפעקטיווע אָפּאָזיציע. נאַטירלעך רופט זיך דאָס אָפּ אויך אין דער ייִדישער סביבה: דאָס מאָל האָב איך געטראָפן אַ גרויסע צאָל ייִדישע פּראָפעסאָרן אין די אוניווערזיטעטן און אַן אַקטיוון אָנטייל מצד די ייִדן אין דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן. די געשפּאַנטקייט האָט אָפּגעלאָזט; און אויב עס שפּירט זיך נאָך אַלץ צווישן ייִדן אַן אומרו, נעמט זיך עס נישט פון מורא פאַר דעם איצטיקן רעזשים אין לאַנד, נאָר פון די קאַסטראָ־סענטימענטן וואָס דרינגען אַלץ טיפער אַריין אין גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע. באַגייסטערונג פאַר קאַסטראָן און האַס פאַר אַמעריקע כאַפּן אַרום די יוגנט, אַריינגערעכנט די ייִדישע; און די שרעק אַז עס רוקט זיך אויף ייִדן דער גורל פון דעם קובאַנער ישוב, איז ווייט נישט אָן אַ גרונט, בפרט אַז פון דעם עקאָנאָמישן שטאַנד־

פונקט וועלן יידן זיין אויף דעם ערשטן פייער אויב עס וועט קומען צו אַ סאָציאַלער צעטרייסלונג.

וואָרעם עקאָנאָמיש האָט דער ישוב אין אַרגענטינע מער דעם אָנבליק אויף די אַלטע ישובים אין מזרח־אייראָפּע, ווי אויף די ישובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין ענגלאַנד אָדער אין קאַנאַדע. יידישע באַנקען, יידישע קרעדיט־געזעלשאַפטן, יידישע האַנדל־קאָאָפּעראַטיוון, יידישע געשעפט־פאַרבאַנדן — אָט־דאָס אַלץ נעמט אַרום די יידישע באַפעלקערונג ווי אַ מין עקאָנאָמישע אויטאַרקיע, וואָס איז אי אַ ברכה פאַר דעם ישוב אי אַ פּאָטענציעלער קוואַל פון סכנה. אַ ברכה איז דאָס דערפאַר, ווייל די אינסטיטוציעס זענען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דעם לעבן פון דעם ישוב. זיי זענען עס אויף אַ דירעקטן אופן מיט דעם וואָס זיי טיילן אויס אַ באַדייטיקן פּראָצענט פון זייערע רווחים אויף קהלשע צוועקן; זיי זענען עס נאָך מער מיט דעם וואָס זיי פאַרפעסטיקן די בינדונג צווישן יחיד און כלל אין דער יידישער סביבה מיט דעם צעמענט פון עקאָנאָמישן אינטערעס. זיי קענען אָבער אויך פירן צו זייער ערנסטע קאָנסעקווענצן דערפאַר ווייל זייער עצם־עקזיסטענץ באַווייזט, אַז די יידן זיינען נאָך וויניק אינטעגרירט אין די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע פּראָצעסן פון אַרגענטינע און אַז ממילא איז נאָך זייער עקאָנאָמישער יסוד נישט סטאַביליזירט. די יידן זיינען צופיל אָפּגעזונדערט פון דער הערשנדיקער עקאָנאָמיע און זיי זיינען דעריבער מער אויסגעזעצט צו דרויסנדיקן דרוק ווי די אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

גייט מען אַריבער פון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען צו דעם אינעווייניקסטן לעבן פון דעם ישוב, ווערט מען קודם־כל באַווירקט פון דער דעמאָקראַטישקייט פון זיין אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אפשר דער דעמאָקראַטישסטער ישוב אין די תפוצות.

די קהילה אין בוענאָס־איירעס — און זי איז דער מוסטער פאַר די קהילות אין די קלענערע שטעט אין אַרגענטינע, ווי אויך פאַר מאָנטעווידעאָ, די הויפּטשטאָט פון אורוגוויי — איז, ווי ד״ר מרדכי קאַפּלאַן וואָלט זי אָנגערופן, אַן אָרגאַניש. זי איז באַזירט אויף אינדיווידועלער מיטגלידערשאַפט, אָבער אין אירע אַקטיוויטעטן דעקט זי כמעט אַלע קאָלעקטיווע הצטרכותן פון דעם קיבוץ. די אויספיר־אָרגאַנען פון דער קהילה ווערן אויסגעקליבן דורך דירעקטע און געהיימע וואַלן. אין די וואַל־אַקציעס ווערן די פּראָבלעמען פון דעם ישוב און די פּלאַטפאָרמעס פון די קאַנדידאַטן ברייט און אָפן דעבאַטירט. וואָלט אָבער ביי דעם געבליבן — ד״ה וואָלט נאָר דער אינדיווידועלער קאַנדידאַט פיגורירט אין די וואַלן — איז אַ ספק צי וואָלט די קהילה געשטאַנען אויף דער מאָראַלער און קולטורעלער הויך וואָס זי פאַרנעמט איצט. וואָס עס פאַרוואַנדלט די קהילה אין אַן אמתן פּאַרלאַמענט פון דעם ישוב איז דאָס וואָס די קאַנדידאַטן אויף די פאַרשיידענע אַמטן ווערן אַרויסגעשטעלט דורך פּאַרטייען. די דאָזיקע פּאַרטייען ווייסן, אַז זיי מוזן קומען צו די וויילערס נישט נאָר מיט די בעסטע מענטשן וואָס זיי פאַרמאָגן, נאָר אַז זיי מוזן אויך פאָרלייגן קלאָרע פּראָגראַמען, וואָס זיי פאַרפליכטן זיך אויסצופירן, אויב זייערע קאַנדידאַטן וועלן אויסגעקליבן ווערן. אַזוי אַרום שטייען די פירערס פון דער קהילה אונטער דעם צוזייענדיקן קאָנטראָל פון זייער פּאַרטיי און פון זייערע וויילערס. די צוזאַמענאַרבעט פון די פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער קהילה איז נישט קיין מעכאַנישע און נישט אַזאַ, ווי עס איז אָפט דער פאַל אין אַלגעמיינע אינסטיטוציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס פאַרקוקט אידעאָלאָגישע חלוקי־דעות מחמת שלום בית. די קהילה ווערט נישט דערטרונקען אין באַנאַלן פּראַקטיציזם, און זי שענקט גענוג אויפמערק צו די גייסטיקע אינטערעסן פון דעם ישוב דווקא דערפאַר, ווייל זי איז אויך די אַרענע פאַר אידעישע שטרייטן. די אייניקייט אין האַנדלונג, וואָס ווערט דערגרייכט אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן נאָך דעם ווי די באַזונדערע ריכטונגען ברענגען צום אויסדרוק זייערע ספּעציפישע איינשטעלן, איז די אייניקייט פון אידעישער פאַרשיידנאַרטיקייט און געזעלשאַפטלעכער אחריות.

דאָ האָבן מיר אַ קלאָרן ענטפער אויף דער טענה, וואָס מיר הערן אַזוי אָפט פון די קעגנערס פון אַ רעפּרעזענטאַטיווער יידישער קהילה אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מכוח דעם אַז אין אַ וואָלונטאַרער געזעלשאַפט איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ צענטראַלער אָנפיר־אינסטאַנץ,

וואָס נעמט אָן אירע באַשלוסן אויפן סמך פון מערהייט־אָפּשטימונגען. אין אָט אַזאַ אָנפיר־אינסטאַנץ, גייט ווייטער די טענה, ווערן אונטערגעדריקט מיינונג־פאַרשיידנקייטן און די רעכט פון דער מינדערהייט ווערן אין איר פאַרגוואַלדיקט. נישט נאָר ווערן מיינונג־פאַרשיידנקייטן נישט אונטערגעדריקט אין אַרגענטינע, נאָר, פאַרקערט, די שטאַרקייט פון דער דאָרטיקער קהילה נעמט זיך אַקוראַט פון דעם וואָס זי גיט אַ פלאַטפאָרמע פאַר חילוקי־דעות.

דער דעמאָקראַטישער כאַראַקטער פון דער קהילה און דער פאַרטייִשער צוזאַמענשטעל פון אירע אָנפיר־אינסטאַנצן רוקן אַרויס צו דעם פאָדערגרונט די קאָמונאַלע פראָבלעמען פון דעם קיבוץ ווי אַ גאַנצן און סובאָרדינירן צו די דאָזיקע פראָבלעמען די באַזונדערע אינטערעסן פון די אינדיווידועלע ייִדישע אינסטיטוציעס. אַ דאַנק דעם איז די קאָלעקטיווע סקאַלע פון ייִדישע ווערטן אין אַרגענטינע אַ פיל־העכערע ווי זי איז אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט ביי אונדז אין די שטאַטן. איין ציפער וועט דאָס אילוסטרירן: זעכציק פראָצענט פון דעם גאָר גרויסן בודזשעט, וואָס די קהילה האָט, גייט אַוועק אויף סובסידיעס פאַר ייִדישער דערציִונג. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם אויפקום און די אַנטוויקלונג פון די פרעכטיקע ייִדישע קינדער־שולן — און גראָד די שולן באַווייזן וויאַזוי עס איז מעגלעך צו גיין אויף פאַרשיידענע וועגן און דאָך קומען צו אַלגעמיינע צילן. סובסידיעס קריגן — אין אַ גערעכטער צעטיילונג — די שולן פון אַלע קאָנסטרוקטיווע ריכטונגען אין דעם ישוב, אָנהייבנדיק מיט די אָרטאָדאָקסישע און ענדיקנדיק מיט דער בונדיש־אָנגעפירטער פרץ־שול. נאַטירלעך פירט איטלעכע ריכטונג אירע שולן אין איר אייגענעם גייסט און זי ברענגט אַריין די לימודים וואָס זיינען אין הסכם מיט אירע פרינציפן; אין דער זעלביקער צייט אָבער מוזן אַלע שולן איינשליסן דעם אַלגעמיינעם קוריקולום וואָס דער וועד החינוך, וואָס ווערט אויך צונויפגעשטעלט פון פאָרשטייערס פון פאַרטייען, צייכנט אָן. דאָ האָבן מיר אַ בולטןביישפיל ווי איינִיקייט ווערט דערגרייכט דורך צעטיילטקייט.

מיט דער געזעלשאַפטלעכער איינִיקייט, וואָס די דעמאָקראַטישע קהילה דערגרייכט דורך אידעיִשער פאַרשיידנאַרטיקייט, דערקלערט זיך אויך די דויערנדיקע חשיבות פון ייִדיש ווי דער שפראַך־אינסטרומענט פון דעם ישוב. נישט נאָר קען די קהילה דורכפירן — און זי פירט טאַקע הדרך — קולטור־אונטערנעמונגען אויף ייִדיש אין אַ פאַרנעם וואָס וואָלט געווען איבער די כוחות אַפילו פון דער גרעסטער פאַרטיי באַזונדער, נאָר דורך דעם וואָס די קהילה פירט זיי דורך, קריגן די דאָזיקע אונטערנעמונגען דעם סטאַטוס פון ישובדיקע אַקציעס. ייִדיש איז אַזוי אַרום די אָפיציעלע שפראַך פון דעם אָרגאַניזירטן אַרגענטינער ייִדנטום, און די קהלשע אַרויסטריטן אין שפּאַניש זיינען נאָר צוגאַב־אַקציעס, וואָס האָבן נישט דעם זעלביקן פרעסטיזש ווי די ייִדישע. פון אָט־דעם שטאַנדפונקט איז דאָס נישט איבערגעטריבן, ווען מען רעדט פון אַרגענטינע ווי פון דער וויכטיקסטער פעסטונג וואָס די ייִדישע שפראַך פאַרמאָגט היינט אין דער וועלט. אָבער לײדער איז די פעסטונג שוין געווען אַ היפּש ביסל דורכגעלעכערט נאָך אין 1948. היינט זיינען די לעכער ברייטערע און טיפערע. עס זעט אויס ווי אַ פאַראַדאָקס, עס איז אָבער אַ פאַקט: אין דער היינטיקער שטאַרקייט פון דער פעסטונג ליגט איר מאָרגנדיקע שוואַכקייט.

ג.

עס איז גרינג צו פאַרשטיין פאַרוואָס אַ ייִדישער שרייבער וואָס באַזוכט אַרגענטינע זעט די פעסטונג אין איר פולן גלאַנץ און פאַרקוקט די לעכער. ער האָט פאַר זיך אויסגעצייכנטע שולן מיט טויזנטער קינדער און הונדערטער לערערס וואָס האָבן אַליין געקראָגן זייער ייִדישע דערציִונג אויף דעם אַרגענטינער באָדן. ער גיט אַ רעפעראַט און עס קומט אַ טויזנט־קעפּיקער עולם. אויב ער נעמט אויס מיט זיין ריידן, וואַקסט דער עולם פון רעפעראַט צו רעפעראַט און עס שטייגט די צאָל צוהערערס וואָס, נישט געפינענדיק קיין פלאַץ צו זיצן, שטייען זיי גערן אויף די פיס די גאַנצע צייט וואָס די „קאָנפערענץ” געדויערט.

ער גייט אַריין אין דעם בנין פון דער קהילה און האָט דעם איינדרוק, אַז ער געפינט זיך אין אַ רעגירונגס־אַמט. צענדליקער אָפּטיילן באַדינען די הצטרכותן פון דעם קיבוץ ווי אַ גאַנצן און די יידישע באַדערפענישן פון אַנצאָליקע יחידים. עס קומען אין די ביוראָען יונג און אַלט, רעליגיעזע און אומגלויביקע. די פונקציאָנאַרן זיינען אַלע פרייוויליקע עסקנים, וואָס באַציִען זיך צו די באַזוכערס נישט ווי ביוראָקראַטן און נישט ווי פאַרקויפערס צו קליענטן, נאָר ווי מענטשן וואָס זיינען אַליין אַריינגעצויגן אין די פּראָבלעמען פון די באַזוכערס. אַלע ריידן יידיש; און יידיש איז אויך די הערשנדיקע שפּראַך אין די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

דער גאַסט פון אויסלאַנד לייענט די צוויי יידישע טאָג־צייטונגען, און ער זעט, אַז דאָס זיינען ערנסטע אויסגאַבעס וואָס קיצלען נישט די לייענערשאַפט און קוקן נישט אויף איר פון אויבן־אַראָפּ, ווי אויף עפּעס אַ צוריקגעשטאַנענעם המון. די צייטונגען זיינען נאָך נישט אַזוי מעכאַניזירט אָדער אַזוי קאָמערציאַליזירט, אַז עס זאָל אין זייערע באַציונגען מיט דער לייענערשאַפט פעלן דער עלעמענט פון משפּחהדיקער פאַרוואַנדשאַפט. אויף דעם יידיש־אַריענטירטן גאַסט איז דער רושם פון דעם אַלעם ממש אַ פאַרשיכורנדיקער.

פּראָפ׳ משה דייוויס רעדט אויף דער דערעפענונג פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָנפערענץ.

דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן וואָס ער קומט צוריק אַהיים אַ באַגייסטערטער, אַן אָפּגעפרישטער און אַ דערמוטיקטער. וואָלט ער אָבער געהאַט אַריינגעקוקט טיפער אין די איינגעווייד פון דער פעסטונג — וואָלט ער, אמת, נאָך אַלץ געהאַט גרונט צו זיין באַגייסטערט, אָבער ער וואָלט שוין אויך נישט געקענט פאַרטרייבן פון זיך אַ געפיל פון אומזיכערקייט. ער וואָלט נישט געקענט רויִק פאַרבייגיין דעם פאַקט, אַז דער עולם וואָס פילט אָן די זאַלן ביי די יידישע לעקציעס און שטעלט צו די אוידיטאָריעס פאַר די אַנדערע קולטור־אונטערנעמונגען אויף דער

ייִדישער שפּראַך, רעקרוטירט זיך אין גאַנצן פון איין קרייז. די זעלביקע צוויי־דריי טויזנט מענטשן באַטייליקן זיך אין אַלע קולטור־אַקציעס, בעת די ריזיקע מערהייט פון דעם ישוב געפינט זיך דרויסן פון די דאָזיקע אַקציעס. ער וואָלט זיך אויך געפרעגט: ווי קומט עס וואָס דער טיראַזש פון דער „ייִדישע צייטונג" און דער „פּרעסע" איז צוזאַמען פיל ווינציקער ווי 25.000? און דאָס וויכטיקסטע: אויב מען ווייסט נישט גענוי וויפל קינדער עס קריגן אַ ייִדישע דערציִונג — פּערזענלעך בין איך גענייגט צו גלייבן, אַז דער פּראָצענט איז אַ פיל־העכערער ווי פינף און צוואַנציק — איז אָבער קיין ספק נישט, אַז די מערהייט ייִדישע קינדער געפינט זיך נישט אין די ייִדישע שולן. די פּראָפּאָרציע קינדער וואָס גייען ווען עס איז אין אַ ייִדישער שול אין דער ייִדיש־פעסטונג איז זיכער אַ קלענערע ווי אין דער אַסימילירטער אַמעריקע; און אויך אין אַרגענטינע גייט די ייִדישע דערציִונג — אַפילו ביי די וואָס באַזוכן שוין יאָ אַ ייִדישע שול — זעלטן העכער ווי די נידעריקסטע קלאַסן פון אַן עלעמענטאַר־שול — אַקוראַט ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עס איז בפירוש אַ נחת־רוח פאַר דעם גאַסט פון אויסלאַנד צו גיין איבער די רחבותדיקע קלאַס־צימערן פון די פאַרשיידענע שולן; אָבער אויב ער באַמערקט דערביי נישט, אַז די טיילונג פון די גראַדן שטייט אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרציע צו דער גרויס פון די קלאַסן — וואָס העכער דער גראַד, אַלץ קלענער די צאָל תלמידים — פאַרקוקט ער די עיקרדיקע פּראָבלעם פון דער ייִדישער דערציִונג אין אַרגענטינע.

איך האָב אין 1961 געפונען אין דער הויפּט־פירערשאַפט פון דער קהילה אַ ייִנגערן און מער אַרגענטיניזירטן עלעמענט, ווי אין 1948. אין שפּיץ פון די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס שטייען איצט מיטליאָריקע עסקנים פון צווייטן דור, וואָס זיינען שוין ווייט נישט אַזוי איזאָלירט פון דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט די פריִערדיקע מנהיגים. דאָס איז די פּאָזיטיווסטע דערשיינונג אין דער אַנטוויקלונג פון דעם ישוב זינט מיין ערשטן באַזוך; אָבער אויך דאָ קען מען זיך נישט באַפרייען פון אַ געפיל, אַז די הייַנטיקע פירערס געהערן צו אַ פאַרשווינדנדיקער „ראַסע". עס זעט זיך נישט, אַז דער אויפקומענדיקער דור זאָל אַרויסגעבן קאַדרען פון ייִדישע עסקנים, וואָס וועלן אין זיך פאַראייניקן אַ טיפע פאַרוואָרצלטקייט אין דער מזרח־אייראָפּעיִשער קולטור, אַ ליבשאַפט צו דער ייִדישער שפּראַך און אַ פאַרשטענדעניש פאַר די לעבנס־פּראָצעסן פון אַרגענטינע מיט זאָרג פאַר ייִדישן נאַציאָנאַלן קיום און מיט אַ סאָציאַלן פּאַטאָס אין באַציִונג צו דער וועלט. איך האָב מורא, אַז די ספּעציפישע פאָרמען, וואָס האָבן אַזויפיל צוגעטראָגן צו דער שאַפערישקייט פון דעם ישוב אין דער פאַרגאַנגענהייט, וועלן, אויב זיי זאָלן בלייבן פאַרפרוירן אין די איצטיקע ראַמען, ווערן שטיינער אויף דעם וועג פון אַ קרעאַטיווער צוקונפט.

ד.

אויף די עיקרדיקע אַספּעקטן פון דער ספּעציפישקייט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם ישוב אין אַרגענטינע, האָב איך שוין אָנגעדייט אויבן. די גרונטלייגערס פון דעם קיבוץ זיינען געווען אידעיִש־אָריענטירטע עלעמענטן, וואָס האָבן ייִדיש זיין אויסגעטייטשט אין באַגריפן פון אַ ייִדיש־וועלטלעכער פילאָזאָפיע וואָס האָט אין איר צענטער געהאַט די נייע ייִדישע קולטור און די ייִדישע שפּראַך. מחמת זייער איזאָלירטקייט פון דעם אַרומיקן לעבן איז זיי געלונגען איבערצופלאַנצן קולטור־באַציִונגען פון די אַלטע היימען, און די דאָזיקע באַציִונגען האָבן מחמת דער עקאָנאָמישער סעפּאַראַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געקראָגן אַ פעסטן געזעלשאַפטלעכן יסוד. ווי די פּיאָנערן פון דעם ישוב, האָבן די ייִדישע ראַדיקאַלע עלעמענטן נישט געהאַט צו באַקעמפן, ווי מיר אין די שטאַטן האָבן עס געהאַט, אַ פון פריִער איינגעשטעלט אינעוויניקסט לעבן. זיי האָבן דעריבער זייערע אייגענע קולטור־ווערטן געקענט שטעלן אויף דעם ערשטן פּלאַץ אין דעם סדר־היום פון דעם ישוב. אַן אומגעהויער־וויכטיקע ראָלע האָבן דערביי געשפּילט די ייִדישע קאָלאָניעס, וואָס האָבן דעם אַרגענטינער ישוב אַריינגעפירט אין דער

וועלט־באַלעבאַטישקייט פון דעם ייִדישן פאָלק. די ערשטע קאָלאָניסטן זיינען בדרך כלל געווען פרומע ייִדן — ווייט פון סעקולאַריסטישע טעאָריעס און פון ראַדיקאַלע באַוועגונגען — אָבער דערפאַר טאַקע איז זיי דאָס איבערפלאַנצן זיך פון די קליינע שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע איז דער ווייטער אַרגענטינע אָנגעקומען נאָך גרינגער ווי די אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די שטעט. זיי זיינען נישט נאָר פּאָליטיש און עקאָנאָמיש געווען אָפּגעטיילט פון דער מערהייט־באַפעלקערונג; זיי זיינען אויך געאָגראַפיש און סאָציאַל געווען אָפּגעגרענעצט. האָבן זיי דעריבער אָן ייִדישיסטישע מאָטיווירונגען געקענט רעפּראָדוצירן אויף דער נייער ערד לעבנספאָרמען וואָס האָבן אויף אַ נאַטירלעכן אופן געגעבן דער ייִדישער שפּראַך אַ טעריטאָריעלע באַזע. זייערע קינדער זיינען נאָך דעם פאַרלאָזן די קאָלאָניעס געקומען אין שטאָט מיט אַן אָרגאַנישער פאַרוועבטקייט אין דער ייִדישער שפּראַך און אין ייִדישע אינטערעסן. זיי זיינען אויך געקומען מיט אַן אַרגענטינער אויסשולונג און זיינען אַזוי אַרום געוואָרן דער רינג וואָס האָט פאַרבונדן דעם ייִדישן קיבוץ מיט דעם נישט־ייִדישן אַרום.

זיי האָבן נישט מיטגעבראַכט פון די קאָלאָניעס די פרומקייט פון זייערע אימיגראַנטישע עלטערן, האָבן זיי זיך גיך געקענט אַריינלעבן אין דער אַטמאָספערע וואָס די וועלטלעכע ייִדישע פירערס האָבן געשאַפן אין בוענאָס־איירעס; בפרט אַז זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין אַרגענטינע, וואָס הגם עס איז אַ קאַטויליש לאַנד, איז עס אָבער נישט קיין פרום לאַנד. דאָס האָט נישט ווייניק צוגעטראָגן צו דעם, אַז דאָרט זאָל זיך אויסבילדן דער איינציקער ייִדישער ישוב אין דער וועלט — מיט דעם אויסנאַם אפשר פון מדינת ישראל — וואָס וועלטלעכע ייִדישקייט זאָל אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט שטיין העכער פון רעליגיע.

איך האָב ביי מיין צווייטן באַזוך שוין יאָ געפונען אין בוענאָס־איירעס איין כשרן רעסטאָראַן, עפּעס וואָס האָט נישט עקזיסטירט אין 1948; איך האָב אָבער אויך געפונען, אַז אין גאַנץ אַרגענטינע, וואָס האָט מער ייִדן ווי שיקאַגאָ און פילאַדעלפיע צוזאַמענגענומען, זיינען דאָ נישט מער ווי 12 רבנים — אַלע געקומענע פון אויסלאַנד. גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע, מיט אַ ייִדישער באַפעלקערונג פון אַריבער דריי פערטל מיליאָן, האָט ביז צו דעם היינטיקן טאָג נאָך נישט אַרויסגעגעבן קיין איין אָרטיקן רב. מיך האָט דער ענין אינטערעסירט נישט ווי אַ רעליגיעזע פּראָבלעם, נאָר ווי אַ סאָציאָלאָגישע דערשיינונג. איך האָב, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון מיין ערשטער נסיעה, געפרעגט: וויבאַלד רעליגיע נישט, וואָס וועט האַלטן די קומענדיקע דורות ביי ייִדישקייט, נאָך דעם ווי זיי וועלן אויפהערן זיך צו באַנוצן מיט דער ייִדישער שפּראַך? איך האָב דעמאָלט פאָראויסגעזאָגט, אַז ווען דאָס וועט געשען — ווי עס איז אומפאַרמיידנדיק אַז עס זאָל געשען — וועט די אַסימילאַציע שפּאַנען אין אַרגענטינע מיט גרעסערע און גיכערע טריט ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. לײַדער האָב איך אויף מיין צווייטער נסיעה געהאַט גענוג באַווייזן צו באַשטעטיקן מיין פאָראויסזאָג; און עס וואָלטן זיכער געווען נאָך מער באַווייזן, ווען אין צווישן וואָלט נישט אויפגעקומען מדינת ישראל.

אין 1848 איז מיין באַזוך געווען אַ לענגערער ווי אין 1961, אָבער דער באַזוך איז דעמאָלט געווען מער קאָנצענטרירט אויף דעם ייִדיש־סעקטאָר. צו דעם דאָזיקן סעקטאָר האָבן אויך געהערט די געציילטע אין שפּאַניש־אויסגעשולטע אינטעלעקטואַלן וואָס זיינען געווען אַקטיוו אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך האָב נישט געהאַט קיין שום שוועריקייט ביים צונויפריידן זיך מיט זיי אויף ייִדיש. זייער צאָל איז געווען אַזוי קליין, אַז זיי זיינען נאָר געווען די אויסנאַם וואָס האָט באַשטעטיקט דעם כלל, אַז דער אַרגענטינער קיבוץ האָט נאָך נישט געהאַט אַנטוויקלט קיין אינטעליגענציע וואָס גיט אויסדרוק צו אירע ייִדישע אינטערעסן אויף שפּאַניש. ביי מיין צווייטן באַזוך האָב איך שוין געזען בולטע סימנים אַז אַזאַ אינטעליגענציע קומט זייער פּאַמעלעכדיק יאָ אויף. איך האָב זי געטראָפן צווישן די צוועלף טויזנט ייִדישע סטודענטן אין בוענאָס איירעסער אוניווערזיטעט. איך האָב באַגעגנט אינטעלעקטואַלן פון אַ גאָר הויכער אַקאַדעמישער קוואַליטעט, וואָס געפינען זיך אין דער ספערע פון ייִדישע אינטערעסן, אָבער זיי געהערן מער נישט צו דעם ייִדיש־סעקטאָר. כדי זיך צו פאַרשטענדיקן מיט

זיי, האָב איך שוין געמוזט אָנקומען צו אַן איבערזעצער. דאָס האָט אונטערגעשטראָכן דעם ווייטיקדיקן פאַקט, אַז דער ייִדיש־אָריענטירטער אַקטיוו פון דעם קיבוץ איז פאַקטיש אַ צענטער אָן אַ פּעריפעריע; אַ מעטראָפּאָליע אָן אַ הינטערלאַנד. אַריינגעפירט די יוגנט אין דעם קורס פון ייִדישן לעבן האָבן נישט די פיל־פאַרביקע אַקטיוויטעטן פון דער קהילה אויף ייִדיש, נאָר דער אינטערעס אין מדינת ישראל.

ערשט אין אַרגענטינע קען מען אין דער פולער מאָס אָפּשאַצן די פאַראייניקנדיקע קראַפט וואָס מדינת ישראל ווירקט אויס אין די תפוצות. מען האָט גאַנץ אָפט טענות קעגן די שליחים וואָס ישראל שיקט צו די ייִדישע ישובים אין דער וועלט. בדרך כלל זיינען די טענות באַרעכטיקטע: די שליחים צייכענען זיך זעלטן אויס מיט זייער טאַקט, מיט זייער קענטשאַפט פון די באַדינגונגען וואָס הערשן אין די לענדער צו וועלכע זיי ווערן געשיקט, מיט זייער ווילן צו לערנען וואָס עס קומט באמת פאָר אין די דאָזיקע לענדער, אָדער מיט זייער סענסיטיווקייט לגבי די ווערטן וואָס די דאָרטיקע ייִדישע ישובים באַטראַכטן פאַר דעם יסוד פון זייער עקזיסטענץ. אַ באַזונדער־אומגליקלעכע דערפאַרונג האָבן אויף אָט־דעם שטח געהאַט די אַרגענטינער ייִדן. צו זיי, וואָס זייער גאַנץ אָרגאַניזירט כלל־לעבן דרייט זיך אַרום דער ייִדישער שפּראַך, האָט מען געשיקט שליחים וואָס האָבן, חוץ דעם וואָס זיי האָבן בכלל מיטגעבראַכט פאַלשע באַגריפן וועגן דער ייִדישער שעפערישקייט אין די תפוצות, נאָך געהאַט דעם שלעכטן געשמאַק צו ריידן מיט גרינגשאַץ וועגן דעם באַטייט פון ייִדיש אין דער ייִדישער דערציִונג. האָט דאָס, נאַטירלעך, קיין נוצן דעם ישוב נישט געבראַכט און עס האָט אַרויסגערופן דעם פאַרדינטן צאָרן פון דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו. אָבער ווען וויכטיקע וואָרטזאָגערס פון דעם דאָזיקן אַקטיוו ווילן וואַרפן אויף די דאָזיקע שליחים די הויפּט־שולד פאַר די אָנווערן וואָס ייִדיש האָט געליטן אין אַרגענטינע — מאַכן זיי שוין דעם ענין אַ ביסל צו פּשוט און באַווייזן נאָר דערמיט ווי ווייט זיי אַליין זיינען אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט. דער אמת איז, אַז זיי האָבן פּשוט קיין קאָנטאַקט נישט מיט די ייִנגערע ייִדישע דורות; און אויב עס איז צווישן זיי און דעם רוב פון דעם ישוב וואָס געפינט זיך דרויסן פון דעם ייִדיש־סעקטאָר דאָך פאַראַן אַ בינדונג — האָט די בריק געוואָרפן דווקא מדינת ישראל. בלויז אין אַקציעס לטובת און אַרום ישראל באַגעגענען זיך אַלע ייִדן פון אַרגענטינע — די ייִדיש־ריידנדיקע און די שפּאַניש־ריידנדיקע, די מזרח־אייראָפּעיִשע און די ספרדישע, די דייטשע אימיגראַנטן און די נאַטיוו־געבוירענע, די פרומע און די נישט־פרומע. באַציִונג צו מדינת ישראל איז די קייט וואָס נעמט זיי אַלע אַרום.

איז טאַקע דער קיבוץ אין אַרגענטינע אפשר דער ציוניסטישסטער אין דער וועלט. פון קיין גרויסער עליה פון דאָרטן קען דערווייל אַפילו קיין רייד נישט זיין, עס איז אָבער אַ פאַקט אַז מיט ווינציקער ווי אַ צענטל ייִדן גיט אַרגענטינע מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל עולים ווי צפון־אַמעריקע. נאַטירלעך זיינען די אויבן־דערמאָנטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַקטאָרן גורמים דערצו, אָבער נישט אין אַ קליינער מאָס איז דאָס אויך דער פועל־יוצא פון די ציוניסטישע שטימונגען וואָס הערשן אין דעם ישוב.

ה.

מחמת אַן אידעאָלאָגיע פון איבערגעטריבענעם ייִדישיזם וואָס אידענטיפיצירט דאָס באַנוצן זיך מיט ייִדיש ווי אַן אומגאַנג־לשון מיט צוגעהעריקייט צו דעם ייִדישן פאָלק, ווערן די יונגע ייִדישע אינטעלעקטואַלן וואָס האָבן זיך אַ קער געטאָן מיט דעם פּנים צו דער ייִדישער ווירקלעכקייט ווייניק דערמוטיקט אין זייערע זוכענישן מצד די אָנערקענטע קולטור־ און וואָרטזאָגערס פון דעם ישוב. אין אַ געוויסן זינען ווערן זיי אַפילו פאַרשטויסן ווי עפּעס פרעמדע אַריינדרינגערס וואָס ווילן אַראָפּפירן דעם ישוב פון דעם דרך הישר אויף וועלכן ער איז ביז איצט גייסטיק געגאַנגען. דער רעזולטאַט איז אַז די ייִדישע ווערטן־סקאַלע וואָס פורעמט זיך ביכלעכווייז אויס אין דער שפּאַניזירטער ייִדישער אינטעליגענציע ווייזט נישט אַרויס גענוג

פאַרשטענדעניש פאַר די פאָלקס־ווערטן וואָס האָבן געשטאַלטעט דעם קיבוץ פון אָנהייב אָן. אויף דעם סמך פון אומצאָליקע שמועסן וואָס איך האָב געהאַט מיט יידישע פּראָפעסיאָנעלן און אַקאַדעמיקערס — מען רופט זיי אין אַרגענטינע: אוניווערסיטאַריער — בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג אַז דער יידישיסטישער טאָטאַליזם ברענגט אַ סך מער שאָדן דער יידישער שפּראַך ווי די אומטאַקטישקייט, און צומאָל אויך די אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, פון געוויסע שליחים פון ישראל.

אָט האָב איך, למשל, נאָכפאָלגנדיק מער־ווייניקער די אַרגענטינער יידישע טאָג־צייטונגען פאַר יאָרן, נישט געהאַט קיין באַגריף פון דעם פאַרנעם פון איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אינסטיטוציעס וואָס איך האָב בעת מיין צווייטן באַזוך געטראָפן אין אַרגענטינע — אַ סינאַגאָגע פון יידישער יוגנט. ביי די גוט־באַזוכטע פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן אויף יידיש, וואָס מאַכן אַזאַ טיפן און באַרעכטיקטן רושם אויף דעם גאַסט פון אויסלאַנד, האָב איך געזען זייער ווייניק יוגנט אין 1948 און נאָך ווייניקער אין 1961; און איך האָב ביידע מאָל נישט געקענט קריגן קיין ענטפער אויף דער פּשוטער פראַגע: ווו זיינען די טויזנטער קינדער וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די גרויסאַרטיקע יידישע שולן אין אַרגענטינע? איך ווייס נישט וויפל פון זיי עס געפינען זיך היינט אין דער יוגנט־סינאַגאָגע פון דער האַלב־קאָנסערוואַטיווער ליבערטאַד־שול אין בוענאָס איירעס, איך ווייס אָבער יאָ אַז פרייטיק נאָך קומען אַהין צו קבלת שבת פון 600 ביז 800 „טין־עיידזשערס" וואָס באַציִען זיך מיט דער גרעסטער ערנסט און פייערלעכקייט צו די תפילות מיט וועלכע זיי פירן אַליין אָן. זיי שטעלן צו פון זיך אַליין די חזנים און די בעלי קריאה, און מיט אמתער התלהבות נעמען זיי אַ קאָלעקטיוון אָנטייל אין דעם דאַווענען סיי אויף העברעיִש סיי אויף שפּאַניש. אָבער נישט נאָר דאַווענען קומען זיי (שבת אין דער פרי קומען אין שול אַרום 300 יוגנטלעכע); זיי נעמען אויך דעם טיכטיקסטן אָנטייל אין די אַקטיוויטעטן פון דער שול וואָס שליסן איין קורסן אין העברעיִש און אין יידישער געשיכטע, יידיש געזאַנג, דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען, וכדומה. עס דאַרף דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז בעת די קינדער־שול פאַר די יונגע איז תמיד איבערגעפּאַקט און קען אָפטמאָל נישט אַריינגעמען די אַלע וואָס ווילן קומען, איז די ליבערטאַד־שול גופא, די מוטער־סינאַגאָגע הייסט עס, כמעט ליידיק אין די געוויינלעכע שבתים. די קינדער גייען דאַווענען; די עלטערן — נישט.

איך האָב געוואָלט וויסן צי האָבן מיר אין אַרגענטינע צו טאָן מיט אַ דערשיינונג וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם איצטיקן דור אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דהיינו: מיט דעם פאַקט אַז אויב די יוגנט זוכט שוין יאָ באַהעפטונג מיט כלל ישראל, זוכט זי עס דורך דעם קאַנאַל פון דער סינאַגאָגע. די יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס ביי וועמען איך האָב זיך וועגן דעם אָנגעפרעגט האָבן מיר קיין ענטפער נישט געקענט געבן. געווען צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן דעם גאַנצן ענין איבערגעמאַכט מיט דער האַנט: עס, אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג וואָס וועט באַלד פאַרשווינדן און קיין שפּור נאָך זיך נישט איבערלאָזן — און דאָס נישט געקוקט אויף דעם וואָס די יוגנט־שול איז שוין דריי יאָר אַלט און האַלט אין איין וואַקסן. אַנדערע האָבן דאָס אַפילו געשטעמפּלט ווי אַ שעדלעכע דערשיינונג: אַן אַסימילאַנטישער עטאַפּ אין דעם פּראָצעס פון אָפרייסן די יידישע יוגנט פון וועלטלעכקייט און פון דער יידישער שפּראַך. זיי האָבן אָבער בשום אופן דערביי נישט געקענט דערקלערן פאַרוואָס די יידישע יוגנט איז אויך איידער די רעליגיעזע שול האָט זיך געגרינדעט צו קיין יידישע אונטערנעמונגען נישט געקומען. נאָך אַנדערע האָבן דעם גאַנצן דערפאָלג פון דער שול געזוכט פאַרטייטשן מיט דער אויסערגעוויינלעכער פעיִקייט פון דעם גייסטיקן פירער — אַ יונגער קאָנסערוואַטיווער ראַביי וואָס איז מיט דריי יאָר צוריק געקומען פון די שטאַטן און האָט אַן אַ וואָרט שפּאַניש, אָן דערפאַרונג און אָן ממשותדיקער הילף פון דער געזעלשאַפט — אַלצדינג אַליין אויפגעבויט. איז אין דעם־ דאָ אַ געוויסער אמת: ראַביי מאַרשאַל מייער און זיין פרוי (די טאָכטער פון דעם באַקאַנטן אַמעריקאַנער קאָנסערוואַטיוון ראַביי טעאָדאָר פרידמאַן) פאַרמאָגן טאַקע אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן און עס איז אַ ספק צי זיי וואָלטן אָן דעם געהאַט די הצלחה וואָס זיי האָבן גע־

האַט; אָבער דער פרוּוו מיט זייערע פעיִקייטן אַליין צו דערקלערן דעם דערפאָלג פון זייער טעטיקייט איז אַן אויסדרוק פון קורצזיכטיקייט. די מייערס האָבן געהאַט ברכה אין זייער אַרבעט דערפאַר ווייל זיי האָבן געוווסט ווי אַזוי אָנצושלאָגן אויף סטרונעס אין די הערצער פון דער יוגנט וואָס האָט געוואַרט· אַז מען זאָל אויף זיי שפילן. מיט אַלע זייערע פעיִקייטן וואָלטן זיי גאָרנישט געהאַט דערגרייכט ווען זיי געפינען נישט אַ רייפן באָדן פאַר זייערע פלאַנצן — און אָט דעם באָדן האָט דער ייִדיש־סעקטאָר פאַרנאַכלאָזט. איך ווייס נישט פון קיין שווערערן פסק־דין וואָס מען קען אַרויסטראָגן אויף די פירערס פון דעם דאָזיקן סעקטאָר ווי דער פאַקט אַז זיי זיינען לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט פאַר די אַנטוויקלונגען וואָס האָבן געבראַכט צום לעבן די יוגנט־שול; און מחמת דער נישט־צוגעגרייטקייט זוכן זיי איצט פאַנטאַסטישע ראַציאָנאַליזאַציעס כדי צו מינימיזירן די אַנטוויקלונגען אָנשטאָט עפּעס צו לערנען פון זיי. אַז עס וועט נישט בלייבן ביי אָט־דער איין שול איז קלאָר; די פראַגע איז נאָר צי די שול־באַוועגונג וועט בלייבן דרויסן פון דעם ייִדיש־אָריענטירטן צענטער, ווי עס איז איצט דער פאַל, אָדער זי וועט אין אים אַריינגעוועבט ווערן אויף דעם יסוד פון קעגנזייטיקער גייסטיקער דערנענטערונג. די צוקונפט פון דעם ישוב איז אין אַ היפשער מאָס אָפּהענגיק פון דעם ענטפער אויף אָט־דער פראַגע. דאָס ברענגט אונדז צו די אָרגאַניזאַציאָנעלע און סטרוקטוראַלע פראָבלעמען פון דער קהילה.

ג.

קיין זאַך אין דעם קהלשן לעבן פון אַרגענטינע רופט נישט אַרויס אַזויפיל באַוווּנדערונג ווי די געטרייקייט און די איבערגעגעבנקייט פון די כלל־טוערס. אויף אַ דורכאויס פרייוויליקן אופן פאַרברענגען זיי אפשר מער צייט אין די ביוראָען פון די קהלשע אינסטיטוציעס ווי אין זייערע פריוואַטע געשעפטן. זיי באַנוגענען זיך נישט מיט מאַכן אַנטשיידונגען און אַרויסגעבן דעציזיעס: זיי האַלטן דאָס פאַר זייער חוב געגנוי זיך צו באַקענען מיט די אַלע פראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייכות צו די באַשלוסן וואָס זיי דאַרפן אַרויסטראָגן און צו די אַקציעס וואָס זיי דאַרפן אונטערנעמען. זייער טעטיקייט צייכנט זיך אויס נישט נאָר מיט אַ וואַרעמער באַציִונג, נאָר אויך מיט אַן אינטעליגענטן באַנעם. זיי זיינען טאַקע וועלטלעכע ייִדן, אָבער דער באַגריף פון מצווה כאַראַקטעריזירט זייער צוגאַנג צו קהלשע אויפגאַבעס — איז דעריבער דאָ אין זייער אַרבעט אי אַ טראַדיציאָנעלע מאָטיווירונג אי אַ קלאָרער ציל. ליידער זעען זיי אָבער נישט אַז דער פּעריאָד פון דורכאויסיקן וואָלונטאַריזם אין דער קהלשער אַרבעט דערנענטערט זיך צו זיין סוף. זיי טוען נישט גענוג צו פאַרהיטן די שאַפונג פון אַ וואַקום ווען דער דאָזיקער פעריאָד וועט זיך ענדיקן.

דער ישוב וואַקסט, די פונקציעס פון זיינע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס טריקענען אויס. אויב עס וועט נישט אויסגעשולט ווערן אַ ייִדישער געזעלשאַפטלעכער פּראָפעסיאָנאַלטום, איז דאָ אַ געפאַר, אַז די גאַנצע סטרוקטור פון דער קהילה זאָל אין די נאָענטסטע פאָר צענדליק יאָר צוזאַמענברעכן. אַזאַ פּראָפעסיאָנאַלטום קען זיך אויסשיילן נאָר פון דער שטודירנדיקער יוגנט — און די דאָזיקע יוגנט, דאַרף מען נאָך אַ מאָל אַקצענטירן, געפינט זיך היינט נישט אונטער דער עיקרדיקער השפעה פון די אָפיציעלע קהילה־אינסטאַנצן. שוין איז צו קאָנסטאַטירן אַ דערשיינונג וואָס, הגם זי איז נאָך דערווייל נישט קיין ערנסטע פּראָבלעם, פאַרמאָגט אין זיך אַלע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן מיט דער צייט צו ווערן אַ סכנה פאַר דער דעמאָקראַטיע פון דעם ישוב. איך האָב דאָ אין זינען דעם אינסטיטוט פאַר אינפאָרמאַציע בנוגע אינטער־געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען וואָס פונקציאָנירט שוין אַ צאָל יאָרן אונטער דער גייסטיקער און מאַטעריעלער פירערשאַפט פון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט (אַמעריקאַן דזשויִש קאָמיטע).

די אַנערקענטע קערפּערשאַפט אויף דעם שטח וואָס רירט אָן די באַציִונגען צווישן ייִדן

און נישט־ייִדן, אַריינגערעכנט דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, איז די „דאַיאַ" וואָס איז אַ טייל פון דער קהילה־סטרוקטור און וואָס פירט איר טעטיקייט אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט דער קהילה. דער אינסטיטוט וואָס ווערט געשטיצט פון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט אַנערקענט פאָרמעל די אויטאָריטעט פון דער דאַיאַ און ער טענהט, אַז זיין הויפּט־אינטערעס ליגט אין שטודירן געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען און אין צושטעלן וועגן דעם אויטענטישע אינפאָרמאַציע צו די געהעריקע אָרגאַנען פון דעם ישוב. אָבער נאָך דעם ווי איך האָב געזען דעם צונויפשטעל פון דעם אינסטיטוט און האָב אַ ביסל זיך באַקאַנט מיט זיינע טעטיקייטן און אידעאָלאָגיע, בין איך געקומען צו צוויי מסקנות: 1) דער אינסטיטוט, אויסנוצנדיק די נאָכלאָזיקייט פון די קהילה־קרייזן אויף דעם געביט פון סאָציאַלער פאָרשונג, עטאַבלירט זיך ביסלעכווייז ווי די קערפּערשאַפט וואָס מיינט אַז נאָר זי האָט די אינטעלעקטועלע קאָמפּעטענץ, די אַקאַדעמישע טרענירונג און די פאַרוואַרצלונג אין דעם אַלגעמיינעם לעבן אין אַרגענטינע, ממילא איז זי מסוגל צו זיין די בריק צווישן דער ייִדישער סביבה און דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין לאַנד. 2) עס איז אַן אילוזיע צו מיינען אַז דער אינסטיטוט וועט זיך תמיד האַלטן אין די גרענעצן פון „אינפאָרמאַציע" און וועט נישט מיט דער צייט אָנהייבן האַנדלען אויף דער אייגענער האַנט וואָס דאָס וועט זיכער אונטערגראָבן די רעפּרעזענטאַטיווע גאַנצקייט פון דעם קיבוץ. אויב אין די קהילה־קרייזן וועט מען נישט אַרויסווייזן מער סענסיטיווקייט פאַר די באַדערפענישן פון דער יוגנט, אויב מען וועט די אַקאַדעמישע קרייזן נישט געבן אַ באַזע פאַר ייִדישער טעטיקייט אויף דעם שטח פון זייערע אינטעלעקטועלע דיסציפּלינען אין די ראַמען פון די דעמאָקראַטישע קערפּערשאַפטן — וועט לאַנג נישט נעמען איידער די דאָזיקע עלעמענטן וועלן אַנטדעקן די מעגלעכקייטן וואָס דער אינסטיטוט — און ענלעכע קערפּערשאַפטן וואָס וועלן מיט דער צייט זיך אַרום אים גרינדן — גיט זיי. מען דאַרף האָפן אַז דער ייִדיש־אָריענטירטער אַקטיוו וועט לערנען פון דער דערפאַרונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

און לערנען דאַרף ער אויך אַז וויבאַלד מען וועט אָן אַ פּראָפעסיאָנאַליזם אין די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זיך נישט קענען באַגיין, דאַרף מען שוין אָנהייבן זאָרגן פאַר דעם אַז דאָס דאָזיקע פּראָפעסיאָנאַליזם זאָל נישט, ווי עס איז דער מצב ביי אונדז, אויפקומען ווי אַ ביוראָקראַטיע וואָס מעכאַניזירט דאָס קהלשע לעבן. אויב די שיצערס פון דער ייִדיש־פעסטונג ווילן אַז די צוקונפטיקע פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס זיי וועלן זיכער זיך נישט צופרידנשטעלן מיט אַ סטאַטוס פון טעכנישע אויספירערס, זאָלן נישט זיין אָפּגעפרעמדט פון די ווערטן וואָס זיינען ביז איצט געווען די ריכטליניע פון דעם ישוב, דאַרפן זיי גלייך אָנהייבן זאָרגן פאַר דעם אַז קאַדרען פון פּראָפעסיאָנעלע עסקנים זאָלן אויסגעשולט ווערן אין אַ ייִדישן פאָלקסטימלעכן גייסט.

די עקאָנאָמישע איזאָלאַציע פון דעם ישוב וועט זיך גאַנץ באַשטימט איינברעכן, פּונקט ווי עס ברעכט זיך שוין איין זיין פּאָליטישע איזאָלאַציע. דאָס וועט זיכער אויסשפּרייטן דעם שטח פון אַסימילאַציע, און מער ווי ווען עס איז וועלן זיין נייטיק נייע שטיצפּונקטן וואָס זאָלן דעם ישוב פאַרטיידיקן קעגן פאַרפלייצונגען פון דרויסן. בויען אַזעלכע שטיצפּונקטן — דאָס איז דער אַנטשיידנדיקער ציל וואָס די פירערשאַפט פון דעם ישוב מוז זיך איצט שטעלן. זאָלן די כשר־פאַרדינטע קאָמפּלימענטן וואָס זי קריגט פון אויסלענדישע געסט נישט פאַרשטעלן פאַר איר דעם וועג צו אָט־דעם ציל.

⁂

דאָס אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן פאַר די לעצטע וואַלן אין די אַרגענטינער פּראָווינצן וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך אַ געוואַלדיקן זיג פאַר די פּעראָניסטן. אָט־דער זיג און די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון דעם אָפּשאַץ פון דער פּאָליטישער לאַגע אין אַרגענטינע וואָס ווערט אין אָט־דער אַרבעט געגעבן.

מרדכי שטריגלער

מיט מער אינטערעס

א.

תיכּף נאָך מיין ערשטן אומקער פון אַרגענטינע, אין 1958, האָב איך באַגעגנט אויף אַ ניו־יאָרקער גאַס אַ באַקאַנטן עסקן. ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט און אַזיווי כלאחר־יד מיך געפּרעגט: „נו, וואָס הערט מען אין יענע מקומות?״ כ׳בין נאָך געווען פול מיט פרישע איינדרוקן און דערפאַר אים געגומען דערציילן „אויף אַן אמת״. אַ קורצע ווילע האָט ער מיך געדולדיק אויסגעהערט, אָבער שפּעטער האָט ער אָפּגעהאַקט: „מילא, אַ פּראָווינץ!״

צופעליק האָב איך געקענט יענעמס „גרויסשטאָטיש״ לעבן: יעדן פרימאָרגן האָט ער גענומען אַ טאַקסי און געפאָרן אין זיין ביוראָ. דאָרט איז ער געזעסן אינעם קרייז פון אַ פּאָר היימישע ייִדן. צענדליקער יאָרן אַזוי. אין אָוונט איז ער געזעסן אין שטוב, געזען טעלעוויזיע, אָדער באַגעגנט זיך מיט פריינט — ווידער פון היימישן קרייז. אפשר האָט ער אַמאָל אויך געלייענט אַ בוך — אָבער זיכער בין איך נישט. פון צייט צו צייט איז ער געגאַנגען אויף פאַרזאַמלונגען — ווו ער איז כּסדר געזעסן אויף דער טריבונע — און דאָרט געכאַפּט אַ שמועסל, אָדער אַ רכילותל פון קליינעם פאָרמאַט. דעם עולם פון אַזעלכע אסיפות האָט ער געקענט אויסציילן אויף די פינגער: די זעלביקע פּנימער זינט צוויי דורות! דאָס איז געווען זיין שטענדיקע וועלט. כ׳בין שטאַרק מסופּק, אויב ער האָט אַפילו געקענט די שטאָט ניו־יאָרק ווי געהעריק. כ׳ווייס אויך נישט, צי ער האָט באַוויזן צו באַזוכן אַ גאַנצן מנין שטעט פון גרויסן אַמעריקע; און דאָ ווו ער איז שוין יאָ געקומען, האָט ער נאָר פאַרברענגט אַ נאַכט אָדער צוויי — און זיך ווידער נאָר באַגעגנט מיט די פּאָר היימישע, וואָס האָבן זיך מיט אים אַדורכגעשריבן. דאָס אַלץ. עפּעס האָב איך קיינמאָל נישט געהערט אַז אַ גרויסע און נישט־ייִדישע אָרגאַניזאַציע זאָל אים איינלאַדן; אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע איז זיין נאָמען קיינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרן — און דוכט זיך, אַז דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט האָט אים קיינמאָל נישט פאַרבעטן אויף אַ באַראַטונג... הכּלל: ער איז געבליבן אין זיין באַגרענעצט ווינקל.

אָבער דאָס האָט אים לגמרי נישט געשטערט צו זיין פול מיט ביטול צו „יענע מקומות״. וואָס האָט ער שוין צו הערן וועגן אַזאַ פאַרוואָרפענעם העק? און ער איז בפירוש נישט געווען דער איינציקער. נאָך מיין ערשטן באַזוך אין אַרגענטינע, האָב איך געפּרוווט „אָפּגעבן אַ גרוס״ אויף פאַרשיידענע טריבונעס. האָט מען מיך, צוליב כּמה סיבות, אויסגעהערט מיט געדולד; אַפילו געפרעגט עטלעכע שאלות — אָבער ס׳איז פּאָרט געווען אַ מין טאָן אַ טובה: מילא, אַז ער וויל דווקא דערציילן — — — טאַקע דעמאָלט פלעגן מען דאָ איראָניזירן: מיט אַרגענטינע אינטערעסירן זיך בלויז צוויי סאָרטן ייִדן — אַזעלכע וואָס זיינען שוין דאָרט געווען און אַזעלכע וואָס גרייטן זיך צו פאָרן...

און דאָ האָט געשטעקט אַ שפּאָר ביסל אמת: כּמעט אַלע אונדזערע כּלל־טוער — און אַפילו קולטור־מענטשן — האָבן אויפגענומען דאָס ייִדישע אַרגענטינע ווי עפּעס אַ גאָר־ווייטע דערשיינונג. מער ווי עטלעכע מינוט פון אויבערפלעכלעכן אינטערעס האָבן זיי איר נישט געקענט „שענקען״. פון אויסנאַמען איז איצט נישט די רייד.

און איצט? ווען איך האָב זיך אומגעקערט, נאָוועמבער 1962, פון מיין צווייטן באַזוך, זיינען געקומען אַ שיין ביסל בקשות: מיר ווילן הערן אַ גרוס פון אַרגענטינע!

אוודאי ווייס איך, אַז דאָ האָבן זיך אויך אויסגעווירקט יענע ידיעות, וואָס האָבן אָזש דערגרייכט צו די הויפּט־קעפּ פון די ענגלישע צייטונגען. כידוע, האָט מען דאָ דרך־ארץ פאַר זאַכן וואָס געהערן צו די „העד־ליינס״. דאָס איז אָבער נישט אַלץ. במשך פון די לעצטע יאָרן האָט מען טאַקע איינגעזען, אַז אין אַרגענטינע איז פאַראַן אַ באַזונדער מין ייִדישקייט; עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳קען גאָר־זעלטן טרעפן אין אַנדערע מקומות. וויל מען הערן, וויסן...

ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק בין איך פּשוט „געצוווּנגען״ געוואָרן אָפּצוגעבן אַ באַריכט פאַר אַ צאָל ייִנגערע מנהיגים פון פאַרשיידענע שטעט. כמעט אַלע זיינען שוין געבוירן אין אַמעריקע — בעיקר פּראָפעסיאָנאַלן — און זייער מוטער־שפּראַך איז ענגליש. דעם באַריכט אין ייִדיש איז זיי זיכער געווען שווער נאָכצופאָלגן. אָבער ווען איך האָב עס געפּרוּווט מאַכן בקיצור, זיינען געקומען ענערגישע און אויפריכטיקע פּראָטעסטן: נאָך און נאָך!

און די סיבה איז, דוכט זיך, אַ פּשוטע: כ׳האָב לגמרי אויסגעמיטן (סיידן ביים ענטפערן אויף שאלות) די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם און „פּאָגראָם־שטימונג״. בעיקר האָב איך דערציילט, ווי אַזוי אַ גרויסער, ייִדישער קיבוץ אין מרחקים באַמיט זיך צו לעבן... און דאָס האָט זיי פאַרכאַפּט. טייל פון די דאָזיקע יונגעלייט, מיט אַ סך גוטן ווילן, פילן זיך אָפּטמאָל (להבדיל) ווי לוטס טעכטער: זיי ווילן אָנהאַלטן זייער פרייע ייִדישקייט מיט אַלע כוחות. נאָר אָפּטמאָל פילן זיי זיך ווי די לעצטע; אַז זיי שטייען, ווי דאָן־קישאָטן, אויף פאַרלוירענע פּאָזיציעס. אָבער ווען זיי הערן, אַז אַפילו „אַזוי ווייט״ גייט אָן אַ נאָרמאַל ייִדיש לעבן — ווערן זיי זיכערער ביי זיך, פריילעכער...

איז טאַקע אַ שאָד, וואָס אינעם אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן — ביי אַלערליי מאַסן־פאַרזאַמלונגען — דערציילט מען נאָר באַשטימטע קאַטעגאָריעס פון נייעס: העל בשורות פון ישראל, פּאָגראָם־כראָניק פון רוסלאַנד, אונטערגאַנגס־אַלאַרמען פון אַנדערע לענדער. אָבער „געווינטלעכע״ און לעבעדיקע באַריכטן פון געזונט־ייִדישע ישובים זיינען נאָר אַ טעמע פאַר ענגע קרייזן. זיי זיינען „צו־גרוי״ פאַר ריזיקע מאַסן...

ב.

יאָ, פאַראַן אויך אַזאַ זאַך ווי רוטין. דעם גרויסן עולם אין אַמעריקע האָט מען נאָר גערופן צום „שטורעם״. נייעס וועגן „אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר״ אין ייִדישע ישובים האָט מען נישט קיין חשק צו דערציילן. איז אויך דער פאַרשטאַרקטער אינטערעס צום ייִדישן אַרגענטינע אַ שטיקל פועל־יוצא פון דער ספּעציפישער „אַקטואַליטעט״. עד־היום, ווי נאָר מען דערמאָנט דעם דאָזיקן נאָמען, קומט אויפן רעיון אַלזשיר און קובאַ. עמיצער האָט שוין געזאָרגט פאַר דער סמיכת־הפּרשיות. האָט עס געהייסן: אַלע אַרגענטינער ייִדן וועלן באַלד לויפן וווּהין די אויגן טראָגן — און אַמעריקאַנער ייִדן וועלן זיך מוזן אונטערגאַרטלען, העלפן זיי... פּונקט ווי די ייִדן פון אַנדערע בהלה־לענדער.

דערפאַר שטוינען אַזוי פיל ביים הערן, אַז די אַרגענטינער ייִדן האַלטן נאָך נישט ביים אויסשטרעקן די האַנט; אַז אַפילו ווען טויזנטער פון זיי גרייטן זיך צו עליה, וועלן זיי עס טאָן אויפן אייגענעם חשבון. און וואָס שייך די אַנדערע, וואָס וועלן דאָרט בלייבן, באַמיִען זיי זיך ווייטער צו לעבן נאָרמאַל; צו בויען שולן, פירן די קהילה, גיין הערן לעקציעס, אַרויסגעבן בייכער, פּראַוועון שמחות, קעמפן פאַר פולע רעכט, באַפעסטיקן דאָס פאַראַנענע... דאָס קלינגט אַזוי אויסטערליש!

צווישן אונדז זאָל עס בלייבן: צו איינעם, וואָס איז אָט־שוין אַ יורד, באַציט מען זיך מיט אַ סך מיטלייד — אָבער אויך מיט ביטול. וואָס דאַרף מען הערן אַ סך וועגן זיין לעבן? אין לעצטן סך־הכל דאַרף מען זיך סיי־ווי נעמען צו דער קעשענע. דאָס דערציילן וועגן דער אַרגענטינער „קאַטאַסטראָפע״ האָט טאַקע געוועקט אינטערעס — אָבער אויך אָפּגעריסן שטיקער פון דעם ישובס חשיבות: וואָס קענען שוין אימפּאָנירן זיינע אויפטוען אויף אַ ווולקאַן? יעדער שילדע־

רונג פון דער פאָרקערטער זייט, האָט בכן נאָך אַ באַשטימטע אויפגאַבע: אומקערן די נאָרמאַלע באַציִונג, ווי צו אַ גלייכן.

און דאָ גייט מיר נישט אין דער בלויזער טענדענץ. פאַראַן אַ צאָל זאַכן, וואָס דאָס גרויסע ייִדישע אַמעריקע דאַרף לערנען ביי דעם קלענערן אַרגענטינע. אָבער „לערנען״ ווילט זיך נאָר ביי אַ נאָרמאַלן. וויבאַלד מ׳הערט וועגן ערב־אונטערגאַנג, ווירקן אַזעלכע רייד ווי אַן אומהיימלעכע סענסאַציע...

אָבער דאָ בעט זיך אַ שטיקל צווישן־באַמערקונג: אויך אין אַרגענטינע גופא האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַזאַ שטימונג: ווי נאָר אַ „גאַסט פונעם ישוב״ זאָגט אַ גוט וואָרט אויפן דאָרטיקן ישוב — און ער ווייזט אָן מיט וואָס דאָרט איז בעסער ווי אין גרויס־ייִדישן אַמעריקע — נעמט מען אים באַלד חושד זיין... אין חניפה. ס׳דאַרף הייסן, ביי טייל, אַז דערמיט וויל ער „אָפּצאָלן״ פאַר דער איינלאַדונג. ס׳איז אָבער פאָרט אַ פאַקט, אַז אַ ייִד פון די פאַראייניקטע שטאַטן מוז דערזע, פאָזיטיווע שטריכן אין אַרגענטינע, וואָס ער וואָלט געוואָלט אַריבערטראָגן אין זיינע מקומות — און דאָס דערציילט ער אויך אין אַמעריקע, ווו נאָר מען איז אים גרייט אויסצוהערן.

איז גוט, וואָס דער אינטערעס צום ייִדישן אַרגענטינע האָט זיך איצט פאַרשטאַרקט — צוליב די אָדער יענע סיבות. אויב מ׳זאָל פאַרשטיין, ווי אַזוי אויסצונוצן דעם מאָמענט (ווייל מי־יודע, ווי לאַנג די „קאָניוקטור״ וועט אָנהאַלטן אין אַמעריקע), קען דאָס ברענגען נוצן ביידע צדדים.

ג.

הגם צו די חסרונות (אָדער שוואַכקייטן) פונעם ייִדישן אַרגענטינע וועלן מיר ערשט קומען שפּעטער, מעג שוין איצט דערמאָנט ווערן: פונקט ווי אין טייל פירנדיקע קרייזן איז פאַראַן צופיל זעלבסט־זיכערקייט און גדלות, אַזוי איז צווישן די אונטערשטע שיכטן (כ׳מיין: די, וואָס האָבן נישט קיין „פּאָזיציעס״) פאַראַן צופיל התבטלות. דאָס דריקט זיך קודם־כל אויס אינעם זוכן שטענדיקן מוסטער און הסכמה ביים גרעסערן אַמעריקע; אינעם נישט דערשאַצן ווי געהעריק דאָס וואָס מ׳האָט אַליין; אינעם אומצוטרוי צו יעדער לאָקאַלער דערגרייכונג.

אַוודאי פאַרמאָגט דער פיל־מיליאָניקער ייִדישער ישוב פון צפון־אַמעריקע וווּנדערלעכע אייגנשאַפטן און פאָזיציעס — וואָס פאַר אַרגענטינע זיינען זיי בבחינת חלום. אָבער די געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע צעשטויבטקייט איז אין לשער. אומצייליקע הענט טוען אָפּט איינס און דאָס זעלבע — און עס קומען אַרויס טויזנט איבערגעחזרטע קליינקייטן, אַנשטאָט איין גרויסער זאַך. כוואַליעס פון ייִדישער ענערגיע (צוזאַמען מיט לעגענדאַרע סכומים געלט) גייען טיילמאָל פאַרלוירן, ווייל איין האַנט ווייסט נישט וואָס עס טוט די צווייטע. אין ייִדישע אָרגאַניזאַציעס איז כמעט נישטאָ דער מינדסטער אָפּשיין פון דעמאָקראַטישע וואַלן, פון אַ דעת־הקהל. דערפאַר איז נישט קיין וווּנדער, וואָס אַ גאַסט פון אַמעריקע באַטראַכט די קהילה פון בוענאָס־איירעס מיט אַנדערע אויגן ווי אַן אָרטיקער. אויב די דאָזיקע „אויגן״ זיינען אָפּענע — מוז ער דערזען, מיט דער צייט, אַלע אירע פעלערן. ער קען אַפילו מסכים זיין צו אַ סך קריטישע באַמערקונגען פון די אַרומיקע. אָבער שוין נאָך אַלע זאַכן באַוווּנדערט ער און און איז מקנא.

אויב דער גאַסט איז דערביי אויך אַ ציוניסט, האָט ער נאָך אַ סיבה פאַר זיין התפעלות: דער ציוניזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט אַלץ מער און מער פאַרדרענגט פון ייִדיש־עפנטלעכן לעבן. עס טוט זיך אַ סך אין ייִדישן אַמעריקע — אָבער כמעט אַלץ איז מחוץ די ציוניסטישע ראַמען. דער חינוך, למשל, ווערט אַלץ מער אויסגעברייטערט און פאַרטיפט. אָבער כמעט אַלע שולן, פון עלעמענטאַרן קלאַס ביז צו אַ הויכשול, טראָגן נישט קיין ציוניסטישן חותם. אַוודאי איז פאַראַן סימפּאַטיע צו דער מדינת־ישראל; זיכער לערנט מען דאָ און דאָרט העברעיש — אָבער דאָס האָט שוין אַ שייכות צום פערזענלעכן איינשטעל פון די לערער און אָנפירער. די פאַר ריין־ציוניסטישע שולן פאַרנעמען דעם קלענסטן שטח — בעת די פּריוואַטע, אָדער נישט־

ציוניסטישע איניציאַטיוון באַווייזן ווונדער. אַזוי איז עס אויך מיט דער קהל־פּירערשאַפט: ציוניסטישע יחידים שפּילן זיכער גאָר אַ וויכטיקע ראָלע דאָ און דאָרט; אָבער ציוניזם ווי אַזעלכער פאַרלירט אַלץ מער און מער דעם באָדן. גאָר אַ סך קהילות ליגן שוין אין די הענט פון אַ נייעם שיכט, וואָס וועט העלפן ישראל מאַטעריעל (און טיילמאָל פּאָליטיש) מיט אַלע כוחות — אָבער ער וועט זיך קיינמאָל נישט אידענטיפיצירן מיט דער ציוניסטישער אידיי אָדער אָרגאַניזאַציע.

איז דאָס יידישע אַרגענטינע אַן אויסנאַם דערמיט, וואָס אי דער חינוך ווערט אַזוי שטאַרק באַווירקט פון ציוניזם און אי דאָס געזעלשאַפטלעכע קהילה־לעבן שטייט אונטער אַן אָפּן־ציוניסטישער השפּעה.

אויפנאַמע פאַר מרדכי שטריגלער אין דער קהילה (יאָר 1962).

נאָך עפּעס: כמעט אַלע פּאַרטייען אין אַמעריקע — און זייערע אָנלען־אָרגאַניזאַציעס — לעבן צווישן זיך בשלום ובשלווה. איך געדענק נישט די צייט, ווען דאָ זיינען אָנגעגאַנגען אידיישע וויכוחים און פּאָלעמיקס. מ׳קען זאָגן: משיחס צייטן. אָפּטמאָל דערגייט עס צו פּשוטע קוריאָזן. אַוודאי זיינען פאַראַן אַלע פּאַרטייען — נאָר זיי האָבן אַפילו נישט קיין געלעגנהייט צו אַן אידעאָלאָגישן פאַרמעסט, ווייל נישט עס קומען פאַר קהילה־וואַלן און נישט מ׳דאַרף שיקן געוויילטע דעלעגאַטן צו אַ בשותפותדיקער אינסטאַנץ (דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, למשל). אַזאַ אחדות וואָלט געקענט רירן, אָבער אין טעגלעכן לעבן מיינט עס ווייניק. בעת אַ צרה קען מען טאַקע גיין אינטערווענירן צוזאַמען — אָבער אין רויִקע צייטן איז יעדע אַזויוי אָפּגעזונדערט מיט אַ כינעזישער מויער. אַ גאַסט פון אַמעריקע מוז בכן באַוואונדערן, וויאַזוי אין אַרגענטינע קענען עקזיסטירן פּאַרטייען מיטן „אַמאָליקן" פייערל פון „סעקטאַנטישקייט" און דאָך זאָלן אַלע צוזאַמען האָבן איין געוויילטע קהילה; אַדורכפירן אַזוי אָפּטע מאַניפעסטאַציעס אין אַלעמענס נאָמען. דאָס איז שוין גאָרנישט קיין קליינקייט.

מיר זעען דאָ כסדר, וויאַזוי מ׳האָט צעשפּליטערט יידיש לעבן; אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו קולטור, חינוך, דער עצם־עקזיסטענץ — נישט חלילה דערפאַר, וואָס מ׳איז אַזוי שטאַרק צעקריגט — נאָר צוליב דעם, וואָס מ׳איז אַזוי בשלומדיק פאַרקראָכן אין באַזונדערע ווינקלען. קומען מיר קיין אַרגענטינע, זעען וואָס מיר זען — און מאַכן זיך אַ חשבון: אוי, ווען דאָס איז מעגלעך איז צפון־אַמעריקע!... און טיילמאָל מוזן מיר ביטער שמייכלען: אין סינאַגאָגע אין אַ מיטל־שטאָט האָט טיילמאָל אַ גרעסערן בודזשעט (לויט דאָלאַרן) פון דער גאַנצער קהילה אין בוענאָס־איירעס. נו, איז וואָס? קען מען פאַרגלייכן, אין פּראָפּאָרץ,ביידנס דערגרייכונגען? זיכער ווייס איך: אַנדערע אומשטענדן און אַנדערע באַדערפענישן. אָבער ביים נאָכטון אַרגענטינע, וואָלטן מיר אין אַמעריקע געשטאַנען פאַר פאַנטאַסטישע מעגלעכקייטן.

ד.

פונקט ווי טייל אין אַרגענטינע זיינען אַלץ מבטל — אַזוי זיינען אַנדערע גרייטן צו גוזמאות. בעת מיינעביידע באַזוכן האָב איך אָפט געהערט די שאלה: „נו, צי איז אויך אין אמעריקע מעגלעך, אַז עטלעכע טויזנט יידן מיטאַמאָל זאָלן קומען הערן אַ יידישן שרייבער?״. דער ענטפער מוז אייגנטלעך זיין אָפן: ניין, דאָס איז נישט מעגלעך אין קיין אַמעריקאַנער שטאָט (אויך ווו עס זיינען פאַראַן אַזויפיל יידן ווי אין בוענאָס־איירעס); אַפילו נישט אין ניו־יאָרק מיט מיליאָנען יידן. טאַקע דערפאַר ווערן טייל יידישע שרייבער גערירט ביז טרערן, ביים דערזען די פולע טעאַטער־זאַלן צו זייערס אַ לעקציע.

אָבער דאָס איז גיכער אַ טייל פונעם „טעכנישן״ פּראָבלעם. ביים נאָכפאָלגן די כראָניק (אָדער די אומצייליקע איינלאַדונגס־בריוו, וואָס ווערן צעשיקט) קען מען זען: יעדער שבת און זונטיק, קומען פאָר אין אַזאַ שטאָט ווי ניו־יאָרק הונדערטער (און אפשר טאַקע טויזנטער) פאַרזאַמלונגען. צו יעדער פון זיי קומען כך־וכך יידן. אַלע צוזאַמען רופן זיכער צונויף הונדערטער־טויזנטער... און מ׳דאַרף אויך געדענקען די ריזיקע צאָל יידן, וואָס פאַרברענגען עטלעכע שעה אין די טויזנטער בתי־מדרשים. אינעם סך־הכל האָבן זיך, בכן, אַמעריקאַנער יידן גאָרנישט וואָס צו שעמען כלפּי אַרגענטינער. יאָ, אַפילו דער יידישער שרייבער קען געהערט ווערן אין אַמעריקע פון טויזנטער יידן — אָבער... אין הונדערט אָוונטן און אין הונדערט ערטער. דאָס האָט שוין אַ שייכות צו יענער צעשפּליטערונג, פון וועלכער ס׳איז פריִער גערעדט געווען די רייד. כ׳האָב אָן איינדרוק, אַז 70־80 פּראָצענט פון אַזעלכע יידן היטן אָפּ זייער לאָקאַל ווינקל; אָבער צו קיין צענטראַלער אסיפה האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט אַריינגעשמעקט.

כ׳דערמאָן זיך מיינס אַ „קאַפּריז״ פון די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע: אין איין ריזיק אסיפה־הויז — וואָס פאַרדינגט קלענערע זאַלן צו געזעלשאַפטן — האָב איך געזען ביי דער טיר אַ רשימה פון עטלעכע צענדליק פאַרזאַמלונגען, וואָס קומען דאָרט פאָר אין יענעם אָוונט. בין איך געגאַנגען פון איין זאַלעכל צום צווייטן און געפרעגט ביי יידן, ווער עס זיינען די מענטשן פון דער צווייטער אסיפה, בשכנות. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, נישט געהאַט דעם מינדעסטן אינטערעס צו וויסן. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אָן אַ שיעור פּיצלעך שטעטלעך מיט לגמרי־באַזונדערע עקזיסטענצן. אַלע צוזאַמען שטעלן זיכער צונויף אַ מעכטיקן כח; אומפאַרגלייכלעך־גרעסער פונעם אַרגענטינער. אָבער דאָס יידישע בוענאָס־איירעס צעמענטירט מער דאָס פאַראַנענע; קען גיכער באַדעקן די אַלע שפּליטערן מיט איין דאַך. נישטאָ, דוכט זיך, קיין איין יידישער צונויפקום, וואָס זאָל דאָרט נישט נאָטירט ווערן אין דער פּרעסע; און עס וואָלט פּשוט געווען אַבסורדאַל אַז איין גרופּע זאָל נישט וויסן ווער און וואָס עס איז די צווייטע.

ס׳איז אויך אמת: דער „פאָלקסטימלעכער עולם״ פונעם יידישן אַמעריקע ווערט ביסלעכוויז נעלם. די געבליבענע ווערן אַלץ מידער און עלטער (מסתמא עלטער מיט אַ האַלבן דור פאַר אַרגענטינער פאָלקסטימלעכע יידן). דערצו זיינען זיי צעזייט און צעשפּרייט אויף

אַ ריזיקן שטח אין יעדער כרך באַזונדער. זיי קענען מער נישט פאָרן צו יעדער אסיפה „אין יענעם עק וועלט״ — און טיילמאָל פעלט כח און געדולד אַפילו צו אַ פאַרזאַמלונג, נישט ווייט פונעם אייגענעם הויז. טייל פון זיי קויפן נאָך אַמאָל אַ ייִדיש בוך, אָבער לויפן אויף אַ בוך־אויסשטעלונג איז שוין נישט פאַר זייערטוועגן.

און דאָס וויכטיקסטע: קיין שום קהלישע אָרגאַניזאַציע (הגם טייל פון זיי האָבן מער מיטגלידער ווי די קהילה פון בוענאָס־איירעס) וועט זיך מער נישט אָפּגעבן מיט אַזעלכע „בטלנותן״ ווי איינאָרדענען אַ גרויסע בוך־אויסשטעלונג במשך פון אַ גאַנצן חודש. זי וועט אַמאָל אַרויסגעבן אַ בוך, אויב זי האָט דערביי אַ געוויסן אינטערעס. זי וועט אויך איינלאַדן פון צייט צו צייט אַ לעקטאָר, וואָס זאָל געבן אַן אָפּשאַצונג איבער אַ בוך (בעיקר אַן ענגלישס) אָדער האַלטן אַ ליטעראַרישן רעפעראַט — נאָר מאַכן דערפון „אַ צימעס״? מרעיש־עולמות זיין? דאָס וואָלט שוין באמת געווען פּראָווינציאַנעל.

מהאי טעמא, וואַרפט זיך אַזוי שטאַרק אין די אויגן פון יעדן גאַסט די אַרגענטיניש־ייִדישע אַנדערשקייט. וויפל ער זאָל זיך נישט פאַרפאַנצערן מיט סקעפּטיציזם — גיט עס אויף אים אַ הויך מיט וואַרעמקייט, מיט נאָסטאַלגיע. אין זיין אַמעריקע וועט ער אַזעלכע בילדער נישט זען; וועט ער קיין צונויפדרענג אַרום ייִדישע ביכער (אַפילו אין העברעיש אָדער ענגליש) נישט באַמערקן — און דאָס וועט אוודאי נישט געשען אונטער דער דירעקטער באַזירקונג אָדער איניציאַטיוו פון קהילה־פירער, וואָס דאַרפן אייגנטלעך זיין פּראַקטישע פּאָליטיקער — און נישט מער. איז פאַרשטענדלעך, הלמאי אַ גרוס פון אַזאַ ישוב רופט אַרויס מער אינטערעס — אויב אַפילו די ערשטע אויפמערקזאַמקייט איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך טרויעריקע געשעענישן.

ה.

אויסגערעכנט עטלעכע שבחים (און באמת נישט אַלע), איז שוין צייט צו פרעגן: און וואָס איז מיט דער צווייטער זייט מטבע? אַמעריקאַנער ייִדן פון עלטערן דור האָבן אַפילו וואָס צוצוגעבן, נאָכן אויסהערן אַזאַ פריילעכן גרוס: איר מיינט, אַז ביי אונדז איז געווען אַנדערש מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק? אָבער אָט־דאָס אַלץ האָט נאָר געוואָרעמט אונדזער דור. ווי נאָר מיר זיינען מיד געוואָרן — זעט איר דאָך... טאָ ווער קען אונדז גאַראַנטירן, אַז אויך אין אַרגענטינע וועט נישט געשען דאָס זעלביקע — מיט צען יאָר שפּעטער?

ביים הערן אַזאַ שאלה מוז מען אַפילו צוגעבן: ניין, קיינער קען טאַקע נישט גאַראַנטירן. נאָכמער: טאָמער חלילה זאָל אַרגענטינע נאָכגיין אַמעריקע — וועט דאָרט זיין... נאָך ערגער. פּשוט דערפאַר, ווייל אין אַרגענטינע איז נישטאָ יענער כח וואָס האָט דאָ אונטערגעכאַפּט די „געשטרויכלטע און פאַרלוירענע״. וואָס מיינט עס? לאָמיר ריידן אָפן:

ביי אַלע מעלות פונעם אַרגענטינישן ישוב, שפּירט מען שוין איצט אַ געוויסע סטאַגנאַציע. דער ישוב האָט געגעבן אַזאַ שפּרייז פאָרויס איבעם לעצטן יאָרצענדליק — און דערפאַר מוז זיך אים דאַכטן, אַז ער האָט שוין דערגרייכט דעם הויך־פונקט. בסך־הכל האָט ער אָבער נאָר דערגרייכט אַ הויך, ביי וועלכער ער טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. די מוסרניקעס האָבן אַ ווערטל: „אויב דו גייסט נישט כסדר העכער, ווערסטו מחוץ אַראָפּנידערן נידעריקער און נידעריקער״ (אים אין אתה עולה מעלה־מעלה, בעל־כרחך אתה יורד מטה־מטה). דאָס איז זיכער אמת, ווען מ׳האָט נאָר דערגרייכט אַ געוויסע הייך — דאָרט ווו ס׳איז געפערלעך צו בלייבן שטיין. דאָס אָנהאַלטן רוטין — אַפילו ביי אַזעלכע ענינים וואָס האָבן אַמאָל אויסגעזען ווי אומגעוויינטלעכע חידושים — מוז מיד־מאַכן; אַפילו ציניש.

אויך דאָס גרויסע, ייִדישע אַמעריקע האָט מיטגעמאַכט עליות און ירידות. אָבער וויבאַלד איין שיכט איז געבליבן ביים ירידה־צושטאַנד, האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער שיכט, וואָס האָט אָוועקגעפירט אין אַן אַנדער ריכטונג; צו אַנדערע סאָרטן הייכן... ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל

נישט קלינגען — איז די צעשפּליטערטקייט געווען, אויף אַ געוויסן אופן, אַ בפירושע ברכה. דאָס מיינט: ווען איין טייל האָט זיך אַראָפּגעקוילערט — האָט ער נישט באַוויזן מיטצושלעפּן אַלע אַנדערע. אָבער דער ישוב אין אַרגענטינע איז מער־האָמאָגען און דערפאַר דראָען אים מער סכנות.

אויב אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט אַ געוויסער טיפּ אָרגאַניזאַציע מער נישט געקענט אָנהאַלטן איר השפּעה — בפרט אויפן יונגערן דור — האָט דאָס נאָכנישט געמיינט קיין פולער באַנקראָט פונעם גאַנצן ייִדישן קהל. ס׳איז שטענדיק געווען אַ געזונטער קערן אין אַ צווייטער אָרגאַניזאַציע — און פון אים האָבן אויפגעשפּראָצט נייע קיום־מעגלעכקייטן. אויב איין סאָרט אינהאַלט האָט זיך אויסגעשעפּט, איז אָבער געבליבן אין אַ צווייטער זייט מער זאַפּט. ווען די ייִדיש־וועלטלעכע שולן למשל האָבן מער נישט געהאַט קיין דור — איז אָבער פאַרבליבן די ישיבה (און די פּאַסיקע מענטשן פאַר איר), וואָס האָט אַפּעלירט צו ייִנגע נשמות. וואָס זאָל אָבער טאָן אַ ישוב מיט איין לעבנס־שטייגער; וואָס האָט נאָר געבויט איין טיפּ שולן, געהאַט איין אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם, געפירט אַלץ אין איין ריכטונג — בעת עס קומט זיין שעה פון נסיון?

דאָס איז די ערשטע און ביטערע פראַגע, וואָס דער אַרגענטינער ישוב וועט זיך מוזן פרעגן — פריִער אָדער שפּעטער. ס׳וואָלט אָבער בעסער געווען — ווען מ׳טוט עס פריִער, כל־זמן אַ צאָל אחריותדיקע מענטשן קענען זי פאַרענטפערן.

דריי הויפּט־אייגנשאַפטן פאַרמאָגט דער אַרגענטינישער ישוב — בעיקר אין בוענאָס־איירעס: פאָלקסטימלעך נאַציאָנאַל און וועלטלעך. יעדער איינע פון זיי האָט דעם ישוב אַ הייב געטון, אים געגעבן ליניע און באַוועגונג; שאַפונגס־דראַנג און אייגענעם באַוווסטזיין. עס איז אָבער געקומען אַ צייט, ווען אַפילו אַלע דריי צוזאַמען קענען פאַר זיך אַליין קיין ייִדישן המשך נישט אויסטראָגן. ס׳פאָדערט זיך עפּעס מער, בכדי צו קענען האָבן קאָנטאַקט מיטן ייִדישן אַמעריקע — און אפשר אויך מיט מדינת־ישראל. כ׳וואָלט אַפילו געקענט אָנווייזן, אַז אַלע דריי — אויב ס׳פעלט דער צוגאָב — עפּעס — זייַנען גאָר מסוגל צו שטערן. פאָדערט זיך אַ סך מוט, דרייסטער בליק און געוואַגטקייט צום אויפריכטיקן חשבון.

מיר דוכט זיך, אַז אין ייִדישן אַרגענטינע מוז מען איצט נעמען רעווידירן אַפילו די אייגענע מעלות; זען ווי ווייט זיי אַליין קענען נאָך דערטראָגן. אויף וויפל ס׳איז פאַראַן אַ גרייטקייט צום דאָזיקן חשבון — וועלן אויך נישט פעלן קיין העלפער; קיין ביישטייערער צום דאָזיקן אַנאַליז. דערפאַר וועלן אויך די איצטיקע רמזים בקרוב באַקומען אַ קלאָרן לשון און מער אָפנקייט. ווער עס האָט באַזוכט אַרגענטינע — מוז ליב באַקומען דעם גאַנצן ישוב. און דערפאַר ווילט זיך אים פאַרהיטן אַפילו אין מרחקים.

תיקון טעות

